STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01163

GESHIKHTE FUN DER FRAYLAND-LIGE

Michael C. Astour

Permanent preservation of this book was made possible by Hope & Alex Neuburger in honor of Anne Rauch

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכאל אַסטור

געשיכטע פון דער פרײַלאַנד־ליגע

מיכאל אַסטור

געשיכטע פון דער פרײלאַנד-ליגע

און פונעם טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק

מיט אַ הקדמה פון

ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים

און אַ צוגאָב־קאַפּיטל פון

לייבל כהן

באַנד II

אַרויסגעגעבן דורך דער פרײלאַנד־ליגע

בוענאָס־איירעס 1967 ניו־יאָרק

THE RABBI SIMON HEVESI
JEWISH HERITAGE LIBRARY

אינהאַלט פון באַנד II

קאַפּיטל נײַן

דער סורינאַם־פּראָיעקט און די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג צווישן דער שארית־הפליטה (1945—1948) 561

א. פֿון קימבערלי ביז סורינאַם 562

די פלוגתא וועגן פּאָליטישער אָנפירונג — 562. דער וויכוח אַרום דעם מעמאָראַנדום צו דער סאַן־פראַנציסקאָ־קאָנפערענץ — 563. מעמאָראַנדום צו דער קאָנפערענץ אין סאַן־פראַנציסקאָ — 567. די ציוניסטישע אַטאַקע קעגן דעם מעמאָראַנדום — 571. די אָרגאַניזיר־אַקציע אין 1945 — 573. די פראַגע פון קליין־קאָלאָניזאַציע — 576. ווענדונג צו ענגלאַנד און גבית־עדות פאַר דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע — 580. די פראַגע פון די דרײַ גוויאַנעס — 584. אָנהייב פון פאַרהאַנדלונגען וועגן סורינאַם — 587. ד״ר שטיינבערגס אַקציע אין ענגלאַנד — 591. ענין פראַנצייזישע גוויאַנע — 594. דער סך־הכל פון די ערשטע אונטערהאַנדלונגען — 597. ערשטע לאַנד־קאָנפערענץ פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין אַמעריקע — 599. אונטערהאַנדלונגען מיט דער בריטישער רעגירונג — 605. האָלאַנד און סורינאַם באַטראַכטן דעם פרײַלאַנד־פּלאַן — 607. סורינאַם אין 1947: נאַטירלעכע און פּאָליטישע תנאָים — 610. סורינאַם פון סאַניטאַר־מעדיצינישן שטאַנדפּונקט — 614. אונטערהאַנדלונגען מיט דער סורינאַמער רעגירונג־קאָמיסיע — 615. די פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע באַטראַכט די סורינאַמער באַדינגונגען — 619. ד״ר שטיינבערגס פּראָפּאַגאַנדע־מיסיע אין סורינאַם — 622. סורינאַם און האָלאַנד נעמען אָן דעם פרײַלאַנד־פּראָיעקט — 626.

ב. די נײַע פֿרײַלאַנד־באַוועגונג אין מיזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע 630

אויפקום פון טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג אין רומעניע — 630. צען טויזנט חתימות פאַר אַ יידישער טעריטאָריע — 633. עטאַבלירונג פון דער רומענישער פרײַלאַנד־ליגע — 636. ערשטער פרײַלאַנד־צוזאַמענפאָר אין רומעניע — 639. יידישע קאָנצענטראַציע אין אונטער־שלעזיע — 641. די פּאָלקספּאַרטיי נעמט אָן דעם טעריטאָריאַליזם — 644. די נײַע פרײַלאַנד־ליגע אין פּוילן — 646. פרײַלאַנד־גרופּעס אין די די־פּי־לאַגערן פון דײַטשלאַנד — 648. די פּליטים־פרײַלאַנד־ליגע אין עסטרײַך — 651. אַנדערע שארית־הפליטה־גרופּעס — 655.

ג. הויכפּונקט און ירידה פֿונעם סורינאַם־פּראָיעקט 655

די ציוניסטישע קאָנטעראַקציע און די האָלענדישע פּרעסע — 655. קאַמפּאַניע פאַרן עקספּעדיציע־פאָנד — 660. פאָרמירונג און אַרויספאָר פון דער עקספּערטן־קאָמיסיע — 665. פאַרשאַרבעט און באַריכט פון דער עקספּערטן־קאָמיסיע — 666. בודזשעט און פינאַנצירונג פונעם פּראָיעקט — 670. די פּאַלעסטינער און יידישע פּראַגעס אין די פאַראייניקטע נאַציעס — 675. נײַע קאָנצענטרירטע אַטאַקע אויפן סורינאַם־פּראָיעקט — 679. האָלאַנד טרעט אַרויס קעגן דעם סורינאַם־פּראָיעקט — 685. סורינאַמער סטאַטן „לייגן אָפּ״ דעם פרײַלאַנד־פּלאַן — 690.

ד. אונטערגאַנג פֿון דער באַוועגונג אין אייראָפּע און קאַמף פֿאַרן סורינאַם־פּראָיעקט 694

ליקווידאַציע פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין פוילן — 694. דאָס לעצטע יאָר פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין רומעניע — 696. די פּליטים־פרײַלאַנד־באַוועגונג אין קלעם — 700. צווייטע קאָנפערענץ פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין אַמעריקע — 703. קאַמף צו ראַטעווען דעם פּראָיעקט: סורינאַם — 710. קאַמף צו ראַטעווען דעם פּראָיעקט: האָלאַנד — 714. הוספה — 718.

קאַפּיטל צען

פרײַלאַנד־ליגע נאָך 1948 719

דער סורינאַם־פּראָיעקט אין 1949 — 719. דער לעצטער אַקט פונעם סורינאַם־פּראָיעקט — 725. בריטישע און פראַנצייזישע גוויאַנע: עפּילאָג — 729. פּליטים־פרײַלאַנדיסטן עמיגרירן פון אייראָפּע — 731. פרײַלאַנד־ליגע אין דער נײַער סיטואַציע, 1950—1956 — 734. אויפן שוועל, 1950—1956 — 734. די גרופּע „פרײַנד פון פרײַלאַנד" אין מעקסיקע — 744. ד"ר י. נ. שטיינבערגס באַזוך אין אַרגענטינע און די אַרגענטינער גרופּע „פרײַנד פון פרײַלאַנד" — 747. דער פּאַריזער זשורנאַל פרײַלאַנד — 751. אויספאָרשונגען אין דרום־אַמעריקע — 753. אויספאָרשונגען אין מעקסיקע — 758. דער טויט פון אַדאַ סיגעל און ד"ר י. נ. שטיינבערג — 760. רעאָרגאַניזאַציע פון דער פרײַלאַנד־ליגע און איר אַרבעט נאָך 1957 — 762. דאָס שטיינבערג־בוך — 765. אויפן שוועל נאָך 1957 — 766. פרילענד נאָך 1957 — 772.

צוגאָב־קאַפּיטל

קליין־קאָלאָניזאַציע און די „געזעלשאַפֿט צו שאַפֿן יידישע יישובֿים אין אַמעריקע", פֿון לייבל כהן 776

ערשטע טריט — 776. ווײַנלאַנד־פּראָיעקט — 778. אינקאָרפּאָרירונג — 779. לייקווּד־פּראָיעקט — 779. רוזוועלט־פּראָיעקט — 781. בולעטין יידיש לעבן 782. אונטערהאַנדלונגען וועגן באָדן — 783. רוזוועלט־עסטייטס — 786. אויספיר — 787.

ה ע ר ו ת

צום קאַפּיטל איינס 789
צום קאַפּיטל צוויי 792
צום קאַפּיטל דרײַ 799
צום קאַפּיטל פיר 812
צום קאַפּיטל פינף 824
צום קאַפּיטל זעקס 841
צום קאַפּיטל זיבן 851
צום קאַפּיטל אַכט 858
צום קאַפּיטל נײַן 870
צום קאַפּיטל צען 893
צום צוגאָב־קאַפּיטל 900

ז ו כ צ ע ט ל ע ן

פֿון פּערזענלעכע נעמען 903
פֿון געאָגראַפֿישע נעמען 928
בילדער און רעפּראָדוקציעס .... בײַם סוף פֿון בוך

באַנד צוויי

קאַפּיטל נײַן

דער סורינאַם־פּראָיעקט און די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג צווישן דער שארית־הפליטה

(1948 — 1945)

נאָכן אָפּזאָג פֿון דער אויסטראַלישער רעגירונג צו אַפּראָבירן דעם קימבערלי־פּראָיעקט האָט זיך פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־ליגע אָנגעהויבן אַ נײַער פּעריאָד פֿון זוכענישן און אויסדויער. דאָס מאָל, נאָך דער איבערגעלעבטער אַנטוישונג, איז נאָך שווערער געווען אָנצוהייבן אַלץ אויף ס'נײַ. דערבײַ האָט די ציוניסטישע אַנטיקאַמפּאַניע אָנגענומען אַן אומדערהערטן פֿאַרנעם. דער פּראָצעס פֿון רעאָריענטאַציע איז געווען ניט קיין לײַכטער. מען האָט געדאַרפֿט אײַנהאַלטן און שטאַרקן די אָרגאַניזאַציע, אָנגיין מיט אַרויסגעבן די זשורנאַלן, געפֿינען און אויספֿאָרשן נײַע פּאָליטישע פּערספּעקטיוון. קיים שום שטעגעלע, וואָס האָט געקאָנט פֿירן צום ציל, איז ניט געבליבן ניט אויסגעפֿאָרשט. סוף־כּל־סוף איז פֿון אַלע „פּראָיעקטן" געבליבן איין רעאַלער פּראָיעקט — סורינאַם.

דאָס איז געווען אַ באַגרענעצטער פּראָיעקט, אָן שום פֿאַרגלײַך מיט די טעריטאָריאַליסטישע אַספּיראַציעס פֿון פֿאַר דער מלחמה, און די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג האָט זיך וועגן דעם אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון. אָבער היטלערס „ענדגילטיקע לייזונג פֿון דער יִדדן־פֿראַגע" האָט אומגעבראַכט דעם גרעסטן טייל פֿון די, וואָס האָבן זיך געניייטיקט אין אַ גרויסער טעריטאָריע. אויף די חורבֿות פֿונעם יידישן לעבן אין פּוילן און רומעניע און אין די די־פּי־לאַגערן פֿון דײַטשלאַנד און עסטרײַך האָבן פֿון דעסט וועגן געלעבט אין די שווערסטע באַדינגונגען הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס זײַנען על־פּי־נס ניצול געוואָרן אויף די ערטער אָדער זיך אומגעקערט פֿון עוואַקואַציע. צווישן דער דאָזיקער שארית־הפליטה איז ספּאָנטאַניש אויפֿגעקומען אַ נײַע טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג. זי האָט אויפֿגעכאַפּט סורינאַם ווי איר איינציקע האָפֿענונג, ווי דעם אידעאַל פֿון אַ באַנײַטן און באַפֿרײַטן יידישן ציבור־לעבן. טויזנטער יידישע מענער און פֿרויען האָבן זיך געריסן צו דער האַרבער מעשׂה־בראשית־אַרבעט

אינעם ווײַטן טראָפּישן לאַנד. פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־ליגע אויף ביידע זײַטן אַטלאַנטיק האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַער פּעריאָד פֿון אויפֿשטײַג, פֿון ציל־אָנגעווענדטער רעאַלער אַרבעט, פֿון פּאָזיטיווע פּאָליטישע דערגרייכונגען. אָבער די זאַך פֿון פֿרײַלאַנד האָט געהאַט אַלטע, שטאַרקע און פֿאַרביסענע שׂונאים. צום סוף קאַפּיטל וועלן מיר זען, ווי אַזוי די קאָמבינירטע ווירקונג פֿון די ציוניסטישע אינטריגעס, פֿון די געשעענישן אין פּאַלעסטינע און פֿון דער אינעווייניקסטער אַנטוויקלונג אין סורינאַם גופֿא האָט גורם געווען, אַז דער אָפּמאַך וועגן אַ ייִדישן ייִשובֿ אין סורינאַם איז געבראָכן געוואָרן פֿאַרן סאַמע אָנהייב פֿון זײַן רעאַליזאַציע.

א. פֿון קימבערלי ביז סורינאַם

די פּלוגתא וועגן פּאָליטישער אָנפֿירונג

אין דער קריטישער צײַט פֿון סוף 1944 — אָנהייב 1945 איז די פֿרײַלאַנד־ליגע ניט אויסגעקומען אָן אַן אינעווייניקסטער פּלוגתא. זי האָט ניט געבראַכט דער ליגע קיין ממשותדיקן שאָדן, אָבער האָט צוגענומען אַ סך צײַט און ענערגיע. [1]

צו דער עקזעקוטיווע פֿון דער רעאָרגאַניזירטער פֿרײַלאַנד־ליגע האָבן געהערט עטלעכע אַקטיווע טוערס פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער פֿרײַלאַנד־ליגע אין פּאַריז: אַ. קיהן (בשעתו דער איניציאַטאָר פֿון דער ערשטער פֿרײַלאַנד־גרופּע אין ניו־יאָרק), ד״ר ד. לוואָוויטש, מאיר און רבֿקה פֿײַנלייב. זיי האָבן אָבער גענומען אַ קנאַפּן אָנטייל אין דער אַרבעט פֿון דער באַוועגונג. זייער הויפּט־טענה איז געווען, אַז די ליגע האָט זיך צו פֿיל אידענטיפֿיצירט מיטן קימבערלי־פּראָיעקט און פֿאַרמאָגט ניט קיין קאָלעקטיווע פּאָליטישע אָנפֿירונג:[2] אַלע פּאָליטישע פֿאַרבינדונגען מיט אויסטראַליע זײַנען קאָנצענטרירט אין י. נ. שטיינבערגס הענט. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון שטיינבערגס שליחות קיין אויסטראַליע, ווו ער האָט געמוזט פֿירן אויף דער אייגענער האַנט די גאַנצע אַקציע אַרום קימבערלי. אינעם זעלבן נוסח האָט ער ממשיך געווען די אַרבעט אויך נאָכן אַריבערפֿאָרן קיין ניו־יאָרק. [3]

אָנהייבנדיק פֿון פֿרילינג 1944 האָט די עקזעקוטיווע עטלעכע מאָל גע־פּרוּווט צוריקקריגן די „אומצופֿרידענע״. סוף אויגוסט 1944 האָבן אַ. קיהן און מ. פֿײַנלייב מסכּים געווען אָפּצולייגן אויף אַ זײַט אַלע טעאָרעטישע חילוקי־דעות אין דער האָפֿענונג, אַז זיי וועלן זיך אויסלופֿטערן אין פּראָצעס פֿון אַרבעט, אָבער בתּנאַי, אַז מען וועט שאַפֿן אַ פּאָליטישע קאָמיסיע. מען איז זיי געגאַנגען אַנטקעגן. דעם 12טן אויגוסט האָט די עקזעקוטיווע אויסגעקליבן עטלעכע ספּעציאַליזירטע קאָמיסיעס, בתוכם די פּאָליטישע אין באַשטאַנד פֿון: אַ. קיהן, מ. פֿײַנלייב, ד. לוואָוויטש, י. נ. שטיינבערג, י. לעווין, מ. מענדעלס־בערג, נ. טוראַק און אַ. גלאַנץ.

צו ערשט האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז געקומען צו אַ פֿולער מיטאַרבעט און אַ חבֿרישן מיינונגען־אויסבײַט. די „פּאַריזער" האָבן געהאַלטן, אַז דער אויסטראַלישער קאַפּיטל מוז ווערן אָפּגעשלאָסן און אַז די באַוועגונג דאַרף זיך איצט פּאָליטיש אָריענטירן אויף דער אָקערשט באַפֿרײַטער פֿראַנקרײַך. זיי האָבן געהאָפֿט, אַז עס וועט זיך לאָזן אויף ס'נײַ אָנבינדן די אונטערהאַנדלונגען אַרום דער מוטע־דעקלאַראַציע. אָן ספֿק האָבן זיי אין זינען געהאַט נײַ־קאַלעדאָניע.

מיטן אָנהייב 1945 האָבן די „פּאַריזער" פֿאַרגעלייגט צוריק אויפֿשטעלן די וועלט־עקזעקוטיווע, ווי מען האָט זי אויסגעקליבן אויף דער פּאַריזער קאָנ־פֿערענץ אין נאָוועמבער 1937. לויט זייער חשבון איז זי דעמאָלט באַשטאַנען פֿון 10 מיטגלידער, וואָס 7 פֿון זיי האָבן זיך אין 1945 געפֿונען אין אַמעריקע: ד"ר ד. לוואָוויטש, ד"ר י. ברוצקוס,[4] א. קיהן, מאיר פֿײַנלייב, רבֿקה פֿײַנלייב, י. גאָרסקי און ד"ר י. נ. שטיינבערג.[5] זיי האָבן געטענהט, אַז די עקסיסטירנ־דיקע פֿרײַלאַנד־ליגע איז אַ לאָקאַלע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע, און אויב מען וויל פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער פֿראַנצייזישער רעגירונג, מוז דאָס טאָן דער צענטראַל־אָרגאַן פֿון אַ וועלט־פֿאַרבאַנד. חוץ דעם דאַרף די וועלט־עקזעקוטיווע נעמען אויף זיך דאָס אָרגאַניזירן אַ נײַע באַוועגונג אין אייראָפּע.

די מערהייט פֿון דער עקזעקוטיווע האָט געהאַלטן, אַז דאָס וואָלט בלויז דובלירט די אַרבעט פֿון דער פּאָליטישער קאָמיסיע און אַז צו ערשט דאַרף מען שאַפֿן פֿרײַלאַנד־ליגעס אין אַנדערע לענדער, דערנאָך ערשט רופֿן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ און אויפֿשטעלן אַ וועלטפֿאַרבאַנד מיט אַ צענטראַלן אָנפֿיר־אָרגאַן. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז מען אָנהייב אַפּריל געקומען צו אַ פּשרה. מען האָט געשאַפֿן אַ קאָמיסיע פֿאַר אייראָפּעיִשע ענינים ווי אַ צוגאָב צו דער פּאָליטישער קאָמיסיע.[6]

די ערשטע פֿראַגע אויפֿן סדר־היום פֿון דער פּאָליטישער קאָמיסיע איז געווען דער ענין מעמאָראַנדום צו דער גרינדונג־קאָנפֿערענץ פֿון דער אָרגאַ־ניזאַציע פֿון פֿאַראייניקטע נאַציעס.

דער וויכּוח אַרום דעם מעמאָראַנדום צו דער סאַן־פֿראַנציסקאָ־קאָנפֿערענץ

דעם 25סטן אַפּריל 1945 האָט זיך אין סאַן־פֿראַנציסקאָ געדאַרפֿט עפֿענען אַ קאָנפֿערענץ פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס, ד"ה פֿון די מלוכות, וואָס זײַנען געווען אַליִירט אין דער מלחמה קעגן דײַטשלאַנד און יאַפּאַן, בכדי צו פֿאַר־לייגן אַ נײַע אַלוועלטלעכע מלוכות־אָרגאַניזאַציע. כאָטש דער סדר־היום פֿון דער קאָנפֿערענץ האָט זיך באַגרענעצט מיט אויסאַרבעטן און אונטערשרײַבן דעם סטאַטוט פֿון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך קיין סאַן־פֿראַנציסקאָ געקליבן פֿאָרשטייערס פֿון אַ ריי ייִדישע קערפּערשאַפֿטן (ציוניסטן, אַמערי־

קאַנער ייִדישער קאָמיטעט, אַמעריקאַנער ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט א״אַ, כּדי צו באַקענען די מלוכה־דעלעגאַציעס מיט זייערע ווונטשן און פּאָרלאַנגען אויפֿן שוועל פֿון דער נײַער שלום־ערע. דעם 13טן פֿעברואַר 1945 האָט יעקבֿ לעווין, אונטערגעהאַלטן פֿון ש. גוטמאַנען און ד״ר פּרוקטבוימען, פֿאָרגעלייגט אָנצוהייבן דעם נײַעם עטאַפּ אין דער פּאָליטישער אַרבעט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע מיט אַ מעמאָראַנדום צו די פֿאַראייניקטע נאַציעס וועגן אַ טעריטאָריע פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. ד״ר שטיינבערג האָט זיך צו ערשט באַצויגן צו דעם פּלאַן סקעפּטיש און האָט פֿאָרויסגעזען קאָמפּליקאַציעס צוליב דער ציוניסטישער באַוועגונג און דער פּאַלעסטינע־פֿראַגע. פֿון די אָנהענגערס פֿון מעמאָראַנדום האָט אויף דער עקזעקוטיוו־זיצונג פֿונעם 20סטן פֿעברואַר צום קאַטעגאָרישסטן גערעדט שואל גוטמאַן:

> ש. גוטמאַן וויל „אַ גרעסערן טעריטאָריאַליזם — פֿאָדערן אַ ייִדישן אויטאָנאָמען יישובֿ. פֿריִער האָט גוטמאַן געהאַלטן, אַז מען טאָר ניט אָנרירן דעם ציוניזם — אָבער עס מוז זײַן אַ גרענעץ... איצט מעג מען און מען דאַרף ריידן, פֿאַר וואָס „פֿרײַלאַנד" וויל אַן אַנדער לאַנד חוץ פּאַלעסטינע... מען מוז מאַכן באַקאַנט פֿרײַלאַנד צווישן אַלע דיפּלאָמאַטן און פּאָליטישע טוער. מען מוז זיך אויפֿהערן שרעקן וואָס די ציוניסטן וועלן זאָגן.

די שטימונג לטובֿת אָנגעבן דעם מעמאָראַנדום האָט זיך געשטאַרקט. אויך ד״ר שטיינבערג האָט זיך אַרויסגעזאָגט לטובֿת דעם. דעם 20סטן מאַרץ האָט די מיטגלידער־פֿאַרזאַמלונג פֿון דער ניו־יאָרקער פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציע באַטראַכט דעם ענין און אָנגענומען אַ באַשלוס פֿאַר אָנגעבן דעם מעמאָראַנדום. דעם 17טן אַפּריל איז דער ענין אַריבער צו דער פּאָליטישער קאָמיסיע. מ. פֿײַנלייב איז געווען קעגן צושטעלן דעם מעמאָראַנדום, ד״ר לוואָוויטש — פֿאַר אַ מעמאָראַנדום שבעל־פּה נאָר צו דער פֿראַנצייזישער און עטלעכע אַנדערע דעלעגאַציעס, ר. פֿײַנלייב — פֿאַר אויסאַרבעטן אַ מעמאָראַנדום, אָבער אָפּוואַרטן ביז מען וועט זען דעם כאַראַקטער פֿון דער קאָנפֿערענץ. כאַבאַצקי, לעווין, מענדעלסבערג און שטיינבערג האָבן אונטערגעהאַלטן דעם פֿאָרשלאָג וועגן פֿאָרן קיין סאַן־פֿראַנציסקאָ מיט אַ געשריבענעם מעמאָראַנדום.

עס איז געבליבן (קעגן דער שטימע פֿון ד״ר לוואָוויטש) אויסצואַרבעטן דעם מעמאָראַנדום (רעדאַקציע־קאָמיסיע ד״ר שטיינבערג, ש. גוטמאַן און י. לעווין) און אויף דער קומענדיקער זיצונג צו באַשטימען, ווועמען זאָל מען אים שיקן.

אויף דער זיצונג פֿון דער פּאָליטישער קאָמיסיע דעם 26סטן אַפּריל האָט מען פּרטימדיק דיסקוטירט די פֿראַגע וועגן די אַדרעסאַטן פֿונעם מעמאָראַנדום. ד״ר לוואָוויטש האָט פֿאָרגעלייגט, מען זאָל דעם מעמאָראַנדום דערלאַנגען בלויז די פֿאָרטרעטערס פֿון די מלוכות, וואָס קאָנען קומען אין באַטראַכט פֿאַר די פֿרײַלאַנד־צילן, ווי פֿראַנקרײַך, קאַנאַדע, דרום־אַמעריקאַנער לענדער.

מען האָט נאָך אַ מאָל באַטראַכט די מעלות און חסרונות פֿון אָפֿן אַרויסגיין מיטן מעמאָראַנדום. אַלע זײַנען געווען מסכּים, אַז דאָס וועט אַרויסרופֿן אַ נײַע אַטאַקע מצד די ציוניסטן, די פֿראַגע איז נאָר געווען: וועט זיך די אַטאַקע לאָזן אויסמײַדן, אויב מען זאָל פֿאַרטיילן דעם מעמאָראַנדום בלויז צו אַ קלענער צאָל דעלעגאַציעס? סוף־כּל־סוף איז מען געקומען צום אויספֿיר, אַז „אַזוי שנעל ווי איר גיט דעם מעמאָראַנדום צו איינעם, וועלן אַלע וויסן" און אַז אָפּזאָגן זיך פֿונעם מעמאָראַנדום איז גלײַכוועדטיק מיט מוותּר זײַן אויף פּאָליטישער אַרבעט בכלל. לוואָוויטש האָט געמאָלדן, אַז ער וועט ניט שטימען. מיט זעקס שטימען קעגן איינער איז געבליבן, אַז דעם מעמאָראַנדום שיקט מען צו אַלע מלוכה־דעלעגאַציעס (חוץ די אַראַבישע) און אַז עס שרײַבן אים אונטער ד״ר שטיינבערג, ד״ר לוואָוויטש און ד״ר פּרוכטבוים.

ביזן 10טן מײַ האָט מען דעם טעקסט פֿונעם מעמאָראַנדום פֿונאַנדער־געשיקט צו 36 מלוכה־דעלעגאַציעס אין סאַן־פֿראַנציסקאָ (פֿון דער אַלגעמיינער צאָל 50), צו די דעלעגאַציעס פֿון אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, צו פּרעסע־אַגענצן, וויכטיקערע צײַטונגען, יוניאָן־צענטראַלעס און ליבעראַלע וואָכנ־בלעטער. בסך־הכּל האָט מען אים אַרויסגעלאָזט אין 1,100 עקזעמפּלאַרן. מען האָט אים אויך אָפּגעדרוקט אויפֿן ערשטן אָרט אין אויפֿן שוועל. ד״ר שטיינ־בערגן האָט מען שוין פֿריִער געהאַט פֿאַרבעטן קיין לאָס־אַנדזשעלעס, ווו די אָרטיקע חבֿרים האָבן צוגעגרייט אַ קאַמפּאַניע צו פֿאַרשטאַרקן און פֿאַרברייטערן די פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציע. האָט מען באַשלאָסן, אַז ער וועט פֿאַר דעם קומען אויף עטלעכע טעג קיין סאַן־פֿראַנציסקאָ. נאָך אַ געזעגן־אָוונט דעם 12טן מײַ איז ד״ר שטיינבערג אָפּגעפֿאָרן קיין קאַליפֿאָרניע.

די אָנגענומענע באַשלוסן וועגן דעם מעמאָראַנדום האָבן תּחילת ניט גע־ביטן די באַציִונגען מיט די „אומצופֿרידענע חבֿרים". אָנהייב מײַ איז אין דער דירה פֿון די פֿײַנליבס פֿאָרגעקומען די ערשטע (און איינציקע) זיצונג פֿון דער אייראָפּעיִשער קאָמיסיע. אָבער נאָך דעם ווי דער מעמאָראַנדום צו דער סאַן־פֿראַנציסקאָ־קאָנפֿערענץ האָט אַרויסגערופֿן אַ טומל אין דער קעגנערישער פּרעסע, האָבן זיך די זעקס מיטגלידער פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע געווענדעט צו דער „אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע, פֿרײַלאַנד־ליגע" מיט אַ שאַרפֿן פּראָטעסטבריוו (פֿון 27סטן מײַ 1945), וואָס האָט מבֿטל געמאַכט די קיום דערגרייכטע פּשרה.[8]

אינעם בריוו האָט זיך געזאָגט, אַז „די מיטגלידער פֿון אייראָפּעיִשן צענטראַל־קאָמיטעט 'פֿרײַלאַנד'" זײַנען „קאַטעגאָריש געווען קעגן" דעם מעמאָראַנדום. דער באַשלוס וועגן אים איז דורך אַ דאַנק אַ „צופֿעליקער מער־הייט". „די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר די רעזולטאַטן פֿון אַזאַ אַרויסטרע־טונג וועט פֿאַלן בלויז אויף דער אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע 'פֿרײַלאַנד', אָבער בשום אופֿן ניט אויף דער גאַנצער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג". די מחברים פֿונעם בריוו האָבן אויך פּראָטעסטירט קעגן פֿאָרמולירן דעם טעריטאָריאַליזם אינעם

מעמאָראַנדום ווי אַ „ניט־מלוכישע" אָדער „ניט־פּאָליטישע קאָלאָניזאַציע". זיי האָבן דאָס דערקלערט פֿאַר אַ „נײַער פֿאָרמולירונג פֿון טעריטאָריאַליזם", וואָס איז סותר אַלע פֿריִערדיקע באַשלוסן פֿון פֿרײַלאַנד־באַראַטונגען און צוזאַמענפֿאָרן און „באַדאַרף אַרויסרופֿן אַ צעטומלעניש אויך אין די אַמעריקאַנער טעריטאָריאַליסטישע קרײַזן".

לאָזנדיק אָן אַ זײַט די פֿראַגע, צי די טענה וועגן „אַ צופֿעליקער מערהייט" איז געווען באַרעכטיקט, איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז דער מעמאָראַנדום האָט אין תּוך גאָרניט מחדש געווען אין דער פֿאָרמולירונג פֿון טעריטאָריאַליזם. אין דער פּראָגראַם פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע (אָנגענומען אויף דער לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ, 1935) האָט דאָס וואָרט „אויטאָנאָמיע" ניט פֿיגורירט און קיין „פּאָליטישע" אָדער „מלוכישע" פֿאָדערונגען זײַנען ניט געווען אַרויסגערוקט. דער פֿרײַלאַנד־מעמאָראַנדום צו דער עוויאַנער קאָנפֿערענץ (1938) האָט, ווי מיר האָבן געזען, בפֿירוש פֿעסטגעשטעלט:

> עס דאַרף קלאָר פֿאַרשטאַנען ווערן, אַז די באַוועגונג האָט ניט קיין פּאָליטישע אַספּיראַציעס. דער ישובֿ וועט זיך באַטראַכטן ווי אַ טייל פֿון דער מלוכה, וואָס האָט געגעבן די טעריטאָריע, און די קאָלאָניסטן וועלן ווערן אירע בירגערס.

אויך אין די מעמאָראַנדומס, וואָס עס האָבן אויסגעאַרבעט די פּאַריזער פֿרײַלאַנדיסטן — צום מיניסטער מוטע (1936) און צום עוויאַן־קאָמיטעט (1938) — זײַנען ניט געווען אַרויסגעשטעלט קיין פּאָליטישע פֿאָדערונגען. אינעם מעמאָראַנדום צו דער קאָנפֿערענץ אין סאַן־פֿראַנציסקאָ איז געווען עמפֿאַטיש אויסגעדריקט דער נאַציאָנאַל־ייִדישער מהות פֿונעם פּראָיעקטירטן ייִשובֿ, זײַן ראָלע אין אָפּהיטן און אַנטוויקלען די ייִדישע קולטור. דאָס באַטאָנען דעם „ניט־פּאָליטישן כאַראַקטער פֿון טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָניזאַציע" האָט געקאָנט האָבן אַ ספּעציעלן באַטײַט אין 1945, ווען די ציוניסטישע אַקציע האָט זיך געפֿירט אונטער דער מאַקסימאַליסטישער פֿאָן פֿון דער בילטמאָר־פּראָגראַם.[9]

דער בריוו פֿון 27סטן מײַ 1945 איז געווען דער לעצטער אַרויסטריט פֿון די „אומצופֿרידענע". פֿון דער ליגע זײַנען זיי ניט אַרויסגעטראָטן און קיין סעפּאַראַטע אַקציע האָבן זיי ניט אָנגעהויבן, אָבער זיי זײַנען צוריק געוואָרן אומאַקטיוו. דערצו איז ד"ר לוואָוויטש אין גיכן אַריבערגעפֿאָרן קיין שווייץ צו אַרבעטן אין דער „אָרט"־צענטראַלע, און מאיר פֿײַנלייב איז סוף 1946 געוואָרן שווער קראַנק. גאָרסקי און קיהן זײַנען צוריקגעטראָטן צו אַקטיווער אַרבעט אין דער צײַט פֿון סורינאַם־פּראָיעקט.

מעמאָראַנדום צו דער קאָנפֿערענץ אין סאַן־פֿראַנציסקאָ

דער מעמאָראַנדום (געשריבן אויף ענגליש) איז באַשטאַנען פֿון 25 פּונקטן, וואָס האָבן פֿאָרגעשטעלט דעם פֿאַרנעם פֿונעם ייִדישן חורבן, די מעגלעכע

וועגן צו העלפֿן די בײַם לעבן פֿאַרבליבענע הײמלאָזע ייִדישע מאַסן, די באַ־גרענעצונגען און דעפֿעקטן פֿון די פֿאָרגעלייגטע מיטלען, דעם מהות און געשיכטע פֿון דער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג און דעם פּלאַן, וואָס זי האָט פֿאָר־צולייגן. מיר וועלן דאָ איבערגעבן אַ טייל פּונקטן אין פֿולן פֿאַרנעם, דעם אַנדערן טייל אין רעזומע.[10]

מײַ 1945.

1. מיר, די אונטערגעחתמעטע, ווענדן זיך צו אײַך אין נאָמען פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע פֿאַר ייִדישער טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָניזאַציע, וואָס איר ציל איז — צו פֿאַרענטפֿערן די פּראָבלעם פֿון ייִדישער הײמ־לאָזיקייט דורך אַ גרויס־פֿאַרנעמיקער קאָלאָניזאַציע אין אַ לאַנד מעבֿר לים.

2. די פֿרײַלאַנד־ליגע רעפּרעזענטירט די לעבנס־אינטערעסן פֿון הונדערטער טויזנטער ייִדן, וואָס ווילן ניט אָדער קאָנען ניט ווײַטער לעבן אין זייערע אַלטע הײמלענדער און וואָס זייער באַגער איז אָנצו־הייבן דאָס לעבן אויף ס׳נײַ אין אַ נײַער הײם. חוץ דעם רעפּרעזענטירט די פֿרײַלאַנד־ליגע די ניט־דערפֿילטע פֿאַרלאַנגען און צעשטערטע באַ־מיִונגען פֿון די מיליאָנען ייִדן, וואָס ס׳איז זיי ניט געראָטן בײַ צײַטנס זיך צו ראַטעווען און וואָס זײַנען אומגעקומען אין דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון נאַציזם און מלחמה.

פּונקט 3 האָט אין קורצע און שטאַרקע ווערטער דערציילט וועגן דער פֿיזישער אויסראָטונג פֿון מיליאָנען ייִדן אין די מלחמה־יאָרן.

4. איין אומענדלעך טראַגישן פֿאַקט קאָן מען ניט פֿאַרגעסן. צו־ליב טעמים פֿון מיליטערישער דרינגלעכקייט אָדער פֿון דיפּלאָמאַטי־שער נוצלעכקייט האָבן רעגירונגען און פֿירערס פֿון די דעמאָקראַטישע מלוכות זיך אָפּגעהאַלטן פֿון קראַפֿטיקע פּראָטעסטן און אַ בײַצײַטיקער אַקציע קעגן דער אויסמאָרדונג פֿון ייִדן. אַלע מאָל ווען זיי האָבן זיך דעצידירט אַרויסצוזאָגן די אומגליקלעכע קרבנות פֿונעם קלעם פֿון פֿײַער און שווערד, איז די הילף תּמיד געקומען צו שפּעט און איז גע־ווען צו קליין. די פֿאַרוואַלטונג פֿאַר מלחמה־פּליטים,[11] וואָס פֿון אירע צילן און מעטאָדן האָט יאָ געקאָנט אַרויסקומען אַן אַקציע, איז געקומען צוויי יאָר צו שפּעט. אַזוי אַרום זײַנען די קרבנות אומגעקומען אונטער טאָפּלטע קלעפּ: פֿון דער אַכזריות פֿון די באַרבאַרן און פֿון דער אומגלייבלעכער אַפּאַטיע פֿון די פֿרײַע פֿעלקער.

5. אין אָנבליק פֿון אָט דער טראַגעדיע און בכדי זי זאָל זיך קיין מאָל ניט איבערחזרן, פֿאָדערן די בײַם לעבן פֿאַרבליבענע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, אַז די פֿאַראייניקטע נאַציעס זאָלן אָננעמען טריט פֿון אַ קאָנ־סטרוקטיוון און פּערמאַנענטן כאַראַקטער, בכדי צו גאַראַנטירן זיי און זייערע קינדער אַ פֿרידלעכן, געזיכערטן און פֿרײַען לעבן. זיי פֿאָדערן מער ווי פּאַליאַטיוון, וואָס וואָלטן ווידער איבערגעלאָזט די ייִדישע פּראָ־בלעם ווי אַ הרפּה פֿאַרן געוויסן פֿון דער מענטשהייט און ווי אַ שטענ־דיקע דראָונג פֿאַרן וועלט־שלום; זיי פֿאָדערן אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר אַ

פּראָבלעם, וואָס איז געוואָרן אַ פּרוּװשטיין פֿון דער ערלעכקייט פֿון אונדזער ציוויליזאַציע.

6. צוויי אַזעלכע פּאַליאַטיוון זײַנען באַטראַכט געוואָרן דורך דער עפֿנטלעכער מיינונג: דער צוריקקער פֿון די היימלאָזע ייִדן אין זייערע פֿריִערדיקע היימען אין אייראָפּע און זייער אינדיווידועלע עמיגראַציע אין אַנדערע לענדער פֿון דער וועלט.

די פּונקטן 7, 8 און 9, אונטערן קעפּל „צוריקקער אין די פֿריִערדיקע היימען", האָבן עמפּאַטיש פֿעסטגעשטעלט, אַז ייִדן האָבן דאָס פֿולע רעכט צוריקצוקומען און צו לעבן אין זייערע פֿריִערדיקע לענדער אָן שום באַגרענעצונגען, אויפֿן סמך פֿון רעכט און ניט פֿון חסד.[12] ייִדן זײַנען ניט קיין „פֿרעמדע" און ניט קיין „געסט" אין די אייראָפּעיִשע לענדער, נאָר טויזנט־יעריקע תּושבֿים, וואָס האָבן איצט נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט זייער רעכט דורך זייערע לײַדן, זייער באַטייליקונג אין די אַליִירטע אַרמייען און אונטערגרונט־כּוחות, און די העלדישע שלאַכטן אין די געטאָס פֿון וואַרשע און אַנדערע שטעט. עס איז ניט גענוג צו פּראָקלאַמירן די ייִדישע רעכט אין אָפֿיציעלע דאָקומענטן — מען מוז די ייִדן געבן עקאָנאָמישע הילף צוריק זיך צו שטעלן אויף די פֿיס נאָכן חורבן. אָבער אין די בעסטע תּנאָים קאָן דער צוריקקער ניט לייזן די פֿראַגע פֿון ייִדישער רעקאָנסטרוקציע. עס וועט זײַן פּסיכאָלאָגיש שווער אויף ס'גײַ צו בויען אויף די חורבֿות פֿונעם אַמאָליקן ייִדישן לעבן. חוץ דעם איז נאָך די יאָרן פֿון נאַצישער ממשלה פֿאַרבליבן אַן אַקטיווער אַנטיסעמיטיזם צווישן די פֿעלקער פֿון אייראָפּע. ייִדן וועלן לעבן אין שרעק, אַז זייערע אָקערשט דורכגעלעבטע יסורים וועלן זיך איבערחזרן.

די ווײַטערדיקע פֿיר פּונקטן זײַנען געגאַנגען אונטערן קעפּל „עמיגראַציע". פּונקט 10 האָט געפֿאָדערט, אַז די טירן פֿון אַלע לענדער זאָלן זײַן אָפֿן פֿאַר ייִדישע אימיגראַנטן אָן רעליגיעזער, פּאָליטישער אָדער ראַסנדיקער דיסקרימינאַציע און אַז אַן אינטערנאַציאָנאַלער געזעץ וועגן מענטשלעכע רעכט זאָל דאָס קלאָר פֿאָרמולירן. פּונקט 11 האָט אָנגעוויזן אויף עקאָנאָמישע און אַנדערע פֿאַקטאָרן, וואָס באַגרענעצן דעם פֿאַרנעם פֿון אַ ניט־אָרגאַניזירטער כאַאָטישער אימיגראַציע.

12. ניט ווייניקער וויכטיק איז דער גײַסטיקער אַספּעקט פֿון דער פּראָבלעם. דאָס ייִדישע פֿאָלק גייט אַרויס פֿון דער שחיטה מיט אַ צעבראָכענעם גוף, מיט צעשטערטע עקאָנאָמישע יסודות, אָבער מיט אַ ניט־אָפּגעשוואַכטן מאָראַלישן כּוח. דאָס פֿאָלק הערט דעם רוף פֿון די מיליאָנען אויסגעהרגעטע ברידער, עס זאָל ווײַטער לעבן און ממשיך זײַן צו בויען זייער גײַסטיקע ירושה. דאָס ייִדישע פֿאָלק וויל ניט, אַז זײַן קולטור, וואָס האָט במשך פֿון יאָרהונדערטער געדינט סײַ אים, סײַ דער מענטשהייט, זאָל אונטערגיין אינעם הוראַגאַן פֿון דער נאַצישער צעשטערונג. און אָט פֿאַר וואָס די פֿרײַלאַנד־ליגע שטרעבט צו ראַטעווען ניט נאָר די נאַקעטע לעבנס פֿון די ייִדן אָדער צו פֿאַרזיכערן נאָר זייער מאַטעריעלע עקסיסטענץ. זי שטרעבט צו פֿאַרהיטן פֿאַר דער צו־

קונפֿט דעם ייִדישן כּלל, דעם היסטאָרישן המשך פֿון זײַנע אידעאַלן און גלייבונגען. נאָר אַ שעפֿעריש ייִדיש פֿאָלק וועט קאָנען אַרײַנטראָגן זײַן חלק אין דעם ווידערגעבורט פֿון דער מענטשהייט. אָבער ייִדישקייט און דער ייִדישער כּלל קאָנען זיך ניט אויפֿהאַלטן אין אַ פּראָצעס פֿון אינדי־ווידועלער עמיגראַציע, וואָס צעשטויבט דאָס פֿאָלק איבער דער גאָרער וועלט. דערצו איז נייטיק אַ געפּלאַנטע, רעגולירטע, קאָנצענטרירטע עמיגראַציע, דאָס הייסט קאָלאָניזאַציע.

פּונקט 13 האָט עקספּאָנירט די מעלות פֿון אָרגאַניזירטער, וויסנשאַפֿט־לעך געפֿירטער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל אי באַרײַכערן דאָס גאַנצע לאַנד, אי ניט דערלאָזן קיין אַנטאַגאָניזם צווישן „פּרעמדע" און „תּושבֿים" אין רעזולטאַט פֿון קאָנקורענץ אין די גרויסע שטעט. דער פּונקט האָט זיך פֿאַרענדיקט:

עס ווײַזט אויס, אַז קאָלאָניזאַציע האָט די בעסטע שאַנסן אויף הצלחה, ווען זי איז אָפּגעטיילט פֿון פּאָליטישע אַספּיראַציעס, ד"ה ווען די קאָלאָניסטן זײַנען גרייט צו ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פֿון דער פּאָליטישער סטרוקטור פֿונעם לאַנד, וואָס נעמט זיי אַרײַן.[13]

דערנאָך, אונטערן קעפּל „ציוניזם", האָט דער מעמאָראַנדום געזאָגט:

14. במשך פֿון עטלעכע יאָרצענדליגער עקסיסטירט אינעם ייִדישן פֿאָלק אַ שטאַרקע באַוועגונג פֿאַר קאָלאָניזאַציע אין איין באַשטימטן לאַנד: די ציוניסטישע באַוועגונג. בײַם הײַנטיקן טאָג איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל ניט אָנערקענען דעם היסטאָרישן באַטײַט פֿון די גרויסע דער־גרייכונגען פֿון ייִדישן פֿאָלק אין פּאַלעסטינע. דורך אומפֿאַרמאַטערלעכע אָנשטרענגונגען האָבן די ייִדישע פּיאָנירן דעמאָנסטרירט פֿאַר דער גאַנ־צער וועלט, אַז זיי זײַנען פֿעיִק צו פֿאַרווירקלעכן די אויפֿגאַבע פֿון מאָדערנער גרויס־פֿאַרנעמיקער קאָלאָניזאַציע.

אָבער די ציוניסטישע באַוועגונג איז אין דער זעלבער צײַט אַ פּאָליטישע באַוועגונג פֿאַר דער עטאַבלירונג פֿון אַ ייִדישער מלוכה אין פּאַלעסטינע. מיר קאָנען ניט איגנאָרירן דעם פֿאַקט, אַז די צוקונפֿט פֿון פּאַלעסטינע איז בײַם הײַנטיקן טאָג פֿאַרבונדן מיט אינעווייניקסטע און אינטערנאַציאָנאַלע שוועריקייטן פֿון פּאָליטישן כאַראַקטער. פּאַלעסטי־נע איז ניט נאָר דער ברענפּונקט פֿון דרײַ וועלט־רעליגיעס; ס'איז אויך די אַרענע, וואָס אויף איר שטויסן זיך צונויף אינטערעסן פֿון וועלטמאַכטן. מען דאַרף האָפֿן, אַז ס'וועט געפֿונען ווערן אַ ראַציאָנעלע און יושרדיקע פֿאָרמל פֿאַר אַ האַרמאָנישן לעבן פֿון ייִדן און אַראַבער אין איין פּאָליטישן גדר, אָבער עס זעט אויס, אַז אָט דער קאַמף פֿאַרן פּאָליטישן עתיד פֿון פּאַלעסטינע מוז נעמען צײַט, און קיינער קאָן ניט זאָגן ווי לאַנג דאָס וועט נעמען. דאָס וואָלט געהייסן, אַז די צאָל ייִדן, וואָס וועלן קאָנען אַרײַנפֿאָרן קיין פּאַלעסטינע, וועט זײַן אָפּהענגיק פֿון דער אומזיכערער פּאָליטישער סיטואַציע אין יענעם טייל וועלט.

15. אויפֿן יסוד פֿון אָט דעם אַנאַליז, לייגט די פֿרײַלאַנד־ליגע פֿאָר אַ פּראָגראַם פֿון אַ גרויס־פֿאַרנעמיקער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַן אַנדער לאַנד. די פֿרײַלאַנד־ליגע אָנערקענט די ניט־אַדעקוואַט־קייט פֿון פּאַליאַטיווע מעטאָדן ווי אַ צוריק־אײַנאָרדענונג אין אייראָפּע

און אינדיווידועלע עמיגראַציע; זי פֿאַרמאַכט ניט די אויגן אויף די שוועריקייטן פֿון דער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע; זי האַלט דעריבער אונטער דעם מעטאָד פֿון טעריטאָריאַלער קאָלאָניזאַציע פֿון אַ ניט־פּאָליטישן כאַראַקטער.

די פּונקטן 16־20 האָבן דערמאָנט וועגן פֿריִערדיקע טעריטאָריאַליסטישע פּראָיעקטן און רעגירונג־דערקלערונגען (מוטע־דעקלאַראַציע, בריטישע גוויאַנע, מערבֿ־אויסטראַליע, טאַסמאַניע).

21. די פֿרײַלאַנד־ליגע איז גרייט אָנצוהייבן די עטאַבלירונג פֿון אַ קאָנצענטרירטן ייִדישן ייִשובֿ אין יעדן לאַנד, וווּ גרויס־פֿאַרנעמיקע ייִדישע קאָלאָניזאַציע וועט זיין מעגלעך. אין דער דאָזיקער שייכות מוז מען נעמען אין אַכט אַ ריי וויכטיקע באַדינגונגען:

א) דאָס לאַנד דאַרף זײַן גענוג גרויס אַרײַנצונעמען אַ באַטײַטיקע צאָל ייִדישע אימיגראַנטן און צו דערמעגלעכן אַ צוקונפֿטיקע עקספּאַנסיע פֿון דער באַפֿעלקערונג און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג.

ב) דער קלימאַט דאַרף זײַן צוגעפּאַסט פֿאַר ווײַסע קאָלאָניסטן און דאָס לאַנד דאַרף פֿאַרמאָגן גענוג וואַסער און פֿרוכטיקן באָדן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון לאַנדווירטשאַפֿט.

ג) דאָס לאַנד דאַרף זײַן שיטער באַוווינט, כּדי אויסצומײַדן אַ סיכסוך מיט דער שוין פֿאַראַנענער באַפֿעלקערונג.

ד) די קאָלאָניזאַציע דאַרף ווערן פֿינאַנצירט ניט אויף אַ פֿילאַנטראָפּישן, נאָר אויף אַ געשעפֿטלעכן יסוד. די נייטיקע פֿאָנדן וועלן געשאַפֿן ווערן דורכן ייִדישן פֿאָלק אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, ווי אויך דורך אַ ספּעציעלער אינטערנאַציאָנאַלער הלוואה.

22. די פֿרײַלאַנד־ליגע גלייבט, אַז די פֿאַראייניקטע נאַציעס וועלן הערן דעם רוף פֿון אונדזער צײַט און וועלן אַנטקעגנקומען דעם ייִדישן פֿאָלק אין זײַן פֿאָדערונג פֿון אַ פֿרײַלאַנד, וווּ די היימלאָזע וועלן געפֿינען שלום, אַרבעט און אַ נײַ לעבן אין זיכערקייט און ווערדע. נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע אין אייראָפּע קומט דעם ייִדישן פֿאָלק אַ רויִק ווינקל ערגעץ וווּ אין דער וועלט, וווּ עס זאָל לעבן אָן שרעק פֿאַרן מאָרגן, אָן רײַבונגען מיט די מענטשן אַרום אים, איבערגעגעבן אַ קאָנסטרוקטיווער אַרבעט אין גײַסט פֿון שעפֿערישער ייִדישער קולטור. די עטאַבלירונג פֿון אַ ייִדישן פֿרײַלאַנד איז דער מאָראַלישער חובֿ פֿון דער מענטשהייט לגבי די אויסגעהרגעטע מיליאָנען און די הונדערטער טויזנטער בײַם לעבן פֿאַרבליבענע. די וועלט וועט זיך קיין מאָל ניט ריינוואַשן פֿון איר שולד, אויב נאָך דער מלחמה וועט די ייִדישע טראַגעדיע ווײַטער בלײַבן אומפֿאַרענטפֿערט, אויב די גיפֿטיקע וווּקסן פֿונעם אַנטיסעמיטיזם וועלן ניט אַרויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל. די פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער ייִדישער פּראָבלעם איז אומבאַדינגט אַ זאַך פֿון דער גאַנצער וועלט, ווײַל אומגערעכטיקייט לגבי איין פֿאָלק שטעלט אין סכּנה די גערעכטיקייט אומעטום.

די פּונקטן 23 און 24 האָבן אויפֿגעוויזן דעם נוצן, וואָס די עטאַבלירונג פֿון פֿרײַלאַנד וואָלט געבראַכט דער רעקאָנסטרוקציע פֿון דער נאָכמלחמה־

וועלט, און וועגן דער מעגלעכקייט צו געפֿינען אַ שטח פֿאַר היימלאָזע ייִדן. דער מעמאָראַנדום האָט זיך פֿאַרענדיקט:

25. מיר דערוואַרטן פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס, אַז זיי וועלן בײַ צײַטנס אָננעמען דעם היסטאָרישן באַשלוס וועגן אַ ייִדישן פֿרײַלאַנד. זאָל מען נאָך אַ מאָל הערן די אינספּירירנדיקע ווערטער פֿון פֿראַנקלין דילײַנאָ רוזוועלט, וואָס ער האָט געזאָגט אויף דער וואַשינגטאָנער פּליטים־קאָנפֿערענץ אין 1939:

„עס איז ניט גענוג זיך צו פֿאַרדבֿקהן אין אויפֿגעשווידערטן הומאַניזם, פּוסטע רעזאָלוציעס, גאָלדענע רעטאָריק און פֿרומע רייד. מיר מוזן אַקטיוו זיך נעמען צו דער פּראָבלעם. אויב מיר ווילן, אַז דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ, געבויט אויף דרך־ארץ פֿאַר מענטשלעכער ווערדע, זאָל האָבן אַ קיום און אַז אַ וועלט־סדר, געשטיצט אויף דער זיכערקייט פֿונעם יחיד, זאָל צוריק אויפֿגעשטעלט ווערן".

די ציוניסטישע אַטאַקע קעגן דעם מעמאָראַנדום

ווי מיר האָבן געזען, האָט קיינער פֿון די פֿרײַלאַנדיסטן ניט געהאַט קיין אילוזיע, אַז זייער אַפּעל וועגן צום וועלטפֿאָרום וועט ניט אַרויסרופֿן קיין שאַרפֿע ציוניסטישע רעאַקציע. אָבער דער איינציקער אופֿן צו באַפֿרידיקן די ציוניסטן וואָלט געווען די פֿולע ליקווידאַציע פֿון דער ליגע. דאָס, וואָס עס האָבן געטאָן די ציוניסטן, איז ניט געווען קיין נאָרמאַלער וויכּוח צווישן פּאָליטישע ריכטונגען אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפֿט. הגם די זאַך איז פֿאָרגעקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, זײַנען די גענג און די מיטלען פֿון דער ציוניסטישער אַנטי־פֿרײַלאַנד־אַקציע געווען איבערגענומען פֿונעם אַרסענאַל פֿון טאָטאַליטאַרע איינפּאַרטייִישע מלוכות. די פֿרײַלאַנדיסטן האָבן געטאָן זייער אַרבעט אינעם באַוווּסטזײַן, אַז דעמאָקראַטיע הייסט ניט נאָר ממשלה פֿון דער מערהייט, נאָר אויך דאָס רעכט פֿון דער מינערהייט צו האָבן און אַרויסצוזאָגן איר מיינונג. די ציוניסטן זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿונעם טאָטאַליטאַריסטישן פּרינציפּ, אַז נאָר זיי אַליין האָבן דאָס רעכט צו ריידן אין נאָמען פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, און ווער עס וואַרפֿט זיך ניט אונטער זייער מאָנאָפּאָל — מוז ווערן פֿאַרטיליקט מיט די באַליבטע קאַמפּאַניע־מיטלען פֿון אַנטי־דעמאָקראַטישע גרופּעס אין אַ פֿרײַער געזעלשאַפֿט: פֿאַרקריפּלונג פֿון אמת, רכילות, „כאַראַקטער־מאָרד",[14] הינטערקוליסן־דרוק און סטראַשונקעס.

דעם סיגנאַל און דעם טאָן פֿאַר דער נײַער אַטאַקע אויף דער פֿרײַלאַנד־ליגע האָט אויך דאָס מאָל געגעבן דער ייִדישער קעמפֿער (דעם 18טן מײַ 1945). עס האָבן אים באַלד אונטערגעכאַפּט דער מאָרגן־זשורנאַל (דעם 22סטן מײַ) און דער טאָג (דעם 23סטן מײַ).[15] ווי עס האָט פֿעסטגעשטעלט דער עדיטאָריאַל אינעם נאָענטסטן נומער אויפֿן שוועל,[16]

> עס איז קיין ספֿק ניט: די אַלע וואָרטזאָגער פֿון ציוניזם, וואָס האָבן לעצטנס ווידער באַנײַט זייערע אַטאַקעס קעגן דער פֿרײַלאַנד־ליגע, ווילן שאַפֿן אַן אַטמאָספֿער פֿון טעראָר אַרום אונדזער באַוועגונג. (...) דעם מעמאָראַנדום וויל מען דורך פֿאַרלוימדונג פֿאַרוואַנדלען אין אַ דרייפֿוס־דאָקומענט, פֿון וועלכן מען וועט אַרויסרײַסן איינצלנע טיילן, כּדי צו פֿאַרשוואַרצן דעם פּנים און מבֿזה צו מאַכן אַן ערלעכע שטרעמונג אין ייִדישן לעבן. מען וועט ניט דערציילן דעם עולם, אַז דער מעמאָראַנדום באַשטייט פֿון 25 פּונקטן, פֿון וועלכע נאָר איינער באַציט זיך אויף ארץ־ישׂראל, אַז אין אים ווערן אויספֿירלעך באַהאַנדלט אַלע לויפֿנדיקע פֿראַגן פֿון דער נאָענטער ייִדישער צוקונפֿט. מען וועט וועלן קינסטלעך שאַפֿן דעם אײַנדרוק, אַז ער איז לכתּחילה געשריבן געוואָרן מיטן צוועק צו דערלאַנגען „מיט אַ מעסער אין רוקן״ דעם ציוניזם.

אויב דער ייִדישער קעמפֿער האָט זיך באַנוגנט מיט אַזעלכע עפּיטעטן ווי „די פֿרײַלאַנד־ליגע איז (...) אַן אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַניזאַציע״, „פֿרײַלאַנד אָדער הפֿקר־לאַנד״ אָדער „מען האָט דאָ ניט צו טאָן מיט מענטשן, וואָס נעמען דעם ענין ערנסט״, האָט זיך שוין אפֿרים אויערבאַך אין מאָרגן־זשורנאַל צעלאָזן: „דאָס דאָזיקע קליינע חבֿרהלע איז אָביעקטיוו שעדלעכער ווי די אויסגעשפּראָכענע אַנטיציוניסטישע גרופּעס״, דער פֿרײַלאַנד־מעמאָראַנדום „האָט שוין דעם בײַגעשמאַק פֿון מסירה״, „די פֿרײַלאַנד־ליגע איז הפֿקר (...) זי וועט קאָנען אַרײַנשטעכן אַ מעסער אין רוקן די פּאָליטישע אַספּיראַציעס פֿון דעם רובֿ ייִדן אויף דער וועלט״, און ל. שפּיזמאַן („אַ מעסער אין רוקן״) אין טאָג האָט אים איבערגעשטיגן מיט „די אַלע מסירות פֿון די פֿרײַלאַנד־מרגלים״, וואָס וועלן „שטאַרקן די הענט פֿון אונדזערע ענגלישע שׂונאים״ און נאָך בעסער — מיט אָנרופֿן די פֿרײַלאַנדיסטן „אַגענטן פֿון קאָלאָניאַל־אָפֿיס״.

דער ציטירטער עדיטאָריאַל אין אויפֿן שוועל האָט דערמאָנט, פֿון וואַנען עס שטאַמט דער דאָזיקער דעמאַגאָגישער לעקסיקאָן: דעם תּירוץ פֿון „אַ מעסער אין רוקן״ האָבן בשעתּו אַרויסגערוקט די דײַטשע גענעראַלן און רעאַקציאָנערן, כּדי אַראָפּצוּוואַרפֿן די שולד פֿאַר דײַטשלאַנדס מיליטערישע מפּלה אין 1918 אויף די פּראָגרעסיווע עלעמענטן; אין דער צײַט פֿונעם טעראָר אין פֿראַנקרײַך איז יעדער אַנדערש דענקענדיקער דערקלערט געוואָרן „אַן אַגענט פֿון פּיטן״, [17] און אין סאָוועט־רוסלאַנד שטעמפּלט מען יעדן אָפּאָזיציאָנער ווי „אַן אַגענט פֿון אימפּעריאַליזם״.

וואָס עס איז פֿאָרגעקומען מחוץ גדר פֿון דעם אָפֿענעם צײַטונג־אָנגריף, קאָן אילוסטרירט ווערן מיט דער ציוניסטישער אָפּשרעקונג־אַקציע, וואָס האָט זיך אין די זעלביקע טעג אָפּגעשפּיגלט אין לאָס־אַנדזשעלעס ערבֿ דעם אָנהייב פֿון דער פֿרײַלאַנד־קאַמפּאַניע. אַ[לעקס] ר[אַבין] פֿון לאָס־אַנדזשעלעס האָט וועגן דעם געשריבן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ:

> איצט (...) מעג מען דאָס דערציילן. אונדזער פֿרײַלאַנד־אַרבעט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אונטער זייער שווערע באַדינגונגען, אין אַ שווערן געמיט. מיר האָבן זיך דאָ אָנגעשטויסן אָן פֿײַנדלעכקייט און סאַבאָטאַזש

ניט נאָר מצד אַזוינע, וואָס מיר האָבן געוווּסט, אַז זיי זײַנען קעגנער, נאָר אויך אַזוינע, וועלכע מיר האָבן געהאַלטן פֿאַר אידעיִש נאָענט צו אונדז. אַן אָרגאַניזירטער דרוק איז אויסגעאיבט געוואָרן סײַ אויף יחידים, סײַ אויף גרופּעס, מ׳זאָל ניט קומען צו ד״ר שטיינבערגס אויפֿטריטן און מ׳זאָל ניט שטיצן די פֿרײַלאַנד־אַקציע. מ׳האָט געוואָרנט, אַז „פֿרײַלאַנד" איז אַ שעדלעכער געדאַנק און געסטראָשעט מיט געזעלשאַפֿטלעכן חרם די, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן פֿרײַנדשאַפֿט צו דער אַקציע. בריוו זײַנען אָנגעקומען פֿון ניו־יאָרק, אין וועלכע מ׳האָט אינסטרויִרט היגע טוער ניט צו האָבן קיין מגע ומשׂא מיט ד״ר שטיינבערגס אַרבעט. אַ סך פֿרײַלאַנד־סימפּאַטיקער האָבן זיך געבויגן פֿאַר אָט דעם דרוק. זיי האָבן זיך געבעטן, מ׳זאָל איצט ניט נעמען בײַ זיי קיין באַשטײַערונג; זיי וועלן עס קאָמפּענסירן בײַ אַ צווייטער געלעגנהייט. אַ פּאָר אָוונטן אין פּריוואַטע הײַזער זײַנען צוריקגערופֿן געוואָרן אין לעצטן מאָמענט צוליב אָט דער שטימונג. די לופֿט איז געווען אַזוי געדיכט, אַז ס׳האָט זיך אַפֿילו אָפּגערופֿן אויף פּערזענלעכער חבֿרשאַפֿט און לאָיאַליטעט פֿון נאָענטע מענטשן.[18]

אויף דעם אַלעמען האָט אויפֿן שוועל געענטפֿערט:

לאָזן מיר דאָ וויסן דער יִדישער עפֿנטלעכקייט, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע וועט ניט נאָכגעבן דעם דאָזיקן היסטערישן געשריי פֿון אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן. (...) מיר וועלן אויף דעם וועג פֿון געראַנגל ניט אַרויספֿטרעטן, ווײַל מיר האָבן עפּעס וויכטיקערס צו טאָן. (...)

אין אַן עת־צרה פֿאַר אַ פֿאָלק, וואָס ראַנגלט זיך פֿאַר זײַן צוקונפֿט, טאָר קיין שום פּאַרטיי ניט פֿאַרלאַנגען פֿאַר זיך דאָס רעכט אויף מאָנאָפּאָל, אויף טאָטאַליטאַרער אַחדות, אויף קריטיקלאָזער דיסציפּלין. (...) אָט אין דעם באַוווּסטזײַן פֿון אַחריות האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע פֿאָרמולירט אין אַ מעמאָראַנדום אירע מיינונגען וועגן דעם געפֿערלעכן מצבֿ פֿון פֿאָלק. איר צוועק איז געווען ניט צו „פֿאַרמסרן" דעם ציוניזם פֿאַר דער וועלט (וועלכע קען די לאַגע אַ סך בעסער ווי דער דורכשניטלעכער ציוניסט מיינט), נאָר אויסברייטערן פֿאַר די יִדן די צוקונפֿט־מעגלעכקייטן אין דער וועלט, וואָס ווערט איצט געשאַפֿן.[19]

דער אַרטיקל „אויף אַ טאָטאַליטאַרישן דרך" אין דעם זעלבן נומער האָט אויסגעלאָזט:

עס פֿרעגט זיך: אויב איצט, ווען די ציוניסטן האָבן נאָך ניט קיין מלוכה, ווילן זיי שוין טעראָריזירן יעדן ערלעכן קעגנער, הײַנט ווי וועט שוין זײַן, ווען זיי וועלן באַקומען אַ קאָמאַנדוועלט? וואָס דערוואַרט דאַן אַלע אונדזערע באַוועגונגען, בכל תּפֿוצות ישׂראל, וואָס זעען ניט די איינציקע לייזונג צו דער יִדן־פֿראַגע אין אַ יִדישן שטאָט אין ארץ־ישׂראל?

דער גײַסטיקער טעראָר פֿון די ציוניסטן אויף דער יִדישער גאַס מוז אָפּגעשטעלט ווערן. (...)

די אָרגאַניזיר־אַקציע אין 1945

אין אַזעלכע תּנאָים האָט זיך די פֿרײַלאַנד־ליגע גענומען צו פֿאַרשטאַרקן איר אָרגאַניזאַציע אין די שטעט, וווּ זי האָט געהאַט שטיצפּונקטן. אויף דער

מיטגלידער־פֿאַרזאַמלונג פֿון 20סטן מאַרץ האָט מען באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ פֿרײַלאַנד־פֿרויען־ליגע. אין דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע זײַנען אַרײַן: אײַדע אײַדאַק, אַלטע סודאַרסקי, אסתּר יעסעלסאָן, קײלע מינקין, רבֿקה לעווין, ליבע עלקין, מאַלי רובינשטײן און פֿאַניע גלאַנץ.[20] די פֿרויען־ליגע אין ניו־יאָרק איז אין גיכן געוואָרן זײער אַקטיוו. פֿון האַרבסט 1945 אָן האָט זי זיך דער עיקר קאָנצענטרירט אויף הילפֿאַרבעט פֿאַר דער שארית־הפּליטה אין אײראָפּע, באַזונדערס די קינדער. אין די װײַטערדיקע עטלעכע יאָר האָט זי שטאַרק געהאָלפֿן די די־פּיס אין די פּליטים־לאַגערן פֿון דײַטשלאַנד און עסטרײַך מיט שפּײַזפּעקלעך, בגדים, רפֿואות און ביכער.

לויט דער פֿאַרבעטונג פֿון לאָס־אַנדזשעלעסער פֿרײַלאַנדיסטן האָט ד״ר שטײנבערג דורכגעפֿירט אַן אָרגאַניזיר־ און פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע אין זײער שטאָט. ניט געקוקט אויף דער ענערגישער קעגנאַקציע מצד די ציוניסטן, האָט די אָרטיקע פֿרײַלאַנד־גרופּע באַוויזן צונויפֿצושטעלן אַ רעפּרעזענטאַטיוון קבלת־פּנים־קאָמיטעט פֿון 49 אָנגעזעענע ייִדישע פּערזענלעכקײטן פֿון אַלע געזעלשאַפֿטלעכע קרײַזן: ייִדישע שרײַבערס, לערערס, קולטור־טוערס, יוניאָן־אָנפֿירערס, פֿאָרשטײערס פֿון אַרבעטער־רינג און זײַנע אײנצלנע צווײַגן, ייִדיש־אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס און סינאַגאָגעס. עס איז אויך אַרויס אַ ספּעציעלע בראָשור.[21] אויפֿן קבלת־פּנים־אָוונט, דעם 27סטן מײַ, זײַנען געקומען 300 מענטשן. לכתּחילה האָט ד״ר שטײנבערג גערעכנט צו בלײַבן אין לאָס־אַנדזשעלעס פֿיר וואָכן. „די אַרבעט פֿאַרציט זיך", האָט ער אָבער געשריבן קײן ניו־יאָרק, „ווײַל די שטאָט איז גרויס, און דער ווידערשטאַנד פֿון די ציוניסטן איז נאָך גרעסער".[22] ער האָט פֿאַרבראַכט דרײַ חדשים, האָט דורכגעפֿירט 31 עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען און אַ רײ זיצונגען און באַגעגענישן מיט קלענערע גרופּעס. דער רעזולטאַט איז געווען זײער אַן אָנזעעוודיקער. „ד״ר שטײנבערג האָט אין לאָס־אַנדזשעלעס געפֿונען אַ פֿרוכטבאַרן באָדן פֿאַרן טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק", האָט געשריבן מאַקס האָלצמאַן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ, „חוץ די פֿרײַלאַנד־גרופּעס, וואָס ער האָט דאָ אָרגאַניזירט, האָט ער אויך פֿאַראינטערעסירט און געמאַכט פֿאַר פֿרײַנד פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אַ צאָל אָנגעזעענע פּערזענלעכקײטן, וואָס קענען אַ סך נוצן ברענגען דער פֿרײַלאַנד־ליגע. ער איז אויך ניט אַוועקגעפֿאָרן מיט לײדיקע הענט פֿון דאַנען".

אין לאָס־אַנדזשעלעס האָבן זיך געשאַפֿן דרײַ פֿרײַלאַנד־גרופּעס: די אויסגעוואַקסענע ייִדיש־רײדנדיקע גרופּע,[23] אַן ענגליש־רײדנדיקע גרופּע[24] און אַן אַקטיווע יוגנט־גרופּע פֿון איבער 20 מיטגלידער.[25] חוץ דעם האָט ד״ר שטײנבערג אָרגאַניזירט אַ גרופּע פֿרײַלאַנד־פֿרײַנד אין די קרײַזן פֿון דער האָליוווּדער פֿילם־אינדוסטריע.[26] די צאָל אַקטיווע פֿרײַלאַנד־מיטגלידער האָט מען זומער 1945 געשאַצט אויף 70,[27] אָבער זײ זײַנען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פֿיל ברײטערן קרײַז סימפּאַטיקערס און שטיצערס, וואָס האָט געצײלט ביז אָנדערטהאַלבן טויזנט.[28] די דאָזיקע פּעריפּעריע האָט זיך דער עיקר רע־

קרוטירט פֿון דער מיטגלידערשאַפֿט פֿון אַרבעטער־רינג, ייִדישן קולטור־קלוב און אַרבעטער־יוניאָנס. לויִס ליווײַ, וויצעפּרעזידענט פֿונעם „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן״ (דאַמען־באַקלײד־פֿאַראײן) אויפֿן פּאַציפֿיק, האָט שטאַרק געהאָלפֿן דער פֿרײַלאַנד־אַרבעט און האָט איבערגעגעבן אין רשות פֿון דער לאָס־אַנדזשעלעסער גרופּע אַ צימער אינעם פֿאַראײן־לאָקאַל. פֿאַרשטענדיש און הילף האָבן אויך אַרויסגעוויזן אַ רײ מיטגלידער פֿונעם אָרטיקן ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט. לאָס־אַנדזשעלעס איז אויף אַ צײַט געוואָרן אַ וויכטיקער געזעלשאַפֿטלעכער אָנשפּאַר פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע. אָפּצומערקן דאָס איז דער יאַנואַר־נומער אויפֿן שוועל געווידמעט געוואָרן דער ייִדישער לאָס־אַנדזשעלעס. [29]

אין אַפּריל 1946 האָט די לאָס־אַנדזשעלעסער פֿרײַלאַנד־גרופּן אָרגאַניזירט אַ ציקל לעקציעס פֿון אַ. גלאַנץ־לעיעלעסן. זײ זײַנען געווען גוט באַזוכט און האָבן פֿאַרשטאַרקט אין שטאָט דעם אינטערעס צו דער פֿרײַלאַנד־זאַך. גלאַנץ האָט געהאַט זײער אַ גוטן אײַנדרוק פֿון דער אַקטיווקייט פֿון די דאָרטיקע חבֿרים. [30] דער באַריכט פֿונעם לאָס־אַנדזשעלעסער פֿאָרשטייער אויף דער לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע, נאָוועמבער 1946, איז געווען מוסטער און עס האָט זיך אין אים געשפּירט אַ באַפֿרידיקונג פֿון דער אויפֿגעטאָנענער אַרבעט. [31]

אין 1945 האָבן אַדאַ סיגעל און שואל גוטמאַן געהאָלפֿן פֿונאַנדערבויען די פֿרײַלאַנד־גרופּע אין מאָנטרעאָל און פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ שטאַרקן פֿאָרפּאָסטן פֿון דער ליגע. בײדע זײַנען עטלעכע מאָל געקומען אַהין מיט רעפֿעראַטן אין מאַרץ, אַפּריל און מײַ. אין יולי האָט גוטמאַן פֿאַרבראַכט דאָרט צוויי וואָכן אויף אַ קאַמפּאַניע פֿאַר אויפֿן שוועל און פֿרילענד. די אָרטיקע גרופּע האָט אים געגעבן אַן אַקטיווע הילף און האָט זיך בעת מעשׂה פֿאַרגרעסערט מיט נײַע מיטגלידער. [32] זי האָט זיך היפּש בײַגעשטײַערט פֿאַר די הצטרכותן פֿון דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע. אָנהייב 1946 האָט זי גענומען אַן אייגענעם לאָקאַל, אײַנגעאָרדנט אַ ביבליאָטעק פֿון טעריטאָריאַליסטישער ליטעראַטור און דורכגעפֿירט רעגולערע וועכנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען און לעקציעס. נאָך מאָנטרעאָל האָט גוטמאַן דורכגעפֿירט קאַמפּאַניעס אין טאָראָנטאָ,[33] ווינדזאָר און דעטרויט.[34]

פֿילאַדעלפֿיע, צוליב איר נאָענטקייט צו ניו־יאָרק, איז אָפֿט באַזוכט געוואָרן דורך פֿאָרשטייערס פֿון דער עקזעקוטיווע און זי האָט אויך געהאַט אַן אייגענעם פֿרײַלאַנד־אַקטיוו בראָש מיט יהודה זעליטש, אַ. פֿישמאַן, אַ. נעוועלשטיין א״אַ. אויך דאָרט איז די גרופּע גיך צוריקגעקומען צו זיך נאָך דער אַנטווישונג פֿון נאָוועמבער 1944 און האָט זיך פֿאַרשטאַרקט אין 1946. [35] אַ קלײנע, אָבער זייער אַקטיווע און איבערגעגעבענע גרופּע האָט געאַרבעט אין הײַטסטאַון, אין דער ייִדישער קאָלאָניע ניו־דזשוירזי־האָמסטעדס, וואָס האָט זיך אין 1945 משנה־שם געווען אין רוזוועלט. [36] שווערער איז געווען מיט שיקאַגאָ: די אָרטיקע גרופּע האָט זיך געבייטיקט אין רעפֿערענטן און אָרגאַניזאַטאָרן פֿון צענטער, אָבער די

עקזעקוטיווע האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שיקן זיי געננג אָפּט. אין יאַנואַר 1946 האָט יעקבֿ לעווין באַזוכט שיקאַגאָ, רעאַקטיוויזירט די גרופּע, געשאַפֿן אַבאָנענטן פֿאַר אויפֿן שוועל.[37]

אָן אַקטיווע בילדונג־ און קולטור־אַרבעט האָט געפֿירט די פֿרײַלאַנד־יוגנט אין ניו־יאָרק.[38] זינט סוף 1944 האָט געגומען אַרויסגיין דער ענגלישער זשור־נאַל פֿרילענד. ניט געקוקט אויף אַלע מניעות און שטרויכלונגען איז די פֿרײַ־לאַנד־ליגע בשלום אַדורך אַ שווערן און קריטישן פּעריאָד אין איר געשיכטע. חוץ אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען האָט זי געמוזט דורכמאַכן אַ פּראָצעס פֿון רעאָריענטירן איר פּאָליטישע און פּראַקטישע אַרבעט, פֿעסטשטעלן נײַע ריכט־ליניעס אין געביטענע באַדינגונגען.

די פֿראַגע פֿון קליין־קאָלאָניזאַציע

אין 6/1945 האָט מען אין פֿרײַלאַנד־קרײַזן גענומען הערן אַרויסזאָגונגען מכּוח דער געוווּנטשנקייט פֿון פֿאַרנעמען זיך מיט שאַפֿן ייִדישע פּאַרמער־ייִשו־בֿים אין אַמעריקע גופֿא. די דאָזיקע ריכטונג איז אָפּט מיטגעגאַנגען מיטן טע־ריטאָריאַליזם במשך פֿון זײַן געשיכטע. זי איז ניט געווען אידענטיש מיט אים, אָבער האָט געהאַט געוויסע באַריר־פּונקטן. זי איז געווען קרובֿיש צום „לאַנד־ווירטשאַפֿטיזם" פֿון די פֿאָלקיסטן־דעמאָקראַטן אין פּוילן פֿון די צוואַנציקער יאָרן (וואָס איז געווען דערמאָנט אין קאַפּ' 1), אָבער האָט געהאַט אין אַמעריקע איר אייגענע געשיכטע און האָט דאָרט געקאָנט פֿאַרצייכענען גרעסערע אויפֿ־טוען.

מיר האָבן אָקערשט אָנגערופֿן די פֿרײַלאַנד־גרופּע אין ייִדישן שטעטל ניו־דזשוירזי־האָמסטעד, (דערנאָך רוזוועלט) בײַ הײַטסטאַון. דאָס שטעטל איז אויפֿ־געקומען אין 1936 מיט דער מאַטעריעלער הילף פֿון דער אַמעריקאַנער רעגי־רונג, וואָס האָט אין די דעפּרעסיע־יאָרן געגעבן אַ סך שטאָטישע אַרבעטסלאָזע די מעגלעכקייט צו באַקומען אַן אַ״ג „סאַבסיסטענס האָמסטעד", ד״ה אַ פּאַרמער־נחלה, וואָס האָט געקאָנט שפּײַזן אַ משפּחה. לויט דער איניציאַטיוו פֿון בנימין בראַון, אַ וועטעראַן פֿון דער ייִדישער קאָלאָניע קלאַריאָן (יוטאַ), האָבן זיך אַ ריי ייִדישע כּלל־טוערס געווענדט צו דער רעגירונג מיט דער בקשה אויסצו־טיילן איינעם פֿון אַזעלכע האָמסטעד־פּראָיעקטן פֿאַר אַ האָמאָגענער גרופּע — ייִדישע אַרבעטערס פֿון באַקלייד־אינדוסטריע. צווישן די דאָזיקע איניציאַטאָרן זײַנען געווען פּועלי־ציון (ווי אפֿרים אויערבאַך און דער געוועזענער ס״ט מאיר בראַון) און אַמאָליקע טעריטאָריאַליסטן, נאָך ניט אָרגאַניזירטע אין יענער צײַט (מ. מענדעלסבערג, י. לעווין, אָ. כּאַבאַצקי). אויך צווישן די קאָלאָניסטן גופֿא זײַנען געווען אַ ריי טעריטאָריאַליסטן (אַ. נעווועלשטיין, ד. מינעס א״אַ). אין שטעטל איז אויפֿגעקומען אַ באַקלייד־פֿאַבריק, וואָס האָט אין 1946 געגעבן באַשעפֿטיקונג אַ 150 אַרבעטערס, און אין אַ ראַדיוס פֿון 5־10 מײַל האָבן זיך

באַזעצט עטלעכע הונדערט ייִדישע פֿאַרמער־משפּחות. זיי האָבן געשאַפֿן אַן אָפּזאַץ־ און קאָנסום־קאָאָפּעראַציע פֿאַר דער גאַנצער אַרומיקער סבֿיבֿה און האָבן זיך גוט צוגעפּאַסט צו דער נײַער אַרבעט.

צום צעניאָריקן יובֿל פֿונעם שטעטל זײַנען אין אויפֿן שוועל פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן צוויי אַרטיקלען פֿון דאָרטיקע תּושבֿים — ב. וואַסערמאַן און מ. שטיין (סעקרעטאַר פֿון דער אָרטיקער פֿרײַלאַנד־גרופּע). פֿונעם ערשטן אַרטיקל האָט געדרונגען, אַז עקאָנאָמיש האָט דאָס שטעטל מצליח געווען, און פֿונעם צווייטן — אַז ניט געקוקט אויפֿן איבערוואָג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין שטעטל, איז דאָרט די ייִדישע דערציִונג פֿון קינדער געשטאַנען ניט קיין סך העכער פֿונעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער ניוואָ: „אַלנפֿאַלס די יוגנט באַטייליקט זיך נישט אין קיין שום ייִדישע קולטורעלע טעטיקײַטן“.[39] פֿון דעסטוועגן איז צווישן דער פֿרײַלאַנד־מיטגלידערשאַפֿט געווען אַ מיינונג, אַז קאָלאָניעס פֿון אַזאַ טיפּ זײַנען וויכטיק ניט נאָר פֿאַר אַ בעסערער סאָציאַלער סטרוקטור פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ, נאָר קאָנען אויך ווערן ייִדישע קולטורעל־שפּראַכלעכע צענטערס און ווידערשטאַנד־פּונקטן קעגן אַסימילאַציע.

אין פֿרילענד, אַפּריל 1945, האָט אַדאַ סיגעל אונטערגעהאַלטן אַן אַרויסזאָגונג אין דער ענגליש־ייִדישער צײַטשריפֿט רעקאָנסטראָקשאָניסט: אַז ס'איז געוווּנטשן צו שאַפֿן אַ ייִדישן קאָאָפּעראַטיוון ייִשובֿ אין אַמעריקע. אַן ענלעכע מיינונג איז געקומען צום אויסדרוק אויף דער מיטגלידער־פֿאַרזאַמלונג דעם 7טן אָקטאָבער 1945.[40] באַלד נאָך דעם האָט מינעס פֿון הײַטסטאַון פֿאָרגעלייגט 90 אַקער פֿון זײַן לאַנד צוצוגרייטן פּיאָנערן פֿאַר אַזאַ ייִשובֿ. אין אויפֿן שוועל, נאָוועמבער־דעצעמבער 1945, האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל פֿון שלום גאָלדבערג[40] „דאָס ייִדישע פֿאַרם־שטעטל“ מיט אויסרעכענונגען און קאָנקרעטע פּרטים פֿונעם פּלאַן. דער סעקרעטאַר פֿון דער הײַטסטאַון־גרופּע מ. שטיין איז געווען קעגן דעם, אַז די ליגע זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט אָרטיקער קאָלאָניזאַציע, אָבער שטיינבערג האָט קאָנסטאַטירט, אַז אין דער ליגע זײַנען דאָ „עטלעכע חבֿרים, וואָס שטייען שטאָל און אײַזן פֿאַר אָרטיקער קאָלאָניזאַציע“ און אַז מען וואָלט די פֿראַגע געדאַרפֿט אַרומריידן. פֿון מינעסעס פֿאָרשלאָג האָט זיך די עקזעקוטיווע אָפּגעזאָגט און האָט אַראָפּגענומען די פֿראַגע פֿון אָרטיקער קאָלאָניזאַציע פֿון סדר־היום, אָבער אין גיכן איז זי ווידער געוואָרן אַ טעמע פֿון דיסקוסיע. אויף דער עקזעקוטיווע־זיצונג דעם 20סטן יוני 1946 איז מענדעלסבערג אַרויסגעטראָטן לטובֿת אַ באַלדיקער אַרבעט פֿאַר שאַפֿן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אַ ייִדישן ייִשובֿ פֿון, ווי אַן אָנהייב, 500 מענטשן. גוטמאַן האָט אים אונטערגעהאַלטן: די ליגע דאַרף טאָן אַ רעאַלע נוציקע אַרבעט כּל־זמן ס'איז ניטאָ קיין טעריטאָריע, אָבער לעווין און ד״ר פּרוכטבוים זײַנען געווען קאַטעגאָריש קעגן: דאָס וועט אײַנשלינגען די גאַנצע ענערגיע און געלטמיטלען, וועט אָפּציִען פֿון דער ריכטיקער אַרבעט, וועט ניט האָבן קיין הצלחה אין אַמעריקאַנער באַדינגונגען און איז ניט כּולל קיין נאַציאָנאַלע צילן. ד״ר אַ. מוקדוני האָט

אין זײַן גרויסן פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל אַרום דער זעלביקער צײַט פֿאַרטיידיקט דעם געדאַנק פֿון קליין־קאָלאָניזאַציע (ניט דווקא אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן) אָן אָפּזאָגן זיך דערבײַ פֿונעם הויפּטציל: „אויך קליינע ייִדישע ישובֿים קענען זײַן געזונט אי עקאָנאָמיש אי קולטורעל״.[41] עס איז געבליבן, אַז מענדעלסבערג זאָל קריגן די מעגלעכקייט אָנצושרײַבן אין אויפֿן שוועל וועגן זײַן שטעלונג (ער האָט דאָס אָבער ניט געטאָן), און אינעם סדר־היום פֿון דער ערשטער לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע איז אַרײַנגענומען געוואָרן זײַן רעפעראַט אויף דער דאָזיקער טעמע.

נאָך דער קאָנפֿערענץ (סוף נאָוועמבער 1946) האָט די פֿראַגע פֿון אָרטיקער קאָלאָניזאַציע אויף אַ געוויסער צײַט פֿאַרלאָרן איר אַקטועלקייט. פֿון טעריטאָ־ריאַליסטישן שטאַנדפּונקט איז דאָס אייגנטלעך געווען אַ טייל פֿון דעם, וואָס מען פֿלעגט בשעתו אָנרופֿן „קעגנוואַרט־אַרבעט״ אָדער „אַרבעט אויף די ער־טער״. קיין דרינגלעכקייט איז אין איר ניט געווען, אַקעגן זשע איז די אײַנאָר־דענונג פֿון פּליטים געווען אַ פֿראַגע פֿון תּיכּפֿדיקער שאַרפֿער נויט. פֿאַר די פּליטים האָט מען געמוזט זוכן אַן אָרט אין אַן אומאַנטוויקלט לאַנד, וואָס זאָל זיך נייטיקן אין קאָלאָניסטן. ערשט אין די פֿופֿציקער יאָרן האָט דער ענין קליין־קאָלאָניזאַציע אויפֿן אָרט ווידער געגומען שפּילן אַ ראָלע אין דער פֿרײַלאַנד־ליגע.

אויפֿן ראַנד פֿון אָרטיקער קאָלאָניזאַציע און פּליטים־הילף איז געשטאַנען די פֿראַגע פֿון קאָלאָניזאַציע אין קאַנאַדע. שוין סוף 1944, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז דער קימבערלי־פּלאַן האָט ניט קיין עתיד, האָבן י. נ. שטיינבערג און אַדאַ סיגעל אָנגעהויבן אינפֿאָרמאַטיווע שמועסן מיט קאַנאַדער מלוכישע און פּאָליטישע טוערס. קאָלדוועל, פֿאָרזיצער פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָמאָנוועלט־פעדעראַציע פֿון קאַנאַדע, און אַנדערע טוערס האָבן געהאַלטן, אַז אַזעלכע מעג־לעכקייטן וואָלטן געקאָנט זײַן אין דער פּראָווינץ סאַסקאַטשעוואַן. אין מאַרץ 1946 האָבן י. נ. שטיינבערג און ש. גוטמאַן געהאַט וועגן דעם אַ שמועס מיטן קאַנאַדער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן מ. פּירסאָן, און אין מײַ פֿון זעלביקן יאָר זײַנען אַדאַ סיגעל און אַהרן סטעף אַרויסגעפֿאָרן קיין אָטאַוואַ אויף אונטער־האַנדלונגען מיטן אימיגראַציע־מיניסטער גלען. דעם זעלבן זומער איז דער רע־סורסן־מיניסטער פֿון סאַסקאַטשעוואַן צוגעטראָטן צו דער שטודיע פֿונעם ענין. די פֿראַגע פֿון קאָלאָניעס אין סאַסקאַטשעוואַן איז אָבער קודם־כּל געווען אָפּ־הענגיק פֿון דער אַלגעמיינער אימיגראַציע־פּאָליטיק פֿון קאַנאַדע בנוגע אייראָ־פּעיִשע פּליטים.

דערווײַל זײַנען אויפֿן האָריזאָנט פֿון דער ליגע אויפֿגעקומען פֿאַרשיידענע אַנדערע פּראָיעקטן און פּלענער פֿון אימיגראַציע און קליין־קאָלאָניזאַציע. אויף דער ערשטער אַסאַמבלעע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס אין לאָנדאָן (יאַנואַר 1946) האָט דער פֿאָרשטייער פֿון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק איבערגעחזרט דעם פֿאַרמלחמהדיקן אָפּעל פֿון פּרעזידענט טרוכיִיאָ וועגן אַרײַנלאָזן 100,000

ייִדישע אימיגראַנטן, דערפֿון 25,000 תיכּף.[42] קיין שום ייִדישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויפֿן דאָמיניקאַנער פּאָרשלאָג ניט אָפּגערופֿן. ד״ר פּעק און סײַמאָן גולד, האַלב אָפֿיציעלע דאָמיניקאַנער פֿאָרשטייערס, האָבן זיך דעמאָלט פֿאַר־בונדן מיט דער פרײַלאַנד־ליגע.

בײַם גאַנצן אומצוטרוי צו די אַנגערופֿענע ציפֿערן און צו דער טרוכיִיאָ־רעגירונג בכלל האָט די ליגע ניט געקאָנט אָפּוואַרפֿן ניט באַטראַכטערהייט די דאָזיקע מעגלעכקייט צו געפֿינען אַ שטיקל מקום־מיקלט פֿאַר אַ טייל ייִדישע פּליטים. די דאָמיניקאַנער אַמבאַסאַדע האָט אָפּגעשיקט צום סענאַטאָר לאַפּעס פּעניאַ, דעם ממונה איבערן ענין. מיטן סענאַטאָר זײַנען זומער 1946 פֿאָרגע־קומען באַגעגענישן און אַ בריוואויסבײַט, אָבער צו קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן איז מען ניט געקומען.

אַ סך וויכטיקער האָט געקאָנט זײַן די מעגלעכקייט, אַז עס זאָל באַנײַט ווערן דער האַראָלד איקעס־פּלאַן וועגן עפֿענען אַלאַסקע פֿאַר מחוץ־קוואָטע־אי־מיגראַנטן. איקעס, דעמאָלט שוין ניט דער אינערן־סעקרעטאַר פֿון דער אַמע־ריקאַנער רעגירונג, איז אַרויסגעטראָטן אין אַ זשורנאַל מיט אַ דערמאָנונג וועגן זײַן פּלאַן. אין יאַנואַר 1946 האָט זיך באַוויזן אַ ידיעה, אַז דער נײַער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָנגרעס־קאָמיסיע פֿאַר אימיגראַציע האָט בדעה צו שטעלן די פֿראַגע „וועגן באַזעצן אייראָפּעיִשע ייִדן אין אַלאַסקע און אַנדערע טעריטאָריעס פֿון די פֿש״א״. ניט נאָר דער טעריטאָריאַליסט אַ. נעוועלשטיין האָט אין פֿרײַלאַנד, אַפּ־ריל־מײַ 1946, געמאָלדן, אַז „מיר קאָנען אויסנוצן אַלאַסקע״, נאָר אויך דער ציוניסט ד״ר מרדכי כּ״ץ (טאָג, דעם 12טן פֿעברואַר 1946) — מיט די געווייג־לעכע ציוניסטישע באַוואָרענישן — האָט דאָך אונטערגעהאַלטן דעם געדאַנק פֿון באַזעצן אין אַלאַסקע, מיט איר געזונטן קלימאַט און נאַטור־אוצרות, אַ טייל ייִדן, וואָס קאָנען ניט אויסוואַנדערן קיין ארץ־ישׂראל.[43]

שטיינבערג, גוטמאַן, סטעף, לעווין, אַדאַ סיגעל זײַנען אין שייכות מיט דעם אַ סך מאָל געפֿאָרן קיין וואַשינגטאָן, ווו די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט געהאַט עטלעכע פֿרײַנד אין די געזעץ־געבערישע און אַדמיניסטראַטיווע קרײַזן. פּונקט ווי פֿאַר דער מלחמה, אַזוי האָט זיך אויך דעמאָלט פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿונעם איקעס־פּלאַן געפֿאָדערט אַ ספּעציעלער אַקט פֿונעם קאָנגרעס, אָבער מיטן אַוועקשטעלן דעם פּראָיעקט אויפֿן סדר־היום פֿונעם קאַפּיטאָל האָט מען זיך ניט געאײַלט. אַ סך שטאַרקער ווי די אָנהענגערס פֿונעם פּלאַן איז געווען די „לאָבי״ פֿון זײַנע קעגנערס. פֿעליקס ס. קאָהען, אַן אָנגעזעענער באַאַמטער פֿונעם אי־נערן־דעפּאַרטאַמענט, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיטן אַלאַסקע־פּראָיעקט פֿון אָנהייב אָן, האָט געשריבן[44] וועגן דעם, וואָס עס איז געשען בעת דער ערשטער באַטראַכטונג פֿונעם איקעס־פּלאַן (אין 1939־40):

קאָן זײַן, אויב דער גורל וואָלט געגעבן אַ ביסל מער צײַט פֿאַר אַק־ציע, וואָלט דער פּראָיעקט געקאָנט גובֿר זײַן די מניעות אין קאָנגרעס, וואָס עס האָבן געשטעלט אויף זײַן וועג דער איזאָלאַציאָניסטישער

סענאַטאָר ריינאָלדס פֿון צפֿון־קאַראָליַינע און אַנדערע נבֿיאים פֿון שׂינאה צו אַלץ, וואָס איז אייראָפּעיִש. קאָן זײַן, אויב געוויסע פּראָמינענטע ציוניסטישע לידערס וואָלטן ניט באַטראַכט אָט די פּראָגראַם ווי אַ דיווערסיע־פּלאַן צו בלאָקירן די קאָלאָניזאַציע פֿון פּאַלעסטינע; קאָן זײַן, אויב טייל פֿון סעקרעטאַר איקעסעס אייגענע געהילפֿן וואָלטן זיך ניט קעגנגעשטעלט דעם פּלאַן אויף אַן אַ שיעור פֿאַרשטעלטע אופֿנים — וואָלטן אפֿשר עטלעכע הונדערט טויזנט קרבנות פֿון היטלער־טעראָר זיך געראַטעוועט דורך באַזעצן די ליידיקע שטחים פֿון אונדזער צפֿון. אפֿשר וואָלט דאָרט איצט געווען אַ באַסטיאָן פֿאַר מוטיקע נשמות און וואַקסנדיקע אינדוסטריעס לענג־אויס אונדזער נאָך אַלץ וויסטער צפֿון־גרענעץ.

ניט בעסער איז די זאַך געשטאַנען נאָך דער מלחמה. אין אַ באַמערקונג צו קאָהענס ציטירטן אַרטיקל האָט די רעדאַקציע פֿון פֿרילענד געשריבן:

סוף 1944, קורץ פֿאַרן סוף פֿון דער מלחמה, האָט האַראָלד איקעס אַרומגערעדט זײַן אַלאַסקע־פּראָיעקט מיט פֿאַרשטייערס פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע. אַפֿילו דעמאָלט האָט ער געהאַלטן, אַז גרויסע מאַסן ייִדישע פּליטים און פּאָטענציעלע פּליטים וועלן זיך נייטיקן אין מעגלעכקייטן זיך צו באַזעצן נאָכן סוף פֿון דער מלחמה, און אַז אַ סך פֿון זיי וואָלטן געקאָנט געפֿינען אַזעלכע מעגלעכקייטן אין אַלאַסקע. אָבער האַראָלד איקעס האָט אָנגעוויזן, אַז צווישן די לידערס פֿונעם ייִדישן קיבוץ איז ניט נאָר געווען אַן אויספֿעל פֿון אינטערעס, נאָר אויך אַן אַקטיווע קעגנערשאַפֿט.

דער ענין האָט זיך געצויגן אָן שום פּעולה ביז 1947 און איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

וואַנדרונג צו ענגלאַנד און גבֿית־עדות פֿאַר דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע

נאָך דעם ווי עס זײַנען ניט געבליבן קיין רעאַלע האָפֿענונגען, אַז דער קימבערלי־פּראָיעקט קאָן באַנײַט ווערן, האָט די נאָענטסטע מעגלעכקייט אויסגעוויזן צו זײַן די בריטישע גוויאַנע, וואָס איז אָפֿיציעל אָנגעבאָטן געוואָרן דורך טשעמבערלענס רעגירונג אין מײַ 1939. זומער 1945 איז אין ענגלאַנד געקומען צו דער מאַכט דער לייבאָריסטישער קאַבינעט פֿון קלעמענט אַטלי. אָבער ווענדן זיך מיט אַ פּעטיציע צו דער בריטישער רעגירונג איז פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־ליגע געווען אוממעגלעך צוליב מאָראַלישע און פּאָליטישע טעמים אַזוי לאַנג, ביז די פּאַלעסטינער פּאָליטיק פֿון אַטליס קאַבינעט איז נאָך ניט געווען פֿעסטגעשטעלט. עס האָט זיך נאָר געקאָנט האַנדלען וועגן שיקן קיין לאָנדאָן י. נ. שטיינבערגן און אפֿשר נאָך אַ דעלעגאַט, בכדי צוריק אויפֿצושטעלן דאָרטן דעם אייראָפּעיִשן צענטער פֿון דער ליגע און קריגן אומאָפֿיציעלע אינפֿאָרמאַציע. אָבער אין די ערשטע נאָכמלחמה־חדשים איז ניט געווען קיין פּשוטע זאַך צו קריגן פֿאַר שטיינבערגן די ענגלישע וויזע.

דערווײַל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּרעמיער אַטלי קומט דעם 11טן נאָ־וועמבער 1945 קיין וואַשינגטאָן. מען האָט אויף יעדן פֿאַל צוגעגרייט אַ מעמאָ־ראַנדום וועגן דערלויבן אַ ייִדישן ייִשובֿ אין אַ בריטישער קאָלאָניע. בײַם רע־דאַגירן אים האָט מען זאָרגעוודיק אַרויסגעלאָזן יעטוועדן רמז, וואָס עמעץ וואָלט געקאָנט טײַטשן ווי אַ פּשרה מיטן „ווײַסן בוך". מען האָט אויך באַזײַטיקט די ווערטער וועגן „ניט־פּאָליטישן כאַראַקטער פֿון דער קאָלאָניזאַציע", ווײַל די בריטישע רעגירונג־דעקלאַראַציע וועגן גוויאַנע האָט אַליין צוגעזאָגט דעם קו־מענדיקן ייִשובֿ „אַ ברייטע מאָס אויטאָנאָמיע". אָבער היות ווי קיין דעציזיעס וועגן דער פּאַלעסטינע־פֿראַגע האָט מען אין לאָנדאָן נאָך ניט אַרויסגעטראָגן, האָט זיך די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אָפּגעהאַלטן פֿון דערלאַנגען אַטלין דעם מע־מאָראַנדום.

דעם 13טן נאָוועמבער איז ענדלעך פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן די שותּפֿישע דערקלערונג פֿון פּרעזידענט טרומאַן און בריטישן אויסלאַנד־מיניסטער בעווין וועגן דער פּראָבלעם פֿון אייראָפּעיִשע ייִדן און פּאַלעסטינע.[45] די דערקלערונג איז געווען אַן ערנצטער קלאַפּ פֿאַר די ציוניסטישע פֿאָדערונגען. ערשטנס, האָט די בריטישע רעגירונג אָפּגעוואָרפֿן טרומאַנס בקשה אַרײַנצולאָזן במשך פֿון אַ קורצער צײַט 100,000 ייִדן קיין פּאַלעסטינע; זי האָט מסכּים געווען צו פֿאַר־גרעסערן די אימיגראַציע־קוואָטע פֿונעם „ווײַסן בוך" בלויז מיט 1,500 אַ חודש. צווייטנס, זײַנען ביידע רעגירונגען מסכּים געווען, אַז פּאַלעסטינע דאַרף ווערן אַ טעריטאָריע אונטערן אַפּוטרופּסות פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס און מיט דער צײַט באַקומען אַליין־פֿאַרוואַלטונג ווי פּאַלעסטינע און ניט ווי אַ ייִדישע מלוכה. דריטנס, האָט די דערקלערונג אָפּגעטיילט די פּאַלעסטינע־פֿראַגע פֿון דער פּראָבלעם פֿון היימלאָזע ייִדן אין אייראָפּע, בשעת ווען די ציוניסטן זײַנען כּסדר באַשטאַנען, אַז דאָס איז איין פֿראַגע, אַז דער איינציקער מקום־מיקלט פֿאַר די ייִדישע פּליטים קאָן און דאַרף זײַן נאָר פּאַלעסטינע. לויטן הסכּם צווישן די פֿאַראייניקטע שטאַטן און גרויס־בריטאַניע האָט מען געשאַפֿן „אַ שותּפֿישע קאָ־מיסיע פֿאַר דער אויספֿאָרשונג פֿון דער גאַנצער פּראָבלעם פֿון אייראָפּעיִשע ייִדן און פֿון פּאַלעסטינע, אַרײַנגערעכנט די ראַסן־פֿראַגע אויפֿן גאַנצן נאָענטן מיזרח".

די אויפֿגאַבעס פֿון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע זײַנען געווען: 1) אויספֿאָרשן די באַדינגונגען אין פּאַלעסטינע אין שייכות מיט דער ייִדישער אי־מיגראַציע און קאָלאָניזאַציע דאָרטן און דעם וווילשטאַנד פֿון אירע איצטיקע אײַנוווינערס; 2) אויספֿאָרשן די מערכה פֿון די ייִדן אין יענע לענדער פֿון איי־ראָפּע, וווּ זיי זײַנען געווען אַ קרבן פֿון נאַצישע און פֿאַשיסטישע רדיפֿות; גע־פֿינען, וואָסערע מיטלען האָט מען אָנגענומען אָדער באַטראַכט אין אָט די לענ־דער מעגלעך צו מאַכן די ייִדן צו לעבן פֿרײַ פֿון דיסקרימינאַציע און אונטער־דריקונג; און אָפּשאַצן, וויפֿל פֿון די דאָרטיקע ייִדן ווילן אָדער וועלן געניט ווערן פֿון די באַדינגונגען צו עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע אָדער אין אַנדערע ניט־

איראָפּעיִשע לענדער; 3) אויסהערן די מיינונגען פֿון קאָמפּעטענטע עדות, אַראַבער און ייִדן; 4) מאַכן רעקאָמענדאַציעס די רעגירונגען פֿון גרויס־בריטאַניע און די פֿאַראייניקטע שטאַטן וועגן מאָסמיטלען אַנטקעגנצוקומען דער נויט פֿון די איראָפּעיִשע ייִדן דורך אַ געהעריקער אַקציע אין זייערע לענדער אָדער דורך מעגלעך מאַכן זייער עמיגראַציע און באַזעצונג אין לענדער מחוץ איראָפּע.

די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט זיך סאָלידאַריזירט מיטן פּראָטעסט און אויפֿרעגונג פֿון ניט נאָר ציוניסטן, נאָר אַלע ייִדן צוליבן בריטישן אָפּזאָג אַרײַנצולאָזן קיין פּאַלעסטינע 100,000 פּליטים.[46] אָבער מיט פּראָטעסט אַליין האָט מען זיך ניט געטאָרט באַנוגענען — מען האָט געדאַרפֿט טראַכטן וועגן די אומגליקלעכע ייִדן אין די די־פּי־לאַגערן ווי וועגן לעבעדיקע מענטשן און ניט נאָר ווי וועגן אַ מכשיר פֿון דרוק אויף דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג פֿון ענגלאַנד און אַמעריקע פֿאַר די פּאָליטישע צילן פֿון ציוניזם.[47] די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער דערקלערונג האָט אויסגעברייטערט די פֿראַגע, זי האָט גערעדט וועגן אויסגעפֿינען פֿאַר אַ טייל פֿון דער שארית־הפּליטה אײַנאָרדענונג־מעגלעכקייטן אין אַנדערע לענדער מעבֿר־לים. די זאַך פֿון דער ליגע איז געווען צו פֿלײַסן זיך, אַז די פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער פּליטים־פֿראַגע מחוץ פּאַלעסטינע זאָל טראָגן אַ קאָנסטרוקטיוון און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

נאָך דער טרומאַן־בעווין־דערקלערונג האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע געקראָגן די מעגלעכקייט אָנצוגיין מיט איר מעמאָראַנדום צום בריטישן פּרעמיער. אינעם מעמאָראַנדום האָט זיך ניט גערעדט ספּעציפֿיש וועגן גוויאַנע, נאָר וועגן אַן אומבאַזעצטן שטח אין גדר פֿון דער בריטישער אימפּעריע. אינעם באַגלייט־בריוו (פֿון 14טן נאָוועמבער 1945) איז געווען אַ רעפֿערענץ צו די אויספֿירן פֿון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער דערקלערונג, אַז פּאַלעסטינע אַליין קאָן ניט פֿאַרענטפֿערן די גאַנצע פֿראַגע פֿון ייִדישע פּליטים און אַז מען דאַרף טראַכטן וועגן זייער אימיגראַציע און באַזעצונג אין אַנדערע לענדער מחוץ איראָפּע. די פֿרײַלאַנד־ליגע וואָלט געקאָנט שפּילן אַ נוציקע ראָלע אין אַזאַ אַרבעט, אויב דאָס זאָל ברענגען צו אַ פּערמאַנענטער ייִדישער היים און ניט זײַן בלויז אַ צעוואָרפֿענע אימיגראַציע אין צײַטווײַליקע אַרײַנפֿאָר־ערטער.[48] דעם מעמאָראַנדום האָט אָפּגענומען דער סעקרעטאַר פֿון דער בריטישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן דזש. באַלפֿור און האָט תּיכּף טעלעגראַפֿירט זײַן פֿולן טעקסט קיין לאָנדאָן.[49] דעם 9טן יאַנואַר 1946 האָט דער בריטישער אַמבאַסאַדאָר אָנגעשריבן דער פֿרײַלאַנד־ליגע:

> מ״ר בעווין האָט מיך געבעטן צו דאַנקען אײַך פֿאַר אײַערע אינטערעסאַנטע פֿאָרשלאָגן און אויסצודריקן זײַן האָפֿענונג, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע וועט אויסנוצן די געלעגנהייט פֿאָרצושטעלן איר פֿאָרשלאָג דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע בשעת זי האַלט אָפּ אירע זיצונגען אין וואַשינגטאָן.[50]

דאָס איז געווען אַ העפֿלעכער אופֿן אויסצומײַדן צו געבן אַ תּשובֿה אויפֿן

מעמאָראַנדום. דערווײַל האָט די ליגע אַליין באַטראַכט, צי זי זאָל אַרויסטרעטן מיט אירע מיינונגען פֿאַר דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע, ווי דאָס האָבן געטאָן אַנדערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, אָדער זיך באַנוגענען מיט דירעקטע אונטערהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד. געבליבן איז, אַז מען דאַרף יאָ אַרויסטרעטן פֿאַר דער קאָמיסיע. גלײַך אויפֿן ערשטן אָנפֿרעג האָט די קאָמיסיע טעלעגראַפֿיש מודיע געווען, אַז דער פֿאַרהער פֿונעם פֿרײַלאַנד־פֿאָרשטייער איז באַשטימט אויפֿן 14טן יאַנואַר. לויטן רעגלאַמענט פֿון דער קאָמיסיע האָט יעדע דעלעגאַציע געדאַרפֿט צושטעלן אַ שריפֿטלעכן מעמאָראַנדום. דער פֿרײַלאַנד־מעמאָראַנדום האָט בקיצור פֿאָרמולירט די גרונטגעדאַנקען פֿון דער ווענדונג צו דער סאַן־פֿראַנציסקער קאָנפֿערענץ.[51] וועגן פּאַלעסטינע (פּונקט 6) האָט זיך געזאָגט:

אַ קאָלאָניזאַציע לויט ענלעכע ליניעס ווערט דורכגעפֿירט אין פּאַלעסטינע. אָפּשאַצנדיק און אונטערשטיצנדיק די גרויסע דערגרייכונגען פֿון ייִדישער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט אין פּאַלעסטינע, האַלט ניט די פֿרײַלאַנד־ליגע, אַז דער גאַנצער עתיד פֿונעם ייִדנטום דאַרף זײַן פֿאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן לאַנד. די פֿרײַלאַנד־ליגע גלייבט, אַז דאָס „ווײַסע בוך" ווי אַ סימבאָל פֿון דיסקרימינאַציע קעגן ייִדישן פֿאָלק אין און מחוץ פּאַלעסטינע דאַרף תּיכּף אָפּגעשאַפֿט ווערן. אָבער די קאָמפּליצירטע פּאָליטישע סיטואַציע אין און אַרום פּאַלעסטינע האָט געשאַפֿן אַ צושטאַנד, וואָס שטערט, צום באַדויערן, דעם פֿרײַען שטראָם פֿון ייִדישע אימיגראַנטן אין דעם נייטיקן פֿאַרנעם.

פֿאַר דער קאָמיסיע אונטערן טאָפּל־פֿאָרזיץ פֿון ריכטער דזשאָזעף סי. האַטשעסאָן (פֿש"אַ) און סער דזשאָן סינגלטאָן (ענגלאַנד) איז מצד דער פֿרײַלאַנד־ליגע אַרויסגעטראָטן י. נ. שטיינבערג.[52] ער האָט גערעדט אַרום 20 מינוט. לויט זײַנע ווערטער, האָבן ייִדן אין די לעצטע יאָרן געליטן אין אייראָפּע ווי אַ ציבור און די פֿאַרענטפֿערונג פֿון זייער פֿראַגע מוז זיך רעכענען מיט זיי ווי מיט אַ ציבור. טייל פֿון זיי וועט אפֿשר וועלן בלײַבן אין די לענדער פֿון אייראָפּע, אָבער דער רובֿ וועט, צוליב עקאָנאָמיש־פּאָליטישע און מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישע טעמים, וועלן זיך געפֿינען אַן אַנדער אָרט. דאַרף מען זיי קומען אַנטקעגן ניט מיט אינדיווידועלער עמיגראַציע, ניט מיט לאָזן זיי קלאַפּן זיך אין פֿרעמדע טירן, נאָר מיט אַ פֿולער פֿאַרענטפֿערונג, מיט קאָלאָניזאַציע. עס דאַרף גיין ניט אין איבערלעב, נאָר אין אויפֿלעב; אין אָנהייב אַ נײַעם לעבן ניט ביחידות, נאָר בציבור.

שטיינבערג האָט דערקלערט, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע צוזאַמען מיטן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק שאַצט אָפּ די וווּנדערלעכע פּיאָנירישע אויפֿטוען פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע. ער האָט איבערגעחזרט די פֿאָדערונג פֿון דער ליגע, אַז דאָס „ווײַסע בוך" זאָל תּיכּף אָפּגעשאַפֿט ווערן, בכדי „דאָס פֿאָלק זאָל קאָנען גיין קיין פּאַלעסטינע און אָנגיין מיטן בויען אַ ייִדישע היים". אָבער די פּראָבלעם פֿון ייִדישער באַזעצונג אין פּאַלעסטינע איז ניט נאָר אַ פֿראַגע פֿון קאָלאָניזאַציע, ס'איז אויך אַ פּאָליטישע פֿראַגע.

דער הויפּטפּונקט איז, אַז אַ ייִדישע מלוכה הײַנט צו טאָג, אויב זי וועט ניט עטאַבלירט ווערן מיט דער מיטהילף און הסכם פֿונעם אַראַ־בישן פֿאָלק, וועט זײַן זייער אַ שווערע פּראָבלעם.

איך האָב מורא ניט פֿאַרן קאַמף פֿאַרן עטאַבלירן די מלוכה; איך האָב מורא פֿאַר די קאָנסעקווענצן פֿונעם קאַמף. (...) אַזאַ מלוכה וועט מוזן זײַן מיליטאַריזירט, און אונדזערע מענטשן וועלן גלײַך פֿון אָנהייב ווערן מיליטאַריזירט. איך האָב מורא, אַז אין אַזעלכע תּנאָים וועט די מאָראַלישע, גײַסטיקע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿונעם לאַנד פֿאַר־קריפּלט ווערן.

דערנאָך האָט ער דערציילט וועגן דעם וועג פֿון פֿרײַלאַנד און האָט אויס־געדריקט זײַן איבערצײַגונג, אַז מען קען נאָך שאַפֿן אויף דער וועלט אַן אָרט, וווּ ייִדן זאָלן קאָנען ניט סתּם וווינען, נאָר לעבן אין אַן אַטמאָספֿער פֿון היים און משפּחה. ער האָט דערמאָנט וועגן זײַן דערפֿאַרונג אין אויסטראַליע, און האָט געענטפֿערט אויף אַ ריי פֿראַגעס פֿון די פּאַרזיצערס און קאָמיסיע־מיטגלידער. דער אַמעריקאַנער פּאַרזיצער ריכטער האַטשעסאָן האָט פֿאַרענדיקט דעם פֿאַר־הער מיט די ווערטער:

איך מיין, אַז איר האָט געמאַכט זייער אַן אינטערעסאַנטע דערקלע־רונג און אַרויסגעוויזן זייער אַן אָנפּניותדיקן צוגאַנג מיט דעם, וואָס איר האָט ניט געזאָגט „עס מוז זײַן דאָס" און „עס מוז זײַן יענץ". אײַער זאָ־מען איז קליין, אָבער אין אים איז דאָ גײַסט. אײַער באַוועגונג איז ווערט, זי זאָל זײַן פּראָדוקטיוו און זאָל וואַקסן. זאָל אײַך גאָט העלפֿן.

דערווײַל האָט דער בריטישער קאָנסולאַט מודיע געווען, אַז שטיינבערג וועט קריגן אַ וויזע אויף זעקס חדשים. עס איז אויך געראָטן צו באַקומען פֿאַר אים אַ צוריק־וויזע קיין אַמעריקע. מען האָט גערעכנט, אַז צוזאַמען מיט אים וועט פֿאָרן סטעף. אָבער דער אַרויספֿאָר האָט זיך פֿאַרצויגן. אין צווישן זײַנען אַרויסגעשווומען קאָנטאַקטן מיט צוויי אַנדערע קאָלאָניאַלע מלוכות: פֿראַנקרײַך און האָלאַנד.

די פֿראַגע פֿון די דרײַ גוויאַנעס

מיר געדענקען, אַז אינעם לעצטן יאָר פֿאַר דער מלחמה זײַנען פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע פֿון ייִדישע פּליטים געקומען אין באַטראַכט ניט נאָר די בריטישע גוויאַנע, נאָר אויך די אַנדערע צוויי — די פֿראַנצייזישע און די האָלענדישע. אין 1946 זײַנען די דרײַ גוויאַנעס צוריק אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפֿן סדר־היום פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע ווי טיילן פֿון אַ גרויסן טעריטאָריאַליסטישן פּלאַן.

דער איניציאַטאָר פֿון אָט דעם פּלאַן, דער עיקר פון זײַן סורינאַמער קאַפּיטל, איז געווען אַ ייִד פון האָלאַנד, פּראָפֿעסאָר באָריס ראַפּשינסקי, אַ היסטאָריקער און געאָגראַף. אַ געבאָרענער אין אוקראַיִנע, איז ער אין זײַנע יונגע יאָרן געווען אַ פּועל־ציון, אָבער נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעלעבט

אין האָלאַנד די דײַטשע אָקופּאַציע, איז ער אַריבער אויף טעריטאָריאַליסטישע פּאָזיציעס. אונטערן רושם פֿונעם יידישן חורבן האָט ער זיך געשטעלט פֿאַרן ציל אַ יידישע מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין אַלע דרײַ גוויאַנעס, עס זאָל דאָרט אויפֿקומען אַ גרויסע יידישע טעריטאָריע אונטערן פּראָטעקטאָראַט פֿון דרײַ דעמאָקראַטישע מלוכות פֿון מערבֿ־אייראָפּע. זינט אָקטאָבער 1945 האָט זיך אין ניו־יאָרק געפֿונען דער פֿאַרדינסטפֿולער האָלענדישער פֿרײַלאַנדיסט העני וואַן לעווען, וואָס איז בלויז מיט עטלעכע חדשים פֿריִער אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן דורך דער ענגלישער אַרמיי פֿונעם אומקום־לאַגער בערגען־בעלזען. דורך אָט דעם לאַנדסמאַן און אידעעס־חבֿר האָט זיך ד״ר ראַפּטשינסקי פֿאַרבונדן מיט דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אין ניו־יאָרק און האָט אין יאַנואַר 1946 געשיקט צו איר בריוו וועגן זײַנע פּלענער.

זײַנע השקפֿות האָט ד״ר ראַפּטשינסקי אין גיכן סיסטעמאַטיש אַנטוויקלט אינעם אַרטיקל „די גוויאַנעס זײַנען די טעריטאָריע״ (אויפֿן שוועל, יוני־יולי 1946). זײַן טעריטאָריאַליזם איז געווען אַ גרויס־פֿאַרנעמיקער, ער האָט געהאַט אין זינען אַ טעריטאָריע פֿאַר עטלעכע מיליאָן יידן מיט אינעווייניקסטע רעזערוון פֿאַר ווײַטערדיקן וווּקס. איז טאַקע זײַן ערשטער פּאָסטולאַט געווען — אַ גענוגנדיקער שטח. די ווײַטערדיקע נײַן פּונקטן האָבן אַרויסגעשטעלט אַנדערע באַדינגונגען: פֿאַרטרעגלעכער קלימאַט, באָדן פֿון לפּחות מיטעלער פּרודוקטיקייט, געוויסע מינעראַל־אוצרות, ענערגעטישע רעסורסן, אַרויסגאַנג צום ים, אינלענדישער וואַסער־טראַנספּאָרט, האָוונס, קליינע און שיטערע אָרטיקע באַפֿעלקערונג, וואָס זאָל דערבײַ ניט זײַן אַ טייל פֿון אַ גרויסער נאַציע, נאָר אַ סעפּאַראַטער שבֿט, אָדער, נאָך בעסער, עטלעכע באַזונדערע שבֿטים. די טעריטאָריע טאָר ניט זײַן קיין סוווערענע מלוכה, וואָרעם אַזאַ מלוכה וועט ניט אײַנגיין אויף דער עטאַבלירונג פֿון אַ קאָמפּאַקטן יידישן יישובֿ. פּאַסיקע ערטער זײַנען בכן פֿאַרבליבן נאָר אין די טראָפּישע לענדער, אָבער ניט אין אַפֿריקע, ניט אין אויסטראַליע, ניט אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער רעפּובליקן.

> אין דרום־אַמעריקע איז אייגנטלעך דאָ נאָר איין לאַנד, וואָס אַנטשפּרעכט די אויבן דערמאָנטע פֿאָדערונגען. דאָס איז גוויאַנע. נאָך אַ סך טראַכטענישן איז דער מחבר פֿון אָט דעם אַרטיקל געקומען צום אויספֿיר, אַז גוויאַנע איז כּמעט דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט, וועלכע אין איצטיקן מאָמענט וואָלט זײַן פּאַסיק פֿאַר יידישער קאָלאָניזאַציע (...)

ראַפּטשינסקי האָט אָנגעוויזן, אַז די דרײַ גוויאַנעס צוזאַמען האָבן אַ שטח פֿון 465,000 קוו קמ מיט אַ באַפֿעלקערונג פֿון בלויז 536,000. מען מוז האָבן אין זינען אַלע דרײַ, וואָס שאַפֿן אַ געאָגראַפֿישע און עקאָנאָמישע גאַנצקייט. דעם גרעסטן באַטײַט האָט די בריטישע גוויאַנע, נאָך איר — סורינאַם און צו לעצט — די פֿראַנצייזישע גוויאַנע. צוליב דער שטאַרקער עטנישער און רעליגיעזער צעשפּליטערטקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין דער בריטישער, און נאָך מער — אין דער האָלענדישער גוויאַנע האָט זיך ראַפּטשינסקין אויס־

געוויזן, אַז שאַפֿן אַ גרויסן ייִדישן מאַסיוו, און אפֿשר אַפֿילו אַ ייִדישע מערהייט, איז דאָרט גרינגער ווי אַנדערש ווּ.

די גרונטגעדאַנקען פֿון ראַפּטשינסקיס אַרטיקל זײַנען שוין געווען פֿאָר־געשטעלט אין זײַנע בריוו, וואָס מען האָט באַטראַכט אויף דער זיצונג פֿון אָפּיס־קאָמיטעט דעם 5טן פֿעברואַר 1946. לטובֿת ראַפּטשינסקיס פֿאָרשלאָג האָבן זיך באַלד אַרויסגעזאָגט ד״ר פּרוכטבוים, וואָס האָט פֿאָרגעלייגט, מען זאָל באַפּולמעכטיקן ראַפּטשינסקין אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען מיט דער האָלענדישער רעגירונג, און יעקבֿ לעוויך, וואָס האָט געזען אין זײַן פֿאָרשלאָג אַן עכט טעריטאָריאַליסטישן פּלאַן, ניט אַזאַ ווי דער גלײַכצײַטיק באַטראַכטער ענין דאָמיניקאַנער רעפּובליק, ווּ ער האָט ניט געזען קיין שום ערנצטע פּערספּעקטיוו.

אין מאַרץ 1946 איז דער געוועזענער פּרעמיער לעאָן בלום געקומען קיין וואַשינגטאָן ווי אַן אויסעראָרדנטלעכער שליח פֿון דער פֿראַנצייזישער רעגירונג. אין דער פֿרײַלאַנד־ליגע האָט מען גוט געדענקט, אַז מאַריוס מוטע האָט געמאַכט זיין דעקלאַראַציע, זײַענדיק דער קאָלאָניעס־מיניסטער אין בלומס ערשטער רעגירונג. פֿאַר די אויגן פֿון ניט איין פֿרײַלאַנדיסט האָט נאָך אַלץ געשוועבט דאָס בילד פֿון נײַ־קאַלעדאָניע. שטיינבערג האָט, אמת, אָנגעוויזן, אַז נײַ־קאַלעדאָניע איז ניט לײַכט צו קריגן. איצט, ווען בלום איז געקומען קיין אַמעריקע, איז געבליבן בעטן בײַ אים אַן אוידיענץ און דערלאַנגען אַ מעמאָראַנדום. די אויספֿירונג האָט מען איבערגעגעבן גוטמאַנען, לעווינען און אַדאַ סיגעלן. דער אַלגעמיינער טייל פֿונעם מעמאָראַנדום צו דער פֿראַנצייזי־שער רעגירונג איז געווען געבויט אויפֿן מעמאָראַנדום צו דער אַנגלאָ־אַמערי־קאַנער קאָמיסיע. דער מעמאָראַנדום האָט אַפּעלירט צום פֿאָלק און צו דער רעגירונג פֿון פֿראַנקרײַך — „וואָרעם הומאַניזם און פּראַקטישע וויזיע זײַנען אַן אינטעגראַלער טייל פֿונעם פֿראַנצייזישן כאַראַקטער“ — און האָט דער־מאָנט, אַז

> אין גבֿול פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָלאָניאַלער אימפּעריע זײַנען פֿאַראַן שיטער באַפֿעלקערטע לענדער, ווּ אַ ייִדישער ייִשובֿ וואָלט גע־קאָנט בליִען אין דינסט פֿון ייִדישן פֿאָלק און פֿונעם פֿאָלק פֿון פֿראַנק־רײַך.
>
> אין 1938 האָט ה׳ מוטע, דעמאָלטיקער קאָלאָניעס־מיניסטער פֿון דער פֿראַנצייזישער רעגירונג, אָנגעוויזן, אַז די אינדזלען פֿון נײַ־קאַלע־דאָניע אויפֿן דרום־פּאַסיפֿיק וואָלט מען געקאָנט באַטראַכטן ווי אַ פּאַסי־קער שטח פֿאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע. אין יענער צײַט זײַנען פֿאָרגע־קומען אונטערהאַנדלונגען צווישן ה׳ מוטע און דער פֿרײַלאַנד־ליגע. אין 1939 האָט דער מאַרטירעריש אומגעקומענער זשאָרזש מאַנדעל באַנײַט די אונטערהאַנדלונגען, אָבער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה און דער פּראָיעקט איז אָפּגעלייגט געוואָרן.[53]

לעאָן בלומס זון ראָבער בלום, וואָס האָט אים באַגלייט קיין וואַשינגטאָן,

האָט ניט געקאָנט גאַראַנטירן אַ צײַט פֿאַר דער געבעטענער אוידיענץ. האָט מען באַשלאָסן אָפּצולייגן די באַגעגענישן מיט פֿראַנצייזישע רעגירונג־מיטגלידער (בתוכם מיטן קאָלאָניעס־מיניסטער, וואָס דעם דאָזיקן פּאָסטן האָט ווידער פֿאַרנומען מאַריוס מוטע) ביז שטיינבערגס וויזיט אין מערבֿ־אייראָפּע.

אָנהייב פֿון אונטערהאַנדלונגען וועגן סורינאַם

ד"ר ראַפּשינסקי איז געווען גוט באַקאַנט מיט האָלענדישע מלוכה־מענער פֿון פּראָגרעסיווע און סאָציאַליסטישע קרײַזן, וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט דער ערשטער רעגירונג פֿונעם באַפֿרײַטן האָלאַנד. באַקומען די ידיעה, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע איז פֿאַראינטערעסירט אין די סורינאַמער מעגלעכקייטן, האָט ער זיך אין מאַרץ 1946 באַגעגנט מיטן פּרעמיער־מיניסטער פּראָפּ' וו. שערמערהאָרן און אים איבערגעגעבן וועגן זײַן פּלאַן. שערמערהאָרן איז געווען אַ הומאַנער מענטש און זײַן פֿרײַנדשאַפֿט צו ייִדן איז נאָך שטאַרקער געוואָרן אין די יאָרן פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע, ווען ער האָט געליטן צוזאַמען מיט זיי. ער האָט זיך מיט פֿאַרשטענדעניש אָפּגערופֿן אויף ראַפּשינסקיס פֿאָרשלאָגן ניט בלויז צוליב סימפּאַטיע צו די ליידן פֿון ייִדישן פֿאָלק, נאָר אויך צוליב דער פֿאַראינטערעסירטקייט אין אויפֿלעבן און אַנטוויקלען סורינאַם דורך צוציִען אַהין אַ פּראָדוקטיוון קאָלאָניסטן־עלעמענט. אָבער ראַפּשינסקיס ראַדיקאַלער און מאַקסימאַליסטישער צוגאַנג האָט אים באַאומרויִקט. לויט דעם פּרעמיערס בקשה האָט פּראָפּ' פֿראַנסואַ (וואָס, זײַענדיק אַ מיניסטער אין 1938, האָט ער געהאָלפֿן וואַן לעווענס אַקציע אַרום דער עוויאַן־קאָנפֿערענץ) אָנגעשריבן צו וואַן לעוועגען קיין ניו־יאָרק. פֿון וואַן לעווענס ענטפֿער [54] זעט מען, וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן די זאָרג פֿון דער האָלענדישער רעגירונג און ווי אַזוי וואַן לעווען האָט זיך געפֿלײַסט זי צו באַרויִקן:

> (...) ס'איז פֿולשטענדיק אמת, אַז ס'איז דאָ אַ מורא פֿאַר אַ מלוכה אין אַ מלוכה, אָבער איך מיין, אַז מענטשן וועלן זיך באַפֿרײַען פֿון אָט דער מורא, וואָס האָט ניט קיין יסוד. בשעת איך האָב געאַרבעט אינעם ייִדישן פֿאָלקסדינסט און שפּעטער אין דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפֿט, האָב איך געשטרעבט צו רעליגיעז־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פֿאַר ייִדן, ווען זיי וועלן באַקומען דאָס רעכט צו בויען אַ ייִדישע היים אין אַ שיטער באַוווינטער טעריטאָריע אָדער טייל טעריטאָריע אָן ווײַטערדיקע פּאָליטישע רעכט. צווישן דעם פֿאָלק וועלן מיר שאַפֿן אַ סעקטאָר — איר קאָנט דאָס אָנרופֿן אַ פּראָווינץ — ווו מיר וועלן קאָנען אויסבויען אונדזער אייגענעם ציבור לויט די באַדערפֿענישן פֿון אונדזער נשמה, אָבער ענג פֿאַרבונדן און מיט דער זעלבער בירגערשאַפֿט ווי דאָס פֿאָלק, וואָס האָט אונדז געגעבן אונדזער היים. אין דעם טייל לאַנד וועלן מיר בויען אונדזערע ייִדישע דערפֿער און ייִדישע שטעט, כּדי צו אידענטיפֿיצירן זיי מיט אונדזער אייגענער ייִדישער קולטור.

זיך אָפּזאָגנדיק פֿון פּאָליטיש־מלוכישע אַספּיראַציעס, האָט אָבער וואַן

לעווען אונטערגעשטראָכן די נאַציאָנאַל־קולטורעלע פּאַרזיכיקייט פֿונעם קומענ־דיקן ייִדישן ייִשובֿ. ער האָט גערופֿן די האָלענדישע רעגירונג צו דערלויבן אַזאַ ייִשובֿ אין סורינאַם און צו מעלדן וועגן דעם אויף דער נאָענטסטער אַסאַמבלעע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס. ער האָט אויך געפֿרעגט, צי די רעגירונג וואָלט מסכּים געווען אויף דירעקטע אונטערהאַנדלונגען מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע, וואָס איר אָנפֿירער ד״ר שטיינבערג פֿאָרט גראָד אַרויס קיין איראָפּע.

דערווײַל איז ד״ר שטיינבערג דעם 20סטן מאַרץ 1946 אָפּגעשוווּמען קיין לאָנדאָן אויף דער „קווין מערי״. צופֿעליק האָט זיך אויף דער זעלבער שיף געפֿונען דער גובערנאַטאָר פֿון סורינאַם, ד״ר י. צ. בראָנז, אויפֿן וועג קיין האַג. וואָן לעווען, וואָס האָט זיך געטראָפֿן מיטן גובערנאַטאָר בעת יענער איז דורכגעפֿאָרן ניו־יאָרק, האָט באַלד אויף מאָרגן געשיקט דרײַ טעלעגראַמען: שטיינבערגן (געחתמעט אויך דורך ש. גוטמאַנען) — ער זאָל קאָנטאַקטירן בראָנזן אויף דער שיף, בראָנזן — ער זאָל אויפֿנעמען שטיינבערגן, און ראַפּ־טשינסקין — אַז בראָנז וועט אים אויפֿנעמען אין האַג אָנהייב אַפּריל מכּוח ייִדישער קאָלאָניזאַציע.

שטיינבערגס באַגעגעניש מיטן גובערנאַטאָר פֿון סורינאַם איז געווען דער־מוטיקנדיק. בראָנז איז געווען זייער גוט אינפֿאָרמירט וועגן דער עקספּעדיציע קיין סורינאַם בראש מיט פּראָפּ׳ סוועלענגרעבעל אין 1939, וואָס אירע אויס־פֿירן זײַנען געווען, אַז דער קלימאַט פֿון לאַנד איז צוגעפּאַסט פֿאַר פֿיזיש אַרבעטנדיקע ווײַסע מענטשן. ער האָט געדענקט די אָפֿיציעלע ציפֿער פֿון 1939 — 40,000 ייִדישע קאָלאָניסטן — ווי דעם פֿאַרנעם פֿונעם קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט. דער גובערנאַטאָר איז געווען פֿאַרן פּלאַן פֿון אַ ייִדישן ייִשובֿ אין סורינאַם און האָט געמיינט, אַז די האָלענדישע רעגירונג וועט דערויף מסכּים זײַן.[55]

דער אָפּיס־קאָמיטעט פֿון דער ליגע האָט דעם 2טן אַפּריל געגעבן שטיינ־בערגן די פֿולמאַכטן צו פֿאַרהאַנדלען הן וועגן דער בריטישער, הן וועגן דער האָלענדישער גוויאַנע און, אויב נייטיק, צופֿאָרן קיין האַג — בפֿרט כּדי צו צעשלאָגן די ספֿקות נאָך דעם פּרעמיערס באַגעגעניש מיט ראַפּטשינסקין. אין הסכּם דערמיט האָט שטיינבערג דעם 16טן אַפּריל טעלעגראַפֿיש געבעטן בײַ בראָנזן אַן אוידיענץ. בראָנז גופֿא, געקומען קיין האַג, האָט זיך באַמיט צו פֿאַרבינדן מיט שטיינבערגן אין לאָנדאָן, אָבער האָט ניט געוווּסט זײַן אַדרעס ביז באַקומען די טעלעגראַם. דערווײַל האָט זיך מיט אים, ווי אָפּגערעדט, דעם 12טן אַפּריל באַגעגנט ד״ר ראַפּטשינסקי. דעם 18טן אַפּריל האָט בראָנז אָנגע־שריבן שטיינבערגן:[56]

> צום באַדויערן מוז איך זאָגן, אַז די באַגעגעניש איז געווען ניט אין גאַנצן צופֿרידנשטעליק (...)
> איך וואָלט זייער וועלן וויסן, מיט וועמען זאָל איך ממשיך זײַן דאָס

אַרומריידן דעם פרײַלאַנד־פּראָיעקט, וואָס איר האָט מיר פאָרגעשטעלט. ער האָט גאַנץ באַשטימט געטראָפן געגוג אינטערעס בײַ מיר און בײַ די היגע אָפיציעלע פּערזאָנען, אַז עס זאָל לוינען אַרומצוריידן אים בפרטיות און צו פרעגן וועגן אים אַ סך פראַגעס. (...) אויב איר ווילט אַרומריידן די זאַך פּערזענלעך, וועל איך זײַן זייער צופרידן זיך מיט אײַך דאָ צו באַגעגענען. (...)

ד״ר ראַפּטשינסקי האָט מיר קלאָר געמאַכט איין פּונקט פונעם פּלאַן, דהײַנו, אַז דער ציל פון דער ליגע איז צו באַזעצן די אימיגראַנטן אין גאַנצן באַזונדער, אין אַ פולשטענדיק איזאָלירטן אָרט, ווו זיי זאָלן אַנט־וויקלען זייער אייגענעם ציבור, אויפשטעלן אייגענע שולן, ריידן זייער אייגענע שפּראַך און, אויב מעגלעך, קיין מאָל ניט קומען אין קיין קאָנ־טאַקט מיט דער אָרטיקער האָלענדישער באַפעלקערונג.

פונעם באַריכט, וואָס איר האָט מיר געגעבן, האָב איך ניט אײַנ־געזען, אַז איזאָלאַציע זאָל דערגריין אַזוי ווײַט. דאָס מיינט, פאַרשטייט זיך, „אַ מלוכה אין אַ מלוכה" מיט אַלע באַוואָרענישן, וואָס עפנטלעכע מאַכטן קאָנען קעגן דעם האָבן. אַנצורופן נאָר איין אַספּעקט פון אַ סך: ווי אַזוי וועט מען קאָנען פאַרזיכערן געזעץ און אָרדענונג אין אַזאַ אָרט?

(...) כאָטש דאָס צווינגט מיך ניט אָפּצוואַרפן דעם פּלאַן, קאָן איך ניט לייקענען, אַז דאָס מאַכט אים ווייניקער צוציִענדיק. אויב ד״ר ראַפּ־טשינסקיס קוק אויפן דורכפירן דעם פּלאַן זאָל טאַקע באַשטעטיקט ווערן, וואָלט מען נאָך אַלץ געקאָנט געפינען טיף אין לאַנד אַן אָרט, וואָס זאָל זײַן צוגעפּאַסט צו אַזאַ מין קאָלאָניזאַציע, אָבער עס וועלן סײַ ווי אויפקו־מען אַ סך פראַגעס, וואָס מען וועט זיי מוזן פאַרענטפערן איידער מען וועט קאָנען קומען צו אַ הסכם.

דער בריוו האָט עדות געזאָגט, אַז דער גובערנאַטאָר פון סורינאַם און די אָנפירערס פונעם קאָלאָניעס־מיניסטעריום זײַנען שטאַרק פאַראינטערעסירט אינעם פּלאַן און וואָלטן וועלן קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג. גלײַכצײַטיק האָט שטיינבערג באַקומען ידיעות פון אַ גוט אינפאָרמירטער האָלענדערין, אַ פרײַנד פון דער זאַך, אַז: 1) סורינאַם פאָדערט אויטאָנאָמיע און וועט זי אָן ספק באַ־קומען, דעריבער וועט מען אָן דער צושטימונג פון דער אָרטיקער באַפעל־קערונג ניט קאָנען שאַפן דאָרט אַ ייִדישע היים; 2) אין גיכן דאַרפן אין האָלאַנד פאָרקומען די ערשטע וואַלן נאָך דער באַפרײַונג, און עס קאָן זיך שאַפן אַ נײַע רעגירונג, וואָס איר שטעלונג קאָן מען ניט פאָרויסזען.[57]

בראַנז האָט טעלעגראַפיש אַרויסגערופן שטיינבערגן קיין האַג אויפן 2טן מײַ. דאָרט האָט ער צוזאַמען מיטן קאָלאָניעס־מיניסטער ד״ר לאָגעמאַן דורכ־געפירט אַ באַראַטונג מיט שטיינבערגן און ראַפּטשינסקין. נאָך אָט דער באַגע־געניש איז לאָגעמאַן געוואָרן אַן איבערצײַגטער אָנהענגער און אונטערשטיצער פונעם פרײַלאַנד־פּלאַן. דערווײַל האָט ער געבעטן, די ליגע זאָל אים צושטעלן אַ שריפטלעכן מעמאָראַנדום. שטיינבערג האָט געשיקט אַ פּראָיעקט פון מעמאָ־ראַנדום אָפּראָבירט צו ווערן דורך דער עקזעקוטיווע. דער טעקסט, מיט קלע־נערע רעדאַקציאָנעלע אויסבעסערונגען, איז צוריקגעקומען צו שטיינבערגן,

ער זאָל אים איבערגעבן קיין האַג. דעם 17טן מײַ זײַנען אָבער אין האָלאַנד פֿאָרגעקומען פּאַרלאַמענט־וואַלן און פּראָפּ' שערמערהאָרנס רעגירונג האָט אָפּגעטראָטן איר אָרט דעם קאַבינעט פֿון ל. י. מ. בעל. לאָכעמאַן האָט פֿאַרלאָזט דאָס קאָלאָניעס־מיניסטעריום.

דער נײַער קאָלאָניעס־מיניסטער ד"ר יאָנקמאַן האָט פֿאַרנומען זײַן פּאָסטן ערשט אין יולי. בראָנז האָט אים תּיכּף אָנגעשריבן פֿון סורינאַם וועגן דעם ייִדישן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן און האָט אָנגעפֿרעגט זײַן מיינונג. כּמעט אין איין און דעם זעלבן טאָג האָבן בראָנז פֿון פּאַראַמאַריבאָ און יאָנקמאַן פֿון האַג געשיקט בריוו וואַן לעווענען קיין ניו־יאָרק, אויפֿקלערנדיק די סיבות פֿון דער פֿאַרצײַעניש. [58] יאָנקמאַן האָט געשריבן (דעם 19טן יולי), אַז ער ווייס וועגן זײַן פֿאָרגייערס שמועס מיט בראָנזן און שטיינבערגן און וועגן דעם פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט.

> דער דאָזיקער פּראָיעקט האָט אָבער ווײַט גייענדיקע קאָנסעקווענצן פֿאַרן הווה און עתיד פֿונעם שייכדיקן לאַנד, וואָס זײַנע אינטערעסן מוזן האָבן די בכורה. דער ענין נייטיקט זיך אין אַ גענויער אויספֿאָרשונג, אָבער איך קאָן אײַך פֿאַרזיכערן, אַז אויב דער רעזולטאַט וועט זײַן אַ גינציקער, וועל איך נאָך אַ מאָל אָן אָפּלייגעניש צוטרעטן צו אונטערהאַנדלונגען מיט דער ליגע.

אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער עיקרדיקער טייל פֿון דער אויספֿאָרשונג, איז קלאָר געוועזן פֿון אַ בריוו, וואָס פּראָפּ' באַנינג האָט געשיקט ד"ר ראַפּטשינסקין וועגן זײַן שמועס מיט יאָנקמאַנען. דער נײַער קאָלאָניעס־מיניסטער וואָלט וועלן אויפֿקלערן: 1) ווי שטעלט זיך די ליגע פֿאַר דעם פּאָליטישן סטאַטוס פֿון דער ייִדישער קאָלאָניע און וואָס זײַנען די גאַראַנטיעס, אַז דער סטאַטוס וועט ניט געבראָכן ווערן? 2) ווי שטעלט זי זיך פֿאַר די פֿינאַנצירונג פֿון קאָלאָניזאַציע? 3) ווי מיינט זי צו פֿאַרענטפֿערן די שפּראַכן־פֿראַגע? 4) וואָסערע באַדינגונגען שטעלט זי אַרויס מכּוח באַפֿרידיקן די קולטורעלע באַדערפֿענישן? לויט שטיינבערגס קאָמענטאַר, האָט די האָלענדישע רעגירונג מורא געהאַט, אַז ווען דער ייִדישער ישובֿ וועט זיך פֿאַרשטאַרקן, וועט ער אָפּרײַסן סורינאַם פֿון האָלאַנד, און אַז דאָס אַרײַנדרינגען פֿון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל קיין סורינאַם וועט אויך האָבן די זעלביקע קאָנסעקווענצן.

די דאָזיקע חשדים האָט מען געמוזט באַזײַטיקן. ראַפּטשינסקי האָט באַקומען פֿון דער עקזעקוטיווע אָפֿיציעלע פֿולמאַכטן צו רעפּרעזענטירן די ליגע אין האָלאַנד. ער האָט אינטענסיוו זיך גענומען צו אַן אויפֿקלערונג־אַרבעט צווישן האָלענדישע געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע טוערס. דעם 6טן נאָוועמבער האָט ער טעלעגראַפֿירט, אַז צוזאַמען מיט ד"ר לאָכעמאַנען האָט ער אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען מיט דער האָלענדישער רעגירונג.

ד״ר שטיינבערגס אַקציע אין ענגלאַנד

שטיינבערג האָט פֿאַרבראַכט אין אייראָפּע — דער עיקר אין לאָנדאָן — אַרום פֿינף חדשים.[59] די סיטואַציע פֿאַר אונטערהאַנדלונגען מיט דער בריטישער רעגירונג איז געווען אַ שווערע און קאָמפּליצירטע. אויפֿן אָרט האָט מען געמוזט האָבן אַ גוט אַרבעטנדיקע אָרגאַניזאַציע — אַזאַ ווי שטיינבערג האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך בײַם אַוועקפֿאָרן פֿון לאָנדאָן אין 1939. אָבער פֿאַר די פֿאַרלאָפֿענע זיבן יאָר מלחמה און נאָכמלחמה־קריזיס איז די לאָנדאָנער פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציע רעדוצירט געוואָרן כמעט צו אַ שאָטן־עקסיסטענץ. די ציוניסטישע ממשלה אויף דער יידישער גאַס איז אין ענגלאַנד געווען אפֿשר שטאַרקער נאָך ווי אין אַמעריקע. דער קאָנסולטאַטיווער ראָט פֿון דער ליגע בראָש מיט סער ראָבערט וואַלי קאָהען[60] האָט פֿאָרמעל עקסיסטירט, אָבער ווייניק וואָס געטאָן און, להיפּוך צו 1938־39, איז פֿון אים שווער געווען צו קריגן געלט פֿאַר דער באַוועגונג. אינעם יידיש־רײדנדיקן סעקטאָר פֿון לאָנדאָן (ניט נאָר אין דער פֿרײַלאַנד־סביבֿה) האָט געהערשט אַ טיפֿע אַפּאַטיע.[61]

אַ דאַנק שטיינבערגס אָנשטרענגונגען איז די אָרגאַניזאַציע באַנײַט געוואָרן, אָבער ס'איז איר ווײַט געווען צום פֿאַרמלחמהדיקן מעמד. עס האָט זיך אויף ס'נײַ געשאַפֿן אַ יידיש־רײדנדיקע גרופּע, דער עיקר פֿון די אַרבעטער־רינג־קרײַזן (י. אײַזנסטאָן — פֿאָרזיצער, סאָלאָמאָן קעסלער — נאַמן, יונה פּאָדאָלסקי — סעקרעטאַר) און אַן ענגליש־רײדנדיקע גרופּע (דזש. ר. פֿיליפּס, וואָס האָט אין 1945 באַגריסט דעם פּרילענד ווי דער „פֿאָרזיצער פֿון בריטישע פֿרײַלאַנדיסטן", מר״ס פֿראַנקלין און אַנדערע מיטגלידער פֿונעם קאָנסולטאַטיוון ראָט). דער סעקרעטאַריאָט פֿון דער ליגע איז באַשטאַנען פֿון בערטראַם דזשייקאָבס, ד״ר ה. לעווענטאַל און יונה פּאָדאָלסקי; ד״ר מאיר נייטן איז געווען דער ערן־נאַמן.[62] די פּראַקטישע משׂא פֿון דער אַרבעט איז געפֿאַלן אויף פּאָדאָלסקין. ת. ב. הערוואַלד, וואָס וואָלט געדאַרפֿט זײַן צופֿרידן מיט דער ליגעס אינטערעס צו דער בריטישער גוויאַנע, איז שוין געווען אַלט. אין לאָנדאָן האָבן זיך געפֿונען צוויי אַמאָליקע מיטגלידער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿאַרשניטענער פֿרײַלאַנד־ליגע אין פּוילן — ל. פּינעס און ג. הויז — זיי האָבן אָבער אויפֿגעהערט צו זײַן אַקטיוו.[63] פּינעס האָט זיך נאָך געהאַלטן אידעיִש נאָענט צו דער ליגע און האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין אויפֿן שוועל אַ טיף עמאָציאָנעלן אַרטיקל „די פֿרײַלאַנד־ליגע אין פּוילן (צום אָנדענק פֿון די אומגעקומענע חבֿרים־פֿרײַלאַנדיסטן)";[64] הויז איז אין גאַנצן אַוועק אָן אַ זײַט.[65] די לאָנדאָנער ליגע האָט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַן ענגלישן זשורנאַל, אָבער האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט פּעריאָדישע בולעטינען.

פֿאַרבינדן זיך מיט דער בריטישער רעגירונג איז געווען ניט לײַכט. שטיינבערג האָט אַליין פֿאַרשטאַנען, אַז די רעגירונג פֿון דעם אויסגעמאַטערטן נאָכמלחמהדיקן ענגלאַנד האָט געהאַט אַ סך בילכערע דאגות.[66] פּסיכאָלאָגיש איז די צײַט ניט געווען גינציק פֿאַר אַן אַקציע לטובֿת יידישע פּליטים. מען

האָט געהאַט איבערגעלעבט און צוגעזען אַזוי פֿיל אַכזריותן בשעת דער מלחמה, אַז דער גורל פֿון די ייִדישע די־פּיס האָט געמאַכט אַ סך אַ קלענערן רושם, ווי בשעתו די מערכה פֿון די פּליטים און גולים פֿון היטלער־דײַטשלאַנד. חוץ דעם איז ערבֿ דער מלחמה די פּליטים־פֿראַגע געווען כּמעט אין גאַנצן אַ ייִדישע פּראָבלעם; נאָך דער מלחמה איז צענטראַל־אייראָפּע געווען אָנגעפֿילט מיט איבער אַ מיליאָן פֿאַרטריבענע און אַנטלאָפֿענע פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן.[67] דער עיקר אָבער איז די לייבאָריסטישע רעגירונג געווען טיף פֿאַרזונקען אין דער „ווײַס בוך"־פּאָליטיק בנוגע פּאַלעסטינע, וואָס זי האָט געירשנט פֿון אירע פֿאָרגייערס.

שטיינבערג האָט אָפּגעלייקנט די באַשולדיקונגען, אַז די לייבאָריסטישע מיניסטאָרן און פּאַרטיי־פּירערס זײַנען אַנטיסעמיטן.[68] אָבער אין דער געשאַפֿענער סיטואַציע האָבן זיי אויסגעמיטן צו מאַכן אַ וואָסער עס איז טראָט אין שייכות מיט ייִדן, וואָס וואָלט געקאָנט נאָך מער קאָמפּליצירן זייערע באַציִונגען מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג.[69]

סײַ פֿון האַראָלד לאַסקין, פּאָרזיצער פֿון דער לייבאָר־פּאַרטיי, סײַ פֿון אַרטור קריטש דזשאָנסן, אַן אַמאָליקן פֿרײַנד פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע (אין יענער צײַט — פּאַרלאַמענטאַרישער מלוכה־סעקרעטאַר פֿון קאָלאָניעס־מיניסטעריום), האָט שטיינבערג צו ערשט געהערט איין טענה — אַז ביזן באַריכט און רעקאָמענדאַציעס פֿון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע וועגן פּאַלעסטינע קאָן מען צו דער בריטישער רעגירונג מיט קיין נײַע פּלענער ניט קומען. דערווײַל האָט די דאָזיקע קאָמיסיע פֿאַרענדיקט איר אַרבעט. זי האָט געהאַט אויסגעהערט אַ מאַסע עדות, ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, ייִדן און אַראַבער, האָט דורכגעפֿירט זיצונגען און פֿאַרהערן אין קאַיראָ, ירושלים, דײַטשלאַנד און פּוילן, און האָט דעם 20סטן אַפּריל אַרויסגעטראָגן די איינשטימיקע רעקאָמענדאַציע פֿון אַלע אירע צוועלף מיטגלידער.[70]

די וויכטיקסטע פּראַקטישע רעקאָמענדאַציע איז געווען די אָנערקענונג פֿון פּרעזידענט טרומאַנס פֿאָדערונג אַרײַנצולאָזן קיין פּאַלעסטינע 100,000 ייִדישע פּליטים במשך פֿון צוויי יאָר. די קאָמיסיע האָט אויך רעקאָמענדירט אָפּצושאַפֿן צוויי באַזונדערס דיסקרימינירנדיקע פּונקטן פֿונעם „ווײַסן בוך": באַגרענעצונג פֿון ייִדישע ערד־קניות און די אָפּהענגיקייט פֿון ייִדישער אימיגראַציע פֿון אַראַבישער הסכּמה. די קאָמיסיע האָט אָבער ניט אָנערקענט פּאַלעסטינע פֿאַר אַ לאַנד, וואָס ייִדן האָבן אויף אים אויסשליסלעכע רעכט.[71] פּאַלעסטינע האָט לויט אירע רעקאָמענדאַציעס געזאָלט געשטעלט ווערן אונטערן אַפּוטרופּסות פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס, בכדי מיט דער צײַט צו ווערן אַן אומאָפּהענגיקע, אָבער ניט קיין ספּעציפֿיש ייִדישע, מלוכה. די קאָמיסיע האָט אויך געמאַכט אַזעלכע וויכטיקע אויספֿירן:

> פּאַלעסטינע אַליין קאָן ניט פֿאַרענטפֿערן די עמיגראַציע-נויט פֿון אַלע ייִדישע קרבנות פֿון נאַצישע און פֿאַשיסטישע רדיפֿות.

> די 100,000 סערטיפֿיקאַטן פֿאַר פּאַלעסטינע וועלן פֿאַרזאָרגן נאָר אַ פּראָפּאָרציאָנעל לפֿי־ערך קליינעם טייל פֿון דער פֿולער צאָל ייִדישע פּליטים אין אייראָפּע. (...) מיר שאַצן אָפּ, אַז גאַנצע 500,000 ייִדן וואָלטן געוואָלט אָדער געמוזט עמיגרירן פֿון אייראָפּע.

די דאָזיקע מסקנות האָבן באַשטעטיקט דעם אײַנשטעל פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע און האָבן צוגעגעבן האָפֿט איר כּוונה אײַנצואָרדענען אויף אַ ראַציאָנעלן אופֿן דעם גורל פֿון די יעניקע ייִדישע פּליטים, וואָס זײַנען געבליבן מחוץ דעם קאָנטינגענט פֿון 100,000 רעקאָמענדירטע אימיגראַנטן קיין פּאַלעסטינע.[72] דעם 6טן מײַ האָט די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע געמאַכט אַן עפֿנטלעכע דערקלערונג, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט די ווערטער:

> די פֿרײַלאַנד־ליגע פֿאָדערט דעריבער פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס, אַז אַ צוגעפּאַסטער שטח לאַנד זאָל תּיכּף אויסגעטיילט ווערן פֿאַר אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע פֿון די ייִדישע קרבנות פֿון מלחמה און פֿאַשיזם.[73]

נאָך דעם האָט זיך שטיינבערגן ענדלעך אײַנגעגעבן צו האָבן אַ שמועס מיטן מלוכה־מיניסטער פֿיליפּ נאָעל־בייקער, וואָס די ענינים פֿון אייראָפּעיִשע היימלאָזע האָבן געהערט צו זײַן קאָמפּעטענץ. נאָעל־בייקער, וואָס איז פֿון אָנהייב געווען אין גאַנצן סקעפּטיש, האָט זיך פֿאַראינטערעסירט, ווען שטיינבערג האָט דערמאָנט וועגן דער באַציִונג פֿון דער האָלענדישער רעגירונג צו ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם. ער האָט געבעטן צושטעלן אים אַ מעמאָראַנדום, אָבער האָט זיך ניט געוואָלט מיט קיין זאַך מתחייבֿ זײַן.[74] דער מעמאָראַנדום, וואָס שטיינבערג האָט אים געשיקט, האָט ניט דערמאָנט ספּעציפֿיש די בריטישע גוויאַנע, נאָר האָט בלויז געבעטן צו שאַפֿן אַ קאָמיסיע צו געפֿינען אַן אָרט פֿאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע; די קאָמיסיע האָט געדאַרפֿט כּולל זײַן פֿאָרשטייערס פֿון גרויס־בריטאַניע און די דאָמיניאָנען, אָדער, אויב די רעגירונג האַלט דאָס פֿאַר מער געוווּנטשן, אויך פֿאָרשטייערס פֿון פֿראַנקרייך, האָלאַנד און טייל לאַטייִן־אַמעריקאַנער לענדער.[75]

צווישן די דעפּוטאַטן פֿונעם בריטישן פּאַרלאַמענט האָט זיך געפֿונען אַ גרופּע אָנהענגערס פֿון דער פֿרײַלאַנד־זאַך. דרײַ פֿון זיי — דייוויד גאַמאַנס (קאָנסערוואַטאָר), ריימאָנד בלאַקבערן און דזשאָרדזש דזשעגער (לייבאָריסטן) — זײַנען געווען נאָענט פֿאַרבונדן מיט דער ליגע און האָבן איר געהאָלפֿן מיט עצות און מעשׂים. דעם 15טן יולי 1946 האָט דייוויד גאַמאַנס געמאַכט אַ פּאַרלאַמענטאַרישן אָנפֿרעג דעם קאָלאָניעס־מיניסטער דזשאָרדזש האָל:

> בכדי צו העלפֿן פֿאַרענטפֿערן די פּראָבלעם פֿון די היימלאָזע ייִדן אין אייראָפּע — צי איז ער גרייט צו באַנײַען דעם אָנבאָט, וואָס זײַן מאַיעסטעטס רעגירונג האָט געמאַכט אין 1939 צו געבן לאַנד און די בייטיקע מעגלעכקייטן פֿאַר ייִדישער גרופּעס־באַזעצונג אין דער בריטישער גוויאַנע?

דערויף האָט דער קאָלאָניעס־מיניסטער געענטפֿערט ווי ווײַט מעגלעך אויסמײַדנדיק:

דער פֿאָרשלאָג איז פֿאַרבונדן מיט שוועריקייטן און איז געווען דער אָביעקט פֿון אַ סך פֿאַרשונגען אין עבֿר, אָבער זײַן מאַיעסטעטס רעגירונג וועט ווידער באַטראַכטן די זאַך, אויב עס וועט קלאָר ווערן, אַז דאָס איז דער פֿאַרלאַנג פֿון אַחריותדיקע ייִדישע קערפּערשאַפֿטן.[76]

אויפֿן סמך פֿון פֿיליאָריקער פּראַקטיק האָט דער מיניסטער געהאַט אַ יסוד זיך צו ריכטן, אַז „אַחריותדיקע ייִדישע קערפּערשאַפֿטן" וועלן ניט אויס־דריקן אַזאַ פֿאַרלאַנג. פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־ליגע אָבער האָט זײַן אָפֿיציעלע דערקלערונג געגעבן די מעגלעכקייט צו מאַכן דעמאַרשן צו דער בריטישער רעגירונג מכּוח גוויאַנע. די בריטישע רעגירונג האָט ניט געלייקנט, אַז די ליגע איז אַן אַחריותדיקע ייִדישע קערפּערשאַפֿט, און כאָטש זי איז געווען זייער אָפּגעהיט אין אירע ענטפֿערס, האָט זי דאָך באַוויליקט צו פֿירן מיט דער ליגע אונטערהאַנדלונגען. מצד דעם קאָלאָניעס־מיניסטעריום זײַנען אַרויסגעטראָטן די מלוכה־סעקרעטאַרן איװואָר טאָמאַס און אַ. קריטש דזשאָנס, און מצד דער אויסלאַנד־מיניסטעריום דער מלוכה־סעקרעטאַר העקטאָר מאַקניל. שטיינבערג און ה. לעווענטאַל האָבן זיך אויך געטראָפֿן מיט סער גאָרדאָן לעטעם, גובער־נאַטאָר פֿון דער בריטישער גוויאַנע. דער גובערנאַטאָר איז מסכּים געווען מיט די אויספֿירן פֿון דער בריטיש־אַמעריקאַנער עקספּעדיציע קיין גוויאַנע אין 1939, ער האָט אָבער רעקאָמענדירט, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע זאָל אַהין שיקן אַן אייגענע עקספּעדיציע זיך צו באַקענען מיט די פֿיזישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען פֿון לאַנד אין ליכט פֿון דער נאָכמלחמהדיקער אַנטוויקלונג. צווישן דער ליגע און די דערמאָנטע טוערס פֿון קאָלאָניעס־ און אויסלאַנד־מיניסטעריומס איז אַוועק אַ געשעפֿטלעכע קאָרעספּאָנדענץ.

ענין פֿראַנצייזישע גוויאַנע

דערווײַל איז דער פֿרײַלאַנד־מעמאָראַנדום, וואָס איז אין מאַרץ איבער־געגעבן געוואָרן לעאָן בלומען, אַוועק איבער די געהעריקע אינסטאַנצן פֿון דער פֿראַנצייזישער רעגירונג און איז אָנגעקומען צום קאָלאָניעס־מיניסטער מאַריוס מוטע. דעם 28סטן יולי האָט מוטע טעלעגראַפֿיש אַרויסגערופֿן שטיינ־בערגן קיין פּאַריז און דעם 31סטן יולי האָט ער אים פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען אין זײַן מיניסטעריום. בעתן שמועס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז וועגן נײַ־קאַלעדאָניע איז שוין ניט שייך צו ריידן. דער נאָכמלחמהדיקער סטאַטוס פֿון נײַ־קאַלעדאָניע האָט זיך געביטן. אין 1940, נאָך פֿראַנקרײַכס מפּלה און קאַפּיטולאַציע, בשעת דאָס רובֿ פֿראַנצייזישע קאָלאָניעס איז געבליבן געטרײַ דער ווישי־רעגירונג פֿון מאַרשאַל פּעטען, האָבן די מאַכט אין נײַ־קאַלעדאָניע פֿאַרכאַפּט אָנהענגערס פֿון גענעראַל דע גאָל און דער אינדזל איז געוואָרן

אײנער פֿון די צענטערס פֿון פֿרײַען פֿראַנקרײַך. נאָך דער מלחמה איז נײַ־קאַלעדאָניע באַלוינט געוואָרן מיט אויטאָנאָמיע, זי האָט געקראָגן אַן אײגענע רעגירונג מיט גאַנץ ברייטע פולמאַכטן. איצט, להיפּוך צו דער לאַגע פֿאַר דער מלחמה, האָט דאָס קאָלאָניעס־מיניסטעריום ניט געקאָנט אָננעמען קיין באַשלוסן וועגן אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין נײַ־קאַלעדאָניע קעגן דעם ווילן פֿון די דאָרטיקע פֿראַנצייזישע תּושבֿים.

אַנדערש איז געווען מיט דער פֿראַנצייזישער גוויאַנע. נאָך דער מלחמה איז זי אינקאָרפּאָרירט געוואָרן ווי אַ פֿראַנצייזישער מעבֿר־לים־דעפּאַרטאַמענט. די רעגירונג האָט געזוכט מיטלען זי צו אַנטוויקלען און צוצוציִען אימיגראַנטן. דעם 31סטן אויגוסט 1946 האָט דער קאָלאָניעס־מיניסטער געשיקט ד״ר שטײַנבערגן, אויפֿן אַדרעס פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין ניו־יאָרק, אַזאַ בריוו:[77]

חשובֿער הער,

אין אײַער בריוו פֿון 2טן אויגוסט האָט איר מיך געדאַנקט פֿאַר אײַער אויפֿנעם אינעם מיניסטעריום פֿון פֿראַנקרײַך מעבֿר־לים. דער אויפֿנעם איז געווען בלויז אַן אויסדרוק פֿון דער טיפֿער סימפּאַטיע, וואָס מיר פֿילן לגבי דעם אַזוי שווער געפּרוּווטן ייִדישן פֿאָלק.

איך בין איבערצײַגט, אַז די אומגערעכטיקייט וועט ווערן פֿאַרריכט און אַז דער גוטער ווילן פֿון דער ציוויליזירטער וועלט וועט העלפֿן ווידער אויפֿצובויען דאָס ייִדישע פֿאָלק אויפֿן פֿעסטן יסוד פֿון פּראָספּערירנדיקע קהילות מיט אַ פֿאַרזיכערטער גײַסטיקער פֿרײַהייט און מאַטעריעלן וווילשטאַנד.

אונדזער שמועס דעם 31סטן יולי און די דאָקומענטן, וואָס איר האָט מיר פֿרײַנדלעך געשיקט, האָבן מיר קלאָר געמאַכט דעם תּמצית פֿון אײַער פּראָיעקט.

פֿון מײַן זײַט, וואָלט איך גרייט געווען פֿאַרצולייגן דער פֿראַנצייזישער רעגירונג, זי זאָל אין פּרינציפּ באַטראַכטן די קאָלאָניזאַציע פֿון אַ באַשטימטער צאָל אימיגראַנטן אין די טעריטאָריעס פֿון פֿראַנקרײַך מעבֿר־לים, וואָס פּאַסן פֿאַר אַזאַ באַזעצונג.

אין אָנבליק פֿון דער איצטיקער פּאָליטישער סיטואַציע זעט מיר אויס, אַז די טעריטאָריע, וואָס איז צום בעסטן צוגעפּאַסט פֿאַר אַ פּראָיעקט פֿון דעם טיפּ, וואָלט געווען די פֿראַנצייזישע גוויאַנע.

די נאַטור־באַדינגונגען דאָרט זײַנען אין דער אמתן ניט פֿײַנדלעך פֿאַר אייראָפּעיִשע קאָלאָניסטן, און דאָס עשירות פֿון לאַנד קאָן מען שטאַרק אַנטוויקלען. אָבער די דורכגעמאַכטע דערפֿאַרונג ווײַזט אָן, אַז עס זײַנען נייטיק אַ זאָרגעוודיקע פּלאַנירונג און אַן אַדעקוואַטע פֿינאַנצירונג. פּראַקטיש וואָלט לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניזאַציע געפֿאָדערט צו אינוועסטירן אַ היפּשן קאַפּיטאַל.

אַן אימיגראַציע־פּראָיעקט פֿונעם טיפּ, וואָס איר האָט פֿאָרגעלייגט דער האָלענדישער רעגירונג מכּוח סורינאַם, פֿאָדערט פֿון אונדז אַ פּרעלימינערע קאָנסולטאַציע מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג און אַן אויספֿאָרשונג פֿון אַלע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט עטאַבלירן אָרגאַניזירטע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ייִשובֿים.

נאָך דער דאָזיקער פּרעלימינערער אויספאָרשונג, וואָס איך האָב פאראָרדנט תיכף אָנצוהייבן, וועט די פראַגע אַריבערגיין אויפן אָפיציעלן ניוואָ און מען וועט קאָנען מאַכן אַ פאָרשלאָג דער פראַנצייזישער רעגירונג.

דערווײַל וויל איך אײַך נאָך אַ מאָל פאַרזיכערן, אין מײַן אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון דער פראַנצייזישער רעגירונג, וועגן דער סימפּאַטיע, וואָס מיר פאָלגן מיט איר נאָך די פּראָבלעם פון סאָציאַלער צוריקאויפשטעלונג פון די אויסגעוואָרצלטע טיילן פון ייִדישן פאָלק, און וועגן דעם גײַסט פון צוזאַמענאַרבעט, וואָס מיר באַטראַכטן אין אים די אימיגראַציע־מעגלעכקייטן אין באַשטימטע טעריטאָריעס פון פראַנקרײַך מעבר־לים.

איך האָף, אַז אַנדערע דעמאַרשן צו פאַרשיידענע רעגירונגען וועלן באַגעגענען אַ גינציקע רעאַקציע, אַז אויף אַזאַ אופן וועט מען קאָנען שאַפן אַ צוזאַמענאַרבעט אין וועלט־פאַרנעם, און אַז דער צוריקאויפבוי פון ייִדישן פאָלק און די פאַרלײַכטערונג פון זײַנע אומפאַרדינטע צרות וועט קאָנען דערגרייכט ווערן אויפן בעסטן מעגלעכן אופן.

פּאָליטיש און מאָראַליש איז מוטעס בריוו געווען וויכטיק, אָבער פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט האָט די פראַנצייזישע גוויאַנע געקאָנט קומען אין באַטראַכט סײַדן ווי אַ צוגאָב צו דער בריטישער און האָלענדישער. אָנהייב נאָוועמבער 1946 האָבן זיך ד״ר שטיינבערג און ד״ר פּרוכטבוים דערוווּסט פון מוטעס זון, אַז זײַן פאָטער האָט איבערגעשיקט דעם ענין ייִדישע קאָלאָניזאַציע אויף דער עקספּערטיזע פונעם גוויאַנער גובערנאַטאָר און אַז דער אויסלאַנד־מיניסטער זשאָרזש בידאָ איז לטובֿת דעם פּלאַן. אין די ווײַטערדיקע חדשים האָט זיך אָבער די גאַנצע אַקציע פון דער ליגע קאָנצענטרירט אויף סורינאַם, און די פאַרבינדונג מיטן פראַנצייזישן קאָלאָניעס־מיניסטעריום האָט זיך, ווי עס ווײַזט אויס, איבערגעריסן. די פראַנצייזישע רעגירונג האָט געשאַפן אַ ספּעציעלע עמיגראַציע־קאָמיסיע פאַר גוויאַנע, און אין 1949־50 איז אין סען־זשאַן־דע־מאַראָני אויפגעקומען אַ ייִשובֿ פון עטלעכע הונדערט אייראָפּעיִשע די־פּיס.[78]

בעתן באַזוך אין פּאַריז האָט שטיינבערג זיך באַמיט אויפצובויען דאָרט אַ פרײַלאַנד־גרופּע. די נײַע גרופּע האָט זיך קאָנסטיטויִרט אין אויגוסט בײַ דער באַטייליקונג פון ג. שאַפּיראָ (סעקרעטאַר), פּראָפ' מ. קיוועלעוויטש, מ. בלאַנקשטיין, ב. בעקערמאַן, י. הערמעלין, י. ס. באַמבלאַט א״אַ. צווישן די נײַ־צוגעקומענע איז געווען מ. ליכטשטיין, אַן אַנאַרכיסט, ברודער פונעם אומגעקומענעם ווילנער פרײַלאַנדיסט ר. ליכטשטיין. די גרופּע האָט גערופן אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג און איר צוריקקער אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע האָט געהאַט אַ שטיקל אָפּקלאַנג אינעם ייִדישן פּאַריז.[79] אָבער זי האָט געקאָנט זײַן נאָר אַ זכר פון דער פּאַריזער פרײַלאַנד־ליגע ערבֿ דער מלחמה.

דער סך־הכל פון די ערשטע אונטערהאַנדלונגען

ווען שטיינבערג איז צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק און האָט אָפּגעגעבן דער עקזעקוטיווע אַ דין־וחשבון וועגן זײַנע שמועסן מיט פאָרשטייערס פון דרײַ אײראָפּעיִשע רעגירונגען, האָבן זיך די פּערספּעקטיוון פון טעריטאָריאַליסטישער אַקציע היפּש אויפגעקלערט. „דער אויספיר איז״, האָט ער רעזומירט, „אַז פאַר־לויפיק האָבן מיר אַ שטיקל צוזאָג פון ענגלאַנד וועגן בריטיש גוויאַנע, פון האָ־לאַנד וועגן סורינאַם און אויך פון דער פראַנצייזישער רעגירונג וועגן פראַנציי־זישער גוויאַנע״.

שוין די פּרעסע־ידיעה וועגן דעם בריטישן קאָלאָניעס־מיניסטערס דער־קלערונג מכוח גוויאַנע האָט, בײַ איר גאַנצער אומדעצידירטקייט, שטאַרק דער־מונטערט די פרײַלאַנד־מיטגלידערשאַפט. שטיינבערג האָט פאָרגעלייגט צונויפ־צורופן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ און אָנהייבן צו ווירקן אויף ייִדישע אָרגאַניזאַ־ציעס לטובת דעם גוויאַנע־פּראָיעקט. גאָרסקי און לעווין זײַנען געווען קעגן פּרעסע־קאָנפערענץ, אָבער לעווין איז געווען פאַרן צוציִען ייִדישע געזעלשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציעס צו דער געלטאַקציע פאַרן עקספּעדיציע־פאָנד אַפילו איי־דער עס וועט קומען אַ פאָרמעלע הסכמה פון די דרײַ רעגירונגען.

ד״ר פּרוכטבוים האָט זיך ענערגיש אַרויסגעזאָגט פאַר אַן אָפענער און ברייטער אַקציע. ער האָט געפאָדערט נאָך אינטענסיווער זיך צו נעמען צו אונטער־האַנדלונגען וועגן די גוויאַנעס און זיך ווענדן צו אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט, „דזשוינט״, אַרבעטער־קאָמיטעט, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין אַ קאָנפערענץ צו פינאַנצירן די ערשטע סטאַדיעס פון גוויאַנע־פּראָיעקט. עס האָבן אים אונטערגעהאַלטן גוטמאַן און אַדאַ סיגעל. לויט פּרוכטבוימס פאָרשלאָג איז געבליבן צו רופן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, אַ מיט־גלידער־פאַרזאַמלונג און צוטרעטן צו באַגעגענישן מיט ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. אין אַ פאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען מוטעס אויבן געבראַכטער בריוו און האָט געמאַכט זייער אַ גינציקן אײַנדרוק.

מען איז באַלד צוגעטראָטן צו דער אַקציע. דעם 16טן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אַן אינפאָרמאַטיווע באַגעגעניש מיט ייִדישע שרײַבערס און זשור־נאַליסטן: ש. ניגער, ד״ר אַ. מוקדוני, אַ. גלאַנץ, א שולמאַן, ד. אײַנהאָרן, צבֿיון, וו. צוקערמאַן, ז. שער, ד. איגנאַטאָוו, מ. באָרישאַ, ש. מענדעלסאָן, ר. אַבראַ־מאָוויטש און ש. גוטמאַן. ד״ר שטיינבערג האָט אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון און ס׳איז פאָרגעקומען אַ גרינטלעכער מיינונגען־אויסבײַט.

דעם 17טן סעפּטעמבער איז זיך צונויפגעקומען אַ מיטגלידער־פאַרזאַמלונג. דער עולם איז געווען היפּש גרעסער ווי בײַ פריִערדיקע געלעגנהייטן. עס זײַנען געווען אַ סך נײַע פּנימער, צווישן זיי אַמעריקאַנער געבאָרענע יוגנט און נאָר וואָס אָריבערגעקומענע פּליטים פון אייראָפּע.

דעם 19טן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אַ פּרעסע־קאָנפערענץ פאַר פאָר־שטייערס פון ייִדישע און ענגלישע צײַטונגען. מען האָט זיי איבערגעגעבן די

דערקלערונג פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע מיטן אונטערקעפּל „עס זײַנען דאָ רעאַלע מעגלעכקייטן". די דערקלערונג האָט קאָנסטאַטירט, אַז נאָכן קעלצער פּאָגראָם זײַנען „מיטל־ און מיזרח־אייראָפּע פּאַקטיש אויפֿגעגעבן פֿון די ייִדישע מאַסן". זי האָט ציטירט דעם באַריכט פֿון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע, אַז די צאָל ייִדן, וואָס ווילן פֿאַרלאָזן אייראָפּע, איז פֿינף מאָל גרעסער פֿאַר דער רע־קאָמענדירטער צאָל צוגאָב־סערטיפֿיקאַטן פֿאַר פּאַלעסטינע. זי האָט זיך פֿאַר־רופֿן אויף דער פּאַרלאַמענט־מעלדונג פֿון בריטישן קאָלאָניעס־מיניסטער און האָט געבראַכט אויסצוגן פֿון דעם פֿראַנצייזישן קאָלאָניעס־מיניסטערס בריוו צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע ווי אַ ראיה, אַז עס זײַנען דאָ מעגלעכקייטן צו שאַפֿן ייִדישע ייִשובֿים. די ניו יאָרק פּאָסט האָט אָפּגעדרוקט כּמעט די גאַנצע דערקלערונג; אין ניו יאָרק טײַמז איז זי אַרויס מיט אומפּינקטלעכקייטן, וואָס האָבן נייטיק גע־מאַכט אַ תּיקון־טעות אין דער צײַטונג. די ייִדישע פּרעסע האָט איגנאָרירט די דערקלערונג אָדער איבערגעגעבן וועגן איר אין אַ טענדענציעז פֿאַרקריפּלטער פֿאָרעם. [80]

דעם 23סטן סעפּטעמבער האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע גערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון ייִדישע אַרבעטער־טוערס, אָנפֿירערס פֿון אַרבעטער־קאָמיטעט, אַרבעטער־רינג און אַ ריי יוניאָנס. עס זײַנען געקומען: אַדאָלף העלד, יעקבֿ פּאַט, ב. טאַ־באַטשינסקי, לאַזאַר עפּשטיין, י. באַסקין, י. ישורין, ישׂראל פֿײַנבערג, סעמיועל שאָר, טשאַרלז (סאַשאַ) זימערמאַן, ב. ראָבערטס, מ. סטענדער, י. מינקאָף און אַ. שוואַרצמאַן. שטיינבערגס באַריכט האָט מען אויסגעהערט מיט גרויס אינטע־רעס. אינעם אַרבעטער־קאָמיטעט איז געווען אַ שטאַרקער ציוניסטישער פֿליגל און דער קאָמיטעט ווי אַ גאַנצקייט האָט ניט געקאָנט אינדאָרסירן דעם גוויאַנע־פּלאַן. אָבער אַ ריי אַרבעטער־טוערס האָבן מסכּים געווען אַרײַנצוגיין אינעם גוויאַנע־קאָמיטעט ווי יחידים. די ערשטע דרײַ האָבן וועגן דעם געמאָלדן ישׂראל פֿײַנבערג, טשאַרלז זימערמאַן און אפֿרים שוואַרצמאַן; אין גיכן זײַנען צוגעשטאַ־נען ב. כאַנין, י. באַסקין, ראָז שנײַדערמאַן, ב. ראָבערטס, ב. קאַפּלאַן און ב. מינקאָוו. [81] במשך פֿון די ווײַטערדיקע חדשים זײַנען אָנגעגאַנגען געראָטענע אונטערהאַנדלונגען מיטן אַרבעטער־רינג, מיט איינצלנע ברענטשעס און מיט יוניאָנס. אַ דעלעגאַציע פֿון דער ליגע (שטיינבערג, טוראַק, י. רובינשטיין) האָבן געהאַט אַ זיצונג מיט פֿאָרשטייערס פֿון אַרבעטער־קאָמיטעט. דוד דובינסקי, דער פֿירער פֿון דער שטאַרקער דאַמען־באַקלייד־יוניאָן, האָט צוגעזאָגט אַרײַנצוגיין אין אַ ברייטן געזעלשאַפֿטלעכן קאָמיטעט פֿאַר גוויאַנע און צו געבן געלט פֿאַר דער אויספֿאָרש־קאָמיסיע.

אין די בורזשואזע קרײַזן האָט די פֿרײַלאַנד־אַקציע ניט געהאַט קיין הצלחה. דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט האָט צוגעזאָגט צו באַטראַכטן די פֿראַגע פֿון עמיגראַציע אין לענדער מחוץ פּאַלעסטינע און זיך צו פֿאַרנעמען מיטן גוויאַנע־פּראָיעקט, אָבער ווײַטער פֿון צוזאָגן איז די זאַך ניט אַוועק. פֿון דער אַגודת־ישׂראל זײַנען געקומען פֿאָרשטייערס זיך צו דערוויסן וועגן דעם פּראָ־

יעקט, אויסגעדריקט אַ גרייטשאַפֿט זיך צו באַטייליקן אין אים, אָפּגעלייגט די זאַך צוליבן אָפּזײַן פֿון עטלעכע אָנפֿירערס, און צום סוף געמאָלדן (דעצעמבער 1946), אַז פֿאַר גוויאַנע אַליין וועט די אַגודה ניט אַרבעטן, סײַדן עס זאָל זיך האַנדלען וועגן עמיגראַציע אין אַ סך לענדער מיט אַ מאָל. די „עקאָנאָמישע פּליטים־קאָרפּאָראַציע“ וואָלט מסכּים געווען נאָר אויף באַזעצן אין גוויאַנע קליינע גרופּעס, אָבער ניט אויף שאַפֿן דאָרט אַ קאָמפּאַקטן ייִשובֿ.

דער גוויאַנעס־פּראָיעקט האָט אַרויסגערופֿן אַ בולטן אויפֿשטײַג אין דער פֿרײַלאַנד־ליגע. פֿאַרזאַמלונגען אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט זײַנען פֿאָרגעקומען עפּטער, די צאָל אָנטיילנעמערס איז געוואַקסן. די פֿינאַנציעלע לאַגע פֿון דער ליגע האָט זיך פֿאַרבעסערט. דער אָפּיס־קאָמיטעט איז געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט. דאָס עפֿענען זיך פֿון נײַע אַרבעט־פּערספּעקטיוון האָט צוו״אַ געפֿונען אַן אויסדרוק אין מלך ראַוויטשעס אַרטיקל „מחשבֿות אַרום דעם גוויאַנע־פּראָיעקט“.[82] ראַוויטש האָט געהאַלטן, אַז פֿון אַלע פֿריִערדיקע פּראָיעקטן איז דאָס „דער רעאַלסטער און געאָגראַפֿיש דער בעסטער“ — צוליב זײַן נאָענטקייט צו די ייִדישע צענטערס פֿון צפֿון־ און דרום־אַמעריקע און צוליב דער סטימולירנדיקער ווירקונג, וואָס אַ ייִדישער פֿאַרזיכיקער ייִשובֿ וואָלט געהאַט אויפֿן גײַסטיקן לעבן פֿונעם ייִדישן קיבוץ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז אפֿשר דער לעצטער טעריטאָריאַליסטישער פּראָיעקט, וואָס לאָזט זיך דורכפֿירן, האָט ראַוויטש מסכּים געווען מיט ד״ר ראַפּטשינסקין, און אויב מען וועט איבערחזרן דעם זעלבן טעות, וואָס בשעתו בנוגע „אוגאַנדע“ — „וועט אַפֿילו דער מילדסטער היסטאָריקער קיין מאָל נישט מוחל זײַן“.

די פֿראַגע פֿון די גוויאַנעס האָט זיך אַזוי ווײַט אַ רוק געטאָן פֿאָרויס, אַז די עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן צונויפֿצורופֿן אַ לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון פֿרײַלאַנד־גרופּעס — די ערשטע אינעם אַמעריקאַנער פּעריאָד פֿון דער ליגע. עס איז נייטיק געווען אויסצואַרבעטן דירעקטיוון וועגן די פּרינציפּן פֿון אונטערהאַנדלונגען מיט די שייכדיקע רעגירונגען, פֿעסטצושטעלן דעם גבֿול פֿון פֿאָדערונגען און הנחות. נאָך דער מלחמה האָט זיך פֿאַרן טעריטאָריאַליזם געשאַפֿן לחלוטין אַן אַנדער סיטואַציע ווי פֿריִער, און מען האָט געמוזט אויף ס'נײַ אַרומריידן דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען. די קאָנפֿערענץ איז באַשטימט געוואָרן אויפֿן 23סטן און 24סטן נאָוועמבער. דער צירקולאַר פֿונעם אָפּיס־קאָמיטעט[83] האָט פֿאָרמולירט אירע אויפֿגאַבעס און אָנגעגעבן איר זייער אָנגעלאָדענעם סדר־היום. פֿאַר דער קאָנפֿערענץ זײַנען פֿאָרגעקומען אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען פֿון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס, וואָס האָבן פּרעלימינער באַטראַכט די עיקרדיקע פּראָבלעמען אויפֿן סדר־היום און אויסגעקליבן דעלעגאַטן.

ערשטע לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין אַמעריקע[84]

צו דער קאָנפֿערענץ (אין ניו־יאָרקער פֿרײַלאַנד־לאָקאַל) זײַנען געקומען דעלעגאַטן פֿון אַ רײ שטעט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע; פֿון אַנ־

דערע שטעט, ווי אויך פֿון אויסטראַליע, ענגלאַנד און האָלאַנד, זײַנען אָנגעקו־מען באַגריסונגען. די ערשטע זיצונג, שבת דעם 23סטן נאָוועמבער אין דער פֿרי, האָט געעפֿנט ד״ר שטיינבערג מיט אַן איבערבליק פֿון דער פֿרײַלאַנד־געשיכטע פֿאַר די לעצטע צען יאָר. ער האָט אָפּגעגעבן כּבֿוד דעם אָנדענק פֿון די טראַגיש אומגעקומענע חבֿרים יוסף טשערניכאָוו און זלמן מײַזנער און פֿונעם פֿאַר־שטאָרבענעם בן־אַדיר. פֿאַרן פֿאָרזיצער פֿון דער ערשטער זיצונג האָט מען אויס־געקליבן יהודה זעליטשען (פֿילאַדעלפֿיע). דערנאָך האָט די קאָנפֿערענץ אויסגע־הערט די ערשטע דרײַ רעפֿעראַטן — פֿון ש. גוטמאַן, י. נ. שטיינבערג און מ. מענדעלסבערג.

ש. גוטמאַן האָט רעפֿערירט וועגן „טערריטאָריאַליזם, אויטאָנאָמיע און מלו־כישקייט״. ער האָט צו ערשט געגעבן אַן אַלגעמיין בילד פֿון דער ייִדישער מערכה אין דער וועלט: פּאַלעסטינער פּאָליטישער קריזיס, באַנקראָט פֿון רעכט פֿאַר נאַציאָנאַלע מיעוטים אין אייראָפּע, „אונטערגאַנג בנשיקה (אַסימילאַציע נוסח אַמעריקע)״. ער איז ניט פֿאַר קיבוץ־גלויות, עס איז אָבער נייטיק אַ ייִדי־שער צענטער סײַ פֿאַרן קיום פֿון ייִדישן גײַסטיקן לעבן, סײַ אויפֿצונעמען אַק־טועלע און פּאָטענציעלע ייִדישע נע־ונדניקעס. וואָסער נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע דאַרף אַזאַ ייִשובֿ האָבן? עס דאַרפֿן גאַראַנטירט זײַן די רעכט אויפֿצוהאַלטן אונ־דזער נאַציאָנאַלע קולטור, איר נאָרמאַלע אַנטוויקלונג און ווײַטערדיקער וווקס. אינעם ייִדישן ייִשובֿ דאַרף ייִדיש האָבן דעם סטאַטוס פֿון אַן אָפֿיציעלער שפּראַך באַגלײַך מיט דער לאַנדשפּראַך. מען טאָר ניט אַרויסשטעלן קיין מינימאַלע פֿאָ־דערונגען — בלויז צו האָבן דאָס רעכט אויסצוהאַלטן פּריוואַטע שולן אויף ייִדיש. אַן קולטורעלער אויטאָנאָמיע וועט דער ייִשובֿ ניט האָבן קיין צוציִונג־קראַפֿט. אין דער אַנגלאָסאַקסישער אויסטראַליע האָט מען דאָס ניט געקאָנט פֿאָדערן, אָבער דאָס איז פֿולשטענדיק מעגלעך אין אַזאַ לאַנד ווי די גוויאַנעס, ווו די באַפֿעלקערונג איז אַ געמישטע און קיין דאָמינירנדיקע נאַציאָנאַלע קול־טור איז ניטאָ. מען קאָן אַפֿילו מוותּר זײַן אויפֿן תּנאַי פֿון פֿרײַער אימיגראַציע, אָבער נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז אומבאַדינגט נייטיק. דאָס מיינט ניט קיין פּאָליטישע סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן. דאָס וועט אָבער צוציִען יענע ייִדן, וואָס האַלטן ניט, אַז די עקסקלוסיוו העברעיִסטישע פּאַלעסטינע קאָן פֿאַר־ענטפֿערן אַלע אונדזערע הצטרכותן — ניט נאָר פֿיזישע, נאָר אויך גײַסטיקע.

י. נ. שטיינבערגס רעפֿעראַט „פּאָליטישע פֿאַרהאַנדלונגען און אויסזיכטן״ האָט אָפֿן און ערלעך דערציילט וועגן אַלע שוועריקייטן פֿאַר טערריטאָריאַליסטי־שע פּלענער נאָך דער מלחמה. בימי זאַנגוויל האָט, ערשטנס, די באַפֿעלקערונג פֿון קאָלאָניאַלע לענדער ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע, און, צווייטנס, האָט דער ציוניזם ניט פֿאַרנומען אַזאַ מאַכטיקע פּאָזיציע ווי סוף פֿערציקער יאָרן. און פֿון דעסט וועגן האָט מען אַפֿילו דעמאָלט ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן צו קיין פּאָליטישער אויטאָנאָמיע. שוין אין 1911 האָט אַ. גלאַנץ געשריבן אינעם אָרגאַן פֿון די אַמעריקאַנער ס״ט, אַז דער איינציקער פֿאַרבאַדינג — איז דערלויבעניש

צו פֿירן אַ גרויסע קאָלאָניזאַציע, ניט אויטאָנאָמיע. איצט איז די לאַגע נאָך ווייניקער גינציק.

אין דער אַלגעמיינער וועלט האָבן מיר קעגן זיך קאָלאָניאַלע פעלקער, וואָס פֿירן דורך אַ געוואַלדיקן אויפֿשטאַנד. אַזיע און אַפריקע שטייען אין פֿלאַמען. בשעת מיר ייִדן קומען הײַנט ריידן צו די רעגירונגען פֿון האָלאַנד, פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד, הערן מיר ווי יעדע איינע האָט דערמאָנט, אַז מיר מוזן זיך איצטער רעכענען מיט דער לאָקאַלער אָדער „נייטיוו פּאָפּיולײשאָן" [= אײַנגעבאָרענע באַפֿעלקערונג]. אָט דעם פאַקט מוזן מיר אין זינען האָבן, ווען מיר ווילן ריידן וועגן פּאָליטישער אויטאָנאָמיע.

פֿון דער אַנדערער זײַט, די זאָרגן, וואָס מיר האָבן הײַנט מיט דעם ציוניזם, זײַנען גאָר קײַן פֿאַרגלײַך ניט מיט דער לאַגע פֿון 40 יאָר צוריק. דער פּאָליטישער ציוניזם שטערט דער אַרבעט פֿון פֿרײַלאַנד, דעם גאַנצן גאַנג פֿון דער פרײַלאַנד־ליגע, דירעקט און אומדירעקט. עס איז אַ טרויעריק בלעטל פֿון אונדזער הײַנטיקער געשיכטע. [דאָ האָט שטיינבערג דערמאָנט וועגן דער ציוניסטישער אַקציע קעגן דעם קימבערלי־פּראָיעקט אין אויסטראַליע].

און אָט שרײַבט אונדזער פֿרײַנד ד״ר ראַפּאַפּאָרט־שינסקי פֿון האָלאַנד, וואָס פֿאַר אַ מיאוסער קאַמפּיין עס האָט זיך אָנגעהויבן מצד די האָלענדישע ציוניסטן: זיי גייען צו דער רעגירונג, זיי זאָגן, אַז פֿרײַלאַנד שטעלט קיינעם ניט פֿאָר, אַז מען באַטראַכט זיי ווי שונאים פֿון ייִדישן פֿאָלק. ער האָט געהאַלטן אין אַמסטערדאַם אַ פֿאָרטראָג וועגן דער זאַך, זײַנען געקומען די ציוניסטן און געזען מיט אַלע מיטלען אַרונטעררײַסן אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט (...)

אַחוץ דעם האָט דער פּאָליטישער ציוניזם גענומען אָפּשרעקן די אַנדערע פֿעלקער, און זיי האָבן מורא אַרײַנצולאָזן זיך מיט ייִדן אין נאָענטע פֿאַרהאַנדלונגען. זיי האָבן מורא, אַז ווען ייִדן וועלן קומען, וועלן זיי פֿריִער צוזאָגן, אַז זיי וועלן זײַן פֿײַן און גוט, און דערנאָך וועלן זיי אָנהייבן אַרבעטן מיט באָמבעס און דינאַמיט.

שטיינבערג האָט אָנגעוויזן, אַז עס איז ווייניק צו פֿאָרמולירן אַ פּראָגראַם פֿון פֿאָדערונגען — מען דאַרף אויך זען, ווי אַזוי זי צו פֿאַרווירקלעכן.

די פעלקער שטייען ניט אין אָטשערעד און שלאָגן זיך פֿאַר פלעצער צו אונדז, די לאַגע איז פונקט פֿאַרקערט. מיר קלאַפּן אין דער טיר. מיר דאַרפֿן טאָן די גאַנצע אַרבעט. אָפֿט מאָל איז דאָס ביטער ווי דער טויט. מען פֿילט זיך דערנידעריקט ווי אַ שקלאַף.[85]

(...)

אויב מיר וועלן זיך פֿאַרשטײַפֿן אויף דעם געדאַנק פֿון פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, וועלן מיר, ערשטנס, עס ניט באַקומען און, צווייטנס, וועלן מיר אַרײַנברענגען אַן אַנטאַגאָניזם אין דער „נייטיוו פּאָפּיולײשאָן". (...)

דערפֿאַר איז אונדזער אויפגאַבע (...) זייער קלאָר געוואָרן. מיר ווילן האָבן אַ לאַנד, אין וועלכן עס זאָל זײַן אַ גרויסע ייִדישע אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, מיט רעכט פֿאַר ייִדיש־גײַסטיקן און קולטורעלן לעבן — און מער גאָרניט. אַלע איבעריקע זאַכן וועלן קומען דורך ייִדישער

> איניציאַטיוו און טאַלאַנט. (...) פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אונדזערע מעמאָ־ראַנדומס (...) זאָגן מיר, אַז די ייִדישע שפּראַך זאָל האָבן די זעלבע רעכט ווי די לאַנדשפּראַך.

אין ווײַטערדיקן טייל פֿון רעפֿעראַט האָט שטיינבערג אַוועקגעשטעלט צו דער דיסקוסיע אַ ריי פֿראַגעס פֿון פּראַקטישער פּאָליטישער טעטיקייט.

מ. מענדעלסבערג האָט געזאָלט ריידן אד״ט „פֿרײַלאַנד און דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע", אָבער זײַן פּאַקטישער רעפֿעראַט איז געווען וועגן „פֿרײַ־לאַנד און קליין־קאָלאָניזאַציע".[86] לויט זײַן מיינונג, האָט די ליגע געדאַרפֿט שטרעבן צו „ראַטעווען גרופּעס פֿון טויזנטער ייִדן, אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופֿן, מער אָדער ווייניקער אין הסכּם מיט אונדזערע אידעעס, (...) אָרגאַניזירן זייער לעבן סײַ עקאָנאָמיש און סײַ קולטורעל אויף אַ קאָלעקטיוון באַזיס, אומאָפּהענ־גיק פֿון אונדזער גרויסן פּראָיעקט פֿון טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָניזאַציע".

אַרום די דרײַ רעפֿעראַטן האָט זיך אַנטוויקלט אַ לאַנגע, זייער לעבעדיקע דיסקוסיע מיטן אָנטייל פֿון אַ סך דעלעגאַטן. אַ פּרטימדיקער באַריכט פֿון די דעבאַטן איז געווען אָפּגעדרוקט אין אויפֿן שוועל, דעצעמבער 1946. קושע בער־גער (מאָנטרעאָל), י. לעווין און אַ. קיהן זײַנען אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען נוטה געווען צו גוטמאַנס אינטערפּרעטאַציע. י. דייוויס, י. זעליטש און מ. מענדעלס־בערג האָבן גערעכנט, אַז מען דאַרף ניט אַרויסשטעלן קיין לאָזונגען, וואָס וועלן באַשטימט אָפּשרעקן די שייכדיקע מלוכות און פֿאַרמישפּטן די אונטערהאַנדלונ־גען אויף דורכפֿאַל. שטיינבערג האָט אין זײַן וואָרט צו דער דיסקוסיע נאָך אַ מאָל געזאָגט, אַז מען דאַרף פֿאָדערן „איין באַשטימטן פּלאַץ, ווו מיר זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו פֿירן אַן אייגענעם גײַסטיקן לעבן און אונדזער שפּראַך זאָל האָבן די זעלבע רעכט ווי די שפּראַך פֿונעם לאַנד", אָבער „אונדזער ייִשובֿ וועט זײַן אַן אָרגאַנישער טייל פֿון לאַנד". אַ וואָרט האָט אויך גענומען ש. ניגער, אָבער גערעדט האָט ער פֿון דער זײַט, כּסדר אין דער צווייטער פּערזאָן: „אײַער גרופּע", „אײַערע אויפֿגאַבעס". אינעם קולטורעל נידעריקן ניוואָ פֿון דער גוויאַ־נער באַפֿעלקערונג האָט ער געזען אַ גאַראַנטיע פֿון קולטורעלער זעלבשטענדי־קייט פֿון אַ ייִדישן ייִשובֿ דאָרטן. מען האָט אויך אַרומגערעדט דעם ענין: באַ־זונדערע אונטערהאַנדלונגען מיט האָלאַנד, ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך, אָדער בעטן די פֿאַראייניקטע נאַציעס, זיי זאָלן אויסאַרבעטן אַ שותּפֿישן פּלאַן פֿאַר אַלע דרײַ גוויאַנעס? מען האָט אויסגעקליבן אַ רעזאָלוציע־קאָמיסיע (י. נ. שטיינבערג, י. לעווין, ש. גוטמאַן, מ. מענדעלסבערג, ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים, אַ. קיהן, אַ. פֿיש־מאַן, אַ. פּילער און ג. קוועטשאַנסקי).

די דיסקוסיע וועגן די ערשטע רעפֿעראַטן האָט זיך פֿאַרענדיקט אויף דער צווייטער זיצונג אונטערן פֿאָרזיץ פֿון אַ. פּילער. מיט באַגריסונגען זײַנען אַרויס־געטראָטן מאַלי רובינשטיין (פֿרויען־ליגע) און לעאָ שטיינבערג (יוגנט־ליגע). נאָך דעם האָט מען אויסגעהערט דרײַ ווײַטערדיקע רעפֿעראַטן. אַ. גלאַנץ האָט

געדעדט וועגן „פרײַלאַנד און די יידישע קולטור".[87] אַט זײַנען עטלעכע ראָשי־פּרקים פון זײַן רעפעראַט:

ווען מיר ריידן וועגן אויטאָנאָמיע, מוזן מיר וויסן, וואָס מיר ווילן. עס גייט נישט אין מלוכה, עס גייט נישט אין פּאָליטישער אומאָפּהענגי־קייט. עס גייט יאָ אין אויסבויען אַן אינערלעכע קולטורעלע זעלבּ־שטענדיקייט. (...)

איך בין אַן איבערצײַגטער יידישיסט. איך זוך ניט צו „שאַפן" אַ נײַ פאָלק. איך וויל פאַרזעצן און באַפעסטיקן די נאַציאָנאַלע קולטור פון דעם יידישן פאָלק, וואָס איז דאָ (...). פרײַלאַנד מוז זײַן פאַר יידיש. (...) איך בין פאַר העברעיִש אַלס אַ טייל פון דער אַלגעמיין־יידישער קולטור, איך בין אָבער אַ קעגנער פון העברעיִזם. (...)

אַ טעריטאָריע איז ניט בלויז אַ פראַגע פון ראַטעווען פּליטים. (...) ניט בלויז איז היימלאָז דאָס יידישע פאָלק. אויך די יידישע קולטור איז היימלאָז. (...) דער טעריטאָריאַליזם (...) קאָן געבן אַ שטיצפּונקט דעם טראַגיש זוכנדיקן, פאַרלוירענעם יידישן שאַפער. (...) טראַכט וועגן דעם יידישן שרײַבער, און איר וועט פאַרשטיין דעם אָרגאַנישן צונויפ־בונד פון טעריטאָריאַליזם מיט יידיש ווערסוס דעם ציוניסטישן העב־רעיִזם. פרײַלאַנד טאָר נישט זײַן נייטראַליסטיש צו יידיש, טאָר נישט איבערחזרן דעם בונדישן טעות. אונדזער באַציִונג צו יידיש דאַרף זײַן אָרגאַניש און פּאָזיטיוו.

ד"ר ל. מ. פּרוכטבוים האָט איבערגעלייענט אַ פּרטימדיקן רעפעראַט וועגן סורינאַם און זײַן צוגעפּאַסטקייט פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע,[88] און יעקבֿ לעווין — וועגן „פּלענער פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין דער בריטישער גויאַנע".[89] באַריכטן פון די ערטער האָבן אָפּגעגעבן: גוטמאַן (ניו־יאָרק), פּילער (לאָס־אַנדזשעלעס), שטיין (הײַסטאָן), בערגער (מאָנטרעאָל), זעליטש (פילאַדעלפיע). דער אַלגעמיינער טאָן איז געווען אַ גאַנץ מונטערער. אַ גרוס פון אַרגענטינע האָט אָפּגעגעבן י. ל. גרוזמאַן (רעדאַקטאָר פון דער שפּיגל). י. נ. שטיינבערג האָט רעפערירט וועגן אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. ד"ר פּרוכטבוים האָט אי־בערגעלייענט דעם בודזשעט פון דער ליגע אויפן קומענדיקן יאָר. די רעזאָלו־ציע־קאָמיסיע האָט פאַרגעלייגט איר פּראָיעקט, וואָס איז נאָך אַ דיסקוסיע אָנ־גענומען געוואָרן. די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע: אַ. איבערעמס (שיקאַגאָ), ק. בערגער (מאָנטרעאָל), י. גאָרסקי (נ"י), ש. גוטמאַן (נ"י), י. דוואָרקין (טאָראָנטאָ), י. זעליטש (פילאַדעלפיע), ב. טוראַק (נ"י) י. טשערניאַק (וויניפּעג), אַ. כאַבאַצקי (נ"י), י. לעווין (נ"י), ד"ר י. מינקין (נ"י), מ. מענדעלסבערג (נ"י), אַדאַ סיגעל (נ"י), אַ. סטעף (נ"י), קלעמענט סטעף (פרײַלאַנד־יוגנט, נ"י), אַ. פּילער (לאָס־אַנדזשעלעס), ד"ר ל. פּרוכטבוים (נ"י), לאה קאַנטאָר (פרײַלאַנד־פרויען־אָרגאַניזאַציע, נ"י), ע. קאָרמאַן (דעטרויט), ג. קוועטשאַנסקי (מענטרעאָל), אַ. קיהן (נ"י), י. רובינשטיין (נ"י), י. נ. שטיינבערג (נ"י).

נאָכן פאַרענדיקן די קאָנפערענץ איז דעם 24סטן נאָוועמבער אין אָוונט

פֿאָרגעקומען דער יערלעכער פֿרײַלאַנד־באַנקעט. צווישן די 300 אָנטיילנעמערס זײַנען געווען פֿאָרשטייערס פֿון אַרבעטער־קאָמיטעט, אַרבעטער־רינג, אַ ריי יוניאָנס און פֿון דער נאָרוועגישער דעלעגאַציע צו דער יו־ען (פֿרוי לעאָניז). מיט קורצע רעדעס זײַנען אַרויסגעטראָטן י. נ. שטיינבערג, אַ. גלאַנץ און אַדאַ סיגעל. דער באַנקעט איז געווען געראָטן סײַ אָרגאַניזאַציאָנעל־פּראָפּאַגאַנדיסטיש, סײַ מאַטעריעל.

די רעזאָלוציעס פֿון דער קאָנפֿערענץ זײַנען געווען:[90]

אונדזערע קולטור־פֿאָדערונגען

די ערשטע פֿרײַלאַנד־קאָנפֿערענץ באַשליסט, אַז אין די פֿאַרהאַנדלונגען מיט רעגירונגען וועגן אַ טעריטאָריאַליסטישן פּראָיעקט דאַרפֿן מיר אונטערשטרײַכן, אַז מיר שטרעבן אויפֿצוהאַלטן און אַנטוויקלען די ייִדישע קולטור. דערפֿאַר דאַרף אַחוץ דער לאַנדשפּראַך אויך ייִדיש זײַן אַן אָפֿיציעלע שפּראַך פֿון ייִשובֿ. דאָס מיינט, אַז מיר דאַרפֿן פֿאָדערן אַ גײַסטיקע און קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין דעם געפּלאַנטן צענטער, ווו די אַלזײַטיק פֿרײַע און שעפֿערישע אַנטוויקלונג פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור זאָל געזיכערט ווערן.

עס ווערט פֿאַרשטאַנען, אַז די גענויע פֿאָרמולירונג פֿון די דאָזיקע פֿאָדערונגען דאַרף צוגעפּאַסט ווערן צום שייכדיקן לאַנד און טעריטאָריאַליסטישן פּראָיעקט.

וועגן אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע האָט מען אָנגענומען פֿינף באַשלוסן (פֿאַרטאָפּלען די פֿאַרשפּרייטונג פֿון אויפֿן שוועל און פֿרילענד, אַרויסגעבן בראָשורן, בלעטלעך און אויפֿרופֿן אין מאַסן־טיראַזש, ברעכן דעם סאַבאָטאַזש פֿון דער פּרעסע דורך געצאָלטע אַנאָנסן, פֿאַרשטאַרקן די אַרבעט פֿון פֿרויען־גרופּעס און פֿרײַלאַנד־יוגנט).

וועגן די פֿאַרהאַנדלונגען און אַן אויספֿאָרש־קאָמיסיע

די קאָנפֿערענץ הייסט גוט די ביזאיצטיקע פֿאַרהאַנדלונגען, וואָס די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט געפֿירט מיט די געהעריקע מלוכה־אָרגאַנען פֿון די לענדער, צו וועמען עס באַלאַנגען די גוויאַנעס.

די קאָנפֿערענץ אינסטרויִרט די נײַע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פֿון דער ליגע צו אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פֿון עקספּערטן, וואָס זאָל באַזוכן די גוויאַנעס אין משך פֿון אַ גענוגנדיקער צײַט און אויספֿאָרשן זיי, אויף וויפֿל זיי זײַנען צוגעפּאַסט פֿאַר אַ גרויסער קאָנצענטרירטער ייִדישער קאָלאָניזאַציע.

די קאָמיסיע דאַרף אַרויסגעשיקט ווערן ערשט דעמאָלט, ווען מיר וועלן באַקומען די געהעריקע פֿאַרזיכערונגען, אַז אונדזערע גרונט־פֿאָדערונגען זײַנען אָנצונעמען.

די קאָנפֿערענץ רעקאָמענדירט דער עקזעקוטיווע, זי זאָל צו דער אָרגאַניזירונג פֿון דער קאָמיסיע צוציִען פֿאַרטרעטער פֿון וואָס אַ גרעסערער צאָל פֿאַראַנטוואָרטלעכע ייִדישע קערפּערשאַפֿטן און באַזונדערס

פֿון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט און פֿון די ברייטע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן.

מיר באַאויפֿטראָגן די פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציע אין מאָנטרעאָל אויס־צופֿאָרשן די מעגלעכקייטן פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע (אין אַ גרויסן מאָסשטאַב) אין איינער פֿון די פּראָווינצן פֿון קאַנאַדע.

וועגן אָנטייל אין ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס

סײַ די אָרטיקע פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציעס, סײַ די איינצלנע מיטגלידער דאַרפֿן זיך אַקטיוו באַטייליקן אין אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, „וואָס האָבן אַלס זייער ציל צו פֿאַרשטאַרקן די ייִדישע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס און ממשיך צו זײַן די עקסיסטענץ פֿונעם ייִדישן פֿאָלק" — אַרבעטן פֿאַרן ייִדישן שול־וועזן, קולטור, דעמאָקראַטיזאַציע פֿון ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און הילף פֿאַר דער שארית־הפליטה.

די נײַע עקזעקוטיווע האָט זיך געווענדט מיט אַן אויפֿרוף צום ייִדישן פֿאָלק, אַפּעלירנדיק צו ייִדישע פֿאָלקסמענטשן אין אַלע לענדער מיטצוהעלפֿן דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין איר אַרבעט [91].

נאָך דער קאָנפֿערענץ איז די טעטיקייט פֿון דער ליגע אַוועק אין אַ שנעלן טעמפּאָ. אין אייראָפּע זײַנען אויפֿגעקומען נײַע פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן סטימולירט די אָנגעהויבענע פּאָליטישע אַקציע מיט זייער גרייטשאַפֿט אויף פּיאָנירן־אַרבעט. וועגן זיי וועט אונדז אויסקומען צו ריידן שפּעטער. די פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען מיט די רעגירונגען פֿון ענגלאַנד און האָלאַנד זײַנען געגאַנגען פּאַראַלעל, מיר וועלן זיי דאָ אָבער באַטראַכטן באַזונדער.

אונטערהאַנדלונגען מיט דער בריטישער רעגירונג

סוף 1946 האָבן פֿאָרשטייערס פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע געהאַט שמועסן מיטן בריטישן מלוכה־סעקרעטאַר פֿאַר קאָלאָניעס אייוואָר טאָמאַס, מיטן גו־בערנאַטאָר פֿון דער בריטישער גוויאַנע סער גאָרדאָן לעטעם (אין ניו־יאָרק) און מיטן בריטישן אַמבאַסאַדאָר (אין וואַשינגטאָן) און אויך קאָרעספּאָנדירט מיט לייבאָריסטישע דעפּוטאַטן (ווי פּ. גאָרדאָן וואָקער). די בריטישע אָפֿיציע־לע פֿאַקטאָרן האָבן זיך געהאַלטן בײַ דער זעלבער טאַקטיק וואָס פֿריִער: ניט אָפּזאָגן, אָבער ווי ווײַט מעגלעך פֿאַרציִען די זאַך. טיפּיש איז דער בריוו פֿון קריטש דזשאָנס (פֿון 13טן נאָוועמבער 1946), וואָס האָט צו ערשט אויסגע־רעכנט אַלע מינים קעגנפֿאַקטאָרן, אָבער אויסגעלאָזט: „אָבער מיר בלײַבן גרייט סימפּאַטיש צו באַטראַכטן יעדע דעפֿיניטיווע פֿאָרשלאָגן, וואָס איר, אָדער אַנ־דערע אַחריותדיקע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, קאָנט אַרויסשטעלן ווי אַ יסוד פֿאַר פּראַקטישע שמועסן" [92].

דעם 13טן יאַנואַר 1947 האָט אײַוואָר טאָמאַס מודיע געווען דער ליגע, אַז די בריטישע רעגירונג האַלט בײַם שיקן קיין גוויאַנע אַ קאָמיסיע אויסצופֿאָרשן

אירע קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן, דעריבער קאָן די ליגע פֿאַרשפּאָרן צו פֿי־נאַנצירן איר אייגענע עקספּעדיציע אַהין. דעם 6טן מאַרץ האָט ער מוסיף גע־ווען, אַז די מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע זײַנען אינפֿאָרמירט וועגן דעם ייִדישן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אין גוויאַנע און וועלן אים נעמען אין אַכט בײַם דורכפֿירן זייערע אויספֿאָרשונגען[93]. לויט דער מודעה פֿון בריטישן קאָלאָניעס־מיניסטע־ריום פֿון 7טן פֿעברואַר איז אַ קאָמיסיע פֿון פֿינף עקספּערטן באַשטימט גע־וואָרן „נאָך אַ מאָל אויסצופֿאָרשן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פֿון בריטישער גוויאַנע און בריטישן האָנדוראַס און די מעגלעכקייטן פֿון קאָלאָניזאַציע אין זיי". די קאָמיסיע האָט געזאָלט נעמען אין אַכט: 1) די קומענדיקע באַדערפֿע־נישן פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג פֿון די צוויי טעריטאָריעס, 2) די אי־מיגראַציע־באַדערפֿענישן פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון די בריטישע וועסט־אינ־דישע אינדזלען, 3) די נייטיקייט צו געפֿינען אַן אָרט פֿאַר קאָלאָניזירן היימ־לאָזע אין אייראָפּע[94]. די קאָמיסיע האָט געפּלאַנט אַרויסצופֿאָרן אין אויגוסט. אינוואָר טאָמאַס האָט איר איבערגעגעבן די קאָרעספּאָנדענץ פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע מיטן קאָלאָניעס־מיניסטעריום, און איר סעקרעטאַר האָט דעם 31סטן מײַ געמאָלדן ד"ר שטיינבערגן, אַז די קאָמיסיע קאָן אויסהערן די ווונטשן פֿון דער ליגע צווישן דעם 8טן און 12טן יולי, אָבער זי איז אויך מסכּים צו באַטראַכטן דעם פּראָיעקט געשריבענערהייט.

דעם 27סטן יוני האָט דער פֿרײַלאַנד־סעקרעטאַריאַט איבערגעשיקט דער קאָמיסיע אַ פּרטימדיקן מעמאָראַנדום, וואָס האָט כּולל געווען די געשיכטע פֿו־נעם גוויאַנע־פּראָיעקט פֿון 1938 אָן, די רעקאָמענדאַציעס פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע אין 1939 און די פֿאַרלאַנגען פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע. דער ייִדישער ייִשובֿ האָט ניט געזאָלט ווערן אַ סעפּאַראַטער פּאָליטישער יש, זײַנע אײַנוווי־נערס וועלן אָנערקענען די געזעצן און אַדמיניסטראַציע פֿון בריטישער גוויאַנע און וועלן אָנטייל נעמען אין פֿינאַנצן און פֿאַרטיידיקונג פֿון דער גאַנצער קאָ־לאָניע, אָבער חוץ דעם „וועלן די קאָלאָניסטן געניסן פֿון אויטאָנאָמע רעכט אין אַליין־פֿאַרוואַלטונג, אין הסכּם מיט מ"ר נעוויל טשעמבערלענס דערקלע־רונג אין מײַ 1939". וועגן קולטור־אויטאָנאָמיע האָט זיך געזאָגט:

> עס מוז גאַראַנטירט ווערן די פֿרײַהייט צו אַנטוויקלען ייִדישע קול־טור, אַרײַנגערעכנט רעליגיע, שפּראַך און מינהגים. שבתים און יום־טובֿים דאַרפֿן אָפֿיציעל אָנערקענט ווערן אין איבערוויגנדיק ייִדישע ראַיאָנען און זיי דאַרפֿן אָפּגעהיט ווערן דורך די אָרטיקע עפֿנטלעכע מאַכטן, אויף וויפֿל דאָס איז ניט סותר די פֿונקציעס פֿון דער צענטראַלער רעגירונג. די דערציִונג־סיסטעם דאַרף געבן די ייִדישע קאָלאָניסטן די פֿולע מעגלעכקייט צו זײַן צוגעבונדן צו דער בריטישער גוויאַנע פּונקט אַזוי ווי צו זייער אייגענער גײַסטיקער ירושה. דעריבער דאַרף די ייִדישע שפּראַך אין פֿולן פֿאַרנעם געלערנט ווערן אין די ייִדישע שולן און זײַן די שפּראַך פֿון לימודים.

אַנדערע פּונקטן האָבן גערעדט וועגן די יסודות פֿון קאָלאָניזאַציע, צום

סוף האָט דער מעמאָראַנדום פֿאַרזיכערט, אַז קיין קאַנדידאַטן צו באַזעצן זיך אין אַ ייִדישן ישובֿ אין גוויאַנע וועלן ניט פֿעלן; עס קומען כּסדר אָן בריוו פֿון גאַנצע גרופּעס סײַ אין די פּליטים־לאַגערן, סײַ אין די באַפֿרײַטע רומעניע און פּוילן. חוץ מעמאָראַנדום האָט מען אויך געשיקט אַ פּלאַן פֿון קאָלאָניזאַציע, צונויפֿגעשטעלט דורכן פֿרײַלאַנדיסט מאַרק פּלאָטניק, אויפֿן סמך פֿון פֿאַראַנענער דאָקומענטאַציע וועגן דער בריטישער גוויאַנע.

די ליגע האָט אויך אויסגענוצט די פֿאַרבעטונג דירעקט פֿאָרצושטעלן אירע ווונטשן דער קאָמיסיע. אין דער אָנגעוויזענער צײַט, אָנהייב יולי 1947, האָבן י. פּאָדאָלסקי און ד״ר ה. לעווענטאַל באַזוכט די קאָמיסיע און געהאַט אַ שמועס מיט אירע מיטגלידער סער דזשעפֿרי עוואַנס, גריניטש און מאַרגהאַט, וואָס האָבן צוגעזאָגט, אַז די רעזולטאַטן פֿון זייער אויספֿאָרשונג וועלן באַקאַנט ווערן סוף סעפּטעמבער. די קאָמיסיע־מיטגלידער זײַנען נשתומם געוואָרן, דערהערנדיק, אַז סורינאַם איז מסכּים אַרײַנצונעמען 30,000 ייִדן; זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ צו גרויסער ציפֿער[95]. אין דער זעלבער צײַט האָט דער פּאַרלאַמענט־מיטגליד דייוויד גאַמאַנס אינפֿאָרמירט ד״ר שטיינבערגן, אַז ווי ער פֿאַרשטייט, וועט מען דער בריטישער גוויאַנע ניט אָננעמען קיין שום באַשלוסן ביז די נײַ־באַשטימטע פּאַלעסטינע־קאָמיסיע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס וועט אָפּגעבן איר באַריכט, וואָס וועט זיך פֿאַרנעמען ניט נאָר מיט פּאַלעסטינע, נאָר אויך מיטן עתיד פֿון ייִדישע פּליטים אין אייראָפּע בכלל[96].

כּך הווה. דער באַריכט פֿון דער בריטישער קאָמיסיע פֿאַר גוויאַנע און האָנדוראַס האָט זיך ניט באַוויזן ניט נאָר פֿאַר דער פּובליקאַציע פֿונעם ראַפּאָרט פֿון דער יו־ען־קאָמיסיע פֿאַר פּאַלעסטינע (דעם 26סטן סעפּטעמבער 1947), נאָר אויך נאָך דעם — אפֿשר צוליב דעם, וואָס די בריטישע רעגירונג האָט זיך (דעם 17טן אָקטאָבער) אָפּגעזאָגט צו נעמען אָן אָנטייל אין דורכפֿירן די רעקאָמענדאַציעס פֿון אָט דעם ראַפּאָרט. ממילא איז דער ענין בריטישע גוויאַנע אויך אַ צײַט אַראָפּ פֿונעם סדר־היום. דער באַריכט וועגן דער בריטישער גוויאַנע איז אַרויס ערשט סוף 1948, בײַ אַ לגמרי געביטענער קאָניונקטור.

האָלאַנד און סורינאַם באַטראַכטן דעם פֿרײַלאַנד־פּלאַן

אין גאַנצן אַנדערש האָבן זיך די געשעענישן אַנטוויקלט אויפֿן צווייטן פֿראָנט פֿון פּאָליטישער אַקציע — די אונטערהאַנדלונגען מיט האָלאַנד וועגן סורינאַם. דאָ האָט די ווענדונג פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע געטראָפֿן אַן אַקטיוון אינטערעס און האָט זיך שנעל גערוקט פֿאָרויס. ווי שוין דערמאָנט, האָט ד״ר ראַפּאָפּאָרט... ראַפּשינסקי צוזאַמען מיטן געווו׳ קאָלאָניעס־מיניסטער לאָכעמאַן באַנײַט דעם 6טן נאָוועמבער די שמועסן מיט דער האָלענדישער רעגירונג. די עקזעקוטיווע פֿון דער ליגע האָט אין גיכן געפֿונען פֿאַר מעגלעך זיך צו ווענדן צום קאָלאָניעס־מיניסטער מיטן מעמאָראַנדום, וואָס איז געווען פֿאַרטיק שוין אין יולי,

אָבער איז ניט דערלאַנגט געוואָרן אין יענער צײַט צוליבן רעגירונג־בײַט[97].

אינעם באַגלייטבריוו פֿון 22סטן נאָוועמבער 1946 האָט זיך קורץ דערציילט וועגן די ביז־איצטיקע אונטערהאַנדלונגען, אַנגעהויבן פֿון ראַפּטשינסקיס שמועס מיטן פֿריערדיקן פּרעמיער, און עס זײַנען ציטירט געוואָרן די דערקלערונגען פֿון די קאָלאָניעס־מיניסטאָרן דזשאָרדזש האָל און מאַריום מוטע.

אין דעם פּרעאַמבל צום מעמאָראַנדום האָט זיך גערעדט וועגן „עטאַבלירן אַ קאָנצענטרירטן יידישן יישובֿ אין אַן אומבאַזעצטן טייל סורינאַם בכדי צו פֿאַרענטפֿערן די ייִדישע היימלאָזיקייט און צו פֿאַרזיכערן דעם קיום פֿון יידישן ציבור אין זײַן היסטאָרישן המשך". דער מעמאָראַנדום האָט פֿאָרמולירט דעם סטאַטוס פֿונעם יידישן יישובֿ: די קאָלאָניסטן וועלן ווערן בירגערס פֿון סורינאַם און פֿון דער האָלענדישער פֿאַראייניקונג, וועלן האָבן גלײַכע פֿליכטן מיט אַלע תּושבֿים, „געניסן רעכט פֿון אויטאָנאָמיע אין לאָקאַלער פֿאַרוואַלטונג" און האָבן „אַן אַדעקוואַטע רעפּרעזענטאַנץ אין די רעגירונג־קערפּערשאַפֿטן פֿון סורינאַם". „די עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער קולטור, אַרײַנגערעכנט רעליגיע, שפּראַך און ליטעראַטור, דאַרף פֿאַרזיכערט ווערן אינעם יישובֿ". די דערציִונג־סיסטעם דאַרף פֿאַרבינדן די יידישע קאָלאָניסטן סײַ מיט סורינאַם און מיט דער האָלענדישער קולטור, סײַ מיט זייער יידישער גײַסטיקער ירושה. ביידע שפּראַכן — האָלענדיש און יידיש — דאַרפֿן דעריבער האָבן אַ גלײַכן אָרט אין די שולן. די רעגירונג פֿון סורינאַם וואָלט געהאַט די אַלגעמיינע השגחה איבער דער פּיאָנירישער סטאַדיע פֿון אַרבעט, אָבער די פֿרײַלאַנד־ליגע וואָלט געטראָגן די אַחריות פֿאַרן אָפּקלײַבן פֿון פּיאָנירן, פֿאַרן אויסאַרבעטן און דורכפֿירן עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּלענער און פֿאַרן פֿאַרוואַלטן מיט דער ערד און עפֿנטלעכע דינסטן פֿונעם יישובֿ.

דעם 10טן יאַנואַר 1947 האָט דער שעף פֿונעם וועסט־אינדישן אָפּטייל אין קאָלאָניעס־מיניסטעריום אין אַ בריוו צו שטיינבערגן באַשטעטיקט דאָס באַקומען דעם מעמאָראַנדום און דעם באַגלייטבריוו און האָט מודיע געווען אינעם מיניסטערס נאָמען:

> זײַן עקסעלענץ האָט מיר געהייסן אײַך צו אינפֿאָרמירן, אַז דער דאָזיקער ענין איז געווען אונטער באַטראַכטונג זינט איר זײַט אָפּגעפֿאָרן פֿון לאַנד אין מײַ 1946 נאָך אײַער באַגעגעניש מיט זײַן פֿאָרגייער, און נאָר צוליב אומפֿאָרויסגעזעענע אומשטאַנדן האָט מען געמוזט אים אָפּלייגן.
>
> אין גיכן וועט דער פּלאַן איבערגעגעבן ווערן דעם גובערנאַטאָר און דער רעפּרעזענטאַטיווער קערפּערשאַפֿט פֿון סורינאַם, בכדי זיי זאָלן באַטראַכטן, צי זיי וועלן אַרײַנגיין אין אונטערהאַנדלונגען מיט אײַך און אײַערע פֿרײַנד מכּוח אַ פּרעלימינערער פֿאַרשטענדיקונג, וואָס אַן ענדגילטיקער באַשלוס וועגן איר וואָלט אָנגענומען געוואָרן שפּעטער.

אין גיכן האָט ראַפּטשינסקי מודיע געווען וועגן אַ פֿאַרטרוילעכן שמועס מיטן קאָלאָניעס־מיניסטער: די רעגירונג איז פֿאַרן פֿרײַלאַנד־פּלאַן, אָבער עס

איז נייטיק, אַז אויך סורינאַם זאָל מסכּים זײַן. דעם 28סטן יאַנואַר 1947 האָט דער גובערנאַטאָר בראָנז איבערגעגעבן דעם מעמאָראַנדום צו דער באַטראַכ־טונג פֿון די סורינאַמער סטאַטן (לעגיסלאַטיווער ראַט). ער האָט דערבײַ רעקאָ־מענדירט אָנצונעמען דעם פּראָיעקט אין פּרינציפּ, בכדי עס זאָל מעגלעך ווערן אָנצוהייבן קאָנקרעטע אונטערהאַנדלונגען מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע. דעם 14טן פֿאַברואַר האָבן די סטאַטן פֿאַרענדיקט די באַטראַכטונג פֿונעם מעמאָראַנדום און האָבן באַשלאָסן אָנצונעמען אים אין פּרינציפּ און צו באַפֿולמעכטיקן דעם גובערנאַטאָר ממשיך צו זײַן די אונטערהאַנדלונגען. דעם 17טן פֿעברואַר האָט בראָנז טעלעגראַפֿירט דער ליגע וועגן דעם באַשלוס פֿון די סטאַטן און האָט פֿאַרבעטן קיין סורינאַם אַן עקספּערטן־קאָמיסיע „אויסצופֿאָרשן די אָרטיקע באַדינגונגען און אַרומצורײדן מיט דער רעגירונג אַלע ענינים, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער פֿראַגע" [98].

די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע האָט געגעבן אַ קורצן פּרעסע־קאָמוניקאַט וועגן די ערשטע דערמוטיקנדיקע רעזולטאַטן פֿון די אונטערהאַנדלונגען [99]. מען האָט באַשלאָסן צו שיקן צו ערשט ניט קיין וויסנשאַפֿטלעכע עקספּערטן־קאָמיסיע, נאָר אַ דעלעגאַציע פֿאַר פּרעלימינערע פּאָליטישע שמועסן — פֿעסטצושטעלן דעם פֿאַרנעם און כאַראַקטער פֿונעם פּראָיעקט, באַקענען זיך מיט די אַלגעמיינע באַדינגונגען אין סורינאַם און קלאָר מאַכן די דאָרטיקע באַפֿעלקערונג וועגן די צילן פֿון דער ליגע. דאָס לעצטע איז געווען באַזונדערס וויכטיק צוליב אַ פּרעסע־אינצידענט, וואָס האָט געהאַט אַ שלעכטן אָפּקלאַנג אין סורינאַם. די האָלענדישע אַגענץ אַנעטאַ, איבערגעבנדיק וועגן דעם סורינאַם־ענין, האָט פֿון זיך אַליין אַרײַנגעשטעלט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן באַזעצן פֿון 50 ביז 100 טויזנט ייִדן. דער גובערנאַטאָר פֿון סורינאַם האָט אין זײַן באַריכט וועגן דעם פּראָיעקט אין דער אָרטיקער פּרעסע געשריבן וועגן 5—10 טויזנט; מעגלעך, אַז אינעם אַנעטאַ־קאָמוניקאַט האָט מען פּשוט געמאַכט אַ דרוקפֿעלער. אין סור־ינאַם האָט דאָס געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ייִדן קלײַבן זיך צו מאַיאָריזירן און פֿאַרכאַפּן דאָס גאַנצע לאַנד. ד"ר בראָנז האָט טעלעגראַפֿיש מודיע געווען דער ליגע וועגן דעם וווקס פֿון קעגנערישע שטימונגען אין שייכות דערמיט. די ליגע האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז זי האָט קיין מאָל ניט אָנגערופֿן קיין דעפֿי־ניטיווע ציפֿערן, אָבער אַז די הצלחה פֿון דער אונטערנעמונג הענגט אָפּ פֿון פּלאַנירן זי אין אַ גרויסן פֿאַרנעם. פֿון אָט דעם קליינעם אינצידענט האָט מען שוין געקאָנט האָבן אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז די אונטערהאַנדלונגען מיט די סורינאַמער וועלן ניט אָנקומען לײַכט.

אין דער דעלעגאַציע האָט מען אויסגעקליבן י. נ. שטיינבערגן, ד"ר ל. מ. פּרוכטבוימען און ה. וואַן לעוועגען. ד"ר פּרוכטבוים איז געשטאַנען בראָש פֿון דער פּאָליטישער קאָמיסיע און, זײַענדיק אַ מעדיקער, האָט ער געקאָנט שאַפֿן זיך אַ פֿאָרשטעלונג וועגן די סאַניטאַרע צושטאַנדן אין סורינאַם. וואַן לעווען איז געווען וויכטיק ווי אַ האָלענדישער בירגער. די עקזעקוטיווע האָט באַקומען

דערמוטיקנדיקע ברױוו פֿון ספּעציאַליסטן אין טראָפּישער מעדיצין: פּראָפ׳ לודוויק אַניגשטײן (אוניווערסיטעט פֿון טעקסאַס), וואָס איז פֿאַר דער מלחמה געווען אַן אָנגעזעענער טוער פֿון דער פּוילישער פֿרײַלאַנד־ליגע און איז בשעתו געווען זײער רעזערווירט לגבי גוויאַנע, און פּראָפ׳ מאַרטאַן קאָהן (קאָרנעל־אוניווערסיטעט), וואָס האָט פּערזענלעך געהאַט באַזוכט די גוויאַנעס. דער אָפּפֿאָר פֿון דער דעלעגאַציע איז לכתּחילה באַשטימט געוואָרן אויפֿן 18טן מאַרץ; דער גובערנאַטאָר, וואָס מען האָט אים דרינגלעך אַרויסגערופֿן קײן האַג, האָט אָבער געבעטן אָפּלײגן די דאַטע ביז נאָכן 8טן אַפּריל. דערווײַל האָט ד״ר ראַפּטשינסקי לויט דער פֿאַרבעטונג פֿון דער האָלענדישער רעגירונג געהאַלטן אַ ראַדיאָ־רעדע צום סורינאַמער פֿאָלק וועגן דעם פֿרײַלאַנד־פּלאַן (דעם 7טן מאַרץ)[100]. מכּוח דער סענסיטיווער פֿראַגע וועגן דער צאָל ייִדישע אײַנוואַנדערערס האָט ער פֿאַרגעלײגט, אַז זי זאָל אָפּהענגיק פֿון דער אויפֿנעם־פֿעיִקייט פֿון די פֿאַרלײגטע דערפֿער און פֿאַבריקן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין סורינאַם (דער עיקר אין פּאַראַמאַריבאָ) איז פֿאַראַן אַ ייִדישע קהילה פֿון 800־900 נפֿשות און אַז דער עדיטאָריאַל פֿון איר חודש־שריפֿט תּרועה[101], מאַרץ 1947, איז געווען לטובֿת דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם. די ציוניסטישע רעדאַקציע האָט טאַקע אָנערקענט, אַז „די אײנציקע פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער ייִדישער פֿראַגע איז ארץ־ישׂראל״, אָבער „די לאַגע פֿון ייִדן איז אַזוי שווער, אַז מען מוז אויסנוצן יעדע מעגלעכקייט צו ראַטעווען די היימלאָזע״, בפֿרט אַז דאָס קאָן מיט זיך ברענגען „אַן עקאָנאָמישע אויפֿלעבונג אין סורינאַם״ און אַז „דער אָנקום פֿון אַ גרויסער צאָל ייִדן (...) וועט אַרײַנברענגען אויך אַ גרויסע דערוואַכונג אין אונדזער קלײנער ייִדישער קהילה״[102].

דעם 26סטן מאַרץ איז זיך צונויפֿגעקומען אַ פּלענום פֿון דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אויסצואַרבעטן אינסטרוקציעס פֿאַר די דעלעגאַטן אין 13 פּונקטן. דער פּונקט 3 האָט אַרויסגעשטעלט די מאַקסימאַלע פֿאָדערונג: „די סורינאַמער רעגירונג לאָזט פֿרײַ דעם אַרײַנפֿאָר פֿון ייִדן אין לאַנד מיטן צוועק צו קאָלאָניזירן זיך״. דעם 8טן אַפּריל איז די דעלעגאַציע אַרויסגעפֿלויגן קײן פּאַראַמאַריבאָ.

סורינאַם אין 1947: נאַטירלעכע און פּאָליטישע תּנאָים

וואָס האָט סורינאַם מיט זיך פֿאָרגעשטעלט ווי אַ פּאָטענציעלער שטח פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע און וואָסערע פּאָליטישע הנחות דערצו זײַנען געווען אויפֿן אָרט?

דער טײל סורינאַם, וואָס איז געקומען אין באַטראַכט, איז גוט אויסגעפֿאָרשט. חוץ אַנדערע מאַטעריאַלן געפֿינען זיך אין אונדזער רשות פּרטימדיקע באַריכטן סײַ פֿון דער פּאָליטישער דעלעגאַציע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע, סײַ פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע, וואָס האָט אין שליחות פֿון דער ליגע געפֿאָרשט

די שייכדיקע שטחים במשך פֿון צוויי חדשים. אָבער בשעת דער ציוניסטישער קאַמפּאַניע קעגן דעם סורינאַם־פּראָיעקט האָבן זיך אין דער פּרעסע באַוויזן אַזעלכע שוידערלעכע באַשרײַבונגען פֿון סורינאַם, אַז ניט איינעם קאָן באַפֿאַלן אַ חשד, טאָמער זײַנען די באַריכטן פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע פּניותדיק. וועלן מיר זיך דעריבער פֿאַררופֿן דער עיקר אויף אַן עקספּערטן־באַריכט, וואָס מען קאָן אים ניט חושד זײַן אין סוביעקטיוויטעט. עס האָט אים צונויפֿגעשטעלט אַ קאָמיסיע פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן באַנק פֿאַר רעקאָנסטרוקציע און אַנטוויקלונג, וואָס האָט לויט דער פֿאַרבעטונג פֿון די רעגירונגען פֿון האָלאַנד און סוררינאַם אויסגעפֿאָרשט סורינאַם אין 1951.[103] ער שטימט אין אַלע פּרטים מיט די פֿרײַערדיקע אויספֿירן פֿון דער ליגע.

סורינאַם האָט אַ שטח פֿון 142,882 קוו קמ (55,155 קוו"מ), אָבער נאָר דער אַלוויאַלער פּליין לענג־אויס דעם ים טויג פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט און איז באַזעצט. דער אינעווייניקסטער טייל, איבער דרײַ פֿערטל פֿונעם לאַנד, איז באַדעקט מיט וועלדער, האָט זייער אַן אָרעמען באָדן, איז ווייניק אויסגעפֿאָרשט און האָט ניט קיין וועג־פֿאַרבינדונג מיטן ים־פּליין. כמעט די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון סורינאַם וווינט אינעם אַלוויאַלן שטח. אין 1941 האָבן דאָרט געוווינט אַרום 162 טויזנט, אין 1950 איז די צאָל אויסגעוואַקסן ביז 195 טויזנט; פֿאַר 1947 קאָן מען לפֿי־ערך אָננעמען בײַ 180 טויזנט אײַנוווינערס. אַזוי אַרום איז סורינאַם ניט געווען קיין „אומבאַוווינט אָדער כמעט אומבאַוווינט לאַנד". ער האָט פֿאַרמאָגט אַ באַפֿעלקערונג, און מען האָט זיך מיט איר געמוזט רעכענען.

אָבער דאָס האָט ניט געהייסן, אַז דאָס לאַנד איז געווען דורכויס באַזעצט. כמעט אַ העלפֿט פֿון דער באַפֿעלקערונג איז געווען קאָנצענטרירט אין דער הויפּטשטאָט פּאַראַמאַריבאָ. בלויז 30,000 העקטאַר זײַנען געווען באַאַרבעט אין 1950 — קוים 1 פּראָצענט פֿונעם באָדן, וואָס טויג פֿאַר קולטיוואַציע.[104] די סיבה דערפֿון איז געווען ניט אַ נידעריקע פּרודוקטיקייט פֿון באָדן, נאָר אַ דוחק אין אַרבעטהענט און קאַפּיטאַלן. דער באָדן איז דווקא זייער גוט:

> סורינאַמס לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּאָטענציאַל איז גאַנץ גרויס. אַינעם ברעגפֿאָס זײַנען דאָ גרויסע שטחים באָדן פֿון הויכער פּרודוקטיקייט; דער רעגנפֿאַל איז גוט און איז גלײַכמעסיק פֿאַרטיילט; עס איז ניטאָ קיין סכּנה פֿון הוראַגאַנען, און ערנצטע טריקענישן זײַנען אומבאַקאַנט. (...) דאָס באַאַרבעטע לאַנד אין ברעגעגנט האָט יאָר נאָך יאָר אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעווייטלעכע פּראָדוקטיווקייט. מען פּראָדוצירט כמעט אַלע טיפּן טראָפּישע פּראָדוקטן: צוקער, קאַווע, קאַקאַאָ, ציטרוסן, באַנאַנעס, קאָקאָסניס, איילזאָמען, רײַז, סויע, ערדניס, וואָרצל־געוויקסן און גרינס.[105]

בכדי די באָדנס אין ברעגפּליין זאָלן קאָנען זײַן פּראָדוקטיוו, מוז מען זיי „אײַנפּאָלדערן", ד"ה אַרומנעמען מיט ערדוואַלן און דורכשנײַדן מיט גראָבנס און קאַנאַלן פֿאַר דרענאַזש. דאָס פֿאָדערט היפּשע אינוועסטיציעס, אָבער זיי צאָלן זיך אָפּ אַ דאַנק די אויסנעמיק הויכע גערעטענישן, וואָס די פּאָלדערס

ברענגען אַרויס. די באָדן־פּראָדוקטיוויקייט זייער איז אַ סך העכער ווי געוויינ־לעך אין די טראָפּיקעס, און דער באָדן באַגייט זיך אָ לאַנגע צײַט אָן קינסטלע־כער באַמיסטיקונג. די העכער געלעגענע שטחים ווײַטער פֿון ים נייטיקן זיך ניט אין קיין קאָסטעוודיקע אינוועסטיציעס, דאָרט מוז מען אָבער אָנווענדן באַמיסטיקונג.[106]

אַ צווייטער וויכטיקער צווײַג פֿון דער סורינאַמער עקאָנאָמיק זײַנען די וועלדער, וואָס פֿאַרמאָגן סײַ ווערטפֿולע מינים האַרטע האָלצן פֿאַר מעבל, סײַ ביליקערע ווייכע מינים האָלץ פֿאַר קאָסטנס. בלויז אינעם ברעגפּליין וואָלט מען געקאָנט פּראָדוצירן 2,000,000 קובישע מעטער האָלץ אַ יאָר, אָבער אין 1950 האָט די יערלעכע פּראָדוקציע באַטראָפֿן נאָר 130,000 קובישע מעטער.[107] דער וווקס פֿון וועלדער־עקספּלואַטאַציע איז געווען אָפּהענגיק פֿון מעכאַניזירן די אַרבעט, פֿאַרבעסערן דעם טראַנספּאָרט פֿון געהילץ און פֿונאַנדערבויען די האָלץ־באַאַרבעטנדיקע אינדוסטריע.

פֿון מינעראַלן שפּילן די גרעסטע ראָלע באָקסיטן. אין 1950 האָבן זיי אויס־געמאַכט 75 פּראָצענט פֿון סורינאַמער עקספּאָרט. סורינאַם פֿאַרמאָגט ניט קיין נאַפֿט און שטיינקוילן, אָבער אין 1943 איז אויפֿגעקומען אַ פּראָיעקט צו בויען צוויי הידראָעלעקטראָסטאַציעס טיפֿער אין לאַנד, וואָס וואָלטן באַזאָרגט דאָס גאַנצע לאַנד מיט ביליקער עלעקטראָענערגיע. דאָס וואָלט אויך מעגלעך גע־מאַכט צו פּראָדוצירן אַלומיניום אין סורינאַם גופֿא.[108]

די טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן זײַנען אין ברעגפּליין לפֿי־ערך גוט אַ דאַנק דער גרויסער צאָל שיפֿיקע טײַכן און קאַנאַלן. שאָסייען איז אין 1950 געווען אַרום 405 קמ, אײַזנבאַנען — 133 קמ. סורינאַם האָט געהאַט אַ גוטן אָקעאַנישן פּאָרט אין פּאַראַמאַריבאָ, אַ סך קלענערע האַוונס, אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַעראָ־דראָם.[109]

דער קלימאַט פֿון סורינאַם איז ניט נאָר „וווּנדערלעך צוגעפּאַסט פֿאַר טראָפּישע קולטורן"[110] און ציטרוסן,[111] נאָר ווערט אויך כאַראַקטעריזירט ווי „זייער אַן אָנגענעמער עקוואַטאָריאַלער קלימאַט" מיט „שטענדיקע ים־ בריזן (פּאַסאַטווינטן), וואָס מאַכן די טעמפּעראַטורן פֿאַרטרעגלעך".[112] דער קלימאַט איז זייער אַ גלײַכמעסיקער: די דורכשניטלעכע טעמפּעראַטור אין פּאַראַמאַריבאָ איז 27 גראַד צעלסיוס (80.6 גראַד פֿאַרענהייט), דער הייסטער חודש איז סעפּ־טעמבער מיט 28 גראַד צ' (82 גראַד פֿ');7 בײַ נאַכט פֿאַלט די טעמפּעראַטור זעלטן אַראָפּ אונטער 21 גראַד צ' (70 גראַד פֿ'). פּאַראַמאַריבאָ האָט קיין מאָל ניט פֿאַרצייכנט קיין טעמפּעראַטור פֿון 38 גראַד צ' (100 גראַד פֿ'), וואָס איז ניט זעלטן אין צענטראַלטייל פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.[113] די רעלאַטיווע פֿײַכטקייט איז אין פּאַראַמאַריבאָ דורכשניטלעך 81 פּראָצענט. עס פֿאַלט אַרויס אין דורכשניט 2,000 ממ (80־90 צאָל) רעגן אַ יאָר. עס זײַנען דאָ צוויי רעגן־סעזאָנען: פֿון אַפּריל ביז יולי און אין דעצעמבער־יאַנואַר. די לופֿט־פֿײַכטקייט ווערט געמילדערט דורך די שטענדיקע ים־ווינטן. די מאָנאָטאָנע גלײַכמעסיקייט

פֿון טעמפּעראַטור במשך פֿון גאַנצן יאָר קאָן ווירקן דעפּרימירנדיק אויף אַ מענטשן פֿון דער מעסיקער קלימאַטישער זאָנע, אָבער זי איז ניט שעדלעך פֿאַרן געזונט.

„די געזונט־סטאַנדאַרטן זײַנען מערקווירדיק הויך אין פֿאַרגלײַך מיט אַנ־דערע אומאַנטוויקלטע געגנטן. (...) געבורטיקייט איז אין דורכשניט 3,6 פּראָ־צענט, שטאַרביקייט 1,3 פּראָצענט. דער צוּוווּקס פֿון באַפֿעלקערונג איז 2,3 פּראָצענט אַ יאָר". הויך איז אויך שרײַבקענעוודיקייט: 70 פּראָצענט אין 1950.[114]

פֿון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט זײַנען, בכן, ניט געווען קיין מניעות גאָר שטאַרק צו פֿאַרגרעסערן די באַפֿעלקערונג. בלויז אין דער אַגריקולטור וואָלטן געקאָנט זײַן באַשעפֿטיקט נאָך הונדערטער טויזנטער מענטשן מיט געזיכערטע אָפּזאַצמערק פֿאַר זייערע פּראָדוקטן. די פּראָבלעם איז אָבער געווען ניט נאָר אַן עקאָנאָמישע, נאָר דער עיקר אַן עטניש־פּאָליטישע.

די באַפֿעלקערונג פֿון סורינאַם איז זייער פֿאַרשיידנמיניק. צוויי עטנישע גרופּעס וווינען אין די וועלדער פֿון הינטערלאַנד און נעמען ניט קיין אָנטייל אינעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון לאַנד: אײַנגעבאָרענע אינדיאַנער (געשאַצט אויף 3,700 אין 1950) און אַזוי גערופֿענע בושנעגערס אָדער דזשוקאַס, אָפּ־שטאַמלערס פֿון רעוואָלטירטע שקלאַפֿן, וואָס זײַנען אַרום 1700 אַנטלאָפֿן אין די אורוועלדער (אַן ערך 22,000 אין 1950). די איבעריקע באַפֿעלקערונג האָט זיך אין 1950 פֿאַרטיילט אויף אַזאַ אופֿן: קרעאָלן (אָפּשטאַמלערס פֿון באַפֿרײַטע נעגערשקלאַפֿן) — 82,408 (42,1 פּראָצ'), הינדוסטאַנער (אימיגראַנטן פֿון אינ־דיע) — 66,829 (34,1 פּראָצ'), אינדאָנעזיער (דער עיקר יאַוואַנער) — 38,165 (19,5 פּראָצ'), כינעזער — 2,849 (1,5 פּראָצ'), אַנדערע (דאָס רובֿ האָלענדער) — 5,390 (2,8 פּראָצ').[115] לויט דער רעליגיע זײַנען די קרעאָלן און האָלענדער קאַטאָליקן, קאַלוויניסטן און מאָראַווישע ברידער; 70 פּראָצ' הינדוסטאַנער זײַ־נען הינדויִסטן, די רעשט מוסולמענער; די אינדאָנעזיער זײַנען מוסולמענער, די כינעזער בודיסטן. צו דער ייִדישער רעליגיע האָבן אין 1941 געהערט 830 אײַנוווינערס, אין 1950 — 499.[116]

„די דרײַ וויכטיקסטע ראַסן־גרופּעס — קרעאָלן, הינדוסטאַנער און אינדאָ־נעזיער — היטן אין זייער אַ גרויסער מאָס אָפּ זייער אידענטישקייט; עס זײַנען דאָ ווייניק געמישטע חתונות, די געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט גייט ניט אַרויס מחוצן גדר פֿון דער אייגענער גרופּע. צום גליק איז ניטאָ קיין ראַסן־סיכסוכים; אַלע גרופּעס לעבן האַרמאָניש זײַט בײַ זײַט".[117]

אין אָט דער פּלוראַליסטישער סבֿיבֿה וואָלט אַ נײַער עטנישער קיבוץ — דער ייִדישער — פֿרײַ געקאָנט אײַנהאַלטן און אַנטוויקלען זײַן נאַציאָנאַלע אי־דענטישקייט. פֿון דער אַנדערער זײַט האָט דאָס אָבער באַגרענעצט די גרייס פֿונעם פּראָיעקטירטן ייִדישן קיבוץ. אַלע דרײַ גרופּעס האָבן שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז דער צווישנראַסנדיקער באַלאַנס פֿון דער באַפֿעלקערונג זאָל ניט

פֿאַרשטערט ווערן. די שטאַרקסטע פֿון זיי — די קרעאָלן — האָבן ניט געוואָלט מוותּר זײַן אויף זייער אָנפֿירנדיקער ראָלע אינעם קומענדיקן אויטאָנאָמען סורינאַם.

סורינאַם פֿון סאַניטאַר־מעדיצינישן שטאַנדפּונקט

אין וויכטיקער פּונקט האָט געקאָנט אַנולירן אַלע מעלות פֿון סורינאַם, דהײַנו — אויב עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פֿאַרשפּרייטע טראָפּישע חולאתן שטעלן אין סכּנה דאָס געזונט פֿון ווײַסע קאָלאָניסטן. סײַ די פּאָליטישע פֿרײַלאַנד־דעלעגאַציע, סײַ די שפּעטערדיקע עקספּערטן־קאָמיסיע האָבן זיך גרינטלעך באַקענט מיט דער פֿראַגע אויפֿן אָרט אין סורינאַם און דורך קאָנסולטירן אָנערקענטע ספּעציאַליסטן. די דעפֿיניטיווע באַשטעטיקונג איז געקומען פֿונעם פֿערטן קאָנגרעס פֿאַר טראָפּישער מעדיצין און מאַלאַריע, וואָס האָט זיך געעפֿנט אין וואַשינגטאָן דעם 10טן מײַ 1948. אין נאָמען פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע האָט זיך אינעם קאָנגרעס באַטייליקט ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים. ער האָט אָנגעפֿרעגט די מיינונג פֿון פֿירנדיקע וועלט־אויטאָריטעטן. דער האָלענדישער מאַלאַריאָלאָג ד״ר נ. ה. סוועלענגרעבעל, וואָס האָט אין 1939 במשך פֿון זעקס חדשים אויסגעפֿאָרשט סורינאַם אין שליחות פֿון דער „יידישער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפֿט״, האָט געגעבן אַ שריפֿטלעכע דערקלערונג, וואָס האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז אָבסערוואַציעס פֿון 103 יאָר האָבן באַוויזן,

> אַז ווײַסע קאָלאָניסטן קאָנען לעבן און פֿאַרמערן זיך אויפֿן ברעגפּליין פֿון סורינאַם אַפֿילו אין שלעכטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. די סיבה דערפֿון איז, וואָס אינעם ברעגפּליין איז מאַלאַריע (...) רעלאַטיוו פֿון אַ קנאַפּן באַטײַט. דער פֿאַקט, וואָס ווײַסע ישובֿים אין סורינאַם זײַנען אָפּט אָפּגעשוואַכט געוואָרן פֿון חולאת, נעמט זיך פֿון דעם, אַז מען האָט פֿאַלש געהאַלטן דעם העכערן טייל לאַנד פֿאַר געזינטער ווי דער ברעגפּליין, האָט מען פֿאַרלייגט ישובֿים אינעם אַ״ג בוש (אינלאַנד). דער דאָזיקער טייל לאַנד איז זייער מאַלאַריש און יעדע קומענדיקע קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונג דאַרף באַשטימט אויסמײַדן דאָס בושלאַנד. אינעם ברעגפּליין איז מאַלאַריע רעלאַטיוו שוואַך אַ דאַנק דעם אויספֿעל פֿונעם וויכטיקן מאַלאַריע־טרעגער, אַנאָפֿעלעס דאַרלינגי. אינעם פּליין טראָגט מאַלאַריע פֿונאַנדער נאָר אַנאָפֿעלעס עקוואַסאַליס, און אָט דער קאָמאַר שפּילט אַ סך אַ קלענערע ראָלע ווי אַ מאַלאַריע־טרעגער. (...) דורך אויסקלײַבן ריכטיקע ערטער פֿאַר ישובֿים און באַזעצן די קאָלאָניסטן אין דערפֿער און ניט אין צעוואָרפֿענע פֿאַרעמס, וועט זײַן לײַכט זיי צו פֿאַרטיידיקן דורך געוויינלעכע אַנטימאַלאַריע־מאָסן ווי קאַמף קעגן די קאָמאַרן־שלייערלעך, נעצן אויף די פֿענצטער און רפֿואות־פּראָפֿילאַקטיק. חוץ דעם וועלן די נײַע דערגרייכונגען אין מאַלאַריע־קאָנטראָל, ווי למשל באַשפּריצן וווינונגען מיט דד״ט, (...) מאַכן אָט די מאָסן נאָך עפֿעקטיווער.

פּראָפֿ׳ סוועלענגרעבעל האָט ווײַטער אָנגעוויזן, אַז דורך אָפּהיטן כּללים

פון היגיענע קאָן מען זיך באַוואָרענען פון אַנדערע קרענק, וואָס עס טראָגן זיי פונאַנדער ווערעם און שנעקעס. קיין פאַלן פון געלן פיבער האָט מען אין סורינאַם ניט פאַרצייכנט במשך פון אַ סך יאָרן. איינצלנע פאַלן פון קרעץ זײַנען באַגרענעצט צו דער שטאָט פּאַראַמאַריבאָ און דאַרפן „בכלל ניט באַטראַכט ווערן ווי אַן ערנצטע סכנה".

דאָס זײַנען געווען די גרונדן, וואָס האָבן מיך געבראַכט צום אויספיר, אַז אויף ווי־פל עס האַנדלט זיך וועגן געזונט, קאָן מען דעם קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט אין סורינאַם אָננעמען ווי צוגעפּאַסט פאַר באַזעצן ווײַסע קאָלאָניסטן. דער נײַער פּראָיעקט צו באַזעצן די־פּיס פון אייראָפּע, וואָס עס האָט אונטערגעענונען די פרײַלאַנד־ליגע אין הסכם מיט די רעגירונגען פון סורינאַם און האָלאַנד, אין אַ געגנט אויף אַ געוויסן מהלך פון פּאַראַמאַריבאָ, האָט מײַן האַרציקע אינדאָרסירונג אויף ווי־פל עס האַנדלט זיך וועגן געזונט־מעגלעכקייטן.

ד"ר נ. ה. סוועלענגרעבעל, פּראָפעסאָר פון פּאַראַזיטאָלאָגיע און דירעקטאָר פון אינסטיטוט פון טראָפּישער היגיענע אין אַמסטערדאַם, האָלאַנד.

פיר קאָלעגן פון פּראָפ' סוועלענגרעבעל — פ. ל. סאָפּער, דירעקטאָר פון פּאַנאַמעריקאַנער סאַניטאַריע־ביוראָ, וואַשינגטאָן; ל. וו. האַקעט, דירעקטאָר פון ראָקפעלער־פונדאַציע, בוענאָס־אײַרעס; אַ. ה. באַלדווין, פּראָפעסאָר פון טראָפּישער מעדיצין, סידניי, אויסטראַליע; און לודוויק אַניגשטיין, פּראָפעסאָר פון פּרעווענטיווער מעדיצין און עפנטלעכן געזונט, אוניווערסיטעט פון טעקסאַס, גאַלווסטאָן — האָבן זיך אונטערגעשריבן אונטער אַ צושריפט צו זײַן ראַפּאָרט: „מיר האָבן געלייענט ד"ר סוועלענגרעבעלס דערקלערונג און מיר זײַנען פולשטענדיק מסכים מיט זײַנע אויסגעפינסן און אויספירן".

אונטערהאַנדלונגען מיט דער סורינאַמער רעגירונג־קאָמיסיע

די פרײַלאַנד־דעלעגאַציע איז אָנגעקומען קיין פּאַראַמאַריבאָ דעם 11טן אַפּריל. אויפן אַעראָדראָם האָבן זי באַגעגנט רעגירונג־פאָרשטייערס בראָש מיט ד"ר מ. דע גראָט, דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר סאָציאַלע ענינים און אימיגראַציע. ער איז אויך געווען דער פאָרזיצער פון דער רעגירונג־קאָמיסיע, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט באַשטימט דעם 18טן מאַרץ ספּעציעל פאַר אונטערהאַנדלונגען מיט דער פרײַלאַנד־דעלעגאַציע. חוץ דע גראָטן, האָבן צו דער קאָמיסיע געהערט נאָך צוויי מיטגלידער פון דער צענטראַלער אַדמיניסטראַציע: ד"ר ר. ה. פּאָס, גענעראַל־פּראָקוראָר, און ה. אַ. מ. ספּעקען, דירעקטאָר פון פינאַנצן, און צוויי מיטגלידער פונעם לעגיסלאַטיוו־ראָט (סטאַטן): ה. ל. דע פריז (פאָרזיצער פון די סטאַטן) און י. ע. דע מיראַנדאַ.[118] דע גראָט האָט געבראַכט די דעלעגאַציע גלײַך צו דער ערשטער שותּפישער זיצונג מיט דער רעגירונג־קאָמיסיע.[119]

די שטימונג אין סורינאַם איז ניט געווען קיין גינציקע. די ידיעה וועגן 100־50 טויזנט ייִדישע קאָלאָניסטן, וואָס האָט פֿיגורירט אינעם אַנטאַ־קאָמו־ניקאַט, האָט אַרויסגערופֿן אַ חשד (דער עיקר אין קרעאָלער קרײַזן), אַז עס איז דאָ עפּעס אַ געהיימער אָפּמאַך צווישן דער פֿרײַלאַנד־ליגע מיט דער האָ־לענדישער רעגירונג וועגן פֿאַרפֿלייצן סורינאַם, סאַמע ערבֿ זײַן אויטאָנאָמיע, מיט ווײַסע מענטשן און מאַיאָריזירן די אָרטיקע עטנישע גרופּעס לטובֿת האָ־לאַנד. מען האָט אַפֿילו איבערגעגעבן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן 300־200 טויזנט ייִדן. די קעגנערשאַפֿט איז געווען ניט קעגן ייִדישער אימיגראַציע בכלל, נאָר קעגן אַזאַ פֿאַרנעם, וואָס וואָלט געשטעלט אין סכּנה דעם רעלאַטיוון סטאַטוס פֿון די אָרטיקע באַפֿעלקערונג־גרופּעס.

דאָס איז גלײַך געקומען צום אויסדרוק אויף דער ערשטער שותּפֿישער זיצונג. די פֿרײַלאַנד־דעלעגאַציע האָט געוואָלט קודם־כּל אַרומריידן פּרינצי־פּיעלע ענינים, אָבער דער פֿאָרזיצער פֿון דער רעגירונג־קאָמיסיע האָט געפֿאָ־דערט, אַז פֿריִער פֿאַר אַלץ זאָל מען פֿעסטשטעלן די גענויע צאָל ייִדישע קאָ־לאָניסטן. ד״ר פּרוכטבוים האָט געפּרוווט מאַכן די צאָל אָפּהענגיק פֿון דער עקאָנאָמישער אויפֿנעם־פֿעיִקייט פֿונעם ייִשובֿ, אָבער די סורינאַמער זײַנען גע־שטאַנען אויפֿן זייעריקן:

ד״ר פֿאָס האָט דערמאָנט דעם פּאָליטישן שינוי, וואָס די עקסיס־טירנדיקע גרופּעס וואַרטן אויף אים. די אימיגראַציע פֿון אַ נײַער גרופּע פֿון 50,000 וואָלט טאָטאַל געביטן די פּאָליטישע יסודות.

ה׳ דע פֿריז איז ניט מסכּים מיט דעם [אַז מען זאָל אַרויסגיין פֿון דער עקאָנאָמישער אויפֿנעם־פֿעיִקייט], ווײַל דאָס האָט נאָר אַ טעאָרע־טישן ווערט. (...) מיר מוזן קומען צו אַ ציפֿער, וואָס קיינער זאָל קעגן איר ניט קאָנען אַרויסטרעטן אַזוי לאַנג ווי מען שטײַגט זי ניט איבער. (...)

ה׳ מיראַנדאַ דערקלערט, פֿאַר וואָס די באַפֿעלקערונג וועט זײַן קעגן אַ פּלאַן, וואָס איז ניט כּולל קיין פֿיקסירטע צאָל. ער ווײַזט אָן אויף אַ צײַט, ווען אַגריקולטור, פֿאַרוואַלטונג מיט פּלאַנטאַציעס און האַנדל זײַ־נען אין גאַנצן געלעגן אין די הענט פֿון ייִדן, וואָס זײַנען דעמאָלט גע־ווען אַ מערהייט. צווישן דער באַפֿעלקערונג איז נאָך אַלץ פֿאַראַן אַ מורא, אַז דאָס קאָן זיך איבערחזרן, הגם ס׳איז אמת, אַז די אומשטאַנדן האָבן זיך געביטן און די צאָל ייִדן איז איצט קליין.

די סורינאַמער האָבן זיך אינטערעסירט, צי די פֿרײַלאַנד־ליגע פֿירט אונ־טערהאַנדלונגען אויך מיט אַנדערע לענדער. ד״ר שטיינבערג האָט דערמאָנט דעם דאָמיניקאַנער פֿאָרשלאָג וועגן 100,000 ייִדן; אין יולי וועט מען אויך ריידן וועגן דער בריטישער גוויאַנע. צום סוף האָט די קאָמיסיע מסכּים געווען אָפּצו־לייגן די פֿראַגע ביז דער קומענדיקער זיצונג און דערווײַל אויסאַרבעטן אַ צי־פֿער, וואָס זאָל זײַן אָנצונעמען אויך פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־דעלעגאַציע. דאָס אַרומריידן אַלע אַנדערע פּונקטן פֿונעם מעמאָראַנדום איז אַוועק גאַנץ גלאַט.

אויף דער צווייטער זיצונג (וואָס האָט צוגענומען כּמעט דעם גאַנצן טאָג

פון 14טן אַפּריל), האָט דער פּאָרזיצער דע גראַט אָנגערופן די ציפער, וואָס די קאָמיסיע האָט זיך אויף איר געאייניקט: 30,000 ייִדישע אימיגראַנטן. זעענדיק די אַנטוישונג פון דער דעלעגאַציע, האָט ער עמפּאַטיש אונטערגעשטראָכן, אַז אָט דער לימיט איז דרײַ מאָל גרעסער פון דער ציפער, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט דערמאָנט אין זײַן טעלעגראַם צו דער ליגע. די דעלעגאַציע האָט געפּרוּווט פּאָדערן, אינעם אָפּמאַך זאָל לפּחות קלאָר זײַן באַוואָרנט, אַז 30,000 איז נאָר דער ערשטער קאָנטינגענט און אַז אויב זייער קאָלאָניזאַציע וועט דורכגיין מיט הצלחה, זאָל די סורינאַמער רעגירונג ניט טאָרן אָפּשטעלן די ווײַטערדיקע אימיגראַציע אָנעם הסכּם פון דער פרײַלאַנד־ליגע. די סורינאַמער האָבן מסכּים געווען, אַז די ציפער 30,000 וועט בשום אופן ניט שטערן דער רעגירונג צו דערלויבן מיט דער צײַט אַ נײַע אימיגראַציע פון ייִדן, אָבער די דעציזיע דאַרף געהערן נאָר דער רעגירונג.

אין די פּראָטאָקאָלן פון די שותּפישע זיצונגען איז ניטאָ קיין באַגרינדונג פון דער ציפער 30,000. אין די רעקאָמענדאַציעס צו די סטאַטן מכּוח ראַטיפיצירן דעם פּראָיעקט האָט די קאָמיסיע אָנגעוויזן: „בײַם אויפשטעלן דעם לימיט האָבן מיר געהאַט אין זינען, אַז די צאָל אימיגראַנטן־ייִדן זאָל זײַן קלענער פון דער קלענסטער פון די דרײַ פּאַראַנענע הויפּטגרופּעס פון דער באַפעלקערונג, ד״ה אונטער 35,000״. [120]

די דעלעגאַציע האָט אַפּעלירט צו די סטאַטן. דעם 19טן אַפּריל איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע זיצונג אין בײַזײַן פון אַלע 15 מיטגלידער. די פרײַלאַנד־פאָרשטייערס האָט מען אויפגענומען בכּבוד גדול. מען האָט אויסגעהערט זייער דעקלאַראַציע, וואָס האָט צוו״א געזאָגט, אַז „פאָנדן און מענטשן קאָנען מאָביליזירט ווערן פאַר קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם נאָר בתּנאי, אויב זי וועט ניט קאָנען אָפּגעשטעלט ווערן אין דער צוקונפט דורכן איינזײַטיקן ווילן פון דער רעגירונג״. נאָכן אַוועקגיין פון דער דעלעגאַציע האָבן די סטאַטן באַטראַכט דעם ענין און געלאָזט וויסן די דעלעגאַציע, אַז זיי זײַנען מסכּים מיט דער מיינונג פון דער קאָמיסיע. דער גובערנאַטאָר בראָנז האָט אויפגענומען די דעלעגאַציע און געזאָגט איר, אַז אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג איז 30,000 זייער אַ גרויסע צאָל, מען האָט לכתּחילה געטראַכט וועגן אַ סך ווייניקער.

אין אַלע איבעריקע ענינים איז צו קיין ערנצטע חילוקי־דעות ניט געקומען. די קאָמיסיע האָט מסכּים געווען צו באַפרײַען די קאָלאָניסטן פון שטײַערן און גרענעץ־אָפּצאָל אויף אינוועטאַר, צו געבן זיי לאָקאַלע אויטאָנאָמיע אין זייערע ייִשובֿים, צו דערלויבן דער ליגע אויסצוקלײַבן אין גרויסן לאַנדמאַסיוו, צו געבן די ייִדישע קאָלאָניסטן רעפּרעזענטאַנץ אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון לאַנד נאָך דעם, ווי זיי וועלן ווערן בירגערס, צו גאַראַנטירן זיי, אַז אין זייער ראַיאָן וועלן זיי קאָנען פרײַ אָפּהיטן שבת און יום־טובֿים און דאָס וועט אויך חל זײַן אויף רעגירונג־אַמטן, „אויף וויפל דאָס איז ניט סותר די פונקציעס פון דער צענטראַלער רעגירונג״. די קאָמיסיע האָט אַפילו געמאָלדן, אַז הוצאות

פֿון דער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפֿט אויף װעגבױונג װעט מען באַטראַכטן װי אַ הלוואה, װאָס די רעגירונג װעט זי מיט דער צײַט צוריק אויסצאָלן. אויך מכּוח רעכט פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך אין קולטור־לעבן און שולן איז מען געקומען צו אַ הסכּם, הגם דע גראַט, אַ האָלענדישער ייִד, האָט בעתן אַרומריידן דעם פּונקט געמאַכט אַזאַ כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג:

לויט דער מיינונג פֿונעם פֿאָרזיצער, דאַרף האָלענדיש האָבן די בכורה אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פֿון די קאָלאָניסטן. ער קאָן ניט פֿאַרשטיין, צו וואָס דאַרף מען ייִדיש, אויב די מענטשן ווילן ווערן סורינאַמער.

ד״ר שטיינבערג האָט אים דערקלערט, וואָסער באַטײַט ייִדיש האָט פֿאַר ייִדן, און עס האָט אים אונטערגעהאַלטן דער גענעראַל־פּראָקוראָר פּאָס, אויך אַ ייִד:

ה׳ פּאָס זאָגט, אַז דער ערשטער פֿאָרלאַנג פֿון די יאַוואַנער און הינדוסטאַנער אין זייער פּראָגראַם איז, אַז אין זייערע שולן זאָל מען לערנען זייער אייגענע שפּראַך. די פּראָבלעם איז בכן ניט קיין נײַע. ער זעט ניט קיין שום מניעות, פֿאַר וואָס מען זאָל ניט לערנען ייִדיש, אויב נאָר מען נעמט אויך אין אַכט האָלענדיש.

דעם 20סטן אַפּריל האָבן ביידע פֿאַרשטייערשאַפֿטן צונויפֿגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, וואָס האָט פֿיקסירט סײַ די פּונקטן, וואָס מען האָט וועגן זיי דער־גרייכט אַ הסכּם, סײַ דעם קאָנטראָווערסיעלן פּונקט — ווער וועט האָבן די דעה איבער אימיגראַציע אין דער צוקונפֿט. אינעם פּראָטאָקאָל איז געוווען פֿאַרצייכנט די מיינונג פֿון דער קאָמיסיע, אַז כּדי אויפֿצולעבן די עקאָנאָמיק פֿון סורינאַם איז נייטיק אַ גרויס־פֿאַרנעמיקע אימיגראַציע און אַז מען טאָר זי ניט אָפּלייגן; דעריבער רעקאָמענדירט זי תּיכּף אָנהייבן די קאָלאָניזאַציע פֿון 30,000 ייִדן און מיינט, אַז אויב עס וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז די קאָלאָניזאַציע האָט געבראַכט נוצן דעם לאַנד, וועט מען אויף ס׳נײַ קאָנען אונטערהאַנדלען וועגן אַ ווײַטער־דיקער אימיגראַציע. צום סוף האָט די קאָמיסיע אָנגעוויזן אויף דער פּערפּעק־טער אָפּנהאַרציקייט פֿון די אונטערהאַנדלונגען און האָט אויסגעדריקט איר מיינונג, אַז עס איז געלייגט געוואָרן אַ יסוד פֿאַר אַ פֿאַרשטענדיקונג. אַלע אָנ־טיילנעמערס פֿון די אונטערהאַנדלונגען האָבן געחתמעט דעם פּראָטאָקאָל. ער האָט געדאַרפֿט ראַטיפֿיצירט ווערן דורך ביידע צדדים (פֿרײַלאַנד־ליגע און די סטאַטן פֿון סורינאַם) און באַשטעטיקט ווערן דורך דער רעגירונג פֿון האָלאַנד.

חוץ די אָפֿיציעלע שמועסן מיט דער רעגירונג־קאָמיסיע און מיטן גובער־נאַטאָר האָט זיך די פֿרײַלאַנד־דעלעגאַציע באַגעגנט מיט אַ סך סורינאַמער אַד־מיניסטראַטאָרן און פּאָליטישע טוערס פֿון אַלע ריכטונגען און נאַציאָנאַליטעטן. אַ טייל קרעאָלן און דאָס רובֿ הינדוסטאַנער און יאַוואַנער זײַנען געווען גינציק געשטימט צום ייִדישן קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט. די קליינע, אָבער גוט אָרגאַני־זירטע און השפּעהדיקע ייִדישע קהילה איז געווען מכּמה יאָרן ציוניסטיש, אָבער

אין אָט דעם ווײַטן ווינקל פֿון דער ערד האָט זיך נאָך ניט געשפּירט די ציוניס־טישע רעגימענטאַציע פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג. סורינאַמער ייִדן זײַנען געווען שטאָלץ מיט זייער עבֿר אין לאַנד און האָבן זיך געהאַלטן פֿאַרן עלטסטן עטנישן עלעמענט אין סורינאַם נאָך די אינדיאַנער. זיי האָבן אויפֿגענומען די פֿרײַלאַנד־דעלעגאַציע מיט גרויס פֿרײַנדשאַפֿט. עטלעכע הונ־דערט ייִדן זײַנען געקומען הערן די רעדעס פֿון די דרײַ פֿרײַלאַנד־פֿאַר־שטייערס.[121] זיי האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע לטובֿת דעם ייִדישן ייִשובֿ אין סורינאַם און קעגן אימיגראַציע־באַגרענעצונגען.

במשך פֿון די צען טעג אין סורינאַם האָט זיך די דעלעגאַציע גוט באַקענט מיט די קלימאַטישע, סאַניטאַרע און עקאָנאָמישע אייגנשאַפֿטן פֿון לאַנד. ווי עס האָט באַמערקט ד״ר פֿרוכטבוים, „איך האָב שטודירט די גוויאַנעס איבער אַ יאָר צײַט פֿון ביכער, אָבער די צען טעג, וואָס איך בין דאָרט געווען, האָבן מיר געגעבן מער ווי אַלע ביכער“.[122] די דעלעגאַציע האָט באַזוכט 4 פֿון די 6 קרײַזן פֿון סורינאַם. זי האָט געזען די שפּעדיקייט פֿון די באַאַרבעטע פֿעלדער און גערטנער. דאָס וויכטיקסטע פֿאַר איר איז געווען די קאָנסטאַטירונג, אַז דער קלימאַט איז מילד און לײַכט פֿאַרטרעגלעך פֿאַר ווײַסע מענטשן פֿריש פֿון דער מעסיקער זאָנע. זי האָט ניט געהאַט קיין ספֿק, אַז דאָס לאַנד איז פּאַסיק פֿאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע.

די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע באַטראַכט די סורינאַמער באַדינגונגען

אין דער זעלבער צייט איז אָבער געוואָרן אומברחמנותדיק קלאָר: כּמותדיק בלײַבט דער פּראָיעקט זייער באַגרענעצט. מישפּטנדיק לויט דער מורא פֿון דער באַפֿעלקערונג מאַיאָריזירט צו ווערן, איז די דעלעגאַציע געקומען צום אויס־פֿיר, אַז אַ פֿעסטגעשטעלטע ציפֿער איז זיכערער פֿון אַן אומבאַשטימטן צוזאָג אַרײַנצולאָזן אַזוי פֿיל ייִדן וויפֿל עס לאָזט זיך: אינעם לעצטן פֿאַל וואָלט די רעגירונג געקאָנט אין יעדן מאָמענט אָפּשטעלן די אימיגראַציע, און אַזוי האָט מען כאָטש אַ גאַראַנטיע אויף אײַנצואָרדענען 30,000 ייִדישע פּליטים. אין די קריטישע נאָכחורבן־יאָרן האָט מען אויך אַזאַ ציפֿער ניט געטאָרט מבֿטל מאַכן. אָבער ווי ווײַט איז אָט דער קאָנקרעטיזירטער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן געווען פֿון די טראַדיציאָנעלע טעריטאָריאַליסטישע אַספּיראַציעס! וואָס איז געבליבן פֿון זאַנגווילס „טעריטאָריע פֿאַר אַלע ייִדן, וואָס קאָנען ניט אָדער ווילן ניט בלײַבן אין זייערע ווינלענדער“, פֿון „פֿאַרענטפֿערן די ייִדן־פֿראַגע“, פֿון די פֿאַר־מלחמהדיקע פֿרײַלאַנד־אויסקוקן אויף קאָנצענטרירן פֿינף מיליאָן ייִדן און פֿון ד״ר ראַפּטשינסקיס וויזיע פֿון אַ ייִדישער מערהייט אין אַלע דרײַ גוויאַנעס? 30,000 איז געווען אַ קליינער טייל אַפֿילו פֿון די 250,000 ייִדישע פּליטים, וואָס האָבן זיך אין 1947 געוואַלגערט אין די די־פּי־לאַגערן. קאָן מען דעם סורינאַ־מער פּראָיעקט בכלל רעכענען פֿאַר אַ טעריטאָריאַליסטישן? צי וואָלט ניט ריכ־

טיקער געווען צו פֿאַררעכענען אים צו דער קאַטעגאָריע פֿון קליין־קאָלאָני־זאַציע?

דער מחבר פֿון דער געשיכטע איז מסכּים, אַז פֿאַר טעריטאָריאַליזם אין קלאַסישן זינען איז דער סורינאַם־פּראָיעקט היפּש צו קליין. פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער האָט זײַן פֿאַרנעם בלי שום ספֿק איבערגעשטיגן אַלץ, וואָס מען איז זיך נוהג צו פֿאַרבינדן מיטן באַגריף „קליין־קאָלאָניזאַציע". ס'איז ניט געווען „עטלעכע הונדערט דאָ, אַ פּאָר טויזנט דאָרט", נאָר אַ קאָמפּאַקטע באַזעצונג פֿון 30,000 ייִדן אויף אַ לאַנדמאַסיוו פֿון 2,500 קוו קמ — אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט געזאָלט קאָסטן, ווי מיר וועלן זען, 35 מיליאָן דאָלאַר. ס'איז ניט קיין קלײנטשיקע זאַך געווען צו דעפֿינירן גרענעצפֿאַלן. מען וואָלט געקאָנט דעם פּראָיעקט באַצייכענען מיטן קאָנווענציאָנעלן טערמין „קליין־טעריטאָריאַליזם".

גלײַך נאָכן צוריקקומען קיין ניו־יאָרק האָט די דעלעגאַציע אָפּגעגעבן אַ באַריכט אויף אַ פֿאַרברייטערטער זיצונג פֿון דער עקזעקוטיווע.[123] די באַ־ריכטן, די פֿראַגעס און די דעבאַטן האָבן צוגענומען דרײַ פֿילשעהדיקע זיצונ־גען, דעם 22סטן, 24סטן און 29סטן אַפּריל. דער דראַמאַטישער פּראָטאָקאָל פֿון דער דיסקוסיע זאָגט עדות וועגן די שטימונגען פֿון די פֿרײַלאַנד־אַקטיוויסטן בײַם באַטראַכטן די האַרבע אַלטערנאַטיוו: אײַנגיין אויף דער רעדוצירטער ווערסיע פֿונעם גרויסן אידעאַל, אָדער אָפּוואַרפֿן דעם פּראָיעקט מיטן קלאָרן באַוווסטזײַן, אַז קיין בעסערע געלעגנהייט וועט מען שוין, אַ פּנים, אין ערגעץ ניט האָבן. צוליב דער געוואַלדיקער ערנצקייט פֿון דער דעציזיע האָט מען מיט אַ גרויסער מערהייט באַשלאָסן צו מעלדן דער עפֿנטלעכקייט וועגן די דורכגע־מאַכטע אונטערהאַנדלונגען ניט וואַרטנדיק אויפֿן באַשלוס.[124] דערנאָך האָט שטיינבערג געשטעלט צו דער דיסקוסיע צוויי פֿראַגעס: וואָס זאָל מען ענטפֿערן דער סורינאַמער רעגירונג און צי איז דער פּראָיעקט אין גײַסט פֿון טעריטאָ־ריאַליזם.

אַ. כאַבאַצקי, י. גאָרסקי, אַ. קיהן און י. לעווין האָבן אויסגעדריקט זייער אַנטוישונג צוליבן באַגרענעצטן פֿאַרנעם פֿונעם פּראָיעקט. זיי האָבן ניט גע־קאָנט אָנערקענען, אַז דאָס איז די פֿאַרווירקלעכונג פֿונעם אַלטן טעריטאָריאַ־ליסטישן חלום וועגן אַ לאַנד פֿאַר ייִדן. י. לעווין האָט מורא געהאַט, אַז מיט אַזאַ פּלאַן וועט מען ניט קאָנען קומען צו דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אַ. קיהן האָט אָנערקענט אינעם פּראָיעקט אַ ריי מעלות, אָבער האָט געזען אין דער באַגרענעצונג פֿון דער צאָל קאָלאָניסטן אַ גרויסע שטערונג. קיינער פֿון זיי האָט אָבער ניט געפֿאָדערט אָפּצוואַרפֿן דעם סורינאַמער פֿאָרשלאָג. זיי האָבן גערעכנט, אַז מען דאַרף שיקן קיין האָלאַנד אַ נײַע דעלעגאַציע און אָנהייבן די אונטערהאַנדלונגען אויף ס'נײַ.

מ. מענדעלסבערג האָט אויך געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט קיין רעאַליזאַציע פֿון טעריטאָריאַליזם; מען טאָר אָבער אין אַזאַ קריטישן מאָמענט ניט אָפּוואַרפֿן דעם פּלאַן, וואָס גיט 30 טויזנט ייִדן אַ מעגלעכקייט זיך נאַציאָנאַל אויסלעבן.

לויט ש. גוטמאַנען, וואָלט סורינאַם געווען דער ערשטער ממשותדיקער אויפּטו פֿון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג. זאָל מען דאָס רופֿן קולטור־טערי־טאָריאַליזם. דער ייִשובֿ וועט ווערן אַ ייִדישע קולטור־באַזע אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. ל. געלפֿאַר האָט געהאַלטן, אַז דעם פּלאַן מוז מען אָננעמען; איצט האָט מען מיט וואָס צו קומען צו דער ייִדישער עפֿנטלעכקייט. א. שולמאַן האָט דערקלערט, אַז כאָטש ער האַלט זיך פֿאַר אַ קלאַסישן טעריטאָריאַליסט, האַלט ער דעם פּראָיעקט פֿאַר אַ פּראַקטישער דערגרייכונג: אַ קולטורעל־אויטאָנאָמער ייִשובֿ פֿון 30,000 איז בײַ אים מער ווערט ווי אַ מיליאָן ייִדן אָן אויטאָנאָמיע. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף פּרוּוון פֿאַרגרעסערן די צאָל. ד״ר י. מינקין האָט אָנגעוויזן, אַז מען מוז זיך רעכענען מיט דער איצטיקער לאַגע, ניט מיט טעאָריעס פֿון פֿאַר פֿערציק יאָר. ראַטעווען 30,000 ייִדן פֿון די לאַגערן אויפֿן יסוד פֿון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן איז אַ גרויסע זאַך. אַ. סטעף האָט גע־רופֿן אָננעמען דעם פּראָיעקט. מען קאָן ניט דערוואַרטן, אַז מען וועט געבן אַ לאַנד מיט אומבאַגרענעצטער אימיגראַציע. אין סורינאַם וועט מען ניט דאַרפֿן שטעלן דאַמבעס קעגן אַסימילאַציע מצד אַ העכערער קולטור: די ייִדישע קול־טור וועט דאָרט זײַן די העכערע. דער פּראָיעקט, ווי ער איז געבראַכט געוואָרן, דערוועקט בײַ אים גרויס פֿרייד און ער שטייט צו צו דער אַרבעט אים צו רעאַ־ליזירן. סטעפֿס מיינונג האָבן אויך אונטערגעהאַלטן י. רובינשטיין, קלעמענט סטעף, ה. וואַן לעווען און י. נ. שטיינבערג. ד״ר פֿרוכטבוים האָט אונטערגע־שטראָכן: „עס דאַרף איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל קלאָר ווערן פֿאַר אונדז, אַז מיר קאָנען איצט מער ניט קריגן. (...) אַ באַנײַונג פֿון די אונטערהאַנדלונגען וועט פּראָוואָצירן אַ קאָנטערפּראָפּאַגאַנדע״.

צום סוף זײַנען צו דער אָפּשטימונג אַוועקגעשטעלט געוואָרן צוויי פֿאָר־שלאָגן: פֿון ד״ר ל. מ. פֿרוכטבוים, געשטיצט פֿון י. לעווין — אָננעמען דעם פּראָיעקט אין פּרינציפּ און איבערגעבן אַ ספּעציעלער קאָמיסיע צו פֿאָרמולירן דעם ענטפֿער, וואָס זי זאָל צושטעלן צו דער קומענדיקער עקזעקוטיוו־זיצונג; און פֿון מ. מענדעלסבערג, געשטיצט פֿון ד״ר שטיינבערג — אָננעמען דעם אָפּ־מאַך אין גײַסט פֿון דער שותּפֿישער פֿרײַלאַנד־סורינאַמער דעקלאַראַציע. מיט 9 שטימען קעגן 4 איז דורך דער צווייטער פֿאָרשלאָג. דער באַשלוס איז נאָך ניט געווען קיין לעצטגילטיקער. די זאַך איז אַריבער צו דער באַטראַכטונג פֿון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. די מיטגלידער און סימפּאַטיקערס פֿון דער ליגע האָבן שוין געוווּסט וועגן די רעזולטאַטן פֿון די אונטערהאַנדלונגען אין פּאַראַ־מאַריבאָ אַ דאַנק די צײַטונג־ידיעות נאָך דער פּרעסע־קאָנפֿערענץ דעם 24סטן אַפּריל. ד״ר פֿרוכטבוים האָט קאָנסטאַטירט אין דער עקזעקוטיוו: „צו זײַן אי־בערראַשונג איז יעדער, צו וועמען ער האָט גערעדט וועגן דעם פּראָיעקט, באַ־גײַסטערט פֿאַר דער דערגרייכונג״. דעם 1טן מײַ האָט די דעלעגאַציע אָפּגעגעבן אַ באַריכט פֿאַר דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער ניו־יאָרקער פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציע. די פֿאַרזאַמלונג האָט „נאָך אַ דיסקוסיע איינשטימיק גוטגעהייסן

דעם באַריכט פֿון די דעלעגאַטן און באַשלאָסן זיך אַרײַנוואַרפֿן אין דער אַרבעט, אַז דער פּראָיעקט זאָל רעאַליזירט ווערן״.[125]

דאָס לעצטע וואָרט האָט געהאַט די אויסעראָרדנטלעכע פּלענאַרע קאָנפֿערענץ פֿון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע דעם 3טן און 4טן מײַ.[126] עס זײַנען געקומען דעלעגאַטן פֿון פֿילאַדעלפֿיע, מאָנטרעאַל און שיקאַגאָ; די אָרגאַניזאַציעס פֿון דעטרויט און לאָס־אַנדזשעלעס האָבן צוגעשיקט באַגריסונגען און צוגעזאָגט דורכצופֿירן אַלע באַשלוסן פֿון דער קאָנפֿערענץ. ד״ר אַ. מוקדוני האָט אין זײַן באַגריסונג „אויסגעדריקט די איבערצײַגונג, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע מוז אין דער ערשטער ריי בײַם בויען דעם ייִדישן צענטער האָבן אַ גענויען קולטור־פּלאַן מיט אַ שטאַב לערערס און שריפֿטשטעלערס״. נאָך אַ פּרטימדיקער דיסקוסיע מיט דער באַטייליקונג פֿון פּראָווינץ־דעלעגאַטן און פֿאָרשטייערס פֿון די פֿרויען־ און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָט מען לויטן פֿאָרשלאָג פֿון אַ. אייבערעמס (שיקאַגאָ) באַשלאָסן צו אַקצעפּטירן די באַדינגונגען פֿונעם בשותּפֿותדיקן פּראָטאָקאָל פֿון דער פֿרײַלאַנד־דעלעגאַציע און דער סורינאַמער רעגירונג־קאָמיסיע. די דעלעגאַטן האָבן זיך מתחייב געווען צו רופֿן קאָנפֿערענצן פֿון אָרגאַניזאַציעס און יחידים אויף די ערטער. מען האָט אויך באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ פֿאָנד פֿאַר דער עקספּערטן־קאָמיסיע. אויפֿן צווייטן טאָג האָט מען אויסגעהערט דעם רעפֿעראַט פֿון מ. פּלאָטניק וועגן דער פֿינאַנצירונג פֿון דער קאָלאָניזאַציע און אָנגענומען די יסודות פֿון דער „סורינאַמער אַנטוויקלונג־קאָרפּאָראַציע״, וואָס מען האָט געזאָלט גרינדן נאָכן אַרויספֿאָר פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע. מען האָט אויך באַשטעטיקט דעם טעקסט פֿון אַקצעפּטיר־טעלעגראַם צום גובערנאַטאָר פֿון סורינאַם.[127] די עקזעקוטיווע האָט געמאָלדן, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע נעמט אָן דעם פּלאַן, ווי פֿאָרמולירט אינעם בשותּפֿותדיקן פּראָטאָקאָל, אַרײַנגערעכנט די צאָל פֿון 30,000 ייִדישע קאָלאָניסטן. אין די אינטערעסן פֿון פֿאַרשטענדיקונג און נעמענדיק אין אַכט די לאַגע אין סורינאַם, האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע צוריקגעצויגן איר פֿאָרלאַנג פֿון אומבאַגרענעצטער אימיגראַציע.

להיפּוך צו דער אַרויסגעזאָגטער זאָרג, אַז אַזאַ באַגרענעצטער פּלאַן קאָן ניט אַרויסרופֿן קיין ענטוזיאַזם און צוציִען פּיאָנירן, האָבן די נײַעס, אַז דער סורינאַמער פּראָיעקט האַלט אויף אַ דרך, יאָ גורם געווען אַ גרויסע דערהייבונג אין די פּראָפֿרײַלאַנדישע קרײַזן אין אַמעריקע און אַן ענטוזיאַסטישן אָפּרוף מצד די נײַע פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציעס פֿון מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע. די הויפּט־ראָלע האָט געשפּילט ניט די כּמותדיקע זײַט פֿון פּראָיעקט, נאָר זײַן ממשותדיקייט.

ד״ר שטיינבערגס פּראָפּאַגאַנדע־מיסיע אין סורינאַם

איצט האָט דער אָפּמאַך געדאַרפֿט ראַטיפֿיצירט ווערן דורך די סורינאַמער סטאַטן. אַלץ איז געווען אָפּהענגיק פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג; דער גובערנאַטאָר בראָנז האָט געטאָן אַלץ, כּדי ניט אָפּצושטויסן זי פֿונעם פּראָיעקט,

אָבער זי איז געבליבן זייער סענסיטיוו. עס זײַנען געווען שטימען לטובֿת דעם פּלאַן. דער עדיטאָריאַל אינעם אַפּריל־נומער פֿון וויקאַש („עוואָלוציע”), אָרגאַן פֿון דער הינדוסטאַנער ליגע, האָט געמאָלדן, אַז די הינדוסטאַנער ווילן מער מענטשן אין דער סורינאַמער אַגריקולטור און אין דער אינדוסטריע, וואָס איז אויף איר געבויט; „זאָלן ייִדן (...) אָפּפֿרעגן — ניט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשׂים — דאָס אַלץ, וואָס מען רעדט קעגן זיי, און מיר זײַנען ניט מסופּק, אַז די זעלבע מענטשן, וואָס זײַנען איצט קעגנעריש צו זיי, וועלן ווערן זייערע אונטערשטיצערס”. אויך די חודש־שריפֿט פֿון דער פּאַרטיי „סורינאַמער אוניע” האָט געהאַט „זייער אַ פֿרײַנדלעכן עדיטאָריאַל, געבויט אויף עקאָנאָמישע מאָטיוון”.[128] די אַסאָציאַציע פֿון סורינאַמער אין ניו־יאָרק האָט לויט דער איניציאַטיוו פֿון איר השפּעהדיקן מיטגליד פֿיליפּ פּערנאַנדעס (אַ ייִד) זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַרן פּראָיעקט און האָט צוגעזאָגט צו שטיצן אים פּאָליטיש און מאַטעריעל.[129] פֿון דער אַנדערער זײַט האָט די האָלענדישע פּרעסע־אַגענץ 'אַנעטאַ' אומפּינקטלעך איבערגעגעבן די נײַס וועגן די אונטערהאַנדלונגען. אירע קאָמוניקאַטן האָבן געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז די פֿראַגע פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם איז שוין ענדגילטיק באַשלאָסן און אַז די 30,000 אימיגראַנטן זײַנען נאָר דער ערשטער קאָנטינגענט. דאָס האָט אַרויסגערופֿן חשד און אומרו אין סורינאַם און איז צעבלאָזן געוואָרן דורך די קעגנערס פֿון פּראָיעקט.[130]

ד״ר שטיינבערג האָט ברייוולעך געפֿרעגט בײַ דע גראָטן, דעם הויפּט־ממונה איבערן פּראָיעקט, צי ס'וואָלט געווען צוועקמעסיק צו שיקן קיין סורינאַם אַ פֿאָרשטייער פֿון דער ליגע אויף פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. ד״ר פּאָס האָט אין דע גראָטס נאָמען געענטפֿערט, אַז דאָס וואָלט געווען צוועקמעסיק, אָבער אַ סך הענגט אָפּ פֿונעם פֿאָרשטייערס פּערזענלעכקייט, פּאָליטישן טאַקט און אויפֿריכטיקייט. דעם 17טן מײַ האָט דע גראָט טעלעגראַפֿירט, אַז דער פֿרײַלאַנד־שליח דאַרף אַרויספֿאָרן תּיכּף. דעם 20סטן מײַ האָט די עקזעקוטיווע דעלעגירט קיין סורינאַם ד״ר שטיינבערגן מיטן אָנזאָג בשום אופֿן ניט אײַנצוגיין אויף רעדוצירן די צאָל אימיגראַנטן אונטער 30,000. אויף מאָרגן איז שטיינבערג אַרויסגעפֿלויגן קיין פּאַראַמאַריבאָ און איז דאָרט פֿאַרבליבן ביזן 4טן יוני.

אויפֿן אַעראָדראָם האָט אים באַגעגנט דע גראָט און אים דערציילט, אַז „די שטימונג האָט זיך געביטן צום בעסערן נאָך דעם, ווי דער גובערנאַטאָר האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַלע דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די אונטערהאַנדלונגען. דאָס האָט צוגענומען דעם וואָפֿן בײַ די קעגנערישע אינטריגאַנטן, [וואָס האָבן געוואָלט] שאַפֿן דעם אײַנדרוק, אַז עס קומט פֿאָר אַ געהיימער אָפּמאַך קעגן דעם ווילן פֿון דער באַפֿעלקערונג”.[131] ס'איז נאָך אָבער אַ סך געבליבן צו טאָן. די פֿרײַלאַנד־ליגע איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין די אייגנאַרטיקע אינעווייניקסט־פּאָליטישע פֿאַרהעלטענישן פֿון אַ קליין מולטינאַציאָנאַל לאַנד אויפֿן שוועל פֿון באַפֿרײַען זיך פֿון קאָלאָניאַלן סטאַטוס. אויף די זײַטן פֿון אירע פּראָ־

טאָקאָלן און זשורנאַלן האָבן זיך באַוויזן האָלענדישע, שפּאַנישע, אינדישע און כינעזישע נעמען פֿון אַרטיקע פּאָליטיקערס, וואָס מען האָט זיי קיין מאָל פֿריִער ניט געהערט מחוצן גדר פֿון זייער קליין וועלטל.

אויף דער פֿראַגע פֿון דער פרעסע וועגן דער סיבה פֿון זײַן קומען האָט ד״ר שטיינבערג געזאָגט, אַז זײַן כּוונה איז „אַרײַנצוברענגען קלאָרקייט אין דער צעטומלעניש, וואָס איז דאָרט אויפֿגעקומען אַרום דעם פּראָיעקט פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע״. ער האָט געדולדיק אויפֿגעקלערט די וואַקלדיקע מיטגלידער פֿון די סטאַטן, וואָס האָבן געפֿאָדערט אַ באַלדיקן קאָנקרעטן פּלאַן, אַז אַזאַ פּלאַן קאָן אויסאַרבעטן נאָר אַן עקספּערטן־קאָמיסיע, אָבער אַזאַ קאָמיסיע וועט מען קאָנען שיקן ערשט נאָך דעם, ווי די סטאַטן וועלן ראַטיפֿיצירן דעם פּראָיעקט אין פּרינציפּ. ער איז אַרויסגעטראָטן אויף פֿאַרזאַמלונגען פֿון פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע און פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. דער סורינאַמער ייִד האַנס סאַמסאַן, וואָס האָט זיך געשטעלט בראָש פֿון דער נײַ־אויפֿגעקומענער פֿרײַלאַנד־גרופּע אין פּאַראַמאַריבאָ, האָט אים אומעטום באַגלייט און געהאַלטן רעדעס אויף האָלענדיש.

דעם 30סטן מײַ זײַנען שטיינבערג און סאַמסאַן פֿאַרבעטן געוואָרן אויף אַ זיצונג פֿון אָנפֿיר־קאָמיטעט פֿון דער הינדוסטאַנער ליגע. די הינדוסטאַנער האָבן זיך ענערגיש אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַ ברייטער ייִדישער אימיגראַציע. דעם 31סטן מײַ זײַנען די צוויי פֿרײַלאַנדיסטן אַרויסגעטראָטן פֿאַרן קאָמיטעט פֿון דער קאַטוילישׂ געפֿירטער פּראָגרעסיווער פֿאָלקספּאַרטיי. גראָד דעם זעלבן טאָג איז אַרויס אַ נומער פֿון איר אָרגאַן פֿאָרויט („פֿאָרויס״) מיט אַרטיקלען און לידער לטובֿת דעם פּלאַן. איין אַרטיקל האָט פּראָקלאַמירט:

> ייִדן וועלן ברענגען הצלחה פֿאַר סורינאַם. די נעפּלדיקע זכרונות וועגן ייִדישע שקלאַפֿן־באַזיצערס אין אַמאָליקע צײַטן טאָרן ניט זײַן קיין מאָטיוו קעגן ייִדישער אימיגראַציע בײַם הײַנטיקן טאָג. יענע צײַט איז געווען אַ צײַט פֿון אַלגעמיינער שקלאַפֿערײַ. איצט זײַנען מיר פֿרײַע מענטשן, וואָס גרייטן צו מלוכישע פֿרײַהייט פֿאַר סורינאַם. איז מער ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. (...) עס איז נאָך פֿאַראַן אַ קעגנערשאַפֿט מצד מענטשן, וואָס האָבן מורא, אַז בײַ דער פֿאַרגרעסערונג פֿון באַפֿעלקערונג וועט פֿאַרשווינדן זייער מאַכט. (...) אָבער דערמיט האָט גאָרניט צו טאָן די אײַנוואַנדערונג פֿון ייִדן. זאָל די פֿראַגע פֿון ייִדישער אײַנוואַנדערונג געלייזט ווערן און טאָקע באַלד.

נאָך דער זיצונג מיט די פֿרײַלאַנד־רעדנערס האָט די פּראָגרעסיווע פֿאָלקספּאַרטיי מיט איר פֿאַרזיצער פּאַטער ווײַדמאַן בראָש באַשלאָסן צו אונטערשטיצן דעם פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט. אַן אַנדער וויכטיקע באַגעגעניש איז געווען מיט דער אָנפֿירונג פֿונעם פּראָפֿפֿאַראיין פֿון די באָקסיטן־גרובן־אַרבעטער (איבער 2,000 מיטגלידער — אַ גרויסע צאָל פֿאַר סורינאַם). דער סעקרעטאַר פֿונעם פֿאַראיין, דער קרעאָל ל. עליאַזאַר, איז פֿריִער געווען קעגן דעם פּלאַן. אין רעזולטאַט פֿונעם שמועס האָט זיך דער פֿאַראיין קודם־כּל צוריקגעצויגן פֿונעם אָנטייל אין

אַ פּראָיעקטירטן קרעאָלישן מיטינג קעגן ייִדישער אימיגראַציע. עליאַזאַר האָט צונויפֿגעפֿירט די פֿרײַלאַנד־פֿאַרשטייערס מיט די אָרגאַניזאַטאָרן פֿונעם מיטינג (וועטעראַנען־אַסאָציאַציע). עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יענע האָבן זייער אַ קנאַפּע השׂגה וועגן דעם תּוך הענין. זיי האָבן פֿאַרבעטן שטיינבערגן און סאַמ־סאַנען צו קומען אויפֿן מיטינג און אויפֿקלערן די זאַך. אויפֿן מיטינג (דעם 1טן יוני) זײַנען חוץ די פֿרײַלאַנדיסטן אַרויסגעטראָטן ט. ל. ע. וואַלער (מיטגליד פֿון די סטאַטן) און דער קרעאָלישער פֿאָלקספּאָעט ל. טים. דער לעצטער איז געווען דורכויס פֿאַר אַ ייִדישער אימיגראַציע; וואַלער האָט שפּעטער געשטימט פֿאַרן פּראָיעקט אין די סטאַטן. די שטימונג פֿונעם עולם האָט זיך געביטן און דער מיטינג, וואָס האָט געזאָלט זיך אַרויסזאָגן קעגן דעם פּראָיעקט, האָט ניט אָנגענומען קיין שום רעזאָלוציע.

אַ קעגנערשאַפֿט צום פּראָיעקט איז פֿאַרבליבן אין קרעאָליש־אינטעליגענ־טישן קרײַזן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אין דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי. סטעטאָס־קאָפּ, אָרגאַן פֿון סורינאַמער סטודענטן, האָט פֿון איין זײַט גערופֿן אַרײַנצולאָזן גאַנצע 50,000 ייִדן, פֿון דער אַנדערער זײַט געוואָרנט קעגן מאַכן פֿון סורינאַם אַ „יונג־פּאַלעסטינע". אינטערעסאַנט איז געווען די שטעלונג פֿון דער צײַטונג דע וועסט. איר רעדאַקטאָר ד. ג. פֿינדליי, אַ מיטגליד פֿון די סטאַטן, האָט גע־האַלטן, אַז 30,000 ייִדישע אײַנוואַנדערערס איז צו פֿיל. ער האָט איבערגעדרוקט אין זײַן צײַטונג (דעם 9טן יוני 1947) אַן אַנטי־פֿרײַלאַנדישן אַרטיקל פֿון אַן אַמסטערדאַמער ציוניסטישער וואָכנשריפֿט, וואָס האָט געטענהט, אַז ייִדן קאָן מען קאָלאָניזירן נאָר אין פּאַלעסטינע, אַז די רעאַליזירונג פֿונעם פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט וועט אַרויסרופֿן אַנטיסעמיטיזם אין סורינאַם און אַז די האָלענדישע רעגירונג דאַרף איבעררײַסן די אונטערהאַנדלונגען. אָבער דע וועסט האָט דער־צו געמאַכט אַזאַ באַמערקונג:

> מיר האַלטן עס פֿאַר אַ פֿאַלשן שטאַנדפּונקט. מען קאָן ניט באַזעצן אין פּאַלעסטינע אַלע ייִדן, וואָס זוכן אַ וווינאָרט. שטעלט הײַנט אַוועק אַ ייִדישע משפּחה פֿאַרן אויסקלײַב: אָדער אַ לאַגער אין צענטראַל־אייראָפּע, אָדער אַ וווינאָרט אין סורינאַם! ס'וועט דאָך ניט שווער זײַן צו געבן דערויף אַן ענטפֿער. — מיט זייער עקסטרעמען שטאַנדפּונקט ברענגען די ציוניסטן אָן אַ שיעור שאָדן זייערע אייגענע ברידער.

די ייִדישע קהילה פֿון פּאַראַמאַריבאָ האָט לאָיאַל אונטערגעהאַלטן די פֿרײַ־לאַנד־זאַך, און איר חודש־שריפֿט תּרועה האָט אין מײַ־נומער אָפּגעדרוקט וויכ־טיקע מאַטעריאַלן וועגן דער באַוועגונג. די דאָרטיקע פֿרײַלאַנד־גרופּע האָט געשאַפֿן אַ פֿאָנד פֿאַר לאָקאַלער אַרבעט. שטיינבערג האָט פֿאַרלאָזט סורינאַם מיט אַן אָפּטימיסטיש געפֿיל. דע גראָט האָט פֿאַרענדיקט זײַן בריוו צו דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אין ניו־יאָרק (דעם 2טן יוני) מיט די ווערטער:

> פּערזענלעך קאָן איך צוגעבן, אַז ד"ר שטיינבערגס וויזיט גלײַך נאָכן פֿאַרעפֿנטלעכן דעם באַריכט פֿון דער קאָמיסיע האָט גורם געווען, אַז אַ

סך מער מענטשן ווי פֿריִער זײַנען איצט פֿאַר דער ייִדישער קאָלאָני־זאַציע.

סורינאַם און האָלאַנד נעמען אָן דעם פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט

די באַטראַכטונג פֿונעם פּראָיעקט אין די סטאַטן האָט זיך געזאָלט אָנהייבן דעם 2טן יוני. זי איז אָבער צוויי מאָל אָפּגעלייגט געוואָרן: צום ערשטן מאָל אויפֿן 9טן יוני, מחמת די פּרעלימינערע הסכּמה פֿונעם קאָלאָניעס־מיניסטער אויף די אויסגעאַרבעטע באַדינגונגען האָט זיך פֿאַרצויגן (דער מיניסטער איז געווען פֿאַרנומען מיט אַ נײַעם קריטישן וועגן אינעם האָלענדיש־אינדאָנעזישן קאָנפֿליקט); דעם 9טן יוני האָבן די סטאַטן, נאָך אַ דיסקוסיע, אָפּגעלייגט דעם באַשלוס אויף צוויי וואָכן, בכדי טייל דעלעגאַטן זאָלן קאָנען הערן די מיינונג פֿון זייערע פּאַרטיי־קאָנפֿערענצן.[132] ענדלעך זײַנען די סטאַטן דעם 27סטן יוני צוגעטראָטן צו דער דעצידירנדיקער דיסקוסיע וועגן דעם ענין.[133]

די צוויי עיקרדיקע רעדעס האָבן געהאַלטן די דעפּוטאַטן וויינכאַרדע (קעגן) און אַ. ל. ר. סמיט, וויצעפּאָרזיצער פֿון די סטאַטן (פֿאַר). וויינכאַרדעס אַרגומענטאַציע האָט זיך סומך געווען אויף דער מורא, אַז די ייִדישע אימי־גראַנטן וועלן באַהערשן דאָס לאַנד עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, אַז די באַגרענע־צונג פֿון זייער צאָל צו 30,000 וועט ניט שפּילן קיין ראָלע, ווײַל די פֿרײַלאַנד־ליגע וועט סײַ ווי טאָן אַלץ, כּדי אַרײַנצובריינגען קיין סורינאַם 500,000 ייִדן. ער האָט פֿאַרענדיקט זײַן רעדע:

> דאָס לאַנד איז איצט אין אַן איבערגאַנג־צײַט. מיר סטאַרען זיך צו ווערן אַ נאַציע. דער פּראָצעס גייט פּאַמעלעך, אָבער ער גייט אָן. זאָלן מיר אים שטערן דורך אַרײַננעמען אַ פֿאָלקסגרופּע, וואָס קלײַבט זיך ניט צו אַסימילירן? לאָמיר אונדזער לאַנד ניט פֿאַרשאַכערן, די קומענדיקע דורות וועלן אונדז דאָס מיט רעכט ניט פֿאַרגעבן.

אַ. ל. ר. סמיט האָט געהאַלטן אַ שטאַרקע רעדע לטובֿת דעם פּראָיעקט. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם עצם פּרינציפּ פֿון האַלטן די ייִדישע גרופּע קלע־נער אין צאָל פֿון דער קלענסטער, אָרעמסטער און אָפּגעשטאַנענסטער גרופּע פֿון דער באַפֿעלקערונג — די יאַוואַנער. דעם גאַנצן געדאַנק פֿון אַ נאַציאָנאַ־ליטעטן־באַלאַנס האָט ער דערקלערט פֿאַר קינסטלעך און אומיושרדיק.

> אויב מיר סורינאַמער, וואָס ווילן באַווײַזן, אַז מיר האָבן רעכט אויף אויטאָנאָמיע, זאָלן איצט אָפּזאָגן אָן אימיגראַציע פֿון 30,000 מענטשן (גאַנץ גלײַך וועלכע) צוליב מורא באַהערשט צו ווערן פֿון זיי, שטרײַכן מיר דערמיט אַליין אונטער, אַז מיר האָבן נאָך ניט דערגרייכט יענע מדרגה, וואָס גיט רעכט אויף אַן אייגענעם זעלבשטענדיקן אָרט אויף דער וועלט. (...) הײַנט צו טאָג איז עס די ברירה: אָדער די דאָזיקע אי־מיגראַציע, אָדער קיין שום אימיגראַציע. (...) הגם איך נעם ניט אָן די מאָטיוון פֿון דער קאָמיסיע, נעם איך אָבער אָן איר פֿאָרשלאָג. איך זאָג זיך דערפֿאַר אַרויס פֿאַר דער ייִדישער אימיגראַציע און לייג פֿאָר צו

> פֿאַרבעטן די פֿרײַלאַנד־ליגע צו שיקן די עקספּערטן־קאָמיסיע קיין סורינאַם אַזוי שנעל ווי מעגלעך.

די דעפּוטאַטן פּינדליי (קרעאָל), ד״ר ס. ראַמבאַראַן מישרע (הינדוסטאַנער) און י. ע. האָ אַ־שו (כינעזער) האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר 10,000 ייִדישע אימיגראַנטן. דער ערשטער האָט דאָס מאָטיווירט מיט דעם, וואָס ייִדן גופֿא זײַנען צעטיילט בנוגע דעם פּלאַן (אַ ראיה — די ציוניסטישע קעגנערשאַפֿט), די אַנדערע צוויי — מיטן עקספּערימענטאַלן כאַראַקטער פֿון דער פּראָיעקטירטער קאָלאָניזאַציע: זאָלן די ייִדן צו ערשט ווײַזן, אַז זיי זײַנען גוטע ערד־אַרבעטערס, דעמאָלט וועט מען קאָנען די זאַך באַטראַכטן אויף ס׳נײַ.

מיט אַ הייסער פֿאַרטיידיקונג פֿונעם קאָמיסיע־פֿאָרשלאָג איז אַרויס דער דעפּוטאַט ט. ל. ע. וואַלער:

> דער דוחק פֿון באַפֿעלקערונג ציט זיך ווי אַ רויטער שנור דורך דער גאַנצער געשיכטע פֿון סורינאַם. (...) איך בין קעגן דעם, אַז אַ גרויסע צאָל ייִדן זאָל פּלוצעם אַרײַנקומען צווישן דער אײַנגעזעסענער באַפֿעלקערונג. אָבער די ייִדן קומען דאָך צו אונדז אויסצופֿירן אַ פּלאַן (...) וואָס קעגן דעם קאָן ניט זײַן קיין שום אָפּאָזיציע. דער פּלאַן האָט אין זינען נײַע ייִשובֿים מחוץ פּאַראַמאַריבאָ און אַנדערע צענטערס, ייִשובֿים, וואָס זאָלן זיך אַנטוויקלען אונטער דער השגחה פֿונעם גאַנצן לאַנד.

דעפּוטאַט וואַלער האָט געהאָפֿט, אַז ייִדן וועלן אָנהייבן אַ פּי־האָדעוואַניע אויף די פּוסטע סאַוואַנעס, אַנטוויקלען אַ גאַרבערײַ־אינדוסטריע און בכלל ווערן אַ מוסטער פֿאַר אַנדערע אײַנוווינערס. דעפּוטאַט דע מיראַנדאַ האָט געהאַלטן, אַז אַ דאַנק דער ייִדישער אימיגראַציע וועט סורינאַמס האַנדלס־באַלאַנס ווערן נאָרמאַל און אַז די מאָדערנע הײַזער און גוטע סאַניטאַריע פֿון די ייִדישע ייִשובֿים וועלן אַוועקשטעלן הויכע סטאַנדאַרטן פֿאַרן גאַנצן לאַנד. דער הינדוסטאַנער אַ. קאַראַמאַט אַלי האָט גערעדט אין נאָמען פֿון דער מוסולמענער־פּאַרטיי. הינדוסטאַנער, האָט ער געזאָגט, האָבן ניט קיין שום עמאָציאָנעלע אַרגומענטן קעגן ייִדישער קאָלאָניזאַציע. די מוסולמענער־פּאַרטיי האָט געגנוי באַטראַכט דעם ענין אין אַלע אירע אָפּטיילונגען און האָט מיט אַ גרויסער מערהייט אָנגענומען די רעזאָלוציע:

> די מוסולמענער־פּאַרטיי (...) האַלט, אַז אימיגראַציע איז דער איינציקער מיטל פֿאַרן פּראָגרעס פֿון לאַנד. דעריבער סאָלידאַריזירט זי זיך מיטן פֿאָרשלאָג פֿון דער רעגירונג־קאָמיסיע: אַרײַנלאָזן דעם מאַקסימום פֿון 30,000 אימיגראַנטן.

דער יאַוואַנער מ. דולמאַן האָט געזאָגט, אַז אויך זײַנע לאַנדסלײַט האָבן באַטראַכט די פֿראַגע פֿון ייִדישער אימיגראַציע. „ווען די ייִדן וועלן קומען אַהער, וועט זיך פֿאַר אונדזערע לײַט געוויס עפֿענען אַ וועג צו אַרבעטן פֿאַר העכערע שׂכירות. דערפֿאַר שטייען זיי אויך פֿאַר דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע פֿון 30,000 מענטשן“.

פֿון די צוועלף דעפּוטאַטן, וואָס האָבן אָנטײלגענומען אין דער זיצונג, האָבן זיבן געשטימט פֿאַרן פֿאָרשלאָג פֿון דער קאָמיסיע וועגן צולאָזן 30,000 ייִדישע אײַנוואַנדערערס: סמיט, דע פּריז, דע מיראַנדאַ, וואַלער, דע לאַ פּוענטע (דער איינציקער ייִדישער מיטגליד פֿון די סטאַטן), קאַראַמאַט אַלי און דולמאַן. פֿאַר צולאָזן 10,000 ייִדן האָבן געשטימט פֿיר: פּינדליי, ראַמבאַראַן מישרע, האָ אַ־שו און י. פּעריער. קעגן ייִדישער אימיגראַציע האָט געשטימט נאָר איין דעפּוטאַט וויינכאַרדע. דער פּראָיעקט איז צוריקגעקומען צום גובערנאַטאָר מיט דער אָפֿיציעלער באַשטעטיקונג פֿון די סטאַטן. דער גובערנאַטאָר האָט אים אָפּגע־שיקט צום קאָלאָניעס־מיניסטער קיין האַג פֿאַר ענדגילטיקער אַפּראָבאַציע.

דעם 3טן יולי האָט דעפּוטאַט ד״ר לאַכעמאַן (געוו' קאָלאָניעס־מיניסטער) באַגריסט אינעם האָלענדישן פּאַרלאַמענט דעם באַשלוס פֿון די סורינאַמער סטאַטן: „זיי האָבן מיט דעם געגעבן אַ בײַשפּיל פֿאַר די אַנדערע פֿעלקער פֿון דער וועלט, מיט וואָס סורינאַם קאָן באמת שטאָלץ זײַן". דער קאָלאָניעס־מי־ניסטער ד״ר יאָנקמאַן האָט דערקלערט:

איך וויל מעלדן דעם פּאַרלאַמענט, אַז די האָלענדישע רעגירונג איז אין פּרינציפּ גרייט צו שטיצן די צוגרייטונג פֿון אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם. צוויי מאָטיוון ליגן אינעם יסוד פֿונעם פּלאַן: ערשטנס, די נייטיקייט פֿאַר סורינאַם צו פֿאַרגרעסערן איר באַפֿעלקערונג; צווייטנס, דער פֿאַרלאַנג פֿונעם האָלענדישן פֿאָלק צו העלפֿן די אויסגעוואָרצלטע אין דער וועלט. אין דער זעלבער צײַט, פֿאַרשטייט זיך, מוז מען פֿאָר־מולירן בפּרטיות די גאַראַנטיעס, וואָס ווערן אָנגעוויזן אינעם פּראָיעקט גופֿא. [134]

עס איז לײַכט צו פֿאַרשטיין דאָס אומגעדולד פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע, ווען די וועלטפּרעסע האָט געגעבן שרײַבן וועגן דעם באַשלוס פֿון די סטאַטן און וועגן ד״ר יאָנקמאַנס פּאַרלאַמענט־אַרויסטריט, אָבער קיין אָפֿיציעלע באַשטע־טיקונג איז אַלץ ניט אָנגעקומען. דעם 5טן יולי האָט דע גראָט טעלעגראַפֿירט:

אָפֿיציעלע באַשטעטיקונג וועט קומען גאָר אין גיכן, ווײַל זי וועט כולל זײַן די אָפֿיציעלע באַשטעטיקונג פֿון דער נידערלענדער רעגירונג, וואָס איז געוועזן געמאָלדן אין דער פּרעסע.

דעם 21סטן יולי איז געקומען אַ טעלעגראַם פֿונעם גובערנאַטאָר:

סטאַטן און נידערלענדער רעגירונג מסכּים [אויף] אימיגראַציע [פֿון] דרײַסיק טויזנט ווי פֿאָרגעלייגט, אויף געוויסע צוגאָב־באַדינגונגען. בריוו מיט פּרטים גייט נאָך.

דעם זעלבן טאָג האָט דער גובערנאַטאָר אַרויסגעשיקט אַ פֿאַרטרויליכן בריוו צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע:

אין צוגאָב צו מײַן הײַנטיקער טעלעגראַם, האָב איך דעם כּבֿוד אײַך צו אינפֿאָרמירן, אַז די נידערלענדער רעגירונג און די סטאַטן פֿון סו־

רינאַם האָבן איצט באַשלאָסן ממשיך צו זײַן די שמועסן מיט דער פרײַ־לאַנד־ליגע פאַר ייִדישער טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָניזאַציע.

אין פרינציפּ האָט מען גאָרניט קעגן דער פאָרגעלייגטער אימיגראַציע פון 30,000 ייִדן קיין סורינאַם. היות אָבער ווי דער פּרעלימינאַרער באַ־ריכט פון דער סורינאַמער קאָנסולטאַטיווער קאָמיסיע האָט געקאָנט געבן נאָר די אַלגעמיינע פּרינציפּן, קאָן מען זיך ריכטן אויף אַ לעצט־גילטיקן באַשלוס ערשט נאָך דעם, ווי דער פּרטימדיקער פּלאַן וועט אי־בערגעגעבן ווערן דער רעגירונג.

דעריבער זעט אויס צו זײַן נייטיק, מען זאָל קודם־כּל אָנמערקן די פּראָצעדור ווי אַזוי צו פירן ווײַטערדיקע שמועסן, בכדי צו פאַרזיכערן, אַז אַזוי שנעל ווי מעגלעך זאָל מען קאָנען אַוועקלייגן אַ געזונטן פּלאַן פאַר דער פרײַלאַנד־ליגע, דער נידערלענדער רעגירונג און דעם לע־גיסלאַטיוון ראַט (סטאַטן) פון סורינאַם.

איך וויל אונטערשטרײַכן, אַז בשעת די דאָזיקע שמועסן דאַרף מען ווי ווײַט מעגלעך גענויער פּרעציזירן יענע פּראָבלעמען, וואָס דער באַ־ריכט פון דער סורינאַמער קאָמיסיע האָט איבערגעלאָזט אויף שפּעטער. מען דאַרף אויך לייגן אַ ספּעציעלן אַכט אויף די ווײַטערדיקע פאָדערונ־גען, וואָס עס האָט געמאַכט די נידערלענדער רעגירונג:

א. אַ געזונטער בודזשעט פאַרן גאַנצן פּראָיעקט. דער בודזשעט זאָל כּולל זײַן די קאָסטן פון קאָלאָניזאַציע בעתן אָנהייב־פּעריאָד. די פאָנדן דאַרף מען האָבן גרייט איידער די קאָלאָניזאַציע וועט זיך אָנהייבן. אויב די קאָלאָניזאַציע זאָל פאָדערן הוצאָות מצד דער סורינאַמער רעגירונג, דאַרף מען זיי אַרײַננעמען אינעם בודזשעט.

ב. די לעצטגילטיקע דעציזיע בײַם אָפּקלײַבן אימיגראַנטן זאָל גע־הערן דער סורינאַמער רעגירונג.

ג: אָנערקענענדיק די רעכט פון די ייִדישע אימיגראַנטן אויף אַן אייגענער קולטור און כאַראַקטער, דאַרף דער ציל זײַן, אַז זיי זאָלן זיך נעמען פילן ווי אָנטיילנעמערס פון האָלענדישן ציבור אַזוי שנעל ווי מעגלעך.

איך בעט אײַך אָננעמען, אין קאָאָרדינאַציע מיטן דירעקטאָר פון סאָציאַלע ענינים, די נייטיקע טריט אָנצומערקן דעם אויבן אָנגעוויזע־נעם פּלאַן.

די פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע האָט געענוי באַטראַכט דעם בריוו און איז געקו־מען צום אויספיר, אַז עס זײַנען אין אים ניטאָ קיין שום פּרטים, וואָס זאָלן שטעלן אין ספק די גילטיקייט פונעם דערגרייכטן הסכם. דער תוך פונעם אָפּ־מאַך — באַזעצונג פון 30,000 ייִדן אין סורינאַם — איז אָפיציעל באַשטעטיקט געוואָרן. די פאָדערונגען פון דער האָלענדישער רעגירונג בנוגע דער פּראַקטי־שער דורכפירונג פונעם פּלאַן זײַנען געווען גאַנץ באַרעכטיקט. וואָס שייך דעם קאָנטראָל פון דער סורינאַמער רעגירונג איבערן אָפּקלײַב פון אימיגראַנטן, האָט פּונקט אַזאַ תּנאַי פיגורירט בשעתו אין דער מערבֿ־אויסטראַלישער הסכּמה אויפן קימבערלי־פּראָיעקט. דער סורינאַם־פּראָיעקט איז אַוועק מיט אַ שטאַפּל ווײַטער ווי דער קימבערלי־פּראָיעקט — עס האָט אים באַשטעטיקט ניט נאָר די אָרטיקע, נאָר אויך די צענטראַלע רעגירונג. די פרײַלאַנד־ליגע האָט געהאַט

אַ גרונט צו זײַן שטאָלץ מיט דער דאָזיקער דערגרייכונג, ווען זי האָט געמאָלדן וועגן איר אויף איר פּרעסע־קאָנפֿערענץ, דעם 30סטן יולי.[135] די צווייטע פֿאַזע פֿון דער אַרבעט פֿאַר סורינאַם איז דערמיט געקומען צו אַן אָפּשלוס.

ב. די נײַע פֿרײַלאַנד־באַוועגונג אין מיזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע

אויפֿקום פֿון טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג אין רומעניע

אײדער מיר גײען אַריבער צו דער דריטער פֿאַזע פֿונעם פּראָיעקט, מוזן מיר אויף אַ ווײַל פֿאַרלאָזן אַמעריקע און דערציילן, ווי אַזוי די פֿרײַלאַנד־ליגע איז אין 1947 צוריק געוואָרן אַ פֿאַרצווײַגטע וועלט־באַוועגונג. צו איר צפֿון־אַמעריקאַנער באַזע מיט פּעריפֿעראַלע גרופּעס אין מערבֿ־אייראָפּע, אויסטראַליע און דרום־אַמעריקע זײַנען צוגעקומען אַקטיווע אָרגאַניזאַציעס אין רומעניע, פּוילן, אין די די־פּי־לאַגערן פֿון עסטרײַך און, אין אַ קלענערן פֿאַרנעם, פֿון דײַטשלאַנד. כראָנאָלאָגיש געהערט דאָ די בכורה רומעניע.

פֿאַר דער מלחמה האָט דער גרויסער ייִדישער קיבוץ פֿון רומעניע ניט גענומען קיין אָנטייל אין דער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג. אין 1937 איז דאָרט, אמת, אויפֿגעקומען אַ ריכטונג אונטערן נאָמען „מישקאַרעאַ טעריטאָריאַליסטאַ" („טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג"), וואָס האָט אָבער ניט געהאַט קיין שום שייכות צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע און וואָס אין דער פֿרײַלאַנד־ליגע האָט מען לגמרי ניט געוווּסט וועגן איר. פֿון די קנאַפּע ידיעות, וואָס מען האָט וועגן אָט דער באַוועגונג, זעט מען, אַז דאָס איז געווען אַ דערשײַנונג פֿון דער קאַטעגאָריע „בהלה־טעריטאָריאַליזם", ענלעך צו יוסף העפֿטערס „נײַ־יהודה" לויט איר פּראָזעאָלאָגיע און צום „ייִדישן קאָלאָניזאַציע־קאָמיטעט" אין פּוילן לויט דער ניט־איבערקלײַבערישקייט אין פּאָליטישע פֿאַרבינדונגען.[136]

דער לידער פֿון דער באַוועגונג איז געווען מתתיהו גרינבערג, וואָס האָט אין 1937 אַרויסגעגעבן (אונטערן נאָמען אַ. ווילמאַן) די בראָשורן די העראָישע פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער ייִדישער פּראָבלעם, און די ייִדישע פֿעדעראַלע מלוכה (ביידע אין רומעניש). דער בולעטין פֿון דער אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן ווילמאַן־אַקציע. אויף ווילמאַנס רוף זײַנען צוגעשטאַנען אַ ריי אינטעלעקטואַלן און כלל־טוערס, אַזוי אַסימילאַטאָרן ווי ציוניסטן. די ייִדישע מערכה אין רומעניע איז געקומען אין אַזאַ סכּנה בשעת דער קורצער ממשלה פֿון דער אַנטיסעמיטישער רעגירונג פֿון גאָגאַ און קוזאַ, אַז אין דער „מישקאַרעאַ טעריטאָריאַליסטאַ" זײַנען פֿלומרשט אָנגעקומען (לויט ווילמאַנס ווערטער) 28,000 מיטגלידער פֿון אַלע פֿאָלקסשיכטן. ווען דער קיניג קאַראָל האָט אַראָפּגעזעצט די גאָגאַ־קוזאַ־רעגירונג און זי פֿאַרביטן מיטן קאַבינעט פֿונעם פּאַטריאַרך מיראָן קריסטעאַ, האָט דאָס רובֿ מיטגלידער צוריקגעצויגן זייערע דעקלאַראַציעס. ווילמאַן און זײַנע חבֿרים האָבן ניט געהאַט קיין קאָנקרעטן טעריטאָריאַלן פּלאַן. זיי זײַנען געווען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער רומענישער רעגירונג און מיט די

אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען, פּרווונדיק אָפּריידן זיי פֿון אַנטי־ייִדישע עקסצעסן און צורײדן צו פּלאַנירטער ייִדישער עמיגראַציע. אין 1942 האָט זיך די „מיש־קאַרעאַ" אַליין־ליקווידירט און אירע אָנפֿירערס זײַנען אַרײַן אין דער „טשענט־ראַלאַ עוורעיִלאָר", די אָפֿיציעלע ייִדישע קהילות־פֿאַרוואַלטונג אונטערן פֿאַ־שיסטישן אַנטאָנעסקו־רעזשים. נאָכן אַרײַנמאַרש פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי האָט מען ווילמאַנען פֿאַרמישפּט אויף 15 יאָר פֿאַר קאָלאַבאָראַציע. [137]

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון רומעניע, ווען עס האָט דאָרט אָנגעהויבן אַרבעטן אַן עכטע טעריטאָריאַליסטישע פֿאָלקס־באַוועגונג, „האָבן אונדזערע כּל־המיני קעגנערס געוואָלט [אונדז] צוּוואַרפֿן דעם נעגאַטיוון נדן און ירושה פֿון דער 'ווילמאַן־אַקציע', מיר האָבן זיך אָבער ענערגיש אָפּגע־טרייסלט דערפֿון און בשום אופֿן ניט מסכּים געווען צו דער סמיכות־הפּרשות". [138]

אומאָפּהענגיק פֿון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג אין אַנדערע לענ־דער איז אויך אויפֿגעקומען די גרופּע, וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פֿון דער רומענישער פֿרײַלאַנד־ליגע. געשען איז דאָס אין דער שרעקלעכסטער צײַט פֿאַרן אייראָפּעיִשן ייִדנטום: אין 1942. דעמאָלט האָט אַ גרופּע יונגע ייִדן אין יאַס — „עטלעכע לערערס, עטלעכע אַרבעטאָרערס־אויטאָדידאַקטן און אַ דאָק־טאָר" — אָנגעהויבן אַן אונטערערדישע טעטיקייט, אַרויסגייענדיק פֿונעם שטאַנדפּונקט, „אַז אויב בדרך נס וועלן מיר געראַטעוועט ווערן פֿונעם אומקום, איז דאָס ניט דער סוף פֿון וועג, נאָר ערשט דער סאַמע אָנהייב". [139] די גרופּע איז באַשטאַנען פֿון איבערצײַגטע, אינטעגראַלע ייִדישיסטן — און דערפֿאַר טאַקע איז זי ספּאָנטאַן געוואָרן טעריטאָריאַליסטיש. „ייִדיש — דאָס איז די נשמה, וואָס קען אָבער אָן אַ גוף ניט לעבן; אָן אַ טעריטאָריע מוז די ייִדישע שפּראַך און איר רײַכע קולטור אונטערגיין" — אַזוי האָט דער שרײַבער י. פֿאַ־נער כאַראַקטעריזירט די שטימונג פֿון דער גרופּע. [140] אַרבעטן האָט מען גע־מוזט — צוליב דער רומענישער פּאָליציי, געסטאַפּאָ און זייערע ייִדישע אַגענטן — שטרענג געהיים: „איבער די באַגעגענישן האָט אָבער געלויערט דער טויט — און אין בעסטן פֿאַל — לאַגער". [141] בראָש פֿון דער גרופּע זײַנען געשטאַנען יונגע מענטשן, וואָס זײַנען אין 1942 אַלט געווען 22־24 יאָר: די לערערס אליעזר פֿרענקעל און פּינחס כאַכאַמו, דער דאָקטאָר יעקבֿ שעכטער א"אַ.

סוף אויגוסט 1944, ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט אַרויסגעשלאָגן פֿון יאַס די לעצטע דײַטשע זעלנערס, איז דער קרײַז אַרויס פֿון אונטער דער ערד, געעפֿנט אַ לאָקאַל און אָנגענומען דעם נאָמען: ייִדישער קולטורקרײַז „י. ל. פּרץ". עס זײַנען צו אים צוגעשטאַנען אויך טייל צוריקגעקומענע פֿון דעפּאָר־טאַציע אין די לאַגערן פֿון טראַנסניסטריע. לויט די ווערטער פֿון יצחק פֿאַנער, האָט דער קרײַז געפֿירט אַן אינטענסיווע ייִדישיסטיש־„מיסיאָנערישע" טעטי־קייט און האָט צוגעצויגן צו דער ייִדישער פֿאָלקספּראַך און פֿאָלקס־ליטעראַ־טור אַ סך אַסימילירטע רומעניש־ייִדישע יוגנטלעכע. אין רומעניע, ווו די

השפּעה פֿון ציוניזם איז געווען גרויס אויך פֿאַר דער מלחמה, איז זײַן שליטה נאָך דער באַפֿרײַונג געוואָרן נאָך שטאַרקער. די אָפּיציעלע ייִדישע אָנפֿירנדיקע קרײַזן האָבן זיך מיט אָפֿענער פֿײַנדשאַפֿט באַצויגן צו די „פּרציסטן": „אַחוץ דעם ייִדישיזם האָט די דאָזיקע 'סעקטע' געדינט צו דער 'עבֿודה־זרה' טעריטאָריאַליזם". [142]

די ערשטע טריט פֿונעם י. ל. פּרץ־קרײַז זײַנען געווען אויפֿן קולטורפֿעלד: מען האָט אָרגאַניזירט אַ ביבליאָטעק, געמאַכט ליטעראַרישע אָוונטן. אין 1945 האָבן י. פֿאַנער און א. פֿרענקעל צונויפֿגעשטעלט און אַרויסגעגעבן אַן אַנטאָלאָגיע נײַע ייִדישע דיכטונג. [143] א. פֿרענקעל האָט אין זײַן נאָכוואָרט „ראַנדן" זיך אָפּגעשטעלט אויף דער צוקונפֿט פֿון ייִדיש. אָנבינדנדיק אָן ר' חנניה בן תּרדיונס לעצטע ווערטער: „איך זע די פּאַרמעטן ברענען, בעת די אותיות שוועבן אין דער לופֿטן", האָט פֿרענקעל געשריבן:

> אותיות פֿון רוים און פֿון שפּאַניע, פֿון פּוילן און פֿון ליטע, אונדזערע נע־ונדנע אותיות וואַרטן אויף אַ תּיקון — אויף אייגענע פּאַרמעטן. אייגענע פּאַרמעטן קען מען קריגן נאָר פֿון דעם פֿי וואָס מען פּאַשעט אַליין אויף אייגענע פֿעלדער. (...) מוז מען אָנהייבן עפּעס נײַעס אָדער שוין מער גאָרנישט אָנהייבן.

די רומעניש־ייִדישע ציוניסטיש באַהערשטע פּרעסע האָט מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן אַרויסגיין פֿון דער אַנטאָלאָגיע, כאָטש ס'איז געווען אַ וואָגיקע מאַניפֿעסטאַציע פֿון ייִדישן קולטור־אויפֿלעב נאָך די יאָרן פֿון פֿאַשיזם.

דער י. ל. פּרץ־קרײַז האָט געקוקט אויף זײַן קולטור־אַרבעט ווי אויף אַ טייל פֿון צוגרייט־אַרבעט צו בויען אַ גאַנצקייט — אַ פֿולבלוטיק ייִדיש לעבן אויף אַן אייגענער טעריטאָריע. זײַנע מיטגלידער האָבן אָבער לחלוטין גאָר ניט געוווּסט וועגן דער עקסיסטענץ פֿון דער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג. אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָט עקסיסטירט פֿאַר דער מלחמה, וועגן דעם האָט זיך א. פֿרענקעל צופֿעליק דערוווּסט (ווינטער 43/1942) פֿון אַלטע יאָרגאַנג ליטעראַרישע בלעטער און פֿון בן־אַדירס „און די ערד דרייט זיך פֿאָרט..." אין פּאַריזער זאַמלבוך אויפֿן שיידוועג. [144] אָט פֿון די קערנדלעך איז די איזאָלירטע רומענישע טעריטאָריאַליסטן אויסגעקומען צו שאַפֿן אַן אידעאָלאָגיע, אַ פּראָגראַם, אַ פּלאַן פֿון פּאָליטישער אַקציע. ווי אַזוי קומט מען אַרויס מיט נײַע, אַפּיקורסישע געדאַנקען אין אַ סבֿיבֿה, וווּ עס האָט געגאָלטן פֿאַר אַן אַבסאָלוטער דאָגמע, אַז די פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער פּאַלעסטינע־פּראָבלעם און די תּיכּפֿדיקע אויסלייזונג פֿון אַלע אייראָפּעיִשע ייִדן וועט געשען באַלד אין דעם זעלבן יאָר 1945? דער קרײַז האָט איבערגעגעבן אליעזר פֿרענקלען דורכצופֿירן שמועסן וועגן דער ייִדן־פֿראַגע מיט עלף פּראָמינענטע ייִדישע און ניט־ייִדישע פּערזענלעכקייטן, [145] בכדי אינעם וויכּוח זאָל זיך אַנטפּלעקן דער טעריטאָריאַליסטישער שטאַנדפּונקט. אַזוי איז געבאָרן געוואָרן פֿרענקעלס בוך די ייִדישע פּראָבלעם, וואָס דער

קרײַז האָט אַרויסגעגעבן אין צוויי אויסגאַבעס: אויף רומעניש און פראַנ־צייזיש.[146] אַלע מיטגלידער האָבן דערויף מנדב געווען פון 6 ביז 20 פּראָצענט פון זייער פאַרדינסט.[147]

אליעזר פרענקעלס גײַסטרײַך און סטיליסטיש בריליאַנט געשריבן בוך געהערט צו די אָריגינעלסטע שאַפונגען פון טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק. באַ־זונדערס געראָטן זײַנען די עקסקורסן וועגן דעם פּסיכאָלאָגישן יסוד פון אָרטאָ־דאָקסישן ציוניזם, וואָס גייט צוריק, לויט פרענקלען, צו דער אומלאָגישער מענטאַליטעט, וואָס ייִדן האָבן אויסגעאַרבעט אין גלות.[148] דאָס, וואָס דער מחבר האָט בעת מעשׂה ניט געוווּסט וועגן די אַנטווישונגען פון דער טעריטאָ־ריאַליסטישער באַוועגונג אין די לעצטע יאָרן (קימבערלי), האָט צוגעגעבן זײַן בוך אַ סך פרישקייט און מאַקסימאַליסטישע זיכערקייט. זײַן פּראָגראַם איז גע־ווען אַ גרויספאַרנעמיקע ייִדישע טעריטאָריע. אויב אין טייל פּאַלעסטינע וועט זיך שאַפן אַ ייִדישע מלוכה, וועט די טעריטאָריע זײַן אַן „אַנעקס" צו איר; אויב ניט, וועט זי זיך געפינען אונטער דער פאַרוואַלטונג פונעם ייִדישן וועלטקאָנ־גרעס.[149] די שטאַרקע זײַט פונעם בוך איז געווען אין דער דורכדרינגענדיקער קריטיק פון דער גלות־עקסיסטענץ און אין דעם אויסשעפּיקן אַנאַליז פון אַראַ־ביש־ייִדישע פאַרהעלטעניש.

די ייִדישע פּרעסע אין רומעניע האָט טאָטאַל פאַרשוויגן פרענקעלס בוך. אין אַ יאָר אַרום האָט דער ציוניסט אַ. שוועפּעלבערג פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור מיט זײַן ענטפער אויף די ייִדישע פּראָבלעם.[150] די בראָשור האָט געקראָגן אַ ברייטן פּירסום אין די רומעניש־ייִדישע צײַטונגען, און אַ דאַנק דעם האָבן זיך זייערע לייענערס אומדירעקט דערוווּסט וועגן דער עקסיסטענץ פונעם טעריטאָריאַליסטישן בוך.

די ייִדישע פּראָבלעם האָט ניט אַרויסגעשטעלט קיין קאָנקרעטן טעריטאָ־ריאַלן פּראָיעקט. אינעם י. ל. פּרץ־קרײַז האָט מען אָבער געטראַכט קודם־כּל וועגן נײַ־קאַלעדאָניע.[151] צום קרײַז איז, ווײַזט אויס, דערגאַנגען אַן אָפּקלאַנג פון די פאַרמלחמהדיקע פּלענער בנוגע דעם אינדזל, און ער האָט מיט גענוג גרונט געזען אין אים אַן אידעאַל אָרט פאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע. אין 1946 האָט פרענקעל אַפילו געפּרוווט אַראַנזשירן אין שייכות דערמיט אַן אומאָפיציע־לע באַגעגעניש מיטן פראַנצייזישן געשיקטן אין בוקאַרעשט.

צען טויזנט חתימות פאַר אַ ייִדישער טעריטאָריע

די שעת־הכּושר פאַר דער ערשטער פּאָליטישער אַקציע איז פאַר די רומע־נישע טעריטאָריאַליסטן געקומען סוף 1945, ווען מען האָט זיך געריכט, אַז די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע פאַר פּאַלעסטינע און ייִדישע מלחמה־פּליטים וועט באַזוכן רומעניע.[152] דער י. ל. פּרץ־קרײַז האָט באַשלאָסן דערלאַנגען דער קאָמיסיע אַ פּעטיציע און צו זאַמלען אונטער איר אונטערשריפטן פון ייִדישע מענטשן, כּדי צו „דעמאָנסטרירן, אַז עס געפינען זיך ייִדן, וואָס זײַנען גרייט

אויפֿצוהייבן די פֿראַגע פֿון נאָך אַ טעריטאָריע חוץ א״י״. די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז אין אָט דער אַקציע וועלן זיי אָנטרעפֿן אויף אָן אַ שיעור שוועריקייטן, אָנגריפֿן און באַליידיקונגען. אין דער פּעטיציע האָט זיך געזאָגט: [153]

די אונטן געחתמעטע ייִדן פֿון רומעניע שטעלן אײַך רעספּעקטפֿול פֿאָר דאָס ווײַטערדיקע:

די טראַגישע געשעענישן, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן אין אייראָפּע, האָבן בולט באַוויזן די ריכטיקייט פֿונעם פּראָגנאָז, וואָס אונדזערע גרויסע פֿירערס ד״ר פּינסקער און ד״ר הערצל האָבן געשטעלט אין דער ייִדן־פֿראַגע.

די שחיטות, וואָס האָבן צו נישט געמאַכט די גרונט־השׂגות פֿון ציוויליזאַציע און קריסטנטום, האָבן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל באַוויזן, אַז די ייִדן־פֿראַגע קאָן ניט פֿאַרענטפֿערט ווערן אין די תּפוצות הגולה. (...) כּמעט אַ יאָר נאָכן חתמענען דעם וואָפֿן־שטילשטאַנד, איז מען אין פּוילן צוגעטראָטן צו דער „ענדגילטיקער לייזונג״ פֿון דער פֿראַגע. (...) עס איז אוממאָראַליש, ניט קריסטלעך און קעגן די אינטערעסן פֿונעם קאָנטינענט און שלום, אַז די שארית הפּליטה פֿון די ייִדן זאָל איבערגעלאָזט ווערן צווישן רוצחים און קבֿרים (...).

פּרינציפּיעל שטייען מיר אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון פּאַלעסטינע, פֿון אַ ייִדישער מלוכה אין אירע היסטאָרישע גרענעצן. מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז די דאָזיקע האָפֿענונגען אונדזערע (...) וועלן מקוים ווערן, ווען די עטישע פּרינציפּן פֿונעם אַלטן און נײַעם טעסטאַמענט וועלן אַרײַנדרינגען אינעם פּאָליטישן לעבן און אים משפּיע זײַן. פֿונעם רעאַליסטישן שטאַנדפּונקט האַלטן מיר, אַז אויב ניט די איינציקע, איז די העכסטע נייטיקייט פֿאַר אונדז — יציאת אייראָפּע.

מיר ווילן אָבער אויסוואַנדערן ניט נאָר פֿון אַ געאָגראַפֿישן קלימאַט, נאָר אויך פֿון אַ פּסיכאָלאָגישן. אונדזער איבערפּלאַנצונג אין לענדער מיט אַ פּאַרטיקער ווירטשאַפֿט וואָלט געהייסן גאָר עפֿענען נײַע פֿעלדער פֿאַרן אַנטיסעמיטיזם. אָט פֿאַר וואָס קאָן די איינציקע רעאַלע פֿאַרענטפֿערונג זײַן בלויז אַ קלאָרע פֿאָרמולירונג פֿון דעם זעלבן פֿאָרשלאָג, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט אין 1903 געמאַכט אונדזער גרויסן פֿירער הערצל: אַ קאָלאָניזיר־טעריטאָריע.

אונדזער ווענדונג צו אײַך קאָן מען פֿאָרמולירן אין דרײַ פּונקטן:

א. מיר זײַנען קעגן איבערבלײַבן אין אייראָפּע.

ב. מיר פֿאָדערן אַ ראַדיקאַלע און ענדגילטיקע פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער ייִדן־פֿראַגע.

ג. מיר ווילן לעבן אין אַן אייגן לאַנד פּונקט ווי אַלע נאָרמאַלע פֿעלקער.

אין אײַערע הענט ווי אויף אַ וואָגשאָל ליגט אונדזער גורל.

מען וואָלט געקאָנט האָבן פֿאַרשיידענע טענות צו דער פֿראַזעאָלאָגיע פֿון דער פּעטיציע, אָבער בײַם בעסטן ווילן קאָן מען אין איר ניט געפֿינען קיין רמז פֿון קעגנערשאַפֿט צו די ציוניסטישע צילן, אַפֿילו אין זייער בילטמאָר־פֿאָרעם. די חתימות־זאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן אין יאַס. ציוניסטן און אַסימילאַטאָרן

האָבן די פּעטיציע ניט געוואָלט אונטערשרײַבן. אַ גרויסע צאָל פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן האָבן זיך יאָ אונטערגעשריבן. פֿונעם ציוניסטישן צענטער איז געקו־מען אַ פֿאַראָרדענונג, אַז די קאַמפּאַניע איז געפֿערלעך און מען מוז איר שטערן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. איבער דער שטאָט האָט מען אויסגעקלעפּט אויפֿ־רופֿן, וואָס האָבן אָנגערופֿן די איניציאַטאָרן פֿון דער פּעטיציע מיטן דעמאַגאָ־גישן נאָמען „קוויסלינגס". די נײַע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע (רעוויזיאָניסטן) האָט אַרויסגעלאָזט און פֿאַרשפּרייט אַן אויפֿרוף:[154]

ייִדן!

לאָזט זיך ניט אָפּנאַרן פֿון די בייזוויליקע מענטשן, וואָס געהערן צו גע־וויסע „קולטורעלע" קרײַזן. גיט ניט אײַערע חתימות פֿאַר אונדזער וויל־זײַן אין פֿאַנטאַסטישע טעריטאָריעס ווי נײַ־קאַלעדאָניע, מאַדאַגאַסקאַר, אוגאַנדע.

ווענדט זיך אָפּ פֿון די, וואָס ווילן אין אָט די שווערע מאָמענטן פֿאַר אונדזער פֿאָלק אַרויסרופֿן חילוקי־דעות אין אונדזערע רייען.

(...)

אין דער צענטראַלער ציוניסטישער וויאַצאַ עורעיאַסקאַ האָט זיך באַוויזן אַ ריי פּאַסקווילן, וואָס האָבן ניט נאָר אין גאַנצן צעדרייט דעם אינהאַלט פֿון דער פּעטיציע (עס איז אין איר, אַ שטייגער, ניט געווען דערמאָנט ניט נײַ־קאַ־לעדאָניע, ניט קיין שום אַנדער טעריטאָריע), נאָר אויך געמאַכט רכילותדיקע באַשולדיקונגען. אין אַרטיקל, אונטערן חנעוודיקן נאָמען „נײַ־קאַלעדאָניע: נײַ־טעריטאָריאַליזם אָדער נײַ־קוויסלינגיזם"[155] האָט אינסינויִרט:

אין אַ גרויסער שטאָט פֿון אַלט־רומעניע האָט אַן אַזוי גערופֿענער קולטור־קרײַז, וואָס נוצט לרעה דעם נאָמען פֿון אַ גרויסן ייִדישן שרײַ־בער, גענומען די איניציאַטיוו פֿון אַן אַקציע צו זאַמלען חתימות בײַ ייִדן בכדי צו בעטן ווי אַ טעריטאָריע פֿאַר עמיגראַציע... נײַ־קאַלעדאָניע. (...) די אַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַלט־רומעניע, פֿאַרמאָגט פֿאַר־דעכטיקע פֿאָנדן. זי פֿאַלט נאָך צונויף מיט געוויסע פֿאָרשלאָגן פֿון דער ענגלישער פּרעסע, ווו מען רעדט, אמת, וועגן אַנדערע אינדזלען.[156]

נײַ־קאַלעדאָניע איז באַשריבן געוואָרן ווי אַ „טײַוול־אינדזל", באַוווינט פֿון „ווילדע קאַניבאַלן".

אָבער אונדז אינטערעסירט דאָ ניט די געאָגראַפֿיע אָדער עטנאָ־גראַפֿיע פֿונעם אינדזל — נאָר די הערן, וואָס ווילן אין אָט דער היסטאָ־רישער שעה פֿאַר אונדזער פֿאָלק ווערן אונדזערע קוויסלינגס. די פּע־דעם, וואָס באַוועגן די דיווערסאַנטישע מאַריאָנעטן, זײַנען אָבער צו בולט, אַז די ייִדישע מאַסע זאָל קאָנען פֿון זיי פֿאַרנאַרט ווערן.[157]

זיך ניט פֿאַרלאָזנדיק אויפֿן עפֿעקט פֿון דעם סאָרט פּראָפּאַגאַנדע, האָבן די ציוניסטן געשיקט קאָמיסיעס, וואָס זײַנען געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב און געוואָרנט קעגן די „פֿאַררעטערס". די טעריטאָריאַליסטישע חתימות־זאַמלערס איז מען פֿיזיש באַפֿאַלן, מיט כּוח אַרויסגעריסן די פּעטיציעס. אין דאָראָכוי

האָט מען בײַ ד״ר שעכטערן אַרויסגעריסן פֿון די הענט דרײַ רשימות מיט 800 חתימות פֿון די 1,800 געזאַמלטע אין דער שטאָט. אין באָטאָשאַן האָבן ציוניסטישע אַקטיוויסטן־אָפּטיילונגען אָפּגעוואָרט די שליחים פֿון פּרץ־קרײַז גלײַך אויפֿן וואָקזאַל, געהיט זיי אויף יעדן טריט און שריט און ניט געלאָזט קיין זאַך אויפֿטאָן. די רדיפֿות האָבן אָנגענומען אַזאַ פֿאַרנעם, אַז מען האָט גע־מוזט אָפּשטעלן די אַקציע. פֿון 20סטן דעצעמבער 1945 ביזן 20סטן יאַנואַר 1946 האָט מען אין יאַס און דאָראָכוי צונויפֿגעקליבן 9,966 חתימות, ניט רע־כענענדיק די אַרויסגעריסענע רשימות. די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון די צוויי שטעט האָט דעמאָלט באַטראָפֿן אַרום 40,000. פֿרענקעל האָט מיט רעכט קאָנ־סטאַטירט:

> מיר לייגן אַ גרויסן טראָפּ אויף אָט די חתימות, וועלכע שטעלן פֿאָר אַ פֿאַרזוך — מסתּמא דעם ערשטן — מיטצורײַסן ברייטע מאַסן צו אַ טעריטאָריאַליסטישן אײַנשטעל. מיר גלייבן, אַז נעמענדיק אין באַטראַכט אין וואָס פֿאַר אַ צײַט די חתימות זײַנען געזאַמלט געוואָרן, דעם ציוניס־טישן דרוק און די מענטשן, צו וועלכע זיי האָבן זיך געווענדט — זײַנען זיי אַ פּאָליטישער דאָקומענט, וואָס וועט נישט קענען אַזוי גרינג געפּסלט ווערן פֿון אונדזערע קעגנער.[158]

פֿון אָט די ווערטער קאָן מען דרינגען, אַז די ציוניסטן האָבן זיך געווענדט נאָך הילף צו מענטשן מיט אַ רעאַלער מאַכט אין רומעניע. אין שײַכות דערמיט שטייט אפֿשר דער פֿאַקט, וואָס ווערט דערמאָנט אין אַן אַנדערן פֿון פֿרענקעלס בריוו פֿון יענעם פּעריאָד — אַז בעת דער חתימות־אַקציע האָט מען געמאַכט אַ פּרווו צו לעגאַליזירן אין רומעניע אַ „ייִדישע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַני־זאַציע״, אָבער די רעגירונג האָט די בקשה אָפּגעוואָרפֿן און דעם צוגעשטעלטן סטאַטוט ניט באַשטעטיקט.[159] די מערכה פֿון די רומענישע טעריטאָריאַליסטן איז נאָך דער חתימות־קאַמפּאַניע געוואָרן אַזוי שווער, אַז זיי האָבן אויף היפּשע עטלעכע חדשים כּמעט אין גאַנצן געמוזט אָפּשטעלן זייער טעטיקייט.[160]

די פּעטיציע מיט די 9,966 חתימות האָט דער קרײַז אין מאַרץ 1946 אי־בערגעגעבן דער רומענישער סעקציע פֿונעם ייִדישן וועלטקאָנגרעס דורך איר פֿאָרזיצער, דעם ציוניסטישן פֿירער אַ. ל. זיסו. דער קרײַז האָט אין יענער צײַט ניט געהאַט קיין השׂגה וועגן דער עקסיסטענץ פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע.[161] צו דער פֿרײַלאַנד־ עקזעקוטיווע אין ניו־יאָרק זײַנען גראָד אין מאַרץ 1946 יאָ דערגאַנגען אומדירעקטע ידיעות וועגן דעם טעריטאָריאַליסטישן י. ל. פּרץ־קרײַז אין רומעניע,[162] אָבער צוליב אומבאַוווסטע סיבות האָט די עקזעקוטיווע ניט באַוויזן אָנצובינדן מיט אים קיין קאָנטאַקט.

עטאַבלירונג פֿון דער רומענישער פֿרײַלאַנד־ליגע

ערשט זומער 1946 האָט פֿרענקעל געפֿונען אינעם זשורנאַל געצעלטן אַ דערמאָנונג וועגן אויפֿן שוועל, און אַ ביסל שפּעטער צום ערשטן מאָל באַגעגנט

ד״ר י. נ. שטיינבערגס נאָמען אין אַ פּאָלעמישן אַרטיקל אינעם רומענישן אָר־גאַן פֿון „השומר הצעיר״. פֿאַר די רומענישע טעריטאָריאַליסטן איז געווען אַ געוואַלדיקע פֿרייד און דערמוטיקונג זיך צו דערוויסן, אַז זיי זײַנען ניט אַליין אויף דער וועלט. זיי האָבן געשיקט עקזעמפּלאַרן פֿון פֿרענקעלס בוך אויף פֿאַר־שיידענע ניו־יאָרקער אַדרעסן.[163] איינער פֿון זיי איז טאַקע סוף־כל־סוף, מיטן נאָוועמבער 1946, אָנגעקומען צו י. נ. שטיינבערגן. ער האָט תּיכּף טעלעגראַ־פֿירט פֿרענקלען, און צווישן דער רומענישער גרופּע און דער פֿרײַלאַנד־עקזע־קוטיווע האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ רעגולערע פֿאַרבינדונג. א. פֿרענקעל און ד״ר יעקבֿ שעכטער האָבן בריוולעך דערציילט וועגן דער דורכגעפֿירטער אַרבעט, געבעטן ליטעראַטור און אינפֿאָרמאַציע. זיי האָבן איבערגעשיקט דער עקזעקו־טיווע קאָפּיעס פֿון די צונויפֿגעקליבענע חתימות.[164] די ראַדיאָ־ידיעה (יאַנואַר 1947), אַז האָלאַנד האָט אין פּרינציפּ אָנגענומען דעם פּראָיעקט פֿון ייִדישער קאָ־לאָניזאַציע אין סורינאַם, האָט זייער אויפֿגעמונטערט די טעריטאָריאַליסטישע שטימונגען אין רומעניע. דעם 15טן מײַ האָט די פֿאַרוואַלטונג פֿונעם י. ל. פּרץ־קרײַז גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו גרינדן די רומענישע סעקציע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע און האָט אָנגעהויבן אַרומריידן איר שטעלונג צום סורי־נאַם־פּראָיעקט.[165]

נאָך אַ לעבעדיקער דיסקוסיע האָט מען באַשלאָסן צו רופֿן אַן אַלגעמיינע מיטגלידער־פֿאַרזאַמלונג און אָנפֿרעגן די מיינונג פֿון די גרופּעס אין באָטאָשאַן און באַקוי. די מיטגלידער־פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען דעם 30סטן מײַ. די רומענישע טעריטאָריאַליסטן איז ניט לײַכט געווען שלום צו מאַכן מיטן לימיט פֿון 30,000 ייִדישע קאָלאָניסטן אין סורינאַם,[166] אליעזר פֿרענקעל האָט אָבער אין דער זעלבער צײַט אָנגעוויזן אויף ד״ר ל. מ. פֿרוכטבוימס פּאָזיטיוון באַ־ריכט וועגן דעם לאַנד „און באַטאָנט די וויטאַלע נייטיקייט פֿאַרן טעריטאָריאַ־ליזם צוצוטרעטן צו פּראַקטישע מעשׂים״. עס איז געבליבן, אַז מען וועט אַרבעטן פֿאַרן סורינאַם־פּראָיעקט און מען וועט קודם־כּל גרינדן אַ פֿרײַלאַנד־גרופּע אין דער קרוינשטאָט בוקאַרעשט.

אויף קיין אָפֿיציעלער לעגאַליזאַציע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע האָט מען זיך אויך דעמאָלט ניט געקאָנט ריכטן. אין יענער איבערגאַנג־צײַט אָבער, ווען אונ־טער דער פֿאַקטישער העגעמאָניע פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן נאָך אין רומעניע עקסיסטירט דעמאָקראַטישע פֿאָרמען, איז מעגלעך געווען צו פֿירן אַ געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט דע פֿאַקטאָ. זומער 1947 איז די פֿרײַלאַנד־ליגע אין רומעניע אָפֿן אַרויסגעטראָטן אונטער איר פֿולן נאָמען.

אין יולי זײַנען א. פֿרענקעל און ד״ר י. שעכטער געקומען קיין בוקאַרעשט. דעם 22סטן יולי האָט א. פֿרענקעל געהאַלטן אַ רעפֿעראַט „סורינאַם און ייִדי־שע קולטור״ אויף אַ ספּעציעלער פֿאַרזאַמלונג פֿונעם ייִדישן שרײַבערס־ און פּובליציסטן־פֿאַראיין. יעקבֿ גראָפּער, פֿאָרזיצער פֿונעם פֿאַראיין, האָט אין זײַן שלוסוואָרט אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז סורינאַם וועט ווערן אַ יש און וועט

אָנפֿילן מיט אַ זינען אויך די אַרבעט פֿונעם ייִדישן שרײַבער, וואָס לעבט אַצינד אַ צעבראָכענער מיטן אומקום פֿאַר די אויגן. נטע רויטמאַן, וויצעפּאָרזיצער פֿונעם פֿאַראיין, האָט זיך געשטעלט בראָש פֿון דער בוקאַרעשטער פֿרײַלאַנד־גרופּע. זי איז פֿאַרלייגט געוואָרן דעם 23סטן יולי אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אין הויז פֿונעם רומעניש־ייִדישן שרײַבער פֿעליקס אַדערקאַ. דעם 25סטן יולי האָט אַ דעלעגאַציע (א. פֿרענקעל, ד״ר י. שעכטער, נטע רויטמאַן) באַזוכט דעם האָלענדישן געשיקטן אַ. ד. האַמעלמאַנען און אים איבערגעגעבן אַ בריוו פֿון דער רומענישער פֿרײַלאַנד־ליגע, וואָס האָט געדאַנקט די רעגירונגען און די פֿעלקער פֿון האָלאַנד און סורינאַם פֿאַר זייער אָנבאָט.[167]

די רומענישע פֿרײַלאַנד־ליגע האָט געפּרוווט אָפּקויפֿן בײַם אייגנטימער די צײַטשריפֿט פּאָפּאָרול עווריעסק, אָבער דאָס איז ניט געראָטן. פֿריאָדישע בולעטינען אויף ייִדיש און רומעניש האָבן ניט געקאָנט פֿאַרבײַטן אַן אייגענע צײַטונג. ידיעות וועגן דעם, אַז די האָלענדישע רעגירונג האָט אַפּראָבירט דעם פּראָיעקט צו גרינדן אין סורינאַם אַ ישוב פֿון 30,000 ייִדן, האָבן זיך באַוויזן אין דער אַלגעמיינער רומענישער פּרעסע בראָש מיט דער אָנגעזעענער צײַטונג טימפּול (דעם 25סטן יולי). די גרויסטיראַזש־צײַטונג פּאָפּאָ האָט דעם 4טן, 7טן און 10טן אויגוסט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרויסן רעפּאָרטאַזש וועגן דעם ייִדישן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אין סורינאַם. צום לעצטן טייל פֿונעם רעפּאָרטאַזש האָט די רעדאַקציע צוגעגעבן אַ באַמערקונג, אַז עס האָבן זי באַזוכט עטלעכע הונדערט ייִדן פֿרעגן פּרטים וועגן דעם סורינאַם־אָפּמאַך און נאָך הונדערטער ייִדן האָבן זיך אינעם זעלבן ענין געווענדט בריוולעך.[168] אינעם ניו־יאָרקער פֿרײַלאַנד־אַרכיוו געפֿינען זיך בריוו פֿון רומענישע ייִדן, וואָס זײַנען געשריבן דירעקט צו דער עקזעקוטיווע מיט אָנפֿרעגן וועגן סורינאַם און ווי אַזוי מען קאָן אַהין פֿאָרן. אַ גרופּע יונגע ייִדן פֿון בוקאַרעשט האָט באַקומען דעם ניו־יאָרקער פֿרײַלאַנד־אַדרעס דורכן האָלענדישן אויסלאַנד־מיניסטעריום. אין זייער נאָמען האָט מאַריוס וו. פֿעלדמאַן געשריבן צו דער עקזעקוטיווע:[169]

> (...) מיר זײַנען אַ גרעסערע גרופּע יונגע ייִדן, וואָס ווילן אָנהייבן אַ נײַ לעבן אין אַ נײַ לאַנד, וואָס גיט נײַע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען אַ גוטן עתיד. מיר האָבן פֿאַרשיידענע פֿאַכן און מלאָכות, אָבער מיר זײַנען גרייט צו טאָן אַלץ, כּדי צו באַקומען אַ נײַע בירגערשאַפֿט און אַ נײַע צוקונפֿט. (...)

אין אָקטאָבער 1947 האָט די רומענישע פֿרײַלאַנד־ליגע אַרויסגעגעבן אַ זאַמלהעפֿט פֿרײַלאַנד,[170] אויסנוצנדיק דערויף די הכנסה פֿאַר דער נײַער ייִדישער דיכטונג. אַ טייל פֿונעם מאַטעריאַל איז געווען איבערגעדרוקט פֿון אויפֿן שוועל (פּרעסע־דערקלערונג פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע דעם 30סטן יולי; ד״ר ל. מ. פֿרוכטבוים, „וואָס פֿאַר אַ לאַנד איז סורינאַם״; י. נ. שטיינבערג, „אַ צווייטע רײַזע קיין סורינאַם״) און טאָג (אַ. גלאַנץ, „מענטשן־פֿאַרשטאַנד, ייִדן־פֿאַרשטאַנד״ — צום שוץ פֿון סורינאַם־פּראָיעקט). די זאַמלהעפֿט האָט אויך כּולל געַ־

זוען די אַרטיקלען: אליעזר פֿרענקעל, „אַ פּאָר ווערטער"; נטע רויטמאַן, „סורי־נאַם"; יצחק פּאַנער, „געדאַנקען פֿון אַ ייִדישיסט"; ד"ר יעקבֿ שעכטער, „י. ל. פּינסקער — מחשבֿות צו זײַן 56סטן יאָרצײַט"; פּינחס כּאַכּאַמו, „אויפֿן ראַנד פֿון אַ וויכּוח"; און אַ כראָניק פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין פֿאַרשיידענע לענ־דער. סוף 1947 האָט די רומענישע ליגע אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור מיט אַן אי־בערדרוק פֿון בן־אדירס לעצטן אַרטיקל „אַן אָפֿענער בריוו צו אונדזער ייִדי־שיסטישער אינטעליגענץ" מיט אליעזר פֿרענקעלס נאָכוואָרט „אויפֿן ראַנד פֿון בן־אַדירס צוואה־בריוו".

בן־אַדירס טעזע וועגן דער אָרגאַנישער פֿאַרבינדונג צווישן ייִדישיזם און טעריטאָריאַליזם האָט שטאַרק אַפּעלירט צו די רומענישע פֿרײַלאַנדיסטן, וואָס זײַנען געקומען צום טעריטאָריאַליזם פֿון ייִדישיסטישע פּאָזיציעס און וואָס האָבן טאַקע געהאַט אויף זייער זײַט די סימפּאַטיעס פֿון דער ייִדישער קולטור־סבֿיבֿה אין רומעניע. אַרום דעם ייִדישיסטישן יאָדער האָבן זיך געזאַמלט אַנ־דערע נאַציאָנאַל־ייִדישע עלעמענטן, אויך פֿון רעליגיעזע און אַפֿילו ציוניסטישע קרײַזן.[171] אויף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין פֿאַרשיידענע שטעט און אויף רעפֿעראַטן פֿון אירע פֿאָרשטייערס אין ייִדישע פֿאַראיינען און אָרגאַניזאַציעס האָט מען געהערט דעם לייטמאָטיוו, אַז מיטן שליסן דעם סורי־נאַם־אָפּמאַך שטייט די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג פֿאַר פּראַקטישע מעשׂים.

ערשטער פֿרײַלאַנד־צוזאַמענפֿאָר אין רומעניע

דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רומענישער פֿרײַלאַנד־ליגע איז פֿאָר־געקומען אין יאַס, דעם 28סטן און 29סטן מאַרץ 1948. עס האָבן זיך באַטייליקט 16 דעלעגאַטן פֿון זיבן שטעט: בוקאַרעשט, יאַס, באָטאָשאַן, באַקוי, דאָראָכוי, נעגרעשט און ראָמאַן.[172]

דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך געעפֿנט פֿאַר אַן עולם פֿון אַרום 300 מענטשן. עס זײַנען צו אים אָנגעקומען באַגריסונגען פֿון דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיוו אין ניו־יאָרק, פֿון די פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, אייבער־עסטרײַך און ווין און פֿון די פֿאַרבאַנדן פֿון ייִדישע שרײַבערס, ייִדישע לערערס און דעפּאָרטיר־טע ייִדן אין רומעניע. דער פֿאָרזיצער איז געווען ד"ר יוסף ברענער; מיט רע־דעס זײַנען אַרויסגעטראָטן אליעזר פֿרענקעל, ד"ר יעקבֿ שעכטער, נטע רויט־מאַן און פּינחס כּאַכּאַמו.

נאָך מיטאָג האָט דער צוזאַמענפֿאָר אין ענגן באַשטאַנד אויסגעהערט די באַריכטן פֿון די דעלעגאַטן וועגן מצבֿ פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין זייערע שטעט און די רעפֿעראַטן פֿון אליעזר פֿרענקעל „דער ייִדישער פּאָליטי־שער מאָמענט" און פֿון ד"ר יעקבֿ שעכטער (אַ באַקטעריאָלאָג און גוטער קע־נער פֿון טראָפּישער מעדיצין) „אַקלימאַטיזאַציע און סאַניטאַרע באַדינגונגען אין סורינאַם". ד"ר שעכטער האָט שוין געהאַט אין זײַן רשות די אויספֿירן פֿון דער

עקספּערטן־קאָמיסיע, וואָס האָט קורץ פֿאַר דעם געפֿאָרשט דעם שטח פֿונעם פּראָיעקטירטן ייִדישן ייִשובֿ. א. פֿרענקעל האָט זיך צוו״אָ אָפּגעשטעלט אויפֿן גרעסטן קלאַפּ, וואָס דער חורבן האָט דערלאַנגט דעם ייִדישן פֿאָלק — דער אומקום פֿונעם פּויליש־ייִדישן ייִשובֿ — און דער נייטיקייט צו ראַטעווען זײַן גײַסטיקע ירושה. ער האָט פֿאַרטיידיקט דעם לאָזונג פֿון „יציאת איראָפּע״ און גערופֿן ניט צו פֿאַרלירן דאָס געפֿיל פֿון רעאַלקייט צוליב דעם יו־ען־באַשלוס וועגן אַ ייִדישער מלוכה אין אַ טייל פּאַלעסטינע. אויך נאָך זײַן פֿאַרווירקלעכונג וועט דער ייִדישער ייִשובֿ אין סורינאַם נאָך אַלץ זײַן נייטיק.

אין דער דיסקוסיע איז געקומען צום אויסדרוק די נאָענטקייט פֿון שטאַנד־פּונקט פֿון די דעלעגאַטן, עלטערע און יונגע, רעליגיעזע און וועלטלעכע. עס זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פֿאַרשלאָגן וועגן אָרגאַניזירן אַן אויסשולונג־פֿער־מע, אַ טראַקטאָריסטן־קורס. אַלע זײַנען געווען מסכּים, אַז אין רומעניע איז פֿאַראַן אַ פּאַסיקער און וויליקער עלעמענט פֿאַר דער סורינאַמער קאָלאָניזאַציע. די צאָל אַקטיווע פֿרײַלאַנד־אָנהענגערס האָבן די דעלעגאַטן אָפּגעשאַצט אויף טויזנט, אָבער אַלע האָבן געהאַלטן, אַז אַ סך אַ גרעסערע צאָל רומענישע ייִדן וואָלט וואָלונטירט זיך צו באַזעצן אין ייִדישן ייִשובֿ. דעם צווייטן טאָג האָט דער צוזאַמענפֿאָר באַטראַכט אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגעס. די לעצטע זיצונג איז פֿאָר־געקומען דעם 29סטן מאַרץ אין אָוונט אין בײַזײַן פֿון אַלע יאַסער פֿרײַלאַנדיסטן. מען האָט אויסגעהערט און אָנגענומען דעם „רוף צום אַמעריקאַנער ייִדנטום״ מיטן אַפּעל צו שטיצן די סורינאַם־קאָלאָניזאַציע, און די רעזאָלוציעס פֿונעם צוזאַמענפֿאָר און מען האָט איינשטימיק אויסגעקליבן אַ נײַע עקזעקוטיווע פֿון דער רומענישער פֿרײַלאַנד־ליגע. אין איר נאָמען האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר א. פֿרענקעל געשלאָסן דעם צוזאַמענפֿאָר מיטן ווונטש, אַז דאָס יאָר תּשי״ח זאָל ווערן פֿאַרן טעריטאָריאַליזם אַ יאָר פֿון פּראַקטישער אַרבעט און אַ התחלה פֿון פֿאַרווירקלעכונג. צום סוף האָט דער כאָר פֿונעם י. ל. פּרץ־קרײַז אינטאָנירט הירש גליקס „פּאַרטיזאַנער־הימען״.

די רעזאָלוציעס האָבן אויפֿן ערשטן אָרט כּולל געווען אַ שאַרפֿן פּראָטעסט קעגן די פּרוּוון מבֿטל צו מאַכן דעם היסטאָרישן באַשלוס פֿון דער יו־ען צו שאַפֿן אַ ייִדישע מלוכה אין ארץ־ישׂראל און אַ האַרציקן גרוס דעם העראָיִשן ייִשובֿ אין ארץ־ישׂראל, דעם פֿאָרפּאָסטן פֿון ייִדישן קיום.

> דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפֿאָר (...) פֿאַרזיכערט זיי, אַז מיר, די פֿרײַלאַנד־מענטשן אין רומעניע, גייען אויפֿן אייגענעם וועג פֿון פֿאַר־שטאַרקן אונדזער קיום און פֿון אויסבויען אַ המשך פֿאַר אונדזער פֿאָלק. מיר גלייבן, אַז אַ פֿרײַ לאַנד, אַזוי ווי מיר שטרעבן עס אויפֿצובויען, וועט מיט זײַן עקסיסטענץ גופֿא דינען אין אָט די צײַטן פֿון ייִדישער צע־פּאָלונג ווי אַ שטיצפּונקט פֿאַר אונדזער ייִשובֿ אין ארץ־ישׂראל, ווײַל מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז דער ייִדישער ישובֿ אין ארץ־ישׂראל וועט זײַן שטאַרק און געזונט מיט דער שטאַרקייט און געזונטקייט פֿון יעדן ייִדישן ישובֿ אין דער גאָרער וועלט.

דער צוזאַמענפֿאַר האָט געדאַנקט דער רומענישער רעגירונג פֿאַר דער „פֿו־לער פֿרײַהייט, אין וועלכער די פֿרײַלאַנד־אַרבעט אַנטוויקלט זיך אין רומעניע״. דער דאַנק איז, צום באַדויערן, געווען מער דיפּלאָמאַטיש ווי געטרײַ די פֿאַקטן, ווי מיר וועלן עס זען אין אַ שפּעטער סעקציע. אויפֿריכטיק איז, אָקעגן זשע, געווען דער דאַנק דעם האָלענדישן פֿאָלק און זײַן רעגירונג, דער סורינאַמער באַפֿעלקערונג און זײַן פּאַרלאַמענט פֿאַרן אויסשטרעקן אַ האַנט דעם ייִדישן פֿאָלק „אין אַ וועלט פֿון פֿאַרמאַכטע טויערן און פֿאַרמאַכטע הערצער״. דער צו־זאַמענפֿאַר האָט גערופֿן די אַמעריקאַנער ייִדן מיטצוהעלפֿן דער בויונג פֿון סו־רינאַם, און די פֿרײַלאַנדיסטן און סימפּאַטיקערס אין רומעניע — צו קעמפֿן פֿאַר אײַנפֿירן דעם ייִדיש־לימוד אין אַלע קהילה־שולן און צו אַקטיוויזירן די אַר־בעט פֿאַר פֿרײַלאַנד.

דאָס איז געווען דער לעצטער עפֿנטלעכער אַרויסטריט פֿון דער רומעני־שער פֿרײַלאַנד־ליגע. די באַדינגונגען פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט אין רו־מעניע זײַנען געוואָרן אַלץ שווערער אין שייכות מיטן פּראָצעס פֿון קאָמוניזאַציע אין אַלע אַ״ג „לענדער פֿון פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע״. דער דאָזיקער נײַער אַקט, אָדער ריכטיקער עפּילאָג, פֿון דער פֿרײַלאַנד־אַקטיווקייט הינטערן אײַזערנעם פֿאַרהאַנג דאַרף אָבער באַשריבן ווערן באַזונדער און אין דעם געהעריקן כראָ־נאָלאָגישן גערעם.

ייִדישע קאָנצענטראַציע אין אונטער־שלעזיע [173]

אין 1947 איז אַ פֿרײַלאַנד־ליגע אויפֿגעקומען אויך אין פּוילן. די באַדינ־גונגען פֿאַר איר אַרבעט זײַנען געווען היפּש אַנדערש ווי אין רומעניע, און ניט נאָר צוליב דעם, וואָס דער ייִדישער חורבן אין פּוילן איז געווען אַ סך מוראדי־קער. חוץ קעגנערשאַפֿט מצד די ציוניסטן האָט זיך די פּוילישע פֿרײַלאַנד־ליגע אָנגעשטויסן אויפֿן שטאַרקסטן ווידערשטאַנד מצד די ייִדישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געשטרעבט אויפֿצושטעלן און פּרעזערווירן אַ נײַעם ייִדישן קיבוץ אין פּוילן פֿון די רעשטלעך פּוילישע ייִדן. זיי האָבן גערעכנט, אַז עס וועט זיי גע־ראָטן אײַנצוהאַלטן אין פּוילן לפּחות דעם ניט־ציוניסטישן ייִדישן סעקטאָר, און גראָד אויף דעם שטח האָבן זיי געזען אַ געפֿערלעכע קאָנקורענץ אין דער טע־ריטאָריאַליסטישער שטעלונג פֿון עמיגראַציע און קאָנצענטראַציע אין אַ נײַ לאַנד.

עס איז אָבער אינטערעסאַנט, אַז דער פּלאַן פֿון ייִדישער רעקאָנסטרוקציע אין פּוילן, וואָס עס האָבן אינדאָרסירט די ייִדישע קאָמוניסטן, האָט אַליין אין תּוך געטראָגן אַ טעריטאָריאַליסטישן כאַראַקטער. פֿון דעם דאָזיקן שטאַנד־פּונקט, ווי אויך כּדי צו פֿאַרשטיין די ספּעציפֿישקייט פֿון דער דעמאָלטיקער סיטואַציע אין פּוילן, דאַרף מען דאָ וועגן אים קורץ דערמאָנען. עס האַנדלט זיך וועגן דעם ברייט פֿאַרמאָסטענעם פּרווו צו שאַפֿן אַ טעריטאָריאַל קאָנצענ־טרירטן ייִדישן ייִשובֿ אין אונטער־שלעזיע. די איניציאַטיוו איז אַרויס פֿון די

15,000 ייִדן, וואָס די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפֿרײַט פֿון די היטלערישע קאַצעטן אַרום ברעסלע (ווראָצלאַוו). אונטער־שלעזיע, ווי די אַנדערע אַ״ג צוריקגעקערטע פּראָווינצן, וואָס זײַנען אַריבער צו פּוילן נאָך דער מפּלה פֿון דײַטשלאַנד, איז אין 1945 געווען כּמעט אָן אַ באַפֿעלקערונג. די באַפֿרײַטע ייִדן האָבן באַשלאָסן דאָרט צו פֿאַרבלײַבן. זייער צענטער איז געוואָרן דאָס שטעטל ריכבאַך, ווו זיי האָבן געשאַפֿן אַן אייגענע מיליץ. דעמאָלט, ווי עס האָט דערציילט יעקבֿ עגיט, פֿאָרזיצער פֿון וואָיעוואָדישן (פּראָווינציעלן) ייִדישן קאָמיטעט פֿון אונטער־שלעזיע,[174]

ס׳ווערט געבאָרן אַ געדאַנק: דאָ בויען אַ נײַ לעבן. דאָ אויף דער ערד, ווו היטלער האָט געוואָלט אומברענגען די שארית פֿון ייִדישן פֿאָלק, — דאָ שאַפֿן אַ נײַעם ייִדישן יישובֿ. — דער געדאַנק ווערט וואָס אַ מאָל רײַפֿער און באַקומט בלוט און פֿלייש.

די באַפֿרײַטע אונטער־שלעזישע קאַצעטלערס האָבן געשיקט אַ דעלעגאַציע צום צענטראַל־קאָמיטעט פֿון ייִדן אין פּוילן, ווו מען האָט וואַרעם באַגעגנט זיי און זייער פּלאַן. לויט עגיטס ווערטער, האָט דער פֿאָרזיצער פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט, דער געוו׳ ציוניסטישער סיים־דעפּוטאַט עמיל זאָמערשטיין, דערקלערט דער דעלעגאַציע:

נידער־שלעזיע הייבט אָן אַ נײַ קאַפּיטל פֿאַר דער שארית־הפּליטה פֿון די פּוילישע ייִדן. דורך דעם אויפֿגעעפֿנטן פֿענצטערל אין נידער־שלעזיע וועלן ייִדן קאָנען פֿרײַ אָפּעטעמען.

דער פּלאַן האָט, לויט די אומשטאַנדן און כּוונות, דערמאָנט דעם קרימער פּראָיעקט. דער אונטערשייד איז געווען, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט גענומען אַ פּאָזיטיוו שטעלונג צום ייִדישן פֿאַרשלאָג. זי האָט תּיכּף פֿאַראָרדנט דעם אונטער־שלעזישן וואָיעוואָדע (גובערנאַטאָר) „צו געבן די ווײַט גייענדיקסטע שטיצע די באַפֿרײַטע ייִדן״. דעם 17טן יוני 1945 איז זיך צונויפֿגעקומען די ערשטע וואָיעוואָדישע קאָנפֿערענץ פֿון ייִדישע קאָמיטעטן אין אונטער־שלעזיע, וואָס האָט געדאַרפֿט „באַהאַנדלען אַלע פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער בויונג פֿונעם נײַעם ייִדישן לעבן״ און אויסקלײַבן „די ערשטע ייִדישע רעפּרעזענטאַנץ פֿאַר גאַנץ נידער־שלעזיע״. די אָנטיילנעמערס פֿון דער קאָנפֿערענץ האָבן געהאַט דאָס געפֿיל, אַז זי איז געווען „אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿונעם נײַעם אויפֿגייענדיקן ייִדישן קיבוץ״.[175]

סײַ די רעגירונג, סײַ די ייִדישע אָנפֿירונג אין פּוילן האָבן דערמוטיקט די ייִדישע רעפּאַטריאַנטן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זיך צו באַזעצן אין די נײַע מערבֿ־געביטן און דער עיקר — אין אונטער־שלעזיע. זיך אומקערן אויף די חורבֿות פֿון די אַלטע היימען האָט פֿאַר די רעפּאַטריאַנטן ניט געהאַט קיין זינען און האָט אָפּט געדראָט מיט טויט. אומעטום אין די אַלטע פּוילישע ראַיאָנען זײַנען די צוריקגעקומענע ייִדן געווען אַרומגערינגלט מיט שׂינאה און האָבן זיך אויף

אַלע אופנים געמיט צו מאַסקירן, ניט צו וואַרפן זיך אין די אויגן. אין די נײַע ישובֿים פֿון אונטער־שלעזיע האָבן זיי זיך געפֿילט אין זייער אייגענער פֿאָלקס־סבֿיבה. דער שרײַבער אַבֿרהם זאַק האָט קאָנסטאַטירט:

אַ ייִדישע שטאָט איז איצט ריכבאַך. (...) דאָ באַגעגנט מען אומעטום ייִדן. ייִדן גייען אין גאַס און שמועסן זיך אויף מאַמע־לשון. (...) דאָ זײַנען נישטאָ קיין נײַ־געבאַקענע "מאַראַנען". (...) דאָ באַהאַלט מען זיך ניט מיט ייִדישקייט. (...) דער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט איז די רעפּרע־זענטאַנץ פֿון גאַנץ נידער־שלעזיע און זײַן טעטיקייט איז זייער אַ פֿאַר־צווײַגטע. פֿאַקטיש באַדינט ער נישט ווינציקער ווי אַ העלפֿט פֿון די ייִדן אין איצטיקן פּוילן. זײַן ראָל איז דעריבער אַ קאָלאָסאַלע. בויען דאָך איצט ייִדן אַ נײַעם ייִשובֿ, אַ נײַ לעבן.[176]

לויטן אָפֿיציעלן באַריכט, האָט דער ייִדישער ייִשובֿ פֿון אונטער־שלעזיע געציילט אין סעפּטעמבער 1946 ביז 70,000 נפֿשות.[177] די אַלגעמיינע צאָל ייִדן אין פּוילן האָט מען סוף 1946 געשאַצט אויף 100,000—120,000.[178] דאָס איז געווען אַ הויכע קאָנצענטראַציע. אין אונטער־שלעזיע זײַנען ייִדן צום ערשטן מאָל אין פּוילן אַרײַנגעדרונגען אין דער שווערער אינדוסטריע (וואַגאָנען־בויונג) און קוילנגרובן.[179] אין 1946 האָבן 110 ייִדישע משפּחות זיך פֿאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפֿט אין פֿיר ייִשובֿים (פּיעטראָליעשיע, ריכבאַך, ביעלאַווע, ניעמטשע) און באַאַרבעט 1250 העקטאַר באָדן.[180] אין 1947 איז צוגעקומען אַ פּערטע קאָלאָניע, קידלין, מיט 250 העקטאַר, און די פֿריִערדיקע פֿיר האָבן פֿאַרברייטערט זייער לאַנדבאַזיץ.[181] די ייִדישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך אַנט־וויקלט מיט אַן אַקטיוור מיטהילף פֿון "אָרט" און "דזשוינט".

ייִדישע שרײַבערס האָבן זיך געפֿילט היימיש אין די "נײַע שטעט און שטעטלעך פֿונעם נײַעם ייִדישן ייִשובֿ".[182] אונטער־שלעזיע איז געוואָרן אַ וויכ־טיקער ייִדישער קולטור־צענטער. סוף 1946 האָט דער ייִדישער ייִשובֿ פֿון אונ־טער־שלעזיע פֿאַרמאָגט אַ טעאַטער, 13 ביבליאָטעקן, 13 יוגנטהיימען, 13 דראַ־מאַטישע קרײַזן, 15 ספּאָרטקלובן מיט 32 סעקציעס, 22 שולן, 15 קינדער־ביבליאָטעקן און 38 האַלב־אינטערנאַטן.[183]

די פֿאַרקערטע זײַט פֿון דער מטבע איז אָבער געווען דער פֿאַקט, וואָס פֿאַרן רובֿ שארית־הפּליטה איז פּוילן ניט געווען קיין לאַנד פֿון ייִדישן עתיד. אין פּוילן האָט כּסדר געלויערט די סכּנה מצד דעם מוראדיק אויסגעוואַקסענעם אַנטיסעמיטיזם פֿון דער באַפֿעלקערונג. עס האָבן געפֿעלט מאַטעריעלע און פּסי־כאָלאָגישע יסודות פֿאַרן ווידערגעבורט פֿון אַ רעדוצירטן, אָבער טעריטאָריאַל קאָמפּאַקטן ייִדישן ייִשובֿ. די כּסדר פֿאַלנדיקע ייִדישע באַפֿעלקערונג אין פּוילן האָט פּשוט ניט געגעבן גענוג מענטשן־מאַטעריאַל אָנצופֿילן אַ גאַנצע פּראָ־ווינץ.[184] אַ צווייטער נעגאַטיווער פֿאַקטאָר איז געווען די וואַקסנדיקע קאָמוני־זאַציע פֿונעם פּוילישן רעזשים. די טעריטאָריאַליסטן פֿון פּוילן, רומעניע און די די־פּי־לאַגערן האָבן ניט געגלייבט אין "התישבֿות שלעזיע", אַ סך מער — אין "יציאת פּוילן".

די פּאָלקספּאַרטיי נעמט אָן דעם טעריטאָריאַליזם

אינעם באַפרײַטן פּוילן האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג אָפיציעל רעסטאַווּרירט די דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע פֿון 1921. בײַ די צוריקגעקומענע ייִדן זײַנען אויפֿגעשטעלט געוואָרן כּמעט אַלע פֿאַרמלחמהדיקע פּאַרטייען. די וויכטיקסטע ראָלע האָבן געשפּילט די ייִדישע קאָמוניסטן (פּפּ״ר — פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי) און ציוניסטן מכּל המינים. אינעם אָרגאַן פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון ייִדן אין פּוילן, דאָס נײַע לעבן, האָט במשך פֿון אַ דרײַ יאָר געהערשט אַ טשיקאַווע ציוניסטיש־קאָמוניסטישע אייניקייט. דער „בונד״ האָט זיך באַטייליקט אינעם צענטראַל־קאָמיטעט, אָבער געהאַלטן זיך אָן אַ זײַט. צווישן אינטעליגענץ און בעלי־מלאָכות איז אויך אויפֿגעקומען די פֿאָלקספּאַרטיי (ייִדישע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי), וואָס איז געשטאַנען על פּרשת הדרכים. די אַמאָליקע פֿאָלקספּאַרטיי האָט געבויט אויפֿן פּרינציפּ פֿון „דאָיקייט״, און איר פֿירער נח פּרילוצקי איז אין 1936־37 געווען פֿון די שאַרפֿסטע „אַנטיעמיגראַציאָניסטן״. אָבער די לאָזונגען פֿון „דאָיזם״ האָבן געהאַט ווייניק האַפֿט נאָכן קעלצער פּראָגראָם פֿון 4טן יולי 1946, ווען 42 ייִדן זײַנען בעסטיאַליש דערהרגעט געוואָרן דורכן פּוילישן המון אונטער די אויגן פֿון די מאַכטאָרגאַנען. בײַ ייִדן איז אויסגעבראָכן אַן אומבאַשרײַבלעכע בהלה און אַ דראַנג צו אַנטלויפֿן. „טויזנטער ייִדן ווערן אין משך פֿון איין טאָג אָרעמע־לײַט און שלעפּער, גיבן אַלץ אַוועק פֿאַר נעבעכדיקע גראָשנס און לויפֿן״, האָט אין יענע טעג געשריבן דאָס נײַע לעבן.[185]

די ייִדישע קאָמוניסטן האָבן געוואָלט ווירקן אויף דער פֿאָלקספּאַרטיי, זי זאָל „עפּנטלעך אַרויסטרעטן קעגן דער בהלה, קעגן דעם געלאַף דורך דער גרינער גרענעץ״. אָבער קיין גאַראַנטיעס, אַז די רעגירונג וועט געבן ייִדן אַ ספּעציעלע שוץ און פֿאַרגיכערן די רעווינדיקאַציע (צוריקקערן די ייִדן זייערע צוגעראַבעװעטע פֿאַרמעגנס), האָבן זיי ניט געגעבן. די ציוניסטן ווידער האָבן פֿאַרגעלייגט דער פֿאָלקספּאַרטיי אַן אָרט אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון פּוילישע ייִדן, בתּנאי זי זאָל אַרײַנטרעטן אינעם ציוניסטישן „איחוד״. דעם פֿאָלקיסטישן קאָנטערפֿאָרשלאָג, „אַז די ציונים זאָלן אויפֿהערן טרײַבן ייִדן אין די דײַטשישע לאַגערן און אָנהייבן אַן אַקציע, אַז דער ייִד, וואָס וויל פֿון פּוילן אַרויס, זאָל קענען אַרויסגיין לעגאַל, פֿרײַ און מיט זײַן פֿאַרמעגן, האָבן זיי אָפּגעוואָרפֿן״. די פֿאָלקספּאַרטיי איז ניט אַוועק ניט מיט די, ניט מיט יענע, און האָט באַצאָלט דערפֿאַר מיט אַרײַנפֿאַלן אין אַ פֿולן געזעלשאַפֿטלעכן חרם. דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון ייִדן אין פּוילן האָט אָפּגעזאָגט צו דרוקן דעם בולעטין פֿון דער פֿאָלקספּאַרטיי אין זײַן לאָדזשער דרוקערײַ — דער איינציקער ייִדישער דרוקערײַ אין פּוילן — און די ייִדישיסטישע פֿאָלקספּאַרטיי האָט געמוזט אַרויסגעבן איר בולעטין אויף פּויליש. דאָס נײַע לעבן האָט מיט קיין איינציקן וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דער פֿאָלקספּאַרטיי, כאָטש די טעטיקייט פֿון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען האָט דאָרט געקראָגן אַ ברייטן פּירסום.

מיטן טעריטאָריאַליזם האָבן די פּאָלקספּאַרטיי באַקענט צוויי אַמאָליקע מיטגלידער פֿון דער גרופּע „פֿרײַע שריפֿטן" — שמואל אַבּרבנאל און אַבֿרהם אײַזען. ש. אַבּרבנאל האָט אין דעצעמבער 1946 געשריבן דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אין ניו־יאָרק וועגן זײַן כּוונה צו באַנײַען אין פּוילן די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג און האָט געבעטן ליטעראַטור. אַ. אײַזען האָט זיך אין יאַנואַר 1947 באַגעגנט מיטן פֿאָרזיצער פֿון דער פּאָלקספּאַרטיי מאַגיסטער מ. באַלבערישסקי (זיי זײַנען בשעתוביידע געווען אין ווילנער געטאָ) און האָט אים דערציילט וועגן דער פֿרײַלאַנד־קאָנפֿערענץ אין ניו־יאָרק מיט אַ פּאָר חדשים פֿריִער און וועגן די אויסקוקן אויף סורינאַם.[187] פּאָר באַלבערישסקין און זײַנע פֿרײַנד האָט דאָס געעפֿנט די פּערספּעקטיוו פֿון אַ דריטן וועג. ווי ער אַליין האָט שפּעטער געשריבן, האָבן זיי אים אָנגענומען מחמת אַזעלכע טעמים:

> מיר האָבן געוואָלט, קודם־כּל, העלפֿן אין ראַטעווען יעדן ייִדן. מיר האָבן נישט געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן פֿון פּוילן אַרויס ווי עפּעס קאָנטראַבאַנדיסטן, דורך נאַכט, דורך שוואַרצע גרענעצן, אַנטלויפֿן נאַקעט. (...) אונדזער שטעלונג צו „פֿרײַלאַנד" איז געווען אַ ריין פּראַקטישע, צום ווייניקסטן האָבן אונדז אינטערעסירט טעאָריעס. דערבײַ האָבן מיר ניט געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן צוריק גיין קיין דײַטשלאַנד. זאָל זײַן סורינאַם, זאָל זײַן אויף יענער זײַט וועלט, נאָר אַרויסגיין פֿון פּוילן מיט אַ פּלאַן, מיטן פֿאַרמעגן, און באַקומען אַ רוּיִקן, שטילן, קאָנצענטרירטן ייִדישן ייִשובֿ. מיר זענען זיכער געווען, אַז סורינאַם איז אַקטועל און עס וואָלטן אַהין אין די טויזנטער געפֿאָרן, ווען מיר באַקומען אַ לעגאַלע מעגלעכקייט.

אינעם בולעטין פֿון דער ייִדישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי נומ' 11 (פֿון 5טן מאַרץ 1947) האָט זיך באַוויזן ש. אַבּרבנאלס אַרטיקל „פֿרײַלאַנד" (געחתמעט „אַבּאַרבאַן"). „שוין די עכסטע צײַט", האָט זיך אָנגעהויבן דער אַרטיקל, „אין פּוילן זאָל אויפֿקומען אַן אָפּטייל פֿון דער אַלוועלטלעכער טעריטאָריאַליסטישער פֿרײַלאַנד־ליגע". דער אַרטיקל האָט אָפּגעפֿרעגט ביידע עקסקלוזיווע לאָזונגען: „פֿאַרבלײַבן אויפֿן אָרט" און „פּאַלעסטינע איז דער איינציקער אויסוועג" און האָט דערציילט וועגן דער אַרבעט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע מכּוח שאַפֿן אַ ייִדישן ייִשובֿ אין גוויאַנע. די רעדאַקציע האָט באַוואָרנט דעם אַרטיקל מיט אַ פֿאָרזיכטיקער צושריפֿט, אַז זי דרוקט אים ווי „אינטערעסאַנטן דיסקוסיע־מאַטעריאַל". גלײַכצײַטיק אָבער, טאַקע דעם 5טן מאַרץ, האָט די אָנפֿירונג פֿון דער פּאָלקספּאַרטיי אָנגעשריבן צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין ניו־יאָרק:

> זייער חשובֿע חבֿרים!
>
> מיר האָבן דעם כּבֿוד אײַך מודיע צו זײַן, אַז די ייִדישע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין פּוילן (געוו' פּאָלקספּאַרטיי) — נאָכן באַקענען זיך דורכן דעצעמבער־נומער פֿון אויפֿן שוועל מיטן פֿאַרלויף און באַשלוסן פֿון דער ערשטער פֿרײַלאַנד־קאָנפֿערענץ — פֿאַרנעמט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו די צילן און טעטיקייט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע. מיר שטיצן

מיטן גאַנצן האַרצן אונטער אײַערע באַמיִונגען צו באַקומען אַ פֿרײַ ניט־קאָלאָניזירט לאַנד פֿאַר אונדזער אַזוי געפּלאָגט פֿאָלק.

(...) מיר פֿאַרבינדן זיך מיט אײַך און מיר וואַרטן בלויז אויף אײַערע קאָנקרעטע אָנווײַזונגען און פּלענער, כּדי דאָ בײַ אונדז זיך צו נעמען צו פּראַקטישער פֿרײַלאַנד־אַרבעט. מיר האַלטן פֿאַר נייטיק אײַך צוצוגעבן, אַז אונדזער אַרבעט אויף דעם געביט וועט ניט זײַן קיין לײַכטע, ווײַל אַחוץ אַ פֿאַרשטענדלעכער אָפּאָזיציע מצד ציוניסטן מכּל המינים, דער־וואַרטן מיר פֿיל שטערונגען פֿון געוויסע אַנדערע ריכטונגען, פֿון וועלכע מיר האָבן זייער פֿיל אויסצושטיין.

(...) מיר בעטן אײַך דעריבער צושיקן אײַערע אויסגאַבעס אין ייִדיש, ווײַל מיר אין ייִדיש האָבן דאָ ניט קיין מעגלעכקייט צו דרוקן.

אינעם בריוו (געחתמעט פֿונעם פּאַרזיצער מג״ר מ. באַלבערישסקי און גע־נעראַל־סעקרעטאַר אַדוו׳ מאָוריצי בערגמאַן) האָט מען געבעטן צושיקן צו 500 עקזעמפּלאַרן פֿון יעדן נומער אויפֿן שוועל און צו האַלטן אינפֿאָרמירט וועגן קאָנקרעטע קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן און אויסבליקן אויף זייער פֿאַרווירקלע־כונג.[188] אינעם נאָענטסטן נומער בולעטין איז אויפֿן ערשטן אָרט געוועזן אָפּ־געדרוקט דער אויפֿרוף פֿון דער ערשטער פֿרײַלאַנד־קאָנפֿערענץ מיטן צושריפֿט, אַז די ייִדישע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי ווענדט זיך צו אַלע ייִדן אָן אונטערשייד פֿון איבערצײַגונגען און פּאַרטייען, זיי זאָלן זיך פֿאַרבינדן מיט איר אין אָט דעם וויכטיקן ענין. דעם אויפֿרוף האָט מען אויך אָפּגעדרוקט באַזונדער און פֿאַר־שפּרייט אין 3000 עקזעמפּלאַרן. מען האָט אָנגעהויבן אַ טעריטאָריאַליסטישע אויפֿקלער־אַרבעט צווישן דער אייגענער מיטגלידערשאַפֿט, וואָס האָט אין לאָדזש געציילט 800 מאַן, און מען האָט באַשלאָסן צו פֿאַרלייגן אָפּטיילונגען אין אַנדערע וויכטיקערע שטעט.[189]

די פֿרײַלאַנד־ליגע אין ניו־יאָרק האָט באַגריסט דאָס צושטיין פֿון דער פֿאָלקספּאַרטיי,[190] די צוזאַמענאַרבעט מיט איר האָט אָבער געשטעלט ערנצטע פּראָבלעמען. די פֿרײַלאַנד־ליגע, וואָס האָט זיך תּמיד געהאַלטן פֿאַר אַן אויסער־אָדער איבער־פּאַרטייִשער באַוועגונג, האָט זיך ניט געקאָנט אידענטיפֿיצירן אויפֿן שטח פֿון פּוילן מיט אַ ספּעציפֿישער פּאָליטישער פּאַרטיי. אויך די פּאָל־קיסטן האָבן געשטרעבט „צוציִען נײַע מיטגלידער אָן אונטערשייד פֿון פּאָ־ליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע איבערצײַגונגען״. די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע האָט דעריבער רעקאָמענדירט, און די פֿאָלקספּאַרטיי האָט מסכּים געווען, אַז אין פּוילן דאַרף אויפֿגעשטעלט ווערן אַן אָפּטיילונג פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע.

די נײַע פֿרײַלאַנד־ליגע אין פּוילן

דעם 27סטן אַפּריל 1947 איז אינעם לאָקאַל פֿון דער ייִדישער דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי אין לאָדזש פֿאַרגעקומען „די ערשטע באַראַטונג פֿון אָנהענגערס און סימפּאַטיקערס פֿון דער טעריטאָריאַליסטישער פֿרײַלאַנד־אידעע אין פּוילן״.[191] חוץ פּאָלקיסטן האָבן זיך אין איר באַטייליקט אומפּאַרטייִשע און

אַפֿילו עטלעכע מיטגלידער פֿון די פּאַרטייען פּועלי־ציון און „השומר הצעיר“.[192] די באַראַטונג האָט געעפֿנט מג״ר מ. באַלבערישסקי, וואָס האָט אין קורצע ווערטער כאַראַקטעריזירט די ייִדישע סיטואַציע אין פּוילן און אויף דער גאָרער וועלט און האָט גערופֿן צו שאַפֿן אין פּוילן אַ פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע אין אַמעריקע קעמפֿן פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער טעריטאָריאַליסטישער פּראָגראַם.

דעם אידעאָלאָגישן רעפֿעראַט האָט געהאַלטן אַ. אײַזען. מען מוז געפֿינען, האָט ער געזאָגט, נײַע וועגן צו פֿאַרזיכערן אונדזער קיום און פֿאָלקסגײַסט. קיינער חוץ דער שארית־הפּליטה קאָן ניט אָפּהיטן דעם זכרון, די שפּראַך און די קולטור פֿון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע. מיר מוזן ווײַטער לעבן צווישן די פֿעלקער, אָבער גלײַכצײַטיק מחוץ זיי. מיר מוזן אויפֿבויען טעריטאָריאַלע צענטערס — ניט איין נאַציאָנאַלע היים, נאָר עטלעכע אין פֿאַרשיידענע טיילן וועלט: פּאַלעסטינע, ביראָבידזשאַן, פֿרײַלאַנד און נאָך אַ פֿרײַלאַנד. אָט דעם פּאָליטעריטאָריאַליסטישן פּרינציפּ, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די „פֿרײַע שריפֿטן“ אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, האָט אײַזען איצט באַגרינדעט מיט פּראַקטישע מאָטיוון: אויף דער ערד איז ניט פֿאַרבליבן קיין איינהייטלעכער שטח, ווו מען זאָל קאָנען באַזעצן מיליאָנען ייִדן.

אַדוו׳ מ. בערגמאַן האָט רעפֿערירט וועגן סטאַטוט, רעדאַקטאָר מ. גאָלדשטיין — וועגן אָרגאַניזאַציע און פּרעסע, צוו״אַ וועגן צוגרייטן ערדאַרבעטער און בעלי־מלאָכות פֿאַר סורינאַם. אין דער ווײַטערדיקער דיסקוסיע האָט מג״ר מ. בלעכער אָנגעוויזן, אַז די ייִדישע שפּראַך און קולטור זײַנען פֿאַרמישפּט אויף אונטערגאַנג , אויב מען וועט ניט קאָנצענטרירן די שארית־הפּליטה פֿון אייראָפּעיִשע ייִדן אויף אַ טעריטאָריע, ווו זיי וועלן האָבן קולטורעלע אויטאָנאָמיע. דער שרײַבער חיים לייב פֿוקס האָט געמאָלדן, אַז ער „באַגריסט מיטן פֿולן האַרצן די באַנײַונג פֿון דער באַוועגונג“ און אַז „די פֿראַגע פֿון זײַן אָדער ניט־זײַן פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק הענגט אָפּ פֿון באַקומען, פּאַראַלעל מיט פּאַלעסטינע, אַ טעריטאָריע פֿאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע“. ער האָט אָבער געעצהט אָפּוואַרטן מיט באַנײַען די פֿרײַלאַנד־טעטיקייט אין פּוילן, טאָמער דאָס וועט שאַטן דער פּאַלעסטינע־אַקציע. וו. פֿעניגשטיין און אַ. אײַזען האָבן אָפּגעפֿרעגט די לעצטע טענה.

נאָך דער דיסקוסיע האָט מען באַשלאָסן מיט אַלע שטימען, בײַ צוויי אָפּגעהאַלטענע, צו פּראָקלאַמירן זיך ווי די פֿרײַלאַנד־ליגע פֿאַר ייִדישער טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָניזאַציע אין פּוילן, און מען האָט אויסגעקליבן אַ צײַטווײַליקע פֿאַרוואַלטונג: מג״ר מ. באַלבערישסקי, מג״ר מ. בלעכער, אַדוו׳ מ. בערגמאַן, וו. פֿעניגשטיין, רעד׳ מ. גאָלדשטיין, מ. גאָלדמאַן, ד״ר יעקבֿ קאַצענבאָגען (וואַרשע),[193] און פּראָפֿ׳ יעקבֿ מאָרושאָוויטש. דעם 19טן מײַ האָט זיך די פֿאַרוואַלטונג קאָנסטיטויִרט מיט מ. באַלבערישסקין ווי דעם פֿאָרזיצער, מ. בלעכער און י. קאַצענבאָגען — וויצעפֿאָרזיצערס, מ. גאָלדשטיין — גענעראַל־סעקרע־

טאַר, מ. בערגמאַן — נאמן. מען האָט אויך קאָאָפּטירט ש. אַברבנאלן (אונטער־שלעזיע). אַ דעלעגאַציע פֿון דער נײַ־געשאַפֿענער ליגע האָט צוויי מאָל באַזוכט די האָלענדישע אַמבאַסאַדע, [194] דאַנקענדיק דער רעגירונג פֿון האָלאַנד און צוזאָגנדיק אָנטיילצונעמען אין דער בויונג פֿון סורינאַם. מ. באַלבערישסקי האָט אויסגענוצט אַלע געלעגנהייטן עפֿנטלעך צו ריידן וועגן פֿרײַלאַנד און סורינאַם. צום באַדויערן איז דער אַרכיוו פֿון דער נײַער פֿרײַלאַנד־ליגע אין פּוילן, אַ פּנים, קאָנפֿיסקירט געוואָרן בעת איר ליקווידאַציע, און מיר האָבן אין אונדזער רשות בלויז אָפּגעריסענע ידיעות פֿון בריוו און אַ קורצן סך־הכּל אין מ. באַל־בערישסקיס אַרטיקל פֿון 1950, ווו ער האָט געשריבן:

> און דאָ איז געשען אַ וווּנדערלעכע דערשײַנונג. אין משך פֿון עט־לעכע חדשים איז די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג אויסגעוואַקסן אין אַ מאַסן־באַוועגונג. פֿון אַלע קאַנטן לאַנד פֿלעגן מיר באַקומען מאַסן בריוו מיט אָנפֿראַגעס וועגן פֿרײַלאַנד, סורינאַם, וויזעס אאַז״וו. הויפּטזעכלעך האָט אונדז מיט בריוו פֿאַרוואָרפֿן נידער־שלעזיע, דער צענטער, „די פֿעסטונג פֿון נײַעם יידישן ישובֿ״. דאָס איז געווען אַ דאַנק דער ענערגישער אַרבעט פֿון חבֿר אַברבנאל, וועלכער האָט געלעבט אין נידער־שלעזיע. (...) אונדזער טעטיקייט האָבן מיר געמוזט האַמעווען, ווײַל מיר זענען ניט געווען לעגאַליזירט.
>
> אונדזער פּאָפּולאַריטעט האָט אָבער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דער יידישער צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע און לאָדזש. דאָס איז געווען די גאָלדענע ערע פֿון „אחדות״, איינִיקייט״. מען האָט זיך דאָרטן געקושט אין די פּיסקלעך און געבויט דאָס נײַע פּוילן. צווישן די יידישע פּאַרטייען האָט געברענט אַ העליש פֿײַער פֿון „ליבשאַפֿט און זאָרג פֿאַרן יידישן פֿאָלק״. און אָט אין דעם פֿײַער פֿון ליבע האָט מען באַשלאָסן צו פֿאַרברענען די פֿרײַלאַנד־ליגע. [196]

אין יענעם פֿאָרמעל דעמאָקראַטישן פּעריאָד האָט יעדע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט לעגאַל עקסיסטירט אין פּוילן פֿאַר דער מלחמה, געהאַט דאָס רעכט צו באַנײַען איר טעטיקייט. צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע איז אָבער געווען אַ ספּעציעלע באַציִונג. שמעון זאַכאַריאַש, דער קאָמוניסטישער סעקרעטאַר פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון יידן אין פּוילן, איז געווען קאַטעגאָריש קעגן לעגאַליזירן די ליגע. [197] ניט פֿון זײַנע ציוניסטישע קאָלעגן האָט מען זיך געקאָנט ריכטן אויף מאַניפֿעסטאַציעס פֿון דעמאָקראַטישן געוויסן לגבי אַן אָפּאָנענט. אין נאָוועמבער 1947 האָט די ליגע פֿון דעסט וועגן אָנגעגעבן איר סטאַטוט אויף לעגאַליזאַציע דורך די פּוילישע מאַכטאָרגאַנען. [198] און באַלד מיטן אָנהייב פֿון 1948 האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿראָנט־אַטאַקע קעגן דער פֿרײַלאַנד־ליגע.

פֿרײַלאַנד־גרופּעס אין די־פּי־לאַגערן פֿון דײַטשלאַנד

עס איז באַוווּסט, אַז די יידישע די־פּי־לאַגערן האָבן זיך געפֿונען אונטער אַ פּולן ציוניסטישן קאָנטראָל. פֿאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זײַנען די פּליטים געווען אַ פֿאַקטאָר אין איר פּאָליטישן קאַמף. זי האָט געשטרעבט אויפֿ־

צווינגען די איבערצײַגונג, אַז פּאַלעסטינע איז ניט נאָר דער בעסטער, נאָר אויך דער איין און איינציקער אויסוועג פֿאַר אַלע יידישע פּליטים אָן אויסנעם. אַפֿילו ווען זי האָט געקעמפֿט פֿאַר אַרײַנלאָזן קיין פּאַלעסטינע 100,000 פּליטים, און זייער פֿאַקטישע צאָל איז געווען מער ווי טאָפּל אַזוי גרויס, האָט זי ניט געלאָזט קומען צום אויסדרוק קיין שום אַנדערע פֿאָרשלאָגן וועגן העלפֿן זיי. דער רובֿ פּליטים האָט טאַקע אויפֿריכטיק געוואָלט קומען קיין פּאַלעסטינע און נאָך אַלע ליידן און וואָגלענישן באַזעצן זיך צווישן יידן. אָבער אַ היפּשער טייל פֿון דער שארית־הפליטה האָט, צוליב פֿאַרשיידענע טעמים, ניט געריסן זיך קיין פּאַלעסטינע, נאָר געהאָט אַנדערע אויסקוקן. אַפֿילו נאָכן אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל, ווען עליה איז געוואָרן פֿרײַ, האָט אַ גרויסער חלק פֿון די די־פּיס זיך באַזעצט אין אַנדערע לענדער. אין די לאַגערן האָט אָבער געהערשט אַ שטרענגע פּאָליטישע דיסציפּלין, אונטערגעהאַלטן מיט אָפֿט מאָל דראַסטישע מיטלען, און דעם ניט־ציוניסטישן מיעוט איז געווען זייער שווער צו קומען צום וואָרט.[199]

ניט געקוקט אויף די אומגינציקע באַדינגונגען, האָבן זיך צווישן די פּליטים אין דײַטשלאַנד ספּאָנטאַניש געשאַפֿן פֿרײַלאַנד־גרופּעס. אין טייל פֿאַלן איז די איניציאַטיוו אַרויס פֿון איינצלנע בײַם לעבן פֿאַרבליבענע מיטגלידער פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג אין פּוילן. אין אַנדערע פֿאַלן האָבן זיך מענטשן דערמאָנט וועגן די פֿרײַלאַנד־לאָזונגען אין די דרײַסיקער יאָרן און ערשט אין ליכט פֿון דער חורבן־דערפֿאַרונג אָנערקענט זיי פֿאַר ריכטיק. אַ מאָל איז דער פֿונק געפֿאַלן פֿון אַ צופֿעליקן נומער אויפֿן שוועל, פֿון אַ קאָמוניקאַט אָדער פֿאָלעמישן אַנטיטעריטאָריאַליסטישן אַרטיקל אין דער אַלגעמיינער פּרעסע.

שוין סוף 1945 האָבן צו דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אין ניו־יאָרק געוואָרן אָנקומען בריוו פֿון לאַגערן. צווישן די באַפֿרײַטע קאַצעטניקעס פֿון בערגן־בעלזען האָט זיך געפֿונען דינה ראָזענבעס פֿון וואַרשע, אַ מיטגליד פֿון דער אַמאָליקער פֿרײַלאַנד־יוגנט („שטראַל", שפּעטער „יוף").[200] אונטער איר השפּעה האָט זיך אין בערגן־בעלזען געשאַפֿן (אין אָקטאָבער אָדער נאָוועמבער 1946) אַ פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אין באַשטאַנד פֿון: נחום זאַיאָנץ, קליינהויט, דינה ראָזענבעס, ב. שווייציש און ש. וואָלבערג. זאַיאָנץ איז פֿאַר דער מלחמה געווען אַ בונדיסט, וואָס האָט זיך אָבער שוין דעמאָלט אינטערעסירט מיט טעריטאָריאַליזם.[201] דעם 9טן אַפּריל 1947 האָט ער, ווי דער פֿאָרזיצער פֿון דער נײַער פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציע אין בערגן־בעלזען, מודיע געווען דער עקזעקוטיווע:

> (...) דאָ געפֿינט זיך אַ גרופּע חבֿרים, צווישן זיי אַ טייל, וואָס געדענקט נאָך די לאַנגע און הייסע דיסקוסיעס פֿון פֿאַרן קריג אַרום די פֿאַרשיידענע פּראָיעקטן וועגן קאָלאָניזאַציע. דער געדאַנק האָט זיך צוריק אַרײַנבאַקומען אין די מוחות פֿון אַט די חבֿרים, און במשך פֿון אַ קורצער צײַט האָבן מיר באַוויזן צוצוציִען אַ גרעסערע גרופּע פֿרײַנד און סימפּאַטיקער פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־ליגע־אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן אויך

באַוויזן צו שאַפֿן קליינע גרופּן מחוץ בערגען־בעלזען, ווי לוצערן א״אַ.
(...) די שארית־הפּליטה האָט נאָך כּוח, ווילן און מוט און איז גרייט זיך
אַרײַנצוּוואַרפֿן אין אַ נײַ לעבן, בכּדי ממשיך צו זײַן דעם קיום פֿון
ייִדישן פֿאָלק.[202]

דינה ראָזענבעס איז געוואָרן די סעקרעטאַרין פֿון דער אָרגאַניזאַציע. אינזש׳ באָריס קוזנע, אַ פּרײַלאַנדיסט פֿון לובעק, האָט באַזוכט בערגען־בעלזען אין פֿעברואַר 1947 און אַזוי כאַראַקטעריזירט די דאָרטיקע גרופּע:

די גרופּע איז אַ קליינע, אָבער גאַנץ אינטעליגענטע. בערגען־בעלזען אַלס ייִדישע הויפּטשטאָט אין דער בריטישער זאָנע איז די פֿעסטונג פֿון קעמפֿנד[יק]ן ציוניזם, וועלכער פֿערפּיגט [= דיספּאָנירט] מיט גרויסע מיטלען און וועט זיך ניט אָפּשטעלן אין די מעטאָדן צו אונטערדריקן יעדע גרעסערע אַרבעט פֿון אַזאַ מין גרופּע. דעריבער מוז די אַרבעט געפֿירט ווערן גאַנץ פֿאָרזיכטיק, רעכענענדיק זיך מער מיטן קוואַליטעט ווי קוואַנטיטעט פֿון די מיטגלידער.[203]

די גרופּע האָט געשטרעבט צו אָרגאַניזירן אַן אויסשולונג־פֿערמע און, ווי־זט אויס, געמאַכט די ערשטע קאָנקרעטע טריט אין דער ריכטונג. דער ציוניסטיש געפֿירטער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון ייִדן אין די די־פּי־לאַגערן איז אָבער געווען קעגן פּראָדוקטיוויזאַציע פֿון די פּליטים אונטערן תּירוץ, אַז דאָס וואָלט געהייסן אַרבעטן פֿאַר דײַטשלאַנד. פֿון „אָרט“ אָדער „דזשוינט“ האָט מען דערויף ניט געקאָנט קריגן קיין סובסידיעס.

דער דערמאָנטער אינזש׳ קוזנע האָט געשאַפֿן אַ פּרײַלאַנד־גרופּע אין לובעק, וואָס האָט, צוליב די באַשריבענע באַדינגונגען, געהאַלטן זיך אין ענגע ראַמען. אין מאַרץ 1947 האָט די גרופּע געציילט דרײַסיק מיטגלידער.[204] אין מײַ האָט קוזנע געשריבן, אַז די אידעע שלאָגט וואָרצלען צווישן דער שארית־הפּליטה און אַז מען האָט אים אַרויסגערופֿן קיין האַנאָווער צו אָרגאַניזירן דאָרט אַ גרופּע.[205] אין 1948 האָט אַ פּרײַלאַנד־פּליטים־גרופּע בראָש מיט יצחק האָפֿמאַנען געאַרבעט אין האַמבורג.[206]

אין דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־זאָנע פֿון דײַטשלאַנד האָט אַ גוט אָרגאַניזירטע גרופּע פּרײַלאַנדיסטן געאַרבעט אין גערעטסריד (לעבן מינכען). בראָש פֿון איר זײַנען געשטאַנען ס. טעמפּלמאַן און ישׂראל באַנק.[207] אַנדערע פּרײַלאַנד־גרופּעס האָבן זיך געשאַפֿן אין רעגענסבורג[208] און גאַבערזע.[209] פֿון די עקזעקוטיווע פּראָטאָקאָלן דערוויסן מיר זיך וועגן נאָך עטלעכע לאַגער־גרופּעס אין אַפּריל 1948.

די פּליטים־פּרײַלאַנדיסטן אין דײַטשלאַנד האָבן מיט ענטוזיאַזם באַגריסט דעם סורינאַם־פּראָיעקט און געמאָלדן זייער תּיכּפֿדיקע גרייטשאַפֿט צו פֿאָרן אַהין ווי פּיאָנירן. אַ ריי עלאָקווענטע בריוו און ווענדונגען פֿון די דײַטשע לאַגערניקעס זײַנען געווען געדרוקט אין אויפֿן שוועל. די דאָזיקע שווער געליטענע מענטשן האָבן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס די ייִדישע פּרעסע און

ייִדישע אָרגאַניזאַציעס באַקעמפֿן מיט אַזאַ שׂינאה אַ פּראָיעקט, וואָס וואָלט גע־געבן אַ מעגלעכקייט פֿאַר אַ גרויסער צאָל פּליטים אַרויסצוגיין פֿון דער נע־בעכדיקער עקסיסטענץ אין די לאַגערן אין מיטן רוצחים־לאַנד און אָנצוהייבן אַ פּראָדוקטיוו ייִדיש לעבן.

כאָטש די גרופּעס זײַנען ניט געווען גרויס, האָבן זיי געהאַט אַ פּעריפּעריע, וואָס האָט מיט האָפֿענונג געקוקט אויף סורינאַם. אַפֿילו אין נאָוועמבער 1948, זעקס חדשים נאָך דער גרינדונג פֿון מדינת־ישׂראל און דרײַ חדשים נאָך דעם, ווי דער סורינאַם־פּראָיעקט האָט אויפֿגעהערט צו זײַן אַ באַלדיקער רעאַלער אויסוועג, האָט אַן אָביעקטיווער אָבסערוואַטאָר [210] פֿעסטגעשטעלט, אַז טויזנט ייִדישע פּליטים־משפּחות, פֿיזיש און פּראָפֿעסיאָנעל צוגעפּאַסט צו פּיאָנירן־אַר־בעט, האָבן אויסגעדריקט זייער גרייטשאַפֿט צו וואַרטן נאָך צוויי־פֿיר חדשים אויף דער דערלויבעניש צו פֿאָרן קיין סורינאַם. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין אַ צײַט, ווען אַ סך פֿרײַלאַנד־אָנהענגערס זײַנען שוין בלית ברירה געווען אַוועק־געפֿאָרן קיין מדינת ישׂראל אָדער אַנדערש ווו און ווען דער דרוק פֿון דער ציוניסטישער לאַגער־אַדמיניסטראַציע איז געוואָרן באַזונדערס שווער. [211] מען קאָן דעריבער רעכענען, אַז אויפֿן הויכפּונקט פֿון סורינאַם־פּראָיעקט איז די צאָל וואָלונטירן צו פֿאָרן גלײַך מיטן ערשטן טראַנספּאָרט געווען היפּש גרעסער.

די פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע אין עסטרײַך

אין די פּליטים־לאַגערן פֿון עסטרײַך האָט די פֿרײַלאַנד־אידעע געקראָגן אַ שטאַרקערן אָפּקלאַנג ווי אין דײַטשלאַנד. אין משך פֿון אַ קורצער צײַט האָבן זיך געשאַפֿן גרופּעס אין עטלעכע לאַגערן, וואָס האָבן זיך פֿאַראייניקט אין אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ צענטראַלער אָנפֿירונג, פּעריאָדישע קאָנפֿערענצן און אַב־זעצוודיקער אָנהענגערשאַפֿט. דער איניציאַטאָר פֿון דער אַקציע איז געווען יצחק קאַטשערגינסקי. [212] וועגן דער פֿרײַלאַנד־ליגע און דעם סורינאַם־פּראָ־יעקט האָט ער זיך דערוווּסט פֿון אַ. גלאַנצעס אַרטיקל „אַ קלאָרע פֿליכט" (דער טאָג פֿון 9טן אַפּריל 1947). אין אַפּריל האָט ער זיך געווענדט צו דער פֿרײַ־לאַנד־עקזעקוטיווע אין נאָמען פֿון „אַ גרופּע סימפּאַטיקער און פֿרײַלאַנדיסטן" אין די־פּי־לאַגער שטײַער (אייבער־עסטרײַך). [213] דער בריוו האָט געשילדערט די פֿיזישע און מאָראַלישע ליידן פֿון די 30,000 ייִדישע פּליטים (דאָס רובֿ פֿון פּוילן נאָכן קעלצער פּאָגראָם) אין די עסטרײַכישע לאַגערן. אויב אין דער סאַמע נאָענטסטער צײַט וועט די פּליטים־פֿראַגע ניט פֿאַרענטפֿערט ווערן, קאָן קומען צו אַ צוריקוואַנדערונג קיין פּוילן. דערפֿאַר מוז מען „זיך תּיכּף ערנצט און מיטן גאַנצן ברען אויסנוצן די גרויסע היסטאָרישע געלעגנהייט פֿון האָלענדישן אָנבאָט".

אַזוי איז אָנגעבונדן געוואָרן דער ערשטער קאָנטאַקט. נאָכן באַקומען בריוו און פֿרײַלאַנד־מאַטעריאַלן פֿון ניו־יאָרק האָט די „גרופּע פֿרײַלאַנדיסטן און סימ־פּאַטיקערס" פֿון לאַגער שטײַער גערופֿן דעם 28סטן יוני 1947 אַ זיצונג מיטן

סדר־היום: 1. רעפּעראַט פֿון י. קאַטשערגינסקי וועגן די צילן פֿון דער פֿרײַ־לאַנד־ליגע און אירע אויפֿגאַבעס אין די לאַגערן; 2. קאָנסטיטויִרונג פֿון אַ צײַטווײַליקן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט; 3. פּלאַטפֿאָרם פֿון אַרבעט. נאָך אַ דיסקוסיע האָט מען אויסגעקליבן אַ צײַטווײַליקן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט (קאַטשערגינסקי — פּאָרזיצער, פּאָלאַניעצקי — סעקרעטאַר, שניפּער — קאַסירער, גאָטליב און האַלער —פֿאַר אָרגאַניזאַציע) און צוו״אַ באַשלאָסן צוצוטרעטן צו אָרגאַניזירן פֿרײַלאַנד־גרופּעס אין אַלע לאַגערן פֿון עסטרײַך און צו בעטן די פֿרײַלאַנד־ליגע אין אַמעריקע מיטצוהעלפֿן צו לעגאַליזירן די נײַע אָרגאַניזאַציע.[214]

עס האָבן זיך גענומען שאַפֿן גרופּעס אין אַנדערע לאַגערן. פֿון לאַגער שטראָבל איז קיין ניו־יאָרק געקומען אַ בריוו פֿון ש. פּינסקערן, אַ געוועזענעם פֿרײַלאַנדיסט פֿון ווילנע.[215] אין יולי האָט דער צײַטווײַלדיקער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אַרויסגעלאָזן אַ „רוף פֿון דער אייבער־עסטרײַכישער פֿרײַלאַנד־ליגע צום אַמעריקאַנער ייִדנטום״.[126] דער אויפֿרוף האָט דערמאָנט די ליידן, וואָס די שארית־הפּליטה איז דורכגעגאַנגען אין געטאָס, קאַצעטן, אין די סיבירער סטעפּעס. און נאָך דעם אַלעמען — „לאַגער לעבן. ווידער אַ לעבן פֿון שאַנד און בעטלברויט, אַ לעבן, וואָס דערמאָנט די צײַט פֿון געטאָ״. אַנשטאָט נדבֿות, זאָלן די אַמעריקאַנער ייִדן וואָס שנעלער אַרויסנעמען די פּליטים פֿונעם זומפּ פֿון לאַגער־לעבן און העלפֿן זיי ווערן פּראָדוקטיווע מענטשן און פֿרײַע בירגערס אין סורינאַם. די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע האָט צעשיקט דעם אויפֿרוף ווי אַ פּרעסע־קאָמוניקאַט, און עס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די געביטענע צײַטן, אַז די פּאַריזער בונדישע אונדזער שטימע האָט געפֿונען פֿאַר מעגלעך אים אָפּצודרוקן אויף אירע שפּאַלטן.[217]

דעם 5טן אָקטאָבער 1947 איז אין לאַגער לינץ־עבעלסבערג פֿאָרגעקומען די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון דער פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע אין אייבער־עסט־רײַך.[218] עס זײַנען געקומען 25 דעלעגאַטן פֿון די לאַגערן שטײַער, וועגשייד, שטראָבל, עבעלסבערג, באַד־אישל, באַד־גאַסטײַן און האַלײַן (סוף יאָר איז צו־געקומען אַ גרופּע אין זאַנפֿעלדן). י. קאַטשערגינסקי האָט אין זײַן אַרײַנפֿיר־וואָרט צוו״אַ קאָנסטאַטירט, אַז אויב מען זאָל קאָנען אַוועקשיקן די ערשטע צוויי טויזנט לאַגערערס קיין סורינאַם, וואָלטן זיך געמאָלדן פֿרישע טויזנטער פֿרײַוויליקע.

אינעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון דער פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע אין איי־בער־עסטרײַך זיינען אַרײַן: קאַטשערגינסקי (פֿאָרזיצער), פּינסקער (סעקרעטאַר), הירש, ליפּשיץ, גרין און פֿרוי קוויאַטקאָווסקי. די וויכטיקסטע פֿראַגע איז גע־ווען די לעגאַליזירונג פֿון דער נײַער ליגע. דאָס איז געווען אָפּהענגיק פֿון דער מיליטערישער אָקופּאַציע־מאַכט און פֿון דער איראָ (יו־ען אָרגאַניזאַציע פֿאַר פּליטים). די אָנגענומענע רעזאָלוציעס האָט מען געשיקט צום „דזשוינט״, „הײַאַס״, יו־ען און איראָ. זיי האָבן אויסגעדריקט אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צום באַשלוס וועגן אַ ייִדישער מלוכה אין פּאַלעסטינע און זיך סאָלידאַריזירט מיט

דער פֿאָדערונג תּיכּף אַריַינצולאָזן קיין פּאַלעסטינע 150,000 פֿון דער שארית־הפּליטה. אין דער זעלבער ציַיט האָט זיך די קאָנפֿערענץ אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַ ייִדישן יישובֿ אין סורינאַם און האָט גערופֿן אירא און יו־ען צו העלפֿן אים אויפֿבויען. נעמענדיק אין אַכט דעם דוחק אין דירות, שטיינקוילן, וואַרעמע בגדים און לעבנס־מיטלען אין די לאַגערן, האָט די קאָנפֿערענץ גערופֿן אַריַיבערצופֿירן קיין סורינאַם לפּחות די ערשטע 2000 לאַגערערס פֿאַרן אָנקום פֿון ווינטער. זי האָט זיך מתחייבֿ געווען צו שיקן אינעם ערשטן טראַנספּאָרט אַ קוואַליפֿיצירטן פּיאָנירן־עלעמענט — אינזשענירן, אַגראָנאָמען, בוי־ און ערד־אַרבעטער, דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער. זי האָט גערופֿן די פּריַילאַנד־גרופּעס אין די לאַגערן פֿון דיַיטשלאַנד צו מוט און אויסדויער.

סוף 1947 איז די צאָל ייִדישע פּליטים אין עסטריַיך שטאַרק אויסגעוואַקסן. צו די 30,000 ייִדן פֿון פּוילן איז אין אַ קורצער ציַיט צוגעקומען אַ מאַסע פּליטים פֿון רומעניע. צווישן זיי האָט זיך געפֿונען דער יונגער סטודענט מרדכי שעכטער פֿון טשערנאָוויץ, וואָס האָט אַ ציַיט פֿאַרבראַכט אין בוקאַרעשט און איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער רומענישער פּריַילאַנד־ליגע. דורך אליעזר פֿרענקלען האָט ער זיך פֿאַרבונדן מיט י. קאַטשערגינסקין און די פּריַילאַנדיסטן אין אייבער־עסטריַיך און איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן פּריַילאַנד־גרופּעס אין די די־פּי־לאַגערן פֿון ווין. אין אָט דער אַרבעט האָבן אים געהאָלפֿן זיַין שוועסטער ביילע גאָטעסמאַן און דער בודאַפּעשטער פּערדינאַנד ראָץ. אין אַ קורצער ציַיט זיַינען אין ווין אויפֿגעקומען דריַי גרופּעס — אין די לאַגערן אַרצבערגער, ראָטשילד־שפּיטאָל און פּעצל. צו זייערע אַקטיווע מיטגלידער האָבן געהערט פּישל בורג, (געהאַט דורכגעגאַנגען אַן אַגריקולטור־שול פֿון ייִק״אַ), עלאַ זעלינגער (אַגראָנאָם), עזרא היימאַן, סטעלאַ העסינג, גרינשפּאַן (אַ ציוניסט) און יוסף לעדער־הענדלער.[219]

צווישן דעם אַמעריקאַנער סעקטאָר פֿון ווין, ווו עס האָבן זיך געפֿונען די ווינער פּריַילאַנד־גרופּעס, און דער אַמעריקאַנער זאָנע פֿון עסטריַיך, ווו עס האָט זיך געפֿונען די פּריַילאַנד־ליגע פֿון אייבער־עסטריַיך, איז געלעגן די סאָוועטישע אָקופּאַציע־זאָנע. מרדכי שעכטער האָט צוויי מאָל געגנבֿעט די גרענעץ, כּדי זיך צו באַגעגענען מיט די אייבער־עסטריַיכישע חבֿרים, „קענענדיק זייער ליַיכט (...) אַנשטאָט סורינאַם קומען קיין סיביר״ (ווי ס׳האָט אין יענער ציַיט געשריבן קאַטשערגינסקי[220]). דער איינציקער אַנדערער פּערזענלעכער קאָנטאַקט איז געווען ביילע גאָטעסמאַנס באַזוך פֿון די אייבער־עסטריַיכישע גרופּעס. ניט געקוקט אויף דער געצוווּנגענער אָפּגעריסנקייט האָבן זיך ביידע צענטערס פֿאַראייניקט אין איין פּליטים־פּריַילאַנד־ליגע פֿון עסטריַיך, געשטאַנען אין אַ כּסדרדיקער בריוולעכער פֿאַרבינדונג און געפֿירט די אַרבעט קאָאָרדינירט. לעגאַליזירן די ליגע איז געווען ניט ליַיכטער ווי אין פּוילן אָדער רומעניע. מען האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער ריכטונג שוין אין יאַנואַר 1948, אָבער אַפֿילו אין אַכט חדשים אַרום האָט מען פֿון דער אירא־אַדמיניסטראַציע

אין דער אַמעריקאַנער זאַנגע באַקומען נאָר צוזאָגן.[221] דאָס האָט באַגרענעצט דעם פּאַרנעם פֿון דער אָרגאַניזיר־אַקציע, ניט געלאָזט „פֿרײַער ריידן וועגן סורינאַם, אַוועקוואַרפֿן די מורא פֿאַר די [ציוניסטישע] לאַגער־באַלעבאַטים און פֿאַרזאָרגער״.[222] מען האָט זיך געמוזט היטן אַפֿילו מיט באַקומען און אַרויסשיקן קאָרעספּאָנדענץ וועגן פֿרײַלאַנד־ענינים, געדאַרפֿט אויסנוצן דערפֿאַר פֿרעמדע אַדרעסן מחוץ די לאַגערן.

„מיר האָבן ניט פֿאַרקויפֿט קיין שקלים״, דערמאָנט זיך וועגן יענער צײַט ד״ר מרדכי שעכטער, „ניט אויסגעטיילט קיין מיטגליד־קאַרטלעך, אַפֿילו ניט געהאַט קיין ביוראָקראַטיש פּינקטלעכע אַדרעסן־רשימה. מען האָט געקענט פֿון אויסנווייניק די נעמען און אַדרעסן פֿון די אַקטיוויסטן, געוווּסט דעם וווינפּלאַץ און די פּנימער פֿון די (...) מענטשן ,וואָס האָבן זיך דערוווּסט וועגן סורינאַם־פּראָיעקט. ס׳רובֿ האָבן זיי אונדז אָפּגעזוכט און נאָכגעפֿרעגט; מיר זענען ניט אַרומגעגאַנגען מיט קיין פֿלוגבלעטלעך ,ברידער ייִדן, קומט לאָמיר פֿאָרן קיין סורינאַם׳ ״...[223] אין אַזעלכע באַדינגונגען איז שווער געווען גענוי צו באַשטימען די צאָל מיטגלידער,[224] אָבער „דער אָפּרוף איז געווען אַזאַ קאָלאָסאַלער (אונטער האַלב קאָנספּיראַטיווע תּנאים!״,[225] אַז די צאָל אָנהענגערס און ווילִיקע צו פֿאָרן קיין סורינאַם האָט מען געשאַצט אין די טויזנטער.[226]

אין יענער צײַט האָט די איראָ געדעקט די וועג־הוצאות פֿון יעדן די־פּי, וואָס האָט געקאָנט קריגן אַ וויזע אין אַ דרום־אַמעריקאַנער לאַנד. אַזוי אַרום איז די פֿראַגע פֿון טראַנספּאָרט קיין סורינאַם געווען פֿאַרענטפֿערט. די זיכערקייט, אַז די קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם איז אַ פֿראַגע פֿון דער נאָענטסטער צוקונפֿט, די אומגעדולד צו פֿאָרן אַהין זײַנען געווען אַזוי שטאַרק, אַז טייל וואָלונטירן האָבן זיך אויפֿן אייגענעם חשבון אָנגעהויבן אײַנשאַפֿן אַרבעט־מכשירים, מאָסקיטאָ־נעצן אאַז״וו פֿאַר זייערע ערשטע טריט אין סורינאַם.[227]

„פֿרײַלאַנד אין עסטרײַך איז געווען אַנדערש פֿון אַנדערע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס״, קאָנסטאַטירט ד״ר מרדכי שעכטער. צום אונטערשייד פֿון פֿרײַלאַנד־גרופּעס אין אַנדערע לענדער, איז אין איר געווען זייער קליין דער פּראָצענט אינטעלעקטואַלן, טוערס פֿון ייִדישיסטישן לאַגער און מענטשן מיט אַ טעריטאָריאַליסטישן סטאַזש. די עסטרײַכישע פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע איז געווען אַ ספּאָנטאַנישע באַוועגונג פֿון פֿאָלקסמענטשן, וואָס האָט פֿון אירע אייגענע רייען אַרויסגערוקט אַקטיוויסטן און אָנפֿירערס.

„אַחוץ אָרגאַניזירן אַ יאָדער פֿון אַן אָרגאַניזאַציע און אַחוץ אויף אַ שטילן אופֿן מאַכן די שארית־הפּליטה סורינאַם־וויסיק, איז די הויפּטאַרבעט געווען די פֿון שטאַרקן די הענט פֿון די אַמעריקאַנער חבֿרים״.[228] די בריוו פֿון דער פּליטים־ליגע האָבן סטימולירט די פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע פֿון דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע, מען האָט זיי איבערגעדרוקט, געלייענט אויף מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען, און זיי האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג. חוץ דעם האָט זיך די פּליטים־ליגע געווענדט מיט בריוו און מעמאָראַנדומס צו אַ ריי ייִדיש־אַמעריקאַנער טוערס, צו ייִדישע

און אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס, אין ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן. זי איז גע־שטאַנען אין אַ כסדרדיקער בריוולעכער פֿאַרבינדונג מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין רומעניע און מיט די פֿרײַלאַנד־גרופּעס אין די לאַגערן פֿון דײַטשלאַנד.

אַנדערע שארית־הפליטה־גרופּעס

אין סעפּטעמבער 1947 האָט די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע באַקומען אַ בריוו (געחתמעט יצחק ביעגאַניעץ און ה. פּערלמאַן) אין נאָמען פֿון 100 ייִדישע זעל־נערס פֿון דער פּוילישער אַרמיי, וואָס איז נאָך דער מלחמה געווען קוואַרטירט אין שאָטלאַנד. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט דעמאָביליזירן, ווײַל זיי האָבן ניט גע־האַט ווו צו עמיגרירן און ניט געוואָלט בלײַבן אין ענגלאַנד.

> דערפֿאַר האָבן מיר מיט גרויס פֿרייד אויפֿגענומען די ידיעה אין אויפֿן שוועל וועגן די קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן אין סורינאַם. (...) מיר זײַנען יונגע און געזונטע מענטשן מיט פּיאָנירישן גײַסט פֿאַר קאָ־לאָניזאַציע. (...) מיר האָבן דורכגעמאַכט די שווערסטע אַרבעטן אין די ערגסטע קלימאַטישע באַדינגונגען אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון רוסלאַנד, (...) אויך דעם גאַנצן קריג אָנהייבנדיק אין נאָענטן מיזרח און ענדיקנ־דיק אין איטאַליע. (...) טראַנספּאָרט וועט געדעקט ווערן דורך דער ברי־טישער רעגירונג (...). מיר גלייבן און זײַנען זיכער: אַלס פּיאָנירן וועט אונדז דאָס ייִדישע פֿאָלק ניט פֿאַרגעסן![229]

אַ פֿרײַלאַנד־גרופּע האָט אויך עקסיסטירט זינט אָנהייב 1946 צווישן די פּליטים אין שאַנכײַ (סעקרעטאַר ל. מאַרקמאַן). איר יאָדער איז באַשטאַנען פֿון פּוילישע פֿרײַלאַנדיסטן, וואָס זײַנען אין 1940־41 אַרויסגעפֿאָרן פֿון ווילנע דורך סיביר און יאַפּאַן און זײַנען געבליבן אינטערנירט אין שאַנכײַ בײַם אויס־בראָך פֿון דער מלחמה אויפֿן שטילן אָקעאַן. חוץ דעם געפֿינט זיך אינעם פֿרײַ־לאַנד־אַרכיוו אַ צאָל אינדיווידועלע פּליטים־בריוו פֿון פֿאַרשיידענע ערטער, וואָס דריקן אויס די גרייטשאַפֿט צו פֿאָרן קיין סורינאַם.

די אַמעריקאַנער פֿרײַלאַנד־ליגע האָט געהאָלפֿן די פֿרײַלאַנד־ליגעס אין רומעניע און פּוילן מיט געלט־סובסידיעס (על־פּי אירע מעגלעכקייטן) אויף אָרגאַניזיר־הוצאות. זי האָט אויך אונטערגעהאַלטן די פּליטים־גרופּעס אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך און שאַנכײַ מיט רפֿואות, שפּײַז און בגדים.

ג. הויכפּונקט און אונטערגאַנג פֿון סורינאַם־פּראָיעקט

די ציוניסטישע קאָנטראַקציע און די האָלענדישע פּרעסע

אַזוי שנעל ווי ס׳איז באַוווּסט געוואָרן וועגן די אונטערהאַנדלונגען מכּוח סורינאַם האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פֿון האָלאַנד אָנגעהויבן אַן אינטענ־סיווע קאַמפּאַניע קעגן דעם פּראָיעקט. די ציוניסטישע וואָכנשריפֿט ניוו איז־ראַעליטיש וועקבלאַד האָט אָפּגעדרוקט אַ ריי עדיטאָריאַלן, וואָס זײַנען געווען אויסגערעכנט אויף צו באַוואָרגן מיט אַרגומענטן די קעגנערס פֿונעם פּלאַן אין

האָלאַנד און סורינאַם. טייל ראיות זײַנען געווען איבערגענומען פֿון אַנטיסע־מיטישן אַרסענאַל. אינעם עדיטאָריאַל פֿון 16טן מײַ איז צוו"אַ געשטאַנען:

> אויב דער פֿרײַלאַנד־פּלאַן וועט זיך קעגן אַלע דערוואַרטונגען אײַנגעבן, וועט מען דעם ייִדן פֿײַנט האָבן אין סורינאַם צוליב זײַן הצלחה, צוליב זײַן געלט און „עלנבויגן". וועט אָבער דער פּלאַן ניט געראָטן, דעמאָלט וועלן ייִדן ווערן פֿאַריער און פֿאַרשטויסענע, וואָס טויגן ניט צו קיין געזונטער אַרבעט און ווילן אומעטום אַרײַנדרינגען ווי קרעמערס און פּעדלערס. איןביידע פֿאַלן וועלן ייִדישע קינדער וואַקסן אין אַן אַנטיסעמיטישער סבֿיבֿה. זאָל דעריבער די האָלענדישע רעגירונג גוט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם ווייל פֿון דער סורינאַמער באַפֿעלקערונג, וועגן דעם מענטשן־מאַטעריאַל אין די לאַגערן און דעם קלימאַט פֿון דער פּראָיעקטירטער טעריטאָריע. אפֿשר וועט זי דעמאָלט געבן דעם [סורינאַמער] פּאַרלאַמענט אַן עצה ניט ממשיך צו זײַן די אונטערהאַנדלונגען.

די כּוונה איז דאָ געווען דורכזעעוודיק. דער „מענטשן־מאַטעריאַל אין די לאַגערן" איז פֿון פֿאָרויס געשטעמפּלט געוואָרן ווי אַן אומפּראָדוקטיווער, אַפֿילו שעדלעכער עלעמענט, וואָס „דער ווויל פֿון דער סורינאַמער באַפֿעלקערונג" וועט שטיין אין סכּנה, אויב מען זאָל אים אַרײַנלאָזן אין לאַנד. אמת, דאָ וואָלט געקאָנט אויפֿקומען די שאלה, הלמאי זשע קעמפֿן די ציוניסטן אַזוי שטאַרק פֿאַר אַרײַנלאָזן דעם „מענטשן־מאַטעריאַל פֿון די לאַגערן" קיין פּאַלעסטינע? אין פּובליציסטיק פֿון דעם מין דאַרף מען אָבער ניט זוכן קיין לאָגיק. דער ציוניסטישער רעדאַקטאָר האָט אויך ניט געהאַלטן פֿאַר קיין סתירה אַרויסצושטעלן גלײַכצײַטיק אַ סטראַשידלע פֿון פּונקט אַ היפּוכדיקן כאַראַקטער: דאָס גוט באַקאַנטע בילד פֿונעם ייִדישן פּלוטאָקראַט, וואָס פֿאַרכאַפּט דאָס ערשטע אָרט אין דער געזעלשאַפֿט אַ דאַנק זײַן חוצפּה און ניט־איבערקלײַבערישקייט אין מיטלען („עלנבויגן").

מיט נאָך אַ גרעסערן טראַפּ האָבן די האָלענדישע ציוניסטן איבערגעחזרט אַן אַנדער רכילותדיקע טענה, וואָס האָט געזאָלט מאַכן דעם פֿרײַלאַנד־פּלאַן ניט נאָר סאָציאַל, נאָר אויך פּאָליטיש חשוד. אַרום דעם 1טן אַפּריל האָבן זיי אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג אין אַמסטערדאַם, און דער פּרעזידענט פֿון דער האָלענדישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט אָנגערופֿן דעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע „בלויז אַן אַנדער מוסערט־פּראָיעקט".[203] די דאָזיקע ווערטער, וואָס האָבן אין האָלאַנד פֿון 1947 געוועקט גאַנץ באַשטימטע אַסאָציאַציעס, דאַרפֿן דאָ אויפֿגעקלערט ווערן. אַנטאָן מוסערט איז פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען דער פֿירער פֿון דער קליינצאָליקער האָלענדישער נאַציפּאַרטיי. אָנהייב 1939 האָט ער אַרויסגעגעבן (אויף האָלענדיש און ענגליש) אַ בראָשור פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון גוויאַנע: ייִדישע נאַציאָנאַלע היים. ער האָט דאָרט פֿאָרגעלייגט, אַז ענגלאַנד זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון דער בריטישער גוויאַנע, פֿראַנקרײַך — פֿון דער פֿראַנצייזישער, האָלאַנד (פֿאַר אַ טעריטאָריאַלער קאָמפּענסאַציע אַנדערש וווּ) — פֿון סורינאַם, פֿון אַלע דרײַ גוויאַנעס זאָל מען שאַפֿן

אַ ייִדישע מלוכה און אַרויסשיקן אַהין אויף אַ צוואַנג־אופֿן די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון אייראָפּע.[231] בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע האָט מוסערט געטרײַ קאָלאַבאָרירט מיט דער היטלערישער מאַכט. דורך „אידענטיפֿיצירן" דעם פֿרײַלאַנד־פּלאַן מיט דער אַנטיסעמיטישער אויסטראַכטעניש פֿונעם פֿאַר־רעטער מוסערט האָט דער ציוניסטישער, פּרעזידענט ניט נאָר געצילט מאָראַליש צו באַשמוצן די זאַך פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם: ער האָט זייער בולט מרמז געווען, אַז דאָ גייט וועגן אָפּרײַסן סורינאַם פֿון האָלאַנד, שאַפֿן דאָרט אַ ייִדישע מלוכה.

אָט די פֿאַנטאַסטישע סמיכות־הפּרשות האָט מען נאָך אַ מאָל אַרויסגערוקט אויף דער זיצונג פֿון דער צענטראַל־קאָמיסיע פֿונעם ציוניסטיש געפֿירטן „פֿאַרבאַנד פֿון האָלענדישע איזראַעליטישע סינאַגאָגעס", אַמסטערדאַם, דעם 22סטן יוני 1947, ד"ה מיט פֿינף טעג פֿאַר דער דעבאַטע אין די סורינאַמער סטאַטן.[232]

> דער פֿאָרזיצער האָט פֿאָרגעלייענט אַ בריוו (...) וועגן דעם פֿאָר־שלאָג פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע מכוח אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סו־רינאַם. די עקזעקוטיווע האָט זיך שוין וועגן דעם ענין עוסק געווען[233] און איז בשתּומם, וואָס מען האָט וועגן דעם פּלאַן ניט געהאַלטן קיין עצה מיט דער אָפֿיציעלער ייִדישער אָרגאַניזאַציע אין האָלאַנד. ווען מען וואָלט זי געהאַט געפֿרעגט, וואָלט זי געראָטן דעם פּלאַן אָפּצוואַרפֿן. (...) מיר מוזן זאָגן, אַז דאָס איז אייגנטלעך דער אַלטער פּלאַן פֿון מו־סערט.

די צענטראַל־קאָמיסיע האָט לויטן פֿאָרשלאָג פֿונעם פֿאָרזיצער אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס איר אויספֿיר איז געווען:

> דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן צו לאָזן וויסן דער האָלענדישער רע־גירונג און אַלע שייכדיקע אינסטיטוציעס, אַז די צענטראַל־קאָמיסיע, הגם זי גלייבט אין דער גוטער כּוונה פֿון די, וואָס האָבן אַרײַנגעבראַכט דעם סורינאַם־פּראָיעקט, האַלט זי פֿון דעסט וועגן, אַז די פֿאַרווירקלע־כונג פֿונעם פּראָיעקט צו באַזעצן ייִדישע די־פּיס אין גרופּע־יישובֿים אין סורינאַם מוז מען אָפּוואַרפֿן אויפֿן ענערגישסטן אופֿן ווי אַן אומ־אַחריותדיקע אונטערנעמונג.

עס איז אינטערעסאַנט (און אפֿשר ניט צופֿעליק), אַז פּונקט דעם זעלבן טאָג, דעם 22סטן יוני 1947, האָט ד"ר ש. מאַרגאָשעס, אין זײַן ענגלישן קאָלום אין ניו־יאָרקער טאָג, נאָך אָפֿענער אינסינויִרט, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע שטרעבט אָפּצורײַסן סורינאַם פֿון האָלאַנד. אַ ייִד פֿון קוראַסאַאָ (אַ האָלענדישער אינדזל אויפֿן קאַריבישן ים) זאָל אים האָבן דערציילט, אַז דער גובערנאַטאָר פֿונעם אינדזל האָט אים כּלומרשט געזאָגט, אַז לויט זײַן מיינונג באַרט די פֿרײַלאַנד־ליגע אָפּ האָלאַנד: זי רעדט וועגן אַ ייִדישן יישובֿ אין סורינאַם, נאָר מיינען מיינט זי אַ ייִדישע מלוכה. אָפּגערעדט פֿון דער ביז גאָר קנאַפּער פֿאַרלאָזלעכ־קייט פֿון ד"ר מאַרגאָשעסעס אינפֿאָרמאַציע־מקור, האָט זיך פֿון זיך אַליין גע־

שטעלט די פֿראַגע, וואָס עס האָט תּיכּף אַרויסגעשטעלט ד״ר י. ב. שטיינ־בערג:[234]

> ווי אַזוי קומט צו דעם גאָווערנאָר אַזאַ פּאָליטישער חשד (...)? וועל־כער מסור האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ייִדן נאַרן אים? (...) די פּרעסע אין סורינאַם האָט ניט אויפֿגעהויבן אַזאַ חשד. איז פֿאַר וואָס מוז ער אויפֿקומען דווקא אין אַ ייִדישער צײַטונג ווי דער טאָג?
>
> עס איז אויפֿגעקומען דערפֿאַר מסתמא, וואָס איר, ש. מאַרגאָשעס, האָט געוואָלט צוליגן אַ האַנט צו דער הפֿקרות, וואָס הערשט איצט בײַ ייִדן, (...) צו דיסקרעדיטירן די אַרבעט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע (...).

די ערשטע ציוניסטישע אָפֿענסיווע האָט ניט געהאַט קיין הצלחה: די סו־רינאַמער סטאַטן האָבן באַשטעטיקט דעם פּראָיעקט דעם 27סטן יוני, און די האָלענדישע רעגירונג האָט אים אַפּראָבירט דעם 3טן יולי. זי האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט און איז ווײַטער אַנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט פֿון וועקן ספֿקות און חשדים אין דער האָלענדישער געזעלשאַפֿט. די האָלענדישע פּרעסע האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופֿן אויפֿן באַשלוס פֿון דער רעגירונג, און לייענענדיק אירע דעמאָלטיקע שטימען זעט מען אַ פּאַראַדאָקסאַל בילד, ווי אַזוי ניט־ייִדן פּאַרטיידיקן פֿון ייִדישע אַטאַקעס אַ פּלאַן צו העלפֿן ייִדישע מענטשן אַן אַ היים און אַן אַ דאַך. מען זעט אָבער אויך, אַז די סיטואַציע אין און אַרום פּאַלעסטינע — דער ייִדישער טעראָר און זײַן פּאָקטישע דעקונג דורך כּמעט דער גאַנצער אָרגאַניזירטער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג — האָט געוואָרפֿן אַן אומ־גינציק ליכט אויף ייִדן בכלל, געוועקט שווערע ספֿקות בנוגע זייער פֿאַרלאָז־לעכקייט.

דער צענטראַל־אָרגאַן פֿון דער האָלענדישער אַרבעטער־פּאַרטיי העט פּרי פֿאָלק האָט דעם 7טן יולי 1947 אָפּגעגעבן אַ לענגערן אַרטיקל דעם באַשלוס פֿון די סורינאַמער סטאַטן.[235] ער האָט זיך דעצידירט אַרויסגעזאָגט פֿאַרן פּלאַן — סײַ פֿון הומאַניטאַרן, סײַ פֿון טעכנישן, סײַ פֿון עקאָנאָמישן שטאַנד־פּונקט. עס איז מערקווירדיק, אַז ברענגענדיק די טענות קעגן דעם פּלאַן ציטירט דער אַרטיקל בלויז די „האָלענדישע ייִדישן קרײַזן״, „באַזונדערס די ציוניסטן״. נאָכן אויסרעכענען אַ ריי מאָטיוון לטובֿת דעם פּלאַן, באַמערקט דער אַרטיקל:

> איבער די דאָזיקע פֿראַגעס שוועבט אַן אַנדערע(...). וועט ניט די קאָלאָניזאַציע פֿון 30,000 ייִדן מאַכן פֿון סורינאַם אַן אַנדער פּאַלעסטינע, ווו עס וועלן הערשן קאָנפֿליקטן און פֿײַנדשאַפֿט? ייִדישע קרײַזן דאָ אין לאַנד זײַנען סקעפּטיש.

דער אָרגאַן פֿון דער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט ניט נאָר געדאַרפֿט צו נישט מאַכן דעם ציוניסטישן פּרווו אַנצוהענגען אויפֿן פּלאַן דעם אָנדענק פֿון מוסערטן — ער האָט אויך אָנגעוויזן, אַז אין סורינאַם מיט זײַנע אָפּגעזונדערטע און דאָך פֿרידלעך צוזאַמענלעבנדיקע נאַציאָנאַלע קיבוצים איז דאָ אַן אָרט פֿאַר נאָך אַ קיבוץ, דעם ייִדישן.

אַ סך שטאַרקער פֿילט זיך דער נעגאַטיווער רושם פֿון די פּאַלעסטינער געשעענישן אין דער צײַטונג פֿריז דאַגבלאַד פֿון 9טן אויגוסט:[236]

> מיר באַגריסן דעם פּלאַן צוליב צוויי סיבות. ערשטנס, צוליב די ייִדן, וואָס וועלן נאָך אַזוי פֿיל צרות קאָנען ענדלעך געפֿינען אַ מקום־מנוחה. צווייטנס אָבער אויך צוליב סורינאַם, אַ לאַנד אָן מענטשן, וואָס קאָן בלײַען נאָר אויב עס וועט באַקומען אַ נײַעם צושטראָם פֿון באַפֿעלקערונג.
>
> פֿון דעסט וועגן מוזן מיר וואָרענען די רעגירונג, זי זאָל זײַן אָפּגעהיט. די ייִדן פֿון מיזרח־אייראָפּע וועלן קיין מאָל ניט ווערן קיין האָלענדער, און אַוודאי ניט קיין סורינאַמער. זיי וועלן פֿאַרבלײַבן ייִדן און וועלן זיך באַטראַכטן נאַציאָנאַל פֿאַרבונדן ניט מיט אונדז, נאָר מיט זייערע ברידער אין פּאַלעסטינע. (...)
>
> די ייִדן אין פּאַלעסטינע זײַנען געוואַלדיק אַקטיוו. צווישן זיי זײַנען פֿאַראַן עלעמענטן, וואָס האַלטן זיך ניט אָפּ פֿון די שרעקלעכסטע טעראָראַקטן, ווי למשל הענגען געקידנעפּטע ערבֿניקעס. און זיי האָבן קאָנטאַקטן אויך מחוץ פּאַלעסטינע.
>
> אויב ייִדן וועלן פֿאָרן קיין סורינאַם, איז דאָס זייער גוט. אָבער מיר מוזן האָבן גאַראַנטיעס, אַז צווישן זיי וועלן ניט זײַן קיין עלעמענטן, וואָס האָבן דעם גײַסט פֿון פּאַלעסטינער טעראָריסטן. (...)

אָט די מורא — וואָס די „ייִדישע קרײַזן" האָבן פֿאַרשטאַרקט מיט זייער „סקעפּטיציזם" בנוגע שלומדיקן צוזאַמענלעבן פֿון ייִדן און ניט־ייִדן אין סורינאַם — איז געוואַקסן מיטן וווּקס פֿון דער שפּאַנונג אין פּאַלעסטינע. מיר זעען דאָ פֿאַר זיך נאָך אַ מער פּאַראַדאָקסאַל בילד: דער שאָטן פֿונעם פּאַלעסטינער טעראָר איז אומפֿאַרדינטערהייט געפֿאַלן אויפֿן פּראָיעקט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע, וואָס האָט פֿאַראורטיילט אָט דעם טעראָר אויפֿן דעצידירטסטן אופֿן. אין דער צײַט, ווען די גאַנצע ייִדישע פּרעסע אין אַמעריקע האָט באַרעכטיקט און גלאָריפֿיצירט דעם טעראָר, האָט מען אין אויפֿן שוועל און פֿרילענד איבערגעדרוקט פֿון דער פּאַלעסטינער העברעיִשער פּרעסע די ניט־קאָנפֿאָרמיסטישע אַרטיקלען פֿון משה סמילאַנסקי, ראָבערט וועלטש און ש. סלאָמאַנאָוויטש, וואָס האָבן באַקעמפֿט די טעראָריסטישע אײַנשטעלונג און די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט טעראָריסטישע אַקטן.[237] סוף 1946 האָט זיך באַוויזן איינער פֿון י. נ. שטיינבערגס שטאַרקסטע אַרטיקלען: „נידער מיט דער מלחמה!",[238] וואָס האָט, אַ שטייגער, כּולל געווען אַזעלכע זאַצן:

> אוממאָראַליש און אַנטי־ייִדיש איז עס אויך, ווען מען פּראָטעסטירט קעגן די אָדער יענע אַקטן נאָר דערפֿאַר, ווײַל עס „ברענגט שאָדן" דער נאַציאָנאַלער זאַך. די מכּה פֿון טעראָריזם מוז פֿאַרדאַמט ווערן אויף דעם טיפֿערן און ייִדישן גרונט: מען טאָר עס ניט טאָן, אַפֿילו ווען עס זאָל זײַן נוצלעך און דערפֿאָלגרײַך! (...)
>
> די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג וועט ניט מיטמאַכן אָט דעם גרויזאַמען שפּיל, וואָס גייט אָן אין דער ייִדישער וועלט. זי וועט ניט ווערן באַהערשט פֿון דער אידעאָלאָגיע פֿון פֿײַער און דינאַמיט; זי וועט זיך פֿעסט

האַלטן אַן די אויסגעפּרובירטע מענטשלעכע און ייִדישע וועגן פֿון באַ־פרײַונג.

„נידער מיט דער מלחמה!" איז אויך אַרויס ווי אַ באַזונדערע בראָשור און האָט אַרויסגערופֿן פֿאַרביסענע אָנפֿאַלן מצד דעם ייִדישן קעמפֿער און דעם לאָדזשער דאָס נײַע לעבן.[239] אין 1947 איז י. נ. שטיינבערג אַרויסגעטראָטן קעגן טעראָראַקטן אין די אַרטיקלען „קעגן אילוזיעס — מיטן אמת" [240] און „ניט דער אירגון איז שולדיק...".[241] צוזאַמען מיטן לעצט דערמאָנטן אַרטיקל איז אין אויפֿן שוועל געוווען אָפּגעדרוקט ש. ניגערס ביטער סאַרקאַסטישע „בית־בית־ייִדישקייט" וועגן דער „נײַער פֿאַרמאַציע" פֿון „ביבל־באַמבע־ייִדן". אויך דאָ איז די פֿרײַלאַנד־ליגע געגאַנגען קעגן שטראָם, אָבער איר קול איז פֿאַרטויבט געוואָרן אין דער „כוואַליע (...) פֿון נאַציאָנאַליסטישן טשאַד, (...) וואָס פֿאַרפֿלייצט הײַנט צו טאָג די ייִדישע גאַס".[242] ווי עס האָט זיך אין גיכן אַרויסגעוויזן, איז דווקא אָט די „כוואַליע" געווען מאָסגיביק אין ניט־ייִדישע אויגן.

קאַמפּאַניע פֿאַרן עקספּעדיציע־פֿאָנד

די הסכּמה פֿון סורינאַם און האָלאַנד האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר צו דער רעאַליזירונג פֿונעם קאָלאָניזיר־פּראָיעקט. ניט געקוקט אָבער אויף דער פֿאַר־שטענדלעכער אומגעדולדיקייט פֿון דער שארית־הפּליטה אין פּוילן, רומעניע און באַזונדערס אין די די־פּי־לאַגערן, איז נאָך פֿאַרגעשטאַנען אַ היפּשע צו־גרייט־אַרבעט איידער מען האָט געקאָנט שיקן די ערשטע פּאַרטיע קאָלאָניסטן. מען האָט געדאַרפֿט: א) צונויפֿקלײַבן אַ באַטײַטיקע געלטסומע פֿאַר דער וויסנ־שאַפֿטלעכער עקספּעדיציע; ב) אויפֿזוכן און אָפּקלײַבן קאָמפּעטענטע ספּעציאַ־ליסטן אין פֿאַרשיידענע שטחים פֿון וויסנשאַפֿט און טעכניק פֿאַר דער עקס־פּערטן־קאָמיסיע; ג) דורכפֿירן זייער אַ זאָרגעוודיקע אַרבעט בײַם אויסקלײַבן אַ פּאַסיקן לאַנדמאַסיוו און אויספֿאָרשן אים אין אַלע אַספּעקטן; ד) צונויפֿ־שטעלן אויפֿן סמך פֿון דער אויספֿאָרשונג אַ פּרטימדיקן באַריכט און קאָלאָני־זיר־פּלאַן צוזאַמען מיט אַ בודזשעט און איבערגעבן אָט די מאַטעריאַלן דער רעגירונג פֿון סורינאַם באַטראַכט און באַשטעטיקט צו ווערן. דאָס אַלץ האָט ניט געקאָנט צונעמען ווייניקער ווי עטלעכע חדשים. וואָס שייך די פֿאָנדן פֿאַר דער עצם קאָלאָניזאַציע, האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן סומעס, וואָס האָבן ווײַט איבערגעשטיגן די מעגלעכקייטן פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע ווי אַזאַ. דערצו האָט מען געדאַרפֿט צוציִען אינוועסטיציעס פֿון פּריוואַטע און צווישנמלוכישע קאַ־פּיטאַלן, אָבער ערשט האָבנדיק אין די הענט אַ פֿינאַנציעל־עקאָנאָמישן אויפֿבוי־פּלאַן אַפּראָבירט דורך דער סורינאַמער רעגירונג, ד"ה שוין נאָכן פֿאַרענדיקן די אויבן אָנגעוויזענע סטאַדיעס.

די אויסעראָרדנטלעכע פּלענאַרע קאָנפֿערענץ פֿון דער פֿרײַלאַנד־ עקזעקו־טיווע האָט אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן צונויפֿקלײַבן 50,000 דאָלאַר פֿאַר דער

עקספּעדיציע און אויף פּראָפּאַגאַנדע.[243] דער קאַסירער פֿונעם עקספּעדיציע־פֿאָנד איז געוואָרן י. גאָרסקי. פֿאַקטיש האָט די עקספּעדיציע אָפּגעקאָסט אַרום 60,000 דאָלאַר. די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט געשאַפֿן די דאָזיקע סומע אָן דער הילף פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿילצאָליקן זאַמלער־אַפּאַראַט און דערצו אין באַדינגונגען פֿון אַן אינטענסיווער קעגנקאַמפּאַניע אין דער ייִדישער פּרעסע.

בלויז צוויי ייִדישע אָרגאַנען (ביידע מחוץ די פֿאַראייניקטע שטאַטן) האָבן זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופֿן אויף דער דעציזיע פֿון סורינאַם און האָלאַנד. די לאָנ־דאָנער דזשויִש קראָניקל האָט אינעם עדיטאָריאַל פֿונעם 8טן אויגוסט 1947 וואַרעם באַגריסט די מעגלעכקייט פֿון שאַפֿן אַ קולטורעל אויטאָנאָמען ייִדישן ייִשובֿ פֿאַר 30,000 שארית־הפּליטה, און די אַפֿריקאַנישע ייִדישע צײַטונג פֿונעם 29סטן אויגוסט האָט געווונטשן: „זאָל זיך מיט מזל שאַפֿן אַ גרעסערער ייִשובֿ אין דעם פֿרעמדן און אומבאַקאַנטן סורינאַם“. אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער פּרעסע האָט בלויז אַ. גלאַנץ, אַליין אַ פֿרײַלאַנדיסט, פֿאַרטיידיקט דעם סורינאַם־פּראָיעקט אין אַ ריי אַרטיקלען אין טאָג. אַקעגן זשע זײַנען אין די טאָג־צײַטונ־גען (פֿאָרווערטס, טאָג, מאָרגן־זשורנאַל) און פּאַרטיי־צײַטשריפֿטן (דער ייִדישער קעמפֿער, לינק־פּ״צ פּראָלעטאַרישער געדאַנק) אַרויס צענדליקער אַרטיקלען און נאָטיצן קעגן דעם סורינאַם־פּראָיעקט און קעגן דער פֿרײַלאַנד־ליגע. עס איז ניט כּדאַי צו ברענגען אַ ציטאַטן־אָפּקלײַב פֿון אָט דער קאַמפּאַניע, ווײַל זי האָט ניט אַרויסגעבראַכט קיין שום נײַע אַרגומענטן. ווידער און אָבער אַ מאָל האָט מען איבערגעחזרט, אַז נאָר ארץ־ישׂראל איז אַ לאַנד פֿאַר ייִדישער קאָלאָ־ניזאַציע, יעדע אַנדער אַקציע איז „פּאָליטישע קאָנקורענץ“ און „שעדלעך פֿאַרן ציוניזם“.

נאָך אַ טייל געלט האָט די עקזעקוטיווע זיך געווענדט צו פֿרײַלאַנדיסטן מעבֿר־לים. אונטערן רושם פֿון די סורינאַם־פּערספּעקטיוון האָט זיך אין יאָהאַ־נעסבורג (דרום־אַפֿריקע) זומער 1947 אויף ס׳נײַ געשאַפֿן אַ פֿרײַלאַנד־גרופּע בראָש מיט נ. סאַלמאַן און קריינע אַלעקסאַנדער, וואָס האָבן שוין געהאַט גע־אַרבעט פֿאַרן טעריטאָריאַליזם אין 1939.[244] די דרום־אַפֿריקאַנער פֿרײַלאַנדיסטן האָבן זיך געווענדט צום „ייִדישן מלחמה־אַפּיל־קאָמיטעט“ מכּוח אַ בײַשטײַער פֿאַר דער אַקציע צו געפֿינען אַ היים פֿאַר טייל ייִדישע מלחמה־פּליטים. מען האָט זיי אָפּגעזאָגט, און זיי האָבן אַליין דורכגעפֿירט אַ געלטזאַמלונג.[245] די מעלבורנער פֿרײַלאַנד־גרופּע האָט געשאַפֿן 500 פֿונט אין אירע אייגענע רייען.[246] אין לאָנדאָן האָט אַ ייִד מענדל אָפּגעגעבן דער פֿרײַלאַנד־ליגע 500 פֿונט — אַלע זײַנע אָפּשפּאָרונגען.[247] צוליב די שוועריקייטן פֿון וואַלוטע־טראַנספֿער אין די נאָכמלחמה־יאָרן זײַנען אָבער די געלטער פֿון דרום־אַפֿריקע, אויסטראַליע און ענגלאַנד צוטריטלעך געוואָרן ערשט שפּעטער.

אויף די אַמעריקאַנער ייִדישע הילף־אָרגאַניזאַציעס האָט מען ניט געקאָנט רעכענען. אָנהייב דעצעמבער 1947 האָט די „דזשוינט“־פֿאַרוואַלטונג געמאָלדן, אַז זי וועט זיך ניט באַטייליקן אין פֿינאַנצירן די עקספּעדיציע. איר פֿאָרשטייער

אין די עסטרײַכישע די־פּי־לאַגערן האָט געפֿירט אַן אָפֿענע אַגיטאַציע קעגן סורינאַם.[248] אויף דער זײַט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע איז אָבער געשטאַנען אַ גרויסער טייל מיטגלידערשאַפֿט פֿון דער ייִדישער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג און פֿונעם אַרבעטער־רינג. דער עיקר אין אָט די פֿאָלקסקרײַזן האָט די ליגע געשאַפֿן די מיטלען פֿאַר דער עקספּערטן־קאָמיסיע. די בונדישע און פּראָ־בונדישע קרײַזן אין אַמעריקע האָבן פֿאַרנומען צום סורינאַם־פּראָיעקט אַ פּאָזיציע פֿון „פֿרײַנדלעכער נייטראַליטעט". להיפּוך צו פּוילן אין די דרײַסיקער יאָרן, האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע אין אַמעריקע ניט אָנגעטראָפֿן אויף קיין ווידערשטאַנד מצד אָט דעם סעקטאָר, און פֿון איינצלנע מיטגלידער זײַנע האָט זי אַפֿילו געהאַט ממשותדיקע אונטערשטיצונג.

דעם 2טן מאַרץ 1947 איז אין ניו־יאָרק פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון אַרבעטער־רינג־בראַנטשן צו העלפֿן דער פֿרײַלאַנד־ליגע און דעם סורינאַם־פּראָיעקט.[249] עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט 240 דעלעגאַטן פֿון 73 ייִדיש רייידנדיקע, 5 ענגליש רייידנדיקע בראַנטשן, 6 פֿרויענקלובן און 12 אַרבעטער־רינג־שולן. דער פֿאָרזיצער איז געווען ל. געלפֿאַר, די הויפּט־רעדנערס — י. נ. שטיינבערג און ישראל פֿײַנבערג, הויפּט־פֿאַרוואַלטער פֿון דאַמען־באַקלייד־פֿאַראיין, וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון אַ באַזוך אין די די־פּי־לאַגערן און האָט געמאָלדן אויף דער קאָנפֿערענץ, אַז „די ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט פֿון אַמעריקע דאַרף און וועט אונטערשטיצן די אַרבעט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע". די רעזאָ־לוציעס פֿון דער קאָנפֿערענץ, צוזאַמען מיט די פֿאָדערונגען אָפּצושאַפֿן דאָס „ווײַסע בוך" און צו עפֿענען די טויערן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאַר ייִדי־שע פּליטים, האָבן אויך גערופֿן צו געפֿינען אַ מקום־מיקלט פֿאַר היימלאָזע ייִדן פֿון אייראָפּע, כּדי זיי זאָלן דאָרט בציבור שאַפֿן אַ קיבוץ, וואָס זאָל ממשיך זײַן די גרויסע גײַסטיקע ירושה פֿון ייִדישן פֿאָלק. די קאָנפֿערענץ האָט באַגריסט די אונטערהאַנדלונגען פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע וועגן גוויאַנע, האָט גערופֿן די מיט־גלידערשאַפֿט פֿון אַרבעטער־רינג צו שטיצן די ליגע, און האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פֿון 25 מיטגלידער (בראָש מיט ל. געלפֿאַרן) צו פֿאַרשפּרייטן דעם פֿרײַלאַנד־געדאַנק צווישן דעם ייִדישן אַרבעטער־קלאַס און צו העלפֿן שאַפֿן דעם עקספּעדיציע־פֿאָנד.[250] אַ צווייטע אַרבעטער־רינג־קאָנפֿערענץ, דעם 27סטן מײַ (דאָס מאָל מיט 175 דעלעגאַטן פֿון 57 בראַנטשן, קלובן און שולן), האָט אויס־געהערט דעם באַריכט פֿון דער פֿרײַלאַנד־דעלעגאַציע קיין סורינאַם.[251]

דעם 30סטן מײַ איז אַ קאָנפֿערענץ פֿון בראַנטשן, לאַנדסמאַנשאַפֿטן און פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס פֿאָרגעקומען אין לאָקאַל פֿון אַרבעטער־רינג אין מאָנט־רעאָל אונטערן פֿאָרזיץ פֿון ל. מ. בענדזשאַמין, סעקרעטאַר פֿון דער מאָנטרעאָ־לער פֿרײַלאַנד־גרופּע, מיט דער באַטייליקונג פֿון ש. גוטמאַן, עקזעקוטיוו־סע־קרעטאַר פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע.[252]

קיין לאָס־אַנדזשעלעס, וואָס איז פֿאַרבליבן אַ פֿעסטער שטיצפּונקט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע, איז אַרויסגעפֿאָרן ש. גוטמאַן. זײַן אַקציע (ניט געקוקט

אויפֿן ברעג פֿונעם דרום־קאַליפֿאָרנישן זומער) האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג. דעם 19טן און 20סטן יולי' איז זיך צונויפֿגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון 150 פֿאַר־שטייערס פֿון 11 אַרבעטער־רינג־ברענטשן (פֿון דער אַלגעמיינער צאָל 14) אונטערן פֿאָרזיץ פֿון לוי ליווײַ, וויצעפֿאָרזיצער פֿון דאַמען־באַקלייד־פֿאַראיין אויפֿן פּאַציפֿיק און פֿאָרזיצער פֿונעם לאָס־ אַנדזשעלעסער אָפּטייל פֿון ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט. די קאָנפֿערענץ האָט זיך איינשטימיק אַרויסגעזאָגט פֿאַרן סורינאַם־פּראָיעקט און האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט צו העלפֿן דער פֿרײַ־לאַנד־אַרבעט אונטערן פֿאָרזיץ פֿון משה שטיינבערג. באַלד אויף זײַן ערשטער זיצונג האָט דער קאָמיטעט איבערגעגעבן גוטמאַנען אַ טשעק אויף 1000 דאָלאַר ווי דעם ערשטן בײַשטײַער פֿאַרן פֿרײַלאַנד־פֿאָנד. עס זײַנען אויך אַרײַנגעקומען באַשטײַערונגען פֿונעם בעקער־פֿאַראיין, מאַנטל־נייערס־ פֿאַראיין, דאַמען־באַ־קלייד־פֿאַראיין, פֿרײַלאַנד־יוגנט און אַ גרויסע צאָל יחידים; דערצו האָט איי־נער ב. ב. מילער מנדב געווען אַ לאַסט־אויטאָ.[253]

נאָך אַ מאָל איז קיין לאָס־אַנדזשעלעס געקומען אַדאַ סיגעל (סוף 1947). איר אַרבעט האָט זיך קאָנצענטרירט אויף די קרײַזן פֿון דער פֿילם־אינדוסטריע, מיט דער בורזשואַזיע איז געווען אַ סך שווערער צו האָבן אַן עסק ווי מיט די פּאָלקסקרײַזן. נאָכן פּאַלעסטינע־באַשלוס פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס (דעם 29סטן נאָוועמבער 1947) איז געוואָרן אַ סך שווערער צו אַרבעטן פֿאַר סורינאַם. דערצו האָט זיך אין האָליוווד אָנגעהויבן אַ געיעג נאָך אמתע און כּלומרשטע קאָמוניסטן אין דער פֿילם־אינדוסטריע (אַ פּרעלודיע צום מאַקקאַרטיזם אין לאַנדמאָסשטאַב) און אַ סך מענטשן זײַנען געווען אָנגעשראָקן און ניט געוואָלט זיך אַנגאַזשירן אין קיין שום געזעלשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען. לויט די ווער־טער פֿון אַלעקס ראַבין, האָט אַדאַ סיגעל אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל ענערגיע, אויס־דויער און איבערגעגעבנקייט, וויפֿל ער האָט קיין מאָל ניט באַגעגנט פֿאַרקער־פּערט אין איין מענטשן.[254] בסך־הכּל האָבן די צוויי קאַמפּאַניעס אין לאָס־אַנדזשעלעס אין 1947 געדעקט איבער אַ פֿינפֿטל פֿונעם עקספּעדיציע־פֿאָנד.[255]

אין פֿילאַדעלפֿיע האָט די בשותּפֿישע זיצונג פֿון שטאָט־ און קרײַז־קאָמי־טעט פֿון אַרבעטער־רינג אויסגעהערט די ווענדונג פֿון אָרטיקע פֿרײַלאַנדיסטן און ש. גוטמאַנען, עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַן איניציאַטיוו־קאָמיטעט, און דעם 30סטן נאָוועמבער איז אין פֿילאַדעלפֿיע פֿאָרגעקומען אַן אַרבעטער־רינג־קאָנ־פֿערענץ פֿאַר פֿרײַלאַנד מיטן אָנטייל פֿון 62 דעלעגאַטן. די קאָנפֿערענץ האָט געעפֿנט י. זעליטש, ל. לעווענסאָן איז געווען דער פֿאָרזיצער, אַ. פֿישמאַן און י. טאָמאַר — סעקרעטאַרן. מצד דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיוו האָט גערעדט י. נ. שטיינבערג. מען האָט אויסגעקליבן אַ פּערמאַנענטן קאָמיטעט פֿון 17 מיטגלי־דער צו העלפֿן דער פֿרײַלאַנד־אַרבעט.[256]

דער גרעסטער בײַשטײַער פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג איז גע־ווען 10,000 דאָלאַר פֿון דער צענטראַל־פֿאַרוואַלטונג פֿון דאַמען־באַקלייד־פֿאַר־איין („אינטערנעשאָנעל") בראָש מיט דוד דובינסקין.[257] דער ייִדישער אַרבע־

טער־קאָמיטעט, ניט געקוקט אויף דער אָפּאָזיציע פֿון זײַנע פּועלי־ציוניסטישע מיטגלידער, האָט בײַגעשטײַערט 1000 דאָלאַר. איבערגעבנדיק וועגן דעם, האָט אויפֿן שוועל [258] קאָנסטאַטירט:

> די פֿרײַלאַנד־ליגע, ווי באַקאַנט, איז אָריענטירט אויף אַלע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. (...) אָבער הגם „פֿרײַלאַנד" ווענדט זיך צום כּלל־ישׂראל, האָבן זיך, ביז איצט, אַמוואַרעמסטן אָפּגערופֿן די ייִדישע אַרבעטער־ און פֿאָלקס־קרײַזן (...)
>
> אַוודאי האָבן די פֿרײַלאַנד־מיטגלידער פֿון ניו־יאָרק, די גרופּן פֿון דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, און אויך די אויסלענדישע גרופּן נאָך געדאַרפֿט צוטראָגן עטלעכע צענדליק דאָלאַר אויף דער אויספֿאָרשונג, און דאָס האָט געמיינט אַ נישט־קליינע אָנשטרענגונג פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־ליגע. אָבער פֿון די ערשטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן באַוויזן, אַז זייער שׂכל־הישר איז נישט מבֿולבל געוואָרן אין דער איצטיקער גלײַכשאַלטנדיקער „אָדער־אָדער"־צײַט, זײַנען די „אינטערנעשאַנעל" און דער ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט. פֿאַרצייכענען מיר דאָס מיט טיפֿער באַפֿרידיקונג און דאַנקבאַרקייט (...)

פֿאַרמירונג און אַרויספֿאָר פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע

אין איין צײַט מיט דער געלטזאַמלונג איז די ליגע צוגעטראָטן צום פֿאָרמירן די עקספּערטן־קאָמיסיע. מען האָט באַשלאָסן צו שיקן קיין סורינאַם אַ פֿאָרשטייער פֿון דער ליגע און פֿינף ספּעציאַליסטן אין באָדן־קענטשאַפֿט, טראָפּישע אַגריקולטור, אינזשענירײַ און בויאַרבעט, מעדיצין און סאַניטאַריע, עקאָנאָמיק. דאָס איז ניט געווען קיין פּשוטע אויפֿגאַבע. ראשית־כּל האָט מען געדאַרפֿט באַקומען אָנווײַזן וועגן דעם מעטאָד פֿון אויספֿאָרשונג מצד אָנערקענטע געניטע אָנפֿירערס פֿון גרויספֿאָרנעמיקע עפֿנטלעכע אַרבעטן (צווישן זיי זײַנען געווען דייוויד לילიענטאַל, דער אָרגאַניזאַטאָר פֿון טי־ווי־איי,[259] ד"ר פֿעלד, אַ בויער פֿון בריקן) און געלערנטע (ווי ד"ר אײַזײַא באָומאַן, פּראָפֿ' פּענדלטאָן א"אַ). דערנאָך האָט מען געדאַרפֿט אויסגעפֿינען די נעמען פֿון קוואַליפֿיצירטע, פֿאַרלאָזלעכע ספּעציאַליסטן, וואָס זאָלן קאָנען זיך אָפּרײַסן אויף צוויי חדשים פֿון זייער שטענדיקער אַרבעט. עס וואָלט געווען צו לאַנג צו באַשרײַבן דאָ אַלע עטאַפּן פֿון צוגרייטן די קאָמיסיע.[260] אַ גרויסע הילף אין אָט דער אַרבעט האָט די ליגע באַקומען פֿון איר איבערגעגעבענעם פֿרײַנד פּראָפֿעסאָר אַלווין דזשאָנסאָן, געוו' דירעקטאָר פֿון פֿראַנקלין רוזוועלטס פּליטים־קאָמיטעט און אין יענער צײַט פּרעזידענט פֿון דער נײַער שול פֿאַר סאָציאַלער פֿאָרשונג אין ניו־יאָרק.[261] רעקאָמענדאַציעס און אינסטרוקציעס האָט מען אויך באַקומען פֿונעם אַמעריקאַנער דעפּאַרטאַמענט פֿון אַגריקולטור און פֿון דער שפּײַז־ און אַגריקולטור־אָרגאַניזאַציע בײַ די פֿאַראייניקטע נאַציעס. טייל קאַנדידאַטן, וואָס האָבן אָנגענומען די פֿאַרבעטונג, האָבן אין לעצטן מאָמענט ניט געקראָגן קיין אורלויב פֿון זייערע אינסטיטוציעס און מען האָט געמוזט זוכן אַנדערע.

אין סורינאַם איז מען געווען אומגעדולדיק, ווי עס איז צו זען פֿונעם בריוו פֿון ד״ר מ. דע גראַט, דירעקטאָר פֿונעם דעפּאַרטאַמענט פֿאַר סאָציאַלע ענינים און אימיגראַציע, ממונה איבערן פּראָיעקט (דעם 25סטן אָקטאָבער 1947):

ליבער ד״ר שטיינבערג,

איך בין אומרויִק. אַ מאַסע מענטשן פֿרעגן מיך, פֿאַר וואָס הערן מיר מער קיין זאַך ניט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע, און זיי האָבן דעם אײַנדרוק, אַז די גאַנצע זאַך איז צוליב עפּעס אַ סיבה (דער עיקר רעדט מען וועגן די ציוניסטן) אָפּגערופֿן געוואָרן.

איך קאָן מער ניט אָנגיין מיט געבן זיי אויסמײַדנדיקע ענטפֿערס. צי קאָנט איר מיר זאָגן, וואָס איר מיינט וועגן דער מעגלעכקייט, אַז די עקספּערטן־קאָמיסיע וועט באמת קומען צו פֿאָרן?

סוף־כּל־סוף איז דער ענין אַוועק אויף אַ דרך (און מען האָט אויך באַוויזן צו שאַפֿן געלט פֿאַר דער ערשטער סטאַדיע אַרבעט). דער אָנפֿירנדיקער מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע איז געוואָרן אינזשעניר אַברהם מ. פֿישער (האַנאָלולו), וואָס האָט גוט געקענט סורינאַם (געבויט דאָרט אַ שאָסיי אין די מלחמה־יאָרן). די אַנדערע מיטגלידער זײַנען געווען: ד״ר דזשאָרדזש דזשיליאַלי, רעגירונג־מאַלאַריאָלאָג פֿון דער בריטישער גוויאַנע; ריי סי. ראָבערטס (בערקלי, קאַליפֿאָרניע) הויפּט־באַדן־קאָרעלאַטאָר פֿונעם אַגריקולטור־דעפּאַרטאַמענט; אַטערטאָן לי (טראָפּישע אַגריקולטור־סטאַציע אין האַיטי), געוו׳ דירעקטאָר פֿון דער עקספּערימענטאַלער אַגריקולטור־סטאַציע אין פּוערטאָ־ריקאָ; און האַרי ג. קלעמענט, עקאָנאָמיסט פֿון דער שפּײַז־ און אַגריקולטור־אָרגאַניזאַציע (עף־איי־אָ) בײַ דער יו־ען. מצד דער פֿרײַלאַנד־ליגע האָט מען באַשטימט י. נ. שטיינבערגן. מען האָט געמאָלדן דעם גובערנאַטאָר פֿון סורינאַם, אַז די קאָמיסיע איז גרייט אַרויסצופֿאָרן, און מען האָט פֿון אים געקראָגן אַ בריוו, וואָס איז געווען וויכטיק פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־אַקציע ווי אַ באַשטעטיקונג, אַז דער ענין סורינאַם איז נאָך אַלץ פֿולשטענדיק אַקטועל:

פּאַראַמאַריבאָ, דעם 4טן דעצעמבער 1947

איך האָב דעם פֿאַרגעניגן צו באַשטעטיקן אײַער בריוו פֿון 21סטן נאָוועמבער וועגן דער באַשטימונג און מיט די נעמען פֿון אײַער עקספּערטן־קאָמיסיע, וואָס וועט אין גיכן אַרויספֿאָרן קיין סורינאַם.

איך נוץ אויס די געלעגנהייט צו דערקלערן, אַז דער אָנקום פֿון דער קאָמיסיע איז אין הסכם מיט די באַשלוסן פֿון דעם לעגיסלאַטיוון ראָט פֿון סורינאַם און פֿון דער נידערלענדישער רעגירונג אַרײַנצולאָזן קיין סורינאַם 30,000 ייִדן פֿאַר קאָלאָניזאַציע.

די אויפֿגאַבע פֿון דער אויבן דערמאָנטער קאָמיסיע וועט זײַן צוצוגרייטן, אין מיטאַרבעט מיט די מלוכה־אָרגאַנען פֿון סורינאַם, אַ פּלאַן, וואָס זאָל כּולל זײַן אַלע פּרטים פֿון דער פּראָיעקטירטער קאָלאָניזאַציע. די באַדינגונגען פֿון דער קאָלאָניזאַציע וועלן באַשלאָסן ווערן דורך אַלע פֿאַראינטערעסירטע צדדים נאָך דעם, ווי מען וועט זיי פֿאָרשטעלן דעם פּלאַן פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע, אין הסכם מיט די פּרינציפּן פֿון

דער פֿאַרשטענדיקונג צווישן דער קאָנסולטאַטיווער רעגירונג־קאָמיסיע פֿון סורינאַם און דער דעלעגאַציע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע דעם 20סטן אַפּריל 1947.

איך בין זיכער, אַז די פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַט דער גרויסער אונטערנעמונג וועט זײַן אַ טובֿה סײַ פֿאַר סורינאַם, סײַ פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק.

דער גובערנאַטאָר פֿון סורינאַם
י. צ. בראָנז.[262]

דערווײַל האָט זיך צו דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע געווענדט ד״ר וו. ס. פֿערנאַנדעס, אַן אָנפֿירנדיקער מיטגליד פֿון סורינאַמער אַגריקולטור־דעפּאַרטאַמענט, מיטן פֿאָרשלאָג, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע זאָל אָפּקויפֿן עטלעכע פֿאַרלאָזענע פּלאַנטאַציעס און אָנהייבן אויף זיי אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אויסשולונג פֿון ייִדישע פּליטים במשך פֿון פֿינף יאָר. די מעלה פֿון דעם פּלאַן איז געווען, וואָס ער האָט ניט געפֿאָדערט אַזעלכע שווערע קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס ווי צוגרייטן קרקע־בתולה. מען האָט דעם פּלאַן דורכדיסקוטירט און באַשלאָסן ניט צו צעברעקלען די כּוחות, נאָר קאָנצענטרירן זיך אויף איין קאָמפּאַקטן לאַנדמאַסיוו.

דעם 1טן דעצעמבער זײַנען פֿישער און ראָבערטס אָנגעקומען קיין פּאַראַמאַריבאָ צו מאַכן די ערשטע צוגרייטונגען פֿאַר דער פֿאָרשאַרבעט. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען אַטערטאָן לי, שפּעטער ד״ר דזשיליאַלי. ד״ר שטיינבערג האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער עקספּעדיציע אַרום דעם 22סטן דעצעמבער. אין דער לעצטער רגע האָט דער עקאָנאָמיסט קלעמענט מודיע געווען, אַז ער קאָן ניט פֿאָרן קיין סורינאַם. אויף זײַן אָרט האָט מען אָנגאַזשירט נאַטאַניעל ווײַלן, געוועזענער עקאָנאָמישער עצה־געבער פֿונעם אַמעריקאַנער קאָמערץ־דעפּאַרטאַמענט, אָפּטייל פֿון אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל.

פֿאָרשאַרבעט און באַריכט פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע

די ערשטע עבֿודה פֿון דער קאָמיסיע איז געווען אויסצוקלײַבן דעם פּאַסיקן לאַנדמאַסיוו. פֿישער, ראָבערטס און לי האָבן עטלעכע טעג געאַרבעט מיט פֿאַרשיידענע רעגירונג־אַגענצן פֿון סורינאַם אויסצוגעפֿינען וועגן פֿאַראַנענע פֿרײַע מלוכה־ערדן, וואָס מען האָט נאָך ניט פֿונאַנדערגעגעבן אין אַרענדע ווי וואַלד־קאָנצעסיעס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ מאַסיוו קאָן געפֿונען ווערן אינעם ראַיאָן פֿון די טײַכן סאַראַמאַקאַ און קאָפּענאַמע, צו מערבֿ פֿון פּאַראַמאַריבאָ. דער נאָענטסטער פּונקט פֿון אַט דעם מאַסיוו איז געלעגן אויף אַ מהלך פֿון אַן ערך 25 קמ אָדער 15 מײַל פֿון דער הויפּטשטאָט. בלויז אַ שמאָלער פּאַס דירעקט אויפֿן טײַך סאַראַמאַקאַ איז געווען באַאַרבעט, און לויט די געגעבענע פֿון דער קאָמיסיע, וואָס האָט מיט דרײַ יאָר שפּעטער אויסגעפֿאָרשט סורינאַם אין שליחות פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַנק פֿאַר רעקאָנסטרוקציע און אַנטוויקלונג, האָט דער ראַיאָן זיך אויסגעצייכנט מיט אויסנעמיק הויכע גערעטענישן.[263]

דער גרעסטער טייל פֿונעם שטח איז געווען באַדעקט מיט וואַלד. די ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיטן ראַיאָן האָט די קאָמיסיע געמאַכט פֿון דער לופֿט, אין צוויי עראָפּלאַן־איבערבליקן, וואָס האָבן געדויערט 6 שעה. די קאָמיסיע האָט אָנגעשטעלט דזשוקאַ־נעגערס און אַראַוואַק־אינדיאַנער, זיי זאָלן דורכשנײַדן סטעזשקעס דורך דער געדיכטעניש. די סטעזשקעס האָט מען דורכגעלייגט אויף אַזאַ אופֿן, אַז מען זאָל זיי שפּעטער קאָנען אויסנוצן פֿאַר טאָפּאָגראַפֿישע און געאָדעזישע אַרבעטן. די קאָמיסיע איז דורכגעגאַנגען 200 קמ׳ צו פֿוס און דורכגעמאַכט 650 קמ׳ מיט שיפֿלעך איבער די אָרטיקע טײַכן און טײַכלעך. ווו מען האָט געקאָנט, האָט מען זיך באַנוצט מיט אויטאָמאָבילן. די אויספֿאָרשונג האָט געטראָגן אַן אַלזײַטיקן כאַראַקטער. צווישן אַנדערן האָט מען פֿעסטגעשטעלט די הייך פֿונעם שטח איבערן ים־ניוואָ, וואָס דערפֿון איז געווען אָפּהענגיק דער פֿאַרנעם פֿון אינזשעניר־אַרבעטן בײַם אַרומוואַלן די פֿעלדער; די כּמות און איכות פֿון געהילץ, וואָס מען וואָלט געקראָגן בײַם אָפּרייניקן דעם שטח; די אייגנשאַפֿטן פֿון די באָדנס אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿונעם אויסגעפֿאָרשטן ראַיאָן; די פֿאַראַנענקייט פֿון בוי־מאַטעריאַלן אויפֿן אָרט; וואָסערע קולטורן זײַנען צום בעסטן צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע באַדינגונגען; אינדוסטריעלע מעגלעכקייטן בײַם איבעראַרבעטן אָרטיקע פּראָדוקטן; אָפּזאַצמערק פֿאַר די פּראָדוצירטע סחורות; קאָמוניקאַציע אויפֿן וואַסער און אויף דער יבשה; דעם קלימאַט און זײַן ווירקונג אויף אייראָפּעער; דעם אַלגעמיינעם געזונט־צושטאַנד פֿונעם אויסגעפֿאָרשטן ראַיאָן און אויך פֿון די שכנישע שטחים. ד״ר דזשיליאָלי האָט אין שייכות מיטן לעצטן פּונקט געמאַכט בלוטפּראָבעס בײַ 600 שולקינדער.[264]

אין רעזולטאַט פֿון אָט דער אַרבעט, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט סוף יאַנואַר 1948, האָט די קאָמיסיע אָפּגעקליבן אַ שטח פֿון 250,000 העקטאַר (600,000 אַקער) צווישן די טײַכן סאַראַמאַקאַ אויף מיזרח און צפֿון און קאָפּענאַמע אויף מערבֿ. ער האָט זיך געצויגן 80 קמ׳ פֿון צפֿון אויף דרום און 60־75 קמ׳ פֿון מיזרח אויף מערבֿ, מיטן אויסנעם פֿון אַן ערך 50,000 העקטאַר פֿון אַ פּרעמדער וואַלד־קאָנצעסיע. אָט די טעריטאָריע האָט די קאָמיסיע צעטיילט אויף צוויי ניט־גלײַכע חלקים: 50,000 העקטאַר פֿון אויסגעצייכנטן באָדן, וואָס זײַנען געווען לײַכט צוטריטלעך און זיך געצויגן פֿון מיזרח אויף מערבֿ (ביז דער לעפֿצונג פֿון קאָפּענאַמע אינעם אַטלאַנטישן אָקעאַן) אין דער פֿאָרעם פֿון אַ פּאַס 60 קמ׳ די לענג און 10 קמ׳ דורכשניטלעכע ברייט; און 200,000 העקטאַר פֿון אַן ערגערן באָדן, וואָס זײַנען געלעגן צו דרום פֿונעם ערשטן חלק (מיטן אויסנעם פֿון אַן ערך 10,000 העקטאַר בײַ דער לעפֿצונג פֿון דער סאַראַמאַקאַ).[265] אויף די ערשטע 50,000 העקטאַר האָט מען געזאָלט צוטרעטן צו אַ תּיכּפֿדיקער קאָלאָניזאַציע; די אַנדערע 200,000 העקטאַר האָבן געזאָלט דינען ווי אַ רעזערוו פֿאַר די ווײַטערדיקע עטאַפּן פֿון באַזעצונג נאָך דעם, ווי די ערשטע סטאַדיע וועט זיך אַרויסווײַזן פֿאַר געראָטן.[266]

נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעקליבן דעם קאָלאָניזיר־שטח, האָט מען גע־

מוזט האָבן די זיכערקייט, אַז עס וועלן אים ניט פֿאַרכאַפּן קיין פּריוואַטע וואַלד־געזעלשאַפֿטן. גראָד אין יענער צײַט האָט זיך אין סורינאַם באַוויזן אַ צאָל ספּע־קולאַנטן, וואָס האָבן געפּרוווט בײַ צײַטנס קריגן גינציקע קאָנצעסיעס. וועגן דעם זײַנען אַוועק שמועסן מיטן גובערנאַטאָר, וואָס האָט לכתּחילה געהאַט באַ־וואָרענישן בנוגע דעם אָפּגעקליבענעם שטח, אָבער סוף־כּל־סוף מסכּים געווען אויף אים און האָט אויך פּאָזיטיוו געענטפֿערט אויף צוויי אַנדערע פֿאָדערונגען פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע: אַז די רעגירונג זאָל במשך פֿון דרײַ יאָר האַלטן דעם שטח אין אויסשליסלעכן רעזערוו פֿאַר די צילן פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע, און אַז די אַרענדע זאָל זײַן אַ לאַנג־טערמיניקע (אויף 75 יאָר) פֿאַר אַ נידעריקן נאָמינאַלן אָפּצאָל און זאָל זיך אויטאָמאַטיש באַנײַען נאָכן סוף טערמין.

יעדערער פֿון די פֿינף עקספּערטן האָט צוגעשטעלט זײַן אייגענעם חלק פֿונעם אַלגעמיינעם באַריכט און די גאַנצע קאָמיסיע האָט געדאַרפֿט אויסאַר־בעטן דעם לעצטן טייל מיט אויספֿירן, רעקאָמענדאַציעס און ריכטליניעס פֿון דער פֿאַרשטייענדיקער אַרבעט. צוליבן דוחק אין צײַט האָט די קאָמיסיע געמאַכט בלויז אַ פּרעלימינערן קאָלעקטיוון סך־הכּל בעת זי איז געווען אין סורינאַם. די ענגילטיקע רעדאַקציע און פֿאַרענדיקונג פֿונעם באַריכט האָט מען געמאַכט אין ניו־יאָרק נאָכן צוריקקומען פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע. אין מיטן פֿעברואַר 1948 איז דער באַריכט געווען פֿאַרטיק. ער האָט אַרומגענומען 139 זײַטן גע־דיקטע מאַשינשריפֿט און איז געווען דער ערשטער באַריכט פֿון אַזאַ פֿולדיקן און וויסנשאַפֿטלעכן כאַראַקטער, וואָס איז ביז דעמאָלט געמאַכט געוואָרן אין סורינאַם. פֿאַר אינפֿאָרמאַציע־צילן האָט די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע צוגעגרייט אַ קיצור פֿון באַריכט, וואָס האָט אַרומגענומען די אויספֿירן און רעקאָמענדאַ־ציעס פֿון די ספּעציעלע באַריכטן פֿון ריי סי. ראָבערטס, אַטערטאָן לי, דזש. דזשיליאָלי און נאַטאַניעל ווײַל און די אַלגעמיינע אויספֿירן פֿון דער קאָמיסיע, וואָס מיר גיבן דאָ איבער:

1. דער ציל פֿון דער קאָמיסיע איז געווען אויסצופֿאָרשן, פֿון שטאַנדפּונקט פֿון געזונט און עקאָנאָמישן וווילזײַן, די מעגלעכקייט פֿון באַזעצן אין סורינאַם 30,000 ייִדישע פּליטים פֿון אייראָפּע.

2. פֿונעם באַטײַטיקן סכום פֿאַראַנענע מאַטעריאַלן זעט אויס צו דרינגען, אַז דער מעסיקער קלימאַט פֿון דער טעריטאָריע איז פּאַסיק פֿאַר אייראָפּעיִשער באַזעצונג.

3. די באַדינגונגען וואָס שייך מאַלאַריע און אַנדערע ענדעמישע קראַנקייטן זײַנען אַזעלכע, אַז מען האָט אַ גרונד זיך צו ריכטן, אַז בײַ די מאָדערנע מעטאָדן פֿון סאַניטאַרער השגחה וועלן די וויטאַליטעט־אינדעקסן פֿון דעם פּראָיעקטירטן ישובֿ, געמאָסטן אין צאָל געבורטן, טויטן און פֿאַלן פֿון קראַנקייטן, זײַן די זעלבע אָדער בעסערע ווי אין מערבֿ־אייראָפּע.

4. דער פֿאָרגעלייגטער קאָלאָניזיר־שטח זעט פֿאַרויס אַ שטיק לאַנד פֿון 50,000 העקטאַר פֿאַר דער תּיכּפֿדיקער באַזעצונג פֿון לפּחות 2,500 משפּחות, און אַ צוגאָב־שטח, וואָס פֿון אים וועט מען קאָנען אויס־

קלײַבן 200,000 העקטאַר פֿאַר עקספּאַנסיע. די קאָמיסיע האַלט, אַז אַ הצלחהדיקע קאָלאָניזאַציע פֿונעם ערשטן שטיק לאַנד איז מעגלעך פֿון שטאַנדפּונקט פֿון באָדן־איכות. די באָדנס אינעם צווייטן שטיק לאַנד זײַנען ווייניקער פּרוכטיק און די פּערספּעקטיוון פֿון קאָלאָניזאַציע אויף אים וועט מען קאָנען בעסער אָפּשאַצן נאָכן עקספּערימענט מיטן ערשטן שטח.

5. די קאָלאָניסטן וועלן אַלע מאָל קאָנען לײַכט פּראָדוצירן דאָס רובֿ פּראָדוקטן, וואָס זײַנען נייטיק פֿאַר אַ רײַכער, באַלאַנסירטער און פֿאַרשיידן־מיניקער דיעטע.

6. דער גוט פֿאַרטיילטער רעגנפֿאַל, וואָס איז אַ כאַראַקטעריסטי־שער שטריך פֿון סורינאַם, מאַכט מעגלעך צו באַקומען מיטעלע ביז הויכע גערעטענישן פֿון רײַז, באַנאַנעס, צוקעררראָר, קאַקאַאָ און פּאַשעגראָז, ממילא אויך רינד־ און חזיר־פֿלייש און מילכפּראָדוקטן. מען קאָן אויך מיט הצלחה פּראָדוצירן ציטרוספּרוכטן, אַנאַנאַסן און ערדניס.

7. דער גרעסטער טייל לאַנד אויפֿן שטח פֿון פּראָיעקטירטן יישובֿ איז באַדעקט מיט וואַלד; הגם אָפּרייניקן דעם שטח וועט זײַן פֿאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות, קאָנען זיי מיט אַן עודף געדעקט ווערן דורך די באַקומענע האָלצפּראָדוקטן.

8. דאָס רובֿ פֿונעם קולטיווירטן לאַנד אין סורינאַם געפֿינט זיך לעבן דעם ניוואָ פֿון הויכע צופֿלוסן און אין גבֿול פֿון סעזאָן־פֿאַרפֿליי־צונגען. עס מוז ווערן אַרומגעוואַלט, דרענירט און באַזאָרגט מיט איריגאַציע. דאָס שטיק לאַנד, אויסגעקליבן פֿאַר אָנהייב־באַזעצונג, האָט אויך אַזאַ טאָפּאָגראַפֿיע. כאָטש דאָס רובֿ אַמעריקאַנער פֿאַרמערס זײַנען נישט געוווינט צו אַזאַ טיפּ אַגריקולטור, האָבן האָלענדער אין האָלאַנד און סורינאַם און ענגלענדער אין דער בריטישער גוויאַנע באַנוצט אים מיט הצלחה במשך פֿון דורות.

9. סורינאַמס רעסורסן פֿון ים־ און טײַך־פֿישערײַ ווערן נישט גענוג אויסגענוצט און שטעלן פֿאַר אַ יסוד פֿאַר פֿיש־אינדוסטריע.

10. אין סורינאַם גופֿא און אין די שכנישע קאַריבישע ראַיאָנען איז דאָ אַ גרויסער אָפּזאַצמאַרק פֿאַר פֿלייש, מילכפּראָדוקטן און גע־וויקסן־אייל. דער בעלגיש־נידערלענדיש־לוקסעמבורגער צאָלפֿאַרבאַנד גיט טאַריף־פּריווילעגיעס פֿאַר אַ צאָל פּראָדוקטן, וואָס דער יישובֿ קאָן אויסאַרבעטן אויף עקספּאָרט. טייל פּאָטענציעלע פּראָדוקטן פֿונעם יישובֿ האָבן אויך אַ פֿאַרזיכערטן אָפּזאַצמאַרק אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

11. סורינאַם פֿאַרמאָגט נישט קיין קוילן און פּעטראָלעום. חוץ באָקסיטן, האָט מען אויף דער טעריטאָריע נישט געפֿונען קיין עיקרדיקע אַרצן פֿאַר מאָדערנער אינדוסטריע. עס זײַנען אָבער דאָ פּערספּעקטיוון פֿון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג אויף די פֿעלדער פֿון האָלץ און האָלצ־פּראָדוקטן, שפּײַזקאָנסערוון, פֿעלן און לעדער, איבעראַרבעטונג פֿון גע־וויקסן־אייל, קעראַמיק, ציגל און גלאָז.

12. אינזשעניר־פֿאָרשונגען ווײַזן, אַז מען קאָן עקאָנאָמיש בויען וווין־יישובֿים מיט באַקוועמע לעבנס־באַדינגונגען; הײַזער־בויונג, וועגן און וואַסער־באַזאָרגונג שטעלן נישט פֿאַר קיין שווערע פּראָבלעמען.

13. דער איינשטימיקער אויספֿיר פֿון דער קאָמיסיע איז, אַז דער פּראָיעקטירטער יישובֿ קאָן זײַן געראָטן סײַ פֿון עקאָנאָמישן, סײַ פֿון סאַניטאַרן שטאַנדפּונקט.

דעם 19טן פֿעברואַר 1948 האָט די עקזעקוטיווע איבערגעשיקט דעם פֿולן טעקסט פֿון באַריכט דעם גובערנאַטאָר פֿון סורינאַם צוזאַמען מיט אַ בריוו, וואָס האָט נאָך אַ מאָל פֿאָרמולירט די פֿאַרלאַנגען פֿון דער ליגע מכּוח דער לאַנג־טערמיניקער ירושה־אַרענדע פֿונעם שטח פֿאַרן מינימאַלן אָפּצאָל פּער העקטאַר, וואָס מען זאָל אָנהייבן אײַנצאָלן אויפֿן עלפֿטן יאָר, און מכּוח ניט געבן קיינעם קיין קאָנצעסיעס אויפֿן שייכדיקן שטח און ניט באַנײַען די שוין אַרויסגעגעבענע.

דעם 27סטן פֿעברואַר האָט דער גובערנאַטאָר געענטפֿערט מיט אַ פֿאַרטרוילעכן בריוו. ער האָט אָנערקענט, אַז דער באַריכט איז זייער ווערטפֿול פֿאַר די קומענדיקע קאָלאָניסטן און זייערע אינסטרוקטאָרן, אָבער היות ווי ער איז ניט כּולל קיין דעטאַליזירטן בודזשעט און קיין אָנווײַזן, ווי אַזוי דער פּראָיעקט וועט פֿינאַנצירט ווערן, קאָן ער אים ניט איבערגעבן אויף דער באַטראַכטונג פֿון די סטאַטן און פֿון דער נידערלענדישער רעגירונג. דעריבער, באַדויערנדיק די אומפֿאַרמײַדלעכע פֿאַרצײַעניש, בעט ער ממלא זײַן דעם באַריכט מיט אַ פֿינאַנצפּלאַן.

בודזשעט און פֿינאַנצירונג פֿונעם פּראָיעקט

די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע האָט זיך שוין אַליין געהאַט גענומען צום צונויפֿשטעלן דעם בודזשעט. דער עקאָנאָמיסט נ. ווײַל (אַ מיטגליד פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע) האָט זיך מתחייבֿ געווען דורכצופֿירן אָט די אַרבעט מיט דער הילף פֿון ד״ר פֿרוכטבוים, י. לעווין, אַ. קיהן און ש. גוטמאַן, וואָס האָבן פֿאַרגעשטעלט די פּלענער און כּוונות פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע. יעקבֿ לעווין האָט צונויפֿגעשטעלט דעם פּרעלימינערן פּלאַן פֿון קאָלאָניזיר־אַרבעט מיט לפֿי־ערכדיקע אָנווײַזן וועגן דער צאָל דירות, עפֿנטלעכע בנינים און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס מען וועט דאַרפֿן אויפֿבויען.[267] דערווײַל האָבן דרײַ אַנדערע מיטגלידער פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע באַרעכנט די קאָסטן פֿון אָפּרייניקן דעם דזשאָנגל (ראָבערטס), אַרומוואַלדונג און אַנדערע אינזשעניר־אַרבעטן (פֿישער), לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינען און אינוועטאַר (לי). אויפֿן סמך פֿון אָט די ציפֿערן האָט די בודזשעט־קאָמיסיע צונויפֿגעשטעלט דעם כּוללדיקן פֿינאַנציעלן פּלאַן. דאָס איז געווען אַ קאָמפּליצירטע און צײַט־קאָנסומירנדיקע אַרבעט, און ערשט דעם 21סטן אַפּריל 1948 האָט די עקזעקוטיווע איבערגעשיקט דעם גובערנאַטאָר פֿון סורינאַם דעם בפּרטיותדיקן בודזשעט פֿון דער גאַנצער קאָלאָניזיר־אַרבעט — אַ דאָקומענט פֿון 28 זײַטן געדיכטע מאַשינשריפֿט.

דאָס באַזעצן די 30,000 ייִדישע קאָלאָניסטן איז פֿאַרטיילט געוואָרן אויף פֿיר יאָר. אינעם ערשטן יאָר האָט דער פּלאַן פֿאָרויסגעזען צו באַזעצן 2,400 מענטשן; דאָס האָט געדאַרפֿט קאָסטן 3,151,200 דאָלאַר (אין דורכשניט 1,313 דאָלאַר אויף אַ מענטשן). אינעם צווייטן יאָר האָט מען געזאָלט באַזעצן נאָך 3,100 מענטשן און דורכפֿירן דעם גרעסערן טייל קאַפּיטאַל־אַרבעטן בײַם מע־

ליקווידירן דעם שטח; די אַלגעמיינע הוצאות פֿאַרן צווייטן יאָר זײַנען געווען באַ־רעכנט אויף 6,896,200 דאָלאַר (2,225 דאָלאַר אויף אַ מענטשן). במשך פֿון דריטן און פֿערטן יאָר האָט מען געזאָלט באַזעצן די פֿאַרבליבענע 22,500 קאָ־לאָניסטן און דאָס האָט געדאַרפֿט אָפּקאָסטן 25,000,700 דאָלאַר (1,111 דאָלאַר אויף אַ מענטשן). בסך־הכּל האָט זיך פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע פֿון 30,000 ייִדן אין סאַראַמאַקאַ־ראַיאָן געפֿאָדערט 35,048,100 דאָלאַר.[268]

די דאָזיקע ציפֿער, רעלאַטיוו ניט קיין גרויסע אין פֿאַרגלײַך מיט די סו־מעס וואָס דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום זאַמלט יעדעס יאָר לטובֿת מדינת ישׂראל, איז אָבער געווען איבער די מעגלעכקייטן פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע און פֿון די ייִדישע פֿאָלקסקרײַזן, וואָס האָבן זי אונטערגעהאַלטן.[269] ביז דעמאָלט אין דער געשיכטע פֿון טעריטאָריאַליזם איז די פּראָבלעם פֿון קאַפּיטאַלן פֿאַר קאָלאָניזאַ־ציע געווען אַ זאַך פֿון עתיד, וואָס מען האָט צו דעם געקאָנט צוקומען ערשט נאָכן דערגרייכן די סטאַדיע פֿון אַ קאָנקרעטן פּראָיעקט. איצט איז מען גע־שטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט אָט דער פּראָבלעם. עס האָט זיך באַשטעטיקט דאָס אַמעריקאַנער ווערטל, אַז „מען דאַרף האָבן געלט, כּדי צו מאַכן געלט". האָבנ־דיק אַן אָנהייבפֿאָנד, האָט מען געקאָנט צוציִען זײַטיקע קאַפּיטאַלן און קריגן גינציקע באַדינגונגען. די אַמעריקאַנער קאָמפּאַניע „אַלקאָאַ", דער גרעסטער פּראָדוצענט פֿון אַלומיניום, וואָס האָט אָפּגענומען די גאַנצע פּראָדוקציע פֿון די סורינאַמער באָקסיטגרובן, האָט זיך געווענדט צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע מיטן פֿאָרשלאָג ביליק צו טראַנספּאָרטירן קיין סורינאַם אַלע נייטיקע מאַטעריאַלן אויף אירע שיפֿן. זי האָט זיך אויך אונטערגענומען אײַנצוקויפֿן אַלע נייטיקע מאַשינען און אינווענטאַר לויט ספּעציעל נידעריקע הורטפּרײַזן. דער גרעסטער אימפּאָרטירער פֿון טראָפּישע פּרוכטן, די „יונײַטעד פֿרוט קאָמפּאַניע", האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט די פּערספּעקטיוון פֿון צאָלפֿרײַ אַרײַנפֿירן סורינאַמער פּרות אין די בענעלוקס־לענדער.[270]

סוף יאַנואַר 1948 איז אין זשענעווע פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג פֿונעם צו־גרייט־קאָמיטעט פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּליטים־אָרגאַניזאַציע (איראָ) בײַ די פֿאַראייניקטע נאַציעס. די באַראַטונג האָט באַשלאָסן, אַז אין 1948־49 זאָל מען אויסגעבן 10,000,000 דאָלאַר פֿונעם אירא־בודזשעט פֿאַרן טראַנספּאָרט פֿון פּליטים אין נײַע וווינלענדער.

צווייטנס, האָט דער צוגרייט־קאָמיטעט באַשלאָסן צו ציִען דעם אויפֿמערק פֿון רעגירונגען (מיטגלידער און ניט־מיטגלידער) אויף דער כּוונה, וואָס איז אויסגעדריקט אין דער קאָנסטיטוציע: צו עטאַבלירן אַ פֿאָנד פֿון 5,000,000 דאָלאַר פֿאַר גרויס־פֿאַרנעמיקער איבערבאַזעצונג — גרעסערע קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן אין אומאַנטוויקלטע שטחים — דורך פֿרײַוויליקע באַשטײַערונגען. אויב מען וועט באַקומען באַשטײַ־רונגען פֿאַר אַזאַ פֿאָנד, וועט מען זיי אויסנוצן אויף צו געבן אָפּגעקלי־בענע גרופּעס די־פּי אַן אָנהייב־עקיפּירונג, לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מכשי־רים, בוי־אינסטרומענטן אאַז״וו, כּדי מעגלעך צו מאַכן, זיי זאָלן זיך

> אײַנאָרדענען אין דער פֿאָרעם פֿון קאָלאָניעס, וואָס האַלטן זיך אַליין אויס, אין אַזעלכע ערטער ווי די צענטראַל־אַפֿריקאַנער הויכלענדער און אינעם אינעווייניקסטן טייל פֿון דרום־אַמעריקע.[271]

היות ווי די דאָזיקע פּראָגראַם איז געלעגן אויף איין ליניע מיטן פּלאַן פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע, האָט י. נ. שטיינבערג געהאַט אַ באַגעגעניש מיטן שעף פֿון אירא־צוגרייט־קאָמיטעט, דעם אַמעריקאַנער גענעראַל־מאַיאָר וו. אַ. ווּוד יוניאָר (דעם 16טן מאַרץ 1948, אין וואַשינגטאָן).[272] דער גענעראַל האָט דעם 18טן מאַרץ געשריבן שטיינבערגן, אַז ער האָט „מיט קאָפּ און מיט אַ סך אינטערעס" זיך באַקענט מיטן באַריכט פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע און האָט געפֿונען, אַז דאָס איז „אַן עיקרדיקע און ווערטפֿולע באַזע, וואָס אויף איר קאָן מען אויסאַרבעטן אַן ענדלגילטיקן קאָנקרעטן קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט". דער בודזשעט פֿונעם צוגרייט־קאָמיטעט איז דערווײַל באַגרענעצט און דאָס רובֿ געלט גייט אַוועק פּשוט אויף אויסהאַלטן די פּליטים, אָבער עס זײַנען דאָ האָפֿענונגען, אַז נאָכן 1טן יולי וועט זיך דער מצבֿ פֿאַרבעסערן. דער שעף פֿונעם צוגרייט־קאָמיטעט האָט פֿאָרגעלייגט, אַז די ליגע זאָל צושטעלן אַ פֿולן און פּרטימדיקן פּלאַן פֿון איר פּראָיעקטירטער אַרבעט, אַרײַנגערעכנט די פֿינאַנציעלע זײַט, און האָט פֿאָרויסגעזען, אַז די אָרגאַניזאַציע „וועט זײַן פֿאַראינטערעסירט און וועט געבן אײַך הילף דעם פּלאַן צו פֿאַרווירקלעכן". די הילף „וועט זיך מוזן באַגרענעצן, ווי דער מאַקסימום, מיט דעקן די הוצאות פֿון אָקעאַנישן פּאַסאַזשיר־טראַנספּאָרט פֿון דײַטשלאַנד אָדער איטאַליע קיין סורינאַם פּלוס מעגלעך מאַכן פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־ליגע דעם אָפּקלײַב פֿון אירע קאַנדידאַטן".[273] פֿאַר 30,000 פּליטים וואָלטן די טראַנספּאָרט־הוצאות אַליין אויסגעמאַכט עטלעכע מיליאָן דאָלאַר.

מיט אַ חודש שפּעטער האָט אַטערטאָן לי געשמועסט וועגן דעם סורינאַם־פּראָיעקט מיט דזשאָרדזש וואָרען, אַ הויכן אָנגעשטעלטן פֿונעם מלוכה־דעפּאַרטאַמענט און איינעם פֿון די אָנפֿירערס פֿונעם אירא־קאָמיטעט. וואָרען האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז „מען קאָן באַקומען צוויי מיליאָן דאָלאַר פֿונעם אירא־בודזשעט, אויב די פֿרײַלאַנד־ליגע וועט קאָנען אויך אויסלייגן אַזאַ סומע".[274] ווי עס זעט אויס, האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אַ סובסידיע פֿונעם קאָלאָניזאַציע־פֿאָנד פֿון אירא, באַזונדער פֿון די טראַנספּאָרט־קאָסטן.

ווען די פֿרײַלאַנד־ליגע וואָלט, הייסט עס, דיספּאָנירט מיט אירע אייגענע עטלעכע מיליאָן, וואָלט זי געקאָנט באַקומען צוגאָבפֿאָנדן פֿון דער אירא, עס וואָלט געקלעקט געלט אויף צו פֿינאַנצירן דעם ערשטן עטאַפּ פֿון דער קאָלאָניזאַציע, און דאָס וואָלט געשטעלט די גאַנצע זאַך אויף אַ רעאַלן באָדן און צוגעצויגן נײַע, גרעסערע מיטלען. אָבער אין דעם פּרט איז די פֿרײַלאַנד־ליגע געווען אין אַ סך אַן ערגערער מערכה ווי מיט צען יאָר פֿריִער, ווען מיט סורינאַם האָט זיך פֿאַרנומען די קרובֿישע אָרגאַניזאַציע „דזשו־קאָל", וואָס האָט געהאַט געלט פֿאַר דער ערשטער סטאַדיע קאָלאָניזיר־אַרבעט. איצט איז גאָר־

ניט געבליבן ניט פֿון „דזשו־קאָל“, ניט פֿון אירע פֿאָנדן. דער „דזשוינט“, ווי מיר האָבן געזען, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אַפֿילו אין פֿינאַנצירן די עקספּערטן־קאָמיסיע. דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט האָט גענומען דעם פֿרײַלאַנד־פּלאַן וועגן סורינאַם, צוגעזאָגט צו באַטראַכטן — און זיך ניט געאײַלט מיטן ענטפֿער.[275] די יערלעכע פֿרײַלאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון אַרבעטער־רינג (דעם 15טן פֿעברואַר 1948) האָט מסכּים געווען מיט איר פֿאָרזיצער ל. געלפֿאַר, אַז מען זאָל „ניט וואַרטן אויף די יידישע מיליאָנערן“, און האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אויפֿצוקלײַבן 10,000 דאָלאַר פֿאַר פּרעלימינערער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט[276] — דאָ האָט מען אָבער געדאַרפֿט האָבן מיליאָנען.

אויף דעם שטח האָט אַ גרויסע אַקטיוויטעט אַרויסגעוויזן פּראָפֿעסאָר אַלווין דזשאָנסאָן. אַ דאַנק זײַנע באַמיִונגען איז דעם 8טן אַפּריל פֿאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף מיט מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט ממשותדיק זיך באַטייליקן אין אויפֿשטעלן אַ קאָרפּאָראַציע מיט אַ געהעריקן קאַפּיטאַל פֿאַר דער סורינאַם־אַרבעט. עס זײַנען געקומען 28 מענטשן, פֿאַר וועלכע אַלווין דזשאָנסאָן האָט וואַרעם גערעדט וועגן דער פֿרײַלאַנד־ליגע און דער אַרבעט, וואָס זי האָט דורכגעפֿירט; י. נ. שטיינבערג — וועגן דער מערכה פֿון די די־פּי; אַטערטאָן לי — וועגן די רעזולטאַטן פֿון דער אויספֿאָרשונג; און אַ. סטעף — וועגן די פֿינאַנציעלע פֿאָדערונגען. וועגן דעם מיינונגען־אויסבײַט און רעזולטאַטן פֿונעם אָוונט זײַנען קיין מאַטעריאַלן ניט פֿאַרבליבן, מיר ווייסן אַפֿילו ניט די נעמען פֿונעם רובֿ באַטייליקטע.[277] לויט ש. גוטמאַנס באַריכט אויף דער עקזעקוטיווע־זיצונג מיט פֿינף טעג שפּעטער, האָבן געוויסע זייער וויכטיקע מענטשן צוגעזאָגט אַרײַנצולייגן געלט אין דער פּראָיעקטער קאָרפּאָראַציע. לויט ווי ער האָט איבערגעגעבן דעם מחבר על־פּי־זכּרון מיט זעכצן יאָר שפּעטער, האָבן זיי דאָס אָבער אָפּהענגיק געמאַכט פֿון געוויסע „גאַראַנטיעס“. דאָס זעט מען אויך פֿונעם בריוו פֿון דער ליגע צום גובערנאַטאָר פֿון סורינאַם בײַם איבערשיקן אים דעם פֿינאַנצפּלאַן (דעם 21סטן אַפּריל):

> וואָס שייך פֿינאַנצירן דעם פּראָיעקט, האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע שוין אָנגענומען טריט צו עטאַבלירן אַן אינסטיטוציע פֿאַרן בויען און אַנטוויקלען דעם יישובֿ מיט אַ גרונט־קאַפּיטאַל פֿון 5,000,000 דאָלאַר. (...) מאָראַליש און לעגאַל קאָן די דאָזיקע אינסטיטוציע ניט אָנהייבן פֿונקציאָנירן ביז עס וועט ווערן אונטערגעשריבן דער ענדגילטיקער אָפּמאַך צווישן אײַער רעגירונג און דער פֿרײַלאַנד־ליגע.

דעם 7טן מײַ האָט דער גובערנאַטאָר געענטפֿערט, אַז דעם פֿינאַנצפּלאַן וועט מען מימעאָגראַפֿירן און שטודירן צוזאַמען מיטן אַלגעמיינעם באַריכט. ביידע דאָקומענטן זײַנען אַריבער צו די שעפֿן פֿון די רעגירונג־דעפּאַרטאַמענטן. דערווײַל האָט מען געדאַרפֿט אָנהייבן אַ ברייטע אויפֿקלער־אַקציע. אין דער צווייטער העלפֿט מײַ האָט די ליגע אָפּגעגעבן אין דרוק אַ בראָשור (ענגליש) א״ק אויף אַ נײַעם באַדן, אונטער אַ נײַעם הימל[278] מיט קורצע סך־הכּלען וועגן

דעם סורינאַם־פּראָיעקט און די נייטיקע פֿאָנדן אים צו פֿאַרווירקלעכן און מיט אַן אַפּעל צום אַמעריקאַנער פֿאָלק צו העלפֿן אָט דער הילפֿאַקציע פֿאַר ייִדישע פּליטים. די אַלגעמיינע קאָניונקטור, ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען, האָט זיך אָבער דערווײַל שטאַרק געביטן, און חוץ דעם זײַנען אויפֿגעקומען פֿאַרשיידענע קלענערע שטרויכלונגען, וואָס האָבן געהאַמעוועט די אַקציע.

אַזוי, למשל, האָט די „עקאָנאָמישע פּליטים־קאָרפּאָראַציע" פּונקט אין יע־נער צײַט פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אינפֿאָרמאַטיוו ביכל וועגן פֿאַרשיידענע מעבֿר־לים־לענדער, וואָס קאָנען אָדער קאָנען ניט קומען אין באַטראַכט פֿאַר ייִדישער אימיגראַציע. אינעם ביכל איז אויך געווען אָפּגעדרוקט אַן אַלטער אַרטיקל פֿון קאַרל דזש. פּעלזער (אַסאַציִירטער פּראָפֿעסאָר פֿון געאָגראַפֿיע, יעיל־אוניווער־סיטעט) „קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן אין דער בריטישער גוויאַנע און סורינאַם" מיט נעגאַטיווע אויספֿירן בנוגע ביידע לענדער. היות ווי די „קאָרפּאָראַציע" און די קאַפּיטאַליסטישע קרײַזן הינטער איר האָבן געהאַט אַ שטיקל אויטאָרי־טעט צווישן דער ייִדישער בורזשואַזיע, האָט דאָס ביכל גלײַך אָפּגעשטויסן פֿו־נעם סורינאַם־פּראָיעקט עטלעכע וויכטיקע געלטמענטשן, וואָס האָבן צוגעזאָגט זיך צו באַטייליקן אין פֿינאַנצירן אים. ווען די ליגע האָט זיך געווענדט מיט אַן אָנפֿרעג צום פּראָפֿ׳ פּעלזער, האָט ער געענטפֿערט (דעם 2טן יוני), אַז דעם אַרטיקל האָט ער געהאַט אָנגעשריבן מיט צען יאָר פֿריִער, „אויפֿן סמך פֿון אַ קורצן איבערבליק פֿון דער ליטעראַטור וועגן די גוויאַנעס", נאָך איידער עס זײַנען געמאַכט געוואָרן (אין 1939) די בריטיש־אַמעריקאַנער עקספּעדיציע אין דער בריטישער גוויאַנע און די האָלענדער עקספּעדיציע בראָש מיט פּראָפֿ׳ סוועלענגרעבעל קיין סורינאַם. פּראָפֿ׳ פּעלזער האָט אָנערקענט, אַז דער באַריכט פֿון דער בריטיש־אַמעריקאַנער עקספּעדיציע און פּראָפֿ׳ סוועלענגרעבעלס בוך דאָס געזונט פֿון ווײַסע קאָלאָניסטן אין סורינאַם (אַמסטערדאַם, 1940) האָבן אין גאַנצן געביטן זײַן קוק אויף די גוויאַנעס און אַז דער באַריכט פֿון דער פֿרײַ־לאַנד־עקספּעדיציע האָט אים באַוויזן, אַז ניט נאָר איז דער ברעגפּליין פֿון סו־רינאַם צוגעפּאַסט פֿון סאַניטאַרן שטאַנדפּונקט, נאָר איז אויך זייער שיטער באַ־פֿעלקערט, להיפּוך צו זײַן פֿריִערדיקן „פֿאַלשן אײַנדרוק, אַז די ברעגפּליינען זײַנען אין גאַנצן באַזעצט פֿון יאַוואַנער און אינדיער". ער האָט באַגריסט דעם עקספּערטן־באַריכט ווי אַן אויסגעצייכנטן פּלאַן מיט גוטע פּערספּעקטיוון און האָט אונטערגעשטראָכן:

> איך פֿיל זייער שטאַרק, אַז ס׳וואָלט געווען ביז גאָר באַדויערלעך, אויב מײַן פּרעלימינערע ביבליאָטעק־שטודיע פֿון 1939 זאָל ציטירט ווערן ווי אַ באַווײַז קעגן דער מעגלעכקייט צו פֿאַרווירקלעכן דעם פּראָ־יעקט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע, וואָס איז פּלאַנירט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון אַן עקסטענסיווער פֿעלדאַרבעט פֿון אַ גרופּע ספּעציאַליסטן.

אָבער דער שאָדן איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן. עס קאָן ניט זײַן קיין ספֿק, אַז בײַם אָפּדרוק אין 1948 דעם פֿאַרעלטערטן אַרטיקל, וואָס האָט זיך אָפּגע־

וואַלגערט אין אירע אַרכיוון גאַנצע צען יאָר, האָט די אָנפֿירונג פֿון דער „עקאָנאָמישער פּליטים־קאָרפּאָראַציע" זייער גוט געוווּסט, אַז ער גיט אַ פֿאַלשע, לאַנג אָפּגעפֿרעגטע אינפֿאָרמאַציע. דאָס זאָגט עדות וועגן אירע כּוונות בנוגע דעם סורינאַם־פּראָיעקט.

די גרעסטע קאָמפּליקאַציעס פֿאַרן סורינאַם־פּראָיעקט זײַנען אָבער געקומען פֿון אַן אַנדער ריכטונג. עס האָבן זיי גורם געווען די פּאָליטישע שינויים אין פּאַלעסטינע און זייער אָפּקלאַנג אין דער ייִדישער און אינטערנאַציאָנאַלער סבֿיבֿה.

די פּאַלעסטינער און ייִדישע פֿראַגעס אין די פֿאַראייניקטע נאַציעס

די רעקאָמענדאַציעס פֿון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע וועגן פּאַלעסטינע זײַנען ניט אַרײַן אין לעבן,[279] און די לאַגע דאָרטן האָט זיך נאָך מער פֿאַרערגערט. אין פֿעברואַר 1947 האָט די בריטישע רעגירונג פֿאַרלאַנגט, אַז די פּאַלעסטינער פֿראַגע זאָל מען באַטראַכטן אויף אַ ספּעציעלער גענעראַלער אַסאַמבלעע פֿון יו־ען, וואָס איז זיך טאַקע צונויפֿגעקומען אָנהייב מײַ 1947. צוליב גאַנץ פֿאַרשטענדלעכע טעמים פֿון פּאָליטישן טאַקט האָט זיך די פֿרײַלאַנד־ליגע ניט געווענדט צו דער אַסאַמבלעע מיט קיין מעמאָראַנדום. גרויס־בריטאַניע האָט פֿאָרמולירט איר אַפּעל צו יו־ען בלויז אין טערמינען פֿון פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע פֿון „רעגירונג פֿאַר פּאַלעסטינע", פֿון דער יו־ען־טריבונע האָט מען אָבער אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, וואָס זײַנען אַרויס פֿון אָט דעם גבֿול. פֿין מו, דער נאָרוועגישער דעלעגאַט צום פּאָליטישן קאָמיטעט פֿון יו־ען, האָט דעם 7טן מײַ געמאָלדן:[280]

> די נאָרוועגישע דעלעגאַציע האָט געבעטן אַ וואָרט צו דער דיסקוסיע בכדי צו ציִען דעם אויפֿמערק פֿונעם קאָמיטעט צו איין זײַט פֿון דער באַטראַכטער פּראָבלעם, וואָס איז ביז איצט ניט באַרירט געוואָרן. לויט דער מיינונג פֿון דער נאָרוועגישער דעלעגאַציע ווערן די שוועריקייטן בײַם געפֿינען אַ יושרדיקע און צופֿרידנשטעליקע פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער פּאַלעסטינע־פֿראַגע פֿאַרגרעסערט דורכן צונויפֿשליסן צוויי פּראָבלעמען, וואָס זײַנען לאו דווקא אָפּהענגיק איינע פֿון דער אַנדערער.
>
> די ערשטע פּראָבלעם איז די פֿראַגע פֿונעם קומענדיקן סטאַטוס פֿון פּאַלעסטינע, די צווייטע פּראָבלעם איז די פֿראַגע פֿון די היימלאָזע ייִדן אין אייראָפּע. די דאָזיקע צוויי פּראָבלעמען ווערן געוויינטלעך צוזאַמענגעהאָפּטן בײַ יעדער באַטראַכטונג פֿון דער פּאַלעסטינע־פֿראַגע. (...) עס מוז קלאָר זײַן פֿאַר יעדן איינעם, אַז דער איינציקער פּועל־יוצא פֿון צוזאַמענהעפֿטן אָט די צוויי פּראָבלעמען איז שווערער צו מאַכן די פֿאַרענטפֿערונג פֿון יעדערער פֿון זיי. (...) דעריבער דערלויבט זיך די נאָרוועגישע דעלעגאַציע אַרויסצוזאָגן די מיינונג, אַז די אויפֿגאַבע פֿון אָט דער ספּעציעלער סעסיע פֿון דער גענעראַלער אַסאַמבלעע און אויך פֿון דער רעגולערער סעסיע הײַנטיקן האַרבסט וועט לײַכטער ווערן, אויב מיר זאָלן מאַכן די פֿראַגע פֿון ייִדישער היימלאָזיקייט אין אייראָפּע

> אַן אָביעקט פֿון ספּעציעלער פֿאָרשונג, וואָס דאָס שליסט, פֿאַרשטייט זיך, ניט אויס, אַז מען זאָל זי אויספֿאָרשן אין שייכות מיט דער פּאַלעסטינע־פֿראַגע.
>
> דאָס איז ניט נאָר ווינטשנסווערט; דאָס איז נייטיק, ווײַל ס׳איז אַ פֿאַקט, אַז אַפֿילו אין די גינציקסטע פּאָליטישע באַדינגונגען וועט פּאַלעסטינע במשך פֿון אַ לאַנגער צײַט ניט קאָנען אַבסאָרבירן אַלע ייִדישע פּליטים און אַלע היימלאָזע ייִדן פֿון אייראָפּע. (...)
>
> (...) די פּראָבלעם פֿון ייִדישער היימלאָזיקייט קאָן פֿאַרענטפֿערט ווערן נאָר דורך געפֿינען ערטער פֿאַר גרויס־פֿאַרנעמיקער קאָלאָניזאַציע אין די מעבֿר־לים־טעריטאָריעס פֿון פֿרײַהייט־ליבנדיקע פֿעלקער. אין דער שייכות וויל די נאָרוועגישע דעלעגאַציע אויסדריקן איר אָנערקענונג דער רעגירונג פֿון נידערלאַנד און די מאַכטאָרגאַנען פֿון דער האָלענדישער גוויאַנע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן זייער גרייטשאַפֿט אָנצונעמען אַ גרויס־פֿאַרנעמיקע ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם און מיטצוהעלפֿן איר. (...)
>
> (...) איך וויל דאָ בלויז דערמאָנען די פֿרײַלאַנד־ליגע, וואָס אַ דאַנק אירע התמדהדיקע באַמיִונגען האָבן זיך געעפֿנט פּאָזיטיווע מעגלעכקייטן פֿון אַ גרויס־פֿאַרנעמיקער קאָלאָניזאַציע אין דער האָלענדישער גוויאַנע.
>
> די נאָרוועגישע דעלעגאַציע וויל דאָ אַרויסברענגען אָט וואָס: חוצן שטודירן די פֿראַגע פֿונעם קומענדיקן סטאַטוס פֿון פּאַלעסטינע און די פֿאַרגעלייגטע אימיגראַציע אַהין, דאַרף די גענעראַלע אַסאַמבלעע, לשם פֿאַרווירקלעכן די הומאַניטאַרע פּרינציפּן פֿון איר טשאַרטער, מאַכן אין דער זעלבער צײַט אַן אויספֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער פּליטים־פּראָבלעם און די מעגלעכקייטן פֿון צײַטווײַליקער אָדער פּערמאַנענטער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע.

די גענעראַלע אַסאַמבלעע האָט דעם 15טן מײַ באַשטימט אַ קאָמיסיע פֿון פֿאָרשטייערס פֿון 11 מלוכות אויף ס׳נײַ אויסצופֿאָרשן די פּאַלעסטינע־פֿראַגע און פֿאָרלייגן אַ פֿאַרענטפֿערונג. די סיטואַציע איז צום טייל לײַכטער געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס די ייִדישע אַגענץ האָט דערווײַל אויפֿגעהערט צו באַשטיין אויפֿן פּאָסטולאַט פֿון דער בילטמאָר־פּראָגראַם וועגן פֿאַרוואַנדלען גאַנץ פּאַלעסטינע אין אַ ייִדישער מלוכה, נאָר האָט מסכּים געווען אויף „אַ לעבנס־פֿעיִקער ייִדישער מלוכה אין אַן אַדעקוואַטן טייל פּאַלעסטינע״, ד״ה צוריקקומען צו דער שטעלונג פֿונעם 20סטן ציוניסטישן קאָנגרעס (1937) בנוגע הלוקה. נאָך זעקס וואָכן אויפֿן נאָענטן מיזרח האָט טאַקע די יו־ען־קאָמיסיע מיט 8 שטימען קעגן 3[281] פֿאָרגעלייגט צו צעטיילן פּאַלעסטינע אויף אַ ייִדישער און אַן אַראַבישער מלוכה (באַריכט פֿון 1טן סעפּטעמבער 1947). אין דער זעלבער צײַט האָט זי אָבער דערקלערט אינעם אַרײַנפֿיר־טייל פֿון איר באַריכט („פּרינציפּן־דעקלאַראַציע״, פּונקט 12):

> בײַם אָפּשאַצן די פּאַלעסטינע־פֿראַגע מוז מען אָנערקענען ווי אומאָפּפֿרעגלעך, אַז אַ וועלכע עס זאָל ניט זײַן פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר פּאַלעסטינע קאָן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער ייִדישער פֿראַגע בכלל.

דער פּונקט 6 פּונעם באַריכט האָט אונטערגעשטראָכן:

די גענעראַלע אַסאַמבלעע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס דאַרף תּיכּף שליסן און דורכפֿירן אין לעבן אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך, וואָס לויט אים זאָל די פּראָבלעם פֿון היימלאָזע ייִדן (וואָס אַרום 250,000 פֿון זיי געפֿינען זיך אין לאַגערן) באַהאַנדלט ווערן ווי אַן ענין פֿון עקסטרעמער דרינגלעכקייט בכדי לײַכטער צו מאַכן זייער שווערע מערכה און די פּאַ־לעסטינע־פּראַגע.[282]

דאָס איז געווען אין הסכּם מיטן שטאַנדפּונקט פֿון דער נאָרוועגישער דע־לעגאַציע און קעגן דער עקשנותדיקער פּאָליטיק פֿון די ציוניסטן טאָטאַל צו אינטעגרירן די ייִדישע פּליטים־פּראַגע מיט דער פּראַגע פֿון אַ ייִדישער מלוכה אין פּאַלעסטינע. האָט טאַקע די ציוניסטישע „לאָבי" [283] אין דער יו־ען זיך באַ־מיט אײַנצורײדן דער נאָרוועגישער דעלעגאַציע (און מסתּמא אויך אַנדערע) צו שטימען קעגן פּונקט 6, זי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט.[284]

בײַם אויסאַרבעטן דעם חלוקה־פּלאַן האָט זיך די קאָמיסיע געפֿלײַסט צו רעכענען קודם־כּל מיט דער עטנישער געאָגראַפֿיע פֿון פּאַלעסטינע. זי האָט צעשניטן דאָס לאַנד אויף אַכט חלקים. ירושלים און בית־לחם, ווי הייליקע מקו־מות, האָבן געזאָלט בלײַבן אַ נייטראַלער שטח אונטער דער פֿאַרוואַלטונג פֿון יו־ען. יפֿו האָט געזאָלט ווערן אַן אַראַבישער ענקלאַוו אויף ייִדישער טעריטאָ־ריע. דער איבעריקער שטח פֿון פּאַלעסטינע האָט געזאָלט פֿאַרטיילט ווערן אויף זעקס ראַיאָנען אין דער פֿאָרעם פֿון אַ שאַכברעט. די אַראַבישע מלוכה האָט גע־דאַרפֿט באַשטיין פֿון דרײַ ראַיאָנען (צענטראַל־פּאַלעסטינע, מערבֿ־גליל און צפֿון־מערבֿ־טייל פֿון נגבֿ מיט דרום־שפֿלה) און די ייִדישע מלוכה אויך פֿון דרײַ (דער ים־פּליין פֿון גדרה ביז חיפֿה, מיזרח־גליל און דער גרעסטער טייל נגבֿ). אַזאַ געאָפּאָליטיש אומנאַטירלעכע צעטיילונג האָט געקאָנט האָבן אַ ממשות נאָר בתּנאַי, אַז בײדע מלוכות זאָלן זיך געפֿינען אין אַן ענגער עקאָנאָמישער, טראַנספּאָרט־ און צאָל־פֿעדעראַציע, ווי דאָס האָט טאַקע פֿאָרויסגעזען דער צע־טיילפּלאַן. אין די קאָנקרעטע עקסיסטירנדיקע פֿאַרהעלטענישן האָט מען זיך אָבער ניט געקאָנט ריכטן אויף אַזאַ ייִדיש־אַראַבישער צוזאַמענאַרבעט.

סוף נאָוועמבער 1947 איז דער ענין געשטעלט געוואָרן צו דער באַטראַכ־טונג פֿון דער גענעראַלער אַסאַמבלעע. כּדי דער צעטיילפּלאַן זאָל דורכגײן, האָט ער געדאַרפֿט קריגן צוויי דריטל שטימען פֿון די מיטגלידער־מלוכות (דעמאָלט 56 אין צאָל). די אַראַבישע לענדער זײַנען געווען קעגן שאַפֿן אַ ייִדישע מלוכה אין טייל פּאַלעסטינע, און ענגלאַנד האָט פֿאָרויס געמאָלדן, אַז זי וועט גאָרניט טאָן אויף צו פֿאַרווירקלעכן די רעקאָמענדאַציעס פֿון דער קאָמיסיע. עס האָט זיך אָבער געשאַפֿן אַן אויסנעמיקע פּאָליטישע קאָניונקטור לטובֿת דעם צעטייל־פּלאַן: עס האָבן אים אונטערגעהאַלטן, יעדערע צוליב אירע אייגענע טעמים, די צוויי גרעסטע מלוכות פֿון דער יו־ען — אַמעריקע און סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס נאָרמאַל האָבן זיי געפֿירט אַ קעגנזעצלעכע פּאָליטיק. ביי יענער כּוחות־פֿאַר־

העלטעניש אין דער יו־ען, ווען עס האָט נאָך דאָרט ניט עקסיסטירט דער גרויסער בלאָק פֿון נײַע אַפֿראָ־אַזיאַטישע מלוכות, האָט דאָס געהאַט אַ מכריעדיקן באַטײַט.

אַרויסטרעטנדיק אויף דער אַסאַמבלעע לטובֿת דעם צעטיילפּלאַן, האָט דער האָלענדישער דעלעגאַט ד״ר ע. מ. י. סאַסען דערמאָנט, אַז זײַן לאַנד איז במשך פֿון זײַן גאַנצער געשיכטע געווען פֿרײַנדלעך צו ייִדן און געהאָלפֿן ייִדישע פּליטים, און אַז אויך איצט, כאָטש האָלאַנד לײַדט נאָך אַליין פֿון די מלחמה־קאָנסעקווענצן,

האָבן מיר זיך באַמיט צו טאָן אונדזער חלק פֿאַרן פֿאַרענטפֿערן די [פּליטים־] פֿראַגע דורך אַרײַננעמען טויזנטער פֿון זיי, ייִדן און ניט־ייִדן, אין אונדזער שוין איצט געדיכט באַפֿעלקערט לאַנד. אין דער לעצטער צײַט איז לויט דער איניציאַטיוו פֿון די סטאַטן פֿון סורינאַם (די לעגיסלאַטיוו פֿון יענעם טייל פֿון אונדזער קיניגרײַך) און בײַ דער פֿולהאַרציקער אונטערשטיצונג פֿון מײַן רעגירונג געשלאָסן געוואָרן אַ הסכם מיט אַ ייִדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט פֿרײַלאַנד־ליגע, מכּוח אַ גרויסער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם — אין פּרינציפּ, פֿון 30,000 ייִדן.[285]

דעם 29סטן נאָוועמבער 1947 האָט די גענעראַלע אַסאַמבלעע אָנגענומען דעם פּלאַן צו צעטיילן פּאַלעסטינע אויף צוויי מלוכות לויט די אויבן געבראַכטע רעקאָמענדאַציעס. 33 מלוכות האָבן געשטימט פֿאַר, 13 קעגן, 10 (אַרײַנגערעכנט גרויס־בריטאַניע) האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. אויב מען זאָל ניט רעכענען דעם נגבֿ, וואָס האָט געהאַט נאָר אַ באַגרענעצטע ווערט פֿאַר אַבסאָרבירן נײַע אימיגראַנטן, איז די טעריטאָריע פֿון דער ייִדישער מלוכה לויטן באַשלוס פֿון דער יו־ען געווען קלענער און ערגער צוגעשניטן ווי לויטן פּלאַן פֿון דער בריטישער קיניגלעכער קאָמיסיע אין 1937. אָבער אין 1937 האָט די פּערספּעקטיוו פֿון אַן אומאָפּהענגיקער ייִדישער מלוכה אויף אַזאַ באַגרענעצטן שטח ניט אַרויסגערופֿן קיין התפּעלות אַפֿילו בײַ די ציוניסטן, וואָס האָט געשטימט פֿאַר חלוקה אויפֿן 20סטן קאָנגרעס, און האָט, אַדרבא, געשטאַרקט די שטימונגען לטובֿת נאָך אַ טעריטאָריע פֿאַר ייִדן. אין צען יאָר אַרום, נאָך דער איבערגעלעבטער פּרוסטראַציע פֿונעם „ווײַסן בוך״־רעזשים, נאָכן ייִדישן חורבן אין אייראָפּע, נאָכן פֿאַרצווייפֿלטן באַוואָפֿנטן קאַמף קעגן דער בריטישער אַדמיניסטראַציע, נאָך דער סכּנה, אַז פּאַלעסטינע קאָן צום סוף ווערן ניט קיין ייִדישע, נאָר אַן אַראַבישע מלוכה — האָט דער באַשלוס פֿון דער יו־ען אַרויסגערופֿן אַן אומגעווייִנלעכן און פּסיכאָלאָגיש אין גאַנצן פֿאַרשטענדלעכן ענטוזיאַזם בײַ ייִדן.

אויך די פֿרײַלאַנדיסטן האָבן, פּונקט ווי אין 1937, געהאַלטן די באַשאַפֿונג פֿון אַ ייִדישער מלוכה אויפֿן שטח פֿון ייִדישער קאָנצענטראַציע אין פּאַלעסטינע פֿאַר אַ פּאָזיטיוון פֿאַקט און האָבן אים אויפֿריכטיק באַגריסט. מיר האָבן געזען די אָפּרופֿן פֿון די פֿרײַלאַנד־ליגעס אין רומעניע, פּוילן און עסטרײַך. דער

עדיטאָריאַל אינעם נאָוועמבער־דעצעמבער נומער אויפֿן שוועל האָט דערקלערט, אַז

> דער באַשלוס פֿון די פֿעלקער צו שאַפֿן אַ ייִדישן שטאַט האָט אַ היסטאָרישן באַטײַט אין דעם זינען, וואָס ער האָט אָפֿיציעל אָנערקענט דאָס רעכט פֿון ייִדישן פֿאָלק אויף אַן אייגענעם פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן אויטאָנאָמען לעבן. זאָל זײַן, אַז די מלוכה אין א״י באַציט זיך נאָר אויף אַ קליינעם טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק און נעמט אַרום נאָר אַ קליינעם שטח פֿון לאַנד, — אָבער וויכטיק איז די אָנערקענונג פֿון דעם פּרינציפּ. (...) דער באַשלוס איז אויך צו באַגריסן דערפֿאַר, וואָס ער עפֿנט אַ מעגלעכקייט פֿאַר אַ גרעסערער אײַנוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין א״י, פֿאַרלײַכטערנדיק דערמיט די אומדערטרעגלעכע לאַגע פֿון אונדזערע ברידער אין אייראָפּע.

די איינשטימיקע מיינונג פֿון אַלע פֿרײַלאַנדיסטן איז אָבער געווען, אַז אויך נאָכן היסטאָרישן יו־ען־באַשלוס בלײַבט דער ענין סורינאַם אַקטועל. דער ציטירטער עדיטאָריאַל האָט זיך פֿאַררופֿן אויף די שוועריקייטן פֿון אײַנפֿעסטיקן די ייִדישע מלוכה אין אָנבליק פֿון דער אַראַבישער פֿײַנדשאַפֿט, ווי אויך אויף דער אומפֿאַרמײַדלעכער בהדרגהדיקייט און באַגרענעצטקייט פֿון דער פֿאָרשטייענדיקער ייִדישער אימיגראַציע אַהין.[286] די דאָזיקע אָפּגעהיטע מאָטיווירונג האָט ניט דערמאָנט נאָך אַ וויכטיקן מאָמענט: אַ סך פֿון די, וואָס האָבן זיך אָריענטירט אויף סורינאַם, האָט בכלל ניט געצויגן קיין פּאַלעסטינע; זיי האָבן געשטרעבט צו מאַכן אַן אייגענעם און אַנדערשדיקן עקספּערימענט אויף אַ נײַעם, אומבאַאַרירטן באָדן.

נײַע קאָנצענטרירטע אַטאַקע אויפֿן סורינאַם־פּראָיעקט

דעם 29סטן נאָוועמבער 1947 האָט דער ציוניזם, לויט זײַן אייגענער אָפּשאַצונג, אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן דיפּלאָמאַטישן נצחון. ווי ד״ר מענדל סודאַרסקי האָט געשריבן אין אַ פּאָר חדשים אַרום[287] —

> מ׳האָט געקענט דערוואַרטן, אַז נאָך דעם היסטאָרישן באַשלוס פֿון דער „יונײַטעד ניישאָנס אַסעמבלי“ וועגן דער צעטיילונג פֿון ארץ־ישׂראל, וועט זיך אָפּטאָן די גרויסע קעגנערשאַפֿט צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע און איר סורינאַם־פּראָיעקט. און באמת — די אַלע פֿריִערדיקע טענות, אַז צוליב די איינצלנע „פֿרײַלאַנד־ביימער“ וועט מען ניט דערזען אָדער פֿאַרזען דעם געדיכטן א״י־וואַלד; אַז סורינאַם שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ גרויסע קאָנקורענץ און געפֿאַר פֿאַר דעם בוי פֿון אַ ייִדישער מלוכה; אַז דער נאָבעלער פֿאָרשלאָג מצד דער האָלענדישער רעגירונג קען דינען ווי אַן אָפּלייטער און תּירוץ פֿאַר די פֿעלקער און באַזונדערס פֿאַר ענגלאַנד, וואָס וועלן טײַטלען מיט די פֿינגער אויף סורינאַם ווי אויף אַ פּלאַץ פֿאַר די אומגליקלעכע די־פּיס — אָט די אַלע טענות פֿאַלן דאָך איצט אָפּ.

געשען איז אָבער דאָס היפּוכדיקע. די ציוניסטישע שׂינאה צום סורינאַם־פּראָיעקט איז געוואָרן נאָך ביטערער. עס האָט אַפֿילו ניט געהאָלפֿן די כּמות־

דיקע באַשיידנקייט פֿונעם פּראָיעקט — 30,000 ייִדן אין פֿאַרגלײַך מיט הונדער־טער טויזנטער, וואָס מען האָט געפּלאַנט אַרײַננעמען אין דער ייִדישער מלוכה, די אָפּשטימונג אין די פֿאַראייניקטע נאַציעס האָט בולט באַוויזן, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע און דער סורינאַם־פּראָיעקט זײַנען ניט געווען קיין שטער פֿאַרן ציוניזם. דער עיקר איז געווען דער טאָטאַליטאַרישער פּרינציפּ, און תּירוצים האָט מען געקאָנט אויסזוכן נײַע. להיפּוך צו דער פֿריִער ציטירטער באַוואָרעניש אין די רעקאָמענדאַציעס פֿון דער יו־עֿן־קאָמיסיע פֿאַר פּאַלעסטינע, האָט די ציוניסטי־שע פּרעסע און פּראָפּאַגאַנדע ענערגיש געטענהט, אַז די רעזאָלוציע פֿון 20סטן נאָוועמבער 1947 שטעלט מיט זיך פֿאַר די פֿולע און ענדגילטיקע פֿאַרענטפֿע־רונג פֿון דער ייִדן־פֿראַגע. אָקערשט איז דער סורינאַם־פּראָיעקט געווען „שעד־לעך״, איצט איז ער געוואָרן „איבעריק״.[288] די נײַע טענה איז געוואָרן: „צו וואָס דאַרף מען עס?״[289] דאַכט זיך, די פּשוטסטע זאַך וואָלט געווען איבערצו־לאָזן די פּליטים גופֿא צו באַשליסן, וווהין יעדערער פֿון זיי וויל פֿאָרן — קיין פּאַלעסטינע, קיין סורינאַם, צי נאָך ערגעץ ווו אַנדערש. אָבער אין דער ייִדיש־אַמעריקאַנער פּרעסע האָט אָט דעם עלעמענטאַר פּשוטן געדאַנק אַרויסגעזאָגט נאָר אַ. גלאַנץ אין טאָג פֿון 4טן מאַרץ 1948:

> זײַנען זיי [די לאַגער־ייִדן] דאָך ניט בלויז דער אָביעקט פֿון אַ ייִדי־שער פּאָליטיק. זייער סוביעקטיווער אײַנשטעל מוז דאָך אונדז אומבאַדינגט אינטערעסירן און אָנגיין.

די בריוו, וואָס זײַנען אָנגעקומען צו דער עקזעקוטיווע פֿון די אָרטיקע פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציעס אָנהייב ווינטער 48/1947, זאָגן עדות, אַז די ציוניס־טישע שליטה איבער דער ייִדישער געזעלשאַפֿט איז נאָכן יו־עֿן־באַשלוס געוואָרן אַזוי גרויס, די אויפֿגעמונטערטע ציוניסטישע קאַמפּאַניע אַזוי אינטענסיוו, אַז במשך פֿון אַ פּאָר חדשים איז כּמעט אוממעגלעך געווען עפֿנטלעך צו אַרבעטן פֿאַר פֿרײַלאַנד־צילן. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז באמת צו באַוווּנדערן, אַז פֿון דער פּראָווינץ זײַנען כּסדר אָנגעקומען באַשטײַערונגען פֿאַרן עקספּעדיציע־פֿאָנד. דעם האָלענדישן יו־עֿן־דעלעגאַטס ווערטער וועגן דעם סורינאַם־פּראָ־יעקט, דעם סורינאַמער גובערנאַטאָרס בריוו צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע פֿון 4טן דעצעמבער 1947, דער אַרויספֿאָר פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע קיין סורינאַם — דאָס אַלץ האָט געוויזן, אַז דער פּראָיעקט איז אַקטועל און האַלט אויף אַ דרך, האָט דאָס נאָך מער געשטאַרקט די ציוניסטישע אַנטשלאָסנקייט אים אומצו־ברענגען. די אַנטיסורינאַם־קאַמפּאַניע אין דער פּרעסע איז געווען בלויז דער קלענער חלק פֿון אַן אײַזבאַרג, וואָס זעט זיך איבערן וואַסער; דער ווײַט גרע־סערער און עפֿעקטיווערער טייל אַקציע איז געגאַנגען הינטער דער סצענע.

פֿון די קעגנערישע פּרעסע־אַרויסטריטן פֿון אָט דעם פּעריאָד קאָן מען דערמאָנען אפֿרים אויערבאַכס „אויפֿן וואָגשאָל״־קאָלום אין מאָרגן־זשורנאַל פֿון 16טן דעצעמבער 1947, וואָס מ. מענדעלסבערג (אויפֿן שוועל, דעצעמבער 1947) האָט כאַראַקטעריזירט ווי „דעמאַגאָגיע און איגנאָראַנץ״. אין 1947 איז קיין

פֿאַראַמאַריבאָ געקומען מ. מעדזיני פֿון תּל־אָבֿיבֿ צו קלײַבן געלט פֿאַרן „קרן־היסוד“; ער האָט דאָרט פֿאַרבראַכט פֿינף טעג און האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿאָרווערטס פֿון 22סטן פֿעברואַר אַ לאַנגן אַרטיקל, וואָס האָט קאַטעגאָריש פֿאַראורטײלט סורינאַם — „און דאָס בלויז דערפֿאַר, ווײַל ער מיינט, אַז עס איז זײַן חובֿ צו דיסקרעדיטירן דעם געדאַנק פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם“, ווי ס'האָט געשריבן דער סורינאַמער ייִד ה. סאַמסאָן אין זײַן הכּחשה־בריוו צו דער רעדאַקציע פֿון פֿאָרווערטס, וואָס האָט זי (לויטן מינהג פֿון דער ניו־יאָרקער ייִדישער פּרעסע) ניט אָפּגעדרוקט.[290] די צוקונפֿט האָט זיך אין נאָוועמבער 1947 אָפּגעזאָגט צו דרוקן ש. גוטמאַנס אַרטיקל וועגן סורינאַם. ערשט נאָכן פּראָטעסט פֿונעם פּראָפֿרײַלאַנדער אַרבעטער־רינג־קאָמיטעט און אַ לאַנגער געזעלשאַפֿטלעכער אַקציע האָט די צוקונפֿט (פֿעברואַר־נומער 1948) אָפּגעדרוקט ש. גוטמאַנס „ייִדן אין סורינאַם“,[291] אָבער אין דער באַגלייטונג פֿון אַ קעגנסם — דעם רעדאַקטאָר הלל ראָגאָפֿס „אַ מיינונג פֿון אַ קעגנער פֿון דעם סורינאַם־פּראָיעקט“. ראָגאָף, וואָס איז אין דער נאָכמלחמהדיקער אייראָפּע ניט געווען און האָט זיך מיט דער שארית־הפּליטה ניט באַגעגנט, האָט אויטאָריטעטפֿול דעצידירט, אַז ייִדן וועלן אינעם ווילדן סורינאַם ניט גיין, טאָמער יאָ — טויגן די ייִדישע פּליטים סײַ ווי ניט פֿאַר קאָלאָניזאַציע, מען דאַרף זיי נאָך אַ צײַט האַלטן אין קאַראַנטין, ביז זיי וועלן ראָוי ווערן צו אַ ציוויליזירט לעבן, און בכלל האָבן די הײמלאָזע ייִדן „ניט פֿאַרדינט, מען זאָל זיי פֿאַרשיקן אין די הרי־החושך“.

דער באַליידיקנדיקער נוסח פֿון ראָגאָפֿס אַרטיקל, זײַן פּאָזע פֿון אַן אַלײן־געזאַלבטן דעה־זאָגער און פֿאַרזאָרגער פֿון די אייראָפּעיִשע ייִדן האָט געוואַלדיק אויפֿגעבראַכט די פֿרײַלאַנדיסטישע שארית־הפּליטה. אין דער צוקונפֿט־רעדאַקציע זײַנען אָנגעקומען בריוו מיט שטאַרקע אָפּענטפֿערס פֿון אליעזר פֿרענקעל (יאַס), מרדכי שעכטער (ווין), שמואל אַבּרבּנאל[292] (אונטער־שלעזיע), מ. באַלבערישסקי (לאָדזש), יצחק האָפֿמאַן (האַמבורג), ב. ליפֿשיץ (לאַגער וועגשייד, אייבער־עסטרײַך). די אַלע בריוו האָט די צוקונפֿט ניט געדרוקט;[293] זי האָט פֿון דעסט וועגן געמאַכט אַן אויסנעם פֿאַרן בריוו פֿון י. קאַטשערגינסקין, מיט נאָך 78 חתימות פֿון פּליטים־פֿרײַלאַנדיסטן אין עסטרײַך, וואָס איז אונטערן קעפּל „סורינאַם — אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט“ פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אינעם אַפּריל־נומער פֿון דער צוקונפֿט.

אויף אָט דעם פֿאָן האָט זיך אויסגעטײלט ווי אַ זעלטענער מוסטער פֿון רויִקייט און אָנפּניותדיקייט דער אַרטיקל „קען אונדז שאַטן אָדער נוצן ברענגען נאָך אַ ייִדישער ייִשובֿ?“ פֿונעם אַרגענטינער ציוניסטישן פּובליציסט שמואל ראָזשאַנסקי אין דער בוענאָס־אײַרעסער ציוניסטישער ייִדישער צײַטונג פֿון 23סטן פֿעברואַר 1948. נאָך אַ קורצן אַרײַנפֿיר וועגן דעם באַריכט פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע, האָט ראָזשאַנסקי קאָנסטאַטירט:

> עס איז שוין אַ באַקאַנטע זאַך, אַז פֿאַר געוויסע מענטשן איז „פֿרײַלאַנד" טריף שבטריף.
>
> דאָס, וואָס אין שפּיץ פֿון „פֿרײַלאַנד" שטייט אַ גרויסע ייִדישע פּערזענלעכקייט, יצחק נחמן שטיינבערג (...), איז פֿאַר געוויסע מענטשן אַלץ נישט געגנוג, אַז זיי זאָלן כאָטש האָבן אַ ביסעלע טאָלעראַנץ... נישט אַנדערש, ווי „פֿרײַלאַנד", די אָרגאַניזאַציע, וואָס זוכט טעריטאָריעס צו באַזעצן ייִדן, וואָס ווילן אויסוואַנדערן, נאָר האָבן נישט ווו, וואָלט געווען — ממש אַן אומגליק פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק...
>
> אין תּוך איז אָבער נישטאָ קיין מאָטיוו, פֿאַר וואָס צו זײַן אַזוי אומטאָלעראַנט צו דער אָנשטרענגונג פֿון אַ גרופּע ייִדן צו געפֿינען אַ פֿרײַלאַנד פֿאַר ייִדישער אײַנוואַנדערונג. ניט ארץ־ישׂראל קען דערפֿון, חלילה, עפּעס פֿאַרלירן און ביראָבידזשאַן קען דערפֿון אַוודאי גאָרניט פֿאַרלירן. עס קען דערפֿון בלויז אַרויסקומען אַ טובֿה — אויב די אויספֿאָרשונגען זײַנען טאַקע גרינטלעכע — אַז אַ ביסל טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן נישט ווו אויסצוּוואַנדערן און האָבן נישט ווו צו זײַן, זאָלן פֿאָרט זיך האָבן ווו צוצוטוליען. קיין שאָדן קען דערפֿון זיכער נישט אַרויסקומען, בעת אַ נוץ — קען יאָ דערפֿון זײַן! (...)
>
> מיר דאַרפֿן — בײַ אונדזערע בעסטע כּוונות — זען קלאָר, אַז בײַ די גינציקסטע אַנטוויקלונגען פֿון דעם וווּנדערלעכן היסטאָרישן פּראָצעס אין ארץ־ישׂראל, וועלן זיך נאָך אַלץ געפֿינען ייִדן, וועלכע וועלן זוכן ווו אויסצווואַנדערן. (...) און אַלע לענדער פֿון דער וועלט (...) האַלטן זייערע טויערן צוגעשלאָסן. (...)
>
> עס איז דעריבער נישטאָ קיין שום געזונטער מאָטיוו צו באַציִען זיך מיט פּאַרטיי־שׂינאה צו די אָנשטרענגונגען פֿון „פֿרײַלאַנד", וואָס נישט זי וויל און נישט זי איז בכּוח צו קאָנקורירן מיט וועלכער ס'איז באַוועגונג אינעם ייִדישן לעבן. וואָס זי קאָן יאָ, די דאָזיקע באַוועגונג, דאָס קען זײַן פֿאַר אַלעמענס נוצן: אַז נאָך אַ ייִדישער ישובֿ זאָל געשאַפֿן ווערן אויף גאָטס ערד!

ראָזשאַנסקי האָט פֿאַרענדיקט זײַן אַרטיקל מיט אַן אַפּעל צו „די פּאַרטייליַיט", זיי זאָלן „באַהערשן זייער יצר־הרע". דאָס איז אָבער פֿאַרבליבן אַ קול קורא במידבר. די ציוניסטישע פּרעסע־קאַמפּאַניע און געזעלשאַפֿטלעכער דרוק אויף דער ייִדישער גאַס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען אָנגעגאַנגען.[294] ניט געקוקט אויף דעם, האָט זיך דאָך אָנגעהויבן אַ געוויסע אויסניכטערונג נאָכן ערשטן ריזיקן רושם פֿון דער יו־ען־רעזאָלוציע פֿון 29סטן נאָוועמבער. פֿרײַלאַנד־גרופּעס אין פֿאַרשיידענע שטעט זײַנען ביסלעכווײַז צוריק אַרויס אין דער עפֿנטלעכקייט. אָבער די הויפּטריכטונגען פֿונעם ציוניסטישן אָנגריף זײַנען געווען די עיקרדיקע פּאָליטישע פּונקטן — סורינאַם און האָלאַנד.

שוין נאָכן צוריקקומען פֿון דער עקספּעדיציע קיין סורינאַם, האָט ד"ר שטיינבערג דערמאָנט אין זײַן באַריכט דער עקזעקוטיווע, אַז ציוניסטן פֿירן דאָרט אַן אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע צווישן ניט־ייִדן קעגן דעם פּראָיעקט פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע.[295] פֿאַר אמתער עפֿעקטיווקייט האָט מען אָבער געדאַרפֿט האָבן עמעצן, וואָס זאָל זײַן געניט אין אַזאַ מין אַרבעט, זאָל זײַן פֿעיִק אויף

דער סאַמע אומפֿאַרשעמטער דעמאַגאָגיע און זיך ניט אָפּשטעלן פֿאַר קיינע שום מיטלען. צווישן מענטשן, וואָס זײַנען געווען פֿאַסיק פֿאַר אַזעלכע שליחותן, האָבן די אַמעריקאַנער ציוניסטן פֿאַרמאָגט די אונדז שוין באַקאַנטע מר״ס אַרטשיבאַלד סילווערמאַן, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין אויסטראַליע אין 1944. דעם 10טן מאַרץ 1948 איז זי אָנגעקומען קיין פּאַראַמאַריבאָ[296] ווי אַ פֿרישער שליח פֿון קרן־היסוד. זי איז דאָרט פֿאַרבליבן בלויז דרײַ טעג, אָבער האָט אַ סך אויפֿגעטאָן פֿאַר אירע צילן. קודם־כּל איז איר געראָטן ענדגילטיק צו שפּאַלטן די דאָרטיקע ייִדישע קהילה צווישן ציוניסטן און פֿרײַלאַנדיסטן. ביז דעמאָלט זײַנען בלויז עטלעכע אינדיווידועלע ציוניסטן געווען קעגן דעם סורינאַם־פּראָיעקט, די אַנדערע האָבן זיך צו אים באַצויגן גינציק; פֿון די פֿיר פּרעזידיום־מיטגלידער אויף מר״ס סילווערמאַנס קרן־היסוד־פֿאַרזאַמלונג האָבן דרײַ געהערט צו דער אָרטיקער פֿרײַלאַנד־גרופּע.[297] מר״ס סילווערמאַן האָט צוריקגעבראַכט דאָס רובֿ סורינאַמער ציוניסטן אין שפּאַן פֿון פּאַרטיי־דיסציפּלין און האָט געוווּנען די אונטערשטיצונג פֿון דער צײַטונג תּרועה.[298]

לויט מר״ס סילווערמאַנס דערקלערונג,[299] איז זי געקומען „אויסצופֿאָרשן" דעם סורינאַם־פּראָיעקט און צו „דעמאַסקירן" די פֿרײַלאַנד־ליגע. זי האָט זיך געטראָפֿן צוו״אַ מיטן גובערנאַטאָר בראַנז, אימיגראַציע־דירעקטאָר דע גראָט, דירעקטאָר פֿון עקאָנאָמישן דעפּאַרטאַמענט וואַן דער ברוג, אַרבעטער־פֿירער עליאַזער, סטאַטן־מיטגליד באָס פֿערשור (הויפּטקעגנער פֿונעם פּראָיעקט אין דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי) און טש. ג. ג. פֿרײַבורג, וואָס האָט אין יענער צײַט געמאַכט באַמיִונגען צו קריגן אַ וואַלד־קאָנצעסיע אין גדר פֿונעם שטח, וואָס די עקספּערטן־קאָמיסיע האָט אויסגעקליבן פֿאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע. אין פּריוואַטע שמועסן און אויף עפֿנטלעכע אַרויסטריטן איז זי ברוטאַל באַפֿאַלן די פֿרײַלאַנד־ליגע און גערופֿן אָפּצוואַרפֿן דעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן. פֿאַר ייִדן האָט זי געהאַט (ווי מעדזיני אַ ביסל פֿריִער) דעם אַרגומענט, אַז אַ צושטראָם פֿון ייִדישע אימיגראַנטן וועט שאַפֿן אַ „ייִדן־פֿראַגע" און שאַטן די שוין אײַנגעפֿונדעוועטע סורינאַמער ייִדן; פֿאַר כּינעזער — אַז ייִדישע קרעמערס וועלן בײַ זיי צונעמען דאָס שטיקל ברויט. די פֿרײַלאַנד־ליגע, האָט זי עפֿנטלעך אַגיטירט, האָט נישט קיין איין דאָלאַר בײַ דער נשמה און די ייִדישע פּליטים זײַנען קראַנקע מענטשן, וואָס טויגן ניט פֿאַר פֿיזישער אַרבעט. אַ רעזולטאַט פֿון איר אַגיטאַציע איז אויך בלי ספֿק געווען, אַז אין קעגנעריש געשטימטע סורינאַמער קרײַזן האָט זיך באַוויזן אַ חשד, אַז ד״ר שטיינבערג איז אַ געפֿערלעכער רוסישער רעוואָלוציאָנער און אַז „פּוילישע ייִדן" זײַנען אַ פֿאַרדעכטיקער און שעדלעכער עלעמענט.[300]

צוריקגעקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, האָט מר״ס סילווערמאַן איבערגעגעבן דער יִיט״אַ אַ פּאַסקוויל פֿון אַזאַ אומגעהערטן נוסח, אַז דער יִיט״אַ־דירעקטאָר באָריס סמאָליאַר האָט זיך אַליין געוואָלט, צי אַזאַ מאַטעריאַל איז דרוקפֿעיִק. ער האָט סוף־כּל־סוף געמוזט פֿאַרעפֿנטלעכן אַ טייל דערפֿון (דעם

18טן אַפּריל), אָבער איז געווען גענוג לאָיאַל פּאַרויס צו מעלדן וועגן דעם דער פרײַלאַנד־ליגע, זי זאָל קאָנען אַרײַנגעבן איר הכחשה.[301] באַלד האָט זיך די באַריכותדיקע ווערסיע פון מר״ס סילווערמאַנס פּאַסקוויל באַוויזן אין אַ ריי ציוניסטישע אָרגאַנען אויף ענגליש אונטערן קעפּל: „סענסאַציאָנעלער עקספּאָזע: דער סורינאַמער קאַשמאַר״.[302] סענסאַציאָנעל איז דער אַרטיקל באמת געווען — אַ געמיש פון עם־הארצות[303] מיט כלומרשטע „אַנטפּלעקונגען״, וואָס זײַנען געווען דער מחברטעס אייגענע אויסטראַכטענישן. לשם יושר דאַרף מען קאָנסטאַטירן, אַז אינעם גרעסטן ברען פון דער אַנטי־פרײַלאַנד־קאַמפּאַניע האָט זיך דאָך די פּרעסע אויף יידיש קיין מאָל ניט דערלויבט אַזאַ שפּלותדיקן גאַנג ווי אָט דער ענגלישער אַרטיקל.

קודם־כל האָט זי בכלל געלייקנט, אַז עס איז געווען אַ וועלכע ניט איז הסכמה מצד האָלאַנד און סורינאַם אַרײַנצולאָזן יידישע די־פּיס. באַלד נאָך דעם האָט זי זיך אַליין סותר געווען, אינסינויִרנדיק, אַז די סורינאַמער רעגירונג רעכנט אָפּצוקלײַבן אין די לאַגערן 100־200 פון די שטאַרקסטע די־פּיס ווי „מענטשלעכע ים־חזירימלעך״, „אַריבערפירן זיי פון אייראָפּע און אַרויסוואַרפן (dumped) אין דזשאָנגל״:

> אויב די דאָזיקע ערשטע קאָלאָניסטן וועלן איבערלעבן די גרויסע צאָל מאָוימדיקע טראָפּישע קראַנקייטן, וואָס בושעווען דאָרטן, דעמאָלט ערשט וועט מען אַרײַננעמען נאָך די־פּיס. איינע פון די באַדינגונגען, וואָס די פרײַלאַנד־ליגע האָט אויף זיי מסכים געווען, איז — אַז קיינער פון די יידן האָט ניט קיין רעכט צו לעבן ערגעץ אַנדערש אין סורינאַם (...), זיי מוזן בלײַבן אין דזשאָנגל.

מר״ס סילווערמאַן האָט אויך „געוווּסט״, אַז די קאָלאָניזאַציע פון סאַראַמאַקאַ (אָדער, ווי זי האָט געשריבן, „סאַראַמאַסאַ״) דאַרף אָפּקאָסטן פון 100 ביז 125 מיליאָן דאָלאַר. עטלעכע מאָל האָט זיך איבערגעחזרט די תרעומה, אַז די פרײַלאַנד־ליגע נאַרט אָפּ די יידישע געזעלשאַפט און פאַרבאַהאַלט פון איר פאַקטן וועגן דעם קאָלאָניזאַציע־שטח. ווי אַ מוסטער פון מר״ס סילווערמאַנס סטיל לאָמיר ציטירן:

> איך ווייס, אַז אָט דער טעוולאָנישער פּלאַן צו באַזעצן אומגליקלעכע יידן ווו עס זאָל ניט זײַן אויף דער וועלט (באַדײַ אין גיהנום, אַבי ניט צו לאָזן זיי פאָרן קיין פּאַלעסטינע) איז סײַ ווי פאַרמישפּט אויף דורכפאַל, ס׳איז טויט־געבאָרן (...).

אַ גרויסע צאָל קאָפּיעס פון אָט דעם אַרטיקל האָט עמעצער (ניט דער סורינאַמער ציוניסטישער קאָמיטעט) פונאַנדערגעשיקט איבער סורינאַמער אַדרעסן.[304] דע גראַט האָט דעם 1טן מײַ געשריבן צו דער פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע:

> וואָס שייך דעם באַריכט פון מר״ס סילווערמאַן, קאָן איך אײַך פאַרזיכערן, אַז ניט דער גובערנאַטאָר, ניט איך האָבן איר ניט געזאָגט דאָס, וואָס זי ברענגט אַרויס. איך האַלט דעם רויִקן ענטפער פון דער פרײַלאַנד־

ליגע פאַרן בעסטן; עס האָט ניט קיין זינען אַרייַנצוגיין אין אַ דיסקוסיע מכּוח פּרטים.

אָבער אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון סורינאַם „האָט מר"ס סיל־ווערמאַן געבראַכט אַ סך שאָדן", האָט קאָנסטאַטירט ה. סאַמסאָן.[305] זי האָט געשטאַרקט די האַנט פון די קעגנערס און נעגאַטיוו משפיע געווען אַ טייל ניט־דעצידירטע.

האָלאַנד טרעט אַרויס קעגן סורינאַם־פּראָיעקט

די געזעלשאַפטלעכע קאָניונקטור אין סורינאַם האָט זיך פרילינג 1948 פאַרערגערט פאַר דער פרייַלאַנד־ליגע. עטלעכע אומגינציקע פאַקטאָרן האָבן זיך צונויפגעלייגט אין איין ריכטונג. דער שוין דערמאָנטער פרייַבורג האָט פּרעטענדירט אויף אַ קאָנצעסיע אינעם זעלבן סאַראַמאַקאַ־ראַיאָן, ווו מען האָט געפּלאַנט צו שאַפן דעם ייִדישן ישוב. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט בדעה אַרייַנבערצופירן אַהין אַ גרופּע אייראָזיאַטן (האָלענדיש־יאַוואַנישע מעטיסן), וואָס וואָלטן ניט וועלן בלייַבן אונטער דער ממשלה פון דער אינדאָנעזישער רע־פּובליק.[306] ווי עס ווייַזט אויס, האָט ער געהאַט פּראָטעקציע מצד געוויסע השפּעהדיקע קרייַזן אין האָלאַנד. ער האָט אָנגעגעבן אַן אַפּליקאַציע אויף אַרענ־דירן 3,000 העקטאַר פון די 50,000, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט צוגעזאָגט צו האַלטן אין רעזערוו פאַר דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע, און האָט אין אַפּריל באַ־קומען אַ פּרעלימינערע הסכּמה. אויפן פּראָטעסט פון דער פרייַלאַנד־ליגע האָט די סורינאַמער רעגירונג געענטפערט, אַז די פאַרקלענערונג פונעם שטח אויף די 3,000 העקטאַר וועט ניט שאַטן דער הצלחה פון דער אונטערנעמונג, ווייַל די רעגירונג האָט זיי אויסגעטיילט מיט אַזאַ חשבון, זיי זאָלן ניט שטערן דער קאָמוניקאַציע, דרענאַזש און באַוואַסערונג פונעם רעשט טעריטאָריע.[307]

אויפגעמונטערט, האָט פרייַבורג גענומען זיך סטאַרען וועגן נאָך אַ גרע־סערער קאָנצעסיע. ווי ס'האָט באַוויזן דער נאָענטער עתיד, איז פון זייַנע פּלע־נער לגמרי גאָר ניט אַרויסגעקומען, אָבער בעת מעשה, ווי ס'האָט דעם 27סטן מייַ געשריבן ה. סאַמסאָן, „זייַנען איצט פאַראַן מענטשן, וואָס טראַכטן: 'זעט, מיר דאַרפן ניט האָבן די ייִדן. קאָלאָניזאַציע קאָן דורכגעפירט ווערן דורך האָ־לענדיש־רײדנדיקע קאָלירטע מענטשן, איז דאָס טאָקע צום בעסערן' ".[308]

סורינאַם האָט זיך געגרייט צו ווערן אויטאָנאָם און די קרעאָלישע נאַציאָ־נאַלע פּאַרטיי האָט זיך געריכט צו פאַרנעמען דעם פירנדיקן אָרט. עס האָט אין איר מנצח געווען די ריכטונג פון באַס פערשור, וואָס איז געווען קעגן ייִדישער קאָלאָניזאַציע. דער גובערנאַטאָר האָט באַשטימט, ווי אַ קאָנטראָל־אָרגאַן פאַר דער איבערגאַנג־צייַט, אַן עקזעקוטיוון בייַראַט.[309] צוויי מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, וואָס האָבן אַקטיוו אונטערגעהאַלטן דעם פרייַלאַנד־פּלאַן, זייַנען אין שייכות דערמיט אַרויס פון די סטאַטן (וואַלער, וואָס איז געוואָרן

מיניסטער פֿון אַגריקולטור, און אַ. סמיט, וואָס האָט געקראָגן אַן אַנדער רע־גירונג־פּאָסטן). זיי זײַנען פֿאַרביטן געוואָרן דורך אַנדערע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי, וואָס האָבן זיך מתחייב געווען אָפּצוהיטן פּאַרטיי־דיסציפּלין אין דער פֿראַגע פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע.[310] סוף מײַ איז די כּוחות־פֿאַרהעלטעניש אין די סטאַטן געווען אַזאַ: קעגן פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט — 6, [311] פֿאַרן פּראָיעקט — 7, [312] צווישן בײדע פּאָזיציעס — 2; [313] צוויי פֿון די אָנהענגערס זײַנען גראָד געווען אין אויסלאַנד. בײַ אַן אָפּשטימונג וועגן ראַטיפֿיצירן דעם ענדגילטיקן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן האָט מען דעריבער ניט געקאָנט זײַן זיכער וועגן אַ פּאָזי־טיוון רעזולטאַט.

אויפֿן ערשטן אָרט פֿון די אומגינציקע פֿאַקטאָרן האָט אָבער סאַמסאָן, נאָך אַ באַראַטונג מיט וואַלערן און דעם אָרטיקן פֿרײַלאַנד־קאָמיטעט, אַרויסגע־שטעלט דעם אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל. עס איז ניט נייטיק מאַריך צו זײַן וועגן די אַלגעמיין באַקאַנטע געשעענישן אין פּאַלעסטינע פֿון דעצעמבער 1947 ביז מײַ 1948. ענגלאַנד האָט בהדרגהדיק עוואַקויִרט איין פּונקט נאָכן אַנדערן און באַוווסטזיניק איבערגעלאָזט אַ פּאָליטישן חלל. עס איז געגאַנגען אַ באַ־וואָפֿנטער קאַמף צווישן פּאַלעסטינער אַראַבער און ייִדן. די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן דעם 19טן מאַרץ דערקלערט, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פֿונעם חלוקה־פּלאַן און וועלן זיך באַמיִען אײַנצושטעלן אַ יו־ען־אַפּיטרופּסות איבער גאַנץ פּאַלעסטינע. אָבער דאָס לאַנד איז שוין פֿאַקטיש געווען געשפּאָלטן אויף צוויי; די אַראַבישע באַפֿעלקערונג איז אין פּאַניק געלאָפֿן פֿון דער זאָנע אונטערן ייִדישן קאָנטראָל, בפֿרט אונטערן רושם פֿון דער שחיטה אינעם אַראַבישן דאָרף דייר־יאַסין.[314] אַ ייִדישע רעגירונג, אַ ייִדישע אַרמיי האָבן שוין עקסיסטירט דע פֿאַקטאָ, און די פּראָקלאַמירונג פֿון מדינת ישׂראל דעם 14טן מײַ 1948, נאָכן אויסגיין פֿונעם בריטישן מאַנדאַט, האָט בלויז פֿאָרמאַליזירט די פֿאַקטישע סיטואַציע.

אין סורינאַם האָבן די פּאַלעסטינער געשעענישן אַרויסגערופֿן אומרו. אײ־נעם שוין ציטירטן בריוו האָט סאַמסאָן פֿעסטגעשטעלט:

> פֿאַר ייִדן האָט מען איצט ניט נאָר מורא ווי פֿאַר קאָנקורענטן אין געשעפֿטן און וויסנשאַפֿט, נאָר אַ סך מענטשן האָבן איצט אויסגעפֿונען, אַז זיי זײַנען אויך געפֿערלעכע קריגערס. אַ מאָל פֿלעגן אַנטיסעמיטישע וויצן אויסדריקן קאָמפּענסאַציע פֿאַרן געפֿיל פֿון מינערווערטיייט לגבי ייִדן דורך פֿאָרשטעלן מאָשקען ווי אַ נעבעכדיקן פּחדן, וואָס האָט מורא זיך אַפֿילו צוצורירן צו געווער.
>
> איצט האָבן די הגנה און די שטערן־באַנדע געביטן דאָס דאָזיקע בילד, אָבער דאָס מאַכט די אַלגעמיינע השגה פֿון אַ גוי וועגן אַ ייִד אַ סך קאָמפּליצירטער.
>
> לויט אײנעם פֿון אונדזערע מיטגלידער איז תּמיד פֿאַראַן אַ שאַנס, אַז די סורינאַמער מוסולמענער וועלן בײַטן זייער פֿרײַנדלעכן אײַנשטעל צו די קאָלאָניזאַציע־פּלענער, אויב די דאָזיקע מלחמה צווישן ייִדן און אַראַבער וועט אָנגיין. ביז איצט האָב איך אָבער ניט באַמערקט קיין זאַך פֿון אָט דעם מין.

אָבער נאָך אַ מער פּאַטאַלן רושם האָבן די פּאַלעסטינער געשעענישן און ספּעציעל דער אויפקום פון מדינת ישׂראל געמאַכט אויף דער האָלענדישער רעגירונג. מיר האָבן שוין געזען, מיט וואָסער אומרו די האָלענדישע פּרעסע האָט גערעדט וועגן דער סכנה, אַז מיטגלידער פון ייִדישע טעראָריסטישע אָר־גאַניזאַציעס וועלן זיך אינפילטרירן קיין סורינאַם און אַז דער נײַער ייִדישער יישובֿ דאָרט וועט זײַן מער פאַרבונדן מיט פּאַלעסטינע ווי מיט האָלאַנד. און דאָס, וואָס עס איז געשען ביז סוף 1947, איז דאָך ניט געגאַנגען אין קיין פאַר־גלײַך מיט די אַנטוויקלונגען אין 1948, וואָס האָבן דעמאָנסטרירט די הויכע אָרגאַניזאַציאָנעלע און מיליטערישע עפעקטיווקייט פון ייִדישן מיעוט אין קאַמף קעגן אַראַבישן רובֿ. צו דעם איז צוגעקומען דער עקשנותדיקער, אומאויפהער־לעכער דרוק אויף דער רעגירונג מצד די האָלענדישע ציוניסטן. חוץ נײַע אָפענע פּראָטעסטן פונעם „פאַרבאַנד פון איזראַעליטישע סינאַגאָגעס אין האָ־לאַנד", [315] האָבן די ציוניסטן כסדר באָמבאַרדירט די רעגירונג מיט געהיימע מסירות אויף דער פרײַלאַנד־ליגע. ד״ר ראַפּטשינסקי האָט אין אַפּריל און מײַ געשריבן צו דער פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע, ווי שווער עס קומט אים אויס אָפּצו־שלאָגן די אַטאַקעס פון די ציוניסטן בײַ דער רעגירונג. זיך איבערגעצײַגט, אַז זייערע פּרוּוון צו פאַרמיאוסן די פרײַלאַנד־פּראָגראַם דורך אַ סמיכות־הפּרשות מיטן אַמאָליקן „פּלאַן" פונעם פאַשיסט מוסערט מאַכן ניט דעם מינדסטן אײַנ־דרוק, האָבן די ציוניסטן ראַדיקאַל געביטן דעם פראָנט און געפונען אַ מער עפעקטיוו שרעקבילד. פרילינג 1948 האָבן זיי „אַנטפּלעקט" דער האָלענדישער רעגירונג, אַז די פרײַלאַנד־ליגע האָט אַ געהיימען אָפּמאַך מיטן סאָוועטן־פאַר־באַנד וועגן אַריבערפירן קיין סורינאַם קאַדערדיקע קאָמוניסטן פון די סאַטע־ליטישע לענדער בכדי צו פאַרכאַפּן דאָס לאַנד און פאַרוואַנדלען עס אין אַ קאָ־מוניסטישן פאָרפּאָסטן. [316]

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז מיטגלידער פונעם האָלענדישן מי־ניסטאָרן־קאַבינעט זאָלן קאָנען גלייבן אַזאַ מאָנסטערדיקן ליגן און נאָך קאָמבי־נירן אים דערצו מיטן אין פּלוג געגנומען היפּוכדיקן מאָטיוו פון זייער אייגענער מורא פאַר דער אויסווירקונג פון מדינת ישׂראל. מען דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז די זאַך איז פאָרגעקומען אין גיכן נאָך דעם, ווי די טשעכאָסלאָוואַקישע קאָמוניסטן, מיטבאַטייליקטע אין אַ דעמאָקראַטישער קאָאַליציע־רעגירונג, האָבן דעם 25סטן פעברואַר 1948 פּערפּיד פאַרכאַפּט די מאַכט און אײַנגעשטעלט אַ קאָמוניסטישע דיקטאַטור. די „קאַלטע מלחמה" האָט זיך געוואַלדיק פאַרשאַרפט אין 1948. שוין אין מאַרץ האָט די „הגנה" אָנגעהויבן באַקומען געווער פון דער קאָמוניסטישער טשעכאָסלאָוואַקיע; נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישׂראל איז דער אימפּאָרט פון טשעכישער באַוואָפענונג געגאַנגען אָפן. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט תיכף אָנערקענט די נײַע ייִדישע מלוכה און איר געהאָלפן אין דער יו־ען. די האָלענדישע רעגירונג האָט זיך אויפגעהערט צו וואַקלען. פאַר איר איז דעם סאָוועטישן בלאָקס הילף פאַר ישׂראל געווען אַ געניגנדיקער באַ־

ווײַז פֿון אַ ייִדיש־קאָמוניסטישער פֿאַרשטענדיקונג. זי האָט גאַנץ ערנצט מורא געקראָגן, אַז די ייִדישע די־פּיס אין סורינאַם וועלן זײַן ניט נאָר קאָמוניסטישע אַגענטן, נאָר אויך אַ מעבֿר־לים־פֿאַרפּאָסטן פֿון דער זייער ענערגישער מדינת ישׂראל — און זי האָט באַשלאָסן ניט צו ריזיקירן מיטן עתיד פֿון איר לעצטער פֿאַרבליבענער קאָלאָניע.

און אָט האָט האַנס סאַמסאָן, דעם 4טן יוני 1948, אַרויסגעשיקט י. נ. שטיינבערגן אַזאַ טעלעגראַם:

> געהיימע אינפֿאָרמאַציע: האָלאַנד פֿאָדערט טאָטאַל אָפּשאַפֿן פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט אין שייכות [מיט] אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע. אָרטיקע רעגי־רונג געצוויגט מסכּים צו זײַן.

אויף מאָרגן האָט ער בריוולעך מודיע געווען די פֿאַקטן, וואָס זײַנען אים באַקאַנט געוואָרן. מיט אַ טאָג פֿריִער איז צו אים געקומען וואַלער און האָט אים שטרענג פֿאַרטרוילעך איבערגעגעבן: אויף אַ זיצונג פֿונעם גובערנאַטאָרס בײַ־ראָט האָט דע גראַט באַוויזן די קאָרעספּאָנדענץ מיט דער האָלענדישער רעגי־רונג, וואָס פֿון איר „איז קלאָר געוואָרן, אַז האָלאַנד האָט אויסגעווירקט אַ דרוק אויפֿן גובערנאַטאָר בראַנז״. די האָלענדישע רעגירונג האָט פֿון אים געפֿאָדערט, ער זאָל אָנשרײַבן צו די סטאַטן אַ בריוו מיטן פֿאָרשלאָג „פֿולשטענדיק אויפֿ־געבן דעם געדאַנק פֿונעם פֿרײַלאַנד־ישובֿ״. דער גובערנאַטאָר האָט אָנגעפֿרעגט די מיינונג פֿונעם בײַראָט וועגן דעם אינהאַלט פֿון אַזאַ בריוו.

> פֿון וואָס ער [וואַלער] האָט געזאָגט, האָב איך אַרויסגעזען, אַז עס זײַנען אָנגעגעבן געוואָרן אַזעלכע מאָטיוון:
>
> די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע האָט זיך געביטן זינט ישׂראל איז געוואָרן אַ ייִדישע מלוכה. האָלאַנד מיינט, ווײַזט אויס, אַז סורינאַם איז מער ניט נייטיק.
>
> זיי האָבן מורא, אַז רוסלאַנד וועט ניט מסכּים זײַן אויף טראַנספּאָר־טירן ייִדן פֿון די לענדער אונטער איר קאָנטראָל קיין סורינאַם.
>
> זיי האָבן מורא, אַז צווישן די ייִדישע קאָלאָניסטן וועלן זײַן געפֿער־לעכע קאָמוניסטן.[317]
>
> זיי פֿרעגן זיך, וואָס וועט זײַן דער אײַנשטעל פֿון די ייִדישע קאָלאָ־ניסטן לגבי מדינת ישׂראל. דערפֿון זעט אויס צו דרינגען, אַז מען ריכט זיך ניט, די דאָזיקע קאָלאָניסטן זאָלן ווערן גוטע בירגערס פֿון סורינאַם.
>
> און ס׳איז דאָ אַ פֿאַרדראָסיקער קאַמף אין סורינאַם צווישן ציוניסטן און פֿרײַלאַנדיסטן (על־פּי מר״ס סילווערמאַנס אַרטיקל, וואָס איז אויך געווען צווישן די דאָקומענטן).

וואַלער האָט אויך איבערגעגעבן, אַז די מערהײַט פֿונעם בײַראָט וועט ניט אונטערהאַלטן די האָלענדישע פֿאָדערונג, אָבער אויב די זאַך וועט קומען צו די סטאַטן, וועלן זיי בײַ דער געשאַפֿענער כּוחות־פֿאַרהעלטעניש אויסנוצן די שעת־הכּושר פּטור צו ווערן פֿונעם פֿרײַלאַנד־פּלאַן. סאַמסאָן האָט פֿאַרענדיקט דעם בריוו: „אויב איר ווילט ראַטעווען דעם פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט אין סורינאַם, מוז

מען איצט אָנהייבן אַ גרויסע אַקציע. איינער פֿון אײַך מוז קומען אַהער צו ריידן מיט דער רעגירונג, און מען מוז מאַכן טריט אין האָלאַנד".

לויטן באַשלוס פֿון דער עקזעקוטיווע האָט ד"ר שטיינבערג געבעטן אַ וויזע קיין האָלאַנד. אין עטלעכע טעג אַרום האָט אים דער האָלענדישער וויצע־קאָנסול אינפֿאָרמירט, אַז דער אויסלאַנד־מיניסטער האָט אים אָפּגעזאָגט צו געבן די וויזע מיט דער מאָטיווירונג, אַז צווישן האָלאַנד און סורינאַם גייט אַן אויסבײַט פֿון מיינונגען און דעריבער איז זײַן קומען קיין האָלאַנד אומנוציק. דאָס איז געווען אַ טרויעריקער באַווײַז, פֿון וואַנען עס בלאָזט דער אַנטי־פֿרײַלאַנדישער ווינט. דעם זעלבן טאָג (דעם 14טן יוני) האָט די עקזעקוטיווע געשיקט טעלעגראַמען צום האָלענדישן פּרעמיער־מיניסטער בעל, אויסלאַנד־מיניסטער באַראָן וואַן בעצעלאַער, קאָלאָניעס־מיניסטער יאָנקמאַן און מיניסטער אָן פּאָרטפֿעל געצען, מיט דעם זעלביקן טעקסט:

> איבערראַשט אויסצוגעפֿינען, אַז מען האָט אָפּגעזאָגט ד"ר שטיינבערגן די וויזע קיין האָלאַנד. דער אָפּזאָג איז נאָך מער איבערראַשנדיק, ווײַל מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אײַער רעגירונג האָט געגעבן אינסטרוקציעס, סורינאַם זאָל ניט דורכפֿירן דעם פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט. מיר קאָנען ניט גלייבן, אַז די אַלע געזעלשאַפֿטלעכע צוגרייטונגען זאָלן בטל ווערן דורך אַן איינזײַטיקער אַקציע. מיר בעטן רעספּעקטפֿול אײַער רעגירונג צו געבן אונדזער פֿאָרשטייער אַ מעגלעכקייט אַרײַנצוברענגען קלאָרקייט אין דער פֿאַרפּלאָנטערטער סיטואַציע.[318]

קיינער פֿון די פֿיר האָט ניט געגעבן קיין ענטפֿער.

דערווײַל איז קיין ניו־יאָרק אָנגעקומען ד"ר ב. ראַפּטשינסקי לויטן אַרויסרוף פֿון דער עקזעקוטיווע. פֿון אים האָט מען זיך דערוווּסט פּרטים וועגן די הינטערקוליסן־אינטריגעס פֿון די ציוניסטן און וועגן די אַלגעמיינע פּאָליטישע סיבות, וואָס האָבן נעגאַטיוו משפּיע געווען אויף דער מערכה פֿונעם סורינאַם־פּראָיעקט. פֿאַרן אַרויספֿאָר קיין ניו־יאָרק האָט ד"ר ראַפּטשינסקי אויסגעפֿונען, אַז דעם ענין ייִדישע קאָלאָניזאַציע האָט מען צוגענומען בײַם קאָלאָניעס־מיניסטעריום און איבערגעגעבן דעם מיניסטער געצען, אַ קעגנער פֿון „פֿרײַלאַנד", וואָס האָט אַליין גרויסע מאַטעריעלע אינטערעסן אין סורינאַם.

עס איז געבליבן, אַז ד"ר ראַפּטשינסקי זאָל זיך באַמיִען אויפֿצוקלערן די האָלענדישע רעגירונג־מיטגלידער, אַז זייער אומצוטרוי צו ייִדישער קאָלאָניזאַציע איז געבויט אויף לגמרי טעותדיקע פֿאָרשטעלונגען. היות אָבער ווי האָלאַנד האָט געוואָלט, אַז די אַקציע קעגן דעם פּראָיעקט זאָל קומען פֿון סורינאַם, האָט מען זיך געדאַרפֿט קאָנצענטרירן אויף ראַטעווען די סיטואַציע דאָרטן. דער גובערנאַטאָר בראָנז, כאָטש ער איז געווען אַ פֿאָרשטייער פֿון דער האָלענדישער רעגירונג, האָט זיך ניט געאײַלט אויסצופֿירן איר פֿאַראָרדענונג. ער האָט געהייסן איבערגעבן דער ליגע, אַז ער וועט ניט שטעלן דעם ענין אין די סטאַטן כּל־זמן אַ דעלעגאַט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע וועט פֿאַרהאַנדלען מיט דער רע־

גירונג אין האַג.[319] דערנאָך האָט ער אָנגעפֿרעגט די רעגירונג, ווי אַזוי זאָל ער מאָטיווירן דאָס אָפּוואַרפֿן די פֿאַרשטענדיקונג מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן מיט איר פֿאָרמעל און מאָראַליש געבונדן. אָבער אויך אין האָלאַנד האָט מען ניט געוואָלט אָפּן ברעכן דעם הסכם מיט דער ליגע, נאָר מען האָט געזוכט אַן אומוועג. דעם גובערנאַטאָר האָט מען פֿאַרגעלייגט, ער זאָל ניט אָפּוואַרפֿן דעם פּלאַן ווי אַזאַ, נאָר מאַכן שווערע מניעות אונטערן תּירוץ פֿון רעווידירן איינצלנע פּונקטן[320] — למשל פֿאַרשלאָגן נײַע אונטערהאַנדלונגען אויפֿן יסוד שוין ניט פֿון 30,000 קאָלאָניסטן, נאָר פֿון בלויז 5,000.[321] דער גובערנאַטאָר און דער עקזעקוטיווער בײַראָט האָבן באַשלאָסן זיך ניט צו ווענדן צו די סטאַטן מיט פֿאַרשלאָגן פֿון אַזאַ מין.[322] ד״ר בראַנז האָט סײַ ווי זיך געקליבן צו פֿאַרלאָזן זײַן פּאָסטן און האָט בעסער געוואָלט איבערלאָזן דאָס אומאָנגענעמע שטיקל אַרבעט פֿאַר דעם, וואָס וועט קומען אויף זײַן אָרט. דעם 5טן יולי האָט ער פֿאַרלאָזן סורינאַם, און דער נײַער גובערנאַטאָר איז ניט תּיכּף געקומען. איבער צוויי חדשים איז די האָלענדישע פֿאָדערונג געבליבן הענגען אין דער לופֿטן.

סורינאַמער סטאַטן „לייגן אָפּ" דעם פֿרײַלאַנד־פּלאַן

באַלד נאָכן באַקומען די אַלאַרמירנדיקע ידיעה פֿון סורינאַם האָט די עקזעקוטיווע געפּלאַנט צו שיקן אַהין אַן אויפֿקלער־מיסיע. די סורינאַמער פֿרײַנד פֿון דער פֿרײַלאַנד־זאַך האָבן געהאַלטן, אַז אין דער געשאַפֿענער סיטואַציע איז אינזש׳ אַ. פֿישער, אַן אומאָפּהענגיקע פֿיגור, באַקאַנט אין לאַנד ווי אַ גוטער פּראַקטישער געשעפֿטסמאַן, דער פּאַסיקסטער דעלעגאַט. לויט דער עצה פֿון דע גראָטן און וואַלערן איז פֿישער געקומען קיין סורינאַם אין יולי. פֿישער האָט אײַנגעפֿונען, אַז דער דורכשניטלעכער סורינאַמער איז ניט קעגן דעם פֿרײַלאַנד־פּלאַן, נאָר דאָס רובֿ האָט געהאַלטן, אַז די זאַך איז סײַ ווי אַ פֿאַרשפּילטע צוליב דער קעגנערשאַפֿט פֿון האָלאַנד. פֿישער האָט געפּרוּווט מאָביליזירן אַלע פֿרײַנד פֿונעם פּראָיעקט, האָט אַפּעלירט צום אומאָפּהענגיקייט־געפֿיל פֿון די סורינאַמער און האָט זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן אַ פּראָפֿרײַלאַנד־פֿראַקציע אין דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי גופֿא, וואָס זאָל פֿאָדערן צו רעווידירן דעם באַשלוס וועגן אָבליגאַטאָרישער קעגנערשאַפֿט צום פּראָיעקט מצד אַלע פּאַרטיי־פֿאָרשטייערס אין די סטאַטן. אַ נײַע פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג האָט געזאָלט פֿאָרקומען סוף אויגוסט. אַפֿילו אַ טיילווײַזע הנחה אין דעם אײַנשטעל פֿון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי וואָלט געקאָנט צוריקשטעלן אַ כּוחות־פֿאַרהעלטעניש, וואָס זאָל זײַן גינציק פֿאַרן פּראָיעקט.[323]

אין דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי איז געגאַנגען אַ פֿאַרביטערטער אינעווייניקסטער קאַמף מיט אַן אויסטערלישער קאָמבינאַציע פֿון כּוחות. פֿאַרן קאָנטראָל פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן עליאַזאַר (פּראָפֿרײַלאַנד)[243] און

ווינכאַרדע (אַנטיפֿרײַלאַנד) געקעמפֿט מיט אַ ריוואַליזירנדיקער גרופּירונג בראָש מיט באָס פֿערשור (אַנטיפֿרײַלאַנד) און וואַן ער (פּראָפֿרײַלאַנד). דער באַריכט פֿון דער עקספּערטן־קאָמיסיע צוזאַמען מיטן פֿינאַנצפּלאַן איז געבליבן בײַ די דעפּאַרטאַמענט־שעפֿן; דער גובערנאַטאָר האָט אים ניט צוגעשטעלט די סטאַטן. נאָך אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע האָט ה. סאַמסאָן איבערגעזעצט די עיקרדיקע טײלן פֿונעם באַריכט אויף האָלענדיש, כּדי אַרויסצוגעבן זײ ווי אַן אינפֿאָרמאַציע־בראָשור; דע גראָט האָט אָבער געבעטן אָפּצוּוואַרטן דערמיט, כּדי ניט צו אַנטאַגאָניזירן דעם גובערנאַטאָר.[325]

דערווײַל איז די אַרבעט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אָנגעגאַנגען מיטן פֿולן טעמפּאָ. איבער איר פּראָיעקט איז טאַקע געהאַנגען אַ שרעקלעכע סכּנה, אָבער זי האָט זיך ניט מאַטעריאַליזירט. צו מיליאָנען דאָלאַר האָט מען ניט געקענט צוקומען פֿאַר דער ראַטיפֿיקאַציע פֿונעם פּלאַן, אָבער טויזנטער דאָלאַר האָט מען געקאָנט און געמוזט שאַפֿן — אויף פּראָפּאַגאַנדע, אויף פּאָליטישער אַרבעט אין סורינאַם, אויף מאַטעריעלער הילף די חבֿרים אין די די־פּי־לאַגערן, וואָס זייער מערכה איז געוואָרן נאָך קריטישער. מערקווערדיקערהייט האָט זיך די גרויסע היסטאָרישע געשעעניש — דער אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל — אַ סך ווייניקער אָפּגעשפּיגלט אויפֿן רעזאָנאַנס פֿון דער פֿרײַלאַנד־אַקציע ווי עס האָט מיט עטלעכע חדשים פֿריִער געווירקט דער בלויזער פֿאַקט פֿון דער יו־ען־רעזאָלוציע פֿון 29סטן נאָוועמבער. די קאַמפּאַניעס אין מאָנטרעאָל (ד״ר שטיינבערג) און באַזונדערס אין לאָס־אַנדזשעלעס (אַדאַ סיגעל און ד״ר שטיינבערג) זײַנען דורך מיט דערפֿאָלג סײַ געזעלשאַפֿטלעך, סײַ מאַטעריעל.[326] די ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע און אירע פֿרויען־ און יוגנט־אָפּטיילונגען האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אַקטיווקייט ניט געקוקט אויפֿן זומער־סעזאָן.[327]

די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט אויך געוווּנען נײַע פּאָזיציעס מחוץ די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דער ייִדישער קולטור־צענטער אין מעקסיקע האָט פֿאַרבעטן ש. גוטמאַנען אויף אַ סעריע רעפֿעראַטן. ער האָט באַזוכט מעקסיקע אין מיטן אויגוסט און זײַנע אַרויסטריטן (צוו״אַ אד״ט „אַ לאַנד פֿאַר ייִדן“) האָבן געקראָגן אַ גרויסן אָפּקלאַנג; לויט די ווערטער פֿון אַ מעקסיקאַנער קאָרעספּאָנדענט האָבן זיי געוווּנען סימפּאַטיקערס פֿאַרן פֿרײַלאַנד־געדאַנק און שוואַכער געמאַכט די קעגנערשאַפֿט פֿונעם צד שכּנגד. אין רעזולטאַט פֿון גוטמאַנס באַזוך האָט זיך אין מעקסיקע געשאַפֿן אַ גרופּע פֿרײַלאַנד־פֿרײַנד בראָש מיטן אָנגעזעענעם ייִדישן כּלל־טוער ד״ר אַבֿרהם קינג.[328] דאָס איז געווען אַ וויכטיק געווינס פֿאַר דער ליגע. די מעקסיקאַנער גרופּע איז געוואָרן און פֿאַרבליבן אַ געטרײַער אָנשפּאַר פֿון דער באַוועגונג. אויך אין בוענאָס־אײַרעס האָט זיך דערפֿילט אַן אַקטיווער אינטערעס צו דער פֿרײַלאַנד־זאַך. אַ גרופּע אָנהענגערס האָט גערופֿן ד״ר שטיינבערגן צו קומען צו זיי אויף אַ פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע, אָבער אין יענער צײַט איז דאָס, פֿאַרשטייט זיך, ניט געווען מעגלעך. אויף די שפּאַלטן פֿון אויפֿן שוועל האָבן זיך אין 1948 באַוויזן אַרטיקלען פֿון די בוענאָס־אײַרעסער

פֿרײַלאַנד־פֿרײַנד מאיר בורסוק און יונה גאָראָדיסקי („פֿוטורוס“),[329] מיטגלי־דער פֿון דער אַנאַרכיסטישער „ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפֿט“, און עס זײַנען אָנגעקומען באַשיידענע באַשטײַערונגען פֿאַרן עקספּעדיציע־פֿאָנד.

אַרום דעם 1טן אויגוסט איז קיין פּאַראַמאַריבאָ אָנגעקומען דער נײַער גו־בערנאַטאָר ד״ר וו. הינדער. ער האָט מיטגעבראַכט אַ פֿעסטע פֿאַראָרדענונג וואָס גיכער דורכצוזעצן אין די סורינאַמער סטאַטן אַ באַשלוס וועגן דעם פֿרײַ־לאַנד־פּראָיעקט לויט די ווונטשן פֿון דער האָלענדישער רעגירונג. אין האָלאַנד זײַנען פֿאָרגעקומען נײַע וואַלן, וואָס האָבן וויניק געביטן דעם באַשטאַנד פֿון פּאַרלאַמענט. אָנהייב אויגוסט האָט זיך געשאַפֿן אַ נײַער מיניסטאָרן־קאַבינעט בראָש מיט ווילעם דרעס, כּמעט אינעם זעלבן צוזאַמענשטעל ווי דער פֿריִערדי־קער. ד״ר סאַסען (וואָס האָט בשעתו גערעדט וועגן סורינאַם־פּראָיעקט אין יו־ען) איז געוואָרן דער קאָלאָניעס־מיניסטער; דער ממונה איבערן פּראָיעקט איז געבליבן געצען; ריידנדיק אין פּאַרלאַמענט וועגן האָלענדיש־סורינאַמער באַ־ציִונגען, האָט ער געמאַכט אַזאַ כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג:[330]

> די פֿאַרווירקלעכונג פֿון פֿאַרשיידענע פּלענער צו פֿאַרגרעסערן די באַפֿעלקערונג פֿון סורינאַם איז אַ קאָנדיציאָ סינע קוואַ נאָן. אָבער אַן אימיגראַציע, וואָס קאָמפּליצירט די ראַסן־סטרוקטור פֿון דער באַפֿעל־קערונג, האָט אירע אייגענע פּראָבלעמען, וואָס דאַרפֿן ספּעציפֿיש באַ־טראַכט ווערן אין יעדן קאָנקרעטן פֿאַל.

אַרום דעם 10טן אויגוסט האָט גובערנאַטאָר הינדער גערופֿן אַ געהיימע זיצונג פֿון די סטאַטן (אַן אומגעוויינלעכער גאַנג, ווײַל נאָרמאַל פֿלעגן די זי־צונגען זײַן אָפֿענע). וועגן דעם פֿאַרלויף פֿון דער זיצונג האָט מען זיך שפּעטער עפּעס דערוווּסט פֿון ה. דע פֿריז, פֿאָרזיצער פֿון די סטאַטן, און דעפּוטאַט ע. דע לאַ פֿוענטע. לויט די ווערטער פֿון דע לאַ פֿוענטע,[331]

> האָט ער אויף דער פֿאַרמאַכטער זיצונג פֿון די סטאַטן געטאָן אַל דאָס מעגלעכע צו איבערצײַגן די אַנדערע, אַז זיי קאָנען אָננעמען אַ באַשלוס ערשט נאָכן אַרומריידן די זאַך מיט אַ דעלעגאַציע פֿון ניו־יאָרק. ווי איך פֿאַרשטיי איצט, האָט דער בריוו פֿון האָלאַנד אַזוי געווירקט אויך אויף אונדזערע פֿרײַנד אין די סטאַטן, אַז זיי האָבן אין גיכן מסכּים געווען אויף וואָס עס האָט אויסגעזען צו זײַן אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַרן לויפֿיקן מאָמענט, דהײַנו — אָפּצולייגן די אונטערהאַנדלונגען.

דער פֿרײַלאַנד־ליגע האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו קריגן אַ צוטריט צו אָט דעם בריוו פֿון דער האָלענדישער רעגירונג; ער איז געבליבן שטרענג געהיים. אָבער געוויסע אַרויסזאָגונגען האָבן פֿאַרגאָסן ליכט אויף זײַן אינהאַלט און אַן איבעריקן מאָל באַשטעטיקט די פֿריִער געבראַכטע אינפֿאָרמאַציע פֿונעם מיניס־טער וואָלער. דעפּוטאַט פֿינדליי האָט נאָך דער זיצונג געשריבן אין זײַן צײַטונג, אַז „די ייִדן וועלן שאַפֿן אין סורינאַם אַ פֿינפֿטע קאָלאָנע פֿאַר רוסלאַנד“.[332] דער קאָלאָניעס־מיניסטער סאַסען האָט אין זײַן שמועס מיט אירווינג בראַונען

(באַשריבן צום סוף פֿון אַט דעם קאַפּיטל) באַשטעטיקט, אַז די האָלענדישע רע־גירונג האָט משפּיע געווען אויפֿן באַשלוס פֿון די סורינאַמער סטאַטן קודם־כּל צוליב דער סיטואַציע אין ישׂראל. דער מיניסטער געצען האָט געזאָגט וואָן לע־ווענען, אַז מען האָט מורא, ייִדישע קאָלאָניסטן זאָלן ניט פֿאַרלאָזן סורינאַם ווי אַנדערע ייִדן האָבן דאָס געטאָן אין פּאַלעסטינע; מען האָט אויך מורא פֿאַר דער קאָמוניסטישער אַקטיוויטעט פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן.[333] יאָהאַנאַ פֿעלהון־קראַל האָט אַ ביסל שפּעטער (דעם 10טן מאַרץ 1949) געשריבן פֿון אַמסטער־דאַם, איבערגעבנדיק דעם אײַנשטעל פֿון דער רעגירונג:

> די איצטיקע באַדינגונגען אין דער וועלט, אין סורינאַם און אין האָ־לאַנד אַרבעטן שטאַרק קעגן אײַך. די סיטואַציע אין ישׂראל באַווירקט אַ סך מענטשן, וואָס וואָלטן אין אַנדערע תּנאָים בכלל ניט געטראַכט וועגן דער גאַנצער זאַך.

דעם 21סטן אויגוסט האָט די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע באַקומען דעם ווײַ־טערדיקן בריוו פֿונעם גובערנאַטאָר הינדער:

> פּאַראַמאַריבאָ, דעם 14טן אויגוסט 1948.
>
> זיך פֿאַררופֿנדיק אויף מײַן פֿאָרגייערס בריוו פֿון 4טן דעצעמבער 1947 נומ׳ 5008, האָב איך דעם כּבֿוד מודיע צו זײַן, אַז די לעגיסלאַטיווע קערפּערשאַפֿט פֿון סורינאַם (סטאַטן) האָבן איצט געפֿונען פֿאַר פּאַסיק אויף ס׳נײַ צו באַטראַכטן דעם ענין ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם אין ליכט פֿון דער איצטיקער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע.
>
> נאָך אַ געהעריקער און טיפֿער באַטראַכטונג פּרעפֿערירן די סטאַטן — ביז די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע וועט זיך טאָטאַל אויפֿקלערן — אָפּצולייגן די שמועסן מיט אײַער אָרגאַניזאַציע וועגן אימיגראַציע פֿון ייִדן קיין סורינאַם.

דער בריוו (אין זײַן ענגלישן אָריגינאַל) האָט זיך אויך באַוויזן אין די סו־רינאַמער צײַטונגען. איינער פֿון מר״ס סילווערמאַנס ציוניסטישע פֿרײַנד האָט איר געשיקט אַן אויסשניט, און זי האָט אים איבערגעגעבן צו פֿאַרעפֿנטלעכן דער ייִט״אַ ווי איר אייגענע רעוועלאַציע.[334] די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט זיך גע־ריכט, „אַז די ציוניסטישע פּרעסע וועט אַרויס מיט אַ ׳שאָדנפֿרייד׳־פּראָקלאַ־מאַציע וועגן דעם סורינאַם־פּראָיעקט. צו אונדזער איבערראַשונג איז דאָס נישט געשען. פֿאַר וואָס די ציוניסטן האָבן נישט אויסגענוצט אַזאַ ׳טײַערן ביסן׳ איז שווער צו פֿאַרשטיין“.[335]

די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט ניט אַזוי לײַכט רעזיגנירט פֿון איר סורינאַמער ציל. איר קאַמף פֿאַר ראַטעווען דעם פּראָיעקט — ווי מיר וועלן זען אינעם לעצטן טייל פֿון דעם קאַפּיטל — איז געווען אינטענסיוו און האַרטנעקיק. אָבער דעם גובערנאַטאָרס בריוו פֿון 14טן אויגוסט 1948 האָט דורכגעפֿירט אַ שאַרפֿע שייד־ליניע. ביז דעמאָלט האָט אויסגעזען, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע איז ענדלעך צוגעשווומען צו אַ רעאַלן, געזיכערטן ברעג. איצט האָט זי אָנגעשטרענגט אַלע

כּוחות צוריק זיך צו דערשלאָגן צום ברעג קעגן ווינט. און די צײַט האָט גע־האַלטן בײַם אויסרינען: די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג פֿון דער שארית־הפּליטה אין מיזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע, דער פּאָטענציעלער רעזערוואַר פֿון קאָלאָניסטן פֿאַר סאַראַמאַקאַ, איז אין 1948 דערשטיקט געוואָרן אָדער זיך געפֿונען אין אַ טראַגישן קלעם.[336]

ד. אונטערגאַנג פֿון דער באַוועגונג אין אייראָפּע און קאַמף פֿאַרן סורינאַם־פּראָיעקט

ליקווידאַציע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין פּוילן

ס'איז אַן אַכזריותדיקע איראָניע פֿון גורל, אַז אין דער אייגענער צײַט וואָס די האָלענדישע רעגירונג האָט געשאָנקען צוטרוי דער רכילות וועגן אַ פֿרײַ־לאַנדיש־קאָמוניסטישער פֿאַרשווערונג, האָבן די קאָמוניסטישע רעזשימען הינ־טערן אײַזערנעם פֿאָרהאַנג אָנגעהויבן דווקא פֿון דער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג זייער אַקציע צו פֿאַרטיליקן אַלע ניט־קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. נאָך ביטערער ווערט די איראָניע, ווען מען זעט, ווי אין צד האָט חושד געווען די פֿרײַלאַנד־ליגע אין וועלן שאַפֿן אין סורינאַם „אַ פֿינפֿטע קאָלאָניע פֿאַר רוסלאַנד" און דער צווייטער צד האָט זי געשטעמפּלט ווי אַרויסהעלפֿערס פֿון „האָלענדישן אימפּע־ריאַליזם".

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן אין פּוילן. אינעם אָפֿיציעלן ייִדישן אָר־גאַן דאָס נײַע לעבן, וואָס האָט ביז דעמאָלט כּמעט אין גאַנצן פֿאַרשוויגן די פֿרײַלאַנד־ליגע און דעם סורינאַם־פּראָיעקט,[337] איז דעם 16טן יאַנואַר 1948 אַרויס אַ לענגערער אַרטיקל פֿונעם קאָמוניסט פּסח בינעצקי „נײַע ישועה פֿאַר ייִדן: סורינאַם". דאָס איז געווען בבחינת אָפֿיציעלער באַשולדיקונג־אַקט קעגן דער פֿרײַלאַנד־ליגע. געשריבן אינעם נוסח פֿון דער דעמאָלטיקער ציוניסטיש־קאָמוניסטישער „אחדות", האָט דער אַרטיקל אויף אַ טשיקאַווען אופֿן קאָמבי־נירט דעם אַלטן קאָמוניסטישן זשאַרגאָן מיט אַ נײַער (צײַטווײַליקער) פּאַלעס־טיניש־פּאַטריאָטישער פֿראַזעאָלאָגיע.

> אַ נײַע ישועה אויף ייִדן! אַ גרופּע אַלטע באַקאַנטע, אין אַמעריקע, אונטער דער פֿיל זאָגנדיקער, אָבער שוין ניט איין מאָל באַנקראָטירטער פֿירמע „פֿרײַלאַנד" האָט געבראַכט דער ייִדישער וועלט אַ ליכטיקע ישועה: סורינאַם.
>
> (...) דאָרטן, אין סורינאַם, וועלן ייִדן אַקערן און זייען, פֿלאַנצן און בויען און ווערן אַ נאָרמאַל פֿאָלק אויף אַן אייגענער טעריטאָריע...
>
> איר ווישט זיך פֿאַרוווּנדערט די אויגן און פֿרעגט: היתּכן? אַ נײַע טעריטאָריע פֿאַר ייִדן?
>
> צוליב וואָס, צוליב ווען?
>
> זײַנען דאָך די ייִדן אין פּוילן, ראַטן־פֿאַרבאַנד, בולגאַריע, און אַפֿילו [!] אין ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך, בעלגיע, ברוך השם, אײַנגעאָרדנט, וואָס זשע דאַרפֿן זיי לויפֿן הינטער די הרי חושך? און אויב שוין יאָ אַ

טעריטאָריע, טאָ האָבן דאָך ערשט איצט די פֿאַראייניקטע פֿעלקער פּראָקלאַמירט אונדזערע רעכט אויף ארץ־ישׂראל, טאָ פֿאַר וואָס דאַרפֿן מיר זוכן איבער דער גרויסער ערד (...) אַ נײַ לאַנד (...)?

(...) איצט, וואָס סורינאַם איז אַ קאָלאָניע, וואָס איז אונטערטעניקט דורכן האָלענדישן אימפּעריאַליזם... דעם זעלביקן אימפּעריאַליזם, וואָס דערשטיקט אין בלוט די אינדאָנעזישע רעפּובליק — דאָס איז אַ „קליי־ניקייט". וועגן דעם לאָזט אַפֿילו נישט אַ פּיפּס טאָן. און מיר געפֿינען טאַקע נישט וועגן דעם קיין איין וואָרט אויף די צוויי און פֿערציק זײַט־לעך פֿונעם [רומעניש] פֿרײַלאַנד.

(...) ווילט זיך דעריבער פֿרעגן די האַרבע קשיא: איז אונדז ייִדן נאָך ווייניק דער ענגלישער אימפּעריאַליזם און זײַנע אַגענטן, וועלכע פֿאַרגיסן אַזוי פֿיל ייִדיש בלוט אין ארץ־ישׂראל? דאַרפֿן מיר נאָך זוכן ערגעץ ווו הינטער זיבן ימען אַן אָנרירפּונקט מיט די האָלענדישע קאָ־לאָניסטן און פּלאַנטאַציע־אײַנהאַבער, וועלכע האָבן שוין מכמה יאָרן באַ־הערשט די תּורה פֿון „טייל און הערש"? איז טאַקע איצט די ריכטיקע צײַט אַרויסצוקומען מיט פּלענער און פּראָיעקטן וועגן נײַע טעריטאָריעס? לויט אונדזער מיינונג זיכער נישט. און אויב מען טוט עס יאָ, און דווקא איצט, האָט עס דעם בייגעשמאַק פֿון אַ באַקאַנטן באַגריף אין דער מי־ליטערישער סטראַטעגיע: דיווערסיע!

דיווערסיע קעגן די אינטערעסן פֿון ייִדישן פֿאָלק, קעגן די אינטע־רעסן פֿון ייִדישן ייִשובֿ אין פּוילן און אין אייראָפּע בכלל און קעגן די אינטערעסן פֿון דעם ארץ־ישׂראלדיקן ייִדנטום, וואָס גייט אָפּ מיט בלוט. (...)

„אין יענער צײַט", שרײַבט מ. באַלבערישסקי, „האָבן שוין אין פּוילן גע־בלאָזן נײַע ווינטן, און וואָס אַזעלכע ווערטער אין אָפֿיציעלן אָרגאַן פֿון צענטראַל־קאָמיטעט באַטײַטן האָבן מיר גלײַך פֿאַרשטאַנען. דער גורל איז געווען געחתמעט.

די פּוילישע פֿרײַלאַנד־ליגע האָט געשיקט אין דאָס נײַע לעבן אַן ענטפֿער אויף בינעצקיס אָנפֿאַל — האָט מען אים, פֿאַרשטייט זיך, ניט אָפּגעדרוקט. נאָך מער, באַלד נאָך דער באַשולדיקונג אין „דיווערסיע" האָט די מאַכט פֿאַרבאָטן אַרויסצוגעבן דעם פּוילישן בולעטין. גאָר אין גיכן, אין פֿעברואַר, האָט דער לאָדזשער וואָיעוואָדע געמאָלדן, אַז די בקשה וועגן לעגאַליזירן די פֿרײַלאַנד־ליגע ווערט אָפּגעזאָגט. „דער דראַנג אָבער אַרויסצוקריגן זיך פֿון פּוילן איז גע־ווען אַזוי גרויס", שרײַבט מ. באַלבערישסקי, „אַז מען האָט אונדז פּשוט גע־צוווּנגען, נישט געקוקט אויף אַלע ריזיקעס מיט וואָס עס האָט געשמעקט, צו אינטערווענירן אין [אינערן־] מיניסטעריום און אָננצוגעבן אַן אַפּעלאַציע".[338] די אַמעריקאַנער פֿרײַלאַנדיסטן האָבן זיך משתדל געווען לטובֿת זייערע פּוילישע חבֿרים ביים פּוילישן שאַרזשע ד'אַפֿער אין וואַשינגטאָן,[339] אָבער דאָס האָט ניט געקאָנט האָבן קיין פּעולה. נאָכן אָנגעבן די אַפּעלאַציע האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע געמעגט אָפּהאַלטן אינעווייניקסטע מיטגלידער־פֿאַרזאַמלונגען, אָבער האָט ניט געטאָרט פֿירן קיין פּראָפּאַגאַנדע. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דאָס מי־ניסטעריום האָט אָפּגעוואָרפֿן די אַפּעלאַציע מיטן מאָטיוו, אַז „מען זעט ניט קיין

נייטיקייט צו שאַפֿן אַזאַ אָרגאַניזאַציע אין איצטיקן פּוילן״. דאָס מיניסטעריום האָט באַשטימט אַ ספּעציעלן מענטשן, דעם יוריסט פֿון לאָדזשער ייִדישן קאָמיטעט אַדוו׳ גרינבערג, ווי דעם ליקווידאַטאָר ניט נאָר פֿון דער עקסיסטירנדיקער פּרײַלאַנד־ליגע, נאָר אַפֿילו פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער.[340]

די פּוילישע רעגירונג האָט ליקווידירט די פּרײַלאַנד־ליגע האַרבסט 1948, ווען אַנדערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן נאָך געמעגט עקסיסטירן. ערשט שפּעטער האָט מען ליקווידירט אויך דעם „בונד״ (אויפֿן וועג פֿון „פֿאַראייניקונג״ מיט די קאָמוניסטן). צום לענגסטן האָט מען אינעם קאָמוניזירטן פּוילן טאָלערירט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער ווען די סאָוועטישע אונטערשטיצונג פֿון מדינת־ישׂראל האָט זיך געענדיקט, איז אויך צו זיי געקומען אַ סוף.

דאָס לעצטע יאָר פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין רומעניע

אויך אין רומעניע האָט זיך די לאַגע זייער פֿאַרערגערט. וועגן קריגן לעגאַלע אַרבעט־מעגלעכקייטן פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־ליגע האָט מען כּלל ניט געקאָנט חלומען. אין איינעם מיט די באַריכטן און רעזאָלוציעס פֿונעם פֿרײַלאַנד־צוזאַמענפֿאָר אין יאַס איז קיין ניו־יאָרק אָנגעקומען אַ בריוו, וואָס איז געווען פֿול מיט אומרו.[341] די צענזור ווערט אַלץ שטרענגער; די ליגע קאָן ניט טראַכטן וועגן אַרויסגעבן נײַע בראָשורן און זאַמלהעפֿטן. דער צוזאַמענפֿאָר און דער עפֿנטלעכער מיטינג זײַנען אייגנטלעך פֿאָרגעקומען אָן אַ דערלויבעניש פֿון דער מאַכט: מען האָט פּשוט געהאַט בטחון, אַז דער יוסטיץ־מיניסטער פּאַטראַשקאַנו, וואָס איז צוליב פּערזענלעכע טעמים געווען פֿרײַנדלעך געשטימט, וועט אַרויסהעלפֿן אין אַן עת־צרה. אָבער אין גיכן נאָכן צוזאַמענפֿאָר איז פּאַטראַשקאַנו באַזײַטיקט געוואָרן פֿון דער רעגירונג און פֿאַרשוווּנדן אָן אַ שפּור.[342] ניט נאָר האָט מען פֿאַרלאָרן אַ שטיקל צד, נאָר אַדרבא — די פֿריִערדיקע פֿאַרבינדונג מיט אים האָט בײַ דער נײַער קאָניונקטור געקאָנט האָבן זייער אומגעוווּנטשענע קאָנסעקווענצן.

שוין פֿריִער האָט מען דערשפּירט, אַז פֿאַר אליעזר פֿרענקעלן וואָלט געזינטער געווען צו פֿאַרלאָזן רומעניע. די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע האָט זיך געווענדט צו ד״ר ראַפּטשינסקין און דירעקט צום האָלענדישן געשיקטן אין בוקאַרעשט וועגן אַ וויזע פֿאַר פֿרענקעלן. דערווײַל איז די אַלגעמיינע סיטואַציע געוואָרן אַ סך קריטישער. פֿרענקעל האָט געמאָלדן, אַז איינער אַליין וועט ער רומעניע ניט פֿאַרלאָזן — סײַדן אין איינעם מיטן גאַנצן פֿרײַלאַנד־קאָמיטעט.[343] אין דער ייִדיש־רומענישער קאָמוניסטישער צײַטונג אוניריאַ („איניקייט״) האָבן זיך באַוויזן גיפֿטיקע אָנפֿאַלן אויפֿן סורינאַם־פּראָיעקט און אויף דער פֿרײַלאַנד־ליגע. דעם 7טן פֿעברואַר 1948 האָט די צײַטונג געשריבן:

> דעם דאָזיקן באַשלוס דאַרף מען באַטראַכטן ווי אַ סימן פֿון יאוש, ווײַל ס׳איז באַוווּסט, אַז די דאָזיקע קאָלאָניע, וואָס געפֿינט זיך לעבן דעם

טײַוול־אינדזל, האָט דעם ערגסטן קלימאַט, וואָס מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן. אייראָפּעער קאָנען דאָרט לעבן נאָר זייער אַ קורצע צײַט. די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע ווערט אָרגאַניזירט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע (...).

דעם 14טן פֿעברואַר האָט די אונירעאַ געפֿונען נאָך שטאַרקערע — און פּאָליטיש אַ סך געפֿערלעכערע — תּרעומות קעגן דעם פּראָיעקט:

אַ גרופּע פֿון 30,000 אייראָפּעיִשע ייִדן קלײַבן זיך צו פֿאָרן אין די האָלענדישע קאָלאָניעס. די פֿרײַלאַנד־ליגע, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט ברענגען ייִדן אין קאָלאָניעס, האָט באַשלאָסן זיי צו שיקן קיין סורינאַם (האָלענדישע גוויאַנע). דאָס שיקן ייִדן אין אַזאַ פֿאַרסמטן קלימאַט ווײַזט אָן, אַז די זאַך איז אונטערגעשטיצט דורך אַ ריי ייִדישע פֿילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווילן „גליקלעך" מאַכן די ייִדן.

וואָס נוגע דעם זינען פֿון שיקן זיי אונטער דער האָלענדישער פֿאָן אין האָלענדישע קאָלאָניעס, וועלן מיר דאָס קאָנען בעסער פֿאַרשטיין, אויב מיר קוקן אויף אָט דעם פֿאַקט אין ליכט פֿון די לעצטע געשעענישן אינעם האָלענדישן קאָלאָניאַלן לאַגער.[344]

אַן אָפֿענע פֿאַרבינדונג מיט דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אין ניו־יאָרק איז געוואָרן צו ריזיקאַליש. די קאָרעספּאָנדענץ איז געגאַנגען אויף פּריוואַטע אַדרעסן. „איר דאַרפֿט וויסן", האָט פֿרענקעל געשריבן דעם 13טן מאַרץ קיין ניו־יאָרק, „אַז ס'פֿאָדערט זיך מוט מצד מענטשן כּדי אַרויסצוטרעטן בײַ אונדז עפֿנטלעך אַלס טעריטאָריאַליסטן. דווקא ניט נאָר צוליב אַן עווענטועלן ייִדישן חרם...". דעם 21סטן מײַ האָט ער נאָך קלאָרער אָנגעוויזן: „מײַן בריוו צו ראַגאָפּן[345] איז עלול מיר צו ברענגען אַ סך שאָדן אין פֿאַל ווען ער וואָלט אַרײַנגעפֿאַלן אין געוויסע הענט (...)", און געבעטן זײַן פֿאָרזיכטיק בײַם שיקן די פֿרײַלאַנד־אויסגאַבעס „אויף מקומות ווו די חד־גדיא דראָט אויף אַלע וועגן". אין אַזעלכע תּנאָים איז באמת געווען אַן אויסדרוק פֿון הויכן ציוויל־מוט און איבערגעגעבנקייט, וואָס די רומעניש פֿרײַלאַנד־ליגע האָט ממשיך געווען איר עקסיסטענץ און אינעווייניקסטע אַרבעט, אָנגעהאַלטן אַ כּסדרדיקן קאָנטאַקט מיט דער ניו־יאָרקער עקזעקוטיווע און געדולדיק געוואַרט אויף דער מעגלעכקייט אַרויסצופֿאָרן קיין סורינאַם (אין יענע חדשים איז נאָך טעאָרעטיש מעגלעך געווען צו קריגן אַן עמיגראַנטישן פּאַס, אויב ס'איז געווען וווהין צו אימיגרירן).

אַנשטאָט דער בשׂורה וועגן אָנהייב פֿון קאָלאָניזאַציע זײַנען פֿון ניו־יאָרק געקומען די טרויעריקע ידיעות וועגן די שטרויכלונגען אין האָלאַנד, און אין גיכן — וועגן דעם גובערנאַטאָרס בריוו מכּוח „אָפּלייגן" דעם פּראָיעקט. די שטעלונג פֿון פֿרענקעלן און אַנדערע אָנפֿירנדיקע חבֿרים איז געווען — אַז טעריטאָריאַליזם אין אייראָפּע און אַמעריקע איז ניט אויפֿגעקומען צוליב סורינאַם און דאַרף זיך מיט סורינאַם ניט ענדיקן. דעם 15טן אָקטאָבער האָבן ד"ר יעקבֿ שעכטער און פּינחס כּאַכאַמו געשריבן קיין ניו־יאָרק:

ח׳ אליעזר פּרענקעל געפינט זיך נאָך פון פאַר ראָש־השנה אין וועג צו באַזוכן די לאַנדסעקציעס און נעמען אַ פערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די מענטשן אין שייכות מיטן קריזיס אַרום אונדזער סורינאַם־פּראָיעקט. ער איז אַרויסגעפאָרן תיכף נאָך דעם וואָס מיר האָבן באַקומען דעם בריוו פון ח׳ מענדעלסבערג, וועלכער האָט אונדז מודיע געווען וועגן דעם. (...)

מיר האָבן באַשלאָסן אויף אַן ענגער זיצונג, פאַר ח׳ פּרענקעלס אַוועקפאָרן, אַז מיר רופן אַ לאַנד־באַראַטונג, בעת וועלכער מיר זאָלן פיקסירן די שטעלונג פון דער פ[רײַלאַנד־]ל[יגע] אין רומעניע בנוגע אַלע ענינים, וואָס שטעלן זיך אויפן סדר־היום פונעם טעריטאָריאַליזם הײַנט צו טאָג. (...)

מיר האַלטן פאַר איבעריק צו באַטאָנען, אַז וואָס נוגע דער עקסיס־טענץ גופא פון דער פרײַלאַנד־ליגע, קען אין דעם פרט ניט זײַן קיין צוויי מיינונגען. מיר זײַנען טיף איבערצײַגט, אַז פ[רײַלאַנד־] ל[יגע] טראָגט מיט זיך אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות פאַר אונדזער פאָלק, אָבער טאַקע דערפאַר מוזן מיר זײַן זהיר וזהור בײַ יעדן שריט, וואָס מיר מאַכן.

אין באַדינגונגען, ווו עס איז געווען ריזיקאַליש אַפילו צו שיקן אַ באַגריס־טעלעגראַם צו דער צווייטער פרײַלאַנד־קאָנפערענץ אין אַמעריקע,[346] זײַנען סײַ פּרענקעלס טור, סײַ די צווייטע, אויסעראָרדנטלעכע לאַנד־באַראַטונג (יאַס, דעם 6טן נאָוועמבער 1948) געווען אַקטן פון אמתער העלדישקייט.[347] צו דער באַ־ראַטונג זײַנען געקומען 12 פאָרשטייערס פון 7 שטעט (בוקאַרעשט, יאַס, ראָ־ראָכוי, באָטאָשאַן, באַקוי, ראָמאַן און נעגרעשט). פינחס כאַכאַמו האָט אין נאָמען פון דער עקזעקוטיווע באַקענט די באַראַטונג מיט דער געביטענער סיטואַציע אַרום סורינאַם און פאַר דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג בכלל. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי געדריקט עס איז געווען די שטימונג פון די דעלעגאַטן, וואָס עס האָט זיך שוין אויף זיי געננוג שווער אָפּגעשפּיגלט די פּאָליטישע אַנטוויק־לונג אין זייער לאַנד. אָבער אין די אָנגענומענע רעזאָלוציעס איז געקומען צום אויסדרוק אַ פעסטער אידעיִשער אויסדויער. דער ערשטער פונקט פון דער רעזאָלוציע האָט פּראָקלאַמירט:

די צווייטע, אויסעראָרדנטלעכע, לאַנד־באַראַטונג פון דער פרײַ־לאַנד־ליגע אין רומעניע האַלט, אַז אומאָפּהענגיק פונעם קורס, וואָס עס וועט אָננעמען דער סורינאַם־פּראָיעקט, דאַרף „פרײַלאַנד" אָנגיין מיט דער אַרבעט. דער טעריטאָריאַליזם איז אַ היסטאָרישער וועלטבאַנעם, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט, כדי צו פאַרזיכערן זײַן קיום און המשך. אונדזער פאָלק האָט צו טײַער באַצאָלט דאָס אָפּוואַרפן פונעם אוגאַנדע־פאָרשלאָג און די צעפאַלונג פון די טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונגען, כדי מיר זאָלן איצט ניט זײַן געוואָרנט פאַר ענלעכע טעותן. די אַנטשטייונג פון מדינת ישׂראל האָט אָפּגעשאַפט די הנחה, אַז די טע־ריטאָריאַליסטישע טעטיקייט שעדיקט דעם באַפרײַונגס־קאַמף, וואָס דער יידישער ייִשובֿ אין ארץ ישׂראל פירט קעגן דער מאַנדאַט־רעגירונג.

עס איז כדאי צו ציטירן דעם פערטן פּונקט:

מיר פּראָטעסטירן קעגן דער טעטיקייט פון ייִדן, וואָס האָבן גע־וואָגט אויפצוהייבן אַ פאַרברעכערישע האַנט קעגן דעם סורינאַם־פּראָ־יעקט, מיט וועלכן טויזנטער הימלאָזע און אויסגעוואָרצלטע ייִדן פון אייראָפּע האָבן פאַרבונדן זייער האָפענונג. דער מאָראַלישער אַטענטאַט איז מיט אַזוי פיל נידערטרעכטיקער, וואָס זיי האָבן באַנוצט אין זייערע מסירות אַרגומענטן, וואָס זײַנען ענלעך צו די, וועלכע היטלער ימח שמו און זײַנע משרתים האָבן באַנוצט קעגן אונדזער פאָלק.

די לעצטע פּונקטן האָבן געררופן די פרײַלאַנד־אָפּטיילונגען אין אייראָפּע צו בטחון און אויסדויער, און אַפּעלירט צו אַלע ייִדישע שרײַבערס, לערערס און קולטור־טוערס:

איר, וועמענס גײַסט האָט פונאַנדערגעוויקלט איבער אונדזער פאָלק די הימלען פון אַ נײַער ייִדישקייט, לייגט צו אײַער האַנט צום שאַפן אַ ווינקל אויף גאָטס ערד, ווו ייִדן זאָלן ממשיך זײַן די טראַדיציע און די שעפערישקייט פון דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

גאָר אין גיכן האָט די קאָמוניסטישע דיקטאַטור פאַרטיליקט די לעצטע שוואַכע סימנים פון פערזענלעכער פרײַהייט אין רומעניע. אַרויספאָרן פון לאַנד, לעגאַל צי אומלעגאַל, איז געוואָרן אוממעגלעך. צענזור פון בריוו קיין אויסלאַנד און פון אויסלאַנד איז געוואָרן טאָטאַל, די געהיימע פּאָליציי — אַלמאַכטיק. צו ד״ר שטיינבערגס 60סטן געבוירן־טאָג, וואָס איז געפּײַערט געוואָרן דעם 19טן דעצעמבער 1948,[348] איז נאָך געקומען אַ באַגריסונג אין נאָמען פון דער עק־זעקוטיווע פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין רומעניע.[349] אָבער שוין דעם זעלבן חודש האָבן מ. שעכטער און י. קאַטשערגינסקי פון עסטרײַך געוואָרנט די עק־זעקוטיווע, אַז אין רומעניע זײַנען געוועזן פאַלן פון אַרעסטן צוליב צענזורירטע בריוו. אין יאַנואַר האָט פרענקעל, דורך די עסטרײַכישע חברים, געבעטן ניט צו פּובליקירן די רעזאָלוציעס פון דער רומענישער פרײַלאַנד־קאָנפערענץ. אין אַפּריל האָט פרענקעל געשריבן, מען זאָל אויפהערן שיקן דעם אויפן שוועל.

ווען דער אײַזערנער פאָרהאַנג האָט זיך ענדגילטיק אַראָפּגעלאָזט [האָט שפּעטער רעזומירט פרענקעל], האָבן מיר איבערגעריסן די פאַר־בינדונג מיט די חברים אין די אַנדערע שטעט. פאָרן און זיך באַגעגע־נען מיט זיי האָט געהייסן זיך שטעלן און זיי שטעלן אין אַ גרויסער סכנה, אָבער מיר אין יאַס פלעגן זיך נאָך טרעפן, ניט פירן קיין זיצונ־גען און אַוודאי ניט פירן קיין פאַרברייטערונג־אַרבעט. מיט די חברים פון בוקאַרעשט און באָטאָשאַן האָב איך זיך געטראָפן ערבֿ דעם סוף און זיי געזאָגט, אַז היות די רעגירונג האָט אויפגעלייזט אַלע באַוועגונ־גען, הערן מיר אויף צו עקסיסטירן ווי אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט נאָר אַוודאי אַלס יחידישע וויזיע און האָפענונג לעבן מיר כסדר.[350]

די רומענישע פרײַלאַנד־אַקטיוויסטן, און באַזונדערס פרענקעלן, איז אָבער אויסגעקומען אויסצושטיין האַרבע רעפּרעסיעס מצד דעם קאָמוניסטישן רע־זשים אין די ווײַטערדיקע יאָרן.

די פּליטים־פֿרײַלאַנד־באַוועגונג אין קלעם

אין דער אייגענער צײַט וואָס די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג הינטערן אײַזערנעם פֿאָרהאַנג האָט געגוססט אונטערן דרוק פֿון די קאָמוניסטישע דיקטאַטורן, האָט זיך די מערכה פֿון דער פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע שטאַרק פֿאַרערגערט צוליבן וואַקסנדיקן ציוניסטישן דרוק אין די עסטרײַכישע לאַגערן, וואָס איז שווערער געוואָרן נאָך דער יו־ען־רעזאָלוציע פֿון 29סטן נאָוועמבער 1947. אין מײַ 1948 איז געקומען צו אַ שאַרפֿן קריזיס. י. קאַטשערגינסקי האָט דעם 21סטן מײַ געשריבן צו דער עקזעקוטיווע:

מיטן מאָמענט ווען די ייִדישע מלוכה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, האָט זיך אויף אונדז אַראָפּגעלאָזט אַ כוואַליע רדיפֿות. (...) דער ייִדישער צענטראַל־קאָמיטעט [אין עסטרײַך] האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל דער צענטראַלער [ציוניסטישער] פֿעדעראַציע אָנצוהייבן אַ קאַמפּאַניע קעגן אונדז. מען האָט מיך אַרויסגערופֿן אין דער אָרטיקער ציוניסטישער פֿעדעראַציע פֿון לאַגער שטײַר, איך זאָל מאַכן אַן עפֿנטלעכע דערקלערונג, אַז איך האָב מער ניט קיין שייכות מיטן גאַנצן סורינאַם־ענין; אַז מיר לאָזן פֿונאַנדער אונדזער אָרגאַניזאַציע, שטעלן אָפּ אונדזער אַרבעט און שטייען צו צום קאַמף פֿאַר ארץ־ישׂראל. ווי אַן אָנהייב האָט מען בײַ מיר צוגענומען מײַן אַרבעט (...). אויף דער זעלבער פּראָצעדור קען מען זיך ריכטן אין די לאַגערן עבעלסבערג, וועגשײַד, זאַלצבורג און האַלײַן. (...) די ציוניסטן קענען אונדז צווינגען צו פֿאַרלאָזן די לאַגערן און זיך צו באַזעצן אין פּריוואַטע הײַזער אין די אַרומיקע שטעט; דעמאָלט וועט פֿאַר אונדז שטיין די האַרבע פֿראַגע פֿון אויסהאַלטן זיך. (...)

אין די לאַגערן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאָביליזאַציע פֿון יונגע מענער אין דער נײַער ישׂראל־אַרמיי, און דאָס האָט געשטעלט די אָרטיקע פֿרײַלאַנדיסטן אין אַ מאָראַליש שווערער לאַגע. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געוואָרן נאָך ערגער. מרדכי שעכטער האָט קורץ רעזומירט די פֿאַקטן:[351]

די רדיפֿות קעגן אונדז, קעגן די בונדיסטן און בכלל קעגן אַלע ייִדן וואָס ווילן עמיגרירן אין אַ וועלכן [עס] איז לאַנד אַחוץ ארץ־ישׂראל, דער כסדרדיקער דרוק, דאָס צונעמען די פּראָדוקטן, דאָס אַרויסוואַרפֿן פֿון די אַרבעטסערטער, דאָס אַרויסוואַרפֿן פֿון די לאַגערן, דאָס שלאָגן (אין חודש מײַ האָט מען אין זאַלצבורג אָרגאַניזירט די אַזוי גערופֿענע „באַיוווּר־קעס"[252] — שלעגער־בריגאַדעס, כוליגאַנישע באַנדעס אויף „אויסצור־לערנען שׂכל" אַלע „פֿאַררעטער" און „דעזערטירן"; פֿון די פֿאַרשפּאַרטע לאַגערן זײַנען די מענטשן דורך די פֿענצטער אַרויס, צו דער אַמעריקאַנער סי־אײַ־סי,[353] און ערשט נאָכן שטרענגן אַרײַנמישן זיך מצד דער אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט האָט זיך די שענדלעכע גזרה אָפּגעשטעלט...).

אויך דער „בונד" און דער ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן אין יענע טעג באַקומען אַנאַלאָגישע בריוו פֿון אַנדערע לאַגערערס און זיך געווענדט נאָך אויפֿקלערונג צום „דזשוינט" און צו דער ייִדישער אַגענץ.[354] ערשט נאָך

דעם ווי פֿרעמדע אַרײַנמישונג האָט אָפּגעשטעלט די עקסצעסן, האָבן פֿרײַלאַנד־אַקטיוויסטן געקאָנט צוריק באַקומען דעם מאָגערן שפּײַזצוטייל פֿון איראָ. בײַ די אַלע, וואָס האָבן ניט דעקלאַרירט זייער גרייטשאַפֿט צו פֿאָרן קיין מדינת ישׂראל, האָט מען אָפּגענומען די צוגאָבשפּײַז־חלקים, וואָס עס האָט פֿאַרטיילט דער „דזשוינט“. ווער עס האָט פֿעסט אָפּגעמאַכט בײַ זיך צו פֿאָרן קיין סורינאַם, איז ניט געקוקט אויף אַלץ געבליבן בײַם זײַניקן; אָבער אויף די ווייניקער דעצידירטע, בפֿרט מיט קליינע קינדער, האָט דאָס ניט אַרויסגעבן מילך און אַנדערע פּראָדוקטן אָפּט מאָל געהאַט אַ ווירקונג. קאַטשערגינסקי האָט געשריבן דער עקזעקוטיווע, אַז אויב דער סורינאַם־פּראָיעקט זאָל זיך פֿאַרציִען, וועלן פֿיל ניט אויסהאַלטן, זיך לאָזן מאָביליזירן און צו ביסלעך אָפּפֿאַלן פֿון די פֿרײַלאַנד־רייען.[356]

בײַ דעם אַלעמען האָט די פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע דאָך גערופֿן איר צווייטע קאָנפֿערענץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 10טן יולי 1948 אין דער לינצער פֿאָרשטאָט עבעלסבערג. פֿון די ווינער חבֿרים, אָפּגעשניטן דורך דער סאָוועטישער אָקופּאַציע־זאָנע, האָט באַוויזן צו קומען איין דעלעגאַט (ביילע גאָטעסמאַן). איבערשיקנדיק קיין ניו־יאָרק די רעזאָלוציעס, האָט קאַטשערגינסקי געשריבן:[357]

די שטימונג פֿון די חבֿרים איז געווען אַ געהויבענע (...). אין די דעבאַטן איז געקומען צום אויסדרוק (...) אונדזער ווילן צום לעבן אין אַ רויִקער און זיכערער היים „ווײַט פֿון די ברענפּונקטן פֿון גרויסמאַכט־אינטערעסן“. (...) לייענט אַרויס פֿון צווישן די שורות דאָס ניט־דער־זאָגטע און לאָמיר פֿאַרבלײַבן בײַ אונדזער איינציקער גרויסער האָפֿענונג אין גיכן צו האָבן פֿון אײַך גאָר פֿריילעכע בשׂורות.

די רעזאָלוציעס האָבן קודם־כּל באַגריסט די נײַ געשאַפֿענע ייִדישע מלוכה און אירע פֿאַרטיידיקערס. זיי האָבן אין דער זעלבער צײַט קאָנסטאַטירט:

די פֿון דער שארית־הפליטה, וועלכע שטרעבן און ווילן קיין ישׂראל — זאָל זיי דערמעגלעכט ווערן זיך אַהין אַרײַנצובאַקומען; פֿאַר דעם רעשט מוזן אויפֿגעעפֿנט ווערן די טויערן פֿון דער וועלט.
עס מוז דרינגנד, גלײַך רעאַליזירט ווערן דער סורינאַם־פּראָיעקט, וועלכער גיט אַ באַלדיקע מעגלעכקייט צו ראַטעווען 30,000 ייִדן.

די רעזאָלוציעס האָבן דערמאָנט, אַז דער נײַער אַמעריקאַנער געזעץ וועגן די־פּי־אימיגראַציע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן „האָט איבערגעלאָזט גאָר אַ קליינע מעגלעכקייט פֿאַר בלויז זעקס טויזנט ייִדישע די־פּיס“.[358] די קאָנפֿערענץ האָט אַפּעלירט צום פֿאָרשטייענדיקן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק

זיך ערנסט צו פֿאַרטראַכטן אויפֿן געביט פֿון דערציִונג, ייִדישער שפּראַך, ייִדיש בוך און אונדזערע אַלטע ייִדישע קולטור־טראַדיציעס, וועלכע ווערן אַזוי אומברחמנותדיק פֿאַרטעמפּט און צעבראָכן אין די לאַגערן. (...) דאָס אויפֿבויען אַ נײַעם געזונטן ייִשובֿ אין סורינאַם — הייסט דאָס

ווידעראויפֿלעבן פֿון פֿאַרשוועכטן און אָפּגעשניטענעם ייִדישן ישוב אין פּוילן (...).

די קאָנפֿערענץ האָט געשיקט אירע האַרציקע גרוסן דער אַמעריקאַנער פֿרײַלאַנד־ליגע און האָט אויסגעדריקט „די גרעסטע דאַנקבאַרקייט דער אַמע־ריקאַנער פֿרײַלאַנד־פֿרויען־אָרגאַניזאַציע, ווי אויך דער פֿרײַלאַנד־יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע, פֿאַר זייער זאָרג, מי און הילף, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן פֿאַר אונדזערע פֿרויען און קינדערלעך״.

צוליב דער דיסקרימינאַציע מצד די ציוניסטיש באַהערשטע לאַגער־קאָמי־טעטן האָט די פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע באַשלאָסן צו פֿאָדערן פֿון דער איראָ אַ באַזונדער לאַגער פֿאַר פֿרײַלאַנדיסטן, ווו זיי זאָלן קאָנען וואַרטן אויפֿן סוף פֿון זייער נע־ונד־לעבן פֿרײַ פֿונעם ציוניסטישן דרוק. די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע האָט זיך טעלעגראַפֿיש געווענדט מכּוח דעם צו דער איראָ־פֿאַרוואַלטונג אין זשענעווע. דער ענטפֿער איז געווען, אַז אַזוינס וועט מעגלעך ווערן ערשט נאָך דעם ווי דער סורינאַם־פּראָיעקט וועט אַרײַנגיין אין דער סטאַדיע פֿון רעאַלי־זירונג.[359]

ווען פֿון דער עקזעקוטיווע איז געקומען די ידיעה וועגן „אָפּלייגן״ דעם סו־רינאַם־פּראָיעקט, איז עס פֿאַר דער פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע געווען „ווי מען גיט איינעם אַ זעץ מיט אַ האַמער אין קאָפּ אַרײַן״.[360] זי האָט געמאָלדן קיין ניו־יאָרק:[361]

> מיט טיפֿן ווייטאָג און צער האָבן מיר אויפֿגענומען אײַער טרויעריקע ידיעה. ווי שטאַרק צעבראָכן מיר זאָלן זיך נישט פֿילן, האַלטן מיר אײַן אין זיך דעם טיפֿן גלויבן, אַז אײַך וועט דאָך געלינגען אָפּצורופֿן די גזרה, און די גרויסע אַרבעט, וועלכע איר האָט ביז הײַנט געטאָן, וועט איר מיט פֿאַרטאָפּלטער ענערגיע — אויף להכעיס אונדזערע שׂונאים — פֿאָרזעצן ביזן ענדגילטיקן נצחון פֿון אונדזער געמיינזאַמער פֿאַלקסזאַך. (...)

איר פֿאַרביטערונג און פֿרוסטראַציע האָט די פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע אויס־געדריקט אין אַ לײַדנשאַפֿטלעכן פּראָטעסט־אויפֿרוף קעגן יענע ייִדישע פֿאַק־טאָרן, וואָס האָבן מיטגעהאָלפֿן אומצוברענגען דעם סורינאַם־פּראָיעקט מיט זייער גלײַכגילטיקער פּאַסיווקייט אָדער, נאָך מער, דורך זייער דעסטרוקטיווער אַקטיווקייט. אינעם אויפֿרוף האָט זיך אויך געשפּירט די נערוון־שפּאַנונג פֿון דער שארית־הפּליטה, וואָס האָט זיך געפֿילט געפֿאַנגען צווישן האַמער און קאָ־וואַדלע פֿונעם מיליטערישן צוזאַמענשטויס צווישן די מערבֿ־מלוכות און דעם קאָמוניסטישן בלאָק, וואָס האָט סוף 1948 אויסגעזען גאָר נאָענט.[362]

> אומברחמנותדיק האַלט מען בײַם אַרײַנשטעקן אַ מעסער אין רוקן פֿון דער שארית־הפּליטה. אַן אומגעזעענע מערדערישע האַנט מישט זיך אַרײַן און האַלט בײַם צעשטערן אַ מעגלעכקייט פֿון רעטונג פֿאַר טויזנ־טער, אַן איינציקע האָפֿענונג פֿון טויזנטער: סורינאַם.
>
> (...) און ווי אַזוי קענט איר דערלאָזן, מען זאָל אונדז מקריבֿ זײַן,

אַבי צו דערווײַזן, אַז עס איז פֿאַראַן בלויז איין איינציקער אויסוועג אין ארץ־ישׂראל? צוליב אידעאָלאָגישע דעמאָנסטראַציעס שפּילט איר זיך מיט ייִדישע לעבנס?

(...) צי וועט איר דערלאָזן, אַז מיליאָנען דאָלאַרן זאָל פֿאַרניצט ווערן אויף אַלץ אין דער וועלט, בעת אויף ראַטעווען, אויף צו קאָלאָניזירן אונדז אין סורינאַם „איז נישטאָ קיין מיטלען“.

די אָנפֿירער און דער אַקטיווער יאָדער פֿון דער פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע האָט אויסגעדריקט די גרייטשאַפֿט צו וואַרטן ביזן רעזולטאַט פֿון דער פֿרײַלאַנד־אַקציע אָפּצוראַטעווען דעם פּראָיעקט. אין די לעצטע חדשים פֿון 1948 האָבן אָבער די ציוניסטן אָנגעהויבן צו ווירקן אויף דער אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך, זי זאָל ליקווידירן אַ טייל לאַגערן, און אויפֿן „דזשוינט“, ער זאָל פֿאַרמאַכן זײַנע לאַגער־וואַרשטאַטן, בכדי אַזוי אַרום צו סטימולירן די עליה קיין מדינת ישׂראל.[363] די פּערספּעקטיוו צו בלײַבן אָן אַ דאַך אין מיטן ווינטער האָט גורם געווען, אַז טייל די־פּי, וואָס האָבן לכתחילה ניט געהאַט בדעה צו פֿאָרן קיין ישׂראל, האָבן דאָס געמוזט טאָן, אָבער פֿאָרויס באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט.[364] אַזוי אַרום האָט די ציוניסטישע אָנפֿירונג אַליין פֿאַרזייט אין דער נײַער מדינה די זאָמען פֿון רעעמיגראַציע („ירידה“ אין דער ישׂראל־טערמינאָלאָגיע), וואָס איז אין די ווײַטערדיקע יאָרן געוואָרן אַן ערנצטע פּראָבלעם.

אַ דאַנק דער ענערגישער אינטערווענץ פֿון דער אַמעריקאַנער פֿרײַלאַנד־ליגע ביי דער אירא און „דזשוינט“, האָט זיך די ליקווידאַציע פֿון לאַגערן אין עסטרײַך צײַטווײַליק אָפּגעשטעלט אין דעצעמבער 1948.[365] אין דײַטשלאַנד איז אָבער די ליקווידאַציע געגאַנגען ווײַטער לויטן רצון פֿון די ציוניסטן, און מאַסן ייִדישע די־פּיס האָבן זיך געזען פֿאַרמישפּט אויף הונגער און קעלט.[366] אין אַזאַ סיטואַציע האָט די אַמעריקאַנער פֿרײַלאַנד־ליגע געדאַרפֿט צוטרעטן צו אַ באַלדיקער אינדיווידועלער רעטונג־אַקציע פֿון אירע חבֿרים אין די לאַגערן.

צווייטע קאָנפֿערענץ פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין אַמעריקע

דעם 10טן סעפּטעמבער 1948 האָט די עקזעקוטיווע פֿון דער אַמעריקאַנער פֿרײַלאַנד־ליגע אַרויסגעגעבן אַ פּרעסע־קאָמוניקאַט, ווו זי האָט דערמאָנט וועגן דער פֿריִער דערגרייכטער פֿאַרשטענדיקונג, וואָס איז געוואָרן באַשטעטיקט דורך די געהעריקע סורינאַמער און האָלענדישע מאַכטן, האָט באַדויערט, אַז זי ווערט אָפּגעלייגט אין אַזאַ קריטישער צײַט פֿאַר טויזנטער ייִדישע היימלאָזע אין אייראָפּע, און האָט קאָנסטאַטירט:

אונדזער אָפּמאַך הענגט ניט אָפּ פֿון די ענדערונגען אין דער „אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע“ צו וועלכער ניט איז צײַט — אַחוץ אינטערעסן פֿון די ייִדישע היימלאָזע און פֿון סורינאַם אַלס גאַנצע. מיר שטייען אין ווײַטערדיקער פֿאַרבינדונג מיט די רעגירונגען פֿון סורינאַם און האָלאַנד

מיט דעם צוועק צו דערגרייכן אַן ענדגילטיקע און שנעלע פּאַרווירקלע־
כונג פון דעם אָריגינעלן אָפּמאַך.

גלײַכצײַטיק האָט די עקזעקוטיווע געשיקט צו די חבֿרים אין דער פּראָ־
ווינץ אַ צירקולאַר מיט אינפֿאָרמאַציע וועגן דער געשאַפֿענער לאַגע און וועגן צונויפֿרופֿן די צווייטע לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון דער ליגע אויפֿן 9טן און 10טן אָקטאָבער 1948 אין ניו־יאָרק. צו דער קאָנפֿערענץ זײַנען געקומען 41 דעלע־
גאַטן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און — צום ערשטן מאָל — פֿון דער נײַער אַקטיווער גרופּע אין מעקסיקע (ד״ר אַבֿרהם קינג). די קאָנפֿערענץ איז געווען אַ פֿאַרמאַכטע, זי האָט אָבער אַרויסגעלאָזט אַ לענגערן באַריכט פֿאַר דער פּרעסע און פֿאַרעפֿנטלעכט אויספֿירלעכע מאַטעריאַלן וועגן איר פֿאַרלויף.[367] איר עיקרדיקער ציל איז געווען ניט אַזוי צו באַטראַכטן די מיטלען צו ראַטע־
ווען דעם סורינאַם־פּראָיעקט ווי די פֿונדאַמענטאַלע פֿראַגע פֿון „זײַן אָדער ניט זײַן" אויב דאָס וועט זיך אַרויסווײַזן פֿאַר אוממעגלעך. אין דעם פּרט איז אויף דער קאָנפֿערענץ ניט געווען קיין שום אָפּטימיסטישע אַליין־דערמוטיקונג: האָפֿנ־
דיק, ווי מען זאָגט, אויפֿן בעסערן, האָט מען זיך געגרייט צום ערגערן.

אויף דער ערשטער זיצונג (אונטערן פֿאָרזיץ פֿון יהודה זעליטש, פֿילאַדעל־
פֿיע) האָט מען איבערגעלייענט באַגריסונגען צו דער קאָנפֿערענץ פֿון פֿרײַלאַנד־
ליגעס און גרופּעס אין פּוילן, רומעניע, ענגלאַנד, האָלאַנד, דרום־אַפֿריקע, אויסטראַליע, עסטרײַך און פֿאַרשיידענע שטעט פֿון צפֿון־אַמעריקע. שואל גוט־
מאַן האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער אַרבעט, וואָס די ליגע האָט דורכגע־
מאַכט פֿאַר די צוויי יאָר זינט דער ערשטער אַמעריקאַנער לאַנד־קאָנפֿערענץ. מיר קאָנען פֿאַרשטיין דעם געפֿיל פֿון שטאָלצקייט, וואָס מיט אים האָט דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פֿון דער ליגע אונטערגעפֿירט דעם סך־הכל פֿון אַלץ, וואָס עס איז פֿאַר דער צײַט דערגרייכט געוואָרן „מיט אַ קליינעם שטאַב טוערס", אין אַן אַטמאָספֿער פֿון פֿאַרביטערטער שינאה, האָבנדיק קעגן זיך די גאַנצע ייִדישע פּרעסע (מיטן אויסנעם פֿון צוויי שרײַבערס, אַ. גלאַנץ און מלך ראַוויטש) און אין די די־פּי־לאַגערן — אַ דירעקטן ציוניסטישן טעראָר.

י. נ. שטיינבערג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן אויפֿקום פֿון פֿרײַלאַנד־גרו־
פּעס אין די לאַגערן פֿון דײַטשלאַנד און באַזונדערס אויף דער פּליטים־פֿרײַלאַנד־
ליגע אין עסטרײַך, וואָס איר אַרבעט „וועט זײַן אַ ליכטיקער קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע". י. גאָרסקי האָט אָפּגעגעבן אַ פֿינאַנץ־באַריכט. גוטמאַנס און שטיינבערגס באַריכטן האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די דעלעגאַטן, וואָס טייל פֿון זיי זײַנען געווען לפֿי־ערך נײַע מענטשן אין דער באַוועגונג.

אויף דער צווייטער זיצונג (אונטערן פֿאָרזיץ פֿון לוי קוועטשאַנסקי, מאָנט־
רעאָל) האָט מען אויסגעקליבן די רעזאָלוציע־קאָמיסיע[368] און אויסגעהערט די באַריכטן פֿון ד״ר ל. מ. פֿרוכטבוים וועגן דער פּאָליטישער אַרבעט פֿון דער ליגע אין משך פֿון די לעצטע צוויי יאָר און פֿון ד״ר י. נ. שטיינבערג וועגן דעם מצבֿ פֿונעם סורינאַם־פּראָיעקט בײַ יענעם מאָמענט. מיט לענגערע רעפֿעראַטן

זײַנען אַרויסגעטראָטן יעקבֿ לעווין („וואָס דאַרף איצט 'פֿרײַלאַנד' טאָן?") און ד"ר י. נ. שטיינבערג („דער פּלאַץ פֿון 'פֿרײַלאַנד' אין ייִדישן לעבן").

י. לעווין האָט אָנגעהויבן זײַן רעפֿעראַט [369] פֿונעם קריזיס פֿון סורינאַם־פּראָיעקט. אפֿשר וועט זיך נאָך לאָזן אָפּפֿרעגן די רכילות, איבעררײדן די האָ־לענדישע רעגירונג. און ווי, אויב דאָס וועט ניט געראָטן? די, וואָס זײַנען צוגע־שטאַנען צו דער ליגע צוליב דעם אויסקוק אויף אַ באַלדיקער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם, וועלן מסתמא פֿאַרלייגן זיך אָפּצוזאָגן פֿון ווײַטערדיקער טעטיקייט. פּרינציפּיעלע טעריטאָריאַליסטן וועלן מסתמא זען אין סורינאַם בלויז נאָך אַן עפּיזאָד אין דער ניט צו גליקלעכער געשיכטע פֿון טעריטאָריאַליזם און וועלן פֿאַרלייגן מיט נאָך מער ענערגיע אָנצוגיין מיט דער אַרבעט. לויט לעווינס מיי־נונג, בלײַבט די טעריטאָריאַליסטישע אידעע אַקטועל אַזוי לאַנג, ביז ייִדן גע־פֿינען זיך אין אַ נאַציאָנאַל אומנאָרמאַלער לאַגע. מען גיט אונדז ניט קיין ערד איצט, אָבער דאָס קאָן זיך בײַטן בײַ אַן אַנדער קאָניונקטור, למשל בײַ אַן אַנט־שפּאַנונג אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען. „און ביז יענער גוטער צײַט וואָס זאָל 'פֿרײַלאַנד' טאָן? זיצן און וואַרטן? אָ, ניין!" די ליגע דאַרף, ערשטנס, ממשיך זײַן איר פּאָליטישע און פֿאַרשערישע אַרבעט; צווייטנס, זיך קאָנצענטרירן אויף אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, באַאַרבעטן די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג, דורכ־לייגן וועגן צו מקורים פֿון פֿינאַנצירונג.

די פֿרײַלאַנד־ליגע דאַרף נעמען אַ גרעסערן אָנטייל אינעם גײַסטיק־קול־טורעלן און געזעלשאַפֿטלעכן ייִדישן לעבן אין אַלע לענדער אויף אַלע שטחים, וואָס האָבן גאָר אַ נאָענטע שייכות צום טעריטאָריאַליזם: ייִדישע שפּראַך, שול, ליטעראַטור, עקאָנאָמישער איבערבוי פֿון דער שארית־הפּליטה: העלפֿן די פּליטים זיך צו באַזעצן אין שטאָט אָדער אויף לאַנד אין די אַמעריקעס; באַזונ־דערס דאַרף מען קומען צו הילף יענע די־פּיס, וואָס ווערן אין די לאַגערן גע־רודפֿט פֿאַר ניט צושטיין צום ציוניזם. אַזוי אַרום, האָט לעווין אויסגעפֿירט, האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע גאָר אַ סך וואָס צו טאָן, אַפֿילו אויב דער סורינאַם־פּראָיעקט וועט ניט פֿאַרווירקלעכט ווערן.

י. נ. שטיינבערג איז צוגעטראָטן צו דער טעמע [370] מיט שטעלן די פּראָ־בלעם אין איר גאַנצער קלאָרקייט: „דער פּלאַץ און די צוקונפֿט פֿון דער פֿרײַ־לאַנד־באַוועגונג מוז[ן] באַטראַכט ווערן אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פֿון דער פֿראַ־גע וועגן דעם ייִדישן סורינאַם־פּראָיעקט". אויב בײַ דער געשאַפֿענער סיטואַ־ציע אין ייִדישן לעבן זײַנען טעריטאָריאַליסטישע קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן ניט נייטיק — דאַרף מען זיך אָפּזאָגן פֿון סורינאַם־פּלאַן אַפֿילו אויב מען זאָל אים קאָנען דערגרייכן אויף די בעסטע באַדינגונגען. אויב אָבער דאָס איז ניט אַזוי, „דעמאָלט מוזן מיר קעמפֿן פֿאַר דער דורכזעצונג פֿון אַ סורינאַמער און ענלעכע פּלענער מיט דער גאַנצער קראַפֿט".

שטיינבערג האָט נאָך אַ מאָל פֿאָרמולירט די נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און עטישע פּרינציפּן פֿון דער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג און האָט צוו"אַ אָנגעוויזן:

ערשט איצט מיטן אויפֿקום פֿון מלכות ישׂראל פֿאַרשטייען מיר בעסער דעם פּראָבלעם פֿון ייִדישן גײַסטיקן המשך. אין ארץ־ישׂראל בויט זיך אַ פֿאָלק מיט אַ שפּראַך און קולטור, וואָס איז פּאַקטיש אָפּגעריסן פֿון דער מערהייט פֿון ייִדישן פֿאָלק. (...) מיר ווילן בפּירוש, אַז דאָס פּוילישע און ליטווישע, דאָס רוסישע און גאַליציישע ייִדיש[ע] פֿאָלק זאָל האָבן זײַן אייגענעם היסטאָרישן המשך, זאָל אויפֿהאַלטן און אַנטוויקלען זיין פֿאָלקסטימלעכן נוסח און זײַן ייִדישע שפּראַך.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די דריי הויפּטפּאַרקטאָרן אין נאָכמלחמהדיקן ייִדישן לעבן: אײן נעגאַטיוון — מיר האָבן פֿאַרלאָרן מיליאָנען פֿאָלקסברידער, די „אין דורות פֿאַרפֿעסטיקטע נאַציאָנאַלע באַזעס פֿון אונדזער לעבן”; און צוויי פּאָזיטיווע: גרויסע מאַסן ייִדן לעבן אין „די אַזוי גערופֿענע רויִקע לענדער (אַמעריקע, רוסלאַנד, ענגלאַנד און זײַנע דאָמיניאָנס)” און „עס איז אויפֿגעקומען אַ שטאַרקער ייִדישער קיבוץ אין דער פֿאָרעם פֿון אַ מלוכה אין א״י”. איז וואָס שייך דעם ערשטן, פֿאָדערט פֿון אונדז דער חורבן נאָך שטאַרקער צו אַרבעטן פֿאַר אַ ייִדישן טעריטאָריאַלן צענטער. אין די „רויִקע” לענדער האָלט עס טאַקע מיט ייִדן גאַנץ גוט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, אָבער עס לויערט אויף זיי „די געפֿאַר פֿון אַ מאַסן־אַסימילאַציע, פֿון אַ זעליש־מאָראַלישער אויסליידיקונג”, און נאָך דער אַסימילאַציע „גייט נאָך ווי אַ שאָטן די קללה פֿון אַנטיסעמיטיזם”, וואָס באַטײַט שוין ניט בלויז „דיסקרימינאַציע אָדער געזעלשאַפֿטלעכער בויקאָט; הײַנט קוקט פֿון אים אַרויס דאָס מערדער־פּנים פֿון פֿאַרניכטונג”.[371] דער „בונד” האָט שוין אָנגעהויבן זאָרגן וועגן קיום האומה, ער באַמערקט אָבער ניט, אַז די כוואַליעס פֿון אַסימילאַציע „קען מען ניט אָפּשטעלן מיט שפּענדלעך פֿון ריינער קולטור־אַרבעט”. וואָסער קולטור קאָן מען ברענגען דער יוגנט, אויב די ייִדישע שפּראַך וועט ניט „אָפּשפּיגלען רעאַלע, מאַטעריעלע פּראָצעסן פֿון אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלן לעבן?” ווי קאָנען עקסיסטירן דעמאָקראַטישע ייִדישע קהילות, אויב זיי וועלן ניט האָבן אַרום זיך קיין „נאַציאָנאַל־ייִדישן, ניט־געקינצלטן מאַסן־לעבן?” און, דריטנס,

צי קען מען זאָגן, אַז מיט דער שאַפֿונג פֿון דער ייִדישער מדינה און איר עפֿענע טויערן פֿאַר ייִדישע וואַנדערער איז אויסגעשפּילט די ראָלע פֿון 'פֿרײַלאַנד'? צי דאַרף הײַנט צו טאָג די פֿרײַלאַנד־ליגע נאָכפֿאָלגן דעם בײַשפּיל פֿון ישׂראל זאַנגוויל אין 1927, בעת ער האָט פֿונאַנדערגעלאָזן די ייִדישע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע (ייִט״אָ)?[372]

מיליטאַריזם, קולט פֿון מלוכה מיט איר אַפּאַראַט פֿון צוואַנג, אונטערגעוואָרפֿנקייט די אינטערעסן פֿון גרויסמאַכטן — אין דעם שטעקט אַ גײַסטיקע סכּנה פֿאַר מדינת ישׂראל. די פֿאַרסירטע קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פֿון דער ישׂראל־עקאָנאָמיע וועט אָפּשוואַכן און איזאָלירן דאָס סאָציאַל שענסטע, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין ארץ־ישׂראל — די קיבוצים און קבוצות. שטיינבערגס אויספֿיר איז געווען, אַז ווי וויכטיק דער אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל זאָל ניט זײַן, האָט ער ניט אָפּגעשאַפֿט די עיקרדיקע פּראָבלעמען פֿון ייִדישן לעבן: היימ־

לאָזיקייט, אַסימילאַציע און אַנטיסעמיטיזם. „ממילא בלײַבט די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט אין אונדזער לעבן“.

אין דער דיסקוסיע אַרום די רעפֿעראַטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל איז פֿאַר קיינעם פֿון די דעלעגאַטן ניט געווען קיין גרונד אָפּצושטעלן די אַרבעט פֿון דער ליגע. בלויז איין י. רובינשטיין האָט געהאַלטן, „אַז מיר קענען ניט אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט“, אָבער בלויז צוליב דעם, „ווײַל מיר האָבן ניט עפּעס פּראַקטישס פֿאָרצולייגן“ נאָך דעם ווי דעם סורינאַם־פּראָיעקט האָט מען צוריקגעצויגן צוליב מורא פֿאַר 30,000 ייִדן. פֿון דעסט וועגן האָט רובינשטיין צוזאַמען מיט דער נײַער עקזעקוטיווע אונטערגעשריבן דעם אויפֿרוף פֿון דער קאָנפֿערענץ, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע איז ממשיך איר טעטיקייט. טיפּיש פֿאַר דער דיסקוסיע איז געווען דער אַרויסטריט פֿון אַ. גלאַנץ: ער האָט דורכגעלעבט אַ סך ליקווידאַציעס; אין 1918 האָט מען פֿונאַנדערגעלאָזט די אַמעריקאַנער ס״ט־פּאַרטיי; אין 1925 האָט זאַנגוויל פֿונאַנדערגעלאָזט די ייִט״אָ. נאָך אַזעלכע צוויי ליקווידאַציעס וויל ער ניט נאָך איינע. סורינאַם איז נאָך אַקטועל: אויב סורינאַם איז פֿאַרפֿאַלן, בלײַבט בלויז זיך צוריקציִען אין אַ ווינקל און אָפּוואַרטן. נאָך מדינת ישׂראל איז נאָך פֿאַראַן פֿאַר וואָס צו אַרבעטן. גלאַנץ האָט ספּעציעל אויסגעטיילט די אַחריות פֿון דער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג פֿאַר דער ייִדישער קולטור און די נויטווענדיקייט פֿון אַ שעפֿערישער אידעאָלאָגיע, ניט נאָר צו ראַטעווען די־פּיס, נאָר אויך דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום: מעגן זיך אַמעריקאַנער ייִדן באָדן אין רײַכטום, כאַפּט זיי די ייִדישע געשיכטע פֿאַרן גאָרגל.

די פֿאַרזאַמלטע איז שווער געווען זיך צו אידענטיפֿיצירן מיט מדינת ישׂראל אַזוי ווי זי איז. מלך ראַוויטש איז געווען שאָקירט, ווען ער האָט באַקומען פֿון ישׂראל לשנה־טובֿה־קאַרטלעך מיט טאַנקען. יהודה זעליטש האָט דערמאָנט וועגן דעם „העברעיִשן שאָוויניזם“ און אָנגערופֿן די קולטור פֿון מדינת ישׂראל „העברעיִשע אַסימילאַציע“. ער האָט באַדויערט, וואָס „מיר זײַנען געווען שטילער ווי וואַסער און נידעריקער ווי גראָז; מיר זײַנען געווען צו איידל צו די ציוניסטן“, און יענע האָבן דערויף געענטפֿערט מיט רכילותדיקע מעמאָראַנדומס דער האָלענדישער רעגירונג. ער האָט געפֿאָדערט אַ קאָנטער־אַקציע אין האָלאַנד. ל. קוועטשאַנסקי האָט געזאָגט, אַז „הײַנטיקס יאָר האָט ער געגעבן פֿיר מאָל מער ווי פֿאַר אַ יאָרן פֿאַר ארץ־ישׂראל; דאָך האָט מען אים גערופֿן אַ פֿאַררעטער“. ער האָט אויסגעדריקט די שטימונג פֿון אַ סך פֿון די פֿאַרזאַמלטע, קאָנסטאַטירנדיק: „אויב סורינאַם וועט ניט זײַן — קען ער ניט ווערן אויס טעריטאָריאַליסט. לאָמיר אַרבעטן ווײַטער“.

שאַרפֿער פֿאַר אַלץ איז געשטאַנען די פֿראַגע פֿון די פּליטים־פֿרײַלאַנדיסטן, וואָס האָבן פֿאַרבונדן זייערע האָפֿענונגען מיט סורינאַם און האָבן צוליב דעם געמוזט מאָראַליש און מאַטעריעל לײַדן. אַלטע סודאַרסקי האָט געהאַלטן, אַז עס איז דאָ פּראָגראַם־מאַקסימום און פּראָגראַם־מינימום: אויב מען קען ניט

באַזעצן די די־פּיס אין סורינאַם, מוז מען זיי העלפֿן זיך אײַנאָרדענען אין קאַ־נאַדע און אַנדערע לענדער. מ. מענדעלסבערג האָט גערופֿן די ליגע צו זאָרגן וועגן ייִדישע וואַנדערערס, אויב אַפֿילו אין דער פֿאָרעם פֿון קליין־קאָלאָניזאַ־ציע. אַ. נעווועלשטיין (רוזוועלט, ניו־דזשוירזי) האָט פֿאָרגעלייגט, מען זאָל מיט דער הילף פֿון פּליטים ראַטעווען און פֿאַרשטאַרקן די אָפּשטאַרבנדיקע ייִדישע קאָלאָניעס אין ניו־דזשוירזי. אַלע זײַנען געווען מסכּים, אַז מען דאַרף פֿאַר־שטאַרקן די קאַמפּאַניע פֿון שיקן פּעקלעך אין די די־פּי־לאַגערן, און די מערהייט האָט געהאַלטן, אַז דאָס דאַרף געטאָן ווערן אין נאָמען פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע גופֿא, ווי אַ וויכטיקער טייל פֿון איר אַרבעט.

עס זײַנען געווען צוויי בודזשעט־פּראָיעקטן אויף 1949 — י. גאָרסקיס — אין נאָמען פֿון דער עקזעקוטיווע און ד״ר ל. מ. פּרוכטבוימס פּראָיעקט פֿון אַ רעדוצירטן בודזשעט. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ניט געקוקט אויף דעם ווײַט ניט פֿריילעכן מצבֿ־רוח האָט די קאָנפֿערענץ מיט אַלע שטימען קעגן איינער באַשלאָסן ניט צו שנײַדן דעם בודזשעט און אָנצוגיין מיט דער אַרבעט אין פֿולן פֿאַרנעם.

די קאָנפֿערענץ האָט אויך אויסגעהערט באַריכטן פֿון דער פֿרײַלאַנד־פֿרויען־אָרגאַניזאַציע (לאה קאַנטאָר), יוגנט־ליגע (מיטע טשאַרני [373]) און וועגן דער לעצטער אָרגאַניזיר־אַקציע און קאַמפּאַניע אין לאָס־אַנדזשעלעס (אַדאַ סי־געל). ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נײַע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע: אַ. אייב־רעמס (שיקאַגאָ), י. גאָרסקי (נ״י), ש. גוטמאַן (נ״י), מ. גינזבורג (ל״אַ), ל. געל־פֿאַר (נ״י), מאַקס האַלצמאַן (ל״אַ), ה. וואַן לעווען (ראָטערדאַם), י. זעבלין (פֿי־לאַדעלפֿיע), י. זעליטש (פֿילאַדעלפֿיע), ב. טוראַק (נ״י), ה. יאַפֿע (ל״אַ), אַ. כאַ־באַצקי (נ״י), יעקבֿ לעווין (נ״י), ד״ר י. מינקין (נ״י), מ. מענדעלסבערג (נ״י), אַ. נעווועלשטיין (רוזוועלט, נ״דזש), ד״ר מ. סודאַרסקי (נ״י), אַ. סטעף (נ״י), קלעמענט סטעף (יוגנט־אָרגאַניזאַציע), אַ. סיגנער (נ״י), אַדאַ סיגעל (נ״י) י. פּאַדאַלסקי (לאָנדאָן), י. פּושעט (מעלבורן), ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים (נ״י), י. קאַ־טשערגינסקי (עסטרײַך), לאה קאַנטאָר (פֿרויען־אָרגאַניזאַציע), ג. קוועטשאַנסקי (מאָנטרעאָל), ד״ר אַ. קינג (מעקסיקע), אַ. ראַבין (ל״אַ), מלך ראַוויטש (מאָנט־רעאָל), ד״ר ב. ראַפּעשינסקי (אַמסטערדאַם), י. רובינשטיין (נ״י), א. שולמאַן (נ״י), ד״ר י. נ. שטיינבערג (נ״י).

אין די רעזאָלוציעס האָט די קאָנפֿערענץ (1) אויסגעדריקט איר פֿאַרדראָס צוליב דעם באַשלוס פֿון די סורינאַמער סטאַטן „אָפּצולייגן" די ווײַטערדיקע פֿאַרהאַנדלונגען מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע בשעת „טויזנטער פֿון די ייִדישע פּליטים וואַרטן מיט אומגעדולד אויפֿן אָנהייב פֿון דער קאָלאָניזאַציע אין סורי־נאַם"; (2) באַשטעטיקט די שריט פֿון דער עקזעקוטיווע צו באַנײַען די אונטער־האַנדלונגען אין האָלאַנד און סורינאַם און גערופֿן זי נאָך אינטענסיווער צו פֿירן די אַקציע, אויסנוצנדיק דערבײַ אַלע מעגלעכע דיפּלאָמאַטישע, געזעלשאַפֿטלע־כע און פּאָליטישע פֿאַרבינדונגען; (3) אָפּגעשאַצט „מיט גרויס באַפֿרידיקונג די

היסטאָרישע באַדײַטונג פֿון דער גרינדונג פֿון מדינת ישׂראל", אָבער אונטער־געשטראָכן, אַז מען טאָר ניט שטעלן די גאַנצע ייִדישע צוקונפֿט בלויז אויף מדינת ישׂראל, און קאָנסטאַטירט, אַז „מדינת ישׂראל האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט צווישן די ייִדן פֿון ישׂראל און די ייִדן פֿון חוץ־לאָרץ"; (4) אויסגעדריקט „איר צאָרן קעגן געוויסע ציוניסטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך אַרונטער־געלאָזט — אין דער קריטישער צײַט פֿאַר אונדזערע היימלאָזע ברידער — צו מסירות און ליגנס, כּדי צו צעשטערן די האָפֿענונגען פֿון טויזנטער ברידער אונדזערע אויף אַ פֿרידלעכן לעבן אין סורינאַם"; (5) אויסגעדריקט איר צופֿרידנ־קייט מיט דער אויפֿגעטועגער אַרבעט פֿונעם אָפּיס־קאָמיטעט; (6) איבערגע־שיקט איר גרוס צו די ייִדן אין די לאַגערן, ספּעציעל צו דער פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע אין עסטרײַך, און פֿאַרזיכערט, אַז די ליגע וועט „טאָן אַלץ אין דער וועלט צו שאַפֿן אַ פֿרײַען, רויִקן מקום־מיקלט פֿאַר די די־פּיס"; (7) אויפֿגעפֿאָדערט די עקזעקוטיווע „זיך גרינטלעך צו באַקענען מיט די קליינע ייִדישע ישובֿים (ווי קאָלאָניעס, האָמסטעדס אאַז״וו) אין אַמעריקע און מיט זייערע מעגלעכקייטן אויפֿצונעמען נײַע מיטגלידער", און זיך באַמיִען, אַז די „סאָציאַלע און קולטור־רעלע אינטעגראַציע" פֿון נײַע ייִדישע אימיגראַנטן „זאָל ניט געשען אויפֿן חשבון פֿון דער ייִדישער קולטור־ירושה, וואָס די נײַ־געקומענע ברענגען מיט זיך"; (8) געדרופֿן די עקזעקוטיווע אויסצואַרבעטן „אַ פּלאַטפֿאָרמע פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג, וואָס זאָל קלאָר פֿאָרמולירן אונדזער שטעלונג צו די אַק־טועלע ייִדישע פּראָבלעמען"; (9) באַגריסט י. נ. שטיינבערגן צו זײַן 60־יאָריקן געבוירן־טאָג; (10) באַגריסט האַנס סאַמסאָנען, „דעם ערשטן סורינאַמער ייִד, וואָס האָט זיך מיטן גאַנצן האַרצן אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿונעם גרויסן פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט".

שליסנדיק די קאָנפֿערענץ, האָט ד״ר י. נ. שטיינבערג צוו״אַ געזאָגט: „די יאָרן פֿון אַרבעט פֿאַר פֿרײַלאַנד זײַנען געווען די גליקלעכסטע יאָרן פֿון אונ־דזער לעבן. אפֿשר וועט מען אַ מאָל זאָגן, אַז בײַ די פֿרײַלאַנדיסטן האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ נײַע נשמה. (...) מיר האָבן זיך ניט מיט וואָס צו שעמען. מיר האָבן קיין מאָל ניט אָפּגענאַרט. מיר האָבן גערעדט אין נאָמען פֿון די לײַדנדיקע ייִדן אין אייראָפּע. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס וועט זיך אײַנגעבן אין אַ פּאָר יאָר. איצט ווייסן מיר, אַז ס׳איז ניט אַזוי. מען מוז אַרבעטן שווערער צו באַקו־מען אַ פֿרײַ לאַנד".

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לפֿי־ערך באַריכותדיק אויף דער צווייטער פֿרײַלאַנד־קאָנפֿערענץ אין אַמעריקע — ערשטנס, ווײַל זי האָט אָפּגעמערקט דעם אָפּשלוס פֿון אַ וויכטיקן פּעריאָד אין דער געשיכטע פֿון דער באַוועגונג, וואָס קאָן געגליכן ווערן צום אויפֿשטײַג אין 1938־1939, ערבֿ דעם חורבן; צווייטנס, ווײַל די קאָנפֿערענץ גיט אַ תּשובֿה אויף דער פֿראַגע, פֿאַר וואָס די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט ממשיך געווען איר עקסיסטענץ אויך נאָך דער מפּלה פֿון סורינאַם־פּראָיעקט און דעם אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל.

קאַמף צו ראַטעווען דעם פּראָיעקט: סורינאַם

ניט געקוקט אויפֿן דעפּעטיסטישן קוק אויפֿן סורינאַם־פּראָיעקט בעת דער קאָנפֿערענץ, איז דער קאַמף אָפּצוראַטעווען אים געגאַנגען מיטן פֿולן טעמפּאָ. די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט געשעפּט אַ סך גײַסטיקן כּוח אין איר פֿעסטער איבער־צײַגונג, אַז די פֿאַרשטענדיקונג פֿון 20סטן אַפּריל 1947 וועגן קאָלאָניזירן 30,000 ייִדן אין סורינאַם, וואָס איז אַפּראָבירט געוואָרן הן דורך די סורינאַמער סטאַטן, הן דורך דער האָלענדישער רעגירונג, איז געווען אַן אָפּמאַך, און אַז דער באַ־שלוס „אָפּצולייגן" די זאַך איז געווען אַן אַקט פֿון ברעכן דעם אָפּמאַך. דער נײַער פּרעמיער־מיניסטער פֿון האָלאַנד, ווילעם דרעס, האָט, להיפּוך, געדרונגען, אַז האָלאַנד און סורינאַם האָבן זיך ניט מתחייבֿ געווען אַרײַנצולאָזן 30,000 ייִדן, נאָר בלויז מסכּים געווען אין פּרינציפּ.[374] אָבער אַ „הסכּמה אין פּרינציפּ" האָט גאַנץ באַשײַמפּערלעך געלאָזט אָפֿן נאָר קאָנקרעטע דעטאַלן פֿונעם פּראָיעקט (באַשטאַנד פֿון די קאָלאָניסטן, אופֿן פֿון קאָלאָניזירן, פֿינאַנצירונג, אַדמיניסטראַ־ציע אאַז"וו), אָבער ניט דעם עצם פֿאַקט פֿון צולאָזן קיין סורינאַם ייִדישע קאָ־לאָניסטן און זייער צאָל. די אַקציע פֿונעם צווייטן צד האָט געהייסן מבֿטל צו מאַכן דווקא דעם פּרינציפּ.

אַזאַ איז אויך געווען די מיינונג פֿון אָנגעזעענע ספּעציאַליסטן אין אינטער־נאַציאָנאַלן רעכט.[375] צו"אַ האָט זיך די פֿרײַלאַנד־ליגע מיט אַ צײַט שפּעטער געווענדט צום באַקאַנטן יוריסט אַדאָלף אַ. בוירל, דיפּלאָמאַט און לאַנגיאָריקן געהילף פֿון מלוכה־סעקרעטאַר.[376] אין זיין מסקנה האָט ער, פֿון איין זײַט, אָנערקענט, אַז „דאָס איז, לויט מײַן מיינונג ניט קיין פֿאַרשטענדיקונג, וואָס מען קאָן האַלטן פֿאַר בינדנדיק ווי אַ זאַך פֿון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט". און באמת, די פֿאַרשטענדיקונג איז געמאַכט געוואָרן ניט צווישן צוויי רעגירונגען, נאָר צווישן אַ רעגירונג און אַ פּריוואַטער אָרגאַניזאַציע. פֿון דעסט וועגן, האָט ממשיך געווען בוירל —

> עס איז אָבער פֿאַראַן אַ קלאָרע התחייבֿות צוצוגייען צום פּראָיעקט ערנצט און סימפּאַטיש (...) און עס זעט אויס, אַז עס איז דאָ אַן אויסגע־צייכנטע מאָראַלישע תּבֿיעה צו דער נײַ־קאָנסטיטויִרטער רעגירונג פֿון סורינאַם, זי זאָל באַטראַכטן דעם פּראָיעקט אין זײַנע מער פּרטימדיקע און פּראַקטישע אַספּעקטן.

לויט אָנגענומענע רעכטלעכע תּקנות האָט די רעאָרגאַניזירטע רעגירונג פֿון סורינאַם איבערגענומען די מאָראַלישע און לעגאַלע פּאָזיציע פֿון איר פֿאָרגייער.

די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט אַרײַנגעלייגט אינעם פּראָיעקט גאָר אַ סך אַרבעט און צײַט, און דער גובערנאַטאָר פֿון סורינאַם האָט געפֿאָדערט און באַקומען אַ פֿינאַנציעלן פֿאָרשלאָג. די עקאָנאָמישע דורכפֿירונג פֿון דער גרונט־פֿאַרשטענדיקונג פֿון 20סטן אַפּריל 1947 איז אַקטיוו באַ־טראַכט געוואָרן אין דער צײַט פֿון רעאָרגאַניזירן די סורינאַמער רעגירונג.

אַט דער געפיל פון מאָראַלישן יושר האָט באַווירקט די פרײַלאַנד־ליגע באַלד פון אָנהייב. דעם 30סטן אויגוסט האָט זי געשיקט אַ בריוו צו ה. דע פריזן, פאָרזיצער פון די סורינאַמער סטאַטן, און אַ לענגערן בריוו צום גובערנאַטאָר הינדער. אינעם ערשטן בריוו האָט זיך צוו״אַ געזאָגט:

מיר פילן, אַז מען האָט אונדז געטאָן אַ גרויסע עוולה דורכן באַשלוס פון די סטאַטן צו לאָזן הענגען די פאַרהאַנדלונגען מיט דער פרײַלאַנד־ליגע. מיר קאָנען ניט פאַרשטיין, אַז אַ באַשלוס פון אַזאַ וויכטיקן כאַראַק־טער זאָל מען אָננעמען, ניט געבנדיק דעם צווייטן צד — דער פרײַלאַנד־ליגע — קיין שאַנס אויסגעהערט צו ווערן.

מיר מיינען, אַז אָרנטלעכקייט איז מחייב, דער באַשלוס פון די סטאַטן זאָל רעווידירט ווערן לטובֿת אונדזער פראָיעקט פאַרן נוצן פוןביידן, די ייִדישע די־פּיס און דעם פאָלק פון סורינאַם.

דעם 8טן אָקטאָבער האָט דער גובערנאַטאָר מודיע געווען דער ליגע, אַז ער האָט באַקענט די סטאַטן מיטן אינהאַלט פונעם בריוו צו אים און האָט געקראָגן פון זיי אַ געהיימען בריוו פון 5טן אָקטאָבער.

היות ווי עס האָבן זיך ניט באַוויזן קיין שום נײַע עלעמענטן, וואָס זאָלן עפענען די פערספּעקטיוו פון אַ גיכער טאָטאַלער אויפקלערונג פון דער סיטואַציע, נאָר, אַדרבא, די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג, האָבן די סטאַטן מיך איצט אינפאָרמירט, אַז זיי האָבן ניט געפונען קיין גרונד צו בײַטן זייער שטאַנדפונקט.

דעם 28סטן אָקטאָבער האָט די ליגע געבעטן דעם גובערנאַטאָר קלאָר צו מאַכן די מטושטשע ווערטער וועגן „אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע" און וואָ־סער שייכות די דאָזיקע „סיטואַציע" האָט צו דער רעאַליזירונג פונעם ייִדישן קאָלאָניזיר־פראָיעקט. דער גובערנאַטאָר האָט דעם 16טן נאָוועמבער געענטפערט, אַז ער האָט כּלומרשט צום גאַנצן ענין קיין שייכות ניט; דעם באַשלוס האָבן אָנגענומען די סטאַטן, ווענדט זיך צו זיי. האָט מען דעם 24סטן נאָוועמבער נאָך אַ מאָל געשריבן צו דע פריזן, אָבער קיין ענטפער ניט באַקומען. באַלד איז דע פריז אַרויס פון די סטאַטן און איז אַרויסגעפאָרן קיין האָלאַנד ווי דער ראָש פון סורינאַמער קאָמיסאַריאַט אין האַג. נאָכן פאַרלאָזן סורינאַם האָט ער זיך ווידער דערקלערט פאַר אַן אָנהענגער פונעם פרײַלאַנד־פראָיעקט.[357] וואָס איז אָבער געווען די פעולה דערפון, אַז ער האָט זיך שוין מער נישט געפונען אויפן דע־צידירנדיקן פונקט — אין די סטאַטן.

דערווײַל איז אין סורינאַם גופא געגאַנגען אַן אַקציע קעגן אָפּשאַפן דעם פראָיעקט. בראָש פון איר איז געשטאַנען האַנס סאַמסאָן. אָנהייב סעפּטעמבער איז אַרויס זײַן האָלענדישע בראָשור מיט די עיקרדיקע טיילן פונעם עקספערטן־באַריכט וועגן סאַראַמאַקאַ. דאָס האָט געשטעלט דעם גובערנאַטאָר אין אַ פאַר־לעגנהייט. אין אַ בריוו צו די סטאַטן פון 9טן סעפּטעמבער[378] האָט ער זיך סתירותדיק פאַרענטפערט, הלמאַי די רעגירונג האָט ביז דעמאָלט ניט געשיקט

דעם עקספּערטן־באַריכט צו די סטאַטן. אין אַ בריוו צו דער צײַטונג העט ניוווס (דעם 16טן סעפּטעמבער) האָט סאַמסאָן אָנגעוויזן אויף אַ ריי „מאָדנע אומ־שטאַנדן" בײַם אָננעמען דעם באַשלוס: געהיימע באַטראַכטונג פֿונעם ענין, כאָטש די קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט, אַז די סטאַטן־זיצונגען מכּוח וויכטיקע פֿראַגעס זאָלן פֿאָרקומען עפֿנטלעך; אָפּוואַרפֿן דעם פּראָיעקט ניט האָבנדיק אַפֿילו געזען דעם באַריכט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע; דער פֿאַקט, וואָס די סטאַטן האָבן ניט פֿאַרעפֿנטלעכט אַליין זייער באַשלוס, ווי געוויינטלעך, נאָר די זאַך איז ערשט באַוווּסט געוואָרן פֿונעם גובערנאַטאָרס בריוו צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע.

די צײַטונג העט ניוווס האָט נאָך אין אויגוסט פּראָטעסטירט קעגן ברעכן די פֿאַרשטענדיקונג מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע און קעגן מאַכן דאָס בסוד פֿון דער באַפֿעלקערונג. אין סעפּטעמבער האָט איר עדיטאָריאַל קריטיקירט „דעם מאָדנעם כאַראַקטער פֿונעם גובערנאַטאָרס בריוו, וואָס האָט געמאָלדן בלויז וועגן דעם באַשלוס פֿון די סטאַטן, פּונקט ווי די רעגירונג גופֿא וואָלט צו דער גאַנצער פֿראַגע אַבסאָלוט קיין שייכות ניט געהאַט". זי האָט געלויבט דעם עקספּערטן־באַריכט ווי אַן ערנצטן, פֿילזײַטיקן דאָקומענט, און האָט געפֿרעגט, פֿאַר וואָס די רעגירונג האָט אים באַהאַלטן פֿון דער עפֿנטלעכקייט. זי האָט גערופֿן, כּל־זמן ס'איז נאָך ניט שפּעט, זיך צו פֿאַרטראַכטן וועגן סורינאַמס גוטן נאָמען.[379]

פֿאָרויט, אָרגאַן פֿון דער (קאַטוילישער) פּראָגרעסיווער סורינאַמער פֿאָלקס־פּאַרטיי, האָט אין זײַן סעפּטעמבער־נומער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פֿון פּ. י. צ. וואַלדייק „יידישע אימיגראַציע". סורינאַם, האָט ער געשריבן, מוז פֿאַרגרעסערן זײַן באַפֿעלקערונג, באַאַרבעטן זײַנע פּוסטע שטחים, אָבער דורך אַ געהעריקן עלעמענט:

> די אימיגראַציע פֿון יידן גיט סורינאַם אַ גוטן שאַנס צו דערגרייכן וווילשטאַנד. די דאָזיקע מענטשן קומען מיט קענטעניש, קאַפּיטאַל און ענערגיע. (...) ווער עס האָט גוט איבערגעלייענט דעם זייער קאָמפּעטענטן און אינטערעסאַנטן באַריכט פֿון דער קאָמיסיע (...), מוז קריגן דעם אײַנ־דרוק, אַז מען האָט אין אים געבראַכט זייער אַן ערנצטע פּלאַנירונג פֿון דורכפֿירן די זאַך. (...) די סטאַטן פֿון סורינאַם וועלן אפֿשר ניט באַנײַען די אונטערהאַנדלונגען וועגן אַרײַנלאָזן 30,000 יידן. סורינאַם וועט אפֿשר ניט אויסנוצן די זאַך. די קומענדיקע דורות וועלן פֿאָדערן אַ חשבון: „וואָס האָט איר געטאָן פֿאַרן וווילשטאַנד פֿון לאַנד און פֿאָלק?" אוי וויי, דער ענטפֿער וועט זײַן: „ניט קיין סך".

דערצו האָט די רעדאַקציע צוגעשריבן:

> פֿאַר אַ יאָרן האָט די פּס"וו (פּראָגרעסיווע סורינאַמער פֿאָלקספּאַר־טיי) געשיקט צו די סטאַטן אַ מעמאָראַנדום, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער פּאַרטיי אין אָט דער פֿראַגע. מיר מיינען, אַז פֿאַר סורינאַם וועט זײַן אַ גנאַי, אויב דער הסכּם אַרײַנצולאָזן 30,000 יידן וועט בטל ווערן צוליב דער קורצזעעוודיקייט פֿון די הײַנטיקע

סטאַטן. די פּס״ו איז פֿאַר סטימולירן אימיגראַציע. און קודם־כּל פֿאַר גוט צוגעגרייטע און גוט אויסגעפֿירטע אימיגראַציע־פּלענער!

אין סעפּטעמבער האָט זיך אין סורינאַם געשאַפֿן דער „קאָמיטעט פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם". עס זײַנען אין אים אַרײַן נײַן פֿאָרשטייערס פֿון די עיקרדיקע עטנישע און קאָנפֿעסיאָנעלע גרופּעס פֿונעם לאַנד: מינג דולמאַן, יאַוואַנער, מוסולמענער, געוו' מיטגליד פֿון די סטאַטן; אי. מ. וואַן ער, קרעאָל, עקזעקוטיוו־מיטגליד פֿון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי; ס. פּ. העלסטאַן, קרעאָל, לידער פֿון דער נײַער קריסטלעך־דעמאָקראַטישער (פּראָ־טעסטאַנטישער) פּאַרטיי; פּ. י. צ. וואַלדייק, קרעאָל, פּראָגרעסיווע (קאַטוילישע) פֿאָלקספּאַרטיי; אי. הירא סינג, הינדוסטאַנער, הינדוּיסט;[380] מ. אַ. קאַראַמאַט־אַלי, הינדוסטאַנער, מוסולמענער; ס. פּ. פּאַרסאַן, הינדוסטאַנער, אַריער;[381] ה. סאַמסאַן, ייִד; ק. פּ. וואַן וועסטען, האָלענדער. דעם 3טן אָקטאָבער האָט דער קאָמיטעט געשיקט אַ טעלעגראַם שטיינבערגן: „איבערצײַגט, מערהייט סורינאַ־מער באַפֿעלקערונג האַלט אונטער פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט. (...) מיר בעטן אײַך מור־טיק ממשיך צו זײַן אײַער אַרבעט פֿאַרן קעגנזײַטיקן וווּיל פֿון סורינאַם און לײַדנדיקע ייִדן".[382] סוף סעפּטעמבער האָט דער קאָמיטעט אָנגעגעבן דעם גו־בערנאַטאָר און דער רעגירונג פֿון סורינאַם אַ מעמאָראַנדום, וואָס האָט זיך אויך באַוויזן אין דער אָרטיקער פּרעסע. עס האָט זיך אין אים צוו״אַ געזאָגט:[383]

די מיטגלידער פֿונעם קאָמיטעט זײַנען איבערצײַגט, אַז זיי דריקן אויס די מיינונג פֿון אַ סך טויזנטער אײַנוווינערס פֿון סורינאַם פֿון פֿאַר־שיידענע פּאָליטישע קרײַזן און אָפּשטאַמונג. (...)

מיר האָבן מורא, אַז אַזאַ איינזײַטיק צוריקציִען זיך פֿון וואָס מען קאָן אָנרופֿן אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך, קאָן ברענגען שאָדן דעם גוטן נאָמען פֿון סורינאַם אין אויסלאַנד. (...)

היות די מאָטיוון, וואָס האָבן געפֿירט צום אָפּלייגן די זאַך, זײַנען ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, איז זיי צום באַדויערן אוממעגלעך אָפּצו־פֿרעגן.

אַ גרויסער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג האָט איצט מורא, אַז דורך אָפּלייגן די אונטערהאַנדלונגען מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע וועלן מיר פֿאַר־לירן די געלעגנהייט אַרײַנצונעמען די ייִדישע קאָלאָניסטן און אַזוי אַרום צו מאַכן אַ וויכטיקן בײַשטײַער צום עקאָנאָמישן וווילשטאַנד פֿון סורינאַם.

צוליב אָט די טעמים ווענדט זיך דער קאָמיטעט צו די סטאַטן און דער רעגירונג מיט דער רעספּעקטפֿולער בקשה:

1) ניט בטל צו מאַכן דעם שוין אָנגענומענעם פּרינציפּ פֿון אַרײַנ־לאָזן 30,000 ייִדישע קאָלאָניסטן;

2) צו געבן אַ דעלעגאַציע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אַזוי שנעל ווי מעגלעך די געלעגנהייט עפֿנטלעך אַרומצורייִדן די לעצטנס אויפֿגעקו־מענע טענות, און נאָך אַ געהעריקער אויפֿקלערונג — צו פֿאָרמולירן צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע די באַדינגונגען פֿון רעאַליזירן אַזוי שנעל ווי מעגלעך דעם קאָלאָניזאַציע־ פּראָיעקט.

שפּעטער איז אויך אַרויס אַן אינפֿאָרמאַציע־בראָשור אויף הינדוסטאַניש.

דער מעמאָראַנדום און ענלעכע אַרויסטריטן האָבן ניט געביטן די שטעלונג פֿון די סטאַטן, זיי האָבן אָבער עדות געזאָגט, אַז אַ גרויסער סעקטאָר פֿון דער סורינאַמער באַפֿעלקערונג האַלט אונטער דעם פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט — די צוויי עטנישע גרופּעס פֿון אַזיאַטישן אָפּשטאַם, די קלענערע קרעאָלישע פּאַרטייען, און אַפֿילו טייל מיטגלידער פֿון דער קרעאָלישער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי. און אַזוי ווי דאָס לאַנד איז געשטאַנען ערבֿ די ערשטע אַלגעמיינע וואַלן אין איר געשיכטע, האָט זיך געשאַפֿן אַ מעגלעכקייט, אַז אין די נײַע פֿאַרברייטערטע סטאַטן פֿון אויטאָנאָמען סורינאַם קאָן קומען צו אַן אַנדער כּוחות־פֿאַרהעלטעניש ווי אין די אַלטע. מיטן אָנהייב פֿונעם נײַעם יאָר 1949 איז די פּאָזיציע פֿונעם גובערנאַטאָר לגבי דער פֿרײַלאַנד־ליגע בולט ווייכער געוואָרן. דערויף האָט אויך משמעות געווירקט די איינצײַטיקע אַקציע אין האָלאַנד.

קאַמף צו ראַטעווען דעם פּראָיעקט: האָלאַנד

אַ גרויסער טאַקטישער פֿאַרזען מצד דער פֿרײַלאַנד־ליגע איז געווען, וואָס זי האָט בײַ צײַטנס ניט געזאָרגט וועגן שאַפֿן אין האָלאַנד אַ שטאַרקע געזעלשאַפֿטלעכע אונטערשטיצונג, ווי בשעתו אין אויסטראַליע. דאָס האָט, אַוודאי, אַ דערקלערונג. ראשית, האָט די ליגע פּשוט ניט געהאַט קיין מאַטעריעלע און מענטשלעכע רעסורסן זיך צו פֿאַרנעמען אין אַזאַ אָנגעשטרענגטער צײַט מיט אַ גרעסערער אָרגאַניזיר־ און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אויך אין האָלאַנד. והשנית, זײַנען די אונטערהאַנדלונגען מיטן האָלענדישן קאָלאָניעס־מיניסטעריום געגאַנגען אַזוי גלאַט, די הסכּמה פֿון דער האָלענדישער רעגירונג איז געקומען אַזוי שנעל, אַז אויף האָלאַנד האָט מען אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן אָנגעהויבן קוקן ווי עפּעס שוין פֿאַרזיכערטס. פֿאַקטיש אָבער איז די גאַנצע זאַך ניט אַרויס פֿון די ד אַמות פֿון מיניסטאָרישע קאַבינעטן; ניט נאָר דער ברייטער עולם, נאָר אַפֿילו טייל מיניסטאָרן האָבן געהאַט זייער אַ שוואַכע השגה וועגן דעם גאַנצן פּלאַן. נאָך די ערשטע פּרעסע־אָפּרופֿן אויף מיניסטער יאָנקמאַנס דערקלערונג האָבן די צײַטונגען זיך אויפֿגעהערט צו פֿאַרנעמען מיטן סורינאַם־פּראָיעקט. קיינער האָט ניט געוווּסט וועגן דער פֿרײַלאַנד־ליגע, איר געשיכטע, מהות און אידעאָלאָגיע. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז אויסגעקומען צו פֿירן די אַקציע צו ראַטעווען דעם פּלאַן.

דעם 10טן סעפּטעמבער האָבן י. נ. שטיינבערג און ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים געשיקט בריוו דעם פּרעמיער־מיניסטער ווילעם דרעס און דעם קאָלאָניעס־מיניסטער סאַסען, וואָס האָבן געשילדערט די אַנטוויקלונג פֿונעם סורינאַם־ענין. „דאָס וואָרט פֿון האָלאַנד און סורינאַם האָט פֿאַרגעשטעלט אַ פֿעסטן יסוד, וואָס אויף אים האָבן מיר געבויט אונדזער פּלאַן. (...) עס איז פֿאַר אונדז אוממעגלעך משׂיג צו זײַן די סיבה פֿונעם אומגעריכטן שינוי אין דער זאַך", האָט זיך געזאָגט אינעם בריוו צו דרעסן, וואָס האָט אויסגעלאָזט:

מיר האַלטן, אַז די נידערלענדישע רעגירונג דאַרף אויסטראָגן איר התחייבֿות מכּוח קאָלאָניזירן 30,000 ייִדן אין סורינאַם און דאַרף אַזוי אינסטרויִרן די רעגירונג פֿון סורינאַם. אויב אָבער עס זײַנען דאָ עפּעס נײַע פּראָבלעמען אַרומגערעדט צו ווערן, קאָן מען זיי צום בעסטן אויפֿ־קלערן אויף אַ שותּפֿישער באַראַטונג פֿון אײַער רעגירונג מיט אונדזער פֿאָרשטייער. דעם פֿאָרשטייער וועלן מיר שיקן אין יעדער צײַט לויט אײַער פֿאַרלאַנג.

צו הילף דער ליגע איז געקומען די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. דזשיי לאָווסטאָן, דירעקטאָר פֿאַר אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־פֿאַרבינדונגען פֿונעם דאַמען־באַקלייד־פֿאַראיין („אינטערנעשאָנעל״), האָט דעם 1טן אָקטאָבער באַזוכט דעם האָלענדישן אַמבאַסאַדאָר ד״ר ע. נ. קלעפֿענס און פֿעסט אונטער־געהאַלטן די זאַך פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע. אויף מאָרגן האָט ער געשיקט דעם אַמבאַסאַדאָר אַ בריוו, וואָס האָט צוו״אַ געזאָגט:

> אונדזער אָרגאַניזאַציע (...) איז טיף פֿאַראינטערעסירט אינעם פּראָ־יעקט קודם־כּל פֿון הומאַניטאַרן שטאַנדפּונקט. מיר נעמען ניט קיין צד אין וויכּוחים צווישן ייִדישע מענטשן מכּוח דעם, ווּהין זאָלן די די־פּיס גיין. מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז אַזעלכע באַשלוסן דאַרפֿן אָננעמען די די־פּיס גופֿא. טאַקע דערפֿאַר (...) האָט אונדזער אָרגאַניזאַציע זיך בײַ־געשטײַערט מיט 10,000 דאָלאַר אויף די הוצאות פֿון דער אויספֿאָרשונג, וואָס די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט געמאַכט אין סורינאַם. (...) מיר וועלן אײַך זײַן טיף דאַנקבאַר פֿאַר יעדער באַמיִונג צו פֿאַרזיכערן אַן אויפֿקלערונג פֿון דער פּראָבלעם און אַ גערעכטע און שנעלע דעציזיע אינעם ענין.

דעם 23סטן אָקטאָבער האָט דער אַמבאַסאַדאָר געמאָלדן לאָווסטאָנען, אַז ער האָט וועגן דעם שמועס געשריבן קיין האַג און בײַגעלייגט אַ קאָפּיע פֿון לאָוו־סטאָנס בריוו.

עס איז געווען באַשלאָסן, אַז ווי אַ דעלעגאַט פֿון דער ליגע וועט קיין האָ־לאַנד פֿאָרן ד״ר פּרוכטבוים. אין דער זעלבער צײַט האָט אָבער אירווינג בראַון, עקזעקוטיוו־מיטגליד פֿון דער אַמעריקאַנער פֿעדעראַציע פֿון אַרבעט (איי־עפֿ־על) און זינט 1945 איר פּערמאַנענטער פֿאָרשטייער אין אייראָפּע, גענומען אויף זיך די שליחות זיך צו באַגעגענען מיט פֿאָרשטייערס פֿון דער האָלענדישער רע־גירונג און אַרומצוריידן מיט זיי דעם סורינאַם־ענין. מיט דער הילף פֿונעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז האָט ער אָנהייב אָקטאָבער געהאַט אַ שמועס מיטן האָלענדישן אַמבאַסאַדאָר דאָרטן, וואָס האָט פֿאַר אים אײַנגעאָרדנט אַ באַגעגעניש מיט שייכדיקע מיניסטאָרן אין האַג, און באַלד אויפֿן אָרט אין פּאַריז — מיט צוויי מיטגלידער פֿון דער האָלענדישער יו־ען־דעלעגאַציע, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט סורינאַם און אַנדערע קאָלאָניעס (ד״ר אידענבורג און ה׳ יאָנקערס). זיי האָבן צו ערשט געפּרוווט באַרעכטיקן די האַנדלונג פֿון זייער רעגירונג מיט אַ צאָל פּראַקטישע, ספּעציפֿישע אַספּעקטן פֿונעם פּלאַן.

איך האָב גענומען די שטעלונג [האָט געשריבן בראַון], אַז איין זאַך איז אויפֿצוהייבן פּראַקטישע פּראָבלעמען און פּונקטן אין אַ פּראָיעקט,

> וואָס בנוגע אים האָט מען שוין דערגרייכט אַ הסכם; אַן אַנדער זאַך איז מבֿטל צו מאַכן די פֿאַרשטענדיקונג אויפֿן סמך פֿון עפּעס אַ גאָר נישטיקער אַבסטראַקטער פֿראַזע ווי „אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע‟.[383]

די צוויי האָלענדישע פֿאָרשטייערס האָבן געמאָלדן וועגן דעם שמועס קיין האַג און, פֿון זייער זײַט, געהאָלפֿן בראַונען זיך צו טרעפֿן מיטן מיניסטער סאַסען. בראַון האָט זיך אויך פֿאַרבונדן מיט דער אָנפֿירונג פֿון דער האָלענדישער פּראָפֿאַראײַנען־באַוועגונג און געבעטן זי צו ווירקן אויף זייער רעגירונג אין דער געוווּנטשענער ריכטונג.

בראַון איז געקומען קיין האַג דעם 15טן אָקטאָבער און האָט קודם־כּל געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיטן פּרעזידענט פֿון דער האָלענדישער פֿעדעראַציע פֿון אַרבעט ע. קופּערס. קופּערס האָט

> זייער אויפֿריכטיק געמאָלדן, אַז ער וועט אונדז העלפֿן אויף יעדן מעגלעכן אופֿן, ווײַל ער איז מסכּים מיט אונדזער צוגאַנג. איך האָב געבעטן, ער זאָל באַקאַנט מאַכן זײַן פּאָזיציע דער האָלענדישער רעגירונג און בלײַבן אויף ווײַטער פֿאַראינטערעסירט מיט דער זאַך. (...) ער האָט דאָס צוגעזאָגט און מיר וועלן אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט.

אַ פֿאַרבינדונג מיט קופּערסן האָט אויך אײַנגעשטעלט די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע.

דער מיניסטער געצען, וואָס האָט געהאַט די הויפּט־דעה איבערן סורינאַם־פּראָיעקט, איז ניט געווען אין לאַנד. דורך קופּערסן האָט בראַון זיך באַגעגנט (דעם 17טן אָקטאָבער) מיטן קאָלאָניעס־מיניסטער סאַסען.

> ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם רושם פֿון אַ גאַנץ פּאַני־בראַטסקע חבֿרה־מאַן,[384] און איז אין דער זעלבער צײַט געווען זייער גלאַט אין זײַן דיפּלאָמאַטישן אופֿן פֿון ענטפֿערן אויף פֿראַגעס. ער האָט פֿון דעסט וועגן אָנערקענט, אַז הינטער דעם סורינאַמער גובערנאַטאָרס טעלעגראַם[385] איז געלעגן די השפּעה פֿון דער האָלענדישער רעגירונג. ער האָט מיך אינפֿאָרמירט, אַז זײַן רעגירונג האָט ניט געהאַלטן פֿאַר ראַציאָנעל ממשיך צו זײַן די אונטערהאַנדלונגען וועגן סורינאַם כּל־זמן זיי האָבן ניט פֿאַרענטפֿערט פֿאַר זיך די פֿראַגע וועגן מדינת ישׂראל. (...) ער האָט גאַנץ אָפֿן געזאָגט, אַז די דאָזיקע פּאָליטישע טעמים זײַנען פֿאַר אים די וויכטיקסטע.

סאַסען האָט פֿון דעסט וועגן צוגעזאָגט בראַונען, אַז ער וועט פֿאָרלייגן געצענען און אַנדערע שייכדיקע מיניסטאָרן נאָך אַ מאָל צו באַטראַכטן דעם ענין און צו פֿאַרבעטן קיין האַג אַ פֿרײַלאַנד־דעלעגאַציע, און דערווײַל צו האַלטן קופּערסן אינפֿאָרמירט וועגן דעם גאַנג פֿון דער זאַך. בראַון האָט אײַנגעפֿונען, אַז אויף די האָלענדישע אָפֿיציעלע פּערזענלעכקייטן

> האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, אַפֿילו אַ ביסל זיי אויפֿגעטרייסלט, דער פּלוצעמדיקער אינטערעס פֿון די אַמעריקאַנער פּראָפֿאַראײַנען (...). ווײַטער, די אומאָפֿיציעלע אינטערווענץ (...) פֿונעם אַמעריקאַנער

אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז האָט זיי אַ ביסל אַרויסגעבראַכט פון גלײַכגע־וויכט. חוץ דעם האָט דער אינטערעס, וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן קור־פּערס און די האָלענדישע פּראָפּאַראַיינישע באַוועגונג, געשטאַרקט אונ־דזער זאַך.[386]

קאָן זײַן, אַז בראַונס אָפּשאַצונג איז ניט געווען איבערגעטריבן. סאַסען האָט אפשר באמת נאָך אַ מאָל אויפגעהויבן די פראַגע מיט זײַנע קאַבינעט־קאָלעגן. בכל אופן האָט דער פּרעמיער־מיניסטער דרעס ענדלעך באַוויליקט צו ענטפערן אויפן בריוו פון 10טן סעפּטעמבער. ביז דעמאָלט האָט זיך די האָלענדישע רע־גירונג געהאַלטן בײַ דער טאַקטיק פון בכלל איגנאָרירן די ווענדונגען פון דער פרײַלאַנד־ליגע. דעם 29סטן נאָוועמבער האָט דרעס געשיקט דער פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אַ בריוו, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן (ווי מיר האָבן געזען) פון דער באַהויפּטונג, אַז די הסכמה אויפן פּלאַן איז ניט געווען קיין התחייבות צו דער־לויבן זײַן רעאַליזאַציע. דער פּרעמיער־מיניסטער האָט זיך באַמיט אַראָפּצונע־מען פון דער האָלענדישער רעגירונג יעטוועדע אַחריות פאַרן אָפּשטעלן דעם פּראָיעקט:

דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן דורך די סטאַטן פון סורינאַם אין זייער אויטאָנאָמער פּאָזיציע, און אין די געביטענע פּאָלי־טישע פאַרהעלטענישן צווישן דער האָלענדישער רעגירונג און סורינאַם איז ניט מעגלעך משפּיע צו זײַן אויפן אָנגענומענעם באַשלוס.

איך קאָן צוגעבן, אַז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז אײַער ליגע פרײַ, אויב זי וויל, צו מאַכן אַ פּרוּוו צו באַזײַטיקן די אויפגעקומענע שוועריקייטן דורך ווײַטערדיקע דירעקטע אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגי־רונג פון סורינאַם.

דער בריוו איז געווען היפּש צבֿיעותדיק ניט נאָר אינעם יורידישן אויס־טײַטש פון דער דערגרייכטער פאַרשטענדיקונג. דער פּרעמיער־מיניסטער האָט גוט געוווּסט, אַז די פרײַלאַנד־ליגע ווייס, אַז די האָלענדישע רעגירונג האָט יאָ משפּיע געווען אויף די סורינאַמער סטאַטן אָפּצוואַרפן דעם פּראָיעקט. ער האָט אויך מגזם געווען דעם פאַרנעם פון דער סורינאַמער אויטאָנאָמיע. לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער האָלענדיש־סורינאַמער אוניע (וואָס איז אַרײַן אין כּוח אין 1949) איז אימיגראַציע געבליבן אונטער דער יורידיקציע פון דער האָ־לענדישער רעגירונג.[387] דער דירעקטאָר פון אימיגראַציע בײַ דער סורינאַמער רעגירונג, דע גראַט, האָט וועגן דעם אָפן געשריבן דער פרײַלאַנד־ליגע דעם 23סטן יאַנואַר 1949, ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען. אויך אויף אַרויסגעבן לאַנד־קאָנצעסיעס האָט די האָלענדישע רעגירונג געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה, ווי מען האָט דאָס געזען אינעם ענין פרײַבורג־קאָנצעסיע.

וויכטיק איז אָבער געווען, וואָס די האָלענדישע רעגירונג האָט לפּחות באַ־נײַט דעם קאָנטאַקט מיט דער פרײַלאַנד־ליגע און אויסדריקלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי וועט זיך ניט קעגנשטעלן קיין נײַע אונטערהאַנדלונגען מיט סורינאַם. דער גובערנאַטאָר הינדער האָט משמעות באַקומען אינסטרוקציעס צו

בײַטן דעם טאָן לגבי דער פֿרײַלאַנד־ליגע און אײַנצוגיין אויף נײַע שמועסן. אַזאַ איז , בכל אופֿן, געווען דער דעמאָלטיקער אײַנדרוק פֿון דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע און פֿון איר דעלעגאַציע קיין סורינאַם, וואָס וועגן איר וועט זײַן די רייד אין קומענדיקן קאַפּיטל.

הוספה

דער קאַפּיטל איז שוין געווען אויסגעזעצט און פּאַגינירט, ווען דער מחבר האָט באַקומען די פֿאָטאָסטאַטן פֿון מר״ס סילווערמאַנס טעלעגראַם צו ד״ר סטיוון ווײַז (פּרעזידענט פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס) און פֿון דער קאַר־באָן־קאָפּיע פֿון ד״ר ווײַזעס ענטפֿער. מען האָט זיך אָנגעשטויסן אויף זיי בײַם אויססדרן ד״ר ווײַזעס אַרכיוו אין דער ביבליאָטעק פֿון בראַנדייס־אוניווערסי־טעט, וואָלטהעם, מאַס׳. זיי באַשטעטיקן דעפֿיניטיוו, אַז מר״ס סילווערמאַנס סאַ־באָטאַזש־אַקציע קעגן דעם סורינאַם־פּראָיעקט איז געווען קאָאָרדינירט פֿון דער העכסטער ציוניסטישער אָנפֿירונג. ביידע דאָקומענטן ווערן דאָ געבראַכט אין פֿולן פֿאַרנעם און אין ווערטלעכער איבערזעצונג.

1

שיקאַגאָ איל׳ 24 845 פּ[״מ] 1948 מאַר[ץ] 24 13 11 פּ״מ

ד״ר סטיוון ווײַז
דל״ר 40 וועסט סט׳

אָקערשט צוריקגעקומען פֿון סורינאַם האָלענדישע גוויאַנע מיט מאַ־טעריאַל [וואָס] צעשטערט [דעם] קאָלאָניזאַציע־פּלאַן [.] געבעטן נחום גאָלדמאַנען באַראַטן זיך מיט אײַך מכוח פּרעסע־קאָנפֿערענץ דינסטיק דרײַסיקסטן [.] טעלעגראַפֿירט זײַט אַזוי גוט בלעקסטאָנען שיקאַגאָ אויב מסכּים [.] גרוסן [.]

אײַדאַ סילווערמאַן

2

דעם 25סטן מאַרץ 1948

מר״ס אַרטשיבאַלד סילווערמאַן
226 פּאָבליק סטריט
פּראָווידענס, ר״אײַ

טײַערע אײַדאַ:

אײַער טעלעגראַם איז אָנגעקומען — איר ווייסט אַליין ניט ווי פּראָ־ווידענציעל. איך האָב זי געלייענט פֿאַר מענטשן, וואָס זײַנען געווען גרייט אונטערצוהאַלטן די משוגעת מיט דער האָלענדישער גוויאַנע. איך פּער־זענלעך מיין, אַז שטיינבערגן דאַרף מען לינטשן אָדער הענגען און פֿערט־לען, אויב דאָס וואָלט זיכערער געמאַכט זײַן באַווייִנטע פּטירה (if that would make his lamented demise more certain). ער שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ קאָמבינאַציע פֿון משיחישן קאָמפּלעקס און אַנטיציוניזם, וואָס אַפּעלירט, פֿאַרשטייט זיך, צו אַ סך ייִדן.

איך ליג קראַנק אין בעט און אַלץ, וואָס איך קאָן טאָן, איז צו זײַן גרייט אַרומצורייד‌ן זאַכן מיט גאָלדמאַנען, אָבער, ווי איר ווייסט מסתּמא אַליין, איז אים ניט אַזוי גרינג צו כאַפּן.

אײַערער

קאַפּיטל צען

פֿרײַלאַנד־ליגע נאָך 1948

דער סורינאַם־פּראָיעקט אין 1949

בײַם אָנהייב 1949 האָט דער מצבֿ פֿון סורינאַם־פּראָיעקט אויסגעזען אַזוי: די האָלענדישע רעגירונג האָט אָפּגעשיקט די פֿרײַלאַנד־ליגע צו די סורינאַמער מאַכטאָרגאַנען און האָט, אַ פּנים, דערלויבט דעם גובערנאַטאָר צו באַנײַען שמועסן וועגן ייִדישער קאָלאָניזאַציע. אויב די נײַע סטאַטן וואָלטן אויף ס׳נײַ אָפּגעוואָרפֿן דעם פּראָיעקט, וואָלט די האָלענדישע רעגירונג געהאַלטן זיך פֿרײַ פֿון יעטוועדער אַחריות פֿאַר בטל מאַכן די פֿריִער דערגרייכטע פֿאַרשטענדיקונג. טאָמער אָבער וואָלטן די נײַע סטאַטן יאָ אײַנגעגאַנגען אויף פּראַקטישע אונטערהאַנדלונגען מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע, האָט די האָלענדישע רעגירונג געהאַט בדעה שטאַרק צו באַגרענעצן די צאָל און דעם צוזאַמענשטעל פֿון ייִדישע קאָלאָניסטן.

די זאַך איז געווען קודם־כּל אָפּהענגיק פֿון די וואַלן צו די נײַע סטאַטן פֿון אויטאָנאָמען סורינאַם. וועגן דער וואַל־אָרדינאַציע האָבן זיך געפֿירט לאַנגע פֿאַרהאַנדלונגען צווישן דער האָלענדישער רעגירונג און די סורינאַמער פּאַרטייען. מען איז געקומען צו אַ הסכּם, אַז די צאָל דעפּוטאַטן ווערט פֿאַרגרעסערט פֿון 15 אויף 21, בתוכם 10 פֿון פּאַראַמאַריבאָ, 11 פֿון אַנדערע קרײַזן; אַלע דעפּוטאַטן זײַנען געקליבענע, עס וועט ניט זײַן קיין נאָמינירטע מיטגלידער און קיין פּונאַנדערטיילונג לויט עטנישע גרופּעס לשם ראַסן־באַלאַנס. די הויפּט־פּלוגתּא איז געגאַנגען וועגן דעם פֿאַרשטייערשאַפֿט־מאָדוס. הינדוסטאַנער, יאַוואַנער און קלענערע קרעאָלישע פּאַרטייען האָבן געפֿאָדערט פּראָפּאָרציאָנעלע פֿאָרשטייערשאַפֿט, די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי איז באַשטאַנען אויף מאַיאָריטעט־וואַלן בכדי אײַנצוהאַלטן איר העגעמאָניע.[1] צוליב דעם, ווײַזט אויס, האָט מען עטלעכע מאָל אָפּגעלייגט דעם טערמין פֿון די וואַלן. סוף־כּל־סוף האָט די האָלענדישע רעגירונג באַשלאָסן אײַנצופֿירן מאַיאָריטעט־וואַלן. אין די אינטערעסן

פֿון האָלאַנד איז מסתּמא געלעגן צו שטיצן די קרעאָלן — אַ האָלענדיש־ריידנ־דיקע גרופּע, וואָס איז געווען ענגער פֿאַרבונדן מיט דער מעטראָפּאָליע ווי די קולטורעל און לינגוויסטיש אָפּגעזונדערטע הינדוסטאַנער און יאַוואַנער, וואָס זייערע אָפּשטאַמלענדער האָבן זיך פּונקט דעמאָלט פֿאַרוואַנדלט אין גרויסע אומ־אָפּהענגיקע מלוכות — אינדיע, פּאַקיסטאַן און אינדאָנעזיע.

די וואַלן זײַנען צו ערשט באַשטימט געוואָרן אויף סוף דעצעמבער 1948, אָבער ווען דער טערמין איז צוגעקומען, האָט מען זיי אָפּגעלייגט אויף מאַרץ 1949. ס'איז לײַכט צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אָט די פֿאַרצײַעניש האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט אויפֿן מצבֿ־רוח פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע. פֿאַר די פּראָפֿרײַלאַנד־קרײַזן אין אַמעריקע איז די אומבאַוווּסטקייט וועגן דעם גורל פֿון פּראָיעקט געווען ביז גאָר דעפּרימירנדיק, אָבער די חבֿרים אין די די־פּי־לאַגערן איז געגאַנגען אין דער קאַרדינאַלער פֿראַגע פֿון זייער גאַנצן עתיד, וואָס ס'איז ניט מעגלעך געווען זי אָפּצולייגן אויף ווײַטער. ס'איז אויפֿגעקומען אַ געדאַנק אַנצוהייבן פּרעלימי־נערע אונטערהאַנדלונגען מיטן גובערנאַטאָר און רעגירונג פֿון סורינאַם מיט אַזאַ חשבון, אַז די דערגרייכטע קאָנקרעטע פֿאַרשטענדיקונג זאָל מען קאָנען תּיכּף איבערגעבן די נײַע סטאַטן אויף ראַטיפֿיקאַציע. דעם פּלאַן צו שיקן אַ דעלעגאַ־ציע קיין סורינאַם האָבן אונטערגעהאַלטן ה. סאַמסאָן אין פּאַראַמאַריבאָ און ד"ר י. פּ. ע. איינאַר, דער סורינאַמער פֿאַרשטייער בײַ דער האָלענדישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן, אַ קרעאָל און אַן איבערצײַגטער אָנהענגער פֿון פֿרײַלאַנד־פּלאַן. איינאַרס פּראָגנאָז איז געווען, אַז די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי וועט זײַן אַ מיעוט אין די נײַע סטאַטן.[2] פֿון דע גראָטן איז געקומען אַ פּערזענלעכער בריוו (פֿון 23סטן יאַנואַר 1949). לויט זײַנע ווערטער איז די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, אין תּוך גענו־מען די פּאַרטיי פֿון די „איבערשטע צען פּראָצענט" פֿון די קרעאָלן, שטאַרקער אין די סטאַטן ווי ווען עס איז פֿריִער און פּאָליטיש אַקטיווער פֿון די אַנדערע. דעם אויסקום פֿון די וואַלן קאָן מען ניט פֿאָרויסזען, אָבער זײַן מיינונג איז גע־ווען, אַז די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי וועט אײַנהאַלטן די מערהייט אויך אין די נײַע סטאַטן.

אויב דאָס וועט געשען, פֿאַרשפּאַרט מען אײַך צו זאָגן, אַז עס וועט זײַן אומנוציק צו פּרוּוון נאָך אַ מאָל. כאָטש אַפֿילו דער באַשלוס ניט ממשיך צו זײַן די אונטערהאַנדלונגען איז ניט אויפֿגעקומען אין די סטאַטן, האָבן זיי אים גרײַלעך אָנגענומען. און די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי וועט ניט בײַטן איר אײַנשטעל.

ס'איז אָבער דאָ אַ מעגלעכקייט, אַז די אַנדערע פּאַרטייען וועלן קריגן די מערהייט. אין אַזאַ פֿאַל וועט זײַן נייטיק אויסצוגעפֿינען, צי זיי וועלן מסכּים זײַן נאָך אַ מאָל צו באַטראַכטן די זאַך. אָבער דאָס וועט מען קאָנען טאָן בלויז אונטערן תּנאַי, אַז מען וועט קאָנען אַזוי צי אַנדערש באַווײַזן, אַז די ייִדן וועלן קומען בלויז פֿון דער זײַט אײַזערנעם פֿאָרהאַנג. ייִדן פֿון יענער זײַט וועט די האָלענדישע רעגירונג סײַ ווי סײַ ניט אַרײַנ־לאָזן. און היות ווי דאָס איז אַן ענין, וואָס מיר וועלן דאַרפֿן וועגן אים

האָבן אַ הסכּם פֿון האַג, וועט מען גאָר ניט קאָנען טאָן, אויב אין האַג וועט מען ניט מסכּים זײַן.

נאָך פֿאַרן באַקומען דע גראַאַטס בריוו האָט די עקזעקוטיווע (דעם 20סטן יאַנואַר 1949) אַרויסגעשיקט בריוו דעם האָלענדישן פּרעמיער־מיניסטער דרעס — אַז זי האָט בדעה צו פֿאָלגן זײַן עצה און צו באַנײַען אונטערהאַנדלונגען מיט סורינאַם [3] — און דער גובערנאַטאָר הינדער — מיט אַ קאָפּיע פֿון דרעס׳ בריוו און אַ בקשה אײַנצואָרדענען אין די נאָענטסטע וואָכן אַ באַגעגעניש מיט אַ פֿרײַלאַנד־דעלעגאַציע. דער גובערנאַטאָר האָט תּיכּף געענטפֿערט (דעם 24סטן יאַנואַר), אַז ער איז מסכּים אויפֿצונעמען די דעלעגאַציע. דעם 5טן פֿעברואַר האָט ער אינפֿאָרמירט די ליגע, אַז די סטאַטן בלײַבן בײַ זייער פֿריִערדיקער שטעלונג; אויב די ליגע איז דאָך נוטה צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער אויספֿיר־מאַכט, זאָל זי מודיע זײַן דעם באַשטאַנד פֿון איר דעלעגאַציע און די צײַט פֿון אָנקום.

די אָפּאָזיציע פֿון די סטאַטן (וואָס זייער קאַדענץ האָט געהאַלטן בײַם אויסגיין) האָט ניט אַרײַנגעטראָגן קיין נײַס אין דער סיטואַציע. דעם 15טן פֿעברואַר האָט די עקזעקוטיווע באַשלאָסן אַרויסצושיקן קיין פּאַראַמאַריבאָ ד״ר ל. מ. פֿרוכטבוימען און יהודה זעליטשן. דעם 8טן מאַרץ האָט יונה גאָרסקי זיך אַרויסגעזאָגט קעגן שיקן אַ דעלעגאַציע פֿאַר די וואַלן אין סורינאַם: עס האָט ניט קיין זינען צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען בײַ אַזעלכע באַוואָרענישן מצד דער סורינאַמער רעגירונג און בײַ אַזאַ אומזיכערן אויסקוק. פֿון די, וואָס האָבן געהאַלטן אַנדערש, האָט זיך צום קלאָרסטן אויסגעדריקט ד״ר י. מינקין: „עס איז פֿאַר אונדז פּסיכיש אוממעגלעך צו עקסיסטירן ווײַטער אין דער לאַגע, אין וועלכער מיר געפֿינען זיך. (...) די דעלעגאַציע דאַרף פֿאָרן, כּדי אויסצוגעפֿינען, צי מיר האָבן אויף עפּעס צו האָפֿן צי נישט״. מיט 7 שטימען קעגן 3 האָט מען באַשטעטיקט דאָס שיקן די דעלעגאַציע. דערצו איז באַוווּסט געוואָרן, אַז די וואַלן האָט מען נאָך אַ מאָל אָפּגעלייגט — דאָס מאָל אויפֿן 30סטן מײַ, און לאָזן די זאַך הענגען אין דער לופֿטן ביז יענער דאַטע איז געווען אוממעגלעך.

ווי נאָר מען האָט אין פּאַראַמאַריבאָ זיך דערוווּסט, אַז אונטערהאַנדלונגען מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע ווערן באַנײַט, האָט דער דאָרטיקער ציוניסט סעסיל עמאַנועלס אונטערגענומען אײנע פֿון די סאַמע כּיטרע דיווערסיעס אין דער ציוניסטישער קאַמפּאַניע קעגן דעם סורינאַם־פּראָיעקט. דעם 2טן פֿעברואַר האָט ער אָפּגעדרוקט אין צוויי פֿירנדיקע צײַטונגען פֿון פּאַראַמאַריבאָ אַן אַרטיקל א״ק „פֿרײַלאַנד־ליגע — צי וועט עס וווען עס איז האָבן אַ סוף?״ [4] וויסנדיק אויסגעצייכנט, ווי שטאַרק מען האָט אין סורינאַם מורא, אַז יִדישע קאָלאָניסטן וועלן ווערן אַ מעבר־לים־אָפּטייל פֿון מדינת ישׂראל, האָט עמאַנועלס געשריבן:

(...) מען קאָן לײַכט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס אונדזער לעגיסלאַטור וויל ניט ממשיך זײַן קיין אונטערהאַנדלונגען מיט אַ פּריוואַטער אָרגאַניזאַציע בשעת אין פּאַלעסטינע ווערט באַשאַפֿן אַ יִדישע מלוכה.

אַ פּריוואַטע אָרגאַניזאַציע, האָט געטענהט עמאַנועלס, אַפילו מיט אַ גרויסן קאַפּיטאַל, וועט ניט קאָנען גאַראַנטירן, אַז טאָמער דער פּלאַן וועט ניט געראָטן, וועלן די ייִדישע קאָלאָניסטן זײַן ביכולת אַוועקצופֿאָרן. אונטערהאַנדלונגען מכּוח אימיגראַציע פֿון עטלעכע טויזנט ייִדן דאַרף מען פֿירן צווישן סורינאַם און ישׂראל — דעמאָלט וועט לוינען צו באַטראַכטן דעם פּראָיעקט. די פֿרײַלאַנד־ליגע דאַרף זיך ווענדן נאָך הילף צו ישׂראל, ווײַל איר פּלאַן קאָן דיסקוטירט ווערן נאָר צווישן מלוכה און מלוכה.

אַזוי אַרום האָט עמאַנועלס געשטרעבט אַרויסצורופֿן בײַ די סורינאַמער דעם פֿאַלשן אײַנדרוק, אַז מדינת ישׂראל קאָנטראָלירט דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק און קאָן אָרגאַניזירן אימיגראַציע פֿון ייִדן, וואָס זײַנען ניט אירע אײַנוווינערס און בירגערס, אין פֿאַרעמדע לענדער. ה. סאַמסאָן, פֿאַרשטייענדיק די סכּנה פֿון אַט דעם הינטערגאַנג, האָט באַלד דעם 4טן פֿעברואַר פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער סורינאַמער פּרעסע אַ הכחשה,[5] ווו ער האָט געמוזט אויפֿקלערן די לייענערס די עלעמענטאַרע אמתן, אַז מדינת ישׂראל קאָן ניט אַרײַנגיין אין אונטערהאַנדלונגען בנוגע ייִדן־בירגערס פֿון אונגערן, רומעניע, פּוילן, וואָס ווילן ניט פֿאָרן קיין ישׂראל. „איז עס ניט לעכערלעך צו טענהן, אַז וועגן אימיגראַציע פֿון באַרבאַדאָסער נעגערס זאָל סורינאַם מוזן פֿאַרהאַנדלען מיט דער נעגער־רעפּובליק ליבעריע?" צענדליגער טויזנטער די־פּיס, ייִדן בתוכם, אימיגרירן קיין אַמעריקע, קאַנאַדע און אַנדערע לענדער; עס פֿאַרנעמט זיך מיט דעם די איראָ, אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע בײַ דער יו־ען, וואָס די פֿרײַלאַנד־ליגע שטייט מיט איר אין אַ קאָנטאַקט. סאַמסאָן האָט פֿאַרענדיקט מיט אַ רוף פֿאַר אָפֿענע אונטערהאַנדלונגען מיט אַ פֿרײַלאַנד־דעלעגאַציע, בכדי דער עולם זאָל קאָנען אויספֿורעמען זײַן אייגענע מיינונג וועגן אַט דער לעבנס־פֿראַגע פֿאַר סורינאַם.[6]

אינעם נײַעם מעמאָראַנדום צו דער סורינאַמער רעגירונג האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע געלייגט אַ באַזונדער אַכט אויף אָפּפֿרעגן די חשדים, וואָס האָבן געשטערט דער רעאַליזירונג פֿון פּלאַן. זי האָט אָפּגעלייקנט די טענה וועגן „טאָפּעלער לאָיאַליטעט" נאָכן אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל און האָט דערקלערט, אַז זי האָט ניט קיין שום פֿאַרבינדונג מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג. זי האָט אָפּגעוואָרפֿן די באַשולדיקונג וועגן „פֿינפֿטער קאָלאָנע"; אַדרבא, די ייִדן אין די די־פּי־לאַגערן זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון די סאָוועטישע רעזשימען אין זייערע מיזרח־אייראָפּעיִשע לענדער. בעת די וואַלן צו דער ישׂראלדיקער כּנסת אין יאַנואַר 1949 האָבן די קאָמוניסטן באַקומען נאָר 3 פּראָצענט שטימען. ערשט נאָך דעם ווי סורינאַם וועט באַשטעטיקן דעם פּלאַן, וועט מען קאָנען שאַפֿן דעם פֿינאַנץ־אינסטיטוט. די ליגע איז באַשטאַנען אויף קריגן די קאָנצעסיע אינעם אויסגעפֿאָרשטן סאַראַמאַקאַ־ראַיאָן.

דאָס האָלענדישע קאָלאָניעס־מיניסטעריום האָט דערווײַל קלאָר געמאַכט זײַן פּאָזיציע בנוגע דעם ענין. ע. קופּערס (פֿאָרזיצער פֿונעם האָלענדישן פּראָפֿ־

פֿאַראײנען־פֿאַרבאַנד) האָט געשריבן וועגן זײַן שמועס (דעם 8טן מאַרץ) מיטן נײַעם קאָלאָניעס־מיניסטער געצען, וואָס האָט פֿאַרביטן סאַסענען: [7]

> דער פּראָיעקט פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע צו קאָלאָניזירן 30,000 ייִדישע עמיגראַנטן וועט זיך באַגעגענען מיט אײַנווענדן כּמעט ניט בײַצוקומען. אויב, זאָגט ה׳ געצען, די ליגע וועט פֿאָרלייגן אַ פּלאַן פֿון אַ סך אַ קלענערן פֿאַרנעם, דעמאָלט וועלן מסתּמא די סטאַטן גאַנץ גערן געבן זייער הסכּמה.

אין דער אײגענער צײַט האָט יאָהאַנאַ פֿעלהון־קראַל, וואָס האָט געאַרבעט אין אײנעם פֿון די מלוכישע קאָלאָניאַל־אינסטיטוטן, געגעבן אין איר שוין פֿריִער ציטירטן בריוו פֿון 10טן מאַרץ אַזאַ בלי ספֿק אינספּירירטע עצה: „פּערזענלעך זע איך ניט, ווי אַזוי איר קאָנט עפּעס אויפֿטאָן פּונקט איצט, סײַדן איר קאָנט פֿאָרלייגן זייער אַ באַשטימטן און קליין־פֿאַרנעמיקן פּלאַן ווי אַ התחלה״. דאָס זעלבע האָט געצען געזאָגט וואַן לעווען. וואַן לעווען און ד״ר ראַפּטשינסקי האָבן אויף זייער אײגענער האַנט אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען מיטן קאָלאָניעס־מיניסטער וועגן תּיכּף באַזעצן אין סורינאַם טויזנט ייִדישע קאָלאָניסטן אומאָפּהענגיק פֿונעם רעזולטאַט פֿון די אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם גרויסן פּראָיעקט. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז זייער פּלאַן שליסט ניט אויס און שטערט ניט דעם פֿרײַלאַנד־פּלאַן. די עקזעקוטיווע האָט וועגן דעם געהאַט אַן אַנדער מיינונג. [8]

ד״ר פּרוכטבוים און י. זעליטש זײַנען אַרויסגעפֿלויגן קיין פּאַראַמאַריבאָ מיט דער אינסטרוקציע ניט נאָכצוגעבן בנוגע דער צאָל (30,000 ייִדישע קאָלאָניסטן) און אַנדערע עיקרדיקע פּונקטן. זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין סורינאַם פֿון 25סטן מאַרץ ביזן 1טן אַפּריל. אַלע פּאַרטייען חוץ דער נאַציאָנאַלער זײַנען געווען, ווי פֿריִער, פֿאַרן פֿרײַלאַנד־פּלאַן, די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי איז געווען קעגן יעדער אימיגראַציע. דער דעלעגאַציע איז ניט געראָטן זיך צו באַגעגענען מיט פֿאָרשטייערס פֿון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, וואָס האָבן זי אויסגעמיטן. [9] אין דער רעגירונג האָט געהערשט אַ פּאַסיווע שטימונג ערבֿ די וואַלן, אַן אומחשק אָנצונעמען וועלכע עס איז באַשלוסן צוליב איר צײַטווײַליקן כאַראַקטער. בלויז וואַלער איז געווען דעציִדירט פּראָפֿרײַלאַנדיש. נאָך אַ באַראַטונג מיטן קאַבינעט האָט דער גובערנאַטאָר הינדער מסכּים געווען, אַז מען דאַרף ממשיך זײַן די אונטערהאַנדלונגען און צוגרייטן אַלע מאַטעריאַלן וועגן פּראָיעקט פֿאַר די קומענדיקע סטאַטן. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האָט אַרומגערעדט אַ רײ פּרטים פֿונעם פּראָיעקט מיט דער דעלעגאַציע. דער גובערנאַטאָר האָט געוואָלט האָבן אַ גענויערע אינפֿאָרמאַציע וועגן עטלעכע טעכנישע פּונקטן פֿונעם פּראָיעקט. להיפּוך צו די לעצטע אָנווונקען פֿון האָלאַנד, האָט ער זיך ניט קעגנגעשטעלט דער צאָל פֿון 30,000 ייִדישע קאָלאָניסטן און האָט נאָר געוואָלט, זיי זאָלן אַרײַנקומען אין לאַנד מער בהדרגהדיק.

ד״ר פּרוכטבוים איז צוגעפֿאָרן אין סאַראַמאַקאַ־ראַיאָן און האָט אויסגעפֿונען, אַז נאָך עטלעכע סעגמענטן פֿונעם אָנגעמערקטן לאַנדמאַסיוו זײַנען אַריבער

צו פּריוואַטע אַרענדאַטאָרן. דער גובערנאַטאָר האָט צוגעזאָגט ניט צו געבן מער קיין קאָנצעסיעס אין יענעם ראַיאָן ביזן ענדגילטיקן באַשלוס.[10]

דער איינדרוק פֿון דער דעלעגאַציע און פֿון דער עקזעקוטיווע נאָכן אויסהערן איר דין־וחשבון איז געווען, אַז די נסיעה קיין פּאַראַמאַריבאָ איז געווען נוציק. דער פּראָיעקט איז ווידער אַריין אין אַ סטאַדיע פֿון קאָנקרעטער באַהאַנדלונג און דער גובערנאַטאָר איז גרייט געווען אים פֿאָרצולייגן די נייַע סטאַטן נאָכן באַקומען די נייטיקע אויפֿקלערונגען. דעם 6טן אַפּריל האָט דע גראַאַט אויסגעדריקט זיי אויף אַזאַ אופֿן:

> ווי איך האָב צוגעזאָגט ד״ר פּרוקטבוימען און ד״ר זעליטשן, שרייַב איך דאָ אויס די פּונקטן, וואָס מיר מיינען, אַז די פֿרייַלאַנד־ליגע וואָלט זיי געדאַרפֿט באַאַרבעטן ביזן צונויפֿקום פֿון די נייַע סטאַטן. (...)
>
> 1. אָפּקלייַב. ווי אַזוי און ווו וועט מען דורכפֿירן דעם אָפּקלייַב. וואָסערע פֿאַקטן ווייס מען שוין וועגן די אימיגראַנטן. ווי וועט זיין געבויט די אָפּקלייַב־קאָמיסיע. וועלכע צוגאָב־גאַראַנטיעס קאָן מען געבן, אַז דער אָפּקלייַב וועט זיין אַ גערעכטער.
>
> 2. קאָלאָניזאַציע. ווי שנעל, רעכנט מען, וועט זי אָנגיין. צי וועט ניט מעגלעך זיין פֿאַמעלעכער צו מאַכן דעם פּלאַנירטן טעמפּאָ אינעם דריטן און פֿערטן יאָר.
>
> 3. פֿינאַנצן. דער פֿינאַנץ־באַריכט האָט זיך נאָר פֿאַרנומען מיט: א) וויפֿל געלט מען דאַרף האָבן, ב) אויף וועלכע צילן. ער זאָגט ניט: א) צי דאָס געלט (חוץ די סומעס, וואָס מען דאַרף האָבן אויף אייַנצוקויפֿן מאַטעריאַלן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן) וועט זיך געפֿינען אין סורינאַם פֿאַרן אָנהייב אימיגראַציע, ב) ווי אַזוי די באַנק וועט אַרבעטן, ג) ווי אַזוי מען וועט אינוועסטירן דאָס געלט: צי וועט מען עס דאַרפֿן צוריקצאָלן; אויב יאָ, ווען און ווי אַזוי, ד) ווי אַזוי, לויט דער מיינונג פֿון דער פֿרייַלאַנד־ליגע, וועלן אָט די גרויסע סומעס משפּיע זיין אויפֿן סורינאַמער געלטמאַרק.

אַ קאָמיסיע (ד״ר שטיינבערג, ד״ר פּרוכטבוים, י. גאָרסקי) האָט דעם 4טן מייַ אָפּגעשיקט דע גראַאַטן ענטפֿערס אויף די דריי פּונקטן. דאָס וויכטיקסטע איז געווען, אַז די ליגע האָט מסכּים געווען צו פֿאַרלענגערן דעם פּעריאָד פֿון באַזעצן די 30,000 קאָלאָניסטן: אַנשטאָט די פֿריִער אָנגעמערקטע פֿיר יאָר האָט די קאָלאָניזאַציע געדאַרפֿט דויערן לפּחות 5־8 יאָר. די גענוי באַשריבענע אָפּעראַציעס פֿון דער פּראָיעקטירטער פֿינאַנציעלער אַנטוויקלונג־קערפּערשאַפֿט האָבן גאַראַנטירט, אַז דער קורס פֿון סורינאַמער גולדן וועט אין זייער רעזולטאַט ניט פֿאַלן, נאָר, אַדרבא, זיך פֿאַרשטאַרקן אַ דאַנק דעם אויפֿקום פֿון אַ דאָלאַרן־רעזערוו אין סורינאַם. דע גראַאַט האָט געענטפֿערט, אַז ער איז פֿולשטענדיק מסכּים מיט די אויפֿקלערונגען (בריוו פֿון 2טן יוני 1949).

אינעם זעלבן בריוו האָט אָבער דע גראַאַט געשריבן:

איך האָב געוואַרט מיטן ענטפֿער אויף אייַער בריוו פֿון 4טן מייַ ביז

הײַנט, ווײַל הײַנט איז באַוווּסט געוואָרן דער רעזולטאַט פֿון די וואַלן צו די נײַע סטאַטן.

איר ווייסט שוין אפֿשר, אַז דער רעזולטאַט איז, אַז די סטאַטן וועלן באַשטיין פֿון 13 מיטגלידער פֿון דער נפ״ס [נאַציאָנאַלע פּאַרטיי פֿון סורינאַם], 1 יאַוואַנער און 7 הינדוסטאַנער.

דאָס מיינט, אַז די אויספֿירמאַכט וועט ניט קאָנען און ניט זײַן וויליק אַוועקשטעלן פֿאַר די סטאַטן אַ וועלכן עס איז פּלאַן פֿון ייִדישער אימיגראַציע.

איך פֿאַרשפּאָר אײַך צו זאָגן, אַז אַזוי גיך ווי עס וועט זײַן אַ מעגלעכקייט, אַז די נפּ״ס וועט אויסדריקן אַ גרייטשאַפֿט צו בײַטן איר מיינונג, וועל איך אײַך נאָך אַ מאָל שרײַבן.

די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי האָט געוווּנען די אַבסאָלוטע מערהייט אין די סטאַטן צוליב אַ ספּעציעלער פֿאַרשפּיצטקייט פֿונעם מאַיאָריטאַרן וואַלמאָדוס. פֿאַר די 10 מאַנדאַטן פֿון פּאַראַמאַריבאָ האָט מען געשטימט אין איין בלאָק. די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי האָט אין פּאַראַמאַריבאָ באַקומען 10,000 שטימען, די צוויי אַנדערע קאַנדידאַטן־רשימות צו 5,000. אַלע 10 מאַנדאַטן זײַנען אָבער אַוועק צו דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי. בײַ אַן אַנדער וואַלסיסטעם וואָלט זי אין פּאַראַמאַריבאָ געקראָגן נאָר 5 מאַנדאַטן.[11] איצט איז זי געוואָרן די רעגירונג־פּאַרטיי פֿון אויטאָנאָמען סורינאַם און ס'איז ניט געווען קיין רעאַלער יסוד צו האָפֿן, אַז זי וועט בײַטן איר פּאָליטיק.

אַזוי אַרום, פּונקט אין אַ יאָר נאָכן געהיימען באַפֿעל פֿון דער האָלענדישער רעגירונג אָפּצושאַפֿן די פֿאַרשטענדיקונג וועגן ייִדישער קאָלאָניזאַציע, האָבן די רעזולטאַטן פֿון די סורינאַמער וואַלן בטל געמאַכט דאָס אַלץ, וואָס די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט באַוויזן צוריק אויסצוקעמפֿן אין האָלאַנד און אין סורינאַם.

דער לעצטער אַקט פֿונעם סורינאַם־פּראָיעקט

ניט געקוקט אויפֿן נײַעם קלאַפּ, האָט די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע ממשיך געווען אירע פֿאַרבינדונגען מיט געזעלשאַפֿטלעכע טוערס אין האָלאַנד און סורינאַם, כּדי צוצוגרייטן דעם באָדן פֿאַר באַנײַטע אונטערהאַנדלונגען. דעם 20סטן יאַנואַר 1950 איז דער נײַער אויטאָנאָמער סטאַטוס פֿון סורינאַם אַרײַן אין כּוח. די אויספֿירמאַכט איז אַריבער צום מיניסטאָרן־קאַבינעט בראָש מיטן מיטגליד פֿון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי ד״ר י. צ. דע מיראַנדאַ (איינער פֿון די, וואָס האָבן אין אַפּריל 1947 אונטערגעשריבן דעם הסכּם מיט דער פֿרײַלאַנד־דעלעגאַציע). דעם 23סטן פֿעברואַר 1950 האָט די עקזעקוטיווע באַגריסט אים ווי דעם ערשטן ראָש פֿון אַ רעפּרעזענטאַטיווער סורינאַמער רעגירונג און האָט געבעטן דורכצופֿירן אין לעבן די פֿאַרשטענדיקונג וועגן ייִדישער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז געווען באַשטעטיקט דורך די פֿריִערדיקע סטאַטן דעם 27סטן יוני 1947.

מיר גלייבן פֿעסט [האָט זיך געזאָגט אין בריוו], אַז דאָס וואָרט, וואָס דאָס פֿאָלק פֿון סורינאַם און די סטאַטן האָבן געגעבן אין 1947, וועט גע־

> האַלטן ווערן דורכן נײַעם קאָנסטיטוציאָנעלן סדר פֿונעם לאַנד — דורך די סטאַטן פֿון 1950. די סורינאַמער מלוכה און אירע פּרעראָגאַטיוון און התחייבֿותן לגבי דער וועלט בלײַבן די זעלבע, ניט געקוקט אויף — אָדער ריכטיקער: מחמת — איר ליבעראַלער און דעמאָקראַטישער טראַנספֿאָר־מאַציע.

קאָפּיעס פֿונעם בריוו האָט מען געשיקט דעם האָלענדישן פּרעמיער־מיניס־טער, דעם נײַעם סורינאַמער גובערנאַטאָר ד״ר י. קלאַסעס און דעם פֿאָרזיצער פֿון די סטאַטן. לויט דער עצה פֿונעם יורידישן עקספּערט פּראָפֿ׳ קלײַד איגלטאָן האָט מען אַ קאָפּיע געשיקט דעם פֿאַרטרעטער פֿונעם מלוכה־אונטערסעקרעטאַר דין ראָסקן (זינט 1961 — מלוכה־סעקרעטאַר אין די קאַבינעטן פֿון די פּרעזי־דענטן קענעדי און דזשאָנסאָן) מיט דער בקשה וועגן אַ באַגעגעניש אַרומצוריידן די זאַך.

די הילף, וואָס די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט געוואָלט באַקומען פֿונעם מלוכה־דעפּאַרטאַמענט, איז געווען אַ דרײַפֿאַכע. ערשטנס, האָט זי געהאַלטן פֿאַר זייער נוציק, אַז דער מלוכה־דעפּאַרטאַמענט זאָל כאָטש אומדירעקט לאָזן וויסן האָ־לאַנד און סורינאַם וועגן זײַן סימפּאַטיע צום יידישן קאָלאָניזיר־פּראָיעקט. צווייטנס, האָט ער געקאָנט אויסווירקן אַ השפּעה אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּליטים־אָרגאַניזאַציע (אירא). דריטנס, האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע געשטרעבט, אַז דער סורינאַם־פּראָיעקט זאָל אַרײַנגענומען ווערן אין די ראַמען פֿון די צוויי גרויסע אויפֿבויפּלענער, וואָס זײַנען פֿינאַנצירט געוואָרן דורך די פֿאַראייניקטע שטאַטן: „אַסאָציאַציע פֿאַר עקאָנאָמישער קאָאָפּעראַציע" (בעסער באַוווּסט ווי „מאַרשאַל־פּלאַן") פֿאַר דער רעקאָנסטרוקציע און אַנטוויקלונג פֿון דער אייראָ־פּעיִשער עקאָנאָמיע, און פּונקט פֿיר פֿון פּרעזידענט האַרי ס. טרומאַנס געזעץ־פּראָיעקט וועגן טעכנישער הילף פֿאַר אומאַנטוויקלטע געגנטן. סורינאַם, ווי אַ טייל פֿון האָלאַנד, איז אַרײַן אין דער ספֿערע פֿונעם מאַרשאַל־פּלאַן, און גראָד אין 1950 האָט דאָרט געדאַרפֿט קומען אויף אַן אינספּעקציע אַ קאָמיסיע פֿון דער „אַסאָציאַציע".[12]

דעם 7טן מאַרץ 1950 איז אינעם מלוכה־דעפּאַרטאַמענט פֿאָרגעקומען אַ באַ־ראַטונג צווישן ד״ר י. נ. שטיינבערגן און י. זעליטשן מיט די פֿאָרשטייערס פֿו־נעם דעפּאַרטאַמענט דין ראָסק, לאָרענס אַ. דאָסאָן (ביוראָ פֿאַר יו־ען־ענינים, אָפּטייל פֿאַר פּליטים און די־פּי) און ראָבערט נ. ווינפֿרי (ביוראָ פֿאַר מערבֿ־אייראָפּעיִשע ענינים).[13] די באַציִונג פֿון די אַמעריקאַנער באַאַמטע איז געווען אַ פֿרײַנדלעכע און אַ רעזערווירטע; זיי האָבן צוגעזאָגט זיך צו אינפֿאָרמירן וועגן דער זאַך בײַ די אַמעריקאַנער מיסיעס אין האָלאַנד, סורינאַם און בײַ דער אירא, אָבער האָבן ניט געוואָלט געבן קיין באַשטימטע הבֿטחות, ביז דער ענין וועט ניט קאָאָרדינירט ווערן מיט אַנדערע שייכדיקע רעגירונג־דעפּאַרטאַמענטן. נאָך דער באַראַטונג האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ ברייוולעכע פֿאַרבינדונג מיט דאָסאָנען און מיט דזשאָזעף וו. סקאָטן (אָפּטייל פֿאַר שווייץ און בענעלוקס־לענדער).

אין סורינאַם האָט מען זיך באַלד דערוווּסט וועגן דער ליגעס בריוו צו דע מיראַנדאַן. דע לאַ פֿוענטע (וויצעפּאָרזיצער פֿון די סטאַטן) און קאַראַמאַט אַלי זײַנען אַרויסגעטראָטן אין די סטאַטן מיט רעדעס לטובֿת ייִדישער אימיגראַציע. אין די צײַטונגען העט ניוווס, רעווייל און סטעטאָסקאָפּ האָבן זיך באַוויזן סימפּאַטיזירנדיקע אַרטיקלען.[14] אַטערטאָן לי, וואָס איז געווען אין סורינאַם ווי אַ מיטגליד פֿון דער מאַרשאַל־פּלאַן־קאָמיסיע, האָט געשריבן, אַז דער סאַראַמאַקאַ־ראַיאָן בלײַבט נאָך אַלץ דאָס בעסטע אָרט פֿאַר קאָלאָניזאַציע און אַז די קאָנצעסיעס, וואָס די רעגירונג האָט געהאַט פֿונאַנדערגעגעבן אין יענעם ראַיאָן זינט 1948, האָבן ניט אָנגערירט דעם הויפּטמאַסיוו. ער האָט אויך באַמערקט צווישן דעם סורינאַמער עולם אַ היפּשן אינטערעס צום ייִדישן קאָלאָניזיר־פּראָיעקט.[15]

דעם 15טן מײַ 1950 האָבן דע מיראַנדאַ און קלאַסעס געשיקט אַ פֿאַרטרױלעכן בריוו צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע:

אין ענטפֿער אויף אײַער בריוו פֿון 23סטן פֿעברואַר 1950 צו ד״ר י. צ. דע מיראַנדאַן, דאַנק איך אײַך פֿאַר די גוטע ווּנטשן פֿאַר סורינאַם אין שייכות מיט באַקומען אַליין־רעגירונג פֿאַר דער טעריטאָריע.

דער מיניסטאָרן־ראָט האָט זיך זייער פֿאַראינטערעסירט מיט אײַער אויבן דערמאָנטן בריוו און איז גרייט אַרײַנצוקוקן אין דער זאַך.

היות מען וועט דאַרפֿן נאָך אַ מאָל אַרומריידן די עמיגראַציע פֿון די־פּיס מיט דער הילף פֿון אײַער אָרגאַניזאַציע, וואָלט איך געוואָלט הערן פֿון אײַך, ווי אַזוי וועט די פֿרײַלאַנד־ליגע פֿינאַנצירן דעם פּלאַן. אין אַנדערע ווערטער, איך בעט אײַך צו לאָזן מיר גענוי וויסן, ווי עס זעט אויס דער פֿינאַנציעלער מצבֿ פֿון אײַער אָרגאַניזאַציע.

אַזוי ווי דער אימיגראַציע־פּלאַן וועט פֿאָדערן מיליאָנען גולדנס, איז פֿאַר מיר זייער וויכטיק צו זײַן אינפֿאָרמירט וועגן דעם דאָזיקן ענין.

ווי נאָר איך וועל פֿון אײַך האָבן אַ באַפֿרידיקנדיקן ענטפֿער, וועט דער מיניסטאָרן־ראָט נאָך אַ מאָל באַטראַכטן די זאַך.

דער טאָן און אײַנשטעל פֿונעם בריוו זײַנען געווען שטאַרק פֿאַרשיידן פֿון דער אומפֿרײַנדלעכקייט פֿון די פֿריִערדיקע סטאַטן. עס איז אוממעגלעך צו זאָגן, וואָס איז געלעגן הינטער אָט דעם שינוי: האָט דער נײַער מיניסטאָרן־ראָט באמת געהאַט בדעה צו באַנײַען דעם ייִדישן קאָלאָניזיר־פּלאַן, אָדער ער האָט זיך לכתחילה גערעכט אויף אַ ניט־צופֿרידנשטעלנדיקן ענטפֿער. איצט איז פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־ליגע געווען וויכטיקער ווי ווען עס איז צו זײַן מסוגל אָנצווײַזן אויף אַקטועלע אָדער פּאָטענציעלע פֿינאַנציר־מקורים. אַן אויסדרוק פֿון סימפּאַטיע צום פּלאַן מצד דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אַ קאָנדיציאָנעלער אָנדײַט, אַז דער פּלאַן וואָלט געקאָנט געניסן פֿון אַמעריקאַנער הילף פֿאַר אויסלאַנד, האָט דאָ געקאָנט האָבן אַ מכריעדיקן באַטײַט. דער מלוכה־דעפּאַרטאַמענט האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטן פֿון אינטערוועניִרן בײַ די רעגירונגען פֿון האָלאַנד און סורינאַם, אײדער יענע וועלן אָננעמען אַן ענדגילטיקן באַשלוס.[16] די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט דערויף אָנגעוויזן, אַז „אַדרבא, גראָד ווײַל זיי האָבן זיך נאָך ניט דעצידירט

אין אַט דעם ענין, זעט איצט אויס צו זײַן דער פּאַסיקער מאָמענט צו פּרוּוון זיי איבערצײַגן וועגן די מעלות פֿונעם פּלאַן״.[17]

דעם 14טן יוני 1950 האָט די ליגע געענטפֿערט דער סורינאַמער רעגירונג (אידענטישע בריוו דע מיראַנדאַ און קלאַסען). זי האָט זיך קודם־כּל פֿאַררופֿן אויף איר בריוו פֿון 4טן מײַ 1949 (אין ענטפֿער אויפֿן אַנאַלאָגישן אָנפֿרעג פֿון גענ׳ גובערנאַטאָר הינדער), וואָס דער ראָש פֿון סורינאַמער דעפּאַרטאַמענט פֿאַר סאָציאַלע ענינים האָט דעם 2טן יוני 1949 אָנערקענט פֿאַר צופֿרידנשטעלנ־דיק. ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָנדן קאָנען באַקומען ווערן ערשט נאָכן אָפּ־שליסן אַ קאָנקרעטן אָפּמאַך. דער בריוו האָט דערמאָנט די הילף מצד ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און פּראָפּאַראַיינען פֿאַרן עקספּעדיציע־פֿאָנד און האָט זיך געריכט, אַז זיי וועלן העלפֿן אויך דער עצם קאָלאָניזיר־אַרבעט. דער בריוו האָט מרמז געווען, אַז די רעאַליזירונג פֿונעם פּראָיעקט וואָלט געקאָנט פֿאַר־שטאַרקן די שאַנסן פֿון באַקומען פֿאַר סורינאַם פֿאָנדן פֿון דער אַמעריקאַנער הילף־פּראָגראַם פֿאַר אויסלאַנד.

ווי אַזוי די סורינאַמער רעגירונג האָט אויפֿגענומען די תשובֿה — איז גע־בליבן אומבאַקאַנט. קיין ענטפֿער פֿון איר האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע ניט באַקומען. אין סורינאַם איז אויסגעבראָכן אַ שטורמישער רעגירונג־קריזיס צוליב סיכסוכים אין דער רעגירנדיקער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי גופֿא. די פּאַרטיי האָט זיך גע־שפּאָלטן, די זעקס קאַבינעט־מיטגלידער זײַנען פֿון איר אַרויסגעטראָטן און זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע. דע מיראַנדאַס צווייטער קאַבינעט האָט זיך געשטיצט אויף אַן אומזיכערער קאָאַליציע פֿון אַ טייל נאַציאָנאַליסטן מיט פֿינף הינדוסטאַ־נער און יאַוואַנער דעפּוטאַטן. די אָפּאָזיציע, בראָש מיט פֿינדליי (רעדאַקטאָר פֿון דע וועסט), האָט סאַבאָטירט די אַרבעט פֿון דער לעגיסלאַטור. די סטאַטן האָבן אויפֿגעהערט זיך צונויפֿצוקומען, זיי האָבן אַפֿילו ניט באַוויזן אויסצואַרבעטן דעם בודזשעט. מען האָט זיך געווענדט נאָך אַרביטראַזש צו דער האָלענדישער רע־גירונג, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרײַנצומישן.[18] דער קריזיס האָט אָנגענו־מען אַ כראָנישע פֿאָרעם.

אין אַ היפּשער צײַט אַרום, אָנהייב 1952, האָט זיך אין סורינאַם געשאַפֿן אַ מיניסטאַרן־קאַבינעט בראָש מיט ד״ר י. אַ. ע. בויסקאָל. דעם 1טן פֿעברואַר 1952 האָט זיך די פֿרײַלאַנד־ליגע געווענדט צו אים מיט אַ קורצן בריוו, וואָס האָט רעזומירט די לעצטע אַנטוויקלונגען פֿונעם פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט און האָט געבעטן מודיע צו זײַן וועגן דעם באַשלוס פֿון דער נײַער רעגירונג. דעם 17טן מאַרץ 1952 האָט בויסקאָל געענטפֿערט מיטן ווײַטערדיקן לאַקאָנישן בריוו, אָן שום מאָטיווירונג פֿון דער נעגאַטיווער שטעלונג:

> צום באַדויערן, מוז איך אײַך אינפֿאָרמירן, אַז די רעגירונג און דער לעגיסלאַטיווער ראָט האָבן ניט בדעה צו באַנײַען אונטערהאַנדלונגען מכּוח דעם פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט.

דעם דאָזיקן בריוו קאָן מען האַלטן פֿאַרן פֿאָרמעלן סוף פֿונעם סורינאַם־פּראָיעקט, גענויע זעקס יאָר נאָך זײַן אויפֿקום. פֿון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט איז ער געווען פֿאַרענדיקט אַ סך פֿריִער.

בריטישע און פֿראַנצייזישע גוויאַנע: עפּילאָג

אין דער צײַט, ווען די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט געמאַכט אירע ערשטע באַמיִונגען אויפֿצולעבן דעם סורינאַם־פּראָיעקט, האָט דאָס בריטישע קאָלאָניעס־מיניסטעריום געפֿונען פֿאַר מעגלעך צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם באַריכט פֿון דער „קאָמיסיע פֿאַר קאָלאָניזאַציע אין בריטיש האָנדוראַס און בריטיש גוויאַנע", וואָס האָט אונטערן פֿאָרזיץ פֿון סער דזשעפֿרי עוואַנס אויסגעפֿאָרשט די צוויי טעריטאָריעס אין 1947. דער זייער פּרטימדיקער און פֿאַרנעמיקער באַריכט איז אַרויס אַרום נײַיאָר 1949. צווישן אַנדערן האָט די קאָמיסיע אָנגעוויזן:

> מיר מיינען, אַז די צוויי קאָלאָניעס דאַרפֿן זײַן פֿעיִק צו אַבסאָרבירן במשך פֿון, לאָמיר זאָגן, 10 יאָר אַרום 100,000 מענער, פֿרויען און קינדער, בתוכם אַרום 25,000 דערוואַקסענע אַרבעטערס.[19]

לערך 75,000 דערפֿון האָט די קאָמיסיע פֿאָרויסגעזען פֿאַר בריטיש גוויאַנע, אַרײַנרעכענענדיק אין אַט דער צאָל אויך אייראָפּעער (די־פּיס פֿון אייראָפּע):

> קאָלאָניזאַציע, אַרײַנגערעכנט אייראָפּעיִשע, איז מעגלעך אויף די ראַנדן פֿון די קאַנוקו־בערג. (...) אַן עקספּערימענטאַלע באַזעצונג פֿון אַרום 200 משפּחות וואָלט געווען דער עיקרדיקער ערשטער טראָט. (...) דאָרט איז פֿאַראַן אָרט פֿאַר לפּחות 5,000 משפּחות אָדער 20,000 נפֿשות. (...) אייראָפּעיִשע קאָלאָניזאַציע קאָן ניט זײַן קיין שטער פֿאַר די אינטערעסן פֿון די אינדיאַנער און וועט, אַדרבא, ברענגען נוצן דעם גאַנצן שטח.[20]

די קאָמיסיע האָט אויך אײַנגעפֿונען, אַז „באָדנס, וואָס זײַנען צוגעפּאַסט פֿאַר פּערמאַנענטער אַגריקולטור, זײַנען פֿאַראַן אין די שטחים פֿון פּאָטאַראָ און מיטל־מאַזאַרוני" און אַז „פּראָדוקציע דאַרף זײַן געבויט אויף פּלאַנטאַציעס, וואָס וועלן באַשעפֿטיקן 600 אַרבעטערס אָדער לערך 2,400 נפֿשות".[21]

דאָס אַרויסגיין פֿונעם באַריכט און די דערמאָנטע אויספֿירן זײַנע האָבן גענבן דער פֿרײַלאַנד־ליגע אַ יסוד צו באַנײַען די שמועסן מיטן בריטישן קאָלאָניעס־מיניסטעריום מכּוח בריטיש גוויאַנע, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין יולי 1947, ערבֿ דעם אַרויספֿאָר פֿון דער קאָמיסיע. דעם 8טן פֿעברואַר 1949, נאָכן אַרומריידן דעם ענין מיט דער עקזעקוטיווע, האָט ד״ר שטיינבערג געשריבן אויף אַט דער טעמע צום בריטישן מלוכה־סעקרעטאַר פֿאַר קאָלאָניעס, אַרטור קריטש דזשאָנס. קריטש האָט צוגעזאָגט צו ענטפֿערן נאָכן אויספֿאָרשן דעם ענין.

אין זײַן בריוו פֿון 23סטן מאַרץ 1949 האָט קריטש דזשאָנס מודיע געווען:

(...) די אויסווירקונגען פֿון דער מלחמה האָבן שטאַרק פֿאַרברייטערט דעם גדר און פֿאַרגרעסערט דעם פֿאַרנעם פֿון די פּליטים־פּראָבלעמען.
(...) פּלענער פֿון אייראָפּעיִשער קאָלאָניזאַציע אין בריטיש גוויאַנע וועט מען דעריבער דאַרפֿן באַטראַכטן אין ליכט פֿון די אַלגעמיינע באַדער־פֿענישן פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּליטים־אָרגאַניזאַציע צו קאָלאָניזירן פּליטים און ניט אין די אינטערעסן פֿון וועלכן עס אז איינצלנעם עטנישן קיבוץ.

(...) איר וועט זען, אַז לויט דער מיינונג פֿון דער קאָמיסיע (...) איז קאָלאָניזאַציע אין דער קאַנוקו־געגנט „אין גאַנצן אָפּהענגיק פֿון מאַכן זי צוטריטלעך דורך בויען אַ וועג". אַ וועג פֿון באַרטיקאַ ביז דער רופּונוני־קאַנוקו־געגנט, וואָס די קאָמיסיע לייגט פֿאָר אין אַן אַנדער אָרט פֿונעם באַריכט, וועט זײַן זייער קאָסטעוודיק און מען קאָן ניט אָננעמען קיין באַשלוס צו בויען אַזאַ וועג ביז מען וועט מאַכן ווײַטערדיקע אויספֿאָרשונגען (...). עס זעט אויס, אַז במשך פֿון נאָך זייער אַ סך יאָרן וועט זיך קאָמפּאַקטע קאָלאָניזאַציע פֿון אייראָפּעער אין דער רופּונוני־געגנט ניט לאָזן פֿאַרווירקלעכן.

אויב די קאָלאָניזאַציע (...) זאָל זיך סוף־כּל־סוף אַרויסווײַזן פֿאַר מעגלעך, וועט מען, פֿאַרשטייט זיך, מוזן אָנפֿרעגן דעם אָרטיקן לעגיסלאַטיוו־ראָט און באַקומען זײַן הסכּם איידער מען וועט קאָנען מאַכן אַ וועלכן עס איז ענדגילטיקן פּלאַן. [22]

אַזוי ווי די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט אין די בעסטע באַדינגונגען ניט געקאָנט טראָגן די קאָסטן פֿון בויען דעם וועג צו די אינעווייניקסטע געגנטן פֿון גוויאַנע, האָט דער אָפּזאָג פֿון דער בריטישער רעגירונג צו פֿינאַנצירן די דאָזיקע בויונג געמאַכט אַ סוף צו אירע אויסקוקן, אומאָפּהענגיק אָפּילו פֿון קריטש דזשאָנסעס אַנדערע באַוואָרענישן. [23]

אין 1948 האָבן זיך באַנײַט די אונטערהאַנדלונגען וועגן דער פֿראַנצייזישער גוויאַנע. היות ווי די טעריטאָריע איז דירעקט אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין דער פֿראַנצייזישער רעפּובליק ווי אַ מעבֿר־לים־דעפּאַרטאַמענט, איז איצט די קאָרעספּאָנדענץ געגאַנגען מיטן מיניסטער פֿון אינעווייניקסטע ענינים זשול מאָק. דורך פֿראַנצייזישע פֿאָרשטייער אין דער יו־ען האָט מאָק מודיע געווען דער פֿרײַלאַנד־ליגע וועגן זײַן אינטערעס צו אירע פּלענער מכּוח גוויאַנע און האָט פֿאָרגעלייגט, אַז ד"ר שטיינבערג זאָל פּערזענלעך קומען פֿאַרהאַנדלען מיט אים אין פּאַריז. די ליגע האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַ שריפֿטלעכן עקספּאָזע פֿון אירע פֿאַרלאַנגען (בריוו פֿון 14טן סעפּטעמבער 1948). דער מיניסטער מאָק האָט געענטפֿערט מיט אַ לענגערן בריוו פֿון 23סטן דעצעמבער 1948. ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ ריי באַדינגונגען: די צאָל ייִדישע אימיגראַנטן קיין גוויאַנע דאַרף נישט איבערשטײַגן 3,000; זיי דאַרפֿן אָנקומען אין פּאַרטיעס צו 400־600 אַ יאָר; יעדע פּאַרטיע דאַרף האָבן אַ קליינעם פֿראַנצייזישן אָנפֿיר־פּערסאָנאַל; די אימיגראַנטן דאַרפֿן פֿאַרמאָגן באַשטימטע פֿאַך־קוואַליפֿיקאַציעס און פֿאַרנעמען זיך מיט די דאָזיקע פֿאַכן במשך פֿון לפּחות די ערשטע 5 יאָר; קינדער פֿון

די אימיגראַנטן דאַרפֿן באַזוכן אויסשליסלעך פֿראַנצייזישע שולן און די מעדי־ציניש־ע באַדינונג דאַרף זיך געפֿינען אין די הענט פֿון פֿראַנצייזישע דאָקטוירים.

דעם 25סטן יאַנואַר 1949 האָט די ליגע געענטפֿערט מאַקן: „מיר גלייבן ניט, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע וואָלט געקאָנט אונטערנעמען אַ קאָלאָניזאַציע פֿון אַזאַ באַגרענעצטן כאַראַקטער". עס איז נייטיק אַ פֿיל גרעסערער פֿאַרנעם. „ייִדן וועלן זיך באַזעצן אין אַן אומאַנטוויקלט לאַנד נאָר אויב זיי וועלן האָבן פֿאַרזי־כערטע באַדינגונגען פֿון רעליגיעזער און קולטורעלער פֿרײַהייט". אַוודאי וועלן זיך די קאָלאָניסטן און זייערע קינדער לערנען פֿראַנצייזיש, אָבער זיי מוזן האָבן זייערע אייגענע אינסטיטוציעס אין הסכם מיט זייערע רעליגיעזע און קולטורע־לע טראַדיציעס.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דער בריוו פֿאַרלאָרן געגאַנגען אינעם פֿראַנצייזישן אינערן־מיניסטעריום, און אין איבער אַ יאָר אַרום האָט דאָס מיניסטעריום געבעטן צושטעלן אים אַ קאָפּיע דערפֿון. זשול מאַק, צוזאַמען מיט אַנדערע מיניסטאָרן־סאָציאַליסטן, האָט פֿאַרלאָזן דעם קאַבינעט פֿון זשאָרזש בידאָ דעם 3טן פֿעברואַר 1950, און די ליגע האָט געשיקט די געבעטענע קאָפּיע מיט אַ באַגלייט־בריוו דעם נײַעם אינערן־מיניסטער אַנרי קיי (דעם 3טן מאַרץ). קיי האָט געענטפֿערט דעם 5טן יולי, דרײַ טעג נאָכן ווערן פּרעמיער. אין זײַן בריוו האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף פֿאַרשיידענע הנחות פֿאַר די קומענדיקע קאָלאָניסטן, אַרײַנגערעכנט אומזיסטע מלוכה־בנינים, אָבער זײַן שטעלונג אין די עיקר־פֿראַגעס איז ניט געווען אַנדערש פֿון זשול מאַקס.[24] דאָס האָט אויס־געשעפּט דעם ענין פֿאַר דער פֿרײַלאַנד־ליגע.

אַ געוויסע צײַט האָט זיך נאָך די ליגע צוגעקוקט צו דער סורינאַמער פּאָ־ליטישער סצענע, אָבער שוין אינעם זעלבן יאָר 1950 האָט די עקזעקוטיווע באַ־שלאָסן צו ווענדן איר אויפֿמערק צו אַנדערע מעגלעכקייטן אין צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע. אָבער די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג האָט שוין נישט פֿאַרמאָגט קיין גרייטן און דעצידירטן פּיאָנירן־יאָדער ווי אין 1947־1948. זי איז געווען אָפּגע־שניטן פֿון די ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע, און אירע שארית־הפליטה־קאַדערס זײַ־נען זיך שוין צעפֿאָרן, אָדער געהאַלטן אין צעפֿאָרן זיך, איבער אַ ריי לענדער ווי אינדיווידועלע עמיגראַנטן — אין וואָס זי האָט זיי אַליין מיטגעהאָלפֿן.

פּליטים־פֿרײַלאַנדיסטן עמיגרירן פֿון אייראָפּע

ווען דער סורינאַם־פּראָיעקט איז זומער 1948 „אָפּגעלייגט" געוואָרן, איז די אַחריות פֿון דער ליגע פֿאַרן גורל פֿון אירע חבֿרים אין די פּליטים־לאַגערן נאָך געוואָרן גרעסער. אויף דער צווייטער פֿרײַלאַנד־קאָנפֿערענץ אין ניו־יאָרק, אין אָנבליק פֿון דער שטאַרקער פֿאַרערגערונג פֿון דער לאַגע אין די לאַגערן, האָט מען באַשלאָסן, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע זאָל דירעקט (ניט, ווי מען האָט פֿריִער גערעכנט, דורך אַ ספּעציאַליזירטער אָרגאַניזאַציע „פֿאַראַר"[25]) העלפֿן

אירע אייראָפּעיִשע חברים, וואָס ווילן זיך באַזעצן אין לענדער מעבֿר־לים. ווי עס זאָלן ניט אויסזען די אויסקוקן צו ראַטעווען דעם סורינאַם־פּראָיעקט, האָט מען ניט געקאָנט עצהן די פּליטים — אין זייערע באַדינגונגען! — צו וואַרטן אַן אומבאַשטימטע צײַט. די באַקאַנטשאַפֿט מיט די מעטאָדן פֿון דער ציוניסטישער אָנפֿירונג אין די לאַגערן האָט בשום אופֿן ניט געקאָנט סטימולירן בײַ די פּליטים־פֿרײַלאַנדיסטן דעם חשק עולה צו זײַן קיין מדינת ישׂראל. וועגן דעם גיט זייער אַ גוטע פֿאַרשטעלונג אַ בריוו, וואָס איינער פֿון זיי (זײַן נאָמען איז אונדז באַקאַנט) האָט אין מאַרץ 1949 געשריבן צו דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע פֿון זײַן לאַגער אין דײַטשלאַנד:

> (...) איך לעב איצט איבער די שווערסטע טעג אין מײַן גלות דײַטשלאַנד. (...) די ליקווידאַציע פֿון די לאַגערן קומט מיט יעדן טאָג, און דאָס קומען קיין ישׂראל שרעקט מיך. איך האָב ערשט אין יולי 1945 זיך אַרויסגעריסן פֿון דער סאָוועטישער דיקטאַטור, וווּ איך האָב פֿאַרבראַכט מײַן גאַנץ לעבן.
> איך ווייס, אַז אין ארץ־ישׂראל וועל איך זײַן איינזאַם און דערדריקט. איך קאָן אין קיין פֿאַל ניט נאָכטאַנצן קיין זאַכן, וואָס פֿאַרקריפּלען דאָס איינציקע צו וואָס מײַן נשמה לעכצט.
> איך בין טיף געבונדן מיטן געדאַנק פֿון פֿרײַלאַנד, מיט זײַנע עטישפֿאָלקסטימלעכע און מענטשלעכע באַגריפֿן און מיט אונדזער מחיהדיקן מאַמע־לשון.
> (...) גיט מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך טאָן. אפֿשר האָט איר גראָד פֿאַר מיר אַן עצה.

ווינטער 49/1948 האָט די עקזעקוטיווע באַקומען אַ צאָל בריוו פֿון די לאַגערן, וווּ יחידים און גרופּעס האָבן געבעטן העלפֿן זיי אַרײַנצופֿאָרן, אינעם גערעם פֿון די־פּי־אימיגראַציע־קוואָטעס, אין איינעם פֿון די אויסעראייראָפּעיִשע לענדער. די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט זיך אַקטיוו גענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט. זי איז אַרײַן אין פֿאַרבינדונג מיט דער אירא, מיט דער די־פּי־קאָמיסיע אין וואַשינגטאָן, מיטן ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט, מיט ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס אין ניו־דזשוירזי, מיט לאַנדסמאַנשאַפֿטן, מיט אימיגראַציע־אַדוואָקאַטן. זי האָט קאָאָרדינירט די אַקציע מיט די גרופּעס אין קאַנאַדע, מעקסיקע און אויסטראַליע. די ליגע האָט געשאַפֿן אַ ספּעציעלן הצלה־פֿאָנד פֿאַר די חבֿרים אין רומעניע, לכתחילה מיט דער כוונה מעגלעך צו מאַכן פֿאַר זיי אַרויסצוגיין (אויף דעם אָדער יענעם אופֿן) פֿון היינטערן אײַזערנעם פֿאָרהאַנג. דאָס האָט זיך ניט געלאָזט דורכפֿירן אין די נאָענטסטע עטלעכע יאָר, אָבער רעגולערע געלטשיקונגען האָבן געהאָלפֿן די צום מייסטנס אויסגעשטעלטע און גערודפֿטע חבֿרים איבערצוהאַלטן די שווערע צײַטן.

אין משך פֿון 1949־1951 איז זיך דאָס רובֿ פֿונעם טעריטאָריאַליסטישן פּליטים־אַקטיוו צעפֿאָרן איבער פֿאַרשיידענע לענדער מעבֿר־לים. די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע האָט ניט געפֿירט קיין סטאַטיסטיק פֿון די אויסגעוואַנדערטע

חבֿרים, וואָס זי האָט אין דער אָדער יענער פֿאָרעם מיטגעהאָלפֿן צו פֿאַרלאָזן אייראָפּע. פֿון די אָפּגעהיטע בריוו און אַנדערע אָנווײַזן זעט מען, למשל, אַז אין אויסטראַליע האָבן זיך באַזעצט דינה ראָזענבעס (איר משפּחה האָט שוין געהאַט געקומען פֿון שאַנכײַ קיין מעלבורן מיט אַ פּאָר יאָר פֿריִער צוזאַמען מיט י. ראַ־פּאָפּאָרט), נחום זאַיאַנץ, משפּחה לעוונער, ווי אויך מ. באַלבערישסקי און משה האהן־ביטינער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון פּוילן און אַ קורצע צײַט פֿאַר־בראַכט אין פּאַריז. צווישן די, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין קאַנאַדע, זײַנען געווען קאַטשערגינסקי, באַנק, ריוואַש, באַראַץ (פּינסקער איז אַהין אָנגעקומען נאָך אין 1948), קוזנע, וואַסערמאַן, טעמפּלמאַן, ליפּשיץ, זעלינגער, לעווענט, עדעלשטיין, שטיינער, ליפּשע ווידמאַן, איר טאָכטער ביילע גאָטעסמאַן און זון מרדכי שעכ־טער און אַ היפּשע צאָל אַנדערע זײַנען געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. איינצלנע האָבן אימיגרירט קיין מעקסיקע (פּישל זאַיאַנץ), אורוגווײַ און אַנדערע לענדער.

פֿאַר די יעניקע, וואָס זײַנען געבליבן שטעקן הינטערן אײַזערנעם פֿאָרהאַנג, איז מדינת ישׂראל געווען כּמעט דער איינציקער לעגאַלער אויסוועג. זיי האָבן אויך ניט געהאַט יענעם ביטערן נאָכטעם, וואָס איז געבליבן בײַ די די־פּיס פֿון די ציוניסטיש רעגירטע לאַגערן. אַנהייב פֿופֿציקער יאָרן האָט זיך אין ישׂראל באַזעצט ש. אַבּרבּנאל; אין 1958־59 (ווען עס האָט זיך באַנײַט די עליה פֿון רו־מעניע) — פּינחס כּאַכּאַמו, ד״ר יעקבֿ שעכטער א״אַ מיטגלידער פֿון דער געוועזע־נער רומענישער פֿרײַלאַנד־ליגע. שפּעטער פֿון אַלעמען האָט פֿון רומעניע קיין ישׂראל באַוויזן צו קומען אליעזר פֿרענקעל, וואָס האָט געהאַט איבערגעלעבט באַזונדערס שווערע רעפּרעסיעס, אָבער דאָך ניט מיד געוואָרן צו אַרבעטן פֿאַרן ייִדישן שולוועזן אין רומעניע און גאָר אַ סך מיטגעהאָלפֿן, עס זאָל ניט אויסגע־לייִדיקט ווערן פֿון ייִדיש־פֿאָלקישן קולטור־אינהאַלט.[26] חוץ דעם זײַנען קיין ישׂראל אָנגעקומען מיטן ערשטן עליה־שטראָם עטלעכע געוועזענע מיטגלידער פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג אין פּוילן.

אויף אַזאַ אופֿן איז צעשפּרייט און בטל בששים געוואָרן אַ גרופּע מענטשן, וואָס גענומען ווי אַ ציבור וואָלט זי בײַ געהעריקע באַדינגונגען מסתּמא געקאָנט אָפּשפּילן אַ קאָנסטרוקטיווע ראָלע פֿון אַ פֿרײַלאַנדיסטישער „ערשטער עליה״. טייל פֿון זיי האָבן געפּרוווט זײַן אַקטיוו אויף די נײַע ערטער, אַרײַנבלאָזן אַ פֿרישן אָטעם אין די תּושבֿים־קרײַזן,[27] עטלעכע זײַנען געוואָרן פֿאַרמערס, אָבער אין אַלגעמיין איז מיט זיי געשען דאָס, וואָס מיט דער גאַנצער שאַרית־הפּליטה אינעם פּראָצעס פֿון אַרײַנוואַקסן אינעם שטייגער לעבן פֿון די נײַע היימען.

דאָס גרעסטע געווינס פֿאַר דער אַמעריקאַנער פֿרײַלאַנד־ליגע איז געווען דער יונגער פֿילאָלאָג מרדכי שעכטער, וואָס איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק זו־מער 1951, נאָכן באַקומען דעם דאָקטאָראַט פֿון ווינער אוניווערסיטעט פֿאַר אַ דיסערטאַציע וועגן ייִדישער גראַמאַטיק. מער פֿון אַנדערע האָט ער אָפּגעהיט די

שטימונג פֿונעם פֿרײַלאַנד־בראשית אין רומעניע און עסטרײַך. ער האָט באַלד געגומען מיטאַרבעטן אין אויפֿן שוועל, צוו״אַ איבערגענומען דעם פּרעסע־אָפּטייל נאָכן טויט פֿון ד״ר מענדל סודאַרסקי (געשטאָרבן דעם 13טן דעצעמבער 1951). פֿון יאַנואַר 1953 ביז מיטן 1954 האָט ער אָפּגעדינט מיליטער־דינסט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, אָבער דאָס האָט ניט איבערגעריסן זײַן אַקטיווע מיט־אַרבעט אין דער ליגע און אין איר זשורנאַל. זײַן אויפֿטו איז געווען דאָס צו־ציִען צו דער ליגע אַזעלכע אַמעריקאַנער־געבאָרענע ייִדיש־ענטוזיאַסטן ווי זײַן פֿרוי טשאַרנע, לייבל כּהן און מינדל רינקעוויטש (געב׳ טייטלבוים), וואָס זײַנען געוואָרן איבערגעגעבענע פֿרײַלאַנד־טוערס. עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, ווי וואָלט די ליגע אויסגעקומען אָן ד״ר מ. שעכטערן אינעם טראַגישן ווינטער 1956/57.

פֿרײַלאַנד־ליגע אין דער נײַער סיטואַציע, 1956-1950

די געשיכטע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע נאָך דער מפּלה פֿונעם סורינאַם־פּראָיעקט קאָן ניט פֿאַרצייכענען קיין סך דראַמאַטישע מאָמענטן. די באַנײַטע אונטערהאַנדלונגען מיט סורינאַם אין 1949־1950 זײַנען געווען דער לעצטער אַפּענער אַקט פֿון דער פֿרײַלאַנדישער דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישער טעטיקייט. הגם (ווי מיר האָבן געזען) איז ערשט אין 1952 געוואָרן לחלוטין קלאָר, אַז אויף אָט דעם שטח איז ניטאָ אויף וואָס זיך צו ריכטן. מיטן פֿאַקטישן סוף פֿונעם סורינאַם־פּראָיעקט, מיט דער לינדערונג פֿון דער דרינגלעכער נויט פֿון דער שארית־הפּליטה און מיטן אויפֿקום און דעמאָגראַפֿישן וווּקס פֿון מדינת ישׂראל האָט זיך פֿאַר און אַרום דער פֿרײַלאַנד־ליגע געשאַפֿן אַ נײַע סיטואַציע. דאָס צופּאַסן זיך צו די נײַע באַדינגונגען איז ניט אָנגעקומען לײַכט, און (ווי אָפֿט אין ענלעכע פֿאַלן) זײַנען שינויים דע פֿאַקטאָ פֿאָרגעקומען שנעלער ווי אין דער פּראָגראַם. ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט זיך מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע ניט איבער־געחזרט דאָס, וואָס עס איז געשען מיט דער ייִט״אָ נאָך דער באַלפֿור־דעקלאַראַ־ציע. ווי עס האָט אין יענע יאָרן געשריבן י. נ. שטיינבערג,[28]

> גליקלעך זײַנען די, וואָס קאָנען מיט אַ רויִקן געוויסן זאָגן, אַז „משיח איז שוין געקומען" און אַז אַפֿילו פֿאַר אליהו הנביא זײַנען שוין ניט גע־בליבן קיין שום קשיות צו פֿאַרענטפֿערן. מיר פֿילן זיך ניט אַזוי גליקלעך — מוזן מיר ווײַטער אָנגיין מיט דער פֿאָרשונג און אויסטײַטשונג פֿון דעם ייִדישן גורל, ניט געקוקט אויף דעם אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל, אָדער טאָקע צוליב דעם אַליין גופֿא.

אַזאַ פּאָזיציע האָט ניט געקאָנט זײַן פּאָפּולער בײַ די ברייטע מאַסן. די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט אָפּגעהיט איר אינעווייניקסטן יאָדער און האָט צוגעקראָגן אַ קליינע צאָל נײַע איבערגעגעבענע חבֿרים, אָבער איר געזעלשאַפֿטלעכע באַזע איז שמעלער געוואָרן. עס זײַנען אָפּגעפֿאַלן יענע פּעריפֿעראַלע קרײַזן, וואָס האָבן

זיך געהאַט פּאַראײַניקט אויפֿן קאָנקרעטן פּלאַן פֿונעם סורינאַם־פּראָיעקט.[29] טייל אַמאָליקע פֿרײַנד האָבן זיך אַנטוישט נאָכן אונטערגאַנג פֿון צוויי טעריטאָ־ריאַליסטישע פּלענער אין איין יאָרצענדלינג אָדער זײַנען אַרונטערגעפֿאַלן אונ־טערן צויבער פֿון מדינת ישׂראל. אַ. גלאַנץ האָט אָנהייב 1952 קאָנסטאַטירט, אַז טעריטאָריאַליסטישע „טעאָריעס זײַנען געווען לאָגיש, איבערצײַגנדיק, ריכטיק, גערעכט", אָבער — זיי האָבן „נישט געאַרבעט"; אַקעגן זשע „געזיגט האָט דער ציוניסטישער דרך אין דער באַציִונג צו דער אַלגעמיינער ייִדישער נויט, ווי אויך צו די גרויסע ייִדישע וואַנדער־פּראָצעסן".[30] אין אַנדערע אַרטיקלען האָט ער אַרויסגעבראַכט, אַז טעריטאָריאַליזם מחוץ ישׂראל קאָן זיך אפֿשר מיט דער צײַט פֿאַרווירקלעכן, אָבער ערשט אין אַ ווײַטן, אומבאַשטימטן עתיד.[31]

שאול גוטמאַן האָט אין אָקטאָבער 1949 רעזיגנירט פֿון זײַן אַמט ווי עקזע־קוטיוו־סעקרעטאַר און איז אַריבער אויפֿן זעלבן פּאָסטן אינעם שלום־עליכם־פֿאָלקס־אינסטיטוט.[32] אין גיכן האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין אויפֿן שוועל (מאַרץ 1950) זײַן פּאָליטישע צוואה א"ק „פֿרײַלאַנד — מיטן פּנים צו אַמעריקע". זײַן הנחה איז געווען, אַז דער ענין סורינאַם איז פֿאַרשפּילט און ס'איז נישט כּדאַי מיט אים אָנצוגיין. ער האָט אונטערגעשטראָכן דעם היסטאָרישן באַטײַט פֿונעם אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל, ווו „עס ווערט פֿאַרווירקלעכט טעריטאָריאַליזם פֿאַר אַ טייל פֿון אונדזער פֿאָלק", ווו עס „שטייען בײַם רודער (...) פֿרײַהייטלעך־סאָ־ציאַליסטישע עלעמענטן" אאַז"וו. „עס איז דעריבער דער חובֿ פֿון פֿרײַלאַנד צו העלפֿן מאָראַליש און מאַטעריעל מדינת ישׂראל און גלײַכצײַטיק צו שטאַרקן די פֿרײַהייטלעכע, מעסיקע עלעמענטן".[33] פֿון דער אַנדערער זײַט דאַרפֿן מיר מור־טיק באַקעמפֿן די נעגאַטיווע טענדענצן אין יישובֿ".

די עיקרדיקע אויפֿגאַבע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע דאַרף זײַן — זיך צו אָריענטירן אויף אַמעריקע. „דאָ, אין דעם גרעסטן ייִדישן קיבוץ, דאַרף פֿרײַ־לאַנד אַנטוויקלען אַ ברייטע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַרבעט, וואָס זאָל זי אַוועק־שטעלן אין צענטער פֿון יענע ייִדן, וואָס קעמפֿן מיט אַלע כּוחות אײַנצוהאַלטן וואָס מער עלעמענטן פֿון דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישער שטיגערישער קולטור אין ייִדישן לעבן פֿון אַמעריקע". גוטמאַן האָט געעצהט אַ מין באַנײַטן „סיימיזם" לגבי אַמעריקע מיט זייער אַ ברייטער און אַמביציעזער אַרבעט־פּראָגראַם. „אויף דרײַ שטחים דאַרף זיך פֿרײַלאַנד קאָנצענטרירן דאָ: א) אויפֿן קולטור־געביט, ב) שאַפֿן מוסטער־אינסטיטוציעס" (צווישן זיי — אַ מוסטער־קאָלאָניע), „ג) אידעאָלאָגישע פּראָפּאַגאַנדע" פֿון טעריטאָריאַליזם („ווען עס איז, ווילט זיך גלייבן, וועט אין דער וועלט אײַנגעשטעלט ווערן אַ יושרדיקע פֿאַר־טיילונג פֿון די ריזיקע ערד־שטחים, וואָס פּוסטעווען איצטער"...).

גוטמאַן איז נישט פֿאַרבליבן אין די פֿרײַלאַנד־רייען דורכצופֿירן אין לעבן זײַנע רעקאָמענדאַציעס, אָבער די, אַזוי צו זאָגן, רעוויזיאָניסטישע שטימונגען לגבי טעריטאָריאַליזם זײַנען געקומען צום אויסדרוק אויך צווישן די געטרײַ־

פּאַרבליבענע פּרײַלאַנדיסטן. אויף דער פּרײַלאַנד־באַראַטונג פֿון 16טן און 17טן סעפּטעמבער 1950 האָט יעקבֿ לעווין געעפֿנט די דיסקוסיע מיט די ווערטער, אַז

מ׳מוז אָפֿן שטעלן די פֿראַגע וועגן דעם תּוך פֿון דער באַוועגונג. עס איז שווער צו שאַפֿן אַ קאָנצענטרירטע ייִדישע עמיגראַציע בעת עס איז פֿאַראַן דערווײַל אַ לאַנד ישׂראל וווּהין ייִדן קענען פֿאָרן. וואָס פֿאַר אַ באַטײַט קען האָבן בײַ אַזאַ לאַגע די באַזעצונג פֿון 30,000 ייִדן אין סורינאַם? עס וועט אויך זײַן שווער צו באַקומען אַ פּלאַץ אויף אויטאָנאָמע יסודות, ווײַל מיט דעם אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל וועלן פֿעלקער אונדז מער נישט גלייבן, אַז מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט אַ קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אונדזער צווייטע שטרעבונג איז די קולטור־פֿראַגע. „איך בין קעגן דיקטאַטור פֿון העברעיִש סײַ דאָרטן און סײַ דאָ אין אַמעריקע. צוליב דעם אַליין וואָלט מען געדאַרפֿט האָבן די פֿרײַלאַנד־ליגע“. מיר מוזן איצט אָפּשטעלן אויף אַ געוויסער צײַט די פּאָליטישע אַרבעט און באַגרענעצן זיך מיט דער אויספֿאָרשונג פֿון מעגלעכע לענדער פֿאַר ייִדישער אימיגראַציע. די הויפּט־אויפֿגאַבע דאַרף זײַן איצט קולטור־אַרבעט.[34]

אַ נאָענטן שטאַנדפּונקט האָבן פֿאַרנומען ד״ר מ. סודאַרסקי און אַ. נעוועלשטיין, וואָס האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף פּראָפּאַגאַנדע און בויען לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס אין אַמעריקע גופֿא. פֿון קליין־קאָלאָניזאַציע האָט אויך, ווי אין די פֿריִערדיקע יאָרן, שטאַרק געהאַלטן מ. מענדעלסבערג, הגם לויט זײַן השקפֿה האָט זי ניט געדאַרפֿט אָפּווענדן דעם אויפֿמערק פֿון פּאָליטיש־טעריטאָריאַליסטישער אַרבעט. אין שוץ פֿון דער קאָנסעקווענטער פּאָליטישער ליניע אין דער פֿרײַלאַנד־טעטיקייט איז אַרויסגעטראָטן ד״ר ל. מ. פֿרוכטבוים אין זײַן ענטפֿער אויף גוטמאַנס אַרטיקל.[35] לויט זײַן מיינונג האָט גוטמאַן איבערגעשאַצט די ראָלע פֿון מדינת ישׂראל פֿאַרן קיום פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אין דער גאָרער וועלט און ווי אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער ייִדישער עמיגראַציע־פּראָבלעם. ער האָט געפֿאָדערט ווײַטער צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט לענדער, וואָס נייטיקן זיך אין אימיגראַציע. דאָס, און ניט עפּעס אַנדערש, דאַרף זײַן די צענטראַלע אויפֿגאַבע פֿון דער ליגע. אינעם זעלבן גײַסט האָט ער גערעדט אויף דער באַראַטונג. אָן ענלעכן, הגם ווייניקער איינזײַטיקן שטאַנדפּונקט האָבן פֿאַרנומען אויך אַנדערע אָנטיילנעמערס (ל. קאַנטאָר, אַ. סטעף, י. זעליטש, ל. קוועטשאַנסקי, אַ. כאַבאַצקי, נ. טוראַק, ד״ר י. מינקין, אַ. שעפּטעל). ד״ר י. נ. שטיינבערג האָט אונטערגעפֿירט אַ סך־הכּל: „מיר קענען נישט אָננעמען דעם געדאַנק, אַז דער איינציקער וועג צו לייזן די פּראָבלעם פֿון ייִדישן המשך איז דער ציוניסטישער אָדער דער בונדיסטישער. טאָרן מיר נישט דערפֿאַר דערקלערן אַ מאָראַטאָריום אויף דער פֿרײַלאַנד־טעטיקייט“.

די באַראַטונג האָט באַשלאָסן „ווײַטער ממשיך צו זײַן די אַרבעט, איבער הויפּט די פּאָליטישע, אין אַ פֿאַרשטאַרקטער מאָס“, גלײַכצײַטיק דערמיט האָט זי באַשטימט מ. מענדעלסבערגן „צוצושטעלן צו דער עקזעקוטיווע — פֿאַר אַ

פּרינציפּיעלער באַטראַכטונג — אַ פּלאַן וועגן די מעגלעכקייטן פון קליין־קאָלאָניזאַציע־אַרבעט".

וואָס שייך דער פּאָליטישער אַרבעט, האָבן מיר שוין געזען דעם פּאַרעקשנטן קאַמף אָפּצוראַטעווען דעם סורינאַם־פּראָיעקט, וואָס די ליגע האָט געפירט ביז סוף 1952. במשך פון די נאָענטסטע יאָרן האָט זי דורכגעפירט אַן אויספאָרש־אַרבעט און אָנגעבונדן פּאָליטישע קאָנטאַקטן מכּוח קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן אין לאַטיין־אַמעריקע. צום אונטערשייד פון די פריִערדיקע פריילאַנד־פּלענער, האָט זיך די דאָזיקע אַרבעט ניט געפירט עפנטלעך און זי איז ניט אַרויס פון אַ פּרעלימינערער סטאַדיע. אַזוי אַרום האָט זיך דע פאַקטאָ פאַרווירקלעכט יעקב לעווינס ווונטש וועגן „באַגרענעצן זיך מיט דער אויספאָרשונג פון מעגלעכע לענדער פאַר יידישער אימיגראַציע".

די פראַגע פון קליין־קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט צווישן דער פריילאַנד־מיטגלידערשאַפט אין די פּופציקער יאָרן. עס האָט זיך געהאַנדלט ניט נאָר וועגן פאַרמער־קאָלאָניעס, נאָר אויך וועגן פאַרלייגן יידישע שטעטלעך מיט אינדוסטריע און מלאכה ווי די הויפּט־פּרנסה פון די איינוווינערס. אין אויפן שוועל און שפּעטער אין פאַריזער פריילאַנד האָט זיך באַוויזן אַ ריי אַרטיקלען אויף דער דאָזיקער טעמע.[36] אַן ענטוזיאַסטישער אָנהענגער פון אַזעלכע פּלענער איז געווען אַ. גאָלאָמב, וואָס האָט זיי אַפילו געקרוינט מיטן נאָמען „טעריטאָריאַליזם אויף די ערטער".[37] אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז אַן אַרבעט פון דעם מין קאָן האָבן אַ געוויסן באַטייט אַליין פאַר זיך, אָבער קאָן ניט צונויפגעמישט ווערן מיט טעריטאָריאַליזם.[38] פון דער אַנדערער זייט האָבן ניט נאָר פריילאַנדיסטן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צום געדאַנק פון פאַרלייגן אַ שטעטל, אָדער שטעטלעך, ווו אַ גרופּע יידן זאָל זיך קאָנען אויסלעבן אין אַ יידיש־קולטורעלער סביבה, ווייט פונעם גרויסשטאָטישן טומל. צוליב אָט די טעמים איז געבליבן צו שאַפן אַ ספּעציעלע „געזעלשאַפט פאַר יידישע ישובים אין אַמעריקע". אַ געשיכטע פון אירע באַמיִונגען צו בויען אַ יידיש שטעטל אין ניו־דזשוירזי וועט דער לייענער געפינען ביים סוף פונעם בוך, אינעם צוגאָב־קאַפּיטל, געשריבן פון לייבל כּהן.[39]

די אַקטיוויטעט פון דער ליגע האָט זיך אַלץ מער קאָנצענטרירט אויפן ליטעראַריש־פּובליציסטישן פעלד, אַרום אירע זשורנאַלן און אַנדערע אויסגאַבעס. אין דעם פּרט האָט זי מיטגעמאַכט דעם גורל פון אַנדערע יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען אין דער צייט פונעם גרויסן שעפערישן אויפשטייג פון יידישן פאָלק אין מיזרח־אייראָפּע און האָבן אָפּגעהיט זייער גייסטיקע ירושה נאָכן חורבן.[40] די פריילאַנד־ליגע האָט געבראַכט צום אויסדרוק איר שטעלונג צום פּראָבלעמען־קאָמפּלעקס פונעם יידישן לעבן בכלל און פון די יידישע קיבוצים אין צפון־אַמעריקע, מעקסיקע, אַרגענטינע, מדינת ישׂראל א"אַ בפרט. זי האָט זיך קעגנגעשטעלט דער גלייכגאַל־

טונג אויף דער ייִדישער גאַס, קריטיש אָפּגעשאַצט דיווירקלעכקייט, אָפּגע־וואָרפֿן מאָראַלישע פּשרות און געוואָרנט קעגן אַליין־באַרויִקונג.

דערבײַ האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן זייער פֿאַרשטאַרקט י. נ. שטיינ־בערגס פּערזענלעכער חותם אין דער ליגע. אויב אין די פּעריאָדן פֿון אָנגע־שטרענגטער פּאָליטישער אַרבעט האָט ער זיך דער עיקר אויסגעטיילט ווי אַ פּאָליטישער טוער און אָרגאַניזאַטאָר, איז אינעם באַשריבענעם פּעריאָד קודם־כּל געקומען צום אויסדרוק זײַן ראָלע פֿון אידעיִש־מאָראַלישן מנהיג. פֿאַר מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט אים באַקענט אין יענע יאָרן, איז כאַראַקטעריסטיש די באַמערקונג פֿון „אַן עלטערן געזעלשאַפֿטלעכן טוער" אין מעקסיקע: „ד"ר שטיינבערג איז ניט קיין פּאָליטיקער, ער איז געבוירן געוואָרן צו זײַן דער רבי רב יצחק נחמן, זײַן וועלט איז די וועלט פֿון גײַסט און מאָראַל".[41] אויפֿן ערשטן פּלאַן האָט זיך אַרויסגערוקט י. נ. שטיינבערגס ספּעציפֿישע עטיש־סאָציאַליס־טישע שיטה אין טעריטאָריאַליזם, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן. ס'איז ניט קיין צופֿאַל, וואָס גראָד אין יענער צײַט, אָנהייב 1952, האָט ער געפֿונען פֿאַר נייטיק אַרײַנצונעמען אין זײַן זאַמלבוך אין קאַמף פֿאַר מענטש און ייִד אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען, וואָס זײַנען געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿרײַע שריפֿטן צווישן 1926 און 1937, און האָט געהייליקט דאָס בוך דעם גײַסט פֿון יענער „וווּנדערבאַרער גרופּע ריינע מענטשן און ייִדישע סאָציאַליסטן וואָס האָבן גע־האָלפֿן שאַפֿן די פֿרײַע שריפֿטן. (...) זיי זײַנען געשטאָרבן פּונקט אַזוי ערלעך ווי זיי האָבן געלעבט. (...) אָבער אַ צוואה האָבן זיי איבערגעלאָזט: ניט צו גיין אויף קיין מאָראַלישע קאָמפּראָמיסן אין די גרויסע פֿראַגן פֿון מענטשהייט און ייִדישקייט".[42]

אויפֿן שוועל, 1956-1950

ווי אָנגעוויזן, איז דער אידעאָלאָגיש־פּובליציסטישער סעקטאָר פֿון דער פֿרײַלאַנד־אַרבעט פּראָפּאָרציאָנעל גרעסער געוואָרן אין דער נאָכסורינאַמער תּקופֿה. מער ווי פֿריִער האָט זיך אויפֿן שוועל אָפּגעגעבן מיט קריטיש פֿאָרשן די עיקר־פּראָבלעמען פֿון ייִדישן עבֿר, הווה און עתיד.

עס איז נאַטירלעך, אַז גראָד אין יענע יאָרן האָט מדינת ישׂראל פֿאַרנומען איינעם פֿון די וויכטיקסטע ערטער אין דער טעמאַטיק פֿון אויפֿן שוועל. מדינת ישׂראל איז געוואָרן אַ פֿאַקט, וואָס האָט טיף משפּיע געווען די גאַנצע ייִדישע וועלט. כאָטש זי איז געווען אַ המשך פֿונעם יישובֿ אינעם מאַנדאַט־פּעריאָד, האָט מלוכישקייט אַרײַנגעבראַכט אַ סך פּרינציפּיעלע שינויִים סײַ אין כּמות, סײַ אין איכות. די ציוניסטישע באַשולדיקונג, אַז פֿרײַלאַנדיסטן זײַנען כּלומרשט „קעגן מדינת ישׂראל" האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט געהאַט קיין שום יסוד. ווייניקער פֿון ווען עס איז אַנדערש האָבן זיי געקאָנט זײַן קעגן דער עקסיס־טענץ פֿון אַ קאָנצענטרירטן, וואַקסנדיקן ייִדישן יישובֿ מיט אַלע אַטריבוטן פֿון

פֿאַרזיכיקן נאַציאָנאַלן קיום. אָבער, ווי ס'האָט אַ מאָל פֿאָרמולירט העגעל, „דער אמת איז שטענדיק קאָנקרעט". עס האָט זיך געהאַנדלט ניט וועגן דעם אַבסטראַקטן באַגריף „יִדישע מלוכה", נאָר וועגן אַ גאַנץ קאָנקרעטער מלוכה מיט געוויסע האַרבע פּראָגעס בנוגע סײַ איר יִדישער, סײַ איר מלוכישער זײַט. אין אַן עדיטאָריאַל, סוף 1949, האָט י. נ. שטיינבערג קלאָר אויסגעדריקט די שטעלונג פֿון אויפֿן שוועל:[43]

פֿון צײַט צו צײַט פֿרעגן אונדז אומפֿרײַנד און אָפֿט מאָל פֿרײַנד, פֿאַר וואָס דרוקן זיך אין אויפֿן שוועל אַרטיקלען, וואָס באַלײַכטן די לאַגע אין ישׂראל פֿון דער נעגאַטיווער און נישט פֿון דער פּאָזיטיווער זײַט. (...) אַוודאי זײַנען אין ישׂראל פֿאַראַן ליכטיקע דערשײַנונגען און ווונדערלעכע דערגרייכונגען; און אַוודאי פֿאָלגט זיי נאָך אונדזער געדאַנק און געמיט מיט טיפֿער אינערלעכער באַפֿרידיקונג. אָבער דאָס איז לחלוטין נישט געווּנג אין דער קריטישער צײַט, אין וועלכער אונדזער פֿאָלק לעבט הײַנט צו טאָג. דער אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל, פּונקט אַזוי ווי דער פֿריִערדי־קער אויפֿבוי פֿון ארץ־ישׂראל, איז אַזאַ גרויס געשעעניש אין דער ייִדי־שער געשיכטע, אַז בײַ זײַן אָפּשאַצונג קען מען ניט אָפּקומען מיט ביליקער אינפֿאָרמאַציע אָדער בלינדער באַגײַסטערונג. (...) מען מוז דערפֿאַר באַטראַכטן אָט דעם קאָמפּלעקס אידעען, וואָס הייסט „ישׂראל", נישט מיט לײַכטן פּאַטריאָטישן ענטוזיאַזם, וואָס איז אין לעצטן סוף נאָר שעדלעך פֿאַר אונדזער פֿאָלק, נאָר מיט דער ערנסטקייט און זאָרג פֿון אַן אייגע־נעם מענטשן, ד"ה מיט קריטישע אויגן און וואַכן באַוווּסטזײַן.

י. נ. שטיינבערג האָט נאָר אין זעלטענע פֿאַלן אַליין אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל וועגן דער אָדער יענער דערשײַנונג פֿון ישׂראלדיקן לעבן. אַ סך אָפֿטער האָט דער זשורנאַל געלאָזט זיך אַרויסזאָגן ישׂראלים גופֿא. אויפֿן שוועל האָט געדרוקט איבערזעצונגען פֿון אַרטיקלען אין די פֿירנדיקע צײַטונגען און זשור־נאַלן פֿון ישׂראל — הארץ, דבֿר, הדור, מעריבֿ א"אַ — וואָס האָבן ערלעך אויפֿגעדעקט נעגאַטיווע זײַטן פֿון דער ישׂראל־ווירקלעכקייט, גערופֿן זיי אויס־צובעסערן אָדער האָבן אַרויסגעשטעלט הויכע מאָראַליש־אידעיִשע ריכטליניעס פֿאַר דער מדינה. צווישן זייערע מחברים זײַנען געווען משה סמילאַנסקי, פּראָפֿ' שמואל הוגאָ בערגמאַן און יוסף קלויזנער, אורי קיסרי, מרדכי קשתן, עמוס אילון, ש. עובֿדיה, יחיאל האַלפּערן, אורי אבֿנרי, ראָבערט וועלטש, עזריאל קאַרלעבאַך,[44] ס. יזהר.[45]

דער אָפּקלײַב פֿון די דאָזיקע מאַטעריאַלן איז ניט געווען קיין צופֿעליקער. וועגן דער מאַטעריעלער זײַט פֿון דער ישׂראל־בויונג האָט מען ברייט און טומלדיק טאָג־אײַן, טאָג־אויס געשריבן אין דער גאַנצער ייִדישער פּרעסע. פֿרײַלאַנדיסטן האָבן קיין מאָל ניט געספּקט אַז ייִדן קאָנען זײַן אויסגעצייכנטע אַרבעטערס, טעכניקערס, אינדוסטריע־פּיאָנירן, בויערס, וויסנשאַפֿטלערס, ערד־אַרבעטערס און זעלנערס — דאָס האָבן זיי גענוג גוט באַוויזן אין אַלע לענדער פֿון זייער צעשפּרייטונג. אָבער, ווי ס'האָט אָנגעוויזן י. נ. שטיינבערג,[46] די

קריטעריע בײַם אָפּשאַצן אַ געזעלשאַפֿט, אַ מלוכה ליגט ניט נאָר אין אירע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע דערגרייכונגען, נאָר קודם־כּל — צי עס זײַנען אין איר פֿאַראַן „עכטע מענטשלעכע באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש". דאָס האָט ער אָנגערופֿן „דער ייִדישער, אין דורות אויסגעפּרובירטער מאָראַלישער מאָסשטאַב", וואָס ציט זיך פֿון די נבֿיאים. אין אַ מער אַלגעמיינעם זינען איז דאָס דער אוניווערסאַלער פּרינציפּ פֿון יושר, הומאַניזם און ראַציאָנעלן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. צום ערשטן מאָל אין דער נײַער געשיכטע האָט אַ טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק געקראָגן די מעגלעכקייט צו לעבן אין אַן אייגענער אומאָפּהענגיקער מלוכה — און גראָד אין דעם פּרט האָט די מלוכה געוועקט ערנצטע ספֿקות.

די קריטישע שטימען פֿון אַחריותדיקע שרײַבערס און טוערס אין ישׂראל פֿלעגן ניט דערגיין צום ברייטן ייִדישן עולם אין חוץ־לאָרץ — די ייִדישע פּרעסע אין די גלות־לענדער האָט זיך געהאַלטן בײַם פּרימיטיוו טאָטאַליטאַרן כּלל, אַז קיין שום שפּרענקעלע טאָר זיך ניט זען אויפֿן שײַנענדיקן פּאָרטרעט פֿון דער אידעאַלער מדינה. דורך איבערדרוקן אַזעלכע שטימען אויף זײַנע שפּאַלטן האָט אויפֿן שוועל ניט נאָר געגעבן זײַנע לייענערס אַ ריכטיקערע, באַלאַנסירטע השגה וועגן מדינת ישׂראל, נאָר האָט אויך (אין אַ טיפֿערן זינען) געוויזן זי אין אַ שענערן ליכט ווי די סקאַרבאָווע שבֿחים־זינגערס. „מען פֿילט זיך גליקלעך, ווען מען קען באַריכטן גוטע נײַעס פֿון ישׂראל", האָט י. נ. שטיינבערג געשריבן אין שייכות מיטן אַרויסגיין פֿון ס. יזהרס בוך דערציילונגען,[47] אַ חשבון־הנפֿש פֿון דער נאָר וואָס פֿאַרענדיקטער מלחמה מיט די אַראַבער, געשריבן פֿון אַן אָנטיילנעמער. דאָס בוך פֿונעם טאַלענטירטן העברעיִשן דערציילער, „דאָס קול פֿון ייִדישן הומאַניזם" (לויט שטיינבערגס אויסדרוק), האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין ישׂראל, אָבער איז פֿאַרשוויגן געוואָרן אין דער ייִדישער אַמעריקע, ווײַל עס האָט ניט געשטימט מיטן אײַנזײַטיקן בילד פֿון די ייִדיש־אַראַבישע פֿאַרהעלטענישן, וואָס מען האָט מחמת פּראָפּאַגאַנדע אָנגעוואָרפֿן אויפֿן ייִדישן עולם.

אין 1950 האָט זיך אין מדינת ישׂראל אויף ס'נײַ אַקטיוויזירט די גרופּע „איחוד", וואָס האָט בשעתו, בראָש מיט י. ל. מאַגנעסן, געשטרעבט צו אַ פֿרידלעכער פֿאַרשטענדיקונג צווישן דער ייִדישער און אַראַבישער באַפֿעלקערונג פֿון פּאַלעסטינע. כאָטש די סיטואַציע נאָך דער ייִדיש־אַראַבישער מלחמה איז געווען נאָך ווייניקער גינציק פֿאַר אירע שטרעבונגען, האָט די באַנײַטע „איחוד"־גרופּע אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צווייוואָכיקן זשורנאַל נר אונטער דער רעדאַקציע פֿונעם דענקער און שרײַבער ר' בנימין (יהושע התּלמי), בײַ דער נאָענטער מיטאַרבעט פֿון די פּראָפֿעסאָרן פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט מאַרטין בובער, ש. ה. בערגמאַן, ערנסט סימאָן, ווי אויך פֿון משה סמילאַנסקי און דעם אַלטן פּיאָניר פֿון ייִשובֿ נתן חפֿשי. „אַ מדינה בכלל איז אַ פּוסטע רעם", האָט דערקלערט דער נר. „פֿון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט קאָן די עקסיסטענץ פֿון אונדזער

מדינה באַרעכטיקט ווערן נאָר דורך די פּרינציפּן, וואָס אויף זיי איז זי געבויט און אַנטוויקלט זיך״.[48]

אויפֿן שוועל האָט אויפֿריכטיק באַגריסט דעם נר און זײַן הויך עטישן, אמת הערצליאַנישן באַנעם פֿון ציוניזם.[49] בשעת דער אָפֿיציעלער ציוניזם און די ייִדישע פּרעסע אין חוץ־לאָרץ האָבן איגנאָרירט אָדער באַקעמפֿט דעם „איחוד״, האָט ד״ר שטיינבערג ברייט געעפֿנט די שפּאַלטן פֿון אויפֿן שוועל פֿאַר איבערזעצונגען פֿונעם נר און פֿאַר ספּעציעלע אַרטיקלען און בריוו פֿון זײַנע מיטאַרבעטערס, באַזונדערס ר׳ בנימין און נתן חפשי, וואָס האָבן גוט פֿאַרשטאַנען דעם אידעעס־קרײַז פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע און זײַנען געוואָרן אירע אמתדיקע פֿרײַנד.[50]

אויך אַן אַנדער ניט־קאָנפֿאָרמיסטישע גרופּע אין ישׂראל, דער רעליגיעז־עטישער קרײַז „דת ועבֿודה״, האָט געקראָגן אַ וואַרעמען אויפֿנעם אין אויפֿן שוועל. איר וואָרטזאָגער משה ווײַנטרויב, האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם פֿרײַלאַנד־זשורנאַל אַ לאַנגע שטודיע וועגן דער גײַסטיקער דערציִונג פֿון דער יוגנט אין ישׂראל און אַן אַרטיקל וועגן די אויפֿגאַבעס פֿון זײַן גרופּע.[51] אַ קאָנטאַקט מיט דער ליגע און איר זשורנאַל האָבן אויך אָנגעהאַלטן די ישׂראלדיקע פֿרײַ־הייטלעכע סאָציאַליסטן.[52] אין אויפֿן שוועל האָבן זיך געדרוקט קאָרעספּאָנ־דענצן פֿון ישׂראל־תּושבֿים ווי ש. לאַקערמאַן (געחתמעט ש. באַסמאַן) און ש. בן־חיים. מיט אַרטיקלען וועגן ישׂראל־פּראָבלעמען זײַנען אויך אַרויסגעטראָטן אליהו שולמאַן,[53] ד״ר עריך פֿראָם,[54] מ. מענדעלסבערג,[55] אַ. גאָלאָמב.[56] מען דאַרף באַזונדער פֿאַרצייכענען די סעריע פֿון אַ. סטעפּס דרײַ אַרטיקלען וועגן זײַן באַזוך פֿון ישׂראל, זײַנע באַגעגענישן מיט פֿאַרשיידענע ייִדישע און אַראַ־בישע קרײַזן און זײַן רויִקע און ניכטערע אָפּשאַצונג פֿון דער ישׂראלדיקערווירקלעכקייט.[57]

אויפֿן שוועל האָט באַקומען אַ גאַנץ באַמערקלעכע פֿאַרשפּרייטונג אין ישׂראל, און ניט נאָר צווישן אַמאָליקע חבֿרים, מיטגלידער פֿון גײַסטיק נאָענטע גרופּירונגען און נײַע עולים. אָנפֿירנדיקע ישׂראל־צײַטונגען האָבן אים פֿון צײַט צו צײַט געווידמעט אַרטיקלען און נאָטיצן. עס האָבן אים רעגולער געלייענט אָנגעזעענע פּאַרטייִשע און מלוכישע אָנפֿירערס פֿון דער מדינה.

אַן אַנדערע וויכטיקע טעמע פֿונעם זשורנאַל איז געווען די געשיכטע פֿון טעריטאָריאַליזם און אירע לעקציעס. אַ ריי אַרטיקלען וועגן די פּאָליטישע זוכענישן פֿון טעריטאָריאַליזם האָט פֿאַרעפֿנטלעכט ד״ר ל. מ. פֿרוכטבוים. אליהו שולמאַן האָט אויפֿגעוויזן, אין וואָס עס איז באַשטאַנען „דער היסטאָרישער פֿעלער פֿון טעריטאָריאַליזם״ [58] אין זײַן ערשטן גילגול. ד״ר י. נ. שטיינבערג האָט געשריבן וועגן דעם עקוואַדאָר־פּראָיעקט פֿון 1935.[59] אַ. כראַבלאָווסקי, מ. פּאַגאָרעלסקי א״אַ האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף באַזונדערע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פֿון סאָציאַליסטישן טעריטאָריאַליזם. אַ ספּעציעלער נומער (מאַרץ־אַפּריל 1951) איז געווען געהייליקט „דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון בן־

אַדיר" אין שייכות מיט צען יאָר עקסיסטענץ פֿון אויפֿן שוועל. אַ צווייטער ספּעציעלער נומער (נאָוועמבער־דעצעמבער 1953) איז אַרויס צום פֿופֿציק־יאָריקן יובֿל פֿון טעריטאָריאַליזם (רעכענענדיק פֿון זײַן פֿאַקטישן אויפֿקום — דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט). נאָכן טויט פֿון מ. מענדעלסבערג האָט אויפֿן שוועל איבערגעדרוקט זײַנע „שמועסן וועגן טעריטאָריאַליזם" (צו ערשט אַרויס אין 1919, אין אונדזער וועג, אָרגאַן פֿון די פֿאַראייניקטע אין פּוילן).[60]

אין יוני 1950 איז אין אויפֿן שוועל אַרויס אַן אויפֿרוף, געחתמעט פֿון אַ ריי אַלטע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן,[61] וועגן שאַפֿן אַן אַרכיוו פֿאַר דער געשיכטע פֿון די סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטייען (ס"ס, ס"ט, י"ס, פֿאַראייניקטע). די סעקרעטאַרן פֿונעם פּראָיעקט זײַנען געווען י. גאָרסקי און י. לעווין. די איניציאַטאָרן האָבן געהאַט בדעה ניט נאָר צו קלײַבן, נאָר אויך צו פֿאַרעפֿנטלעכן די היסטאָרישע מאַטעריאַלן, אָבער דאָס איז זיי ניט געראָטן. דעם 12טן יאַנואַר 1954 האָט די פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע באַשלאָסן צוצוטרעטן צום צונויפֿשטעלן די געשיכטע פֿון טעריטאָריאַליזם. די צוגרייט־אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן מ. מענדעלסבערגן, ל. כהנען און א. שולמאַנען. ל. כהן האָט אויסגעפֿירט זײַן חלק אַרבעט — ביבליאָגראַפֿיע פֿון טעריטאָריאַליסטישער ליטעראַטור און פּרעסע (אין כּתבֿ־יד). די איצטיקע געשיכטע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע איז אַ טיילווײַזע פֿאַרווירקלעכונג פֿון יענעם באַשלוס; אַ געשיכטע פֿון טעריטאָריאַליזם ביז 1925 פֿאַרבלײַבט אַן אויפֿגאַבע פֿאַר דער צוקונפֿט.

א געהעריק אָרט האָט אינעם זשורנאַל פֿאַרנומען די פֿראַגע פֿון „טעריטאָריאַליזם הײַנט" און די מיט אים ענג פֿאַרבונדענע ענינים פֿון ייִדישער עמיגראַציע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָכן אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל. פֿיר אַרטיקלען אויף דער ערשטער טעמע זײַנען אַרויס אין איין נומער אויפֿן שוועל (פֿעברואַר־מאַרץ 1954),[62] און אַ ריי אַנדערע אין פֿריִערדיקע און שפּעטערדיקע נומערן.[63] דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז ניט געקוקט אויפֿן אומקום פֿון זעקס מיליאָן ייִדן איז אַן אָנזעעוודיקע ייִדישע עמיגראַציע נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען אין דער וועלט און אַז מדינת ישׂראל האָט ניט נאָר ניט אַבסאָרבירט דעם גאַנצן ייִדישן וואַנדערשטראָם, נאָר האָט אַליין צוגעשטעלט אַ היפּשן קאָנטינגענט אויסוואַנדערערס. אָבער פּונקט ווי פֿאַר דער מלחמה איז די עמיגראַציע געגאַנגען כאַאָטיש און אומאָרגאַניזירט. אין מאַרץ 1954 האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע פֿונאַנדערגעשיקט צו אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט עמיגראַנטן־הילף, אַ מעמאָראַנדום וועגן שאַפֿן אַן אַלוועלטלעכן ראָט פֿאַר ייִדישער עמיגראַציע, וואָס זאָל קאָאָרדינירן און פּלאַנירן די עמיגראַציע־באַוועגונג און ווענדן לפּחות אַ טייל פֿון איר אין דער ריכטונג פֿון קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן אין ערטער, ווו דאָס קאָן זײַן מעגלעך.[64] ד"ר ל. מ. פּרוכטבוים האָט פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט באַטראַכט אַ ריי לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער אין אַ סעריע אַרטיקלען.[65] ייִדישע וואַנדערונג איז פֿאַרבונדן געוואָרן מיט דער

אינטערנאַציאָנאַלער מיגראַציע־פּראָבלעם און די צווישנמלוכישע פּרוּוון זי צו רעגולירן.[66] נאָך דעם ווי דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם רעאַקציאָנערן מאַק־קאַרען־וואָלטער־געזעץ וועגן אימיגראַציע, האָט די פּרײַלאַנד־ליגע אין אָקטאָבער 1952 געשיקט אַ מעמאָראַנדום קעגן דעם געזעץ צו דער קאָמיסיע, וואָס פּרעזידענט טרומאַן האָט באַשטימט אויסצופֿאָרשן די אימיגראַציע־פּראַגע.[67]

אַלץ אַ וויכטיקע ראָלע האָבן אין אויפֿן שוועל געגומען שפּילן פּראַגעס פֿון ייִדישן לעבן אין די אַמעריקאַנער לענדער. ספּעציעלע נומערן זײַנען געווען אָפּגעגעבן דער ייִדישער מעקסיקע[68] און דער ייִדישער אַרגענטינע.[69] דעם פֿרײַלאַנד־צוגאַנג צו די צוויי ייִדישע יִשובֿים מיט זייערע וויכטיקע אויפֿטוען אויפֿן פֿעלד פֿון ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכער און קולטורעלער אַרבעט קאָן מען קורץ אויסדריקן אַזוי: זיי דאַרפֿן ווערן אומאָפּהענגיקע רינגען אין דער ייִדישער וועלטקייט, ניט לאָזן זיך אַרונטערנעמען אונטערן אַפּוטרופּסות פֿון די צפֿון־אַמעריקאַנער ייִדיש־אַסימילאַטאָרישע אָרגאַניזאַציעס, ניט לאָזן זיך דעגראַדירן צום מצבֿ פֿון מעבֿר־לים־קאָלאָניעס, אַדמיניסטרירט און אויסגענוצט דורך מדינת ישׂראל; זיי דאַרפֿן שטאַרקן און אַנטוויקלען זייערע אַליין־געשאַפֿענע פֿאָלקס־אינסטיטוציעס און שולן און דערציִען זייער יוגנט אין גײַסט פֿון דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישער קולטור, וואָס איר טראַדיציע איז דאָרט לעבעדיקער ווי אין צפֿון־אַמעריקע; זיי דאַרפֿן זיך אָפּהיטן פֿון ווערן עקאָנאָמיש איינזײַטיקע, בורזשואַזע קיבוצים, נאָר שטיצן און פֿאַרברייטערן די שוין עקסיסטירנדיקע ייִדישע אַגראַרע קאָלאָניעס (אין אַרגענטינע) אָדער באַמיִען זיך צו פֿאַרלייגן נײַע, בפֿרט פֿאַר ייִדישע אימיגראַנטן פֿון אייראָפּע.[70]

אַלע נומערן פֿון אויפֿן שוועל האָבן געזאָגט עדות, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע איז געשטאַנען „מיטן פּנים צו אַמעריקע" — ניט במקום טעריטאָריאַליזם, נאָר אין הסכּם מיטן אינטעגראַל נאַציאָנאַלן, טעריטאָריאַליסטישן צוגאַנג צום ייִדישן פֿאָלקס־קיום. אין קאַמף פֿאַר ייִדישער פֿאַרזיכיקייט, פֿאַרן נאַציאָנאַלן המשך אין אַמעריקע האָט די פֿרײַלאַנד־ליגע פֿאַרנומען אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן אײַנשטעל. אויף די שפּאַלטן פֿון איר זשורנאַל האָט זי פֿאַרטיידיקט אַן אויסגעהאַלטענעם ייִדישיזם אין אַ צײַט, ווען די אָרגאַניזירטע ייִדישע קולטור־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט זיך אַלץ מער אַראָפּגעלאָזט אויף פּשרהדיקע און קאַפּיטולאַנטישע פּאָזיציעס.[71] אויפֿן שוועל איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּאָפּולער געוואָרענער פֿאָרמל פֿון „צווייִשפּראַכיקייט", וואָס מען האָט פֿאַרשטאַנען ניט ווי שטאַרקן ייִדיש, עס זאָל האָבן אַ גלײַכע וואָג מיטן מלוכיש געשטיצטן העברעיִש, נאָר ווי ביסלעכווײַז ליקווידירן ייִדיש לטובֿת העברעיִש, און פּאַקטיש — לטובֿת אַסימילאַציע.

אין די עדיטאָריאַלן „ווילנע אין אַמעריקע" (יוני 1950) און „צו אַ פֿאָלקיסטישער באַוועגונג" (סעפּט'־אָקט' 1955) האָט י. נ. שטיינבערג גערופֿן צו סטימולירן דעם אינטערעס צו דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט, וואָס האָט

נאָכן חורבן גענומען אויפֿוואַכן אין דער ייִדישער אַמעריקע, געהערט צו שאַפֿן אַרום דער נאָך אַלץ לעבעדיקער שפּראַכלעכער, קולטורעלער און גייסטיקער טראַדיציע פֿון „ווילנע" (אין פֿוללדיקן, סימבאָלישן זינען) אַן איבערגעגעבענע פֿאָלקיסטישע באַוועגונג, ניט אַ פּאַרטיי, נאָר אַ זאַמלונג פֿון די אַלע, וואָס עס איז זיי טייַער דאָס ייִדישע פֿאָלק, מיט אַ ריי אַרטיקלען וועגן דער צוקונפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק אין אַמעריקע איז אַרויסגעטראָטן אַ. גאָלאָמב. היפּש אָרט איז געווען אָפּגעגעבן דער פֿראַגע פֿון ייִדישן סאָציאַליזם אין אַמעריקע, בפֿרט די פּראָבלעמען פֿון „בונד" אין דער נאָך־חורבן־תּקופֿה.[72] דער זשורנאַל האָט געדרוקט אָפּרופֿן אויף ייִדישע ליטעראַרישע און קולטורעלע נייַס אין אַמעריקע און אין דער וועלט, פּונקט ווי אין די פֿריִערדיקע יאָרן, און, ווי שוין דער־מאָנט, באַהאַנדלט די פֿראַגע פֿון ייִדישער קליין־קאָלאָניזאַציע אין די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן.

נאָך אַן איבעררייַס פֿון איבער צוויי יאָר[73] האָט אין 1951 זיך באַנייַט דער ענגלישער פֿרילענד מיט י. נ. שטיינבערגן ווי הויפּט־רעדאַקטאָר און אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע אין באַשטאַנד פֿון ד"ר עריך פֿראָם, ד"ר ל. מ. פּרוכט־בוים און אַדאַ סיגאַל (סעקרעטאַר און וויצטיקסטע טוערין פֿון דער רעדאַקציע). עריך פֿראָם, איינער פֿון די פּראָמינענטסטע אויטאָריטעטן אין דער אַמעריקאַ־נער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפֿט, מחבר פֿון אַ ריי ווערק וועגן אינדיווידועלער און סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, האָט געהאַלטן, אַז „די פֿרייַלאַנד־ליגע שטעלט מיט זיך פֿאָר יענעם סעקטאָר פֿון ייִדישן לעבן, וואָס גלייבט אויפֿריכטיק, אַז סוף־כּל־סוף נישט מאַכט, מיליטערישע וואָפֿן און מאַכטפֿולע פֿאַרבינדונגען, נאָר מאָראַלישע פּרינציפּן אַליין וועלן גאַראַנטירן די צוקונפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק — פּונקט אַזוי ווי די צוקונפֿט פֿון דעם גאַנצן מענטשלעכן מין".[74] פֿרילענד איז ניט געווען אַן ענגלישע ווערסיע פֿון אויפֿן שוועל; דאָס רובֿ פֿונעם מאַטעריאַל איז געווען געשריבן ספּעציעל פֿאַר אים און איז געווען צוגעפּאַסט צום ענגליש־שפּראַכיקן לייענער, אָבער אידעיִש און פּראַגמאַטיש זייַנען די צוויי פֿרייַ־לאַנד־זשורנאַלן געשטאַנען אויפֿן זעלבן באָדן.

גראָד אין די בין־השמשות־יאָרן פֿונעם נאָך־סורינאַם־פּעריאָד האָט די פֿרייַלאַנד־ליגע געוווּנען נייַע פּאָזיציעס מחוץ די פֿאַראייניקטע שטאַטן און איר פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט האָט זיך באַרייַכערט מיט נייַע אויסגאַבעס.

די גרופּע „פֿרייַנד פֿון פֿרייַלאַנד" אין מעקסיקע

ווי מיר האָבן געזען אינעם פֿריִערדיקן קאַפּיטל, איז די גרופּע „פֿרייַנד פֿון פֿרייַלאַנד" אין מעקסיקע בראָש מיט ד"ר אַבֿרהם קינג אויפֿגעקומען אין אויגוסט 1948, ווען דער סורינאַם־פּראָיעקט האָט זיך נאָך געוויגט אויף דער וואָגשאָל. אָבער אויך דעמאָלט, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פּראָיעקט וועט זיך קוים לאָזן ראַטעווען — און אַפֿילו ווען ער איז לגמרי אַראָפּ פֿון

פּראַקטישן סדר־היום — איז די מעקסיקאַנער גרופּע פאַרבליבן אין די פאָדער־שטע רייען פון דער באַוועגונג. שוין אין יאַנואַר 1949 איז אין מעקסיקע אַרויס אַ שריפט פרײַלאַנד מיט אַרטיקלען פון אָרטיקע שרײַבערס און כלל־טוערס — מיכל באַקסט, ד״ר אַ. קינג, יעקבֿ אייבראַמס, ווי אויך פון ניו־יאָרקער — ד״ר י. נ. שטיינבערג, ש. גוטמאַן א״אַ.

לויטן פאָרשלאַג פון דער מעקסיקאַנער גרופּע האָט זיך אויפן שוועל (פונעם סעפּט׳־אָקט׳־נומער 1949 אָן) גענומען דרוקן אין מעקסיקע, ווו די טיפּאָגראַפישע קאָסטן זײַנען אַ סך נידעריקער ווי אין ניו־יאָרק. אויך דער באַנײַטער פרילענד האָט זיך געדרוקט אין מעקסיקע במשך פון צען יאָר. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געפאָדערט פון די מעקסיקאַנער פרײַנד זייער אַן ערנצטן אָנטייל סײַ אין דער טעכניש־אַרויסגעבערישער, סײַ אין דער פינאַנציעלער זײַט פון דער אַרבעט. די גאַנצע השגחה איבערן זעצן, קאָרעגירן און דרוקן דעם אויפן שוועל האָט גענומען אויף זיך לייבל באַיאָן, אַ לערער פון דער יידישער שול אין מעקסיקע, אַביטוריענט פונעם ווילנער יידישן לערער־סעמי־נאַר און בשעתו אַ מיטגליד פון דער ווילנער גרופּע „פרײַע שריפטן״. מעקסי־קאַנער פרײַנד פון דער יידישער קולטור האָבן הויך אָפּגעשאַצט באַיאָנען דער־פאַר, „וואָס ער איז געבליבן געטרײַ די אידעאַליסטישע טראַדיציעס פון אונ־דזער פאַרשניטענער לערערשאַפט אין פוילן״, וואָס „ווי אַ פּעדאַגאָג, גייט [ער] ניט אײַן אויף קיין פשרות״ און „איז אַ יידישיסט״ אין אײַנשטעל און פּראַק־טיק.[75] דעם זעלבן אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט האָט ל. באַיאָן אין משך פון לאַנגע יאָרן אַרויסגעוויזן אין זײַן עניוותדיקער און פּראָדוקטיווער אַרבעט פאַר דער זאַך פון פרײַלאַנד.

אין פּרט פון פינאַנצן האָט מער פאַר אַלעמען געטאָן ד״ר אַ. קינג — סײַ דורך אייגענע באַשטײַערונגען, סײַ דורך העלפן קלײַבן מיטלען צווישן מעקסי־קאַנער יידן. איינער פון די ערשטע אַשכנזישע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין מעקסיקע, האָט ד״ר קינג מיט די אייגענע הענט געהאָלפן אויפשטעלן די אינסטיטוציעס פונעם יונגן יידישן יישובֿ. ער האָט פאַרנומען אַן אומקאָמפּראָ־מיסלעכע שטעלונג אין יידישע געזעלשאַפטלעכע ענינים, האָט זיך קעגנגע־שטעלט דעם ציוניסטישן קאָנטראָל פון יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און האָט זיך מיט לײַב־און־לעבן אידענטיפיצירט מיט דער פרײַלאַנד־אידעע. אַ דאַנק ד״ר קינגן איז מעקסיקע געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע באַזעס פון דער ליגע און אַן אָרט פאַר פילצאָליקע געלט־קאַמפּאַניעס, וואָס וועגן זיי האָט ד״ר מ. שעכטער געשריבן:[76]

> איטלעכער ווער סע האָט געהאַט די זכיה צו קאַמפּיינעווען אין איי־נעם מיט ד״ר קינגן (ש. גוטמאַן, ד״ר י. נ. שטיינבערג ע״ה, ד״ר מרדכי שעכטער, אַדאַ סיגעל ע״ה, יעקבֿ לעווין ע״ה, ד״ר ש. ז. יובֿלי, אליהו שולמאַן) איז אַהיימגעפאָרן מיט אַן אומפאַרגעסלעכן רושם. איעדערער פון די מיטקאַמפּיינערס איז געבליבן טיף באַווירקט פונעם בילד, ווי אַזוי

> אַ פֿאַריאָגטער סוחר מיט אָפּ 4־5 שעה אַ טאָג אויף קלאַפּן אין פֿרײַנדלעכע — און אַ מאָל אומפֿרײַנדלעכע — טירן, ווי אַזוי אַ ייִד אין די 70ער שפּאַנט אָפּ אַלע טאָג מײַלן און קריכט אויף צענדלינגער גאָרנס — אַלץ לטובֿת זײַן אידעאַל, לטובֿת דעם גערודפֿטן, אָפּגעחוזקטן (...), אָבער דאָך וווּנדערלעכן אידעאַל פֿון טעריטאָריאַליזם.

באַלד די ערשטע קאַמפּאַניע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין מעקסיקע האָט זיך אָנגעשטויסן אויפֿן פֿאַרביסענעם ווידערשטאַנד מצד די ציוניסטן און די אָרגאַניזאַציעס אונטער זייער השפּעה. דער „פֿאַראייניקטער קאַמפּיין" איז זומער 1949 אַרויס מיט אַ ספּעציעלן קאָמוניקאַט קעגן דער פֿרײַלאַנד־ליגע, באַשולדיקנדיק זי אין אַ „גוואַלדיקן שאָדן פֿאַר דער אייניקייט פֿון מעקסיקאַנער יישובֿ" און אין „דירעקטער שעדיקונג פֿון די הייליקסטע אינטערעסן פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק".[77] אונטערן אויפֿרוף האָבן זיך אונטערגעשריבן אַלע צען מיט־גלידער פֿונעם „פֿאַראייניקטן קאַמפּיין", בתוכם דער בונדיסט און דער קאָמוניסט, וואָס זײַנען געגאַנגען אויפֿן בוקסיר בײַ די ציוניסטן. די בונדיש אָנגעפֿירטע גרופּע „קולטור און הילף" האָט זיך באַטייליקט אינעם „פֿאַראייניקטן קאַמפּיין", אָבער ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די „קאַמפּיין"־געלטער ווערן מאָנאָפּאָליזירט פֿאַר ישׂראל אויפֿן חשבון פֿון די אָרטיקע הצטרכותן, האָט אַ גרופּע ראַדיקאַלע טוערס — די פֿרײַלאַנדיסטן ד"ר אַ. קינג און יעקבֿ אײבראַמס, די בונדיסטן י. לעווענטאַל און ר. ווײַספּעלד — געשאַפֿן אַ „פּאַרטיידיקונג־קאָמיטעט", וואָס אויף זײַן איניציאַטיוו איז אויפֿגעקומען דער אומאָפּהענגיקער „ייִדישער קולטור־צענטער".[78] אָט די מיטאַרבעט האָט אויך גורם געווען, אַז אין דער מעקסיקאַנער גרופּע „פֿרײַנד פֿון פֿרײַלאַנד" האָבן זיך אויך באַטייליקט עטלעכע בונדיסטן. זייער שטאַנדפּונקט האָט אויסגעדריקט איינער פֿון זיי, ד"ר פֿעליקס גוטמאַן, אינעם אַרטיקל „דער 'בונד' און 'פֿרײַלאַנד'" (אויפֿן שוועל, נאָוו'־דעצ' 1949). עס האָט אים צוגעצויגן צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע דער ניט־מלוכישער כאַראַקטער פֿון אירע צילן און איר שטרעבונג צו שאַפֿן אַ ייִדישן קאָלעקטיוו. „דערפֿאַר", האָט ער געשריבן, „זע איך ניט קיין שום גרונד פֿאַר וואָס בונדיסטן זאָלן נישט אָננעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום סורינאַם־פּראָיעקט — נישט געקוקט אויף דער פֿראַגע ווי מ'שאַצט אָפּ די איצטיקע מעגלעכקייטן פֿון פֿאַרווירקלעכן דעם פּראָיעקט".

די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער מעקסיקאַנער גרופּע איז אין די פֿופֿציקער יאָרן באַשטאַנען פֿון ד"ר עריך פֿראָם, מ. באַקסט, ד"ר פֿעליקס גוטמאַן, מ. גאָלדענבערג, אַלעכאַנדראָ שטיינבערג, יעקבֿ אײבראַמס, ד"ר אַבֿרהם קינג (סעקרעטאַר) און מ. דימאַנד.[79] אידעאָלאָגיש פֿאַרבונדן מיט דער גרופּע איז געווען אַבֿרהם גאָלאָמב, דירעקטאָר פֿון דער מעקסיקאַנער ייִדישער מיטלשול. צוויי אַנדערע מעקסיקאַנער פֿרײַלאַנדיסטן, אָסקאַר שוועבל און אויגוסטין זוכי, האָבן צוזאַמען מיט ד"ר קינגן אַקטיוו געאַרבעט אַרום דעם פּראָיעקט פֿון פֿאַרלייגן אין מעקסיקע אַ ייִדישע קאָלאָניע.

חוץ דער פֿריִער דערמאָנטער זאַמלהעפֿט פֿרײַלאַנד (1949), האָט די מעקסיקאַנער גרופּע אַרויסגעגעבן אַ. כראַבלאָווסקיס בראָשור פֿאָלק און שבֿט (1951), אַ זאַמלהעפֿט אין געראַנגל פֿון אידעען (1954) און דרײַ אַרויסלאָזן פֿון פֿרײַלאַנד אויף שפּאַניש (1952, 1953, 1954). אָנהייב 1957 האָט ד״ר אַ. קינג גענומען אויף זיך אַלע הוצאות פֿון אַרויסגעבן און פֿונאַנדערשיקן דעם אויפֿשוועל [80] און האָט אויסגעפֿירט די פֿרײַוויליק אָנגענומענע התחייבֿות ביזן טאָג פֿון זײַן פּטירה (דעם 17טן יוני 1965).

ד״ר י. נ. שטיינבערגס באַזוך אין אַרגענטינע און די אַרגענטינער גרופּע „פֿרײַנד פֿון פֿרײַלאַנד״

אין 1951 האָט אַ גרופּע פֿרײַנד און סימפּאַטיקערס פֿאַרבעטן ד״ר י. נ. שטיינבערגן דורכצופֿירן אַ לעקציע־טור אין בוענאָס־אײַרעס און אַ ריי אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס. ער האָט פֿאַרבראַכט אין אַרגענטינע פֿון 1טן סעפּטעמבער ביזן 13טן נאָוועמבער 1951. דער קבלת־פּנים־קאָמיטעט אין בוענאָס־אײַרעס איז באַשטאַנען פֿון 27 מאַן, דער הויפּט מיטגלידער פֿון דער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפֿט, בונדיסטן, טוערס פֿון ייִדיש־וועלטלעכע שולן, ייִדישע שרײַבערס, בתוכם י. גאָראַדיסקי (סעקרעטאַר), י. באָטאָשאַנסקי, מ. בורסוק, י. ל. גרוזמאַן, י. האָרן, ח. וואָלף, י. וויסיפּקאָ, ש. סוסקאָוויטש, ד״ר מ. פּרץ, ש. ראָזשאַנסקי, ל. מילשטיין, א. אײַנשטיין, י. גינעס, מ. נאָוויק, וו. ווײַנבערג, י. זאָלצנשטיין.[81]

אין בוענאָס־אײַרעס האָט שטיינבערג געהאַלטן רעפֿעראַטן פֿאַר מאַסן־אוידיטאָריעס אד״ט „מאָראַל און פּאָליטיק״, „ווילנע, ירושלים, ניו־יאָרק״, „הייליקע און זינדיקע אין דער רעוואָלוציע״, „לאַנד אָדער לענדער פֿאַר ייִדן״. חוץ דעם האָט ער גערעדט אויף דער פֿאַרבעטונג פֿון דער ייִדישער קהילה, ייִדיש־וועלטלעכע שולן, ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפֿט, קלוב „העבראַיִקאַ״, „פּראָטערנידאַד אַגראַריאַ״ (צענטראַל־פֿאַרבאַנד פֿון ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיוון). ער האָט אויך געהאַלטן דרײַ רעפֿעראַטן אין מאָנטעווידעאָ (אורוגווײַ), איינער פֿון זיי אַראַנזשירט פֿון דער דאָרטיקער קהילה, וואָס האָט אויף אים גערופֿן צו קומען די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג. אין אַ ציוניסטיש דאָמינירטער סבֿיבֿה, אין אַ צײַט, ווען מדינת ישׂראל האָט נאָך ניט באַוויזן צו ווערן וואָכעדיק, האָט שטיינבערג באַלד אויף די ערשטע אַרויסטריטן געמאַכט קריטישע באַמערקונגען וועגן דער לאַגע אין ישׂראל און האָט פֿאַרטיידיקט דעם פֿרײַלאַנד־וועג. עקסטרעמע ציוניסטן האָבן אַגיטירט פֿאַר ניט קומען אויף שטיינבערגס רעפֿעראַטן. אָבער אַפֿילו אַקטיווע ציוניסטן פֿון אַלע ריכטונגען פֿלעגן כסדר קומען אויף זײַנע רעפֿעראַטן און מיט רעספּעקט אים אויסגעהערט. שטורעמדיק איז דורכגעגאַנגען בלויז דער עפֿנטלעכער וויכוח אד״ט „פֿרײַלאַנד און ישׂראל״, ווען אַ גרופּע ציוניסטישע יוגנט האָט געפּרווּט אויפֿרײַסן די פֿאַרזאַמלונג.[82]

פֿאַרן ניט־ציוניסטישן סעקטאָר פֿון בוענאָס־אײַרעס און מאָנטעווידעאָ, פֿאַר ייִדישע שול־ און קולטור־קרײַזן איז שטיינבערגס באַזוך געווען אַ גאָר גרויסע דערמונטערונג; אָבער אויך אין דער גאַנצער ייִדישער סבֿיבֿה האָט ער איבערגעלאָזט אַ טיפֿן רושם. „זינט לעאָן כאַזאַנאָוויטשעס באַזוך אין אַרגענטינע, מיט אַ 40 יאָר צוריק,[83] האָט נאָך קיינער, ווי שטיינבערג, אַזוי ניט אויפֿגערודערט די רויִקע גלײַכגילטיקייט פֿון אונדזערע ייִדן און אַרויסגערופֿן אַזוי פֿיל מוט און האָפֿענונג אויף אַ נײַער פֿרײַער וועלט".[84]

צום אונטערשייד פֿונעם רובֿ געסט, האָט זיך שטיינבערג ניט באַגנוגנט מיט אַרויסטרעטן אין דער אַרגענטינער קרוינשטאָט. עס האָבן אים תּמיד שטאַרק אינטערעסירט די אַרגענטינער ייִדישע קאָלאָניעס,[85] און אין דער באַגלייטונג פֿון דעם אָדער יענעם מיטגליד פֿונעם קבלת־פּנים־קאָמיטעט האָט ער באַזוכט די קאָלאָניעס דאָמינגעס, קלאַראַ, באַסאַווילבאַסאָ, ריוועראַ, מאָזעסוויל און כּעַנעראַל ראָקאַ, ווײַט צעוואָרפֿענע איבערן רחבֿותדיקן לאַנד. ער איז געפֿאָרן ניט נאָר רעפֿערירן פֿאַר די קאָלאָניסטן (זייער אַן אָנגעלייגטע זאַך אין זייערע פֿאַרוואָרפֿענע ווינקלען), נאָר אויך לערנען זיך פֿון זיי, באַקענען זיך מיט זייער לעבן, פּראָבלעמען, אויפֿטוען און שוועריקייטן. ער האָט באַוווּנדערט די אײַנגעפֿונדעוועטקייט און עפֿעקטיווקייט פֿון דער עקאָנאָמיע, די פֿאַרמעגלעכקייט פֿון די קאָלאָניסטן, דאָס אויסגעצייכנטע פֿונקציאָנירן פֿון זייער קאָאָפּעראַציע־סיסטעם. ער האָט אָבער אויך געפֿילט אין די קאָלאָניעס „דאָס געפֿיל פֿון זעלישער אומצופֿרידנקייט, פֿון בענקשאַפֿט, פֿון אומעטיקייט".[86] אַ סך קאָלאָניסטישע יוגנט איז אַוועק אין שטאָט. די פֿאַרבליבענע האָבן זיך געשפּירט פֿאַרלאָזן און אָפּגעריסן פֿון דער ברייטער ייִדישער וועלט.

> אַלע האָבן זיך באַקלאָגט, אַז דער נײַ־אויפֿגעקומענער ייִדישער ייִשובֿ אין בוענאָס־אײַרעס פֿאַרשטייט נישט די נויטן — ראשית־כּל, די גײַסטיקע און זעלישע נויטן — פֿון די קאָלאָניעס. נישטאָ פֿאַר דער יוגנט קיין לערער, קיין לעקטאָר, קיין גוטער טעאַטער. אויך דאָס איז איינע פֿון די סיבות פֿון זייער אַוועקגיין אין שטאָט.

„דאָס שטיפֿקינד פֿון ייִדישן פֿאָלק", האָט שטיינבערג אַ נאָמען געגעבן זײַן אַרטיקל וועגן די אַרגענטינער ייִדישע קאָלאָניעס. עס איז ניט שווער צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס דאָס איז אַזוי. די ציוניסטישע דאָגמע האָט פֿאַרלאַנגט, אַז אַלע ייִדישע קאָלאָניזאַציע־פּרוּוון מחוץ פּאַלעסטינע האָבן געמוזט „דורכפֿאַלן". דער „דורכפֿאַל פֿון אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע" האָט זייער פּראָמינענט פֿיגורירט צווישן די ציוניסטישע אַרגומענטן קעגן טעריטאָריאַליזם, כאָטש די ציוניסטן האָבן גוט געוווּסט, אַז די אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע איז ניט געווען קיין טעריטאָריאַליסטישע, נאָר די ייִק"אַ האָט בכּיוון צעוואָרפֿן די קאָלאָניעס וואָס ווײַטער איינע פֿון דער אַנדערער, עס זאָל חלילה ניט אויפֿקומען קיין ייִדישער לאַנדמאַסיוו. און אויב די אַרגענטינער קאָלאָניעס, ניט געקוקט אויף זייערע שווערי־

קייטן, זײַנען נאָך אַלץ געווען ווײַט פֿון אַ „דורכפֿאַל", האָט מען זיי פּשוט איג־נאָרירט. שטיינבערגס צוגאַנג איז געווען אַ היפּוכדיקער:

אַזוי טאָר עס נישט בלײַבן; דאָס יידישע קאָלאָניזאַציע־ווערק אין אַרגענטינע מוז אַרויס פֿון דעם שאָטן אין וועלכן מען האָט עס אײַנגע־הילט אין דער יידישער וועלט. די אויפֿגעזאַמלטע אוצרות אין ערד, לאַנד־קענטעניש, קאָלעקטיווער איניציאַטיוו (...) טאָרן נישט גיין פֿאַרלוירן. אַט יענע קאָלאָניעס בילדן הײַנט מער ווי דעם פֿאַרמעגן פֿון די קאָלאָניסטן אָדער אַפֿילו אַרגענטינער יידנטום; זיי זײַנען אַ נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל פֿון יידישן פֿאָלק. (...) אַ דירעקטע ליניע פֿירט פֿון מאָזעסוויל און דאָמינ־געס צו נהלל און דגניה. (...) דאָס יידישע פֿאָלק [מוז] (...) שטיצן און שטאַרקן אָט די קאָלאָניעס אין וועלכע עס איז אינוועסטירט דרײַ דורות פֿון יידישן כּוח און מוח.

בעת שטיינבערגס זײַן אין אַרגענטינע האָט זיך אין בוענאָס־אײַרעס אָר־גאַניזירט די גרופּע „פֿרײַנד פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע" (סעקרעטאַר און פֿאַר־שטייער אין דער עקזעקוטיווע — משה נאָוויק). זי האָט זיך געשטעלט אַ טאָפּעלן ציל: „צו פֿאַרשפּרייטן דורך וואָרט און שריפֿט דעם געדאַנק פֿון פֿרײַלאַנד, ווי אויך מיטצווווירקן בײַ דער אויפֿלעבונג פֿון די אָרטיקע קאָלאָניעס".[87] מיט אַ פּאָר טעג פֿאַר שטיינבערגס אָפּפֿאָר האָט די גרופּע אײַנגעאָרדנט אַ שמועס וועגן די קאָלאָניעס מיטן אָנטייל פֿון יונה גאָראָדיסקי, י. ל. גרוזמאַן (רעדאַקטאָר פֿון שפּיגל) און אַבֿרהם גאַבּיס (רעדאַקטאָר פֿון קאָלאָניסט־קאָאָפּעראַטאָר, אָרגאַן פֿון דער „פֿראַטערנידאַד אַגראַריאַ") און זיך געשאַפֿן אַ קלאָר בילד וועגן דעם לעבן און די באַדערפֿענישן פֿון די קאָלאָניעס.

נאָכן צוריקקומען קיין ניו־יאָרק האָט שטיינבערג אַ סך געטאָן צו וועקן אינטערעס און סטימולירן געזעלשאַפֿטלעכע הילף פֿאַר די אַרגענטינער קאָלאָ־ניעס. דעם 14טן דעצעמבער 1951 איז אין מאָרגן־זשורנאַל אַרויס ה. וואָלפֿס לענגערער אינטערוויו מיט י. נ. שטיינבערגן, וואָס האָט בולט געוויזן, וואָסער עוולה עס ווערט באַגאַנגען לגבי די קאָלאָניעס מיט דעם, וואָס זיי ווערן כּמעט אין גאַנצן פֿאַרשוויגן אין דער יידישער עפֿנטלעכקייט. דער יאַנואַר־נומער פֿון אויפֿן שוועל איז געווען „געווידמעט דער יידישער אַרגענטינע"; חוץ שטיינ־בערגס ציטירטן עדיטאָריאַל „דאָס שטיפֿקינד פֿון יידישן פֿאָלק" האָבן זיך נאָך דרײַ אַרטיקלען — פֿון אַבֿרהם גאַבּיס, מ. בורסוק און נ. קריטשמאַר — פֿאַרנו־מען מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע.[88] דעם 24סטן יאַנואַר 1952 האָט שטיינ־בערג רעפֿערירט וועגן די אַרגענטינער קאָלאָניעס פֿאַרן אַדמיניסטראַטיוו־ראַט פֿונעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, גערופֿן אים זיך צו פֿאַרבינדן מיט די קאָלאָ־ניעס און צו העלפֿן זיי אין קולטורעל־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. דער בריוו־אויס־בײַט צווישן שטיינבערגן און אַרגענטינער פֿרײַנד (מיטגלידער פֿון דער פֿרײַ־לאַנד־גרופּע און אַ. גאַבּיס) האָט זיך פֿאַרנומען מיט קאָנקרעטע פֿראַגעס פֿון מאַ־טעריעלער און גײַסטיקער הילף פֿאַר די קאָלאָניעס.

די נײַ־געשאַפֿענע גרופּע „פֿרײַנד פֿון פֿרײַלאַנד" אין בוענאָס־אײַרעס איז

אַרויס מיטן געדאַנק צונויפֿצורופֿן אַ קאָנגרעס פֿון קאָלאָניסטישע זין און פֿון אַלע פֿרײַנד פֿון די ייִדישע קאָלאָניעס. דער זעלבער פּלאַן איז גלײַכצײַטיק אויפֿגעקומען בײַ „פֿאָמענטאָ אַגראַריאָ" („לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג"), אַן אינסטיטוציע צו שטיצן די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט (פֿאָרזיצער יצחק מיזרח). עס האָט זיך געשאַפֿן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וואָס האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויפֿרוף (די פּרעסע, דעם 4טן אָקטאָבער 1952) מיט אַזעלכע לאָזונגען:

(1) די געזונטסטע און פּראָדוקטיווסטע פּאָזיציע דאָ אין לאַנד זײַנען אונדזערע אַגראַר־קאָלאָניעס. (2) די אַגראַר־קאָלאָניעס זײַנען דאָס נאַציאָנאַלע אייגנטום פֿון דער גאַנצער ייִדישער קאָלעקטיוויטעט צו זאָרגן פֿאַר דער קאָנסאָלידירונג און וווּקס פֿון די קאָלאָניעס.

דער ציל פֿונעם קאָנגרעס איז געווען: העכערן דעם קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן ניוואָ אין די קאָלאָניעס; סטימולירן טעכנישע מאָדערניזאַציע, אינדוסטריאַליזירונג און קאָאָפּעראַציע; פֿאַרבעסערן דעם קאָמפֿאָרט אין די קאָלאָניסטישע היימען אויפֿן סמך פֿון מאָדערנע טעכנישע דערגרייכונגען.

די איניציאַטיוו פֿונעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט געקראָגן אַ ברייטן אָפּקלאַנג. אינעם קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט די וויכטיקסטע ייִדישע אינסטיטוציעס פֿון אַרגענטינע: ייִק"אָ, בני־ברית, „אָרט", ייִדישע בענק און האַנדלסקאַמער, „פֿראַטערנידאַד אַגראַריאַ" און אירע לאָקאַלע קאָאָפּעראַטיוון, „דזשוינט", ייִדישע קהילה א"אַ. „אַפֿילו מיליטאַנטישע ציוניסטן (...) האָבן זיך געגעבן די הענט אויף צו באַפֿעסטיקן די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַ לאַנד, וואָס איז ניט דווקא ישׂראל".[89] די גרופּע „פֿרײַנד פֿון פֿרײַלאַנד" האָט דעלעגירט צום קאָנגרעס אירע חבֿרים משה נאָוויק, משה באַבענקאָ און יחיאל טשאַלקאָוו. זי האָט אַרויסגעגעבן און פֿאַרשפּרייט אַ שפּאַנישע בראָשור צום בעסערן לעבן, צונויפֿגעשטעלט פֿון מ. באַבענקאָ, וואָס האָט כּולל געווען אַ סיסטעמאַטישן פּלאַן פֿון שטאַרקן די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין די עקסיסטירנדיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און הייבן איר נאַציאָנאַל־קולטורעלע ראָלע.[90] די פּלענאַרע זיצונגען פֿונעם קאָנגרעס זײַנען פֿאָרגעקומען פֿון 5טן ביזן 8טן נאָוועמבער 1952; ענגערע קאָנפֿערענצן פֿון די פֿאַראינטערעסירטע אינסטיטוציעס זײַנען אָנגעגאַנגען במשך פֿון די ווײַטערדיקע פֿינף טעג. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ ריי פּרינציפּיעל וויכטיקע רעזאָלוציעס, וואָס מיט זייער אינהאַלט און לשון האָבן זיך פֿרײַלאַנדיסטן געקאָנט סאָלידאַריזירן אָן באַוואָרעניש (צווישן זיי אויך דעם ווונטש, „מען זאָל שטרעבן צו באַקומען אַן אויטאָנאָמיע פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ראַמען פֿון דער פֿינאַנציעלער און לעגאַלער אָרדענונג אין לאַנד"). דער קאָנגרעס האָט פֿאַרגעלייגט אַ נײַע אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „אַסאָציאַציע פֿון פֿרײַנד פֿון די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע" מיט אַ געהעריקן געלטפֿאָנד. די אַרגענטינער פֿרײַלאַנד־גרופּע האָט געהאַט אַ יסוד צו זײַן באַפֿרידיקט מיטן קאָנגרעס און מיט איר חלק אין אָרגאַניזירן אים.[91]

אויך פֿאַרן צווייטן אָנגעמערקטן ציל — „פֿאַרשפּרייטן אין וואָרט און שריפֿט

דעם געדאַנק פֿון פֿרײַלאַנד" — האָט די אַרגענטינער גרופּע געהאַט וואָס צו פֿאַרצייכענען. אָנהייב 1952 האָט זי אַרויסגעגעבן (אויף ייִדיש) די בראָשור פֿרײַלאַנד (פֿאָרוואָרט, פֿיר אַרטיקלען פֿון י. נ. שטיינבערג, י. זעליטש, ל. מ. פּרוכטבוים), אין 1953 (אויף שפּאַניש) — י. נ. שטיינבערגס בראָשור טעריטאָ־ריאַליזם מיט אַ הקדמה פֿון י. גאָראַדיסקי. דער וויכטיקסטער און דויערנדיק־סטער אויפֿטו אויף אָט דעם שטח איז געווען, וואָס דער י. נ. שטיינבערג־קבלת־פּנים־קאָמיטעט (וואָס זײַן אַקטיווער יאָדער איז באַשטאַנען פֿון פֿרײַלאַנדיסטן און סימפּאַטיקערס) האָט אין 1952 אַרויסגעגעבן י. נ. שטיינבערגס אין קאַמף פֿאַר מענטש און ייִד — אַ באַנד פֿון 439 זײַטן, וואָס האָט צונויפֿגענומען צווישן צוויי טאָוולען 26 עסייען און אַרטיקלען, דער עיקר פֿון פֿרײַע שריפֿטן און אויפֿן שוועל, צעטיילט אין דרײַ טיילן: „פֿראַגן פֿון מענטשהייט", „פֿראַגן פֿון ייִדישן פֿאָלק", „פֿראַגן פֿון ישׂראל און פֿרײַלאַנד".

דער פּאַריזער זשורנאַל פֿ ר ײַ ל אַ נ ד

די פּאַריזער פֿרײַלאַנד־גרופּע, וואָס האָט זיך געפּרוווט רעקאָנסטיטויִרן אין 1946, האָט באַלד אויפֿגעהערט צו זײַן אַקטיוו. אינעם ברען פֿון דער סורינאַם־אַקציע האָט זי זיך לגמרי ניט געלאָזט הערן. אָבער גראָד אין די יאָרן פֿונעם פּאָליטישן באַרג־אַראָפּ איז אינעם ענגן קרײַז פֿון די פּאַריזער פֿרײַלאַנדיסטן פֿאָרגעקומען אַ שטיקל אויפֿלעב. צום טייל האָט דערצו מיטגעהאָלפֿן דער פֿרײַ־הייטלעכער סאָציאַליסט משה האָהן־ביטינער, וואָס איז אינעם נאָכמלחמהדיקן פּוילן געשטאַנען נאָענט צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע. האָט באַוויזן בײַ צײַטנס אַרויס־צופֿאָרן פֿון הינטערן אײַזערנעם פֿאָרהאַנג און האָט געוווינט אין פּאַריז ביז 1952, ווען ער איז אָפּגעפֿאָרן קיין אויסטראַליע. [92] זײַן אידעע איז דאָס געווען אַרויס־צוגעבן אין פּאַריז אַ טעריטאָריאַליסטישן זשורנאַל. דעם 4טן נאָוועמבער 1951 האָט די פֿרײַלאַנד־גרופּע אָרגאַניזירט אַ פֿײַערונג פֿון 10 יאָר אויפֿן שוועל מיט אַרויסטריטן פֿון פּראָפ' מ. קיוועלעוויטש, ג. שאַפּיראָ, י. הערמעלין (סעקרעטאַר), מ. בלאַנקשטיין און פֿאָרשטייערס פֿון ייִדישע קולטורעלע און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אין רעזולטאַט פֿון דער געראָטענער אימפּרעזע איז שוין אין אַ חודש אַרום אַרויס דער ערשטער נומער פֿון פֿרײַלאַנד אונטער דער רעדאַקציע פֿון ג. שאַפּיראָ.

דער כאַראַקטער פֿונעם זשורנאַל איז קלאָר געוואָרן באַלד פֿון די ערשטע נומערן. [93] אַן אָנגעזעענעם אָרט האָבן פֿאַרנומען אַרטיקלען וועגן טעריטאָריאַ־ליזם און קאָלאָניזאַציע, סײַ אין היסטאָרישן אַספּעקט (זכרונות און עסייען וועגן מענטשן און פֿאַקטן אין דער געשיכטע פֿון אַלט און נײַעם טעריטאָריאַליזם), סײַ וועגן פּראַקטישע קאָלאָניזיר־פּראָבלעמען. אַזוי למשל האָט ג. שאַפּיראָ, אינעם אַרטיקל „לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָדער אינדוסטריעלע קאָלאָניזאַציע", [94] גע־בראַכט ראיות, אַז אין יעדן קומענדיקן קאָלאָניזיר־פּראָיעקט דאַרף אויפֿן ערשטן

אַרט שטיין אינדוסטריע (וואָס צו איר זײַנען ייִדן גוט צוגעגרייט), און ערשט אַרום די אײַנגעוואָרצלטע אינדוסטריעלע שטעט און שטעטלעך וואָלט געקאָנט אויפֿקומען גערטנערײַ, מילכיקערײַ און קולטיוואַציע פֿון רוויוואַרג פֿאַר איבער־אַרבעטנדיקער אינדוסטריע. אין גײַסט פֿון טעריטאָריאַליסטישן וועלטבאַנעם האָט דער זשורנאַל באַטראַכט דאָס ייִדישע לעבן אין זײַן פּולן פֿאַרנעם. פֿרײַ־לאַנד האָט געקעמפֿט פֿאַר אויפֿהאַלטן און פֿאַרשטאַרקן די ייִדישע שפּראַך און קולטור, געפֿאָדערט אַ ייִדישע טאָגשול אין פּאַריז, האָט אָפּגעגעבן אַ סך אָרט פֿאַר ייִדישע ליטעראַטור־ און קולטור־נײַעס, איז פֿון די ערשטע צוגעשטאַנען צו דער אַקציע אײַנצופֿירן אין דער ייִדישער פּרעסע דעם איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג. דער זשורנאַל האָט טרעפֿלעך רעאַגירט אויף געשעענישן אינעם ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין פֿראַנקרײַך און אין דער וועלט, קעגנשטעלנדיק זיך דער ממשלה פֿון די ציוניסטן און — אין די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון פֿראַנקרײַך — דער שטאַרקער השפּעה פֿון ייִדישע קאָמוניסטן. אויך פֿראַגעס פֿון דעמאָקראַטיע, סאָציאַליזם און קאָמוניזם האָבן געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אויף זײַנע שפּאַלטן. פֿרײַלאַנד איז געוואָרן אַן אייגנאַרטיקער, לעבעדיקער אָרגאַן, וואָס האָט געהאַט אַ לייענער־קרײַז ניט נאָר אין פֿראַנקרײַך און מערבֿ־אייראָפּע, נאָר אויך אין לענדער מעבֿר־לים.

די הויפּטאַרבעט בײַם אַרויסגעבן דעם זשורנאַל איז געלעגן אויף זײַן רע־דאַקטאָר ג. שאַפּיראָ (געשריבן אויך אונטערן פּסעוודאָנים אַ. הערמאַן). ער האָט געקליבן פֿאַר אים די נייטיקע פֿאָנדן, אַליין ניט געקאַרגט קיין געלט (כאָטש ער איז ווײַט ניט געווען קיין גבֿיר), צוגעצויגן מיטאַרבעטערס, איבערגעזעצט פֿרעמדשפּראַכיקע אַרטיקלען, געמאַכט קאָרעקטור, אָפּגעשטאַנען גאַנצע טעג אין דער ענגער דרוקערײַ בײַם ברעכן די זײַטן און צונויפֿשטעלן דעם נומער. אַנדערע מיטאַרבעטערס־פֿרײַלאַנדיסטן זײַנען געווען יחיאל הערמעלין (פֿאַרנו־מען זיך מיט דער עקספּעדיציע פֿונעם זשורנאַל), מאיר בלאַנקשטיין (ביז סוף 1953), הירש אַבראַמאָוויטש, משה ביטינער (אויך געשיקט מאַטעריאַלן פֿון מעל־בורן), יונה פּאָדאָלסקי (לאָנדאָן), און פֿון יאַנואַר 1953 אָן איז צו אַ שטענדיקער מיטאַרבעט מיט גרויס התמדה צוגעטראָטן ד״ר באָריס ראַפּטשינסקי (אַמסטער־דאַם), וואָס איז אונדז באַקאַנט פֿון זײַן אַנטייל אינעם סורינאַם־פּראָיעקט. אין יעדן נומער האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט צוויי־דרײַ אַרטיקלען אונטער זײַן אייגענעם נאָמען און אונטער די פּסעוודאָנימען ד״ר ד. ב. טשערנין און ד״ר ב. נאַומאָוו.[95] ער האָט געשריבן אויף עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און געאָגראַפֿישע טעמעס (צוו״אַ וועגן פֿראַגעס פֿון מדינת ישׂראל און נאָענטן מיזרח), וועגן מעטאָדן און עקספּע־רימענטן פֿון קאָלאָניזאַציע, האָט געגעבן אַ ציקל עסייען וועגן ייִדישער געשיכטע אין פֿאַרשיידענע צײַטן. אַן אידעישער טעריטאָריאַליסט איז אויך געווען וולאַ־דימיר גראָסמאַן, דער מחבר פֿון עטלעכע דורכדרינגלעכע אַרטיקלען וועגן ציו־ניזם (אין 1957־1959). פֿון ניט־פֿרײַלאַנדיסטן האָבן צו די רעגולערע מיטאַרבע־טערס פֿונעם זשורנאַל געהערט דער קריטיקער און פּעליטאָניסט אבֿרהם שול־

מאַן (געחתמעט זיך אויך אַ. וואַרשאַווסקי, אַ—עם), דער פּאָעט און קריטיקער יוסף הלל לעווי (לאָנדאָן), דער היסטאָריקער פֿון ייִדן אין פֿראַנקרײַך יוסף מילנער. פֿון יענער זײַט אָקעאַן פֿלעגן פֿון צײַט צו צײַט אָנקומען אַרטיקלען פֿון י. נ. שטיינבערג, יעקבֿ לעווין, אַ. גאָלאָמב, אלקנה כראַבלאָווסקי, ד״ר מ. שעכטער. אין 1958־1959 האָט זיך אין פּאַריז געפֿונען מיכאל אַסטור, וואָס איז צוריקגעקומען אין דער מערבֿדיקער וועלט נאָך זיבעצן יאָר פֿולע איזאָלאַציע אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און אָנדערהאַלבן יאָר איבערגאַנג־פּעריאָד אין פּוילן, ווען ער האָט צוריקגעשטעלט זײַן פֿאַרבינדונג מיט די פֿרײַלאַנדיסטן פֿון ניו־יאָרק און פּאַריז. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿרײַלאַנד אַ ריי אַרטיקלען און נאָטיצן (אויך אונטערן פּסעוודאָנים מענדל כּהן) און געהאָלפֿן אין דער טעכנישער אַרבעט.

ביז סוף 1958 איז פֿרײַלאַנד אַרויס פֿיר מאָל אַ יאָר. פֿון יאַנואַר 1959 איז ער געוואָרן אַ חודש־שריפֿט מיט אַ פֿאַרגרעסערטער צאָל זײַטן און האָט אויך אָנגעהויבן דרוקן ליטעראַרישע ווערק פֿון ייִדישע שרײַבערס אין פּאַריז און פּש״אַ. ווינטער 1958/59 האָט ג. שאַפּיראָ איבערגעלעבט אַ שווערע קראַנקייט און איז אַרויס פֿון שפּיטאָל מיט אַ צעבראָכן געזונט. ער האָט אָבער עקשנותדיק באַשלאָסן צו פֿאַרבלײַבן אויפֿן פּאָסטן ביזן לעצטן אָטעם — און האָט דעם צוזאָג געהאַלטן. ער איז געשטאָרבן אין יאַנואַר 1962 אין עלטער פֿון 73 יאָר, און מיט אים האָט זיך אָפּגעשטעלט דער זשורנאַל פֿרײַלאַנד נאָך גענויע צען יאָר עקסיסטענץ און אידעאַליסטישן אויסדויער.

אויספֿאָרשונגען אין דרום־אַמעריקע

אין די פֿופֿציקער יאָרן האָט אין די רייען פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע עקסיסטירט אַ מיינונג, אַז אַן אָרט פֿאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע פֿון קליינעם אָדער מיטעלן פֿאַרנעם קאָן זיך געפֿינען אין אַ לאַנד פֿון דרום־ אָדער צענטראַל־אַמעריקע. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט באַזונדערס פֿאַרטיידיקט ד״ר ל. מ. פֿרוכטבוים. אַ קאָמיסיע בראָש מיט אים האָט באַטראַכט מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט באַקומען פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעט־אָרגאַניזאַציע, פֿונעם יו־ען־סעקרעטאַריאַט און פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן מיגראַציע־קאָמיטעט ביי דער יו־ען. אין שייכות מיט אָט דער פֿאָרשאַרבעט האָט ד״ר שטיינבערג אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט וויליאַם ט. סנײַדער, דירעקטאָר פֿונעם הילפֿאָפּטייל בײַם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער מענאָניטן־סעקטע (אייקראָן, פּענסילווייניע), וואָס האָט געהאַט די פּראַקטיק פֿון גרופּעס־קאָלאָניזאַציע אין אורוגווײַ און האָט געהאַלטן בײַם צוטרעטן צו פֿאַרלייגן קאָלאָניעס אין פּאַראַגווײַ. ד״ר שטיינבערג „האָט געוואָלט פֿון אים זיך דערוויסן וועגן זייער קאָלאָניזאַציע אין אורוגווײַ, די דורכפֿאַלן, דערפֿאָלגן און בכלל וועגן דעם גאַנצן מעכאַניזם פֿון איבערקאָלאָניזירן זיך“.[96] אַחוץ אַן אינהאַלטרײַכער און פֿרײַנדלעכער קאָרעספּאָנדענץ, האָט זיך אין פֿרילענד (מײַ־יוני 1953)[97] באַוויזן אַן אַרטיקל פֿון דער מענאָניטין עמאַ שליכטינג

„מענאַניטישע קאָלאָניזאַציע אין אורוגוויַ״, וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט אַ היפּשן אינטערעס, מחמת (אָפּגעזען פֿונעם רעליגיעזן יסוד) עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאָלאָניזירן אייראָפּעיִשע פּליטים, וואָס האָבן געוואָלט אויפֿן נייַעם באָדן ממשיך זייַן זייער טראַדיציאָנעל קהלש לעבן אין קאָאָפּעראַטיווע לאַנדווירט־שאַפֿטלעכע יישובֿים.

אין 1950 האָט די ליגע אָנגעפֿרעגט די רעגירונג פֿון אורוגוויַ וועגן קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן און האָט אין 1952 באַקומען די תּשובֿה, אַז די רעגירונג פֿאַרמאָגט ניט קיין פֿרייַע מלוכישע ערד און מען וואָלט דעם באָדן געדאַרפֿט קויפֿן בייַ פּריוואַטע באַזיצערס; אורוגווייַער בענק וואָלטן געקאָנט אַוואַנסירן הלוואות ביז 80 פּראָצ׳ פֿונעם פּרייַז.[98] אין 1955 האָבן זיך, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, געעפֿנט אַ סך קאָנקרעטערע פּערספּעקטיוון אין אַן אַנדער אָרט פֿונעם דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט. ד״ר ל. מ. פֿרוכטבוים, וואָס האָט געשפּילט זייער אַן אַקטיווע ראָלע אין אָט דעם עפּיזאָד, האָט קורץ דערמאָנט וועגן אים אין שטיינבערג־בוך,[99] ניט ברענגענדיק קיין נעמען און ריידנדיק סתּם וועגן „אַ געוויסן לאַנד אין דרום־אַמעריקע״. איצט קאָן מען אָנרופֿן דאָס לאַנד בייַם נאָמען — עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עקוואַדאָר — און איבערגעבן די עיקר־דיקע פּרטים פֿונעם ענין.[100]

אין יוני 1955, דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון אַן אַמעריקאַנער ליבעראַלער אָרגאַניזאַציע פֿאַר צוזאַמענאַרבעט מיט לאַטיין־אַמעריקע, האָט זיך די פֿרייַלאַנד־ליגע פֿאַרבונדן מיט כאָסע וו. טרוכיִיאָ, אַמבאַסאַדאָר פֿון עקוואַדאָר אין יו־ען. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן איבערצייַגטן אָנהענגער פֿון יִדישער קאָלאָניזאַציע אין זייַן מדינה און האָט פֿאַרגעלייגט פֿאַרצושטעלן אַ דעלעגאַט פֿון דער ליגע דעם עקוואַדאָרער פּרעזידענט און דעם מיניסטער פֿון עקאָנאָמיע, כּדי צו באַקענען זיי מיט די צילן פֿון דער באַוועגונג. די עקזעקוטיווע האָט געשיקט ווי איר דעלעגאַט ד״ר פֿרוכטבוים. נאָך דער פֿאַרענדיקונג פֿון דער גענעראַלער אַסאַמבלעע פֿון יו־ען זייַנען ד״ר פֿרוכטבוים און אַמבאַסאַדאָר טרוכיִיאָ אַרויס־געפֿלויגן קיין עקוואַדאָר און האָבן דעם 4טן יאַנואַר 1956 זיך אַרויסגעזעצט אין גוואַיאַקיל, דעם וויכטיקסטן פּאָרט און געשעפֿט־צענטער פֿון דער רעפּובליק. דעם 7טן יאַנואַר זייַנען זיי אָנגעקומען אין דער קרוינשטאָט קיטאָ. דער דירעקטאָר פֿון דער דאָטיקער יִדישער קהלשער אָרגאַניזאַציע „בענעפֿיסיענסיאַ איז־ראַעליטאַ״, ד״ר געאָרג שווערין, האָט צוגעזאָגט צו העלפֿן דער אַרבעט פֿון דער ליגע.[101]

דעם 9טן יאַנואַר האָט טרוכיִיאָ אַרייַנגעפֿירט ד״ר פֿרוכטבוימען צום עקוואַדאָרער אויסערן־מיניסטער, ד״ר ראַפֿאַעל אַריסאַגאַ וועגאַ, וואָס האָט אַרויס־געוויזן אינטערעס צום פּראָיעקט און געבעטן אַ געשריבענעם מעמאָראַנדום. ד״ר פֿרוכטבוים האָט דעם זעלבן אָוונט צונויפֿגעשטעלט אַ פּראָיעקט פֿון אַן אָפּמאַך צווישן עקוואַדאָר און דער פֿרייַלאַנד־ליגע, מער וויניקער באַזירט אויפֿן אָפּמאַך צווישן עקוואַדאָר און דעם קאָמיטעט פֿון שמואל זשיטלאָווסקי און באַ־

ריס באַני מיט 20 יאָר פֿריִער (זען אויבן, זז׳ 110־115), אָבער מיט אַ קלאָרער פֿעסטשטעלונג, אַז עס האַנדלט זיך וועגן ייִדישע קאָלאָניסטן. לויט ד״ר פּרוכט־בוימס פּראָיעקט האָט די רעגירונג געזאָלט איבערגעבן דער פֿרײַלאַנד־ליגע, פֿרײַ פֿון אָפּצאָל, אַ שטח פֿון אַרום 500,000 העקטאַר, אויב מעגלעך אין איין שטיק, פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿטלעכער און אינדוסטריעלער קאָלאָניזאַציע, מיט שטײַערן־הנחות, שולן אין דער מוטערשפּראַך פֿון די קאָלאָניסטן און אַנדערע פּריווילעגיעס, וואָס עס האָט גאַראַנטירט דער אָפּמאַך פֿון 1935. דער אָפֿיציע־לער איבערזעצער פֿונעם אויסערן־מיניסטעריום, ד״ר קאַרלאָס פּעניאַ־ערעראַ, האָט תּיכּף איבערגעזעצט דעם מעמאָראַנדום אויף שפּאַניש.

אויף מאָרגן, דעם 10טן יאַנואַר ,איז פֿאָרגעקומען אַ באַגעגעניש מיטן מי־ניסטער פֿון עקאָנאָמיע און מלוכישע ערדן ד״ר פֿעדעריקאָ אינטריאַגאָ, וואָס האָט שוין געהאַט דעם מעמאָראַנדום און האָט צוגעזאָגט אים צו שטודירן און שיקן זײַנע באַמערקונגען קיין ניו־יאָרק דורכן אַמבאַסאַדאָר טרוכיִיאָ. מיט אַ טאָג שפּעטער האָט ער דאָס באַשטעטיקט אין אַ קורצן בריוו צו ד״ר פּרוכט־בוימען.

דעם 11טן יאַנואַר אין דער פֿרי האָט ד״ר פּרוכטבוימען אויפֿגענומען דער פּרעזידענט פֿון עקוואַדאָר ד״ר וועלאַסקאָ איבאַראַ. זײַן באַציִונג צום פּראָיעקט האָט אויסגעזען צו זײַן גינציק, און לויט זײַן אויפֿטראָג האָט דער אויסערן־מי־ניסטער דעם 12טן יאַנואַר אָנגעשריבן ד״ר פּרוכטבוימען:

> אין שייכות מיט די שמועסן, וואָס איר האָט געהאַט מיטן פּרעזידענט, מיטן מיניסטער פֿון עקאָנאָמיע און מיט מיר, וויל איך אײַך מודיע זײַן, אַז אין פּרינציפּ איז די רעגירונג פֿון עקוואַדאָר נוטה צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע וועגן אַ ברייטער קאָלאָניזאַציע אין פֿאַרשיידע־נע געגנטן פֿונעם לאַנד, אויף די יסודות, וואָס איר האָט אונדז פֿאָרגע־לייגט, און האָבנדיק אין זינען אונדזערע קעגנזײַטיקע אינטערעסן. איר קאָנט דעריבער אינפֿאָרמירן אײַער עקזעקוטיווע, אַז די רעגירונג פֿון עק־וואַדאָר וועט מיטן געהעריקן אויפֿמערק שטודירן די פּונקטן, וואָס איר האָט אַרויסגעשטעלט, כּדי פֿון איר זײַט צו פֿאָרמולירן אירע אייגענע באַ־מערקונגען, וואָס זי האַלט פֿאַר נייטיק, בכדי צו קומען צו אַ הסכּם.

אויף צוריק וועגס פֿון קיטאָ האָט זיך ד״ר פּרוכטבוים אָפּגעשטעלט אין סאַן־כאָסע, קרוינשטאָט פֿון קאָסטאַ־ריקאַ. דער אַמבאַסאַדאָר פֿון קאָסטאַ־ריקאַ בײַ דער יו־ען, גוניעס, האָט רעקאָמענדירט דער פֿרײַלאַנד־ליגע זיך צו באַקע־נען מיט די מעגלעכקייטן אין זײַן לאַנד. אין אויפֿן שוועל, סעפּטעמבער־אָקטאָ־בער 1955, האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל פֿון ד״ר העשל קלעפּפֿיש, דירעקטאָר פֿון דער ייִדישער שול אין סאַן־כאָסע, אונטערן קעפּל „קום קיין קאָסטאַ־ריקאַ!״ לויִס מאָנכע, סעקרעטאָר פֿון דער רעגירונג, האָט דעם 22סטן דעצעמבער 1955 טעלעגראַפֿיש מודיע געווען, אַז דער פּרעזידענט איז „מסכּים אויפֿן וויזיט פֿון ד״ר פּרוכטבוים פֿאַר אַ ניט־פֿאָרמעלן שמועס״. דעם 13טן יאַנואַר 1956 האָט פּרעזידענט פֿיגערעס אויפֿגענומען ד״ר פּרוכטבוימען. ער האָט געזאָגט, אַז די

רעגירונג פֿאַרמאָגט ניט אַפֿילו קיין 5000 העקטאַר גוט לאַנד און אויפֿן ערשטן אָרט שטייט די פּראָבלעם פֿון באַזעצן אַנערדיקע פּויערים; חוץ דעם דאַרף מען זײַן זייער אָפּגעהיט מיט דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג אינעם לאַנד.[102]

אויב, עס האָט זיך אַזוי אַרום, אַרויסגעוויזן, אַז אויף קאָסטאַ־ריקאַ קאָן מען ניט בויען, האָבן די פּערספּעקטיוון אין עקוואַדאָר אויסגעזען מער צוזאָגנדיק. די עקזעקוטיווע האָט אויסגעדריקט אַ וואַרעמען יישר־כּוח ד״ר פּרוכטבוימען פֿאַר דער דורכגעפֿירטער מיסיע. די צוגעזאָגטע באַמערקונגען צום מעמאָראַנדום מצד די עקוואַדאָרער מיניסטאָרן זײַנען אָבער ניט געקומען. די רעפּובליק איז געווען ערבֿ די וואַלן פֿון פּאַרלאַמענט און פּרעזידענט. אין יוני 1956 איז קאַמילאָ פּאָנסע ענריקעס אויסגעקליבן געוואָרן פּרעזידענט און די פֿרײַערדיקע אָפּאָזי־ציע־פּאַרטיי האָט געוווּנען בײַ די וואַלן צום פּאַרלאַמענט. אין זײַן רעדע צום עקוואַדאָרער פֿאָלק, דעם 31סטן אויגוסט 1956, האָט דער נײַער פּרעזידענט צוו״אַ געזאָגט:

> איך פֿאַרבעט די פּליטים־אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַ־ציעס צו באַטראַכטן די מעגלעכקייט וועגן אַרײַננעמען קיין עקוואַדאָר טויזנטער אויסגעוואָרצלטע דורך שׂינאה, דיסקרימינאַציע און די טראַ־געדיעס פֿון אונדזער צײַט.

דעם 25סטן אָקטאָבער 1956 האָט ד״ר י. ב. שטיינבערג געשריבן צום פּרע־זידענט פּאָנסע און צום עקאָנאָמיע־מיניסטער אינטריאַגאָ (וואָס איז פֿאַרבליבן אויף זײַן פּאָסטן) מיט דער בקשה צו באַנײַען די אונטערהאַנדלונגען. די ענט־פֿערס פֿונעם פּרעזידענטס סעקרעטאַריאַט פֿון 7טן דעצעמבער 1956 און פֿון 17טן אַפּריל 1957 (דער לעצטער — אַ קאָפּיע פֿון אַ ראַפּאָרט פֿון עקאָנאָמיע־מיניסטעריום) האָבן געלאָזט וויסן, אַז דער פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט וועט קאָנען באַטראַכט ווערן אין די ראַמען פֿון אַ ברייטן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן, וואָס די רעגי־רונג פֿון עקוואַדאָר האָט בדעה אויסצואַרבעטן דורך אַ ספּעציעלן נאַציאָנאַלן אינסטיטוט פֿון קאָלאָניזאַציע. ערשט ווען דער אינסטיטוט וועט געשאַפֿן ווערן, וועט מען קאָנען אָנגיין מיט די שמועסן.

ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים האָט פֿון דעסט וועגן אויסגעפּועלט, אַז אַ באַראַטונג צווישן אים און די אָנפֿירערס פֿון די שייכדיקע מלוכה־דעפּאַרטאַמענטן זאָל פֿאַרקומען נאָך איידער דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוט וועט צו־טרעטן צו דער אַרבעט. אַ טעלעגראַם פֿונעם פּרעזידענט מיט זײַן הסכּמה איז אָנגעקומען דעם 23סטן מײַ 1957. דעם 3טן יוני איז ד״ר פּרוכטבוים אָנגעקומען קיין קיטאָ און דאָרט פֿאַרבליבן ביזן 11טן יוני. ער האָט זיך געטראָפֿן מיטן אויסערן־מיניסטער קאַרלאָס טאָבאַר און מיטן עקאָנאָמיע־מיניסטער איטריאַגאָ, וואָס האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע פֿון אַכט דירעקטאָרן און עקספּערטן אויף די פֿעלדער פֿון אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע, מלוכישע ערדן, פּלאַנירונג און לעגאַ־לע פֿראַגעס פּרעלימינער אַרומצורייִדן מיט ד״ר פּרוכטבוימען דעם פֿרײַלאַנד־מעמאָראַנדום. דער עקוואַדאָרער צד איז באַשטאַנען אויף אַ קלײנעם אָפּצאָל

פֿאַרן באָדן, אויף אַ גרעסערן קאָנטראָל פֿון דער רעגירונג איבערן אָפּקלײַב פֿון קאָלאָניסטן און אויף עטלעכע אַנדערע קלענערע קאָרעקטיוון. דער אײַנדרוק פֿון ד״ר פֿרוכטבוים איז אָבער געווען, אַז

עס זײַנען דאָ אַ רײ פֿאַקטאָרן, וואָס האַלטן אָפּ אַ שנעלן קומען צו אַ הסכּם. ערשטנס, איז די רעגירונג פֿון עקוואַדאָר פֿאַרזונקען ביזן האַלדז אין די פּילצאָליקע עקאָנאָמישע און פֿינאַנציעלע פּראָבלעמען פֿונעם לאַנד. זיי זוכן שנעלע רעזולטאַטן, פֿאַרענטפֿערונגען פֿאַרן לויפֿיקן מאָמענט. גרויספֿאַרנעמיקע קאָלאָניזאַציע איז אַן ענין פֿאַרן עתיד. צווייטנס, דער פּאָליטישער טעמפּאָ פֿון אונטערהאַנדלונגען וועגן נײַע פּראָיעקטן איז זייער אַ פּאַמעלעכער פּראָצעס אין די לענדער פֿון לאַטיין־אַמעריקע.[103]

כּך הווה. דער קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוט איז געשאַפֿן געוואָרן, זײַן דירעקטאָר האָט צוגעזאָגט צו באַטראַכטן דעם פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט, אָבער ניט געקוקט אויף ד״ר פֿרוכטבוימס בריוו צו אים און צו אַנדערע שייכדיקע מלוכה־טוערס האָט זיך די זאַך ניט גערירט איין טראָט פֿאָרויס און פֿון קיטאָ איז קיין מאָל ניט געקומען ניט קיין „יאָ" און ניט קיין „ניין". די גאַנצע אַמביציעזע פּראָגראַם פֿונעם נאַציאָנאַלן קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוט איז, לויט אַלע משמעות, פֿאַרבליבן אויף פּאַפּיר. אין תּוך גענומען האָט דער פֿרײַלאַנד־שליח געזוכט צו דערגרייכן נאָר אַ פּרעלימינערע פֿאַרשטענדיקונג, ניט קיין קאָנקרעטן, פֿינאַנציעל באַגרינדעטן אַרבעטס־אָפּמאַך. זײַן אַרויסזאָג בעתן שמועס מיטן פּרעזידענט פֿון קאָסטאַ־ריקאָ[104] איז אויך חל אויף די אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג פֿון עקוואַדאָר:

בעתן שמועס האָט דער פּרעזידענט אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע, וויפֿל קאַפּיטאַל פֿאַרמאָגט די פֿרײַלאַנד־ליגע. מײַן ענטפֿער איז געווען, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע איז בישט קיין באַנק אָדער פֿינאַנציעלע אינסטיטוציע, נאָר אַ געזעלשאַפֿט פֿון אינזשענירן און אַרכיטעקטן פֿאַר פּלאַנירטער ייִדישער קאָלאָניזאַציע; אַזוי שנעל ווי מיר וועלן באַקומען די פּלענער, ד״ה אַן אָפּמאַך מיט דער רעגירונג, וועלן מיר עס ברענגען פֿאַר די פֿאַרשיידענע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס העלפֿן די עמיגראַציע־נויטן פֿון די ייִדישע מאַסן. אַזוי אַרום וועלן געשאַפֿן ווערן די נייטיקע פֿינאַנצן. פּונקט אַזוי, ווען איינער וויל אויפֿשטעלן אַ בנין, פֿאַרבעט ער צו ערשט אַן אַרכיטעקט, און ווען די פּלענער זײַנען פֿאַרטיק, גייט ער צו אַ באַנק וועגן פֿינאַנצירן די בויונג.

דער דאָזיקער אײַנשטעל פֿון ד״ר פֿרוכטבוים איז געווים געווען צו אָפּטימיסטיש בנוגע די ייִדישע געזעלשאַפֿטן פֿאַר עמיגראַציע און פּליטים־הילף אין ליכט פֿון דער ביזדאַמאָלטיקער דערפֿאַרונג פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע.

אויספֿאָרשונגען אין מעקסיקע

אין דער זעלבער צײַט איז אַן אַנאַלאָגישע אַרבעט געגאַנגען אין מעקסיקע. די מעקסיקאַנער פֿרײַלאַנד־גרופּע האָט זיך שוין אין 1951 אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַגראַאינדוסטריעלער קליין־קאָלאָניזאַציע אין לאַטיין־אַמעריקע, אַרײַנגערעכנט מעקסיקע.[105] די אידעע פֿון פֿאַרלייגן אַ יידישע קאָלאָניע אין מעקסיקע האָט שטאַרק פֿאַרכאַפּט ד״ר אַבֿרהם קינגן. דעם 24סטן יוני 1953, בעת איינעם פֿון ד״ר י. נ. שטיינבערגס באַזוכן אין מעקסיקע, האָט ד״ר קינג צוזאַמען מיט אים זיך געטראָפֿן מיטן לאַנדווירטשאַפֿט־מיניסטער כילבערטאָ פֿלאָרעס מוניאָס און אָנגעפֿרעגט זײַן מיינונג וועגן אַ פּלאַן צו פֿאַרלייגן אין איינעם פֿון די ווייניק אַנטוויקלטע ראַיאָנען פֿון דער מדינה אַ יידיש שטעטל מיט אַ געמישטער עקאָנאָמיע פֿון לאַנדווירטשאַפֿט, אינדוסטריע און מלאָכה, מיט אַ תּחילתדיקער באַפֿעלקערונג פֿון 500־1000 משפּחות. דער מיניסטער האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צום פּלאַן און געבעטן אַ מעמאָראַנדום, וואָס איז אים אין גיכן צוגעשטעלט געוואָרן.[106] ד״ר קינג האָט באַשלאָסן צו לעגאַליזירן די מעקסיקאַנער פֿרײַלאַנד־גרופּע ווי אַ געזעלשאַפֿט מיט אַ יורידישער פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל זיך קאָנען ווענדן צו דער רעגירונג מכּוח באַקומען ערד־קאָנצעסיעס. דעם 12טן דעצעמבער 1955 איז זי אָפֿיציעל לעגאַליזירט געוואָרן אונטערן נאָמען „מעקסיקאַנער קאָלאָניסטן־אַסאָציאַציע״.[107]

די מעקסיקאַנער גרופּע האָט צו ערשט געטראַכט וועגן אַ קאָלאָניע אינעם נײַעם, וואַקסנדיקן שטאַט אונטער־קאַליפֿאָרניע (צפֿונדיקע העלפֿט פֿונעם האַלבאינדזל). די באַפֿעלקערונג פֿונעם שטאַט איז אויסגעוואַקסן פֿון 225,000 אין 1950 ביז 400,000 אין 1955, און עס זײַנען נאָך אַלץ געווען מעגלעכקייטן פֿון אַנטוויקלונג אין לאַנדווירטשאַפֿט און דער עיקר אין אינדוסטריע.[108] דער גרופּע האָט געהאָלפֿן איינער פֿון די פּירערס פֿון דער מעקסיקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, ענריקע ראַנכעל, אַ גוטער פֿרײַנד פֿון בראַוליאָ מאַלדאָנאַדאָ, גובערנאַטאָר פֿון אונטער־קאַליפֿאָרניע. אין יאַנואַר 1956 האָט ראַנכעל גערעדט וועגן דעם ענין מיטן גובערנאַטאָר. יענער האָט אין פּרינציפּ מסכּים געווען און פֿאָרגעלייגט, אַז דעם אָנהייב זאָלן מאַכן 20־30 יונגע יידן, תּושבֿים פֿון מעקסיקע. אויב דער פּרוּוו וועט געראָטן, וועט מען קאָנעןריידן וועגן אַרײַנלאָזן נײַע יידישע קאָלאָניסטן־אימיגראַנטן, וואָס דאָס געהערט שוין צו דער פּרעראָגאַטיוו פֿון דער פֿעדעראַלער רעגירונג.[109]

אין דעם גײַסט האָט די מעקסיקאַנער גרופּע געשריבן צום גובערנאַטאָר מאַלדאָנאַדאָ (דעם 4טן מײַ 1956) און צוו״אַ אונטערגעשטראָכן, אַז אַזאַ קאָלאָניע לעבן דער מעקסיקאַניש־אַמעריקאַנער גרענעץ וואָלט געקאָנט סטימולירן טוריזם דורך צוציִען יידישע באַזוכערס און וואַקאַציאָנערן. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער שטאַט־רעגירונג האָט געענטפֿערט, אַז דער גובערנאַטאָר וועט גערן אויפֿנעמען אַ טעכנישע פֿאָרש־קאָמיסיע און איז אין פּרינציפּ מסכּים אויף

אַ קאָלאָניע פֿון יונגע מעקסיקאַנער ייִדן.[110] אין בריוו צום גובערנאַטאָר פֿון 12טן יוני האָט ד״ר קינג אָנגעוויזן, אַז עס וועט זײַן נייטיק צו ברענגען פֿון אויסלאַנד 150־200 ייִדישע משפּחות (אַרום 1000 מענטשן), ווײַל אין מעקסיקע גופֿא וועט מען ניט קאָנען געפֿינען קיין געהעריקע צאָל ייִדישע קאָלאָניסטן. די שטעלונג פֿון דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע צו ד״ר קינגס איניציאַטיוו איז געווען די זעלבע ווי צו קליין־קאָלאָניזאַציע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן: זי איז ניט געווען קעגן אַזאַ פּרווו, אָבער האָט געהאַלטן, אַז די אַרבעט דאַרף פֿירן ניט די פֿרײַלאַנד־ליגע, נאָר די „מעקסיקאַנער קאָלאָניסטן־אַסאָציאַציע״.[111]

דערווײַל האָט זיך דער אויפֿמערק פֿון דער מעקסיקאַנער גרופּע געוומען ווענדן אין אַן אַנדער ריכטונג. אַ. זוכי, וואָס האָט פֿאַרבראַכט צוויי וואָכן אין אונטער־קאַליפֿאָרניע, האָט קאָנסטאַטירט, אַז פֿון דער שטאַט־רעגירונג וואָלט מען געקאָנט באַקומען נאָר 5000 אַקער.[112] ד״ר קינג און זײַנע פֿרײַנד האָבן אָבער אָנגעהויבן טראַכטן אין גרעסערע קאַטעגאָריעס ווי 150־200 משפּחות. דעם 31סטן אָקטאָבער האָט זיך די „מעקסיקאַנער קאָלאָניסטן־אַסאָציאַציע״ געווענדט צו דער עקזעקוטיווע פֿון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע־קאָמיסיע פֿאַר די צפֿון־ און דרום־זאָנעס.[113] אינעם מעמאָראַנדום האָט זי אָנגעפֿרעגט, צי עס וואָלט מעגלעך געווען צו שאַפֿן „אַ קאָלאָניע געבויט אויף לאַנדווירטשאַפֿט און פֿי־האָדעוואַניע, מיט אַן אויפֿנעם־פֿעיִקייט פֿון 5000 משפּחות ייִדישע אימי־גראַנטן, וואָס געפֿינען זיך בײַם הײַנטיקן טאָג אין פֿאַרשיידענע לענדער פֿון איי־ראָפּע״. עס איז ניט געווען אָנגעוויזן, וואָסער געגנט מען האָט אין זינען, אָבער אין באַטראַכט אין קודם־כּל געקומען דער שטאַט קאַמפּעטשע אין דרום־מיזרח־טייל פֿון מעקסיקע — אַ שטח מיט אַ שיטערער באַפֿעלקערונג און לפֿי־ערך גוטע וועגן, ווו די מעקסיקאַנער רעגירונג האָט געפּלאַנט צו באַזעצן אַנערדיקע פּויערים פֿון אַנדערע טיילן לאַנד.

די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע־קאָמיסיע האָט זיך באַצויגן צו ד״ר קינגס מעמאָראַנדום מיט אַ זאַכלעכן אינטערעס. אין די אונטערהאַנדלונגען מיט ד״ר קינגן האָט די קאָמיסיע מסכּים געווען צו דערלויבן אין קאַמפּעטשע אַ קאָלאָ־ניזאַציע פֿון ייִדישע אימיגראַנטן אין גדר פֿונעם אַלגעמיינעם פּלאַן, בתּנאי אַז צוזאַמען מיט זיי זאָל די ייִדישע קאָלאָניזיר־געזעלשאַפֿט באַזעצן אויך 10 פּראָ־צענט מעקסיקאַנער. אין יוני 1957 האָט זיך דער קאָמיטעט פֿון דער מעקסיקאַ־נער פֿרײַלאַנד־גרופּע אַרויסגעזאָגט פֿאַר קאַמפּעטשע, הגם עס זײַנען געווען ערנסטע און ניט אובאַרעכטיקטע ספֿקות בנוגע דעם קלימאַט און באָדן פֿון דער געגנט. אין יולי האָט די „מעקסיקאַנער קאָלאָניסטן־אַסאָציאַציע״ באַפֿולמאַכ־טיקט פֿיר ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין קאַמפּעטשע (אַן אַמעריקאַ־נער און דרײַ מעקסיקאַנער) אויסצופֿאָרשן די געגנט פֿון קוקווינקל פֿון איר פּאַסיקייט פֿאַר אייראָפּעיִשער קאָלאָניזאַציע. ד״ר קינג האָט אַרומגערעדט די זאַך מיטן מיניסטער פֿון עמיגראַציע קאַרבאַכאַל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אײַנוווענדונגען. דעם 9טן נאָוועמבער 1957 האָט דער גובערנאַטאָר פֿון קאַמ־

פּעטשע באַשטעטיקט דעם פּלאַן,[114] די קאָלאָניזאַציע־קאָמיסיע האָט אים אויך אַפּראָבירט, און דעם 10טן יאַנואַר 1958 האָט ד״ר קינג געשיקט דעם לעצטן מעמאָראַנדום צו דער מעקסיקאַנער רעגירונג, בעטנדיק אַ קאָנצעסיע אויף 250,000 העקטאַר.

די ערשטע סטאַדיע פֿונעם פּראָיעקט האָט פֿאָרויסגעזען צו שאַפֿן זיבן קאָ־לאָניעס בשכנות איינע מיט דער אַנדערער, יעדערע פֿון 500 העקטאַר מיט מעג־לעכקייטן פֿאַר ווײַטערדיקן וווּקס און אַ תּחילתדיקער באַפֿעלקערונג פֿון 50 משפּחות: 40 ערד־אַרבעטער און 10 אַנדערע (לערערס, אַגראָנאָמען, בעלי־מלאָ־כות אאַז״וו). אין דער צענטראַלער קאָלאָניע האָבן זיך געזאָלט געפֿינען מעדי־צינישע, וועטערינאַרע און אַנדערע אינסטיטוציעס פֿון עפֿנטלעכער באַדינונג. ד״ר קינג האָט גערעכנט, אַז די צוגרייט־אַרבעט (דורכלייגן וועגן, בויען הײַזער און אָפּרייניקן דעם באָדן פֿון וואַלד) דאַרף געמאַכט ווערן מיט דער הילף פֿון אָרטיקע אַרבעטער פֿאַרן אָנקום פֿון די ייִדישע קאָלאָניסטן, זיי זאָלן פֿאַרשפּאָרן צו טאָן די שווערסטע אַרבעט באַלד פֿון אָנהייב, נאָך ניט זייענדיק צוגעוווינט צו די נײַע תּנאים. לויט פּרעלימינערע אויסרעכענונגען האָט דאָס באַזעצן 400 משפּחות געזאָלט קאָסטן פֿון 1,200,000 ביז 1,400,000 דאָלאַר.[115]

עס האָט זיך זייער גיך אַרויסגעוויזן, אַז אַפֿילו 10,000 דאָלאַר פֿאַר קאָלאָ־ניזאַציע איז אין ערגעץ ניט מעגלעך צו קריגן. דאָס האָט אָפּגעשטעלט יעט־וועדן ווײַטערדיקן פּראָגרעס פֿון ד״ר קינגס איניציאַטיוו. במילא זײַנען שוין גע־וואָרן ניט אַקטועל אַלע אַנדערע אײַנווענדונגען און ספֿקות, וואָס דאָס רובֿ פֿרײַלאַנדיסטן האָבן געהאַט צום קאַמפּעטשע־פּראָיעקט.[116] די אַקציע איז בעת־מעשׂה געפֿירט געוואָרן אויף אַזאַ דיסקרעטן אופֿן, אַז ניט געקוקט אויף דער היפּשער צאָל מענטשן, וואָס האָבן צו איר געהאַט אַ שייכות הן פֿון ייִדישן, הן פֿון מעקסיקאַנער צד, איז קיין זאַך ניט אַרויס אין דער עפֿנטלעכקייט.

ביידע פֿאַרשאַקציעס אין לאַטיין־אַמעריקע — ד״ר ל. מ. פֿרוכטבוימס צוויי־טע נסיעה קיין עקוואַדאָר און ד״ר אַ. קינגס פֿאַרהאַנדלונגען וועגן קאַמפּעטשע — האָבן זיך פֿאַרענדיקט שוין נאָכן טויט פֿון ד״ר י. נ. שטיינבערג.

דער טויט פֿון אַדאַ סיגעל און ד״ר י. נ. שטיינבערג

„ביטער און שווער זײַנען געווען שטיינבערגס לעצטע יאָרן אין ניו־יאָרק", שרײַבט נ. טוראָק.[117] „די פֿאַרניכטונג פֿון אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק האָט ער פּערזענלעך איבערגעלעבט. אָבער שטיינבערגן זײַנען באַשערט געווען אויך פּערזענלעכע מוראַדיקע קלעפּ פֿון גורל". דעם 13טן דעצעמבער 1948 איז גע־שטאָרבן זײַן שוועגערין און געטרײַע מיטקעמפֿערין אסתּר יעסעלסאָן, דעם 7טן יוני 1954 — זײַן פֿרוי נחמה. דאָס דריטע און טראַגישסטע אומגליק איז געווען דער טויט פֿון זײַן עלטערער טאָכטער אַדאַ סיגעל אינעם בלי־ענדיקן עלטער פֿון 39 יאָר. אַן אַקטיווע פֿרײַלאַנדיסטין, וואָס האָט שוין מאַניפֿעסטירט איר איבער־

נעגעבנקייט, פֿעיִקייטן און אומאויסשעפּלעכע ענערגיע אינעם לאַנדאַנער פּעריאָד פֿון איר לעבן און אַרבעט, איז זי פֿאַרבליבן איינע פֿון די אַקטיווסטע טוערס אויך אין אַמעריקע. פֿון 1951 אָן איז זי געווען דער פֿאַקטישער רעדאַקטאָר פֿון פֿרילענד. איר געטרײַשאַפֿט צו דער באַוועגונג און די ליבשאַפֿט צו איר מצד אַלע חבֿרים האָבן ניט געהאַט קיין שיעור. די, וואָס האָבן געקענט אַדאַ סיגעל אין יענעם פּעריאָד פֿון איר לעבן, זײַנען ניט בכּוח צו פֿאַרגעסן איר „פֿאַרכּישופֿדיקע פּערזענלעכקייט" (ווערטער פֿון ד"ר מ. שעכטער). שוין זייענדיק קראַנק (ראַק פֿון מוח) און ווייסנדיק, אַז אירע טעג זײַנען געציילט, האָט זי זומער 1956 דורכגעפֿירט די פֿרײַלאַנד־קאַמפּאַניע אין מעקסיקע. זי איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 6טן נאָוועמבער 1956.

דער דאָזיקער טויט האָט אײַנגעהילט אין טרויער די פֿרײַלאַנד־ליגע, און פֿאַר י. נ. שטיינבערגן איז דאָס געווען דער לעצטער קלאַפּ פֿון גורל. אָבער אַפֿילו אויפֿן שפּיטאָלבעט האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו אַרבעטן: געשריבן אַרטיקלען, געענטפֿערט אויף בריוו,[118] אָנטייל גענומען אין צונויפֿשטעלן דעם נומער אויפֿן שוועל, וואָס איז געווען געהייליקט דעם אָנדענק פֿון אַדאַ. אָבער ווען דער נומער איז געווען פֿאַרטיק צום דרוק, האָט מען אויף זײַן ערשטער זײַט געמוזט אַרײַנשטעלן אַ מודעה וועגן דעם טויט פֿון אַדאַס פֿאָטער. י. נ. שטיינבערגס אָפּגעשוואַכט האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט דעם 2טן יאַנואַר 1957. ער איז אַלט געווען 68 יאָר.

י. נ. שטיינבערגס טויט איז געווען אַ שווערע אַבֿדה ניט נאָר פֿאַר דער ליגע, נאָר אויך פֿאַר אַלע פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער קולטור. די פֿאַראָבֿלטע פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע האָט קודם־כּל געדאַרפֿט טראַכטן וועגן אָרגאַניזירן די לוויה. עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ רעפּרעזענטאַטיווער לוויה־קאָמיטעט. דעם 4טן יאַנואַר 1957 איז פֿאָרגעקומען די קבֿורה. דעם נפֿטר האָבן מספּיד געווען נ. טוראַק און ד"ר ל. מ. פֿרוכטבוים אין נאָמען פֿון דער ליגע, ח. ש. קאַזדאַן — פֿונעם „פֿרײַען ייִדישן קלוב"[119] און קאָאָרדינירקאָמיטעט פֿון „בונד", ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — פֿון ייִדישן פּען־קלוב, און הרבֿ ניסן טעלושקין.[120]

טרויער־אַקאַדעמיעס און שלושים נאָך ד"ר י. נ. שטיינבערגן זײַנען פֿאָרגעקומען אין ניו־יאָרק, בוענאָס־אײַרעס, תּל־אָבֿיבֿ, מעלבורן, מעקסיקע, לאָנדאָן און לאָס־אַנדזשעלעס. אויסדרוקן פֿון צער זײַנען אָנגעקומען פֿון ייִדישע קולטורעלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, זשורנאַלן, פֿרײַלאַנד־גרופּעס, אינסטיטוציעס און יחידים איבער דער גאָרער וועלט. נעקראָלאָגן און אַרטיקלען וועגן י. נ. שטיינבערגן האָבן זיך באַוויזן אין דער ייִדישער פּרעסע בכל תּפֿוצות ישׂראל, ווי אויך אין ניט־ייִדישע צײַטונגען פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, גרויס־בריטאַניע און אַנדערע לענדער. אַפֿילו קעגנערס האָבן געהאַט דאָס טרויעריקע געפֿיל, אַז מיטן אַנטשווייגן ווערן פֿון אַט דעם מאָנענדיקן קול איז פּוסטער געוואָרן אויף דער ייִדישער גאַס, ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער ניווֹא פֿון באַהאַנדלען די עיקר־פֿראַגעס פֿון ייִדישן זײַן און מהות.

רעאָרגאַניזאַציע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע און איר אַרבעט נאָך 1957

ווען י. נ. שטיינבערג האָט זיך געפּעלט [דערמאָנט זיך ד״ר מרדכי שעכטער[121]], האָט עס אויסגעזען ווי דער סוף פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע און במילא פֿון טעריטאָריאַליזם. ניט נאָר צוליב זײַן טויט. אפֿשר אַרגער — ווײַל אומגעריכטער — איז געווען אַדאָס אַוועקגאַנג. בײַ אונדז אַלע־מען איז זי געווען דער אָנערקענטער, אומאָפּגעפֿרעגטער יורש פֿון דער פּירערשאַפֿט. מיט אַ מאָל זײַנען ביידע אַוועק. און נאָך אַרגער (אויב אַזאַ גראַדאַציע וואָלט מיגלעך געווען): ס׳איז ניט געווען קיינער צווישן אונדז וואָס זאָל זײַן קאָמפּעטענט און גרייט איבערצונעמען דעם עול.

די סיטואַציע איז געווען נאָך קריטישער ווי נאָכן טויט פֿון בן־אַדירן. די געזעלשאַפֿטלעכע קאָניונקטור פֿונעם טעריטאָריאַליזם איז געווען ניט אַן ערך ערגער ווי אין 1942. דערצו איז אין רעזערוו ניט פֿאַרבליבן קיין טוער פֿון י. נ. שטיינבערגס קאַליבער, וואָס זאָל קאָנען איבערנעמען די אָנפֿירערשאַפֿט. אָבער די אַרבעט פֿון דער ליגע האָט זיך דאָס מאָל ניט דעזאָרגאַניזירט און דאָס אַרויס־גיין פֿון אויפֿן שוועל (און פֿרילענד) האָט זיך ניט איבערגעריסן. די גרופּע גע־טרײַע פֿרײַלאַנדיסטן איז אַרויס פֿונעם קריזיס מיט די אייגענע כּוחות.

לויט נ. טוראַקס פֿאָרשלאָג האָט די עקזעקוטיווע אַרויפֿגעלייגט אויף ד״ר מרדכי שעכטערן די פֿונקציעס פֿון עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פֿון דער ליגע. שעכ־טער האָט ניט געהאַט קיין געזעלשאַפֿטלעכע אַמביציעס — זײַן פֿאַראינטערע־סירטקייט איז געלעגן אויפֿן פֿעלד פֿון ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט. ער האָט אָבער מקריבֿ געווען זײַן אייגענע באַקוועמקייט און האָט איבערגענומען די עק־זעקוטיוו־סעקרעטאַרשאַפֿט. ער האָט זיך אַרײַנגעקליבן אינעם לאָקאַל פֿונעם פֿרײַלאַנד־אָפֿיס, אויף לאַנגע חדשים זיך אָפּגעריסן פֿון יעטוועדער וויסנשאַפֿט־לעכער אַרבעט, טאָג און נאַכט אויפֿגענומען געסט, געענטפֿערט אומצאָליקע טע־לעפֿאָן־רופֿן — און אין דער זעלבער צײַט געדאַרפֿט זיך פֿונאַנדערקלײַבן אין די ענינים און פּאַפּירן פֿונעם ביוראָ, וואָס איז געווען ממש פֿאַרפּלייצט מיט בריוו, פּאַפּקעס, רשימות און קאַרטאָטעקן.[122]

ווי אַ טייל פֿון דער רעאָרגאַניזיר־אַרבעט האָט נ. טוראַק אויף זיך גענומען צו העלפֿן שאַפֿן די פֿינאַנציעלע מיטלען אין ניו־יאָרק. אַ זײַל פֿון דער באַווע־גונג איז אין דעם פּרט געווען אַהרן סטעף, וואָס אי ער האָט בײַם לעבן זיך באַשטײַערט מיט גרויסע סומעס, אי ער האָט אין זײַן צוואה אָפּגעשריבן 5,000 דאָלאַר. מיט אָט דעם באַטרעף, ווי אויך מיט בײַשטײַערס פֿון 3,000 פֿון לילי סטעף און 2,000 פֿון אַנדערע חבֿרים, האָט מען זײַן אָנדענק פֿאַראייביקט אין דער פֿאָרעם פֿון ספּעציעלן 10,000־דאָלאַרדיקן „אַהרן סטעף־פֿרעסעפֿאָנד״.

אַ צווייטער פֿינאַנציעלער זײַל איז געווען ד״ר אַבֿרהם קינג, וואָס ער האָט — ווי שוין דערמאָנט — במשך פֿון יאָרן געדעקט די הוצאות פֿון דרוק, קאָ־רעקטור און עקספּעדיציע פֿונעם אויפֿן שוועל סײַ בײַם לעבן, סײַ דורך אָנזאָגן אין דער צוואה, אַז זײַן זון זאָל די אַרבעט ממשיך זײַן אויך נאָך זײַן אַוועקגיין.

נאָך דער פּטירה פֿון אַ. סטעף און אַ. קינג, איז דער גרעסטער בײַשטײַערער געוואָרן דער ברייטהאַנטיקער און ברייטהאַרציקער יהודה זעליטש.

מיט דער אַקטיווער קאָאָפּעראַציע פֿון גרשון קוועטשאַנסקי און מלך ראַ־וויטש האָט מען יאָר־אײַן יאָר־אויס אָרגאַניזירט אַ וויזיט פֿון אַ ניו־יאָרקער חבֿר קיין מאָנטרעאָל. אַזוי אַרום האָט דאָס גאַסטפֿרײַנדלעכע הויז פֿון ג. און בעקי קוועטשאַנסקי מכניס־אורח געווען: מיכאל און מרים אַסטור, ג. טוראַק, לייבל און אסתּר־מלכּה כּהן, ד״ר יהודה און קיילע מינקין, ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים און ד״ר מרדכי שעכטער.

פֿון נאָך אַ גרעסערער חשיבֿות זײַנען געווען די קאַמפּאַניעס אין מעקסיקע אויך נאָך דער פּטירה פֿון י. נ. שטיינבערג און אַדאַ סיגעל, דורכגעפֿירטע פֿון ד״ר קינג מיט דער הילף פֿון יעקבֿ לעווין, ד״ר ש. ז. יובֿלי און אליהו שולמאַן. צוגעשטעלט אַ פּלייצע פֿינאַנציעל האָבן חוץ סטעף, קינג, זעליטש אויך: קריינע אַלעקסאַנדער, ד״ר מ. אַסטור, אפֿרים האַריסאָן, ד״ר ש. ז. יובֿלי, לייבל כּהן, ד״ר יהודה מינקין, י. פּאָדאָלסקי, י. פושעט, ד״ר פּרוכטבוים, ל. קאַנטאָר, גרשון קוועטשאַנסקי, לוי קוועטשאַנסקי, ד״ר אַהרן שטיינבערג, ד״ר לעאָ שטיינבערג, מיטאַ שטיינבערג טשאַרני, ד״ר מרדכי שעכטער.

די יאָריקע באַזאַרן, אַ וויכטיקער מקור פֿון הכנסה, זײַנען אין די פֿריִער־דיקע יאָרן געווען אָנגעפֿירט פֿון רבֿקה לעווין, קיילע מינקין, אַדאַ סיגעל, לאה קאַנטאָר. נאָך 1957 ווערט אָט די אַרבעט אָנגעפֿירט פֿון חבֿרטע ליפּשע ווידמאַן, מיט דער אַקטיווער בײַהילף פֿון ביילע גאָטעסמאַן, ג. טוראַק, ד״ר ש. ז. יובֿלי, לייבל און אסתּר־מלכּה כּהן, ב. ליכטהאָלץ, ד״ר יהודה און קיילע מינקין, לאה קאַנטאָר, מרדכי און טשאַרנע שעכטער. אַ וויכטיקע מאָראַלישע שטיץ זײַנען דערבײַ די חבֿרטעס ברכה קיהן און אַניטאַ סטריף־יובֿלי.

אַ צווייטער חשובֿער הכנסה־קוואַל זײַנען די יאָריקע טעאַטער־בענעפֿיטן אין דער פֿאָלקסבינע, אָנגעפֿירט ביז 1963 דורך דער געטרײַער און התמדהדי־קער סיידי טוראַק און זינט דעמאָלט פֿון ביילע גאָטעסמאַן, מיטן גאַר אַקטיוון אָנטייל פֿון ליפּשע ווידמאַן, סיידי טוראַק, קיילע מינקין, אַניטאַ סטריף־יובֿלי און מרדכי שעכטער. אַ געוויסע יאָריקע הכנסה ברענגען די באַצאָלטע אָנאָנסן, וואָס זיי קומען אַרײַן אַ דאַנק דער אַרבעט פֿון ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים און פֿונעם פֿרײַלאַנד־ביוראָ.

אַרײַנברענגען פֿינאַנציעלע מיטלען איז איין וויטאַלער אַספּעקט פֿון דער אַרבעט פֿון אַן אָרגאַניזאַציע. אַ צווייטער איז די הוצאָה, אָדער דאָס זען, אַז די הוצאות זאָלן זײַן מינימאַלע. דאָ מוז מען דערמאָנען לשבֿח: זיידל כּאַבאַצקי, איינער פֿון די סאַמע ראשונים פֿון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג און דער וואָס האָט יעקבֿ פּאַטן מדריך געווען אין די יונגע געזעלשאַפֿטלעכע יאָרן זייערע אין דער ס״ס־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק. כּאַבאַצקי האָט אין משך פֿון לאַנגע יאָרן אָן געצאָלט געפֿירט די ביכער פֿונעם ניו־יאָרקער צענטער. עד־היום אַרבעט אָן געצאָלט ווי דער אַדוואָקאַט פֿון פֿרײַלאַנד־ליגע די טיף אי־

בערגעגעבענע סיידי טוראַק — זי האָט דער ליגע באמת אָפּגעשפּאָרט אַ פּאַר־מעגן. אַדוואָקאַט אַניטאַ סטריפּ־יובּלי, אַ ליבע און וואַרעמע סימפּאַטיקערין (ווי סיידי טוראַק — אַן אַמעריקאַנער געבאָרענע) האָט דער ליגע אָפּגעשפּאָרט לכל־הפּחות צוויי טויזנט דאָלאַר מיט דעם, וואָס זי האָט אָן געצאָלט דורכגעפירט די אימיגראַציע־פאָרמאַליטעטן פון אַריבערברענגען אין די פש״א די חברים אַסטור און שטיימאַן מיט זייערע משפחות.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע און רעדאַקציאָנעלע קאָרעספּאָנדענץ זינט 1957 טראָגט אויף זיך מ. שעכטער. כאָטש צײַטנווײַז האָבן אים אין דעם אַרויסגעהאָלפן מ. אַסטור, יעקבֿ בירנבוים, ביילע גאָטעסמאַן, לייבל כּהן, אַ. כאַבאַצקי, ד״ר י. מינקין, איז אויף מ. שעכטערס חלק אין די 10 יאָר זינט י. נ. שטיינבערג האָט זיך געפּעלט פאַרט אויסגעפאַלן אָנצושרײַבן אַ 6־7 טויזנט בריוו.

די ביבליאָטעק פון דער ליגע ווערט זינט 1957 פאַכמעניש אָנגעפירט פון־נעם ביבליאָגראַף און ביבליאָפיל לייבל כּהן. די אַרבעט פון אָטיפּסדרן דעם שטיינבערג־אַרכיוו האָט אַדורכגעפירט לעאַ שטיינבערג. די אַרבעט אויפן אַל־געמיינעם פרײַלאַנד־אַרכיוו טוען עד־היום לייבל כּהן און מ. שעכטער.

די שווערע האַרעוואַניע פון שאַפן פינאַנציעלע מיטלען אויסצוהאַלטן די געוורודפּטע חברים הינטערן אײַזערנעם פאָרהאַנג און אין אין פאַל פשוט דאָס אויסקויפן דורך פּדיון־שבֿויִים די טאָכטער פון אַ חבֿר האָט אויף זיך געטראָגן מ. שעכטער. אַ סך הונדערטער שעה אַרבעט זײַנען אויף דעם אַוועק: באַגעגע־נישן מיט שרײַבערס, אינטערוועצן מיט כּלערליי אָרגאַניזאַציאָנעלע בעלי־דעה, בריוו, בקשות אאַז״וו.

ס׳איז ווײַטער אָנגעגאַנגען די אַרבעט, וואָס מען האָט פריִער אָנגעהויבן: די פאַרהאַנדלונגען מיט דער עקוואַדאָרער רעגירונג, די אַרבעט אַרום דעם קאַמפּע־טשע־פּראָיעקט (וואָס זײַנען געווען באַשריבן אויבן) און די קליין־קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן (זען לייבל כּהנס הוספה). מען האָט אויך במשך פון עטלעכע יאָר גע־פּרוּווט פועלן בײַ דער יידישער מיגראַציע־אַגענטור „היִאַס״, זי זאָל קאָאָפּטירן ווי אַ מיטגליד פון איר דירעקטאָרן־קאָלעגיע דעם פאָרדינסטפולן מיגראַציע־טוער ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים. אין דער אַקציע האָבן אַרויסגעהאָלפן די אַדוואָקאַטן: י. גאָלדסטאָון, סיידי טוראַק און אַניטאַ סטריפּ־יובּלי. ווען מען האָט אײַנגעזען, אַז דער „היִאַס״ וויל בשום־אופן ניט דעמאָקראַטיזירן דעם אָליגאַר־כישן אַפּאַראַט זײַנעם, האָט די פרײַלאַנד־ליגע געפּרוּווט אויסקעמפן אַ נאָמיני־רונג בײַ דער פּלענאַרער סעסיע פון דער „היִאַס״־קאָנפערענץ (1961) און במילא אַ פרײַע וואַל. אָבער אויך צו דעם האָט דער ביוראָקראַטישער אַפּאַראַט פון „היִאַס״ ניט דערלאָזט.

די הויפּטפונקציע פון דער ליגע אין די יאָרן נאָך 1957 איז אָבער געווען ניט אַזוי די פּאָליטישע אַרבעט, ווי די אידעיִשע, דאָס „האַלטן דאָס ליכטל אָנ־געצונדן״, פאַרשפּרייטן אונדזערע אידעען און אידעאַלן אויף דער יידישער גאַס. צום טייל איז דאָס געטאָן געוואָרן דורך דער „דיסקוטיר־גרופּע בײַ דער פרײַ־

לאַנד־ליגע" (זינט 1957: „י. נ. שטיינבערג־דיסקוטיר־פֿאָרום"), צום טייל דורך אַרויסגעבן ווי סעפּאַראַט־אָפּדרוקן וויכטיקע אַרטיקלען פֿון י. זעליטש און ד"ר ל. מ. פּרוכטבוים, דער עיקרשט אָבער דורך אַרויסגעבן אונדזער יידישן און אונדזער ענגלישן פּרעסע־אָרגאַן.

דאָס שטיינבערג־בוך

ווי אַ טייל פֿון דער זייער שווערער אָרגאַניזיר־אַרבעט נאָכן טויט פֿון אַדאַ סיגאַל און י. נ. שטיינבערג איז דעם 25סטן־26סטן מײַ 1957 אין ניו־יאָרק פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון חבֿרים און פֿרײַנד פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט דעלעגאַטן און געסט פֿון ניו־יאָרק, פֿילאַדעלפֿיע, מאָנטרעאַל, מעקסיקע, מעלבורן און ראָטערדאַם. פֿון אַ צאָל אַנדערע שטעט — לאָס אַנדזשעלעס, שיקאַגאָ, בועניאָס־אײַרעס, פּאַריז, לאָנדאָן, אַמסטערדאַם, סידני, גבעתיים, וואַרשע, ברעסלע, טאַנזשיר א"אַ — זײַנען געקומען באַגריסונגען אָדער פֿאָרשלאָגן צו דער דיסקוסיע. עס זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן צוויי געשלאָסענע זיצונגען אונטערן פֿאָרזיץ פֿון ד"ר יהודה מינקין און איין עפֿנטלעכער צוזאַמענקום: דער באַנקעט. מען האָט אויסגעהערט באַריכטן און רעזאָלוציע־פּראָיעקטן פֿון ד"ר ל. מ. פּרוכטבוים, ד"ר אַ. קינג, ז. כאַבאַצקי, יעקבֿ לעווין, ד"ר מ. שעכטער און מען האָט אַרומגערעדט סײַ אַלגעמיינע, סײַ פּראַקטישע פֿראַגעס פֿון דער פֿרײַלאַנד־טעטיקייט. עס זײַנען באַשטעטיקט געוואָרן דער נײַער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר און די רעדאַקציע־קאָלעגיע פֿון אויפֿן שוועל. די עקזעקוטיווע איז קאָמפּלעטירט געוואָרן מיט עטלעכע נײַע מיטגלידער.[123]

די אָנגענומענע רעזאָלוציעס האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז די ליגע בלײַבט געטרײַ דעם טעריטאָריאַליסטישן אידעאַל און וועט ווײַטער פֿירן איר אַרבעט אין גדר פֿון אירע מעגלעכקייטן. צווישן החלטות האָט מען אָנגענומען בנוגע פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פֿון י. נ. שטיינבערג: אָנרופֿן די „דיסקוטיר־גרופּע בײַ דער פֿרײַלאַנד־ליגע": „י. נ. שטיינבערג־דיסקוטיר־פֿאָרום". צוזייטנס, לויטן פֿאָרשלאָג פֿון י. פּרייגער — אַרויסגעבן אַ י. נ. שטיינבערג־בוך. מען האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פֿון דרײַ (י. פּרייגער, נ. טוראַק, אַ. סטעף) תיכּף אָנצוהייבן די אַרבעט אַרום דעם בוך. די קאָמיסיע האָט צונויפֿגעשטעלט אַ ברייטערן בוך־קאָמיטעט: נ. טוראַק — פֿאָרזיצער, ד"ר י. מינקין, ד"ר עזריאל נאָקס, לויִס נעלסאָן און ד"ר עריך פֿראָם — וויצעפֿאָרזיצערס, אַהרן סטעף — קאַסירער, ד"ר ש. ז. יובֿלי — סעקרעטאַר, מ. גינזבורג, יעפֿים ישורין, י. פּרייגער, ד"ר א. קינג און ה. קעמפּינסקי — מיטגלידער פֿון דער עקזעקוטיווע, און נאָך 39 מיטגלידער פֿונעם פֿולן קאָמיטעט.[124]

דער קאָמיטעט האָט אויסגעטיילט די רעדאַקציע־קאָלעגיע: ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, אַ. גאָלאָמב, ח. ש. קאַזדאַן, ד"ר לעאָ שטיינבערג און ד"ר מרדכי שעכ־

טער. מלך ראַוויטש איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פֿון דער רעדאַקציע און האָט גענומען אויף זיך די טעכנישע אַרבעט ביים צוגרייטן און אַרויסגעבן דאָס בוך. אויף דער זיצונג פֿונעם בוך־קאָמיטעט דעם 26סטן אָקטאָבער 1957 האָט מען אויסגעאַרבעט רעקאָמענדאַציעס וועגן דעם כאַראַקטער פֿון בוך. דאָס שרייבן און רעדאַקטירן די אַרטיקלען, דאָס דרוקן, קאָרעגירן און בינדן האָט פֿאַרנומען אַרום דריי יאָר. דאָס בוך, 672 זייטן טעקסט און 12 זייטן אילוסטראַציעס, איז אַרויס אין ניו־יאָרק אָנהייב 1961. די זייער באַטייטיקע געלטסומע אויף אַרויס־צוגעבן אַזאַ בוך האָט זיך צונויפֿגעשטעלט פֿון ביישטייערס פֿון יחידים און פֿון אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען.

דאָס בוך (פֿינקטלעך קעפּל: יצחק נחמן שטיינבערג: דער מענטש, זיין וואָרט, זיין אויפֿטו: 1888־1957) איז כולל אַרטיקלען פֿון 35 מחברים, מאַטע־ריאַלן פֿון י. נ. שטיינבערגס ליטעראַרישן עזבון און בריוו, ביבליאָגראַפֿיע. דאָס בוך גיט ניט נאָר אַן אַלזייטיק און פֿילקאָליריק בילד פֿון י. נ. שטיינבערגס לעבן און שאַפֿן און פֿון זיין באַטייט ווי מענטש, טוער, פֿירער און לערער. עס איז אויך כולל אַ רייכן היסטאָרישן מאַטעריאַל וועגן אָרגאַניזאַציעס, אויס־גאַבעס און פּאָליטישע אַקציעס, וואָס י. נ. שטיינבערג האָט אין זיי אָנטייל־גענומען. דאָס בוך איז ניט נאָר אַ ווערדיקע מצבֿה נאָך אַ רייך און אַקטיוו דורכגעלעבט לעבן; עס האָט אויך אַן ערשטראַנגיקן באַטייט פֿאַר דער גע־שיכטע פֿון טעריטאָריאַליזם און זיינע אידעיִשע ניואַנסן, פֿון טעריטאָריאַליס־טישע פּראָיעקטן און אַקציעס. כאָטש געגעבן צו שטייער אָרגאַניזאַציאָנעל, פֿינאַנציעל, ליטעראַריש, רעדאַקציאָנעל האָבן אַ גרעסערע צאָל טוערס און שרייבערס, קומט אָבער דער גרויסער יישר־כּוח פֿאַרן שטיינבערג־בוך נ. טוראַקן און מלך ראַוויטשן. אָן זיי וואָלט קיין שטיינבערג־בוך ניט געווען.

אויפֿן שוועל נאָך 1957 [125]

עס איז שווער געווען צו בלייבן אָן אַ רעדאַקטאָר פֿון י. נ. שטיינבערגס קאַליבער. דאָך איז די רעאָרגאַניזיר־אַרבעט אַרום אויפֿן שוועל אַוועק כּשורה. מען האָט אויסגעקליבן אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע: אַ. קיהן, אליהו שולמאַן, מ. שעכטער, אַ. כאַבאַצקי, י. לעווין.[126] „דאָ", דערמאָנט זיך מ. שעכטער, „האָבן מיר געהאַט די ניט אָפּצושאַצן ווירקזאַמע און קאָמפּעטענטע מיטאַרבעט פֿון קיהנען", וואָס איז נאָך י. נ. שטיינבערגס טויט אויף ס׳ניי אַקטיוו געוואָרן אין דער ליגע. צום קרייז שטענדיקע מיטאַרבעטערס פֿון אויפֿן שוועל איז אין 1957 צוגעקומען מיכאל אַסטור. ער האָט געשריבן דאָס רובֿ עדיטאָריאַלן נאָך 1957. אלקנה כראַבלאָווסקי האָט (אונטערן פּסעוודאָנים אַ. בין) איבערגענומען דעם פּרעסע־איבערבליק. דערנאָך איז די רובריק אַריבער צו י. זעליטשן, וואָס פֿירט זי אָן מיט אַ סך טעמפּעראַמענט אונטערן פּסעוודאָנים אַ. ראַסקין.

אויפֿן שוועל גייט רעגולער אַרויס זעקס מאָל אַ יאָר. אין פֿאַרגלייך מיט

די לעצטע יאָרן פֿון י. נ. שטײנבערגס רעדאַקטאָרשאַפֿט איז אין אים רעלאַטיוו װײניקער פֿאַרטראַטן די מדינת־ישׂראל־טעמאַטיק. די מדינה האָט אױפֿגעהערט צו זײַן נײַ און עקזאָטיש, און די אָרגאַנישע פֿעלערן אירע (װאָס אויפֿן שוועל האָט זיי אויפֿגעדעקט אין אירע ערשטע יאָרן) װערן שוין איצט אָפֿן אָנערקענט און קריטיקירט אין דער מדינה און אין די תּפֿוצות. די װירקלעכקייט און די פּראָבלעמען פֿון מדינת ישׂראל װערן באַטראַכט און אָפּגעשאַצט װײניקער פֿון אַלגעמײן עטישע און מער פֿון פּראַגמאַטישע פּאָזיציעס, הגם דאָס איז ניט משפּיע אויפֿן יסודותדיקן צוגאַנג. די קריטיק גייט װײַטער און טיפֿער װי דער מלוכה־פּעריאָד נאָך 1948 — זי איז געווענדט קעגן דעם מהות פֿון ציוניזם בכלל.

אין די יאָרן נאָך 1957 האָט אויפֿן שוועל, פּונקט װי ביז דעמאָלט, אַרויס־געוויזן אַן אינטערעס צו ענינים פֿון קלײן־קאָלאָניזאַציע (אַרטיקלען פֿון אַ. גאָלאָמב, יעקבֿ לעווין, ד״ר מ. שעכטער א״אַ) און אַרגענטינער קאָלאָניעס (מ. בורסוק א״אַ).

אויך צו פּראָבלעמען פֿון לאָקאַלן קולטור־לעבן האָט מען אין די יאָרן אַרויסגעוויזן אַ שפּאָר ביסל אינטערעס. אַזוי איז אויפֿן שוועל מסתּמא געווען דער אײנציקער ייִדישער זשורנאַל, װאָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַזאַ װיכטיקער קולטור־פּאָזיציע װי ייִדישער ראַדיאָ און האָט דעם ענין אָפּגעגעבן אַ גאַנצן נומער (מאַרץ־אַפּריל 1964) מיט אַרטיקלען פֿון ד״ר ש. ז. יובֿלי, אַבֿי־יפֿה, ד״ר מרדכי שעכטער א״אַ װעגן די ראַדיאָ־פּראָגראַמען אין די פֿש״אַ, ישׂראל און רומעניע.

אויפֿן שוועל האָט דרײַ מאָל עדיטאָריאַל זיך אָפּגערופֿן (יהודה זעליטש, מ. שעכטער) אויף דער פֿאַריתומקייט פֿון ייִדיש־סעקטאָר, װען עס קומט צום צעטיילן די קהלשע געלטער, און אויף דער נייטיקייט צו שאַפֿן אייגענע ייִדיש־פֿונדאַציעס, כּדי צו פֿאַרריכטן כאָטש צום טייל די הימל־שרײַיקע עוולות, װאָס װערן באַגאַנגען אין דעם פּרט. כאָטש גײַסטיקע און אידעיִשע באַווירקונג איז אַזאַ זאַך, װאָס לאָזט זיך ניט גרינג דערווײַזן, איז אָבער בלי שום ספֿק אַ פֿאַקט, אַז דאָס האַמערן מיט עדיטאָריאַלן אויף דער טעמע האָט געהאַט אַ פּעולה. אַ ראיה לדבֿר זײַנען ניט נאָר די בריוו אין רעדאַקציע, נאָר אויך דער אויפֿקום פֿון אַ צאָל פֿאָנדן פֿאַר פֿאַרשיידענע ייִדיש־קולטורעלע צילן, װאָס די איניציִירערס זייערע זײַנען אַלע געווען לאַנגיאָריקע לייענערס פֿון אויפֿן שוועל (די אַ. קינג־פֿונדאַציע, די אַהרן פּישמאַן־פֿונדאַציע פֿאַר ייִדישער קולטור, די אַמיייִדיש־פֿונדאַציע, דער קאַרל ראַטמאַן־פֿאָנד א״אַ).

אויך װעגן דער מערכה פֿון ייִדישן פֿאַרלעגערײַ האָט אויפֿן שוועל זיך עדיטאָריעל אָפּגערופֿן (ד״ר אליהו שולמאַן), װי אויך װעגן מצבֿ פֿון ייִדיש אין די אַמעריקאַנער ייִדישע זומער־קאָלאָניעס (יהודה זעליטש, ד״ר מ. שעכטער; אין ענגלישן פֿרילענד האָט װעגן דעם געשריבן קעראָל פֿרוכטבוים). אונדזער קאַמפּאַניע — מען מעג כּמעט רעדן װעגן אַ קאַמפּאַניע — אויסצובעסערן די

פּאָזיציע פֿון ייִדיש אין די זומער־לאַגערן האָט געהאַט אַ היפּשן דירעקטן און אומדירעקטן אָפּקלאַנג אין דער ניו־יאָרקער ייִדישער טאָג־פּרעסע, ווו עס האָבן זיך וועגן די ענינים אַרויסגעזאָגט עטלעכע שרײַבערס (דערונטער אפֿרים אויערבאַך, ד״ר ש. מאַרגאָשעס, ד״ר ב. סווערדלין) און לייענערס (משה וואָלעצקי, י. קאָזלאָווסקי א״אַ). די אַקציע האָט דערפֿירט צו אַ צאָל רעזולטאַטן.

סײַ עדיטאָריעל, סײַ דורך אַנדערע אַרטיקלען האָט אויפֿן שוועל זיך אָפּגערופֿן אויף דער נײַ־אויפֿגעקומענער יוגנטרוף־באַוועגונג (י. זעליטש, א. כראַבלאָווסקי, ד״ר וו. גליקסמאַן) און דערבײַ אַנגעוויזן, אַז דער עלטערער דור האָט אָט דעם ליכטיקן שטראַל אויפֿגענומען מיט ענטוזיאַסטישע רייד, אָבער מיט ווינציק מעשׂים (ד״ר מ. שעכטער). איז ווידער דאָס אייגענע: אפֿשר איז עס הויל̇ער צופֿאַל און אפֿשר ניט, אָבער די געבעסערטע באַציִונג, וואָס מערקט זיך לעצטנס צו דער יוגנטרוף־באַוועגונג, דעקט זיך כראָנאָלאָגיש מיט דער פּראָיוגנטרוף־קאַמפּאַניע פֿון אויפֿן שוועל.

אונדזער אָרגאַן איז אויך געווען דער ניט־קאָמוניסטישער (אָדער מיט־לויפֿערישער) ייִדישער זשורנאַל, וואָס האָט אָפּגעמערקט ווי געהעריק דעם 20סטן יאָרצײַט פֿון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, מיט אַרטיקלען פֿון שאול גוטמאַן, יודל מאַרק, ד״ר מרדכי שעכטער א״אַ (נאָוועמבער־דעצעמבער 1963)· אַ נומער (מײַ־יוני 1960) איז אויך געווען אָפּגעגעבן צו ש. דובנאָווס 100־יאָריקן געבוירן־טאָג (אַרטיקלען פֿון מ. אַסטור, ש. גוטמאַן, י. טשערניכאָוו [געשריבן 1938]), און שלום־עליכמס 100־יאָריקן געבוירן־טאָג (מײַ־יוני 1959, מיט אַרטיקלען פֿון ל. באַיאָן, מ. ראַוויטש, אליהו שולמאַן, מ. שעכטער). געווען אויך אָפּשאַץ־אַרטיקלען וועגן לייזער וואָלף (מ. אַסטור), באָריס פּאַסטערנאַק (מ. אַסטור) א״אַ.

אין אַ סעריע גוט דאָקומענטירטע אַרטיקלען האָט ד״ר מיכאל אַסטור אין אויפֿן שוועל אויפֿגעוויזן, אויף ווי ווײַט דאָס ראַטעווען ייִדישע לעבנס אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז בײַ די ציוניסטישע וואָרטזאָגערס אָפּגעטראָטן אויפֿן צווייטן פּלאַן לגבי דער פּאָליטישער אַרבעט פֿאַר ייִדישער מדינה. ערשט שפּעטער האָבן ד״ר נ. גאָלדמאַן, אליעזר ליבנה און אַנדערע ציוניסטישע מנהיגים באַאמתט אָט די טענות, כאָטש בשעתו זײַנען די טענות פֿאַרשריגן געוואָרן ווי אַנטיציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. ס'איז כּדאי צו פֿאַרצייכענען, אַז בריוו אין רעדאַקציע אין די ניו־יאָרקער טאָגצײַטונגען, ווו פֿרײַלאַנד־חבֿרים (ד״ר מ. אַסטור, ד״ר י. מינקין, ד״ר מ. שעכטער) האָבן געפּרוווט אָפּלייקענען א. אויערבאַכס א״אַ טענדענציעזע פֿאַרדרייעניש אין דער דאָזיקער שייכות, זײַנען ניט געדרוקט געוואָרן.

וועגן מצבֿ פֿון ייִדן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ווי אויך מיגראַציע־פּראָבלעמען בכלל האָבן אין די יאָרן 1957־1967 זיך געדרוקט אַרטיקלען פֿון צ. אַנין, ד״ר מ. אַסטור, גריגאָרי אַראָנסאָן, לייבל כּהן, אַבֿרהם שולמאַן, ד״ר אליהו שולמאַן א״אַ.

אויפֿן שוועל איז געווען דער איינציקער יידישער זשורנאַל, ווו מען האָט זיך ווי געהעריק אָפּגעשטעלט אויף אַזוינע ערשטמאָליקע און אימפּאָזאַנטע גע־שעענישן ווי די „קאָנפֿערענץ פֿאַר יידיש־פֿאָרשונג — 1958" און די אַלוועלט־לעכע קאָנפֿערענץ פֿאַר יידישער דיאַלעקטן־פֿאָרשונג אין 1964.

פּיאָניריש איז אויפֿן שוועל געווען אין נאָך אַ פּרט: מיטן אײַנפֿירן אַ שטענדיקן אָפּטייל וועגן קאָרעקטן יידישן שפּראַכבאַניץ א״ב „לײַטיש מאַמע־לשון" (ד״ר מ. שעכטער), וואָס האָט געשפּילט און שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע בײַם פּאָפּולאַריזירן די באַגריפֿן פֿון יידישער שפּראַכקולטור אויף דער יידי־שער גאַס. ס'איז טשיקאַווע צו דערמאָנען, אַז העכער צוויי דריטל פֿון די בריוו אין רעדאַקציע וואָס אויפֿן שוועל האָט אַרײַנגעקראָגן אין די יאָרן 1957־1967 — הן די וואָס מען דרוקט, הן די וואָס צוליב דוחק אין פּלאַץ בלײַבן זיי ליגן אין די שופֿלעדלעך און פּאַפּקעס פֿון דער רעדאַקציע — זײַנען אָפּרופֿן אויף דער רובריק „לײַטיש מאַמע־לשון". ווען מען האָט צו די לייענערס פֿון אויפֿן שוועל אַרויסגעשיקט אַ בריוו וועגן דעם אָרטאָגראַפֿיע־קורס, וואָס דער ייוואָ האָט אין ווינטער 1964/65 אָרגאַניזירט בשותּפֿות מיט דער „קאָמיסיע דורכ־צופֿירן דעם איינהײַטלעכן יידישן אויסלייג", האָבן זיך רעגיסטרירט 81 בעלנים — שרײַבערס, לייענערס, רעדאַקטאָרן, סטודענטן, סעקרעטאַרשעס אאַז״וו. חוץ ד״ר שעכטערן האָבן אויף די שפּאַלטן פֿון אויפֿן שוועל זיך אויך אַרויס־געזאָגט לטובֿת אַ ציכטיק לשון בכלל און לטובֿת דעם איינהײַטלעכן אויסלייג בפֿרט: ד״ר מ. אַסטור, יעקבֿ בירנבוים, ד״ר י. בערנפֿעלד, ד״ר נ. ברוסילאָוו, י. זעליטש, לייבל כהן, אלקנה כראַבלאָווסקי, ש. מאַלץ, ד״ר אליהו שולמאַן א״אַ. אויפֿן שוועל איז געווען דער ערשטער יידישער זשורנאַל (חוץ די ייוואָ־אויסגאַבעס), וואָס האָט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה דורכגעפֿירט די תּקנות פֿון יידישן אויסלייג; אין דעם פּרט איז אונדזער אָרגאַן געווען וועג־ווײַזעריש פֿאַר די גאָלדענע קייט, דווקא, יוגנטרוף א״אַ. ס'איז כאַראַקטעריס־טיש, אַז כמעט אַלע לייענערישע ליבבריוולעך, וואָס קומען אָן אין איינעם מיטן יאָריקן אַבאָנעמענט־אָפּצאָל, פּאַררופֿן זיך אויף דער ראָלע פֿון אויפֿן שוועל ווי אַ קעמפֿער פֿאַר באַציִונג צו יידיש בכלל און ציכטיק און ריכטיק לשון בפֿרט.

מיט פֿאַרשיידענע אַנדערע פּראָיעקטן לטובֿת יידיש זײַנען אויף די עמודים פֿון אויפֿן שוועל אַרויסגעטראָטן: דוד באַטווּיניק, אַ. גאָלאָמב, י. זעליטש, א. כראַבלאָווסקי, יעקבֿ לעווין, אליהו שולמאַן, מ. שעכטער.

אַרטיקלען וועגן דער ווערדע פֿון יידיש און די ווערק פֿון יידישע קלאַ־סיקערס האָבן געשריבן ד״ר מ. אַסטור, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, ה. לעפּטוויטש, מלך ראַוויטש, ד״ר אליהו שולמאַן, ל. באַיאַן, ד״ר י. בערנפֿעלד א״אַ. וועגן דעם, ווי אַזוי עס ווערט בײַ אונדז פֿאַרקוקט וויסנשאַפֿטלעכע שאַפֿונג האָבן געשריבן ד״ר אליהו שולמאַן, ד״ר מ. שעכטער.

אויפֿן שוועל האָט זיך ניט געהיטן אָנצורירן פּלוגתּאדיקע טעמעס. מע

האָט קריטיקירט די וועלטלעכע יידישקייט (אַ. גאָלאָמב), דעם קלעריקאַליזם (י. זעליטש), דעם ציוניזם (מ. אַסטור, א. כראַבלאָווסקי, י. זעליטש), די יידן וואָס האָבן אַן אומטאָלעראַנטע באַציִונג צו נעגערס (טשאַרנע שעכטער), דעם קולטור־קאָנגרעס און זיין אומאָקטיוויטעט (מ. שעכטער), דעם „בונד" (אַ. גאָלאָמב, א. כראַבלאָווסקי), דעם פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום" (ד"ר אליהו שולמאַן), דעם „יד־ושם" (ב. טשובינסקי), דעם ביבליאָגראַפישן פּראָיעקט פון ייוואָ און יד־ושם (יעקבֿ בירנבוים), די יידישע פרעסע — איר פּאַרטייִשע איינזייטיקייט (י. זעליטש) און איר אומקולטורעלע שפּראַך, אָפּגעשטאַנענעם אויסלייג (ד"ר נ. ברוסילאָוו, יעקבֿ לעווין א"אַ). מען האָט זיך ניט געשראָקן צו פאַרטשעפּען שרייבערס אָדער טוערס: א. אויערבאַכן (מ. אַסטור, י. זע־ליטש), ש. איזבאַנען (י. בירנבוים, מ. שעכטער), דוד איינהאָרנען (י. זעליטש), ע. נאָוואָגרודסקין (מ. אַסטור), י. פּאַטן (ב. גאָרדאָן), אַ. צייטלינען (מ. אַסטור).

מען האָט אָבער ניט נאָר קריטיקירט און אַרײַנגעזאָגט. ווו ס'איז געקומען אַ שבֿח, האָט מען אים ניט געזשאַלעוועט — דעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד (ד"ר ש. ז. יובֿלי, מ. שעכטער), דער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע אין פילאַדעלפיע (מ. שעכטער), דעם קולטור־קאָנגרעס (ד"ר אליהו שולמאַן), דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט (ד"ר אליהו שולמאַן), דעם פאַרלאַג „דער קוואַל" און די זשורנאַלן די גאָלדענע קייט און דווקא (מ. שעכטער), שלום אַשן (ד"ר אליהו שולמאַן), מלך ראַוויטשן (ד"ר מ. אַסטור, יעקבֿ בירנבוים), אַ. גלאַנץ־לעיעלעסן (מ. אַסטור, ש. גוטמאַן, ישׂראל עמיאָט, ד"ר אליהו שול־מאַן), י. גלאַטשטיינען (י. זעליטש), ד"ר ש. מאַרגאָשעסן (י. זעליטש), אסתּר שומיאַטשערן (יעקבֿ בירנבוים), ד"ר ש. בירנבוימען (ד"ר י. בערנפעלד), ח. בעזן (מ. שעכטער), ש. דינגאָלן (א. כראַבלאָווסקי), לוויס נעלסאָנען (ב. י. ביאַ־לאָסטאָצקי), ה. לייוויקן (ל. באַיאָן), שמעון ראַווידאָוויטשן (אַ. גאָלאָמב).

כאָטש בעלעטריסטיק איז ניט די „ספּעציאַליטעט" פון אויפן שוועל, האָבן פון דעסט וועגן אין די יאָרן 1957־1967 זיך אין אים געדרוקט לידער אָדער דערציילונגען פון: ח. באַרקאַן, רחמיאל בריקס, אַ. גלאַנץ־לעיעלעס, אַבֿרהם זאַק, ה. לייוויק, אַ. סוצקעווער, רחל פישמאַן, מלך ראַוויטש, אַ. רות (י. בירנ־בוים), מ. מ. שאַפיר א"אַ. ווי אויך אַ צאָל רעצענזיעס וועגן פאַרשיידענע ביכער און אָפּשאַצונגען פון שרייבערס. געשריבן די אָפּשאַצונגען האָבן מ. אַסטור, גריגאָרי אַראָנסאָן, ל. באַיאָן, אַ. גאָלאָמב, ש. גוטמאַן, י. זעליטש, ש. מאַלץ, ח. ש. קאַזדאַן, אליהו שולמאַן, מ. שעכטער. צו אַ באַזונדער זשאַנער געהערט „בן־גוריונס רעוואָלאַציעס וועגן יציאת־מצרים", געשריבן פון מ. אַס־טור „מיט די ניכטערע אויגן פון אַ היסטאָריקער".

אויפן שוועל האַלט ניט פונעם פּרינציפּ „אחרי מות קדושים אומרים". חבֿרים, וואָס זיי לייגן אַוועק זייערע כּוחות פאַר דער באַוועגונג, דאַרף מען אָפּשאַצן נאָך בײַם לעבן. האָט מען טאַקע אויף די שפּאַלטן פון אויפן שוועל ווי געהעריק אַרויסגעהויבן די אויפטוען סײַ פון אַוועקגעגאַנגענע, סײַ פון

לעבעדיקע. זײַנען אין אויפֿן שוועל געווען אַרטיקלען (עס וואָלט געווען צו לאַנג אויסצורעכענען זייערע מחברים) וועגן ישׂראל זאַנגוויל, בן־אַדיר, י. נ. שטיינבערג, אַדאַ סיגעל, מ. מענדעלסבערג, ד״ר אַהרן סינגאַלאָווסקי, יעקבֿ לעווין, רבֿקה לעווין, אַ. סטעף, ד״ר אַ. קינג, מאַקס האַלצמאַן, יצחק מאַטענקאָ, אלקנה כראַבלאָווסקי, אַלפֿרעד דעבלין, רבֿקה לאַגונאָווא־פֿײַנליב, מ. אַסטור, י. זעליטש, ל. באַיאַן, אַ. גאַלאַמב, מ. ווישנעצקי א״אַ.

אַ היפּשן אינטערעס צווישן די לייענערס האָבן אַרויסגערופֿן די זכרונות וואָס האָבן זיך געדרוקט אין אויפֿן שוועל: מ. אַסטורס וועגן דער שפּאַרבער־באַוועגונג און וועגן י. נ. שטיינבערגן, ליפּשע ווידמאַנס און ד״ר יהודה מינקינס וועגן זייערע קינדער־יאָרן.

די שפּאַלטן פֿון אויפֿן שוועל זײַנען פּונקט ווי ביז 1957 געווען אָפֿן פֿאַר פֿרײַנדלעכער און אומפֿרײַנדלעכער קריטיק. להיפּוך צו טייל אַנדערע ייִדישע אויסגאַבעס, האָט דער טעריטאָריאַליסטישער פּרעסע־אָרגאַן געלאָזט קומען דעם אידעיִשן קעגנער צום וואָרט. מע האָט געדרוקט פּאָלעמישע אַרטיקלען און בריוו פֿון ש. איזבאַן, נ. ש. דייוויס, נתן חפֿשי, בערל לאָקער, ל. לעוויג־סאָן, יודל מאַרק, עמנואל נאָוואָגרודסקי, מ. פּעטשעניק א״אַ.

די באַציִונג, וואָס אויפֿן שוועל האָט באַוויזן צו זיך אַרויסצורופֿן, האָט זיך קענטיק אַרויסגעוויזן, ווען מען האָט אין 1962 אויף אַן אימפּאָזאַנטן אופֿן אונטערן פֿאָרזיץ פֿון י. זעליטש אָפּגעמערקט דעם 20־יאָריקן יובֿל פֿונעם זשורנאַל. מיט יום־טובֿדיקע סך־הכּלען זײַנען אַרויסגעטראָטן: מ. אַסטור, ד״ר ש. ביקל (אין נאָמען פֿונעם ייִדישן פּען־קלוב), ח. בעז (אין נאָמען פֿונעם אַל־וועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס), ש. גוטמאַן, אַ. גלאַנץ־לעיעלעס. פֿאַר אַן אומקאָנפֿאָרמיסטישן זשורנאַל אין אַ קאָנפֿאָרמיסטישער סבֿיבֿה איז דער יום־טובֿ געווען אַ שטיקל נחמה. אויף אַנדערע פֿרײַלאַנד־אונטערנעמונגען נאָך 1957 זײַנען אַרויסגעטראָטן: דער באַרימטער סאָציאַליסטישער פֿירער און פֿיל־מאָליקער פּרעזידענט־קאַנדידאַט נאָרמאַן טאָמאַס, דער לאַנגיאָריקער פֿאַר־דינסטפֿולער פּעדאַגאָג ח. ש. קאַזדאַן, דער פּאַציפֿיסטישער טוער הרבֿ ד״ר איזידאָר האָפּמאַן, דער קונסטקריטיקער ד״ר לעאָ שטיינבערג, די שרײַבערס חיים גראַדע, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, ל. פֿײַנבערג, לויִס נעלסאָן (גענעראַל־פֿאַר־וואַלטער פֿון לאָקאַל 155, שטריקערײַ־יוניאָן), אַ קעגן־שטראָם־שווימער אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג, שטיצט עד־היום דעם אויפֿן שוועל מיט ווערטער און קאָנקרעטע מעשׂים.

אַ קענטיקן צושטײַער צום קיום און וווקס פֿון אויפֿן שוועל האָבן געגעבן ד״ר יהודה מינקין און ד״ר מ. שעכטער. אין די 10 יאָר נאָכן אַוועקגאַנג פֿון י. נ. שטיינבערג האָבן זיי געשאַפֿן העכער 400 נײַע לייענערס און אַבאָנענטן, אַזוי אַז דער ייִדישער פּרעסע־אָרגאַן פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע איז איינער פֿון די ווייניק ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס זײַן לייענערשאַפֿט ווערט ניט אײַנגעשרומפּן, נאָר אַדרבא זי וואַקסט פֿון יאָר צו יאָר.

פּרילעַנד נאָך 1957 [127]

מיטן ענגלישן פרילעַנד איז די רעאָרגאַניזאַציע נאָכן טויט פון אַדאַ סיגעל און י. שטיינבערג אָנגעקומען שווערער ווי מיטן אויפן שוועל. עס האָבן אויס־געפעלט קוואַליפיצירטע ענגליש־יידישע שרײַבערס טעריטאָריאַליסטן און עס איז ניט געווען אַזאַ לאַיאַלע לייענערשאַפט, ווי אויפן שוועל האָט באַוויזן זיך אײַנצושאַפן צווישן עלטערן און יינגערן דור.

פרילעַנד האָט געהאַט דרוקטעכנישע פּראָבלעמען: ביז 1961 האָט ער זיך געדרוקט אין מעקסיקע, פון דעמאָלט אָן אין ניו־יאָרק. דער צוזאַמענשטעל פון דער רעדאַקציע האָט זיך געביטן. אין 1957 האָט דעם זשורנאַל רעדאַק־טירט ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים מיט דער הילף פון באַצאָלטע אָנגעשטעלטע, פון 1958 ביז 1961 — אַ קאָלעגיע: ד״ר עריך פּראָם, לייבל כהן, אליהו שולמאַן, ד״ר מרדכי שעכטער און (אַ געוויסע צײַט) מיכאל אַסטור. זינט 1962 איז אַרלין סופר רעדאַקטאָר־פּאַרוואַלטערין [128] אין מיטאַרבעט מיט דער רעדאַק־ציע־קאָלעגיע: ל. כהן, ד״ר עריך פּראָם און ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים. ד״ר מ. שעכטער, כאָטש ער געהערט ניט אָפיציעל צו דער רעדאַקציע, איז בײַהילפיק בײַם צוגרייטן און אַרויסגעבן יעדן נומער.

להיפוך צום אויפן שוועל, האָט פרילעַנד ניט תּמיד פונקציאָנירט ווי גע־העריק. עס האָט געפעלט די האַנט פון אַ שטאַרקן רעדאַקטאָר. די רעדאַקציע־קאָלעגיע איז ניט געווען פּינקטלעך בײַם אויספירן אירע פונקציעס. דער קאָנ־טאַקט צווישן איר און די שטענדיקע מיטאַרבעטערס איז געווען אַ לויזער, הגם סײַ אין דער רעדאַקציע, סײַ צווישן די מיטאַרבעטערס געפינען זיך שוין זינט יאָרן אַזעלכע אָנגעזעענע נעמען ווי ד״ר עריך פּראָם (וועלטבאַקאַנטער פּסיכאָאַנאַליטיקער און מחבר), ד״ר ווערנער קאַהנמאַן (סאָציאָלאָג), ד״ר עזריאל נאַקס (פילאָסאָף, יידישער שרײַבער), האַנס קאָהן (דערציִער, מחבר), יוסף לעפטאָוויטש (שרײַבער און איבערזעצער פון יידישער פּאָעזיע) א״אַ. עס איז אויך געווען אַ דוחק אין געלט צו באַצאָלן אַרטיקלען פון פּראָפעסיאָנעלע שרײַבערס. דאָס אַלץ האָט דערפירט דערצו, אַז פרילעַנד גייט אַרויס ניט־פּעריאָדיש.

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך די לאַגע צום טייל פאַרבעסערט. אין זײַן מעקסיקאַנער תּקופה איז דער זשורנאַל געווען אַלטפרענקיש לויטן אויסזען, מיט אַ סך דרוקפעלערן. נאָכן אַריבערפירן אים קײַן ניו־יאָרק און אָנשטעלן אַ פּראָפעסיאָנעלן טעכנישן רעדאַקטאָר (פרוי אַרלין סופר) האָט מען אָט די חסרונות באַזײַטיקט. דער אויסזען פון עם זשורנאַל איז מאָדערניזירט געוואָרן. פרוי סופר האָט אײַנגעפירט אַ שטרענגן קאָנטראָל איבערן נוצן די פאַרשיידענע מינים שריפט און אויסשטעלן די זײַטן (אין דעם פּרט איז פרילעַנד בעסער ווי אויפן שוועל). זי האָט אַרײַנגעבראַכט אינעם זשורנאַל אַ סך פרישע אידעען און אײַנפאַלן.

דער כאַראַקטער פֿון פֿרילענד איז שטענדיק געווען און איז פֿאַרבליבן אַ פֿילזײַטיקער. די אַרטיקלען און רובריקן רירן אָן כלערליי פּראָבלעמען, אַלגעמיינע און ייִדישע, לאָקאַלע און אוניווערסאַלע. ניט געקוקט אויף די טעכנישע שוועריקייטן, וואָס עס קומט מיט זיי אויס זיך צו ראַנגלען, פֿאַרנעמט פֿרילענד אַן אייגנדיקע פּאָזיציע אין דער ענגליש־ייִדישער פּעריאָדיק. ער איז דער איינציקער ייִדישער זשורנאַל אויף ענגליש, וואָס פֿאַרשפּרייט די אידעעס פֿון פּלאַנירטער עמיגראַציע און קאָנצענטראַציע און פֿון מיליטאַנטישן ייִדישיזם.

פֿרילענד האָט תּמיד אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמע באַציִונג צו ייִדישע קולטור־דערגרייכונגען בכלל, און ייִדיש בפֿרט. יעדער נומער ברענגט ייִדישע קולטור־נײַעס און רופֿט זיך אָפּ אויף פֿראַגעס פֿון ייִדישן אינטערעס. אויף די שפּאַלטן פֿון פֿרילענד האָבן פֿיגורירט, צוו״אַ, קאָמענטאַרן אויף יעווגעני יעווטושענקאָס ליד „באַבי יאַר“;[143] קולטור־געגנאָציד קעגן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד; אײַנפֿירן די קאַטעדרע פֿון אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע א״נ פֿון דזשאָן פֿ. קענעדי בײַם בר־אילן־אוניווערסיטעט אין ישׂראל; מערכה פֿון מיעוטים־שפּראַכן אין אַמעריקע (פּראָפֿ׳ שיקל פֿישמאַן). ווי מוסטערן פֿון אַרטיקלען וועגן איינצלנע אַספּעקטן פֿון דער ייִדיש־קולטור קאָן מען אָנרופֿן: רעצענזיע אויפֿן זיבנשפּראַכיקן ווערטערבוך פֿון דער ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ, וווּ ייִדיש איז איינע פֿון די וועלטשפּראַכן (ד״ר מ. שעכטער); לייוויק ווי אַ קאַנדידאַט פֿאַר דער נאָבעל־פּרעמיע (עדיטאָריאַל, ציטירט און אונטערגעהאַלטן פֿון ד״ר ש. מאַרגאָשעס אין טאָג־מאָרגן־זשורנאַל); האָלענדישע רעגירונג שטיצט אַ קריטישע אויסגאַבע פֿונעם שמואל־בוך; די פֿעדעם צווישן דער ייִדישער ליטעראַטור און דעם ייִדישן פֿאָלק (ד״ר כאַסיע קופּערמאַן); ייִדיש אין העכערע דערציִונג־אינסטיטוציעס (ד״ר אליהו שולמאַן); דער אָפּגעפֿונענער כּתבֿ־יד פֿון ד״ר ישׂראל צינבערגס געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן, באַנד 9, אד״גל.

דער מיליטאַנטיש־ייִדישיסטישער כאַראַקטער פֿון פֿרילענד דריקט זיך אָפּ אויס אין געזעלשאַפֿטלעכער קריטיק. למשל, דער עדיטאָריאַל „אין גלות בײַ ייִדן“ חוזקט אָפּ פֿון די מאה־ און דעה־האָבערס, וואָס ניט נאָר שטיצן זיי ניט ייִדיש־אינסטיטוציעס, נאָר זיי קעמפֿן, ייִדיש זאָל ניט אַרײַנדרינגען אין דער אַקאַדעמישער סבֿיבֿה. אַן אַנדער עדיטאָריאַל איז געווען געווענדט קעגן די ישׂראל־שליחים, וואָס צעשטערן דעם ייִדיש־לימוד אין די ייִדישע שולן פֿון לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער (דערויף האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופֿן דער רי־קאָנסטראָקשאָניסט. אַנדערע בײַשפּילן: אַ רוף פֿאַר ייִדיש אין די עפֿנטלעכע מיטלשולן (ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים); אָפּרוף אויף קלמן כצנלסונס אַרויסטריט וועגן דער חשיבֿות פֿון ייִדיש פֿאַר דער קולטור־אַנטוויקלונג פֿון מדינת־ישׂראל.

דער מאָמענט פֿון קריטיק בנוגע עוולות אין ייִדישן לעבן באַגרענעצט זיך ניט צו עוולות לגבי ייִדיש. עס זײַנען געווען עדיטאָריאַלן וועגן דעמאָקראַטיזירן ייִדישע פּאַרטייען און אינסטיטוציעס אין די תּפֿוצות; וועגן דער נייטיקייט

פֿון אַ גרעסערן בײַשטײַער פֿאַר ייִדישער דערציִונג מצד די קהלשע פֿאָנדן; וועגן דעם, ווי די פּרעזידענטן־קאָנפֿערענץ (דאַך־אָרגאַניזאַציע פֿון ייִדישע קערפּערשאַפֿטן אין פֿש״אַ) שטעלט זיך אַנטקעגן דער אימיגראַציע פֿון רומענישע ייִדן קיין אַמעריקע; אַז „הײַאַס" נייטיקט זיך אין אַן אמת דעמאָקראַטישן יסוד; וועגן דער פּאַרטייִישקייט פֿון דער ייִט״אַ בײַם איבערגעבן נײַעס; ווי אויך אַרטיקלען און קאָמענטאַרן, למשל מ. אַסטור וועגן דעם ענין אַראַבישע פּליטים; די רובריק „אויף ייִדישע טעמעס" פֿון י. קנאַי (פּסעוודאָנים פֿון הלל קעמפּינסקי).

אין דער זעלבער צײַט דריקט די רעדאַקציע אויס אָנערקענונג — ווען זי קומט — צו אַנדערע ריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס: „בונד", אַנטידעפֿאַמאַציע־ליגע, קולטור־קאָנגרעס, וועלטפֿאַראײן פֿון פּראָגרעסיווע (רעפֿאָרם־) ייִדן, קאַנאַדער ייִדישער קאָנגרעס, „אָרט", ווי אויך צו יחידים: יעקבֿ פּאַט, ד״ר שמואל מאַרגאָשעס, פּראָפֿ׳ ערנסט סימאָן, נחום כאַנין, פּראָפֿ׳ מאַרטין בובער.

אויך די טעריטאָריאַליסטישע אידעאָלאָגיע אין אַלע אירע אַספּעקטן קומט צום אויסדרוק אין פֿרײַלענד. אַ רײ אַרטיקלען וועגן מיגראַציע און קאָלאָניזאַציע האָט אָנגעשריבן ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים. ס׳איז געווען איבערגעדרוקט וואָל. זשאַבאָטינסקיס אָפּשאַצונג פֿון קימבערלי־פּראָיעקט און ד״ר י. נ. שטיינבערגס ראָלע אין אים. אַ צאָל אַרטיקלען, זכרונות און נאָטיצן זײַנען געווען אָפּגעגעבן פֿאַקטן און מענטשן אין דער געשיכטע פֿון טעריטאָריאַליזם: ישׂראל זאַנגוויל (ד״ר פּרוכטבוים און ש. גוטמאַן), אוגאַנדע־פּראָיעקט, גוויאַנע־פּראָיעקט, מאַקס נאָרדוי, אַלפֿרעד דעבלין, לייזער וואָלף, „שפּאַרבער" (מ. אַסטור) א״אַ. אַ געהעריק אָרט איז געווען אָפּגעגעבן דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין פֿאַרשיידענע לענדער, ווי די זכרונות פֿון מרים אָ־סקי (אַסטור) וועגן אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אוקראַיִנע. אַן אָריגינעלן כאַראַקטער האָט געטראָגן אַ ספּעציעלער נומער (אַפּריל־יוני 1959), געווידמעט דעם ייִדישן פֿאַרמער און ייִדישע דערפֿער, פֿול מיט אינטערעסאַנטע פֿאַקטן וועגן ייִדישע קאָלאָניעס אין מדינת ישׂראל, פֿש״אַ, אַרגענטינע, אורוגווײַ, דאָמיניקאַנער רעפּובליק, קאַנאַדע, אוקראַיִנע, בירָאָבידזשאַן א״אַ. פֿרײַלענד האָט אויך געבראַכט ידיעות וועגן דער ייִדישער קאָלאָניע „שלום" אין שטאַט ניו־יאָרק, פֿאַרלייגט אין 1837 (אַרלין סופֿר); וועגן דעם חסידישן שטעטל נײַ־סקווער (מינדל רינקעוויטש); וועגן סוירקל־סיטי אין אַריזאָנע און אַ פּלאַנירטן ייִדישן ישובֿ אין ניו־דזשוירזי.

פֿרײַלענד איז פּראַקטיש די אײנציקע ייִדישע אויסגאַבע, וואָס שפּיגלט אָפּ מיגראַציע־פּראָצעסן. יאָרן כּסדר איז אין אים געווען אַ רובריק „מיגראַציע־טענדענצן" (אָנגעפֿירט פֿון אַדאַ סיגעל, נאָך איר טויט — פֿון לייבל כּהן). אַ רײ עדיטאָריאַלן האָבן באַהאַנדלט מיגראַציע־פּראָבלעמען (קאָנגרעסמאַן הערבערט טענזער, ש. סטעדמאַן, ל. כּהן, אַניטאַ סטריפּ־יובֿלי, ע. מײַקל בערגער, יהודה זעליטש, ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים).

אַנדערע טעמעס פֿונעם זשורנאַל זײַנען כּולל: ייִדישער געדאַנק (אַ. גאָלאָמבֿ,

מ. ראַוויטש), פּראָמינענטע פּערזענלעכקײטן, זכרונות (צוו״אַ ד״ר ש. ביקל), אַרכיטעקטור און קונסט (פֿיליפּ שײנמאַן, מילדרעד קאָנסטאַנטין, אַרלין סופֿר), סאָוועטיש ייִדנטום און דער קאַמף פֿאַר זײַן קיום (נפֿתּלי־הערץ קאָן, ב. צ. גאָלדבערג א״אַ), ייִדיש לעבן אין פֿאַרשיידענע לענדער, רעצענזיעס אויף ביכער (אירווינג האַו, שואל גוטמאַן, משה קליבאַנאָוו, יעקבֿ פּאָדאָלסקי א״אַ), בעלעטריסטיק, פּאָעזיע און ליטעראַטור־קריטיק (ירחמיאל בריקס, ראָוז מעל־קאַר פֿערסטער, י. לעפּטוויטש).

פֿרײַלענד פֿירט אויס ביזן הײַנטיקן טאָג אַ וויכטיקע פֿונקציע. זײַן ציל איז געווען צו פֿאַרשפּרייטן די טעריטאָריאַליסטישע אידעע צווישן ענגליש־רײדנ־דיקע ייִדן און מאַכן זי באַקאַנט אויך פֿאַר ברייטערע אינטערנאַציאָנאַלע קרײַזן. ער איז געווען אַן אינסטרומענט פֿון אַ דירעקטער פּאָליטישער אַקציע אין די פֿערציקער יאָרן. ווען די פּאָליטישע אַקציע האָט זיך אײַנגעשטילט נאָכן סוריי־נאַם־פּראָיעקט, איז פֿרײַלענד פֿאָרט געבליבן אַנדערש ווי די רעשט אַנגלאָ־ייִדישע אויסגאַבעס, האָט אָפּגעהיט זײַן אייגענעם קאָלאָריט. ער ברענגט אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס דער לייענער געפֿינט ניט אין אַזוינע אויסגאַבעס.

צוזאַמען מיטן אויפֿן שוועל איז פֿרײַלענד ממשיך זײַן ראָלע ווי אַ קול פֿון ניט־קאָנפֿאָרמיזם אין ייִדישן לעבן. אַ חשובֿ אָרט פֿאַרנעמט אין אים דער טעריטאָריאַליסטישער געדאַנקען־גאַנג. די פֿראַגעס פֿון מיגראַציע, לאַנד־אַנט־וויקלונג, פּליטים־הילף. דער באַוווסטזיניקער ייִדישיזם פֿון פֿרײַלענד טיילט אים אויס פֿון אַנדערע ייִדישע צײַטשריפֿטן אויף ענגליש. געטרײַ זײַן נאַציאָ־נאַל־ייִדישן כאַראַקטער, שטעלט ער פֿאָר אי ליכטיקע מאָמענטן אין ייִדישן לעבן — מאָמענטן פֿון נאַציאָנאַלער גבֿורה און וויטאַליטעט, יושר און מידת־הרחמים, שעפֿערישקייט, אויפֿבוי און בטחון; אי שאָטן־זײַטן — דיקטאַטור און אָליגאַרכיע, צעשטערן די פּאָזיציעס פֿון ייִדיש, עגאָפּאַביע, שפֿלות און אַסימי־לאַציע.

צוגאָב־קאַפּיטל

קליין־קאָלאָניזאַציע און די „געזעלשאַפט צו שאַפן יידישע יישובים אין אַמעריקע"

פון ליבל כהן

דער געדאַנק אויפצושטעלן יידישע אַגריקולטורעלע אָדער אינדוסטריעלע יישובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט דערפירט צו פרוון סיי אין 19טן י"ה (די עם־עולם־קאָלאָניזיר־פרוון, למשל), סיי אין 20סטן (רוזוועלט, נ"דזש, למשל).

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער געדאַנק באַנײַט געוואָרן. פרוון צו שאַפן אַזאַ יישוב זענען געמאַכט געוואָרן במשך פון אַ פינף־זעקס יאָר. להיפוך צו די אַמאָליקע קאָלאָניזיר־פרוון, וואָס זייער אידעאָלאָגיע איז געווען בעיקר אַ סאָציאַלע, איז דער נײַער פרווו גיכער געווען נאַציאָנאַל־פאָלקיש אָריענטירט. ס'איז געווען אַ פאָלקיסטיש־יידישיסטיש־טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָניזיר־פראָיעקט.

ערשטע טריט

נאָך דער מלחמה, אין די שפּעטע 40ער יאָרן, ווען אַ גרעסערער שטראָם שארית־הפליטהניקעס הייבט אָן אָרײַנקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן טייל אימיגראַנטן זיך באַזעצט אויף פאַרעמס, דער עיקר ווי היינער־פאַרמערס אין די שטאַטן ניו־דזשורזי, קאָנעטיקאָט און קאַליפאָרניע. כאָטש די פאַרמערס האָבן זיך באַזעצט ווי יחידים, איז פון דעסט וועגן דער קלימאַט פאַר קאָנצענטרירטע יידישע דאָרפישע צענטערס געוואָרן אַ מער גינסטיקער.

אָן איבערצײַגטער אָנהענגער פון טעריטאָריאַליסטיש אינספּירירטער קליין־קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע גופא איז געווען אַבֿרהם גאָלאָמב. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער אָנהייב 1952 אַנטוויקלט אין אַן אַרטיקל אין אויפן שוועל.[1] אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט זיך אויף גאָלאָמבס אַרטיקל אָפּגערופן נתן שמואל דייווויס.[2] דייווויס האָט געהאַלטן, אַז ניט נאָר דאָס אייראָפּעיִשע, נאָר אויך דאָס אַמעריקאַנער יידנטום דאַרף טראַכטן וועגן פרײַלאַנד, און ניט דווקא אין די מרחקים. מען דאַרף אָנהייבן מיט אַ מוסטער־יישובֿ אין די פאַראייניקטע שטאַטן

גופֿא. מען וועט אין אים קאָנען אַרײַנציִען ווי קאָלאָניסטן אי נײַ־געקומענע ייִדן, אי לאַנג־אײַנגעזעסענע ייִדישע אימיגראַנטן, אי הי־געבוירענע, „וואָס ווילן העלפֿן אין דעם אויפֿבוי פֿון אַ נײַ לעבן אויף מענטשלעכע יסודות", „מיט אַ שטאַרקן קולטורעלן באַוווסטזײַן". זײַן אויספֿיר איז געווען: „דאַרף דער אָנהייב געמאַכט ווערן".

אין 1953 איז אַרויס אַ פֿלוגבלעטל, אַרויסגעגעבן פֿון ב. ש. דייוויס, מיט אַ רוף צו פֿאַרלייגן אַ ייִדישן ישובֿ אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.[3] פֿונעם אַרײַנפֿיר צום פֿלוגבלעטל דערוויסט מען זיך, אַז עס זײַנען שוין פֿאַרגעקומען עטלעכע זיצונגען פֿון אַ גרופּע פֿאַראינטערעסירטע. אַצינד ווענדט זיך די איניציאַטיוו־גרופּע צו קהל, מען זאָל מאַכן דעם אָנהייב — קויפֿן דאָס לאַנד.

ווײַטער שטייט:

מיר רופֿן אַלע ייִדן וואָס פֿאַרשטייען אונדז, מיט אונדז זיך צו פֿאַרבינדן. לאָמיר אין איינעם זיך צוזאַמענעמען און מיר וועלן ראַטעווען אונדזער לעבן און די געזונטע אַמעריקאַנער ייִדישקייט פֿון אונדזערע קינדער!

לאָמיר אײַך דערציילן: מיר האָבן אַ שטח פֿון 2500 אַקער לאַנד, ניט ווײַט פֿון ניו־יאָרק, און מיר ווילן דאָרטן שאַפֿן אַ גרויסן קאָאָפּעראַטיוו, געבויט אויף לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריע. 200 ווירטשאַפֿטן וועלן זײַן אין אונדזער ערשטן ייִדישן שטעטל. די הויפּט־פּרנסה וועלן מיר ציִען פֿון היגערצוכט. מיר וועלן זיך אויך פֿאַרנעמען מיט פֿלאַנצן גרינסן און פּראָדוצירן גרינסן־קאָנסערוון. (...)

די שפּראַך פֿונעם קאָאָפּעראַטיוו און אין די היימען וועט זײַן ייִדיש. מיר וועלן רוען שבת און אַלע ייִדישע יום־טובֿים. יעדערער וועט האָבן דאָס רעכט בײַ זיך אין דער היים צו פֿאַרברענגען דעם שבת ווי ער אַליין וויל. אין אונדזער שטעטל וועלן מיר אויסהאַלטן אַן אייגענע טאָגשול וווּ אונדזערע קינדער וועלן לערנען אַלע לימודים — ייִדישע און אַלגעמיינע. מירן אויך האָבן אַ שול צו דאַוונען און אַ ביבליאָטעק און לייענזאַל. אונדזער שטעטל וועט זײַן אַ היימיש־ייִדישער ישובֿ מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן וואָס מען קאָן האָבן אין אַמעריקע. עס וועט זײַן אַ ישובֿ פֿון אַרבעטנדיקע ייִדן, וואָס לעבן זיך אויס ווי ייִדן און פֿירן דאָס ייִדישע לעבן אין די ברייטע מעגלעכקייטן, וואָס אונדזער לאַנד אַמעריקע גיט. מיר זענען זיכער אַז אונדזער שטעטל וועט זײַן אַ דערפֿאָלג הן עקאָנאָמיש, הן גײַסטיק און עס וועלן שפּעטער אויפֿקומען נאָך און נאָך אַזוינע ייִדישע שטעטלעך. און זיי וועלן באַגײַען אונדזער לעבן און אונדזער קיום. (...)

ווי ס'איז צו זען פֿונעם אויפֿרוף, האָט דער געדאַנק פֿון אַן אַגראַ־אינדוסטריעלן ייִדישן ישובֿ אין אַמעריקע געהאַט אַ שטאַרק אידעאַליסטישן אונטערטאָן פֿון ייִדישיזם, קאָאָפּעראַטיוויזם, טראַדיציאָנאַליזם.

זומער 1953 זענען פֿאַרגעקומען צוויי זיצונגען אין דער שטוב פֿון ד"ר

שטיינבערגן, מיטן אָנטייל פֿון נ. ש. דייוויס, ל. כהן, ל. פעלל און נאָך אַ צאָל פֿאַראינטערעסירטע. עס איז געבליבן צו שאַפֿן אַ גרופּע צו רעאַליזירן דעם ישובֿ־געדאַנק.[4]

די ערשטע אָפֿיציעלע פֿאַרזאַמלונג איז געווען דעם 27סטן סעפּטעמבער 1953 אין רענד־סקול־זאַל. אַרויסגעטראָטן זענען ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג אַד״ט „די אידעע פֿון פֿרײַלאַנד אין שייכות מיט דעם געפּלאַנטן ייִדישן ישובֿ אין אַמעריקע״. דער רעפֿעראַט פֿון נתן שמואל דייוויס האָט געהייסן „קיום ייִדישקייט, קיום פֿאָלק — קאָן עס עקסיסטירן אָן דורך און ייִדישע ישו־בים?״.

בײַ יענער פֿאַרזאַמלונג האָט מען מודיע געווען, אַז אַ גרויסער שטח באָדן איז דאָ צו קריגן לעבן שטעטל ווײַנלאַנד אין שטאַט ניו־דזשוירזי.[5]

דער לאָזונג צו שאַפֿן אַ ייִדישן ישובֿ אין אַמעריקע האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג. אַזוי, אַ שטייגער, האָט עס דערפֿירט דערצו, אַז פֿרײַלאַנדיסטן און בונדיסטן זאָלן חדשים לאַנג צוזאַמענאַרבעטן צווישן זיך, ווי אויך מיט פֿרומע און אַנדערע ייִדן. וואָס שייך דער פֿרײַלאַנד־ליגע, איז כאָטש דאָס שאַפֿן אַ ייִדישן ישובֿ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז ניט געווען קיין אָפֿיציעלער ציל פֿון דער ליגע, איז זי אין דער אמתן געווען זייער אַרײַנגעטאָן אין דער זאַך. זי האָט געשטיצט די ישובֿ־גרופּע מיט אַלע אירע באַשיידענע מיטלען. אַ צאָל פֿרײַלאַנד־טוערס זײַנען געווען אַקטיווע „ישובֿיסטן״. אומדירעקט האָט די ליגע געשטיצט די גרופּע סײַ דורך שטעלן אין איר רשות דעם לאָקאַל, סײַ דורך טעכנישער בײַהילף (טיפּירן בריוו, מימעאָגראַפֿירן, אאַז״וו).

דעם 7טן אָקטאָבער איז געווען די צווייטע זיצונג, שוין אין ביוראָ פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע. (כמעט אַלע ווײַטערדיקע זיצונגען זײַנען דאָרטן פֿאָרגעקומען). עס האָט זיך געשאַפֿן אַן ענגער קרײַז אויסצואַרבעטן ווײַטערדיקע פּלענער. צום קרײַז איז צוגעשטאַנען דער „קאַצעטלער־פֿאַרבאַנד״ — אַ בונדיש אָריענ־טירטער פֿאַראיין פֿון נײַ־געקומענע ייִדן. דער פּרעזידענט פֿון קאַצעטלער־פֿאַר־באַנד, ווי אויך זײַן סעקרעטאַר, האָבן איבערגעגעבן אַז צווישן די מיטגלידער פֿון קאַצעטלער־פֿאַרבאַנד געפֿינען זיך אַ 15־20 משפּחות, ס׳רובֿ מיט קליינע קינדער, וואָס ווילן זיך מיטבאַטייליקן אין שאַפֿן אַזאַ ישובֿ. ניט אַלע אָבער האָבן די געהעריקע געלטמיטלען. בײַ דער זיצונג און בײַ ווײַטערדיקע האָט מען געפֿירט דיסקוסיעס וועגן כאַראַקטער פֿונעם געפּלאַנטן שטעטל. די איי־דעיִשע צדדים אינעם פּראָיעקט האָבן געמוזט זוכן און געפֿינען פּשרות בנוגע דעם אידעאָלאָגישן אַספּעקט (שבת־רו, ייִדישע דערציִונג, מאָס קאָאָפּעראַציע צווישן די פּיאָנירן, אאַז״וו).

ווײַנלאַנד־פּראָיעקט

דער ערשטער באָדן וואָס איז געקומען אין באַטראַכט איז געווען אַ שטח פֿון 2000־2500 אַקער, ניט ווײַט פֿון שטעטל ווײַנלאַנד, אין דרום־טייל פֿון ניו־

דזשוירזי. דער שטח איז רעקאָמענדירט געוואָרן פֿון מאַרק פּלאַטניק, אַ ספּע־ציאַליסט אויף אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. אין און אַרום ווײַנלאַנד האָבן זיך באַזעצט נאָך דער מלחמה אַ גרעסערע צאָל נײַ־געקומענע יידן, וואָס זײַנען גע־וואָרן הינער־פֿאַרמערס.[7] דער באָדן איז געווען אַ טייל פֿון אַ גרעסערן שטח פֿון 9000 אַקער, וואָס האָט געהערט צום דעמאָלטיקן אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר קיין אויסטראַליע.[8] ער איז גרייט געווען צו פֿאַרקויפֿן דעם גאַנצן צי אַ טייל פֿון שטח פֿאַר 35 דאָלאַר אַן אַקער — אַן אמתע מציאה. פּרטים וועגן דעם באָדן און וועגן די נייטיקע אינוועסטיציעס אין אים זײַנען איבערגעגעבן גע־וואָרן דורך מ. פּלאַטניק.[9]

מען איז עטלעכע מאָל אַרויסגעפֿאָרן באַקוקן דעם באָדן. אינעם ערשטן קאָמיטעט אויסצופֿאָרשן דעם שטח זײַנען אַרײַן מאַרק פּלאַטניק, נתן ש. דייר־וויס, ד"ר יצחק וואַכטעל, יעקבֿ צעלעמענסקי, ה. עלנבויגן, משה גרינבוים, לוי פּעלל און מאיר מענדעלסבערג.[10]

אינקאָרפּאָרירונג

לויט דער איניציאַטיוו פֿון ד"ר שטיינבערג און ד"ר וואַכטעל האָט זיך די גרופּע אינקאָרפּאָרירט אונטערן נאָמען „יידישע געזעלשאַפֿט צו העלפֿן שאַפֿן יידישע יישובֿים אין אַמעריקע".[11] די אינקאָרפּאָרירונג איז אָפֿיציעל באַשטע־טיקט געוואָרן אין אָלבעני, נ"י, דעם 8טן נאָוועמבער 1954. געחתמעט די אינ־קאָרפּאָריר־פּאַפּירן האָבן: נתן שמואל דייוויס, יצחק ווידער, לייבל כהן, מאיר מענדעלסבערג, מ. נאַרזעם, אַדאַ שטיינבערג־סיגעל, לוי פּעלל און מרדכי שעכטער.[12]

דעם 15טן דעצעמבער 1954 האָט מען אויסגעקליבן די דירעקטאָרן־קאָ־לעגיע: נ. ש. דייוויס, פּרעזידענט; יצחק ווידער, וויצע־פּרעזידענט; לייבל כהן, סעקרעטאַר; לוי פּעלל, קאַסירער; ד"ר י. נ. שטיינבערג, ד"ר מ. שעכטער און מ. נאַרזעם, מיטגלידער.

לייקוווד־פּראָיעקט

דאָס אינקאָרפּאָרירן די געזעלשאַפֿט איז געווען אַ היפּשער שטויס פֿאָרויס. אין דער צווישנצײַט אָבער זײַנען פֿאָרגעקומען אַ ריי וויכטיקע שינויים אינעם צונויפֿשטעל פֿון דער יישובֿ־גרופּע.

קודם־כּל, איז זומער 1954 אָפּגעפֿאַלן דער קאַצעטלער־פֿאַרבאַנד. אַנשטאָט מיטצואַרבעטן מיט די אַנדערע פֿאַראינטערעסירטע, האָט דער פֿאַרבאַנד באַ־שלאָסן אויפֿצוגעבן דעם געדאַנק פֿון אַ יידישן יישובֿ און בלויז העלפֿן יענע יחידים וואָס ווילן קויפֿן פֿאַרעמס.[13]

צוליבן דוחק אין געלטמיטלען און ווײַל ס'איז שוין ניט געווען נייטיק אַזוי פֿיל באָדן, איז במילא אָפּגעפֿאַלן דער אינטערעס פֿאַרן שטח פֿון 2000־2500

אַקער לעבן ווײַנלאַנד. אויף זײַן אָרט איז אויפֿגעקומען אַ פּלאַן איבערצונעמען אַ קלענערן שטח פֿון בערך 200 אַקער לעבן לייקוווּד, אַ שטעטל אין צענטראַל־ניו־דזשוירזי.

דעם נײַעם באַדן האָט רעקאָמענדירט נטע שקלאָווער, נ. ש. דייוויסעס אַ פֿרײַנד, אַ פֿרומער און אַ וועגעטאַריער, וואָס האָט שוין מיט יאָרן פֿריִער פֿאַר־שטאַנען דעם ווערט פֿון אַן אַגראַ־אינדוסטריעלן ייִדישן ישוב אין אַמעריקע.[14]

די געזעלשאַפֿט האָט גענומען אַרבעטן אינטענסיווער. זי האָט באַשטעלט אַן אַדוואָקאַט, און מיט זײַן הילף האָט זי דעם 11טן פֿעברואַר 1955 געמאַכט דעם ערשטן ממשותדיקן שריט — געגעבען אַן אַדעריף אויפֿן לאַנד מיטן תּנאַי, אַז דעם רעשט וועט מען צושטעלן אין דרײַ חדשים אַרום.

דערנאָך האָט די געזעלשאַפֿט געפּרוווט צוציִען פֿאַראינטערעסירטע דורך מעלדונגען אין די ייִדישע צײַטונגען, דורך באַצאָלטע אַנאָנסן, דורך אָפּדרוקן אַ פֿלוגבלעטל אין ייִדיש און ענגליש.[15] דערצו האָט זי כּמעט יעדער וואָך אָרגאַניזירט אַרויספֿאָרן פֿון ייִשובֿ־קאַנדידאַטן צום לייקווודער שטח. אָנגערופֿן האָבן זיך עטלעכע הונדערט מענטשן. דער מענטשן־מאַטעריאַל איז געווען אַ פֿאַרשיידענער — משפּחות מיט קליינע קינדער, נײַ־געקומענע, אַמעריקאַנער געבוירענע, רעליגיעזע, וועלטלעכע, בונדיסטן, פֿרײַלאַנדיסטן, מענטשן וואָס האָבן געוואָלט ווערן פֿאַרמערס צי בכלל וווינען מחוץ דער שטאָט. בדרך־כּלל זענען דאָס געווען ייִדיש־באַוווּסטזיניקע מענטשן מיט אַ געוויסער מאָס אידעאַ־ליזם. אַ סך האָט צוגעצויגן דער געדאַנק צו וווינען צווישן ייִדן אין אַ ריין ייִדישן ייִשובֿ.

פֿון דער אַנדער זײַט איז דער עולם פֿאַראינטערעסירטע ניט געווען פֿאַר־מעגלעך. דעריבער איז דאָס רובֿ ניט געווען גרייט אָדער בכּוח צו אינוועס־טירן גרעסערע סומעס, כּל־זמן די געזעלשאַפֿט וועט ניט איבערנעמען דעם שטח און אויפֿשטעלן די ערשטע פּאָר הײַזער. פֿון דעסט וועגן האָט מען באַוויזן צו שאַפֿן געננוג געלט אויף אָפּצוקויפֿן די 200 אַקער לאַנד. בײַם אויסמעסטן דעם באַדן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער שטח באַטרעפֿט ניט 200, נאָר 275 אַקער, און דער פֿאַרקויפֿפּרײַז וועט במילא זײַן מיט עטלעכע טויזנט דאָלאַר העכער ווי מען האָט געמיינט. אַזאַ סומע איז ניט געווען מעגלעך צו קריגן.

אַזוי אַרום האָט מען געמוזט מיט האַרצווייטיק זיך אָפּזאָגן פֿון דעם דאָזיקן לייקווודער גוט. דעם אַדעריף האָט מען טאַקע צוריקבאַקומען. יעדער, וואָס האָט אינוועסטירט געלט אין דער געזעלשאַפֿט, האָט צוריקגעקראָגן זײַן חלק, אַ חוץ לויפֿיקע הוצאות. דערמיט איז דער דאָזיקער פּרוּוו צו שאַפֿן אַ ייִדישן ייִשובֿ אין אַמעריקע אָפֿיציעל ליקווידירט געוואָרן, כאָטש די אינקאָרפּאָרירטע געזעלשאַפֿט איז געבליבן ווי אַ יש. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין יולי 1955.

רוזוועלט־פּראָיעקט

אַ דריטער פּרוּוו צו שאַפֿן אַ יידישן יישוב האָט זיך אָנגעהויבן אין יוני 1957, מיט קנאַפּע צוויי יאָר נאָך דעם ווי די ערשטע גרופּע איז זיך פֿונאַנדער־געפֿאַלן. דאָס מאָל, נאָך מער ווי פֿריִער, איז דער רוקנביין פֿון דעם קאַדער אַקטיוויסטן באַשטאַנען פֿון טעריטאָריאַליסטישע טוערס מיט אַ קלאָרער וויזיע פֿון קליין־קאָלאָניזאַציע: נ. ש. דייוויס, לייבל כהן, יעקבֿ לעווין, ד״ר מרדכי שעכטער און זיין ווייב טשאַרנע שעכטער.

דעם 27סטן יאַנואַר 1957 האָבן די אויבן דערמאָנטע זיך צונויפֿגעקליבן אין אַ ניו־יאָרקער רעסטאָראַן און אַרומגערעדט מיטלען ווי אַזוי צו באַנײַען די געזעלשאַפֿט.

דעם 19טן מײַ איז אַ געקליבענע גרופּע אַרויסגעפֿאָרן אין שטעטל רוז־וועלט, ניו־דזשורזי. אין דעם דאָזיקן ערשטן אַרויספֿאָר האָבן זיך באַטייליקט נתן ש. דייוויס, לייבל כהן מיט זיין פֿרוי אסתר־מלכה כהן, דער יידישער דיכ־טער אַבֿרהם־מרדכי אָרזשיצער. אַ צווייטער אַרויספֿאָר, מיט נ. ש. דייוויס און דעם באַוווּסטן פּעדאַגאָג און געזעלשאַפֿטלעכן טוער יעקבֿ לעווין, איז פֿאָרגע־קומען סוף מײַ.

אַ באַריכט פֿון ביידע באַזוכן האָט מען אָפּגעגעבן אויף אַ זיצונג פֿון דער געזעלשאַפֿט דעם 20סטן יוני. אויף יענער זיצונג, וואָס קאָן פֿאַררעכנט ווערן ווי די ערשטע זיצונג פֿון דער באַנײַטער געזעלשאַפֿט, און אויף אַ צווייטער זי־צונג דעם 27סטן יוני, האָט מען אויסגעאַרבעט פּלענער פֿאַר ווײַטערדיקער אַרבעט.

ניט ווײַט פֿון רוזוועלט האָט זיך געפֿונען פּערײַנוויל, אַ דאָרף מיט יידישע פֿאַרמערס וואָס עקסיסטירט זינט די 90ער יאָרן פֿון 19טן י״ה. די אַרויספֿאָ־רערס האָבן באַקוקט אַ שטח פֿון 95 אַקער צווישן רוזוועלט און פּערײַנוויל, וואָס לעבן אים האָט זיך שוין געהאַט באַזעצט אַ גרופּע פֿון זעקס נײַ־געקומענע יידישע משפּחות. דוד מינעס, דער באַלעבאָס פֿונעם שטח, איז געווען גרייט צו פֿאַרקויפֿן זיין נחלה, מיטן באַדינג אַז אַ זיבן אַקער אַרום זיין הויז זאָל בלײַבן פֿאַר אים. די געזעלשאַפֿט, אָדער ווי זי האָט זיך אַצינד אָפֿיציעל גערופֿן „געזעלשאַפֿט פֿאַר יידישע יישובֿים אין אַמעריקע", האָט טאַקע אָן ערך צוויי יאָר צײַט (מיט לאַנגע הפסקות) פֿאַרהאַנדלט וועגן מינעסעס שטח.

די ווידער־אַקטיוויזירטע געזעלשאַפֿט איז צום טייל געווען אַנדערש פֿון דער פֿריִערדיקער גרופּע. ווי מיר האָבן פֿריִער דערמאָנט איז זי אידעיִש גע־ווען מער געאייניקט און אירע צילן זײַנען געווען קלערערע. צווייטנס, האָט שוין עקסיסטירט די „יידישע געזעלשאַפֿט צו העלפֿן שאַפֿן יידישע יישובֿים אין אַמעריקע", אינקאָרפּאָרירט סוף 1954.

דער שטח ערד, וואָס איז איצטער געקומען אין באַטראַכט, איז געווען קלע־נער און איזאָלירטער ווי די שטחים לעבן ווײַנלאַנד און לייקוווד. פֿון דער אַנ־

דערער זײַט איז אויך די פּעריפֿעריע מענטשן, וואָס זײַנען געווען גרייט זיך צו באַזעצן אויפֿן לאַנד, געווען קלענער ווי בעתן ערשטן פּרווו.

נאָך בײַ דער ערשטער זיצונג, יאַנואַר 1957, איז אַרומגערעדט געוואָרן דאָס שייכות צווישן דער געזעלשאַפֿט און דער פֿרײַלאַנד־ליגע. יעקבֿ לעווין, וואָס האָט צונויפֿגעשטעלט פּרינציפּן פֿון שאַפֿן קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָפֿיציעל צוציִען די פֿרײַלאַנד־ליגע צום ישובֿ־פּראָיעקט. ד״ר מ. שעכטער האָט אָבער געהאַלטן, אַז ס׳איז גלײַכער ווײַטער צוזאַמענצואַרבעטן אויף אַ ניט־אָפֿיציעלן שטייגער. דאָס שייכות צווישן „פֿרײַלאַנד״ און דער געזעלשאַפֿט איז טאַקע געווען אַן ענגס. ווי בײַם ערשטן פּרווו, פֿלעגן זיצונגען אָפּגעהאַלטן ווערן אין ביוראָ פֿון דער ליגע אין ניו־יאָרק. די שפּאַלטן פֿון אויפֿן שוועל און פֿרילענד זײַנען שטענדיק געווען אָפֿן פֿאַר פּירסום.[17] ביידע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט דעם זעלביקן אַדרעס און טעלעפֿאָן. צוויי מיטגלידער פֿון דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע[18] זײַנען געווען אַקטיוו אינעם פּראָיעקט, און כמעט אַלע אַנדערע עקזעקוטיוו־מיטגלידער האָבן זיך מיט סימפּאַטיע באַצויגן צו דער אידעע פֿון אַ ייִדישן שטעטל אין אַמעריקע.

בולעטין ייִדיש לעבן

די געזעלשאַפֿט איז גלײַך צוגעטראָטן צו אַ ברייטער אויפֿקלער־אַקציע דורך: א) אַ פּעריאָדישן בולעטין, ב) בריוו אין רעדאַקציעס פֿון ייִדישע צײַטונגען, ג) אַרטיקלען אין דער ייִדישער פּרעסע, ד) שאַפֿן וואָס מער פּערזענלעכע קאָנטאַקטן.

דער ערשטער נומער פֿונעם מימעאָגראַפֿירטן ייִדיש לעבן, מיטן אונטערקעפּל בולעטין פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדישע ישובֿים אין אַמעריקע, איז געווען דאַטירט יולי־אויגוסט 1957. ס׳איז געווען אַן אינטערעסאַנטע אויסגאַבע אָפּגעגעבן ניט נאָר צום קאָנקרעטן שטח, וואָס אין אים איז די געזעלשאַפֿט געווען פֿאַראינטערעסירט, נאָר בכלל צו קליין־קאָלאָניזאַציע.

אַזוי, אַ שטייגער, הייבט זיך אָן דער ערשטער נומער מיט אַ ווענדונג צו ייִדן, וואָס ווילן העלפֿן בויען דעם נײַעם אַגראַ־אינדוסטריעלן ישובֿ. דער רוף דערמאָנט די מעלות פֿון ניו־דזשורזי, ווו עס זײַנען פֿאַראַן אַ סך ייִדישע שטעטלעך: לייקווּוד, טאָמז־ריווער, פֿאַרמינגדייל, רוזוועלט, פּערײַנוויל, ווײַנלאַנד, ווודבײַן, דאָראָטי.[19] „אויב מען זאָל לעבן זיי אויסבויען נאָך ייִדישע שטעטלעך און קאָלאָניעס, וואָלט מען געקאָנט אויפֿשטעלן און אויפֿהאַלטן די געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס וואָס זײַנען נייטיק כדי עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ רײַך און שעפֿעריש ייִדיש לעבן, (...) ווו די שפּראַך פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן איז ייִדיש און ווו די יום־טובֿים וואָס מען פּראַוועט זײַנען ייִדישע; די קולטורעלע אונטערנעמונגען — ייִדישע; די דערציִונג פֿון די קינדער אַ ייִדישע. (...)״. די רעדאַקציע־קאָלעגיע איז באַשטאַנען פֿון לייבל כהן, מינדל רינקעוויטש און

טשאַרנע שעכטער — אַלע אַמעריקאַנער געבוירענע ייִדישיסטן און טעריטאָ־ריאַליסטן פֿון יונגן דור. דער גרעסטער טייל פֿון דער אַרבעט איז אָבער געטאָן געוואָרן פֿון מרדכי שעכטער אַנאָנימערהייט.

אַנדערע קורצע ידיעות וועגן ייִדישע קאָלאָניעס זײַנען געווען וועגן שטעטל בײַ־סקווער פֿון די סקווערער חסידים, וועגן שטעטל סוירקלי־סיטי פֿון אַרבע־טער־רינג, וועגן אַ ייִדיש שטעטל, וואָס די קאָנסערוואַטיווע ייִדן האָבן בדעה געהאַט צו גרינדן, וועגן די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע און קאַנאַדע, אאַז״וו.

אַ טייל פֿון יעדן נומער איז געווען אָפּגעגעבן אי פֿאַר אַרויסזאָגן פֿון שרײַבערס א״אַ מכּוח דעם ווערט פֿון קאָנצענטרירטע ייִדישע שטעטלעך, למשל, ציטאַטן פֿון ברוך צוקערמאַן בײַ דער אידעאָלאָגישער קאָנפֿערענץ אין ירושלים אין 1957, אַ. גאָלאָמב (די צוקונפֿט, סעפּטעמבער 1957), מלך ראַוויטש, ד״ר שלמה סימאָן א״אַ.

ווי עס איז צו זען פֿון די ווײַטערדיקע נומערן איז דער אָפּרוף אויף דעם בולעטין געווען אַ וואַרעמער. אין די נומערן 3 און 4 ווערן איבערגעגעבן עטלעכע צענדליק אַזוינע אָפּרופֿן, כּמעט אַלע פּאָזיטיווע. דורכן בולעטין זײַנען אויך צוגעקומען אַקטיווע פֿרײַנד פֿאַר דער ייִשובֿ־אידעע.

אינעם פֿערטן נומער איז געווען אַן אויספֿרעג וועגן אַ פּאַסיקן נאָמען פֿאַרן פּראָיעקטירטן שטעטל. די רעדאַקציע האָט פֿאַרעפֿנטלעכט 19 נעמען אין ייִדיש מיט לאַטײַנישע אותיות מיט דער באַמערקונג, אַז אַזאַ שטעטל דאַרף האָבן אַן אָפֿיציעלן נאָמען גראַד אין ייִדיש, און אַ בקשה, דער עולם זאָל אויסקלײַבן יענע נעמען וואָס זײַנען אים צום האַרצן. אין ייִשובֿ־אַרכיוו זײַנען דאָ אַ 26 תּשובֿות פֿון לייענערס פֿון איבער די פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און מעקסיקע, מיט בסך־הכּל 54 ענטפֿערס. די פּאָפּולערסטע פֿון די אויס־קלײַב־ברירות זײַנען געווען „ייִדישהיים", און נאָך אים „ייִדישדאָרף" און „ייִדנדאָרף".

דער נומער פֿיר, דאַטירט יולי 1958, איז אָבער געווען דער לעצטער. די אַרבעט פֿאַרבונדן מיט צוגרייטן, מימעאָגראַפֿירן און פֿאַרשפּרייטן אַזאַ נומער ייִדיש לעבן איז געוואָרן צו שווער. עס האָט פּשוט פֿאַרפֿעלט כּוחות צו פֿירן דעם קאַמף אויף עטלעכע פֿראָנטן.

אונטערהאַנדלונגען וועגן באָדן

די הויפּטפֿונקציע פֿון דער געזעלשאַפֿט איז געווען צו זוכן אַ פּאַסיקן באָדן ווו אויפֿצושטעלן דעם ייִשובֿ. כאָטש די באַנייטע גרופּע האָט געלייגט אַ סך וואָג אויף פֿאַרשפּרייטן די אידעע, פֿון דעסט וועגן האָט מען פֿאַרשטאַ־נען, אַז אָן אַ באַשטימטן שטח לאַנד וועט מען ניט קאָנען צונויפֿקלײַבן אַ גרעסערן עולם פֿאַראינטערעסירטע.

די געזעלשאַפֿט האָט ניט געוואָלט זיך באַנוגענען נאָר מיט איין שטח, וואָס קאָן מיט דער צײַט אָפּפֿאַלן. צו מינעסעס שטח איז מען אָפּט אַרויסגעפֿאָרן, אי צו באַקומען נייטיקע אינפֿאָרמאַציע, אי ווי אַ מיטל דירעקט צו באַקענען נײַע קאַנדידאַטן מיטן באָדן און זיי צו פֿאַראינטערעסירן אין דער אַרבעט פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אין צווישן האָט מען געזוכט אויך אַנדערע פּאַסיקע ערטער. אָנהייב 1958 האָט מען אַרײַנגעשטעלט אַן אַנאָנס אין ניו־יאָרק טײַמז, אַז מען זוכט באָדן. אַ גרעסערע צאָל פֿירמעס און יחידים האָבן זיך אָפּגערופֿן און פֿאָרגעלייגט באָדן צו פֿאַרקויפֿן. פֿון די אַלע פֿאָרלייגן האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שטח פֿון 96 אַקער, אַ זעקס מײַל פֿון רוזוועלט, וואָס מען האָט געקאָנט קויפֿן פֿאַר 25.000 דאָלאַר. דער שטח האָט געהערט צו אַ ניט־ייִדישן פֿאַרמער שטורמאַן. מער ווי אַ האַלב יאָר, פֿון יאַנואַר ביז יולי 1958, האָט די געזעלשאַפֿט אויסגעפֿאָרשט דאָס דאָזיקע אָרט. עס זײַנען פֿאָרגעקומען אַ ריי אַרויספֿאָרן. אַ קאָנטראַקט איז אַפֿילו אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דעם פֿאַרמערס אַדוואָקאַט און אַ דאָרטיקן אַד־וואָקאַט סעמיועל סאַנאַצקי, וואָס די געזעלשאַפֿט האָט אָנגעשטעלט. מען האָט אײַנגעלייגט 500 דאָלאַר בײַם פֿאַרמערס אַדוואָקאַט ווי אַ סימן פֿון גוטן ווילן.

צום סוף האָט די געזעלשאַפֿט אָפּגעוואָרפֿן דעם אָנבאָט צוליב צוויי טעמים. ראשית־כּל, כאָטש דער שטח איז געווען בעסער פֿון מינעסעס, איז די געגנט געווען אַ ניט־ייִדישע. ווײַטער, אַ דאַנק דער פּערזענלעכער אינטערווענץ פֿון מ. שעכטערן בײַ דוד מינעסן, האָט מינעס אַרונטערגעלאָזט דעם פֿאַרקויפֿפּרײַז פֿאַר דעם באָדן (87 אַקער) פֿון אַ ניט־רעאַליסטישער סומע פֿון 20,000 דאָלאַר אויף 15,500 דאָלאַר. דעמאָלט האָבןביידע צדדים — אי מינעס, אי די געזעל־שאַפֿט — אָפּגערעדט גלײַך צוצוטרעטן אויסצואַרבעטן אַלע איבעריקע דעטאַלן.

די פֿאַרהאַנדלונגען מיטן מינעסן און זײַן אַדוואָקאַט זײַנען געגאַנגען פֿאָ־רויס אין אַ שנעלן טעמפּאָ. ספּעציעל האָט מ. שעכטער דורך אַ בריוו צו מי־נעסן זיך געפּלײַסט אָפּצוראַמען אַלע שוועריקייטן, וואָס זײַנען געבליבן אין וועג.

סוף־כּל־סוף איז באַשטימט געוואָרן דעם 13טן נאָוועמבער 1958 צו חתמע־נען דעם קאָנטראַקט. ביידע צדדים זיינען יענעם טאָג צוזאַמענגעקומען זיך מיט זייערע אַדוואָקאַטן אינעם דערבײַיִקן שטעטל פֿריהאָלד. די פֿאָרשטייערס פֿון דער געזעלשאַפֿט זײַנען געווען נ. ש. דייוויס און ל. כּהן. איטלעכער איז גע־ווען זיכער, אַז דער קאָנטראַקט אויף איבערצונעמען מינעסעס לאַנד וועט אונ־טערגעשריבן, ווײַל אַלע חילוקי־דעות, האָט מען געמיינט, זײַנען שוין פֿאַר־ענטפֿערט געוואָרן.[20] ערשט דאָרטן אין פֿריהאָלד האָט מען זיך ניט געקאָנט צוזאַמענריידן. די געזעלשאַפֿט האָט געוואָלט האָבן אין קאָנטראַקט די לעגאַלע באַוואָרענישן, וואָס יעדער גוטער קאָנטראַקט דאַרף האָבן (איר אַדוואָקאַט סאַ־נאַצקי האָט געעצהט, אַז אָן די באַוואָרענישן טאָרן דייוויס און כּהן ניט חתמענען).

מינעס, פֿון זײַן זײַט, איז אויפֿגערעגט געוואָרן פֿון אַזאַ בקשה און געמיינט, אַז מען גייט אים באַשווינדלען.

דאָס ניט קאָנען קומען צו אַ טאָלק מיט מינעסן נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם שטורמאַן־אָנבאָט איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. עס איז אַצינד נייטיק געווען אַ ייִשובֿ־הדעת וואָס ווײַטער צו טאָן. דער ווילן צוצוטרעטן צום אויפֿשטעלן דעם ייִדישן ייִשובֿ איז בײַ יענעם מאָמענט געווען זייער שטאַרק.

בײַ דער געזעלשאַפֿט איז געבליבן ווײַטער זיך צו פֿאַרנעמען מיט די מעגלעכקייטן אַרום רוזוועלט, נ״דזש. מען האָט אָנגעהויבן אויספֿאָרשן די לאָקאַלע טעכנישע ענינים פֿון הײַזערבוי, פֿאַרצעליר־רעגולאַציעס און זאָנע־תּקנות אין דער גאַנצער רוזוועלט־פֿערײַנוויל־געגנט.

ביסלעכווײַז איז ווידער אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ יסוד, וואָס האָט געקאָנט דערפֿירן צו דער באַדן־קניה. מינעס איז געוואָרן בייגעוודיקער. דעם 23סטן פֿעברואַר 1959 האָט זיך אַ פֿאָרשטייער פֿון דער געזעלשאַפֿט געטראָפֿן מיטן לאָקאַלן פּלאַניר־ביוראָ („מילסטאָון טאַונשיפּ פּלעַנינג באָרד"), כּדי צו קריגן די דערלויבעניש אויפֿצושטעלן אַן אינדוסטריעלע אונטערנעמונג אויף אַ טייל פֿון מינעסעס שטח. די געזעלשאַפֿט האָט זיך אויך געווענדט צו דער פֿעדעראַלער הײַזערבוי־אַגענטור („עף־איטש־איי"), זי זאָל אויספֿאָרשן די פּאַסיקייט פֿון מינעסעס שטח פֿאַר בויצוועקן. מען האָט אָנגעדונגען אַ לייקוודער ערד־מעסטער אויסצומעסטן און צו פֿאַרצעלירן דעם באָדן.

אין דער לעצטער סטאַדיע פֿונעם פּראָיעקט האָט זיך אין דער אַרבעט אַרײַנגעוואָרפֿן אויך דער אַדוואָקאַט יהודה זעליטש, אַ לאַנגיאָריקער אַקטיווער פֿרײַלאַנדיסט און קולטור־טוער אין פֿילאַדעלפֿיע. י. זעליטש, האָבנדיק זייער אַ וואַרעמע באַציִונג צו דער אידעע פֿון אַ ייִדישן ייִשובֿ אין אַמעריקע, האָט ניט־באַצאָלטערהייט אָפּגעגעבן דער זאַך אַ סך צײַט און האָרעוואַניע.

סוף אַפּריל 1959 איז אָבער אָנגעקומען אַ תּשובֿה פֿון דער פֿעדעראַלער הײַזערבוי־אַגענטור, אַז נאָכן אויספֿאָרשן מינעסעס שטח איז מען געקומען צום באַשלוס, אַז ער איז ניט פּאַסיק פֿאַר מלוכיש־געשטיצטע היפּאָטעקן און אַצינד איז ניט די צײַט דעם באָדן צו אַנטוויקלען. דאָס האָט געמיינט, אַז יחידים, וואָס וואָלטן אָפּגעקויפֿט פּאַרצעלן פֿון דער געזעלשאַפֿט און דאָרטן אויפֿגעשטעלט הײַזער, וואָלטן אפֿשר געקאָנט באַקומען הלוואות פֿון פּריוואַטע בענק, נאָר אויף אַ העכערן פּראָצענט. דאָס זעלבע וואָלט חל געווען אויף הלוואות פֿאַר קהלשע בויצוועקן — שאָסייען, וואַסער־פֿירונג, קאַנאַליזאַציע, שולן אד״גל. די אונטערשטע שורה איז געווען, אַז פֿון אַ ריין טעכנישער זײַט איז דער שטח אין יענעם מאָמענט ניט געווען צוגעפּאַסט פֿאַר אויפֿשטעלן אויף אים אַ ייִשובֿ. כאָטש דאָס אָרט איז נאָך אַלץ געווען ממש אידעאַל פֿאַר אַ ייִדישן ייִשובֿ אין פּרט פֿון זײַן צענטראַלקייט צווישן שטעטלעך מיט אַ גאָר הויכן פּראָצענט ייִדישע באַפֿעלקערונג, איבער הויפּט פֿאַרמערס.

פריער וואָלט אַפילו אַזאַ שלעכטע בשורה קנאַפּ געווירקט אויפן ענטוזיאַזם פון די איניציאַטאָרן. אָבער איצט האָבן די הויפּטטוערס פון דער געזעלשאַפט אַראָפּגעלאָזט די הענט. ניט געגוג בעלנים, ניט קיין פינאַנציעלע מיטלען (פּריוואַטע אָדער מלוכישע) — פון קיין זײַט האָט מען ניט געטראָפן קיין מיט־אַרבעט. דערצו איז ניט געווען קיין גאַראַנטיע, אַז מיט מינעסן וועט מען אַ צווייט מאָל יאָ קאָנען דורכקומען. דעריבער האָט מ. שעכטער אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט געלאָזט וויסן דוד מינעסן אין אַ בריוו פון 8טן יוני 1959, אַז די פעדעראַלע הײַזערבוי־אַגענטור האַלט זײַן שטח לאַנד פאַר „ניט צײַטיק פאַר אַנטוויקלונג", און אָן איר צושטימונג קאָן מען גאָרניט טאָן. „פּריוואַטע היפּאָטעקן זײַנען ניט פאַר אונדזערע כּוחות". „צו אונדזער אַלעמענס האַרצ־ווייטיק וועט אַזוי אַרום אונדזער פּראָיעקט צו בויען אַ ייִדיש שטעטל אויף אײַער שטח לאַנד ניט מקויים ווערן, ניט געקוקט אויף דעם גרויסן כּוח וואָס מיר אַלע — סײַ איר, סײַ מיר — האָבן זיך אָנגעטאָן און ניט געקוקט אויף די האָפענונגען וואָס מיר האָבן געהאַט".

דערמיט האָט זיך אָפּגעשטעלט דער סאַמע ערנצטער פּרווו פון דער „געזעלשאַפט פאַר ייִדישע ישובֿים" אויפצושטעלן אַ ייִדיש־ייִדישן ישובֿ אין אַ געדיכט באַוווינטער ייִדישער געגנט אין אַמעריקע.

רוזוועלט־עסטייטס

אין נאָוועמבער 1958, נאָך דעם ווי די געזעלשאַפט האָט מיט דוד מינעסן ניט געקאָנט קומען צו אַ הסכּם וועגן אַ קאָנטראַקט, איז געבליבן ניט נאָר ווײַטער ממשיך צו זײַן די באַמיִונגען פאַרט אָפּצוקויפן זײַן שטח, נאָר אויך גלײַכצײַטיק זוכן אַנדערע פּאַסיקע שטחים אין דער אַרומיקער געגנט.

בײַ דער גרענעץ פון שטעטל רוזוועלט איז געווען אַ שטח לאַנד, אײַנגע־טיילט אין 65 פּאַרצעלן, מיט אַ שוין אויפגעשטעלטן קאָמפּלעקט פון 26 הײַזער — 5 פאַרענדיקטע און 11 האַלב פאַרענדיקטע.

דאָס ערשטע קוואַרטל פון 1959 איז מען געווען פאַרנומען מיט אויס־פאָרשן און באַזוכן אָט די „רוזוועלט־עסטייטס", בפרט ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז דער בויער האָט באַנקראָטירט און דעם שטח מיט אַלע בנינים קאָן מען קריגן וואָלוול. שפּעטער, ווען אַ צווייטע פירמע האָט אַלץ איבערגע־נומען, האָט מען מיט איר פאַרהאַנדלט. זייער אַקטיוו דערבײַ זײַנען געווען י. זעליטש און ד״ר מרדכי שעכטער.

אין יוני 1959, ווען די געזעלשאַפט האָט אָפּגעוואָרפן מינעסעס שטח, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו איבערצונעמען די רוזוועלט־עסטייטס, צי אַ טייל דערפון. נאָר אויך דער פּרווו האָט צו ממשותדיקע רעזולטאַטן ניט דערפירט, אַ טייל אַקטיווע טוערס אין דער געזעלשאַפט האָבן שוין פון פריִער געהאַלטן, אַז דער שטח האָט ניט דעם כאַראַקטער פון אַ ייִשובֿ און איז דעריבער גיכער

אַן אונטערנעמונג פֿון יחידים, ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער ענין[21]. די פֿאַר־האַנדלונגען מיטן נײַעם אייגנטימער זײַנען איבערגעריסן געוואָרן.[22]

אויספֿיר

אַזוי איז געקומען אַ סוף אויף צו דער געזעלשאַפֿט אין איר צווייטער סטאַדיע. אין יולי 1959 האָט מען ליקווידירט די באַנקקאָנטע פֿון דער געזעלשאַפֿט און צוריקגעגעבן די חבֿרים זייערע אַרײַנגעלייגטע סומעס, נאָכן אָפּרעכענען די הוצאות. דערמיט האָט די „געזעלשאַפֿט צו שאַפֿן ייִדישע ייִשובֿים אין אַמעריקע״ אָפּגעשטעלט אַלע אירע טעטיקייטן, כאָטש אָפֿיציעל עקסיסטירט זי ביזן הײַנטיקן טאָג און קאָן צו יעדער צײַט באַנײַט ווערן.

אויב בשעת דעם ערשטן פּרווו (1953—1955) איז דער ציל געווען ברייטער, די שטחים גרעסער און דער פֿאַראינטערעסירטער עולם מער פֿאַרשיידנדיק, איז דער צווייטער פּרווו רוזוועלט — פּערײַנוויל (1957—1959) געווען סאָלידער, בעסער אָרגאַניזירט, מער פֿאַכמעניש אין זײַנע מעטאָדן, מער טעריטאָריאַליסטיש מאָטיווירט, און איז געקומען נעענטער צום ציל. אין ביידע פֿאַלן זײַנען די טאָנגעבער געווען נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע ייִדן, ייִדישיסטן. אַ סך מענטשן זײַנען בפֿירוש פֿאַראינטערעסירט אין דער מעגלעכקייט זיך צו באַזעצן אין אַזאַ ייִדישן ייִשובֿ. די געזעלשאַפֿט האָט ניט געזוכט די שטיצע פֿון גרעסערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. אין דער ייִדישער פּרעסע האָט זי קיין פּירסום ניט געקראָגן. אַפֿילו י. שמולעוויטשעס אינטערוויו מיט נ. ש. דייוויסן, וואָס איז שוין געווען באַשטימט אויף אַ געוויסער דאַטע, איז ניט צו שטאַנד געקומען, ווען די רעדאַקציע פֿאָרווערטס האָט זיך דערוווּסט, אַז דייוויס איז אַ טעריטאָריאַליסט.

ביידע פּרוּוון האָבן באַוויזן, אַז ווען פֿירנדיקע עלעמענטן פֿונעם אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ וואָלטן געטראַכט אין טערמינען פֿון קאָנצענטרירטע ייִדישע שטעטלעך ווי אַ מיטל אויפֿצוהיטן ייִדישקייט אין אַמעריקע, וואָלט מען געקאָנט גאָר אַ סך אויפֿטאָן. אַ קליינעם קרײַז קומט אָבער זייער שווער אָן אַזוינס דורכצופֿירן.

הערות

הערות צום קאַפּיטל איינס

[1] זען זײַן אַרטיקל „מיט פיר צענדלינג יאָר צוריק (אַ בלעטל זכרונות)" אין פרײַלאַנד נומ׳ 3־4, וואַרשע, נאָוו׳־דעצ׳ 1934, זז׳ 62־72. וועגן דעם לעבן פון ד״ר צמח שאַבאַד (1864־1935), זע זלמן רייזען, לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור..., ב׳ 4, שפּ׳ 429—434.

[2] וועגן דער ביאָגראַפיע פון י. טשערניכאָוו (דניאלי) (1882־1941) זע ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב׳ 1, שפּ׳ 1211—1212; לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, ב׳ 4, שפּ׳ 168—170.

3 אַרויסגעגאַנגען אין ווילנע; דער ערשטער נומער איז אַרויס דעם 29סטן אָקטאָבער 1926, דער לעצטער איז נומ׳ 5־6, יולי 1927.

[4] פרײַער געדאַנק, נומ׳ 1.

[5] פון 14טן פעבר׳ 1927 (זשיטלאָווסקי־אַרכיוו אין ייִוואָ).

[6] פון 1טן מאַרץ 1927 (דאָרט).

[7] פרײַער געדאַנק, נומ׳ 1 שפּ׳ 5 (לייט־אַרטיקל, ניט געחתמעט, אָבער געשריבן בלי שום ספק דורך י. טשערניכאָוון).

[8] דאָרט גופא, שפּ׳ 13: „שטריכן און פאַקטן" פון יוסט, ד״ה יוס[ף] ט[שערניכאָוו].

[9] ד״ה גילגול (איבערגאַנג פון אַ נשמה אין אַ נײַעם גוף).

[10] דאָרט, נומ׳ 2 (3 דעצ׳ 1926), „שטריכן און פאַקטן" פון יוסט, שפּ׳ 25.

[11] פוילישע ראשי־תיבות פון „געזעלשאַפט פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער באַזעצונג".

[12] דאָרט, נומ׳ 3־4 (11 פעבר׳ 1927).

[13] ד״ר צ. שאַבאַד, דאָרט נומ׳ 5־6.

[14] פון י. טשערניכאָווס רעדע אויפן קבר פון ד״ר צמח שאַבאַד בעתן ייִוואָ־צוזאַמענפאָר, יולי 1935, פאַרעפנטלעכט אין ווילנער טאָג פון 5טן פעברואַר 1936, ז׳ 4.

[15] ענגליש: United Socialist-Territorialists "Ust" for Jewish Colonization in Soviet Republics.

[16] לייען: מ[איר] מענדעלסבערג (1890־1955), פאַרדינסטפולער טוער פון ס״ס און פאַראייניקטע אין פוילן, שפּעטער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין אַמעריקע.

[17] אַן אַמאָליקע אַקטיווע טוערין פון יטאַ״פּ און שפּעטער ס״ס (זע אַרײַנפיר־קאַפּיטל, ז׳ 17). פּ״גל נעקראָלאָג אין אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1951, ז׳ 26.

[18] זע למשל אונדזער „דרײַסיק יאָר ביראָבידזשאַן", פרײַלאַנד (פּאַריז), יולי־סעפּטעמבער און אָקטאָבער־דעצעמבער 1958.

[19] ייִדן אין פּסטר, זאַמלבוך, אונטער דער רעדאַקציע פון ש. דימאַנשטיין, מאָסקווע 1935, ז׳ 32.

[20] דצ״ו, ז׳ 33־34.

[21] זע וועגן דעם דצ״ו, זז׳ 277־285.

[22] בריוו פון 14טן פעברואר 1927 (זשיטלאָווסקי־אַרכיוו, ייִוואָ).

[23] בריוו פון 5טן יולי 1934 (דאָרט).

[24] מאַשינטעקסט פון אינטערוויו (דײַטש) געפינט זיך אין פרײַלאַנד־אַרכיוו (י. נ. שטיינבערגס מאַטעריאַלן).

[25] וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן אין פוילן זען למשל יעקב לעשטשינסקי, אויפן ראַנד פון אָפּגרונט, בוענאָס־אײַרעס 1947.

[26] אַזאַ אויפשריפט פיגורירט אויפן שטאַמפּ פון דער גרופּע.

[27] איצט אין ייִוואָ.

[28] ת. א. צוקערמאַן צו ת. הערוואַלדן, דעם 20סטן נאָוועמבער 1931.

[29] עס איז ניט מעגלעך פעסטצושטעלן די גענויע דאַטע און די צײַטונג. י. (אָנשטאָט ב.) אינעם קיצור פון פּאָגעלנעסטס נאָמען איז מן הסתם אַ דרוקפעלער.

[30] Israel Zangwill, **Watchman, What of the Night?**, N.Y.C., 1923.

[31] ציטירטער בריוו.

[32] געמיינט דעם בלוטיקן אַנטי־ייִדישן אויפשטאַנד פון די אַראַבער זומער 1929.

[33] ת. א. צוקערמאַן און ב. פּאָגעלנעסט צו ת. הערוואַלדן, דעם 22סטן יאַנואַר 1932. אינעם בריוו ווערט אויך דערמאָנט „אַ זייער גערעטענער אַרטיקל פון ד״ר זשיטלאָווסקי״.

[34] זע וועגן אים: לעקס׳ פון דער נײַער ייִד׳ ליט׳, ב׳ 3, שפּ׳ 278־279; לייזער ראַן — אַרײַנפיר־אַרטיקל צו לייזער וואָלפס לידער, ציקאָ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1955; אַ. סוצקעווער אין די גאָלדענע קייט, 1956, נומ׳ 26, זז׳ 36—51; אונדזער „לייזער וואָלף — דער מענטש, דער דיכטער, דער טעריטאָריאַליסט״, אויפן שוועל נומ׳ 5 (143), 1960.

[35] וועגן דעם דאָזיקן אַספּעקט פון סוצקעווערס ביאָגראַפיע זע ש. קאַטשערגינסקי, „אַ. סוצקעווער״, זז׳ 305—308 פונעם זאַמלבוך שמערקע קאַטשערגינסקי אָנדענק־בוך, בוענאָס־אײַרעס 1955 (מיט געוויסע אומפּינקטלעכקייטן).

[36] אַהרן שטיינבערג, „יצחק נחמן שטיינבערגס קינדער־ און יוגנט־יאָרן״ (1888־1914), שטיינבערג־בוך, נ״י 1961, ז׳ 75.

[37] ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, „ווי די פּערזענלעכקייט פון י. נ. שטיינבערג אַנטפּלעקט זיך אין זײַנע בריוו״, דצ״ו, ז׳ 126.

[38] אליהו שולמאַן, „פרײַע שריפטן״, דצ״ו, זז׳ 267—283; לייבל באַיאָן, „שטיינבערגס עטישער סאָציאַליזם און דער קרײַז ׳פרײַע שריפטן׳ אין ווילנע״, דצ״ו, זז׳ 284—293; אַ. אײַזען, פ״גל הערה 40.

[39] ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, דצ״ו, ז׳ 126.

[40] אַ. אײַזען, „די ׳פרײַע שריפטן׳ און די ייִדישע יוגנט אין פוילן״, אויפן שוועל, דעצעמבער 1948, ז׳ 13.

[41] אין טעקסט אַ בולטער דרוקפעלער „וויסנשאַפטלעך״.

[42] פרײַע שריפטן נומ׳ 10, זז׳ 41—61, פ״גל אליהו שולמאַן, „פרײַע שריפטן״, שטיינבערג־בוך, ז׳ 80.

[43] ד. דאַווידאָוויטש (לוואָוויטש), „טעריטאָריאַליסטישע זוכענישן״, זמ״ב סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליזם (פּאַריז 1934), ז׳ 80.

[43*] בריוו צו מאיר אַראָנסאָנען, תל־אָביב (בן־אַדיר־אַרכיוו, ייִוואָ).

[44] אויסגעדריקט אין אַ רײ ווערק, דער עיקר אין „די אַנטוויקלונג פון ייִדישן פאָלק פאַר די לעצטע 100 יאָר״ אין ערשטן באַנד שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק פון ייִוואָ 1928. זע קריטיק פון י. טשערניכאָוו, „וועגן מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט״, „הײַנט־יובל־בוך, 1938, זז׳ 190 א״ו.

45 אין פאָלק און ציון (אויגוסט 1958), אָרגאַן פון דער אויפקלערונג־אָפּטיילונג פון דער ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט י. לעשטשינסקי, אין שייַכות מיט 30 יאָר זינטן אָנהייב פון ביראָבידזשאַן, פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפן אָנפאַל אויפן טעריטאָריאַליזם מיט אויסדרוקן פון תשובה פאַר זייַנע אַמאָליקע „טעריטאָריאַליסטישע בלאָנדזשענישן" (די בונדישע תקופה איז אין גאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן) און מיט אַ פאַרזיכערונג, אַז „ליידער, ליידער" איז ער „געקומען צו זיך ערשט אין די דרייַסיקער יאָרן" און האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר דאָס היסטאָרישע היימלאַנד אין ארץ־ישראל קאָן זייַן אַ באָדן פאַר ייִדישער קאָנצענטראַציע. זע ג. שאַפּיראָ, „יעקב לעשצינסקי און דער טעריטאָריאַליזם", פרייַלאַנד (פּאַריז), נאָוועמבער 1959, און אַ. בין, דאָרט, מיַי־יוני 1960.

46 טשערניכאָוו איז צום ערשטן מאָל געווען אין פּאַלעסטינע נאָך בעת דער טערקישער ממשלה, אין 1910, זיך געענוי באַקענט מיטן לאַנד און אָנגעשריבן אַ בוך וועגן זייַנע אויספאָרשונגען, וואָס האָט דערוויזן די ניט־צוגעפּאַסטקייט פון פּאַלעסטינע פאַר ייִדישן קיבוץ־גליות. דער כתב־יד איז אָבער צוגעגנבעט געוואָרן צוזאַמען מיט איינער פון טשערניכאָווס וואַליזעס.

47 הייַנט (וואַרשע), דעם 7טן אויגוסט 1933.

48 דעם מחבר פון די שורות האָט זיך ניט איינגעגעבן צו געפינען דעם דאָזיקן קאָמוניקאַט אין די דעקאָמפּלעטירטע ייִדישע צייַטונגען פון דער ייִוואָ־ביבליאָטעק, אָבער ער געדענקט אים זייער גוט און ער ווערט אויך דערמאָנט אין י. ס. וואָלפס מעמאָראַנדום.

49 אינעם ת. ב. הערוואַלד־אַרכיוו, ייִוואָ.

50 מלך ראַוויטש האָט איבערגעאַרבעט און קאָנדענסירט זייַנע וועג־באַשרייַבונגען פון צפון־טעריטאָריע אונטערן נאָמען: „נאָרדערן־טעריטאָריע־רייַזע — 1933. וועגן אַ פּראָיעקט צו באַזעצן אייראָפּעיִשע ייִדן אין צפון־אויסטראַליע. — די ווילדע רייַזע, דאָס ווילדע לאַנד און — קיין פּראָיעקט איז ניט ווילד גענוג צו ווערן אַ מאָל פאַרווירקלעכט" (אויסטראַליש־ייִדישער אַלמאַנאַך, מעלבורן 1937, זז׳ 215—232).

הערות צום קאַפּיטל צוויי

[1] נאָכן פריִער דערמאָנטן אַרטיקל פון מ. זילבערפאַרב „נאָר אָן פּאַניק" זײַנען צו דער דיסקוסיע צוגעטראָטן דער פירער פון די לינקע פּועלי־ציון זרבבל מיטן אַרטיקל „די ייִדישע מאַסן האָבן אַן אויספּיר!" (דעם 15טן סעפּטעמבער) און אינעם ווײַטערדיקן נומער — אַ געוויסער יצחק בערנשטיין פון פּלאָצק מיט אַן אַפּאָלאָגיע פונעם קלאַסישן גלות־ייִדישיזם, אָפּטימיזם און בטחון. לויט דער באַמערקונג פון דער רעדאַקציע אין נומ' 36: „אַ באַקאַנטער ייִדישער שריפטשטעלער, צו וועלכן מיר האָבן זיך געווענדט (...) שרײַבט אונדז: „איך וואָלט געשריבן אַן אַרטיקל, נאָר איר ווייסט דאָך, אַז איך בין מסכּים מיט אים [לעשטשינסקין] (...) איך האַלט, אַז די גאַנצע מי פון די ייִדישיסטן איז אַרויסגעוואָרפן" אאַז"וו.

[2] געווען איבערגעדרוקט אין צוויי פּראָווינצער צײַטונגען אין פּוילן (דאָס נײַע לעבן, ביאַליסטאָק, רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן, און פּרוזשענער לעבן, רעדאַקטאָר גרשון אורינסקי), דאַכט זיך אויך אין טשערנאָוויץ, און אַרויסגערופן אַ רײ אָפּקלאַנגען און פּאָלעמישע ענטפערס, צוו"אַ אין איבערבוי, פּראָביראָבידזשאַן־אָרגאַן אין פּוילן.

[3] אין קעפּל אַ דרוקפעלער: „פּאָפּולערע" אַנשטאָט „פּאַרפלוכטע" (ד"ה פּאַרשאָלטענע). אויסגעבעסערט לויטן טעקסט.

[4] דער פולער טעקסט פונעם שפּאַרבער־געזעץ (אין 12 פּונקטן אָדער געבאָטן) איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דער „דעקלאַראַציע פון ססח"ג" (זען אונטן, הערה 6). דער געזעץ, אַ סאָציאַליסטישע איבעראַרבעטונג פונעם סקויטן־געזעץ, איז צונויפגעשטעלט געוואָרן ווינטער 33/1932; דער דריטער געבאָט, וואָס ווערט ציטירט אין טעקסט, איז אין דער דאָזיקער פאָרעם אויסגעאַרבעט געוואָרן בײַם גרינדן די ססח"ג, אין נאָוועמבער 1933.

[5] „פרײַע" ווערט דאָ און אין אַלע ווײַטערדיקע טעריטאָריאַליסטישע דאָקומענטן פאַרשטאַנען ניט ווי „אומאָפּהענגיקע", נאָר אינעם טאָפּעלן זין פון „ניט־באַפעלקערט אָדער ווייניק באַפעלקערט" און „פרײַ פאַר זעלבסטשטענדיקער ייִדישער קולטור־אַנטוויקלונג".

[6] די דעקלאַראַציע איז געווען מימעאָגראַפירט אין אַ קליינער צאָל עקזעמפּלאַרן. עס האָט זיך אָפּגעהיט איין עקזעמפּלאַר, צוגעשיקט דעם מחבר, צוזאַמען מיט אייניקע אַנדערע שפּאַרבער־מאַטעריאַלן, דורך ש. לוריא, מרחביה, ישראל.

[7] אַ פּרוּוו פון אַ געפּרעסטער כאַראַקטעריסטיק פון דער שפּאַרבער־אַסאָציאַציע האָט דער מחבר געגעבן אין דעם אַרטיקל „שפּאַרבער", אויפן שוועל, יאַנואַר־פעברואַר און מאַרץ־אַפּריל 1959.

[8] מיכאל אַסטור, „טעריטאָריאַליסטישע זיגזאַגן", יאַנואַר, „ייִדישע יוגנט, סקויטינג און טעריטאָריאַליזם", פעברואַר 1934, וואָס האָבן אַרויסגערופן שאַרפע אָנפאַלן מצד בונדיסטן און פּראָקאָמוניסטישע עלעמענטן (צוו"אַ מצד די מיטגלידער פון „יונג־ווילנע" שמערקע קאַטשערגינסקי און לייזער וואָלף).

[9] פרײַלאַנד, חודש־שריפט פאַר טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָניזאַציע, וואַרשע, נומ׳ 1־2 (סעפטעמבער־אָקטאָבער 1934), ז׳ 107.

[10] מיט פינף יאָר שפּעטער, אינעם מעמאָראַנדום צו דער עוויאַנער קאָנפערענץ וועגן פּליטים, האָט דער „עמקאָל" אַזוי כאַראַקטעריזירט זיך אַליין: „די געזעלשאַפט פאַר ייִדישער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע איז אַן אָרגאַניזם, געבויט אויף דעמאָקראַטישע יסודות. זי שטודירט און פאָרשט אויס נײַע וועגן פאַר אָרגאַניזירטער און רעגולירטער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. איר אַרבעט שטיצט זיך אויף דער אידעע, אַז דער ביזאיצטיקער מעטאָד אינדיווידועל צו שטיצן עמיגראַנטן איז מער ניט באַרעכטיקט דורך דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סיטואַציע פון דער הײַנטצײַטיקער וועלט. — די געזעלשאַפט ׳עמקאָל׳ זעט פאָרויס אַ קאָלאָניזאַציע מיט אַן אַגראַר־אינדוסטריעלן יסוד אין ווייניק באַפעלקערטע לענדער מעבר לים, ווו עס זאָל זײַן גענוג אָרט פאַר אַ גרויסער צאָל ייִדן, וואָס זײַנען גערדיקט און געטריבן דורך דעם מיטל־עלטערלעכן באַרבאַריזם, וואָס האָט אויפגעלעבט אינעם האַרצן פון אייראָפּע. כדי אויסצופירן די דאָזיקע אויפגאַבע, דאַרף מען האָבן ברייטע און פרײַע שטחים, ווו לאַנדווירטשאַפט, מלאָכה און אינדוסטריע זאָלן קאָנען אַנטוויקלט ווערן דורך ייִדישער אַרבעט און אינטעליגענץ" אאַז״וו, און אין אַן אַנדער אָרט: „מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן מיר אָרגאַניזירט אינדיווידועלע הילף אין צוזאַמען־אַרבעט מיט אַנדערע הילף־געזעלשאַפטן. בײַם הײַנטיקן טאָג פאָרשן מיר אויס די מעגלעכקייטן צו באַזעצן ייִדן אין פאַרשיידענע ווייניק באַפעלקערטע לענדער(...)" (דער פראַנצייזישער טעקסט פונעם מעמאָראַנדום געפינט זיך אינעם אַרכיוו פונעם פאַרשטאָרבענעם פרײַלאַנד־טוער יעקב לעווין).

[11] פרײַלאַנד, דאָרט (זען הערה 9).

[12] דאָרט.

[13] Unser Dasein.—דער ווײַטערדיקער תמצית איז געבויט אויף דער רעצענזיע פון י. נ. שטיינבערג, „די שטים פון אַ דײַטש־ייִדישן דיכטער", דאָס פרײַע וואָרט, דעם 29סטן סעפטעמבער 1933.

[14] Eine Reise nach Poland. זען אויך אונדזער נאָטיץ „אַלפרעד דעבלין 1879—1957)", אויפן שוועל, סעפטעמבער־אָקטאָבער 1957.

[15] לויטן טעקסט פון דער דעקלאַראַציע, פאַרעפנטלעכט אין דאָס פרײַע וואָרט, דעם 22סטן דעצעמבער 1933, און אין פרײַלאַנד, נומ׳ 1־2, זז׳ 108־109, דערקלערט און מאָטיווירט דורך ד״ר ח. זשיטלאָווסקין אין פרײַלאַנד, ד״ז נומער, זז׳ 33־34.

[16] זען ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, געזאַמלטע שריפטן, ב׳ 4, זז׳ 104־105.

[17] נאָך דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע איז צפון־מעסאָפּאָטאַמיע (דזשעזירע) אַ קורצע צײַט געגומען געוואָרן אין באַטראַכט אין דער יט״אָ ווי אַ מעגלעכער ראַיאָן פון ייִדישער קאָלאָניזאַציע.

[18] י. טשערניכאָוו האָט כאַראַקטעריזירט די פראַזע וועגן „שכנישע לענדער" ווי „אַ פעלער און אין אַ געוויסער מאָס אַ זעלבסטאָפּנאַרערײַ" (זען אויבן, ז׳ 78, אַן אויסצוג פון זײַנעם אַ בריוו צו זשיטלאָווסקין). זשיטלאָווסקי גופא האָט אָנערקענט, אַז „די פאָרמולירונג איז נאָך זייער אַן אָרעמע" (פרײַלאַנד, נומ׳ 1־2, ז׳ 34).

[19] געב׳ אין בוקאַרעשט 1856, געשט׳ אין לאָנדאָן דעם 5טן מאַרץ 1939. ספּעציאַליסט פון רומענישער פילאָלאָגיע און יודאַיסטיק. אַ צײַט געווען דער הויפּט־רב פון דער פּאָרטוגעזישער קהילה אין לאָנדאָן. זיך דערווײַטערט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע צוליב איר צעשוומענעם נוסח. מיטגליד פון ערן־קוראַטאָריום פון ייִוואָ. איבערגעצײַגטער ייִדישיסט („אויסבײַטן אַ שפּראַך איז ווי בײַטן אַ מוטער אויף אַ שטיפמוטער", רעדע וועגן ייִדיש אין דער לאָנדאָנער געז׳ פרײַנד פון ייִוואָ, זען אונדזער טאָג פון 15טן יוני 1937).

[20] אויפֿן סמך פֿון: פֿרײַלאַנד, נומ׳ 1־2, זז׳ 107־108 (כראָניק); וויליאַם צוקערמאַן, „די נײַע טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג אין ענגלאַנד״, דאָרט, זז׳ 96—101; ד״ר משה גאַסטער, „אַ בריוו צו דער רעדאַקציע פֿון פֿרײַלאַנד״, פֿרײַלאַנד, נומ׳ 3־4, זז׳ 11—14.

[21] לעאָפּאָלד קעסלער, פֿון פֿאַך אַ באַרג־אינזשעניר, האָט לאַנג געלעבט אין דרום־אַפֿריקע און געקענט דאָס אַפֿריקאַנער לעבן. אײנער פֿון די ערשטע פּאָליטישע ציוניסטן, נאָענטער מיטאַרבעטער פֿון הערצלען. אין 1902 אָנגעפֿירט לויט הערצלס שליחות די עקספּעדיציע קיין על־אַריש. אין 1905 פֿאַרלאָזט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און איז צוגעשטאַנען צו יט״אָ. אין די דרײַסיקער יאָרן געווען דער הויפּט־אײגנטימער פֿון דזשוויש קראָניקל. זײַן נאָמען וועט זיך נאָך פֿיל מאָל באַגעגענען אויף די ווײַטערדיקע זײַטן. זען אויך י. ש., „לעאָפּאָלד קעסלער״, אויפֿן שוועל, פֿעברואַר 1944, אין שײַכות מיט זײַן טויט אין ניו־יאָרק, דעם 3טן יאַנואַר 1944.

[22] דוד יאָכעלמאַן איז געווען דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער און פֿאַרטרעטער פֿון זאַנגווילן אין דער יט״אָ און דער הויפּט־פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר דער „גאַלוועסטאָן״־אָפּנײַגונג. צוליב זײַן פֿאַרערגערטן געזונט־צושטאַנד און אויך צוליב זײַן ניט מסכים זײַן מיט די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזיר־פּרינציפּן און דער שטאַרקער סאָציאַליסטישער השפּעה אין דער פֿרײַלאַנד־ליגע, האָט ער זינט 1935 אויפֿגעהערט צו זײַן אַקטיוו אין אירע רייען.

[23] אײן מאָל איז שוין אַזאַ שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן געוואָרן אין אויגוסט 1933 (זע אויבן, ז׳ 52). דאָס מאָל האָט אַן ענגליש־יידישע ציוניסטישע צײַטונג געמאַכט אַ סענסאַציאָנעלן טומל, אַז ד״ר גאַסטער און זײַנע חברים קלײַבן זיך צו באַזעצן פֿינף טויזנט ייִדן אין אַנגאָלע. דער ציל איז געווען צו פּראָוואָצירן די פּאָרטוגעזישע געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג און רעגירונג־קרײַזן. היות ווי קיין שום ייִדישע אָרגאַניזאַציע האָט אין דער אמתן נאָך ניט אָנגעבונדן דעם מינדסטן קאָנטאַקט מיט דער פּאָרטוגעזישער רעגירונג, האָט די דאָזיקע אומגעריכטע „רעוואָלאַציע״ געמאַכט אַ זייער ניט קיין גינציקן אײַנדרוק אין ליסאַבאָן. ד״ר גאַסטער האָט געמוזט דרוקן אַ הכחשה וועגן דער פּריצײַטיקייט און ניט־באַגרינדעטקייט פֿון דער צײַטונג־סענסאַציע. דאָס איז אויך אַרײַנגעגאַנגען אינעם פּלאַן פֿון די ציוניסטישע מאַכינאַטאָרן — ווײַזן דער ייִדישער עפֿנטלעכקייט, אַז קיינע שום רעאַלע טעריטאָריאַליסטישע פּלענער זײַנען ניט בנימצא. דער דאָזיקער ערשטער פֿאַל האָט שוין בולט באַוויזן, אַז אַלע פּרעלימינערע פּאָליטישע אַרבעטן און צוגרייטונגען מוזן געפֿירט ווערן שטרענג קאָנספּיראַטיוו. — זען וועגן דעם אינצידענט: י. נ. שטיינבערג, „טעריטאָריעס מוזן מיר זוכן״, דאָס פֿרײַע וואָרט, דעם 25סטן מײַ 1934.

[24] בײדע בריוו האָבן זיך צופֿעליק אָפּגעהיט אין הערוואַלדס פּאַפּירן (איצט אין ייִוואָ־אַרכיוו).

[25] י. נ. שטיינבערג, „טעריטאָריעס מוזן מיר זוכן״, דאָס פֿרײַע וואָרט, דעם 25סטן מײַ 1934; פֿרײַלאַנד, נומ׳ 1־2, ז׳ 110.

[26] די י״ס האָבן ניט געהאַט קיין אָרגאַניזאַציעס אויף דער טעריטאָריע פֿון פּוילן.

[27] אויף בן־אַדירס „דער גראָדער ענטפֿער אויף דער פֿאַרפֿלוכטער פֿראַגע״ האָט זילבערפֿאַרב געענטפֿערט מיט „אַ לאָזונג אָדער אַ קמיע?״ (ליטעראַרישע בלעטער, דעם 1טן דעצעמבער 1933). דערויף האָט אים בן־אַדיר געענטפֿערט מיט „איז די שטרויסן־פּאָליטיק אַן אויסוועג?״ (ליט׳ בל׳ דעם 15טן דעצעמבער 1933). דערנאָך האָט זילבערפֿאַרב אָנגעגריפֿן יעקב לעשטשינסקיס „מײַן פּעסימיזם״ אין זײַן אַרטיקל „נאָך אַ דאָקטאָר אָדער נאָך אַ קבורות־מאַן?״ (ליט׳ בל׳ דעם 19טן פֿעברואַר 1934) און זײַן לעצטער אַרטיקל פֿאַרן טויט איז געווען „אַ רעוויזיע אָדער אַ רונדרײַזע?״ (ליט׳ בל׳, דעם 16טן מאַרץ 1934) — אַ פּאָלעמיק מיט י. טשערניכאָוו „צום שוץ פֿון ׳פּעסימיזם׳״. — די דאָזיקע אַרטיקלען זילבערפֿאַרבס זײַנען אַרײַנגענומען אינעם ערשטן באַנד פֿון זײַנע געזאַמלטע שריפֿטן, פּאַריז 1935.

[28] י. ר., „ד״ר משה זילבערפאַרב״, פריילאַנד, נומ׳ 1־2, זז׳ 90—92. וועגן די איני־ציאַלן י. ר. זען אונטן, הערה 75.

[29] אויף די ווײַטערדיקע זײַטן פון דער דאָזיקער געשיכטע וועלן מיר זיך ניט איין מאָל באַגעגענען מיט יעקב לעשטשינסקיס אַרויסטריטן פון דעם מין — אין שייכות, למשל, מיט דער מוטע־דעקלאַראַציע אין 1937, מיט דער עוויאַן־קאָנפערענץ אין 1938, מיט דער בריטישער גוויאַנע אין 1939, אויך מיט זײַנע רעדעס אויף פאַרזאַמלונגען פון דער ניו־יאָרקער פריילאַנד־ליגע און מיט זײַנע אַרטיקלען אינעם פריילאַנדיסטישן אויפן שוועל אין 1941־1942. אין זלמן מײַזנערס בריוו (שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ), למשל פון 17טן פע־ברואַר 1937, 15טן מאַרץ און 15טן יוני 1938, רעדט זיך וועגן לעשטשינסקיס „נאַענטקייט״ צו דער פריילאַנד־ליגע און זײַן אָפּהאַלטן זיך פון אַרײַנטרעטן אין דער ליגע ווערט דער־קלערט (ריכטיק אָדער ניט) דורך זײַן „גלות־לאַגע אויף דער עלטער״.

[30] זען הערה 45 צום קאַפּ׳ 1.

[31] לויט דניאל טשאַרני, אַ ליטוואַק אין פוילן, ז׳ 58, איז לאַצקי געוואָרן „אַ משולח פון דעם קרן־היסוד״. זײַער אינטערעסאַנט איז ד. טשאַרניס גבית־עדות וועגן דעם „גאַנץ איי־גענעם און אייגנאַרטיקן וועג״, וואָס מיט אים איז זײַן „פרײַנד און לערער לאַצקי־בערטאָלדי דערגאַנגען צום ציוניזם״: „ווי זאָל זיך ראַטעווען אַ ייִדישער מענטש, וואָס שטייט אויפן שוועל פון גײַסטיקן אָדער פיזישן זעלבסטמאָרד? פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ארץ־ישראל!״ „דער גאַנצער אויפבוי פון ארץ־ישראל איז פאַרבונדן מיט דער ׳זעלבסטמאָרד־ענערגיע׳ פון דעם ייִדישן פאָלק...״ דאָס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר לאַצקי־בערטאָלדיס פּערזענ־לעכער סיטואַציע און פּסיכאָלאָגישן מצב אין 1934.

[32] פאַריזער הײַנט פון 1טן אָקטאָבער 1934. זען וועגן דעם אַ. ר—ן (אַ. ראָזין־בן־אַדיר) „אַ טשיקאַווער בעל־תשובה״, פריילאַנד נומ׳ 3־4, זז׳ 82—84. בן־אַדיר האָט אָפּן אָנגעוויזן, אַז ער גלייבט ניט אין דער עכטקייט פון לאַצקי־בערטאָלדיס תשובה. אין דעם זעלבן נו־מער פריילאַנד האָט ז. קלמנאָוויטש, ווי אויף צו להכעיס דעם בעל־תשובה, אָפּגעדרוקט אַ באַגײַסטערטע רעצענזיע וועגן לאַצקי־בערטאָלדיס ערדגײַסט.

[33] פריילאַנד נומ׳ 1־2, ז׳ 109. זען אויך אונדזער „דאָס געבורט פון ׳פריילאַנד׳ אין פוילן״, פריילאַנד (פּאַריז), נאָוועמבער 1959.

[34] ל. פייגנבוים איז געווען איינער פון די וויניקע ס״ס, וואָס האָבן געטראַכט וועגן צוגרייטן פּיאָנירן פאַר דער טעריטאָריע (אונדזער וועג, 1908, נומ׳ 3). פ״גל י. גאָרסקי, „לעאָן פייגענבוים״, אויפן שוועל, נאָוו־דעצ׳ 1944.

[35] „טעריטאָריעס מוזן מיר זוכן״, דאָס פרײַע וואָרט, דעם 25סטן מײַ 1934.

[36] יוסט, „נאָטיצן: דער ׳כשרער חזיר׳ פון ׳לעבעדיקן׳ ה׳ קאָסאָווסקי״, פריילאַנד נומ׳ 1־2, זז׳ 105־106.

[37] פון 11טן מײַ 1934. י. כ. [כמורנער] — פּעננאָמען פון יוסף לעשטשינסקי.

[38] ייִדן אין פסס״ר, מאָסקווע 1935, ז׳ 180.

[39] יוסט, דאָרט (זען הערה 36).

[40] זיי ווערן אויסגערעכנט אין די אַרטיקלען פון יוסט, (זען הערה 36) און ז. מייז־נער „בונד און ביראָבידזשאַן״, פריילאַנד נומ׳ 1־2, זז׳ 77—83, און אין י. דניאלי „צווײ אײַנשטעלונגען״, פריילאַנד נומ׳ 3־4, זז׳ 91—107.

[41] י. כמורנער, „אַ סקאַרבאָווער ענטפער, אָבער אַ ריכטיקער״, פאָלקסצײַטונג, דעם 22סטן נאָוועמבער 1934, ציטירט דורך י. דניאלי, „צווײ אײַנשטעלונגען״ (זען הערה 40), זז׳ 105—107.

[42] עס איז אוממעגלעך פאָרויסצוזאָגן, וואָס וואָלט געקאָנט זײַן י. כמורנערס שטעלונג צום טעריטאָריאַליזם אין די ראַמען פון „בונד״, אויב ער וואָלט ניט געשטאָרבן אַזוי פרי (דעם 30סטן יולי 1935).

[43] ייִדן אין פּסס״ר, ז׳ 281.

[44] באַריכט פון דער פאַרוואַלטונג פון „אַגראַיִד״ (ייִוואָ־אַרכיוו).

[45] דאָרט.

[46] ייִדן אין פּסס״ר, ז׳ 281, ציטאַט פון איבערבוי, אָרגאַן פון „אַגראַיִד״.

[47] דעם מחבר איז ניט געראָטן צו געפינען דעם פּרעסע־קאָמוניקאַט וועגן דעם, אָבער ווי ער געדענקט, איז דאָס געשען נאָך אין 1934.

[48] שמואל לאַקערמאַן (1888—1950), אַמאָליקער ס״ס, שפּעטער פּאָלקיסט־דעמאָקראַט (גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי), סעקרעטאַר פון „טאָז״ (אָזע״) אין ווילנע. האַרבסט 1935, צוליב מאַטעריעלע סיבות, אַריבערגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע. געשריבן קאָרעספּאָנדענצן פאַרן ווילנער טאָג, פּיאָנער, אויפן שוועל (פּסעוודאָנימען — ש. באַסמאַן, אַ. אסתרזאָן), ביזן טויט געבליבן אַ געטרײַער פרײַלאַנדיסט. זען נעקראָלאָגן אין אויפן שוועל, יאַנואַר־פעברואַר און מאַרץ־אַפּריל 1951 (דער לעצטער געשריבן פון הירש אַבראַמאָוויטשן).

[49] שלמה באַסטאָמסקי (1891—1941), באַקאַנטער פּעדאַגאָג, לערער אין ווילנער ייִדיש־וועלטלעכע שולן, מחבר פון שולביכער, רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון קינדער־זשורנאַלן גרינינקע ביימעלעך און חבר. זען וועגן אים אין לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, ב׳ 1, שפּ׳ 226־227; לערער־יזכור־בוך, זז׳ 30—34.

[50] ברוך לובאָצקי (אומגעקומען 1945), לערער און ייִדישער קולטור־טוער, שפּעטער אָנגעשטעלטער פון דער ווילנער ייִדישער קהילה.

[51] דער אויסשעפּיקער פּראָטאָקאָל פון אָט דער קאָנפערענץ, צונויפגעשטעלט דורך איר סעקרעטאַר, דעם שרײַבער פון די שורות, איז פאַרלאָרן געגאַנגען צוזאַמען מיט אַלע זײַנע פאַר־מלחמה־פּאַפּירן. דער ווײַטערדיקער באַריכט איז געבויט אויף דער זייער קורצער און אויסמײַדנדיקער כראָניק אין פרײַלאַנד נומ׳ 1־2, זז׳ 109—111, דערגאַנצט לויטן מחברס זכרונות (פֿ״גל הערה 33), און אויף י. טשערניכאָווס בריוו צו ד״ר ח. זשיטלאָווסקין, געשריבן דעם 5טן יולי 1934, באַלד נאָך דער קאָנפערענץ (ייִוואָ־אַרכיוו).

[52] זען וועגן אים אין לערער־יזכור־בוך, זז׳ 5—7. אין לעקסיקאָן, ב׳ 1 שפּ׳ 38, ווערט ער פאַלש אָנגערופן „טעטיקער בונדיסט״.

[53] בריוו פון 5טן יולי 1934.

[54] מיר וועלן זיך באַגעגענען מיט דער דאָזיקער קאָנסטאַטירונג אין די פּרעסע־שטימען וועגן פרײַלאַנד. יעקב לעשטשינסקי האָט אין זײַן קריטיק פון פרײַלאַנד מיט פּאַטאָס אויסגערופן: „מען טאָר ניט איבערחזרן דעם עקספּערימענט!״ — אָבער האָט עס אויף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופן באַגרינדעט: „און דווקא ווײַל איצט וועלן זײַן ניט קיין צענער טויזנטער אָנהענגערס, נאָר הונדערטער טויזנטער״ אאַז״וו (זען ז׳ 95).

[55] מען איז זיך באַגאַנגען אָן דעם וואָרט „ייִדישע״, ווײַל — ווי מען האָט אָנגעוויזן — טעריטאָריאַליסטישע קאָלאָניזאַציע איז אַ ספּעציפיש ייִדישער ענין, פאַרשטייט זיך שוין במילא, אַז די באַוועגונג פאַר טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָניזאַציע איז אַ ייִדישע.

[56] בריוו פון 5טן יולי 1934.

[57] עס האָבן צו איר געהערט וו. לאַצקי־בערטאָלדי, י. טשערניכאָוו־דניאלי, מ. שאַץ־אַניז, דניאל טשאַרני, לאה בערלין א״אַ. פֿ״גל דניאל טשאַרני, באַרגאַרויף, זז׳ 184—185, זען אויך בילד צווישן זז׳ 192־193.

[58] י. טשערניכאָווס (דעם רעדאַקטאָרס) „רוף צו פרײַלאַנד״ האָט געזאָלט זײַן דער אַרײַנפיר־אַרטיקל. אינעם לעצטן מאָמענט האָבן מײַזנער און קרוק, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן דרוקן דעם נומער אין וואַרשע, אַרײַנגעגעבן אויפן ערשטן אָרט אַ בלאַסע און פּאַרעווע, אולטראַ־פּאָרזיכטיקע נאָטיץ „פון דער רעדאַקציע״. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז מען דאַרף אין נאָך מעסיקערע און מער פּשרהדיקע ווערטער אויסדריקן די פרידלעכקייט, אַלגעמיינקייט און אומפּאַרטיייִשקייט פון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג.

59 פּרײַלאַנד, נומ׳ 1־2, ז׳ 112; דער סטיל איז מײַזנערס.

60 למשל דער אָבסערוואַטאָר פון דער ווײַטנס, דער אַמאָליקער ס״סאָוויעץ שמואל ניגער (זען ז׳ 95).

61 פּרײַלאַנד, נומ׳ 1־2, ז׳ 7

62 דאָרט, ז׳ 13.

63 דאָרט, זז׳ 14—21.

64 דאָרט, ז׳ 22.

65 דאָרט, זז׳ 22־23.

66 דאָרט, ז׳ 25. אין דעם צוזאַמענהאַנג איז כדאַי צו ציטירן נאָך אַ ריכטיקן פּראָגנאָז בנוגע דעם עתיד פון די סאָוועטישע ייִדן, וואָס ד״ר משה זילבערפֿאַרב האָט אגב־אורחאדיק אַרויסגעזאָגט אין זײַן לעצטן אַרטיקל „אַ רעוויזיע אָדער אַ רונדרײַזע?״ (ליטעראַרישע בלע־טער, דעם 16טן מאַרץ 1934): „פון וואַנען ווייס מען, אַז די אָרטיקע רוסלענדער מערהייט־באַפעלקערונג וויל אויפנעמען די ייִדן־אַסימילאַנטן מיט אָפענע אָרעמס? צי וועט דאָרט ניט אַנטפּלעקן זיך די אַנטיסעמיטישע ירושה פונעם צאַריזם?״

67 דאָרט, ז׳ 26.

68 דאָרט, זז׳ 26־27.

69 דאָרט, ז׳ 27.

70 דאָרט, ז׳ 32.

71 ריכטיקער וואָלט געווען „גורל״ (אין דײַטשן אָריגינאַל „שיקזאַל״).

72 דאָרט, ז׳ 49.

73 דאָרט, זז׳ 55—57.

74 דאָרט, ז׳ 57.

75 י. ר. — י[וסף] ר[אָזן] — אַ פּסעוודאָנים פון י. קרוקן.

76 י. טשע[נסטאָכאָוו]סקי — אַן אַנדער פּסעוודאָנים פון יוסף קרוקן. אין די ערשטע חדשים נאָך דער גרינדונג פון דער פּוילישער פּרײַלאַנד־ליגע האָט זיך קרוק עפּנטלעך ניט אַנגאַזשירט אין איר טעטיקייט און האָט געבעטן, זײַן נאָמען זאָל ניט פיגורירן אינעם זשורנאַל. ערשט נאָך דעם ווי די ליגע האָט אים געשיקט מיט אַ שליחות קיין לאָנדאָן (אָנהייב 1935) האָט ער אָנגעהויבן אָפן אַרויסטרעטן אונטער זײַן אייגענעם נאָמען.

77 געמיינט דער סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליזם (זען ז׳ 90).

78 איבערגעדרוקט פון דער יודישער צײַטונג, אַרגענטינע (נומער און דאַטע ניט אָנ־געוויזן).

79 ווי שוין דערמאָנט (הערה 8 צום קאַפּ׳ 1) — אַ פּעננאָמען פון י. טשערניכאָוו. אינעם טעקסט פונעם זשורנאַל איז די חתימה על־פּי־טעות דורכגעלאָזן; זי פיגורירט אי־נעם זוכצעטל. פון די פיר נאָטיצן איז די אינטערעסאַנטסטע — „דער ׳כשרער׳ חזיר פון ׳לעבעדיקן׳ ה׳ קאָסאָווסקי״, אַ פּאָלעמיק מיט וו. קאָסאָווסקיס פּרווו צו דערווײַזן, אַז ביראָ־בידזשאַן איז ניט טעריטאָריאַליזם, מחמת ייִדן האָדעוועןן דאָרט חזירים און במילא איז דאָרטן ניטאָ קיין „אייגנאַרטיקע ייִדישע עקאָנאָמיק״, וואָס צו דעם שטרעבן, לויט קאָסאָוו־סקיס השגה, די טעריטאָריאַליסטן.

80 י. טשערניכאָוו, „מײַן לעצטע באַגעגעניש מיט ח. נ. ביאַליק״, פּרײַלאַנד, נומ׳ 1־2, ז׳ 89.

81 דער זאַמלבוך, הגם ניט־אָפיציעל, שטעלט מיט זיך פאָר אַן אויפטו פון דער נײַער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג און דאַרף ווערן פאַרצייכנט אויף די זײַטן פון דער דאָזיקער געשיכטע. דער ערשטער, היסטאָריש־מעמואַריסטישער טייל, איז באַשטאַנען פון: בן־אדיר, „צום אויפקום פון דער ייִד׳ סאָצ׳ אַרב־פּאַרטיי (י״ס)״; מ. זילבערפאַרב, „אונדזער ערשטע באַגעגעניש מיט די מאַסן״; ד. דאַווידאָוויטש (לוואָוויטש), „טעריטאָריאַליסטישע

זוכענישן (זכרונות פון לײַפּציגער צוזאַמענפאָר)״; יוסף טשערניכאָוו, „בלעטלעך זכרונות״. — אינעם צווייטן טייל, מאַטעריאַלן, זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט: „אויפרוף צו דער ייִדישער יוגנט״ (לאָנדאָן, 1901; געשריבן דורך נחמן סירקינען); נ. שטיף, „וווהין גייען מיר?״ א. ראָזין, „די ראָל פון קלאַסן און נאַציעס אין קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט״; דעקלאַראַציע פון דער ס״ס־פּאַרטיי. — קיין ווײַטערדיקע טיילן פון סאָציאַליסטישן טעריטאָריאַליזם זײַנען, צום גרויסן באַדויערן פאַר דער היסטאָרישער וויסנשאַפט, ניט אַרויסגעגאַנגען.

82 בריוו פון י. טשערניכאָוון צו ד״ר ח. זשיטלאָווסקין פון 14טן אָקטאָבער 1934 (ייִוואָ).

83 פרײַלאַנד, נומ׳ 3־4, זז׳ 117—120, צונויפגעשטעלט פון מ. אַ[סטור].

84 זען הערה 82.

85 פ״גל דעם אויסגעצייכנטן ענטפער פון אַ. ר[אָזין־בן־אַדיר]: „מה העבודה הזאת לכם?״, פרײַלאַנד, נומ׳ 3־4, זז׳ 84—90.

86 ציטירט אין גרויסע עקסצערפּטן אין פרײַלאַנד, נומ׳ 3־4, זז׳ 114—116.

87 געמיינט ס״ס.

88 פרײַלאַנד, נומ׳ 3־4, ז׳ 65.

89 ש. לאַקערמאַן „צום פערטן יאָרצײַט פון ד״ר צ. שאַבאַד (פון מײַנע לעצטע שמועסן מיט ד״ר צ. שאַבאַד ז״ל)״, אונדזער טאָג, דעם 20סטן יאַנואַר 1939.

90 זינט סוף 1934 האָט די בונדישע פאָלקסצײַטונג ניט געווידמעט קיין איין אַרטיקל דעם טעריטאָריאַליזם און האָט זיך באַנוגנט פון צײַט צו צײַט מיט קורצע אָפּלאַכערישע נאָטיצן פון זייער ניט קיין הויכן פובליציסטישן ניוואָ.

91 די פאַרבעטונג האָט זיך צופעליק אָפּגעהיט, צוזאַמען מיט אַ צאָל אַנדערע קאָנוואָקאַציעס פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין וואַרשע, אינעם ייִוואָ־אַרכיוו.

92 באַקאַנטער ייִדישער טעאַטער־טוער און ליטעראַט, איצט אין בוענאָס־אײַרעס, רעדאַקטאָר פון דער ביכער־סעריע דאָס פּוילישע ייִדנטום.

93 איבערגעדרוקט אין י. טשערניכאָווס בוך דרײַ אַרטיקלען וועגן בונד און בונדיזם, ווילנע 1939.

94 בריוו פון 5טן יאַנואַר 1935.

95 דערמאָנט אין ז. מײַזנערס בריוו צו י. נ. שטיינבערגן פון 17טן מײַ 1937; דער מחבר פון די שורות האָט דאָס געהערט פון בן־אַדירן שוין אין יאַנואַר 1935.

96 אַ זון פון חיים ראָזענבעסן (איצט אין מעלבורן).

97 וואָס דער דיכטער זאָל אַליין ניט האָבן פאַרשטאַנען אונטער אַזעלכע אויסדרוקן ווי „דער וועג אין אייגן לאַנד אַרײַן זאָל פרײַער, ברײַטער זײַן״, „וואָס וויל דאָס האַרץ? אַ שוואַרץ שטיק ערד און ברויט פון אייגענער האַנט באַשערט״, „פאַר אונדז, וואָס אונדזער פאָן איז רויט ווי אונדזער זון אין אונדזער לאַנד״ אאַז״וו — פאַר די שפּאַרבערס האָט דאָס געקלונגען ווי אַ „מאַכטיקע סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע וויזיע״ (באַמערקונג אינעם בלעטל שפּאַרבער), און דאָס ליד האָט געהערט צו זייער באַליבטן פּאָעטישן רעפּערטואַר.

98 זון פון זעליק קלמנאָוויטשן (איצט אין ישראל).

99 גרעסערע ציטאַטן געבראַכט אין פרײַלאַנד נומ׳ 3־4, ז׳ 120.

100 Manes Fromer, **Swiatowe rozwiazanie kwestji zydowskiej,** Warszawa 1934. — **Nasza wina, nasza hanba, nasza walka. O swiatowe rozwiazanie kwestji zydowskiej. Wydanie Nowoczesne,** Warszawa 1935, 80 pp. אַן עקזעמפּלאַר פון דער צווייטער בראָשור געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פונעם היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, ווו דער מחבר האָט זיך מיט איר באַקענט (צום צווייטן מאָל) אין 1957.

101 זען אויבן, ז׳ 37.

הערות צום קאַפּיטל דריי

[1] בעתן שרייבן די דאָזיקע שורות איז סאַלאַזאַר נאָך אַלץ דער דיקטאַטאָר פון פּאָרטוגאַל.

[2] בריוו פון י. טשערניכאָוון צו ד״ר ח. זשיטלאָווסקין פון 5טן סעפּטעמבער 1934.

[3] געשריבן אין דייטש. אַ קאָפּיע פאַרן לאָנדאָנער קאָמיטעט האָט זיך אָפּגעהיט אינעם אַרכיוו פון ת. ב. הערוואַלד (ייִוו״אָ).

[4] דאָס איז ניט געווען דער ערשטער בריוו פון דעם מין. מ. אַסטור האָט שוין דעם 14טן פעברואַר 1935, ד״ה נאָך איידער גאָצס בריוו פון 10טן פעברואַר האָט געקאָנט באַווייזן צו קומען צו דובאָסאַרסקין און דורך אים — צום פּאַריזער פריילאַנד־קאָמיטעט, געשריבן צו שלום קלמנאָוויטשן: „ליידער, האָב איך געלייענט סעקרעטע בריוו און כ׳ווייס, אַז אויף טעריטאָריאַליזם וועט פּאָרטוגאַל ניט גיין. אויף יחידישער קאָלאָניזאַציע פון רייכע יודלאַקעס — יאָ״, און שוין אין יאַנואַר האָט ער געוואָרנט קעגן אַנגאָלע.

[5] זיי ווערן שוין באַריכותדיק אויסגעדריקט אינעם ציטירטן בריוו פון מ. אַסטורן צו שלום קלמנאָוויטשן.

[6] ד״ר קרוקס באַריכט („גאַנץ פאַרטרויליך און נאָר פּערזענליך פאַר די מיטגלידער פון צענטראַל־ביוראָ״), וואַרשע, אָקטאָבער 1935, ייִדיש, מימעאָגראַפירט (לויטן שריפט פון דער שרייבמאַשין און דער ספּעציפישער אָרטאָגראַפיע — איבערגעשריבן דורך מייזנערן) האָט זיך אָפּגעהיט אין הערוואַלד־אַרכיוו (ייִוו״אָ). קרוקס אינפאָרמאַטאָרן וועגן אַנגאָלע זיינען געווען די אָנגעזעענע פּרעסע־ספּעציאַליסטן אויפן פעלד פון אויסלענדישער פּאָליטיק ווערנאָן באַרטלעט און גאַבערטאַס, דער געוו׳ לייבאָריסטישער וויצעמיניסטער ד״ר [היו] דאַלטאָן, דער געוו׳ קאָלאָניעס־מיניסטער לאָרד פּאַספילד, דער דעפּוטאַט גווילים ללויד דזשאָרדזש.

[7] אַ. סינגאַלאָווסקיס בריוו (צום פּאַריזער און וואַרשעווער קאָמיטעטן) פון 24סטן יוני 1936 (קאָפּיע אין לעפּטוויטש־אַרכיוו).

[8] אין דער תקופה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער פּראָצעס פון אומאָפּהענגיק ווערן פון די בריטישע קאָלאָניעס דערפירט געוואָרן כמעט ביזן סוף. אָבער שוין אין די דרייסיקער יאָרן האָבן זיך אין ענגלאַנד געהערט פּאַרלאַמענטאַרישע שטימען וועגן שאַפן פאַר ייִדן אַ נייעם דאָמיניאָן אין דעם בריטישן פעלקער־פאַרבאַנד (קאָמאָנוועלט). זע ווייטער, זז׳ 325, 326.

[9] ערשטער נאָמען ניט אָנגעגעבן. דאָס האָט געקאָנט זיין מאָרגאַן דזשאָנס אָדער קריטש דזשאָנס (ביידע האָבן געהערט צום בריטישן פּראָפריילאַנד־קאָמיטעט).

[10] אין קרוקס באַריכט: בעקיאַנאַ־לאַנד.

[11] 710,000 קוו קמ.

[12] אַרכיוו פון יעקב לעווין.

[13] אינעם הערוואַלד־אַרכיוו (ייוו״אָ) איז דאָ אַ בריוו צו הערוואַלדן פון איינעם ריס עוואַנס, מיטגליד פון דער קיניגלעכער אימפעריע־געזעלשאַפט, געשריבן דעם 23סטן יולי 1938. עוואַנס האָט געשריבן, אַז די פּריערדיקע מניעות זײַנען שוין באַזײַטיקט. דאָרט ווערן געבראַכט ידיעות וועגן דער געגנט: שטח — 6,704 קוו מ (= 17,430 קוו קמ), בערג ביז 3,000 פוס, דורכשניטלעכע הייך 2,000 פוס איבערן ים־שפּיגל, באַפעלקערונג אין 1936 — 153,290 באַנטו, 2,740 ווײַסע, 105 קאָלירטע. 2/3 פון דער גאַנצער ערד האָבן געהערט צו אייראָפּעער.

[14] דערמאָנט אין מ. אַסטורס בריוו צו ש. קלמנאָוויטשן פון 16טן מײַ 1935 — ווי דער לעצטער אויסוועג אין פאַל, אויב מען וועט ניט באַווײַזן צו מאָביליזירן דאָס יידישע פאָלק אויף עפּעס גרעסערס.

[15] אין בוענאָס־איירעס. י. ל. גרוזמאַן (געשטאָרבן אין יולי 1961) איז אין די דרײַסיקער און פערציקער יאָרן געווען נאָענט פאַרבונדן מיט דער פרײַלאַנד־באַוועגונג.

[16] י. נ. ש[טיינבערג], „דער אומקום פון אַ גרויסן יידישן פּראָיעקט", אויפן שוועל, מײַ 1950, זז' 7־9; ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים, "Latin America — Land for Colonization: Ecuador, Part I". **Freeland**, April-May 1955; Part. II. **ibid.**, June-July 1955 אונדזער ווײַטערדיקע אינפאָרמאַציע וועגן דעם עקוואַדאָר־פּראָיעקט איז דער עיקר געבויט אויף אָט די צוויי אַרטיקלען, (קודם־כל — אויף דער אויסשעפּיקער אַרבעט פון ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים), און אויך אויפן באַריכט פון אַלעק גאָלאָדעץ (לעפּעטוויטש־אַרכיוו).

[17] און ניט „איבער צוועלף מיליאָן אַקער", ווי עס האָט על־פּי־טעות איבערגעחשבונט ד״ר פּרוכטבוים אין זײַן ציטירטן אַרטיקל, Freeland, יוני־יולי 1955, ז' 2.

[18] ביי שטיינבערגן, ציט' אַרט', ז' 8, שטייט: „אין 16 פּראָווינצן", אָבער אין דער אָפיציעלער רשימה, געבראַכט בײַ פּרוכטבוימען, ציט' אַרט', זײַנען די 485,000 העקטאַר פאַרטיילט צווישן 9 פּראָווינצן.

[19] בריוו פון מ. אַסטורן צו ש. קלמנאָוויטשן פון פּאַריז, דעם 16טן מיי און דעם 1טן יוני 1935.

[20] י. נ. שטיינבערג, „יידישע קאָלאָניזאַציע", אַלג' ענציקלאָפּעדיע, יידן ב' א, שפּאַלטן 495—496.

[21] למשל 100,000 העקטאַר אין דער פּראָווינץ עסמעראַלדאַס, 5,000 העקטאַר אויף די גאַלאַפּאַגאָס־אינדזלען א״אַ.

[22] לאָמיר דערמאָנען, אַז אַלע אָן אויסנעם קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן און אונטערהאַנדלונגען, וואָס אין זיי זײַנען ווען עס איז געווען אַנגאַזשירט טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, פון „אוגאַנדע" ביז סורינאַם, זיינען געפירט געוואָרן אין נאָמען פון יידן און פאַר יידן.

[23] „האָבן מיר מיט גרויס צער געמוזט זיך צוריקציִען פון דער עקוואַדאָרער אַוואַנטורע, און עס בלײַבט אונדז איצט בלויז צו גיין אויפן גלײַכן און אָפענעם וועג, אָן מאַנעווערס", האָט מ. אַסטור רעזומירט דעם באַשלוס פונעם פּאַריזער פרײַלאַנד־קאָמיטעט אין זײַן בריוו פון 1טן יוני 1935 צו ש. קלמנאָוויטשן.

[24] Alec Golodetz & Cyril Q. Henriques. **Report on the Possibilities of Jewish Settlement in Ecuador.** London 1936.

[25] בריוו פון 21סטן דעצעמבער 1936 (אַרכיוו פון י. לעפּעטוויטש).

[26] בריוו פון מ. אַסטורן צו ש. קלמנאָוויטשן פון 3טן און 16טן דעצעמבער 1934.

[27] אַנדרע ספּיר האָט דעמאָלט פאַרנומען דעם אַמט פון גענעראַל־אינספּעקטאָר בײַם פראַנצייזישן מיניסטעריום פון אַגריקולטור, אָבער איז געווען מער באַקאַנט ווי אַן אַנגעזעענער פראַנצייזישער דיכטער. ער איז געווען אַ פרײַנד פון ישראל זאַנגווילן און איז בשעתו געשטאַנען נאָענט צו דער יט״אָ. צוזאַמען מיט נחום סאָקאָלאָוו, ד״ר חיים ווייצמאַנען, מנחם אוסישקינען און סילווען לעווי האָט ער זיך באַטייליקט אין דער אָפיציעלער

ציוניסטישער דעלעגאַציע, וואָס איז דעם 23סטן פעברואַר 1919 אַרויסגעטראָטן פאַר דער ווערסאַלער שלום־קאָנפערענץ.

28 וועגן דער פאַריזער סאָצ־טעריט׳ גרופּע זען: **Freeland**, ז׳ 94; Vie Nouvelle, ז׳ 44; אויפשטייג, נאָוועמבער 1935, ז׳ 8. ידיעות וועגן דער גרופּע זײַנען אויך דאָ אין מ. אַסטורס בריוו צו ש. קלמנאָוויטשן פון 9טן פעברואַר, 25סטן פעברואַר און 18טן מאַרץ 1935.

29 Vie Nouvelle, revue du territorialisme juif.

30 ציט׳ זשורנאַל, ז׳ 45.

31 זייער גינציקע אָפּרופן וועגן זיין אַקציע אין פאַריז זייַנען דאָ אין מ. אַסטורס בריוו צו ש. קלמנאָוויטשן פון 25סטן פעברואַר 1935.

32 טעכנישע מאַטעריאַלן אין הערוואַלד־אַרכיוו (ייִוואָ).

33 Freiland, כראָניק, זז׳ 93—94. צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן געהערט סליווקאָ, מאַקסוועל, פּאַש א״אַ — אַמאָליקע ס״ס, קרוקס יוגנטפרײַנד, וואָס זײַנען אין לאָנדאָן געווען נאָענט צו דער אומאָפּהענגיקער לייבאָר־פּאַרטיי און זײַנען אַ צײַט געווען פּאַראינטערעסירט מיט בירָאָבידזשאַן.

34 בריוו פון 15טן סעפּטעמבער 1935.

35 ישראל זאַנגווילס אַלמנה. הגם ניט קיין ייִדישקע לויטן אָפּשטאַם, האָט זי בשעתו אַקטיוו געאַרבעט אין דער יט״אָ און איז געבליבן געטרײַ די אידעאַלן פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. זי האָט די גאַנצע צײַט נאָענט מיטגעאַרבעט מיט דער פרײַלאַנד־ליגע און האָט זי אָנערקענט ווי דעם איינציקן יורש פון דער אַלטער יט״אָ.

36 למשל אין דער בראָשור The Urgent Need of Jewry און אויף בלאַנקן פון בריטישער און פוילישער פרייַלאַנד־ליגעס.

37 אָט איז די רשימה אין סדר פון ענגלישן אַלף־בית: „אינטערנאַציאָנאַלער ראָט (ערן־וויצעפּרעזידענטן)״: וויוויאַן אַדאַמס, מ״פּ (קאָנס׳), לאָרד אַרנאָלד (לייבאָר), עלינאָר באַרטאָן (קאָאָפּעראַטאָרין), ווערנאָן באַרטלעט (זשורנאַליסט, שפּעטער מ״פּ, אומאָפּה׳ פּראָגרעסיסט), דער דעקאַן פון קענטערבערי (היולעט דזשאָנסאָן), פּ. לויִס דאָנאַלדסאָן (קאַנאָניק פון דער וועסטמינסטער־קאַטעדרע), וו. נ. יוער (פּאָליט׳ רעד׳ פון דיילי הערלד), גווילים ללויד דזשאָרדזש, מ״פּ (ליבעראַל), לוי גאָלדינג (שרײַבער), וויקטאָר גאָלאַנץ (פאַרלעגער), מאָרגאַן דזשאָנס, מ״פּ (לייבאָר), פּ. וו. דזשאָועט (געוו׳ מיניסטער, לייבאָריסט), לעאָפּאָלד קעסלער, לאָרד מאמהעד (ליבעראַל), לאָרד מאַרליי (לייבאָר), דזשיימס מעקסטאָן, מ״פּ (אומאָפּה׳ לייבאָר), דזש. ב. פּריסטלי (שרײַבער), עלינאָר ראַטבאָן, מ״פּ (אומפּאַרטייִיש), ד״ר רעדקליף סאַלאָמאָן (ערן־וויצעפּאָרזיצער פון „אָזע״), לאָרד סאַנדערסאָן, פּראָפ׳ ר. ה. טאָוני (עקאָנאָמיסט), דזשאָשואַ ס. וועדזשווּד, מ״פּ (באַקאַנטער פּראָ־ציוניסט), אידיט זאַנגוויל. „קאָנסולטיווער ראָט״: וואָלטער איילס (סעקר׳ פון „בריטיש קאָמאָנוועלט שלום־אַסאָציאַציע״), אַ. פּענער בראָקוויי, מ״פּ (אומאָפּה׳ לייבאָר), באַרבאַראַ איירטאָן גאָולד (לייבאָר), פּ. דזש. האָראַבין (עקאָנאָמיסט־געאָגראַף), אַ. קריטש דזשאָנס, מ״פּ (לייבאָר), לאָרד ליסטאָועל, דזשאָן פּייטאָן (אומאָפּה׳ לייבאָר), ד. נ. פּריט (יוריסט און פּובליציסט), דזש. ר. סטראָס, מ״פּ, דזש. ווילמאָט, מ״פּ.

38 בערל לאָקער, אין זײַן בריוו אין רעדאַקציע פון אויפן שוועל, אויגוסט־אָקטאָבער 1962, ז׳ 5, האָט געשריבן וועגן דעם קאָמיטעט צו ראַטעווען אייראָפּעיִשע ייִדן: „די טרײַבנדיקע כוחות זײַנען געווען קודם־כל וויקטאָר גאָלאַנץ און מיס ראַטהבאָן — מיטגליד פון הויז אָוו קאָמאָנס״, און אין אַ צווייט אָרט: „וויקטאָר גאָלאַנץ (...) איז געווען און פאַרבליבן אַ נישט־ציוניסט״ (דאָרט, ז׳4).

39 בריוו פון מ. אַסטורן צו ש. קלמנאָוויטשן פון 9טן פעברואַר 1935.

40 אַ. סינגאַלאָווסקי האָט אַפילו פאָרגעלייגט ווילנע, כדי די דײַטשע ייִדן זאָל זײַן

לײַכטער צו קומען (י. טשערניכאָווס בריוו צו ד״ר ח. זשיטלאָווסקין פון 25סטן סעפּטעמבער 1935).

[41] אין מײַזנערס באַריכט פאַ רדער אַלפּוילישער פרײַלאַנד־באַראַטונג דעם 22סטן פעברואַר 1936 ווערט אָנגערופן די צאָל פון 5 העלעגאַטן (ווײַל גבריאל הויז האָט זיך באַבאַטייליקט נאָר אין דער פּאַריזער פּאָרבאַראַטונג).

[42] בריוו צו ד״ר ח. זשיטלאָווסקין פון 15טן סעפּטעמבער 1935.

[43] אַן עקזאַמפּלאַר פונעם באַריכט אין ייִדיש (מימעגראַפירט, וואַרשע, סעפּטעמבער 1935) האָט זיך אָפּגעהיט אינעם הערוואַלד־אַרכיוו (ייִוואָ).

[44] זען הערה 42 אויבן.

[45] ד״ר אַלפרעד דעבלין, ציל און כאַראַקטער פון דער פרײַלאַנד־באַוועגונג. רעפעראַט, געהאַלטן אויף דער טעריטאָריאַליסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, יולי 1935, פרײַלאַנד־ליגע פאַר טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָניזאַציע. וואַרשע, אויגוסט 1935. 15 זז׳, פרייז 25 גראָשן. (ייִדישע איבערזעצונג פון ז. קלמנאָוויטש).

[46] זען העכער, ז׳ 121. אויף אַ באַזונדער בלעטל (ענגליש, מאַשינשריפט) אין לעפּטוויטשעס אַרכיוו איז פאַרשריבן אַ פראַגמענט פון טשערניכאָווס אַן אַרויסטריט אויף דער קאָנפערענץ: אין שייכות מיט די ווערטער פון פראָפ׳ נאָרמאַן בענטוויטש, אַז ייִדן וועלן ניט וועלן גיין אין אַ פרימיטיוו לאַנד מיט האַרבע לעבנס־באַדינגונגען, האָט טשערניכאָוו געזאָגט, אַז בענטוויטש און ייִדן פון זײַן מין, בכלל ענגלישע ייִדן, וואָס זײַנען צוגעוווינט צו באַקוועמע באַדינגונגען, וועלן טאַקע ניט גיין, אָבער דער יונגער דור פוילישע ייִדן, וואָס האָבן ניט קיין שום צוקונפט אין זייער איצטיקער היים, וועלן יאָ גיין, וועלן בויען און אַנטוויקלען דאָס נײַע לאַנד און אַריבערטראָגן אַלע שוועריקייטן פונקט אַזוי ווי די פּאַלעסטינער חלוצים אָדער נאָך בעסער. מען מוז געפינען אַ לאַנד פאַר זיי, אַן אויסוועג פאַר אונדזערע קינדער.

[47] וועגן ד״ר מאַנפרעד קירשבערגס רעפעראַט וועגן אַנגאָלע קאָן מען האָבן אַ שטיקל השגה לויט די מאַטעריאַלן וועגן דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס ער האָט צוגעשיקט דעם לאָנדאָנער קאָמיטעט: 1) „אַנגאָלע, פון אינזשעניר־אַגראָנאָם פריץ בוזער, מאַגליאַסאָ, באַאַרבעט פון ד״ר מאַנפרעד קירשבערג, ציריך״, 7 זז׳ מאַשינשריפט, דײַטש; 2) קאָלאָניסטן און קאָלאָניסטן־לעבן אין אַנגאָלע, פון אינזשעניר־אַגראָנאָם פריץ בוזער, מאַגליאַסאָ, באַאַרבעט פון ד״ר מאַנפרעד קירשבערג, ציריך״, 8 זז׳ מאַשינדרוק, דײַטש. דער דײַטשער אַגראָנאָם, וואָס האָט פאַרבראַכט 10 יאָר אין בעלגישן קאָנגאָ ווי דער ראָש פון לאַנדווירטשאַפטלעכן אַמט, איז זייער גוט באַקאַנט אויך מיט דער שכנישער אַנגאָלע. ער גיט זייער אַ פּאָזיטיוו בילד פונעם אַנגאָלער הויכלאַנד און ווײַזט אויף, אַז דער אייראָפּעיִשער קאָלאָניסט לעבט דאָרט בעסער און פרײַער ווי אין אייראָפּע אַ דאַנק דעם געזונטן קלימאַט, רײַכן באָדן און כמעט אומזיסטער אַרבעט פון די אײַנגעבאָרענע, וואָס זײַנען „לײַכט אָנצופירן און פאָלגן אַבסאָלוט דעם ווײַסן״. דער רעאַליסטישער באַריכט פונעם דײַטשן אַגראָנאָם איז אינטערעסאַנט פונעם שטאַנדפּונקט פון פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער גרויס־פּלאַנטאַטאָרישער ווירטשאַפט, געבויט אויף אומבאַגרענעצטער עקספּלואַטאַציע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, אָבער האָט ניט קיין שום שייכות צו די שטרעבונגען פון דער פרײַלאַנד־ליגע צו שאַפן אַ קאָמפּאַקטן מאַסיוו פון ווײַסער (ייִדישער) אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג (לעפּטוויטש־אַרכיוו).

[48] וועגן דעם אינהאַלט און אויספירן פון מ. פיינלייבס רעפעראַט זײַנען לגמרי ניטאָ קיינע שום ידיעות.

[49] די הויפּטטעזן פון זײַן פּלאַן האָט ד״ר מאַקס אַפּט פאַרעפנטלעכט אינעם דײַטש־ייִדישן פאַמיליענבלאַט (11טן יולי 1935) אונטערן קעפּל „פּלאַנמעסיקע אויסוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע: די דרינגענדיקע פּראָבלעם: צוויי אַרטיקלען וועגן אַ צענטראַלן ייִדישן פינאַנץ־ און קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוט״. דער אַרטיקל איז געדרוקט אַנאָנים. אין דער אַרײַנפיר־

באַמערקונג דערקלערט די רעדאַקציע, אַז מער באַריכותדיק וועט דער פּלאַן רעפערירט ווערן אויף דער פרײַלאַנד־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, דעם 21־23סטן יולי. לויט די אויסרעכע־נונגען פונעם מחבר, דאַרפן די קאָסטן פון אויסשולן און באַזעצן יערלעך 12,500 דײַטשע יידן אין פּאַלעסטינע און 5,000 מחוץ פּאַלעסטינע באַטרעפן 17,048,750 רײַכסמאַרק, אָדער איבער 170 מיליאָן רײַכסמאַרק במשך פון דעם גאַנצן „צעניאָרפּלאַן״. דער פינאַנץ־אינסטי־טוט האָט זיך געדאַרפט פאַרנעמען מיט דעם אויסער־פּאַלעסטינישן סעקטאָר (קאָסטן במשך פון 10 יאָר — אַרום 45 מיליאָן רײַכסמאַרק) און זײַן קאַפּיטאַל האָט זיך געדאַרפט שטיצן אויף די פאָנדן פון ייק״אַ און אַנדערע ענלעכע יידישע אָרגאַניזאַציעס, און אויף אַן אַרויס־לאָז פון אַקציעס.

[50] בריוו פון 9טן אויגוסט 1935 (הערוואַלד־אַרכיוו, ייוואָ).

[51] דאָרט.

[52] אַלע אָפיציעלע באַשלוסן אין דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף זײַנען ציטירט לויטן באַריכט פון דער קאָנפערענץ, וואַרשע, סעפּטעמבער 1935 (הערוואַלד־אַרכיוו, ייוואָ).

[53] אין שפּעטערדיקע פאָרמולירונגען האָט מען אַנשטאָט דעם צווייטײַטשיקן טערמין „פרײַע״ געשריבן „ניט־באַפעלקערטע אָדער כמעט ניט־באַפעלקערטע״.

[54] אין שפּעטערדיקע פאָרמולירונגען האָט מען נאָכן וואָרט „אַנטוויקלונג״ צוגעגעבן „פון יידישן פאָלק״.

[55] אַנדערש אָנגערופן: וועלט־צענטראַל־קאָמיטעט, וועלט־עקזעקוטיווע.

[56] דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט געדאַרפט אויסגעקליבן ווערן דורך דער פרײַלאַנד־יוגנט גופא.

[57] די רשימה פונעם צענטראַלראַט האָט זיך אָפּגעהיט אינעם אַרכיוו פון י. לעפּטוויטש.

[58] די רשימה פונעם אַלוועלטלעכן צענטראַל־ביוראָ ווערט געבראַכט אין טשערניכאָווס בריוו צו זשיטלאָווסקין פון 15טן סעפּטעמבער 1935 און אין דער ענגלישער בראָשור The Urgent Need of Jewry, לאָנדאָן 1935.

[59] פ״גל י. לעפּטוויטש, שטיינבערג־בוך, ז׳ 322.

[60] אויף אַ שותּפישער זיצונג מיטן פּאַריזער קאָמיטעט דעם 25סטן פעברואַר 1937 האָט ל. קעסלער צוו׳ אַנד׳ דערקלערט, אַז „כדי צו אָרגאַניזירן אַ גוט אײַנגעפונדעוועטן ביוראָ אין לאָנדאָן, מוז מען האָבן אַ יערלעכן בודזשעט פון 1000 פונט, וואָס אין לאָנדאָן קאָן מען אַזוי פיל ניט אויפקלייבן״ (באַריכט, לעפּטוויטש־אַרכיוו). ווען י. נ. שטיינבערג האָט איבערגענומען דעם סעקרעטאַריאַט, האָט זיך די לאַגע אין אַ גרויסער מאָס פאַרבעסערט.

[61] דער פּראָוויזאָרישער נאָמען פון דער לעגאַליזירטער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע איז געווען „געזעלשאַפט צו שטיצן יידישע קאָלאָניזאַציע״ (נאָך דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ צוגעגעבן: „פּוילישע סעקציע פון דער פרײַלאַנד־ליגע״).

[62] פאַרבעטונג אויפן בלאַנק פון דער פרײַלאַנד־ליגע; אָרגאַניזיר־קאָמיטעט: מיעטשיס־לאַוו קאָט, ד״ר אינזש׳ יוסף אַדלער, נאַטאַן וואָל, אַדוו׳ יוסף טשערניכאָוו, אינזש׳ לעאָן פייגנבוים (ייוואָ־אַרכיוו).

[63] געשריבן אין אָקטאָבער 1935 (הערוואַלד־אַרכיוו, ייוואָ).

[64] איצט אין תל־אָביב, מיטרעדאַקטאָר פון די גאָלדענע קייט.

[65] איצט אין מעלבורן, אויסטראַליע. זען זײַנע זכרונות וועגן זלמן מײַזנערן או זזײַן מיטאַרבעט מיט אים, אויפן שוועל, יאַנ׳־פעב׳ 1947.

[66] געהערט צו דער סביבה פון פרײַער גערדאַנק, אייגער פון די גרינדערס פון „טאָר״ (פ״גל העכער, ז׳ 28, זע פרײַער גערדאַנק נומ׳ 3־4 פון 11טן יאַנואַר 1927). עס איז ניט זיכער, צי קאַבאַצקיס גרופּע אין דער וואַרשעווער פרײַלאַנד־ליגע האָט שוין עקסיסטירט ווינטער 1935־1936.

67 די מעלדונג געפינט זיך אין ייִוואָ־אַרכיוו. — אין אַ בריוו פון שמואל אַבּרבּנאל, וואָס האָט אין די דרײַסיקער יאָרן געהערט צו דער וואַרשעווער גרופּע „פרײַע שריפטן", צו ד״ר מ. שעכטערן (דעם 26סטן סעפּטעמבער 1964) געפינט זיך אַזאַ אינטערעסאַנטע ידיעה: „אגב איז אײַך באַוווּסט, אַז דער פירער, טעאָרעטיקער און קאָנספּיראַטאָר פון דער ייִדישער אַנאַרכיסטישער פעדעראַציע (זײַן גרויסע השפעה איז דערגאַנגען אויך אויף דער פּוילישער גאַס) איז אַלע זײַנע יאָרן געווען אַן איבערגעגעבענער טעריטאָריאַליסט, שפּעטער אַ חבר אין „פרײַלאַנד"? זײַן נאָמען איז געווען אַהרן פּנחס גראָס, אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ".

68 לויטן אין אויפשטײַג, פעברואַר 1936, האָבן די סאָציאַליסטישע גרופּע און די יוגנט־גרופּע אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען יעדע צווייטע וואָך.

69 בריוו פון צײַטוו׳ צענטראַל־סעקרעטאַריאַט צום לאָנדאָנער קאָמיטעט פון 23סטן סעפּטעמבער 1935 (הערוואַלד־אַרכיוו, ייִוואָ).

70 זייערע נעמען זען אונטן, אינעם באַריכט פון דער אַלפּוילישער קאָנפערענץ, ז׳ 145.

71 אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן י. טשערניכאָווס פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע אין ווילנע קאָן מען געפינען אין אליהו שולמאַנס „טשערניכאָוו און קלמנאָוויטש", אויפן שוועל, סעפּט־אָקט׳ 1945.

72 קרוק צו הערוואַלדן (זען הערה 63).

73 אין אויפשטײַג, פעבר׳ 1936.

74 אַ. ווענגראָווסקי, אַן אַלטער ס״סאָוויעץ, איז אַ געוויסע צײַט געווען אַ קאָנסערוון־פאַבריקאַנט, אָבער געמוזט אַוועקוואַרפן דאָס געשעפט. געווען שטאַרק אַקטיוו אין דער ווילנער פרײַלאַנד־ליגע, געאַרבעט אין וואַרשעווער סעקרעטאַריאַט פון דער פּוילישער ליגע, אין 1938־1940 געווען דער סעקרעטאַר און געשעפט־פירער פון ווילנער „אָרט"־אָפּטיילונג. דערשאָסן דורך די דײַטשן, צוזאַמען מיטן גאַנצן ערשטן ווילנער ייִדנראַט, דעם 1טן סעפּטעמבער 1941.

75 זון פון ד״ר צמח שאַבאַד. סײַ ער, סײַ ד״ר שאַבאַדס אַלמנה שפרה (סטעפאַניע) האָבן זיך פאַרנומען מיט גערטנערײַ אין דער אומגעגנט פון ווילנע (לעאָנישאָק און נעמע־זש) און האָבן רעגולער געצאָלט מיטגלידס־אָפּצאָל אין דער פרײַלאַנד־ליגע.

76 טשערניכאָווס אויסדרוק, ציטירט אליהו שולמאַן (זען הערה 71).

77 אין אויפשטײַג, פעבר׳ 1936. עטלעכע נעמען פון אָרטיקע פרײַלאַנד־טוערס זען אין דעם באַריכט פון דער אַלפּוילישער קאָנפערענץ. אויך פּסח קאַפּלאַן, באַקאַנטער ייִדישער שרײַבער און רעדאַקטאָר פון ביאַליסטאָקער דאָס נײַע לעבן, האָט געהערט צו דער פרײַ־לאַנד־באַוועגונג.

78 דאָרט. די נעמען פון די שטעט ווערן ניט אָנגערופן.

79 בריוו פון צײַט׳ צ״ס (געחתמעט ז. מײַזנער) צו הערוואַלדן פון 11טן און 12טן פעבר׳ 1936.

80 עס איז ניט מעגלעך צו געבן דאָ אַ מער ווייניקער פּרטימדיקע עקספּאָזיציע פון י. טשערניכאָווס היסטאָרישער פילאָסאָפיע. זײַן וויכטיקסטע אַרבעט אויף דעם געביט, „וועגן דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט", געשריבן אין 1929, איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט ערשט אין 1938, אינעם יובל־בוך 30 יאָר „הײַנט", וואַרשע, זז׳ 190—199). אַנדערע וויכטיקע עסייען וועגן פּראָבלעמען פון ייִדישער געשיכטע זײַנען געווען געדרוקט אין פרײַער גע־דאַנק, אונדזער טאָג, זאַמלבוך אויפן שיידוועג נומ׳ 2 און אין אַנדערע ערטער. עס וואָלט געווען אַ יושר און אַ גרויסע טובה פאַר דער ייִדישער היסטאָרישער ליטעראַטור, אַז לפּחות די דאָזיקע אַרבעטן פון י. טשערניכאָוו זאָלן צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן ווערן אין בוכפאָרעם.

81 זען „פּערספּעקטיוון פון דער ייִדישער קולטור און די פרײַלאַנד־באַוועגונג",

ווילנער טאָג פון 29סטן נאָוועמבער 1935; „דער צווייטער דיסקוסיע־אָוונט וועגן פרײַלאַנד און ייִדישער קולטור“, דאָרט, דעם 13טן דעצעמבער 1935; „דריטער און לעצטער שמועס אין ליטעראַטן־פאַראיין אד״ט ׳די פערספעקטיוון פון דער ייִדישער קולטור און די פרײַלאַנד־באַוועגונג׳“ (נאָטיץ), דאָרט, דעם 2טן יאַנואַר 1936.

82 אליהו שולמאַן, ציטירטער אַרטיקל (זען הערה 71), ז׳ 12.

83 צוליב דער נויטווענדיקייט צו וואַריִרן יעדעס מאָל דעם נאָמען, האָט דער דריטער נומער געהייסן אין אויפשטײַג, דער פערטער — דער אויפשטײַג, דער פינפטער און לעצטער — צום אויפשטײַג. די ערשטע צוויי נומערן האָט צוגעשיקט ש. לוריא (ישראל), דער דריטער האָט זיך אָפּגעהיט אינעם אַרכיוו פון פרײַלאַנד־געשיכטע פון יעקב לעווין (ניו־יאָרק). עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען עקזעמפּלאַרן פון די לעצטע נומערן.

84 אין יאַנואַר 1936 איז שלום קלמנאָוויטש אַרויסגעטראָטן פון „שפּאַרבער“ און אַרײַן אין „השומר הצעיר“, אין 1938 אַוועק קיין פּאַלעסטינע. דאָס איז געווען דער איינציקער פאַל פון אַט דעם מין אין פאַרגלײַך מיט צענדליקער מיטגלידער פון „השומר הצעיר“ און אַנדערע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זײַנען אַריבער פונעם ציוניזם צום „שפּאַרבער“ און צום טעריטאָריאַליזם בכלל.

85 אין אויפשטײַג, פעבר׳ 1936, ז׳ 2; בריוו פון צ״ס פונעם 12טן פעבר׳ 1936.

86 אַנדערע וויכטיקע פרײַלאַנד־טוערס אין לאָדזש זײַנען געווען אַברהם פרידריך און אינזש׳ קאַצענבאָגען.

87 זען וועגן אים אין אויפן שוועל, יוני־יולי 1947.

88 די קאָנפערענץ האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער פרעסע: אַרטיקלען אין די וואַרשעווער הײַנט (נומ׳ 53 פאַרן יאָר 1936) און מאָמענט (די זעלבע דאַטע), אין ייִדיש־פּוילישן נאַש פּשעגלאָנד (מיט אַ פאָטאָגראַפיע; ליידער לאָזט זיך דער דאָזיקער נומער ניט אָפּזוכן אין אַמעריקע), קאָמוניקאַט פון דער ייִט״אַ. ווי מײַזנער האָט געשריבן צו לעפּטוויטשן דעם 6טן מאַרץ 1936, „מאָראַליש האָט אונדז די באַראַטונג געגעבן דעם מאַקסימום נוצן און שטיצע, אויך אָרגאַניזאַציאָנעל וועט זי ברענגען גאַנץ גוטע פּאָלגן. מאַטעריעל אָבער פיל ווייניקער, ווײַל ד לאַגע אין פּוילן איז אַ גאַנץ טרויעריקע און די שטימונג אַ שטאַרק געדריקטע. דאָך גייען מיר אין אונדזער אַרבעט פאָרווערטס“. ווײַטער שרײַבט מײַזנער: „מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ נומער פרײַלאַנד מיטן באַריכט... דער נומער גייט אַרויס אין דער פאָרעם און גרייס פון די ליטעראַרישע בלעטער אַלס אָנפאַנג פון דעם צווייוואָכן־זשורנאַל“. דער דאָזיקער „אָנפאַנג“ איז אָבער ניט געמאַכט געוואָרן.

89 עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז גרינבוים האָט געהאַט שוין געוואָרפן די פראַזע וועגן „אַן איבעריקן מיליאָן“ נאָך אין 1931. ה. אַ. צוקערמאַן שרײַבנדיק צו ת. הערוואַרלדן דעם 22סטן דעצעמבער 1931, בשעת דעם ניט געראָטענעם פּרוּוו אויפצולעבן די ייִט״אַ, האָט באַמערקט: „גענומען איז דאָס פון ה׳ פּאָגעלנעסטס אַרטיקל ׳דאָס ייִדישע פּראָבלעם אין מיזרח־אייראָפּע׳, נומ׳ 1 פון צײַטשריפט אונדזער וועלט (נאָוועמבער 1926), וואָס אונדזערע איניקע חברים האָבן אַרויסגעלאָזט — אַז פאַר דער מלחמה פלעגן 80,000 ייִדן יערלעך אויסוואַנדערן פון די איצטיקע גרענעצן פון פּוילן, איז צווישן 1914 און 1926 געוואָרן אַ מיליאָן ניט־אויסגעוואַנדערטע. אָן דעם וואָלט גרינבוים, פאַרטאָן אין סיים־אַרבעט און קליינע אינטריגעס, קיין מאָל ניט אַרויף אויפן געדאַנק וועגן אַ מיליאָן ייִדן“ (הערוואַלד־אַרכיוו, ייִוואָ).

90 זשאַבאָטינסקי האָט שפּעטער בפרטיותדיק אַנטוויקלט זײַן „פּלאַן“ אינעם בוך The Jewish War-Front, לאָנדאָן 1940 (די אַמעריקאַנער אויסגאַבע איז אַרויס אונטערן קעפּל The War and the Jew).

91 זען ווילנער טאָג פון 17טן, 19טן און 22סטן מײַ 1936 (נאָטיצן, אַרטיקלען און רעפּאָרטאַזשן וועגן דער באַגעגעניש פון לאָרד און ליידי מאַרליי אויפן ווילנער אַעראָדראָם,

וועגן דעם אָוונט לכבוד זיי אין זאַל פון קאָנסערוואַטאָריע, אָרגאַניזירט פון דער פּריילאַנד־ליגע, ווו חוץ די געסט האָבן גערעדט קרוק און טשערניכאָוו, און וועגן דעם באַנקעט אין האַנדל־ און אינדוסטריע־קלוב). י. קרוק האָט געשריבן צו לעפּטוויטשן דעם 9טן יוני 1936: „איצט האָבן מיר דורכגעפירט אַ גראַנדיעזע אַקציע מיט לאָרד מאַרליי. ער איז דאָ געווען טיילווייז פּאַרן „אָרט". אָבער עפּנטלעך איז ער אומעטום אַרויסגעטראָטן נאָר אין נאָמען פון ׳פריילאַנד׳. מיר האָבן אָרגאַניזירט דריי ריזיקע אַרויסטרעטונגען זיינע אין וואַרשע (ביז טויזנט מענטשן) (...) און ווילנע (...) די יוגנט האָט ענטוזיאַסטיש באַצויגן זיך (...) אין לאָדזש אין פילהאַרמאָניע 1500 מענטשן. גערעדט אויסער מאַרליי אַ פאַרטרעטער פון דער פוילישער געזעלשאַפט און איך (באַגריסונגען אויסער דעם דורך ׳פריילאַנד׳ און ׳אָרט׳). ס׳איז געווען אַ געוואַלדיקע שטורמישע מאַניפעסטאַציע". און דאָס אַלץ ניט געקוקט אויף דעם, וואָס, ווי קרוק האָט געשריבן אין אַנהייב פונעם זעלבן בריוו, „די צייט איז אָבער אַ פאַסקודנע אין אַלע הינזיכטן [= פּרטים], אויך אין פּסיכאָלאָגישער נידערגעשלאָגנקייט און נאַציאָנאַלער פּאַסיווקייט".

[92] עס האָבן אין אים אָנטייל גענומען: פון ווילנע — מיכאל אַסטור (קאָמענדאַנט), אַברהם סוצקעווער (עקאָנאָם), אַהרן ברעסטאָוויצקי, הינדע לעווין, שאָול לעווין, שמואל גערשאָטער, בעטי ווענגראָווסקי, שלמה קאַהאַן, סימע שמערקאָוויטש, רחל באַרשטנמאַכער; פון וואַרשע — גבריאל הויז (קאַסירער), שמואל אַפּעלבוים, מנשה פּײַערשטיין, יעקב שטיימאַן; פון לאָדזש — אַהרן כאַרכאַט, דוד טאַבאַקסבלאַט; חוץ דעם האָבן אויפן לאַגער פאַרבראַכט צו עטלעכע טעג: חיים וואַלפּאָוויטש, איסר פרענקעל, יוסף מיכעלעס, ד״ר אַהרן בערנשטיין פון ווילנע, העניאַך טאַדרעס פון וואַרשע, ניט רעכענענדיק אַפּטע געסט פון ווילנע.

[93] בריוו פון ז. מײַזנערן צו י. נ. שטיינבערגן פון 3טן מײַ 1937 (ייִוואָ).

[94] באַלד בײַם גרינדן די פריילאַנד־ליגע איז געבליבן, אַז די ליגע טאָר ניט אַרויס־טרעטן ווי אַזאַ אין קיינע שום פּאָליטישע אַקציעס, וואָס זײַנען ניט דירעקט פאַרבונדן מיט דער פאַרווירקלעכונג פון טעריטאָריאַליזם.

[95] עטאַט — אָבליגאַטאָרישער שטײַער, וואָס ייִדן אין פּוילן האָבן געצאָלט זייערע קהילות.

[96] לויטן פּוילישן מלוכה־סטאַטוט פאַר די ייִדישע קהילות האָבן וואַלרעכט צו זיי געהאַט נאָר מאַנצבילן, און דערבײַ ערשט פון 25 יאָר אָן.

[97] נחמן באַראַנטשיק — אַן אַלטער מיטגליד פון „בין", אין 1936 צוגעשטאַנען צום „שפּאַרבער", אַ פּראָפעסיאָנעלער ערדאַרבעטער, בײַם הײַנטיקן טאָג אַ מוניציפּאַלער אַגראָ־נאָם אין אַ סאָוועטישער שטאָט.

[98] אין ייִוואָ געפינט זיך אַ טייל פּראָטאָקאָלן פון דעם קאָלאָניע־קאָמיטעט. אויף דער זיצונג פון 8טן דעצעמבער 1936, למשל, זײַנען בײַגעווען: אַדוו׳ י. טשערניכאָוו, הירש אַבראַמאָוויטש, ד״ר גירשאָוויטש, ד״ר אַ. ליבאַ, אינזש׳ קלעבאַנאָוו, משה שאַליט, אינזש׳ י. שאַבאַד, מ. ראָזענטאַל (אייגנטימער פון דער גרויסער „שאַפּען"־ברויז), ש. באַסטאָמסקי, א. מעכאַניק, אַ. בערנשטיין, ר. ליכטנשטיין, פּ. צונזער. אַדוו׳ טשערניכאָוו, אָשר סעגאַל און מ. ראָזענטאַל האָבן גענומען אויף זיך צונויפצוזאַמלען 1500 גילדן; אַדוו׳ טשערניכאָוו און אַדוו׳ אליהו זאַקס — באַטראַכטן די יורידישע זײַט; די אינזשענירן שאַבאַד, קלעבאַנאָוו און קאַפּלאַן צוזאַמען מיט מ. שאַליטן האָבן געבילדעט אַ קאָמיטעט אויסצואַרבעטן דעם אַרבעטספּלאַן פון דער קאָלאָניע.

[99] די גרופּע האָט זיך ניט געקאָנט פאַרבינדן ניט מיט די, ניט מיט יענע; זי האָט פאַרגעלייגט אַן איינהייטלעכן סאָציאַליסטישן בלאָק מיט „ארץ ודרור" און דעם קליינעם בונדישן „סאַק" (בלויז 5 מיטגלידער), אָבער דאָס איז געווען ניט דורכצופירן. דעמאָלט האָט זי געגעבן אירע חברים פרייַע הענט בײַ די וואַלן.

[100] אַ בפרטיותדיקער באַריכט וועגן דעם רעפעראַט איז געווען פאַרעפנטלעכט אין ווילנער טאָג פונעם 7טן אָקטאָבער 1936. דאָס מאָל האָט אים צונויפגעשטעלט און צוגע־שטעלט דער רעדאַקציע טשערניכאָוו גופא, דעריבער גיבן די ווײַטערדיקע ציטאַטן אַ געטריַע און ריכטיקע פאַרשטעלונג וועגן די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. די רעדאַקציע פון ווילנער טאָג האָט אים אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיטן באַריכט וועגן דעם גלײַכצײַטיק פאַרגעקומענעם אין ווילנע רעפעראַט פון נח פרילוצקי, וואָס איז געווען פול מיט גיפטיקע אָנפאַלן אויפן „עמי־גראַציאָניזם" בכלל און אויפן טעריטאָריאַליזם בפרט. דערבײַ האָט די רעדאַקציע בולט אַרויסגעוויזן אירע סימפּאַטיעס צו פרילוצקיס שטעלונג.

[101] אַ פראַגמענט האָט זיך אָפּגעהיט אין הערוואַלד־אַרכיוו.

[102] י. לעפטוויטשעס בריוו צום מחבר (פון 8טן אויגוסט 1961).

[103] עס איז קוים כדאי צוצוגעבן, אַז דער קלימאַט פונעם אַמאַזאָנאַס־באַסיין איז ניט צוגעפּאַסט פאַר דער ווײַסער ראַסע.

[104] בריוו פון צ"ס צום לאָנדאָנער קאָמיטעט פון 21סטן אָקטאָבער 1935 (לעפטוויטש־אַרכיוו).

[105] קאָנוואָקאַציע (ייוואָ־אַרכיוו); אין אויפשטײַג, פעברואַר 1936, ז' 12.

[106] פּראָטאָקאָל־בוך פון לאָנדאָנער קאָמיטעט (יולי 1934 — יאַנואַר 1936, לעפטוויטש־אַרכיוו), זיצונג פון 13טן יאַנואַר 1936.

[107] זען: ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב' 1; לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, ב' 1.

[108] דער מחבר האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען דעם אינטערוויו, וואָס ער האָט געהאַט מיט ה. וואַן לעווען אין ניו־יאָרק, זומער 1960.

[109] Der Ruf der Verheissung.

[110] געווען אויך ציטירט אין אונדזער טאָג, דעם 1טן אַפּריל 1937.

[111] אינפאָרמאַציע פון אַ. קיהנען.

[112] Honorary Secretary הייסט אין ענגלישן געברויך אַ סעקרעטאַר, וואָס באַקומט ניט קיין שכירות פאַר זײַן אַרבעט. אינעם פּראָטאָקאָל פון דער ערשטער זיצונג איז נאָך אָנגערופן אַ דריטער ערן־סעקרעטאַר — ס. קוו. הענריקעס.

[113] אַנדערע אַקטיווע מיטאַרבעטערס פון יענער צײַט זײַנען געווען מאַסקווער און בלומבערג. אַ נאָענטן אָנטייל האָט גענומען הרב מאַטוק.

[114] פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון 21סטן אָקטאָבער (פאַרבעטונג פון לעפטוויטש); פון 9טן נאָוועמבער (אַרײַנטריט פון הייאַמסאָן); לעפטוויטשעס בריוו צו קריטש דזשאָנסן פון 15טן דעצעמבער 1935 (אַלע אין לעפטוויטש־אַרכיוו).

[115] Joseph Leftwich, **Israel Zangwill**. T. Yoseloff, New York, 1957. 306 pp.

[116] **The Urgent Need of Jewry.**

[117] פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון 9טן דעצעמבער 1935.

[118] בריוו צו ד"ר י. ברוצקוסן פון 1טן מאַרץ 1937.

[119] בריוו פון 9טן אויגוסט 1961.

[120] בריוו פון קריטש דזשאָנסן פון 15טן דעצעמבער 1935; צו הרב מאַטוקן פון 26סטן פעברואַר 1937.

[121] לאָרד מאַרליי האָט זיך באַטייליקט אין קאָמיטעט־זיצונגען, געשריבן בריוו וועגן דער ליגע צו אָנגעזעענע ענגלישע פּאָליטיקערס און אַרויסגעטראָטן אויף עפנטלעכע פרײַ־לאַנד־מיטינגען בעת זײַן באַזוך אין פּוילן. קריטש דזשאָנס האָט זיך אינפאָרמירט בײַ דאָ־מיניאָנען־רעגירונגען וועגן עמיגראַציע־מעגלעכקייטן און האָט געפירט דעם פאָרזיץ אויף עפנטלעכע פרײַלאַנד־אַרויסטריטן. פּענער בראָקוויי האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די ערשטע אונטערהאַנדלונגען מיטן אויסטראַלישן ווײַצפּרעמיער.

[122] בריוו פֿון צ״ס צום לאָנדאָנער קאָמיטעט פֿון 22סטן יאַנואַר 1936 (הערוואַלד־אַרכיוו).

[123] אינעם פּראָטאָקאָל פֿון לאָנדאָנער קאָמיטעט איז פֿאַרצייכנט, אַז צו דער זיצונג פֿון 9טן נאָוועמבער 1935 האָט מען געבראַכט אַן עקזעמפּלאַר פֿון ד״ר דעבלינס נײַעם בוך וועגן טעריטאָריאַליזם.

[124] מיטן אונטערקעפּל Aufsätze und Erzählungen. אַרויסגעגעבן פֿון Querido - Verlag N. V. Amsterdam, 1935, 232 זײַטן.

[125] די צווייטע, לענגערע דערציילונג, „דער פֿאַרלאָרענער זון״.

[126] **What Will Happen To The Jews?** By Joseph Leftwich. With a Foreword by Stefan Zweig. Robert Anscombe & Co., Ltd., London. XII + 268 pp. First Published 1936. Second Impression 1938.

[127] לעפּטוויטש, דצ״וו ז׳ 216—217.

[128] דאָרט, ז׳ 218.

[129] בריוו צו ד״ר חיים זשיטלאָווסקין פֿון 19טן דעצעמבער 1936.

[130] מלך ראַוויטשעס בריוו צו לעפּטוויטשן פֿון 30סטן סעפּטעמבער 1936. עס זײַנען געווען אָפּרופֿן אין דער ייִדיש־ענגלישער און ייִדישער פּרעסע אין אויסטראַליע. אגבֿ, איז אויך וועגן דעם אויפֿרוף „די דריגגלעכע נויט פֿון ייִדנטום״ געווען אַ סימפּאַטיזירנדיקער אַרטיקל אין דער ייִדישער צײַטונג אין מעלבורן.

[131] בריוו צו לעפּטוויטשן פֿון מאָריס וואַלדמאַן, סעקרעטאַר פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט, פֿון 22סטן אַפּריל 1936.

[132] Max Apt, **Konstruktive Auswarnderungspolitik**, Philo-Verlag, Berlin, 1936 (43 ppp.). אַ נאָטיץ וועגן אָט דעם ביכל האָט זיך באַוויזן אין דער ייִדישער פּאַלקס־דינסט, נומ׳ 1, פֿון 15טן פֿעברואַר 1937.

[133] טשערניכאָוו אינעם ציט׳ בריוו (זען הערה 129) רופֿט זיי אָן „ציוניסטישע סעצעסיע״.

[134] אין לעפּטוויטשעס אַרכיוו האָבן זיך אָפּגעהיט דריי אַרויסלאָזן פֿונעם זשורנאַל (מער איז, ווייזט אויס, ניט אַרויס). יעדער נומער ציילט פֿיר פֿירשפּאַלטיקע זײַטן פֿון גרויסן צײַטונג־פֿאָרמאַט.

[135] פֿון 18טן נאָוועמבער 1936.

[136] אַזאַ אַמט האָט בכלל ניט עקסיסטירט. לעפּטוויטש איז געווען בלויז דער סעקרעטאַר פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין ענגלאַנד, און די פֿונקציעס פֿון צײַטווײַליקן אַלוועלטלעכן סעקרעטאַריאַט זײַנען, ווי באַוווסט פֿון פֿריִער, איבערגעגעבן געוואָרן דעם וואַרשעווער קאָמיטעט.

[137] בריוו פֿון צענטראַל־סעקרעטאַריאַט צום לאָנדאָנער קאָמיטעט פֿון 23סטן סעפּטעמבער 1935 (הערוואַלד־אַרכיוו).

[138] דאָרט.

[139] „בולעטין נר׳ 1״, אַרויסגעגעבן פֿון דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין פּוילן, דעם 15טן מײַ 1937 (מאַשינשריפֿט), פֿונאַנדערגעשיקט צו לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פֿאַר אינעווייניקסטער אינפֿאָרמאַציע״ (שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ). אין לעפּטוויטשעס אַרכיוו האָט זיך אָפּגעהיט די ייִדישע איבערזעצונג פֿון לוואָוויטשעס בריוו צו ראָבערט ע. ליבערמאַן (זומער 1936, גענויע דאַטע פֿעלט) וועגן דער לאַגע אין דער באַוועגונג און די אויפֿגאַבעס פֿונעם אַמעריקאַנער טעריטאָריאַליסטישן קאָמיטעט.

[140] אין זײַן בריוו צו לעפּטוויטשן פֿון 30סטן יולי 1936 שרײַבט לוואָוויטש וועגן דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט ווי וועגן אַ „יונגגן״. אין לעפּטוויטשעס אַרכיוו איז דאָ אַ בריוו פֿון רעגינע ביבער צו לוואָוויטשן, צוו׳ אַנד׳ וועגן פֿרײַלאַנד־עניניִם (דעם 16טן סעפּטעמבער 1936); וועגן דעם, אַז זי איז געווען די סעקרעטאַרין פֿונעם קאָמיטעט, האָט לוואָוויטש געשריבן צו לעפּטוויטשן דעם 3טן דעצעמבער 1936.

[141] מײַזנער, קרוק, לעאָן פייגנבוים, חיים ראָזענבעס, לעאָן שערעשעווסקי, דניאל טשאַרני (קאָפּיע פון בריוו אין לעפּטוויטש־אַרכיוו).

[142] בריוו פון 6טן דעצעמבער 1935 (הערוואַלד־אַרכיוו, ייִוואָ).

[143] ציטירט אין טשערניכאָווס בריוו צו ד״ר ח. זשיטלאָווסקין פון 6טן אַפּריל 1936 (ייִוואָ). פ״גל הײַנט (וואַרשע), דעם 24סטן אָקטאָבער 1935, ז׳ 2.

[144] דער דאָזיקער מאָטיוו ווערט אַרויסגעבראַכט אין טשערניכאָווס פריִער דערמאָנטן בריוו, ווי אויך אין אַ ריי אַנדערע בריוו פון טשערניכאָוון און מײַזנערן פון יענער צײַט.

[145] בריוו פון אַ. סינגאַלאָווסקין פון 24סטן יוני 1936 (צום פּאַריזער אָדער וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער ליגע, אָדער צו בײדע; אַ קאָפּיע פונעם בריוו, געמאַכט אויף בײַזנערס שרײַבמאַשין, געפינט זיך אין לעפּטוויטשעס אַרכיוו); צוויי בריוו פון י. ברוצקוסן צו לעפּטוויטשן, פון 24סטן און 29סטן סעפּטעמבער 1936.

[146] ייִט״אַ־בולעטין פון 17טן אויגוסט 1935 אויפן סמך פון אַ קאָמוניקאַט אין דער אויסטראַלישער צײַטונג מאָרגינג פּאָסט (לעפּטוויטש־אַרכיוו.

[147] קאָפּיע פונעם מעמאָראַנדום (דאָרט).

[148] קורצער פּראָטאָקאָל פונעם שמועס, געחתמעט הײמאַסאָן (דאָרט).

[149] בריוו צו לעפּטוויטשן פון 23סטן יולי 1936 (דאָרט).

[150] אין דער פרײַלאַנד־ליגע איז געווען אַ מיינונג, אַז אויסטראַליע קאָן לײַכטער מסכים זײַן אויף אַ ייִדישן צענטער אין איר צפון־טעריטאָריע צוליב איר איזאָלירטער לאַגע און צוליב איר דירעקטער פאַרוואַלטונג דורך דער פעדעראַלער רעגירונג. אויף דער טעריטאָריע פון איינעם פון די זעקס שטאַטן, האָט מען גערעכנט, וואָלט דאָס געווען אַ סך שווערער אָדער בכלל ניט מעגלעך. שפּעטער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז צוויי שטאַטן — פריִער מערב־אויסטראַליע, דערנאָך טאַסמאַניע — האָבן מסכים געווען אויף שאַפן קאָמפּאַקטע ייִדישע ייִשובים אויף זייער טעריטאָריע, און דווקא די פעדעראַלע רעגירונג איז געווען קעגנעריש.

[151] פּענער בראָקוויס בריוו צו לעפּטוויטשן פון 23סטן יולי 1936; לעפּטוויטשעס בריוו צו פּיידזשן פון 5טן אָקטאָבער 1936; פּענער בראָקוויס בריוו צו לעפּטוויטשן פון 22סטן אָקטאָבער 1936 (בריוו און קאָפּיעס אין לעפּטוויטש־אַרכיוו).

[152] רויטער־קאָמוניקאַט, פאַרעפנטלעכט אין דער לאָנדאָנער פּרעסע דעם 14טן אויגוסט 1936, ציטירט אין לעפּטוויטשעס בריוו צו ד״ר מאָריס קאַרפּפן פונעם זעלביקן טאָג.

[153] „איך האָב געפּרוווט ווענדן די געדאַנקען פון דער פרײַלאַנד־באַוועגונג צו אַ צווייטער גאַלוועסטאָן־אַרבעט אַנשטאָט אַ טעריטאָריע״, האָט לעפּטוויטש געשריבן צום ראַביי ד״ר מאַטוק דעם 18טן פעברואַר 1937.

[154] בריוו צו ד״ר אוירל פּיידזש פון 5טן אָקטאָבער 1936.

[155] דער שמועס מיט ברוסן איז באַשריבן אין פּענער בראָקוויס בריוו צו לעפּטוויטשן פון 22סטן אָקטאָבער 1936 און אין לעפּטוויטשעס בריוו צו ד״ר קאַרפּפן פון 23סטן אָקטאָבער 1936.

[156] ציטירט לויט דער קאָפּיע פונעם מעמאָראַנדום, וואָס גאָרמאַן בענטוויטש האָט איבערגעשיקט לעפּטוויטשן דעם 17טן יולי 1936.

[157] טעלעגראַמע באַקומען אין לאָנדאָן דעם 29סטן סעפּטעמבער 1936, געחתמעט קאַרפּף (לעפּטוויטש־אַרכיוו).

[158] ד״ר מאָריס קאַרפּף איז געווען דער דירעקטאָר פון דער גראַדויִרטער שול פאַר ייִדישער סאָציאַלער אַרבעט אין ניו־יאָרק. ער איז אויך געווען אַ ניט־ציוניסטישער מיטגליד פון דער ייִדישער אַגענץ און אַ פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון דער „עקאָנאָמישער קאָרפּאָראַציע פאַר פּליטים״. די דאָזיקע קאָרפּאָראַציע איז אויפגעקומען אָנהייב 1934 (אַ. סינגאַלאָווסקי, בעת זײַן ערשטן באַזוך אין פּוילן פרילינג 1934, האָט שוין אַרויפגעלייגט אויף

איר גרויסע האָפענונגען). אין דער רשימה פון אַגענצן, וואָס פאַרנעמען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט פליטים־פּראָבלעמען (פאַרעפנטלעכט אין אַ ספּעציעלן אַרויסלאָז פון סוירוויי גראַפיק, נאָוועמבער 1940, אַרכיוו פון יעקב לעווין), געפינען מיר אַזעלכע ידיעות וועגן איר: „עקאָנאָמישע קאָרפּאָראַציע פאַר פליטים, 570 לעקסינגטאָן אַוועניו, ניו־יאָרק. פּרעזידענט טשאַרלז דזש. ליבמאַן. געהילף־סעקרעטאַר עמערי ה. קאַמלאַס. פאָרשט און אַנטוויקלט באַזעצונג־פּראָיעקטן (settlement projects) אין דער גאָרער וועלט פאַר פּראָדוקטיוויזירונג (rehabilitation) פון פליטים. די דאָזיקע רעקאָנסטרוקציע־אַרבעט ווערט אויסגעפירט מיט דער הילף פון הלוואה־פאָנדן, פינאַנצירונג און אָנפירונג פון פּראָגראַמען פון אָפּגעקליבענער אימיגראַציע, לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע און סטימולירונג פון אינדוסטריע אין אַזעלכע לענדער ווי אויסטראַליע, די פיליפּינען, באָליוויע און אַנדערש וו׳. אין די פאַראייניקטע שטאַטן העלפט די קאָרפּאָראַציע אַדמיניסטרירן דעם אַלווין דזשאָנסאָן פאַרם־פּראָיעקט אין Watha, צפון־קאַראָלינע״.

[159] ראַוויטש צו לעפּטוויטשן דעם 21סטן דעצעמבער 1936; פאַטקין צו לעפּטוויטשן דעם 8טן יאַנואַר 1937 (לעפּטוויטש־אַרכיוו).

[160] צום באַדויערן איז ניט פּרעציזירט, ווי האָט זשאַבאָטינסקי אַרויסגעזאָגט אַזאַ מיינונג. דאָס איז בכלל אויפן פולשטענדיק אין זײַן גײַסט. מײַזנערס קאָמפּלימענטן זשאַבאָטינסקין ווײַזן, אַז זיי זײַנען געשריבן געוואָרן נאָך פאַר זשאַבאָטינסקיס שעדלעכן און אומטאַקטישן אַרויסטריט פאַר דער פּוילישער רעאַקציאָנערער פּרעסע מיטן פּלאַן צו עוואַקווירן ייִדן פון פּוילן קיין פּאַלעסטינע.

[161] מײַזנער צו לעפּטוויטשן דעם 29סטן סעפּטעמבער 1936 און צו פאַטקינען דעם 1טן אָקטאָבער 1936 (קאָפּיע אין לעפּטוויטשעס אַרכיוו) מיטן פאַררופן זיך אויף ברוצקוסן. דאָס זעלבע ברוצקוס צו לעפּטוויטשן דעם 29סטן סעפּטעמבער 1936.

[162] ברוצקוס צו לעפּטוויטשן דעם 21סטן דעצעמבער 1936. ברוצקוס פערזענלעך וואָלט געווען פאַר שאַפן ייִדישע אינדוסטריעלע פאָרשטעט מיט אַ בײַשטאָטישער גערטנערײַ און מילכווירטשאַפט.

[163] מײַזנער צו לעפּטוויטשן דעם 28סטן אָקטאָבער 1936.

[164] מײַזנער צו לעפּטוויטשן דעם 22סטן אויגוסט 1936.

[165] לעפּטוויטש צו מײַזנערן דעם 18טן אויגוסט 1936.

[166] בריוו פון 8טן אָקטאָבער 1936 (ענגליש, לעפּטוויטש־אַרכיוו).

[167] בריוו צו לעפּטוויטשן פון 26סטן פעברואַר 1937 (ענגליש).

[168] בײַגעלייגט צו מײַזנערס בריוו לעפּטוויטשן פון 28סטן אָקטאָבער 1936 (פיר בפרטיותדיקע טאַבעלעס).

[169] מײַזנער צו לעפּטוויטשן דעם 6טן מאַרץ 1936. לײדער האָט זיך די בײַגעלייגטע רשימה פון דעם פּראָפּרײַלאַנדישן קאָמיטעט ניט אָפּגעהיט אין לעפּטוויטשעס אַרכיוו, — לפּחות אינעם טייל, וואָס ער האָט פרײַנדלעך איבערגעשיקט דעם מחבר.

[170] ברוצקוס צו לעפּטוויטשן דעם 23סטן סעפּטעמבער 1936; מײַזנער צו לעפּטוויטשן דעם 27סטן סעפּטעמבער 1936.

[171] ברוצקוס צו לעפּטוויטשן דעם 23סטן סעפּטעמבער 1936. ער האָט ניט געגלייבט, אַז דאָס איז ריכטיק; אָבער אין 1937 האָט די פּוילישע רעגירונג געשיקט אויף מאַדאַגאַסקאַר אַן עקספּעדיציע טאַקע פאַר דעם דאָזיקן ציל, וועגן וואָס עס וועט קומען צו רייד אינעם נאָענטסטן קאַפּיטל. דאָ ניט לאַנג, דעם 8טן מײַ 1962, אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט אין פּאַריז לכבוד דעם ייִדישן שרײַבער מענדל מאַן, האָט דער גרײַז־גרויער סענאַטאָר מאַריוס מוטע, געוועזענער קאָלאָניעס־מיניסטער, באַשטעטיקט, אַז בעק האָט מיט אים בשעתו גערעדט וועגן דעם דאָזיקן ענין (ציטירט ביי יעקב פּאַטן, „קאָמענטאַרן״, די צוקונפט, יולי־אויגוסט 1962, ז׳ 276—277).

172 ברוצקוס צו לעפּטוויטשן דעם 21סטן דעצעמבער 1936.

173 דעם 5טן פעברואַר 1937.

174 אַ נעגער, אַ געבאָרענער אין דער פראַנצייזישער גוויאַנע. שפּעטער — לאַנגיאָריקער פּאָרזיצער פונעם פראַנצייזישן סענאַט (איז עס נאָך ביים שרייבן די דאָזיקע שורות). זיין באַריכט, פול מיט שבחים פאַר זיין היים־קאָלאָניע, האָט ער געהאַלטן אינעם פראַנצייזישן פּאַרלאַמענט אין פעברואַר 1934. דובאָסאַרסקי האָט דעם באַריכט איבערגעשיקט קיין וואַרשע, דאָרט האָט מען עס איבערגעזעצט אין ייִדיש (אַ קאָפּיע איז דאָ אין לעפּטוויטשעס אַרכיוו).

175 געחתמעט י. קרוק און ל. פינעס (הערוואַלד־אַרכיוו, ייִוואָ).

176 בריוו פון 20סטן אָקטאָבער 1936 (לעפּטוויטש־אַרכיוו; ביילאַגע אויך אין הערוואַלד־אַרכיוו).

177 שענבערגער צו לעפּטוויטשן דעם 19טן נאָוועמבער 1936.

178 מייזנער צו לעפּטוויטשן דעם 19טן נאָוועמבער 1936.

179 קרוק צו לעפּטוויטשן (פון פּאַריז) דעם 3טן דעצעמבער 1936.

180 דער בריוו פון צייטווייליקן סעקרעטאַריאַט האָט זיך ניט אָפּגעהיט. קרוק איז זיין בריוו צו הערוואַלדן פון 15טן מאַרץ 1937 האָט געשריבן: „לעצטן ווינטער, כדי צו פּאַראייניהייטלעכן די אַרבעט, האָט דער וואַרשעווער קאָמיטעט געבעטן דעם פּאַריזער, ער זאָל איבערנעמען אויף דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן צענטער" (וואָס האָט זיך געזאָלט געפינען אין לאָנדאָן, אָבער צוליב לאָנדאָנס שוואַכקייט האָט עס גענומען אויף זיך דער צייטוו׳ סעקרעטאַריאַט אין וואַרשע). ווייטער שרייבט קרוק, אַז בעת זיין לעצטן באַזוך אין לאָנדאָן (ד"ה אין דעצעמבער 1936) האָט ער דאָס קאָאָרדינירט מיט גייטן און הערוואַלד, מיטגלידער פון דער וועלט־עקזעקוטיווע (קעסלער איז אין דער לעצטער מינוט ניט געקומען און שטיינבערג איז געווען אין דרום־אַפריקע).

הערות צום קאַפּיטל פיר

1 קאָפּיעס פון דער ענגלישער איבערזעצונג האָבן זיך אָפּגעהיט אין די אַרכיוון פון יעקב לעווין און פון י. לעפּטוויטש. ניט האָבנדיק דעם פראַנצייזישן אָריגינאַל, איבערזעצן מיר פון דער ענגלישער איבערזעצונג.

2 מײַנערס בריוו צום צ״ק פון דער ליגע אין פּוילן, געשריבן פון פּאַריז דעם 16טן יאַנואַר 1937 (קאָפּיע אין לעפּטוויטש־אַרכיוו). ד״ר צדוק־כהן (Zadok-Kahn) איז געווען אַ זון פונעם באַרימטן גרויס־ראַבינער פון פּאַריז, צדוק כהן. לעאָנאַרד ראָזענטאַל, אַן אינדוסטריעלער, איז געווען פּערזענלעך גוט באַקאַנט מיט מוטע. ביידע האָבן זיי געהערט צום פּראָ־פרײַלאַנד־קאָמיטעט (געשאַפן בשותפות מיטן „עמקאָל״).

3 מײַנער אינעם ציטירטן בריוו, לויט די אײַנדרוקן פון ד״ר דובאָסאַרסקי.

4 ענגלישע איבערזעצונגען פון ביידע דאָקומענטן געפינען זיך אין די אַרכיוון פון יעקב לעווין און י. לעפּטוויטש. דער ערשטער דאָקומענט ווערט דאָ געגעבן אין אַן איבערזעצונג. דער צווייטער דאָקומענט — מוטעס בריוו — ווערט איבערגעזעצט פונעם פראַנצייזישן אָריגינאַל, וואָס האָט זיך אָפּגעהיט בײַ געאָרג שאַפּיראָ און איז נאָך זײַן טויט איבערגעשיקט געוואָרן דורך זיין אלמנה צום מחבר, זע פאַטאָסטאַט.

5 אויך איצט, נאָך דעם ווי פראַנקרײַך האָט פאַרלאָרן אירע קאָלאָניעס אין אַזיע און האָט באַפרײַט אירע קאָלאָניעס אין אַפריקע, זײַנען גוויאַנע און נײַ־קאַלעדאָניע פאַרבליבן מעבר־לים־טיילן פון דער פראַנצייזישער רעפּובליק.

6 מײַנער צום צ״ק פון דער ליגע אין פּוילן, געשריבן פון פּאַריז דעם 19טן, און צו לעפּטוויטשן דעם 20סטן יאַנואַר 1937.

7 מימעאָגראַפירטע קאָפּיעס אין די אַרכיוון פון יעקב לעווין און י. לעפּטוויטש.

8 אינדאָכינע האָט זיך דאָ אַרײַנגעגליטשט על־פּי־טעות. ניט די פרײַלאַנד־ליגע, ניט מוטע האָבן קיין מאָל ניט דערמאָנט אינדאָכינע.

9 ווילנער טאָג, פון 25סטן יאַנואַר 1937.

10 דאָרט, דעם 31סטן יאַנואַר 1937: „אַן ערנסטער און האַרבער ענין. דער רעפעראַט פון יוסף טשערניכאָוו וועגן די פראַנצייזישע קאָלאָניזאַציע־פאָרשלאָגן״.

11 דער נומער האָט זיך ניט אָפּגעהיט. דער מחבר דערמאָנט זיך, אַז צוליב גרויס אײַלעניש האָבן די צוויי רעדאַקטאָרן גופא אָנגעשריבן כמעט דעם גאַנצן נומער אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען (אַסטור 4 און ברעסטאָוויצקי 3 אַרטיקלען און נאָטיצן). חוץ לזה איז אין נומער געווען איבערגעדרוקט אַ פראַגמענט פון י. טשערניכאָווס רעפעראַט „די היסטאָריע אויף דער יידישער גאַס״, זען אויבן, ז׳ 153 א״וו) און אַ נאָטיץ „טראָצקי וועגן טעריטאָריאַליזם״ (זען וועגן דעם ז׳ 223 א״וו).

12 די דאָזיקע און ווײַטערדיקע פּרעסע־אָפּרופן — לויט די איבערבליקן אין ווילנער טאָג דעם 19טן און 20סטן יאַנואַר 1937.

[13] פון וואַנען האָבן זיך בײַ יאושזאָנען גענומען ווולקאַנען אין די פּאַרגעלייגטע פראַנ־צייזישע קאָלאָניעס — איז געבליבן זײַן סוד.

[14] שטעטלעך אין פּוילן, וווּ עס זײַנען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אין 1935 און 1936.

[15] דער מחבר פון דער דאָזיקער געשיכטע האָט עס פּערזענלעך געהערט פון קרוקן סוף 1936 אָדער אָנהייב 1937. אין דער דאָזיקער שייכות איז אויך אינטערעסאַנט צו ציטירן דעם בריוו פון ד״ר אַהרן סינגאַלאָווסקי, געשריבן צו די פּאַריזער און וואַרשעווער חברים פון דורבאַן דעם 24סטן יוני 1936 (קאָפּיע אין לעפּטוויטש־אַרכיוו) וועגן די שטימונגען אין דער ייִדישער (טראַדיציאָנעל שטאַרק ציוניסטישער) דרום־אַפריקע: „אומעטום פרעגט מען מיך, וווּ איז דער ׳עמיגדירעקט׳ און פאַר וואָס דערלאַנגט ער ניט קיין גרויסן פּלאַן פון קאָלאָניזאַציע. (...) אַ גרויסער ציוניסטישער נדבן האָט מיר ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק געזאָגט: ׳די געשיכטע פון ייִדישע עמיגראַנטן האָט זיך געענדיקט, איצט מוז זיך אָנהייבן די געשיכטע פון ייִדישן מאַסן־פּיאָנערטום, פון קאָלאָניזאַציע׳. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פּועלי־ציון, וווּ איך בין אײַנגעלאַדן געוואָרן צו רעפערירן וועגן אונדזערע עמיגראַציע־פּראָ־בלעמען, און וווּ איך האָב אָפּן פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט פון דער פרײַלאַנד־ליגע, איז די פאַראינטערעסירטקייט געווען אַזוי גרויס, אַז אין דער דיסקוסיע האָט זיך געפילט אַ גערייצטע אומגעדולדיקייט. דער זין פון די רעדעס איז געווען אין דער פראַגע: אויף וואָס וואַרט איר ?! פאַר וואָס האַנדלט איר ניט ?! און דער פאָרזיצער פון דעם אָוונט (דער פאָר־זיצער פון צ״ק פּועלי־ציון) האָט דאַנקענדיק דעם רעפערענט, וואָרטלעך געזאָגט: ׳די אידעע פון אַ גרויסער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אַחוץ דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל איז איצטער זייער אַקטועל, און מיר זײַנען אין זייער אַ גרויסער מאָס מסכים מיט די אויספירונגען פון דעם רעפערענט׳ “.

[16] ווילנער טאָג פון 19טן יאַנואַר 1937.

[17] ייִט״אַ־קאָמוניקאַט, פאַרעפנטלעכט אין ווילנער טאָג (און אין אַנדערע ייִדישע צײַטונ־גען) דעם 27סטן יאַנואַר 1937.

[18] באַקאַנטער ייִדישער כלל־טוער, אַמאָליקער „וואָזראָזשדעניעץ” און סיימיסט, דערנאָך (1917) מיטגרינדער פון דער פאָלקספּאַרטיי, שפּעטער אַ „ניט־ציוניסטישער” מיטגליד פון דער ייִדישער אַגענץ. געוווינט אין פּאַריז.

[19] י. טשערניכאָוו צו ד״ר ח. זשיטלאָווסקין דעם 6טן אַפּריל 1936 (ייִוואָ). טשערניכאָוו האָט געבעטן זשיטלאָווסקין, ער זאָל האַלטן דעם דאָזיקן רעפעראַט.

[20] יעקב לעשטשינסקי, „ווער פירט אונדז?”, אונדזער טאָג פון 10טן יוני 1938 (צו דעם דאָזיקן אַרטיקל וועלן מיר צוריקקומען אין קאַפּ׳ 5).

[21] ייִט״אַ־קאָמוניקאַט, אונדזער טאָג פון 25סטן יאַנואַר 1937.

[22] מײַזנער צו לעפּטוויטשן (פון וואַרשע) דעם 12טן פעברואַר 1937.

[23] אונדזער טאָג פון 1טן אַפּריל 1937; אונדזער עקספּרעס (וואַרשע), אינטערוויו מיט ד״ר י. קרוק, איבערגעדרוקט אין אונדזער טאָג דעם 9טן יולי 1937. דער אומזין פון דעם אויסגעטראַכטן ציפער פון 1000 פונט ווערט באַזונדערס קלאָר צוליב דעם, וואָס די פראַנצייזישע רעגירונג וואָלט נאַטירלעך אַרויסגעשטעלט די נייטיקע סומעס אין פראַנצייזי־שע פראַנקען. ס׳איז ניט שווער זיך אָנצושטויסן, וווּ די ייִט״אָ האָט גענומען דעם דאָזיקן ציפער: 1000 פונט האָט געפאָדערט די ענגלישע מאַנדאַט־רעגירונג פון פּאַלעסטינע פון די, וואָס האָבן געוואָלט אײַנוואַנדערן אַהין מחוץ דער סערטיפיקאַטן־קוואָטע, אויף דער אַ״ב קאַפּיטאַליסטן־וויזע.

[24] מײַזנער צו טשערניכאָוון דעם 19טן און 21סטן און צו בן־אַדירן דעם 22סטן אַפּריל 1937 (שטיינבערג־אַרכיוו); נײַע שטימע נומ׳ 2, 1937, ז׳ 2 (לייט־אַרטיקל „דער ייִדישער קאָנגרעס און דער פראַנצייזישער קאָלאָניזאַציע־פאָרשלאָג”).

25 נײַע שטימע, דאָרט.

26 פרײַלאַנד־בולעטין נומ׳ 1, וואַרשע דעם 15טן מײַ 1937 (שטײנבערג־אַרכיװ).

27 יט״אַ־קאָמוניקאַט, ציטירט אין מײַזנערס בריװ צו קיהנען פֿון 17טן פֿעברואַר 1937 (אַלע בריװ, ציטירט אין די הערות 27־39: שטײנבערג־אַרכיװ).

28 דאָרט.

29 ציטירט לויט אונדזער טאָג פֿון 27סטן מײַ 1937.

30 פרײַלאַנד־בולעטין נומ׳ 2, וואַרשע, דעם 10טן יולי 1937.

31 ציטאַטן פֿון דער פּאָלעמיק װערן געבראַכט אינעם דערמאָנטן אַרטיקל פֿון דער נײַער שטימע (זען הערה 24).

32 מײַזנער צו י. נ. שטײנבערגן דעם 21סטן אַפּריל 1937 און צו טשערניכאָװן דעם זעלבן טאָג.

33 מײַזנער צו י. נ. שטײנבערגן דעם 11טן מאַרץ 1937, מיט אַ רוף קעגנצושטעלן זיך דער דאָזיקער אַקציע און מיט אַ בקשה מיטצואַרבעטן מיט קרוקן, װאָס האָט געזאָלט אַראָפּקומען אין יענער צײַט קײן לאָנדאָן.

34 ציטירט אין מײַזנערס בריװ צו קיהנען פֿון 8טן מײַ 1937.

35 מײַזנער צו י. נ. שטײנבערגן דעם 15טן יוני 1938; זען אויך װײַטער, זז׳ 253—254.

36 מײַזנער צו טשערניכאָװן דעם 19טן אַפּריל, צו קיהנען דעם 8טן מײַ 1937.

37 אינפֿאָרמאַציעס װעגן דער מאַדאַגאַסקאַר־עקספּעדיציע געפֿינען זיך אין מײַזנערס בריװ צו טשערניכאָװן פֿון 21סטן, בן־אַדירן פֿון 22סטן, קיהנען פֿון 27סטן אַפּריל, צום פּאַריזער קאָמיטעט פֿון דער ליגע פֿון 3טן, צו קיהנען פֿון 8טן מײַ 1937.

38 מײַזנער צו לװאָװיטשן דעם 10טן מײַ 1937.

39 פרײַלאַנד־בולעטין נומ׳ 1 פֿון 15טן מײַ 1937.

40 דזשױש קראָניקל, דעם 31סטן דעצעמבער 1937.

41 אַ. שטײנבערג, „ייִדישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק”, נײַע שטימע נומ׳ 1 (6), יאַנואַר 1938. אין װאַרשעװער זאַקסישן גאָרטן פֿלעגן אין יענער צײַט פֿאָרקומען כסדרדיקע כוליגאַנישע אָנפֿאַלן פֿון פּױלישע אַנטיסעמיטישע סטודענטן־באַנדעס אויף ייִדישע דורכגײערס.

42 נײַע שטימע, נומ׳ 1 (6), יאַנואַר 1938, נאָטיץ „פֿאַר אונדזער און אײַער פֿרײַהײט”.

43 בריװ צו ד״ר אַ. סינגאַלאָװסקי פֿון 12טן דעצעמבער 1938 (ייִװאָ); צו דעם דאָזיקן בריװ װעלן מיר זיך נאָך אומקערן.

44 לשם פֿאַרגלײַך איז די דורכשניטלעכע טעמפּעראַטור פֿון אױגוסט אין פּאַלעסטינע: ירושלים — 25.2 גראַד, תל־אָביב — 27.1, חיפה — 28.0, יריחו — 31.2; דורכשניטלעכע טעמפּעראַטור פֿון יאַנואַר: ירושלים — 9.5 גראַד, תל־אָביב — 13.4, חיפה — 14.7.

45 די שײכדיקע ציפֿערן פֿאַר פּאַלעסטינע זײַנען: אין גליל העליון — 1000 ממ, אין צפֿון־טײל פֿונעם ים־פּלײן — 600 ממ, אין דרום־טײל פֿונעם ים־פּלײן — 300 ממ, אין ירושלים — 600 ממ, אין נגב — פֿון 12 ביז 50 ממ. דער גאַנצער רעגנפֿאַל איז פֿאַרטײלט אויף דורכשניטלעך 3 װינטער־חדשים.

46 אין פּאַלעסטינע (סעפּטעמבער 1937) האָט די באַפֿעלקערונג באַטראָפֿן 1,300,000 אײַנװױנערס אויף אַ שטח פֿון 26,000 קװ קמ, אָדער 50 אײַנװױנערס אויף אַ קװ קמ, און אויב מען זאָל ניט רעכענען דעם װיסטן און אומבאַפֿעלקערטן נגב — בערך 70 אײַנװױנערס אויף אַ קװ קמ.

47 די זעלבע געאָגראַפֿישע פּראָבלעמען עקסיסטירן אויך פֿאַר אויסטראַליע און נײַ־זעלאַנד לגבי גרױס־בריטאַניע — פֿון דעסט װעגן גיבן זײ זיך גוט אַן עצה, און נײַ־זעלאַנד, למשל, לעבט און פּראָספּערירט כמעט אויסשליסלעך אַ דאַנק עקספּאָרטירן אירע לאַנדװירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן אין איר אַמאָליקער מעטראָפּאָליע.

48 אָבער אויסקויפֿן די אײגנטום־ און אַרענדע־רעכט האָבן, לויט די חשבונות פֿונעם

מחבר גופא, געדאַרפט קאָסטן זייער ביליק — בכל אופן אַ סך ביליקער, וועלן מיר צוגעבן, ווי די נייטיקע צוגרייטונגען אין אַזעלכע ווילדע און אומגעזונטע לענדער ווי גוויאַנע אָדער אַפילו די אויסטראַלישע צפון־טעריטאָריע.

[49] „אַ פּיצעלע טעריטאָריע און דערצו נאָך אַן אינדזל" (בריוו צו י. נ. שטיינבערגן פון 3טן יוני 1937); „ווען נײַ־קאַלעדאָניע זאָל כאָטש האָבן 50,000 קוו קמ!" (צו קיהנען פון 7טן יוני 1937).

[50] למשל אין בריוו צו לעפּטוויטשן פון 24טן מאַרץ 1937.

[51] בריוו פון ווינער יִט"אָ צום פּאַריזער פרײַלאַנד־קאָמיטעט פון 17טן פעברואַר 1938 (קאָפּיע אין לעפּטוויטש־אַרכיוו), אַ ריי בריוו צו לעפּטוויטשן (דאָרט גופא), בריוו צו קעסלערן (שטיינבערג־אַרכיוו, יִוואָ).

[52] בריוו צום פּאַריזער פרײַלאַנד־קאָמיטעט פון 17טן פעברואַר 1937; יִט"אַ־קאָמוני־קאַט, אונדזער טאָג פון 26סטן מאַרץ 1937.

[53] פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג אין לעפּטוויטש־אַרכיוו.

[54] די בריוו געפינען זיך אין לעפּטוויטש־אַרכיוו; וועגן דער מיטל־אייראָפּעיִשער קאָנ־פערענץ איז געמאָלדן אין יִט"אַ־קאָמוניקאַט (הערה 52).

[55] שענבערגער צו לעפּטוויטשן (דאַטע פעלט); קרוק צו הערוואַלדן דעם 15טן מאַרץ 1937. לויט שענבערגערן, האָבן די ווינער יִטאָיִסטן גראָד געוואָלט קעגנשטעלן הײַנען קרוקן, אָבער הײַן איז אין די ווײַטערדיקע חדשים געווען אַ שטאַרקער פּאַרטיידיקער פון אייניקייט מיט דער פרײַלאַנד־ליגע.

[56] קרוק צו הערוואַלדן דעם 15טן מאַרץ 1937 (הערוואַלד־אַרכיוו).

[57] מײַזנער צו י. נ. שטיינבערגן דעם 17טן מאַרץ 1937.

[58] אין די אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס לעפּטוויטש האָט געשטעלט אין רשות פונעם מחבר, איז ניטאָ קיין קאָפּיעס פון לעפּטוויטשעס בריוו צו זײַנע ווינער קאָרעספּאָנדענטן, אָבער די פילצאָליקע בריוו פון שענבערגערן און קלײַנען צו לעפּטוויטשן זײַנען גענוג אילוסטראַטיוו. אַ כאַראַקטעריסטישער ציטאַט פון אַ בריוו, געחתמעט פון קלײַן און שענבערגער (געשריבן סוף פעברואַר 1937; די ערשטע זײַט מיט דער דאַטע פעלט): „אויב די הערן אין פּאַריז וועלן זיך ניט וועלן באַטייליקן אין דעם פּלאַנירטן קאָנגרעס, דעמאָלט וועלן מיר גיין אָן זיי. מיר האָבן אויך גענוג פאַרבינדונגען אין פּוילן, כדי צו שאַפן דאָרט אַן אומפּאַליטישע אָרגאַניזאַציע! (...) מיר בעטן אײַך אויך אויף להבא צו שענקען אונדז אײַער פולן צוטרוי אין דעם דאָזיקן ענין, און מיר פאַרזיכערן אײַך, אַז אין דער דאָזיקער פראַגע שטייען מיר אין גאַנצן און פולשטענדיק הינטער אײַך ווי אונדזער ערן־פּרעזידענט. זאָלט איר זײַן גע־צוווּנגען צו רעזיגנירן פון אײַער אַמט, זײַנען מיר אַנטשלאָסן צו ציִען די קאָנסעקווענצן אויך פאַר אונדזערע אָרגאַניזאַציעס".

[59] אַזוי למשל האָט ער געשריבן צו וואָלוויטשן דעם 19טן יאַנואַר 1937: „(...) לויט מײַן מיינונג מוזן מיר אָנערקענען דעם פּרינציפּ, אַז עס איז דאָ אַן אַבסאָרפּציע־גבול צו דער צאָל ייִדן, וואָס מיר קאָנען אַרײַנברענגען אין וועלכן עס איז לאַנד. עס איז טרויעריק, אָבער איך זע ניט דערווײַל קיין וועג אָפּצושאַפן די צעשפּרייטונג אָדער פּטור ווערן פונעם אַנטיסעמיטיזם". צו וואָלוויטשן דעם 20סטן יאַנואַר 1937: „(...) ווען איך האָב גערעדט וועגן אַ האַלבן מיליאָן ייִדן אין אויסטראַליע ווי דעם מאַקסימום, אויב מיר ווילן ניט קיין רײַבונ־גען, האָב איך געטראַכט אין טערמינען פון נאָענטן עתיד. אויב אויסטראַליע זאָל במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אויסוואַקסן צו אַ באַפעלקערונג פון פופציק אָדער זיבעציק מיליאָן, ווי אייניקע רעגירונגס־פאָרשטייערס מיינען, וועלן מיר קאָנען האָבן אַ ייִדישע באַפעלקערונג פון אַ גאַנצן מיליאָן". צו ד"ר מאַטוקן דעם 18טן פעברואַר 1937: „דאָס איז דאָס, וואָס מען האָט געטאָן אין דער צײַט פון דער גאַלוועסטאָן־אַרבעט (...)".

60 מײַזנער צו טשערניכאָוון דעם 19טן אַפּריל 1937.

61 דאָרט גופא.

62 די פלענער ווערן געגוי אויסגערעכנט אין האַנס קלײַנס „שטרענג פּאַרטרווילעכן״ בריוו צו לעפּטוויטשן פון 14טן יוני 1937. וועגן פּאָגעלנעסטס קאָאָפּטאַציע אין פּוילישן צ״ק: מײַזנער צו י. נ. שטיינבערגן דעם 3טן מײַ 1937. ברוצקוס צו לעפּטוויטשן, סוף דעצעמבער 1937: „וואָס איז שייך אונדזער אָרגאַניזאַציע, רעכן איך, דאָס דער פּאָרשלאָג פון יוין, מען זאָל בילדן אַן אומפּאַרטייִשע עמיגראַציע־געזעלשאַפט אָן די טעריטאָריאַליסטן [איז גוטן]. איך שרײַב אים אַן ענטפער אין דעם זין״, און דעם 7טן פעברואַר 1938: „די ווײַטערע אַרבעט איז אומבאַקוועם צו פירן אונטער דעם היסטאָרישן נאָמען ״יוט״אָ׳. אויב עס וועט זיך אונדז אײַנגעבן אָנהייבן אַ באַשטימטע פּראַקטישע אַרבעט, דאַמאָלסט וועט נאָך זײַן צײַט דעם היסטאָרישן נאָמען איבערצונעמען, דערווײַל איז נאָך פרי. און דאָן האָב איך מורא, מען זאָל אונדז ניט פּאַרמישן מיט די טעריטאָריאַליסטן־פרײַלאַנד. איר זאָגט אַליין ווי דאָס איז שעדלעך״.

63 מײַזנערס בריוו פון פעברואַר־אַפּריל 1937 זײַנען פול מיט אָפּקלאַנגען פון אָט דעם „קאַמף״. וועגן דעם אויסגלײַך שרײַבט ער י. נ. שטיינבערגן דעם 3טן מײַ 1937.

64 וועגן די פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַטיוון האָט ער שוין גערעדט אויף דער צווייטער פּרײַ־לאַנד־יוגנט־באַראַטונג אין יולי 1937, לויט זײַן בריוו צו י. נ. שטיינבערגן פון 22סטן יולי 1937. אין בריוו צו דעם זעלבן פון 6טן סעפּטעמבער 1937 דערציילט ער וועגן אויפשטעלן, צוזאַמען מיט וויקטאָר אַלטערן, אַ קאָמיסיע פּאַר יוגנט־ענינים און פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַטיוון, ווי עס האָבן זיך געזאָלט באַטייליקן אויך בונדיסטן און לינקע פּועלי־ציון.

65 מײַזנער צו קיהנען דעם 10טן, צו י. נ. שטיינבערגן דעם 25סטן מאַרץ 1937.

66 מײַזנער צו בן־אַדירן דעם 23סטן אויגוסט 1937.

67 אין זײַן בריוו צו י. נ. שטיינבערגן פון 27סטן מאַרץ 1938 האָט ער געשריבן: „(...) די נײַע שטימע, וועלכע איך האָב פּשוט אויפגעהערט צו לייענען — אַזוי פּאַסט אַלץ ניט צו דער ערנסטקייט פון מאָמענט״.

68 אַזעלכע מאָטאַציעס פון וואַרשעווער צײַטונגען פלעגן אַרויסגיין אין גרעסערע פּראָ־ווינצשטעט: מען פלעגט אַרויסשיקן אַהין די אָפּגעדרוקטע אינעווייניקסטע זײַטן פון דער צײַטונג, און אויפן אָרט פלעגט מען צודרוקן אויף דער ערשטער און לעצטער זײַט די אַלגעמיינע און אָרטיקע לעצטע נײַס.

69 מיר ברענגען דעם טעקסט לויט ווילנער טאָג.

70 מײַזנער צו בן־אַדירן דעם 13טן יולי 1937.

71 מען דאַרף צווישן זיי דערמאָנען: אינזשעניר־אַרכיטעקט הענריק (יחזקאל) ספּיוואַק, אינזשעניר־מעכאַניקער מאַרגוליס, בויפּאַרמאַן ראָבערט אובפּאַל (געווי טראַנצקיסט) און זײַן פרוי פּערל האַניגשטאַק, סטודענטין פון קונסט־פּאַקולטעט שרה גראַס (טאָכטער פונעם לע־רער אַ. פּ. גראַס).

72 עס האָט זיך אָפּגעהיט י. נ. שטיינבערגס ענטפער פון 1טן אַפּריל 1938 אויף מ. אַסטורס בריוו, וואָס האָט אינפאָרמירט וועגן דעם שפּאַרבער־פּראָיעקט פון אַן עקספּערימענ־טאַלער פּערמע אין צפון־טייל פון אויסטראַליע. שטיינבערג האָט אַפּראָבירט דעם פּלאַן, אָבער געהאַלטן, אַז אַפילו ביים סאַמע אָנהייב דאַרף מען שיקן ניט ווייניקער פון טויזנט קאָלאָניסטן. אין שייכות מיטן פּראָיעקט איז אַסטור (וואָס האָט פּאַרענדיקט די סאָרבאָנע אין 1937) אָנגעקומען אין 1938 אין דער נאַציאָנאַלער אַגריקולטור־שול אין גריניאָן (פּראַנקרײַך).

73 אָנטיילנעמערס: פון ווילנע — 12: מיכאל אַסטור (קאָמענדאַנט), בער ליזדאָן (עקאָ־נאָם), אַהרן ברעסטאָוויצקי (קאַסירער), אַברהם סוצקעווער, שמואל גערשאַטער, שלמה קאַהאַן, שלום שולקין, ריקלע פּראַנקפורט, רבקה קאַרפּינאָוויטש, חיה ליפּניק, בעטי

ווענגראָווסקי, סימע שמערקאָוויטש; פון וואַרשע — 7: גבריאל הויז, יחזקאל ספּיוואַק, יעקב שטיימאַן, פּערל האַניגשטאַק, גוטע ציגאַמאַן, אָשר (אוטעק) ראָזענבעס, מיכאל מאַלאָוואַנ־טשיק (די צוויי לעצטע — מיטגלידער פון „שטראַל״); פון לאָדזש — 1: אַהרן כּאַרכּאַט. צו עטלעכע טעג האָבן אויפן לאַגער פאַרבראַכט: נחמן באַראַנטשיק, יוסף מיכעלעס, איסר פּרענקעל, חיים וואָלפאָוויטש, ד״ר אַהרן בערנשטיין א״אַנד.

74 דעם 22סטן יולי 1937.

75 געווען פאַרעפנטלעכט אין אונדזער טאָג פון 25סטן יולי 1937 א״ק „פון דער באַ־ראַטונג פון דער טעריטאָריאַליסטישער יוגנט״, שפּעטער אין נײַע שטימע (אויגוסט 1937) און צום אויפשטײַג (סעפּטעמבער 1937).

76 נתן חפשי האָט אַרויסגעבראַכט דעם ענין פאַר דער עפנטלעכקייט אינעם ישראל־דיקן העברעיִשן זשורנאַל נר, יולי 1961, און אין זײַן „בריוו אין רעדאַקציע״, דאָס פרײַע וואָרט, ב״אַ, נאָוועמבער 1961. אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם האָבן געגעבן יעקב פּאַט, „קאָמענטאַרן״, קאַפּ׳ 4, די צוקונפט, דעצעמבער 1961.

77 אין אַ שמועס מיט יוסף טשערניכאָוון, וואָס האָט עס ציטירט אין זײַן רעפעראַט „פּאַ־לעסטינע אונטערן צייכן פון חלוקה״, באַריכט אין אונדזער טאָג פון 9טן סעפּטעמבער 1937.

78 דאָס נײַע וואָרט (אָרגאַן פון רעכטע פּועלי־ציון) פון 5טן סעפּטעמבער 1937, ציטירט אינעם אַפּטייל „פון דער יידישער פּרעסע״, נײַע שטימע, נומ׳ 5, (אָקטאָבער 1937), ז׳ 19.

79 הקונגרס הציוני העשרים והמושב החמישי של מועצת הסוכנות היהודית. דין־וחשבון סטינוגרפי (ירושלים, יאָר ניט אָנגעוויזן), זז׳ 32־33 (ד״ר ח. ווייצמאַנס באַריכט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע, דעם 4טן אויגוסט 1937).

80 דאָרט גופא, זז׳ סב־סג (ד״ר ח. ווייצמאַנס רעזיומע פון די פּאָליטישע דעבאַטן אויף דער אַגענץ־סעסיע, דעם 18טן אויגוסט 1937).

81 באַריכט אין אונדזער טאָג, דעם 19טן סעפּטעמבער 1937.

82 מײַזנער ציטירט דעם בריוו אין זײַן בריוו צו י. נ. שטיינבערגן פון 22סטן יולי 1937 און באַמערקט, אַז ער האָט דעם בריוו באַקומען דעם זעלבן טאָג.

83 ציטירט אינעם דערמאָנטן (הערה 78) פּרעסע־איבערבליק, ז׳ 20.

84 ציטירט דאָרט גופא, זז׳ 20־21.

85 פרײַלאַנד־בולעטין נומ׳ 1, דעם 15טן מײַ 1937.

86 קיין גענויע סטאַטיסטיק פאַרן יאָר 1937 האָבן מיר ניט, אָבער אין מײַזנערס בריוו פון יענעם יאָר זײַנען דאָ ציפערן פון אייניקע גרופּעס, וואָס האָבן צוזאַמען געשאַפן די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע.

87 דעם 1טן פעברואַר 1937 האָט די פרײַלאַנד־ליגע איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכן מיטינג אין ראָיאַל האָטעל. אַ גענויער באַריכט איז געווען אָפּגעדרוקט אין דזשוויש קראָניקל פון 5טן פעברואַר 1937. ל. קעסלער איז געווען דער פאָרזיצער און האָט געהאַלטן די ערשטע רעדע, שטאַרק פאַרשפּיצט קעגן ווולגאַרן אינפילטראַציע־עמיגראַציאָניזם און ערטערווײַז בולט געווענדט קעגן דער אײַנשטעלונג פון י. לעפּטוויטש (וואָס מיר האָבן ציטירט אין דער הערה 59): „אַזוי ווײַט ווי עס האָבן דערלויבט די מיטלען און די פּאָליטישע באַדינגונגען, האָט מען געהאָלפן עטלעכע טויזנט צו עמיגרירן אין לענדער וואָס האָבן מסכים געווען זיי אַרײַנצולאָזן. אָבער דאָס איז געווען אַ פּאַליאַטיוו. ווי נאָר אַ געוויסע צאָל יידן באַזעצן זיך אין די נײַע היימען, ווערן זיי — ווי דערפאַרונג האָט ווידער און ווידער אַ מאָל באַוויזן — די אומשולדיקע סיבה און די קרבנות פון אַנטיסעמיטיזם. ס׳איז אַ טראַגעדיע, האָט געזאָגט מ״ר קעסלער, אַז יידן פאַרשטייען ניט ווי געהעריק דעם מהות פון אָט דער פּראָבלעם אין דער הײַנטיקער וועלט. ׳מיר גלייבן׳, האָט ער געזאָגט, ׳אַז עס איז דאָ אַ בעסערער אופן פון באַהאַנדלען די פראַגע. מיר גלייבן ניט, אַז צעשפּרייטונג קאָן געבן אַ דויערנדיקן נוצן. דער

ציל פון דער פרײַלאַנד־ליגע איז צו פאַרזיכערן ברייטע און צוגעפּאַסטע שטחים, וווּ עס וועט מעגלעך זײַן אַ קאָמפּאַקטע באַזעצונג פון ייִדן׳״. ד״ר י. נ. שטיינבערג האָט דערציילט וועגן דעם וווּקס פון אַנטיסעמיטיזם אין דרום־אַפריקע. „שוין צײַט, האָט ער געזאָגט, מען זאָל אָרגאַניזירן די וואַנדערונג פון אונדזער פאָלק, מיט אַ לאַנד וווּהין ייִדן זאָלן קאָנען קומען ניט ווי אָרעמע אורחים, וואָס זיצן בײַם ברעג טיש פון אַ רײַכער נאַציע, נאָר ווי אַן אָרגאַניזירט פאָלק, וואָס האָט אויפֿן רעיון אַן אייגענעם אידעאַל״. זלמן מײַזנער האָט דערציילט וועגן דער לאַגע אין פּוילן און וועגן דער דעקלאַראַציע פון מוטע. יוסף לעפּטוויטש האָט איבערגעגעבן אַ באַגריסונג פון מר״ס זאַנגוויל און, אָן אָפענער פּאָלעמיק מיט דער מערהייט־שטעלונג, געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער אומפּאַרטייִשקייט, אַלגעמיינקייט און פּראַקטישקייט פון דער באַוועגונג. דער לעצטער האָט גערעדט ת. ב. הערוואַלד, וואָס האָט גערופן אַרבעטן פאַר דער פרײַלאַנד־באַוועגונג.

[88-89] „די פרײַלאַנד־באַוועגונג״, דעם 26סטן פעברואַר; „וווּהין זאָלן ייִדן גיין?״, דעם 5טן נאָוועמבער 1937. דער לעצטער אַרטיקל איז אַרויס ווי בראָשור נומ׳ 2 פון דער פרײַלאַנד־ליגע. חוץ דעם האָט די ליגע אַרויסגעגעבן און פאַרשפּרייט אַ סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון לאָרד לאַמינגטאָנס בריוו אין טײַמז פון 16טן מאַרץ 1937, אין וועלכן ער האָט אונטערגעהאַלטן לאָרד מאַרלייס פריִערדיקן בריוו אין דער זעלבער צײַטונג. ביידע לאָרדן האָבן געהאַלטן, אַז סיי די מערכה פון ייִדן אין דײַטשלאַנד, פּוילן און אַנדערע לענדער, סײַ די סיטואַציע אין פּאַלעסטינע מאַכן נייטיק צו געפינען אין די ראַמען פון דער בריטישער אימפּעריע אַ לאַנד פאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע.

[90] דער קרײַז פון דײַטשע ייִדן ווערט שוין דערמאָנט אין מײַזנערס בריוו צו י. נ. שטיינבערגן פון 17טן מײַ 1937.

[91] דער באַשטאַנד פון דער קאָמיסיע ווערט דערמאָנט אינעם באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין ענגלאַנד פון סעפּטעמבער 1937 ביז יוני 1938. אָבער שוין דעם 3טן מײַ 1937 האָט מײַזנער געשריבן צו י. נ. שטיינבערגן, אַז די גרינדונג פון דער שטודיר־קאָמיסיע איז אַ פּאָזיטיווע געשעעניש, בפרט „מיט אַזעלכע געאָגראַפישע און וויסנשאַפטלעכע כוחות. די מיינונג פון דעם פּר׳ קעסלער וועגן אַפריקע האָט זיך כמעט ווי גענצלעך באַשטעטיקט און כמעט אַלע אונדזערע זײַנען פון אַפריקע אָפּגעטראָטן. מען דאַרף פאָרשן פּאַראַלעל אויסטראַליע און נײַ־קאַלעדאָניע״. וועגן דער ניט־צוגעפּאַסטקייט פון אַפריקע זען זז׳ 241 א״וו.

[92] פרײַלאַנד־בולעטין נומ׳ 2, דעם 10טן יולי 1937.

[93] דאָרט.

[94] איבערגעגעבן אין שטיינבערגס אַרטיקל (זען אין טעקסט).

[95] מערוווּנדיקערהייט האָט די נײַע שטימע, וואָס האָט פאַר דער קאָנפערענץ געווידמעט איר אַ היפּשן אָרט, אין גאַנצן מיט קיין איין שורה ניט דערמאָנט די קאָנפערענץ נאָך דעם ווי זי איז פאָרגעקומען. אַ נאָטיץ וועגן איר האָט זיך באַוויזן אין דזשוּיִש קראָניקל פון 19טן נאָוועמבער — זייער אַ קורצע און מיט ווייניק פּרטים, אָבער דאָך מיט וויכטיקע אינפאָרמאַציעס. טעזיסן פון עטלעכע אַרויסטרעטונגען און דער סדר־היום האָבן זיך אָפּגעהיט אין הערוואַלדס אַרכיוו צוזאַמען מיט אַ בלעטל פּאַפּיר מיט אָפּגעריסענע נאָטיצן אין אַן אַלטפרענקישן דײַטשמערישן ייִדיש, בלי ספק געמאַכט פון הערוואַלדן גופא. מען קאָן זיך אויך עפּעס דערוויסן פון טשערניכאָווס רעפעראַט וועגן אייניקע פּראָבלעמען פון דער קאָנפערענץ, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ווילנע דעם 14טן דעצעמבער 1937, און פון זײַן בריוו צו סינגאַלאָווסקין פון 12טן דעצעמבער 1937. שענבערגער, אויפֿן סמך פון גאָרסקיס דערציילונג, האָט אין זייער אַ פּײַנדלעכן טאָן אינפאָרמירט לעפּטוויטשן וועגן אייניקע מאָמענטן פון דער קאָנפערענץ (בריוו פון 19טן נאָוועמבער 1937).

[96] דעם 22סטן אָקטאָבער 1937 האָט מײַזנער געשריבן צו קיהנען: „צו דער קאָנפע־

רענץ וועלן פאַרן מינימום 4: טשערניכאָוו, קרוק, מײַזנער, פייגנבוים. פעסער אַרויסגענומען פאַר: טשערניכאָוו און פרוי, קרוק, לעאָן [פייגנבוים], אייגער, קאַצענבאָגען, בוקעט, פינעס, מיטעלבערג און איך. (...) די לעצטע צוויי [חוץ מײַזנערן?] זײַנען די קאַנדידאַטן פון דער ס״ט גרופע״.

[97] אין אַ בריוו פון פאַריזער קאָמיטעט צו י. נ. שטיינבערגן פון 9טן דעצעמבער 1937 שרײַבט מען וועגן גרופעס אין בריסל און אַנטווערפּען און אַז מען וואָלט געקאָנט אָרגאַניזירן אַ ליגע. „אונדזערע בעסטע פרײַנד: פרוי ד״ר ה. טעמערסאָן, בריסל; ה׳ ב. אַלטענבערג, אַנטווערפּען״.

[98] דזשוזש קראַניקל רופט אָן „ד״ר סודאַרסקי״ צווישן די פאַריזער דעלעגאַטן. ד״ר מ. סודאַרסקי איז געווען אַן אַלטער ס״סאָוויעץ, האָט שפּעטער געהערט צו דער פרײַלאַנד־ליגע אין אַמעריקע, און האָט אַן ערך אין דער צײַט פון קאָנפערענץ עמיגרירט פון קאָוונע קיין ניו־יאָרק. אַ. קיהן דערמאָנט זיך אָבער ניט, ער זאָל זיך האָבן באַטייליקט אין דער קאָנפע־רענץ. מעגלעך, אַז דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט האָט געמאַכט אַ טעות אַנשטאָט „ד״ר דובאָסאַרסקי״.

[99] גראַד אין יענער צײַט האָט אָבער די אַגודה באמת אַרויסגעוויזן אַ שטיקל אינטערעס צום טעריטאָריאַליזם. אין לעפּטוויטשעס אַרכיוו איז דאָ אַ בריוו צו אים פון יעקב ראָזענ־היימען, דעם פּרעזידענט פון דער „אַגודת ישראל״־וועלט־אָרגאַניזאַציע (פון 2טן פעברואַר 1937) אויף אַ בלאַנק פון דער אַגודה־וועלט־אָנפירונג: „איך וואָלט וועלן אַרומריידן מיט אײַך געוויסע פּראָבלעמען פון יידישער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע פון שטאַנדפּונקט פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום״. נאָך דער באַגעגעניש מיט ראָזענהיימען, האָט לעפּטוויטש גע־שריבן צו ראַבײַ ד״ר מאַטוקן (דעם 18טן פעברואַר 1937), אַז ראָזענהיים און אַנדערע האַלטן, אַז דער באַריכט פון דער קיניגלעכער בריטישער קאָמיסיע וועגן פּאַלעסטינע וועט זײַן ניט־גינציק פאַר דער ציוניסט־שער אַרבעט אין פּאַלעסטינע, און דעמאָלט וועלן די יעני־קע, וואָס האָבן געהאָלפן דער פּאַלעסטינע־קאָלאָניזאַציע ניט צוליב אידעאָלאָגיש־ציוניסטישע, נאָר צוליב פּראַקטישע טעמים, זיך ווענדן צו אַנדערע קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן און זיך פאַראייניקן מיט דער פרײַלאַנד־ליגע. לויט לעפּטוויטשן איז ראָזענהיים אַפילו צוגעטראָטן צו דער פרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן; אָבער אין די מיטגלידער־רשימות פון דער לאָנדאָ־נער פרײַלאַנד־ליגע פון יענע יאָרן פיגורירט ניט ראָזענהיימס נאָמען. אין דזשוזש קראַניקל פון 19טן נאָוועמבער 1937, גלײַך נאָך דער אינפאָרמאַציע וועגן דער פרײַלאַנד־קאָנפערענץ, גייט אַ נאָטיץ: „אַ קאָנפערענץ פון די אגודה־אָפּטיילונגען אין מערב־אייראָפּע, וואָס איז דאָ ניט לאַנג פאָרגעקומען אין פּאַריז, האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ ביוראָ פאַר עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע ביי דער וועלט־עקזעקוטיווע פון דער אגודה״. אינעם אגודה־מעמאָראַנדום צו דער פּלי־טים־קאָנפערענץ אין עוויאַן (יולי 1938) האָט זיך גערעדט וועגן קאָלאָניזירן יידי־שע פּליטים אין פּאַסיקע ערטער מחוץ פּאַלעסטינע. צו קיין שום פּאָליטישע אָדער פּראַקטי־שע שריט איז אָבער בײַ דער אגודה אויף אָט דעם שטח ניט געקומען.

[100] אַזוי האָט מײַזנער גערופן אַ מין פרײַלאַנד־שקל, וואָס קויפנדיק אים פאַר אַ קליינעם פּרײַז וואָלט מען דערמיט אויסגעדריקט סאָלידאַרישקייט מיט די צילן פון דער פרײַלאַנד־באַוועגונג. דער פרײַלאַנד־ציגל איז ניט געגאַנגען ווײַטער פון מײַזנערס פּראָיעקט. די פרײַ־לאַנד־באַוועגונג האָט זיך געניטיקט קודם־כל אין הונדערט־פּראָצענטיקע איבערגעגעבענע מיטגלידער. כדי די פאַרשפּרייטונג פון די פרײַלאַנד־ציגלען זאָל האָבן אַ וועלכן עס איז עפעקט, וואָלט זי געדאַרפט טראָגן אַ מאַסן־כאַראַקטער; אָבער דערויף וואָלט זיך געפאָדערט אַ לאַנגע פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע און אַ פאַרשפּרייטער־פּערסאָנאַל, וואָס האָבן ווײַט איבער־געשטיגן די פאַקטישע מעגלעכקייטן פון דער באַוועגונג.

[101] ד״ה אַלגעמיינע, גלײַכע, געהיימע, דירעקטע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן.

[102] די איינציקע סעקציע פון דער פרײַלאַנד־ליגע, וואָס האָט געהאַט אַן עמבלעם און אַ פֿאָן, איז געווען די שפּאַרבער־אַסאָציאַציע, וואָס האָט זיי אויסגעאַרבעט נאָך איידער זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ליגע. אין די שפּאַרבער־קרײַזן האָט מען אין 1938 אויך גע־שמועסט וועגן אָננעמען פֿאַר פֿרײַלאַנד די פֿאָן, וואָס הערצל האָט פֿאָרגעלייגט אין זײַן יודישער מלוכה: אַ ווײַסע פֿאָן מיט זיבן גאָלדענע שטערן. די פֿראַגע וועגן פֿאָן און העמנן האָט מען אין דער פֿרײַלאַנד־ליגע קיין מאָל אָפֿיציעל ניט באַטראַכט.

[103] זען הערה 91 צו אָט דעם קאַפּיטל; טשערניכאָוו האָט זיך פֿאַררופֿן אויף קעסלערן אין זײַן בריוו צו סינגאַלאָווסקין (זען ווײַטער, ז׳ 246) און האָט ציטירט זײַן שטעלונג צו אַפֿריקע אין זײַן עפֿנטלעכן רעפֿעראַט וועגן דער קאָנפֿערענץ, אונדזער טאָג פֿון 17טן דעצעמ־בער 1937.

[104] „באַזעצונג פֿון פּליטים. אַרגומענטן קעגן גרופּן־באַזעצונג אין אַפֿריקע צו דרום פֿון דער סאַהאַרע״, פֿון ל. קעסלער, דזשויש קראָניקל פֿון 27סטן יאַנואַר 1939; אויך אַרויס־געגעבן ווי אַ סעפּאַראַט־אָפּדרוק.

[105] לויט שענבערגערס בריוו צו לעפּטוויטשן פֿון 19טן נאָוועמבער 1937 איז ברוצקוס ניט געווען אויף דער קאָנפֿערענץ. מען האָט אים דאָרט אָבער אויסגעקליבן אין דער פֿריי־לאַנד־וועלט־עקזעקוטיווע (זען ווײַטער, ז׳ 563) — אַ סימן, אַז ער איז געווען אויף דער קאָנפֿערענץ. חוץ דעם גלייבט דער מחבר, אַז ער האָט אים דערקענט אויף אַ קאָנפֿערענץ־פֿאָטאָגראַפֿיע.

[106] באַריכט פֿאַרעפֿנטלעכט אין אונדזער טאָג פֿון 17טן דעצעמבער 1937 א״ק „פֿרײַ־לאַנד און די אַרבעט אויף די ערטער״.

[107] נײַע שטימע, נומ׳ 5, אָקטאָבער 1937, ז׳ 8.

[108] זען אויבן, ז׳ 180.

[109] נײַע שטימע, נומ׳ 1, אַפּריל 1937, אַרטיקל „פּאָליטישע אָדער פּראַקטישע גאַראַנ־טיעס ?״.

[110] דער מחבר האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט פֿון אַ בריוו, וואָס ער האָט באַקומען בעת זײַן באַזוך אין פּאַלעסטינע פֿון זײַן מוטער, רחל טשערניכאָוו, וואָס איז בײַגעווען אויף דער קאָנפֿערענץ.

[111] בריוו פֿון 19טן נאָוועמבער 1937.

[112] נײַע שטימע, נומ׳ 5, אָקטאָבער 1937, ז׳ 7. אין זײַנע בריוו צו בן־אַדירן און י. נ. שטיינבערגן האָט מײַזנער אויסגעדריקט די זעלבע טענות נאָך שאַרפֿער און אָנגערופֿן טשער־ניכאָוון בײַם נאָמען.

[113] יוסף טשערניכאָוו, „פֿון מײַן פּערספּעקטיוו. קולטור־אַקטיוויזם (אַרום דער דיסקוסיע וועגן קולטור־קאָנגרעס), אונדזער טאָג, פֿון 11טן יוני 1937. דעם קולטור־קאָנגרעס ווי אַן אויסגאַנגפּונקט פֿאַר געדאַנקען און לאָזונגען פֿון דינאַמישן קולטור־אַקטיוויזם זײַנען אין דעם זעלביקן יאָר 1937 געווען געווידמעט נאָך צוויי גרויסע אַרטיקלען טשערניכאָווס אין אונדזער טאָג („קולטור און קיום״, דעם 1טן אָקטאָבער, „קולטור און סאָלידאַרישקייט״, דעם 8טן אָקטאָבער), און עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז מייזנער זאָל זיי ניט האָבן געלייענט.

[114] דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן נאָך איינער פֿון מײַזנערס פּראָיעקטן פֿונעם ערב־קאָנפֿע־רענץ־פּעריאָד. דעם סעפּאַראַטיזם פֿון דער נײַער שטימע האָט ער געוואָלט קרוינען מיט גרינדן אַ באַזונדערע סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטיי. צום קלאָרסטן האָט ער דאָס אויסגע־דריקט אין זיין בריוו צו קיהנען פֿון 21סטן יולי 1937: „איך קלער זיין ראַדיקאַל און אויפֿ־האַקן דעם פּלאָנטער אָן פּשרות: מיר (איך מיין די וועלכע גרופּירן זיך אַרום דער נײַער שטימע) דאַרפֿן בילדן אַ פֿראַקציע אין דער אַלגעמיינער פֿרײַלאַנד־ליגע אַלס טעריטאָריאַליסטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, מיט א פולער פּראָגראַם, איינשליסנדיק אויך די פּאָליטישע אַרבעט אויף די ערטער״. נאָך דעם זײַנען געגאַנגען שאַרפֿע אָנפֿאַלן אויף די אומאָפּהענגיקע. ווי ס׳האָט

אין אַן אַנדער שייכות באַמערקט טשערניכאָוו (בריוו צו י. נ. שטיינבערגן פֿון 27סטן מאַרץ 1938), האָט מײַזנער ניט געהאַט „קיין געפֿיל פֿון הומאָר". דאָס פּראָקלאַמירן זײַן וואַרשעווער גרופּע (וואָס האָט, לויט זײַן בריוו צו קיהנען פֿון 23סטן יולי 1937, געציילט 60 דעקלאַרירטע מיטגלידער) פֿאַר אַ „פּאַרטיי" וואָלט קיין זאַך ניט געביטן פּראַקטיש. בן־אַדיר האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פֿון שאַפֿן אַ סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטיי; ער האָט אַפֿילו פֿאַרעפֿנטלעכט וועגן דעם אַ לאַנגן אַרטיקל אין דער נײַער שטימע נומ׳ 5, אָקטאָבער 1937 („פּאַרטיי אָדער ׳געזעלשאַפֿט׳?"). קיהן איז, ווי עס ווײַזט אויס, געווען ווייניקער באַגײַסטערט פֿון דער אידעע. אַ דעצידירטע ווירקונג האָט דאָ געהאַט די שטעלונג פֿון י. נ. שטיינבערגן, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן גרינדן אַ פּאַרטיי. מײַזנער האָט וועגן דעם געמאָלדן בן־אַדירן דעם 10טן סעפּטעמבער 1937 און צוגעגעבן, אַז ער אַליין גייט אײַן אויף הנחות וועגן דעם. לויט מײַזנערס בריוו צו קיהנען פֿון 22סטן אָקטאָבער 1937 האָט ער פּלאַנירט אַ סעפּאַראַטע פֿאָרבאַראַטונג פֿון נײַע שטימע־מענטשן אין פּאַריז, פֿאַר דער אַלגעמיינער פֿרײַלאַנד־קאָנפֿערענץ. זי איז אָבער ניט געקומען צו שטאַנד. עס איז נאָך כדאַי מוסיף צו זײַן, אַז דווקא מײַזנערס גרופּע האָט ניט געפֿירט קיין שום „פּאָליטישע אַרבעט אויף די ערטער", וואָס ער האָט אַזוי אונטערגעשטראָכן. פֿרײַלאַנדיסטיש אָרגאַניזירטע און אָנגעפֿירטע ליסטעס צו מוניציפּאַלע וואַלן, למשל, האָט מען אַרויסגעשטעלט אין 1939 אין ווילנע (בראָש מיט טשערניכאָוון) און אין טשענסטאָכאָוו (ווו עס האָבן דאָמינירט געוועזענע אומאָפּהענגיקע), פּ״גל דער פּיאָנער, נומ׳ 2, פֿון 28סטן אַפּריל 1939.

115 פֿאַרצייכענונג פֿון ת. ב. הערוואַלד.

116 ציטירט אין טשערניכאָווס בריוו צו סינגאַלאָווסקין פֿון 12טן דעצעמבער 1937.

117 דאָרט.

118 דזשוויש קראָניקל פֿון 19טן נאָוועמבער 1937.

119 בריוו פֿון פּאַריזער קאָמיטעט צום לאָנדאָנער, נאָוועמבער 1937 (שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

120 געפֿונען נאָך סינגאַלאָווסקיס טויט אין צענטראַלן „אָרט"־אַרכיוו און איבערגעשיקט דעם ייִוואָ אין ניו־יאָרק.

121 געווען געדרוקט אין דער נײַער פֿאָלקסצײַטונג, דעם 3טן און 5טן דעצעמבער 1937.

122 די טענות זײַנען באַשטאַנען אין דעם אַז י. נ. שטיינבערג איז בשעתו געווען דער יוסטיץ־קאָמיסאַר אין לענינס רעגירונג, און דאָס זאָל אים האָבן געמאַכט ניט אָנצונעמען פֿאַר מערבדיקע געזעלשאַפֿטלעכע און רעגירונגס־קרײַזן. ווי טשערניכאָוו האָט ריכטיק באַמערקט אין דעם זעלביקן בריוו, האָבן די דאָזיקע „חסרונות" ניט געהאַט „קיין גרויסן באַטײַט". אדרבא, ווען ער איז אין 1939 געקומען פֿירן אונטערהאַנדלונגען קיין אויסטראַליע, האָט אים אין די אויגן פֿון אַ סך אויסטראַלישע פּאָליטיקערס דווקא צוגעגעבן אַ סך חשיבות דער פֿאַקט, אַז ער איז אַ מאָל געווען אַ מיניסטער פֿון אַזאַ ריזיקער מלוכה ווי רוסלאַנד.

123 זען אויבן, ז׳ 206.

124 חוץ ראַוויטשעס קאָרעספּאָנדענצן, איז דער פֿאַקט פֿאַרצייכנט אין ברוצקוסעס בריוו צו טשערניכאָוון פֿון 12טן אַפּריל (זען אונטן, ז׳ 251). און געאָרג שאַפּיראָ האָט אין 1958 דערציילט דעם מחבר פֿון אָט דער געשיכטע, אַז אָנהייב 1938 איז אינעם פּאַריזער ביוראָ פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע געקומען דער פּאָרזיצער פֿונעם נײַ־קאַלעדאָנישן גענעראַלראַט (געקליבענער קאָנסולטאַטיווער ראָט בײַם גובערנאַטאָר) און געמאָלדן, אַז די אָרטיקע פֿראַנצייזישע באַפֿעלקערונג איז ניט מסכים, אַז דער אינדזל זאָל ווערן אַ ייִדישע טעריטאָריע; זי וויל אים האַלטן אין רעזערוו פֿאַר קומענדיקע דורות. ווי עס ווײַזט אויס, אַז די דאָזיקע דערקלערונג האָט געמאַכט אויף די מיטגלידער פֿונעם פּאַריזער קאָמיטעט אַ שטאַרקערן רושם ווי זי וואָלט געדאַרפֿט מאַכן.

124 אַ דזשוּיש קראָניקל, דעם 28סטן יולי 1939, ז׳ 8.

125 מײַזנער צו י. נ. שטיינבערגן דעם 27סטן יאַנואַר 1938.

126 צו דעם דאָזיקן בריוו װעלן מיר זיך נאָך אומקערן אין װײַטערדיקן קאַפּיטל.

127 ד״ה „שכלדיק״. טשערניכאָװ ציטירט העגעלס באַרימטע פאָרמל: „אַלץ װאָס עק־סיסטירט איז שכלדיק און אַלץ װאָס איז שכלדיק עקסיסטירט״, װאָס האָט בשעתו אַרויסגע־רופן העפטיקע װיכּוחים צװישן די העגעליאַנער און געהאַט אַ שעדלעכע השפּעה אויף אַ סך דענקערס.

128 אין דער צײַט, װען די פרײַלאַנד־ליגע איז געװען אַקטיװ און אָפיציעל אָנגאַזשירט אין אונטערהאַנדלונגען װעגן קימבערלי (זען קאַפּ׳ 5), האָט ברוצקוס געשריבן לעפּטוויטשן (דעם 3טן אַפּריל 1938): „װעגן אויסטראַליע קענען מיר אויסנוצן די אָנװעזנהייט פון ד״ר לאַזערסאָן דאָרטן, און אויב נייטיק באַזוכן קימבערלי־ראַיאָן. מיר האָבן אָבער נייטיק רע־קאָמענדאַציעס. (...) פּאַטקינען האָב איך אויך געשריבן, אָבער איך האָב פון אים [ניט] קיין ענטפער. איך האָב מורא, דאָס זײַנע בריוו פאַלן אַרײַן צו ‚פרײַלאַנד׳״. קיין קימבערלי איז, נאַטירלעך, קיינער פון „עמקאָל״ ניט געפאָרן. דער נײַער פאַרבינדונגס־מאַן פון „עמקאָל״ אין אויסטראַליע, אינזש׳ האַנס קליין פון װין, װאָס איז אַהין געקומען נאָכן אָנשלוס פון עסטרײַך, האָט געפּרוּװט װי װײַט מעגלעך צו באַקעמפן דאָרטן די פרײַלאַנד־ליגע און שטיינ־בערגן, אָבער קיינער האָט אויף אים ניט געלייגט קיין אַכט.

129 ברוצקוס צו לעפּטוויטשן (ענגליש), דעם 4טן מיי 1938.

130 אין לעפּטוויטשעס אַרכיװ איז דאָ ד״ר לאַזערסאָנס באַריכט צום „עמקאָל״ (פון 29סטן מאַרץ 1938) װעגן זײַן באַגעגעניש מיט נעשן. אויף נעשס טענה, אַז ייִדן זײַנען אַ משפּחה־פאָלק און אַז ייִדישע אימיגראַנטן װעלן אין גיכן נאָכן אָנקומען אַראָפּברענגען קיין נײַ־זעלאַנד זייערע אַלטע עלטערן און די רעגירונג װעט זיי מוזן צאָלן פּענסיע, האָט לאַזער־סאָן קאַטבלוטיק געענטפערט, אַז „די דאָזיקע סכּנה קאָן מען לײַכט אויסמײַדן דורך אָפּ־זאָגן צו נאַטוראַליזירן דעם אימיגראַנטס אַלטע עלטערן״ (ד״ה, פּשוט גערעדט, פאָרגעלייגט דעם מיניסטער צו ברעכן די נײַ־זעלאַנדישע קאָנסטיטוציע דורך אַרײַנפירן דיסקרימינאַציע בײַם באַקומען בירגערשאַפט). אויף נעשס באַװאָרעניש, אַז נײַ־זעלאַנד איז און װיל בלײַבן אויף 96 פּראָצענט בריטיש, האָט לאַזערסאָן אָנגעװיזן, אַז אַפילו װען נײַ־זעלאַנד נעמט צו נאָך 12,000 ייִדן, װעט די טאָטאַלע ייִדישע באַפעלקערונג נאָך אַלץ אויסמאַכן װייניקער װי 1 פּראָצענט.

131 טשערניכאָװ האָט צו ערשט זיך באַראַטן מיט שטיינבערגן, װער פון זיי זאָל שרײַבן ברוצקוסן, און ס׳איז געבליבן, אַז ער זאָל דאָס טאָן. זײַן בריוו האָט זיך ניט אָפּגעהיט. ברוצקוסעס ענטפער האָט ער איבערגעגעשיקט שטיינבערגן, און ער איז פאַרבליבן אין זײַן אַרכיװ.

132 זשאָרזש מאַנדעל (אַ ייִד לויטן אָפּשטאַם) איז געװען אַן אָנגעזעענער מלוכה־מאַן בײַם סוף פון דער דריטער רעפּובליק און האָט פאַרנומען מיניסטאָרן־פּאָסטנס אין אַ רײ קאַבינעטן. אומגעבראַכט דורך די היטלעריסטן.

133 ברוצקוס דעם 27סטן אַפּריל און 4טן מײַ, אַנסקי דעם 17טן מײַ 1938.

134 געאָרג שאַפּיראָ צו י. נ. שטיינבערגן דעם 4טן מאַרץ 1938. מוטעס נאָכפאָלגער (און מאַנדעלס פאָרגייער) אויפן פּאָסטן פון קאָלאָניעס־מיניסטער איז געװען סטעג.

135 לעצטער אָפּזאַץ פון לאַזערסאָנס באַריכט פון 29סטן מאַרץ 1938.

136 ד״ה דעם „ראָט פאַרן דײַטשן ייִדנטום״, װאָס דער „זייער בכבודיקער װיקאָנט סע־מועל״ איז געװען זײַן פּאָרזיצער. פון אַ פּראָטאָקאָל פון דעם דאָזיקן ראָט, װאָס האָט זיך צופעליק אָפּגעהיט אין לעפּטוויטש־אַרכיװ (זיצונג פון 25סטן יולי 1938), איז צו זען, װער עס זײַנען דעמאָלט געװען זײַנע מיטגלידער: „לאָרד סעמועל (פּאָרזיצער); לאָרד רעדינג; סער ראָבערט װאַלי קאָהען (פּאַרטרעטער פון סער אָסמאָנד ע. ד׳אַװיגדאָר־גאָלדסמיד [פּרעזי־

דענט פון ייק״אַ]); מ״ר האַרי מאַכער (פאַרטרעטער פון ד״ר חיים ווייצמאַן); קאָלאָנעל פּ. ד. סעמועל (פאַרטרעטער פון ראַביי גאָלדשטיין); ד״ר בערנהאַרד קאַהן; פּראָפעסאָר בראָדעצקי (פאַרטרעטער פון מ״ר סיימאָן מאַרקס); מ״ר מאַקס וואַרבורג; מ״ר דזשאַרעצקי. עס זיינען אויך בייגעווען: מ״ר נעוויל לאַסקי, ד״ר ישראל פעלדמאַן, מ״ר דזש. ל. קאָהען, פּראָפעסאָר נאָרמאַן בענטוויטש, מ״ר אַדלער־רודעל, קאַפּיטאַן ב. מ. וואולף, ד״ר מאַרטין ראָזענבליט, מ״ר ל. באַקסטאַנסקי, מ״ר מ. סטעפאַני״.

[137] ד״ה „דזשוינט״.

[138] בריוו צו י. נ. שטיינבערגן.

[139] י. נ. שטיינבערגס באַריכט פון 9טן מאַרץ 1938.

[140] מ״ר ציטירן לויט אונדזער טאָג פון דער דאָזיקער דאַטע.

[141] צו לעפּטוויטשן.

[142] עס האַנדלט זיך וועגן עדוואַרד אונגער. פ״גל צו דעם טשערניכאָווס אַרויסזאָג: „און איז עס ניט קיין ׳סימן דלות׳ פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, קיין באַווייז פון דעגראַדאַציע, ווען ה׳ עדוואַרד אונגער (ווי מיר קענען אים — מיטן בענדל פון ערן־לעגיאָן אין לאַץ) איז דער פאָרשטייער פון דער פונדאַציע פון באַראָן הירש מיט זיינע גראַנדיאָזע קאָלאָניזאַציע־פּלענער, און ה׳ בערנאַרד קאַהן רעפּרעזענטירט דעם אויפּטו פון דזשייקאָב שיף (זאַנגווילס אַ מיטטוער) און זיין איידעם אָטאָ וואַרבורג, וועלכער האָט געוויס געהאַט מער פאַרשטאַנד פאַר יידישע וועלט־פּראָבלעמען ווי די איצטיקע נאמנים, די אָנגעשטעלטע פון ׳דזשוינט׳״ („יידן אין עוויאַן״, אונדזער טאָג פון 29סטן יולי 1938).

[143] „פריילאַנד און די לאַגע אויף די ערטער״, אונדזער טאָג פון 17טן דעצעמבער 1937.

הערות צום קאַפּיטל פֿינף

[1] פּראָטאָקאָל אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ).

[2] נעקראָלאָג אין אויפֿן שוועל, יוני־יולי 1962, ז' 16.

[3] אין אַ בריוו פֿון ד"ר מ. גאַסטער צו י. לעפּטוויטשן (דעם דעמאָלסטיקן סעקרעטאַר פֿון לאָנדאָנער פֿרײַלאַנד־קאָמיטעט) פֿון 25סטן נאָוועמבער 1936 האָט ער צווו"אַ געשריבן: „מיט גרויס פֿאַרגעניגן האָב איך זיך פֿון סאַמע אָנהייב פֿאַרבונדן מיט דער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג, אָננעמענדיק אין יענער צײַט צו ווערן דער פּרעזידענט פֿון אַ קליינעם קאָמיטעט — אָבער אַלע אָנהייבן זײַנען קליין. לאָמיר האָפֿן, אַז ער וועט אויך אויסוואַקסן און ווערן אַ מאַכטיקע באַוועגונג, ווי דאָס זײַנען געוואָרן די ציוניסטישע באַוועגונג און אַנדערע קרובישע באַוועגונגען צווישן אונדז".

[4] ד"ר משה גאַסטער איז געשטאָרבן דעם 5טן מאַרץ 1939 אין עלטער פֿון 83 יאָר.

[5] מיר ווייסן וועגן איר אַרויסטריט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג בײַ ד"ר נייטענען, אָנהייב פֿעברואַר 1938.

[6] בריוואויסטויש צווישן איר און ד"ר שטיינבערגן אין שייכות מיט ד"ר נתניהוס בקשה צו דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אַן אַרטיקלען־זאַמלונג פֿון ישראל זאַנגוויל אין העברעיִש (פֿעברואַר 1938). זי האָט ניט געוואָלט געבן די דערלויבעניש אָן דעם הסכם פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע. ד"ר שטיינבערג האָט געענטפֿערט, אַז אויך אין דער פֿאָרעם וועלן זאַנגווילס כתבים ברענגען אַ נוצן, אָבער האָט באַמערקט, אַז ד"ר נתניהו איז אַ פֿאַרביסענער רעוויזיאָניסט, וואָס האָט זיך באַגײַסטערט מיט זאַנגווילן אין זײַן קאַמף קעגן דער קליין־ציוניסטישער פּאָליטיק פֿון ווייצמאַנען.

[7] בריוו און סדר־היום אין שטיינבערגס אַרכיוו.

[8] מאַטעריאַלן פֿון אַדאַ שטיינבערג (פֿרײַלאַנד־אַרכיוו).

[9] סער ראָבערט וואָלי קאָהענס מעמאָראַנדום צו אַנטאָני ראָטשילדן (קאָפּיע אין די מאַטעריאַלן פֿון אַדאַ שטיינבערג, פֿרײַלאַנד־אַרכיוו). דעצעמבער 1938.

[10] דאָרט.

[11] אַזוי געחתמעט אויפֿן מעמאָראַנדום צו דער עוויאַנער פּליטים־קאָנפֿערענץ, יולי 1938.

[12] סער ראָבערט וואָלי קאָהען, אַ רײַכער פּוטער־סוחר, איז געווען דער פֿאָרזיצער פֿון „עקאָנאָמישן ראָט פֿאַר פּאַלעסטינע" און אַ מיטגליד פֿונעם „ראָט פֿאַרן דײַטשן ייִדנטום". ער האָט געהערט צום בריטישן פּאָליטישן קרייז, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן הנחות צו היטלער־דײַטשלאַנד און האָט אונטערגעהאַלטן טשערטשילס און אידענס פֿאָדערונגען פֿון באַוואָפֿענען ענגלאַנד און זיך אַקטיוו קעגנשטעלן דער נאַצישער אַגרעסיע־פּאָליטיק.

[13] שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ).

[14] איבערבליק איבער דער טעטיקייט פֿון סעפּטעמבער 1937 ביז יוני 1938 (שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

[15] די רשימות פון באַשטײַערונגען פאַר די יאָרן 1935־1939 געפינען זיך אין די מאַטעריאַלן פון אַדאַ שטיינבערג (פרײַלאַנד־אַרכיוו).

[16] דזש. וו. מיילזעס רעדע דעם 12טן אָקטאָבער 1938 (זען הערה [63]).

[17] **The Rich North-West of Australia. An Appeal to Youth and the Spirit of Adventure.** By C. H. Chomley (Editor of The British Australian and New Zealander). August 1936. (דער רײַכער צפֿון־מערב פון אויסטראַליע. אַ רוף צו יוגנט און צום גײַסט פון אַ אַוואַנטורע. פון ס. ה. טשאָמלי, רעדאַקטאָר פון דהי בריטיש אַסטרייליען ענד ניו־זילענדער. אויגוסט 1936).

[18] נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַזונדערס אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן, האָט זיך די בריטישע עמיגראַציע אין די דאָמיניאָנען, בפרט קיין אויסטראַליע, ווידער באַנײַט.

[19] אין דעם פּרט איז אינטערעסאַנט דער בריוו פון אַ ניט־ייִדישן אויסטראַליער, וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דזשוויש קראַניקל פאַרן 15טן אָקטאָבער 1937. ער האָט געשריבן, אַז דורכפאָרנדיק פּאַלעסטינע האָט ער געטראַכט, אַז ייִדן וואָלטן געדאַרפט אָפּזאָגן זיך פון אָט דעם ניט־צוגעפּאַסטן אָרט און בעסער אַרײַנלייגן זייער געלט און פעיִקייטן אין אַ שטיק פרוכטיק לאַנד אין אויסטראַליע, ווו זיי וואָלטן געקאָנט אויסבויען אַ נײַעם ירושלים.

[20] טשאָמליס בריוו צו קעסלערן פון 8טן פעברואַר 1938 (שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

[21] ייִדישע איבערזעצונג אין נײַע שטימע נומ' 2 (7), פעברואַר 1938.

[22] טשאָמליס טעות: עס דאַרף זײַן „דרײַסיק".

[23] ציטירט אין טשאָמליס אַרטיקל אין בריטיש אַסטרייליען פון 17טן פעברואַר 1938; ייִדישע איבערזעצונג אין נײַע שטימע נומ' (8), אַפּריל 1938.

[24] טשאָמליס צווייטער אַרטיקל און קאַפּיטאַן טערנערס בריוו זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אין בריטיש אַסטרייליען פון 13טן יאַנואַר 1938; ייִדישע איבערזעצונג אין נײַע שטימע נומ' 2 (7), פעברואַר 1938.

[25] דאָרט.

[26] ציטירט אין טשאָמליס אַרטיקל פון 17טן פעברואַר 1938 (זען הערה 23).

[27] פשיטעק, דאָס שטעטל ווו ס'איז אין 1935 פאָרגעקומען דער ערשטער ברייט פאַרמאָסטענער עקאָנאָמישער בויקאָט פון ייִדן און דערנאָך אַ פּאָגראָם, איז געוואָרן אַ שם־דבר.

[28] לויטן איבערבליק „פון דער ייִדישער פּרעסע" אין נײַע שטימע נומ' 2 (7), פעברואַר 1938. די שטימען פון דער אויסטראַלישער פּרעסע אינעם ווײַטערדיקן אָפּזאַץ זײַנען ציטירט לויט ד"ר י. נ. שטיינבערגס אַרטיקל „הפקרות" אין נײַע שטימע נומ' 3 (8), אַפּריל 1938.

[29] בריטיש אַסטרייליען פון 17טן פעברואַר 1938; ייִדישע איבערזעצונג אין נײַע שטימע נומ' 3 (8), אַפּריל 1938, ז' 14.

[30] וול. זשאַבאָטינסקי, אינעם קאַפּיטל 13 פון זיין בוך The Jewish War Front (לאָנדאָן 1940; די אַמעריקאַנישע אויסגאַבע איז אַרויס אונטערן קעפּל The War and the Jew). דער שייכדיקער פראַגמענט איז אין אַ ייִדישער איבערזעצונג אָפּגעדרוקט אין י. נ. שטיינבערג־בוך, זז' 394—399; דזש. ב. שעכטמאַן, „דער אויסטראַלישער קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט" (ענגליש), אינעם רעוויזיאָניסטישן זשורנאַל Zionews, פעברואַר 1944, זז' 18—19.

[31] ייִדישע איבערזעצונג אין אונדזער טאָג פון 1טן יולי 1938.

[32] ייִדישע איבערזעצונג אין דער בראָשור וועגן ייִדישער מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין אויסטראַליע (פרײַלאַנד־פאַרלאַג, וואַרשע, מײַ 1938).

[33] רעפּראָדוצירט אין דער בראָשור מיט דזש. וו. מײַלזעס רעדע אין מערב־אויסטראַלישן לעגיסלאַטיוו־ראַט דעם 12טן אָקטאָבער 1938.

[34] י. נ. שטיינבערגס באַריכט־בריוו פון פּערט, דעם 11טן יוני 1939.

[35] מאַטעריאַלן פון אַדאַ שטיינבערג (פרייל‏אַנד־אַרכיוו)

[36] דאָרט.

[37] די שייכדיקע ווערטער פון זײַן באַריכט זײַנען געבראַכט אין דזש. וו. מײַלזעס רעדע (זען הערה 33), זז׳ 7—8.

[38] דאָרט, זז׳ 9—10. אויף ז׳ 5 זאָגט מײַלז, אַז אין קימבערלי האָדעוועט מען חזירים שוין במשך פון 50 יאָר, „און, מערקווערדיקערהייט, עס האָט זיי אַהין אַרײַנגעפירט אַ ייִד, מ״ר עמאַנועל״. אויף ז׳ 6 ציטירט ער דעם באַריכט פון אַן עקספּעדיציע, וואָס האָט אָנערקענט, אַז אויף אַ שטח פון 300,000 אַקער בײַם גלענעלג־טײַך קאָנען זיי פּיטערן 300,000 שאָף.

[39] ווערטער פון סער האַל קאַלבאַטש נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעפאָרשט קימבערלי אין 1939 (ציטירט ביי מיילזן, ז׳ 7).

[40] מײַלז, ז׳ 13.

[41] אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ) געפינט זיך אַן אינטערעסאַנטער בריוו צום רעדאַקטאָר טשאַמלי פון טשאַרלז ב. אַלעקסאַנדער, מיטגליד פון דער קיניגלעכער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, מײַסטער פון פּערל־אינדוסטריע און נאַטוראַליסט און אַ גוטער קענער פון קימבערלי. קימבערלי, שרײַבט ער, בפרט די געגנטן פון די טײַכן דרײַסדייל און וויקטאָריע, איז אַן אָרט פאַר גרויסע מעשים. ייִדן וועלן דאָרט קאָנען לעבן און אַרבעטן. ער נעמט זיך אונטער אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן תיכף צו שאַפן אַ ייִשוב פאַר 2000 געקליבענע מענטשן, אָן גרויסע אינוועסטיציעס, אָבער מיט אַ געהעריקן רעזערוו־קאַפּיטאַל.

[42] באַריכט וועגן דער עקספּעדיציע קיין מיזרח־קימבערלי, יוני 1939, פון דזש. פּ. מעלוויל (אוניווערסיטעט פון פּערט) און ד״ר י. נ. שטיינבערג (פרײַלאַנד־ליגע), זז׳ 2—3 (אַן עקזעמפּלאַר אין די אַדאַ שטיינבערג־מאַטעריאַלן, פרײַלאַנד־אַרכיוו).

[43] דערויף האָט אויך אָנגעוויזן מײַלז, ז׳ 15.

[44] בריוו צו שטיינבערגן פון 17טן יוני 1939.

[45] קאָרעספּאָנדענץ צווישן סער האַל קאַלבאַטש און דער פרײַלאַנד־ליגע אין דער ערשטער העלפט אַפּריל 1938 (שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

[46] קאָפּיע אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ).

[47] אונטערגעשריבן: סער טשאַרלז זעליגמאַן, מ״ר ערנעסט ל. פראַנקלין, סער סיגיזמאַנד מענדל, מ״ר לעאָפּאָלד קעסלער, ד״ר י. נ. שטיינבערג (קאָפּיע אין שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

[48] היו דאַלטאָן צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 13טן אַפּריל 1938 (שטיינבערג־אַרכיוו).

[49] קאָפּיע אין שטיינבערג־אַרכיוו.

[50] ד״ר אוירל פּיידזש, פעדעראַלער קאָמערץ־מיניסטער און וויצעפּרעמיער, וואָס האָט שוין געהאַט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער פרײַלאַנד־ליגע אין לאָנדאָן אין 1936 (קאַפּ׳ 3, זז׳ 171 א״וו). זומער 1938 איז ער ווידער געווען אין לאָנדאָן; לויט מײַלזעס טעלעגראַם קומט אויס, אַז סוף יוני האָט ער זיך געזאָלט טרעפן מיט אַ פרײַלאַנד־דעלעגאַציע וועגן דעם ענין קימבערלי. י. נ. שטיינבערג האָט דעם 17טן יוני 1938 געשריבן צו פיליפ עמאַנועלן, אַז מיט אַ טאָג פריִער האָט ער זיך געזען מיט אַ פעדעראַלן מיניסטער.

[51] דזש. וו. מײַלז, רעדע אין מערב־אויסטראַלישן לעגיסלאַטיוו־ראָט דעם 12טן אָקטאָבער 1938 (האַנסאַרד), ז׳ 13.

[52] דאָרט.

[53] דאָרט.

[54] אין געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע, זז׳ 253 א״וו, דערציילט י. נ. שטיינבערג וועגן אַ שאַרף אַנטיסעמיטישער רעדע, וואָס דער מערב־אויסטראַלישער לייבאָר־דעפּוטאַט צום פעדעראַלן פּאַרלאַמענט האָט געהאַלטן אויף דער פּאַרלאַמענט־זיצונג פון 15טן יוני 1939, אָבער אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט ער אַרויסגערופן צו זיך שטיינבערגן און זיך אויפגע־

פירט לגמרי אַנדערש. שטיינבערג רופט אים אָן בלויז מיטן איניציאַל ג. עס קאָן ניט זײַן קיין ספק, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן גרעגאָרי. אין 1938 האָט ער, בכל אופן, געהאַנדלט זייער לאַיאַל אינעם ענין קימבערלי.

55 קאָפּיע אין די אַדאַ שטיינבערג־מאַטעריאַלן (פרײַלאַנד־אַרכיוו).

56 קרעמסי צו שטיינבערגן פון 23סטן אויגוסט 1938.

57 אינעם בריוו צו שטיינבערגן פון 26סטן יולי 1938 האָט קרעמסי פאָרגעלייגט, די ליגע זאָל מאַכן די קניה פון מעלוויל־אינדזל: דער אינדזל האָט 1,500,000 אַקער גוטע ערד, דער ים אַרום אים איז פול מיט פיש, טרעפּאַנגן און טשערעפּאַכעס, פאַראַן דאָרטן גוט בוי־געהילץ, 40־50 צאָל רעגן אַ יאָר, דער קלימאַט איז מילד צוליב שטענדיק ווייענדיקע ים־בריזן.

58 די סיבות זײַנען געווען: צו קלענער שטח, צו ווײַט פון קימבערלי, היפּשע אײַנגעבאָרענע באַפעלקערונג.

59 זען וועגן זײַן אָנטייל אין שטיינבערגס קאַמפּאַניע: י. נ. שטיינבערג, געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע, זז' 244 א״וו.

60 אויסשניט אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ).

61 ציטירט אין שטיינבערגס באַריכט דעם לאָנדאָנער פרײַלאַנד־קאָמיטעט פון 20סטן אָקטאָבער 1938 (שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

62 אויסשניט אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ).

63 **Yampi Iron Ore Deposits — Commonwealth Embargo — Development of the Kimberleys.** Speech by Hon. G. W. Miles, M.L.C., **delivered in the Legislative Council, Wednesday, 12th October, 1938.** Reprinted from "Hansard". Perth, 1938, 16 pp. אַן עקזעמפּלאַר פונעם סעפּאַראַט־אָפּדרוק איז דאָ אין די אַדאַ שטיינבערג־מאַטעריאַל (פרײַלאַנד־אַרכיוו).

64 אָריגינאַל דאָרט גופא.

65 דרייקס בריוו צו שטיינבערגן פון 5טן יאַנואַר 1939, מיט אַ קאָפּיע פון מיניסטער מאַק־יוענס בריוו צו דרייקן פון 5טן דעצעמבער 1938 (אַדאַ שטיינבערג־מאַטעריאַלן, פרײַלאַנד־אַרכיוו).

66 מײַנערס בריוו צו שטיינבערגן פון 13טן יולי 1938; אין דער זעלבער צײַט האָט זיך אין דעם דאָזיקן זינען אַרויסגעזאָגט די שפּאַרבער־באַראַטונג אויפן לאַגער אין בויווידז.

67 טעקסט פון גרעגאָריס בריוו ווערט געבראַכט אין שטיינבערגס פּאַרטרוילעכן בריוו צום צ״ק פון דער פּוילישער פרײַלאַנד־ליגע פון 27סטן יאַנואַר 1939 (קאָפּיע אין די אַדאַ שטיינבערג־מאַטעריאַלן).

68 דרייקס בריוו פון 5טן יאַנואַר 1939.

69 אין די אַדאַ שטיינבערג־מאַטעריאַלן געפינט זיך דער אָריגינאַל פון ערנסט בעווינס בריוו צו שטיינבערגן פון 14טן דעצעמבער 1938: „טײַערער ד״ר שטיינבערג. אין צוגאָב צו אונדזער שמועס און צו אײַער בריוו פון 29סטן פ״ח, וויל איך אײַך בלויז מודיע זײַן, אַז איך פאַרנאַכלעסיק ניט דעם ענין, וואָס מיר האָבן אַרומגערעדט, און אַז איך געפין זיך אין פאַרבינדונג מכוח אים". דאָ ווערט געמיינט בעווינס בריוו צו קערטינען פון 13טן דעצעמבער.

70 אַ. קריטש דזשאָנס (וואָס האָט געאַרבעט אין דעם זעלביקן טרייד־יוניאָן וואָס בעווין) האָט איבערגעשיקט שטיינבערגן די קאָפּיע פון קערטינס בריוו (אַדאַ שטיינבערג־מאַטעריאַלן).

71 ציטירט אין שטיינבערגס בריוו צום צ״ק פון דער פּוילישער פרײַלאַנד־ליגע פון 27סטן יאַנואַר 1939 (זען הערה 67).

72 טשאָמליס פּראָפּאַגאַנדע פאַרן ייִדישן מאַסן־יישוב אין קימבערלי איז אָנגעגאַנגען אויך במשך פון 1939 און שפּעטער.

*72 רוסישער אידיאָם, וואָס מיינט לערך „אַן סענטימענטן".

73 שענבערגער צו לעפּטוויטשן פון 10טן יאַנואַר 1938 (לעפּטוויטש־אַרכיוו).

74 לעפּטוויטש־אַרכיוו.

75 דאָרט.

76 שטיינבערג־אַרכיוו (ייוואָ).

77 אויפן סמך פון דער פּרעסע פון יענער צײַט, באַזונדערס פון דזשוויש קראָניקל, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ סך אָרט אַלע עטאַפּן פון צוגרייטן און דורכפירן די עוויאַנער קאָנפערענץ און געדרוקט אויספירלעכע באַריכטן.

78 ציטירט אין י. נ. שטיינבערג, „די עוויאַנער קאָנפערענץ, אירע מעגלעכקייטן און געפאַרן", נײַע שטימע נומ' 5 (10), יולי 1938.

79 דזשוויש קראָניקל פון 1טן אַפּריל 1938, ז' 40.

80 ציט' זשורנאַל, דעם 8טן אַפּריל 1938, זז' 17—18; דאָרט גופא אויך אַנדערע אַנאַלאָגישע אָפּקלאַנגען.

81 ציט' אַרטיקל (זען הערה 78).

82 **Foreign Affairs**, XVI, 3, pp. 375-378: Dorothy Thompson, "The Refugees — A World Problem".

83 דזשוויש קראָניקל פון 1טן יולי 1938, ז' 29.

84 ער האָט וועגן דעם געשריבן אין דיילי טעלעגראַף פון 8טן מאַרץ 1937.

85 דזשוויש קראָניקל פון 8טן יולי 1938, ז' 15.

86 בריוו אין דער רעדאַקציע אַ"ק „דעם ייִדנטומס באַדראָטע מיליאָנען. עס פאָדערט זיך אַ מאַסן־באַוועגונג פאַר קאָלאָניזאַציע".

87 דזשוויש קראָניקל פון 8טן יולי 1938, ז' 15.

88 בן־אַדיר, „נאָטיצן", נײַע שטימע נומ' 5 (10), יולי 1938.

89 אויך אין פּאַריזער הײַנט פון 15טן יוני 1938.

90 אָפּגעדרוקט אין אונדזער טאָג פון 17טן יוני 1938, צוזאַמען מיטן ענטפער פון ד"ר יוליוס ברוצקוס און אַ רעדאַקציאָנעלער באַמערקונג, אונטערן שותפישן קעפּל „אַרום דער קאָנפערענץ אין עוויאַן".

91 זען פריִערדיקע הערה.

92 אונדזער טאָג פון 20סטן יוני 1938.

93 Correspondance Juive (פּובליקאַציע פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס), יולי 1938, ציטירט אין י. טשערניכאָווס „ייִדן אין עוויאַן", אונדזער טאָג פון 29סטן יולי 1938.

94 **Memorandum prepared by the Freeland League for Jewish Territorial Colonization for the consideration of the Delegates at the International Refugees Conference at Evian.** London, July 1938.

95 דזשוויש קראָניקל פון 8טן יולי 1938, ז' 13. די וויכטיקע ציטאַטן פון די רעדעס אויף דער קאָנפערענץ און פון אירע רעזאָלוציעס ווערן געגעבן לויט די באַריכטן אין דעם זעלבן זשורנאַל פאַרן 8טן, 15טן און 22סטן יולי 1938.

96 זייער רשימה (לויט קאָרעספּאָנדאַנס זשוויו) ווערט געגעבן ביי י. טשערניכאָוו, „ייִדן אין עוויאַן", אונדזער טאָג פון 29סטן יולי 1938.

97 דזשוויש קראָניקל פון 8טן יולי 1938, ז' 14.

98 „עוויאַן: 1. די ערשטע אָפּשאַצונג", אונדזער טאָג פון 15טן יולי 1938.

99 באָריס גורעוויטש, אַ ביחידות־קעמפער פאַר הומאַניטאַרע אידעאַלן, האָט אין יענער צײַט געשאַפן אין פּאַריז אַ קליינעם קאָמיטעט פון פראַנצייזישע כלל־טוערס, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער מערכה פון ייִדישע פּליטים.

100 אַן עקזעמפּלאַר פונעם מעמאָראַנדום (מימעאָגראַפירט, פראַנצייזיש) האָט זיך אָפּגעהיט אין יעקב לעווינס אַרכיוו.

[101] שטיינבערג־אַרכיוו, יִוואָ. דעם טעקסט פון זשיטלאָווסקיס טעלעגראַם טיילאָרן האָבן מיר ניט געפונען.

[102] Centre de Recherches de Solutions au Problèm Juif. 7, avenue Victor-Emmanuel III, Paris. MM. François-Petri, ancien ministre, Charles Pomaret, ancien sous-secrétaire d'État, Jean Réveillard, Président honoraire de la Prefecture de la Seine.

[103] בן־אַדיר, לויט זײַנעם אַ בריוו צו שטיינבערגן, האָט זיך דערוווּסט וועגן מאַרקאָוויטש־קלעזשאַן אין אַפּריל 1938. לויטן בן־אַדירס ווערטער, האָט ער פאַרמאָגט אַרום אַ האַלבן מיליאַרד פראַנק און האָט אָנגעשריבן אַ פאַנאַטיש־טעריטאָריאַליסטישע בראָשור אין כתב־יד. ער האָט זיך אין 1938 דורכגעשריבן אויך מיט דער גרופּע „סלה" אין אַמעריקע מכוח יידישער קאָלאָניזאַציע אין אונטער־קאַליפאָרניע. לויט דער אינפאָרמאַציע פון ד"ר דזשאָרדזש ריכטער, דעם געוועזענעם פירער פון „סלה", איז מאַרקאָוויטש־קלעזשאַ אומגעקומען אין אוישוויץ.

[104] שטיינבערג־אַרכיוו (יִוואָ).

[105] דזשוויש קראָניקל פון 8טן יולי, ז' 15.

[106] ציטירט (לויט קאָרעספּאָנדאַנס זשוויו) ביי י. טשערניכאָוו, „יידן אין עוויאַן", אונדזער טאָג פון 29סטן יולי 1938.

[107] י. טשערניכאָוו, „עוויאַן: 1. די ערשטע אָפּשאַצונג", אונדזער טאָג פון 15טן יולי 1938.

[108] י. טשערניכאָוו, „יידן אין עוויאַן", אונדזער טאָג פון 29סטן יולי 1938.

[109] י. טשערניכאָוו (זען הערה 107).

[110] י. טשערניכאָוו (זען הערה 108).

[111] דזשוויש קראָניקל פון 8טן יולי 1938, זז' 14—15.

[112] י. טשערניכאָוו (זען הערה 108).

[113] י. נ. שטיינבערגס באַריכט וועגן דער עוויאַן־קאָנפערענץ. מײַראָן טיילאָרס ווערטער האָבן ציטירט י. טשערניכאָוו (זען הערה 108) — ניט אָנרופנדיק דירעקט זײַן נאָמען, אָבער געניג קלאָר („די צענטראַלע פיגור פון דער עוויאַנער קאָנפערענץ") — און בן־אַדיר, פאַרן געשיכטלעכן יום־הדין, ז' 99 — אָן שום פאַרשטעלעניש.

[114] י. נ. שטיינבערגס באַריכט וועגן דער עוויאַן־קאָנפערענץ (יִוואָ).

[115] לויט דער בריטישער אינטערפּרעטאַציע פונעם פּאַלעסטינע־מאַנדאַט וואָלט אָן אומבאַגרענעצטע יידישע אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע געשטאַנען אין סתירה צו דער באַוואָרעניש פונעם מאַנדאַט, אַז די בויונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע טאָר ניט ברענגען שאָדן די מענטשלעכע און בירגערלעכע רעכט פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג.

[116] ד"ה פאַרוואַנדלען פּאַלעסטינע אין איין אומאָפּהענגיקער מלוכה אָדער צעטיילן זי אויף צוויי באַזונדערע מלוכות.

[117] די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, ווי מיר וועלן זען אַ ביסל ווײַטער, איז געווען דער „בריטישער ראַט פאַרן דײַטשן יידנטום".

[118] די רעגירונג פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק האָט שפּעטער פּראָטעסטירט, אַז איר פאָרשטייער האָט געמאָלדן אויף דער עוויאַנער קאָנפערענץ וועגן דער גרייטשאַפט פון זײַן לאַנד אַרײַנצונעמען 100,000 פּליטים פון צענטראַל־אייראָפּע. פאַקטיש איז די מעלדונג געמאַכט געוואָרן אין דעצעמבער 1938 (זען דזשוויש קראָניקל פון 20סטן יאַנואַר 1939, ז' 30). פ"גל אונטן, ז' 320.

[119] די שלוסרעדעס און באַשלוסן ווערן געבראַכט אין דזשוויש קראָניקל פון 22סטן יולי 1938, זז' 18—19.

120 דזשוויש קראָניקל פון 29סטן יולי 1938, ז׳ 21.

121 ציט׳ זשורנאַל פון 20טן יאַנואַר 1939, ז׳ 30־31.

122 אונטער דעם דאָזיקן קעפּל האָט אונדזער טאָג פון 29סטן יולי 1938 איבערגעדרוקט אַ קאַפּיטל פון ש. גאָטליבס בוך רעפּאַרטאַזשן.

123 י. טשערניכאָוו, „עוויאַן: 2. פאַקטן און פּערספּעקטיוועס", אונדזער טאָג פון 22סטן יולי 1938.

124 אין דעם זינען האָט מײַזנער געשריבן שטיינבערגן דעם 26סטן יולי 1938.

125 א. דיזשור, „די צוגרייטונגען צו דער בערמודאַ־קאָנפערענץ", ייוואָ־בלעטער, ב׳ 21 (1943), ז׳ 6.

126 לויטן קאָמוניקאַט פון דער יט״א (וואָס מען קאָן זי ניט חושד זײַן אין וועלן אַי־דעאַליזירן קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן מחוץ פּאַלעסטינע): „אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן קעניע, איז בײַ דער וויסער באַפעלקערונג פאַראַן אַ שטאַרקער חשק, אַז דער פּלאַן זאָל זיך אײַנגעבן. אין דער קאָלאָניע איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם, און די יידישע קאָלאָניסטן פון דײַטשלאַנד און עסטרײַך קאָנען זיך ריכטן אויף אַ האַרציקן ברוך־הבא" (דזשוויש קראָניקל פון 29סטן יולי 1938, ז׳ 21).

127 יט״א־בולעטין פון 3טן אָקטאָבער 1938, ז׳ 4 (לעפּטוויטש־אַרכיוו).

128 אַן עקזעמפּלאַר פון אָט דעם פּראָטאָקאָל געפינט זיך אין לעפּטוויטש־אַרכיוו.

129 לויט דזשוויש קראָניקל פון 20סטן יאַנואַר 1939, ז׳ 30, האָט דער בריטישער קאָ־לאָניעס־מיניסטער מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד געשיקט זיינע ווונטשן פון הצלחה און גליק צו די 15 דײַטשע פּליטים, וואָס זײַנען דעם 13טן יאַנואַר 1938 אָפּגעשוווּמען קיין קעניע.

130 די פרײַלאַנד־ליגע אין ענגלאַנד האָט איבערגעדרוקט די דאָזיקע רעדע אין דער בראָשור **Two Speeches on the Jewish Refugee Problem,** by The Lord Bishop of Chichester and Captain Victor Cazalet, M.P., 27th and 29th July, 1938. וואָס איז אַרויס סוף 1938.

131 קאַמף־אָפּטיילונגען פון דער נאַצישער פּאַרטיי: SS (Schutzstaffel) און SA (Sturmabteilung).

132 ציטירט ביי י. נ. שטיינבערג, „יידישע לאַנדן און קריסטלעכע פרײַנד, אַ דעבאַטע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט", אונדזער טאָג פון 12טן אויגוסט 1938, און „עוויאַן און וואָס ווײַ־טער?", נײַע שטימע נומ׳ 6 (11), אויגוסט 1938); אויך בײַ בן־אַדיר, פאַרן געשיכטלעכן יום־הדין, זז׳ 100—101.

133 אַ. מענעס, „אונדזער וועג און אונדזער גורל", אויפן שיידוועג, ערשטער זאַמלבוך (פּאַריז 1939), ז׳ 70.

134 בן־אַדיר, פאַרן געשיכטלעכן יום־הדין, זז׳ 109—110. פ״גל אויך די ווערטער פון ד״ר יוסף ראַזען, ז׳ 373.

135 זען הערה 132.

136 געמיינט נעוויל טשעמבערלען, וואָס איז דעמאָלט געווען דער פּרעמיער־מיניסטער פון גרויס־בריטאַניע.

137 זען הערה 130.

138 ציטירט אינעם בריוו פון פּראָפ׳ מאַקס אַפּט צו י. נ. שטיינבערגן פון 9טן אָקטאָ־בער 1938 אויפן סמך פון פּרעסע־ידיעות.

139 דזשוויש קראָניקל פון 18טן נאָוועמבער 1938, ז׳ 24.

140 ציט׳ זשורנאַל פון 25סטן נאָוועמבער 1938.

141 דאָרט.

142 יט״א־בולעטין פון 30סטן נאָוועמבער 1938 (לעפּטוויטש־אַרכיוו).

143 אין 1938, צום טייל אין רעזולטאַט פון גרענעץ־שינויים אין צענטראַל־אייראָפּע נאָכן מינכן־אָפּמאַך, זיינען גרויסע גרופּעס יידן געבליבן שטעקן אין די שמאָלע נייטראַלע פּאַסן לענגאויס די גרענעצן, ווייל קיינס פון די שייכדיקע לענדער האָט זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזן. אַזעלכע אומגליקלעכע משפחות האָבן זיך אויך געפונען אויף אינדזלען און באַרקעס אויפן טייך דונײַ. צו דער זעלבער קאַטעגאָריע האָט געהערט דער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין זבאָנשין ביי דער דײַטש־פּוילישער גרענעץ (זען הערה 1 צום קאַפּ' 6).

144 די ציוניסטישע היסטאָריאָגראַפיע פאַרצייכנט נאָר די „מעפּילים"־שיפן (מיט אומלעגאַלע אימיגראַנטן קיין פּאַלעסטינע). אַ רייע אַנדערע פּליטים־שיפן האָבן געוואָגלט ביי די ברעגעס פון צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע. די יידישע פּרעסע פון סוף 1938 און 1939 איז פול מיט טראַגישע ידיעות וועגן אָט די „געשפּענסטער־שיפן".

145 דזשוויש קראָניקל פון 25סטן נאָוועמבער 1938.

146 זען, למשל, דעם קאַפּיטל „די וואָך פון צעבראָכענעם גלאָז" אין William L. Shirer, The Rise and Fall of the Third Reich (A Crest Reprint, 1962), pp. 580-587.

147 די ווײַטערדיקע ידיעות און אָט דער סעקציע ווערן געגעבן אויפן סמך פון „אַסאָסייטעד פּרעס"־קאָמוניקאַטן, ווי זיי האָבן זיך באַוויזן אין דער פּרעסע פון יענער צייט.

148 צוליב טעכנישע טעמים האָבן זיך דאָ באַנוצט מיט די פּרעסע, בוענאָס־איירעס. מען דאַרף געווים לייענען: „אין צפון־טייל פון דרום־אַמעריקע".

149 דער ציפער 90,000 קוו. מ האָט אַרײַנגענומען אַ שטח אין די ניט־אויסגעפּאָרשטע אורוועלדער, וואָס גרויס־בריטאַניע האָט אויף אים פּרעטענדירט, אָבער וואָס איז לויט אַן ענדגילטיקער דעלימיטאַציע אָנערקענט געוואָרן ווי אָנגעהעריק צו ווענעסועלע. איצט שאַצט מען דעם שטח פון דער בריטישער גוויאַנע אויף 83,000 קוו מ.

150 אין זיין I.T.O. Pamphlet № 8 (זען קאַפּ' ש, הערה 33).

151 י. נ. שטיינבערגס באַריכט פאַרן צ"ק פון דער פּוילישער פּרײַלאַנד־ליגע פון 27סטן יאַנואַר 1939; זען אונטן, קאַפּ' 6, זז' 377 און 388, אַנדערע אַנאַלאָגישע אַרויסזאָגונגען.

152 עקזעמפּלאַרן אין י. נ. שטיינבערגס אַרכיוו (ייוואָ) און אין יעקב לעווין־אַרכיוו. פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער איבערזעצונג אין נײַע שטימע, נומ' 1 (12), יאַנואַר 1939, זז' 18—19.

153 שטיינבערג צו בן־אַדירן, דעם 30סטן נאָוועמבער 1938.

154 „באַגריסן דעם מעמאָראַנדום צום עוויאַן־קאָמיטעט, פאָדערן אונטערצושרײַבן: פאַרן פּוילישן 'פרײַלאַנד' טשערניכאָוו און מײַזנער, פאַרן פּוילישן פּראָפּרײַלאַנד־קאָמיטעט אינזש' סטאַניסלאַוו שערעשעווסקי" (שטיינבערג־אַרכיוו, ייוואָ).

155 דאָס דרינגט פון זײַן פאַרעפנטלעכונג אינעם יאַנואַר 1939־נומער נײַע שטימע (זען הערה 152).

156 עקזעמפּלאַר אין יעקב לעווין־אַרכיוו.

157 פ"גל אויבן, ז' 35; דזשוויש קראָניקל פון 23סטן דעצעמבער 1938, ז' 7; ייט"אַ־בולעטין פון 3טן דעצעמבער 1938, ז' 1.

158 דזשוויש קראָניקל, דאָרט.

159 דאָרט; ייט"אַ־בולעטין פון 3טן דעצעמבער 1938, ז' 6.

אין יענע טעג האָט לעאָן בלום, פאָדערנדיק, אַז פראַנקרײַך זאָל קומען צו הילף די יידישע פּליטים, דערקלערט: „עס איז אַבסאָלוט נייטיק צו געפינען נייע היימען פאַר יידן. עס איז נייטיק צו בויען נייע שטעט און ניט קיין נייע קאָנצענטראַציע־לאַגערן" (ייט"אַ־בולעטין פון 29סטן נאָוועמבער 1938, ז' 6).

160 קאָנטעמפּאָרערי דזשוויש רעקאָרד מאַרץ־אַפּריל 1939, ז' 121 („כראָניק פאַר יאַנואַר־פעברואַר 1939"). די „עקאָנאָמישע פּליטים־קאָרפּאָראַציע" האָט אַרײַנגענומען דעם מינדאַנאַאָ־פּלאַן אין איר אַרבעט־פּראָגראַם, פ"גל קאַפּ' 3, הערה 158.

161 דזשוויש קראָניקל פון 20סטן יאַנואַר 1939, ז' 30.

162 זען וועגן דעם ווײַטער, זז' 508—510.

163 מיר האַלטן ניט פאַר נייטיק מאריך צו זײַן וועגן די אַלע „פּראָיעקטן", וואָס האָבן אָדער אין גאַנצן ניט געהאַט קיין שום יסוד, אָדער זײַנען שנעל אַראָפּ פון סדר־היום איידער מען האָט בנוגע זיי געמאַכט וועלכע עס איז ממשותדיקע טריט. וועגן צוויי אַנדערע קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן — אונטער־קאַליפאָרניע און אַלאַסקע — וועט קומען די רייד ווײַטער.

164 פּאָדאָלסקי־פּאַפּירן (פרײַלאַנד־אַרכיוו).

165 אַדאַ שטיינבערג־פּאַפּירן (פרײַלאַנד־אַרכיוו).

166 שטיינבערג צו אַניגשטיינען, וואַן לעווענען, מײַזנערן פון 13טן אָקטאָבער 1938.

167 שטיינבערגס בריוו צו טשערניכאָוון, בן־אַדירן און מײַזנערן פון 25סטן נאָוועמבער 1938; מר"ס פראַנקלינס בריוו שטיינבערגן פון 16טן נאָוועמבער 1938.

168 צירקולאַר פון דער פריילאַנד־ליגע אין ענגלאַנד, יאַנואַר 1939 (פּאָדאָלסקי־פּאַפּירן, פרײַלאַנד־אַרכיוו).

169 דאָרט; לויטן פּראָטאָקאָל פונעם פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט פון 11טן דעצעמבער 1939 (אַדאַ שטיינבערג־פּאַפּירן) איז דער קאָמיטעט צו ערשט געווען ברייטער און איז רעדוצירט געוואָרן צו דריי מיטגלידער לשם עפעקטיווקייט.

170 בריוו פון 17טן נאָוועמבער 1938 (שטיינבערג־אַרכיוו, ייוואָ).

171 בריוו פון 28סטן נאָוועמבער 1938 (דאָרט).

172 בריוו פון 12טן דעצעמבער 1938 (דאָרט).

173 מעמאָראַנדום וועגן דער טעטיקייט פון דער פרײַלאַנד־ליגע פון סער ראָבערט וואַלי קאָהען פאַר מ"ר אַנטאָני ראָטשילדן, דעצעמבער 1938 אָדער יאַנואַר 1939 (אַדאַ שטיינבערג־פּאַפּירן, פרײַלאַנד־אַרכיוו).

174 בריוו פון 27סטן יאַנואַר 1939. מיר האָבן דערמאָנט די פּאַרלאַמענטאַרישע אַרויסטריטן פונעם ביסקופּ פון טשיטשעסטער און פון קאַפּיטאַן קאַזאַלעט (אויבן, זז' 309—311). לאָרד סנעל איז געווען דער לידער פון דער לייבאָר־פראַקציע אינעם לאָרדן־הויז. סער דזשאָן האָופּ סימפּסאָן און סער אַרטור סאַלטער האָבן אין די צוואַנציקער יאָרן אָנגעפירט מיטן טראַנספער פון טערקײַ קיין גריכנלאַנד און מיט באַזעצן דאָרטן אַ מיליאָן גריכן. מיט עלינאָר ראַטבאָן איז געווען אַ דעקלאַרירטער פרײַנד פון דער פרײַלאַנד־ליגע זינט 1935 (זען אויבן, ז' 119); דעם 9טן יוני 1938 האָט י. נ. שטיינבערג בריוולעך געדאַנקט זי „פאַר דער פריינדלעכקייט, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן לגבי דער פריילאַנד־באַוועגונג". דאָס זעלבע איז שייך צו קריטש דזשאָנסן; ער און נאָעל־בייקער זײַנען אין 1945 געוואָרן מיניסטאָרן אין אַטליס לייבאָר־רעגירונג. מיט סער נאָרמאַן איינדזשעלך, דעם פּראָמינענטן ענגלישן דענקער, שרײַבער און שלום־אָנהענגער, האָט שטיינבערג באַזונדערס פיל קאָרעספּאָנדירט אין יענער צײַט; ער איז אויך געווען איינער פון די איבערגעגעבנסטע פרײַלאַנד־פרײַנד אין די פערציקער יאָרן. ד"ר טאָמאַס ווּד, איינער פון די אָנפירערס פון דער „בריטיש קאָמאָנוועלט שלום־אַסאָציאַציע", האָט אַ סך געריַיזט איבער אויסטראַליע (געווען אויך אין מערב־קימבערלי) און זײַן בוך וועגן אויסטראַליע איז דאָרט געווען זייער פּאָפּולער; ער האָט וואָלונטירט צו פאָרן מיט שטיינבערגן קיין אויסטראַליע. די נעמען פון ערנעסט בעווין און קלעמענט אַטלי זײַנען געגוג באַוווסט.

175 לעפּטוויטש־אַרכיוו.

176 באַקאַנטער היסטאָריקער.

177 דער באַרימטער פירער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער.

178 עקזעמפּלאַר פון פּראָטאָקאָל (מימעאָגראַפירט) אין די אַדאַ שטיינבערג־פּאַפּירן, פרײַלאַנד־אַרכיוו.

[179] געמיינט די „קאָנפערענץ פון קײַלעכדיקן טיש״ צווישן דער בריטישער רעגירונג, דער ייִדישער אַגענץ און דער אַראַבישער רעפּרעזענטאַנץ, וואָס די בריטישע רעגירונג האָט אײַנגעאָרדנט אין לאָנדאָן, פעברואַר־מאַרץ 1939, צו געפינען אַ לייזונג פון דער פּאַלעסטינע־פּראַגע. עס איז ניט געווען מעגלעך צו קומען צו קיין שום אויסגלײַך. דעם 15טן מערץ 1939 האָבן סיי דער ציוניסטישער, סיי דער אַראַבישער צד אָפּגעוואָרפן דעם בריטישן קאָמפּראָמיס־פאָרשלאָג. אין צוויי חדשים אַרום האָט די בריטישע רעגירונג אַרויסגעגעבן דאָס „ווײַסע בוך״ וועגן פּאַלעסטינע.

[180] ציטירט אין נײַע שטימע, נומ׳ 1 (12), יאַנואַר 1939, ז׳ 17.

[181] נײַע שטימע, נומ׳ 1 (12), יאַנואַר 1939, ז׳ 16, ברענגט אַ רעזומע פון אַן אַרטיקל, וואָס ווינסטאָן טשערטשיל האָט פאַרעפנטלעכט אין דער זעלביקער צײַט: „דער איינציקער עלעמענט, וואָס דאַרף צוגעלאָזט ווערן אין די ענגלישע קאָלאָניעס און דאָמיניאָנען — מיינט טשערטשיל — זײַנען די ייִדן. — די ייִדן האָבן באַוויזן אין פּאַלעסטינע גרויסע קאָלאָניזאַציע־פעיִקייטן. אין אויסטראַליע זײַנען פאַראַן אַ סך לײדיקע שטחים, ווו ייִדישע קאָלאָניסטן, ביי דער מיטהילף פון געהעריקע קאַפּיטאַלן אויף באַוואַסערונג, וואָלטן זיך געקאָנט שאַפן אַ נײַ פאַטערלאַנד. אַ ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אויסטראַליע וואָלט אויך געווען פון אומגעהײַערן באַטײַט פאַר דער זיכערקייט פון לאַנד. — אויב מען זאָל איבערגעבן אין רשות פון אַן אונטערנעמונג, וואָס וועט זײַן אָנגעפירט פון ענגלישע ייִדן, אַ געוויסן שטח לאַנד מיטן רעכט צו עקספּלואַטירן די מינעראַלע אוצרות — אונטערליגט ניט קיין שום ספק, אַז מען וואָלט געפונען די נייטיקע קאַפּיטאַלן״. לײַדער האָט די נײַע שטימע ניט אָנגעוויזן דעם נאָמען און די דאַטע פון דער צײַטונג, און מיר האָבן ניט געהאַלטן פאַר פּראַקטיש דורכצופירן די געהעריקע צײַט־קאָנסומירנדיקע זוכעניש אין דער בריטישער פּרעסע.

[182] ייִט״אַ־בולעטין פון 14טן יאַנואַר 1939, זז׳ 3—4 (לעפּטוויטש־אַרכיוו).

[183] סער ראָבערט וואַלי קאָהענס מעמאָראַנדום צו אַנטאָני ראָטשילדן (אַדאַ שטיינבערג־פּאַפּירן, פרײַלאַנד־אַרכיוו).

[184] שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ).

[185] בריוו פון מ. ראָטערן צו י. נ. שטיינבערגן פון 29סטן אַפּריל 1938.

[186] דעם 15טן נאָוועמבער 1938.

[187] דעם 23סטן נאָוועמבער 1938.

[188] ייִוואָ־אַרכיוו. דער אויפרוף זאָגט אָן וועגן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג דעם 6טן דעצעמבער 1938 אין זאַל פון לאַנקרי „מיט רעדעס פון איכה, גלעזער, זינגאַלאָווסקי (!), ד״ר זובאַסאַרסקי (!), שאַלאַט און העגרי קאָהן״. דאָס איז ניט געווען די איינציקע פּובליקאַציע פון דער גרופּע. ז. שײַקאָווסקי, „150 יאָר ייִדישע פּרעסע אין פראַנקרײַך״, ייִדן אין פראַנקרײַך, ב׳ 1, ז׳ 308, דערמאָנט זיך, אַז ער האָט בשעתו געזען אַ זשורנאַל, וואָס האָט געהייסן אַן ערך Jeunesse Territorialiste, אַרויסגעגעבן פון אַ טעריטאָריאַליסטישער יוגנט־גרופּע (אַרויס נאָר איין נומער).

[189] בריוו צו י. נ. שטיינבערגן פון 23סטן נאָוועמבער 1938.

[190] אַ. קיהן צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 15טן דעצעמבער 1938.

[191] חוץ די אַרטיקלען און אָפיציעלע פּובליקאַציעס פון דער גרופּע „סלה״ אין דזשווש פאָרום, פאַרדאַנקט דער מחבר זײַנע ידיעות וועגן דער גרופּע דעם אויספירלעכן בריוו (פון 19טן יוני 1963), וואָס ד״ר דזשאָרדזש ע. ריכטער האָט אים פרײַנדלעך צוגעשיקט צוזאַמען מיט אַ פעקל צײַטווײַליק אויסגעבאָרגטע בריוו און מאַטעריאַלן.

[192] ד״ר ריכטערס און ד״ר וואַכטעלס נעמען פיגורירן אויף בלאַנקען פון דער געזעלשאַפט „זבולון״ צוזאַמען מיט אַזעלכע אָנגעזעענע ציוניסטן ווי פּראָפ׳ חיים טשערנאָוויץ און ראַבײַ צייטלין אין פש״אַ, מאַרקיזע רעדינג און פּראָפ׳ זעליק בראָדעצקי אין ענגלאַנד און מנחם אוסישקין אין פּאַלעסטינע.

[193] „סלה־רעפלעקסיעס", דזשוויש פאָרום, יולי 1938, ז' 114; סעפּטעמבער 1938, ז' 146; פ"גל עדיטאָריאַל, נאָוועמבער 1938, ז' 186—187.

[194] לויט ד"ר ריכטערס בריוו צום מחבר פון 19טן יוני 1963, זײַנען דאָס געווען: לוי ליפּסקי, מ"ר סײַמאָן, ריכטער דזשוליאַן וו. מאַק, עדוואַרד וואַרבורג, מ"ר ליבערמאַן און מ"ר פײַנמאַן.

[195] פּראָספּעקט פון דער געזעלשאַפט אין דזשוויש פאָרום, יולי 1938, זז' 105—106, און ווי אַ סעפּאַראַט־בלעטל. לויט די בריוו, וואָס ד"ר ריכטער האָט צײַטווײַליק איבערגעגעבן דעם מחבר, האָט שוין „סלה" עקסיסטירט אונטער אָט דעם נאָמען לפּחות זינט פעברואַר 1938.

[196] „פּראָגעס־קעסטל וועגן אונטער־קאַליפאָרניע", דזשוויש פאָרום, מײַ 1938, ז' 69 (יצחק ראָזענגאַרטען).

[197] מיכאל נוטאַנזאָן, האַרטיקולטוריסט, „ייִדישע קאָלאָניזאַציע — אַ ראַציאָנעלער צוגאַנג", דזשוויש פאָרום, פעברואַר 1938, זז' 5—6; דזשאַרדזש ריכטער, „פאַקטן מכוח אונטער־קאַליפאָרניע", ציט' זשורנאַל, יולי 1938, זז' 109—112.

[198] דערפון אינעם שטאַט באַכאַ קאַליפאָרניאַ (געשאַפן אין 1951) — 965, 226, אין דער טעריטאָריע באַכאַ קאַליפאָרניאַ סור — 60,864.

[199] דזשוויש פאָרום, יולי 1938, ז' 108.

[200] צווישן די מאַטעריאַלן, וואָס „סלה" האָט צוגעשיקט דעם פּאַריזער סעקרעטאַריאַט פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין האַרבסט 1938, דערמאָנט זיך דער מחבר אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ גרופּע אוניפאָרמירטע יוגנט ביי פעלד־געניטונגען.

[201] ציטירט אין דזשוויש פאָרום, מאַרץ 1938, ז' 21.

[202] דזשוויש פראָנטיר, נאָוועמבער 1938, אַרטיקל „ייִדן אויף דער לבנה".

[203] ד"ר דזשאָרדזש ריכטערס בריוו צום מחבר פון 19טן יוני 1963.

[204] ד"ר דזש. ריכטערס אַרכיוו.

[205] בריוו פון מאַקס סטראַסבורג („סלה"־פאָרשטייער אין לאָס־אַנדזשעלעס) צו ד"ר דזש. ריכטערן פון 29סטן נאָוועמבער 1938 (דאָרט).

[206] ווי ער האָט אָנגעגעבן וועגן זיך פאַר דעם סענאַט־אונטערקאָמיטעט וועגן אַלאַסקע (זען ז' 506), האָט ער געהאַט אַ רעקלאַמע־ביוראָ אין ניו־יאָרק. אונדז האָט זיך ניט אײַנגעגעבן פעסטצושטעלן קיין שום אַנדערע נעמען פון „נײַ־יהודה"־טוערס.

[207] Joseph Otmar Hefter, **Room for the Jew! An End to Jewish Dispersion. A Demand for a Free and Sovereign Jewish State. A Permanent Way Out of Jewish Dispersion & Distress.** Otmar Press, 145 East 34th St., New York, 22 + 2 pp.

[208] די באַקאַנטע ענגלישע פראַזע lunatic fringe of the movement אין אַברהם ג. דוקערס אַרטיקל (זען הערה 209).

[209] Abraham G. Duker, "Jewish Territorialism: An Historical Sketch", **Contemporary Jewish Record**, March-April, 1939, p. 14-30.

[210] ציט' אַרטיקל, ז' 29.

[211] זען ז' 506.

[212] אויפן בלאַנק פון דער אָרגאַניזאַציע שטייט: Nai Juda Building, 10 West 18th St., New York.

[213] „די מלוכה־פאָן פון נײַ־יהודה וועט זײַן אַ שײַנענדיק רויט פעלד מיט אַ דרײַ־אָרעמדיקן ווײַסן פאַקל אין צענטער, וואָס סימבאָליזירט די דרײַ אייביקע פּרינציפּן פון אויפגעקלערטער מענטשהייט: פרײַהייט, גליק, פּראָגרעס", ציט' בראָשור (הערה 207), ז' 17.

[214] בריוו פון 25סטן אָקטאָבער 1939 (שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

215 אַזוי כאַראַקטעריזירט אין מ. מ[ענדעלסבערגס] איבערבליק פון די ערשטע טריט פון דער אַמעריקאַנער פרײַלאַנד־באַוועגונג, אויפן שוועל, מאַרץ 1941, ז׳ 15.

216 א. קיהן צו י. נ. שטיינבערגן, פון 8טן אויגוסט 1938.

217 א. קיהן צו י. נ. שטיינבערגן, מיי 1938. קיין נעמען פון די פּראָפעסאָרן גיט ער ניט אָן.

218 זען: וועגן מאיר מענדעלסבערגן — אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1955, נעקראָלאָגן און אַרטיקלען אויף זז׳ 1—7; וועגן יעקב לעווינען — ז. ריידזען, לעקסיקאָן, ב׳ 2, שפּ׳ 226—229; לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, ב׳ 5, שפּ׳ 276—278 (ווו, אין הסכּם מיט דער סיסטעמאַטישער אײַנשטעלונג לגבּי פרײַלאַנד אין אַט דעם לעקסיקאָן, ווערט לגמרי פאַרשוויגן יעקב לעווינס אָנפירנדיקע אַרבעט אין דער פרײַלאַנד־ליגע במשך פון 20 יאָר!); אויפן שוועל, יאַנואַר־פעברואַר 1959, ז׳ 16; פרײַלאַנד (פּאַריז), יאַנואַר 1959, ז׳ 4; וועגן געצל אײַזנערן — לעקסיקאָן פון דער נײַער יוד׳ ליט׳, ב׳ 1, שפּ׳ 63.

219 פּ״גל אויבן, קאַפּ׳ 2, זז׳ 63 א״וו. וועגן דער פּראָגראַם פון „אַלפאַזיק" (1934). די פּריזער ציטירטע ווערטער זײַנען פון זשיטלאָווסקיס אַרטיקל „פרײַלאַנד", טאָג (נ״י) פון 25סטן דעצעמבער 1938 — אין אַנדערע פּרטים זייער אַ גוטער אינפאָרמאַטיווער אַרטיקל וועגן דעם מהות פון דער פרײַלאַנד־ליגע.

220 א. קיהן צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 15טן דעצעמבער 1938. דעם 6טן נאָוועמבער 1938 האָט ד. לוואָוויטש געשריבן י. נ. שטיינבערגן, אַז זייער אַמעריקאַנער גרופּע אינטע־רעסירט זיך מיט אונטער־קאַליפאָרניע. אויך ד״ר וו. אָסטראָווסקי פון לאָס־אַנדזשעלעס (אַמאָ־ליקער מיטגליד פון ס״ס און אין גיכן אַן אַקטיווער פרײַלאַנד־טוער) האָט דעם 25סטן נאָ־וועמבער 1938 געשריבן צו י. טשערניכאָוון: „עס וואָלט געווען זייער וויכטיק, ווען איר קלײַבט זיך אויס די צײַטן קיין אַמעריקע. עס האָבן זיך ספּאָנטאַן געגרינדעט טעריטאָריאַ־ליסטישע קרײַזן, און גראָד צווישן אַמעריקאַנער און אַמעריקאַניזירטע יידן איבערן לאַנד. אַ שטאַרקע אַלוועלטלעכע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע וואָלט געקענט אויפטאָן זייער פיל. אגב שטייט איצט בײַ אונדז די פראַגע פון מעקסיקאַנער טייל פון קאַליפאָרניע פאַר אַ יידיש היימלאַנד. (...) דאָ האַלט מען זייער פיל פון האַלבאינדזל קאַליפאָרניע. (...) עס דאַרף נאָר זײַן, ווער עס זאָל קריגן — אַ שטאַרקע גוט אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט". (פאַר־עפנטלעכט אין אונדזער טאָג פון 10טן דעצעמבער 1938, נאָטיץ „טעריטאָריאַליזם אין אַמע־ריקע"). אין אויפן שוועל, נומ׳ 1 (מאַרץ 1941), ז׳ 15, האָט מ. מ[ענדעלסבערג] געשריבן, דערמאָנענדיק די ערשטע טריט פון דער אַמעריקאַנער פרײַלאַנד־ליגע: „איבער אַ נאַכט זײַנען ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן געבוירן געוואָרן גרופּעס און גרופּקעלעך מיט טעריטאָ־ריאַליסטישע אָדער כמו־טעריטאָריאַליסטישע טענדענצן און שטרעבונגען (...). אונדזער ער־שטע אַרבעט איז געווען צו באַקענען זיך נעענטער מיטן כאַראַקטער פון די דאָזיקע גרופּי־רונגען און ווי ווײַט מעגלעך פּרווון צו קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט, שאַפן אַ צענטראַלע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע (...). ליידער האָט זיך גאַנץ גיך אַרויסגעוויזן, אַז אַט די גרופּירונגען האָבן אָדער ניט געהאַט אונטער זיך קיין שום געזעלשאַפטלעכע און אידעיִשע באַזע, אָדער זײַנען אַוועק אויף אַזעלכע קרומע וועגן, וואָס האָבן גלײַך אָפּגעשטויסן פון זיך. פון די אַלע גרופּירונגען איז איצט [1941] כמעט גאָרנישט געבליבן".

221 א. קיהן צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 15טן דעצעמבער 1938.

222 צירקולאַר פון 28סטן יאַנואַר 1939 (ייוואָ).

223 **The Territorial Solution of the Jewish Problem,** by Arthur Meyerowitz. Reprinted from **The Jewish Forum,** October, 1939. 305 Broadway, New York, N.Y., 14 pp.

224 זען אונטן, זז׳ 504—505.

[225] ציטירט אין י. נ. שטיינבערגס צירקולאַר־בריוו צו ל. אַניגשטיינען, ה. וואַן לעווע־נען און ז. מײַזנערן פון 13טן אָקטאָבער 1938 (שטיינבערג־אַרכיוו, ייוואָ).

[226] שטיינבערג־אַרכיוו (ייוואָ).

[227] קאָפּיעס (מימעאָגראַפירט) אינעם הערוואַלד־אַרכיוו (ייוואָ) און אַדאַ שטיינבערג־פּאַ־פּירן (פרײַלאַנד־אַרכיוו).

[229] אָפּגעדרוקט אין אונדזער טאָג פון 4טן דעצעמבער 1938 („פּאַר אַ פּאַנד פון הונ־דערט מיליאָן פונט. קאָמוניקאַט פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין לאָנדאָן").

[229] דזשוויש קראָניקל פון 3טן דעצעמבער 1938.

[230] וואַן לעווען אין זײַן אינטערוויו דעם מחבר, זומער 1960.

[231] דאָרט.

[232] י. נ. שטיינבערג האָט אָפּגעדרוקט אין דזשוויש קראָניקל פון 27סטן יאַנואַר 1939 אַ דערווידערונג אויף ווייצמאַנס בריוו אין טיימז.

[233] לויטן דאַמאָלסטיקן קורס איז דאָס געווען עקוויוואַלענט צו לפּי ערך 232,000 פונט שטערלינג.

[234] דזשוויש קראָניקל פון 30סטן דעצעמבער 1938.

[235] ציט׳ זשורנאַל פון 2טן דעצעמבער 1938, ז׳ 18.

[236] ציט׳ זשורנאַל פון 16טן דעצעמבער 1938, ז׳ 29.

[237] ציט׳ זשורנאַל פון 30טן דעצעמבער 1938.

[238] דאָרט.

[239] רבקה פײַנלייב צו י. נ. שטיינבערגן פון 25סטן יאַנואַר 1939.

[240] וואַן לעווענס אינטערוויו דעם מחבר.

[241] דער מחבר האָט געהערט וועגן דעם אין 1939 פון רבקה פײַנלייב, סעקרעטאַר פונעם פּאַריזער קאָמיטעט פון דער ליגע.

[242] י. נ. שטיינבערג, „די געפאַר פאַר ׳פרײַלאַנד׳", נײַע שטימע נומ׳ 2 (13), פעברואַר 1939, זז׳ 1—3.

[243] ז. מײַזנער (דעמאָלט אין פּאַריז) צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 22סטן נאָוועמבער 1938; ד. לוואָוויטש צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 25סטן נאָוועמבער 1938.

[244] י. נ. שטיינבערג־אַרכיוו (ייוואָ).

[245] ווײַטער ווערט געזאָגט, אַז אַשבערג פּאָרט אַרויס קיין ניו־יאָרק אויף אונטערהאַנ־דלונגען, און אויב עס וועט געשאַפן ווערן אַ דעפיניטיווער פּלאַן, וועט מען בעטן אַ רײַ רעגירונגען אונטערצושטיצן אים. ענלעכס אין ניו־יאָרק טײַמז פון 9טן יאַנואַר 1939, ז׳ 6.

[246] י. נ. שטיינבערג־אַרכיוו (ייוואָ).

[247] לויט דזשוויש קראָניקל פון 13טן יאַנואַר 1939.

[248] צוליבן פאַרלירן זײַן אַרכיוו בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע, האָט סיקורעל ניט געקאָנט אָנגעבן (ווי ס׳האָט אים געבעטן דער מחבר) קיין פּרטים וועגן זײַן אָפּמאַך מיט דער פּוילישער רעגירונג.

[249] אַ סך ידיעות וועגן די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען קאָן מען געפינען אין דזשוויש קראָניקל פאַר די ערשטע חדשים פון 1939. דער עוויאַן־קאָמיטעט האָט פּראָיעקטירט אויפ־צושטעלן אַן „אינטערנאַציאָנאַלע קאָרפּאָראַציע פאַר באַזעצן פליטים" מיט אַ קאַפּיטאַל פון 300 מיליאָן דאָלאַר אויף טראַנספּערירן פון דײַטשלאַנד 150־200 טויזנט אַרבעטספעיִקע ייִדן במשך פון 5 יאָר. אָבער די דײַטשע רעגירונג האָט ניט באַשטעטיקט דעם אָנגעמערקטן שאַכט־רובלי־פּלאַן און איבערגעריסן די ווײַטערדיקע אונטערהאַנדלונגען.

[250] דזשוויש קראָניקל פון 13טן יאַנואַר 1939, ז׳ 22.

[251] אַרום 23סטן יאַנואַר 1938.

[252] דאָס ליד איז ניט געווען געדרוקט. דער מחבר פון אַט דער געשיכטע דערמאָנט זיך,

אַז עס האָט געהאַט פיר סטראָפעס, פון וועלכע ער האָט פאַרגעדענקט די ווײַטערדיקע שורות:

גענוג די רייד פון האָפענונג! זי וועט דאָס פאָלק ניט שטאַרקן!
דער נביא האָט שוין זײַנס געזאָגט — איז איצט געליימט זײַן צונג.
עס יאָגן זיך די פײַנד צו אונדז פון איבער די געמאַרקן
ווי פוקסן אָנגעצונדענע, מיט אומברענג און פאַרשלונג.

אַ פאַנצער דאַרפן מיר אַצינד — פאַר אונדזער ברוסט אַ פאַנצער!
— — — — — — — — — — — — — — —

זאָל שפּעטן איטלעך לץ און שפּעטער; צערנען זאָל דער צערנער.
— — — — — — — — — — — — — — —

נאָר דו, מײַן פאָלק, ווערסט — — — — — — דורך די געדאַנקען־דערנער
און אויסבויען אַ ווײַסע שטאָט פון האַרטן פעלדזנשטיין.

זי קומט צו גיין, די גרויסע צײַט פון בויען און צעשטערן!
— — — — — — — — — — — — — — —

איך זע, ווי פון די פינצטערנישן בלויט דער מאָרגן־שטערן,
איך זע דעם אויפגאַנג פון מײַן פאָלק און זײַן צוזאַמענהאַנג.

אַנדערע טעריטאָריאַליסטיש אינספּירירטע לידער סוצקעווערס, געשריבן אין דער זעלבער צײַט, זײַנען „ברודערשאַפט" (אַברהם סוצקעווער, פּאָעטישע ווערק, תל־אביב, 1963, ז׳ 53), „באַרגישע שטראָמען" (דצ״ו, ז׳ 125) און „די מירמלנע שטאָט" (דצ״ו, ז׳ 148).

253 אַ וואַרעמע פּראָפרײַלאַנדיסטישע רעדע האָט אויך געהאַלטן זלמן רייזען, אָבער לויט זיין פאַרלאַנג איז דאָס ניט געוואָרן פאַרצייכנט אינעם באַריכט.

254 לויט דער מעלדונג אין אונדזער טאָג פון 28סטן יאַנואַר 1938.

255 קאָפּיע אין שטיינבערג־אַרכיוו.

256 קאָפּיע אין שטיינבערג־אַרכיוו.

257 ח[יים] ד[אָמב], ייִוואָ־בלעטער, ב׳ 17, העפט 1, ז׳ 88.

258 פּראָטאָקאָלן פון באַראַטונג פון ל. קעסלערן מיט י. ברוצקוסן און אַ. כאַראַשן דעם 25סטן פעברואַר 1937 (זען אויבן, ז׳ 213 א״וו).

259 די דאָזיקע פאָרמל ווערט ציטירט אין מײַזנערס בריוו קיהנען פון 11טן סעפּטעמבער 1937 (קאָפּיע אין שטיינבערג־אַרכיוו), אָבער באַמערקונגען וועגן קרוקס נײַע סימפּאַטיעס באַווײַזן זיך אין מײַזנערס בריוו אַ סך פריִער.

260 מײַזנער צו קיהנען, דעם 1טן אויגוסט 1938 (קאָפּיע אין שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

261 אינעם אָקערשט דערמאָנטן בריוו און אין אַנדערע בריוו פון די זעלבע טעג.

262 דאָרט.

263 מײַזנער צו בן־אַדירן, דעם 31סטן יאַנואַר 1938 (קאָפּיע אין שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

264 ישראל ריטוב, „פּועלי־ציון", ווארשה, כ׳ 2 (אנציקלופּדיה של גלויות), עמ׳ 140.

265 טשערניכאָוו צו שטיינבערגן, דעם 27סטן מאַרץ 1938.

266 שטיינבערג צו טשערניכאָוון, אָנהייב אַפּריל 1938.

267 די באַשולדיקונגען, אַז טשערניכאָוו איז אַ „ציוניסט", אַז ער „נעגירט דעם גלות נאָך מער ווי די ציוניסטן" און אַפילו אַז ער, פּונקט ווי קרוק, „וואַרט אויף דער גרינדונג פון דער ייִדישער מלוכה אין פּאַלעסטינע, כדי זיך צוריקצוציִען פון פרײַלאַנד", חזרן זיך כסדר איבער אין מײַזנערס בריוו צו י. נ. שטיינבערגן, בן־אַדירן און קיהנען אינעם פּעריאָד צווישן אויגוסט 1937 און מאַרץ 1938.

268 זען אונטן, ז' 362; זז' 383—384.

269 דעם 31סטן יאַנואַר 1938 (קאָפּיע אין שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

270 טשערניכאָוו צו שטיינבערגן, דעם 27סטן מאַרץ 1938.

271 איבערגעדרוקט אין פאָלקסצייטונג פון 5טן אַפּריל 1938.

272 לויטן באַריכט אין מאָמענט, איבערגעדרוקט אין פאָלקסצייטונג פון 12טן אַפּריל 1938.

273 ס. ליריק, „טעריטאָריאַליזם", הײַנט פון 8טן אַפּריל 1938.

274 דער שייכדיקער נומער אונדזער טאָג פעלט אין דער ייִוואָ־קאָלעקציע.

275 פאָלקסצייטונג פון 19טן אַפּריל 1938.

276 לויט דער אומפאַרגלײַכלעכער איראָניע פונעם בונדישן אָרגאַן קומט אויס, אַז אין 1938 איז דאָס ייִדישע פאָלק לגמרי ניט געווען געפּלאָגט.

277 דעם 22סטן אַפּריל 1938.

278 דער מחבר פון אָט דער געשיכטע, צוזאַמען מיט אַהרן ברעסטאָוויצקין, האָבן אין שליחות פון צענטראַל־קאָמיטעט איבערגעגעבן דעם דאָזיקן באַשלוס קרוקן, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ סאַנאַטאָריע אין אָטוואָצק.

279 מײַזנער צו שטיינבערגן, דעם 9טן אַפּריל 1938.

280 מײַזנער צו שטיינבערגן, דעם 5טן סעפּטעמבער 1938.

281 למשל אין זײַן בריוו צו וולאַדימיר גראָסמאַנען פון 25סטן יולי 1960 (קאָפּיע געשיקט צו אלקנה כראַבלאָווסקין) האָט קרוק געשריבן: „איך האָב זיך גאָרניט 'איבער־געקוליעט אידעאָלאָגיש'. איך בין שטאָלץ אויף מײַן פאַרגאַנגענהייט, אויף די זוכענישן, וואָס איך באַהאַלט דאָס נישט קיין מאָל. (...) איך בין עד היום זיכער, אַז די ס״ס, מיט איר טעריטאָריאַליסטישע פאָרשונגען און טעריטאָריאַליסטישע לײַדנשאַפטלעכע און אינטעלעק־טועלע זוכענישן צו לייזן די ייִדן־פראַגע, — איז געווען די פײַנסטע פּאַרטיי וואָס די ייִדישע עפנטלעכקייט האָט ווען עס איז געהאַט".

282 ברוצקוס צו לעפּטוויטשן, דעם 13טן אַפּריל 1938.

283 ז. י. גאָרסקי, „לעאָן פייגענבוים", אויפן שוועל, נאָוו'־דעצ' 1944, ז' 15.

284 דאָס זעט מען פון דעם פאַקט, וואָס אין אַפּריל־מײַ 1939 איז די טשענסטאָכאָווער פרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציע געווען געגנוג שטאַרק אויף אַרויסצושטעלן אַן אייגענע ליסטע צו די שטאָטראַט־וואַלן (דער פּיאָנער, נומ' 3, דעם 5טן מײַ 1939, ז' 7). דער אַרטיקל „ס״ס, פּאַראייניקטע, אומאָפּהענגיקע" אינעם זאַמלבוך טשענסטאָכאָווער ייִדן רופט אָן נאָר איין מיטגליד פון דער טשענסטאָכאָווער אָרגאַניזאַציע פון די אומאָפּהענגיקע, וואָס איז מיטגע־גאַנגען מיט קרוקן צו די רעכטע פּ״צ: י. י. זשאַרנאָוועצקי (ז' 122). לויט דעם זעלביקן אַרטיקל איז אין די לעצטע יאָרן פון איר עקסיסטענץ בראָש פון דער טשענסטאָכאָווער אָר־גאַניזאַציע פון די אומאָפּהענגיקע געשטאַנען דוד שלעזינגער; לויטן „יזכור" פון די אומ־געקומענע פּוילישע חברים (אויפן שוועל, יוני־יולי 1946, ז' 5) איז ער געווען דער פאַר־זיצער פונעם פרײַלאַנד־קאָמיטעט אין טשענסטאָכאָוו.

285 מײַזנער צו שטיינבערגן, דעם 19טן אַפּריל 1938.

286 טשערניכאָוו צו שטיינבערגן, דעם 19טן אָקטאָבער 1938.

287 נײַע שטימע, נומ' 1 (12), יאַנואַר 1939, ז' 19.

288 מײַזנער צו שטיינבערגן, דעם 19טן אַפּריל 1938. „דאָ זײַנען אַלע געווען קעגן מיר, אַפילו ח' פּינעס", באַמערקט דערבײַ מײַזנער.

289 אַ גרויסער אַרטיקל וועגן דער בראָשור האָט זיך באַוויזן אין אונדזער טאָג פון 30סטן יוני 1938. עס האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן צו געפינען אַן עקזעמפּלאַר פון דער בראָשור אין די ניו־יאָרקער זאַמלונגען.

290 מײַזנערס בריוו צו שטיינבערגן פון 9טן און 12טן מײַ און 15טן יוני 1938.

291 מײַזנער צו שטײנבערגן, דעם 25סטן יוני 1938.

292 מײַזנער צו שטײנבערגן, דעם 31סטן מײַ און 15טן יוני 1938.

293 פֿאָלקסצײַטונג פֿון 30סטן מײַ 1938.

294 געשריבן אויף דײַטש; ענגלישע איבערזעצונג אין שטײנבערג־אַרכיוו (ייִוואָ).

295 שמעון ענגעלשטערן צו שטײנבערגן, דעם 30סטן יוני 1938; מײַזנער צו שטײנבערגן, דעם 15טן יוני 1938; שטײנבערג צו ענגעלשטערנען, דעם 27סטן יוני 1938.

296 ענגעלשטערן צו שטײנבערגן, דעם 20סטן יוני 1938.

297 ענגעלשטערן צו שטײנבערגן, דעם 6טן דעצעמבער 1938.

298 קאָפּיע פֿונעם באַריכט אין שטײנבערג־אַרכיוו, ייִוואָ.

299 אַניגשטײן צו שטײנבערגן, דעם 5טן אָקטאָבער 1938. נאָך פֿריִער, אין בריוו פֿון 22סטן סעפּטעמבער 1938, דאַנקט שטײנבערג אַניגשטײנען פֿאַר זײַן „הײסן אָנשלוס“ אָן דער פֿרײַלאַנד־ליגע. שוין דעם 26סטן יולי 1938 האָט מײַזנער דערמאָנט (אין אַ בריוו צו שטײנבערגן) אַניגשטײנס גרײטשאַפֿט אָנטײלצונעמען אין אַ װיסנשאַפֿטלעכער עקספּעדיציע קײן קימבערלי. זומער 1939 איז אַניגשטײן אַרויסגעפֿאָרן קײן אַמעריקע; דעם 28סטן סעפּטעמבער 1939 האָט ער טעלעגראַפֿירט צו שטײנבערגן קײן פּערט: „צו אײַער דיספּאָזיציע“. אַניגשטײן האָט געקראָגן פּראָפֿעסור אין טעקסאַס און איז געװען אָפּגעריסן פֿון דער פֿרײַלאַנד־באַװעגונג אין אַמעריקע; אָבער װען ס'איז געקומען צום סורינאַם־פּראָיעקט, האָט ער געהאָלפֿן דער פֿרײַלאַנד־ליגע װי אַן עקספּערט אין טראָפּישער מעדיצין און היגיענע.

300 מײַזנער צו שטײנבערגן, דעם 26סטן נאָװעמבער 1938.

301 „אָזאָן“ — פּאָפּולערער נאָמען פֿון .O.Z.N, ראשי־תּיבֿות פֿון Obóz Zjednoczenia Narodowego („לאַגער פֿון נאַציאָנאַלער אײניקײט“).

302 מײַזנער צו שטײנבערגן דעם 1טן יאַנואַר 1939; פּ"גל טשערניכאָװס װערטער װעגן „שטרענגע משגיחים“ איבערן קאָמיטעט אינעם בריוו צו שטײנבערגן פֿון 7טן דעצעמבער 1938, װאָס װערט ציטירט אין טעקסט תּיכף אונטן.

303 די װערטער „מאַלפּישע לאַפּעס“ זײַנען אין אָריגינאַל אויף רוסיש.

304 טשערניכאָװס רעפֿעראַט האָט געהאַט אַ שטיקל המשך, װאָס איז זײער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די מינהגים פֿון דער ייִדישער פּרעסע. די װילנער עקסטרעם־רעכטע פּױלישע צײַטונג סלאָװאָ האָט װעגן דעם רעפֿעראַט אָפּגעדרוקט אַ פֿאַנטאַסטישן און פֿאַרקריפּלטן באַריכט. דער װאַרשעװער מאָמענט האָט איבערגעדרוקט דעם עלאַבאָראַט פֿונעם אַנטיסעמיטישן סלאָװאָ אין אַ װערטלעכער איבערזעצונג, אמת מיט אַ קעפּל „אומגלײבלעכער באַריכט װעגן אַדװ׳ טשערניכאָװס רעדע אין װילנע“ (מאָמענט פֿון 8טן דעצעמבער 1938). די הכחשה אין אונדזער טאָג פֿון 9טן דעצעמבער האָט ער, נאַטירלעך, ניט איבערגעדרוקט. מיט דרײַ װאָכן שפּעטער, דעם 30סטן דעצעמבער 1938, האָט דער װילנער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער בונדישער פֿאָלקסצײַטונג, יאַן (ד"ר י. אַנטאָקאָלעץ), איבערגעחזרט אַלע ליגנס פֿון דער אַנטיסעמיטישער צײַטונג װי דברי אמת, כאָטש ער איז אַלײן בײַגעװען אויף טשערניכאָװס רעפֿעראַט און גוט געװוּסט, װאָס יענער האָט אין דער אמתן געזאָגט. טשערניכאָװ האָט דערויף געענטפֿערט מיט אַ נײַער אויספֿירלעכער הכחשה אין אונדזער טאָג פֿון 2טן יאַנואַר 1939 („װעגן דעם ה׳ יאַן פֿון דער 'פֿאָלקצײַטונג' “), אָבער דער בונדישער אָרגאַן האָט חלילה ניט געהאַלטן פֿאַר נײטיק אויסצובעסערן אויף זײַנע שפּאַלטן די באַגאַנגענע פֿעלשונג אין דער נײַער שטימע נומ׳ 1 (12), יאַנואַר 1939, איז װעגן דעם דאָזיקן סקאַנדאַליעזן ענין געװען פֿאַרעפֿנטלעכט אַ טרעפֿלעכע נאָטיץ א"ק „ריטערלעכע קעגנער“ (זז׳ 23—24).

305 נאָך אָפּענער שרײַבט װעגן דעם מײַזנער צו שטײנבערגן דעם 7טן יאַנואַר 1939: „אויב ער [דער שאַר־קאָמיטעט] װעט זיך צונויפֿרײדן מיט װאָלפֿן, װעט מען די פֿרײַלאַנד־ליגע פּשוט ליקװידירן“.

[306] דער מאָמענט.

[307] **זען אויבן, ז' 347.**

[308] **לויט דער פאָטאָגראַפיע, וואָס אינזש' הענרי ספּיוואַק (לאָנדאָן) האָט צוגעשיקט דעם מחבר דורך י. לעפּטוויטשן, האָבן זיך אין איר באַטייליקט: ראָבערט אובפאַל, אינזש' מאַר־גוליס,** אינזש' ספּיוואַק, **מנשה פייערשטיין, שרה גראָס,** יעקב **שטיימאַן, באָבער (וואַרשע),** גבריאל הויז (דעמאָלט אין ווילנע), אַהרן ברעסטאָוויצקי און מיכאל אַסטור (ווילנע); **צום סוף איז צוגעקומען אוטעק ראָזענבעס, וואָס האָט זיך באַפרײַט פון מיליטער.**

[309] ר. געלענדער, „דער סאָצ' טעריטאָר' ,יוף' (באַריכט)", דער פּיאָנער, נומ' 2, **דעם 12טן אַפּריל 1939, שרײַבט וועגן דעם „קרײַז געוועזענעם צוקונפטיסטן, וואָס זײַנען געוואָרן צוגעצויגן דורכן חבר 'צלאל' ".**

[310] פון ווילנע: יוסף מיכעלעס, אַברהם סוצקעווער, מיכאל אַסטור, אַהרן ברעסטאָ־**וויצקי, בער ליזדאַרן, ריקלע פראַנקפורט, חיה קאַגאַן, חנה סאַדאָוו, פּייוול זאַגאָריע, אליהו ריווקין, שמואל גערשאַטער, ירחמיאל באַסטאָמסקי, שלמה קאַהאַן, שלום שולקין, וואָלף פראַנקפורט; פון וואַרשע: יעקב שטיימאַן, יהושע קאַראָלעוויטש, יצחק ראָטבאַרד, צפורה יוטקאָווסקי, צלילה האַנדעלסמאַן.**

[311] **בריוו צו שטיינבערגן פון 13טן יולי 1938.**

[312] **אין** אונדזער טאָג **פון 21סטן יאַנואַר 1938 איז וועגן דעם פאַראַן אַזאַ נאָטיץ: „לייזער וואָלף, דער יונג־ווילנעאַנער דיכטער (...) שרייבט איצט אַ ראָמאַן, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער צווייטער העלפט פון 20סטן יאָרהונדערט נאָך דעם ווי יאַפּאַניע פאַרנעמט גאַנץ אַזיע און שאַפט צווי יידישע מדינות אין א"י און ביראָבידזשאַן. דערווײַל ווערט אויך פרײַלאַנד אויפגעבויט אין אויסטראַליע (...)". אַ קליינער פראַגמענט פונעם ראָמאַן איז געווען געדרוקט אין איינעם פון די נומערן פון** יונגוואַלד, **צײַטשריפט פון אַ גרופּע פּאָעטן־אָנ־פאַנגערס (אין זייער מערהייט שפּאַרבערס) אונטער לייזער וואָלפס רעדאַקציע. דער ראָמאַן איז פאַרלאָרן געגאַנגען צוזאַמען מיט לייזער וואָלפס אַלע כתב־ידן.**

[313] **צו דער פײַערונג לכבוד דעם אַרויסגיין פון לייזער וואָלפס בוך** שוואַרצע פּערל **(אונטערן פאָרזיץ פון י. טשערניכאָוו) האָבן די שפּאַרבערס צוגעשיקט אַ באַגריסונג: „מיר זײַנען גליקלעך און שטאָלץ, וואָס דו ביסט אין אונדזערע רייען"** (אונדזער טאָג **פון 7טן אַפּריל 1939).**

[314] **דער אָריגינאַל, געשריבן מיט אַ. ברעסטאָוויצקיס האַנט אויף אַ בלאַנק פונעם צ"ס פון „שפּאַרבער", האָט זיך אָפּגעהיט צווישן די אַדאַ שטיינבערג־פּאַפּירן אינעם פרײַלאַנד־אַרכיוו.**

[315] **קאָפּיע אין שטיינבערגס אַרכיוו, (ייוואָ). שטיינבערג האָט געלאָזט איבערזעצן דעם בריוו אויף ענגליש און אים צעשיקט צו אַ ריי אָנפירנדיקע מיטגלידער פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין לאָנדאָן.**

הערות צום קאַפּיטל זעקס

[1] אין אָקטאָבער 1938 האָט די דײַטשע רעגירונג געכאַפּט אַלע ייִדן אויף דער טעריטאָריע פונעם רײַך, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר פּוילישע בירגערס, און אויף אַן אַכזריות־דיקן אופן זיי אַריבערגעוואָרפן איבער דער פּוילישער גרענעץ. די פּוילישע רעגירונג, פון איר זײַט, האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרײַנצולאָזן די דאָזיקע ייִדן. זי האָט פאַרשלאָסן אַרום 17,000 באַרויבטע ייִדן פון אַלע עלטערס אין אַ לאַגער לעבן דעם גרענעץ־שטעטל זבאָנשין, ווו דער ייִדישער קיבוץ פון פּוילן האָט זיי אויסגעהאַלטן. ערשט סאַמע ערב דער דײַטש־פּוילישער מלחמה איז דער דאָזיקער לאַגער פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן.

[2] קאָפּיע פונעם בריוו אין שטײַנבערג־אַרכיוו, ייִוואָ. — זאָל מען אָננעמען, אַז די דערמאָנטע פאַרזאַמלונג איז אידענטיש מיט דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג פון דער ניו־יאָרקער „ייִדישער טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע” דעם 7טן יאַנואַר 1939.

[3] באַריכט פון דער קאָמיסיע פאַרן קאָנסולטאַטיוון קאָמיטעט פאַר פּליטים (ווײַס בוך, מײַ 1939); קאָנטעמפּאָרערי דזשוויש רעקאָרד, מאַרץ־אַפּריל 1939, ז׳ 121; דער פּיאָנער, נומ׳ 6, דעם 26סטן מײַ 1939.

[4] **Problems of Large Scale Settlement of Refugees from Middle Europe in British Guiana,** by Dr. Joseph A. Rosen, Member, British Guiana Comission, President's Advisory Committee on Political Refugees. A Report to the President's Advisory Committee on Political Refugees, 1939. (p. 2).

[5] י. ראָזען, דצ״וו, זז׳ 2־3.

[6] למשל אַן אַרטיקל, געחתמעט מיטן פּסעוודאָנים „פּאַנאַמעריקוס”, אינעם אַמעריקאַנער זשורנאַל KEN פון 23סטן פעברואַר 1939 (הערוואַלד־אַרכיוו, ייִוואָ).

[7] למשל סער מאַלקאָלם וואָטסאָן, דירעקטאָר פונעם ראָס־אינסטיטוט פאַר טראָפּישער היגיענע, אין אַ בריוו אין לאָנדאָנער טײַמז, איבערגעדרוקט אין דזשוויש קראָניקל פון 2טן יוני 1939.

[8] **Report of the British Guiana Refugee Commission to the Advisory Committee on Political Refugees appointed by the President of the USA..** White Book, May 1939 (17 pp. + map; Appendices, 106 pp.).

[9] מיר האָבן פאַרגליכן דעם באַריכט מיט די אַרטיקלען וועגן דער בריטישער גוויאַנע אין די לעצטע אויסגאַבעס פון Encyclopaedia Brittannica און Encyclopaedia Americana.

[10] י. ראָזען, דצ״וו, ז׳ 17. פון דאָרט זײַנען אויך גענומען די פריִער געבראַכטע רעקאָמענדאַציעס פון דער קאָמיסיע. אַ לענגערע רעזומע פונעם באַריכט איז אויך געווען פאַרעפנטלעכט אין דזשוויש קראָניקל פון 12טן מײַ 1939.

[11] איבערגעדרוקט דזשוויש קראָניקל פון 30סטן דעצעמבער 1938.

[12] באַריכותדיקער טעקסט פון רעפּעראַט אין דזשוויש קראָניקל פון 3טן מאַרץ 1939.

13 דזשוויש קראָניקל פון 27סטן יאַנואַר 1939

14 דאָרט, דעם 17טן פעברואַר 1939.

15 דאָרט, דעם 3טן מאַרץ 1939.

16 דאָרט, דעם 10טן מאַרץ 1939.

17 דאָרט, דעם 31סטן מאַרץ 1939.

17א דאָרט, דעם 25סטן אויגוסט 1939.

18 „די געפֿאַר פֿאַרן 'פֿרײַלאַנד'", נײַע שטימע נומ' 2 (13), פעברואַר 1939.

19 איבערגעזעצט אין דעם פּרעסע־איבערבליק, נײַע שטימע נומ' 2 (13), פעברואַר 1939. אין דעם זעלבן אָרט ווערט אויך ציטירט דער אַרטיקל פון יעקב לעשטשינסקין אין פֿאָרווערטס פון 17טן יאַנואַר 1939, אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז „אַ זייער אָנגעזעענער פֿירער פון 'הסתדרות', און נישט קיין פאַרחלומטער טעאָרעטיקער, האָט דערקלערט, אַז די 'הסתדרות' וואָלט באַדאַרפט שיקן צען טויזנט חלוצים פון ארץ־ישראל אויף אָנפֿירן די אָנהייב־אַרבעט פון קאָלאָניזאַציע אין אַ נײַ לאַנד". די רעדאַקציע פון נײַע שטימע האָט גאַנץ לאָגיש געפֿרעגט: פֿאַר וואָס זשע טרעט דער דאָזיקער הסתדרות־פֿירער אַליין ניט אַרויס און האַלט אַלץ בסוד? ומה שמו?

20 זלמן מײַזנער, „צום וואַלדיג פון 'בונד'", נײַע שטימע, נומ' 1 (12), יאַנואַר 1939.

21 בריוו פון י. נ. שטיינבערגן צו טשערניכאָוון, בן־אַדירן און מײַזנערן פון 25סטן נאָוועמבער 1938.

22 בריוו פון וואַרשע, דעם 17טן יוני 1939 (ענגליש).

23 נײַע שטימע, נומ' 2 (13), פעברואַר 1939.

24 דער מחבר פון דער דאָזיקער געשיכטע ברענגט די נעמען פון די באַטייליקטע לויטן זכרון. מעגלעך, אַז ער האָט עמעצן דורכגעלאָזן.

25 שטיינבערג דערמאָנט אָט די אַלע אײַנוועגדונגען אין זײַן בוך געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע (נ"י 1945), זז' 16 און 130.

26 איבערגעזעצט פונעם ענגלישן טעקסט (שטיינבערג־אַרכיוו, ייוואָ).

27 די טשערניכאָווס זײַנען כוהנים. אויך פֿריִער האָט זיך טשערניכאָוו פון צײַט צו צײַט באַנוצט מיט אָט דעם פּסעוודאָנים (למשל אין פֿרײַער גדאַנק, נומ' 1). סטיליסטיש און אינהאַלטלעך קאָן ניט זײַן דער מינדסטער ספק אין טשערניכאָווס מחברשאַפֿט פונעם אַרטיקל.

28 פולער טעקסט אָפּגעדרוקט אין דזשוויש קראָניקל פון 19טן מײַ 1939.

29 דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון מײַזנערן אין בריוו צו שטיינבערגן פון 9טן מײַ 1939.

30 בריוו אויף אַ בלאַנק פון דער פֿרײַלאַנד־ליגע אין פוילן (שטיינבערג־אַרכיוו, ייוואָ).

31 די בריוו געפינען זיך אין אַדאַ שטיינבערג־מאַטעריאַלן אינעם פֿרײַלאַנד־אַרכיוו.

32 אין הערוואַלדס אַרכיוו (ייוואָ) האָבן זיך אָפּגעהיט: 1) אַ פֿאַרבעטונג (ענגליש), מיטן קעפל: „'פֿרײַלאַנד', ייִדישע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע", געחתמעט פון פּ. גאָלדפֿאַרב, סעקרעטאַר, צו קומען אויף דער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג פון דער איסט־ענד־אָפּטיילונג דעם 19טן יוני 1939; 2) אַן אויסשניט פון אַ ייִדישער צײַטונג (ניט דאַטירט) מיט אַ באַריכט וועגן דער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג. הערוואַלד, דער פֿאָרזיצער, האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן 1905 און באַלד איבערגעשפּרונגען צו טשעמבערלענס דעקלאַראַציע פון 22סטן מײַ 1939. אין דער דיסקוסיע האָבן זיך באַטייליקט דרעקסלער, ה. קאַהאַן, ל. שוואַרץ, קאַרלסברון, גאָלדפֿאַרב און ד"ר וואַלטער. 3) אַ פֿאַרבעטונג צו ד"ר מאיר ס. נייטן, געשריבן פון סעקרעטאַר פּ. גאָלדפֿאַרב, אָנטיילצונעמען אין עטלעכע וואָכן אַרום אין אַ פּריוואַטער באַראַטונג אין דער דירה פון י. לעפּטוויטש (דאַטירט דעם 14טן אויגוסט 1939, אָבער משמעות ניט אַרויסגעשיקט). י. לעפּטוויטש, אין בריוו צום מחבר, דעם 9טן אויגוסט 1961, האָט פעסטגע־

שטעלט: „הערוואַלד איז געבליבן אין פרײַלאַנד (...) איך בין ניט געווען אין הערוואַלדס יִיט״אָ, נאָר ״טעלעכע מאָל האָט ער מיך געבעטן ריידן דאָרט״.

33 I.T.O. Pamphlet, № 8. Jewish Territorial Organisation. **Solution of the Jewish Problem**, by T. B. Herwald. Price One Penny. January, 1943, פאַר וואָס דאָס בלעטל טראָגט דעם נומ׳ 8, ווייסן מיר ניט; קיין פריִערדיקע נומערן האָבן מיר אין ערגעץ ניט געפונען. אפשר האָט הערוואַלד גערעכנט די נומערן פון 1905 אָן.

34 צווישן די מאַטעריאַלן, צוגעשיקט דעם מחבר דורך י. לעפּטוויטשן, געפינט זיך אַ פאַרבעטונג (ענגליש) פון הערוואַלדס יִיט״אָ אויף אַן עפנטלעכן מיטינג, זונטאָג דעם 14טן פעברואַר 1943, מיט די רעדעס פון: גבריאל הויז, ת. ב. הערוואַלד, מ. [לייען: ל.] פּינעס, ה. ספּיוואַק, אונטערן פאָרזיץ פון יוסף לעפּטוויטש.

35 איבערגעדרוקט מיט קלײנע קיצורים אויפן שוועל, יאַנואַר־פעברואַר 1947.

36 יִיט״אָ־קאָמוניקאַט, אונדזער טאָג פון 28סטן יולי 1939.

37 יִיט״אָ־בולעטין פון 27סטן אָקטאָבער 1939.

38 דאָרט.

39 וועגן איין כלומרשטן אויסנעם זען אונטן, ז׳ 415.

40 זען דעם אַרטיקל (צו זײַן טויט) Felix S. Cohen, "Harold L. Ickes, the Champion of the Dispossessed", **Freeland**, June - July - August 1952.

41 דזשוויש קראָניקל, דעם 16טן דעצעמבער 1938.

42 אונדזער טאָג, דעם 16טן אויגוסט 1939; דזשוויש קראָניקל, דעם 25סטן אויגוסט 1939. לויט דזשוויש קראָניקל פון 1טן סעפּטעמבער 1939, איז איקעס צוגעטראָטן אויסצואַרבעטן געזעץ־פּראָיעקטן בנוגע פּליטים־אימיגראַציע קיין אַלאַסקע.

43 אָריגינאַל — אין פרײַלאַנד־אַרכיוו. שטיינבערג האָט געלאָזט איבערזעצן די וויכטיק־סטע שטעלן פונעם בריוו אין ענגליש און זיי פאַרטיילט צווישן די אָנפירנדיקע לאָנדאָנער פרײַלאַנדיסטן, ווי ער האָט אויך געטאָן מיט די בריוו פון ווילנער שפּאַרבערס.

44 עס האַנדלט זיך וועגן אינזש׳ י. זײַדעל, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן אַרבעטס־באַדינגונגען און הײַזערבוי אין טראָפּישע לענדער (דער פּיאָנער, נומ׳ 9 און 10, דעם 16טן און 30סטן יולי 1939).

45 פון 18טן מאַרץ 1939 (פרײַלאַנד־אַרכיוו).

46 פון 8טן אַפּריל 1939 (דאָרט).

47 אייגנטלעך אין 1935.

48 אונדזער טאָג, דעם 6טן יאַנואַר 1939; באַריכט וועגן דעם סימפּאָזיום דאָרט, דעם 20סטן יאַנואַר 1939.

49 היות ווי דאָס דאָזיקע ליד לייזער וואָלפס איז אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט, האַלטן מיר פאַר כדאַי צו ברענגען עס דאָ:

פאָרן מיר, פאָרן מיר אויף שיפן,
און די כוואַליעס ווײַזן אונדז דעם וועג,
ביז מיר קומען צו אַ וואַלד אַ טיפן
אויף אַ ווײַטן, וווּנדערלעכן ברעג.

גייען מיר, גייען מיר אויף וועגן,
און מיר קומען צו אַ ברייטן פעלד.
קיין גזלנים קומען ניט אַנטקעגן —
ס׳איז אַ גרויסע, פויגלפרײַע וועלט.

נעמען מיר שטעלן די געצעלטן
און מיר גראָבן אויף די פרישע ערד,

און דאָרט זײַנען גאָר ניטאָ קיין קעלטן,
זאַנגען וואַקסן אייביק אומגעשטערט.

נעמען מיר העקעלעך און זעגן
און מיר גייען נאָך געהילץ אין וואַלד.
קיין גזלנים קומען ניט אַנטקעגן,
נאָר אַ גרויסע זון אין הימל שטראַלט.

טרילערט אַ פויגל, פול מיט חידוש:
„גייען ייִדן בויען אויך אַ נעסט?"
„פויגל, פויגל", זינגען מיר אויף ייִדיש:
„יאָ און יאָ, מיר בויען, ווי דו זעסט!"

בויען מיר דערפעלעך און שטעטלעך,
וואַקסט די געגנט אין אַן אויגנבליק,
און די ביימער רוישן מיט די בלעטלעך:
„אַך, ווי גוט דאָ איז, מחיהדיק!"

[50] אָט איז די ליסטע, לויט אונדזער טאָג פון 12טן מײַ 1939: יוסף טשערניכאָוו, אַד־וואָקאַט; ברוך לובאָצקי, באַאַמטער; אליהו זאַקס, אַדוואָקאַט; ש. באַסטאָמסקי, לערער און ליטעראַט; י. רוטשניק, דאָקטאָר; משה זשאַבינסקי, סוחר; אַהרן־בער ברין, האַנטווערקער; אליהו מעכאַניק, סוחר; ישעיהו קאָראָבוויניק, האַנטווערקער; ראובן גערשאָווסקי, צאָנדאָק־טאָר; יעקב פאָזנאַנסקי, האַנטווערקער; יצחק ריקלעס, זשורנאַליסט; לייזער מעקלער (לייזער וואָלף); בנימין ברעסטאָוויצקי, בוכהאַלטער. די מערהייט פון די אויסגערעכנטע קאַנדידאַטן זײַנען געווען פרײַלאַנדיסטן.

[51] וואַל־אַרטיקלען פון י. טשערניכאָוון און ז. רייזענען, באַריכטן וועגן וואַלמיטינגען, מעלדונגען און אויפרופן און וואַל־רעזולטאַטן קאָן מען געפינען אין אונדזער טאָג פאַר אַפּריל און מײַ 1939. אין דער פּיאָנער נומ׳ 4 (דעם 12טן מײַ 1939) געפינט מען אַזאַ מעלדונג: „אַכטונג שפּאַרבערס! מיר זאַמלען זיך שבת און זונטאָג (דעם 13טן און 14 ד"ח) פונקט 10 פרי אין לאָקאַל, טראָקער 13 וו׳ 3, אַרויסצוגיין אויף הויז־פּראָפּאַגאַנדע".

[52] דער אָריגינאַל, אונטערגעשריבן פון אַ. ברעסטאָוויצקי, ב. ליזדאַן און לייזער וואָלף, געפינט זיך אין פרײַלאַנד־אַרכיוו.

[53] אונדזער טאָג, דעם 24סטן פעברואַר 1939.

[54] אינעם באַריכט וועגן „יוף", געשריבן פון ר. געלענדער, איינעם פון דער דאָזיקער גרופּע, אין אַפּריל 1939 (דער פּיאָנער, נומ׳ 2), רעדט זיך שוין וועגן „אַ גרופּע געוועזענע צוקונפטיסטן".

[55] דעם 9טן מײַ 1939 האָט ז. מײַזנער אינפאָרמירט י. נ. שטיינבערגן: „מיר האָבן שוין אַן אייגענעם וואָכנבלאַט, אַפילו אַ באַשיידענעם (...) ענדלעך איז געקומען צו אַ שלום צווישן אונדז און ווילנע, אין נומער 4 גייט שוין דעם חבר טשערניכאָווס אַרטיקל אויפן ערשטן אָרט".

[56] מײַזנער צו שטיינבערגן, דעם 26סטן יולי 1939.

[57] דאָרט (שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

[58] דער פּיאָנער, נומ׳ 2, דעם 28סטן אַפּריל 1939.

[59] אייגנטלעך זײַנען זיי נאָך ניט געווען קיין „געוועזענע" בײַם גרינדן דעם „יוף".

[60] מ. קראַשניץ לעבט איצט אין חיפה און איז אַ ייִדישער שרײַבער; י. פעלדהענדלער (בלי שום ספק דער זעלביקער) איז דער פאַרוואַלטער פון דער שול־אָפּטיילונג בײַם ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין פוילן. אונטערן נאָמען „יצחק" טרעט משמעות אַרויס י. ראָזענבוים, וואָס האָט דעם 18טן מײַ 1939 געהאַלטן אין „יוף" אַ רעפעראַט א"ק „פּסיכאָ־

לאָגישע מאָמענטן אין אָרגאַניזאַציע. פון י. ראָזענבוימען האָט זיך אינעם פרײַלאַנד־אַרכיוו אָפּגעהיט אַ בריוו צו י. נ. שטיינבערגן (פון 23סטן יאַנואַר 1939), וואָס הייבט זיך אָן: „ליי־בער פרײַנד, ד״ר שטיינבערג! כ׳שיק אײַך אַרויס 10 עקזעמפּלאַרן פון מײַן בראָשור. איצט האָב איך נישט קיין ספקות וועגן דעם, אַז דער אינהאַלט וועט אײַך זײַן נאָענט. אפשר צו ראַדיקאַל, און דאַן וואָלטן מיר זיך לײַדער צעשיידט, אָבער נאָר אויף אַ צײַט״. פּונקט אין דער זעלבער צײַט איז אין וואַרשע אַרויס אַ בראָשור פון אײנעם משה זשולקאָווער, צי אַ ווענדפּונקט אין דער ייִדישער געשיכטע?! (16 ז״ז, אָן אַ דאַטע; דער אָבליגאַטאָרישער עק־זעמפּלאַר פאַר הער וואַרשעווער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק איז אָנגעקומען דעם 5טן יאַנואַר 1939 און געפינט זיך איצט אין דער ביבליאָטעק פונעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע). דאָס איז אַן אָריגינעלער, הגם ערטערווײַז נאַיִווער אַנאַליז פון אַנטיסעמיטיזם, מיט אַן אַב־סאָלוטער איבערצײַגונג, אַז ער איז אייביק בײַ אַלע רעזשימען, אַרײַנגערעכנט דעם סאָציאַ־ליסטישן. דער מחבר טרעט פּאַטעטיש אַרויס קעגן דעם טראַדיציאָנעלן ייִדישן בטחון און אתה־בחרתנו־שטימונג: „יעדעס מאָל האָבן מיר געהאַט אַ פרישן יציאת־מצרים, הײַנט זײַנען די אויסערלעכע באַדינגונגען פאַרשוווּנדן, הײַנט קענען מיר אויסוואַנדערן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין די ימים אַרײַן און אין בעסטן פאַל זיך אויסציִען אין די ׳צווישן־גרענעצן׳ אויף די ׳קיינעמס ערד׳, ווו שוין טויזנטער ייִדן וואַלגערן זיך אַרום. מיר מוזן געדענקען, אַז דער אונטערגאַנג פון ייִדישן פאָלק קאָן ווערן אַ געשעענער פאַקט דורך די הענט פון די אומות־העולם, און דער אויפבוי פון אונדז קאָן געשען נאָר דורך אונדז אַליין, דורך אונדזער ווילן, קאַמף און אייגנהײַטלעכקייט״. צום סוף שרײַבט דער מחבר: „...מיר זײַנען דאָ! מיר זײַנען אַ פאָלק! און נאָך וואָס פאַראַ פאָלק, נאָך צוויי און אַ האַלבן טויזנט יאָר פאַרפאָלגונגען, פּײַניקונגען, פאַרניכטונגען און וואַנדערונגען זענען מיר דאָ, [עס] בליט אונדזער קולטור, אונדזער ויסנשאַפט, [עס] שטאַרקט זיך אונדזער ווילן צו בלײַבן אַ פאָלק און דווקא אַ פאָלק מיט פעלקער גלײַך. (...) אויב אַ פאָלק פאַרזעצט אויף אַן אַלטע צעלעכערטע שיף מיטן נאָמען ׳דיאַספּאָראַ׳ אין מיטן צעשטורעמטן אָקעאַן, גיט פון זיך אַרויס די שענסטע גײַסטיקע און ווירטשאַפטלעכע פרוכטן, ווי פרוכטבאַר קען ווערן דער גײַסט און די ווירטשאַפט פון דאָזיקן פאָלק פאַרזעצט אויף ערד? אויף באָדן? קען דען דאָס ייִדישע פאָלק אויב אַזוי אונטערגיין? ניין און טויזנט מאָל ניין. אָבער פּאָרזיכטיק: דערצו איז נייטיק, אַז דער אַנטיסעמיטישער ליגנט זאָל ווערן אַן אמת: דאָס ייִדישע פאָלק מוז ווערן אַן אייגנהײַטלעכע מאַכט צום קאַמף פאַר אַ קאָנצענטרירט ווינקל פאַר 17 מיליאָן ברידער״. דער פאַרגלײַך מיט י. ראָזענבוימס בריוו צו י. נ. שטיינבערגן רופט אַרויס דעם חשד, אַז „משה זשולקאָווער״ איז געווען י. ראָזענבוימס פּסעוודאָנים. די בראָשור מאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ פולשטענדיק אינדיווידועלן, ספּאָנטאַנישן אויסבראָך, אָן שייכות מיט דער פרײַלאַנד־באַוועגונג, וואָס ווערט אין איר ניט דערמאָנט. (לויט דער אינפאָרמאַציע פון ד״ר מ. שעכטער האָט יצחק ראָזענבוים נאָך אין 1936 אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אַ בראָשור פון 96 זײַטן א״ק פּאָליטישע מעדיצין: לערע וועגן נשמה און ווילן, ערשטער טייל. ד״ר שעכטער כאַראַקטעריזירט זי: „אַ ווילדע זאַך, וואָס מיט טעריטאָריאַליזם האָט עס קיין שייכות ניט״).

61 ח[יים] ד[אָמב], ייִוואָ־בלעטער, באַנד 17, העפט 1, ז׳ 88.

62 דער פּיאָנער, נומ׳ 2, דעם 28סטן אַפּריל 1939.

63 דאָרט, נומ׳ 10, דעם 30סטן יוני 1939.

64 מחבר פונעם אַרטיקל „רעליגיעזער טעריטאָריאַליזם״, דער פּיאָנער נומ׳ 6, דעם 26סטן מײַ 1939.

65 באַריכט אין דער פּיאָנער, נומ׳ 1, דעם 21סטן אַפּריל 1939.

66 ז. מײַזנער צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 18טן אַפּריל 1939 (פרײַלאַנד־אַרכיוו).

67 דאָרט. פון וועמען מען האָט די סומע באַקומען איז ניט קלאָר.

68 מײַזנער צו שטײנבערגן, דעם 11טן יוני 1939; טשערניכאָוו צו שטײנבערגן, דעם 16טן יוני 1939.

69 דער פּיאָנער, נומ' 2, דעם 28סטן אַפּריל 1939.

70 מײַזנער צו שטײנבערגן, דעם 26סטן יולי 1939.

71 װעגן דעם פּג"ל למשל מ. ק־ץ (קראַשניץ), „דער באַרג־אַראָפּ פֿון 'החלוץ'", דער פּיאָנער, נומ' 3, דעם 5טן מײַ 1939. לױט זײַנע דאַטן איז די צאָל הכשרה־מיטגלידער געפֿאַלן אױף 90 פּראָצענט אין פֿאַרגלײַך מיט די יאָרן 1934־1935.

72 לױטן באַריכט אין דער פּיאָנער, נומ' 2, דעם 28סטן אַפּריל 1939.

73 אױף אַ בלאַנק פֿון דער װאַרשעװער אָפּטײלונג פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע, מיטן קײַלעכדיקן שטעמפּל: „ליגע פֿאַר טעריטאָריאַליסטישע קאָלאָניזאַציע 'פֿרײַלאַנד'. סאָציאַ־ליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער יונג־פֿרײַלאַנד. װאַרשע". געפֿינט זיך אין פֿרײַלאַנד־אַרכיװ.

74 פֿרײַלאַנד־אַרכיװ.

75 באַריכט אין דער פּיאָנער, נומ' 6, דעם 26סטן מײַ 1939.

76 באַריכט װעגן אײַנאָרדענען דעם פֿרײַלאַנד־קאָלעקטיװ אין דער לאַנדװירטשאַפֿטלעכער קאָלאָניע אין װילנע (לידער טראַקט נומ' 28), דער פּיאָנער, נומ' 7, דעם 2טן יוני 1939. די נעמען פֿון די קאָלאָניסטן זײַנען באַקאַנט אַ דאַנק דעם פּאָסטקאַרטל, װאָס מען האָט פֿון דער פֿערמע געשיקט צו י. נ. שטײנבערגן קײן פּאַריז בשעת עס האָבן זי באַזוכט צװײ פֿאָרשטײערס פֿון צ"ק פֿון „אָרט" (אינזש. ש. סאָליט און נאָך אײנער) צוזאַמען מיט יוסף און רחל טשערניכאָװ און אַ. סוצקעװערן, דעם 29סטן מײַ 1939 (ייִװאָ־אַרכיװ), מיט אַלעמענס חתימות. דער טעקסט פֿונעם פּאָסטקאַרטל (טשערניכאָװס כּתב) לײענט זיך: „טײַערער חבר שטײנבערג, מיר שרײַבן אײַך אַ גרוס פֿון אונדזער ליפּאָװקער קאָלאָניע. עס אַרבעטן איצט דאָ 15 פֿרײַלאַנדיסטן, װעלכע שיקן אײַך אַ האַרציקן גרוס און די בעסטע װוּנטשן. איר זײַט געקומען 'בכי טוב' און זאָל חברה שױן אַרױספֿאָרן צום ערשטן עקספּערימענט. פֿרײַנדשאַפֿט!"

77 צװײ פֿון זײ זײַנען געװען װאָלינער.

78 באַריכט אין דער פּיאָנער, נומ' 3, דעם 5טן מײַ 1939.

79 דער פּיאָנער, נומ' 7, דעם 2טן יוני 1939 (אָן אַן אונטערשריפֿט).

80 דאָרט, נומ' 8, דעם 9טן יוני 1939.

81 בריװ פֿון 16טן יוני 1939.

82 דער פּיאָנער, נומ' 8, דעם 9טן יוני 1939.

83 דאָרט, נומ' 10, דעם 30סטן יוני 1939.

84 דאָרט, זעלביקער נומער. — צו די אָנטײלנעמערס פֿון לאַנדװירטשאַפֿטלעכער אױס־שולונג דאַרף מען צורעכענען אױך דעם שפּאַרבער מיכאל אַסטורן, װאָס האָט זיך אין 1938/1939 געלערנט אין דער נאַציאָנאַלער לאַנדװירטשאַפֿטלעכער שול אין גרינײַאָן (הינטער װערסאַל, פֿראַנקרײַך), כּדי צו באַקומען דעם דיפּלאָם און קװאַליפֿיקאַציע פֿון לאַנדװירט־שאַפֿטלעכן אינזשעניר, און איז אין אױגוסט 1939 געװען אױף פּראַקטיק אין דער „אָרט"־פֿערמע אין נאָװאָסיאָלקי.

85 די פּאָעמע איז געװען געדרוקט אין אונדזער טאָג, דעם 10טן פֿעברואַר 1939, אין אַ ייִדישער איבערזעצונג פֿון מ. אַסטורן, װי דעם איבערזעצערס מתנה זײַנע חברים פֿון דער ערשטער װילנער שפּאַרבער־פּאַלאַנגע.

86 דער פּיאָנער, נומ' 11, דעם 14טן יולי 1939.

87 דאָרט, נומ' 12, דעם 30סטן יולי 1939.

88 „שעפּסנקװאַל" („פֿוענטע אָװעכונאַ") — די באַרימטע דראַמע פֿון לאָפּע דע װעגאַ װעגן העלדישן קאַמף פֿון אַ שפּאַנישן דאָרף קעגן אומגערעכטיקײט און אונטערדריקונג.

89 דער פּיאָנער, נומ' 13, דעם 15טן אױגוסט 1939.

[90] דאַרט, זעלביקער נומער.

[91] מײַזנער צו שטײנבערגן, דעם 26סטן יולי 1939.

[92] לויט דער פּיאָנער, נומ' 11, דעם 14טן יולי 1939: דער לאַגער וועט זײַן אַ גאַנץ גרויסער, מען רעכנט אויף 60 אָנטײלנעמער. איבער 30 ווילנער שפּאַרבערס האָבן פֿאַרבראַכט פֿולע דרײַ וואָכן אויפֿן לאַגער, און אין יעדן מאָמענט איז דאָרט געווען 15־20 שפּאַרבערס, וואָס האָבן געקאָנט פֿאַרברענגען פֿון אײנער ביז צוויי וואָכן.

[93] די שפּאַרבער־אַסאָציאַציע האָט זיך ניט אײן מאָל געהאַט געווענדט צום גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער ליגע מכוח אַרײַנטראָגן אין סטאַטוט נײַע פּונקטן אין דער דאָזיקער ריכטונג, אָבער דער ענטפֿער איז געווען, אַז דאָס איז פּונקט אַזוי שווער ווי צו לעגאַליזירן אַ סטאַטוט אויף דאָס נײַ.

[94] זען וועגן דעם דאָזיקן נײַ־געקויפֿטן „אָרט"־גוט דעם אַרטיקל פֿון י. טשערניכאָוו, „אויף ייִדישער ערד", אונדזער טאָג, דעם 21סטן יולי 1939.

[95] דער פּיאָנער, נומ' 1, דעם 21סטן אַפּריל, און נומ' 12, דעם 30סטן יולי 1939.

[96] דאָרט, נומ' 2, דעם 28סטן אַפּריל 1939.

[97] דאָרט, נומ' 1, דעם 21סטן אַפּריל 1939.

[98] י. טשערניכאָוו, „אויפֿן שײדוועג", אונדזער טאָג, דעם 21סטן אַפּריל 1939 (דער נומ' פֿון 14טן אַפּריל, מיט דער ערשטער העלפֿט פֿון טשערניכאָווס אַרטיקל, פֿעלט אין דער זאַמלונג פֿון ייִוואָ).

[99] אין אַן אַרטיקל אין אײנעם פֿון די פּרײַטיק־נומערן פֿון דער מאָמענט, אָנהײב 1938, וואָס פֿעלט אין דער קאָלעקציע פֿון ייִוואָ.

[100] דער מאָמענט (דאַטע ניט אָנגעגעבן) פּג"ל געיאָט, „ציוניזם און טעריטאָריאַליזם", דער פּיאָנער נומ' 1, דעם 21סטן אַפּריל 1939.

[101] פּג"ל בן־אַדירס ענטפֿער „ווי אַזוי מ'באַהאַנדלט בײַ אונדז פֿאָלקס־פּראָבלעמען...", דער פּיאָנער, נומ' 11 און 12 (דעם 14טן און 30סטן יולי 1939).

[102] אויפֿן שײדוועג, בוך צוויי, ז' 98; פּ"גל דאָרט, ז' 235.

[103] אונדזער מקור איז וו. אַלטערס באַריכט אין פֿאָלקסצײַטונג, אויספֿירלעך איבער־געגעבן און ציטירט אין י. טשערניכאָווס אַרטיקל „בלאָנדזשענדיקע ייִדישע שיפֿן... און ייִדישע געדאַנקען", אונדזער טאָג, דעם 28סטן יולי 1939.

[104] ניט געקוקט אויף וו. אַלטערס אָפּאָזיציע, האָט דער קאָנגרעס פֿאָרט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע ניט נאָר סתם קעגן אַנטיסעמיטיזם, נאָר אויך מיטן צוגאָב: „און גלײַכצײַטיק זאָל מען דערלײַכטערן די ייִדישע עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע לויט דער ווירטשאַפֿטלעכער אויפֿנעם־פֿעיִקייט פֿון לאַנד". עס זײַנען אַרויסגעפֿאַלן די ווערטער „אָדער אין אַנדערע לענדער" פֿון יאַרבלומס ערשטן פֿאָרשלאָג — אפֿשר ווי אַ הנחה אַלטערן. „צוליב דעם וועלן דער ה' יאַרבלום און אַנדערע ציוניסטן געוויס ניט רײַסן קיין קריעה" (י. טשערני־כאָוו, ציט' אַרטיקל).

[105] אַרויס פֿון דרוק אין דעצעמבער 1938 ווי אַ טײל פֿונעם צוגעגרייטן ערשטן באַנד פֿון י. טשערניכאָווס געזאַמלטע שריפֿטן זען נאָטיץ אין אונדזער טאָג פֿון 23סטן דעצעמבער 1938). דאָס בוך האָט כולל געווען די אַרטיקלען „צוויי אײַנשטעלונגען" (פֿרײַלאַנד נומ' 2), „קולטור און סאָלידאַרישקייט" (אונדזער טאָג, דעם 8טן אָקטאָבער 1937) און די אַרטיקלען־סעריע „פֿון דער זײַט (אויפֿן ראַנד פֿון דער פֿרײַנדלעכער דיסקוסיע צווישן שמעון דובנאָוו און הענריק ערליך)", אונדזער טאָג, דעם 5טן, 12טן, 19טן און 26סטן אויגוסט 1938. צום באַדויערן, האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן צו געפֿינען קיין אײן עקזעמפּלאַר פֿון אָט דעם בוך אין די אַמעריקאַנער ביבליאָטעקן.

[106] זען אויבן, קאַפּ' 5, ז' 268 און הערה 304.

[107] עמנואל שערער, „ווי אַזוי די איטאַ 'אינפֿאָרמירט' די ייִדישע פּרעסע", פֿאָרווערטס

פון 23סטן אָקטאָבער 1963; „די מעטאָדן פון 'איטאָ'", אונדזער צײַט, נומ' 11, נאָוועמבער 1963.

108 זען וועגן דעם נײַע שטימע, נומ' 2 (13), פעברואַר 1939, זז' 18־19.

109 „זיי רעדאַגירן יאָ, נאָר ס'ווענדט זיך וואָס..." א נאָטיץ אין דעם פּיאָנער, נומ' 13, דעם 15טן אויגוסט 1939.

110 י. ריגער (ראַפּאַפּאָרט), „דאָס הייסט שוין בײַ 'זיי' ערנסט און אָביעקטיוו..." דער פּיאָנער, נומ 12, דעם 30סטן יולי 1939.

111 פּסעוודאָנים פון ד. נײַמאַרק.

112 זען דעם אַרטיקל פון י. ריגער (ראַפּאַפּאָרט), אָנגערופן אין הערה 110.

113 „פרײַלאַנד אין דער תקופה פון פּאַרווירקלעכונג" האָט געהייסן דער רעפעראַט, וואָס י. טשערניכאָוו האָט געהאַלטן דעם 7טן יולי 1939 אין פרײַלאַנד־לאָקאַל אין וואַרשע. (באַריכט וועגן דעם העפעראַט אין דער פּיאָנער, נומ' 11, דעם 14טן יולי 1939, ז' 8).

114 אויף די ווײַטערדיקע זײַטלעך, אויב עס ווערט ניט אָנגערופן קיין אַנדער מקור, ווערן די פאַקטן איבערגעגעבן לויט י. נ. שטיינבערגס דערמאָנטע באַריכטבריוו (א זאַמלונג פון זיי איז דאָ אינעם פרײַלאַנד־אַרכיוו).

115 ד"ר שטיינבערגס ערשטער פאַרטרוילעכער באַריכט, דעם 1טן יוני 1939.

116 אויף דער קאָלירטער באַדן־קאַרטע פון דער דראַק־קאַנצעסיע, וואָס עס האָט אָנגעצייכנט דזש. פּ. מעלוויל, איז אויך אָנגעמערקט דער מאַרשרוט, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט די עקספּעדיציע. (דער אָריגינאַל פון דער קאַרטע — אין פרײַלאַנד־אַרכיוו). א ריי פאָטאָגראַפיעס, געמאַכט בעת דער עקספּעדיציע, געפינען זיך אינעם שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ). צוויי פון זיי זײַנען רעפּראָדוצירט אין שטיינבערג־בוך.

117 שטיינבערג האָט באַשריבן זײַן נסיעה אין בריוו צו דער לאָנדאָנער פרײַלאַנד־ליגע און א ביסל שפּעטער באַאַרבעט אינעם אַרטיקל „וואַרעמע גרוסן פון אויסטראַליע", איבערגעדרוקט אין זײַן בוך געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע (2טע אויסגאַבע) זז' 11־34. די ווײַטערדיקע קאַנדענסירטע ציטאַטן זײַנען גענומען פון דאָרטן, זז' 24־28.

118 די ייִדישע איבערזעצונג פונעם אַרטיקל איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דער פּיאָנער, נומ' 12, דעם 30סטן יולי 1939.

119 א מימעאָגראַפירטע קאָפּיע פונעם באַריכט — אינעם אַרכיוו פון יעקב לעווין.

120 א קאָפּיע פונעם מעמאָראַנדום — אין די אַדאָ שטיינבערג־מאַטעריאַלן פון פרײַלאַנד־אַרכיוו.

121 ציטירט אין שטיינבערגס בריוו נומ' 5 פון 27סטן יולי 1939.

122 דער שמועס מיטן פּרעמיער איז איבערגעגעבן אין שטיינבערגס בריוו נומ' 6 פון 24סטן אויגוסט 1939. אין דעם זעלבן בריוו דערמאָנט שטיינבערג די נעמען פון האַנדלס־מיניסטער האָק און אַרבעטס־מיניסטער גריי צווישן די פּערזאָנען, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אינדיווידועלע שמועסן.

123 בריוו נומ' 5 פון 27סטן יולי 1939.

124 א לאַנגער באַריכט וועגן דער פאַרזאַמלונג און שטיינבערגס רעדע — אין וועסט אַסטרייליען פון 21סטן יולי 1939.

125 וועסט אַסטרייליען פון 11טן אויגוסט 1939.

126 דער פּרעסע־באַריכט פון אַט דער פאַרזאַמלונג האָט זיך ניט אָפּגעהיט אין די מאַטעריאַלן, וואָס אַדאָ שטיינבערג האָט איבערגעלאָזט פאַרן פרײַלאַנד־אַרכיוו. מיר גיבן איבער פּייטאַנס ווערטער לויט א ציטאַט, וואָס י. נ. שטיינבערג האָט געבראַכט אין זײַן בריוו נומ' 6 פון 26סטן אויגוסט 1939.

127 דער געשפּרעך מיט קערטינען ווערט איבערגעגעבן אין שטיינבערגס בריוו נומ' 4 פון 8טן יולי 1939. אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ) געפינט זיך אגב א קאָפּיע פון מאַיאָר

קלעמענט אַטליס (דער בריטישער לייבאָר־לידער) בריוו צו דזשאָן קערטינען (פון 20סטן אַפּריל 1939) מיט דער בקשה אויפצונעמען שטיינבערגן און אויסצוהערן זײַנע פאָרשלאָגן.

[128] אויך דער אויסשניט פון וועסט אַסטרייליען פעלט אין פרײַלאַנד־אַרכיוו, און מיר האָבן ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו זוכן דעם שייכותדיקן נומער פון דער צײַטונג אָדער פונעם אָפיציעלן פאַרלאַמענטאַרישן פּראָטאָקאָלן־זשורנאַל („האַנסאַרד“). דער ווײַטערדיקער ציטאַט איז געמאַכט לויט דער נאָטיץ אין דזשוזש קראָניקל פון 25סטן אויגוסט 1939 (ווײַזט אויס, לויטן יִט״אַ־קאָמוניקאַט).

[129] דער ווײַטערדיקער ציטאַט פון לייטהעמס רעדע ווערט געבראַכט אין שטיינבערגס בריוו נומ׳ 6 פון 24סטן אויגוסט 1939.

[130] י. נ. שטיינבערגס בריוו נומ׳ 6 פון 24סטן אויגוסט 1939. דער ווײַטערדיקער באַריכט וועגן אַנדזשעלאָס רעדע ווערט געגעבן לויטן יִט״אַ־בולעטין פון 9טן סעפּטעמבער 1939 — מער ווי צוויי וואָכן נאָך דעם, ווי די רעדע איז געהאַלטן געוואָרן. אין דזשוזש קראָניקל האָט זיך דער דאָזיקער יִט״אַ־באַריכט באַוויזן דעם 15טן סעפּטעמבער.

[131] אין ריטשבאָראָ (ענגלאַנד) האָט זיך געפונען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשולונג־לאַגער פאַר יונגע יידישע פּליטים פון דײַטשלאַנד. דער שטאַט־סענאַטאָר אַנדזשעלאָ האָט זיך פאַררופן אויף דער דעבאַטע וועגן פּליטים אין בריטישן לאָרדנהויז, דעם 5טן יולי 1939, ווו לאָרד דערווענט און באַזונדערס לאָרד רעדינג האָבן געבראַכט פאַקטן וועגן דעם דערפאָלג פונעם ריטשבאָראָ־לאַגער. ער האָט דאָס געטאָן לויט דער עצה פון ד״ר שטיינבערגן (בריוו נומ׳ 6 פון 24סטן אויגוסט 1939).

[132] זען אויבן, זז׳ 284־286.

[133] וועסט אַסטרייליען, דעם 14טן אויגוסט 1939.

[134] די איבערזעצונג איז געמאַכט פונעם פולן טעקסט פון בריוו, וואָס דער לאַנד־מיניסטער ווײַז האָט איבערגעלייענט אין דער מערב־אויסטראַלישער לעגיסלאַטיוו־פאַר־זאַמלונג דעם 8טן נאָוועמבער 1939, אָפּגעדרוקט אינעם אָפיציעלן פּראָטאָקאָל מערב־אויס־טראַליע: פּאַרלאַמענטאַרישע דעבאַטן („האַנסאַרד“), ב׳ 104, 1939, זז׳ 1817־1818. דער פולער טעקסט פון בריוו איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן דער פּרעסע דעם 28סטן אויגוסט 1939. דער פּערטער קאָרעספּאָנדענט פון דער יִט״אַ האָט אים איבערגעשיקט צום לאָנדאָנער יִט״אַ־צענטער דעם 30סטן אויגוסט, אָבער די יִט״אַ, געטרײַ איר פּאָליטיק אָפּצוציִען ווי ווײַט מעגלעך די ידיעות, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער פרײַלאַנד־באַוועגונג, האָט עס צעשיקט איבער יידישע צײַטונגען ערשט מיט צוויי וואָכן שפּעטער, דעם 13טן סעפּטעמבער 1939. (דער מחבר פון אָט דער געשיכטע האָט באַקומען דעם פאָטאָסטאַט פון די שייכדיקע האַנסאַרד־זײַטן פון דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג פון מערב־אויסטראַליע).

[135] י. נ. שטיינבערג־אַרכיוו (יִוו״אָ). דער לאָנדאָנער סעקרעטאַריאַט האָט מיט לופטפּאָסט געשיקט קאָפּיעס פון דער טעלעגראַם צו די אָנגעשלאָסענע ליגעס. מײַזנער האָט צעשיקט קאָפּיעס צו די שטאַט־אָרגאַניזאַציעס. קיין ווילנע איז שטיינבערגס פריידיקער אָנזאָג געקומען דעם 1טן סעפּטעמבער 1939.

[136] יידיש אין דעם אָריגינאַל פון דער טעלעגראַם.

[137] צוליב געוויסע סיבות איז די קאָרעספּאָנדענץ אַרויס ערשט אין דזשוזש קראָניקל פון 17טן נאָוועמבער 1939.

[138] איבערגעזעצט לויטן טעקסט אין דעם אָקערשט דערמאָנטן אַרויסלאָז פון דזשוזש קראָניקל.

[139] זען הערה 30 צום קאַפּ׳ 5.

[140] מיר ציטירן די איבערזעצונג אין י. נ. שטיינבערג־בוך, זז׳ 394־396 (מיט קליינע סטיליסטישע שינויים).

[141] וול. זשאַבאָטינסקי האָט מגזם געווען די יורידישע שוועריקייטן צו געפינען אַ

גאַראַנטיע, אַז די ייִדישע קאָלאָניסטן זאָלן ניט פאַרלאָזן קימבערלי און אַריבערפאָרן אין די גרויסע שטעט פון דרום. ער אַליין זאָגט (ז' 397 פון דער דערמאָנטער ייִדישער איבער־זעצונג), אַז „די שטערונג איז דערמאָנט געוואָרן, אָן אויסנעם, אין אַלע גינציקע קאָמענטאַרן, סײַ געדרוקטע און סײַ אַרויסגעזאָגטע אין משך פון ד״ר שטיינבערגס קאָמפּאַניע: ניט ווי אַ שטערונג וואָס מען קאָן ניט בײַקומען, נאָר פּשוט ווי אַ שוועריקייט פון צווייט־ראַנגיקער וויכטיקייט״. אין דעם אָפיציעלן בריוו פון פּרעמיער ווילקאָק איז זי בכלל ניט געווען דער־מאָנט. זשאַבאָטינסקי איז געווען פּויפּסלעכער פּאַרן פּויפּס, טענהנדיק, אַז מען וואָלט זי בשום אופן ניט געקאָנט בײַקומען. דאָס דערקלערט זיך מיט זײַן פּרינציפּיעלער הנחה, אַז נאָר אַ סווערענע ייִדישע מלוכה קאָן לייזן די ייִדישע עמיגראַציע־פּראַגע. אינטערעסאַנט, אַז אַלע אַנדערע מניעות אויפן וועג פון קאָלאָניזאַציע אין קימבערלי האָט ער דווקא ניט געהאַלטן פּאַר אומבאַזיגלעך: „עס איז קיין ספק ניט, אַז עס וואָלטן אויפגעקומען אָן אַ שיעור שוועריקייטן, און עס וואָלטן זיך געפאָדערט אַסטראָנאָמישע הוצאות, פּונקט ווי אויף אַנדערע ענלעכע פּראָיעקטן. נאָר אַזעלכע שוועריקייטן זײַנען ניט אויסצומײַדן, אַזוי לאַנג ווי די צוגעפּאַסטע טעריטאָריע איז מחוץ פון פּאַלעסטינע. און אַלע אַזעלכע מכשולים אין דער קאָלאָניזאַציע וועט מען אָן ספק בײַקומען אין דער מער אָדער ווייניקער ווײַטער צוקונפט״. (צי האָט זשאַבאָטינסקי געוואָלט זאָגן, אַז דער אויפבוי פון פּאַלעסטינע פאָדערט ניט קיין אַסטראָנאָמישע הוצאות?!...)

הערות צום קאַפּיטל זיבן

[1] די קורצע ייִט״א־טעלעגראַם וועגן דעם באַשלוס פון דער מערבֿ־אויסטראַלישער רעגירונג איז אָנגעקומען און איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין אונדזער טאָג (אונטערן רעדאַקציע־קעפּל „אַ גוטע בשורה אין שווערע צײַטן״) ערשט מיט צען אָדער פֿערצן טעג שפּעטער (די סעפּטעמבער־נומערן פון דער צײַטונג זײַנען שוין קיין אַמעריקע ניט אָנגעקומען). אין אויפֿן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1945, ז׳ 10, האָט דער גראַטעוועטער נ[אַטאַן] וו[אָל] געשריבן אין דעם ערשטן בריוו פון אַזאַ מין, וואָס איז געקומען פון באַפֿרײַטן פּוילן: „אײַער ידיעה וועגן דער טעריטאָריע אין קימבערלי האָבן מיר דערהאַלטן דאָ אַ וואָך פֿאַרן קריג־אויסברוך [פּאַקטיש בלויז מיט צוויי טעג פֿריִער] און האָבן צוגעגרייט מאַטעריאַל כדי אויפֿצורופֿן אַ גרויסן מיטינג, אויף וועלכן מיר האָבן געוואָלט באַקאַנט מאַכן דעם גרויסן עולם מיט דעם פּלאַן און דער קינפֿטיקער מעגלעכקייט פון עמיגראַציע קיין אויסטראַליע. אָבער דער אויסבראָך פון קריג האָט געשטערט דעם מיטינג. אַזוי אַרום האָט אײַער אַרבעט, וואָס האָט געקאָנט האָבן אַזעלכע גרויסע רעזולטאַטן, נישט געקענט אַפֿילו מיטגעטיילט ווערן צו די מאַסן ייִדן, וועלכע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער מעגלעכקייט״.

[2] טשערניכאָוו צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 16טן יוני 1939; מײַזנער צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 12טן אויגוסט 1939.

[3] פון זיי דאַרף מען באַזונדער פֿאַרצייכענען ירחמיאל (פּיקע) באַסטאָמסקין און כאַצקל לעווינען.

[4] די דאָזיקע אינפֿאָרמאַציע האָט זי, לויט אַלע משמעות, באַקומען פון אַ שפּאַרבערישן איבערלויפֿער, דעם געוועזענעם מיטגייער פון קאָמוניזם יצחק ליפּשיץ, וואָס לויט דער איראָניע פון גורל איז ער שפּעטער אומגעקומען אין אַ סאָוועטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער (וועגן דעם — לייזער ראַן, אַש פון ווילנער געטאָ, ז׳ 21).

[5] שפּעטער האָט זיך אַסטורן אײַנגעגעבן פעסטצושטעלן, אַז דאָס איז געווען סאָקאָלאָוו, דעמאָלט דער פֿאַרטרעטער פונעם נקוו״ד־שעף פֿאַר דער ווילנער געגנט און שפּעטער — שעף פון דער ווילייקער געגנטלעכער נקוו״ד־פֿאַרוואַלטונג.

[6] עס האָבן זיך באַטייליקט: אַסטור, ברעסטאָוויצקי, פרענקעל, גערשאַטער און די חברטעס קלעזשאַנסקי און שלאָם.

[7] שוין אין דער ווילייקער תפֿיסה איז קלאָר געוואָרן, אַז טשערניכאָוון האָט מען אַרעסטירט צוזאַמען מיט זלמן רייזענען און זײַן זון שאולן לויט אַ מסירה, וואָס איינער אַ ווילנער ייִדישער קאָמוניסט האָט דערלאַנגט קעגן דער צײַטונג אונדזער טאָג, וואָס ער האָט באַשולדיקט אין קאָנטררעוואָלוציע, ייִדישן נאַציאָנאַליזם, טעריטאָריאַליזם און אַנטיסאָוועטישקייט. אויף אַסטורן איז אַפֿילו ניט געווען אויסגעשריבן קיין אָרדער אויף אַרעסט; אים האָט דער קאָמאַנדיר פונעם סאָוועטישן פּאַטרול פֿאַרהאַלטן לויט זײַן אייגענער איניציאַטיוו, ווײַל עס זײַנען אים אויסגעקומען חשוד די רוסישע בריוו, וואָס אַסטור האָט געשריבן פון

פראַנקרײַך צו זײַנע עלטערן און וואָס אַסטורס מוטער האָט פאַרגעסן צו פאַרניכטן נאָכן אַרײַנגאַנג פון דער סאָוועטישער מאַכט. די דאָזיקע בריוו, וואָס זײַנען געווען פול מיט פרײַלאַנדיסטישע ענינים, האָבן געדינט ווי די אייניציקע מאַטעריאַלן, וואָס די נקוו״ד האָט געהאַט וועגן אַסטורן.

[8] צווישן די אַרעסטירטע ייִדן זײַנען געווען: די בונדישע אָנפירערס אַנאַ ראָזענטאַל, יוסף אַראָנאָוויטש, יוסף טייטעל און יאַנקל זשעלעזניקאָוו; דער פראָפּפאַראייניקער טוער חיים וואַלט, אַ געוו׳ עס־ער; דער ציוניסט ד״ר פרידמאַן; דער רעוויזיאָניסט ד״ר צימבלער (ניט צוליב רעוויזיאָניזם, נאָר פאַר כלומרשט האָבן דעזערטירט פון דער רויטער אַרמיי אין 1918); דער רעדאַקטאָר פון דער צײַט ציגצינאַטוס; דער רעפּערענט פאַר ייִדישע ענינים און צענזאָר וואָלך; דרײַ מענטשן פון דער ראַדיאָ־פאַבריק „עלעקטריט״; דער מיטאייגנטימער לעווין, דער יוריסקאָנסולט זאַקס און דער מײַסטער ווידוטשאַנסקי; די יונגע טראָצקיסטן רײַבער און טאָפּעל, און עטלעכע צופעליק אַרײַנגעפאַלענע. פון די ציוניסטישע און פּועלי־ציוניסטישע פירערס און פון דער בונדישער און ציוניסטישער יוגנט פון אַלע שאַטירונגען האָט קיינער ניט געליטן.

[9] אַסטור איז קיין מאָל ניט געווען קיין „אָנפירער״ פון „בין״ און מען האָט אים פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אויסגעשלאָסן, ווען ער איז אַלט געווען בסך־הכל 15 יאָר. מען האָט אים צוגעשריבן צום רומל אויך די „בין״, ווײַל אין זײַן שרײַבטיש האָט מען געפונען אַ פאָר אָפּגעריסענע זײַטלעך פון פאַר זיבן יאָר, ווו די „בין״ איז געווען דערמאָנט.

[10] אַ סך אַנדערע אָנטיילנעמערס פון אָט דעם מאַקאַברישן מאַרש זײַנען געבליבן בײַם לעבן, און אַלע האָבן זיי געגעבן די זעלבע גביות־עדות וועגן טשערניכאָווס אומקום.

[11] אַ סאָוועטישער מקור וואָלט ניט באַנוצט דעם טערמין „גאַליציע״, נאָר „מערב־אוקראַינע״, ער וואָלט בשום אופן ניט גערעדט וועגן „ייִדנטום״, נאָר אין בעסטן פאַל וועגן „ייִדישע אַרבעטנדיקע״, ער וואָלט זיך קיין מאָל ניט מודה געווען, אַז די בויונג פון ביראָ־בידזשאַן (אָדער פון וועלכן עס איז אַנדער סאָוועטישן אָביעקט) אַנטוויקלט זיך ניט גענוג גוט, ער וואָלט ניט געשטעלט לגנאַי די סאָוועטישע ייִדן, אַז זיי פאָרן ניט אין אַ גענוג גרויסער צאָל קיין ביראָבידזשאַן, ער וואָלט ניט באַנוצט דעם נאָמען פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן (ווי דאָס איז אָנגענומען אין אויסלאַנד) פאַר דער גאַנצער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

[12] אַ גענויער צוזאַמענשטעל פון ידיעות וועגן אָט דעם פאָגראָם ווערט געבראַכט אין: לייזער ראַן, אַש פון ווילנער געטאָ, זז׳ 267־301.

[13] בריוו פון ז. מײַזנער צו י. נ. שטיינבערגן פון 2טן אַפּריל 1940; מ. אַסטור, „לייזער וואָלף״, אויפן שוועל, אָקט׳־נאָוו׳ 1960.

[14] פון 20סטן נאָוועמבער און 9טן־12טן דעצעמבער 1940, פון 21סטן יאַנואַר און 2טן אַפּריל 1940. וועגן דער פרײַלאַנד־גרופּע אין ווילנע אונטער די ליטווינער האָט אויך זייער קורץ דערמאָנט י. ראַפּאָפּאָרט אין זײַן אַרטיקל „זלמן מײַזנער״, אויפן שוועל, יאַנ׳־פעבר׳ 1947.

[15] קאָרעספּאָנדענץ פון ליטע אין פאָרווערטס, דעם 8טן נאָוועמבער 1939 (איבערגע־דרוקט אין לייזער ראַן, אַש פון ווילנער געטאָ, ז׳ 275); מײַזנערס בריוו צו י. נ. שטיינ־בערגן פון 9טן־12טן דעצעמבער 1939; רחל טשערניכאָווס בריוו צו אַדאַ שטיינבערג פון 4טן דעצעמבער 1939 (אין וועלכן זי בעט, די ענגלישע פרײַנד פון „פרײַלאַנד״ זאָלן מאַכן באַמיִונגען צו באַפרײַען איר מאַן און זון דורך דער ליטווישער רעגירונג אין קאָוונע).

[16] מײַזנער צו שטיינבערגן, דעם 2טן אַפּריל 1940.

[17] די דאָזיקע קאָרגע פאַקטן וועגן דעם לעצטע פעריאָד פון „שפּאַרבער״ איז אַלץ, וואָס דער מחבר האָט באַוויזן צו דערגיין, מיט אַ סך יאָר שפּעטער, בײַ די געראַטעווטע ווילנער חבֿרטעס ריקלע פראַנקפורט און ליבע שלאָם און פון יעקב שטיימאַנען, וואָס איז אין 1939

אַריבער אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, אָבער זיך דורכגעשריבן מיט די ווילנער חברים ביז יוני 1941.

18 מען קאָן משער זײַן, אַז אין די איבערגאַנג־טעג איז די פערמע צעראַבירט געוואָרן דורך די אַרומיקע פויערים.

19 געהערט פון זײַן יינגערן ברודער אין וואַרשע, 1957.

20 זייער טעלעגראַם פון שאַנכײַ צו י. נ. שטיינבערגן קיין אויסטראַליע מכוח העלפן זיי מיט וויזעס האָט זיך אָפּגעהיט אין שטיינבערגס אַרכיוו. זיי האָבן גערעכנט, אַז מײַזנער וועט אויך אין גיכן אָנקומען קיין שאַנכײַ, אָבער ער האָט דאָס שוין ניט באַוויזן צו טאָן. זען י. ראַפּאָפּאָרט, „זלמן מײַזנער“, אויפן שוועל, יאַנ־פעבר׳ 1947.

21 זעליק קלמנאָוויטש האָט אין זײַן „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ“ פאַרצייכנט, אַז מײַזנער איז „געווען אַרעסטירט פון דער נקוו״ד פאַר דעם חטא פון עמיגראַציע“ (ייוואָ־בלעטער, ב׳ 35, 1951, ז׳ 22). דערצו האָט די רעדאַקציע געגעבן אַזאַ, מ׳שטיינס געזאָגט, דערקלערונג: „זלמן מײַזנער איז פון וואַרשע געלאָפן קיין ווילנע. אין דעם איז באַשטאַנען זײַן ׳חטא פון עמיגראַציע׳“. דאָס באַווײַזט, אַז די רעדאַקציע פון ייוואָ־בלעטער האָט ניט געהאַלטן פאַר נייטיק זיך צו באַקענען מיט ראַפּאָפּאָרטס און קאַטשערגינסקיס מאַטעריאַלן וועגן מײַזנערן, אַן איבערגעגעבענעם טויער פון ייוואָ, כאָטש ביידנס אינפאָרמאַציעס זײַנען אַרויס מיט פיר יאָר פאַרן אָפּדרוקן קלמנאָוויטשעס טאָגבוך.

22 ש. קאַטשערגינסקי, חורבן ווילנע, ז׳ 201, האָט געשריבן: „אין מײַ 1941 ווערט מ[ײַזנער] אַרעסטירט דורך די סאָוועטן אונטער דער שולד אַז מײַזנער האָט געזאָלט אויף געפעלשטע דאָקומענטן אַרויספאָרן פון ר״פ. ווען די באָלשעוויקעס טרעטן אָפּ פון ווילנע, בלײַבט מ[ײַזנער] זיצן אין לוקישקער תפיסה, פון וואַנען ער ווערט דערנאָך אַוועקגעפירט אויף פאָנאַר“. דאָס לעצטע איז ניט ריכטיק. ז. קלמנאָוויטש שרײַבט אינעם פריִער דערמאָנטן אָרט, אַז מײַזנער איז געקומען אין זײַן דירה אָנהייב יולי, נאָכן אַנטלויפן פונעם פאַרלאָזטן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן, און איז בײַ אים פאַרבליבן במשך די נאָענטסטע טעג אָדער וואָכן. ער דערמאָנט אָבער ניט, ווען און ווי אַזוי מײַזנער איז אומגעקומען. די ליטווינערין אַנאַ שומײַטע, אַ נאָענטער פרײַנד פון דער גרופע „פרייע שריפטן“, האָט אין איר בריוו, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1945, זז׳ 7־8, געשריבן: „די דײַטשן האָבן פאַר־ענדיקט זײַן [מײַזנערס] לעבן אָנפאַנג יולי 1941“.

23 וועגן ליכטשטיינען פג״ל אַנאַ שומײַטעס ציטירטן בריוו און קאַטשערגינסקיס חורבן ווילנע, ז׳ 199 (פאַר עובר זײַן דעם דײַטשן געזעץ, אַז יידן איז פאַרבאָטן צו גיין אויף טראָטואַרן). וועגן מיכעלעסן און קאָוואַרסקין האָט דעם מחבר אינפאָרמירט ריקלע פראַנקפורט.

24 וועגן דעם באַשטאַנד פון ערשטן יידנראַט און דעם אופן, ווי אַזוי מען האָט געקליבן זײַנע מיטגלידער, פג״ל אַ. סוצקעווער, פון ווילנער געטאָ (מאָסקווע, 1946), ז׳ 11; קאַטשער־גינסקי, דצ״וו, ז׳ 29.

25 סוצקעווער, דצ״וו, זז׳ 35 א״וו; קאַטשערגינסקי, דצ״וו, ז׳ 251.

26 קאַטשערגינסקי, ז׳ 238; ד״ר אַ. ליבאָ, אין בלעטער וועגן ווילנע (לאָדזש 1947), ז׳ 16.

27 אַ. אײַזען, „די גרופע ׳פרײַע שריפטן׳ אין ווילנער געטאָ“, אויפן שוועל, 1947, נומ׳ 7־8, 9־10; 1948, נומ׳ 1־2, 3־4, 5־6, 7־8. וועגן שפּעטערדיקע פאַרצייכענונגען אין טעקסט געראַטעוועטע חברטעס פראַנקפורט און שלאָום. די ווײַטערדיקע פאַרצייכענונגען אין טעקסט זײַנען געמאַכט אויפן סמך פון די רשימות אין קאַטשערגינסקיס בוך און אין אַנדערע מקורים.

28 אַלע דרײַ האָבן נאָך דער מלחמה חתונה געהאַט און וווינען איצט אין תל־אָביב, מאָנטרעאָל און מאָנטעווידעאָ.

29 זען לייזער ראַן, הקדמה צו לייזער וואָלף, לידער (ניו־יאָרק 1955), ז׳ 23.

30 דערמאָנט בײַ ל. קאָריסקי, אין בלעטער וועגן ווילנע, ז׳ 60.

[31] איבערגעגעבן דורך יעקב שטיימאַנען אויפן סמך פון בריוו פון די וואַרשעווער שפּאַרבערס, וואָס ער האָט באַקומען ביז דער דײַטש־סאָוועטישער מלחמה.

[32] ע. רינגעלבלום, נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ, ז׳ 10.

[33] ג. הויז צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 1טן יולי 1940.

[34] פאַרעפנטלעכט אין בלעטער פאַר געשיכטע, באַנד 1, העפט 3־4, ז׳ 202.

[35] עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דער זעלביקער צײַט האָט הלל צייטלינס זון, דער פּאָעט און פּובליציסט אַהרן צייטלין, געפירט אַ פאַרביסענעם פּאָלעמישן קאַמף מיטן טעריטאָריאַליזם, האַלטנדיק זיך אי בעת מעשה, אי שפּעטער פאַרן חסיד און יורש פון זײַן פאָטער. אויף דער דאָזיקער סתירה האָבן אָנגעוויזן אליהו שולמאַן אין אויפן שוועל, נאָוו־דעצ׳ 1947, ז׳ 16 און מאַרץ־אַפּריל 1949, ז׳ 19, און דער מחבר אין פרײַלאַנד, נומ׳ 4 (32), 1959, ז׳ 15.

[36] פ״גל וואָלס בריוו אין אויפן שוועל, סעפּט־אָקט׳ 1945, ז׳ 10 (אָפּגעדרוקט אונטער די ראשי־תיבות נ. וו.) און פּראָטאָקאָלן פון דער פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע פאַרן 11 סעפּטעמבער 1945; דינה ראָזענבעס׳ בריוו אין אויפן שוועל, פעבר־מאַרץ 1946, זז׳ 11־12.

[37] לויט קלאַנגען איז ער נאָך אין 1958 געווען אין פּוילן.

[38] וועגן אליהו גומענערן, דעם פּאָרזיצער פון דער פרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציע אין נאָוואָ־רעדאָק, און זײַן אומקום, פּג״ל ס. נוטקעוויטש, אויפן שוועל, יוני־יולי 1947, ז׳ 12.

[39] קאָפּיע אין י. נ. שטיינבערג־אַרכיוו, ייוואָ.

[40] יעקב לעשטשינסקי, „בן־אַדיר״, אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, ב׳ 5, שפּ׳ 511.

[41] פאַרן געשיכטלעכן יום־הדין, ז׳ 4.

[42] דצ״וו, ז׳ 5.

[43] ז׳ 12.

[44] ז׳ 13 א״וו.

[45] זז׳ 37 א״וו, זז׳ 42 א״וו.

[46] זז׳ 44 א״וו, 47 א״וו.

[47] זז׳ 52 א״וו.

[48] זז׳ 55 א״וו.

[49] ז׳ 58 (מיט אַ רעפערענץ אויפן מקור).

[50] זז׳ 62־68.

[51] זז׳ 69 א״וו.

[52] ז׳ 71.

[53] ז׳ 73.

[54] זז׳ 74־75.

[55] זז׳ 75־78.

[56] זז׳ 78־79.

[57] זז׳ 79־80.

[58] זז׳ 81־82.

[59] זז׳ 84־86.

[60] ז׳ 89.

[61] ז׳ 90.

[62] ז׳ 91.

[63] זז׳ 92־94.

[64] אילוסטרירטע וועלט, נומ׳ 3, דעם 20סטן מאַרץ 1940.

[65] זז׳ 97 א״וו.

[66] זז׳ 110־112.

67 זז' 119־120.

68 לויט דער אינפאָרמאַציע פון ד״ר ב. ראַפּטשינסקי (אַמסטערדאַם).

69 אירמאַ קאָנפער, „אַ שמועס מיט אַלפרעד דעבלין", נאָך פשעגלאָד, דעם 29סטן מײַ 1938 (פאָטאָסטאַט צוגעשטעלט דורך לוי הוגע, וואָס אַרבעט איבער אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דעבלינען); רעזומירט אין אונדזער טאָג פון 10טן יוני 1938.

70 לויט דער אינפאָרמאַציע פונעם אויבן דערמאָנטן לוי הוגע.

71 י. נ. שטיינבערג צו בן־אַדירן, דעם 5טן מײַ 1940.

72 **A New Land For Jews. The Policy of the Freeland League for Jewish Territorial Colonisation.** Pamphlet № 4. London, February 1940.

73 לויטן בולעטין וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין לאָנדאָן פונעם 11טן דעצעמבער 1939 איז דער פראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט באַשטאַנען פון דזש. ר. פיליפּס (פאָרזיצער), פּאַטעליאַכאָוו און אַדאַ שטיינבערג; הויז איז געווען קאָאָפּטירט ווי דער רעדאַקטאָר פון בולעטינען. חוץ הויזן האָט זיך אין לאָנדאָן געפונען אַן אַנדער יונגער וואַרשעווער פרײַלאַנדיסט, ה. ספּיוואַק, וואָס איז אַהין געקומען סאַמע אָנהייב 1939.

74 בולעטין נומ' 3 (יאַנואַר 1940); אַהרן שטיינבערג צו בן־אַדירן (אַפּריל 1940); ג. הויז צו י. נ. שטיינבערגן פון 9טן אַפּריל, 21סטן מײַ און 7טן יוני 1940.

75 בולעטין נומ' 3 (יאַנואַר 1940) און נומ' 6 (אַפּריל 1940) (די נומערן 4, 5 און 7 האָבן זיך ניט אָפּגעהיט).

76 דעם 8טן פעברואַר 1940 איז קעסלער אַרויסגעטראָטן אויפן סימפּאָזיום פונעם ניו־יאָרקער דזשוּיִש פאָרום אד״ט „די טעריטאָריאַלע לייזונג פון דער ייִדישער פּראָבלעם".

77 נעקראָלאָג אין אויפן שוועל, פעברואַר 1944.

78 באַריכט אין אַסטרייליען דזשוּיִש פאָרום, נומ' 5 (יוני־יולי 1941), זז' 12־14. אינעם זעלביקן נומער איז אויך איבערגעדרוקט פון אַט דעם בולעטין דער אַרטיקל „פּויליש־ייִדישע באַציִונגען" (אָן אַן אונטערשריפט, אָבער געוויס געשריבן פון ג. הויזן).

79 G. Haus, **Jews and the Post-War World.** 14 pp.

80 לויט דער בראָשור נומ' 4 (אויבן, הערה 72) זײַנען אינעם קאָנסולטאַטיוון ראָט אַרײַנגעגאַנגען: סער ראָבערט וואָלי קאָהען; לייטענאַנט־קאָלאָנעל סטענלי קאָהען (געוו' באַאַמטער פונעם אימיגראַציע־אָפּטייל בײַם בריטישן קאָלאָניעס־מיניסטעריום); פיליפּ נאָעל (טוער פון „אַדהאַמס פרעס", וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם דיילי העראַלד, הויפּטאָרגאַן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי); האָנ' מר״ס ה. פראַנקלין; טשאַרלז סעבאַג מאָנטעפיאָרע; ד״ר מ. ס. נייטן (ערן־נאָמן פון דער וועלט־פרײַלאַנד־ליגע); דזשאָזעף פּאָליצער; ד״ר י. נ. שטיינבערג (ערן־סעקרעטאָר פון דער וועלט־פרײַלאַנד־ליגע).

81 טעלעגראַם פון יוּט״אָ, ציטירט אין אַדאַ שטיינבערגס בריוו צו בן־אַדירן פון 17טן מאַרץ 1941, מיט דער באַמערקונג: „ס'איז וויכטיק ניט וועגן מענזיס, ווײַל וועגן זײַן סימפּאַטיע האָבן מיר שוין געוווּסט, נאָר וועגן אונדזערע יהודים אין לאָנדאָן".

82 זע קאַפּ' 6, הערה 34.

83 זע קאַפּ' 6, הערה 33.

84 בריוו פונעם פאַרבאַנד פון האָלענדישע ייִדן צו הערוואַלדן לויטן אַדרעס פון „יוּט״אָ" פון 21סטן סעפּטעמבער 1944.

85 גרויסע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע, ערשטע אויסגאַבע, ב' 35, שפּ' 294.

86 דאָרט.

87 אין אַ שמועס מיטן מחבר אין ניו־יאָרק, דעם 22סטן פעברואַר 1964.

88 געוו' סאָוועטישער אויסלאַנד־מיניסטער (ביז 1939) און אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן (1941־1943), אין יענער צײַט אַן אָנגעזעענער באַאַמטער אינעם מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע ענינים (אַ ייִד).

89 אַ. סוצקעווער, „מיט שלמה מיכאָעלס", די גאָלדענע קייט נומ' 43, 1962, ז' 159.

[90] יוסף רובינשטיין, אין זײַן מעמואַריסטישער פּאָעמע מגילת רוסלאַנד (ניו־יאָרק 1960) האָט אַ קאַפּיטל „קרים" (זז' 215־217), ווו דער גאַנצער „קרימער ענין" איז דראַמאַטיש קאָנצענטרירט אין איין טאָג בעתן פּלענום פונעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט (לויט דעם דיכטערס הערה איז דאָס דער דריטער פּלענום, אין אַפּריל 1944). רובינשטיין באַשרײַבט די באַגײַסטערטע הערוואָרטונגען פון קושנירעוו, בערגעלסאָנען, מאַרקישן, קוויטקאָן, שכנא עפּשטיינען און אַנדערע דעלעגאַטן, אַז באַלד וועט אָנקומען די רעגירונג־הסכמה אויף פאַר־וואַנדלען קרים אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער רעפּובליק. אַנשטאָט דעם קומט אָבער ערענבורג און מעלדט אין סטאַלינס נאָמען, אַז די קלאַנגען וועגן דעם פּראָיעקט האָבן ניט קיין שום ממשות. דער פאַרזאַמלטער עולם איז טיף דערשיטערט, און שכנא עפּשטיין, דער פּאַרזיצער, שרײַט אַפילו אויס זײַן פּראָטעסט: סטײַטש, נאָך אַזעלכע שווערע לײַדן זאָל אַלץ בלײַבן ווי געווען, אָן אַ ברעקעלע באַצאָלט?! — אין דער אמתן האָט זיך די „קרימער אַפּערע" געצויגן אַ סך לענגער, האָט ניט געהאַט אַזאַ דראַמאַטישן סוף, און מען קאָן חושד זײַן, אַז זי האָט זיך אָנגעהויבן ערשט נאָכן דריטן פּלענום. רובינשטיינס באַשרײַבונג איז אָבער אינטער־רעסאַנט ווי אַ שילדערונג פון די שטימונגען אינעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. אין אַ לענגערן בריוו (פון 7טן אַפּריל 1964), וואָס אין אים האָט יוסף רובינשטיין, לויט דעם מחברס בקשה, דערציילט וואָס ער געדענקט וועגן דער „קרימער אַפּערע", האָט ער געשריבן וועגן דער „פרײדיקער אויפרעגונג פון די ייִדישע מענטשן אין יענע טעג אין אָנגעזיכט פון דעם גרויסן חורבן. עפּעס אַ מין גאולה־פיבער, אַ מין משיחיזם. (...) קרים איז געווען אַ מין שבתי־צבי־אילוזיע (...)".

[91] י. ב. זאַלצבערג האָט באַשריבן די באַגעגעניש אין קאַנאַדער וואָכנבלאַט און אין ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער מאָרגן־פרײַהייט פון 12טן אָקטאָבער 1956. מיר ברענגען דעם טייל לויטן איבערדרוק אין סאָלאָמאָן שוואַרצעס אַרטיקל „די ייִדן אין סאָוועט־רוסלאַנד (איבערזיכט פאַרן יאָר 1956)", די צוקונפט, פעברואַר 1957, ז' 53.

[92] מען פאַרגעסט געוויינטלעך, אַז ביראָבידזשאַן געפינט זיך אין דער גרענעץ־זאָנע, וואָס לויט סאָוועטישע געזעצן טאָר דאָרט קיינער ניט אַרײַנפאָרן אָן אַ ספּעציעלער דער־לויבעניש פון הויכע מלוכה־אינסטאַנצן, און אַז די גאַנצע טעריטאָריע פונעם ווײַטן מיזרח, פון דער אָזערע בײַקאַל אָן, איז אונטערגעוואָרפן אַ ספּעציעלן רעזשים פון זיכערקייט. פשוט פאָרן קיין ביראָבידזשאַן, ווי פון איין רוסישער שטאָט אין אַן אַנדערער, איז ניט געווען מעגלעך. די סאָוועטישע אינפאָרמאַציע־אָרגאַנען האָבן אויך אין 1937 און שפּעטער פון צײַט צו צײַט אַרויסגעגעבן קאָמוניקאַטן וועגן דער צאָל איבערוואַנדערערס קיין ביראָ־בידזשאַן, אָבער בײַם וואָרט „איבערוואַנדערערס" פעלט שוין דער אַדיעקטיוו „ייִדישע". אין אויסלאַנד האָט מען נאָװו געמיינט, אַז ווי באַלד ביראָבידזשאַן רעכנט זיך אַ ייִדישע אויטאָ־נאָמע געגנט, איז דער ייִדישער כאַראַקטער פון די איבערוואַנדערערס קלאָר פון זיך אַליין. אין דער אמתן האָט די סאָוועטישע רעגירונג די גאַנצע צײַט געשיקט אַהין אַ סך מער רוסן און אוקראַינער ווי ייִדן, און נאָכן יאָר 1937 אי זאַהין געפאָרן נאָר אַ ניט־ייִדישער עלעמענט.

[93] אייניקייט (וואָכן־צײַטונג פונעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט) פון 1טן יאַנואַר 1947.

[94] אַזוי פיל טעג איז געגאַנגען דער עשעלאָן, וואָס מיט אים איז קיין ביראָבידזשאַן געקומען אויף אַ באַזוך דער נסתר; זען ישראל עמיאָט „דער נסתר אין ביראָבידזשאַן", די גאָלדענע קייט, נומ' 43, 1962, ז' 78.

[95] די דאָזיקע ציפערן ברענגט ישראל עמיאָט (וואָס האָט געוווינט אין ביראָבידזשאַן פון 1944 ביז 1948 און גוט געקענט די באַדינגונגען) אין זײַן אַרטיקל אין פאָרווערטס, דעם 13טן אויגוסט 1958. אין זײַן בוך דער ביראָבידזשאַנער ענין (ראָטשעסטער, נ"י, 1960), ז' 11, שרײַבט עמיאָט אַפילו, אַז אין 1947־48 איז קיין ביראָבידזשאַן אָנגעקומען אַ צען טויזנט ייִדישע פאַמיליעס פון אוקראַינע", אָבער דאָס וואָלט געווען אַ סך מער ווי 17,000 נפשות.

[96] אייניקייט פון 30סטן אויגוסט 1947 (איבערגעדרוקט אין יידישע קולטור, דעצעמבער 1963, זז׳ 35־40). חוץ דעם האָט דער נסתר פאַרעפנטלעכט אַן עסיי „מיט איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן" אין אַלמאַנאַך היימלאַנד (מאָסקווע 1947), איבערגעדרוקט אין דעם נסתרס באַנד דערציילונגען און עסייען (איקוף־פאַרלאַג, נ״י 1957), זז׳ 257־278.

[97] מיט אַ זעלטענער מוטיקייט האָט דאָ דער נסתר קלאָר מרמז געווען, אַז דער דראַנג קיין ביראָבידזשאַן איז אַ דערשיינונג פון דעם זעלבן מין, וואָס די ציוניסטישע און טעריטאָ־ריאַליסטישע שטרעבונגען צווישן די יידישע מאַסן פון דער ניט־סאָוועטישער וועלט. די „געוויסע מאַכטהאָבער" איז, פאַרשטייט זיך, ענגלאַנד, וואָס האָט זיך אין 1947 קעגנגעשטעלט דער מאַסן־איינוואַנדערונג פון דער שארית־הפליטה אין פאַלעסטינע (און אפשר אויך די רעגירונג פון אויסטראַליע אין ענין קימבערלי).

[98] דצ״וו (זען הערה 94), זז׳ 77 א״וו.

[99] דער ביראָבידזשאַנער ענין, ז׳ 11.

[100] דצ״וו, ז׳ 12. דעם מחבר פון אָט דער געשיכטע איז אויך באַוווסט, אַז אין 1947 האָט די רעדאַקציע אייניקייט געזוכט לערערס פאַר ביראָבידזשאַן צווישן דער יידיש־ריידנ־דיקער יוגנט.

[101] דצ״וו, ז׳ 15.

[102] י. עמיאָט, איינער פון די אַרעסטירטע אינעם „ביראָבידזשאַנער ענין", דערציילט וועגן די דאָזיקע באַשולדיקונגען אין זיין בוך אונטערן זעלביקן קעפּל, זז׳ 15 א״וו.

[103] דער סאָוועטישער זשורנאַליסט וויקטאָר פינק, וואָס האָט האַרבסט 1929 באַגלייט קיין ביראָבידזשאַן די דעלעגאַציע פונעם אַמעריקאַנער „איקאָר", האָט באַשריבן דעם שווערן מצב פון די יידישע איבערוואַנדערערס צוליב דעם אויספעל פון די פּשוטסטע צוגרייטונגען, זשורנאַל סאָוועטסקאַיע סטראָיטעלסטוואָ, מיי 1930, זז׳ 118 א״וו (אַן אויסצוג אינעם אַרטיקל פון אָבאָזרעוואַטעל, „כרושטשאָוו און דער מיטאָס וועגן ביראָבידזשאַן", סאָציאַליסטיטשעסקי וועסטניק, יולי־אויגוסט 1958, ז׳ 144).

[104] יוואָ־בלעטער, ב׳ 23, 19, ז׳ 53.

[105] לויט דער פאָלקסציילונג פון 1959 האָבן אין דער אַ״ג יידישער אויטאָנאָמער געגנט געלעבט 14,269 יידן, אָדער 8.8 פּראָצ׳ פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. דאָס איז מינימום מיט 35,000 ווייניקער ווי די צאָל יידן האָט משמעות באַטראָפן אין 1948.

[106] פיגאַראָ, דעם 9טן אַפּריל 1958.

[107] אין דער רוסישער ווערסיע פונעם אינטערוויו מיט גרוסאַרן, פּראַוודאַ פון 27סטן מאַרץ 1958, פעלט אין גאַנצן דער טייל וועגן יידן.

הערות צום קאַפּיטל אַכט

[1] ד״ר שטיינבערגס באַריכט נומ׳ 7 (פון 13טן אָקטאָבער 1939).

[2] דאָרט.

[3] Jewish Welfare Society.

[4] אויסגערעכנט אין ד״ר שטיינבערגס באַריכטן נומ׳ 7 און 8 (פון 20סטן פעברואַר 1940).

[5] וועגן דער געשיכטע פונעם „מאַניפעסט פון 46" זען י. נ. שטיינבערג, געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע (1945), זז׳ 120־109.

[6] ציטירט אין בולעטין נומ׳ 2 (פון 2טן דעצעמבער 1939) פון דער לאָנדאָנער פריי־לאַנד־ליגע (אויפן סמך פון טעלעגראַפישע פרעסע־קאָמוניקאַטן). אין דער זעלבער צייט איז אין מעלבורן אַרויס אַן אַנאַלאָגישער אויפרוף פונעם ספּעציעלן אוניווערסיטעט־קאָמיטעט לטובת דעם קימבערלי־פּראָיעקט. זיין פולער טעקסט און די נעמען פון די 16 חותמים (פּראָפעסאָרן, ריכטערס, געשעפטסלייט) — אין ש. סטעדמאַנס „ד״ר שטיינבערג אין אויסטראַליע און דער קימבערלי־פּראָיעקט", שטיינבערג־בוך, ז׳ 384.

[7] ציטירט אין ד״ר שטיינבערגס באַריכט נומ׳ 7 און אין דזשוּיִש קראָניקל פון 17טן נאָוועמבער 1939.

[8] ד״ר שטיינבערגס באַריכט נומ׳ 7 (פון 13טן אָקטאָבער 1939).

[9] באַריכט נומ׳ 8 (פון 20סטן פעברואַר 1940).

[10] דאָרט.

[11] י. נ. שטיינבערג, געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע, זז׳ 271־261.

[12] דצ״ו, זז׳ 224־109 (קאַפּ׳ „פיר זיינען זיי געווען"); באַריכט נומ׳ 8.

[13] באַשריבן אין באַריכט נומ׳ 8.

[14] די נעמען פון די קאָמיטעט־מיטגלידער — אין ש. סטעדמאַנס ציט׳ אַרטיקל, שטיינבערג־בוך, ז׳ 385.

[15] דער פולער טעקסט פונעם אויפרוף, טעלעגראַפיש איבערגעגעבן קיין לאָנדאָן, איז רעפּראָדוצירט אין בולעטין נומ׳ 6 (אַפּריל 1940) פון דער לאָנדאָנער פרייַלאַנד־ליגע.

[16] Women's Country Association.

[17] דזשוּיִש קראָניקל פון 5טן אַפּריל 1940; י. נ. שטיינבערג, געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע, זז׳ 79־64 (וועגן לאָרד און ליידי גאָורי).

[18] באַריכט נומ׳ 9 (פון 23סטן מיי 1940).

[19] **A Jewish Settlement in Australia.** By S. Stedman (Sydney). On behalf of the Friends of a Jewish Settlement in Kimberley.

[20] ש. סטעדמאַן, אין שטיינבערג־בוך, ז׳ 385.

[21] אָסטר׳ דזשוּיִש פאָרום, יאַנואַר־פעברואַר 1942.

[22] וועגן דעם דאָזיקן קאַמף זען ש. סטעדמאַן, אין שטיינבערג־בוך, זז׳ 391־388.

[23] אין 1940 איז אין מעלבורן אַרויס דער זשורנאַל נייערד, אַרויסגעגעבן פון דער

מעלבורנער גרופּע פֿרײַנד פֿון אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין קימבערלי (פֿרײַלאַנד־ליג(ע), רעדאַקטאָר ש. מאַראַנץ. מיר האָבן געזען בלויז די ערשטע צוויי אַרויסלאָזן: יאַנואַר (16 זז׳) און מײַ (20 זז׳); צי עס זײַנען אַרויס נאָך נומערן, ווייסן מיר ניט. חוץ דעם רעדאַקטאָר און י. נ. שטיינבערגן האָבן זיך אינעם זשורנאַל געדרוקט אַרטיקלען פֿון פּ. גאָלדהאַר, מלך ראַוויטש, י. ח. רובינשטיין, שלמה ווין (שטאַרק לטובת דעם פּראָיעקט, כאָטש דער מחבר איז געווען אַן אָנגעזעענער ציוניסט), אַ. פּאַטקין, י. גיליגיטש, ה. מינץ און ד. סעגאַל, ווי אויך אינפֿאָרמאַציעס וועגן קימבערלי און וועגן דער געזעלשאַפֿטלעכער אַקציע אין אויסטראַליע פֿאַרן פֿרײַלאַנד־פּראָיעקט.

24 באַריכט נומ׳ 9 (פֿון 23סטן מײַ 1940).

25 באַזונדערס דער אינערן־מיניסטער סענאַטאָר פּאַל, וואָס האָט ניט געמאַכט קיין סוד פֿון זײַן אָפּאָזיציע צום פּראָיעקט.

26 באַריכט נומ׳ 10 (פֿון 4טן יולי 1940).

27 באַריכט נומ׳ 11 (אָנגעקומען קיין לאָנדאָן דעם 7טן אָקטאָבער 1940).

28 דאָרט.

29 וועגן דער הילף פֿון פּראָפ׳ ווד אין רעדאַגירן און איבערשרײַבן דעם מעמאָראַנדום זען י. שטיינבערג, געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע, זז׳ 120־121. קאָפּיע פֿונעם מעמאָראַנדום — אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ).

30 באַריכט נומ׳ 11.

31 אַזאַ קלאַנג האָט זיך אומאָפּיציעל פֿאַרשפּרייט אין קאַנבעראַ שוין דעם 13טן סעפּטעמבער 1939 און האָט אויף מאָרגן אַרויסגערופֿן אַ לענגערן אַרטיקל אין וועסט אַסטרייליען, וואָס האָט אָפּגעפֿרעגט די ריכטיקייט פֿונעם רעגירונג־אָפּזאָג. וול. זשאַבאָטינסקי האָט פֿאַרצייכנט אין זײַן בוך The Jewish War Front, זז׳ 156־157, אַז אין יאַנואַר האָט די פּרעסע געמאָלדן וועגן דעם, אַז די אויסטראַלישע רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם קימבערלי־פּראָיעקט.

32 באַריכט נומ׳ 11 (דאָס איז אויך געווען די מיינונג פֿונעם בריטישן הויכקאָמיסאַר אין אויסטראַליע, סער דזשעפֿרי וויסקאַרד).

33 דאָרט.

34 י. נ. שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ).

35 י. נ. שטיינבערג, געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע, זז׳ 377־378.

36 קריטשלי פּאַרקער, אַ באַקאַנטער טאַסמאַנישער אינזשעניר און אַרויסגעבער פֿונעם אויסטראַלישן זשורנאַל פֿאַר דער מינעס־אינדוסטריע, און זײַן זון קריטשלי פּאַרקער יוניאָר, וואָס האָט זיך שפּעטער מוסר־נפֿש געווען פֿאַר דער זאַך פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין טאַסמאַניע (זען ווײַטער), האָבן זיך די ערשטע געהאַט געווענדט צו ד״ר שטיינבערגן מכּוח קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן אויף זייער היימישן אינדזל.

37 אין 1961 — 340,350.

38 י. נ. שטיינבערג, געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע, זז׳ 383־384.

39 דצ״ו, זז׳ 386־388.

40 דצ״ו, זז׳ 389־391; אָריגינאַל — אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ).

41 דצ״ו, זז׳ 392־393.

42 עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז אויב ס׳וואָלט דערגאַנגען צו ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אויסטראַליע, וואָלט דער לפֿי־ערך באַשיידענער טאַסמאַנישער פּראָיעקט געווען מער צוגעפּאַסט פֿאַר דער אייראָפּעיִש־ייִדישער שארית־הפּליטה.

43 י. נ. שטיינבערג, געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע, זז׳ 396־402.

44 דצ״ו, זז׳ 402־403.

45 אַסטרייליען דזשואיש פאָרום, נומ' 1 (פעברואַר 1941), ז' 6.

46 ציט' זשורנאַל, יוני־יולי 1941; אויפן שוועל, יולי־אויגוסט 1941, ז' 20.

47 אַסטר' דזשואיש פאָרום, סעפּט'־אָקט' 1941.

48 ציט' אין ש. סטעדמאַנס אַרטיקל אין ציט' זשורנאַל, יולי־אויגוסט 1941.

49 ציט' אין אַסטר' דזשואיש פאָרום, אויג'־סעפּט' 1941.

50 מאָרגן־זשורנאַל פון 15טן מײַ 1941; איבערגעדרוקט אין אויפן שוועל, יוני 1941, ז' 15.

51 קאָנגרעס וויקלי פון 23טן מײַ 1941; איבערגעדרוקט אין אַסטר' דזשואיש פאָרום, אויג'־סעפּט' 1941.

52 י. נ. שטיינבערג, געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע, זז' 122־123.

53 דאָרט, זז' 123־126.

54 אַסטר' דזשואיש פאָרום, דעצעמבער 1941.

55 סענאַטאָר קאָלינגסעס (אינערן־מיניסטער) בריוו צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 17טן דעצעמבער 1941; די זעלבע ווערטער — אין קאָלינגסעס הכחשה אויף דער ידיעה אין דזשואיש ניוז, אַז די פעדעראַליע רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן דעם קימבערלי־פּראָיעקט (ציטירט אין אַסטר' דזש' פאָרום, דעצעמבער 1943).

56 צוו"אַ האָט דער זשורנאַל דהי אַסטרייליען היברו (אָרגאַן פון דער אויסטראַלישער אַרבעטער־בילדונג אַסאָציאַציע) אין אַפּריל 1942 גערופן צו דערלויבן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין קימבערלי (אַסטר' דזשואיש פאָרום, יוני 1942); סוף 1942 איז אין מעלבורן אַרויס אַ נײַער געזעלשאַפטלעכער אַפּעל פאַר דער באַזעצונג פון יידן אין קימבערלי (ציט' זשורנאַל, דעצ' 1942); אין גיכן איז אַרויס אַן אַנאַלאָגישער אַפּעל פונעם סידנייער פּראָקימבערלי־קאָמיטעט (ציט' זשורנאַל, יאַנ'־פעבר' 1943).

57 ציט' זשורנאַל, דעצ' 1942.

58 ש. סטעדמאַן אין שטיינבערג־בוך, זז' 387, 391; י. נ. שטיינבערג, „זײַ געזונט, אויסטראַליע" אין אַסטר' דזשואיש פאָרום, אַפּריל 1943.

59 זען אויבן, קאַפּ' 5, זז' 330־336.

60 אויפן שוועל נומ' 1, מאַרץ 1941, ז' 15 (פרײַלאַנד־כראָניק, אַן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער פרײַלאַנד־ליגע ביז דער גרינדונג פונעם זשורנאַל).

61 דזשואיש פאָרום, אַפּריל 1940, זז' 43 א"וו; דאָרט איז אויך געגעבן אַ פאָטאָגראַפיע מיט ל. קעסלערן אין צענטער, אַרומגערינגלט פון ד"ר פיליפ ר. גאָלדשטיין, אָסקאַר גרין, עדוואַרד אַ. נאָרמאַן, מאַרק פלאָטניק און יצחק ראָזענגאַרטען.

62 דאָרט, מײַ 1940.

63 דאָרט, אָקטאָבער 1940.

64 דער בריוו מיט דער בײַלאַגע געפינט זיך אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייוואָ).

65 בריוו פון 18טן סעפּטעמבער 1962.

66 **Settlement and Development of Alaska.** Hearings before a Subcommittee of the Committee on Territories and Insular Affairs, United States Senate, Seventy-Sixth Congress, Third Session on S. 3577, a Bill to Provide for the Settlement and Development of Alaska, May 13, 15, and 18, 1940. U.S. Government Printing Office, Washington, 1940.

67 דצ"וו, זז' 210־219, אַן אַנדער ייד, וואָס איז אַרויסגעטראָטן פאַרן אונטערקאָמיטעט לטובת אַרײַנלאָזן יידישע אימיגראַנטן קיין אַלאַסקע איז געווען ע. י. קויפמאַן פון וואַשינגטאָן, דאָרט, זז' 200־209.

68 זע אויבן, קאַפּ' 6, זז' 391 א"וו.

69 פ״גל הערה 66 אויבן.

70 ציטירטער פּראָטאָקאָל פון סענאַט־אונטערקאָמיטעט, זז׳ 1־5.

71 דאָרט, זז׳ 228־237.

72 דאָרט, זז׳ 179־180.

73 י. נ. שטיינבערג, אין אויפן שוועל, מאַרץ 1946, ז׳ 2.

74 אויבן, ז׳ 335.

75 אין זייער פאָרוואָרט צו דער בראָשור Concerning Refugee Settlement in the Dominican Republic: a Meeting at the Town Hall Club, February 15, 1940 האָבן דזשיימס דזש. מאַקדאָנאַלד, פּאָרזיצער, און דזשאָרדזש ל. וואָרען, סעקרעטאַר פונעם פּרעזידענטס קאָמיטעט פאַר פּאָליטישע פּליטים, צוו׳ אַנד׳ געשריבן: „דער קאָנטראַקט (...) איז אַן איינציקאַרטיקער דאָקומענט אין דער מאָדערנער געשיכטע, וואָס דורך אים זײַנען זיך אַ רעגירונג און אַ גרופּע בירגערס קעגנזײַטיק מתחייב צו אונטערשטיצן אַ הומאַניטאַרן פּראָיעקט פאַר רעהאַביליטאַציע פון מלוכהלאָזע און היימלאָזע פּליטים״.

76 דער פולער טעקסט פונעם אָפּמאַך איז אָפּגעדרוקט אין דער ציטירטער בראָשור, זז׳ 21־26.

77 ראַפאַעל ל. טרוכיִיאָס בריוו צו דזשיימס נ. ראָזענבערגן פון 20סטן יאַנואַר 1940 (ציט׳ בראָשור, ז׳ 9).

78 פּראָפ׳ אָסקאַר גאָלדבערג, „דער גורל פון קליין־קאָלאָניזאַציע״, אויפן שוועל, מאַרץ 1944, אויפן סמך פון די געגעבענע פון דעם בוך די פּליטים־קאָלאָניזאַציע אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק (ענגליש), אַרויסגעגעבן דורכן ברוקינגס־אינסטיטוט אין 1942.

79 Concerning Refugee Settlement in the Dominican Republic: Pamphlet № 3, p. 5.

80 פּראָפ׳ אָסקאַר גאָלדבערג, ציט׳ אַרטיקל.

81 דאָרט; נאָך פריִער האָט בן־אַדיר (א. ר[אָזין]) געשריבן אין אויפן שוועל, מײַ 1941, ז׳ 15: „די קאָלאָניזאַציע, וואָס הייבט זיך איצט אָן אין סאַן־דאָמינגאָ, האָט צו טעריטאָריאַליזם קיין שום שייכות ניט. די יאַהודימשע איניציאַטאָרן און הויפּטטוער פון אָט דער קאָלאָניזאַציע וואָלטן מסתמא אויסגעבײַטלט צו אײַערע קעפּ אַלע בייזע חלומות, ווען איר זאָלט זיי צושרײַבן טעריטאָריאַליסטישע כוונות חלילה. (...) דאָ האַנדלט זיך פון לכתחילה וועגן אַ צייטווייליקן מקום־מיקלט פאַר אַ צאָל ייִדן, גאָר ניט קיין גרויסער, וואָס ווילן דאָרט אויסוואַרטן עד יעבור זעם״.

82 כאָטש די קאָלאָניע אין סאָסואַ האָט ניט געהאַט קיין שום שייכות צו טעריטאָריאַליזם, האָבן די אַמעריקאַנער ציוניסטן פאַרנומען צו איר אַ פײַנדלעכע שטעלונג, און די ציוניסטישע טוערין מר״ס סילווערמאַן (וואָס האָט שפּעטער גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין אומברענגען די פרײַלאַנד־פּראָיעקטן אין קימבערלי און סורינאַם) האָט געפירט קעגן סאָסואַ אַן עפנטלעכע אַגיטאַציע (זען הערה 160 צו אָט דעם קאַפּיטל); ה. יאַפּע האָט אין איר אַרטיקל „אַ ייִדישער ווינקל אויפן אינדזל סאַן־דאָמינגאָ״ (טאָג, דעם 31סטן מײַ 1952) דערמאָנט וועגן דער ציוניסטישער שטעלונג: „מען האָט געשריבן, אַז פּונקט ווי ייִדישע קאָלאָניזאַציע־עקספּערימענטן אין די גלות־לענדער זײַנען דורכגעפאַלן, האָט אויך סאָסואַ ניט קיין צוקונפט און ס׳איז אַ שאָד געלט. מ׳האָט געראָטן אָנצווענדן דעם סאָסואַ־בודזשעט און דעם קאָלאָניסטישן עלעמענט קיין א״י״. ה. יאַפּע האָט קאָנסטאַטירט, אַז מאַטעריעל האָט זיך די קאָלאָניע אין סאָסואַ אַנטוויקלט זייער גוט. אין 1952 האָט איר פּראָדוקציע באַטראָפן אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר; חוץ לאַנדווירטשאַפט האָט זי פאַרמאָגט פאַבריקלעך איבערצואַרבעטן שפּײַזפּראָדוקטן. די פּליטים זײַנען געקומען אָן מיטלען; „איצט זײַנען זיי אַלע פאַרמעגלעך און דער מאַרק פאַר זייער פּראָדוקציע איז אַזוי גרויס ווי זיי ווילן און קענען״;

דער איינציקער פאַקטאָר, וואָס גראָבט אונטער די צוקונפט פון דער קאָלאָניע, איז דער אויספעל פון אַ יידישער סביבה, פון גייסטיקן לעבן.

83 אויפן שוועל, נומ' 1 (מאַרץ 1941), ז' 15.

84 ש. ניגערס בריוו צו מ. מענדעלסבערגן פון 10טן פעברואַר (בן־אַדיר־אַרכיוו, ייוואָ).

85 אויפן שוועל, מאַרץ 1941, ז' 16.

86 דאָרט. — מיט אַ יאָר שפּעטער, דעם 8טן פעברואַר 1942, האָט ד"ר יעקב שאַצקי געהאַלטן פאַר דער פרייַלאַנד־ליגע אַן עפנטלעכן רעפעראַט אונטערן כאַראַקטעריסטישן קעפל „דער זין פון דער יידישער געשיכטע און דער אומזין פון דעם יידישן לעבן" (אויפן שוועל, יאַנואַר 1942, ז' 16).

87 אויפן שוועל, מאַרץ 1941, ז' 16.

88 אויפן שוועל, אַפּריל 1941, זז' 14־15.

89 ס. ר. האָניג (לאָנדאָן) צו י. נ. שטיינבערגן (סידניי), דעם 20סטן יולי 1941.

90 בריוו פון מאַקס האָלצמאַן (דעטרויט) צו בן־אַדירן פון 9טן יאַנואַר 1941; פון מ. מענדעלסבערגן צו בן־אַדירן פון 20סטן אַפּריל און 3טן מיי 1941 (בן־אַדיר־אַרכיוו, ייוואָ).

91 אליהו שולמאַן שרייבט אין זיין אַרטיקל „אַ בינטל זכרונות (צום צעניאָריקן יובל פון אויפן שוועל): „דעם נאָמען אויפן שוועל האָט סוגעסטירט דער שרייבער פון די שורות. איך האָב דעמאָלט געשריבן אַ קאָלום אונטערן נאָמען 'אויפן שוועל' פאַר דעם לינק־פּועלי־ציוניסטישן זשורנאַל דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק. האָב איך דעם דאָזיקן נאָמען „אַנטליִען" דעם נייעם אָרגאַן אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1951, ז' 20).

92 אויפן שוועל, אַפּריל 1941, ז' 14. אין דער פרייַלאַנד־ליגע האָט העפטער ניט גע־אַרבעט. זיין לעצטער אַרויסטריט, אויף ווי ווייט אונדז איז באַוווּסט, איז געווען אַ לאַנגער אויפרוף אויף פיר בלעטער פון גרויסן פאָרמאַט (ענגליש) אונטערן קעפל: יידישער אומאָפּ־הענגיקייט־מאַניפעסט. אַ פאָדערונג צוריקצושטעלן די יידן ווי אַן אומאָפּהענגיקע יידישע נאַציע אין אַ סוווערענער יידישער מלוכה. פון דזשאָזעף העפטער, פרילינג 1944, לאָס־אַנדזשעלעס (ייוואָ־אַרכיוו). העפטער רופט זיך אַן אַ טעריטאָריאַליסט און טרעט אַרויס אין נאָמען פון „טעריטאָריאַליסטישע יידן". צום גליק האָט קיינער, דאַכט זיך, נישט געפּרוּווט מאַכן די טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג (פרייַלאַנד־ליגע) פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם דאָזיקן חיבור.

93 בריוו צו בן־אַדירן פון 16טן מאַרץ (בן־אַדיר־אַרכיוו, ייוואָ).

94 מיר רופן אָן נאָר די גרופּעס, וואָס האָבן איבערגעשיקט באַשטייערונגען פאַרן פרעסע־פאָנד, לויט די רשימות אין די נומערן פון אויפן שוועל אין 1941־1942.

95 לויט דער רשימה אויפן בלאַנק פון דער פרייַלאַנד־ליגע, וואָס — על־פּי דעם אַדרעס פונעם פרייַלאַנד־אָפיס, 41 יוניאָן סקווער, ניו־יאָרק — דאַרף ער געהערן צו 1941 אָדער 1942.

96 אין אַ שמועס מיטן מחבר האָט יודל מאַרק אָפּגעלייקנט, אַז ער זאָל האָבן געהערט צו דער פרייַלאַנד־ליגע. פון דעסט וועגן איז שווער אָנצונעמען, אַז מען זאָל האָבן אַרייַנגע־שטעלט זיין נאָמען אין דער רשימה פונעם ערשטן פרייַלאַנד־ראָט אָן זיין דערלויבעניש.

97 זון פון אַברהם ראָזין (בן־אַדיר).

98 דער באַקאַנטער טוער פון „אַגראָדזשוינט".

99 סעקרעטאַר פון דער שיקאַגער גרופּע איז געווען מ. פּאָזנער.

100 סעקרעטאַר פון דער דעטרויטער גרופּע.

101 אַברהם גאָלאָמב, דער באַקאַנטער ווילנער יידישער פּעדאַגאָג, האָט זיך גענומען דערוויַיטערן פון זיין פריִערדיקן עקסקלוסיוון גלות־נאַציאָנאַליזם אין די לעצטע יאָרן פון זיין פּאַלעסטינער אינטערמעצאָ (1932־1938). מיטן אַריבערפאָר פון פּאַלעסטינע קיין קאַנאַדע האָט ער זיך דערנעענטערט צו דער פרייַלאַנד־באַוועגונג. זיין ערשטער אַרטיקל אין נייעם

גײַסט האָט זיך באַוויזן אין אונדזער טאָג פון 14טן דעצעמבער 1938 א״ק „אַ רוף צו דער ייִדישער יוגנט. פּיאָנירן ווערן געזוכט !״, אונטערגעשריבן „אַ גרינער״. ער האָט גערופן צו ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין קאַנאַדע. דעם זעלבן געדאַנק האָט ער אַרויסגעזאָגט אין זײַן בריוו צו דער רעדאַקציע פון דער פּיאָנער (נומ׳ 10, דעם 30סטן יוני 1939, ז׳ 6), שוין אונטער זײַן פולן נאָמען, געשריבן מיט גרויס וואַרעמקייט. („מיט אַן אינעווייניקסטן ציטער האָב איך זיך געכאַפּט לייענען אײַער צײַטשריפט״). פון דעמאָלט אָן האָט אַ. גאָלאָמב סיסטעמאַטיש מיטגעאַרבעט אין פרײַלאַנד־זשורנאַלן — אין זײַן אייגענעם נוסח.

102 מיר קאָנען איצט ניט פעסטשטעלן, וואָסער קאָנקרעטע אַרבעט האָט געפירט דער פרײַלאַנד־ראָט און צי ער האָט בכלל אָפּגעהאַלטן אַלגעמיינע זיצונגען.

103 אויפן שוועל, מאַרץ 1941, ז׳ 4.

104 דאָרט, ז׳ 5.

105 אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1941, זז׳ 9־11.

106 דאָרט, ז׳ 11.

107 זען קאַפּ׳ 2, ז׳ 47.

108 אויפן שוועל, מאַרץ 1941, זז׳ 7־9.

109 דאָרט, זז׳ 1־4.

110 „טעריטאָריאַליזם פאַרן אַמעריקאַנער ייִדנטום״, אויפן שוועל, אַפּריל 1941.

111 אין דער אָפּטיילונג „פון דער ייִדישער פּרעסע״ פונעם ערשטן יאָרגאַנג אויפן שוועל.

112 בעת זייער באַגעגעניש אין ניופאַונדלענד, דעם 14טן אויגוסט 1941.

113 „רוזוועלט און טשערטשיל האָבן ניט גערעדט מיט וואָס צו קומען צום ייִדישן פאָלק״, אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1941.

114 מיט אָפענע קאָרטן״, אויפן שוועל, נאָוו׳ 1941.

115 „ארץ־ישראל אָדער פאָלק ישראל?״, אויפן שוועל, יולי־אויגוסט 1941.

116 „פון דער ייִדישער פּרעסע״, אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1941.

117 „פרײַלאַנד און ארץ־ישראל״, אויפן שוועל, נאָוועמבער 1941.

118 „דאָס מוז אויפגעקלערט ווערן״, אויפן שוועל, יאַנואַר 1942.

119 אויפן שוועל, פעברואַר־מאַרץ 1942.

120 Rudolf Hochhut, **Der Stellvertreter**; איך איבערגעזעצט אויף אַנדערע מערב־שפּראַכן און געשפּילט אויף סצענעס פון אַ סך לענדער.

121 זען דעם מחברס אַרטיקל „מכוח בן העכטס פּערפידיע״, אין אויפן שוועל, פעברואַר־מאַרץ 1962 און אַפּריל־מײַ 1962.

122 אויפן שוועל, מײַ־יוני 1942, נאָך דער מלחמה, אין 1947, האָט די פרײַלאַנד־ליגע אין רומעניע אַרויסגעגעבן דעם אַרטיקל ווי אַ באַזונדערע בראָשור, מיט אַ נאָכוואָרט פון אליעזר פרענקעל.

123 „ווען מען קומט לאחר המעשה...״ אויפן שוועל, אָקטאָבער 1942.

124 **People and Land. When the hour of fate strikes,** by Ben Adir. Published by Freeland League, New York, 1941, 24 pp.

125 ד״ר מ. סודאַרסקי, „בן־אַדיר דער גאַנצער מענטש און ייִד״, אויפן שוועל, פעברואַר 1942.

126 י. נ. שטיינבערגס קאָרעספּאָנדענץ פון ניו־יאָרק אין אַסטראַליער דזשוּיש פאָרום, מײַ 1944; אין אויפן שוועל, פעברואַר 1941, ז׳ 19, ווערט געשריבן אינעם באַריכט פון דער פרײַלאַנד־אַרבעט: „דאָס קומען פון י. נ. שטיינבערג מיט זײַן פּלאַן פון אַ גרויסער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין קימבערלי האָט געדינט ווי אַ נײַער סטימול פון דער באַוועגונג.״

127 אינעם פריִער ציטירטן באַריכט ווערט די צאָל מיטגלידער, וואָס זײַנען בײַגעווען אויפן אויפנעם, אָפּגעשאַצט אויף 200. מיט באַגריסונג־רעדעס זײַנען אַרויסגעטראָטן יעקב לעווין, אַ. גלאַנץ, ש. ניגער, ד״ר ד. לוואָוויטש, ה. לייוויק, ל. קעסלער, ד״ר י. שאַצקי און אַדאַ סיגעל.

128 די פולע רשימה ווערט געגעבן אין דעם ציטירטן באַריכט.

129 דאָרט.

130 מ. יצחקי, „פּרעסע־שטימען״, אויפן שוועל, פעברואַר 1944, זז׳ 17־18; שטיינבערגס דערמאָנטע קאָרעספּאָנדענץ אין אַסטרייליען דזשוויש פאָרום.

131 דערמאָנטע קאָרעספּאָנדענץ.

132 אויפן שוועל, פעברואַר 1944, זז׳ 15־16.

133 פ״גל די אָפּטיילן „אין דער פרײַלאַנד־ליגע״ אין אויפן שוועל פאַרן יאָר 1944.

134 מעקראָלאָג אין אויפן שוועל, פעברואַר 1944, זז׳ 21־22.

135 אָפּטיילן „בײַ דער פרײַלאַנד־יוגנט״ אין אויפן שוועל פאַרן יאָר 1944; פרילענד, נומ׳ 1 (דעצעמבער 1944), ז׳ 17.

136 אויפן שוועל, פעברואַר 1944, ז׳ 20.

137 אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1944, ז׳ 28. אין דעם זעלבן נומער, זז׳ 7־8, האָט דוד איינהאָרן אינעם אַרטיקל „דער מענטש פון דער צוקונפט״, געשריבן וועגן די דרײַ אייגנשאַפטן, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן, אַז ער זאָל זײַן פעיִק צו ווערן אַ פּיאָנער און אַנטוויקלען אַ נײַ אומבאַזעצט לאַנד״: „אַ גרויסע ליבע צו דער נאַטור״, „אַ רײַכן אינערלעכן לעבן״, „אַ גרויסע אידעע, אין וועלכער ער זאָל וועלן פּערזענלעך זיך פרײַ אויסלעבן״.

138 דאָרט, ז׳ 29.

139 אויפן שוועל, יוני 1944, זז 22־23..

104 עס איז געווען אַ דראַמאַטישער צוזאַמענפאַל, אַז פונקט אין די זעלביקע טעג, דעם 19טן מײַ 1944, איז צו די פאָרשטייערס פון דער ייִדישער אַגענץ אין איסטאַנבול אָנגעקומען פון בודאַפּעשט דער אונגערישער ייִד יואל בראַנד, וואָס דער נאַציִשער תלין אײַכמאַן האָט אים געשיקט צו אונטערהאַנדלען וועגן אויסקויפן אַ מיליאָן ייִדן. די פאָרשטייערס פון דער ייִדישער אַגענץ האָבן נישט נאָר נישט אַרויסגעבראַכט די דאַזיקע מעגלעכקייט פאַר דער ייִדישער און ניט־ייִדישער עפנטלעכקייט אין די פרײַע לענדער, נאָר האָבן געהאַט אַ חלק אין יואל בראַנדס אינטערנירונג און איזאָלאַציע דורך די ענגלענדער. יואל בראַנדס גבית־עדות אויפן קאַסטנער־פּראָצעס אין ירושלים (1953) איז רעפּראָדוצירט אין בען העכטס פּערפידיע, זז׳ 218־229 (לויטן געריכט־פּראָטאָקאָל).

141 די רשימה אין אויפן שוועל, יוני 1944, ז׳ 23.

142 אויפן שוועל, יוני 1944, זז׳ 9־10 (מיט אַ פאָטאָגראַפיע פון די פאַרזאַמלטע אויפן באַנקעט, ז׳ 11).

143 דאָרט, ז׳ 11.

144 ציטירט אין אַסטרייליען דזשוויש פאָרום, יולי־אויגוסט 1941.

145 Zionews, פעברואַר 1944, זז׳ 18־19. אין דעם זעלביקן נומער איז אויך פאַראַן אַן אַרטיקל פון ד״ר יוליוס ברוצקוסן וועגן עוולות, וואָס די פּאַלעסטינער בריטישע אַדמיניסטראַציע איז באַגאַנגען קעגן דעם ייִדישן ישוב. דעם 16טן נאָוועמבער 1943 האָט ברוצקוס געזאָגט אויפן פרײַלאַנד־מיטינג אין האַנטער־קאָלעדזש, אַז עס קאָן ניט זײַן קיין סיכסוך צווישן ציוניזם און „פרײַלאַנד״.

146 זען קאַפּ׳ 6, הערה 141.

147 מאָרגן־זשורנאַל, דעם 29סטן פעברואַר 1944.

148 ייִדישער קוריער (שיקאַגאָ), דעם 25סטן פעברואַר 1944.

149 קענעדער אָדלער, דעם 9טן יוני 1944.

150 ציטירט אין אויפן שוועל, אָקטאָבער 1944, ז׳ 21. — עס איז אויך אַרויס אַ בראָשור פון בצלאל שערמאַן, נאָך אַ לאַנד? וועגן דעם קימבערלי־פּראָיעקט און ארץ־ישראל. (נ״י, אָן אַ דאַטע, 15 זז׳).

151 למשל אין אויפן שוועל, מײַ 1941, זז׳ 5־7. („די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אונדזערע גורל־טעג״). ער לייגט דאָרט אַרײַן אין טשערטשילס מויל אַזעלכע ווערטער: „גלייבט מיר, אַז די ענגלענדער האָבן ליב ענגלאַנד ניט ווייניקער, ווי די ייִדן ארץ־ישראל. דאָך האָט אונדז דאָס ניט געשטערט צו שאַפן עטלעכע ווײַטע פון ענגלאַנד קאָלאָניעס. 20 מיליאָן ענגלענדער האָבן אין איינע הונדערט יאָר געמוזט אָדער געוואָלט פאַרלאָזן זייער פאָטערלאַנד, און אין דער לעצטער מלחמה האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער ׳פאַרראַט׳ איז געווען אַ גרויסע נאַציאָנאַלע טאַט״ אאַז״וו. לעשטשינסקי שטעלט זיך אַפילו פאָר, אַז טשערטשיל לייגט פאָר די ייִדן אַ גרויסע טעריטאָריע אין דער בריטישער גוויאַנע אָדער אַנדערש וווּ. „און ס׳פרעגט זיך: וואָס וועלן ענטפערן אונדזערע גרויסע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס? דאָ מוז איך זיך אָפּשטעלן, ווײַל ס׳איז מיר פשוט שרעקלעך אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם, וואָס די תשובה וועט זײַן״ (ז׳ 7). אין 1944 האָט ער געגעבן פּונקט יענע תשובה, וואָס אין 1941 האָט ער זיך פאָר איר אַזוי געשראָקן. אַפילו אַזוי שפּעט ווי נאָוועמבער 1943 האָט יעקב לעשטשינסקי געהערט צום קבלת־פּנים־קאָמיטעט פאַר י. נ. שטיינבערגן.

152 אויפן שוועל, אויגוסט 1944, זז׳ 5־6.

153 הײַנט (וואַרשע), דעם 11טן אויגוסט 1939; אויפן שוועל, מאַרץ 1942, א״אַ.

154 אַהרן פּאַטקין איז, דאַכט זיך, געווען אין זײַנע יונגע יאָרן אַן ס״סאָוויעץ. אין 1936־1937 האָט ער קאָרעספּאָנדירט מיט לעפּטוויטשן בנוגע אימיגראַציע־מעגלעכקייטן קיין אויסטראַליע. אין 1940 האָט ער געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע פאַרן קימבערלי־פּראָיעקט אין אויס־טראַליע (זען י. נ. שטיינבערג אין אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1945, ז׳ 23). שפּעטער איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פונעם אויסטראַלישן ציוניסטישן אָרגאַן דהי זײַאָניסט און האָט שאַרף געביטן זײַן שטעלונג.

155 ציטירט אין אָסטר׳ דזשויש פאָרום, יולי 1943.

156 אָסטר׳ דזשויש פאָרום, דעצעמבער 1943.

157 אָפּגעדרוקט אין אָסטר׳ דזשויש פאָרום, פעברואַר 1944; ייִדישע איבערזעצונג אין אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1944, זז׳ 24־25.

158 די לעצטע ווערטער זײַנען דורכגעלאָזן אין אויפן שוועל מחמת דער עניוות פון זײַן רעדאַקטאָר י. נ. שטיינבערג.

159 מר״ס סילווערמאַנס אַרטיקלען האָט זיך געדרוקט דער עיקר אין דזשויש פּראָנטיר, מען האָט זיי איבערגעדרוקט אין אַנדערע ייִדישע און ענגליש־ייִדישע צײַטונגען. מכוח איר אַרטיקל „וואָס איך האָב זיך דערוווּסט וועגן קימבערלי״ (דזשויש פּראָנטיר, מאַרץ 1945) האָט פּראָפ׳ סידני הוק געשריבן צום רעדאַקטאָר פון אָט דעם זשורנאַל חיים גרינבערגן, אַז דאָס איז „אַ סקאַנדאַליעזע אַטאַקע״, וואָס ווענדט אָן „דעם מעטאָד פון כאַראַקטער־מאָרד״ ווי ער איז „ביז איצט באַנוצט געוואָרן דורך פאַרשיידענע מינים באָלשעוויקעס״ (פּרילענד, אַפּריל 1964). מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, ווענדיק דערמאָנען דעם אַמעריקאַנער ייִדישן עולם וועגן אירע העלדישע אויפטוען פאַרן טריומף פון ציוניזם, האָט מר״ס סילווערמאַן פאַרעפנטלעכט אַ לאַנגן בריוו אין דזשויש פאָרום (אָקטאָבער 1956, ז׳ 143) מיט אַ רעקאַפּיטולאַציע פון אַלע ייִדישע קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן, וואָס זי האָט געהאָלפן אומברענגען. וועגן דער „דזשוינט״־קאָלאָניע אין סאָסואַ האָט זי געשריבן: „די אויסגעפינסן, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט, האָבן ניט געלאָזט צו שטאַנד קומען אַ געלט־קאַמפּאַניע איבער גאַנץ אַמעריקע פאַר אָט דעם נײַעם ׳גן־עדן׳. (...) אַזוי אַרום האָט נאָך אַ קאָלאָניזאַציע־כימערע געהאַט אַ סוף״. מר״ס

סילווערמאַן האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די צוואַנציקער, דרײַסיקער און פערציקער יאָרן. אינעם אַרכיוו פון ראַבײַ סטיווען ווײַז, וואָס איז אין 1966 איבערגעגעבן געוואָרן דעם בראַנדייס־אוניווערסיטעט אין וואָלטהעם, מאַס׳, איז דאָ אַ פאַרנעמיקע קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם ציוניסטישן ראָש און מר״ס סילווערמאַן.

160 אַטערטאָן לי, אַן אַמעריקאַנער ספּעציאַליסט אין טראָפּישער אַגריקולטור, וואָס האָט בשעתו מיטגעהאָלפן ווי אַן ענקספּערט אויפצושטעלן די קאָלאָניע אין סאָסואַ, האָט דערמאָנט אין זײַן בריוו פון 18טן אַפּריל 1948 צו לעאָן פראַנקן, פּיטסבורג: „צופעליק האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק מיט אַ נײַעם אַספּעקט פונעם סאָסואַ־פּראָיעקט. אַ געוויסע מר״ס אַרטשיבאַלד סילווערמאַן פון פּראָווידענס, ראָד־אײַלאַנד, זייער אַ צוציִענדיקע דאַמע און אַן עפעקטיווע רעדנערין, ווי אויך אַ פאַרברענטע ציוניסטקע, האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט באַזוכט סאָסואַ אַרום 1940 און האָט געפונען, אַז די באַדינגונגען זײַנען אין גאַנצן ניט צוגעפּאַסט פאַר באַזעצונג; איז זי צוריקגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און, ווי זי זאָגט, אַזוי קעגנעריש איבערגעגעבן וועגן סאָסואַ, אַז ווייניק ווער האָט געוואָלט געבן געלט פאַרן פּראָיעקט. מר״ס סילווערמאַנס שטאַנדפּונקט איז געווען דער זעלביקער, וואָס בײַ אַזוי פיל אַנדערע פאַרברענטע ציוניסטן; זי האָט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל אָפּציִען אונטערשטיצונג פון פּאַלעסטינע אויף צו אַנטוויקלען אַ װעלכן עס איז אַנדערן באַזעצונג־פּראָיעקט" (די קאָפּיע פונעם בריוו, וואָס באַהאַנדלט דעם עיקר ענינים פון סורינאַם, געפינט זיך אינעם פרײַלאַנד־אַרכיוו).

160א אינעם אָקערשט דערמאָנטן אַרטיקל אין דזשוויש פאָרום האָט מר״ס סילווערמאַן אָפּן געשריבן: „אין 1944, אין אויסטראַליע, איז אויף מײַן חלק אויסגעפאַלן צו שטודירן דעם פּלאַן, וואָס עס האָט אַרויסגערוקט דער אומפאַרמאַטערטלעכער ד״ר שטיינבערג, צו באַזעצן ייִדן אין קימבערלי (צווישן די אײַנגעבאָרענע יעגערס נאָך קעפּ, ניט ווײַט פון עקוואַטאָר), און ווידער אַ מאָל האָב איך געקערט האָבן עפּעס צו טאָן מיטן ענדגילטיקן אָפּוואַרפן דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן פּלאַן".

161 י. פּ., „אַ בריוו פון אויסטראַליע", אויפן שוועל, אָקטאָבער 1944, ז׳ 23; ל. פינק, „אַ בריוו אין רעדאַקציע", פאָרווערטס, דעם 11טן יולי 1945 (איבערגעדרוקט אין אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1845, ז׳ 15).

162 Ida M. Silverman, "Ultimate Outpost", **The New Palestine**, July 13, 1945, p. 245.

163 זי האָט למשל געשריבן, אַז ד״ר שטיינבערג זאָל כלומרשט האָבן דערקלערט, אַז ער „האָט" שוין קימבערלי, אַז ער פאַרמאָגט הונדערטער מיליאָנען פאַר קאָלאָניזאַציע, אַז ער וועט אַריבערברענגען חלוצים פון פּאַלעסטינע צו קאָלאָניזירן קימבערלי וכדומה. מען דאַרף געדענקען, אַז אין 1944 האָט מען אין די בריטישע לענדער אַסאָציִירט די פּאַלעסטינער ייִדישע יוגנט אַ סך מער מיט באָמבעס און רעוואָלווערן איידער מיט פרידלעכער אַרבעט.

164 צווישן די מיניסטאָרן זײַנען אויך געווען אָנהענגערס פונעם פּלאַן. ד. קאַמעראָן, מיניסטער פאַר אַעראָפּלאַנען־פּראָדוקציע, און ע. דזש. האָלאָווי, מיניסטער פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, האָבן וואַרעם קאָרעספּאָנדירט מיט י. נ. שטיינבערגן און אים אַ סך געהאָלפן אין זײַן אַרבעט. האָלאָווי איז אויך אַרויסגעטראָטן עפנטלעך לטובת דעם פרײַלאַנד־פּראָיעקט (מאַרץ 1943, אין מעלבורנער „קדימה", פ״גל אַסטר׳ דזש׳ פאָרום, אַפּריל 1943).

165 לח״י — „לוחמי חירות ישראל" אָדער שטערן־גרופּע, אָפּגעשפּאָלטענע רעוויזיאָניסטן, וואָס האָבן שוין אין 1941 דערקלערט ענגלאַנד ווי דעם הויפּט־שונא און אָנגעהויבן אַן אַנטיבריטישן טעראָר אין פּאַלעסטינע; אצ״ל (אָדער „אירגון") — „אירגון צבאי לאומי", די קאַמף־אָרגאַניזאַציע פון דער מערהייט רעוויזיאָניסטן, וואָס איז אַריבער צום טעראָר קעגן ענגלאַנד אין 1944.

[166] אָסטרייליען דזשויש פאָרום, דעצעמבער 1943.

[167] דצוו״, מײַ 1944.

[168] ציטירט דאָרט.

[169] גבריאל הויז, „די אימפּעריאַלע קאָנפערענץ פון די בריטישע מיניסטאָרן״, אויפן שוועל, אויגוסט 1944.

[170] אויפן שוועל, יוני 1944, ז׳ 19.

[171] אויפן שוועל, נאָוועמבער 1944, ז׳ 2.

[172] אָריגינאַל אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ); פאַרעפנטלעכט אין אויפן שוועל, נאָוועמ־בער 1944, ז׳ 1.

[173] אײַזייא באָומאַן (אַ קריסט) איז געווען דער פּרעזידענט פון דזשאָנס האָפּקינס־אוניווערסיטעט (באָלטימאָר) און אַ מיטגליד פון רוזוועלטס ראָט פאַר נאָכמלחמה־פּראָבלעמען. אַ באַוווסטער אויטאָריטעט אין געאָגראַפיע און עקאָנאָמיק, איז ער געווען אַ פרײַנד פון דער פרײַלאַנד־באַוועגונג און האָט איר געהאָלפן אין וויסנשאַפטלעכע ענינים. געשטאָרבן אין 1950.

[174] קאָפּיע פון מעמאָראַנדום אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ);

[175] פּראָטאָקאָל פון פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע, דעם 21סטן נאָוועמבער 1944.

[176] ייִט״אַ־בולעטין פון 29סטן סעפּטעמבער 1944; אָסטרייליען דזשויש פאָרום, אָקטאָ־בער 1944, ז׳ 1.

[177] וועגן דער דאָזיקער קאָמיסיע זען קאַפּ׳ 9, זז׳ 562 א״ו.

[178] פּראָטאָקאָל פון 17טן אָקטאָבער 1944.

[179] פּראָטאָקאָל פון 31סטן אָקטאָבער 1944.

[180] אָסטר׳ דזשויש פאָרום, דעצעמבער 1944: אויפן שוועל, נאָוו־דעצ׳ 1944, ז׳ 1; פאָרדס בריוו צו שטיינבערגן, דעם 22סטן נאָוועמבער 1944.

[181] אָסטר׳ דזש׳ פאָרום, דעצ׳ 1944; אויפן שוועל, נאָוו־דעצ׳ 1944, ז׳ 4.

[182] אָסטר׳ דזש׳ פאָרום, פעברואַר 1945; אויפן שוועל, מאַרץ 1945, זז׳ 16־17; ש. סטעדמאַן אין שטיינבערג־בוך, ז׳ 392.

[183] אָסטר׳ דזש׳ פאָרום, פעברואַר 1945; אויפן שוועל, מאַרץ 1945, ז׳ 18. ש. סטעד־מאַן, ציט׳ אָרט, שרײַבט: „דער לעצטער אָפּזאָג איז אַ ביסל אויפגעקלערט געוואָרן דורך דעם סענאַטאָר קאָלינגס. (...) ער האָט צוגעגעבן עפּעס, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסן זייער וויכ־טיקן אָנווונק. (...) אַזוי, אַז אָפּזאָגנדיק דעם פּראָיעקט איז די רעגירונג אייגנטלעך אַנטקעגן געקומען דעם פאַרלאַנג פון די וויכטיקע און די אײַנפלוסרײַכע״.

[184] אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1945, ז׳ 21.

[185] ביידע בריוו — אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ), פּאַפּקע „בריוו פון אָנגעזעענע אויסטראַליער״.

[186] נאָך פאַרן באַקענען זיך מיט רידס בריוו האָט דער מחבר באַקומען פון אַ ייִדישן זשורנאַליסט, וואָס האָט פאַרבראַכט די מלחמה־יאָרן אין אויסטראַליע, פּרטימדיקע ידיעות וועגן דעם, אַז טייל ייִדישע פּליטים האָבן זיך דאָרט פאַרנומען מיט כלערליי ספּעקולאַציעס און אומריינע געשעפטן.

[187] פּיער וואַן פּאַסען, אַ האָלענדיש־קאַנאַדישער שרײַבער, האָט אין די מלחמה־יאָרן אַקטיוו געאַרבעט פאַר ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. „דער צום בעסטן געהאַלטענער סוד פון דער מלחמה״ איז אַ קאַפּיטל פון זײַן בוך The Forgotten Ally, N.Y.C., 1943. ער האָט פאַרזיכערט, אַז ענגלאַנד און די גאַנצע פרײַע וועלט וואָלטן אומבאַדינגט פאַרשפּילט די מלחמה, ווען ניט די העלדן־מעשים פון אַ צאָל פּאַלעסטינער ייִדישע זעלנערס, אינזשענירן און דיווערסאַנטן אין איראַק, סיריע און צפון־אַפריקע. וועגן דעם אויסטראַלישן אָנטייל אויפן צפון־אַפריקאַנער פראָנט האָט וואַן פּאַסען געהאַט בלויז איין זאַץ: „אויסטראַליע האָט מיט

כעס און עקשנות געפּאָדערט צוריקרופן אירע דיוויזיעס און לופט־כוחות, וואָס זײַנען גע־שטאַנען [בלויז געשטאַנען, ניט געקעמפט !] אויפן נאָענטן מיזרח" (ז' 176).

188 אויפן שוועל, נאָוו'־דעצ' 1944, ז' 23; יאַנ'־פעבר' 1945, זז' 1 און 26; פרײַלאַנד־כראָניק, אָפּטייל „אין דער יוגנט־ליגע", דאָרט, נאָוו'־דעצ' 1944 און יאַרגאַנג 1945.

189 פּראָטאָקאָל פון דער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג, דעם 28סטן נאָוועמבער 1944.

190 אויפן שוועל, יאַנ'־פעבר' 1945, ז' 6.

191 דאָרט.

192 דאָרט.

193 אויפן שוועל, יאַנ'־פעבר' 1945, ז' 2.

194 אויפן שוועל, מאַרץ 1945, ז' 16.

195 דאָרט, ז' 17.

196 אויפן שוועל, יאַנ'־פעבר' 1945, ז' 5.

197 דאָרט, זז' 25־26. די רעדעס פון סער נאָרמאַן איינדזשעל און פּראָפעסאָר סידני הוק — דאָרט, זז' 4־5 און 6־7.

198 דאָרט, ז' 3. ראַבײַ דאַנגלאַו האָט אויך עטלעכע מאָל געשריבן צו דער פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אין ניו־יאָרק, פאָרשלאָגנדיק זײַן הילף פאַר אַ געזעלשאַפטלעכער פּראָפרײַלאַנד־אַקציע אין אויסטראַליע.

199 דאָרט.

200 דאָרט.

201 אויפן שוועל, מאַרץ 1945, ז' 17.

202 וועגן דעם אופן פון שאַפן אָט דעם „עקזעקוטיוו־ראַט" האָט י. נ. שטיינבערג גע־שריבן: „[ער]באַשטייט פון 17 פּערזאָן, פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע אויסטראַלישע שטאָטן. זיי זײַנען ניט געוויילט געוואָרן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, נאָר באַשטימט געוואָרן פון די אַזוי גערופענע 'אַדווײַזאָרי באָרדס' אין די הויפּטשטעט פון אויסטראַליע" („ווי אויסטראַלישע ציוניסטן באַקעמפן 'פרײַלאַנד'", אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1945, ז' 21).

203 דאָרט, זז' 21־23.

204 אין מאַרץ־נומער פון אַסטרייליען דזשוויש פאָרום, 1945, איז פאַרעפנטלעכט דער בריוו, וואָס פּ. דזש. קלערי האָט דעם 8טן פעברואַר 1945 געשריבן צו דזשוליוס קאַרפּינען, סעקרעטאַר פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין סידניי (איבערגעדרוקט אין אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1945, זז' 19־20), ווו עס זאָגט זיך צו"אַ: „נאָך דעם ווי מיר האָבן באַקומען פון ד"ר שטיינ־בערגן די ידיעה, אַז די פעדעראַלע רעגירונג האָט ניט מסכים געווען אויפן קימבערלי־פּלאַן פון דער פרײַלאַנד־ליגע, האָט די פולע עקזעקוטיווע פונעם אײַ־סי־טי־יו באַשלאָסן אָנצוהייבן נײַע אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג וועגן דעם ענין, אָנווײַזנדיק איר, אַז דאָס איז די אָפיציעלע פּאָליטיק פון דער טרייד־יוניאָנס־באַוועגונג און בעטנדיק די רעגירונג צו רעווי־דירן איר פריִערדיקן באַשלוס".

205 אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1945, ז' 20; סעפּט'־אָקט' 1945, ז' 11.

206 פּראָטאָקאָלן פון דער עקזעקוטיווע פון 12טן יוני און 4טן סעפּטעמבער 1945; קאָפּיע פון שטיינבערגס בריוו פאָרדן (שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ).

207 טעלעגראַם אין שטיינבערג־אַרכיוו (ייִוואָ).

208 קאָסגראָווס בריוו און קאָפּיעס פון פּינקס בריוו — דאָרט.

209 פּראָטאָקאָלן פון 26סטן סעפּטעמבער און 2טן אָקטאָבער 1945.

210 דער אויסטראַלישער זשורנאַל זײַאָניסט, אָקטאָבער 1944, האָט זיך פאַררופן אויפן אויספעל פון בויגעהילץ און ווײַסע מוראַשקעס (טערמיטן). אַסטרייליען דזשוויש פאָרום, דעצעמבער 1944, האָט דערויף געענטפערט, אַז דער אויספעל פון געהילץ האָט ניט געשטערט

דעם אויפבוי פון פּאַלעסטינע און אַז ווײַסע מוראַשקעס זײַנען טאַקע שרעקלעכע חיות, אָבער ניט אַזוי געפערלעך ווי באַוואָפנטע ווילדע אַראַבער. קאָנטעמפּאָרערי דזשוויש רעקאָרד (ניו־יאָרק), דעצעמבער 1944, האָט פאַרעפנטלעכט אַ בריוו פון מאָזעס יונג, וואָס האָט אַטאַקירט י. נ. שטיינבערגן און כאַראַקטעריזירט קימבערלי ווי אַ וויסט מידבר־לאַנד. בּיסקופּ פּילטשער האָט אין זײַן ענטפער זיך פאַררופן אויף אַן אַרטיקל פון אַ רײַזנדער איבער קימבערלי, וואָס איז געווען געדרוקט אין סידנייער צײַטונג סאַן פון 8טן מאַרץ 1945 און האָט אָנגערופן קימבערלי „אַ קעניגרײַך, וואָס איז באַווינט פון עטלעכע הונדערט מענטשן, אָבער קאָן שפּײַזן מיליאָנען" (אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1945, ז' 20).

211 ד"ר חיים שאָשקעס, „ווען מ'האָט געזוכט טעריטאָריעס פאַר ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט", טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, דעם 9טן פעברואַר 1964, צווייטע סעקציע, ז' 4.

212 מיר וועלן זען ווײַטער, ווי אַזוי ד"ר שאָשקעס איז געקומען קיין סורינאַם אויף אַנדערטהאַלבן טעג און גלײַך אויטאָריטעטפול געפּסלט דאָס שטיק לאַנד, וווּ עס האָט זיך געזאָלט אָנהייבן די ייִדישע קאָלאָניזאַציע און וואָס איז געווען גענוי אויסגעפאָרשט און אַפּראָבירט דורך אַן עקספּערטן־קאָמיסיע.

213 ציטירט אין אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1951, ז' 27.

214 Cf. Thomas P. Field, **Postwar Land Settlement in Western Australia.** University of Kentucky Press, 1963, 60 pp.

215 Albert E. Norman, "Australians Develop Cotton", **The Christian Science Monitor,** June 13, 1963.

216 דער פרײַלאַנדער קימבערלי־פּראָיעקט איז אַרײַן אין דער אויסטראַלישער געשיכטע. אין דער Australian Encyclopaedia ב' 5, ז' 134 (אינעם אַרטיקל „ייִדן") ווערט געזאָגט: „צוליב דער מערכה פון די ייִדן אין אייראָפּע איז אויפגעקומען די פרײַלאַנד־ליגע, וואָס האָט אין 1939 פאָרגעלייגט אַ פּלאַן צו באַזעצן טויזנטער ייִדן אינעם קימבערלי־קרײַז פון מערב־אויסטראַליע. ד"ר י. נ. שטיינבערג האָט באַזוכט אויסטראַליע און געקראָגן די הסכּמה פון דער מערב־אויסטראַלישער רעגירונג, אָבער אין 1944 האָט די פעדעראַלע רעגירונג אָפּגעזאָגט איר גוטהייסונג אויפן סמך, אַז דער פּראָיעקט וואָלט געווען קעגן דער פּאָליטיק פון אַסימילירן אימיגראַנטן אין דעם אויסטראַלישן קיבוץ. אַן ענלעכער פּראָיעקט מכּוח אַ שטח אין דרום־מיזרח־ [דאַרף זײַן: דרום־מערב־] טאַסמאַניע איז אויך אָפּגעוואָרפן געוואָרן". דאָס זעלבע ווערט בקיצור איבערגעגעבן אויף ז' 186 פונעם זעלבן באַנד (אינעם אַרטיקל „קימבערלי").

הערות צום קאַפּיטל נײַן

[1] ידיעות וועגן דער אַרבעט פֿון דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אין דער באַשריבענער צײַט שטיצן זיך אויף די פּראָטאָקאָל־ביכער פֿון דער עקזעקוטיווע, וואָס הייבן זיך אָן דעם 1טן יאַנואַר 1944. אין דער ווײַטערדיקער עקספּאָזיציע ווערן צו די עקזעקוטיווע־פּראָטאָקאָלן (אַרכיוו פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע, ניו־יאָרק) קיין ספּעציעלע רעפֿערענצן ניט געמאַכט. דאָס גלײַכן, אויב אַ בריוו אָדער דאָקומענט ווערט ציטירט אָן אַ רעפֿערענץ, הייסט עס, אַז ער געפֿינט זיך אינעם פֿרײַלאַנד־אַרכיוו, ניו־יאָרק.

[2] צום ערשטן מאָל שווימט דער ענין אַרויס אינעם פּראָטאָקאָל פֿון 4טן אַפּריל 1944.

[3] דער אַנטאַגאָניזם גייט אָבער צוריק נאָך צו דער פֿאַרמלחמה־צײַט. פֿון ז. מײַזנערס בריוו צו י. נ. שטיינבערגן קיין פּערט, דעם 26סטן יולי 1939 (שטיינבערג־אַרכיוו, ייִוואָ), דער־ווייסן מיר זיך, אַז שטיינבערג האָט שוין דעמאָלט געהאַט, לויט מײַנערס ווערטער, „אַ ביסל עגמת־נפֿש" צוליב „פֿײַנלייב און די 'אַרט'־לײַט" (ד״ה לוואָוויטש און סינגאַלאָווסקי). מען קאָן דאָס ניט זאָגן וועגן קיהנען, וואָס איז פֿאַר דער מלחמה געווען נאָענט צו שטיינבערגן צוליב דער נײַער שטימע.

[4] ברוצקוס האָט זיך ניט באַטייליקט אין דער אַרבעט פֿון דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אין אַמעריקע.

[5] אינעם חשבון שטימט עפּעס ניט. אויב עס גייט דאָ וועגן דעם צענטראַל־ביוראָ אין פּאַריז, האָבן צו אים ניט געהערט ניט גאַרסקי, ניט שטיינבערג. אויב ווידער מען האָט דאָ אין זינען די גאַנצע עקזעקוטיווע, האָט זי געמוזט ציילן מער ווי 10 מיטגלידער: פֿון ענג־לאַנד אַליין זײַנען אין איר אַרײַן 4 אָדער 5 חברים, און מען דאַרף נאָך געדענקען וועגן פּוילן, האָלאַנד און שווייץ.

[6] אין דער קאָמיסיע פֿאַר אייראָפּעיִשע ענינים זײַנען אַרײַן די „אייראָפּעיִשע" חברים און מצד דעם אָפּיס־קאָמיטעט פֿון דער עקזעקוטיווע — י. לעווין, ל. מ. פּראָטעבוים, נ. טוראָק, ש. גוטמאַן, מ. מענדעלסבערג. גלײַכצײַטיק זײַנען צו דער פּאָליטישער קאָמיסיע צו־געקומען אַ. כאַבאַצקי, מ. ווישנעצקי, י. מינקין, ר. פֿײַנלייב און י. גאַרסקי.

[7] אויפֿן שוועל, אַפּריל־מײַ 1945, ז' 20. פּאַרזיצער איז געווען ד״ר י. מינקין, גערעדט האָבן אַ. מוקדוני, מ. מענדעלסבערג און ש.ניגער.

[8] דער בריוו איז בײַגעלייגט צום פּראָטאָקאָל פֿון 31סטן מײַ 1945. עס האָבן אים אונטערגעשריבן: ד״ר י. ברוצקוס, י. גאַרסקי, ד״ר ד. לוואָוויטש, מ. פֿײַנלייב, ר. פֿײַנלייב, אַ. קיהן. ד״ר י. ברוצקוס האָט ווייניקער פֿון וועמען עס איז געהאַט דאָס רעכט צו פֿאַרטיידיקן די טראַדיציעס פֿון קאָנסעקווענטן טעריטאָריאַליזם און צו ריידן אין נאָמען פֿון דער אַמאָליקער פֿרײַלאַנד־באַוועגונג אין אייראָפּע. מיר האָבן געזען אין קאַפּ' פֿיר, ווי אַזוי ער האָט זיך אין 1937־38 געפּלײַסט צו שפּאַלטן און צו איזאָלירן די פֿרײַלאַנד־ליגע.

[9] דעם 11טן מײַ 1942 האָט די ציוניסטישע קאָנפֿערענץ אין בילטמאָר־האָטעל, ניו־יאָרק, אַרויסגעשטעלט די פֿאָדערונג פֿון תיכּף שאַפֿן אַ ייִדישע מלוכה שוין ניט אין טייל פּאַלעסטינע

(ווי ס׳האָט געהאַט מסכים געווען דער 20סטער ציוניסטישער קאָנגרעס), נאָר אין גאַנץ פּאַלעס־טינע, כאָטש איר באַפּעלקערונג איז אויף צוויי דריטל געווען אַראַביש. די דאָזיקע מאַקסימאַ־ליסטישע פאָדערונג האָט באַין אופן נישט געהאָלפן אַרויסצופירן די פּאַלעסטינע־פּראַגע פונעם טעמפּן ווינקל, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך דער פּובליקאַציע פונעם „ווײַסן בוך״.

10 דער ענגלישער טעקסט איז אויך אַרויס אין פרײלענד, יוני 1945. די יידישע איבער־זעצונג אין אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1945, שטייט שפּראַכלעך און סטיליסטיש ניט אויף קיין הויכן ניוואָ.

11 War Refugee Board, אויסגעשטעלט דורכן פּרעזידענט רוזוועלט אין 1944.

12 לויטן באַקאַנטן ציוניסטישן אײַנשטעל האָבן יידן היסטאָריש רעכט אויף פּאַלעסטי־נע, אין אַלע אַנדערע לענדער לעבן זיי בלויז מיטן חסד פון די שייכדיקע פעלקער. די בריטישע מאַנדאַטמאַכט האָט אונטערגעכאַפּט אָט דעם צוגאַנג און האָט אים אויסגענוצט קעגן די אַספּיראַציעס פון די ציוניסטן גופא. לויט דער אינטערפּרעטאַציע פונעם באַקאַנטן בריוו פונעם דעמאָלטיקן קאָלאָניעס־מיניסטער ווינסטאָן טשערטשיל, דעם 3טן יוני 1922, מיינט „יידישע נאַציאָנאַלע היים אין פּאַלעסטינע״ ניט קיין יידישע מלוכה, נאָר בלויז אַז יידן זײַנען דאָרטן as of right and not on sufferance (אויפן סמך פון רעכט און ניט פון טאָלעראַנץ); איבערגעחזרט אינעם „ווײַסן בוך״ פון מײַ 1939. וועגן דער אומגערעכטי־קייט און געפערלעכקייט פון אָט דעם פּרינציפּ פאַרן רעכטלעכן סטאַטוס פון יידן חוץ־לאָרץ האָט איבערצײַגעוודיק געשריבן דער באַקאַנטער העברעיִשער שרײַבער און דענקער ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש אינעם זאַמלבוך מצודה (1943). אַן איבערזעצונג פון ראַווידאָוויטשעס אַרטיקל איז אַרויס אין אויפן שוועל אין די נומערן פאַר מאַרץ און אַפּריל־מײַ 1945, בעתן צונויפ־שטעלן דעם מעמאָראַנדום צו דער סאַן־פראַנציסקאָ־קאָנפערענץ.

13 „אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פּאָליטישער סטרוקטור פונעם לאַנד״ מיינט גאַנץ בולט אַ באַזונדער אַדמיניסטראַטיווער איינס.

14 דער באַקאַנטער ענגלישער אויסדרוק character assassination.

15 ציטירט אינעם אַרטיקל „אויפן טאָטאַליטאַרישן דרך״, אויפן שוועל, יוני־יולי 1945 (די נעמען פון די מחברים ווערן דאָרט ניט אָנגערופן).

16 „דער כבוד און קיום פון פאָלק״, דאָרט.

17 ווילִיאַם פּיט, יוניאָר, פּרעמיער־מיניסטער פון גרויס־בריטאַניע, פאַרביסענער שונא פונעם רעוואָלוציאָנערן פראַנקרײַך.

18 אויפן שוועל, יאַנואַר 1946, ז׳ 24.

19 יוני־יולי 1945, ציט׳ עדיטאָריאַל.

20 פּראָטאָקאָל פון 20סטן מאַרץ 1945. אין אויפן שוועל, מאַרץ 1945, ז׳ 18, פעלט אין דער רשימה דער נאָמען פאַניע גלאַנץ.

21 וועגן דער בראָשור — אין מ. האָלצמאַנס בריוו, ציטירט אין פּראָטאָקאָל פון 10טן מײַ. אין מ. האָלצמאַנס קאָרעספּאָנדענץ (אויפן שוועל, סעפּט־אָקט׳ 1945, ז׳ 17) ווערן צווישן די מיטגלידער פונעם קבלת־פּנים־קאָמיטעט אָנגערופן די שרײַבערס פּרץ הירשביין, ש. מילער, ה. רויזנבלאַט, ה. גאָלד און מלכה טוזמאַן; מען באַגעגנט דאָרט אויך דעם נאָמען פון מאָריס י. קאַרפּף, וואָס האָט בשעתו געהאַט אַ שייכות צו די ערשטע אונטערהאַנדלונגען פון דער פרײַלאַנד־ליגע מיט אויסטראַליע.

22 ציט׳ אין פּראָטאָקאָל פון 5טן יולי 1945; שטיינבערגס באַריכט וועגן דער קאַמפּאַ־ניע — אין פּראָטאָקאָל פון 4טן סעפּטעמבער. פ״גל אויך מ. האָלצמאַנס און אַ. ראַבינס ציטירטע קאָרעספּאָנדענצן אין אויפן שוועל.

23 די עקזעקוטיווע, אויסגעקליבן דעם 11טן אויגוסט 1945: ד״ר וו. אָסטראָווסקי, מ. ברײַנין, מ. האָלצמאַן, שרה האַמער, י. מאַקאָווסקי, מאַניע מאָס, אַ. פּילער, אַ. ראַבין, י. ראָזענפעלד (סעקרעטאַר), י. סילק און ש. ווײַנער.

24 בראָש פון איר איז געשטאַנען ד״ר הערבערט היידעקער; עס האָט צו איר אויך געהערט פּיטער קאַהן, פאָרזיצער פון דער לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדישער בילדונג־פאַרוואַלטונג („באָרד אָוו דזשויִש עדיוקיישאַן״).

25 עקזעקוטיווע: אַברהם האָלצמאַן (פאָרזיצער), רישעל ליוויי (וויצעפאָרזיצער), עלינאָר האָפמאַן (קאַסירער), עלין אָסטראָווסקי (סעקרעטאַר).

26 בראָש פון דער גרופּע איז געשטאַנען עדווין קנאָפּף; עס האָבן צו איר געהערט דער באַקאַנטער דײַטשער שרײַבער טאָמאַס מאַן און דער פילם־דירעקטאָר דאָרע שאַרי (פּראָט׳ פון 4טן סעפּט׳ 1945). פ״גל טאָמאַס מאַנס פּראָפּרײַלאַנדישן בריוו אין אויפן שוועל, סעפּט־אָקט׳ 1945, ז׳ 16.

27 מ. האָלצמאַנס ציט׳ קאָרעספּאָנדענץ. אין דער באַגריסונג פאַרן לאָס־אַנדזשעלעס־נומער אויפן שוועל (יאַנואַר 1946, ז׳ 25) גייען 74 נעמען פון מיטגלידער און באַזונדער 21 נעמען פון דער יוגנט־גרופּע.

28 לויט דער שאַצונג פון ש. גוטמאַן, וואָס האָט מיט צוויי יאָר שפּעטער געפירט אַ לענגערע קאַמפּאַניע אין לאָס־אַנדזשעלעס.

29 ציט׳ קאָרעספּאָנדענץ פון אַ. ר[אַבין]. דעם נומער האָבן באַגריסט: דיסטריקט־קאָמי־טעט פון אַרבעטער־רינג, וולאַדעק־ברענטש 443, נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער ברענטש 601, קראָפּאָטקין־ברענטש 413, ליעסין־ברענטש 663 פון אַרבעטער־רינג, לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדי־שער קולטור־קלוב, אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

30 פּראָטאָקאָל פון 23סטן אַפּריל 1946; אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1946, ז׳ 22.

31 אויפן שוועל, דעצ׳ 1946, זז׳ 14־15.

32 אין דער אַקציע האָבן זיך אויסגעצייכנט גרשון און לוי קוועטשאַנסקי, אַ. אַבראַמ־סאָן, ה. קאָסאָוואַצקי, ל. בענדזשאַמין, נ. מייערסאָן, קושע בערגער, קיי און די דיכטערס י. י. סיגאַל און מלך ראַוויטש (אויפן שוועל, סעפּט־אָקט׳ 1945, ז׳ 17; פּראָטאָקאָל פון 9טן סעפּט׳ 1945).

33 „אַקטיווע מיטהעלפער אין דער טאָראָנטער אַקציע זײַנען געווען די חברים: י. דוואָר־קין, קולינער, י. מאַטענקאָ און פּראָפ׳ פּסח מאַטענקאָ, פרומהאָלץ און נאַדעלמאַן״ (אויפן שוועל, ציט׳ נומ׳, ז׳ 18).

34 אויפן שוועל (ציט׳ נומ׳) דריקט אויס אַ דאַנק די פרײַנד: חבר און חברטע קאָר־מאַן, חבר און חברטע קאַמאַי, חברטע גאַרפינקעל, ד״ר ש. קליינמאַן און מ. דאָמבי.

35 אויפן שוועל, פעבר׳־מאַרץ 1946, ז׳ 28; אַפּריל־מײַ, ז׳ 22.

36 דאָרט, פעבר׳־מאַרץ 1946, ז׳ 29. דער סעקרעטאַר איז געווען מ. שטיין.

37 דאָרט, ז׳ 28; פּראָטאָקאָלן פון 22סטן און 29סטן יאַנואַר 1946. צווישן די אַקטיווי־סטע מיטגלידער ווערן אָנגערופן אַ. אייבערעמס, י. ל. שטיין, ד״ר ברוינשטיין.

38 פּערטימדיקע באַריכטן וועגן לעקציעס, דיסקוסיעס מיט פאָרשטייערס פון אַנדערע גרופּירונגען וכדומה אונטערנעמונגען פון דער יוגנט־גרופּע — אין אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ, יוני־יולי 1945, פעבר׳־מאַרץ, אַפּריל־מײַ 1946. דער פאָרזיצער פון דער גרופּע איז דעמאָלט געווען לעאָ שטיינבערג.

39 אויפן שוועל, יוני־יולי 1946, ז׳ 19.

40 געשטאָרבן דעם 19טן יאַנואַר 1946.

41 ד״ר אַ. מוקדוני, „די דיקטאַטור פון איין פּאַרטיי״, אויפן שוועל, יוני־יולי 1946, ז׳ 7. דער אַרטיקל, ווי עס ווײַזט זײַן קעפּל, איז אין אַ גרויסער מאָס געווען געווידמעט דער דיקטאַטור פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי איבער דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט.

42 ציטירט אין אויפן שוועל, פעבר׳־מאַרץ 1946, ז׳ 1. דאָרט, ז׳ 24, ווערן אויך גע־

בראַכט עקסצערפּטן פון צביונס אַרטיקל (פאָרווערטס, דעם 2טן פעברואַר 1946) מיט סימפּאַ־טישן אינטערעס צום דאָמיניקאַנער פאָרשלאַג.

43 ציטירט אין אויפן שוועל, פעבר׳־מאַרץ 1946, זז׳ 24־25.

44 אין זײַן אַרטיקל אין שייכות מיט איקסעס טויט, פרידלענד, יוני־יולי־אויגוסט 1952, זז׳ 7־8.

45 מיר האָבן זיך באַנוצט מיטן פולן טעקסט פון דער דערקלערונג אין ניו יאָרק טײַמז פון 14טן נאָוועמבער 1945.

46 עדיטאָריאַל פון אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1945.

47 די רעגירונג פון מדינת־ישראל און די פּראָציוניסטישע פּרעסע וואַרפן אויף די אַראַבישע מלוכות, אַז אַנשטאָט צו באַזעצן די פּאַלעסטינער אַראַבישע פּליטים אין פאַרשיידענע ערטער פון דער אַראַבישער וועלט, האַלט מען זיי בכיוון אין פּליטים־לאַגערן, בכדי דערמיט אויסצוווירקן אַ דרוק לטובת דער אַראַבישער פאַרענטפערונג פון דער פּאַלעסטינער־פראַגע. אָבער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט בשעתו אָנגעווענדט די זעלביקע טאַקטיק וואָס שייך יידישע פּליטים.

48 קאָפּיע אין פרײַלאַנד־אַרכיוו.

49 דערמאָנט אין מעמאָראַנדום צום בריטישן מלוכה־מיניסטער פ. נאָעל־בייקער, מײַ 1946 (קאָפּיע בײַגעלייגט צום פּראָטאָקאָל פון 21סטן מײַ 1946).

50 ציטירט דאָרט.

51 בײַגעלייגט צום פּראָטאָקאָל פון 23סטן מאַרץ 1946.

52 מימעאָגראַפישער טעקסט פונעם סטענאָגראַפישן באַריכט (ענגליש), פרײַלאַנד־אַרכיוו; אָפּגעדרוקט אין פרײַלענד, מאַרץ 1946; יידישע איבערזעצונג אין אויפן שוועל, פעבר׳־מאַרץ 1946.

53 אינעם מעמאָראַנדום זײַנען דאָ כראָנאָלאָגישע אומפּינקטלעכקייטן: מוטעס דערקלערונגען איז געווען אין יאַנואַר 1937; די אונטערהאַנדלונגען (פון „עמקאָל") מיט מאַנדעלן זײַנען געווען אין 1938.

54 ענגלישע איבערזעצונג פונעם בריוו (געשריבן סוף מאַרץ 1946 אין די אַדאַ סיגעל־מאַטעריאַלן, פרײַלאַנד־אַרכיוו.

55 שטיינבערגס בריוו פון שיף, פּראָטאָקאָל פון 2טן אַפּריל 1946.

56 קאָפּיע בײַם פּראָטאָקאָל פון 23סטן אַפּריל 1946.

57 שטיינבערגס בריוו פון 11טן אַפּריל 1946, אין „נײַעס־בולעטין" נומ׳ 2 פון דער פרײַלאַנד־ליגע (פאַר אינעווייניקסטער אינפאָרמאַציע), בײַגעלייגט צום פּראָטאָקאָל פון 23סטן אַפּריל 1946. די שייכדיקע האָלענדערין איז לויט אַלע משמעות געווען יאָהאַנאַ פעלהון קראָל, שפּעטער האָלענדישע פאַרשטייערין אין דער קאַריבער קאָמיסיע אין טרינידאַד. זי האָט אַ סך געהאָלפן דער פרײַלאַנד־אַקציע וועגן סורינאַם.

58 ענגלישע איבערזעצונג אין פרײַלאַנד־אַרכיוו.

59 אַגב האָט ער זיך אויף דער שיף „קווין מערי" געטראָפן און געשמועסט וועגן פרײַלאַנד־ענינים מיטן געוועזענעם פּרעמיער־מיניסטער ווינסטאָן טשערטשיל, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע.

60 לויט שטיינבערגס בריוו פּאַדאָלסקין (דעם 18טן סעפּטעמבער 1946) האָט דער קאָנסולטאַטיווער ראָט אין יענער צײַט געציילט 9 מיטגלידער: סער ראָבערט וואַלי קאָהען, סער הענרי ד׳אַוויגדאָר גאָלדסמיד, פיליפּ עמאַנועל, האָנ׳ מר״ס פראַנקלין, דזש. לערמאַן, האָנ׳ יועץ מאָנטעגיו, ד״ר מ. נייטן, סעם סאַלמאַן, טש. סעבאַג מאָנטעפיאָרע.

61 אין אַ בריוו צו פּאַדאָלסקין פון 21סטן מײַ 1946 דערציילט שטיינבערג, וואָסער

פאַרדראָס ער האָט געשפּירט, ווען דער בונדיסט לוציאַן בליט האָט אים גערופן אויפן יאָר־צײַט נאָך אַרטור זיגעלבוימען און עס זײַנען געקומען בסך־הכל 9 מענטשן.

62 שטיינבערגס בריוו פון 7טן מײַ 1946 („נײַעס־בולעטין״ נומ׳ 3); אינטערוויו מיט שטיינבערגן אין אויפן שוועל, אָקט־נאָוו׳ 1946, זז׳ 19 א״וו; פּאַדאָלסקיס בריוו פון 1946.

63 שטיינבערג האָט דעם 9טן מאַרץ 1947 געשריבן פּאַדאָלסקין וועגן פּינעסן: „ער (...) וואָלט געקענט אויפטאָן גאָר אַ סך פאַרן „פרײַלאַנד׳, אָבער ליידער, איז ער געוואָרן דורך דער מלחמה־צײַט שרעקלעך פּעסימיסטיש און האָט פאַרלוירן בכלל דעם גלויבן״.

64 אונטערן פּסיידאָנים ל. לאַפּין, דעצעמבער־נומער 1946. פּינעס האָט אויך, אָן ספק, צונויפגעשטעלט דעם „יזכור״ — אַ רשימה פון אומגעקומענע פרײַלאַנדיסטן אין פּוילן (אויפן שוועל, יוני־יולי 1946)׳ 32 נעמען, רעקאָנסטרויִרט לויטן זכרון און דעריבער אָפט מאָל מיט טעותדיקע איניציאַלן.

65 אינעם בריוו פון 9טן מאַרץ 1947 האָט שטיינבערג געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון ג. הויז און אויפגעפירט: „דעריבער ראָט איך אײַך, אַז איר זאָלט זיך ניט נאָכיאָגן נאָך הויזן. ער דאַרף אַפילו ניט וויסן וועגן אַלע אונדזערע פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישע שריט און פּראָיעקטן״. פּאַדאָלסקי האָט שוין דעם 18טן דעצעמבער 1946 געשריבן דזש. פיליפּסן: „מ״ר הויז, ווי איר ווייסט, פאַלט אין גאַנצן אַרויס״.

66 בריוו פון דער עקזעקוטיווע פון 4טן אַפּריל; אַרטיקל „דער דריטער כוח (אַ בריוו פון ענגלאַנד)״ אין אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1946.

67 **Encyclopaedia Britannica** (1955), vol. XIX, p. 59.

68 „אַ באַריכט פון איראָפּע״, אויפן שוועל, אָקט־נאָוו׳ 1946, ז׳ 19.

69 שטיינבערגס בריוו צו דער עקזעקוטיווע פון 19טן אַפּריל 1946; זײַן רעפעראַט אויף דער פרײַלאַנד־קאָנפערענץ, דעם 23סטן נאָוועמבער 1946 (אויפן שוועל, דעצעמבער 1946, ז׳ 19), אויפן סמך פון שמועסן מיט ענגלישע מלוכה־מענער; זען הערה 85 צו דעם קאַפּיטל.

70 דער פולער טעקסט האָט זיך באַוויזן אין דער עפנטלעכקייט ערשט דעם 4טן מײַ 1946.

71 „די ייִדן האָבן אַ היסטאָרישע פאַרבינדונג מיטן לאַנד. די ייִדישע נאַציאָנאַלע היים, הגם זי פאַרקערפּערט אַ מיעוט פון דער באַפעלקערונג׳ איז הײַנט אַ רעאַליטעט, וואָס איז עטאַבלירט געוואָרן אונטער אַן אינטערנאַציאָנאַלער גאַראַנטיע. זי האָט רעכט אויף ווײַטערדיקער עקסיסטענץ, שוץ און אַנטוויקלונג. אָבער פּאַלעסטינע איז ניט און קאָן קיין מאָל ניט זײַן בלויז אַ ייִדיש לאַנד. זי ליגט אויפן שיידוועג פון דער אַראַבישער וועלט. איר אַראַבישע באַפעלקערונג, וואָס שטאַמט אָפּ פון די אַמאָליקע אײַנוווינערס פונעם שטח, באַטראַכט מיט רעכט פּאַלעסטינע ווי איר היימלאַנד״.

72 אויף דורכצופירן די רעקאָמענדאַציע וועגן 100,000 ייִדישע אימיגראַנטן קיין פּאַלעסטינע איז באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלע אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע בראָש מיט מאָריסאָן און קראָם. ווי באַוווּסט, איז דער באַשלוס ניט געוואָרן דורכגעפירט אין לעבן, ווײַל די בריטישע רעגירונג האָט אַרויסגעשטעלט אַ פּרעלימינערן תנאי, אַז די ייִדישע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס אין פּאַלעסטינע זאָלן צו ערשט אָפּשטעלן דעם טעראָר און זיך אַנטוואָפּענען.

73 וועגן דעם באַריכט פון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע זײַנען אויך אַרויס צוויי עדיטאָריאַלן אין אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1946 (פון י. נ. ש[טיינבערג] און ש. ג[וטמאַן]).

74 רעזומע אין פּראָטאָקאָל פון 21סטן מײַ 1946.

75 קאָפּיע בײַגעלייגט צום פּראָטאָקאָל פון 21סטן מײַ 1946.

76 ציטירט, לויט אינפאָרמאַציעס אין דער ענגלישער פּרעסע׳ אין אויפן שוועל, אָקטאָבער־נאָוועמבער 1946, ז׳ 6.

77 פראַנצייזישער אָריגינאַל אין אַרכיוו פון געאָרג שאַפּיראָ, פּאַריז (איבערגעשיקט פון ניו־יאָרק). ייִדישע איבערזעצונג אין אויפן שוועל, אָקט'־נאָוו' 1946, זז' 6־7.

78 **Encyclopaedia Britannica** (1964), vol. X, p. 1007.

79 אינטערוויו מיט י. נ. שטיינבערגן, אויפן שוועל, סעפּט'־אָקט' 1946, ז' 20.

80 ייִדישער טעקסט — אויפן שוועל, סעפּט'־אָקט' 1946, זז' 5־6.

81 פּראָטאָקאָל פון 24סטן סעפּטעמבער 1946; אויפן שוועל, דעצעמבער 1946, ז' 20.

82 אויפן שוועל, אָקט'־נאָוו' 1946, זז' 7־8.

83 דאָרט, ז' 22.

84 די סעקציע איז צונויפגעשטעלט דער עיקר אויפן סמך פון די אויספּירלעכע פּראָטאָקאָלן פון דער דיסקוסיע, פּאַרעפנטלעכט אין אויפן שוועל, דעצעמבער 1946, און דעם טעקסט פון די געהאַלטענע רעפעראַטן, דאָרט און אין יאַנואַר־פעברואַר־נומער 1947.

85 אין דעם אָרט האָט שטיינבערג אָפּגעפרעגט די פאַרשפּרייטע מיינונג, „אַז ענגלאַנד וועט דאָך מסתמא אָנכאַפּן זיך פאַר דעם געדאַנק פון פריילאַנד, ווי נאָר זי וועט וויסן, אַז עס איז דאָ אַ באַוועגונג פון ייִדן, וואָס וויל ניט דווקא ארץ־ישראל. (...) די לאַגע איז נישט אַזוי. (...) זיי כאַפּן זיך נישט שטאַרק אָן. (...) זיי האָבן געזאָגט: יאָ, ריכטיק, (...) אָבער ראשית־כל דאַרפן מיר פאַרענדיקן דעם ענין ארץ־ישראל, פריִער דאַרף מען זיך באַפרייַען דערפון. הייסט עס, אַז דער דרוק פון דער ייִדישער עפנטלעכקייט אויף ענגלאַנד איז געוואָרן דאָרט אַ שטאַרקער פאַקטאָר".

86 אויפן שוועל, יאַנואַר־פעברואַר 1947, ז' 16.

87 אויפן שוועל, דעצעמבער 1946, זז' 20־21.

88 אויפן שוועל, יאַנואַר־פעברואַר 1947, זז' 13־14.

89 דאָרט, 15־16.

90 אויפן שוועל, דעצעמבער 1946, ז' 22.

91 דאָרט, זז' 1־2.

92 דאָס איז משמעות איינס פון די צוויי בריוו פון ענגלישע מלוכה־לייַט, וואָס שטיינבערג האָט איבערגעלייענט אויף דער קאָנפערענץ ווי אַן אילוסטראַציע פון די שוועריקייטן אויפן וועג פון אונטערהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד.

93 ציטירט אינעם פריילאַנד־מעמאָראַנדום צו דער בריטישער קאָמיסיע פאַר גוויאַנע און האָנדוראַס.

94 ציטירט אין אויפן שוועל, יאַנ'־פעבר' 1947, ז' 2.

95 פּאַדאַלסקיס בריוו, ציטירט אין פּראָטאָקאָל פון 17טן יולי 1947.

96 פריילאַנד־אַרכיוו.

97 קאָפּיע בייַגעלייגט צום פּראָטאָקאָל פון 8טן יולי 1946.

98 אַלע אָנגערופענע דאָקומענטן — אין פריילאַנד־אַרכיוו.

99 ייִדישער טעקסט — אויפן שוועל, יאַנ'־פעבר' 1947, ז' 1.

100 טעקסט פון דער רעדע — אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, ז' 2.

101 נאָמען טראַנסליטערירט לויטן האָלענדישן נוסח: Teroenga.

102 איבערזעצונג אין אויפן שוועל, מאַרץ־אַריל 1947, ז' 3.

103 **Surinam. Recommendations for a Ten Year Development Program.** Report of a Mission organized by the International Bank for Reconstruction and Development at the request of The Governments of The Netherlands and of Surinam. Johns Hopkins Press, Baltimore, 1952. 2nd printing, 1954. XXVI, 271 pp., 2 maps.

104 דאָרט, ז' 7. דער באַריכט שטרייַכט אונטער, אַז דאָס איז נאָר אַ קלענער חלק

פונעם שטח, וואָס איז געווען באַאַרבעט מיט 200 יאָר פריער. די סיבה איז, אַז מיטן אָפּ־שאַפן שקלאַפעריי איז ניט געוואָרן קיין אַרבעטסהענט צו באַאַרבעטן די גרויסע פּלאַנטאַ־ציעס. די פּלאַנטאַטאָרן האָבן געפּרווווט אַריינפירן אַרבעטער פון אינדיע און אינדאָנעזיע, אָבער אַלע פלעגן זיי אין אַ קורצער צייט פאַרלאָזן די פּלאַנטאַציעס, פאַרנעמען אַ קליין שטיקל פריייע ערד און באַאַרבעטן עס פאַרן אייגענעם באַשיידענעם געברויך, אָדער גיין אַרבעטן אין שטאָט. דעריבער זיינען דאָס רוב אַלטע איינגעאָרדנטע פּלאַנטאַציעס פאַרוואָרפן געוואָרן.

105 דאָרט, ז׳ 6.

106 דאָרט, זז׳ 6, 106, 108.

107 דאָרט, זז׳ 7־8.

108 דאָרט, זז׳ 204־213.

109 דאָרט, זז׳ 214־215.

110 דאָרט, ז׳ 103.

111 דאָרט, ז׳ 253.

112 דאָרט, זז׳ 103־104.

113 דאָרט, ז׳ 104.

114 דאָרט, ז׳ 4.

115 דאָרט, ז׳ 3. די סטאַטיסטיק פאַר 1941 זען אין ד״ר ל. מ. פּרוכטבוימס רעפעראַט (אויבן, הערה 88).

116 פּרוכטבוים, ציט׳ אַרטיקל. **Encyclopaedia Britannica** (1955), vol. X, p. 908.

117 סורינאַם, ז׳ 4.

118 די סורינאַמער סטאַטן זיינען אין יענער צייט באַשטאַנען פון 15 מיטגלידער, דערפון 10 געקליבן דורך דער באַפעלקערונג לויט אַ צענזיטערער סיסטעם, און 5 באַ־שטימט דורכן גובערנאַטאָר, וואָס האָט זיך גערעכנט מיט דער פּראָפּאָרציאָנעלער וואָג פון די באַזונדערע עטנישע גרופּעס און פּאַרטייען.

119 אין פריילאַנד־אַרכיוו געפינט זיך דער אָפיציעלער פּראָטאָקאָל פון די בשותפישע זיצונגען און די אונטערגעשריבענע שותפישע דערקלערונג וועגן די רעזולטאַטן פון די פאַרהאַנדלונגען.

120 ציטירט אין דער סטענאָגראַם פון דעפּוטאַט סמיטס רעדע אין די סטאַטן, איבער־געדרוקט אין אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1947, ז׳ 15. פּ״גל אויך ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים, שטיינבערג־בוך, ז׳ 408. ד״ר פּרוכטבוימס אַרטיקל, געבויט אויף פּערזענלעכע זכרונות, איז די ערשטע היסטאָרישע שילדערונג פונעם סורינאַם־פּראָיעקט.

121 ה. אַ. סאַמסאָן (פּאַראַמאַריבאָ), „אַ בריוו פון סורינאַם״, אויפן שוועל, מיי 1946, זז׳ 11־12.

122 ציטירט אינעם עדיטאָריאַל „טרייסט און האָפענונג״, דאָרט, ז׳ 2.

123 עס זיינען ביי־געווען (לויטן סדר פונעם פּראָטאָקאָל): ד״ר י. נ. שטיינבערג, י. לעווין, ש. גוטמאַן, נ. טוראַק, ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים, ה. וואַן לעווען, ש. ניגער, אַ. גלאַנץ, מ. מענדעלסבערג, אַ. סטעף, י. זעליטש (פילאַדעלפיע), קלעמענט סטעף (פריילאַנד־יוגנט), לאה קאַנטאָר (פרויען־ליגע), אַ. כאַבאַצקי, י. גאָרסקי, א. שולמאַן, אַ. קיהן, ד״ר י. מינקין, ל. געלפאַר (פאַרזיצער פונעם אַרבעטער־רינג־קאָמיטעט פאַר פריילאַנד), י. רובינשטיין, ד״ר מ. סודאַרסקי, אַדאַ סיגעל.

124 די פּרעסע־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 24סטן אַפּריל 1947.

125 אויפן שוועל, מיי 1947, ז׳ 14.

126 באַריכט דאָרט, ז׳ 15.

127 קאָפּיע פון ענגלישן טעקסט — פריילאַנד־אַרכיוו, ייִדישע איבערזעצונג — אויפן שוועל, מיי 1947, ז׳ 15.

[128] בריוו פון דע גראַט דעם 3טן מײַ 1947.

[129] אין אויפֿן שוועל, יוני־יולי 1947, ז׳ 18, איז אָפּגעדרוקט אַ באַגריסונג פון דער נידערלענדישער קאַריבישער אַסאָציאַציע אין ניו־יאָרק אין שייכות מיטן באַשלוס פון די סטאַטן וועגן באַזעצן אין סורינאַם 30,000 ייִדן (געחתמעט אַ. נאַסי, פרעזידענט פון דער אַסאָציאַציע). אין פּראָטאָקאָל פון 24סטן יולי 1947 דערציילט זיך וועגן אַ זייער פרײַנדלעכער באַגעגעניש פון אַ פרײַלאַנד־דעלעגאַציע (אַדאַ סיגעל, ה. וואַן לעווען, לעאָ שטיינבערג און פּ. פערנאַנדעס) מיט דער קאַריבישער אַסאָציאַציע.

[130] בריוו פון דע גראַט (דעם 3טן מײַ); טעלעגראַם פון גובערנאַטאָר בראַנז (דעם 7טן מײַ 1947).

[131] שטיינבערגס באַריכט, פּראָטאָקאָל פון 6טן יוני 1947.

[132] דע גראַטס בריוו פון 2טן און 10טן יוני 1947.

[133] דער פולער סטענאָגראַפישער באַריכט פון דער זיצונג איז איבערגעזעצט אין אויפֿן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1947, זז׳ 14־16.

[134] די שייכדיקע זײַטן פונעם פּאַרלאַמענט־פּראָטאָקאָל (האָלענדיש) — אין פרײַלאַנד־אַרכיוו; ציטאַטן אין אויפֿן שוועל, סעפּט־אָקט׳ 1947, ז׳ 12.

[135] אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ זײַנען געווען פאָרגעשטעלט: ניו יאָרק טײַמז, ניו יאָרק הערald טריביון, ניו יאָרק פּאָסט, טאָג, מאָרגן־זשורנאַל, פאָרווערטס, אופבאַו, אַסאָשיאייטעד פּרעס, „הײַאַס", ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט, נידערלענדישע קאַריבישע אַסאָציאַציע און נאָך. דזשוזש קראַניקל און ייִט״אַ האָבן געבעטן צושיקן דעם קאָמוניקאַט.

[136] די ערשטע ידיעות וועגן דער „מישקאַרעאַ טעריטאָריאַליסטאַ" און איר פירער אַ. ווילמאַן האָבן מיר באַקומען פון אליעזר פרענקעל, געוו׳ גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין רומעניע (בריוו צו ד״ר מ. שעכטערן פון 5טן דעצעמבער 1964, צום מחבר פון דער געשיכטע פון 24סטן יאַנואַר 1965). שפּעטער האָבן מיר געקראָגן אַ בריוו (פון 25טן מײַ 1965) פון אַ. ווילמאַנען גופא מיט קאָנדענסירטע אינפאָרמאַציעס וועגן זײַן באַוועגונג און אַן אָנזאָג, אַז ער האָט בדעה צו פאַרעפנטלעכן וועגן דעם אַ בוך אויף ענגליש. אין 1965 האָט ד״ר תיאודור לביא (לעווענשטיין), בשעתו אַן אָנגעזעענער ציוניסטישער פירער אין רומעניע, אַרויסגעגעבן אַ בוך יהדות רומניה במאבק על הצלתה, ירושלים תשכ״ה, וווּ ווילמאַן און זײַן באַוועגונג ווערן באַהאַנדלט אויף זז׳ 64־67 (מיט אַ ריי ציטאַטן פון ווילמאַנס בראָשורן) און אין אַ ספּעציעלער הוספה „פרשת אַ. וילמן", זז׳ 159־168. וואָס שייך די פאַקטן, שטימען אַלע דרײַ מקורים אין אַלע פרטים. די רומענישע בראָשורן ווילמאַנס האָבן מיר ניט געזען.

[137] אין שייכות דערמיט האַלטן מיר פאַר מאָסגיביק די אָפּשאַצונג פון אליעזר פרענקעלן, אַן עד־ראיה פון די געשעענישן, אינעם ערשטן פון די פריִער דערמאָנטע בריוו: „איך ווייס ניט, אַז די דאָזיקע קהילות (׳טשענטראַלאַ עווריִלאָר׳, ווי די קהילה האָט געהייסן אין די טעג פון מאַרשאַל אַנטאָנעסקו) זאָלן געווען טאָן עפּעס שלעכטס; אַדרבא ואַדרבא. בראָש פון דער קולטור־ און שול־אָפּטיילונג פון די דאָזיקע קהילות איז געשטאַנען דער ד״ר טעאָדאָר לעווענשטיין־לביא, מיטגליד פון דער וועלט־אָנפירערשאַפט פון איחוד, מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין רומעניע (...). נאָך דער מלחמה, ווען מ׳האָט אַ סך רומענער פאַרמישפּט פאַר מיטאַרבעט מיט די דײַטשן, האָט מען דאָך באַדאַרפט אויך ייִדן און מ׳האָט פאַרמישפּט אויך די אָנפירער פון די ייִדישע קהילות און בתוכם ווילמאַנען. דער ד״ר לעווענשטיין־לביא איז בשעתו אויך אָנגעגריפן געוואָרן פון פּאָליטישע קעגנערס פאַר זײַן באַטייליקן זיך בראָש פון דער שול־אָפּטיילונג פון דער ׳ייִדישער צענטראַלע׳. ער האָט זיך פאַרטיידיקט, זאָגנדיק, אַז ער האָט אָנגענומען דעם אַמט בהסכם מיט דער אָנפירערשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין רומעניע, כדי ווילמאַן זאָל ניט אַרײַנפירן דעם טעריטאָריאַליזם אין די שולן".

138 אליעזר פרענקעל, ציט׳ בריוו.

139 אליעזר פרענקעלס בריוו צו דער פריילאַנד־עקזעקוטיווע (ניו־יאָרק), דעם 20סטן נאָוועמבער 1946, פאַרעפנטלעכט אין אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, זז׳ 7־8.

140 י. פאַנער, „געדאַנקען פון אַ יידישיסט״, זאַמלהעפט פריילאַנד, (יאַס, 1947), זז׳ 22־25, איבערגעדרוקט אויפן שוועל, נאָוו־דעצ׳ 1947, זז׳ 5־6.

141 א. פרענקעל, ציט׳ בריוו (הערה 139), ז׳ 7. פרענקעל האָט אין דער אָקופּאַציע־צייט צונויפגעשטעלט אַ לערנבוך פון יידיש, וואָס דער קרייז האָט אומלעגאַל אַרויסגעגעבן — אַן אַקט פון גרויסן מוט.

142 י. פאַנער, ציט׳ אַרטיקל.

143 די ערשטע אויסגאַבע, צוליבן אויספעל פון יידישער שריפט, איז געווען געדרוקט מיט לאַטייניש אותיות. אין 1947 איז אַרויס אַ צווייטע אויסגאַבע, שוין מיט יידישע אותיות. ש. מאַלץ האָט געשריבן וועגן דער אַנטאָלאָגיע אין אויפן שוועל, אַפּריל־מיי 1948, זז׳ 22־23.

144 אין 1944 האָט זיך פרענקעל אָנגעשטויסן אויפן ערשטן ביכל פון וואַרשעווער פריילאַנד (1934). און ערשט אין 1946 — אויפן צווייטן.

145 די נעמען ווערן אויסגערעכנט אינעם טיטל פון פרענקעלס בוך (הערה 146 אונטן).

146 אויפן שער־בלאַט פון דער פראַנצייזישער אויסגאַבע לייענט מען:

Éliézer Frenkel, **Le problème juif, vu et sollutionné par:** MM. Felix Aderca, Tudor Arghezi, N. D. Cocea, Dr. I. Flavius, Gala Galaction, Dr. P. Groza, Eugen Herovanu, Dr. N. Lupu, Lucretiu Patrascanu, Mihail Sadoveanu, A. L. Zissu. Cercle Cultural Juif de Roumanie "I. L. Peretz", Iassy 1954, VIII, 205 pp.

נאָכן באַקומען דאָס בוך האָט ד״ר י. נ. שטיינבערג פאַרעפנטלעכט וועגן אים אַ באַגייסטערטע רעצענזיע אין אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, זז׳ 6־7 („אַ ייִד פון אייראָפּע רעדט״).

147 א. פרענקעל, אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, ז׳ 7.

148 א. פרענקעל, די יידישע פּראָבלעם (פראַנצייזיש), ז׳ 151 א״ו.

149 דצ״ו, ז׳ 140.

150 שטאַנדפּונקטן אין דער יידישער פראַגע (רומעניש, 32 זז׳). וועגן דער בראָשור און אירע אַרגומענטן קעגן טעריטאָריאַליזם האָט פּינחס כאַכאַמו געשריבן אין זאַמלהעפט פריילאַנד („אויפן ראַנד פון אַ וויכוח״), זז׳ 30־36.

151 וועגן דעם האָט א. פרענקעל געשריבן שטיינבערגן דעם 25סטן יולי 1948, קאָרעגירנדיק יענעמס ווערטער אין אויפן שוועל (זען הערה 146 אויבן), אַז „דאָס וואָרט ׳ניי־קאַלעדאָניע׳ האָבן די קעגנער צוגעוואָרפן זיי״.

152 וועגן דער חתימות־אַקציע ווייסן מיר פון א. פרענקעלס בריוו (אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, זז׳ 7־11), י. פאַנערס ציט׳ אַרטיקל אין פריילאַנד און א. פרענקעלס אומפאַרעפנטלעכטע בריוו אין פריילאַנד־אַרכיוו.

153 די יידישע איבערזעצונג פון דער פּעטיציע איז פאַרעפנטלעכט אין אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, זז׳ 10־11.

154 אַ פאָטאָרעפּראָדוקציע פונעם רומענישן אָריגינאַל פונעם אויפרוף צוזאַמען מיט דער יידישער איבערזעצונג — דאָרט, ז׳ 10.

155 וויאַצאַ עווערעיאַסקאַ״, 1946, נומ׳ 75; יידישע איבערזעצונג אין אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, ז׳ 10.

156 עס איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין, אויף וואָסערע „איינדזלען״ איז דער ציוניסטישער אָרגאַן מרמז; אפשר האָט ער געמיינט דעם פאָרשלאָג פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק?

157 דערמיט האָט זיך די ציוניסטישע רכילות־קאַמפּאַניע ניט באַגרענעצט. ד״ר מרדכי שעכטער דערציילט אין „פון דער נאָענטער פאַרבײַיקייט (זכרונות וועגן פרײַלאַנד אין רומעניע 1947)" (אויפן שוועל, סעפּט־אָקט׳ 1951, זז׳ 10־11): „האַרבסט 1946 קומט צו מיר אַהיים מײַנס אַן אַמאַליקער שול־קאָלעגע כדי צו ווײַזן מיר אַ דראַמאַטיש ווערק וואָס ער האָט אָנגעשריבן פֿאַר אַ חגיגה פונעם בוקאַרעשטער ׳הנוער הציוני׳. דער העלד פונעם סקעטש איז געווען ל. ס. [שעכטערס קאָנווענציאָנעלע באַצייכענונג פון אליעזר פרענקעלן, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דער קאָמוניסטישער רומעניע], דער שפּיץ פונעם סיפּור־המעשה איז די סצענע ווו דער דאָזיקער העלד (...) נעמט שוחד פונעם ענגלישן קאָנסול פֿאַר אָרגאַניזירן אַ חתימות־קאַמפּיין פֿאַר טעריטאָריאַליזם״.

158 אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, ז׳ 8.

159 א. פרענקעלס בריוו צו ש. גוטמאַנען, דעם 3טן אויגוסט 1947.

160 דאָרט; פ״גל אויך י. פּאַנערס ציט׳ אַרטיקל.

161 „זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווען מיר וואָלטן דעמאָלט געהאַט געוווּסט פון דער עקסיסטענץ פון דער פרײַלאַנד־ליגע, וואָלטן מיר געהאַט [איר] צוגעשיקט די ליסטעס מיט די חתימות״, א. פרענקעל, אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, ז׳ 9.

162 פּראָטאָקאָלן פון 26סטן מאַרץ 1946.

163 אַ. פרענקעל, אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, ז׳ 8.

164 בריוו פון י. ל. פּרץ־פאַראיין צו דער פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע אין ניו־יאָרק, דעם 15טן מאַרץ 1947, געחתמעט: א. פרענקעל, גענעראַל־סעקרעטאַר.

165 פרײַלאַנד (יאַס, 1947), זז׳ 40 א״וו.

166 בריוו צו דער פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע, דעם 3טן יוני 1947.

167 יידישע איבערזעצונג אין אויפן שוועל, סעפּט־אָקט׳ 1947, ז׳ 20.

168 פרײַלאַנד (יאַס), ז׳ 42.

169 ענגליש, דעם 20סטן דעצעמבער 1947. אין צווייטן בריוו, דעם 27סטן יאַנואַר 1948, ווערן אָנגערופן די נעמען פון פינף אָנפירערס פון דער גרופּע.

170 42 זז׳, ביכער־פאָרמאַט. צוויי אַרטיקלען (פון נטע רויטמאַן און יצחק פּאַנער) האָט מען איבערגעדרוקט אין אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1947.

171 „אַחוץ די ׳בויער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע׳ (...) זענען פּראַקטיש אַלע יידישע פּענמענטשן אין רומעניע צוגעשטאַנען צו דער זאַך״, שרײַבט ד״ר מ. שעכטער אין זײַנע זכרונות (הערה 157). ער רופט אָן צווישן די גרינדערס פון דער ליגע אין בוקאַרעשט „אַ יידיש־דיכטער פונעם רומענישן ׳הנוער הציוני׳״. אין דער ערשטער פרײַלאַנד־קאָנפערענץ האָט זיך באַטייליקט אַ רב פון אַ פּראָווינצשטאָט.

172 געחתמעט אונטערן אויפרוף „צו אונדזערע אַמעריקאַנער ברידער״, אָנגענומען אויפן צוזאַמענפאָר (אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1948, זז׳ 1־2). פּראָטאָקאָלן פונעם צוזאַמענפאָר געפינען זיך אין פרײַלאַנד־אַרכיוו. אַ באַריכט וועגן דעם צוזאַמענפאָר און די אָנגענומענע רעזאָלוציעס זײַנען פאַרעפנטלעכט אינעם זעלבן נומער אויפן שוועל, זז׳ 19־20.

173 אין דער יידישער פּרעסע פון יענער צײַט (און אויך אין אַ סך פאַלן איצט) באַגעגנט מען די דײַטשע פאָרעם „נידער־שלעזיע״. מיר האָבן זי איבערגעלאָזט אין דירעקטע ציטאַטן, אָבער אין אונדזער אייגענעם טעקסט באַנוצן מיר די שפּראַכלעך קאָרעקטע „אונטער־שלעזיע״.

174 דאָס נײַע לעבן (לאָדזש), ספּעציעלע יובל־אויסגאַבע, אָן אַ דאַטע (זומער 1947).

175 אַלע ציטאַטן ביז איצט — פונעם דערמאָנטן אַרטיקל עגיטס.

176 דאָס נײַע לעבן, דעם 13טן דעצעמבער 1946.

177 דאָרט, דעם 6טן סעפּטעמבער 1946.

178 אַ. בערמאַן האָט אויפן 22סטן ציוניסטישן קאָנגרעס אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם „100,000 קעפּיקן יידישן יישוב״ אין פּוילן. (דאָרט, דעם 9טן יאַנואַר 1947). מ. מירסקי

(דאָרט, דעם 13טן יאַנואַר 1947) האָט אָפּגעשאַצט די צאָל ייִדן אין פּוילן אויף 120,000.

179 400 ייִדישע קוילן־גרעבערס זײַנען געקומען צום צוזאַמענפֿאָר אין וואַלבזשיך (דאָרט, דעם 18טן נאָוועמבער 1946).

180 דאָרט, דעם 9טן דעצעמבער 1946.

181 ב. מ[אַרק], „פּאַרן ייִדישן פֿויער", דאָרט, דעם 18טן מײַ 1947; פּ"גל אויך ב. מאַרק, „גרינע פעלדער אין פּיעטראָליעשיע", דאָרט, דעם 23סטן מײַ 1947.

182 חיים לייב פוקס אינעם ספּעציעלן אָפּטייל „די בריגאַדע ייִדישע שרײַבער נאָכן באַזוך אין נידער־שלעזיע", דאָרט, דעם 21סטן יולי 1947.

183 לויטן באַריכט פֿון יעקב עגיט, פֿאָרזיצער פֿון דעם אונטער־שלעזישן ייִדישן קאָמיטעט, דאָרט, דעם 23סטן דעצעמבער 1946.

184 ביזן הײַנטיקן טאָג געפֿינט זיך די רעלאַטיוו מערהייט פֿונעם ייִדישן קיבוץ אין פּוילן אין אונטער־שלעזיע און דאָס ייִדישע לעבן איז דאָרט אָנזעעוודיקער ווי אין אַנדערע טיילן פֿון לאַנד.

185 דעם 9טן אויגוסט 1946 (אַ דערקלערונג פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע קרײַזן).

186 מג"ר מ. באַלבערישסקי, „׳פֿרײַלאַנד׳ — דער ערשטער קרבן (אַ קאַפּיטל ייִדישע געשיכטע פֿון נײַעם פּוילן)", אויפֿן שוועל, אָקט־נאָוו׳ 1950, ז׳ 11.

187 אײַזענס בריוו פֿאַרצייכנט אין עקזעקוטיוו־פּראָטאָקאָל פֿון 4טן פֿעברואַר 1947. וועגן דער באַגעגעניש מיט אײַזענען שרײַבט אויך באַלבערישסקי אין זײַן ציטירטן אַרטיקל, אָבער מערקווירדיקערהייט קומט לויט אים אויס, אַז אײַזען און אַברבנאל איז היינו הך!

188 דער בריוו און דער ענטפֿער פֿון דער עקזעקוטיווע (פֿון 21סטן מאַרץ 1947) זײַנען אָפּגעדרוקט אין אויפֿן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, ז׳ 5.

189 בריוו צו דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע פֿון 27סטן מאַרץ 1947. פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציעס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אין וואַרשע, שטשעצין (שטעטין) און וראָצלאַוו (ברעסלוי) (באַריכט אין אויפֿן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1947, ז׳ 20).

190 מ. מ[ענדעלסבערג], „אַ פּאַרטיי וואָס פֿאַרדינט איר נאָמען", אויפֿן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, ז׳ 3.

191 בולעטין פֿון דער ייִדישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי נומ׳ 13 (דעם 5טן מײַ 1947), געניער — נומ׳ 14 (דעם 10טן יולי 1947). אין אויפֿן שוועל זײַנען וועגן דער באַראַטונג געווען צוויי באַריכטן: מײַ 1947, ז׳ 14, און סעפּט׳־אָקט׳ 1947, זז׳ 19־20.

192 באַריכט פֿון אַ. אײַזען אויף דער זיצונג פֿון דער עקזעקוטיווע דעם 3טן יולי 1947 (אויפֿן וועגן פֿון פּוילן קיין מעקסיקע).

193 לויט אַלע משמעות איז דאָס דער זעלבער קאַצענבאָגען, וואָס איז געווען אַן אַקטיווער טוער פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער לאָדזשער פֿרײַלאַנד־אָרגאַניזאַציע.

194 אַ באַזונדער דאַנקבריוו האָט מען דעם אַמבאַסאַדאָר איבערגעגעבן אין נאָמען פֿון דער ייִדישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (אויפֿן שוועל, מײַ 1947, ז׳ 14).

195 אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר פּויליש־סאָוועטישער פֿרײַנדשאַפֿט, אין וואַרשע, דעם 18טן־19טן אָקטאָבער 1947, אין בײַזײַן פֿון 1500 דעלעגאַטן, הויכע מלוכה־מענער און דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, האָט באַלבערישסקי צוו"אַ געזאָגט: „שטיצנדיק מיטן גאַנצן האַרצן און סימפּאַטיזירנדיק מיט דעם קאַמף, וואָס עס פֿירט דאָס פּאַלעסטינער ייִדנטום, שטיצן מיר אויך מיט דער גאַנצער ענערגיע די שטרעבונגען פֿון דער צווייטער גרויסער ייִדישער באַוועגונג (...) דער פֿרײַלאַנד־ליגע (...) וואָס זוכט צו באַקומען אַ פֿרײַ לאַנד פֿאַר אַ טעריטאָריאַליסטישער קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע פֿאַר די ייִדן, וואָס זוכן אַ נײַ לאַנד. אַזאַ מעגלעכקייט איז איצטער דאָ אין סורינאַם (...)". (אויפֿן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1947, ז׳ 20). רײדנדיק אויפֿן פֿײַערלעכן מאַסן־מיטינג צום דריטן יאָרטאָג פֿון באַפֿרײַטן לאָדזש פֿון די דײַטשן, דעם 17טן יאַנואַר 1947, האָט באַלבערישסקי פֿאַרענדיקט זײַן רעדע וועגן לאָדזשער געטאָ און זײַן אומקום מיט די ווערטער: „און פֿון דעסט וועגן

פֿײַערן מיר די דאָזיקע שמחה מיט באַגײַסטערונג, ווײַל אַ הײַפּעלע זײַנען מיר, אָבער דאָך האָבן מיר זוכה געווען צו דערלעבן צוויי וויכטיקע ליכטיקע מאָמענטן אין אונדזער פֿינצ־טערן ייִדישן לעבן: די אָנערקענונג פֿון ארץ־ישׂראל אַלס אַ ייִדישע מלוכה און די האָפֿענונג פֿון אַ באַלדיקער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם״ (אויפֿן שוועל, פֿעבר׳־מאַרץ 1948, ז׳ 11).

196 ציט׳ אַרטיקל (הערה 186 אויבן).

197 באַריכט פֿון יונה גאָרסקי (וואָס האָט באַזוכט פּוילן זומער 1947). דער פּאָרזיצער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון פּוילישע ייִדן איז דעמאָלט געווען דער לינקער פּועלי־ציון ד״ר אַדאָלף בערמאַן. דעם 11טן יולי 1947 האָט זיך אין דאָס נײַע לעבן באַוויזן אַן אַרטיקל פֿון מ. עדין „ייִדישע פּראָבלעמען. פֿרײַלאַנד ווידער אויפֿן האָריזאָנט״ מיט אַ שאַרפֿן אָנגריף קעגן י. נ. שטיינבערגס בראָשור נידער מיט דער מלחמה (זען הערה 237 אונטן) און קעגן סורינאַם (דער „אינדזל [!] גוויאַנע״ האָט אַ „שטערבלעכן קלימאַט״). מעשׂה־נס האָט דאָס נײַע לעבן צוויי מאָל געדרוקט מודעות פֿון דער פֿרײַלנד־ליגע (דעם 22סטן אויגוסט און 31סטן אָקטאָבער 1947).

198 בריוו פֿון לאָדזש, ציט׳ אין פּראָטאָקאָל פֿון 18טן נאָוועמבער 1947.

199 באַלד פֿון אָנהייב איז ייִדיש פֿאַרבאָטן געוואָרן אין די לאַגערשולן פֿאַר ייִדישע קינדער (פּ״גל י. ל[עווין], „די אונטערדריקונג פֿון ייִדיש אין די לאַגערן״, אויפֿן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, ז׳ 4). וועגן רדיפֿות אויף בונדיסטן אין די לאַגערן זײַנען בשעתו גע־וועזן פֿאַרעפֿנטלעכט מאַטעריאַלן אין אונדזער צײַט און אַנדערע בונדישע אָרגאַנען.

200 איר פֿאָטער חיים ראָזענבעס און צוויי ברידער האָבן זיך אין יענער צײַט געפֿונען אין שאַנכײַ; איר מוטער איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. איר ערשטער בריוו (פֿון 6טן דעצעמבער 1945) איז געדרוקט אין אויפֿן שוועל, פֿעבר׳־מאַרץ 1946, זז׳ 11־12).

201 זײַן בריוו פֿון 15טן פֿעברואַר 1947 (אויפֿן שוועל, יוני־יולי 1947, ז׳ 15).

202 דאָרט. נאָך אַ מיטגליד פֿון דער גרופּע־פֿאַרוואַלטונג איז געווען ש. ווײַנטרויב. אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ גרופּע פֿרײַלאַנדיסטן אין בערגען־בעלזען איז רעפּראָדוצירט אין דעם זעלבן נומער, ז׳ 9.

203 בריוו צו דער עקזעקוטיווע, דעם 23סטן פֿעברואַר 1947.

204 ב. קוזנע, בריוו צו דער עקזעקוטיווע, דעם 28סטן פֿעברואַר 1947.

205 פּראָטאָקאָל פֿון 20סטן מײַ 1947.

206 בריוו פֿאַרעפֿנטלעכט אין אויפֿן שוועל, אַפּריל־מײַ 1948, זז׳ 9־10.

207 וועגן דער גערעדטסטער גרופּע ווייסן מיר פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן טעמפּל־מאַן און דעם פּאָרזיצער פֿון דער פֿרײַלאַנד־פּליטים־ליגע אין אייבער־עסטרײַך, יצחק קאַטשערגינסקי, פֿון קאַטשערגינסקיס בריוו צו דער עקזעקוטיווע (דעם 31סטן אויגוסט 1948) און פֿון אַ באַריכט צו דער עקזעקוטיווע פֿון דוד סיגעל (זען הערה 210 אונטן). טעמפּלמאַן האָט געשטאַמט פֿון ווילנער קאַנט און איז, ווי עס זעט אויס, געווען אַ מיטגליד פֿון דער פֿרײַ־לאַנד־באַוועגונג אין ווילנע אין 1939.

208 אין נאָמען פֿון דער רעגנסבורגער גרופּע האָט צו דער עקזעקוטיווע געשריבן זיגלמאַן (פּראָטאָקאָל פֿון 14טן אָקטאָבער 1947).

209 צווישן די פֿרײַלאַנדיסטן אין גאַבערזע איז געווען דער פּאָעט לייב וואַסערמאַן, וואָס האָט אָפּגעדרוקט עטלעכע פֿון זײַנע לידער אין אויפֿן שוועל פֿון יענעם פּעריאָד.

210 דוד סיגעל (ניט קיין פֿרײַלאַנדיסט, אָבער נאָענט צו דער באַוועגונג) האָט ווי אַ קאַנאַדער אָפֿיציר געהערט צום אירא־פּערסאָנאַל פֿאַר דײַטשלאַנד און האָט האַרבסט 1948 באַזוכט אַ ריי פּליטים־לאַגערן (צוו״אַ זיך באַגעגנט מיט דער פֿרײַלאַנד־גרופּע אין גע־רעטסריד). ער איז געקומען קיין דײַטשלאַנד מיט ספֿקות, צי עס זײַנען פֿאַראַן וואָלונטירן צו פֿאָרן אויף פּיאָנירן־אַרבעט קיין סורינאַם. אויפֿן סמך פֿון דעם, וואָס ער האָט געזען און אויסגעפֿונען פֿון אַנדערע מקורים, איז ער געקומען צום אויספֿיר, וואָס ווערט געבראַכט אין טעקסט (באַריכטן־בריוו צו דער פֿרײַלאַנד־עקזעקוטיווע, דעם 10טן נאָוועמבער 1948).

211 טעמפּלמאַנס בריוו צו קאַטשערגינסקין (דעם 28סטן סעפּטעמבער 1948) גיט זייער אַ מרה־שחורהדיק בילד פון דער סיטואַציע אין די לאַגערן. דוד סיגאַל (ציט׳ בריוו) שטעלט אויפן ערשטן אָרט צווישן די פאַקטאָרן פון דרוק אויף דער לאַגער־מאַסע „די עקאָנאָמישע סאַנקציעס אין שייכות מיט האָבן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן און צו באַקומען ׳דזשוינט׳־פּעקלעך, וואָס ווערן אָנגעווענדט קעגן ניט־ציוניסטן״.

212 פון שטעטל ווידז (ווילנער קאַנט); די מלחמה־צײַט פאַרבראַכט אין רוסלאַנד, דאַכט זיך אַן אַרבעט־באַטאַליאָן.

213 אָפּגעדרוקט אין אויפן שוועל, יוני־יולי 1947, ז׳ 14.

214 פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג בײַגעלייגט צום עקזעקוטיוו־פּראָטאָקאָל פון 10טן יולי 1947.

215 פּראָטאָקאָל פון 17טן יולי 1947.

216 אָפּגעדרוקט אין אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1947, ז׳ 21.

217 דערמאָנט אויף דער ערשטער פרײַלאַנד־קאָנפערענץ אין אייבער־עסטרײַך (אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1947, ז׳ 18).

218 באַריכט פון דער קאָנפערענץ פאַרעפנטלעכט אין אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1947, זז׳ 18־20.

219 אין פרײַלאַנד־אַרכיוו געפינט זיך אַ צאָל בריוו פון דער ווינער ליגע און אירע באַזונדערע חברים צו דער אייבער־עסטרײַכישער ליגע און צו דער פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע. זייער אַ ווערטפולער מילאוי צו די מאַטעריאַלן פון 1947־48 איז אַ רעטראָספּעקטיווער קוק אויף דער פרײַלאַנד־אַרבעט אין ווין, וואָס ד״ר מרדכי שעכטער האָט, לויט דער בקשה פון מחבר, געגעבן אין זײַן לענגערן בריוו פון 15טן יוני 1965. ד״ר שעכטער דערמאָנט אויך, אַז זײַן יידישיזם און טעריטאָריאַליזם האָט ער צו פאַרדאַנקען זײַן פאָטער חיים־בנימין שעכטער, אַ מיליטאַנטער יידישיסט און אַן איבערגעגעבענער טעריטאָריאַליסט, וואָס האָט זיך עמאַנציפּירט אויסגעלעבט אין דער טעריטאָריאַליסטישער אידעאָלאָגיע, כאָטש קיין אָרגאַניזירטע פרײַלאַנד־גרופּע איז אין טשערנאָוויץ אין די דרײַסיקער יאָרן ניט געווען, און האָט פון דער פריִסטער יוגנט דערצויגן זײַנע קינדער אין יידישיסטיש־טעריטאָריאַליסטישן גײַסט.

220 בריוו צו י. נ. שטיינבערגן און אַדאַ סיגאַל, דעם 31סטן אויגוסט 1948.

221 דאָרט.

222 מ. שעכטערס בריוו צו דער עקזעקוטיווע, דעם 2טן יולי 1948.

223 בריוו צום מחבר, דעם 15טן יוני 1965.

224 קאַטשערגינסקי האָט אָנהייב 1948 גערעכנט אַרום 500 מיטגלידער אין די לאַגערן פון אייבער־עסטרײַך (אויפן שוועל, פעבר׳־מאַרץ 1948, ז׳ 20). אין אַ בריוו פון ווינער פרײַלאַנדיסטן צום גובערנאַטאָר הערבערט לעהמאַן, דעם 4טן מײַ 1948, ריידן זיי וועגן 166 מיטגלידער אין ווין.

225 ד״ר מ. שעכטער, בריוו צום מחבר, דעם 15טן יוני 1965.

226 מ. שעכטער האָט אין זײַן בריוו קיין ניו־יאָרק פון 3טן מאַרץ 1948 (געדרוקט אין אויפן שוועל, פעבר׳־מאַרץ 1948, ז׳ 21) געשריבן: „טויזנטער יידן האָבן זייער גורל פאַרבונדן מיט סורינאַם״. י. קאַטשערגינסקי, ווי מיר האָבן געזען, האָט גערעדט וועגן 2000 קאַנדידאַטן פאַר סורינאַם; די ציפער איז איבערגעחזרט אין קאַטשערגינסקיס בריוו צו דער רעדאַקציע פון צוקונפט (געדרוקט אין אַפּריל־נומער 1948). מיט 17 יאָר שפּעטער, ווען מען האָט שוין געקאָנט קוקן אויף צוריק מיט אַ קילערן געמיט, האָט ד״ר שעכטער (ציט׳ בריוו) באַשטעטיקט, אַז ווען מען וואָלט בשעת מעשה אָנגעגעבן אַפילו העכערע ציפערן, וואָלט עס נאָך אַלץ געווען, פּסיכאָלאָגיש גענומען, אמת.

227 מ. שעכטערס בריוו צו דער עקזעקוטיווע, דעם 2טן יולי 1948.

228 ד״ר מ. שעכטער, ציט. בריוו צום מחבר.

229 נאָך אַ בריוו פון דער שאַטלענדער גרופּע איז אָנגעקומען אין אָקטאָבער 1947.

230 דער פּראָטאָקאָל פון אַט דער זיצונג האָבן די האָלענדישע ציוניסטן צוגעשטעלט דער רעדאַקציע פון דער סורינאַמער קראַלישער צײַטונג דע וועסט, וואָס האָט עס באַלד פּאַרעפנטלעכט (פ״גל שואל גוטמאַן, אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, ז׳ 12).

231 עקזעמפּלאַרן פון מוסערטס בראָשורן אין ביידע שפּראַכן זײַנען פאַראַן אין דער ביבליאָטעק פונעם צענטער פון הײַנטצײַטיקער יידישער דאָקומענטאַציע, פּאַריז.

232 יידישע איבערזעצונג פונעם פּראָטאָקאָל אין אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1947, זז׳ 13־14.

233 ד״ה אינטערווענירט בײַ דער רעגירונג קעגן דעם פּלאַן.

234 אויפן שוועל, יוני־יולי 1947, ז׳ 18. ד״ר ש. מאַרגאָשעס האָט אין זײַן בריוו צו דער רעדאַקציע (אָפּגעדרוקט אין אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1947, ז׳ 16) אָנטפּלעקט דעם נאָמען פון זײַן אינפאָרמאַטאָר: ראַבינער ישורון קאַרדאָזאָ פון קוראַסאַאָ. ש״ר ש. מאַרגאָשעס האָט אָפּגעלייקנט, אַז ער זאָל האָבן געבראַכט אַט די ידיעה פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט צוליב אַ וועלכער עס איז כוונה „צו דיסקרעדיטירן פרײַלאַנד״.

235 יידישע איבערזעצונג אין אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1947, ז׳ 13.

236 יידישע איבערזעצונג — דאָרט, זז׳ 12־13.

237 אויפן שוועל, אָקטאָבער 1944; נאָוו׳־דעצ׳ 1945; אָקט׳־נאָוו׳ 1946; אַפּריל־מײַ 1947; פרײַלענד, אָקטאָבער 1945; פעברואַר 1946; מאַרץ 1946; סעפּט׳־אָקט׳ 1946.

238 אויפן שוועל, אָקט׳־נאָוו׳ 1946 (ענגלישע איבערזעצונג פרײַלענד, נאָוו׳־דעצ׳ 1946). איבערגעדרוקט אינעם בוך: י. נ. שטיינבערג, אין קאַמף פאַר מענטש און ייד (בוענאָס־אײַרעס 1952), זז׳ 363־373.

239 ש. גראָדזענסקי, „די נײַע אַנטיציוניסטישע קאָנצענטראַציע״, דער יידישער קעמפער פון 21סטן מאַרץ 1947 (פ״גל שואל גוטמאַן, „די קאָנצענטרירטע דעמאַגאָגיע אין ׳יידישן קעמפער׳״, אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, זז׳ 11־13); וועגן דאָס נײַע לעבן זען הערה 197 אויבן.

240 אויפן שוועל, יאַנ׳־פעבר׳ 1947 (עדיטאָריאַל).

241 דאָרט, סעפּט׳־אָקט׳ 1947, זז׳ 3־4 (איבערגעדרוקט אין אין קאַמף פאַר מענטש און ייד, זז׳ 373־375).

242 שטיינבערגס ווערטער אינעם אַרטיקל „נידער מיט דער מלחמה״.

243 פּראָטאָקאָל פון 6טן מײַ 1947.

244 פּראָטאָקאָלן פון 7טן יולי, 11טן אויגוסט, 18טן נאָוועמבער, 23סטן דעצעמבער 1947; אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1947, ז׳ 24 (נעמען פון באַטייליקטע אין דער פאַרזאַמלונג דעם 18טן סעפּט׳ 1947).

245 אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1947, ז׳ 22. די קאָרעספּאָנדענץ מיטן „יידישן מלחמה־אַפּיל־קאָמיטעט״ געפינט זיך אין פרײַלאַנד־אַרכיוו.

246 בריוו פון י. פּושעט, ציטירט אין פּראָטאָקאָל פון 11טן אויגוסט 1947.

247 פּראָטאָקאָל פון 7טן אויגוסט 1947; פּראָטאָקאָל פון דער צווייטער פרײַלאַנד־קאָנפערענץ, ניו־יאָרק, 9טן אָקטאָבער 1948 (באַריכט פון ש. גוטמאַן).

248 פּראָטאָקאָלן פון 25סטן נאָוועמבער און 16טן דעצעמבער 1947, פון 9טן (בריוו פון ווינער „דזשוינט״ צו דער עסטרײַכישער פרײַלאַנד־ליגע מיט אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג צו העלפן דעם סורינאַם־פּראָיעקט) און 16טן מאַרץ 1948.

249 אין אויפן שוועל, יאַנ׳־פעבר׳ 1947, זז׳ 17־18, ווערן געבראַכט די נעמען פון די 35 מיטגלידער פונעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט, צווישן זיי די ליטעראַטן דוד אײנהאָרן, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, אַ. גלאַנץ, דניאל טשאַרני, ש. ניגער, ד״ר עזריאל נאַקס.

250 באַריכט אין אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1947, זז׳ 20־22.

251 אויפן שוועל, יוני־יולי 1947, ז׳ 13.

252 דאָרט, ז׳ 19.

253 אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1947, זז׳ 23־24.

254 פּראָטאָקאָל פון 23סטן דעצעמבער 1947.

255 אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1947, ז׳ 24; פּראָטאָקאָל פון 20סטן יאַנואַר 1948.

256 פּרטימדיקער באַריכט — אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1947, ז׳ 21.

257 דעם 17טן דעצעמבער 1947 האָט ד. דובינסקי געשריבן י. נ. שטיינבערגן: „איך האָב אַרומגערעדט דעם סורינאַם־פּראָיעקט מיט אַ ריי פון אונדזערע לאָקאַל־פּאַרוואַלטערס און זיי האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז זיי זײַנען געגוג פאַראינטערעסירט צו העלפן אים מאַטע־ריעל און פינאַנציעל״. אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון אַלע לאָקאַל־פּאַרוואַלטערס וועגן סורי־נאַם איז גערופן געוואָרן אויף אָנהייב יאַנואַר 1948. „איך דאַרף אײַך ניט פאַרזיכערן, אַז אויך איך בין פאַראינטערעסירט און וועל ווי ווײַט מעגלעך אונטערשטיצן די אויספאָרשונג וואָס ווערט איצט געמאַכט מיטן ציל צו קאָלאָניזירן יידן אין סורינאַם״. אָנהייב 1948 זײַנען די 10,000 דאָלאַר איבערגעשיקט געוואָרן דער פרײַלאַנד־ליגע.

258 פעברואַר־מאַרץ 1948, ז׳ 3.

259 „טענעסי וואַלי אָטאָריטי״ — גרויסע סיסטעם פון דאַמבעס און עלעקטראָסטאַציעס אויפן טײַך טענעסי, געבויט דורך דער פעדעראַלער רעגירונג אונטער דער רוזוועלט־אַד־מיניסטראַציע.

260 מער פּרטים וועגן דער צוגרייטונג פון דער עקספּערטן־קאָמיסיע זען אין ד״ר ל. מ. פּרוכטבוימס ציט׳ אַרטיקל, שטיינבערג־בוך, זז׳ 410 א״וו. ד״ר פּרוכטבוים האָט גענומען זייער אַן אַקטיוון אָנטייל אין אָט דער צוגרייטונג.

261 זען, למשל, אין אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1947, ז׳ 23, וועגן אַלווין דזשאָנסאָנס אַרויסזאָגונגען לטובת דעם סורינאַם־פּראָיעקט אויף אַ „לאָנטשאָן״ מיט אים דעם 16טן אָקטאָ־בער 1947, און זײַן בריוו וועגן דעם עקספּערטן־באַריכט אין אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1948, ז׳ 4.

262 דער ענגלישער אָריגינאַל — אין פרײַלאַנד־אַרכיוו; יידישע איבערזעצונג — אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1947, ז׳ 1.

263 לויטן סורינאַם־באַריכט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַנק (זען הערה 103 צו אָט דעם קאַפּיטל), ז׳ 127, האָט מען אין סאַראַמאַקאַ־ראַיאָן אַראָפּגענומען 5 טאָן רײַז פון אַ העקטאַר — די העכסטע גערעטעניש אין סורינאַם.

264 ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים, ציט׳ אַרטיקל, ז׳ 412; באַריכטן פון פישער, ראָבערטס און שטיינבערג אין די עקזעקוטיווע־פּראָטאָקאָלן פון 20סטן און 27סטן יאַנואַר און 5טן פעברואַר 1948; ענדגילטיקער שותפישער באַריכט פון דער קאָמיסיע.

265 קאַרטע 1:200,000 אין פרײַלאַנד־אַרכיוו.

266 לשם פאַרגלײַך קאָן מען באַמערקן, אַז דער שטח פון דער פּלאַנירטער קאָנצעסיע איז געווען כמעט צוויי מאָל קלענער פונעם אַלגעמיינעם שטח, וואָס עקוואַדאָר האָט אין 1935 אָנגעבאָטן פאַר אייראָפּעישער קאָלאָניזאַציע. אין עקוואַדאָר זײַנען אָבער די 485,000 העקטאַר געווען צעשפּליטערט אין 17 ערטער, אָפּגעריסענע איינס פונעם אַנדערן.

267 פרײַלאַנד־אַרכיוו (יידיש, 14 זז׳ געדיכטע מאַשינשריפט).

268 אויף אַ נײַעם באָדן... (זען הערה 278 צו אָט דעם קאַפּיטל), ז׳ 18 (די זײַטן זײַנען ניט נומערירט).

269 דעם 18טן אַפּריל 1948 איז פֿאָרגעקומען אַ מאַסן־פֿאַרזאַמלונג, גערופֿן דורכן אַרבעטער־רינג־קאָמיטעט פֿאַר פֿרײַלאַנד. באַגריסונגען זײַנען געקומען פֿון די אַרבעטער־טוערס ל. נעלסאָן און ג. כאַנין.

270 בריוו פֿון אַטערטאָן לי, דעם 18טן אַפּריל 1948.

271 קאָמוניקאַט פֿונעם יו־ען־אינפֿאָרמאַציע־צענטער אין זשענעווע פֿון 2טן פֿעברואַר 1948.

272 ווי אויך מיט אַ ריי אַנדערע טוערס, זען ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים, שטיינבערג־בוך, ז׳ 413.

273 ענגלישער אָריגינאַל — פֿרײַלאַנד־אַרכיוו, יידישע איבערזעצונג — אויפֿן שוועל, אַפּריל־מײַ 1948, ז׳ 11.

274 טעלעגראַם פֿון וואַשינגטאָן, דעם 18טן אַפּריל 1948.

275 פּראָטאָקאָלן פֿון 30סטן מאַרץ, 7טן און 13טן אַפּריל 1948.

276 אויפֿן שוועל, פֿעבר׳־מאַרץ 1948, זז׳ 22־23.

277 אויפֿן שוועל, אַפּריל־מײַ 1948, ז׳ 23, רופֿט אָן אַ געוויסן דייוויס און עלײַאַס קאַהן. לויט ווי עס דערמאָנט זיך ש. גוטמאַן, איז דאָרט אויך געווען דער אונדז שוין באַקאַנטער מאָריס קאַרפּף.

278 "...On New Soil, Under New Skies" (20 זז׳ טעקסט, 6 זז׳ פֿאָטאָגראַפֿיעס, ניט נומערירט).

279 די בריטישע רעגירונג האָט געפֿאָדערט אַ פּרעלימינערע אַנטוואָפֿענונג און אויפֿלייזונג פֿון יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס אין פּאַלעסטינע. נאָך וויכטיקער איז געווען דער אָפּזאָג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן זיך צו באַטייליקן אין דער מיליטערישער און פֿינאַנציעלער אַחריות פֿאַרן דורכפֿירן די רעקאָמענדאַציעס.

280 ענגלישער טעקסט (לויטן אָפֿיציעלן פּראָטאָקאָל) — פֿרילענד, מײַ־יוני 1947, זז׳ 7־8; יידישע איבערזעצונג אויפֿן שוועל, מײַ 1947, זז׳ 4־5. פֿון אַ קורצער דערמאָנונג וועגן פֿין מוס אַרויסטריט אינעם פּראַוודאַ־באַריכט פֿון דער יו־ען אַסאַמבלעע האָט זיך דער מחבר פֿון דער געשיכטע (דעמאָלט אין אַ סאָוועטישן לאַגער) דערוווּסט וועגן אַ פּראָיעקט פֿון יידישער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם, אָבער ניט וועגן דעם, אַז די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט צו אים אַ וועלכע עס איז שייכות.

281 דער מיעוט (אינדיע, איראַן, יוגאָסלאַוויע) האָט פֿאָרגעלייגט אַ פֿעדעראַטיווע אַראַביש־יידישע מלוכה מיט דער קרוינשטאָט אין ירושלים.

282 ציטירט לויט Ben Halpern, **The Idea of the Jewish State** (Cambridge, Mass., 1961) ז׳ 366 (אויפֿן סך פֿון די אָפֿיציעלע יו־ען־פּובליקאַציעס); אָפּשאַצונג פֿון די שייכדיקע פּונקטן אין אויפֿן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1947, עדיטאָריאַל.

283 ענגלישער טערמין פֿאַר אַגענטן פֿון פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס אָדער אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטן אין די קולוּאַרן פֿון עפֿנטלעכע אינסטיטוציעס און פּאַרלאַמענטן, בכדי משפּיע צו זײַן אויף זייערע דעציזיעס.

284 איבערגעגעבן דורך י. נ. שטיינבערגן נאָך אַ באַגעגעניש מיט דער נאָרוועגישער דעלעגאַציע (פּראָטאָקאָל פֿון 11טן נאָוועמבער 1947).

285 אָפֿיציעלער פּרעסע־פּראָטאָקאָל פֿון יו־ען־סעקרעטאַריאַט, דעם 26סטן נאָוועמבער 1947, אין פֿרײַלאַנד־אַרכיוו; יידישע איבערזעצונג — אויפֿן שוועל, נאָוו־דעצ׳ 1947, ז׳ 2.

286 די גרעסטע רעזערוואַציעס צו דער פּערספּעקטיוו פֿון אַ יידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע האָט אַרויסגעוויזן ד״ר י. נ. שטיינבערג. אין 1937 האָט ער באַגריסט דעם ערשטן חלוקה־פּלאַן, אָבער מיט צען יאָר שפּעטער האָט זיך זײַן אײַנשטעל געביטן. פֿאַר אים איז געווען קלאָר, אַז די יידישע מלוכה וועט ניט קאָנען רעאַליזירט ווערן אָן אַ בלוטיקן קאַמף

מיט די אַראַבער און אַז אויך נאָכן אויסקעמפן איר קיום וועט זי מוזן אָננעמען אַ פּערמאַנענטן כאַראַקטער פֿון אַ ביז צו די ציין באַוואָפֿנטער מיליטאַריסטישער מלוכה. און דאָס, פֿון שטיינבערגס עטישע פּאָזיציעס, איז געווען אַזאַ אָפּווײַכונג פֿון ייִדישע מאָראַלישע אידעאַלן, אַז מלוכישקייט אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט פֿאַר אים ניט אויסגעזען צו זײַן אַן אמתע דערגרייכונג. זײַן שטאַנדפּונקט האָט ער אויסגעדריקט אין „מלוכה־ייִדישקייט אָדער גײַסט־ייִדישקייט", אויפֿן שוועל, אַפּריל־מײַ 1948, זז׳ 12־13 (מיט אַ צושריפֿט, אַז „דער אַרטיקל דריקט אויס די פּערזענלעכע מיינונג פֿון מחבר"); איבערגעדרוקט אין זאַמלבוך אין קאַמף פֿאַר מענטש און ייִד, זז׳ 378־382 (אָנעם לעצטן אָפּזאַץ פֿונעם זשורנאַל־טעקסט). נאָכן פּראָקלאַמירן מדינת ישראל האָט שטיינבערג אין דעם גײַסט געשריבן אין דער פֿרײַער אַרבעטער־שטימע, „בכדי ניט צו פֿאַרוויקלען די פֿרײַלאַנד־ליגע אין דער דאָזיקער פֿראַגע" (פּראָטאָקאָל פֿון 5טן אויגוסט 1948). פֿאַר זײַטיקע מענטשן איז אָבער דער נאָמען י. נ. שטיינבערג געווען אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע, און דאָס האָט געשאַפֿן אַ באָדן פֿאַר אומפֿאַרשטייעניש.

287 אויפֿן שוועל, אַפּריל־מײַ 1948, ז׳ 20.

288 ניט־ווילנדיק דערמאָנט מען זיך די באַקאַנטע ווערטער, צוגעשריבן דעם כאַליף אָמאַר, ווען מען האָט אים געפֿרעגט, וואָס מען זאָל טאָן מיט דער ביבליאָטעק אין אַלעקסאַנדריע: „אויב אין די דאָזיקע ביכער זאָגט זיך עפּעס אַנדערש ווי אינעם קאָראַן — זײַנען זיי שעדלעך; אויב עס זאָגט זיך אין זיי דאָס אייגענע ווי אינעם קאָראַן — זײַנען זיי איבעריק; אַזוי צי אַנדערש, דאַרף מען זיי פֿאַרברענען".

289 אַזאַ קעפּל טראָגט איינער פֿון ד״ר חיים שאָשקעסעס אַרטיקלען וועגן סורינאַם, פֿאַרעפֿנטלעכט אין מאָרגן־זשורנאַל און איבערגעדרוקט אין אַ ריי ציוניסטישע צײַטונגען אַן 1948. דער פֿרײַלאַנדיסט טעמפּלמאַן האָט, איבערלייענענדיק אים אין מינכענער אונדזער וועג, געשריבן פֿון זײַן דײַטשן לאַגער צו י. קאַטשערגינסקין אין עסטרײַך: „איר וועט שוין זען לויטן קעפּל ׳צו וואָס מען דאַרף עס?׳, וואָס פֿאַר אַ וואָלף דאָ באַהאַלט זיך אין פֿעל פֿון אַ שעפּס. (...) טאַקע צוליב וואָס דאַרף [מען] עס, אַז זיצן זיצט ער אין אַמעריקע און זײַן ייִדיש האַרץ און געוויסן איז שוין אין אָרדענונג מיט ישראל, איז צוליב וואָס דאַרף ער עס? איך וואָלט אים אָבער אַוועקגעזעצט אין אַ לאַגער, ער זאָל האָבן צו טאָן מיט די פֿאַרשיידענע בענקל־כאַפּער, גנבים און קאָניונקטור־ציוניסטן און לעבן דאָ אין דער דעמאָראַליזאַציע, וואָלט ער שוין דאַן פֿאַרשטאַנען, צוליב וואָס מען דאַרף עס." (דעם 28סטן סעפּטעמבער 1948; קאָפּיע, איבערגעשיקט דורך קאַטשערגינסקין, אין פֿרײַלאַנד־אַרכיוו).

290 אַרויס אין אויפֿן שוועל, אַפּריל־מײַ 1948, ז׳ 11, און פֿרײַלענד, מײַ־יוני 1948, ז׳ 9.

291 אויך אַרויס ווי אַ בראָשור (פֿרײַלאַנד־בראָשורן־ביבליאָטעק נומ׳ 4).

292 געחתמעט „שמואל ב.".

293 פֿאַרעפֿנטלעכט אין אויפֿן שוועל, אַפּריל־מײַ 1948, זז׳ 5־11, אונטערן אַלגעמיינעם קעפּל „אייראָפּעיִשע ייִדן ריידן צו אונדז".

294 ד״ר חיים שאָשקעס האָט פֿאַרבראַכט אין סורינאַם, מאַראַפּלאַן לאַעראָפּלאַן, גענויע 36 שעה (לויט אַ בריוו פֿון ה. סאַמסאָן, וואָס האָט זיך מיט אים באַגעגנט און אַרומגעפֿירט), אָבער דאָס האָט אים געקלעקט אויף פֿינף לאַנגע אַרטיקלען מעשה־מבין וועגן סורינאַם (בתוכם דער אַרטיקל, וואָס איז געווען דערמאָנט אין הערה 289 אויבן), וואָס פֿרײַלענד (מײַ־יוני 1948, ז׳ 10) האָט באַצייכנט ווי „אַ מער אײדעלער סאַבאָטאַזש".

295 פּראָטאָקאָל פֿון 3טן פֿעברואַר 1948.

296 אויפֿן וועג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אין האַיִטי, אינטערוויוירט אַטערטאָן לי וועגן די רעזולטאַטן פֿון דער עקספּערטן־אויספֿאָרשונג און געפּרוווט אָפּריידן אים פֿון מיטאַרבעטן מיט דער פֿרײַלאַנד־ליגע.

[297] פרילענד, מײַ־יוני 1948, ז' 9־10 (לויט ידיעות פון פּאַראַמאַריבאָ).

[298] איר פּאַסקוויל קעגן דער פרײַלאַנד־ליגע (וואָס וועגן אים וועט באַלד קומען די רייד) האָט זי פאַרענדיקט מיט די צביעותדיקע ווערטער: „און נאָך אַ בײַפּראָדוקט פון דער פרײַלאַנד־ליגע איז דאָס בייזע בלוט, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן צווישן די ייִדן גופא [אין סורינאַם]. (...) גאַנצע משפּחות אין פּאַראַמאַריבאָ זײַנען געשפּאָלטן. איין ברודער איז פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, בשעת דער צווייטער ברודער פירט אָן מיט דער גײַ־געשאַפענער פרײַלאַנד־ליגע (...). קאָפּווייטיק און חלוקי־דעות, ביטערקייט און תּרעומות בלײַען אַצינד אינעם קליינעם, גרויען פּאַראַמאַריבאָ (...)". (די צוויי ברידער זײַנען פיליפּ און האַנס סאַמסאָן).

[299] מיר באַנוצן זיך מיט מר"ס סילווערמאַנס אַרטיקל, וואָס ווערט אָנגערופן אין הערה 302 אונטן. אין איר שפּעטערדיקער רעקאַפּיטולאַציע פון אירע סאַבאָטאַזש־אַקציעס (זען קאַפּ' 8, הערות 159 און 160 א) האָט מר"ס סילווערמאַן געשריבן: „ווען איך האָב זיך דערוווּסט אין 1948, אַז אַ צאָל עקספּערטן זײַנען אַרויסגעפאָרן קיין סורינאַם צו שטודירן די מעגלעכקייטן פון שאַפן דאָרט (2^0 אונטערן עקוואַטאָר) אַ ייִדישן ייִשוב, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן און זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס פאַר אַ מין בלאָף פּלאַנעוועט די פרײַלאַנד־ליגע דאָס מאָל." „איך בין געפאָרן אַהין אויסצופאָרשן און, אויב מעגלעך, צו נישט צו מאַכן באַלד אין וואָרצל שטיינבערגס נידערטרעכטיקן פּלאַן אויסצודינגען בײַם דעמאָלטיקן האָלענדישן גובערנאַטאָר אַ דערלויבעניש צו באַזעצן ייִדישע פּליטים אין די פאַרפעסטיקטע דזשאָנגלס לענג־אויס דעם טײַך סורינאַם [!]". „ס'האָט בײַ מיר גענומען זייער ווייניק טירחה אויסצוניכטערן דעם גובערנאַטאָר בראָנ[ז]. (...) אַזוי אַרום, חוץ די טויזנטער דאָלאַר, וואָס מען האָט געפּטרט אויף די עקספּערטן, (...) איז פונעם פּלאַן גאָרניט אַרויס". מר"ס סילווערמאַן האָט נאָר פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז הן קיין סורינאַם, הן מיט פיר יאָר פריִער קיין אויסטראַליע (חרוב צו מאַכן דעם קימבערלי־פּראָיעקט) איז זי געפאָרן ניט אין איר אייגענעם נאָמען, נאָר ווי אַן אָפיציעלע פאָרשטייערין פונעם קרן־היסוד. פאַר איין וועגס האָט זי באַשריבן די ייִדישע קהילה פון סורינאַם ווי אַ הײַפל אָפּגעריסענע, פאַרצווייפלטע קבצנים, וואָס „טוליען זיך איינער צום צווייטן אין שרעק און ציטער". מר"ס סילווערמאַנס אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַן אויפגעבראַכטן פּראָטעסט מצד סורינאַמער ייִדן (פיליפּ סאַמסאָן, רעדאַקטאָר פון ציוניסטישן זשורנאַל טערוענגאַ, אין טערוענגאַ, אָקטאָבער 1956) און קריסטן (פּ. דע ראַי אין ניוּווע טײַד, פון 15טן נאָוועמבער 1956, איבערגעזעצט אין דזשוּיש פאָרום, דעצעמבער 1956). עס האָט איר אויך געענטפערט י. נ. שטיינבערג (דזשוּיש פאָרום, דעצעמבער 1956, איבערגעדרוקט אין פרילענד, נאָוועמבער־דעצעמבער 1956). פגל דעם אַרטיקל „די פרווי סילווערמאַן איז ווידער דאָ!", אויפן שוועל, יאַנואַר־פעברואַר 1957.

[300] דער דאָזיקער סך־הכל פון מר"ס סילווערמאַנס מיסיע איז געבויט קודם־כל אויף איר אייגענעם פּאַסקוויל; חוץ דעם — אויף ידיעות אין פרילענד (זען הערה 297) און אויפן שוועל (אַפּריל־מײַ 1948, ז' 17) און אויף בריוו פון האַנס סאַמסאָן פון פרילינג 1948.

[301] פּראָטאָקאָלן פון 7טן, 13טן און 20סטן אַפּריל 1948.

[302] אין פרײַלאַנד־אַרכיוו געפינט זיך דער נומער פון 7טן מײַ 1948 פון דהי קאַנײַדיען דזשוּיש קראָניקל, ווו ס'איז אָפּגעדרוקט "Sensational Exposé: **The Surinam Nigth-mare**". Mrs. Archibald Silverman (זז' 7, 14).

[303] „סאַראַמאַסאַ" (כסדר) אַנשטאָט סאַראַמאַקאַ; די פרײַבורג־קאָנצעסיע ווערט אָפּגעשאַצט אויף 30,000 העקטאַר אַנשטאָט, ווי אין דער אמתן, 3,000; 30,000 העקטאַר איז גלײַך צו 175,000 אַקער (אין דער אמתן 72,000); דער אַלגעמיין באַקאַנטער פאַקט, אַז סורינאַמער אַגריקולטור ווערט פּראַקטיצירט לויט דער פּאָלדער־סיסטעם ווערט פאַרגעשטעלט ווי מר"ס

סילווערמאַנס אייגענע סענסאַציאָנעלע אַנטדעקונג בנוגע דער פּראָיעקטירטער פרײַלאַנד־קאָנ־צעסיע; דער ראַיאָן, להיפּוך צו די געגעבענע פון ספּעציאַליסטן, ווערט באַשריבן ווי פאַר־פּעסטיקט דורך „מאָרימדיקע טראָפּישע קראַנקייטן", אאַז״וו.

304 בריוו פון ה. סאַמסאָן, דעם 27סטן מײַ 1948.

305 דאָרט.

306 לויטן ציט׳ אַרטיקל פון מר״ס סילווערמאַן, וואָס האָט באַקומען די ידיעות פון פרײַבורגן גופא, האָט זיך געהאַנדלט וועגן בלויז 35 מענטשן.

307 בריוו פון אַ. ד. פערנאַנדעס, צײַטווײַליקער מלוכה־סעקרעטאַר, פון 26סטן אַפּריל 1948.

308 סאַמסאָן האָט ממשיך געווען: „אין קלאַמערן קאָן איך אײַך זאָגן, אַז די דאָזיקע אײראַזיאַטן האָבן ניט געהאַט קיין לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראַקטיק אין מיזרח־אינדיע. די זאַך וועט זײַן פאַר זיי פּונקט אַזוי שווער ווי פאַר ייִדן".

309 College van Bijstand.

310 איינער פון זיי, לאָריע, איז דווקא געווען אַן אָנהענגער פונעם פרײַלאַנד־פּראָיעקט, אָבער האָט געמוזט גיין מיט דער מערהייט.

311 (לויט סאַמסאָנס ציט׳ בריוו פון 27סטן מײַ 1948) ווײַנכאַרדע, וואַן דער שרעף, לאָריע, פינדליי, באָס פערשור און דער, וואָס האָט געזאָלט פאַרבײַטן אַ. סמיטן.

312 לויטינק, דע מיראַנדאַ, דע פריז, קאַראַמאַט אַלי, דע לאַ פּהענטע, יאָנג באַוו און מינג דולמאַן; אָבער די לעצטע צוויי (ביידע יאַוואַנער) זײַנען אין יענער צײַט געווען אויף אַ לענגערן באַזוך אין אויסלאַנד.

313 האָאַ־שו און ראַמבאַראַן מישרע, וואָס האָבן בשעתו געשטימט פאַר 10,000 ייִדישע אימיגראַנטן.

314 פרילענד, מײַ־יוני 1948, ז׳ 4, האָט פאַרעפנטלעכט אַן איבערזעצונג פונעם עדיטאָ־ריאַל אין דער וואָכנשריפט בעיות הזמן (ירושלים, רעדאַקטירט פון יהודה מאַגנעס און מאַר־טין בובער) פון 15טן אַפּריל 1948, וואָס האָט אויפן שאַרפסטן אופן פאַראורטיילט דעם דאָזיקן אַקט פון די טעראָריסטישע גרופּעס אצ״ל און לח״י.

315 אין פּראָטאָקאָל פון 18טן נאָוועמבער 1947 ווערט דערמאָנט וועגן באַקומען אַ בריוו פונעם פאַרבאַנד פון איזראַעליטישע סינאַגאָגעס אין האָלאַנד מיט אַ פרישער רעזאָלו־ציע קעגן דעם סורינאַם־פּראָיעקט. מען קאָן זײַן זיכער, אַז די פרײַלאַנד־ליגע איז ניט געווען דער איינציקער אַדרעסאַט פון דער רעזאָלוציע.

316 ד״ר ראַפּטשינסקיס באַריכט אויף דער ספּעציעלער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע דעם 13טן יוני 1948. ד״ר ראַפּטשינסקיס אינפאָרמאַציע ווערט פולשטענדיק באַשטעטיקט דורך אומאָפּהענגיקע מקורים, וואָס וועלן געבראַכט ווערן ווײַטער. מען דאַרף אויך דערמאָנען, אַז סוף 1948 האָט דער געוועזענער סורינאַמער גובערנאַטאָר בראָנז פאַרטרוילעך מודיע געווען וואָן לעווענן, אַז די ציוניסטן אַרבעטן שטאַרק קעגן דער פרײַלאַנד־ליגע הינטער די קוליסן פון דער רעגירונג.

317 ד״ה, אַז רוסלאַנד וועט קאָנטראָלירן דעם באַשטאַנד פון ייִדישע עמיגראַנטן פון הינטערן אײַזערנעם פאָרהאַנג און וועט שיקן קיין סורינאַם אָפּגעקליבענע קאָמוניסטישע אַגענטן.

318 קאָפּיעס פון ענגלישן טעקסט — פרײַלאַנד־אַרכיוו. ייִדישע איבערזעצונג — ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים, שטיינבערג־בוך, ז׳ 415.

319 בריוו פון ה. סאַמסאָן פון 12טן יוני 1948.

320 דעם אייגענעם תירוץ — אַז דעם פּלאַן וועט מען מוזן רעווידירן — האָט וואָן לעווען

באַקומען (יולי 1948) פון מיניסטער געצענס געהילף יאַנקערס (פּראָטאָקאָל פון 29סטן יולי 1948).

321 ה. סאַמסאָן צו ש. גוטמאַנען, דעם 3טן יולי 1948, אויפן סמך פון פאַרטרווילעכער אינפאָרמאַציע פון דעפּוטאַט עמיל דע לאַ פוענטע.

322 דאָרט. דאָס זעלבע אין אינזש׳ אַ. פישערס באַריכט פון סורינאַם (זען הערה 323).

323 אינזש׳ פישערס באַריכט אויף דער עקזעקוטיוו־זיצונג דעם 27סטן יולי 1948. אין פישערס אינפאָרמאַציע וועגן דער האָלענדישער אַרײַנמישונג קעגן דעם פּראָיעקט (וואָס ער האָט באַקומען „פון אויטענטישע קוועלן") ווערט צווו״אַ געזאָגט: „די האָלענדישע רעגירונג זאָל דאָס האָבן געטאָן אונטער דער ווירקונג פון די ציוניסטן און פון סטייט־דעפּאַרטמענט". ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים האָט דאָרט ציטירט אין זײַן אַרטיקל, שטיינבערג־בוך, ז׳ 416. אין דעם גאַנצן פאַרנעמיקן אַרכיוו פונעם סורינאַם־ענין איז אָבער ניטאָ קיין שום אַנדער רמז, אַז דער אַמעריקאַנער מלוכה־דעפּאַרטאַמענט זאָל האָבן אַ וועלכע עס איז שייכות צום אָפּוואַרפן דעם פרײַלאַנד־פּראָיעקט. אינזש׳ פישערס באַהויפּטונג וועגן מלוכה־דעפּאַרטאַמענט (אויב זי איז ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן אין פּראָטאָקאָל) זעט אויס ניט צו האָבן קיין יסוד.

324 אין אויפן שוועל, יולי־אויגוסט 1948, זז׳ 18־19, ווערט איבערגעגעבן וועגן אַ „לאַנטשאָן", וואָס דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט געמאַכט לכבוד עליאַזערן בײַ זײַן באַזוך פון ניו־יאָרק, דעם 21סטן יוני 1948.

325 ה. סאַמסאָן צו ש. גוטמאַנען, דעם 2טן אויגוסט 1948.

326 אויפן שוועל, 1948, אַפּריל־מײַ, ז׳ 20; יולי־אויגוסט, זז׳ 18, 20; אָקט׳־נאָוו׳ זז׳ 19־20. אַ גרויסע אבדה פאַר דער באַוועגונג איז געווען דער טויט פון איבערגעגעבענעם לאָס־אַנדזשעלעסער פרײַלאַנדיסט ד״ר וו. אָסטראָווסקי (פ״גל דעם נעקראָלאָג פון ש. ווײַנער, אויפן שוועל, פעבר׳־מאַרץ, זז׳ 11־12).

327 דאָרט, אַפּריל־מײַ, ז׳ 24; יולי־אויגוסט, ז׳ 20.

328 אַ. טאָנעס, „פרײַלאַנד־פרײַנד אין מעקסיקאָ", אויפן שוועל, אָקט־נאָוו׳ 1948, זז׳ 18־19; ד״ר אַ. קינג און ש. גוטמאַן אויף דער עקזעקוטיוו־זיצונג דעם 21סטן סעפּטעמבער 1948: דער נאָמען „פרײַנד פון פרײַלאַנד" איז אויסגעקליבן געוואָרן, כדי עס זאָל זײַן מעגלעך צוצוציִען אַ ברייטערן קרײַז מענטשן; צוו״אַ איז צוגעשטאַנען אַ געוויסע צאָל בונדיסטן.

329 אויפן שוועל, פעבר׳־מאַרץ 1948, זז׳ 12־14 (מ. בורסוק); יולי־אויגוסט, זז׳ 4־5 פוטורוס, איבערגעדרוקט פון בוענאָס־אײַרעסער די וועלט).

330 ציטירט ווי אַ הוספה צום מעמאָראַנדום צו דער סורינאַמער רעגירונג, מאַרץ 1949.

331 ה. סאַמסאָן, דעם 21סטן סעפּטעמבער 1948; אידענטישע ידיעות פון ה. דע פריז, בריוו פון ה. סאַמסאָן פון 2טן אָקטאָבער 1948.

332 ה. סאַמסאָן, דעם 22טן אָקטאָבער 1948. אינעם זעלבן בריוו האָט סאַמסאָן איבערגעגעבן, אַז דער גובערנאַטאָר הינדער האָט אים מיט אַ טאָג פריִער געזאָגט מכוח פינדלייס טענה, אַז דאָס איז „אַ פולשטענדיקער אומזין". מען קאָן אָבער זײַן זיכער, אַז בעתן באַהאַנדלען דעם ענין מיט די סטאַטן האָט ער, ווי אַ לאָיאַלער פאָרשטייער פון דער האָלענדישער קרוין, מיט קיין איין וואָרט ניט אָפּגעלייקנט די באַשולדיקונג, וואָס ער האָט אין איר אַליין ניט געגלייבט.

333 באַריכט פון וואַן לעווען אויף דער עקזעקוטיוו־זיצונג פון 4טן יאַנואַר 1949. געצענס דריטע טענה איז געווען דער ספק, צי די פרײַלאַנד־ליגע וועט קאָנען פינאַנצירן אַזאַ ברייטן פּלאַן. וואַן לעווען האָט דערויף געענטפערט, אַז פינאַנצן וועט מען קאָנען קריגן ערשט נאָך דעם, ווי די רעגירונג וועט באַשטעטיקן דעם פּלאַן.

334 פראָטאָקאָל פון 14טן סעפּטעמבער; ה. סאַמסאָנס בריוו פון 16טן סעפּטעמבער 1948.

335 מ. מענדעלסבערג צו ד"ר י. שעכטערן, דעם 8טן נאָוועמבער 1948.

336 אין זײַן בריוו פון 27סטן יולי 1948 האָט ה. סאַמסאָן געהאַלטן, אַז אַ וויכטיקע סיבה פון דער מפּלה איז געווען דער אויספעל פון פרײַלאַנד־פּראָפּאַגאַנדע אין האָלאַנד.

337 די איינציקע אויסנעמען זײַנען פאַרצייכנט אין דער הערה 197 צו אָט דעם קאַפּיטל.

338 מ. באַלבערישסקי, ציט' אַרטיקל (זען הערה 186 צו אָט דעם קאַפּיטל); פּ"גל פּראָטאָקאָלן פון 20סטן און 24סטן פעברואַר 1948.

339 פּראָטאָקאָל פון 9טן מאַרץ 1948.

340 מ. באַלבערישסקי, ציט' אַרטיקל. די פרײַלאַנד־ליגע אין פּוילן איז פאַרמאַכט געוואָרן אָנהייב אָקטאָבער 1948 (אין פּראָטאָקאָל פון 14טן אָקטאָבער ווערט פאַרצייכנט באַלבערישסקיס בריוו וועגן דעם מיט אַ קאָפּיע פונעם אָפיציעלן דאָקומענט פון דער פּוילישער רעגירונג). אין יאַנואַר 1949 איז באַלבערישסקין געראָטן אַרויסצופאָרן קיין פראַנקרײַך סאַמע ערב דעם אָפּשטעל פון עמיגראַציע פון פּוילן. שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין מעלבורן.

341 אליעזר פרענקעל, דעם 7טן אַפּריל 1948.

342 שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט אים דערשאָסן.

343 פּראָטאָקאָלן פון 13טן יאַנואַר, 3טן, 10טן און 20סטן פעברואַר; קאָפּיע פון בריוו צום האָלענדישן געשיקט פון 13טן יאַנואַר; פרענקעלס בריוו פון 15טן פעברואַר 1948.

344 אויסשניטן אין פרײַלאַנד־אַרכיוו.

345 וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אויפן שוועל, אַפּריל־מײַ 1948, זז' 5־6, נאָך דעם ווי די צוקונפט האָט אים ניט פאַרעפנטלעכט.

346 ווי ס'ווערט קאָנסטאַטירט אינעם אָקערשט ציטירטן בריוו.

347 פּראָטאָקאָל און רעזאָלוציעס (מיט די נעמען פון די באַטייליקטע) — אין פרײַלאַנד־אַרכיוו. צוליב דער זאָרג פאַרן גורל פון די רומענישע חברים האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן פון פאַרעפנטלעכן אָט די דאָקומענטן אין אויפן שוועל.

348 לכבוד דעם איז אַרויס אַ ספּעציעלער שטיינבערג־נומער פון אויפן שוועל (דעצעמבער 1948).

349 אָפּגעדרוקט אין אויפן שוועל, דעצעמבער 1948, ז' 8. חוץ דעם איז אָנגעקומען אַ באַגריסונג פונעם פאַרבאַנד פון יידיש־לערערס אין רומעניע (אונטערגעשריבן פון פּינחס כאַכאַמו), אָפּגעדרוקט (אָן דער חתימה) דאָרט, ז' 11. צוו"אַ האָט די באַגריסונג דערמאָנט: „הײַנט צו טאָג זעען מיר נאָר אין פרײַלאַנד דעם כוח, וואָס קען אויפשטעלן אַ יידיש לעבן, ווו די יידישע קולטור זאָל שלאָגן געזונטע וואָרצלען (...)".

350 בריוו פון אַ. פרענקלען צום מחבר, דעם 24סטן יאַנואַר 1965.

351 בריוו צו מ. מענדעלסבערגן, דעם 25סטן סעפּטעמבער 1948.

352 פּוילישער טערמין פאַר קאַמף־ אָדער שלאַג־אָפּטיילן.

353 מיליטערישע הויפּט־קאָמאַנדע.

354 פּראָטאָקאָלן פון 27סטן מײַ 1948.

355 י. נ. שטיינבערג און ש. גוטמאַן האָבן אין שייכות דערמיט באַזוכט לעוויטן, דעם סעקרעטאַר פון „דזשוינט". „ער האָט זיך לכתחילה באַצויגן זייער פּײַנדלעך און געהאַנדלט ווי אַ ציוניסטישער אַגענט. ערשט נאָך אַ פעסטער שטעלונג פון אונדזערע חברים האָט ער צוגעזאָגט, אַז דער 'דזשוינט' וועט זייער טייל ניט צונעמען, און געהייסן אַזוי טעלעגראַפירן אונדזערע חברים" (פּראָטאָקאָל פון 8טן יוני 1948). אויף די ערטער אין די לאַגערן איז אָבער די לאַגע געבליבן די זעלביקע.

356 ציטירט אין פּראָטאָקאָל פון 15טן יוני 1948.

357 דעם 12טן יולי 1948 (בריוו אָפּגעדרוקט אין אויפן שוועל, יולי־אויגוסט 1948, ז׳ 14).

358 מ. מ[ענדעסבערג] האָט אינעם עדיטאָריאַל פון אויפן שוועל, יולי־אויגוסט 1948, געשריבן וועגן „דעם שענדלעכן די־פּי־ביל" מיט „זײַנע שאַרפע באַמערקונגען פון אַנטי־ידישן כאַראַקטער", וואָס איז זומער 1948 אָנגענומען געוואָרן דורכן אַמעריקאַנער קאָנגרעס און אונטערגעשריבן דורכן פּרעזידענט. ער האָט באַשולדיקט די ידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע אין פּאַסיווקייט און אויספּעל, פון וועלכער עס איז אַקציע בײַם באַהאַנדלען אָט דעם געזעץ־פּראָיעקט און האָט געזען אין דעם אַ רעזולטאַט פון דער ציוניסטישער ממשלה.

359 פּראָטאָקאָלן פון 14טן און 21סטן סעפּטעמבער און 26סטן אָקטאָבער 1948.

360 מ. שעכטער צו מ. מענדעלסבערגן, דעם 21סטן סעפּטעמבער 1948.

361 י. קאַטשערגינסקי צו דער עקזעקוטיוו, דעם 23סטן סעפּטעמבער 1948.

362 „אַ ווייגעשריי פון די לאַגערן!", אויפן שוועל, אָקט׳־נאָוו׳ 1948, זז׳ 6־7 (גע־חתמעט י. קאַטשערגינסקי, גענעראַל־סעקרעטאַר, און מ. שעכטער, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר, פּאַר דער פּליטים־פֿרײַלאַנד־ליגע אין עסטרײַך).

363 בריוו פון קאַטשערגינסקין (עסטרײַך) און טעמפּלמאַן (דײַטשלאַנד), באַהאַנדלט אויף די עקזעקוטיוו־זיצונגען פון 9טן און 16טן נאָוועמבער 1948.

364 בריוו פון מ. שעכטער, ציטירט אין פּראָטאָקאָל פון 7טן דעצעמבער 1948.

365 פּראָטאָקאָלן פון 7טן דעצעמבער 1948 און 25סטן יאַנואַר 1949 אויפן סמך פון בריוו און דירעקטע גרוסן פון עסטרײַך.

366 בריוו פון טעמפּלמאַנען, פּראָטאָקאָל פון 28סטן דעצעמבער 1948.

367 פּולער פּראָטאָקאָל פון די דעבאַטן (23 זז׳ מאַשינשריפט) געפינט זיך אין די פּראָ־טאָקאָלן פון דער עקזעקוטיוו; קאָנדענסירטער פּראָטאָקאָל — אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1948, זז׳ 15־17; פּרעסע־באַריכט — דאָרט, ז׳ 3; ווענדונג פון דער קאָנפערענץ — דאָרט, זז׳ 1־2; פולער טעקסט פון י. נ. שטיינבערגס רעפעראַט — דאָרט, זז׳ 9־11; באַריכט פון אַדאַ סיגעל דאָרט, זז׳ 19־20; רעזאָלוציעס — דאָרט, ז׳ 18; יעקב לעווינס רעפעראַט — אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1949, זז׳ 7־8.

368 י. נ. שטיינבערג, ש. גוטמאַן, י. גאַרסקי, י. זעליטש, מלך ראַוויטש, יעקב לעחין, אַ. סטעף.

369 אין אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1949, איז ניטאָ קיין באַמערקונג, אַז י. לעווינס אַרטיקל שטעלט מיט זיך פאַר זײַן רעפעראַט אויף דער קאָנפערענץ, אָבער דער אינהאַלט רופט אין דעם ניט אַרויס קיין ספק.

370 חוץ פולן טעקסט אין אויפן שוועל (זען הערה 367 אויבן) איז דער רעפעראַט בקיצור איבערגעגעבן אינעם פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ.

371 ווען י. נ. שטיינבערג האָט געהאַלטן דעם רעפעראַט, האָט ער נאָך ניט געקאָנט וויסן, אַז גראָד אין יענע טעג איז אין איינעם פון די „אַזוי גערופענע רויטע לענדער" — אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — פאַרגעקומען אַ ברוטאַלע ליקווידאַציע פון ידישן קולטורעל־געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַרעסטן פון ידישע שרײַבערס און קולטור־טוערס, וואָס אַ סך פון זיי זײַנען מיט פיר יאָר שפּעטער דערשאָסן געוואָרן אויף סטאַלינס באַפעל.

372 1927 איז אַ פּאַרזען אַנשטאָט 1925.

373 יינגערע טאָכטער פון י. נ. שטיינבערג.

374 בריוו צו דער פרײַלאַנד־ליגע פון 29סטן נאָוועמבער 1948; מיר וועלן זיך צו אים אומקערן אין דער לעצטער סעקציע פון דעם קאַפּיטל.

375 צוו״אַ פּראָפּ׳ קלײַד איגלטאָן (פּראָטאָקאָל פון 11טן יאַנואַר 1949).

376 בריוו פון 23סטן אָקטאָבער 1952.

377 דורכפאָרנדיק ניו־יאָרק האָט ער פאַרזיכערט די פרײַלאַנדיסטן אין זײַן באַנײַטער סימפּאַטיע צו זייער זאַך. דעם 13טן אָקטאָבער 1949 האָט פרוי נ. ווײַסמולער־מעיער, מיטגליד פון אַמסטערדאַמער שטאָטראָט, געשריבן צו דער פרײַלאַנד־ליגע: „איר ווייסט, אַז מ״ר דע פריז איז זייער ענטוזיאַסטיש צו אײַער פּלאַן״.

378 אָפּגעדרוקט דעם זעלבן טאָג אין העט ניוווס.

379 ציטירט אין ה. סאַמסאָנס אַרטיקל אין העט ניוווס פון 16טן סעפּטעמבער 1948.

380 אונטערגעשריבן נאָך אַ קאָנסולטאַציע מיט דער עקזעקוטיווע פון דער „הינדוסטאַניש־יאַוואַנער פּאָליטישער פּאַרטיי״ (בריוו פון ה. סאַמסאָן, דעם 3טן אָקטאָבער 1948).

381 ד״ה פּאַרסי (זאָראָאַסטריאַנער).

382 ענגלישער אָריגינאַל — פרײַלאַנד־אַרכיוו.

383 קאָפּיע פון האָלענדישן אָריגינאַל — פרײַלאַנד־אַרכיוו; ייִדישע איבערזעצונג — אויפן שוועל, אָקט׳־נאָוו׳ 1948, זז׳ 5—6.

384 "He struck me as being a rather backslapping type of person."

385 געמיינט דעם גובערנאַטאָר הינדערס בריוו צו דער פרײַלאַנד־ליגע פון 14טן אויגוסט 1948.

386 א. בראַון צו י. נ. שטיינבערגן, דעם 17טן אָקטאָבער 1948. בראַונס רעזידענץ איז געווען אין בריסל; פון דאָרט האָט ער במשך פון האַרבסט־ווינטער 49/1948 נאָך עטלעכע מאָל באַזוכט האָלאַנד אין פרײַלאַנד־ענינים. דאָס, וואָס בראַון האָט קאָנטאַקטירט האָלענדישע רעגירונג־פאָרשטייערס אָן אַ פאַרשטענדיקונג מיט ד״ר ב. ראַפּטשינסקין, האָט בײַ יענעם אַרויסגערופן אַ היפּשן פאַרדראָס און ער האָט געהאַט טענות צו דער פרײַלאַנד־עקזעקוטיווע פאַר איגנאָרירן אים. בכלל איז די צוזאַמענאַרבעט פון דער ניו־יאָרקער אָנפירונג מיט ד״ר ראַפּטשינסקין געגאַנגען די גאַנצע צײַט ניט זייער גלאַט; פון די פּראָטאָקאָלן זעט מען, אַז מען האָט געהאָפט אויסצוגלײַכן די באַציִונגען בעת ד״ר ראַפּטשינסקיס באַזוך אין ניו־יאָרק אין יוני 1948, אָבער דאָס איז ניט אין גאַנצן געראָטן. די סיבה פון די רײַבונגען איז איצט שווער אויפצוקלערן; משמעות, ס׳איז צו זיי פון צײַט צו צײַט געקומען פּשוט צוליב דעם מהלך צווישן ניו־יאָרק און אַמסטערדאַם און דעם אויספעל פון אַ כסדרדיקער דירעקטער פאַרשטענדיקונג.

387 מעלדונג פון י. נ. שטיינבערג אויף דער עקזעקוטיווע־זיצונג פון 15טן פעברואַר 1949.

הערות צום קאַפּיטל צען

1 בריוו פון ה. סאַמסאָן, דעם 20סטן אָקטאָבער 1948; ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים, „די פּאָליטישע לאַגע אין סורינאַם", אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1949 — זייער אַ גוטער אינפֿאָרמאַטיווער איבערבליק.

2 פּראָטאָקאָל פון 18טן יאַנואַר 1949.

3 דערויף האָט דרעס געענטפערט דעם 7טן פעברואַר, באַמערקנדיק, אַז ער האָט זיך דערוווסט כלומרשט „פון דער פּרעסע" וועגן דער באַוויזונג פון אונטערהאַנדלונגען מיט סורינאַם.

4 ענגלישע איבערזעצונג — אין פרײַלאַנד־אַרכיוו; ייִדישע איבערזעצונג — אויפן שוועל, מאַרץ־אַפּריל 1949, ז׳ 5.

5 ענגלישע און ייִדישע איבערזעצונגען — ווי אין הערה 4.

6 אויך י. קאַטשערגינסקי האָט רעאַגירט אויף עמאַנועלס אַטאַקע מיט אַ פּראָטעסט־אַרטיקל אינעם זעלבן נומער אויפן שוועל.

7 קופּערס צו שטיינבערגן, דעם 14טן מאַרץ 1949.

8 פּראָטאָקאָל פון 11טן יאַנואַר 1949.

9 ווי עס דערמאָנט זיך יהודה זעליטש, האָט זיך די דעלעגאַציע פּאָרט באַגעגנט מיט פינדליי, רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג דע וועסט. פינדלייס הויפּט־אײַנווענד איז געווען: ווו האָט מען די גאַראַנטיע, אַז די ייִדישע קאָלאָניסטן וועלן נישט טאָן דאָס זעלבע, וואָס זיי האָבן געטאָן לגבי דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע?

10 באַריכט וועגן דער שליחות — פּראָטאָקאָלן פון 5טן און 12טן אַפּריל 1949; פּ״גל אויך ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים אין אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1949 (זען הערה 1) און אין שטיינבערג־בוך, זז׳ 417־418.

11 ל. מ. פּרוכטבוים, ציט׳ אַרטיקל (זען הערה 1), ז׳ 6.

12 די קאָמיסיע האָט צוו״אַ באַטראַכט אַ פּלאַן פון קאָלאָניזירן אין סורינאַם אַ גרופּע אייראַזיאַטן פון אינדאָנעזיע און האָט אים אָפּגעוואָרפן (בריוו פון י. נ. שטיינבערג צו אַטערטאָן לי פון 31סטן מײַ 1950, פון אַטערטאָן לי צו י. נ. שטיינבערגן פון 13טן יולי און 26סטן אויגוסט 1950). די סיבה פון אָפּוואַרפן — צו קליינער פאַרנעם פונעם פּלאַן.

13 אַן אָפיציעלער פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג אינעם מלוכה־דעפּאַרטאַמענט (ענגליש) און די ווײַטערדיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט די דעפּאַרטאַמענט־באַאַמטע — אין פרײַלאַנד־אַרכיוו.

14 אויסשניטן פון סורינאַמער צײַטונגען און בריוו פון ה. סאַמסאָן פון 8טן און 11טן מאַרץ 1950 (פרײַלאַנד־אַרכיוו).

15 בריוו פון 26סטן יוני 1950.

16 וו. סקאָט (בענעלוקס־אָפּטייל פון מלוכה־דעפּאַרטאַמענט) צו י. נ. שטיינבערג, דעם 22סטן מײַ 1950.

17 י. נ. שטיינבערג צו וו. סקאָטן, דעם 5טן יוני 1950.

18 ה. ס[אַמסאָן], „בריוו פון סורינאַם", אויפן שוועל, סעפּט׳ 1950.

19 באַריכט פון דער קאָמיסיע פאַר קאָלאָניזאַציע אין בריטיש האָנדוראַס און בריטיש גוויאַנע, ז׳ 198.

20 דצ״ו, ז׳ 205.

21 דצ״ו, ז׳ 207.

22 אין דער בריטישער רעגירונג־דעקלאַראַציע וועגן גוויאַנע אין 1939 האָט מען, להיפוך, פאָרויסגעזען אויסצוטיילן די אינעווייניקסטע טיילן פון גוויאַנע אין אַ באַזונדערן אַדמיניס־טראַטיוון איינס.

23 אין די לעצטע יאָרן האָט זיך רופּונוני געגנוטען אַנטוויקלען, אָבער די איינציקע פאַרבינדונג איז נאָך אַלץ מיט דער לופט.

24 אַנרי קייס בריוו האָט זיך נישט איינגעגעבן אָפּצוזוכן. ער ווערט דערמאָנט אין פּראָטאָקאָל פון 17טן יולי 1950 און ביי ל. מ. פּרוכטבוים, שטיינבערג־בוך, ז׳ 419. די גאַנצע איבעריקע קאָרעספּאָנדענץ מיט די מיניסטאָרן מאַריוס מוטע, זשול מאָק, אַנרי קיי און מיט די פראַנצייזישע יו״ען־טוערס אַנרי לאָראַנטי און זשאַן זשורגענס געפינט זיך אין פריילאַנד־אַרכיוו.

25 אויף דער צווייטער פריילאַנד־קאָנפערענץ האָבן מענדעלסבערג און גאָרסקי דער־מאָנט, אַז די פריילאַנד־ליגע האָט געשאַפן אַ געזעלשאַפט פאַר אינדיווידועלער הילף פאַר פליטים „פאַראַר״ (ווייזט אויס, ראשי־תיבות פון פרידלענד רעפיודזשי רעליף), וואָס „דאַרף באַלד אָנהייבן אַרבעטן״.

26 פרענקעל האָט אַנטפּלעקט דעם רומעינישן בילדונג־מיניסטער, אַז דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט זיין אייגענע רייכע קולטור־ירושה און אַז מען טאָר ניט יוצא זיין מיט מעכאַניש איבערזעצן רומעינישע לערנביכער אויף יידיש. אין 1957 און 1958 זיינען אַרויס צוויי טיילן פון פרענקעלס לערנבוך יידישע שפּראַך, וואָס האָט כולל געווען דערציילונגען און לידער פון יידישע קלאַסישע און היינטצייטיקע שרייבערס, אַריינגערעכנט מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, אַ. רייזען, ח. נ. ביאַליק, שלום אַש, פּרץ מאַרקיש, אליעזר שטיינ־באַרג א״אַ.

27 מ. באַלבערישסקי און מ. ביטינער אין מעלבורן; ש. אַברבנאל אין די פרייהייט־לעך־סאָציאַליסטישע קרייזן פון מדינת ישראל.

28 עדיטאָריאַל אין אויפן שוועל, מיי־יולי 1952.

29 עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען אין דער שייכות אַ נאָטיץ אינעם ניו־יאָרקער אָרגאַן פון די לינקע פּועלי־ציון פּראָלעטאַרישער געדאַנק פון 15טן מאַרץ 1947 וועגן דער אַרבעטער־רינג־קאָנפערענץ פאַר פריילאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 2טן מאַרץ. דער מחבר ווערט נשתומם: „אויף דעם צעטל [פון די איניציאַטאָרס] געפינט איר ציוניסטן און איר פאַרשטייט ניט, פאַר וואָס זיי דאַרפן זיך עס ערשט אַרויסלאָזן זוכן אַ ׳נייטיקע לאַנד׳. (...) אַפילו בונדיסטישע נעמען געפינען זיך אויף דעם צעטל. בונדיסטן אונטערהאַלטן אַ ׳פּאָלי־טישע אַקציע׳ לטובת אַ יידישער טעריטאָריע — משיחס צייטן!״ פאַרן פּועלי־ציוניסטישן זשורנאַל איז דאָס אַ מייסטערווערק פון פּאָליטישער אַקראָבאַט[יק]״, אָבער מען קאָן אויף דעם קוקן אויך פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט — ווי אויף אַן אָנהייב פון אַ ברייטערער גע־זעלשאַפטלעכער קאָנסאָלידאַציע אַרום דעם קאָנקרעטן ציל צו געפינען אַ לאַנד פאַר טייל שארית־הפליטה. אָן אַזאַ רעאַלער פּלאַטפאָרמע האָט דאָס ניט געקאָנט זיין דויערדיק.

30 אַ. גלאַנץ, „ציפערן און צייכנס״, טאָג, פון דעם 30סטן יאַנואַר 1952. מ. שעכטער, אין זיין פּרעסע־איבערבליק „קלאַנגען און אָפּקלאַנגען״, (אויפן שוועל, מאַרץ 1952), ווי אַן ענטפער אויף גלאַנצעס ווערטער וועגן דעם נצחון פון ציוניסטישן דרך „אויך [בנוגע] די גרויסע יידישע וואַנדער־פּראָצעסן״, האָט פּשוט ציטירט ידיעות פון דער יידישער פּרעסע וועגן דעם שטראָם עמיגראַנטן פון מדינת ישראל — קיין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, קאַנאַדע און וווהין עס לאָזט זיך.

31 אַ. גלאַנץ, „אידעען און געטרײַשאַפט, נאָך 50 יאָר טעריטאָריאַליזם", טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, דעם 10טן יאַנואַר 1954, מ. שעכטערס „טעריטאָריאַליזם — ווען משיח וועט קו־מען? (אַן ענטפער אַ. גלאַנצן)" איז געווען פאַרעפנטלעכט אין אויפן שוועל, פעברואַר־מאַרץ 1954. אַן אַנדער פובליציסט, וואָס האָט אין די פערציקער יאָרן געהערט צו דער פרײַלאַנד־ליגע — אַ. מוקדוני — האָט אין 1954 אָפּגעדרוקט אין ניו־יאָרקער הדואר אַן אַרטיקל וועגן ישראל מיט אַזאַ שאָוויניסטישער באַציִונג צו די אַראַבער, אַז ר׳ בנימין האָט געמוזט דערויף רעאַגירן אין נר פון נאָוועמבער 1954 (ציטירט אין י. נ. שטיינבערגס עדיטאָריאַל אין אויפן שוועל, יאַנ־פעבר׳ 1955).

32 אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1949, ז׳ 15.

33 דאָ באַמערקט זיך בײַ גוטמאַנען אַ שטיקל סתירה. צו וואָס דאַרף מען „שטאַרקן די פרײַהייטלעכע, מעסיקע עלעמענטן", אויב אין ישראל שטייען שוין סײַ ווי בײַם רודער „פרײַהייטלעך־ סאָציאַליסטישע עלעמענטן"?

34 באַריכט פון דער באַראַטונג, אויפן שוועל, אָקט׳־נאָוו׳ 1950, ז׳ 18.

35 ד"ר ל. מ. פּרוכטבוים, „וווּהין גייט פרײַלאַנד? (אַן ענטפער שואל גוטמאַנען)", אויפן שוועל, מײַ 1950, זז׳ 3־5.

36 נ. ש. דייוויס, „פרײַלאַנד פאַר אַמעריקע" (סעפּט־אָקט׳ 1952); „פּראָיעקט פאַר אַ ייִדישן ייִשוב אין אַמעריקע" (מײַ־יוני 1956); ד"ר מ. שעכטער, „ווודבײַן" (מאַרץ־אַפּריל 1955); יעקב לעווין, „ייִדישע שטעטלעך" (יוני־אויגוסט 1958); ג. שאַפּיראָ, „ייִדישע שטעט־לעך אין אַמעריקע" (פּאַריזער פרײַלאַנד, אָקט׳־דעצ׳ 1958).

37 למשל אין זײַן אַרטיקל „אויף נײַע וועגן", פרײַלאַנד, מאַרץ און אַפּריל 1959.

38 למשל מיכאל אַסטור, „'טעריטאָריאַליזם אויף די 'ערטער': עטלעכע קאָרעקטיוון", פרײַלאַנד, מײַ 1959.

39 לייבל כהן איז אַ מאַגיסטער פון קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט (1952) אין סאָציאָלאָגיע און סטאַטיסטיק און פון פּראַט־אינסטיטוט, ברוקלין (1963) אין שטאָט־פּלאַנירונג; האָט אַ לערער־דיפּלאָם פון ייִדישן לערער־סעמינאַר, ניו־יאָרק. אַרבעט אינעם פּלאַניר־אָפּטייל פון דער ניו־יאָרקער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אַקטיוו אויפן פעלד פון ייִדישן פאָלקלאָר, וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון ייִוואָ, מיטגליד פון רעדאַקציע־קאָלעגיע פון פרילענד.

40 פ"גל למשל ט—וו, „אונדזער זכות־הקיום", אויפן שוועל, דעצ׳ 1960 — יאַנואַר 1961.

41 ציטירט בײַ י. ראָטנבערג אין שטיינבערג־בוך, ז׳ 363.

42 י. נ. שטיינבערג, אין קאַמף פאַר מענטש און ייִד, ז׳ 9.

43 עדיטאָריאַל פון אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1949.

44 קאַרלעבאַכס אַרטיקל איז געווען איבערגעזעצט אין פרילענד, אַפּריל־מײַ 1956.

45 עקסצערפּטן פון זײַן בוך סיפּור תרבות־הזעה. השבוי (1949) אין י. נ. שטיינבערגס עדיטאָריאַל פון אויפן שוועל, פעברואַר 1949.

46 עדיטאָריאַל פון אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1949.

47 זען הערה 45.

48 ציטירט אין אויפן שוועל, מײַ 1950, ז׳ 11.

49 פ"גל דעם אַרטיקל פון ר׳ בנימין, „דער וווּנדער פון הערצל", אויפן שוועל, אָקט׳־נאָוו׳ 1950 (איבערגעזעצט פון הדואר, דעם 28סטן יולי 1950).

50 אין אויפן שוועל האָט זיך געדרוקט אַ בריוו־אויסבײַט צווישן י. נ. שטיינבערגן און נתן חפשי, באַגריסונגען פון נתן חפשי, ר׳ בנימין און דער גרופּע „איחוד" צו באַנקעטן און באַראַטונגען פון דער ליגע. אַ גרופּע פרײַנד (י. נ. שטיינבערג, אַ. קינג, עריך פראָם, הערמאַן פראַנק, אַ. סטעף, נ. ש. דייוויס) האָבן אין 1952 אַרויסגעגעבן אַ בראָשור פון 70 זײַטן מיט נתן חפשיס אַרטיקלען א"ק די אַנדערע שטים פון ישראל. פאַר זייער פּראָפּרײַלאַנדיזם זײַנען

די „איחוד״־פירערס אַטאַקירט געוואָרן אין דער ישראל־פּרעסע, פ״גל „ר׳ בנימין און דער פּרײַלאַנד־באַנקעט״, אויפן שוועל, סעפּט׳־אָקט׳ 1954. אויפן שוועל האָט אויך געדרוקט אַר־טיקלען פון אַנדערע ישראלדיקע ניט־קאָנפאָרמיסטן, למשל אַן אויסצוג פון הצד השני של המטבע, אַ בוך פון אורי אַבנרי, אַנהענגער פון אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער אויפן וועג פון קעגנזײַטיקע הנחות (אָקט׳־נאָוו׳ 1950).

51 יאַנ׳־פעבר׳, מאַרץ־אַפּריל, סעפּט׳־אָקט׳ 1955; מײַ־יוני 1956.

52 איינער פון די וואָרטזאָגערס פון דער גרופּע איז געווען אליעזר הירשאַוגע (אין ישראל זינט 1948, געשטאָרבן דעם 8טן מײַ 1954 צו 42 יאָר), וואָס „אין די לעצטע צוויי יאָר איז אים גײַסטיק נאָענט געוואָרן די פּרײַלאַנד־ באַוועגונג״ (שמואל ב. אין זײַן נעקראָלאָג וועגן אים, אויפן שוועל, יוני־יולי 1954). הירשאַוגעס „די צוויי מאָסן״ זײַנען אַרויס נאָך זײַן טויט אין סעפּט׳־אָקט׳ 1954־נומער פון אויפן שוועל).

53 „וועגן אַ גרופּע קריגט אַ ביסל מאַכט״, יאַנואַר 1950 — וועגן דעם אַוועקגיין פון די לינקע פּועלי־ציון פון זייערע לאַנגיאָריקע ייִדישיסטישע פּאָזיציעס.

54 „ייִדישע מלוכה און משיח־וויזיע״, יוני 1950.

55 „עפּנטלעך רעכטלעכע היים״, פעבר׳־מאַרץ 1954.

56 „אָביעקטיווע פאַקטאָרן אין דעם אויפקום פון מדינת־ישראל״, סעפּט׳־אָקט׳ 1954.

57 אין די נומערן פאַר מײַ־יוני, סעפּט׳־אָקט׳, נאָוו׳־דעצ׳ 1953.

58 מאַרץ־אַפּריל 1950 (דהיינו, די ס״ס האָבן ניט געזוכט קיין טעריטאָריע, צו לײַכט זיך אָפּגעזאָגט איר אין 1917, ליקווידירט די באַוועגונג נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָ־לוציע און באַלפור־דעקלאַראַציע).

59 מײַ 1950.

60 מײַ־יוני, סעפּט׳־אָקט׳ 1956 (מענדעלסבערג איז געשטאָרבן דעם 1טן מאַרץ 1955).

61 ש. בערקאָוויטש, י. גאַרסקי, אַ. גלאַנץ, מ. האַלצמאַן, אַ. כאַבאַצקי, א. כראַבלאָוו, ד״ר ד. לוואָוויטש, לייבוש לעהרער, יעקב לעווין, י. לעשטשינסקי, מ. מענדעלסבערג, ש. ניגער, ד״ר מ. סודאַרסקי, ד״ר אַ. סינגאַלאָווסקי, אַ. קיהן.

62 פון י. נ. שטיינבערג, י. זעליטש, א. כראַבלאָווסקי, ד״ר מ. שעכטער.

63 צוו״אַ פון ד״ר מ. שעכטער, סעפּט׳־אָקט׳ 1954.

64 אָפּגעדרוקט אין אויפן שוועל, יוני־יולי 1954, צוזאַמען מיט י. נ. שטיינבערגס אַרטיקל „צו אַן אַלוועלטלעכן ראַט פון ייִדישער עמיגראַציע״.

66 י. נ. שטיינבערג, „פעלקער וואַנדערן״, סעפּט׳־אָקט׳ 1952; אַדאַ סיגעל, „מיגראַציע: אַ טובה אָדער אַ רעה פאַרן לאַנד?״ (רעדע פאַרן קאַנאַדער ראַדיאָ), יאַנ׳־פעבר׳ 1955. אַדאַ סיגעל האָט געפירט אין ענגלישן פרילענד די רובריק „מיגראַציע־טענדענצן״.

65 מײַ־יולי, סעפּט׳־אָקט׳ 1952; פעבר׳־מאַרץ 1953; נאָוו׳־דעצ׳ 1955.

67 אָפּגעדרוקט אין אויפן שוועל, נאָוו׳־דעצ׳ 1952.

68 מײַ־יולי 1951.

69 יאַנואַר 1952.

70 פ״גל י. נ. שטיינבערגס עדיטאָריאַל אין אויפן שוועל, מײַ־יולי 1951.

71 שוין אין יאַנואַר 1950, אינעם עדיטאָריאַל „ייִדישער קולטור־קאָנגרעס, וווהין גייסטו?״, האָט י. נ. שטיינבערג אויפגעדעקט די אידעיִשע בלוטאָרעמקייט, האַלביקייט, אויספּעל פון ברייטע פּלענער פונעם ניט לאַנג געשאַפענעם ייִדישן קולטור־קאָנגרעס — אַ פּועל־יוצא פון דער אָנגעזעענער ראָלע, וואָס עס האָבן אין אים געשפּילט פּועלי־ציוניסטישע עלעמענטן.

72 אַרטיקלען פון ה. ש. קאַזדאַן, יאַנואַר 1950; י. ב. סאַלוצקי, מאַרץ־אַפּריל 1950; ד״ר עזריאל נאַקס, יוני 1950; אַ. גאַלאַמב, מײַ־יוני 1953; י. נ. שטיינבערג, סעפּט׳־אָקט׳ 1953, יוני־יולי, נאָוו׳־דעצ׳ 1955.

73 צווישן יאַנואַר־פעברואַר־נומער 1949 און סעפּטעמבער־אָקטאָבער־נומער 1951.

74 באַגריסונג צום פרײַלאַנד־באַנקעט, דעם 20סטן יאַנואַר 1952, אין אויפן שוועל, מאַרץ 1952 (צוזאַמען מיט דער באַגריסונג פונעם סאָציאַלאָג האַנס קאָהן); פ״גל פּראָמס שמועס מיט שטיינבערגן, אויפן שוועל, מײַ־יולי 1952.

75 ר. ווײַספעלד, „אַ וואָרט צו אַ יובילאַר — אַ לערער״, אויפן שוועל, נאָוו־דעצ׳ 1957. פג״ל אויך אַ. גאָלאָמב, „ל. באַיאַן״, דאָרט, סעפּט־אָקט׳ 1957.

76 אויפן שוועל, מײַ־יוני 1964.

77 ציטירט אין פרײַלאַנד בולעטין, אויגוסט 1949, און אינעם אינטערוויו מיט י. נ. שטיינבערג „איז מעקסיקע אַ מוסטער־יישוב בײַ ייִדן?״, אויפן שוועל, סעפּט־אָקט׳ 1949.

78 ציט׳ אינטערוויו (זען הערה 77). פ״גל ד״ר אַברהם קינג, „פרײַלאַנד־גרופּע אין מעקסיקע״, אויפן שוועל, יוני־יולי 1955.

79 לויטן בלאַנק פון דער גרופּע, 1953 (יעקב אייבראַמס איז געשטאָרבן דעם 10טן יולי 1953).

80 פ״גל אַ. קינגס בריוו אין אויפן שוועל, מײַ־יוני 1964.

81 אויפן שוועל, סעפּט־אָקט׳ 1951, ז׳ 20.

82 מ. נאָוויק, „י. נ. שטיינבערגס באַזוך אין אַרגענטינע״, אויפן שוועל, יאַנואַר 1952; גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, „ד״ר י. נ. שטיינבערגס באַזוך אין אַרגענטינע״, שטיינבערג־בוך, זז׳ 366—372.

83 לעאָן כאַזאַנאָוויטש, אַן אָנגעזעענער טוער פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, איז געווען אין אַרגענטינע אין 1909—1910, האָט זיך באַקענט מיטן לעבן אין די ייִדישע קאָלאָניעס און אָנגעהויבן אַן אַקטיוון קאַמף קעגן דער אַלײנהערשאַפט פון דער יק״אַ־אַדמיניסטראַציע.

84 מ. נאָוויק, ציט׳ אַרטיקל (זען הערה 82).

85 י. נ. שטיינבערג האָט צונויפגעשטעלט דעם אַרטיקל וועגן ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע פאַר דער אַלגעמײַנער ענציקלאָפּעדיע (באַנד „ייִדן״ א׳, 1939, שפּ׳ 492־501).

86 י. נ. שטיינבערג, „דאָס שטיפקינד פון ייִדישן פאָלק״, אויפן שוועל, יאַנואַר 1952.

87 מ. נאָוויק, ציט׳ אַרטיקל (זען הערה 82).

88 אַנדערע אַרטיקלען אינעם נומער זײַנען געווען: יונה גאָראָדיסקי, „ייִדישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט״, מיכאל סמילג, „די ראָלע פון די ייִדן אין דער אַרגענטינער ווירטשאַפט״, י. האָרן, „אָרעם און רײַך אין ייִדישן בוענאָס־איירעס״ אַ. ל. שוסהיים (איינער פון י. נ. שטיינבערגס אָפּאָנענטן אויפן עפנטלעכן וויכוח „פרײַלאַנד און ישראל״), „וועגן דער גײַסטיקער סיטואַציע״, ב.ח., „דאָס רעליגיעזע לעבן אין אַרגענטינע״, אַברהם מיטעלבערג, „ביכער־מאָנומענט״ (וועגן דעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום), מ. נאָוויקס ציט׳ אַרטיקל (הערה 82) און י. גאָראָדיסקיס רעדע אויפן קבלת־פּנים־אָוונט פאַר י. נ. שטיינבערגן.

89 מ. באַבענקאָ, „דער ערשטער קאָלאָניסטישער קאָנגרעס אין אַרגענטינע״, אויפן שוועל, פעבר׳־מאַרץ 1953.

90 גרעסערע אויסצוגן אין מ. באַבענקאָס באַריכט, אויפן שוועל, נאָוו־דעצ׳ 1952.

91 מ. באַבענקאָ, ציט׳ אַרטיקל (הערה 89).

92 ווי ער איז געשטאָרבן מיט צוויי יאָר שפּעטער, דעם 2טן אַפּריל 1954, צו 42 יאָר.

93 אין אַ רײ נומערן איז באַלד אונטערן קעפּל געגאַנגען די דעקלאַראַציע: „מיר זײַנען ניט קעגן מדינת ישראל — מיר זײַנען קעגן שאָוויניזם און בלינדקייט. מיר זײַנען ניט קעגן אויפבוי און אַנטוויקלונג פון דער מדינה — אָבער מיר האַלטן, אַז אַפילו אין נאָרמאַלע באַדינגונגען און בפרט בײַ איר איצטיקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע איז זי ניט בכוח צו פאַרענטפערן די נויטן פון אונדזער היימלאָזיקייט. מיר זײַנען ניט קעגן אַ רעאַלער פאַרבינדונג פון דער מדינה מיט די תפוצות — מיר זײַנען קעגן דער פאַרלייקענונג און ביטול־באַציִונג צו אונדזער קולטור, צום ׳גלות׳ און צום גלות־ייִד, וועמען די מדינה האָט צו פאַרדאַנקען פאַר איר אויפקום, פאַר איר באַפרײַונג און עקסיסטענץ.

מיר זײַנען קעגן דער צעטײלונג פון אונדזער פֿאָלק אויף סנאָביסטישע סאַברעס־אַריסטאָ־קראַטן און געמײנע. מיר זײַנען קעגן יעדער דיקטאַטור — מיר זײַנען פֿאַר דער גרעסטער דערגרייכונג פון דעמאָקראַטיע — פֿאַר פרײַער קריטיק".

94 פרײַלאַנד, יוני־יולי 1952; איבערגעדרוקט אין אויפן שוועל, מײַ־יולי 1952.

95 איין מאָל — ב. ג. קאַגאַנליק.

96 ד"ר ל. מ. פרוכטבוים, שטיינבערג־בוך, ז' 420.

97 איבערגעדרוקט אין אויפן שוועל, סעפט'־אָקט' 1954.

98 ד"ר ל. מ. פרוכטבוים, שטיינבערג־בוך, ז' 420.

99 דאָרט, זז' 422־423.

100 דאָס ווײַטערדיקע איז געבויט אויף דער קאָרעספּאָנדענץ פון דער ליגע מיט עקוואַדאָרער מלוכה־פֿאָרשטייערס (אַמבאַסאַדאָר בײַ דער יו־ען, צוויי פרעזידענטן פון דער רעפּובליק, מיניסטאָרן, דירעקטאָרן פון מלוכה־דעפּאַרטאַמענטן), מעמאָראַנדומס, באַריכטן פון ד"ר ל. מ. פרוכטבוים און פּראָטאָקאָלן פון דער עקזעקוטיווע. דער מחבר דאַנקט ד"ר פרוכטבוימען פֿאַר פירושים בעל־פּה.

101 זײַן „בריוו פון עקוואַדאָר" איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין פרײלענד, אַפּריל־יוני 1957. ער האָט צוו"אַ. אָנגעוויזן, אַז „דאָס לאַנד וויל קאָלאָניזאַציע, כדי אויסצונוצן ברייטע שטחים פון אומקולטיווירטן פרוכטיקן באָדן. אָבער באַמיִונגען אין דער ריכטונג האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן מחמת אויספעל פון אָרגאַניזאַציע. (...) הגם ייִדן ווערן אַרײַנגעלאָזן אין לאַנד, קלײַבט די רעגירונג מענטשן מיט פאַכן, וואָס זײַנען נוציק פֿאַר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. זי איז פֿאַראינטערעסירט נאָר אין אינדוסטריעלע און ווירטשאַפֿטלעכע אַקטיוויטעטן. (...) קאָלאָניזאַציע וואָלט געקאָנט דורכגעפירט ווערן דורך אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס קאָנען און זײַנען גרייט צו אינוועסטירן גענוג קאַפּיטאַל".

102 שוין פריִער, דעם 28סטן דעצעמבער 1953, האָט דער קאָסטאַריקאַנער אַדוואָקאַט קאַרלאָס כאָסע גוטיערעס געשריבן צו י. נ. שטיינבערגן, אַז לויט אַ בריוו צו אים פונעם וויצע־מיניסטער פון עפנטלעכער זיכערקייט האָט דער פרעזידענט געהאַלטן, אַז אונטערהאַנדלונגען וועגן ייִדישער קאָלאָניזאַציע וואָלטן פֿאַרשטאַרקט אַנטיסעמיטישע שטימונגען אין לאַנד און געהאָלפן דער אָפּאָזיציע.

103 באַריכט, בײַגעלייגט צום פּראָטאָקאָל פון 25סטן יוני 1958.

104 באַריכט, אינעם פּראָטאָקאָל פון 24סטן יאַנואַר 1956.

105 בריוו פון ד"ר אַ. קינג צו דער עקזעקוטיווע, דעם 18טן אַפּריל און 12טן מײַ 1951.

106 קאָרעספּאָנדענץ מיטן מיניסטער און מעמאָראַנדום — אין פרײַלאַנד־אַרכיוו, ניו־יאָרק.

107 Asociación Mexicana de Colonos, A. C.

108 אויספירלעכער באַריכט פונעם גובערנאַטאָר מאַלדאָנאַדאָ אין דער צײַטונג „על אוניווערסאַל" פון 5טן אָקטאָבער 1955.

109 ראַנכעלס באַריכט (שפּאַניש) פון 19טן יאַנואַר 1956; בריוו פון ד"ר אַ. קינג פון 21סטן יאַנואַר 1956.

110 בריוו פון 17טן מײַ 1956 (געחתמעט ראַפּאַעל מאָרענאָ ענריקעס); פּאָטאָסטאַט אין פרײַלאַנד־אַרכיוו.

111 י. נ. שטיינבערגס בריוו צו ד"ר אַ. קינגן און אַ. שוועבלען פון 4טן יוני 1956. שטיינבערגס רעזאָלוציע אין דעם זינען איז אײַנשטימיק אָנגענומען געוואָרן אויף דער עקזעקוטיוו־זיצונג, דעם 21סטן יוני 1956.

112 בריוו פון אַ. קינג, דעם 16טן אָקטאָבער 1956. היות ווי אין מעקסיקע באַנוצט מען זיך מיט דער מעטרישער סיסטעם פון מאָסן, איז „5000 אַקער" מסתמא אַ שרײַבפעלער אַנשטאָט „5000 העקטאַר". האַרבסט 1955 האָט ד"ר קינג באַקומען פֿאָרשלאָגן מכוח לאַנד־קאָנצעסיעס אינעם דרום־טייל פון אונטער־קאַליפאָרניע (טעריטאָריע באַכאַ קאַליפאָרניאַ

סור). ד״ר קינג האָט עס געלאָזט אָן אויפמערק (מן הסתם מחמת דער דרום־טייל פון האַלב־אינדזל האָט ניט קיין יבשה־פאַרבינדונג מיטן קאָנטינענט).

113 Comisión Nacional de la Colonización para las zonas Norte y Sur.

114 ציטירט אינעם מעמאָראַנדום צו דער מעקסיקאַנער רעגירונג פון 10טן יאַנואַר 1958.

115 ד״ר אַ. קינגס באַריכט פאַר דער עקזעקוטיווע, פּראָטאָקאָל פון 1טן אָקטאָבער 1957.

116 רעזומע פון אויסזעצונגען מכוח קאַמפּעטשע און ד״ר קינגס צו גרויסע קאָמפּראָמיסן ביי פאַרהאַנדלונגען — פּראָטאָקאָל פון 5טן נאָוועמבער 1957; רעזאָלוציע פון דער עקזעקוטיווע — פּראָטאָקאָל פון 21סטן יאַנואַר 1958.

117 שטיינבערג־בוך, ז׳ 10.

118 צוו״אַ אויפן לענגערן בריוו פונעם מחבר פון דער געשיכטע, געשריבן פון וואַרשע באַלד נאָך זיין צוריקקערן זיך קיין פּוילן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווו ער איז געווען איזאָלירט פון דער וועלט במשך פון איבער 17 יאָר. „דער בריוו איז געווען אַ גרויסע נחמה פאַר ד״ר שטיינבערגן אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן", שטייט אינעם עקזעקוטיוו־פּראָטאָקאָל פון 9טן יאַנואַר 1957.

119 דער „פרייער יידישער קלוב" איז געשאַפן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון ד״ר הערמאַן פראַנק, ה. ש. קאַזדאַן און ד״ר י. נ. שטיינבערג אין 1949. צווישן זיינע ערשטע מיטגלידער זיינען געווען אַנאַרכיסטן, בונדיסטן, מענשעוויקעס, פרייַלאַנדיסטן און אומ־פּאַרטייאישע. דער אויפרוף פונעם קלוב איז געווען געדרוקט, צוו״אַ, אין אויפן שוועל, נאָוו־דעצ׳ 1949. דער ציל פונעם קלוב איז געווען קאַמף קעגן טאָטאַליטאַריזם און „גלייכשאַלטונג" אין יידישן לעבן, פרעסע און געזעלשאַפטלעכקייט, קעגן דעם פּראָצעס פון אַליין־ליקווידאַציע פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן אין די תפוצות, פאַר יידיש אין אַמעריקע און אין ישראל און פאַרן יידישן קולטור־המשך. נאָכן טויט פון י. נ. שטיינבערגן (ה. פראַנק איז געשטאָרבן אין 1952) האָט זיך די טעטיקייט פונעם קלוב אָפּגעשטעלט.

120 אויפן שוועל, יאַנ׳־פעבר׳ 1957, ז׳ 2; מאַרץ־מיי 1957, זז׳ 19־24; שטיינבערג־בוך, זז׳ 579־583.

121 אין זיינע „בלעטלעך זכרונות", וואָס ער האָט געשטעלט צום מחברס דיספּאָזיציע.

122 דעם ווייטערדיקן טייל פון דער סעקציע האָט אָנגעשריבן ד״ר מרדכי שעכטער.

123 באַריכט און רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ — אויפן שוועל, יוני־אויגוסט 1957, זז׳ 8־13.

124 פולע רשימה פונעם קאָמיטעט — שטיינבערג־בוך, ז׳ 4.

125 די סעקציע האָט כמעט אין גאַנצן אָנגעשריבן ד״ר מרדכי שעכטער.

126 יעקב לעווין איז געשטאָרבן דעם 6טן דעצעמבער 1958. פון 1966 באַשטייט די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון אַ. קיהן, אליהו שולמאַן, מ. שעכטער, ב. גאָטעסמאַן, מ. אַסטור.

127 די סעקציע האָט אָנגעשריבן לייבל כהן.

128 Managing Editor.

הערות צום צוגאָב־קאַפּיטל

[1] א. גאָלאָמב, „די אויפגאַבעס פון פרײַלאַנד“, אויפן שוועל, מאַרץ 1952 זז׳ 13־14.

[2] נ. ש. דייוויס, „פרײַלאַנד פאַר אַמעריקע“, אויפן שוועל, סעפּט־אָקט׳ 1952, זז׳ 31־14. דייוויס איז געווען אַקטיוו אין דער פּאַציפיסטישער און ייִדישער וועגעטאַרישער באַוועגונג. שפּעטער (אין 1955) איז ער אָפיציעל אַרײַנגעטראָטן אין דער פרײַלאַנד־ליגע (זײַן בריוו וועגן דעם — אויפן שוועל, יאַנ׳־פעב׳ 1955, זז׳ 19־20). זײַן אויטאָביאָגראַפיע איז אַרויס א״ק די געשיכטע פון אַ לעבן (מעקסיקע־מיאַמי־ביטש 1963, 202 זז׳). דער קאַפּ׳ 10 (זז׳ 119־127) הייסט „אַ פּרוּוו צו שאַפן אַ ייִדישן ייִשוב אין אַמעריקע“.

[3] צוויי זײַטן מימעאָגראַפירט (אין ייִשוב־אַרכיוו אין רשות פון לייבל כהן, ווו עס זײַנען פאַראַן אַלע פּראָטאָקאָלן, דאָקומענטן, קאָרעספּאָנדענץ וכ׳). איבערגעדרוקט אין אויפן שוועל, סעפּטעמבער 1953, זז׳ 19־20. לויט נ. ש. דייוויס, דצ״וו, ז׳ 122־123, האָט דעם אויפרוף אָנגעשריבן א. גאָלאָמב.

[4] „דער וווּנדערלעכער ייִד און מענטש, ד״ר שטיינבערג, הגם שוין דעמאָלט אַ קראַנקער, איז געוואָרן דער ׳רוח־החיים׳ צווישן אונדז“ (ש. נ. דייוויס, דצ״וו, ז׳ 120).

[6] אַמאָליקער טוער פון דער גרופּע „סלה“ און אַמעריקאַנער יִט״אָ, דערנאָך פון דער פרײַלאַנד־ליגע (אָנטיילגענומען אין דער ערשטער פרײַלאַנד־קאָנפערענץ אין אַמעריקע, 1946, דורכגעפירט אַ וויכטיקע אַרבעט בײַם אויספאָרשן די מעגלעכקייטן פון ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין די גוויאַנעס און בײַם אויסאַרבעטן קאָלאָניזיר־פּלענער). אין זײַנעם אַ בריוו צו ד״ר מ. שעכטערן (פון 18טן יוני 1952), ווי אויך אין אַ סעריע מעמאָראַנדומס פון יענער צײַט האָט ער אויסגעאַרבעט גענויע אַדמיניסטראַטיווע און פינאַנציעלע פּרטים בנוגע שאַפן ייִדישע אַגראָאינדוסטריעלע ייִשובים אין אַמעריקע (ייִשוב־אַרכיוו).

[7] זען צ״ב: Jewish Agricultural Society: **Jews in American Agriculture** (New York 1954).

[8] איימאָס דזש. פּיזלי (Amos J. Peaslee) (פּראָטאָקאָל פון 21סטן יוני 1954).

[9] פּראָטאָקאָלן פון 22סטן נאָוועמבער 1953; 9טן דעצעמבער 1953; 13טן און 21סטן יוני 1954.

[10] ד״ר יצחק (העגרי) וואַכטעל, פרײַלאַנד־סימפּאַטיקער, איז געווען אַן אַמאָליקער טוער און וויצעפּרעזידענט פון „סלה“, איינע פון די פאַרמלחמהדיקע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. צעלעמענסקי, עלנבויגן און גרינבוים זײַנען געווען טוערס פונעם קאַצעטלער־פאַרבאַנד. לוי פעלל, איינער פון די טוערס אין דער ייִשוב־גרופּע אין איר ערשטער סטאַדיע (1953—1955), האָט געפּריידיקט שאַפן קליינע ייִדישע ייִשובים אויף אַ רעליגיעזן יסוד, ווי אַ מיטל אויפצוהאַלטן דעם גײַסט פון רעליגיעזן ייִדישן שטייגער לעבן פון דער אַלטער היים. מאיר מענדעלסבערג, פאַרדינסטפולער טעריטאָריאַליסטישער טוער, איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון קליין־קאָלאָניזאַציע. סוף 1953 האָט ער פאָרמולירט די צילן און דעם אַדמיניסטראַטיוון צונויפשטעל פון דער געזעלשאַפט. זײַנע פאָרמולירונגען, ווי אויך די פון נ. ש. דייוויס און מאַרק פלאָטניק, זײַנען געוואָרן דער יסוד פון די שפּעטערדיקע סטאַטוטן פון דער אינקאָרפּאָרירטער געזעלשאַפט.

11 אַפּיציעל Association of Jewish People for the Encouragement of Jewish Agricultural Settlements, Inc. דאָס וואָרט „ישובים" אינעם טיטל האָט אונטערגעשטראָכן דעם געפיל, אַז נאָך אַזוינע ישובים זאָלן מיט דער צײַט געשאַפן ווערן. דערבײַ איז געווען פאַרשטאַנען, אַז די ישובים זאָלן זײַן קאָנצענטרירט אין איין אָרט, ס'גלײַכסטע, אין מיטל־ צי דרום־טייל ניו־דזשוירזי, ווו אַ יידישער דאָרפישער עלעמענט עקסיסטירט זינט סוף 19טן י"ה.

12 יצחק ווידער — אַ פּרומער ייד, אַקטיוו אין דער „יונג־ישראל" — („יאָנג־איזראַ־על") באַוועגונג, איז געווען פון די טוערס אינעם פּעריאָד 1953—1955. מ. נאַרזעם — אַ חבר פון ל. פעלל — איז שפּעטער אָפּגעפאַלן פון דער געזעלשאַפט.

13 דער קאָצעטלער־פאַרבאַנד האָט זיך אפשר אַנטוישט אין דעם פּאַמעלעכן פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט און האָט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז די געזעלשאַפט וועט זײַן אַ וויכטיקער פינאַנציעלער מקור אויף צו העלפן זײַנע חברים זיך צו באַזעצן אויף לאַנד.

14 נאָטע שקלאָווער איז געווען דער, וואָס האָט רעקאָמענדירט די הײַטסטאַון־קאָלאָ־ניע אין ניו־דזשוירזי, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אויפגעשטעלט ווי אַ מקום־ מיקלט פאַר אַרבעטסלאָזע ניו־יאָרקער יידישע שנײַדערס בעת דער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע פון די 30ער יאָרן (זען דייוויס, דצ"וו, ז' 123).

15 דער אויפרוף (מאַרץ 1955) האָט דערמאָנט וועגן „גוטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען; פאַרנעמען זיך אי מיט אינדוסטריע, אי מיט גערטנערײַ; אַלע אינסטיטוציעס וועלן זײַן אונ־טער בשותפותדיקן קאָנטראָל; אינעם ישוב וועלן שבת און יום־טוב אָפּגעהיט ווערן עפּנט־לעך; בײַ זיך אין דער היים אָבער וועט יעדערער האָבן דאָס רעכט צו פאַרברענגען ווי ער וויל; יידיש און די מאָדערנע קולטור אויף יידיש וועט פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט; דער ישוב איז אידעאַל פאַר עלטערע מענטשן, וואָס ציִען זיך צוריק פון דער אַרבעט, ווי אויך פאַר משפחות מיט קליינע קינדער".

16 אַן אינטערעסאַנטער טיפּ פון אַן אַפּאָליטישן יידישן אינטעליגענט, וואָס האָט גע־שטרעבט צו ראַדיקאַלע אידעעס. געווען אַ מיטגרינדער פונעם הײַטסטאַונער פּראָיעקט אין די 30ער יאָרן וואָס דערפון איז אַרויסגעוואַקסן דאָס איצטיקע שטעטל רוזוועלט. זײַן לעבנס־געשיכטע נעמט אַרום העכער 60 יאָר אַקטיוויטעט אין ציוניסטישע, בונדישע, ס"סישע, פרײַלאַנדישע און יידיש־קולטורקרײַזן. געווינט אין ארץ־ישראל און אַמעריקאַנער יידישע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, אַרבעטנדיק אין אַמעריקע אויך אין דער שווערער אינדוסטריע ווי אַ האָלצהעקער.

17 אַ שטייגער, אויפן שוועל, יוני־אויג' 1957, זז' 19־20 יוני־אויג' 1958, זז' 5־7; מײַ־יוני 1959 זז' 8־9. אויך פּרילענד יאַנ'־מאַרץ 1958, ז' 13; יולי־סעפּט' 1958, ז' 1 (לייט־אַרטיקל); אַפּריל־יוני 1954 (ספּעציעלער נומער געווידמעט יידישער פאַרמערײַ און קליין־קאָלאָניזאַציע).

18 יעקב לעווין און ד"ר מרדכי שעכטער. לייבל כהן, ניט קיין אָפיציעלער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, פלעגט בײַזײַן אַלע אירע זיצונגען. ער איז געווען אי דער פּראָטאָ־קאָל־סעקרעטאַר פון פרײַלאַנד, אי סעקרעטאַר און פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון דער געזעל־שאַפט.

19 אין רוזוועלט, ניו־דזשוירזי, למשל, האָבן לויטן אַרטיקל בירגערמײַסטער י. פלונג־יאַן (אַ ייד און וואַרעמער שטיצער פונעם ישוב־פּראָיעקט) אין 1958 געווױנט 192 יידישע משפחות און 28 ניט־יידישע.

20 אין ישוב־אַרכיוו געפינט זיך אַ בריוו (ניט אַרויסגעשיקט) פון שעכטער צו פלונגיאַן (דאַטירט דעם 13טן נאָוועמבער), ווו ער רעדט וועגן דער שטר־מכירה כמעט ווי וועגן אַ געשעענעם פאַקט.

21 לויטן פּראָטאָקאָל פון 12טן אַפּריל 1959.

22 מער פּרטים וועגן „רוזוועלט־עסטייטס" אין דייוויס, דצ"וו, זז' 125־126.

זוכצעטלען

א. פּערזענלעכע נעמען

א

„אַבאַזרעוואַטעל״: 857.
אַבדאַלאַה: 233.
אַבי־יפה: 767.
אַבנרי, אורי: 739, 896.
אַבראַמאָוויטש, הירש: 136, 345, 513, 530, 752, 796, 806.
אַבראַמאָוויטש, רפאל: 465, 513, 597.
אַבראַמסאָן, ה. אַ.: 525, 872.
אַברבנאל, שמואל: 645, 648, 681, 733, 804, 880, 886, 894.
אַגיִיאָן (Aguillón) 343.
אַדאַמאַר, זשאַק (Hadamar, Jacques) 115, 468, 513.
אַדאַמס, וויוויאַן: 124, 801.
אַדלער, יוסף: 97, 145, 803.
אַדלער־רודעל: 823.
אַדערקאַ, פעליקס: 638, 878.
אובפּאַל, ראָבערט: 816, 840.
אַווערבוך, ר.: 29.
אויערבאַך, אפרים: 539, 572, 576, 680, 768, 770.
אולמאַניס: 70.
אונגער, עדואַרד (Oungre, Edouard) 204, 254, 303, 823.
אוסישקין, מנחם־מענדל: 9, 800, 833.
אורינסקי, גרשון: 76, 98, 145, 409, 792.
אַטלאַס, אַדאָלף: 97, 145.
אַטלי, קלעמענט (Attlee, Clement) 322, 377, 580, 581, 832, 849.
איבאַרראַ, וועלאַסקאַ: 755.
איגנאַטאָוו, דוד: 513, 522, 530—532, 534, 551, 597.
איגלטאָן, קלײַד (Eagleton, Clyde) 726, 892.
אידען, אַנטאָני (Eden, Anthony) 824.
אידענבורג: 715, 716.
איזבאַן, ש.: 770, 771.
אייבראַמס, יעקב: 745, 746, 897.
אייברעהעמס, אַ.: 538.
אייברעמס, אַ.: 603, 622, 708, 872.
אייגער, ש. (ס.): 81, 127, 145, 819.
אײַדאַק, אײַדאַ: 574.
אײַזיקסאָן, לינאַ: 497.
אײַזנסטאָן, י.: 591.
אײַזנער, געצל (גוסטאַוו): 29, 30, 335, 336, 504, 835.
אײַזען, אַברהם: 43, 44, 645, 647, 790, 853, 880.
אײַזעקס, אײַזעק (Isaacs, Sir Isaac) 266, 431, 491.
אײַכמאַן, אַדאָלף: 864.
אײַלס, וואַלטער: 801.
איינאַר, י. פּ. ע.: 720.
איינדזשעל, נאָרמאַן (Angel, Sir Norman) 259, 322, 553, 832, 868.
איינהאָרן, דוד: 530, 770, 864, 884.
אײַנשטיין, א.: 747.
איכה: 833.
אילון, עמוס: 739.
אינדעלמאַן, אלחנן 267.
אינטריאַנאַ, פעדעריקאַ: 755, 756.

איקעס, האַראָלד ל. (Ickes, Harold L.) 392, 393, 505—507, 579, 580, 343, 373.
אַלטענבערג, ב.: 819.
אַלטער, וויקטאָר: 217, 220, 225, 415, 816, 847.
אַלטער, לעאָ: 204, 205.
אַלמי, אַ.: 539.
אַלען אָוו הוירטוווד, לאָרד (Lord Allen of Hirtwood) 311.
אַלעקסאַנדער, טשאַרלז ב.: 826.
אַלעקסאַנדער, פּ.: 419, 420.
אַלעקסאַנדער, קריינע: 403, 661, 763.
אַלער, ל.: 141.
אַמאַר: 886.
אַנדזשעלאָ, ע. ה.: 421, 430, 436, 849.
אַנדערוווד, ר. ה.: 430, 431.
אַנדערסאָן, פּרענסיס: 489.
אַנטאָנעסקו: 631, 877.
אַנטאָקאָלעץ, יאַן: 839.
אַניגשטיין, לודוויק: 278, 359, 360, 362, 363, 377, 387, 610, 615, 832, 836, 839.
אַנין, צ.: 768.
אַנסלאָו, ס. מאַקאַרטור: 487—489.
אַנסקי, מיכאל: 114, 121, 123, 125, 127, 252, 822.
אַסטור, מיכאל: 5, 6, 40—42, 56—59, 76, 77, 88, 90, 102, 115, 119, 140, 141, 150, 151, 153, 223, 226, 229, 230, 345, 347, 360,368, 379, 400, 410, 411, 449—451, 453, 753, 763, 764, 766, 769—772, 774, 789, 790, 792, 795, 796, 798—801, 812, 816, 838, 840, 846, 851, 852, 854, 863, 895, 899.
אַסטור, מרים: 763, 774.
אָסטראָווסקי, וואָלף: 513, 835, 871, 889.
אָסטראָווסקי, עלין: 872.
אסתרמאַן, אַב.: 400.
אַפּט, מאַקס: 121, 124, 156—158, 164, 205, 802, 808, 830.
אַפּעלבוים שמואל: 141, 806.
אָפּענהיימער, פראַנץ: 34, 35.
אַקערמאַן, ד.: 160.
אַראָנאָוויטש, יוסף: 852.
אַראָנסאָן, גריגאָרי: 218, 522, 768, 770.
אַראָנסאָן, מאיר: 790.
אַראָנסאָן, נחום: 511, 468, 513.
אַרגעזי, טודאָר: 878.
אַרזשיצער, אַברהם־מרדכי: 781.
אַריה (דוד נײַמאַרק): 416, 848.
אַריסאַגאַ וועגאַ, ראַפאַעל: 754, 755.
אַרכימאָוויטש, צדוק: 136, 455.
אַרנאָלד, לאָרד: 801.
אַרנאָלד: 145.
אַש, שלום: 770, 894.
אַשבערג, אָלאָף: 341, 343, 836.
אַשער, אַ. (Aascher, A.) 339.
אַשעראָוויטש, א.: 531, 534.

ב

באַאַז, האַראָלד: 418.
באַבענקאָ, משה: 750, 889.
באַבער: 840.
באַוו, יאַנג: 888.
באָומאַן, איזייאַ (Bowman, Isaiah) 545, 664, 867.
באַטאַשאַנסקי, יעקב: 747.
באַטוויניק, דוד: 769.
באַטײַ, עמיל ס. (Bataille, Émile C.) 372.
באַטלער, ר. א. (Butler, R. A.) 290, 375, 391.
באַיאַן, לייבל: 745, 768—771, 790, 897.
באַלבערישסקי, מענדל (Balberyszski, M.) 645—648, 681, 695, 733, 880, 890, 894.
באַלדווין, א. ה.: 615.
באַלינגער: 108.
באַלפור, דזש.: 582.
באַמבלאַט, י. ס.: 596.
באַמשטיין — זען באַני, באָריס אַדאָלף.
באַני, באָריס אַדאָלף: 111, 754, 755.
באַנינג: 590.
באָנע, זשאָרזש (Bonnet, Georges) 202.
באַנק, ישראל: 650, 733.
באַסאַן, אליקום: 456.
באַסטאַמסקי, ירחמיאל: 840, 851.
באַסטאַמסקי, שלמה: 76, 135, 138, 145, 152, 354, 455, 796, 806, 844.
באַסיין־קאַהן, רחל: 29.
באָס פערשור (Bos Verschuur) 683, 685, 691, 888.

באַסקין, יוסף: 524, 598.
באַקסט, מיכל: 745, 746.
באַקסטאַן, לאָרד נאָעל: 259.
באַקסטאַנסקי, ל.: 823.
באַראַכאָוו, בער: 18.
באַראַנטשיק (געב' אַנדרוזשעווסקי), ליבע: 152.
באַראַנטשיק, נחמן: 152, 229, 443, 806, 817.
באַראַץ, א.: 733.
באַרד, רובי: 489.
באַרטאַן, עלינאָר: 801.
באַרטלעט, ווערנאָן: 119, 322, 799, 801.
באַריישאַ, מנחם: 597.
באַריס, סיידי — זען טוראַק, סיידי באַריס.
באַרנשטיין, יצחק: 72.
באַרקאַן, ד.: 525.
באַרקאַן, ח.: 770.
באַרשטנמאַכער, רחל: 806.
בוב, ה. (Boob, H.) 489.
בובער, מאַרטין: 740, 774, 888.
בוזער, פריץ: 802.
בוטיי, מאַריוס (Bouteille, Marius) 192, 201.
בויסקאָל, י. אַ. ע. (Buiskool, J. A. E.) 728.
בוירל, אַדאָלף אַ. (Berle, Adolph A.) 710.
בוירק, ט. (Burke, T.) 434.
בוקסענבוים: 402, 409.
בוקעט, י.: 145, 819.
בורג, פישל: 653.
בורסוק, מאיר: 692, 747, 749, 889.
ביאַלאָסטאָצקי, בנימין־יעקב: 43, 761, 765, 769, 770, 771, 790, 884.
ביאַליק, חיים נחמן: 88, 89, 797, 894.
ביבער, רעגינע: 168, 808.
בידאָ, זשאָרזש (Bidault, George) 596, 731.
ביזלי, פ. ר. (Beasley, F. R.) 441.
בייווין, טאָמאַס (Bavin, Sir Thomas) 487, 489, 492, 502.
בייזער, א.: 30.
בייזערמאַן, מ.: 30.
בין, ס. ע. וו. (Bean, S. E. V.) 489.
בינעצקי, פסח: 694, 695.
ביעגאַניעץ, יצחק: 655.
ביעגון: 146.
ביקל, שלמה: 235, 771, 775.
בירנבוים, יעקב: 764, 769, 770.
בירנבוים, נתן: 158—160, 220, 349, 350, 420.
בירנבוים, שלמה: 770.
בלאַנקשטיין, מאיר: 115, 127, 141, 238, 469, 596, 751, 752.
בלאַקבערן, ריימאָנד (Blackburn, Ray-mond) 593.
בלום, לעאָן: 184, 247, 586, 594, 831.
בלום, סאַלאָמאָן: 530.
בלום, ראָבער: 586.
בלומאַן, יעקב: 406.
בלומבערג: 807.
בליט, לוציאַן: 874.
בליט, משה — זען ראַבינאָוויטש, משה.
בלעכער, מ.: 647.
בלעקסטאַן: 718.
בן־אַדיר (אַברהם ראָזין): 17, 45, 46, 57, 61, 68, 87, 90, 98, 99, 101, 113, 116, 120, 127, 128, 155, 200, 214, 217—220, 233, 238—240, 293, 303, 310, 319, 328, 329, 347, 354, 365, 379, 400, 408, 413, 414, 453, 459—464, 466—468, 482, 511—522, 600, 632, 639, 741, 742, 762, 771, 790, 794, 795, 797, 798, 813, 814, 816, 820, 821, 828—832, 837, 842, 847, 854, 855, 861—863.
בן־גוריון, דוד: 231, 233, 235, 770.
בן־חיים, ש.: 741.
בעווין, ערנעסט (Bevin, Ernest) 259, 286, 322, 327, 549, 581, 582, 827, 832.
בעווערידזש, דזש.: 489.
בעווערידזש, וויליאַם: 322.
בעז, חיים: 770, 771.
בעל, ל. י. מ. (Beel, L. J. M.) 590, 689.
בעלינפאַנטע, ע.: 339.
בעמער, וואַלטער: 156.
בענדזשאַמין, ל. מ.: 525, 662, 872.

בענטוויטש, נאָרמאַן: 176, 180, 181, 279, 309, 312, 313, 802, 809, 823.
בענטלי, דזש. וו.: 160.
בעק, יוזעף (Beck, Józef) 184, 194, 198, 206, 207, 248, 810.
בעקערמאַן, ב.: 596.
בערגמאַן, מאָוריצי: 646—648.
בערגמאַן, שמואל הוגאָ: 739, 740.
בערגמאַן: 489.
בערגעלסאָן, דוד: 472—474, 856.
בערגער, י.: 17.
בערגער, ע. מײַקל: 774.
בערגער, קושע: 602—, 603, 872.
בערלין, לאה: 796.
בערמאַן, אַדאָלף: 879, 881.
בערנהאָלץ: 409.
בערנפעלד, יוסף: 769, 770.
בערנשטיין, אַהרן: 135, 145, 345, 395, 455, 806, 817.
בערנשטיין יצחק: 792.
בערקאָוויטש, ש.: 513, 525, 896.
בערקמאַן (פּאָסוואַנסקי), בערנאַרד: 72, 76—78, 81, 88, 127, 145, 351, 352.
בערקמאַן, חיים: 396.
בראָדסקי, סאָל: 513, 525.
בראָדסקי, עטל: 530.
בראָדעצקי, זעליק: 169, 170, 309, 823, 833.
בראַון, אירווינג (Brown, Irving) 692, 715—717, 892.
בראַון, בנימין: 576.
בראַון, מאיר: 576.
בראָכשטיין: 404.
בראָמבערג, אָ.: 30.
בראַנד, יואל: 864.
בראָנז, י. צ. (Brons, J. C.) 588—590, 608—610, 615, 617, 618, 622, 623, 628, 665, 666, 668, 670, 673, 680, 683—685, 688—691, 710, 877, 887, 888.
בראָקלער: 418.
ברוינשטיין, מ.: 513, 872.
ברוס, סטענלי מ. (Bruce, Stanley M.) 175, 176, 183, 279, 281, 809.
ברוסילאָוו, ניסן: 769, 770.

ברוצקוס, יוליוס (Brutzkus, Julius) 34, 35, 61, 114, 116, 121, 127, 170, 178, 184—186, 190, 193, 194, 200, 213—216, 223, 237, 238, 243, 248, 250—254, 289, 295, 302, 356, 468, 513, 522, 523, 530, 563, 807, 809—811, 816, 820—822, 828, 837, 838, 864, 870.
ברוק, ט.: 401, 405.
ברוקס, ה.: 484.
ברײַנין, מ.: 871.
ברין, אַהרן־בער: 844.
בריקס, רחמיאל: 770, 775.
ברעדפילד, דזש. 489.
ברענער, יוסף: 639.
ברעסטאָוויצקי, אַהרן (Brestowicki, Aron) 40, 140, 141, 150, 151, 153, 220, 229, 344, 345, 360, 366, 395, 396, 398, 399, 405, 406, 410, 447, 449, 454, 456, 806, 812, 816, 838, 840, 844, 851.
ברעסטאָוויצקי, בנימין: 136, 140, 152, 395, 456, 844.

ג

גאַביס, אַברהם: 749.
גאַבערטאַס: 799.
גאַגאַ, אָקטאַוויאַן: 256, 630.
גאָולד, באַרבאַראַ אײַרטאָן (Gould, Barbara Ayrton) 124, 125, 801.
גאָורי, לאָרד (Lord Gowrie) 429, 490, 858.
גאָורי, ליידי: 858.
גאָזשאַנסקי: 145.
גאָטליב, יהושע: 94, 361, 364.
גאָטליב, ש.: 307, 830.
גאָטליב: 652.
גאָטעסמאַן, ביילע: 653, 701, 733, 763, 764, 899.
גאָטספּאַרשטיין, יוסף: 115.
גאָלאָדעץ, אַלעק (Golodetz, Alec) 66, 114, 127, 160, 161, 220, 236, 238, 239, 241, 800.
גאָלאָדעץ, מ.: 377.

גאָלאָמב, אַברהם: 400, 513, 514, 530, 737, 741, 744, 746, 753, 765, 767, 769—771, 774, 776, 783, 862, 863, 895—897, 900.
גאָלאָמב, שמואל: 135, 345.
גאָלאַנץ, וויקטאָר (Gollancz, Victor) 119, 801.
גאַלאַקטיאָן, גאַלאַ: 878.
גאָלד, ה.: 871.
גאָלדבערג, אָסקאַר: 513, 515, 522, 524, 530, 861.
גאָלדבערג, בן־ציון: 775.
גאָלדבערג, שלום: 577
גאָלדהאַר, פּינחס: 530, 859.
גאָלדינג, לוי: 801.
גאָלדמאַן, אַ.: 525.
גאָלדמאַן, מ.: 647.
גאָלדמאַן, נחום: 201, 297, 718, 768.
גאָלדסטאָון, י.: 764.
גאָלדענבערג, מ.: 746.
גאָלדפאַרב, פּ.: 842.
גאָלדשטיין, מ.: 647.
גאָלדשטיין, פּיליפּ ר.: 336, 505, 860.
גאָלדשטיין: 823.
גאָמאָנס, דייוויד: 593, 607.
גאָסטער, משה: 65—68, 98, 118, 119, 121, 125, 127, 128, 258, 793, 794, 824.
גאָסלאַר, האַנס: 159.
גאָק, וואָלף: 106, 799.
גאָראַדיסקי, יונה: XI, 692, 747, 749, 751, 889, 897.
גאָרדאָן, ב.: 770.
גאָרדאָן, ג.: 29, 30.
גאָרדאָן, טאָמאַס: 489.
גאָרדאָן וואָקער, פּאַטריק (Gordon Walker, Patrick) 605.
גאָרדינער: 421.
גאַריבאַלדי, דזשוזעפּע: 235.
גאָרסקי, יונה: 214, 238, 244, 524, 530, 531, 563, 566, 597, 603, 620, 661, 704, 708, 724, 742, 795, 818, 838, 870, 876, 881, 891, 894, 896.
גאָרפינקעל: 872.
גוטיערעס, קאַרלאָס כאָסע: 898.
גוטמאַן, פעליקס: 746.
גוטמאַן, שאול: XI, 511, 513, 515, 524, 525, 530, 532, 551, 564, 575, 577—579, 586, 588, 597, 600, 602, 603, 621, 662, 663, 670, 673, 681, 691, 704, 708, 735, 736, 745, 768, 770, 771, 774, 775, 870, 872, 874, 876, 879, 883, 885, 889—891, 895.
גוטקינד: 61
גוטשמיד: 401, 404.
גולד, סיימאָן: 579.
גומענער, אליהו: 146, 412, 854.
גורמאַן: 115.
גורעוויטש, באָריס: 302, 828.
גיבסאָן, פּ. ע.: 441.
גילדנגאָרן, אַהרן: 152, 406.
גיליגיטש, י.: 859.
גינזבורג, מ.: 708, 765.
גינזבורג, ס.: 39, 121, 127, 327.
גינעס, י.: 747.
גירשאָוויטש: 806.
גלאָבוס, אליהו: 152.
גלאַטצער, ס.: 30.
גלאַטשטיין, יעקב: 770.
גלאַנץ (לעיעלעס), אַהרן: 63, 512, 513, 523, 528, 529, 531, 534, 537, 551, 562, 575, 597, 600, 602—604, 638, 651, 680, 704, 707, 735, 770, 771, 864, 876, 884, 894—896.
גלאַנץ, יעקב: 530.
גלאַנץ, פּאַניע: 574, 871.
גליק, הירש: 369, 640.
גליקסמאַן, וו.: 768.
גלעזער, ל.: 46, 61.
גלעזער: 833.
גלען: 578.
געיאָט: 400, 847.
געלענדער, בצלאל: 133, 366, 404, 840.
געלענדער, ר.: 366, 401, 405, 840, 844.
געלפאַר, לויס: 621, 662, 673, 708, 876.
געסטעטנער, ס.: 259, 340.
געפּ, הערבערט: 484.
געצען (Goetzen) 689, 692, 693, 716, 723, 889.
גערגעל, נחום: 46.

גערשאָוווסקי, ראובן: 844.
גערשאַטער, עקיבא: 456.
גערשאַטער, שמואל: 229, 396, 410, 449, 455, 806, 816, 840, 851.
גראָדזענסקי, ש.: 883.
גראַדע, חיים: 771.
גראָזאַ, פּעטרו: 878.
גראָס, אַ.: 406.
גראָס, אַהרן פּינחס: 36, 127, 133, 145, 804, 816.
גראָס, י.: 133.
גראָס, שרה: 816, 840.
גראָסבערג, סאָל: 526.
גראָסמאַן, וולאַדימיר: 752, 838.
גראָפּער, יעקב: 637.
גרוזמאַן, יהודה־לייב: 109, 603, 747, 749, 800.
גרוסאַר, סערזש (Groussart, Serge) 480, 857.
גריי: 848.
גריַיזער, לעאָן: 513, 524, 525, 531.
גרין, אָסקאַר: 336, 505, 860.
גרינבוים, יצחק (Grünbaum, Izaak) 147, 154, 155, 805.
גרינבוים, משה: 779, 900.
גרינבערג, אליעזר: 530.
גרינבערג, חיים: 523, 539, 540, 865.
גרינבערג, מתתיהו — זען ווילמאַן, אַ.
גרינבערג: 696.
גריניטש: 607.
גרינשפּאַן: 653.
גרעגאָרי, הענרי: 281, 284, 285, 827.
גרענפּעל, דייוויד: 322.

ד

דאַבין, שמעון: 13.
ד'אַוויגדאָר־גאָלדסמיד, אָסמאָנד ע.: 822.
ד'אַוויגדאָר־גאָלדסמיד, הענרי: 873.
דאָלטאָן, היו (Dalton, Hugh) 280, 799, 826.
דאַמאַר, שרה: 871.
דאַמב, חיים: 135, 349, 402, 837, 845.
דאַמבי, מ.: 872.
דאָנאָוואַן, אַנטאָני: 372.
דאָנאַלדסאָן, פּ. לויס: 124, 144, 801.
דאַנגלאָו, דזש. (Danglow, J.) 484, 485, 554, 556, 868.
דאַנקין, ג.: 557.
דאַסאָן, לאָרענס אַ.: 726.
דאָקטאָראָוויטש, הענריק: 145.
דובאָסאַרסקי, יוסף (Doubossarsky, Joseph) 61, 106, 107, 115, 127, 184—186, 190, 207, 213, 237—239, 241, 246, 250, 328, 329, 379, 469, 799, 811, 812, 819, 833.
דובינסקי, דוד: 524, 535, 598, 663, 884.
דובנאָוו, שמעון: 768, 843.
דוואָרקין, ב. (י.): 525, 603, 872.
דויטש, אָסקאַר: 341.
דולמאַן, מינג (Doelman, Ming) 627, 628, 713, 888.
דוקער, אַברהם ג.: 334, 834.
דזשאָועט, פּ. וו.: 801.
דזשאָנאַ, לעאָן: 484.
דזשאָנס, מאָרגאַן: 124, 799, 801.
דזשאָנס: 108.
דזשאָנסאָן, אַלווין: 664, 673, 810, 884.
דזשאָנסאָן, היולעט: 108, 801.
דזשאָנסאָן, לינדאָן ב.: 726.
דזשאָנסאָן: 429.
דזשאַרעצקי: 823.
דזשיימס, וואָלטער: 430.
דזשייקאָבס, בערטראַם: 591.
דזשיליאָלי, דזשאָרדזש (Giglioli, George) 665—668.
דזשעגער, דזשאָרדזש (Jaeger. George) 593.
דזשעקסאָן, ווילפרעד: 317.
דיזראַעלי, בנימין: 431.
דיזשור, אליהו: 830.
דייוויס, י.: 602.
דייוויס, נתן שמואל: 771, 776—781, 784, 787, 895, 900, 901.
דייוויס: 885.
דיימאָנד, אַנטאָני דזש.: 507.
דימאָנד, מ.: 746.
דימאָנטשטיין, ש.: 789.
דין, אַ. ס. (Dean, A. S.) 489.
דינגאָל, ש.: 770.

דיק, שלמה: 204, 205, 375.
דעבלין, אַלפרעד (Döblin, Alfred) 61, 62, 68, 86, 89, 98, 99, 115, 116, 120—125, 127—129, 162, 163, 167, 220, 238, 469, 771 774, 793, 802, 808, 855.
דע גאָל, שאַרל (De Gaulle, Charles) 594.
דע גראָט, מ. (De Groot, M.) 615—618, 623, 625, 628, 629, 665, 683, 684, 688, 690, 691, 717, 720, 721, 724, 728, 877.
דע לאַ פּוענטע, עמיל: 628, 692, 727, 888, 889.
דעלבאָס, איוואָן (Delbos, Yvon) 206, 248.
דעלעווסקי, יו.: 220.
דע מיראַנדאַ, י. ע.: 615, 616, 627, 628, 725, 727, 728, 888.
דע פריז, ה. ל. (De Vries, H. L.) 615, 616, 628, 692, 711, 888, 889, 892.
דע ראַי, פּ.: 887.
דעראַק, מײַקל פּאַטריק (Durack, Michael Patrick) 271—273, 275, 283—286, 420, 421, 423, 437, 827.
דעראַק (זון): 421.
דערווענט, לאָרד: 849.
דרײַפוס, אַלפרעד: 572.
דרײַפוס: 341.
דרייק־בראָקמאַן, דזש. (Drake-Brockman, G.) 421.
דרייק־בראָקמאַן, הענריעטע: 430.
דרעס, ווילעם (Drees, Willem) 692, 710, 717, 721, 893.
דרעקסלער: 842.

ה

האָ אַ־שו, י. ע. (Ho A-Sjoe, J. E.) 627, 628, 888.
האַדזשסאָן: 543.
האָהן־ביטינער, משה: 733, 751, 894, 897.
האַו, אירווינג (Howe, Irving) 775.
האָווי, אַרטשיבאַלד (Hovie, Sir Archibald) 489.
האַטשעסאָן, דזשאָזעף סי.: 583, 584.
האַכהוט, רודאָלף: 863.
האָל, דזשאָרדזש (Hall, George) 593, 594, 598, 608.
האָל, קאָרדעל (Hull, Cordell) 289.
האַלאָווי, ע. דזש.: 866.
האַליפאַקס, לאָרד: 315, 323.
האַלער: 652.
האַלפערן, בען: 885.
האַלפערן, יחיאל: 739.
האַלפערן, משה־לייב 102.
האַלצמאַן, אַברהם: 872.
האַלצמאַן, מאַקס: 513, 525, 574, 708, 771, 862, 871, 896.
האַמעלמאַן, אַ. ד.: 638.
האַנדעלסמאַן, צלילה: 349, 403, 409, 456, 840.
האַניג, ס: ר.: 862.
האַניגבוים, מ.: 525.
האַניגשטאַק, פּערל: 816, 817.
האַניג, י.: 345.
האָפמאַן, איזידאָר: 771.
האָפמאַן, יצחק: 650, 681.
האָפמאַן, עלינאָר: 872.
האָפשטיין, דוד: 474.
האָק: 848.
האָקס, ר.: 489.
האַקעט, ל. וו.: 615.
האַראַבין, פּ. דזש.: 801.
האַרדמאַן־סאַלוצקי, יעקב ב.: 535, 536, 896.
האַרטאָג, פיליפּ: 258.
האַרטגלאַס, אַ.: 412, 413.
האַריסאָן, אפרים: 763.
האַרן, י.: 747, 897.
האַרפּער, ס.: 418, 441.
הוגע, לוי (Huguet, Louis) 855.
הווער, הערבערט: 505.
הויז, גבריאל (Haus, Gabriel) 120, 127, 139, 140, 145, 150, 151, 216, 220, 229, 345, 347, 360, 365—368, 393, 397—400, 404, 405, 408, 469, 470, 513, 515, 530, 591, 802, 806, 817, 840, 843, 854, 855, 867, 874.
הוירט אָוו וויטאָן, לאָרד (Lord Hirt of Whitton) 322.

הירסט, וויליאַם ראַנדאָלף (Hearst, William Randolf) 330, 332.
הוק, סידני (Hook, Sidney) 553, 865, 868.
הורוויטש, ל.: 134.
היט, אַ.: 489.
היטלער, אַדאָלף: 41, 45—47, 54, 68, 123, 153, 256, 287, 290, 310, 316, 371, 446, 516, 534, 561, 642, 699.
הײַאַמסאָן, אַלבערט מ. (Hyamson, Albert M.) 160, 173, 175, 178, 807, 809.
הײַדעקער, הערבערט: 872.
הייטפּילד, וו.: 430.
הייוועגער: 506, 507.
היימאַן, עזרא: 653.
הײַן, אָסקאַר: 214, 289, 815.
הינדער, וו. (Huender, W.) 692, 693, 697, 711—714, 716, 717, 719—721, 723, 724, 728, 889, 892.
הירא, סינג, אי.: 713.
הירש, מאָריס: 524, 823.
הירש: 652.
הירשאָוגע, אליעזר: 896.
הירשביין, פּרץ: 871.
העגעל, געאָרג פרידריך: 739, 822.
העכט, בען: 863, 864.
העלד, אַדאָלף: 524, 535, 536, 553, 598.
העלסטאָן, ס. פּ.: 713.
העלער, יוסף: 470.
העגריקעס, סיריל קוו. (Henríquez, Cyril Q.) 66, 114, 127, 161, 800, 807.
העסינג, סטעלאַ: 653.
העפטער, יוסף (Hefter, Joseph Otmar) 333, 334, 505, 506, 512, 630, 834, 862.
הערראָוואַנו, איידזשען: 878.
הערמעלין, יחיאל: 115, 469, 596, 751, 752.
הערץ, וו.: 525.
הערצל, טעאָדאָר: 7—9, 11, 12, 22, 81, 83, 93, 122, 214, 296, 525, 634, 794, 820, 895.
הערצקאַ, טעאָדאָר: 81.

וו

וואַהל, סעמיועל ל.: 534.
וואַטסאָן, מאַלקאָלם: 841.
„וואַטשמאַן": 484.
וואַכטעל, העגרי דזש. (יצחק) (Wachtel, Henry J.) 330, 779, 833, 900.
וואַל, היפּאָליט: 362.
וואָל, נאַטאַן (Wohl, Natan) 97, 98, 120, 121, 127, 128, 132, 134, 142, 143, 157, 459, 803, 851, 854.
וואַלבערג, ש.: 649.
וואַלדייק, פּ. י. צ. (Waldijk, P. J. C.) 712, 713.
וואַלדמאַן, מאָריס: 808.
וואַלט, חיים: 852.
וואַלטער: 842.
וואַלינאָוויטש, סטאַניסלאַוו: 496.
וואַלעצקי, משה: 768.
וואַלער, ט. ל. ע. (Waller, T. L. E.) 625, 627, 628, 685, 686, 688, 690, 692, 723.
וואַלפּאָוויטש, חיים: 140, 141, 806, 817.
וואַלפּערט, וויליאַם ג.: 535.
וואָלף, דניאל: 337, 339—343, 360, 361, 363, 364, 375, 381, 411, 468, 839.
וואָלף, ח.: 747, 749.
וואָלף לייזער: 40, 41, 369, 395, 396, 398, 410, 453, 456, 768, 774, 790, 792, 840, 843, 844, 852, 853.
וואָלפּאָוויטש, א.: 133.
וואָלפסבערג, אָסקאַר (ישעיה): 414.
וואַן בערצעלאַער: 689.
וואַן דען בערג, ס.: 341.
וואַן דען בורג: 683.
וואַן דער שרעף: 888.
וואַן וועסטען, ק. פּ.: 713.
וואַן זוואַנענבערג, ס.: 339.
וואַן לעווען, העגרי ב. (Van Leeuwen, Henri B. [Hendrick]) 158, 159, 238, 303, 337, 339, 340—343, 360, 363, 364, 468, 470, 585, 587, 588, 590, 609, 621, 693, 708, 723, 807, 832, 836, 876, 877, 888, 889.
וואַן נאָרדען, ע.: 321.

וואַן ער, אי. מ. (Van Eer, I. M.) 691, 713.
וואַן פּאַסען, פּיער (Van Paassen, Pierre) 550, 867.
וואַסערמאַן, ב.: 577.
וואַסערמאַן, לייב: 733, 881.
וואַסערמאַן, משה: 406.
וואַרבורג, אָטטאָ: 823.
וואַרבורג, זיגפריד: 341.
וואַרבורג, מאַקס: 309, 823.
וואַרבורג, עדוואַרד: 834.
וואַרבורג, פעליקס מ.: 179, 180, 203.
וואַרען, דזשאָרדזש ל. (Warren, George L.) 672, 861.
וווּד, דזשאָרדזש (Wood, George) 484, 494, 503, 859.
וווּד, וו. אַ.: 672.
וווּד, טאָמאַס: 322, 832.
וואָלף, ב. מ.: 823.
וואָלף, ס. י. (Woolf, S. J.) 53, 66, 67, 127, 160, 791.
וואָלק: 852.
ווִיגדאָראָוויטש, מ.: 76, 78.
ווידוטשאַנסקי: 852.
ווידוטשינסקי (דעמב), יצחק: 369, 396.
ווידמאַן, ליפשע: 733, 763, 771.
ווידער, יצחק: 779, 901.
וויטהערס: 436.
וויטמאַן, וואָלט: 407.
ווײַדמאַן: 624.
ווײַז, סטיוון (Wise, Stephen) 199, 330, 331, 718, 866.
ווײַז, פּ. דזש. ס.: 273—275, 418, 421, 429, 502, 503, 849.
ווײַט, ט. וו. (White, T. W.) 301, 305, 306.
ווײַל, נאַטאַניעל (Weyl, Nathaniel) 666, 668, 670.
ווײַנבערג, וו.: 747.
ווײַנטרויב, משה: 741.
ווײַנטרויב, ש. 881.
ווײַניג, ק. ג.: 167.
וויינגאַרדע (Wijngaarde) 626, 628, 691, 888.
ווײַנער, ש.: 871, 889.
ווײַנציגער: 143, 145.
ווײַנרעב, פּ.: 159.
ווײַס, פּ.: 530.
ווײַסמולער־מעיער, ג.: 892.
ווײַספעלד, ר.: 746, 891.
ווייצמאַן, חיים: 160, 181, 182, 232, 233, 235, 243, 313, 314, 340, 344, 376, 800, 817, 823, 824, 836.
ווילדשטיין, יוסף: 135, 455.
וויליאַמס: 552.
וויליאַמס, מר״ס: 345.
ווילמאָט, דזש.: 801.
ווילמאַן, אַ.: 630, 631, 877.
ווילסאָן, דזשאָרדזש: 490.
ווילסאָן: 423.
ווילקאָק, דזשאָן קאָלינגס (Wilcock, John Collings) 280, 281, 283, 418, 424, 425, 430, 433, 438, 440, 483, 492—494, 556, 850.
ווין, שלמה: 859.
ווינטערטאָן, לאָרד: 291, 300, 301, 306—308.
ווינפרי, ראָבערט ג.: 726.
וויסיפקאָ, י.: 747.
וויסקאָרד, דזשעפרי: 859.
ווירשופּ, ג.: 136, 395.
ווישניאַק, מאַרק: 237, 248.
ווישניצער, מאַרק: 526.
ווישנעצקי, מ.: 524, 531, 771, 870.
ווישעוויאַנסקי, מ. (Wyszewianski, M.) 127, 200.
ווישעוויאַנסקי, ש.: 154.
וולאַדעק, ברוך: 168.
וועדזשוווד, דזשאָשואַ ס.: 314, 801.
וועלטער: 375.
וועלטש, ראָבערט: 659, 739.
ווענגראָווסקי, אַברהם: 135, 136, 145, 152, 346, 395, 455, 804.
ווענגראָווסקי (ראָזענבעס), בעטי: 545, 806, 816, 817.

ז

זאַגאָריע, פּײַוול: 406, 840.
זאַיאָנץ, נחום: 649, 733.
זאַיאָנץ, פישל: 733.

זאַכאַריאַש, שמעון: 648.
זאַלצבערג, י. ב.: 856.
זאַלצנשטיין, י.: 747.
זאַמענהאָף, סטאַניסלאַוו: 394, 400.
זאַמערשטיין, עמיל: 642.
זאַנגוויל, אידיט (Zangwill, Edith) 39, 118, 121, 124, 258, 359, 801, 818, 824.
זאַנגוויל, ישראל: 11, 12, 22—24, 27, 28, 31, 36, 37, 53, 65, 67, 78, 92, 122, 125, 142, 160, 258, 263, 336, 359, 389, 525, 600, 619, 706, 707, 771, 774, 790, 794, 800, 801, 823, 824.
זאַק, אַברהם: 98, 99, 145, 643, 770.
זאַקס, אליהו: 806, 844, 852.
זאַקס, קאַרל: 361.
זוכי, אויגוסטין (Souchy, Augustin) 746, 759.
זוסמאַן, ה. ב.: 534.
זוסקין, בנימין: 463, 474.
זיגלמאַן: 881.
זיגעלבוים, ש. מ. (ז. אַרטור): 874.
זיגעלמאַן, י.: 350, 402.
זײַדמאַן: 191.
זײַדעל, י.: 400, 843.
זײַנפעלד, אַברהם: 145.
זילבערפאַרב, משה: 17, 21, 45, 46, 49, 57, 58, 68—70, 88, 792, 794, 795, 797.
זימערמאַן, טשאַרלז: 598.
זיסו, אַ. ל.: 636, 878.
זעבלין, י.: 708.
זעליגמאַן, טשאַרלז ד.: 259, 279, 293, 300, 321, 360, 826.
זעליטש, יהודה: 575, 602, 603, 663, 704, 707, 708, 721, 723, 724, 726, 736, 751, 763, 765—771, 774, 785, 786, 876, 891, 893, 896.
זעלינגער, עלאַ: 653, 733.
זקסימאַלאַ, נאַרמאַן: 108.
זרבבל, יעקב: 792.
זשאַבאָטינסקי, וולאַדימיר (זאב) (Jabotin-sky, Vladimir) 67, 147, 154, 155, 177, 231, 269, 413, 443, 444, 538, 539, 774, 800, 849, 850, 859.
זשאַבינסקי, משה: 844.
זשאַזעף, גאַסטאָן: 192.
זשאַרנאַוועצקי, י. י.: 939.
זשולקאַווער, משה: 845.
זשורגענס, זשאַן: 894.
זשיטלאָווסקי, חיים (Zhitlovsky, Chaim) XI, 19, 27, 34, 42, 63, 64, 78, 79, 81, 83—86, 90, 91, 98—100, 116, 118, 121, 143, 148, 168, 303, 335, 400, 513, 514, 768, 789—791, 793, 796, 797, 799, 802, 803, 808, 813, 829, 835.
זשיטלאָווסקי, שמואל: 111, 114, 754.
זשעלעזניקאָוו, יאַנקל: 852.

ח

חידקל, מאַקס: 336, 513.
חנניה בן תרדיון: 632.
חפשי, נתן: 230, 740, 741, 771, 817, 895.

ט

טאַבאַטשניק, ב.: 598.
טאַבאַקסבלאַט, דוד: 806.
טאַבאַר, קאַרלאָס: 756.
טאַבענקין, י.: 530.
טאַדרעס, הענאַך: 139, 404, 408, 446, 456, 806.
טאַוני, ר. ה.: 801.
טאַמאַס, אײַוואַר: 594, 605, 606.
טאַמאַס, נאָרמאַן: 771.
טאַמאַר, י.: 663.
טאַמסאַן: 421.
טאַמפּסאַן, דאָראָטי: 291, 536, 828.
טאַנסמאַן: 404.
טאַנעס, אַ.: 889.
טאַפּעל, י.: 530.
טאַפּעל: 852.
טאַרטאַקאָווער, אַריה: 204, 215.
טהאָן, יהושע (Thon, Ozjasz) 93, 94.
טוזמאַן, מלכה: 871.
טוראַק, נחום (Turak, Nathan) 63, 335, 513, 524, 525, 531, 562, 598, 603, 708, 736, 760—763, 765, 766, 870, 876.
טוראַק, סיידי באַריס: 524, 763, 764.
טורקאָוו, מאַרק: 97.
טײַטעל, יוסף: 852.

טײַכערט: 421.
טיילאָר, מײַראָן טשאַרלז (Taylor, Myron Charles) 291, 300, 303, 305, 306, 829.
טים, ל.: 625.
טעלושקין, ניסן: 761.
טעמערסאָן, ה.: 819.
טעמפּלמאַן, סענדער: 650, 733, 881, 882, 886, 891.
טענזער, הערבערט: 774.
טערי, מײַקל: 325.
טערנער, ג. ר. (Turner, G. R.) 265, 358, 825.
טראַכטמאַן, אַ.: 525.
טראַפּ: 145.
טראַצקי, לעװ: 223—225, 812.
טראַקען, ח.: 30.
טרוכיִיאָ, כאָסע װ. (Trujillo, José V.) 754, 755.
טרוכיִיאָ, לעאָנידאַס ראַפּאַעל: 320, 508—510, 578, 579, 861.
טרומאַן, האַרי ס.: 581, 582, 592, 726, 743.
טשאַלקאָװ, משה: 750.
טשאָמלי, ס. ה. (Chomley, C. H.) 260—266, 268—270, 272, 287, 358, 431, 470, 825—827.
טשאַרני, דניאל (Charney, Daniel) 145, 238, 400, 522, 523, 530, 531, 534, 795, 796, 809, 884.
טשאַרני (געב' שטיינבערג), שולמית (מיטע): 708, 763, 891.
טשובינסקי, ב.: 770.
טשיטשעסטער, ביסקופּ פון: 309, 310, 322, 830, 832.
טשעמבערלען, דזשאָזעף (Chamberlain, Joseph) 8, 12, 312, 387.
טשעמבערלען, נעװיל: 285, 312, 315, 316, 318, 320, 323, 324, 372, 374, 385, 387, 388, 580, 606, 830, 842.
טשעסלער: 29.
טשערטשיל, װינסטאָן (Churchill, Winston) 389, 516, 824, 833, 863, 865, 871, 873.
טשעריקאָװער, אליהו (Tscherikower, Elias) 412, 522.
טשערנאָװיץ, חיים: 833.
טשערניאַק, י. אַ.: 513, 603.
טשערניכאָװ (דניאלי), יוסף (Czernichow, Józef) 13, 20, 26—29, 34, 44, 45, 49, 50, 70—79, 81, 83, 88, 89, 91, 97, 98, 100, 101, 118, 120, 121, 123, 125, 127, 128, 132, 134—143, 145, 146, 148, 152, 153, 164, 167, 168, 186, 196, 197, 201, 205, 206, 216, 217, 221—223, 227, 234, 238, 243, 246, 248, 249, 251, 253, 255, 288, 293, 302, 304, 307, 309, 345, 346, 353—358, 360, 362—365, 367, 378, 379, 381—383, 387—389, 395—397, 399—401, 407, 412, 415, 421, 446, 447, 451, 453, 600, 768, 789—791, 793—799, 802—804, 806—809, 812—814, 816—823, 828—832, 835, 837—840, 842, 844, 847, 848, 851, 852.
טשערניכאָװ, מיכאל — זען אַסטור, מיכאל.
טשערניכאָװ, רחל: 396, 455, 819, 820, 846, 852.

י

יאָאַכים, יצחק: 59, 102.
יאושזאָן (יוסטמאַן), ב.: 198, 813.
יאַכעלמאַן, דוד: 53, 66, 115, 128, 794.
יאַנג, דזשאָרדזש (Young, George) 325.
יאַנקמאַן: 590, 607, 608, 626, 628, 689, 714.
יאַנקערס: 715, 716, 889.
יאַפּע, ה.: 708, 861.
יאַרבלום, מאַרק: 200—202, 204, 297, 415, 466, 847.
יאַשפּע, ה.: 29.
יובלי, שלמה זלמן: 745, 763, 765, 767, 770.
יודלס, אַ.: 513.
יוז, װיליאַם מ. (Hughes, William M.) 268.
יוטקאָװסקי, צפורה: 349, 403, 409, 840.
יונג, מאָזעס: 869.
יוער, װ. נ. (Ewer, W. N.) 801.
יזהר, ס.: 739, 740, 895.

יעוטושענקאָ, יעווגעני: 773.
יעיטס, א. (Yates, A.) 442.
יעסעלסאָן, אסתר: 530, 574, 760.
יצחקי, מ.: 864.
ישורין, יעפים: 598, 765.

כּ

כהן, אסתר־מלכה: 763, 781.
כהן (שעלובסקי), חייה: 17, 30.
כהן, לייבל: VIII, 734, 737, 742, 763, 764, 768, 769, 771, 774, 776, 779, 781, 782, 784, 895, 899, 900, 901.
כהן, צדוק: 812.
כ״ץ, מרדכי: 539, 579.
כצנלסון, קלמן: 773.

כ

כאַבאַצקי, אָסקאַר (זיידל): 513, 524, 525, 530, 531, 564, 576, 603, 620, 708, 736, 763—766, 870, 876, 896.
כאַבאַצקי, לאה: 526.
כאַזאַנאָוויטש, לעאָן: 748, 897.
כאַכאַמו, פּינחס: 631, 639, 697, 698, 733, 878, 390.
כאַנין, אורווין ס.: 508.
כאַנין, נחום: 529, 598, 774, 885.
כאַראַש, אַלכסנדר: 46, 61, 128, 184, 214, 238, 246, 343, 379, 469, 837.
כאַרכאַט, אַהרן: 806, 817.
כמורנער, י. — זען לעטשטשינסקי, יוסף.
כראַבלאָווסקי (כראַבלאָוו), אלקנה: 551, 741, 747, 753, 766, 768—771, 791, 838, 896
כרושטשאָוו, ניקיטאַ: 473, 480, 481, 857.

ל

לאָווסטאָן, דזשיי: 715.
לאָזאָווסקי, סאַלאָמאָן: 472, 474.
לאַזערסאָן, מאָריס: 250—252, 822.
לאָכעמאַן (Logemann) 589, 590, 607, 608, 628.
לאַמבערט, ה.: 419, 420, 503.
לאַמינגטאָן, לאָרד: 818.
לאַנדוי, לייב: 136, 143, 145.
לאַנדוי, ש.: 92.
לאַסקי, האַראָלד: 592.
לאַסקי, נעוויל: 309, 344, 823.
לאַפּידוס, א.: 17.
לאָפּע דע וועגאַ: 846.
לאָפּעס פּעניאַ (López Peña) 579.
לאַצקי־בערטאָלדי, וואָלף: 13, 20, 21, 29, 68, 70, 98, 99, 795, 796.
לאַקס: 404.
לאַקער, בערל: 771, 801.
לאַקערמאַן, שמואל: 76, 96, 400, 741, 796, 798.
לאָראַנטי, אַנרי (Laurentie, Henri) 894.
לאַריע: 888.
לאָרענס, ט. ע. (Lawrence, T. E.) 291.
לביא (לעווענשטיין), תיאודור: 877.
לובאַצקי, ברוך: 76, 136, 395, 456, 796, 844.
לוואָוויטש (דאַווידאָוויטש), דוד: 13, 15, 20, 45, 46, 61, 62, 66, 121, 124, 125, 128, 131, 157, 158, 161, 168, 177—179, 186, 203, 204, 237, 238, 335, 336, 341, 343, 512 513, 524, 531, 534, 551, 562—566, 790, 797, 808, 814, 835, 836, 864, 870, 896.
לויטינק (Luitink) 888.
לונג שמואל: 152, 406.
לונדען, שימחה: 411.
לופּו, נ.: 878.
לוקאָווער, ח.: 350, 402, 404.
לוריא, שלום: X, 792, 805.
לוריע, אַדאָלף: 331.
לי, אַטערטאָן (Lee, Atherton) 665, 666, 668, 670, 672, 673, 727, 866, 885, 886, 893.
ליבאַ, אַלכסנדר: 806, 853.
ליבמאַן, טשאַרלז דזש.: 180, 181, 203, 810.
ליבנה, אליעזר: 768.
ליבערמאַן, יעקב: 29, 30.
ליבערמאַן, ראָבערט ע.: 168, 808.
ליבערמאַן: 834.
ליבשטיין, אַ.: 412, 413.
ליווי, לויס (Levy, Louis) 575, 663.
ליווי, רישעל: 872.

ליזדאָן, בער: 229, 366, 368, 396, 406, 410, 449, 456, 816, 840, 844.
ליטוואַקאָוו, משה: 13, 16, 141.
ליטווינאָוו, מאַקסים: 472, 473, 855.
לײַאָנס, דזשאָזעף אַ. (Lyons, Joseph A.) 171, 281, 282, 284—286, 437.
לייוויק, ה.: 29, 385, 421, 530, 531, 534, 551, 770, 773, 864.
לייטהעם (Latham) 429, 435, 849.
ליכטהאָלץ, ב.: 763.
ליכטשטיין (געב׳ דאָדיק), ביילע: 406.
ליכטשטיין, מ.: 596.
ליכטשטיין, ראובן: 135, 220, 346, 395, 400, 406, 407, 447, 455, 596, 806, 853.
ליליענבלום, משה: 411.
ליליענטאַל, דייוויד: 664.
לינדגרען: 342.
ליסטאָועל, לאָרד: 801.
ליפּניק, חייה: 816.
ליפּסקי, לוי: 834.
ליפּשיץ, ב.: 652, 681, 733.
ליפּשיץ, יוסף: 40.
ליפּשיץ, יצחק: 396, 406, 410, 851.
ליריק, אַ. ס. (אַהרן־לוי ריקלעס): 355, 838.
ללויד דזשאָרדזש, גווילים (Lloyd George, Gwylym) 119, 322, 799, 801.
ללויד דזשאָרדזש, דייוויד: 323, 389, 832.
לעאָניז: 604.
לעדערהענדלער, יוסף: 653.
לעהמאַן, הערבערט: 882.
לעהרער, לייבוש: 513, 515, 896.
לעהרער, מרים: 526.
לעווי, יוסף הלל: 753.
לעווי, סילווען: 800.
לעווי, רודאָלף: 159.
לעוויט: 690.
לעוויטע, לעאָן: 361.
לעווין, הינדע: 59, 806.
לעווין, חנה: 526.
לעווין, יעקב: XI, 30, 335, 336, 504, 511, 513, 524, 526, 531, 532, 546, 551, 562, 564, 576, 577, 579, 586, 597, 602, 603, 620, 621, 670, 705, 708, 736, 737, 742, 745, 753, 763, 765—767, 769—771, 781, 782, 793, 799, 805, 810, 812, 828, 831, 832, 848, 864, 870, 881, 891, 896, 899, 901.
לעווין, יצחק־מאיר: 361.
לעווין, כאַצקל: 851.
לעווין, מיכאל: 410.
לעווין, רבקה: 30, 524, 574, 763, 771.
לעווין, שאָול: 806.
לעווין: 852.
לעווינסאָן, ל.: 771.
לעוונער: 733.
לעווענט: 733.
לעווענטאַל, ה. (Loewenthal, H.) 220, 236, 321, 358, 591, 594, 607.
לעווענטאַל, י.: 746.
לעווענסאָן, ל.: 663.
לעווקאָוויטש, תנחום: 146.
לעטעם, גאָרדאָן (Lethem, Sir Gordon) 594, 605.
לענין, נ.: 42, 83, 235, 821.
לעפּעצקי, מאַריאַן: 204, 205.
לע פאַניו (Le Fanu) 410, 433, 441, 556.
לעפטוויטש, יוסף (Leftwich, Joseph) XI, 114, 160—164, 166, 167, 170, 171, 173—183, 185, 186, 200, 203, 207, 213—216, 240, 244, 250—252, 279, 289, 769, 772, 775, 799, 800, 802, 803, 805—813, 815—820, 822—824, 828, 830, 832, 833, 838, 840, 842, 843, 865.
לעפטוויטש, ר.: 128, 160.
לעפראַי, אַ. ל. ב.: 430, 431, 441.
לעפראַן, זש.: 141.
לעקיך: 143, 145.
לערער, יהודה: 403, 409.
לעשטשינסקי, יוסף (י. כמורנער): 13, 68, 72—74, 96, 795.
לעשטשינסקי, יעקב: 13, 15, 46—49, 58, 68—70, 95, 98, 99, 200, 202, 222, 232, 294—297, 356, 387—389, 479, 511, 513, 514, 539, 790—792, 794—796, 813, 842, 854, 865, 896.

מ

מאַגנעס, יהודה לייב: 231, 235, 740, 888.
מאַהלער, רפאל: 513, 514.
מאַווישאַוויטש, יעקב: 647.
מאַזעס, ס.: 160.
מאַטוק, ישראל: 124, 807, 809, 815, 819.
מאַטענקאָ, יצחק: 771, 872.
מאַטענקאָ, פסח: 872.
מאַיער, סאַלי: 297.
מאיראָוויטש, אַרטור (Meyerowitz, Arthur) 336, 505, 513, 835.
מאַכער, האַרי: 823.
מאַלאָוואַנטשיק, מיכאל: 817.
מאַלאַן: 259.
מאַלאַקעוויטש, גרשון: 43.
מאַלדאָנאַדאָ, בראַוליאָ: 758, 898.
מאַלעשעווסקי: 448.
מאַלץ, שאָול: 530, 769, 770, 878.
מאַמהעד, לאָרד: 801.
מאַן, טאָמאַס (Mann, Thomas) 871.
מאַן, מענדל: 810.
מאַן: 435.
מאַנאַש, דזשאַן: 266.
מאַנדל, זשאָרזש (Mandel, Georges) 252, 320, 474, 586, 822, 873.
מאַנטעגיו, יוען: 873.
מאַנטעפיאָרע, טשאַרלז סעבאַג: 259, 855, 873.
מאַנכע, לויס: 755.
מאַנערוויל, גאַסטאָן (Monnerville, Gaston) 185, 811.
מאַנק, אַ. ע.: 486, 546, 552.
מאַס, מאַניע: 871.
מאַסקווער: 807.
מאַק, דזשוליאַן וו.: 834.
מאַק, זשול (Moch, Jules) 730, 731, 894.
מאַקאָווסקי, י.: 871.
מאַקדאָנאַלד, דזשיימס דזש.: 861.
מאַקדאָנאַלד, מאַלקאָלם: 169, 170, 315, 316, 390, 830.
מאַקדאָנאַלד, ראַס: 432.
מאַקדאָנאַלד: 424.
מאַק־דונאַל, פּ. פּ.: 279.
מאַק־יוען (McEwen) 280, 284—286, 320, 437, 827.
מאַקניל, העקטאָר: 594.
מאַקסוועל, מ.: 160, 161, 164, 801.
מאַקקאָנעגי: 503.
מאַק־קעריהאַן, ס.: 489.
מאַר, טשאַרלז: 489.
מאַראַנץ, ש.: 859.
מאַרגאַליס, שמואל: 135, 455.
מאַרגאָשעס, שמואל: 657, 658, 768, 770, 773, 774, 883.
מאַרגהאַט: 607.
מאַרגוליס (זון): 229, 365, 402, 412, 816, 840.
מאַרגוליס (פּאַטער): 143, 145.
מאַריי, פיליפּ: 536.
מאַריסאַן, הערבערט: 874.
מאַרליי, לאָרד: 119, 124, 125, 143, 150, 162, 322, 323, 325, 505, 801, 805, 807, 818.
מאַרליי, ליידי: 805.
מאַרעסקאָ, ע.: 339.
מאַרק, ביילע: 525.
מאַרק, בער: 880.
מאַרק, יודל: 96, 513, 515, 768, 771, 862.
מאַרקאָוויטש־קלעזשאַ, סימאָן (Marcovici-Cleja, Simon) 303, 829.
מאַרקיש, פּרץ: 472, 474, 856, 894.
מאַרקמאַן, ל.: 655.
מאַרקס, סײַמאַן: 823.
מאַרקס קאַרל: 15, 83.
מאַרשעסו, זשאַן (Marchessous, Jean) 251, 252, 302.
מאַשין, אַלעק: 554.
מו, פין (Moe, Finn) 675, 676, 885.
מוטע, גוסטאַוו: 596.
מוטע, מאַריוס (Moutet, Marius) 2, 184, 185, 187, 188, 191, 193—197, 200—204, 206, 212, 218, 219, 227, 237, 247—249, 252, 253, 267, 302, 304, 415, 563, 566, 570, 586, 587, 594—598, 608, 795, 810, 812, 818, 822, 873, 894.
מוני, פּאַל: 508.
מוניץ, חיים: 135, 396, 455.
מוסערט, אַנטאָן (Mussert, Anton) 656—658, 687, 883.

מוקדוני, אַלכסנדר: 513, 515, 521, 523, 525, 530, 531, 534, 577, 597, 622, 870, 872, 895.
מוראַווטשיק, רחל: 531.
מיאַדאַוניק, ז.: 350, 402.
מיזרח, יצחק: 750.
מיטעלבערג, אַברהם: 897.
מיטעלבערג: 819.
מיטשעל, דזשיימס: 419.
מײַזיל, נחמן: 47.
מייזל, אַלעק (Masel, Alec) 541, 547, 548, 550, 554, 555.
מײַזנער, זלמן (Mayzner, Salomon) 71, 72, 76, 77, 81, 88, 90, 91, 98, 101, 120, 121, 128, 131, 132, 142, 143, 145, 155, 156, 168, 177, 178, 180, 186, 200, 213—220, 225—227, 233, 238—240, 243—245, 248, 249, 320, 328, 339, 340, 344, 345, 347, 349, 352—354, 356—359, 361, 363—368, 372, 378, 379, 381, 387, 397—401, 404, 408, 409, 447, 453—456, 600, 795—799, 802—806, 809—822, 827, 830—832, 836—839, 842, 844—847, 849, 851—853, 870.
מײַזנער, מאיר: 361.
מייערסאָן, ג.: 525, 872.
מײַלז, דזשאָרדזש וו. (Miles, George W.) 272, 273, 275, 281, 283, 421, 429, 825—827.
מײַקלס, אַרטשי: 484.
מיכאַעלס, שלמה: 472—474, 855.
מיכעלעס, יוסף: 59, 141, 153, 368, 395, 396, 406, 410, 449, 455, 806, 817, 840, 853.
מילנער, יוסף: 763.
מילס: 390.
מילער, ס.: 513.
מילער, ש. (ישעיה): 871.
מילשטיין, ל.: 747.
מינעס, דוד: 407, 577, 781, 784—786.
מינץ, ה.: 859.
מינץ: 408.
מינקאָוו (מינקאָף), נאַטאַניעל מ.: 535, 598.
מינקין, יהודה: 513, 524, 531, 603, 621, 708, 721, 736, 763—765, 768, 771, 870, 876.
מינקין, קיילע: 524, 574, 763.
מירסקי, מיכאל: 879.
מעדזיני, מ.: 681, 683.
מעדעם, וולאַדימיר: 461.
מעכאַניקער, אליהו: 135, 152, 456, 806, 844.
מעלווין, דזש. פּ.: 421, 423, 424, 826, 848.
מענדל, סיגיסמאָנד: 259, 826.
מענדל, עמנואל: 661.
מענדעלסאָן, שלמה: 597.
מענדעלסאָן: 115.
מענדעלסבערג, מאיר: 29, 30, 38, 335, 336, 504, 511—513, 524, 525, 530, 531, 551, 562, 564, 576—578, 600, 602, 603, 620, 621, 680, 698, 708, 736, 741, 742, 771, 779, 789, 835, 862, 870, 876, 880, 890, 891, 894, 896, 900.
מענדעלע מוכר ספרים: 894.
מענזיס, ראָבערט ג. (Menzies, Robert G.) 174, 433, 437, 470, 492, 494, 495, 501, 502, 855.
מענעס, אַברהם: 98, 99, 116, 310, 413, 522, 530, 830.
מעסטאָן, לאָרד: 324.
מעקסטאָן, דזשיימס (Maxton, James) 801.
מערדאָק, וואָלטער (Murdoch, Walter) 420, 421, 430, 441, 460, 495.
מערדאָק, קיט (Murdoch, Sir Keith) 484.
מערעט, טשאַרלז ע.: 484, 490.
מערעמינסקי, יהושע אַ.: 330, 331.

נ

נאַדעלמאַן: 872.
נאָוואָגרודסקי, עמנואל: 770, 771.
נאָוואָמייסקי, מ.: 231.
נאָוואַק, ה.: 513.
נאָוואַקאָווסקי, יהודה: 17.
נאָוויק, משה: 747, 749, 750, 897.
נאַטאַנבליט: 404.
נאַמבערג, הערש דוד: 26, 28.
נאַסי, אַ.: 877.

נאָעל־בייקער, פיליפּ: 322, 593, 832, 873.
נאָקס, עזריאל (Knox, Israel) 765, 772, 884, 896.
נאַרדוי, מאַקס: 9, 19, 22, 308, 774.
נאַרזעם, מ.: 779, 901.
נאַרמאַן, אַלבערט ע.: 588, 869.
נאַרמאַן, עדוואַרד אַ., 860.
נוטאַנזאָן, מיכאל: 834.
נוטקעוויטש, ס.: 854.
נוניעס: 755.
נוסינאָוו, יצחק: 474.
נח, מרדכי עמנואל: 7.
ניגער, שמואל: 13, 95, 99, 511, 523, 531, 534, 551, 597, 602, 660 797, 862, 864, 870, 876, 884, 896.
נייטן, מאיר ס. (Nathan, Meyer S.) 66, 128, 129, 160, 257, 321, 591, 811, 824, 842, 855, 873.
ניימאַן, יחזקאל משה: 91.
ניימאַן, עמנואל: 128, 525, 551.
ניקאָלס, האָוואַרד יו.: 372.
ניקאָלסאָן, האַראָלד: 322.
נירנבערגער, י.: 501.
נסתר, דער: 472, 474—477, 856, 857.
נעוועלשטיין, אַ.: 575, 576, 579, 708, 736.
נעלסאָן, לויִס: 765, 770, 771, 885.
נעש, וואָלטער (Nash, Walter) 250, 252, 822.
נתניהו, ב.: 824.

ס

סאַדראָוו, חנה: 840.
סאַדראָוועאַנו, מיכאַי: 878.
סאַהן, דוד: 532, 534.
סאַטאָן (Sutton) 421.
סאַלאַזאַר, אַנטאָניאָ דע אָליווייראַ: 105, 799.
סאַלאַמאַן, רעדקליף: 801.
סאַלאַמאַן, שמואל: 141, 145, 402, 404, 408.
סאַלטער, אַרטור (Salter, Sir Arthur) 322, 326, 374, 832.
סאַליט, ש.: 400, 846.
סאַלמאַן, נ.: 661.
סאַלניצאַ: 404, 407.
סאַמסאַן, האַנס אַ.: 624, 625, 681, 685—687, 791, 711—712, 720, 722, 876, 886—890, 892, 893.
סאַמסאַן, פיליפּ: 887.
סאַנאַצקי, סעמיועל: 784.
סאַנדערסאָן, לאָרד: 801.
סאַנדערסאָן, ר. פּ.: 484, 490.
סאַנדערסאָן: 432.
סאַנקי, וויסקאַונט: 322.
סאַסען, ע. מ. י.: 678, 680, 692, 714, 716, 717, 723.
סאַפּאַזשניקאָוו, גרשון: 897.
סאַפּער, פּ. ל.: 615.
סאַקאַלאָוו, נחום: 800.
סאַקאַלאָוו: 851.
סאַשין, אפרים: 30.
סודאַרסקי, אַלטע: 574, 707.
סודאַרסקי, מענדל: 238, 513, 522, 524, 530, 531, 534, 579, 708, 734, 736, 819, 863, 876, 896.
סווירסקי, ברוך: 59, 449.
סוועלענגרעבעל, נ. ה.: 375, 376, 588, 614, 615, 674.
סווערדלין, נ.: 768.
סוסקאָוויטש, שלמה: 747.
סופר, אַרלין (Soifer, Arlene B.) 772, 774, 775.
סוצקעווער, אַברהם: 40, 41, 140, 141, 150, 345, 347, 395, 472, 473, 770, 790, 806, 816, 837, 840, 846, 853, 855.
סטאַלין, יאָסיף: 223, 446, 471, 473—475, 477, 480, 856, 891.
סטופּניצקי, שאָול יצחק: 72, 198.
סטיד, וויקהעם: 322.
סטיואַרט: 421.
סטיווענס, ב.: 489.
סטעג, טעאָדאָר (Steeg, Théodore) 822.
סטעדמאַן, שלמה: 490, 491, 774, 858, 860, 867.
סטענדער, מ.: 598.
סטעף, אַהרן (Staff, Aaron) 63, 335, 578, 584, 603, 621, 673, 708, 736, 741, 762, 763, 765, 771, 876, 891, 895.
סטעף, לילי: 762.
סטעף, קלעמענט: 603, 621, 708, 876.
סטעפּאַני, מ.: 823.

סטראַבאָלגי, לאָרד: 322.
סטראָס, דזש. ר. (Strauss, G. R.) 801.
סטראַסבורג, מאַקס: 834.
סטריף־יובלי, אַניטאַ: 763, 764, 774.
סטשעשאַק: 404.
סיגאַל, י. י.: 872.
סיגנער, אַ.: 708.
סיגעל (געב' שטיינבערג), אַדאַ: XI, 258, 300, 321, 381, 387, 417, 469, 470, 511, 513, 515, 523, 525, 526, 551, 575, 577—579, 586, 597, 603, 604, 663, 691, 708, 744, 745, 760—763, 764, 771, 772, 774, 779, 824—827, 832, 833, 836, 840, 848, 852, 854, 855, 864, 873, 876, 877, 882, 891, 896.
סיגעל, דוד: 470, 881, 882.
סײמאַן, שלמה: 783.
סײמאַן: 834.
סילווערמאַן, אײדאַ מ. (מר״ס אַרטשיבאַלד): 542, 543, 550, 683, 684, 688, 693, 718, 861, 865, 866, 886—888.
סילין, יוסף: 455.
סילק, י.: 871.
סימאָן, ערנסט: 740, 774.
סימפּסאָן, דזשאָן האָופּ: 322, 324—326, 832.
סינגאַלאָווסקי, אַהרן (Syngalowski, Aron) 46, 61, 72, 76, 83, 90, 93, 101, 107, 113, 115, 120, 121, 124, 128, 131, 170, 171, 223, 226, 237, 238, 243, 245—247, 329, 341, 346, 378, 468, 771, 779, 801, 809, 813, 814, 818, 820, 821, 833, 870, 896.
סינגלטאָן, דזשאָן: 583.
סינעזאָן: 345.
סיקורעל, לעאָן אַ.: 343, 836.
סירקין, נחמן: 13, 16, 88, 90, 798.
סלאַטערי, האַרי: 392, 393.
סלאַמאַנאָוויטש, ש.: 659.
סליווקאַ, י.: 128, 160, 801.
סלימאַן: 435.
סמאַליאַר, באָריס: 683.
סמידאָוויטש, פּיאָטר: 480.
סמיט, אַ. ל. ר. (Smit, A. L. R.) 626, 628, 686, 876, 888.
סמיט, דזש. מאַק־קאָלום (Smith, J. Mc-Collum) 283, 286, 429.
סמילאַנסקי, משה: 231, 234, 235, 530, 659, 739, 740.
סמילג, מיכאל: 897.
סנאָו, סידני: 489.
סנײַדער, וויליאַם ט.: 753.
סנעל, לאָרד: 259, 322, 327, 377, 832.
סעגאַל, אָשר: 806.
סעגאַל, ד.: 859.
סעגאַל: 282.
סעגנער: 485.
סעדליס, אליהו: 135, 395, 456.
סעלצער, אײדאַ: 525.
סעמועל, לאָרד (הערבערט): 176, 252, 309—311, 822.
סעמועל, פּ. ד.: 823.
סעסיל, לאָרד: 125.
ספּיוואַק, יחזקאל (הענריק): 229, 365, 816, 817, 840, 843, 855.
ספּיר, אַנדרע (Spire, André) 115, 116, 800.
ספּעקען, ה. אַ. מ.: 615.
סקאַט, דזשאָזעף וו.: 726, 893.
סקאַפּיעץ, טביה: 59, 410, 446, 454.
סקידעלסקי, רחל: 345.

ע

עגיט, יעקב: 642, 879, 880.
עגלסטאָן, פּ. וו.: 484.
עדגאַר, לעסלי: 321.
עדין, מ.: 881.
עדעלשטיין: 733.
עובדיה, ש.: 739.
עוואַט, ה. וו. (Evatt, H. V.) 543.
עוואַנס, דזש.: 372.
עוואַנס, דזשעפרי: 607, 729.
עוואַנס, ריס: 800.
עליאַזער, ל.: 624, 625, 683, 690, 889.
עלנבויגן, ה.: 779, 900.
עלקין, ליבע: 574.
עלקענזאָן, מ.: 513.
עמאַנועל, אײַסידאָר: 278, 420, 826.
עמאַנועל, פּיליפּ: 826, 855, 873.

עמאַנועלס, סעסיל: 721, 722, 893.
עמיאַט, ישראל: 476, 477, 770, 856, 857.
ענגעלס, פרידריך: 15, 83.
ענגעלשטערן, שמעון: 359, 839.
עפּשטיין, ה.: 513.
עפּשטיין, לאַזאַר: 598.
עפּשטיין, שכנא: 472, 856.
עפּרויקין, ישראל: 17, 20, 46, 61, 200, 202, 232, 412, 813.
עקשטיין, קורט: 220.
ערלאַנגער, אַדאָלף: 331.
ערליך, הענריק: 73, 74, 847.
ערנסט, עדוואַרד ס.: 372.
ערענבורג, איליאַ: 472—474, 856.

פּ

פּאַגאַרעלסקי, מרדכי: 513, 741.
פּאַדאַלסקי, יונה: X, 258, 591, 607, 708, 752, 763, 775, 832, 873—875.
פּאַזנאַנסקי, יעקב: 844.
פּאַזנער, מ.: 862.
פּאַט, יעקב: 524, 535, 598, 763, 770, 774, 810, 817.
פּאַט, עמנואל: 526.
פּאַטעליאַכאָוו, ר.: 321, 855.
פּאַטקין, אַהרן: 164, 177, 178, 541, 810, 822, 859, 865.
פּאַטראַשקאַנו, לוקרעציו: 696, 878, 890.
פּאַיעס, פעדעריגאַ: 111.
פּאַלאַניעצקי: 652.
פּאַליצער, דזשאָזעף: 855.
פּאַמאַרע, שאַרל: 829.
„פּאַנאַמעריקוס": 841.
פּאַנסע ענריקעס, קאַמילאַ: 756.
פּאַנער, יצחק: 631, 632, 639, 878, 879.
פּאַס, ר. ה.: 615, 616, 618, 623.
פּאַסטערנאַק, באָריס: 678.
פּאַספילד, לאָרד: 799.
פּאַרסאַן, ס. פּ.: 713.
פּאַרקס, עדוואַרד: 497—499.
פּאַרקער, קריטשלי (זון): 459, 497, 500, 859.
פּאַרקער, קריטשלי (פּאַטער): 495, 497, 859.
פּאַש, צ.: 160.
פּאַש: 160, 801.
פּושעט, י.: 492, 708, 763, 883.
פּיווער, מאַרסאָ: 196.
פּיזלי, איימאָס דזש.: 900.
פּיט, וויליאַם: 572, 871.
פּיידזש, אוירל (Page, Earle) 171—178, 180—183, 213, 281, 809, 826.
פּייטאָן, דזשאָן (Paton, John) 125, 801.
פּייטאָן, דזש. ל.: 432, 441, 848.
פּיל, לאָרד: 230, 298.
פּילטשער, טשאַרלז וואַן (Van Pilcher, Crales) 487, 541, 542, 552, 556, 869.
פּילסודסקי, יוזעף: 147, 204.
פּינאַסאָוויטש, ליפּ: 406.
פּינסקער, לעאָן: 7, 634, 639.
פּינסקער, ש.: 652, 733.
פּינעס, לייזער (אליעזר): 128, 133, 142, 143, 238, 398, 402, 404, 447, 454, 591, 803, 811, 819, 833, 843, 874.
פּיקאַרד, אַ.: 489.
פּירס, דזשאַרדזש: 484.
פּירס: 421.
פּירסאָן, מ.: 578.
פּלאַטניק, מאַרק: 336, 505, 512, 607, 622, 779, 860, 900.
פּלונגיאַן, י.: 901.
פּלימוט, לאָרד: 323.
פּעטען, פּיליפּ: 594.
פּעטשעניק, מ.: 771.
פּעלזער, קאַרל דזש.: 674.
פּעלל, לוי: 778, 779, 900, 901.
פּענדלטאָן: 664.
פּעניאַ־ערערא, קאַרלאָס: 755.
פּעק: 579.
פּערל: 497.
פּערלאָוו, י.: 525.
פּערלמאַן, ה.: 655.
פּריט, ד. נ.: 125, 143, 801.
פּרילוצקי, נח: 26, 148, 267, 644, 807.
פּרילוצקי: 145.
פּריסטלי, דזש. ב.: 801.
פּרץ, יצחק לייבוש: 402, 894.
פּרץ, מ.: 747.
פּרץ, עמיל: 145.
פּשיטיצקי, פּ.: 401, 405.

פֿ

פֿאַבריקאַנט, וואָלאָדיע: 17.
פֿאָגעלנעסט, בערנאַרד: 36—39, 76, 88, 89,
97, 100, 104, 116, 128, 133, 215, 216,
790, 805, 816.
פֿאַל: 437, 438, 859.
פֿאַלק: 489, 490.
פֿאָקס, דזש. דזשאָזעף: 333.
פֿאָרד, פֿראַנסיס מ. (Forde, Francis M.)
546, 547, 556, 867, 868.
פֿוט, רינגל: 124.
פוקס, חיים לייב: 647, 880.
פֿיגערעס: 755, 757.
פֿידלער, אַרקאַדי: 205.
פֿייגנבוים, לעאָן: 72, 76, 81, 97, 128, 134,
142, 143, 216, 238, 351, 352, 354—
356, 795, 803, 809, 819, 838.
פֿײַנבערג, ישראל: 535, 598, 662.
פֿײַנבערג, לייב: 771.
פֿײַנלייב, מאיר: XI, 46, 61, 121, 123, 128,
157, 186, 237, 238, 246, 248, 379, 468,
513, 523, 525, 546, 562—566, 802, 870.
פֿײַנלייב, רבקה: XI, 61, 121, 128, 238, 248,
318, 343, 379, 468, 525 562—565, 771,
836, 870.
פֿײַנמאַן: 834.
פֿײַערשטיין, מנשה: 348, 349, 365, 401,
404, 405, 806, 840.
פֿילד, טאָמאַס פּ.: 869.
פיליפּס, אַרוועל: 489.
פֿיליפּס, דזשאָן ר.: 321, 388, 591, 855, 874.
פילער, א.: 602, 603, 871.
פֿין, בינע: 152, 406.
פֿינדליי, ד. ג.: 625, 627, 628 692, 728,
888, 889, 893.
פֿינק, וו.: 375.
פינק־וויקטאָר: 857.
פינק, לעאָן: 492, 556, 866, 868.
פֿישמאַן, אַהרן: 575, 602, 663, 767.
פישמאַן, רחל: 770.
פֿישמאַן, שיקל: 773.
פישער, אַברהם מ.: 665, 666, 670, 690,
884, 889.
פֿישער, דזש. אַ.: 433.
פלאַוויוס, י.: 878.
פלאָרעס, מוניאָס: 758.
פלאַשענבערג, לויס: 534.
פעלד: 664.
פעלדהענדלער, ישראל: 402, 409, 844.
פעלדמאַן, ישראל: 823.
פעלדמאַן, מאַריוס וו.: 638.
פעלהון־קראַל, יאָהאַנאַ (Felhoen-Kraal,
Johanna) 693, 723, 873.
פעניגשטיין, וו.: 647.
פענער בראָקווי, אַ. (Fenner Brockway,
A.) 119, 143, 162, 173—175, 177,
196, 801, 807, 809.
פעפער, איציק: 472—474.
פֿעריער, י.: 628.
פערנאַנדעס, אַ. ד.: 888.
פערנאַנדעס, וו. ס.: 666.
פערנאַנדעס, פיליפּ: 623, 877.
פערסטער, ראָוז מעלקאַר: 775.
פערפאַקס, ר.: 487, 489.
פראָם, עריך: 741, 744, 746, 765, 771,
895, 897.
פראַמער, מאַנעס: 103, 104, 798.
פראַנסואַ: 303, 587.
פראַנסואַ־פעטרי: 829.
פראַנק, הערמאַן: 530, 895, 899.
פראַנק, לעאָן: 866.
פראַנקלין, ה.: 259, 591, 832, 855, 873.
פראַנקלין, ערנעסט ל.: 826.
פראַנקפורט, וואָלף: 840.
פראַנקפורט, ריקלע: 103, 153, 347, 396,
406, 410, 449, 456, 816, 840, 852, 853.
פרוכטבוים, לעסער מ.: VII, 1, 30, 513,
551, 564, 565, 577, 586, 596, 597, 602,
603, 609, 614, 616, 619, 621, 637, 638,
670, 704, 708, 714, 715, 721, 723,
724, 736, 741, 742, 744, 751, 753—
757, 760, 761, 763—765, 771, 773,
774, 800, 870, 874—876, 884, 885,
888, 889, 893—895, 898.
פרוכטבוים, קעראָל: 767.
פרוכטמאַן: 401, 408.
פרומהאָלץ, פ.: 525, 872.
פרומקין, אַנאַטאָל: 134, 145, 146, 200.
פרומקין, ג.: 231.

פרידמאַן, ד. י.: 271, 418, 428.
פרידמאַן, ה.: 30.
פרידמאַן: 852.
פרידע, מאַקסימיליאַן: 361.
פרידריך, אַברהם: 76, 805.
פרײַבורג, טש. ג.: 683, 685, 717, 887, 888.
פרייגער, י.: 765.
פרייזער: 429.
פרענקעל, איסר: 140, 347, 366, 395, 396, 406, 410, 449, 455, 806, 817, 851.
פרענקעל, אליעזר: IX, 631—633, 636—640, 653, 681, 696—699, 733, 863, 877—879, 890, 894.
פרענקעל, פיליפּ: 54, 268.

צ

צביון: 523, 597, 873.
צדוק־כהן: 191, 812.
צווײַ, יאַנקל: 455.
צווײַג, סטעפאַן: 167, 808.
צונזער, פּרץ: 456, 806.
צוקערמאַן, ברוך: 297, 783.
צוקערמאַן, וויליאַם: 88, 523, 597, 794.
צוקערמאַן, ה. אַ.: 36—38, 790, 805.
צייטלין, אַהרן: 770, 854.
צייטלין, הלל: 36, 93, 128, 133, 145, 456—458, 854.
צייטלין: 833.
צימבלער: 852.
צינאַמאַן, גוטע: 817.
צינבערג, ישראל: 773.
צינצינאַטוס: 852.
צעלעמענסקי, יעקב: 779, 900.

ק

קאַבאַצקי, י.: 133, 216, 358, 362, 803.
קאַגאַן, חיה: 410, 449, 456, 840.
קאַהאַן, ה.: 852.
קאַהאַן, שלמה: 806, 816, 840.
קאַהן, בערנהאַרד: 309, 823.
קאַהן, האַנס: 772, 897.
קאַהן, הענרי: 833.
קאַהן, מאַרטאַן: 610.
קאַהן, עלײַאַס: 885.
קאַהן, פּיטער: 872.
קאַהנמאַן, ווערנער: 772.
קאָהען, דזש. ל.: 823.
קאָהען, האַראַלד: 484.
קאָהען, סטענלי: 259, 855.
קאָהען, סעמועל: 486, 489.
קאָהען, פעליקס ס.: 579, 580, 843.
קאָהען, ראָבערט וואָלי (Cohen, Sir Robert Waley) 259, 322, 340—342, 380, 381, 470, 591, 822, 824, 832, 833, 855, 873.
קאָווארסקי, גדליה: 40, 41, 59, 141, 446, 454, 455, 853.
קאָולז, אַ. וו.: 484.
קאָזאַלעט, וויקטאָר: 311, 322, 326, 327, 340, 830, 832.
קאָזדאַן, ח. ש.: 761, 765, 770, 771, 896, 899.
קאָזלאָווסקי, י.: 768.
קאָט, מיעטשיסלאַוו (Kott, Mieczyslaw) 97, 128, 134, 142, 143, 145, 196, 216, 456, 803.
קאָט (זון): 456, 457.
קאָטאַלין, דזש.: 322.
קאָטשעאַ, ג. ד.: 878.
קאָטשערגינסקי, יצחק: 651—653, 681, 699—701, 708, 733, 881, 882, 886, 891, 893.
קאָטשערגינסקי, שמערקע: 790, 792, 853.
קאַיל, אַלבערט פּ.: 332, 333.
קאַלבאַטש, האַל: 279, 281, 418, 429, 826.
קאַלדוועל: 578.
קאַלינגס, דזש. ס.: 541, 543, 544, 547, 548, 552, 553, 860, 867.
קאַלינין, מיכאַיל: 28, 30, 32, 33, 73, 84, 480.
קאַלעט: 429.
קאַמאַי: 872.
קאַמיאַנסקי: 145, 146.
קאַמלאַס, עמערי ה.: 810.
קאַמעראָן, ד.: 549, 866.
קאַמעראָן, ר. דזש.: 441.
קאַנאַלי, דזשיימס: 260, 261.

קאַן, נפתלי־הערץ: 775.
קאַנטאַר, לאה: 603, 708, 736, 763, 876.
קאַנסטאַנטין, מילדרעד: 775.
קאַנפער, אירמאַ: 855.
קאַסאָוואַצקי, ה.: 525, 872.
קאַסאָווסקי, וולאַדימיר: 73, 74, 198, 199, 795, 797.
קאַסגראָוו, ראָבערט (Cosgrove, Robert) 495—499, 556, 868.
קאַסטנער, רודאָלף: 864.
קאַספּאַרי, אַ.: 513.
קאַפּלאַן, בנימין א.: 535, 598.
קאַפּלאַן, פּסח: 792, 804.
קאַפּלאַן: 806.
קאַפּלאַנסקי, ש.: 530.
קאַץ, ש.: 145.
קאַצנעלסאָן, בערל: 530.
קאַצענבאָגען, יעקב: 459, 647, 805, 819, 880.
קאַצענעלענבאָגען: 143, 146.
קאָקס, ראָסעל: 432, 441.
קאַראַבוויניק, ישעיה: 135, 455, 844.
קאַראָל (קיניג): 630.
קאַראַלעוויטש, יהושע: 349, 368, 403, 409, 840.
קאַראַמאַט אַלי, מ. אַ.: 627, 628, 713, 727, 888.
קאַרבאַכאַל: 759.
קאַרדאָזאַ, ישורון: 883.
קאַרדענאַס, לאַזאַראָ: 332.
קאַריסקי, ל.: 853.
קאַרלסבראָן: 842.
קאַרלעבאַך, עזריאל: 739, 895.
קאַרמאַן, עזרא: 513, 530, 603, 872.
קאַרמאַן (פרוי): 872.
קאַרנעל, דזש. וו.: 431.
קאַרפּין, דזשוליוס: 490, 501, 868.
קאַרפּין: 115.
קאַרפּינאָוויטש, רבקה: 409, 816.
קאַרפּף, מאָריס י.: 177, 179—182, 809, 871, 885.
קאָרף: 523.
קודלאָוויטש, ה. מ.: 530.
קוויאַטקאָווסקי: 652.
קוויטקאָ, לייב: 472, 474, 856.
קוועטשאַנסקי, בעקי: 763.
קוועטשאַנסקי, גרשון: 525, 602, 603, 708, 763, 872.
קוועטשאַנסקי, לוי: 704, 707, 736, 763, 872.
קוזאַ: 256, 630.
קוזנע, באָריס: 650, 733, 881.
קויפמאַן, ע. י.: 860.
קולינער, י.: 525, 872.
קופערמאַן, כאַסיע: 773.
קופערס, ע.: 716, 717, 722, 893.
קושניראָוו, אַהרן: 472, 856.
קיהן, אַברהם: XI, 46, 61, 128, 131, 133, 159, 186, 220, 238, 330, 335, 336, 372, 378, 379, 468, 511, 513, 531, 562, 563, 566, 602, 603, 620, 670, 766, 807, 814—816, 818—821, 835, 837, 870, 876, 896, 899.
קיהן, ברכה: 763.
קיוועלעוויטש, מ.: 46, 61, 469, 596, 751.
קיי, אַלעקס (Kaye, Alex) 525, 872.
קיי, אַנרי (Queille, Henri) 731, 894.
קייווערלי: 419, 420.
קילסטראַ: 375.
קינג, אַברהם: 691, 704, 708, 744—747, 758—760, 762, 763, 765, 767, 771, 889, 895, 897—899.
קינג, וויליאַם ה.: 506, 507.
קינג, ר. אַ.: 487, 489, 503.
קיסרי, אורי: 739.
קירשבערג, מאַנפרעד: 121, 123, 128, 802.
קירשבערג: 109.
קלאַטיר: 429.
קלאַסעס, י. (Klaasesz, J.) 726—728.
קלאַרק, מאַרקוס: 489.
קלויזנער, יוסף: 739.
קליאַנסקי, אורי: 135, 455.
קליבאַנאָוו, משה: 775.
קליגער, קעהאַס: XI.
קליין, האַנס: 167, 214—216, 289, 815, 816, 822.
קליינהויט: 649.
קליינמאַן, ש.: 530, 872.
קלירי, וו.: 489.
קלמנאָוויטש, זעליק הירש: 17, 20, 61, 76, 81, 88, 90, 98, 99, 101, 128, 136, 138,

345, 395, 400, 455, 795, 798, 802, 804, 853.
קלמנאָוויטש, שלום: 102, 103, 140, 141, 798—801, 805.
קלעבאַנאָוו: 806.
קלעזשאַנסקי, ראָניע: 410, 449, 455, 851.
קלעמענט, האַרי ג.: 665, 666.
קלעמענטינאָווסקי, ד.: 238.
קלעפּפּיש, העשל: 755.
קלעפּענס, ע. נ.: 715.
קלערי, פּערסי דזש. (Cleary, Percy J.) 535—538, 546, 553, 868.
קנאַפּף, עדווין: 872.
קעמפּינסקי, הלל: 765, 774.
קענעדי, דזשאָזעף פּ.: 315—317, 372.
קענעדי, דזשאָן פּ.: 726, 773.
קעסלער, דוד פּ.: 321.
קעסלער, לעאָפּאָלד (Kessler, Leopold) 66, 67, 118, 121, 125, 128, 129, 131, 160, 161, 167, 213, 236, 238, 241, 246, 257, 279, 300, 321, 343, 360, 470, 504, 513, 525, 794, 801, 803, 811, 815, 817, 818, 820, 825, 826, 837, 855, 860, 864.
קעסלער, סאַלאָמאָן: 591.
קעסנער, ל.: 30.
קערטין, דזשאָן (Curtin, John) 286, 327, 433, 434, 503, 504, 536, 544—546, 549, 550, 553, 554, 827, 848, 849.
קערשמאַן: 143, 145.
קראַם: 874.
קראַפּטס: 846.
קראַשניק, מרדכי: 400, 402, 408, 844, 846.
קרויז, ז.: 133, 206, 220.
קרוסקאַל, הערבערט: 159.
קרוק, יוסף: 21, 37, 51, 69, 72, 76, 77, 79, 81, 88, 97, 101, 107—109, 115, 117—121, 124, 125, 128, 131, 132, 134—136, 142—146, 157, 161, 162, 167, 179, 186, 196, 198, 214, 216, 238, 351, 353—357, 366, 796, 797, 799, 804, 806, 809, 811, 813—815, 819, 837, 838.
קריטש דזשאָנס, אַרטור (Creech Jones, Arthur) 119, 162, 322, 374, 592, 594, 605, 729, 730, 799, 801, 807, 827, 832.
קריטשמאַר, נ.: 749.
קריסטעאַ, מיראָן: 630.
קרישטאַל: 401.
קרעמסי, דזש. ב.: 271, 272, 282, 283, 358, 489, 827.
קשתן, צרדכי: 739.

ר

ראַבין, אַלעקס: 572, 663, 708, 871, 872.
ראַבינאָוויטש (בליט), משה: 369, 410.
ראַבערטס, ב.: 598.
ראַבערטס, ריי סי.: 665, 666, 668, 670, 884.
ראַגאָף, הלל: 681, 697.
ראַדזשערס, פּיליפּ: 489.
ראַדריגעס, מאַנועל: 110.
ראַווידאָוויטש, שמעון: 770, 871.
ראַוויטש, מלך: 53, 54, 98, 99, 164, 177, 247, 525, 530, 599, 704, 707, 708, 763, 766, 768—770, 775, 783, 791, 808, 810, 821, 859, 872, 891.
ראַוז, אַרטור: 492, 555.
ראַוכפּעלד, ס.: 409.
ראַזאַפּסקי, י.: 532.
ראַזין, אַברהם — זען בן־אַדיר
ראַזין, יעקב: 513, 522, 530.
ראַזמאַרין, הענריק: 204, 361.
ראַזען, יוסף (דזשאָזעף אַ.): 66, 67, 203, 251, 253, 254, 279, 310, 372, 374, 376, 387, 388, 390, 508, 513, 830, 841.
ראַזענבוים, יצחק: 402, 844, 845.
ראַזענבלום, מאַרטין: 823.
ראַזענבעס, אַשר (אוטעק): 102, 229, 454, 817, 840.
ראַזענבעס, דינה: 459, 649, 650, 733, 854, 881.
ראַזענבעס, חיים: 76, 81, 128, 216, 352, 398, 447, 454, 733, 798, 809, 881.
ראַזענבערג, דזשיימס נ.: 66, 508, 861.
ראַזענבערג, מ.: 350, 351, 402.

ראָזענגאַרטען, יצחק: 331, 336, 834, 860.
ראָזענהיים, יעקב: 819.
ראָזענטאַל, אַנאַ: 852.
ראָזענטאַל, לעאָנאַרד: 191, 193, 248, 812.
ראָזענטאַל, מ.: 806.
ראָזענטאַל: 266.
ראָזענסטאָם, ע.: 433, 441.
ראָזענפעלד, י.: 871.
ראָזענפעלד, ש.: 414.
ראָזענצווײַג, יוסף: 76, 102, 120, 128, 139, 142, 151, 216, 229, 352.
ראָזשאַנסקי, שמואל: 681, 682, 747.
ראָט, סעסיל: 375.
ראַטבאָן, עלינאָר (Rathbone, Eleanor) 119, 322, 391, 801, 832.
ראַטבאַרט, יצחק: 349, 403, 409, 840.
ראָטמאַן, א.: 401, 404, 405.
ראָטמאַן, קאַרל: 767.
ראָטנבערג, י.: 895.
ראָטענשטיין, יצחק: 406.
ראָטער, מ.: 327, 833.
ראָטשילד, אַנטאָני: 321, 322, 340, 342, 824, 832, 833.
ראָטשילד, עדמאָן: 8.
ראָמבאַראָן מישרע, ס.: 627, 628, 888.
ראָן, לייזער: 41, 790, 851—853.
ראָנבעל, ענריקע: 758, 898.
ראָסין, מ.: 238.
ראַסק, דין (Rusk, Dean) 726.
ראָסקין, לויִס: 341.
ראַפּאַפּאָרט, יהושע: 133, 145, 220, 225, 399, 400, 447, 453, 454, 513, 733, 803, 848, 852, 853.
ראַפּטשינסקי, באָריס: 584—590, 599, 601, 607, 608, 610, 619, 687, 689, 696, 708, 723, 752, 855, 888, 892, 898.
ראָץ, פערדינאַנד: 653.
ראָשקעס, מ.: 16.
ר' בנימין (יהושע התלמי): 740, 741, 895, 896.
רובין, י.: 44.
רובין, יעקב: 93.
רובין, פּ.: 530.
רובינשטיין, איזידאָר (יצחק אײַזיק): 525, 532, 534, 598, 603, 621, 707, 708, 876.
רובינשטיין, יוסף: 856.
רובינשטיין, י. ח.: 859.
רובינשטיין, מאַלי: 525, 574, 602.
רובלי, דזשאָרדזש: 315, 316, 344, 836.
רובענטשיק, אַבא: 17.
רוזוועלט, פראַנקלין ד.: 253, 279, 289—297, 305, 307, 312, 315, 316, 318, 332, 372, 390, 392, 509, 516, 571, 664, 863, 867, 871, 884.
רוטענבערג, פּינחס: 231.
רוטשניק, י.: 844.
רויזנבלאַט, הערש: 871.
רויטמאַן, נטע: 638, 639, 879.
ריד, אַלעקס (Reid, Alex) 419, 492, 495, 549, 550, 687.
ריוואַש, י.: 733.
ריווקין, אליהו: 396, 406, 407, 840.
ריטוב, ישראל: 837.
ריטער, י.: 402.
רײַבער, פּרץ: 852.
רייזען, אַברהם: 551, 894.
רייזען, זלמן: 47, 48, 91, 96, 198, 199, 221, 223, 346, 448, 789, 807, 835, 837, 844, 851.
רייזען, מרים: 448.
רייזען, שאָול: 851.
רײַט: 160.
רײַכענבאַך, ב.: 236.
ריינאָלדס: 580.
רײַנער, לויזע: 508.
רײַפער, מאַנפרעד: 166.
ריכטער, דזשאָרדזש: X, 330—332, 829, 833, 834.
ריכטער, י.: 350.
רינגעלבלום, עמנואל: 456, 457, 854.
רינד: 401, 404.
רינקעוויטש, מינדל: 734, 774, 782.
ריפּס, דזש. 492.
ריקלעס, יצחק: 152, 456, 844.
רעדינג, לאָרד: 309, 310, 822, 859.
רעדינג, מאַרקיזע: 833.
רעדינג, פאַני: 489, 490.

רעוועיאַר, זשאַן: 829.
רענטש, עוועלין (Wrench, Sir Evelyn) 324, 379, 381, 417.

ש

שאַבאַד, יעקב: 136, 804, 806.
שאַבאַד, צמח: 26, 96, 98, 99, 789, 798, 804.
שאַבאַד, סטעפאַניע (שפרה): 804.
שאַכט, היאַלמאַר: 344, 836.
שאַלאַ(ט): 329, 833.
שאַליט, משה: 806.
שאַפּיראַ, געאָרג (אפרים): X, 61, 237, 238, 246, 253, 379, 469, 596, 751—753, 791, 812, 821, 822, 875, 895.
שאַפּיראַ, יונה: 135, 152, 345.
שאַפּיראַ, מאַרווין: 526.
שאַפּיר, מ. מ.: 770.
שאַץ־אַניך, משה: 68, 796.
שאַצקי, יעקב: 511, 513, 523, 525, 530, 862, 864.
שאָר, משה (Schorr, Mojzesz [Moses]) 361—364, 839.
שאָר, סעמיועל: 598.
שאָרי, דאָרע: 872.
שאַשקעס, חיים: 557, 869, 886.
שוואַרץ, ל.: 842.
שוואַרץ, סאַלאָמאָן: 856.
שוואַרצמאַן, אפרים: 598.
שווייציש, נ.: 649.
שוויף: 145.
שוועבל, אָסקאַר: 746, 898.
שוועדסקי, שמעון: 406.
שוועפעלבערג, אַ.: 633.
שווערין, געאָרג: 754, 898.
שולמאַן אַברהם (Shulman, Abraham) 752, 753, 768.
שולמאַן, אליהו (Schulman, Elías) 138, 140, 141, 513, 515, 525, 530, 597, 621, 708, 741, 742, 745, 763, 766—770, 772, 773, 790, 804, 805, 854, 862, 876, 899.
שולקין, שלום: 816, 840.
שומיאַטשער, אסתר: 770.
שומײַטע, אַנאַ: 853.
שונטאָפּ, משה: 406.
שוסהיים, אַ. ל.: 897.
שטורמאַן: 784, 785.
שטיימאַן, יעקב: 103, 229, 349, 366, 403, 764, 806, 817, 840, 852, 854.
שטיין, אַל.: 400.
שטיין, י. ל.: 872.
שטיין, ל. מ.: 513.
שטיין, מ.: 577, 603, 872.
שטיינבאַרג, אליעזר: 894.
שטיינבערג, אַדאַ — זען סיגעל, אַדאַ.
שטיינבערג, אַהרן: 206, 218, 220, 329, 379, 453, 459, 763, 790, 814,855.
שטיינבערג, אַלעכּסאַנדראַ: 746.
שטיינבערג, יצחק נחמן: XI, 2, 3, 42, 43, 68, 72, 109, 119, 128, 129, 131, 135, 159, 160, 161, 179, 214, 217—220, 222, 227, 233, 236—238, 242, 243, 247, 249, 253, 257—259, 265, 266, 268, 269, 272, 273, 275, 279, 283, 286, 289, 291, 292, 300, 302, 303, 318, 321, 322, 326, 328, 334, 337, 339, 342, 343, 345—347, 349, 353—355, 357, 359, 360, 362—364, 369, 370, 376—381, 387, 388, 393, 394, 398, 401, 403—405, 407, 408, 411, 416—439, 441—444, 447, 448, 453, 469, 470, 482—488, 490—503, 505, 513, 515, 517—519, 522—528, 531, 531, 534—541, 543, 545, 546, 549—551, 553, 556, 557, 562, 564, 565, 573, 574, 577—580, 583, 584, 586—605, 608, 609, 616, 618, 620—625, 637, 638, 658, 659, 662, 663, 665, 666, 672, 673, 682, 683, 688, 689, 691, 699, 704—706, 708, 709, 714, 718, 724, 726, 727, 729, 730, 734, 736, 738—741, 743—745, 747—749, 751, 753, 756, 758, 760—767, 771, 772, 774, 778, 779, 790, 793—795, 798, 800, 803, 806, 811, 813—855, 858—861, 863—871, 873—878, 881—887, 890—893, 895—900.

שטיינבערג, לעאָ: 620, 763—765, 771, 872, 877.
שטיינבערג, משה: 663.
שטיינבערג, נחמה: 760.
שטיינבערג, סאַווילי: 97, 145.
שטיינער: 733.
שטיף, נחום (בעל־דמיון): 17, 20, 798.
שטירמאַן, ל.: 30.
שטערנפינקל: 407.
שיין, א.: 525.
שיין, ב.: 535.
שיינמאַן, פיליפ: 775.
שייקאָווסקי, זאָסע: 833.
שיירער, וויליאַם ל.: 831.
שיף, אָטטאָ: 252.
שיף, דזשייקאָב: 11, 823.
שלאָום, ליבע: 410, 449, 456, 851—853.
שלום־עליכם: 768, 894.
שליכטינג, עמאַ: 753.
שלעזינגער, דוד: 838.
שמואלי, אפרים: VII, VIII.
שמולעוויטש, י.: 787.
שמידלינג: 359.
שמערקאָוויטש, נטע: 396.
שמערקאָוויטש, סימע: 806, 817.
שניידערמאַן, ראָוז: 598.
שניפער: 652.
שעכטמאַן, ב.: 538, 539, 825.
שעכטער, חיים־בנימין: 882.
שעכטער, טשאַרנע: 734, 763, 770, 781, 782.
שעכטער, יעקב: 631, 636—639, 697, 733, 890.
שעכטער, מרדכי: XI, 653, 654, 681, 699, 700, 733, 734, 745, 753, 761—773, 779, 781—784, 786, 804, 845, 877, 878, 882, 883, 891, 894—896, 899—901.
שענבאַך, מאַקסימיליאַן: 97, 145.
שענבערגער, צאַלטאַן: 165—167, 186, 214—216, 244, 289, 811, 815, 818, 820, 828.
שענפעלד, פאַני: 417.
שענק: 490.
שעפטעל, אַ.: 736.
שער, ז.: 530, 597.
שער, י.: 555.
שערטאָק (שרת), משה: 231.
שערמאַן, בצלאל: 539, 865.
שערמאַן: 401, 404.
שערמייסטער, לייזער: 411.
שערמערהאָרן, ו.: 587, 588, 590, 608.
שערער, עמנואל: 847.
שערעשאָווסקי, ראַפאַל: 361.
שערעשעווסקי, לעאָן: 809.
שערעשעווסקי, סטאַניסלאַוו: 361, 362 364, 831.
שפיזמאַן, ל.: 572.
שפילפאָגעל: 394, 403, 404, 407.
שקלאָווער, נטע: 780, 901.
שריקע: 341.

ב. געאָגראַפֿישע נעמען

דאָס זוכצעטל איז כולל די נעמען פֿון וועלטטיילן, לענדער, שטאַטן, פּראָווינצן, קרײַזן, שטעט, ייִשובֿים, דערפֿער, קאָלאָניעס, פֿאַרעמס, פּונקטן פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אויסשולונג, טײַכן, בערג, אינדזלען, אײַנגוסן אאַז"וו, וואָס ווערן אָנגערופֿן אין דעם דאָזיקן בוך אין וועלכער עס איז שייכות מיט ייִדישער גרויס- אָדער קליין-קאָלאָניזאַציע אָדער אימיגראַציע, אָן אונטערשייד צווישן פֿאַקטיש דורכגעפֿירטע, פּראָיעקטירטע, אָדער בלויז אַרומגערעדטע אונטערנעמונגען.

א

אַביסיניע: 321.

„אוגאַנדע": 8—10, 18, 19, 22, 36, 56, 65, 93, 195, 198, 199, 308, 312, 387, 390, 599, 635, 698, 774, 800.

אויסטראַליע: VII, 2, 3, 52, 55, 108, 109, 148, 158, 164, 169, 171—183, 186, 197, 203, 212, 213, 215, 216, 226, 238, 242, 243, 246, 247, 250, 253, 259, 260, 262—270, 275, 276, 280—286, 288, 306, 310, 312, 318, 320—322, 325, 335, 339, 342, 348, 359, 372, 377—381, 393, 394, 398, 403, 405, 411, 416, 425—428, 433, 434, 437, 442, 444, 448, 453, 457, 469, 470, 482—542, 544—563, 584, 585, 600, 809, 810, 815, 818, 821, 822, 825, 833, 840, 851, 857, 859, 866—869.

זען אויך: טאַסמאַניע; מערבֿ-אויסטראַליע; צפֿון-טעריטאָריע; קימבערלי.

אונטער-קאַליפֿאָרניע (Baja California) 330—333, 341, 505, 758, 759, 829, 832, 834, 898.

אונטער-שלעזיע: VIII, 641—643, 648, 879, 880.

איינצלנע פּונקטן:

ביעלאָווע: 643.

ניעמטשע: 643.

פּיעטראָלעשיע: 643, 880.

קידלין: 643.

ריכבאַך: 642, 643.

אוקראַיִנע: 23, 73, 774.

אורוגווײַ: 754, 774.

אינדאָכינע: 184, 195, 812.

אַלאַסקע: 330, 334, 342, 391—393, 505—508, 579, 832, 834, 843, 860.

אַנגאָלע: 19, 52, 53, 60, 65, 66, 72, 79, 105—107, 123, 447, 794, 799, 802.

אַפֿריקע: 123, 171, 184, 237, 241, 242, 246, 414, 585, 818, 820.

אַרגענטינע: 26, 96, 113, 164, 198, 280, 541, 743, 747—750, 774, 783, 897.

איינצלנע פּונקטן:

באַסאַווילבאַסאָ: 748.

דאָמינגעס: 748, 749.

כענעראַל ראָקאַ: 748.

מאָזעסוויל: 748, 749.

קלאַראַ: 748.

ריוועראַ: 748.

ארץ-ישראל (פּאַלעסטינע) - passim

ב

באָליוויע: 810.

ביראָבידזשאַן: VIII, 27, 29—34, 38, 41, 44, 57, 73—75, 78, 79, 84, 85, 88, 93, 94, 100, 104, 123, 132, 134, 143, 150, 164, 168, 253, 449—452, 471, 472, 474—481, 514, 647, 682, 774, 789, 791, 797, 801, 840, 852, 856, 857.

בעטשואַנאַ־לאַנד: 108, 799.

בעסאַראַביע: 321.

בראַזיל: 156, 157.

בריטיש גוויאַנע: 197, 254, 285, 305, 310, 315—318, 323, 324, 326, 371—374, 376, 377, 381, 384—390, 414, 443, 505, 570, 580—582, 584, 585, 588, 591, 593, 594, 596, 597, 603, 605—607, 616, 656, 665, 669, 674, 729, 730, 795, 831, 841, 865, 875, 894.

איינצלנע פּונקטן:

באַרטיקאַ: 730.

מאַזאַרוני: 729.

עסעקיבאָ: 317.

פּאָטאַראָ: 729.

קאַנוקו־בערג: 729, 730.

רופּונוני: 317, 730, 894.

בריטיש מיזרח־אַפריקע: 8, 9, 11, 12, 38, 301, 306.

זען אויך: „אוגאַנדע״; קעניע.

בריטיש קאָלומביע: 325, 330, 334, 505, 506.

בריטישער קאַמאַנוועלט (בריטיש אימפּעריע): 107, 108, 131, 160, 237, 238, 292, 299, 307, 309—312, 314—317, 323—326, 581, 582, 799, 818, 833.

ג

גאַלוועסטאָן: 11, 36, 88, 163, 175, 794, 809, 815.

גוואַטעמאַלע: 321.

גוויאַנע(ס): 3, 277, 316, 505, 584, 585, 597—600, 602, 604, 610, 619, 656, 662, 674, 774, 815, 881, 900.

גרויס־בריטאַניע (ענגלאַנד): 301, 311, 323—325.

ד

דאָמיניקאַנער רעפּובליק: 320, 231, 508, 509, 543, 578, 579, 586, 616, 774, 829, 861, 873, 878.

איינצלנע פּונקטן:

סאָסואַ: 509, 510, 861, 865, 866.

פּוערטאָ פּלאַטאַ: 509.

דרום־אַמעריקע: 4, 123, 157, 316, 564, 585, 654, 731, 753, 754, 831.

דרום־אַפריקע: 179.

ה

האָלאַנד: 318, 324, 342.

האָנדוראַס: 148.

הײַטסטאַון (Highstown, N. J.) 575—577, 901.

ו

וואַטהאַ (Watha, N. C.) 810.

וואָלאַ קרישטאָפּאַרסקאַ: 404, 407.

וודבײַן (Woodbine, N. J.) 782, 895.

ווײַנלאַנד (Vineland, N. J.) 778—782.

ווילנע: 28.

זען אויך: ליפּוווקע.

וויעלישעוו: 404, 408.

ווענעזועלע: 156, 330.

ט

טאַנגאַנייִקע: 315, 316, 323.

טאַסמאַניע: 2, 495—500, 545, 556, 570, 809, 859, 869.

איינצלנע פּונקטן:

וועסט־פּיענגאַנאַ: 556.

נעלסאָן־לאַגון (פלינדערס־אינדזל): 556.

פּאָרט דאַווי: 500.

י

ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט — זען בירא־בידזשאַן.

כ

כערסאָנער קאַנט: 20, 30.

ל

לאַטײַן־אַמעריקע: 737, 742, 758, 760.
לאָיאַליטעט־אינדזלען (Iles de Loyauté) 207, 274.
לאַרינדאָרפער ראַיאָן: 471.
לייקווּד (Lakewood, N. J.) 779—782.
ליפּוּוקע: 152, 345, 360, 403—407, 410, 448, 453, 454.
„לענדער בשכנות מיט ארץ־ישראל": 64, 65, 78, 335, 793.

מ

מאַדאַגאַסקאַר: 184, 190, 192—195, 197, 203—206, 253, 267, 375, 635, 810, 814.
מאָזאַמביק: 8.
מינדאַנאַאָ: 320, 831.
מעסאָפּאָטאַמיע: 64, 335, 793.
מעקסיקע: 168, 330—333, 746, 758—760, 898.
זען אויך: אונטער־קאַליפאָרניע; קאַמפּע־טשע.
מערב־אויסטראַליע: 2, 178, 179, 253, 260, 261, 268, 272—275, 279—283, 286, 325, 371, 417, 421, 424—438, 441, 445, 447, 483, 486—488, 492, 493, 495, 502, 528, 542, 549, 552, 556, 558, 559, 570, 809, 849, 851, 869.
זען אויך: קימבערלי.

נ

נאַוואַסיאַלקי: 411, 846.
ניאַסאַלאַנד: 316.
נידער־קאַליפאָרניע — זען אונטער־קאַליפאָרניע.
נידער־שלעזיע — זען אונטער־שלעזיע.
ניו־דזשורזי (New Jersey) 732, 737, 774, 776, 778—782, 785—787, 901.
איינצלנע פּונקטן:
דאָראָטי: 782.
טאָמז־ריווער: 782.
פאַרמינגדייל: 782.
זען אויך: ווּדבײַן; ווײַנלאַנד; לייקווּד; פּערײַנוויל; רוזוועלט.
נײַ־גווינעע: 321.
נײַ־העברידן: 192, 193, 195, 197, 211, 247.
נײַ־זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן: 73.
נײַ־זעלאַנד: 250, 252, 814, 822.
נײַ־סקווער: 774, 783.
נײַ־קאַלעדאָניע: 109, 184—186, 190, 192—195, 197, 203, 205—213, 216, 236, 237, 243, 244, 246, 247, 249—254, 274, 278, 563, 586, 594, 595, 633, 635, 800, 812, 815, 818, 821, 878.

ס

סאַוועטן־פאַרבאַנד: 23, 27—31, 38, 42, 67, 79, 181, 542.
סאַסקאַטשעוואַן: 578.
סוואַזילאַנד: 108, 800.
סוירקל־סיטי (Circle City, Arizona) 774, 783.
סורינאַם: 3, 4, 12, 316, 320, 341, 374—376, 470, 471, 479, 543, 561, 562, 566, 584, 585, 587—590, 593, 595—597, 603, 607—630, 637—641, 645, 650—662, 664—676, 678—705, 707—729, 731, 732, 734, 735, 744, 746, 775, 800, 839, 861, 866, 869, 873, 875, 876, 880—889, 893.
איינצלנע פּונקטן:
יאַדערס סאַוואַנע: 375.
סאַראַמאַקאַ (טײַך און ראַיאָן): 666, 667, 671, 684, 685, 694, 711, 722, 723, 727, 884, 887.
קאָפּענאַמע (טײַך): 666, 667.
סטאַלינדאָרפער ראַיאָן: 73.
סיביר: 23.
סירישער מידבר: 335.

ע

עבר־הירדן: 148, 301, 314, 338.
על־אַריש: 8, 794.
עקוואַדאָר: 110—115, 123, 214, 156, 157, 161, 239, 241, 741, 754—757, 760, 764, 800, 884, 898.

איינצלנע פּונקטן:

גאַלאַפּאַגאָס־אינדזלען: 800.
עסמעראַלדאַס: 800.

פּ

פּאַלעסטינע (ארץ־ישראל) - passi
פּאַלעסיע: 28.
פּיס ריווער (Peace River) 505.
פּערו: 34, 35, 43, 66, 109, 110, 156, 157.
פּערייַנוויל: 781, 782, 785, 787.

פֿ

פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע:
ייִדישע קאָלאָניזאַציע: 7, 64, 567—578, 708, 709, 737, 744, 764, 774, 776—787, 900, 901.
ייִדישע עמיגראַציע: 3, 11—13, 77, 148, 175, 318, 320.
פֿיליפּינען: 320, 810.
פֿראַנצייזישע גוויאַנע: 185, 186, 190, 192, 195, 197, 207, 208, 212, 236, 239, 241, 246, 250, 328, 374—376, 584, 585, 594—597, 656, 730, 811, 812.
פֿראַנצייזישע קאָלאָניעס: 131, 169, 184, 187, 189—191, 194, 201—203, 213, 215, 218, 227, 236, 250, 254, 316, 320, 374, 546, 563, 564, 586, 595, 596, 812, 813.
פֿרייַדאָרפֿער ראַיאָן: 73, 471.

צ

ציפֿערן: 8.
צענטראַל־אַמעריקע: 4, 38, 158, 731, 753.
צפֿון־טעריטאָריע (צפֿון־אויסטראַליע): 53—55, 60, 173, 178, 179, 226, 273—276, 282, 325, 424, 433, 437, 444, 791, 809, 815, 816.

איינצלנע פּונקטן:

אָווערן (Auvergne) 274, 275, 444.
דאַרווין: 54, 282, 437.
וויקטאָריע (טייַך): 274, 422, 424, 826.
מעלוויל־אינדזל: 282, 827.
ניורי (Newry) 274, 444.
צפֿון־ראַדעזיע: 309, 316, 321.

ק

קאַטלוויקע: 360, 368, 403, 411.
קאָלומביע: 148.
קאַלינינדאָרפֿער ראַיאָן: 73.
קאַמפּעטשע: 759, 760, 764, 899.
קאַנאַדע: 27, 164, 325, 334, 359, 505, 506, 564, 578, 605, 708, 774, 783.
קאָסטאַ־ריקאַ: — 755—757, 898.
קימבערלי (Kimberley Division) IX, 2, 3, 52, 178, 223, 249, 250, 253, 257, 259—265, 268—283, 285—287, 289, 306, 312, 314, 318, 325, 342, 347, 371, 388, 414, 416—424, 428—438, 441—443, 447, 453, 466, 470, 483—488, 490, 491, 493, 496, 497, 499, 501—504, 515, 522, 523, 528—530, 533, 536, 538—550, 552—554, 556—562, 578, 580, 601, 629, 633, 774, 822, 825—827, 832, 839, 850, 851, 857—861, 863, 865, 866, 868, 869.

איינצלנע פּונקטן:

איַוועניהאָ (Ivanhoe) 274, 275, 422, 444.
איסדייל (טייַך): 276.
אַרגייַל: 274, 275, 444.
אָרד (טייַך): 274, 276, 280, 420, 422, 423, 435, 444, 558, 559.
באַנדיקוט־באַר: 558, 559.
ברום: 276, 277.
גלענעלג (טייַך): 276, 280, 826.
דייַמאָנד גאַרדזש: 559.
דעראַק־קאָנצעסיע: 271, 273, 276, 278, 284, 285, 318, 368, 419, 422, 426, 437, 491, 848.

דערבי: 276, 277.
דרײַסדייל (טײַך): 276, 280, 826.
װינדעם (Wyndham) 274, 276, 421, 422, 424.
טשאַרנסלי (טײַך): 276.
יאַמפּי סאַונד (Yampi Sound) 262, 277, 560, 827.
לעאָפּאָלד־בערג: 274.
מידאַ (טײַך): 276.
פּיצרוי (טײַך): 276, 278, 280, 325, 420, 558, 559.
קאָליער־אײַנגוס: 280.
קאַמבאַלין: 559.
קאַקאַדו־אינדזל: 277.
קונונוראַ: 559.
ראָוזוווד: 422, 423.
קלאַריאַן: 576.
קעניע: 8, 38, 162, 169—171, 186, 306—309, 312, 315, 830.
קרים: VIII, 23, 27, 38, 73, 471—474, 478, 642, 856.

ר

ראָדעזיע: 148, 324.
רוזוועלט: 575, 576, 708, 776, 781, 782, 784—787, 901.
רוסלאַנד — ייִדישע קאָלאָניזאַציע: 20, 280.
זען אויך: סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.
ריטשבאָראָ: 436, 849.

שׂ

שׂדה־מנוחה: 30.

ש

שלום: 774.



ד״ר משה גאַסטער, ערן־פּאָרזיצער פון דער פרײַלאַנד־ליגע

לעאָפּאָלד קעסלער, פּאָרזיצער פון דער פריילאַנד־ליגע



ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פרײַלאַנד־ליגע

פרײַלאַנד־יוגנט־באַראַטונג, וואַרשע, אַפּריל 1938
(פון רעכטס אויף לינקס שטייען: באָבער, ראָבערט אובפאַל, אינזש׳ מאַרגוליס, גבריאל הויז, אינזש׳ יחזקאל ספּיוואַק; זיצן: מנשה פּײַערשטיין, מיכאל אַסטור, שרה גראָס, אַהרן ברעסטאָוויצקי, יעקב שטיימאַן).



אויפן שפּאַרבער־לאַגער אין קריזאָווקע, יולי 1939.
(ערשטער רעכטס — לאַגער־קאָמענדאַנט יוסף מיכעלעס).

בן־אַדיר,
רעדאַקטאָר פון
נײַע שטימע
און פון
אויפן שוועל

בן־אַדיר און י. נ. שטיינבערג אויף דער פרײַלאַנד־קאָנפערענץ אין פּאַריז, נאָוועמבער 1937

יוסף טשערניכאָוו, פּאָרזיצער פון דער פרײַלאַנד־ליגע אין פּוילן
(ניט געקוקט אויף אַלע באַמיִונגען איז ניט געראָטן אָפּצוזוכן
קיין בילד פון זלמן מײַזנער, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער
פרײַלאַנד־ליגע אין פּוילן).



קאַרטע פון דער דעראַק־קאָנצעסיע אין מיזרח־קימבערלי און צפון־טעריטאָריע.

GOUVERNEMENT VAN SURINAME.

GOUVERNEMENTS SECRETARIE

AFDEELING LA. S.Z.
BUREAU No.
No. 5008.
Bijlagen:

Paramaribo, 4 DECEMBER 1947.

I have the pleasure to confirm your letter of November 21th announcing the appointment and the names of your Expert Commission which will shortly proceed to Surinam.

I take this apportunity to state that the coming of this Commission is in conformity with the decisions of the Legislative Council of Surinam and of the Netherlands Government to admit 30.000 Jews into Surinam for colonization.

The task of the above named Commission will be to prepare, in cooperation with the Surinam authorities, a plan covering all details of the contemplated colonization. The conditions of the colonization will be decided- by all parties concerned, after the plan of the Expert Commission will have been laid before them; in accordance with the principles agreed upon by the Governmental Advisory Council of Surinam and the Delegation of the Freeland League on April 20th, 1947.

I trust that the realization of this great enterprise will be to the benefit both of Surinam and the Jewish people.

The Governor of Surinam,

To:
the Freeland League for Jewish
Territorial Colonization
1819 Broadway, Suite 301-4
NEW-YORK 23, N.Y.
U.S.A.

RA

בריוו פון י. צ. בראָנז, גובערנאַטאָר פון סורינאַם, צו דער פרײַלאַנד־ליגע
(פון 4טן דעצעמבער 1947).

MINISTÈRE
DES
COLONIES

DIRECTION DES AFFAIRES POLITIQUES

1er Bureau

71

NOTA. — Les réponses doivent être adressées au Ministre et porter l'indication ci-dessus.

Projet de colonisation israélite dans certaines possessions françaises

RÉPUBLIQUE FRANÇAISE.

LIBERTÉ - ÉGALITÉ - FRATERNITÉ.

Paris, le 19 janvier 1937

27, rue Oudinot (VIIe).

Monsieur le Président,

Par lettre du 16 Décembre dernier, vous avez bien voulu, sur l'initiative de M. Léonard ROSENTHAL, membre du Conseil de la Société d'Emigration et de Colonisation juives, m'adresser un bref exposé concernant les possibilités de l'immigration des agriculteurs, artisans et industriels juifs dans certains pays de l'Empire colonial français.

En réponse à cette communication, j'ai l'honneur de vous faire savoir que j'ai pris connaissance avec intérêt de ce projet. Toutefois, et avant d'aller plus loin, je crois devoir vous informer que mon Département a été mis en contact, déjà, avec des organismes de protection des Israélites émigrés, en vue, également, de la création à Madagascar, en Nouvelle-Calédonie, de centres de colonisation agricole juive. Cette question fait donc, dès à ...

Monsieur BRUTZKUS,
Vice-Président de la Société d'Emigration et de Colonisation Juives.
92, Avenue des Champs Elysées.
PARIS VIII ème . -

בריוו פון מאַריוס מוטע, קאָלאָניעס־מיניסטער פון פראַנקרייך, צו ד״ר יוליוס ברוצקוס,
וויצעפּאַרזיצער פון „עמקאָל״ (פון 17טן יאַנואַר 1937). ערשטע זייט.

dès à présent, l'objet d'études tant par mes Services que par les autorités locales intéressées. Il s'agit d'un pro-blème délicat qui demande un examen très attentif de ses divers aspects et, tout d'abord, des possibilités finan-cières ; il y a lieu de prévoir, en effet, des fonds con-sidérables si l'on veut éviter des tentatives malheureuses à tous les points de vue.

Il m'apparaît, par ailleurs, et sans préju-ger de l'adhésion que le Gouvernement Français pourrait donner aux suggestions de votre Société, que dans l'intérê même du but qu'elle poursuit, un effort de coordination doit être fait, sans délai, de la part des institutions israélites désireuses de mener à bien des plans de coloni-sation juive dans nos possessions d'Outre-Mer ./.

Veuillez agréer, Monsieur le Président, l'assurance de ma haute considération.

בריוו פון מאַריוס מוטע, קאָלאָניעס־מיניסטער פון פראַנקרייך, צו ד״ר יוליוס ברוצקוס, וויצעפּאָרזיצער פון „עמקאָל״ (פון 17טן יאַנואַר 1937). צווייטע זייט.



AREA PROPOSED FOR COLONIZATION
DISTRICT BOUNDARY

DRAFTED BY A.G.A.v. AERDE

Fig. 1

קאַרטע פון סורינאַם; דער פּראָיעקטירטער שטח פון יידישער קאָלאָניזאַציע — שטריכירט.



י. נ. שטיינבערג און דרײַ אַנדערע מיטגלידער פון דער עקספּערטן־קאָמיסיע
בײַ דער אויספאָרשונג פונעם סאַראַמאַקאַ־ראַיאָן אין סורינאַם, ווינטער 48/1947

אַדאַ סיגעל

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
© by **MICHAEL C. ASTOUR**
Collinsville, Illinois

Hecho el depósito que marca la ley.
INDUSTRIA ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir en junio de 1967 en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos." S.R.L. calle San Luis 3149, Buenos Aires, República Argentina.

MICHAEL C. ASTOUR

History of the Freeland League And of the Territorialist Idea

WITH AN INTRODUCTION

BY

Dr. L. M. FRUCHTBAUM

AND A SUPPLEMENTARY CHAPTER

BY

LEYBL KAHN

Volum II

PUBLISHED BY THE FREELAND LEAGUE

Buenos Aires 1967 New York

MICHAEL C. ASTOUR

Historia de la Liga Frailand y de la idea territorialista

CON UNA INTRODUCCION

POR

Dr. L. M. FRUCHTBAUM

Y UN CAPITULO SUPLEMENTARIO

POR

LEIBL KAHN

Tomo II

PUBLICADO POR LA LIGA FRAILAND

Buenos Aires 1967 Nueva York